Siedlce Memorial Book

Sefer yizkor li-ḳehilat Shedlits

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Sefer yizkor li-kehilat Shedlits : li-shenat arba' 'eśreh le-hurbanah / ha-'orekh ha-aharai, A. V. Yasni.
IMPRINT	880-02 Buenos Aires : ha-Irgunim shel yots'e Shedlits be-Yiśra'el uve-Argentinah, 1956.
DESCRIPT	xvi, 813 p. : ill., map, ports. ; 23 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Siedlce. Siedlce (Poland) -- Ethnic relations. Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Siedlce.
ADD'L NAME	Jasny, A. Wolf.
ADD'L TITLE	Siedlce, libro recordatorio

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

יזכור

קהילתנו

שנשמדה

[illegible]

מאת

[illegible]

כ' אדר א' תשי"ט

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

S I E D L C E

LIBRO RECORDATORIO

IN MEMORIAM DE LOS JUDIOS MASACRADOS EN NUESTRA CIUDAD NATAL

EN SU 14° ANIVERSARIO

Editado por la

SOCIEDAD RESIDENTES DE SIEDLCE

EN LA REPUBLICA ARGENTINA

Buenos Aires

1956

Talleres Gráficos CULTURA de Muszkat y Zaslavsky, Sarmiento 2157. Bs. Aires

ספר יזכור לקהלת שדליץ

לשנת ארבע עשרה לחורבנה

•

ה מ ע ר כ ת :

העורך האחראי:

א. וו. יאסני

חברי המערכת:

יצחק כספי, פישל פופובסקי (דרומי), דוד פאסובסקי (בן־יוסף)

•

ה ו צ א ע״י:

הארגונים של יוצאי שדליץ בישראל ובארגנטינה

בואינוס אירס, שנת ה׳תשט״ז

בוך־קאָמיסיע אין ארגענטינע

משה יודנגלויבן

הערש אבארבאנעל

ישראל ווינאָגראד

משה פעדערמאן

אברהם קרעדאַ

פייוול ענגלענדער

יצחק ביסטראָוויטש

בונים פינפטער

קאָרעגירט: דורך די ברידער מנשה און משה קאָנסטאנטינאָווסקי

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי „ק ו ל ט ו ר"
פון מושקאט און זאסלאווסקי, סארמיענטאָ 2157, ב. איירעס.

קלישעען: מארקאָס בלאטמאן.

אינהאלט


פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס

שול און קולטור־טעטיקייט


שעדלעצער פאָלקס־מעשיות

חורבן שעדלעץ

שעדלעצער אין דער גאָרער וועלט



די גרויסע שטאָטישע שול



מאָנומענט פונעם געפאַלענעם רוסישן זעלנער אויפן אָרט פון דער
אויבן־געוויזענער שטאָטישער שול.



דער אָרון־קודש פון שעדלעצער שול

א וואָרט פון די ארויסגעבער פון שעדלעצער יזכור־בוך
אין ארגענטינע

נאָכן סוף פון דער צווייטער בלוטיקער וועלט־מלחמה, נאָך דעם ווי די טרויעריקע ווירקלעכקייט האָט אונדז אונטערגעטראָגן דעם טראגישן סך־הכל פון אומקום פון 6 מיליאָן יידן, טראָץ דעם וואָס מיר האָבן ניט געגלויבט, אָדער נישט געוואָלט גלויבן, אז אין דער מיט פון א ציוויליזירטער וועלט, זאָל דאָס אוממעגלעכע זיין מעגלעך; און ווען צווישן די חורבות האָבן זיך ארויסגעריסן קליינע רעשטלעך פון אונדזערע נישט דערברענטע ברידער און שוועסטער, און, צווישן זיי, אויך א טייל פון אונדזער היימשטאָט שעדלעץ, — האָבן די שעדלעצער לאנדסלייט אין ישראל, ווי אויך אין בוענאָס איירעס, פארשטאנען אלס זייער ערשטן חוב אנטקעגנצוקומען מיט זייער ברודערלעכער הילף די קרבנות פון א רוצחישער וועלט, און העלפן זיי ווי עס איז איינאָרדענען זיך אין פארשידענע לענדער און טרייסטן די געליטענע.

די שעדלעצער לאנדסלייט אין ארגענטינע האָבן אָבער אויך פארשטאנען, אז צוזאמען מיט דער הילף פאר די לעבנגעבליבענע, דארף אויך ווערן גע־זאָרגט, אז דער הייליקער אָנדענק פון אונדזער חרוב־געוואָרענער קהילה קדישא משדליץ, זאָל פאראייביקט ווערן לדור־דורות און באקומען א תיקון, צוזאמען מיט די בני-תורה און אנשי־מעשה, ווי אויך די פשוטע פאָלקס־יידן, אָט די אלע טיפן און געשטאלטן, וואָס זיינען געווען אזוי כאראקטעריסטיש פאר אונדזער שטאָט, ווי אויך פאר א סך אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן; אז עס דארף געשטעלט ווערן א סימבאָלישע מצבה, א מאָנומענט, וואָס זאָל זיין בכוח איינצוקריצן אין זיכרון פאר דורות נישט בלויז זייער טראגישן אומקום, נאָר אויך זייער שיין יידיש לעבן.

אזוי ארום איז אויפגעקומען דער געדאנק ארויסצוגעבן אָט דעם דאָזיקן יזכור־בוך, וועלכן מיר ברענגען פאָר פאר אלע שעדלעצער אין דער גאָרער וועלט.

די ארבעט פון ארויסגעבן דעם יזכור־בוך איז נישט געווען פון די גאָר לייכטע זאכן; מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אומגעהויערע טעכנישע און פינאנציעלע שוועריקייטן, און אויף צו רעאליזירן דעם פלאן, האָבן מיר זיך געווענדעט צו די שעדלעצער אין פארשידענע לענדער. לסוף האָבן אונדזערע

ישראלדיקע לאנדסלייט איבערגענומען די באמת שווערע אויפגאבע פון צונויפזאמלען און רעדאקטירן די מאטעריאלן פאר דעם יזכור־בוך. יישר כוחם!

די פינאנציעלע לאסט, ווי אויך דאס ארויסגעבן פון בוך, און אלץ וואס איז דערמיט פארבונדן, האבן אויף זיך גענומען די שעדלעצער לאנדסלייט אין ארגענטינע; דאס מיינט צו זאגן 3 יאר פערמאנענטע אנגעשטרענגטע ארבעט, וועלכע מיר האבן געטון מיט אחריות און ערלעכקייט.

א ספעציעלן דאנק דריקן מיר אויס די אלע שעדלעצער אין ארגענטינע, וואס האבן זיך ברייטהארציק בייגעשטייערט און, אזוי ארום, דערמעגלעכט דאס דערשיינען פונעם שעדלעצער יזכור־בוך, און מיר ווען האבן די באפרי־דיקונג, ווען אלע שעדלעצער אין דער גארער וועלט, וועלן פארשטיין און אנערקענען, אז מיר האבן דערפילט א הייליקע היסטארישע מיסיע, ווי אויך א ערן־חוב לגבי אונדזערע קדושים וטהורים.

לסוף ווילן מיר אויסדריקן אונדזער יישר־כוח די קארעקטארן, די ברידער מנשה און משה קאנסטאנטינאווסקי, פאר זייער פאכמענערישער און געטרייער ארבעט, וועלכע זיינען ביי אונדז פאררעכנט, צוזאמען מיטן ישראל־רעדאקטאר א. ז. יאסני, אלס מיט־שותפים אין אט דער גיגאנטישער הייליקער ארבעט. תבוא עליהם ברכה!

הקדמה

מיט טיפן צער טרעטן מיר צו ארויסצוגעבן דעם ספר „יזכור לקהילת שדליץ”. די דאָזיקע קהילה, וואו מיר זיינען אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן, עקזיסטירט נישט מער, א גרויזאמע אכזריותדיקע האנט האָט זי פארניכטעט. — מיט דעם „ספר יזכור” ווילן מיר אריינפירן אין דער געשיכטע דאָס לעבן פון דער שעדלעצער קהילה־קדושה און איר טראַגישן סוף.

הונדערטער יאָרן האָט דאָ, אויף דער פאַדלאַשער ערד במדינת פוילן, געלעבט א יידישער ישוב, ער איז געוואַקסן, האָט זיך אנטוויקלט און געשאַפן אן אייגנאַרטיק יידיש לעבן מיט שולן, בתי־מדרשים, רעליגיעזע אינסטיטוציעס, תלמוד־תורות און ישיבות — לויטן פרומען לעבנס־שטייגער. יעדע נייע גייסטיקע שטרעמונג אין יידישן לעבן האָט דאָ געפונען איר אויסדרוק. די חסידישע דבקות און התלהבות האָט געטראָפן צום הארץ פון פשוטן שעדלעצער ייד און אים אָנגעצונדן מיט טיפן גלויבן צום בורא עולם. א נעץ פון חסידים־שטיבלעך האָט דאָס יידישע שעדלעץ פארבונדן מיט די רביישע הויפן פון פארשידענע שטעט אין פוילן.

די יידישע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג, וועלכע האָט דורכגעשטראָמט אלע תפוצות — האָט געפונען אין שעדלעץ א צוגעגרייטן באָדן פון יידישן פילן און טראַכטן. די ערשטע שפּראָצונגען פון ציוניסטישן געדאַנק האָבן דאָ געשלאָגן טיפע וואָרצלען. אין דעם ישוב איז אויסגעוואַקסן ר' יהודה החסיד, דער פאַנטאַסטישער טרוימער און מקובל, וועלכער האָט אין זיין פאַנטאַסטישער וועלט געזען דאָס דערנענטערן זיך פון קץ — די גאולה — און געגאַנגען אנטקעגן משיחן קיין ארץ ישראל. דאָס ייד. שעדלעץ איז דורכגעגאַנגען דעם אנטוויקלונג־וועג פון ר' יהודה החסידס משיחישן גאולת הארץ ביז דער מאָדערנער חיבת־ציון־באַוועגונג, פון די „בילויים”, ביז דעם הערצלישן פּאָליטישן ציוניזם. אויף די דאָזיקע אלע עטאַפּן פון אויפלעבונג פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, האָט דאָס יידישע שעדלעץ געגעבן זיין רייכן צושטייער און אויפגעהויבן דעם ציוניזם אויף די שפּיצן פון א גרויסער מאַסן־באַוועגונג.

עס לעבן נאָך ביי אונדז אלעמען אין זכרון די בילדער פון די

גרויסע מאניפעסטאציעס פאר דער אויפלעבונג און אויפבוי פון אלט־נייעם היימלאנד — ארץ־ישראל: די ל״ג־בעומר־פייערונגען און פאקל־צוגן, די קרן־קימת־באזארן, אין וועלכע עס האט ארייגעטראגן איר באַגייסטערונג אונדזער יוגנט און מיטגעריסן דעם רוב פון דער יידישער באפעלקערונג אין שטעטל, די מאסן־באגייסטערונג פאר יעדער נייער עליה, און דער מאסן־טרויער און פראטעסט, בעת די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל אין די יארן פון 1920, 21, 22, 29 און 1936.

אימפולסיוו איז געווען דאס יידישע געזעלשאפטלעכע און קולטור־לעבן אין שטעטל, פון וועלכן עס האט זיך באזונדער אויסגעטיילט די ציוניסטישע באוועגונג מיט אלע אירע שאטירונגען. דער „מרכז״ פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האט ווי א שטאם צעצווייגט ארום זיך די פארשידענע ציוניסטישע גרופירונגען, פון די פרום־רעליגיעזע ביז די סאציאליסטיש־ציוניסטישע ריכטונגען, די פארשידנארטיקע חלוצישע יוגנט־ארגאניזאציעס, הכשרה־פארמען און חלוצישע קיבוצים. א באזונדער צווייג אויף דעם שטאם איז געווען די ציוניסטישע קולטור־טעטיקייט: העברעאישע שולן, אוונט־קורסן, פארלעזונגען, רעפעראטן, ביבליאטעקן, און דער גרויסער אנטייל אין דער רייכער ביבליאטעק פון „הזמיר״ און „יידישע קונסט״.

פאראלעל מיט דער ציוניסטישער באוועגונג איז געגאנגען די יידיש־סאציאליסטישע ארבעטער־באוועגונג — דער „בונד״, וועלכער האט די יידישע נאציאנאלע אויפלעבונג פארבונדן מיטן גלות־לעבן, און די „פועלי־ציון״, וואס האט פארוואָרפן א בריק צווישן ארבעטער און ציוניזם. ביידע פארטייען האבן אין שטעטלעצער יידישן מאסן־לעבן ארייגעטראגן דעם רעוואלוציאנערן קאמפגייסט, געבויט עקאנאמישע און פראפעסיאָנעלע ארגאניזאציעס און אנגעפירט מיט דעם פאליטישן קאמף פון די יידישע ארבעטער. צוזאמען מיט דער פאלקיסטישער ריכטונג האבן די סאציאליסטישע פארטייען געשאפן פאלקסשולן, קינדער־היימען מיט דער יידישער אונטעררעכט־שפראך, איינגעארדנט קורסן, פארלעזונגען און באריייכערט דאס גייסטיקע לעבן פון די שטעדלעצער יידן.

דער דאזיקער פארהעלטנישמעסיק נישט גרויסער יידישער ישוב האט ארויסגעבראכט שרייבער, פאעטן, זשורנאליסטן, וועלכע האבן אין זייער שאפן אפגעשפיגלט דאס יידישע לעבן אין שטעטל. ווען דאס יידישע לעבן איז געגאנגען בארג ארויף האט שטעטל געשאפן אן אייגענע יידישע פרעסע, וואס האט געוועקט, געמונטערט און גערופן צו אקטיווער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, וועלכע איז זיך צעוואקסן און האט זיך צעצווייגט.

דאס יידישע שטעטל האט געהאט זיינע פילאנטראפישע אינסטי־טוציעס און אנשטאלטן פון סאציאלער הילף, ווי: „עזרת יתומים״,

„מושב זקנים", „ביקור חולים", „לינת הצדק", „בית לחם", „טאז", „בריאות", א יידישן שפיטאָל א. אנד. די האנטווערקער, סוחרים און קליינהענדלער האָבן געשאפן זייערע קרעדיט־אינסטיטוציעס, גמילות־חסדים־קאסעס און געקעמפט פאר די יידישע ווירטשאפטלעכע פּאָזיציעס. א באַזונדערן אָרט האָט פארנומען אין שעדלעצער יידישן לעבן די רע־ליגיעזע קהילה, וועלכע האָט געפלעגט און אויפגעהאלטן די פרומע רע־ליגיעזע אנשטאלטן, דעם ראבינאט אדג"ל.

פילפארביק און אלזייטיק איז געווען דאָס יידישע לעבן פון דעם קרוב 20 טויזנט־קעפּיקן יידישן ישוב. דער ווייט גרעסטער רוב האָט גע־לעבט פון ערלעכער מי, געהאט זיין פעסטע עטיק און מאָראל — די יידישע מאָראל. דאָך האָבן בייזע, רשעותדיקע הענט פון צייט צו צייט געזייט חורבן און פארניכטונג אין דעם דאָזיקן יידישן לעבן. מיט ווייטיק און צאָרן דערמאָנען מיר: דעם צארישן פּאָגראָם אויף יידן אין שעדלעץ, וואָס האָט חרוב געמאכט יידישע עקזיסטענצן און אומגעבראכט 3 צענד־ליק יידישע לעבנס; די עקסצעסן בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה; די שפּעטערדיקע פארשידענע פּראָצעסן פון מכלומרשטן מלוכה־פאַראַט, וואָס עס האָט אינסצעניזירט די דעמאָלטיקע פּוילישע רעגי־רונג; די אנטיסעמעטישע העצע, וואָס האָט געהאט די אויפגאבע צו פאר־ניכטן דאָס יידישע ווירטשאפטלעכע לעבן. — אין רעזולטאט פון די דאָזיקע אַלע פּרוּוון אויסצוראטן דאָס יידישע פאָלק, איז געקומען דער גרויסער חורבן, וואָס די דייטשע האָרדעס האָבן געברענגט אויף דער יידישער באפעלקערונג פון פּוילן.

אָפּגעמעקט איז געוואָרן דער שעדלעצער יידישער ישוב. מיט מיתות משונות זיינען אומגעקומען אונדזערע טייערע בני עיר — אויסגעגאנגען מיט א קדושים־טויט, בלייבנדיק געטריי זייער יידישקייט.

דאָס יידישע קהילה־לעבן פון קנאפּע פיר הונדערט יאָר, זייער גייס־טיקער אויפשטייג, זייער קאמף פאר לעבן און עקזיסטענץ, זייער ערלעכע מי און שטרעבונג, צו . . שענער און בעסער לעבן — דאָס אַלעס ווילן מיר פאראייביקן אין דעם יזכור־בוך. זאָל דאָס „יזכור־בוך" זיין א מצבה אויף די אומזעבארע קברים פון אונדזערע קדושים. זאָל דאָס „יזכור־בוך" דינען ווי מאטעריאל פאר דעם היסטאָריקער, וואָס וועט אויפשטעלן די קומענדיקע גרויסע געשיכטע פון טויזנט־יאָריקן יידישן ישוב במדינת פּוילן.

***

דאָס דערשיינען פון „ספר יזכור לקהילת שדליץ", וואָס נעמט ארום די פירהונדערט־יעריקע געשיכטע פון דער דאָזיקער קהילה, איז געוואָרן מעגלעך א דאנק דער גרויסער ארבעט פון פריינד יצחק כספּי, וואָס האָט

יאָרן לאַנג געפּאָרשט די אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין שטעטל און אויפגעזאַמלט אַ גרויסן דאָקומענטאַרן מאַטעריאַל וועגן דעם ישוב. מיט דער פאַרשאַרבעט איז געשאַפן געוואָרן דער יסוד פאַר דעם בוך. אַ רייכן צושטייער האָבן געגעבן צו דעם בוך די זכרונות פון קדוש יצחק נחום ווײַנטרויב און די אַרבעטן פון דעם טראַגיש געשטאָרבענעם ב. מינץ וועגן יידישן קרעדיט־וועזן אין שטעטל. די מאַטעריאַלן פון יצחק נחום ווײַנטרויב און ב. מינץ זיינען אויפגעהיט געוואָרן פון דוד בן יוסף (פּאָסאָווסקי) און איבערגעגעבן געוואָרן פאַרן „יזכור־בוך".


דער טייל, וואָס נעמט אַרום די טראַגישע געטאָ־צייט, איז געשריבן פון מענטשן פון שארית הפליטה, וואָס האָבן אַליין דורכגעטראָגן די דאָזיקע גרויזאַמע פּיין. מיר גיבן איבער די זכרונות אַזוי ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן. אין זיי קאָנען זיך געפינען סתירות אָדער איבערחזורונגען, וואָס מיר לאָזן איבער צום אורטייל פון קומענדיקן היסטאָריקער, וועלכער וועט דעם מאַטעריאַל באַזונדער אויספאָרשן.

מיר האַלטן פאַר נויטיק אויסצודריקן אונדזער דאַנק דעם פּ' אַ. וואָלף יאַסני, וועלכער האָט נישט געקאַרגט קיין מי ביים רעדאַגירן די פאַרשידענע מאַנוסקריפּטן און געהאָלפן מיט אָנווייזונגען און עצות.


אַ באַזונדערן דאַנק און יישר־כח אונדזערע פריינד און לאַנדסלייט אין אַרגענטינע, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען דעם עול און זאָרג פון אַרויסגעבן דאָס בוך, און אַלע מיטבאַטייליקטע אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט, דעם שטעטלצער קאָמיטעט אין ישראל, באַזונדערס די פריינד ב. ווײַמאַן, ישראל מענדעלסאָן, משה שטיינבערג און אַ. בר־חיים (בערענהאָלץ).

רעדאַקציע־קאָלעגיע.

גנעשיבטע פון יידן
אין שערלעץ



דער אַלגעמיינער אויסזען פון שעדלעץ



מאַפּע פון דער שטאַט שעדלעץ

יצחק כספּי

דער בראשית פון יידן אין שעדלעץ

מקורות און ליטעראַטור

אַרעם זיינען די מקורות צו דער געשיכטע פון די יידן אין שעדלעץ. אין די אַרכיוון פון דער שטאָט האָבן זיך אויפגעהאַלטן זייער ווייניק דאָקומענטן פון די קרוב פיר-הונדערט יאָר יידיש לעבן פון שעדלעץ. טראָצדעם, וואָס דאָס יידישע לעבן אין דער דאָזיקער הויפּטשטאָט פון פּאָדליאַשע איז געווען זייער רייך אין היסטאָרישע געשעענישן, האָט ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה קיין שום יידישער היסטאָריקער זיך נישט פאַרנומען מיט פאָרשן דאָס לעבן פון יידן אין שעדלעץ. נישטאָ קיין איין בוך, וואָס זאָל געבן א באַגריף, ווי אַזוי ס׳האָט זיך אין דעם דאָזיקן קאַנט אַנטוויקלט א יידישער ישוב.

פאַרשטענדלעך, די פּאָליאַקן האָבן געהאַט אַן אַנדער באַציאונג צו דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון זייער שטאָט. קודם כל, האָבן שוין א ריי פּוילישע היסטאָריקער, באַהאַנדלענדיק די פאַרגאַנגענהייט פון פּוילן בכלל, דערמאַנט אויך, דרך אגב, שעדלעץ. אַזוי, למשל, באַהאַנדלען די שטאָט באַלינסקי און ליפּינסקי אין זייער שותּפותדיק ווערק „סטאַראָזשיטנאַ פּאָלסקאַ". אין „סלאָווניק געאָגראַפיטשני קרולעסטוואַ פּאָלסקיעגאָ" זיינען פאַראַן אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן דער שטאָט. שעדלעץ ווערט אויך דערמאָנט אין א ריי ענציקלאָפּעדיעס, ווי „פּאָווּ-שעכנאַ", „פּאָדרענטשנאַ", „נעלסאָן", „בריטאַנניקאַ", פון וועלכע כ׳האָב געשעפּט ידיעות צו דער דאָזיקער אַרבעט. די אַלע ידיעות האָבן א שייכות מיט דער עלטערער תקופה פון שעדלעץ.

אין די דרייסיקער יאָרן פון 20סטן י. ה. איז אין ווארשע ארויסגע־גאנגען א ספעציעלער זשורנאל געווידמעט דער פאָרשונג פון דער גע־שיכטע פון פּאָדליאַשע, א. נ. „פּאָדליאשא". שעדלעץ, אלס די הויפּט־שטאָט פון דעם קאנט האָט דאָרט באקומען די געהעריקע באהאנדלונג. דאָס לעבן אָבער פון יידישן קיבוץ אין דער דאָזיקער שטאָט האָט מען בכוונה פארשוויגן. פּוילישע היסטאָריקער, ווי מיר זעען, האָבן אין די פארגאנגענע יאָרן דווקא א סך געשריבן וועגן שעדלעץ. עס איז טאקע פאראן א גאנץ היפּשע ביבליאָגראפיע פון געשיכטלעכע ווערק איבער דער דאָזיקער שטאָט.

די ערשטע ארבעט וועגן שעדלעץ איז געווען א בראָשור אין דער רוסישער שפּראך, וועלכע עס האָט געשריבן דער רעדאקטאָר פון דער רוסישער „גובערנסקי־יאַ וויעדאָמאָסטי" און וואָס האָט געטראָגן א טענ־דענציעזע באפארבונג. וועגן יידן רעדט זיך דאָרטן זייער ווייניק 1).

א. כאזאנאָווסקי האָט אין א ריי נומערן פון דער „גאזעטא פּאָד־ליאסקא" פארעפנטלעכט פּרטים וועגן דער דאָזיקער בראָשור, זי זאָל האָבן באארבעט געוואָרן לויט א מאָנאָגראפיע פון שטרומף און איז אין זיינער צייט קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער פּרעסעמאכט אין ווארשע, ווייזט אוים צוליב דעם, וואָס סובאטקין, דער דעמאָלטיקער גובערנאַ־טאָר, איז געווען בייז, פארוואָס מ'האָט אים פריער נישט געוויזן די בראָשור. שטרומף איז ווארשיינלעך געווען א זון פון שעדלעצער גע־שמדטן בוכהענדלער שטרומף 2).

אין יאָר 1912 איז אין דער רוסישער שפּראך ארוים א צווייט בוך וועגן שעדלעץ, א. נ. „גאָראָד שעדלעץ", „היסטאָריטשעסקי סטאטים־טיטשעסקי אָטשערק". די מחברים זיינען ס. ד. קאשינסקי און ה. ט. טילינסקי. דאָס בוך פארמאָגט א סך סטאטיסטישע ידיעות וועגן שעד־לעץ, וואָס זיינען אויסגענוצט געוואָרן פאר אונדזער ארבעט.

טאַדעאוש מאניעווסקי האָט אונטערן נאָמען „שעדלצע" פארעפנט־לעכט א „וועגווייזער" איבער דער שטאָט, וואָס עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1929 דורכן פּאָדליאשער מוזעאום, א. נ. פון מ. אסלא־נאָוויטש. די אלגעמיינע היסטאָרישע ידיעות פון „שעדלצע" האָבן מיר אויסגענוצט פאר די ערשטע קאפּיטלען פון אונדזער מאָנאָגראפיע.

מיר האָבן אויך אויסגענוצט די מאטעריאלן פון פאָלגנדיקע היס־טאָרישע פּובליקאציעס: „קשענגא פּאמיאנטקאָווא שעדלעטשאן 1844 — 1905", געשריבן אין א ספּעציעל פּויליש־קריסטלעכן אספּעקט; „קאלענ־דאזש דיעצעזי פּאָדלאסקיי, טשילי שעדלעצקיי 1929", וואָס אנטהאלט פּרטים פון דעם קריסטלעכן לעבן; וו. לאפּינסקיס ארבעט, א. נ. „וואל־קא א וויקלאדי רעליגי וו יענזיקו פּאָלסקים וו גימנאזיאך שעדלעצקים אי ביאלסקים וו 1902".

אין די אלע אָנגערופענע ארבעטן ווערן קיין יידן אינגאנצן נישט דערמאָנט. ערשט אין די רייך־סטאטיסטישע אויסגאבעס איבער פוילן האָבן מיר ידיעות וועגן יידן, וואָס איז דורך אונדז אויסגענוצט געוואָרן. אזעלכע ידיעות זיינען פאראן אין „ראָטשניק סטאטיסטיטשני קרולע־סטווא פּאָלסקיעגאָ" פון וולאדיסלאוו גראנסקי, וואָס איז דערשינען פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין „פארלאג פון געבעטנער און וואָלף", און אין די פובליקאציעס פון „פויליש־סטאטיסטישן אמט", וואָס איז דערשינען אין אומאָפּהענגיקן פוילן.

אויך אנטאָני ווינטער, אין זיין ארבעט „פּאָטשאָנטקי שעדלעץ" (שעדלעץ 1939), דערמאָנט יידן. דאָס דאָזיקע קליינע ביכל באהאנדלט אין אן אינטערעסאנטער און קאָנדענסירטער פאָרם דאָס אלטע שעדלעץ ביזן סוף פון 18טן י. ה. ווינטער דערמאָנט נישט אין זיין ארבעט וועגן דעם, אז כמיעלניצקי זאָל האָבן צעשטערט די שטאָט.

וועגן יידן, גיט איבער דער מחבר אין קאשינסקים און טילינסקים נאָמען, אז פירשטין אגינסקא האָט פארקויפט די שעדלעצער יידן 28 קראָמען, וועלכע זי האָט אויסגעבויט אין אלטן ראָטהויז 3), וואָס עס האָט געהאט א וויכטיקע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין שעדלעץ.

א גאָר וויכטיקןביישטייער צו דער געשיכטע פון שעדלעץ האָט צוגעטראָגן די אַרטיקע פּוילישע פּרעסע: „טיגאָדניק פּאָדליאסקי", דער־שינען 1905 - 1906, „זשיטשע פּאָדליאשא" — 1924-1925, „פלאצואוו־קא" — 1926-1929, ווי אויך דער שוין דערמאָנטער פאָרשזשורנאל „פּאָדליאשא", דערשינען אין װארשע אין די יאָרן 1927 און 1928. די אלע צייטונגען האָבן אין פארשידענע צייטן פארעפנטלעכט ווערט־פולע ארבעטן און נאָטיצן וועגן דער געשיכטע פון שעדלעץ. די ארבעטן זיינען דורך אונדז אויסגענוצט געוואָרן.

אלע דערמאָנטע מאטעריאלן זיינען נוגע דער אלגעמיינער אנטוויק־לונג פון נישט־יידישן שעדלעץ, אויף וועמענס קאנווע עס האָט זיך גע־שטאלטעט דאָס יידישע לעבן אין דער שטאָט.

דאָס יידישע שעדלעץ געהערט לײדער צו די נישט איבעריק פּאָ־פּולערע שטעט אין פוילן. זי ווערט אפילו נישט דערמאָנט אין דער רייכער „שאלות ותשובות"-ליטעראטור. אויך אלטע פנקסים זיינען נישט איבערגעבליבן. מעגלעך, אז זיי זיינען פארניכטעט געוואָרן בעת די שרפות מיט וועלכע שעדלעץ איז געוועזן געבענטשט. אן אויס־נאַם זיינען געוועזן פיר פנקסים, וואָס זיינען פארבליבן ביז דעם ענד־גילטיקן אומקום פון שעדלעצער יידנטום, נעמלעך: דער פנקס פון בי־קור הולים ההדשה", פון דער „חברה משניות", פון דער „חברה ש"ס" און דער פנקס פון „פרחי שושנים". דער ערשטער פנקס האָט שוין בעת

דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה געציילט זעקס און נײַנציק יאָר. פון דעם פּנקס האָבן מיר ציטירט די תקנות (איבערגע־זעצט אין יידיש), וואָס גיבן א בילד פון דעמאָלטיקן יידישן, געזעל־שאַפטלעכן לעבן. ווען מיר פאַרצייכענען די מקורות צו דער געשיכטע פון יידישן שעדלעץ, דערמאָנען מיר מיט יראת-הכבוד דעם כראָניקער פון יידישן כלל, דעם קדוש ר' יצחק נחום ווײַנטרויב, וועלכער האָט געלעבט אין שעדלעץ העכער זעכציק יאָר, און זײַנע פאָרשונגען איבער דער געשיכטע פון יידישן שעדלעץ גרייכן ביז מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

ווײַנטרויב פלעגט יעדן טאָג פאַרצייכענען די וויכטיקסטע געשעע־נישן פון יידישן לעבן אין שעדלעץ. ער איז געווען טעטיק אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן, האָט עס גוט געקענט און דאָס האָט באַרייכערט זײַן ריזן-אַרכיוו, וועלכן ער האָט אָפּגעהיטן ביז דער נאַצישער הערשאַפט. אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט-מלחמה איז זײַן אַרכיוו באַגראָבן געוואָרן צוזאַמען מיט זײַנע נאָענטע אונטער די חורבות פון זײַן הויז. ר' י. נ. ווײַנטרויב, שוין זייענדיק א זקן פון א יאָר אכציק, האָט אויך אין געטאָ פאָרגעזעצט זײַן שרײַבן, ביז דעם קריטישן טאָג, ווען צוזאַ־מען מיט די רעשטלעך פון שעדלעצער געטאָ, איז ער אין חנוכה תש"ג (1943), אוועקגעפירט געוואָרן אין פאַרניכטונגס-לאַגער קיין טרעבלינ־קע און דאָרטן פאַרפייניקט געוואָרן. ווײַנטרויב האָט אין „שעדלעצער וואָכנבלאַט" פאַרעפנטלעכט בלויז א קליינעם טייל פון זײַן אַרכיוו. דערמיט זײַנען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן ווערטפולע מאַטעריאַלן פון יידישן לעבן אין שעדלעץ.

זײַנע זכרונות וועגן פּאָגראָם, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין שעד־לעצער וואָכנבלאַט" אין יאָר 1923. אין 1939 האָט ער פאַרעפנטלעכט נײַע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן בלוטבאָד. ווײַנטרויב איז א באַגלויבטער מקור צו דער געשיכטע פון יענעם טראַגישן קאַפּיטל, ווײַל ער אליין האָט איבערגעלעבט דעם פּאָגראָם. אַלס דאָזאָר פון דער יידישער גמינע, איז ער דעמאָלט ארויסגעטרעטן אין שוץ פון דער פּאָגראָמירטער יידי־שער באַפעלקערונג. ער האָט דעריבער אין זײַנע זכרונות געקאָנט זאָגן: „אני הגבר ראה עני בשבט עברתו" (איכה ג, 1). אויפן סמך פון ווײַנטרויבס זכרונות וועגן שעדלעצער רבנים, רביים און חזנים האָבן מיר געשילדערט דאָס געזעלשאַפטלעכע אויסזען פון יידישן שעדלעץ אין 19טן יאָרהונדערט.

צוליבן דוחק אין מקורותדיקע מאַטעריאַלן פון יידיש-געשיכטלעכן שעדלעץ, האָבן מיר זיך געמוזט באַנוצן מיט די פאַרשידענע זכרונות, וואָס זײַנען בשעתם פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער שעדלעצער יידי־שער פּרעסע.

צו דער געשיכטע פון דער ארבעטער־באוועגונג אין שעדלעץ האָבן מיר זיך באנוצט מיט דער ארבעט, וואָס ס׳האָט פארעפנטלעכט יהושע גאָלדבערג אין „שעדלעצער וואָכנבלאט" א. נ. „דער פרילינג אין שעד־לעץ". גאָלדבערג האָט זיין ארבעט געשריבן אויפן סמך פון גבית־עדות פון די אָנטיילנעמער אין דער ארבעטער־באוועגונג אין יענער צייט. די גבית־עדות איז געווען פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: א. וויינאפעל, ח. גאָלדענבערג און מ. יעדוואב.

זאָל אויך דערמאָנט ווערן דער רעדאקטאָר פון „שעדלעצער וואָכנ־בלאט", אשר ליוועראנט, וועלכער האָט זיך ארומגעטראָגן מיטן גע־דאנק וועגן ארויסגעבן א בוך איבער שעדלעץ, וואָס זאָל געבן א גע־שיכטלעכע אָפּשפּיגלונג פון דער פארגאנגענהייט פון יידישן לעבן אין דער דאָזיקער שטאָט. אין זיין רעדאקציע־קאנצעלאריע, אין א גרויסער שאנק, איז צוזאמען מיט די קאָמפּלעטן פון דער צייטונג, אויפגעהיט געוואָרן אן אויפקליב פון מאטעריאלן און דאָקומענטן פון יידישן גע־שיכטלעכן לעבן אין שעדלעץ. ליוועראנט האָט געהאָפט, אז ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען ער וועט קענען באארבעטן די מאטעריאלן און זיי פארעפנטלעכן אין א בוך. זיין פריציייטיקער טויט האָט צונישט געמאכט זיין פלאן. זיינע אויסגעקליבענע מאטעריאלן זיינען אוועק צו־זאמען מיטן גאנצן יידישן לעבן פון שעדלעץ.

רעדאקטאָר ליוועראנט האָט אויך א סך מיטגעווירקט, אז דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאט" זאָל אָפּגעבן פיל אָרט פאר געשיכטלעכע אר־בעטן. ער האָט סטימולירט, אז מענטשן זאָלן דרוקן זכרונות. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין ארטיקל, אָדער עפּיזאָד, וואָס האָט געהאַט א שייכות צו דער שעדלעצער פארגאנגענהייט — אפילו נישט יידישע — אז עס זאָל נישט געדרוקט ווערן אין זיין צייטונג. נאָך אין יאָר 1910 האָט ער צונויפגעזאמלט דעם מאטעריאל מיט וועלכן ס׳האָט זיך פאראינטערעסירט ד"ר מ. שטיין, וואָס האָט זיך שפּעטער געשמדט. די מאטעריאלן האָט ליוועראנט איבערגעשיקט אין רעדאקציע פון „יעוור־רעיסקאיא סטארינא" אין פּעטערבורג. אויפן סמך פון די מאטעריאלן האָט ש. גאָלדשטיין אין 4טן באנד (1911) פארעפנטלעכט זיין גאר אינטערעסאנטע ארבעט וועגן שעדלעץ, וועלכע מיר האָבן אויסגענוצט פאר אונדזער מאָנאָגראפיע. פון דאָרטן האָבן מיר גענומען די פּריווי־לעגיעס, וואָס די פירשטין אָגינסקא האָט ארויסגעגעבן די שעדלעצער יידן. די אָריגינעלע דאָקומענטן פון דער פּריווילעגיע זיינען פארניכטעט געוואָרן צוזאמען מיט דער יידישער קהילה און די איינציקע אָפּשריפטן פון די דאָקומענטן געפינען זיך אין גאָלדשטיינס ארבעט.

די ארבעט וואָס ווערט דאָ פארעפנטלעכט, איז אויפגעשטעלט גע־וואָרן מיט שווערע מי און אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען. זי איז

מעגלעך געוואָרן נאָר א דאנק דער נאציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אויפן הר הצופים אין ירושלים. נאָר אין יענעם גרויסן ביכער־אוצר האָט מען געקענט געפינען אלץ וואָס איז נויטיק געווען צו דער פאָרשונג פון יידישן געשיכטלעכן לעבן אין שעדלעץ. אין צווישנצייט האָב איך פארעפנטלעכט מיין ארבעט „מגילת פרעות שדליץ בשנת 1906", און אויך א ריי קלענערע ארבעטן. היסטאָריקער האָבן מיך געמוטיקט צו ארבעטן ווייטער איבער דער געשיכטע פון יידן אין שעדלעץ.

זאָל די באשיידענע ארבעט דינען ווי א מאטעריאל דעם גרויסן געשיכטלעכן ווערק פון פארשניטענעם פוילישן יידנטום, וואָס וואַרט נאָך אויף זיין היסטאָריקער.

דאָס אַלטע שעדלעץ

כדי צו באקומען א באגריף וועגן דער געשיכטע פון יידן אין שעד־לעץ, מוז מען זיך פריער באקענען מיט דעם געשיכטלעכן אנטוויקלונגס־פראָצעס פון דער דאָזיקער שטאָט — ווי אזוי זי איז אנטשטאנען, אויסגעוואקסן און געוואָרן איינע פון די גרעסערע פראָווינצשטעט אין דער פוילישער מדינה.

דאָס אלטע שעדלעץ איז אנטשטאנען פון א דאָרף. דערויף זאָגט עדות די עלטסטע גאס, אָדער קווארטאל פון מזרח זייט פון שטאָט, וואָס איז אָפיציעל אָנגעשלאָסן געוואָרן צו שעדלעץ, ערשט, דעם 31סטן אָקטאָבער, 1931. דער קווארטאל האָט געהייסן סטארא־וויעש (אַלט־דאָרף). פון דאָרטן האָט זיך טאקע אָנגעהויבן צו בילדן די שטאָט, וועלכע האָט באקומען דעם נאָמען שעדלעץ. ווי עס ווייזט אויס האָט זיך שעדלעץ ביז דער ערשטער העלפט פון 16טן י. ה. געטיילט אויף צוויי טיילן: ניי־ און אלט־שעדלעץ. ערשט אין די זיבעציקער יאָרן פון דערמאָנטן יאָרהונדערט, איז ניי־שעדלעץ דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון א שטאָט און אלט־שעדלעץ האָט מיט דער צייט פארלוירן דעם צווייטן האלבן נאָמען — שעדלעץ, און האָט זיך צוגעאייגנט דעם נאָמען דאָרף (וויעש). פון דאנען שטאמט דער נאָמען סטארא־וויעש 4).

די אָפּשטאמונג פון נאָמען

די אָפּשטאמונג פון נאָמען שעדלעץ, אָדער שעדלצע, ווי די שטאָט הייסט אין פויליש, איז, לויט ברינקערס עטימאָלאָגישן ווערטערבוך פון דער פוילישער שפראך (זייט 491-492), א פארקלענערונג פון פוילישן הויפטוואָרט siodlo (שאָדלאָ), וואָס באדייט א ישוב.

פאַראַן אויך א לעגענדע, אז דער נאָמען איז געגעבן געוואָרן דער שטאָט בעתן באזוך אין פוילן פון דער איטאַליענישער קעניגין באָנא, אין יאָר 1531. אַדורכפאָרנדיק די געגנט, האָט זי גערוט אויף דעם אָרט וואו עס געפינט זיך היינט די שטאָט שעדלעץ און זיך שטארק אנטציקט מיט דער שיינקייט פון דער סביבה, דאַביי האָט די קעניגין זיך אויס־גערדיקט — „דאָ איז א גוטע „שעדליסקא״ 5). עס איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס די איטאַליענישע קעניגין האָט זיך דאָ געהאַט צו אנטציקן, ווייל די גאַנצע געגנט ארום שעדלעץ איז א ליימיקע און פייכטע. די לעגענדע האָט טאַקע נישט אונטער זיך קיין שום היסטאָרישן יסוד, ווייל א פאַקט איז, אז אין דאָקומענטן, וואָס שטאַמען נאָך פאַרן באַזוך פון דער קעניגין באָנא, טרעפן מיר שוין אָן דעם נאָמען פון דער שטאָט: שעדלעטש, שעדלעץ, און אויך שעדלצא. דעם נאָמען שעדלעץ האָט אויך געטראָגן דער מאַגנאַט, צו וועמען דאָס דאָרף האָט געהערט — דניאל שעדלעצקי. ער איז געווען אייגנטימער פון דאָרף זינט 1511. 6) דאָס וואַקלען זיך בנוגע דעם נאָמען פון א שטאָט אָדער דאָרף, ווי אין פאַל פון שעדלעץ — באַמערקט זיך אויך אין דער געשיכטע פון אַנדערע ערטער.

השערות וועגן דער אנטשטייאונג פון דער שטאָט

אויך די צייט, ווען שעדלעץ איז אנטשטאַנען, איז נישט קיין פעסט־געשטעלטע. צוליב די אָפטע שׂרפות, וואָס פלעגן אויסברעכן אין שטאָט, זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די אַרכיוון און דאָקומענטן, אויפן סמך פון וועלכע מ׳וואָלט געקאָנט פעסטשטעלן, ווען שעדלעץ איז אנטשטאַנען. ד״ר סט. וואַנסאָווסקי, א פאָרשער פון דער געשיכטע פון שעדלעץ, האָט ארויסגעזאָגט א מיינונג, וועלכע איז היסטאָריש נישט גענוג באַגרינ־דעט, אָבער מ׳קאָן זי נישט מבטל מאַכן. ער האַלט, אז שעדלעץ איז אנטשטאַנען אין סוף פון 13טן י. ה. פון איינוואוינער פון דריי דערפער — שעדלעץ, סאָקאָלאָוו און לוקאָוו — וועלכע געפינען זיך אין יענדזשע־יעווער קרייז. צוליב געוויסע סיבות האָבן די איינוואוינער פון יענע דערפער אויסגעוואַנדערט, זיינען אָנגעקומען אין שעדלעצער געגנט און דאָ געגרינדעט אזויגערופענע קאָלאָניעס אויף דעם נאָמען פון זייערע היים־ישובים.

די אויסוואַנדערונג פון די יענדזשעיעווער תושבים זאָל האָבן פאַר־געקומען אין שייכות מיט די קאַמפן, וואָס דער קעניג באָלעסלאַוו דער שעמעוודיקער (ווסטידליווי) האָט געפירט קעגן די יאַטווינגישע שבטים, (האַאיסטישע ראַסע) וועלכע זיינען געקומען פון די ליטווישע סטעפּעס און פלעגן צוליב רויב־טעמים ארייינדרינגען קיין פוילן דורך דער מזרח־זייט פון ניעמען 7).

וואנסאווסקיס מיינונג איז אָבער אין א סתירה מיט די היסטאָרישע פאקטן, ווייל לוקאָוו איז יענדזשעיעווער קרייז ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין 16טן י. ה. און וועגן לוקאָוו אין שעדלעצער געגנט האָבן מיר ידיעות נאָך פון 1244 י. 8). וואנסאווסקיס השערה, אז שעדלעץ זאָל האָבן אנטשטאנען אין 13טן יאָרהונדערט, הגם זי איז נישט וויסנ־שאפטלעך באגרינדעט, טרעפט זי זיך צוזאמען מיט דער מיינונג פון א צווייטן שעדלעצער פאָרשער, גריכאָווסקי, וועלכער זאָגט זיך אויך ארויס, אז שעדלעץ זאָל זיך האָבן אָנגעהויבן בויען אין 13טן י. ה. גריכאָווסקי שטיצט זיין מיינונג אויף יאבלאָנאָווסקיס ארבעט איבער פאָדלאשע, וועלכע שטעלט פעסט, אז אין 13טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלאָניזאציע אויפן לינקן ברעג בוג און נארעוו. אָבער גריכאָווסקי האלט, אז די פאָדלאשער קאָלאָניזאציע איז פאָרגעקומען בעיקר דורך די מאזורן פון די געגנטן פון טשעכאנאָוו, מאקאָוו, אָסטראָוו און ליווא. ס'איז דעריבער מעגלעך, אז די גרינדער פון שעדלעץ זיינען געווען די מאזורן. ס'האָבן אָבער אויך געקענט זיין איבערוואנדערער פון קליין־פוילן אָדער גרויס־פוילן. די דאָזיקע השערה זיינע, שטיצט גריכאָווסקי אויפן רעזולטאט פון א רשימה פון די ערטער, וועלכע טראָגן דעם נאָמען „שעדלצע" אָדער „שעדלעץ". מערסטנטייל טרעפט מען די דאָזיקע נעמען אויפן שטח פון די אמאָליקע קראקאָווער און סאנדאָמירער וואָיעוואדשאפטן. וויניקער זיינען פאראן די נעמען אין גרויס־פוילן און אין מאזאָווער קאנט 9), אָבער אויך גראכאָווסקיס מיי־נונג איז נישט מער ווי א השערה, וועלכע שטיצט זיך נישט אויף קיין היסטאָרישן, פאקטישן מאטעריאל. לאָמיר דעריבער זיך באקענען מיט די פאקטישע דאָקומענטן וועגן אָנהייב פון שעדלעץ אלס שטאָט.

די ערשטע דאָקומענטאלע ידיעות וועגן שעדלעץ

די ערשטע ידיעה וועגן שעדלעץ אלס ישוב שטאמט פון דער ערשטער העלפט פון 15טן י. ה. און טראָגט די דאטע 1448. דאָס איז א באפולמעכטיקונג פון קראקאָווער בישאָף זביגניעוו אָלעשניצקי, ארויסגעגעבן דעם גייסטלעכן מיקאָלאיעוו פון דער לוקאָווער פאראפיע, צו וועלכער שעדלעץ האָט דאן געהערט, וועגן אָפּנעמען מעשר פון דאָרף „שעדלעטש" 10). זעט אויס, אז שעדלעץ איז דאן געווען אזוי קליין, אז זי איז אפילו קיין רעליגיעזע פאראפיע נישט געווען.

ווייטערדיקע ידיעות שטאמען פון 16טן י. ה. פון 1503, 1504, 1509, 1510, 1511, 1512 און 1524. פון די דאָזיקע ידיעות ווערן מיר געוואויר, אז דער אייגנטימער פון דאָרף שעדלעץ איז געווען ווי מיר האָבן שוין

דערמאָנט, דניאל שעדלעצקי 11), וועלכער האָט געהאַט גרענעץ־קאָנ־פליקטן מיט א געווישן מיקאָליי זאַליוווסקי.

אין יאָר 1531, געהערט שעדלעץ צוזאַמען מיט נאָך אכט אנדערע דערפער צו דער פּרושינער פּאַראַפיע. ערשט אין 1532, ווערט דער ישוב א פּאַראַפיע פאַר זיך זעלבסט. געשען איז דאָס נישט צוליב דעם וואוקס פון שעדלעץ, נאָר א דאַנק דער פרומקייט און איינפלוסרייכקייט פון דעמאָלסדיקן שעדלעצער גוטבאַזיצער סטאַניסלאַוו שעדלעצקי, וואָס האָט זיך געווענדעט מיט א בריוו צום קראַקאָווער בישאָף פּיאָטער טאָ־מיצקי, און אים געבעטן, אז ער זאָל זיך רעכענען מיט די קאָמוניקאַציע־שוועריקייטן און די אָפטע פאַרפלייצונגען פון „רודניק", א טייך וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן מיטן נאָמען „העלענקא". נאָכדעם ווי דער בישאָף האָט באַקומען די רעקאָמענדאַציע פון א ספּעציעלער קאָ־מיסיע, וועלכע ער האָט נאָמינירט מיטן צוועק פעסטצושטעלן די ריכ־טיקייט פון די ארגומענטן פון שעדלעצקין, האָט ער באַוויליקט צו אָנער־קענען דאָס דאָרף שעדלעץ, ווי א זעלבסטשטענדיקע פּאַראַפיע 12).

באַלד איז סט. שעדלעצקי צוגעטרעטן אויפצובויען א קירכע אויפן נאָמען פון הייליקן סטאַניסלאַוו. ס'איז אָבער נישט באַקאַנט דאָס אָרט, וואו די קירכע איז אמאָל געשטאַנען. ווייל צוליב שרפות איז זי אינ־גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. פאַראַן ציינכנס, אז זי איז געבויט געוואָרן אויף סטאַרא־וויעש, דאָרט וואו ס'איז שפּעטער אין יאָר 1848 אויפגע־שטעלט געוואָרן דער שטאָטישער שפּיטאָל. באַווייזן דערצו זיינען: די ביינער און טיילן פון מצבות, וואָס זיינען דאָרט פון צייט צו צייט אויסגעגראָבן געוואָרן. (ווי באַוואוסט פלעגן אין אָנהויב פון די „נייע צייטן" אין פּוילן, די בתי־קברות זיך געפינען אין שכנות פון די קירכעס). ס'איז אָבער פאַראַן א ווערסיע, וועלכע שטיצט זיך אויף נאָ־טיצן, וואָס דערציילן, אז די אלטע קירך פון יאָר 1532, איז חרוב גע־וואָרן און ס'איז אויפגעבויט געוואָרן א נייע, א הילצערנע אויף סטאַ־ראָוויעש, דאָ וואו עס איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן די קאַפּליצע פון דער פירשטין אגינסקא. אין די בית־הקברות־ביכער איז פאַרשריבן, אז די ביינער פון דער משפּחה אלענדזקי — די שפּעטערדיקע בעלי־בתים פון שעדלעץ — זיינען אריבערגעפירט געוואָרן צו קבורה, פון דער אלטער צו דער נייער קירכע. הייסט עס, בכלל, אז די איצטיקע קירכע אויפן נאָמען פון הייליקן סטאַניסלאַוו, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1740, איז די דריטע פון דער ריי, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען. די ערשטע איז געבויט געוואָרן דעמאָלט, ווען שעדלעץ איז געוואָרן א פּאַראַפיע 13).

דאָס פאַרוואַנדלען שעדלעץ אין א קירכלעכער פּאַראַפיע האָט גע־

האט א היסטאָרישע ווענדונג. א דאנק דעם האָט זיך די שטאָט פונאנ־דערגעוואקסן און זיך פארגרעסערט.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין יאָר 1557 — ווי ס'ווערט איבער־געגעבן — האָט דער קעניג זיגמונט אויגוסט באזוכט דאָס דאָרף, און עס דערהויבן צו דער מדרגה פון א שטאָט 14). טאקע אין יענער צייט פיגורירט שוין שעדלעץ אין די פּאָבאָר־רשימות פון דער פּוילישער מלוכה. א דאנק אַלענדזקין האָט שעדלעץ באקומען מאגדעבורגער רעכט און א שטאָט־פארוואלטונג.

גענויע ידיעות וועגן דער גרייס פון שעדלעץ אין יענער צייט, באַ־קומען מיר פון א „רעגיסטער פון שטייערן אין יאָר 1552". שעדלעץ איז דעמאָלט געווען דאָס אייגנטום פון סטאניסלאוו שעדלעצקי און האָט געציילט 49 ווירטשאפטלעכע איינריכטונגען, ס'הייסט ביי די 50 הייזער. אויב מיר וועלן נעמען דעם דורכשניט איינוואוינער צו זעקס פּער־זאָן אין א הויז, הייסט עס, אז שעדלעץ האָט געציילט דריי הונדערט איינוואוינער.

אין אן אנדערן רעגיסטער: „דאָס אויפמאָנען שטייערן פון שטעט, שטעטלעך און דערפער פון יאָר 1580", ס'הייסט 20־30 יאָר נאָכדעם ווי שעדלעץ האָט שוין עקזיסטירט אלס שטאָט, ווערן אויסגערעכנט די שעדלעצער איינוואוינער, וועלכע האָבן געצאָלט שטייערן: דער ביר־גערמייסטער, 12 בעקערס, 1 שווערדן־מאכער, 4 גאסן־הענדלער, 7 קצבים, 3 ברונעם־גרעבער, 4 פּעלצן־מאכערס, 10 שוסטערס, 1 שלאָסער, 2 שמידן און 2 וועבער. דער באזעצטער שטח באָדן, לויטן דאָזיקן מקור, האָט באטראָפן 25 וולוק. דער עלטסטער פון דאָרף סטאַרא־וויעש האָט באצאָלט שטייערן לויטן דערמאָנטן רעגיסטער פון 12 וולוק באָדן; אחוץ אים האָבן נאָך אין דאָרף געצאָלט — 2 גאסן־הענדלערינס און 1 קצב 15). דערפון איז צו זען, אז אין סוף פון 16טן יאָרהונדערט האָבן שעדלעץ און סטאַרא־וויעש עקזיסטירט באזונדער אלס שטאָט און דאָרף. שעדלעץ איז געווען איינע פון די יינגסטע און קלענסטע שטעט אין דעמאָלסטיקן פּוילן. ווארשע, וועלכע האָט אין 1596 געדארפט ווערן די פּוילישע רעזידענץ, האָט שוין דעמאָלט געציילט בערך צען טויזנט איינ־וואוינער.

אויף די שפּורן פון א יידיש לעבן

די ערשטע ידיעות וועגן יידן אין שעדלעץ האָבן מיר פון פינפטן יאָרצענדליק פון זיבעצנטן יאָרהונדערט.

שוין טאדעאוש מאניעווסקי, אין זיין בוך וועגן שעדלעץ, גיט אונדז א קורצע און גאנץ טרוקענע ידיעה, נישט אָנגעבנדיק איר מקור:

„שעדלעץ איז אין 1650 חרוב געוואָרן דורך די טאטארן, בעתן אויפ־שטאַנד פון באָגדאַן כמיעלניצקי״ 16). פאַרגלייכן מיר די דאָזיקע דאַטע צו דער תקופה פון די גוט באַקאַנטע גזרות פון ת״ח ות״ט, זעען מיר, אַז מאַניעזיוסקים ידיעה איז פּינקטלעך.

אין די יידישע מקורות, ספּעציעל אין ספר „יון מצולה״ פון ר׳ נתן נטע האַנאָווער, דער הויפּט־כראָניקער פון דעמאָלטדיקן חורבן, ווערט שעדלעץ אָדער סטאַראַ־וויעש, נישט דערמאָנט, אַז זי זאָל האָבן גע־ליטן פון כמיעלניצקים איבערפאַלן, הגם אין „יון מצולה״ ווערן נישט איינמאָל דערמאָנט לובלין און ישובים פון לובלינער וואָיעוואָדשאַפט. בלויז אין קאַפּיטל „גזרות דק״ק נכול״ 17) רעדט האַנאָווער וועגן דריי שטעטלעך, נישט דערמאָנענדיק זייערע נעמען, וואָס זאָלן האָבן חרוב געוואָרן דורך די היידאַמאַקעס. דערפאַר אָבער א צווייטער כראָניקער פון די גזרות, ר׳ שמואל פייביש ב״ר נתן פייטיל פון ווין אין זיין ספר „טיט היון״ 18), דערציילט אין צוזאַמענהאַנג מיט די איבערפאַלן אויף די דריי קהילות וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין „יון מצולה״, אַז כמיעל־ניצקי איז באַפאַלן „ווענגלוב״, „סטארה־וועש״, „מגרוב״ און „פתליש״. אין דער ערשטער שטאָט האָבן זיך, לויט „טיט היון״, געפונען פערציק בעלי־בתים, אין דער צווייטער פופציק און אין דער דריטער און אין דער פערטער — הונדערט בעלי־בתים אין יעדער איינער. די יידן פון די דאָזיקע קהילות זאָלן האָבן אנטלאָפן קיין נאכאל, כדי דאָרטן צו געפינען א באשיצונג.

באַטראַכטן מיר די דאָזיקע ערטער, קאָנען מיר זיי אידענטיפיצירן מיט די שטעטלעך ווענגלוב — ווענגראָוו, סטארה־וועש — איז סטאַראַ־וויעש, א דאָרף נעבן שעדלעץ, אָדער שעדלעץ אליין. מגרוב — איז, ווייזט אויס א שטעטל, וואָס דער נאָמען פון דעם זאָל האָבן געוועזן מאָקאָראָוו, פתליש — איז זיכער פּאָדלאַשע, דאָס געביט וואו אלע דריי שטעט געפינען זיך, הגם אין אַן אנדער אָרט פון „טיט היון״ רעדט זיך באַזונדער וועגן א ישוב „פודלשיא״.

אונדזער השערה וועגן די שטעט פאַרשטאַרקט זיך דערמיט, וואָס אויך דער היסטאָריקער, ד״ר יעקב שאַצקי, אין זיינע היסטאָריש־קריטישע הערות צו דער יידישער איבערזעצונג פון האַנאָווערס ספר 19) אידענטיפיצירט אויף דעם זעלבן אופן ווי מיר די אויבנדערמאָנטע קהי־לות, וואָס ווערן דערמאָנט אין „טיט יון״, אין שייכות מיט דער שחיטה פון נאכאל — ווי אונדזער השערה. שאַצקי באַטאָנט אָבער נישט, אַז סטאַראַ־וויעש איז דאָס אַמאָליקע שעדלעץ, וואָס עס איז גאַנץ לייכט צו פאַרשטיין. ס׳בלייבט בלויז אומפאַרשטענדלעך דער מרחק פון אונד־זער סטאַראַ־וויעש קיין נאכאל, וואָס געפינט זיך העט ווייט פון דאָרט, אין דער געגנט פון פּאָדאָליע. ווי אזוי זיינען יידן אנטלאָפן ביי די דע־

מאָלסטיקע קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען? דאָס קען דערקלערט ווערן דער־מיט, וואָס „טיט היון" צייכנט זיך אויס מיט גוזמאות און אומפּינקט־לעכקייטן.

פאַרגלייכן מיר די דאָזיקע ידיעות מיט די כראָניקעס פון „טיט היון", ווייזט זיך אויס, אַז מאַניעוווסקיס אינפאָרמאַציע וועגן איבערפאַל פון כמיעלניצקין אויף שעדלעץ איז אַ באַגרינדעטע. מאַניעוווסקי האָט זיינע ידיעות געשעפּט פון קירכישע קוועלן. פאַראַן אויך ידיעות, אַז יידן האָבן זיך געפונען אין שעדלעץ נאָך מיט אַ הונדערט יאָר פאַר די גזרות, ס'הייסט אין יאָר 1557, און נאָך אפשר פון פריער.

די ערשטע גענויערע ידיעות וועגן יידן אין שעדלעץ האָבן מיר פון פינפטן יאָרצענדליק פון זעכצנטן יאָרהונדערט. די דאָזיקע ידיעות שטיצן זיך אויף דער געשיכטע פון די יידישע בית־עלמינס אין שעדלעץ, וואָס איז געפאָרשט געוואָרן דורך ד"ר מ. שטיין (אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך געשמדט און אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן). ד"ר מ. שטיין האָט אין יאָר 1910 אויסגעפונען אַ דאָקומענט פון סוף 18טן יאָרהונדערט (1798), לויט וועלכן די פירשטין אָגינסקאַ גיט איבער די יידן אַ שטח באָדן אויף אַ בית־הקברות. דער דאָקומענט אין פּוילישן אָריגינאַל איז פאָלגנדיקער:

Alexandra z Xiążąt Czartoryskich Ogińska Hetmanowa (Wielka) W. X. Litw.

Maiąc wzgląd na przełożenie y usilne proźby Kahału y całego gminu żydowskiego, obywatelów moich Siedleckich przez ninieysze Prawo daię zapewnienie temuż Kahałowi y Gminowi Siedleckiemu nato:

Iż plac przy Szkole żydowskiej na którym dawniej były mogiłki, wolnym postanawiam od wszelkiego zabudowania mieszkalnego, z temi jednak kondycyami: Naprzód aby żaden z Żydów pod iakiem kolwiek pretextem nie był nigdy grzebionym na tymże placu, lecz na mogiłach za miastem będących. Powtóre aby dla nieszpecenia miasta tenże sam plac mogiłowy był cały wewnątrz lipami zasadzony. Po trzecie aby... (papier w oryginale uszkodzony) tegoż placu przez Kahał y Gmin siedlecki dany był naokoło piękny parkan wysoki, y ten aby raz na zawsze był porządnie w całości utrzymanym. Jeśliby zaś Kahał y Gmin Siedlecki kiedy kolwiek nie dopełnił wszystkich tych kondyców w prawie wyrażonych, tym sam naruszyłby moc y ważność tego Prawa sobie odemnie nada-

nego. Na dowód czego takowe Prawo przy zwykłey Pieczęci Rękę moią podpisuię.

Dan w Siedlcach dnia dwudziestego drugiego Marca Tysiącznego (siedemsetnego) dziewięćdziesiątego Ósmego Roku.

Alex. Ogińska

אין יידישער איבערזעצונג:

„אלעקסאנדרא, פון די פירשטן טשארטאָריסקיס, אָגינסקא, די גרויסע העטמאנין פון די גרויסע ליטווישע פירשטן.

נעמענדיק אין אכט דעם פאָרשלאג און די שטארקע בקשות פון דער קהילה און דער גאנצער יידישער גמינע, מיינע שעדלעצער תושבים, גיב איך דורך דעם דאָזיקן געזעץ א פארזיכערונג דער קהילה און דער שעדלעצער גמינע, אויף דעם, אז דער פלאץ ביי דער יידישער שול, אויף וועלכן עס זיינען אמאָל געווען קברים — בלייבט פריי פון יעדער פארבויאונג פון וואוינונגען, מיט די דאָזיקע קאָנדיציעס: ראשית — אז קיינער פון די יידן זאָל אונטער קיין שום פרעטעקסט נישט באגראָבן ווערן אויף דעם דאָזיקן פלאץ, נאָר אויף די קברים, וואָס געפינען זיך אונטער דער שטאָט; צווייטנס: כדי נישט צו פארמיאוסן דעם אויסזען פון דער שטאָט, דארף דער דאָזיקער בית־הקברות־פלאץ אינעווייניק אויסגעזעצט ווערן מיט ליפע־ביימער; דריטנס: כדי... (אויף דעם אָרט איז דער דאָקומענט צעשעדיקט) דער דאָזיקער פלאץ דארף דורך דער קהילה און שעדלעצער גמינע ארומגערינגלט ווערן מיט א שיינעם, הויכן פארקן, כדי איינמאָל און אויף שטענדיק זאָל פולשטענדיק ווערן די אָרדנונג אויפגעהאלטן. אויב אָבער די קהילה און די שעדלעצער גמינע, וועט, ווען ס'איז, נישט אויספירן די דאָזיקע אלע קאָנדיציעס, וואָס זיינען אויסגעדריקט אין דעם געזעץ, וואָלטן זיי דערמיט מבטל געמאכט די קראפט און גילטיקייט פון דעם דאָזיקן געזעץ, וואָס איז דורך מיר זיי געגעבן געוואָרן. ווי א באווייז פון דעם דאָזיקן, שרייב איך אונטער דאָס געזעץ מיט מיין אייגענער האנט, מיט א געוויינלעכן סטעמפל.

געגעבן אין שעדלעץ דעם צוויי און צוואנציקסטן מערץ 1798.

אלעקס. אָגינסקא.״

ד״ר מ. שטיין האָט אויפן סמך פון דעם דאָקומענט באהאנדלט די געשיכטע פון שעדלעצער בית־הקברות, אין שייכות מיט דער אלטקייט פון יידישן ישוב אין שעדלעץ.

דער עלטסטער בית־עלמין אין שעדלעץ, איז געווען נעבן אמאָליקן פערדמארק, ביי דער שטאָטישער שול. ווען דער דאָזיקער בית־הקברות האָט אָנגעהויבן עקזיסטירן, איז נישט באוואוסט. פון אלטע צייטן ביז

דער צווייטער וועלט-מלחמה איז אויף דעם בית-עולם געשטאנען איין מצבה, מיט א נישט לעזבארער איפשריפט. אויף וויפל מ'קען זיך משער זיין דאטירט זיך די מצבה פון יאָר 1630.

אויפן שפעטערדיקן הינטערשטאָטישן בית-עולם, וואָס האָט זיך געפונען ביים יידישן שפיטאָל, נעבן שטאָטישן מארק, אויף אגראדאָווא גאס (שפעטער, שענקעוויטש גאס) זיינען געבליבן עטלעכע מצבות, וואָס נעמען ארום א צייט-אָפשניט פון 1740 - 1822. הגם ס'איז קיין ספק נישטאָ, אז אויפן דאָזיקן בית-הקברות האָט מען מקבר געווען פארן יאָר 1740.

דער לעצטער בית-עלמין, וועלכער האָט זיך געפונען נעבן ווארשע-ווער שאָסיי איז אָפגעקויפט געוואָרן דורך דער יידישער גמינע אין יאָר 1826; דער קויפאקט האָט זיך געפונען אין דער קאָנצעלאריע פון דער פאָדלאשער וואָיעוואָדשאפט. די פאָרשטייער פון דער יידישער גמינע וואָס האָבן אָפגעקויפט דעם פּלאַץ זיינען געווען: יוסף זלאָטאָפיר-סקי (?), דוד גרינבערג און משה נוסבוים. פארן פּלאַץ איז באצאָלט געוואָרן 420 פּוילישע גילדן. די פארקויפערס זיינען געווען דער קריסט מאטעאוש סקאַלימאָווסקי און זיינע טעכטער. אינטערעסאנט איז, אז די יידן האָבן אונטערגעשריבן דעם נאָטארישן אקט אין דער פּוילישער שפּראך, און סקאַלימאָווסקי מיט די טעכטער, האָבן באצייכנט זייער אונטערשריפט מיט דריי צלמלעך, ווייל זיי האָבן נישט געקענט זיך אונטערשרייבן. די עלטסטע איפשריפט אויף א מצבה פון דאָזיקן לעצטן בית-עולם שטאמט פון יאָר 1827, אָבער אין ארכיוו פון דער יידישער קהילה, צווישן די דאָקומענטן פון דער קניה פון פּלאַץ פאר א בית-הקברות האָבן זיך געפונען פאפירן, וואָס האָבן באשטעטיקט דאָס עקזיסטירן פון דאָזיקן בית-הקברות נאָך פון יאָר 1807. עס איז דעריבער נישט קיין ספק, אז מ'פלעגט דאָרטן מקבר זיין נאָך פארן יאָר 1826.

אויפן סמך פון די דאָזיקע בית-הקברות-דאָקומענטן, איז ד"ר שטיין געקומען צו אזא אויספיר: דער לעצטער בית-עלמין האָט עקזיסטירט זינט 1807. דער פריערדיקער אין פארלויף פון 100 יאָר, ד. ה. זינט יאָר 1707. דער ערשטער האָט געדינט אין משך פון 150 יאָר, ד. ה. פון 1557, 21). דאָס איז געווען 111 יאָר נאָכדעם ווי עס איז דערשינען די ערשטע ידיעה וועגן שעדלעץ. ריכטיקער געזאָגט, — אין אָנהויב פון איר גרינדונג.

ליידער זיינען נישט פארבליבן קיין שום מאטעריאלן, קיין דאָקו-מענטן און כראָניקעס, וואָס זאָלן האָבן פארדאָקומענטירט די געשיכטע פון יידן אין דער דאָזיקער צייט. ס'קען זיין, אז די צאָל יידן אין שטאָט איז געווען אזוי קליין, אז זי האָט בכלל נישט פארנומען קיין אָנגעזען

אָרט אין קהל־לעבן פון פוילישן יידנטום. אָבער אלע השערות באווייזן, אז שוין אין דער העלפט פון 16טן י. ה. האָט זיך אין שעדלעץ געפונען א יידישער ישוב.

שעדלעץ אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט

אין פארלויף פון 17טן יאָרהונדערט האָט שעדלעץ געליטן פון אָפטע שרפות, וועלכע האָבן פארניכטעט נישט בלויז די דורכויס הילצערנע הייזער — נאָר אויך דעם אינווענטאר און ביוראָאקטן. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דעם 10טן דעצעמבער 1635 האָט דער פוילישער קעניג וולאדיסלאוו דער 4טער, לויט דער בקשה פון שעדלעצער קירזשנערצעך, ארויסגעגעבן אים א פריווילעגיע־דעקרעט, פאקטיש א באנייאונג פון א פריערדיקער פריווילעגיע פון קעניג זיגמונט דעם 3טן, וועלכע איז פארניכטעט געוואָרן בעת איינער פ״ן אזעלכע שרפות 22).

אין דער זעלבער צייט איז די שטאָט שעדלעץ געגעבן געוואָרן אלס נדן, דורך דעם דעמאָלטיקן אייגנטימער פון דער שטאָט, טאָמאָס אלענדזקי, זיין טאָכטער יאָהאננא, וועלכע האָט חתונה געהאט מיטן וואָלינער וואָיעוואָדע, פירשט מיכאל טשארטאָריסקי 23).

אין 1678, באקומט דער שטאָט־אייגנטימער פון דער צענטראלער מאכט א דערלויבעניש איינצוקאסירן א שאָסיי־שטייער פון א גראָשן פון יעדן פערד און רינד, וואָס זיינען געבראכט געוואָרן אויפן שעדלעצער מארק. די הכנסה איז באשטימט געוואָרן צו פאררירכטן די שאָסייען.

נאָך א שרפה, די גרעסטע וואָס שעדלעץ האָט ווען ס׳איז געהאט, וועלכע האָט געבראכט צו א פולשטענדיקן חורבן, איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1693. ס׳זיינען פארלוירן געגאנגען, ווי אין דער פריערדיקער שרפה, אלע אקטן און אינפאָרמאציעס. מיר ווייסן דעריבער נישט ווי גרויס שעדלעץ איז דעמאָלט געווען און וויפל איינוואוינער זי האָט געהאט 24).

אין דער זעלבער צייט האָט פירשט טשארטאָריסקי חתונה געמאכט זיין טאָכטער אלעקסאנדרא מיט אָגינסקי פון ליטווישן אריסטאָקראַטישן אָפשטאם, און פונקט ווי ער זעלבסט האָט באקומען די שטאָט אלס נדן פון זיין שווער אלענדזקי, אזוי האָט ער זי איצט אָפּגעגעבן אין נדן זיין איינציקער טאָכטער, וועלכע איז דערמאָנט געוואָרן אין פריערדיקן קאפיטל.

מיטן איבערגיין פון שעדלעץ אין די הענט פון דער פירשטין אָגינסקא הויבט זיך אָן אן עפּאָכע פון אויפבלי און פראָספּערירונג פון דער שטאָט. די דאָזיקע ענערגישע און אריסטאָקראטישע פרוי האָט

אַנגענומען מיטלען, כדי צוצוציען אײנװאױנער און קאָלאָניסטן און האָט אױך אַרױסגעװיזן סימפּאַטיע צו ייִדן. די ערשטע טאַטן אירע זײנען געװען דאָס אױפשטעלן עטלעכע גרעסערע בנינים, אַ דאַנק װעלכע עס האָבן זיך געהאַט װאו אײנצואָרדענען פאַרשידענע הױכגעשטעלטע געסט, װאָס זײנען דורכגעפאָרן די שטאָט. אין די בנינים האָבן זיך אױך אײנגעאָרדנט פאַרשידענע אַדמיניסטראַטיװע אַמטן, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דאָרט געװען אַ הכנסת־אורחים־קיך, װאו מען פלעגט צעטײלן מאָלצײטן פאַר נױטבאַדערפטיקע. אין פעריאָד צװישן די צװײ װעלט־מלחמות זײנען אין די בנינים געװען: דער פּאָסטאַמט און די פּריװאַט־גימנאַזיע, א. נ. פון דער קעניגין יאַדװיגאַ, װאו ס'איז, װי ס'זעט אױס, געװען אין יענע אַלטע צײטן אַ טעאַטער.

צװישן די חשובע געסט, װאָס האָבן דעמאָלט באַזוכט שעדלעץ, איז אױך געװען דער קעניג סטאַניסלאַװ אױגוסט פּאָניאַטאָװסקי, װעלכער איז געקומען אין שטאָט אין יאָר 1783. לכבוד דער געשעעניש איז אױפגעבױט געװאָרן אַ ריזיקער טריאומף־טױער אױף דער גרענעץ פון שעדלעץ און סטאַראַ־װיעס (אַלט־שעדלעץ), דער טױער האָט געהאַט אַ הױפּט־אַרײנגאַנג און צװײ קלענערע דורכגענג, װעלכע זײנען געװען באַקאַנט מיטן נאָמען „גלאָקן". דאָס איז געװען אײנע פון די שענסטע, פון דעם מין מאָנומענטן אין פּױלן און האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1942, װען די דײטשן האָבן זײ פאַרניכטעט. זײ האָבן אױסגעפונען, אַז דער דורכפאָר פון טױער איז צו שמאָל פאַר די שװערע מעכאַניזירטע האַרמאַטן, װאָס זײנען געפירט געװאָרן פון פרײסן צום רוסישן פראָנט. דעריבער האָבן די דײטשע װאַנדאַלן פונאַנדערגעװאָרפן דעם טױער.

די שטאָט־אײגנטימערין האָט אױך געפלאַנצט אַ שפּאַציר־גאָרטן פון 23 מאָרג מיט אַ סך נוצלעכע אײנריכטונגען, און נעבן גאָרטן אױפגעשטעלט דעם באַקאַנטן פּאַלאַץ, געבױט אין רענעסאַנס־סטיל.

צו דער פירשטין אָגינסקאַ װערט אױך צוגעשריבן דאָס אױפבױען פון ראַטהױז, באַקאַנט אַלס דער „אַלטער ראַטהױז". אַ טײל מענטשן האָבן אױך גערופן דעם בנין „יאַצעק", אָדער „אונטערן יאַצעק". דאָס איז געװען אַן אָריגינעלע דרײ־שטאָקיקע געבײדע פון אַלטן סטיל מיט אַן אַכט־קאַנטיקן טורעם, פון װעלכן צװײ דריטל זײנען געװען פון ציגל און העכער — פון האָלץ. אױפן שפּיץ פון טורעם האָט זיך געפונען אַ מענטלעכע פיגור אין נאַטירלעכער גרױס. ער האָט געטראָגן אױפן אַקסל דעם ערדקײלעך, אין אַ געװײנג גרױסער פאָרם, געמאַכט פון קופּער. די סטאַטוע איז געמאַכט געװאָרן צום אָנדענק פון דעם גע־טרײען קאַמער־דינער, װאָס האָט זיך גערופן „װאַצעק", אָדער „יאַצעק" און אױף זײן נאָמען האָט מען גערופן דעם טורעם.



דער בנין פון „יאצעק"

אין די יאָרן 1875-1887 איז דער הילצערנער טייל פון דעם טוררעם גרינטלעך רעמאָנטירט געוואָרן. אין קופּערנעם קײלעך האָט מען דערמאָלט געפונען א דאָקומענט, געשריבן אויף פּארמעט אין לאטיין, אין וועלכן ס׳ווערט דערציילט, אז נאָך דער שׂרפה, איז די שטאָט איבפסניי אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1784, א דאנק די ספּעציעלע באמיאונגען פון דער פירשטין אָגינסקא. וועלנדיק פארמיידן שׂרפות וואָס קענען ארויסגערופן ווערן דורך א דונער, איז דורך אדאם קוקעל, דער הויף־„אינזשעניער" פון דער פירשטין אָגינסקא, אינסטאלירט געוואָרן א בליץ־אָפּלייטער. די סיום־פייערונג איז פאָרגעקומען דעם 4טן סעפּטעמבער 1784. ביי דער אָנוועזנהייט פון פיל עדות, איז פארפיקסירט געוואָרן אין דעם דאָקומענט מיט אונטערשריפטן. דער הויפּפּאָעט פון דער פירשטין אָגינסקא, פראנציסשעק קארפּינסקי, האָט לכבוד דעם געהויבענעם מאָמענט פארפאסט א ספּעציעל ליד.

ס׳איז נישט אריבער קיין גאנצע פינף יאָר, דעם 2טן פעברואר 1887, און אין שעדלעץ איז ווידער אויסגעבראָכן א שׂרפה. דאָס „ראט

הויז" איז ווייטער פארברענט געוואָרן. יוזעף זענקאָוויטש האָט עס אויפסניי אויפגעבויט און אינסטאלירט א נייעם בליץ־אָפּלייטער. די קאָסטן האָט ווידער געדעקט די פירשטין אָגינסקא 25).

דער אָנהויב פון אן אָרגאניזירטער יידישער קהילה

אין יאָר 1765 האָט שעדלעץ געציילט 631 יידן 26). אויפן כסא הרבנות אין דער שעדלעצער קהילה איז דעמאָלט געזעסן דער בארים־טער רב ר' מאיר, דער מחבר פון „נתיב מאיר" — הערות צום תלמוד. ער האָט געפונען זיין אייביקע רו אויפן בית־הקברות נעבן דער יידישער שול. ווי עס גיט איבער ד"ר יעקב שאצקי 27) זיינען אין די 80־קער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט געווען אין ווארשע רבנים פון שעדלעץ. יידן האָבן זיך דעמאָלט מפרנס געווען פון האנדל און פאכטערייַ און ס'איז זיי גוט געגאנגען. אויף ווי ווייט מיר קענען זיך משער זיין האָבן זיך געפונען אין שטאָט עטלעכע גרויסע עשירים. איינער פון זיי איז געווען ר' חיים גרינבערג, וועלכער האָט אין 1790 געלאָזט א צוואה אויף לשון קודש, וועגן פונאנדערטיילן זיין גרויסע ירושה. די צוואה האָט זיך געפונען אין דער שעדלעצער היפּאָטעק־קאנצעלאריע 28).

אין פאָדלאשער מוזיי, וועלכער האָט זיך געפונען אין שעדלעץ, האָט זיך אויפגעהאלטן א כאראקטעריסטישער דאָקומענט, אין וועלכן מיר לייענען, אז דעם 1טן יאנואר, 1797 יאָר, האָט די פירשטין אָגינסקא פארן פרייז פון 2.700 פוילישע גילדן פארקויפט א געוויסן איצקאָוויטשן א געוועלבל פון די פיל קראָמען, וואָס זי האָט אויסגעבויט. ידיעות, וואָס מיר האָבן פון אנדערע קוועלן גיבן איבער, אז די זעלבע פירשטין, כדי צו געפינען פינאנצן צו רעמאָנטירן דאָס ראטהויז, האָט נאָך מיט 10 יאָר פריער, דעם 1טן אפּריל 1787, פארקויפט יידן אכט און צוואנ־ציק געוועלבער. דער פרייז פון אזא געוועלב איז געווען פון 300 ביז 2.500 פוילישע גילדן 29).

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אן אָרגאניזירט יידיש קהילה־לעבן אין שעדלעץ איז, צוליב דוחק אין דאָקומענטן, שווער גענוי פעסטצו־שטעלן. מ'דארף אָננעמען, אז די שעדלעצער קהילה אין אן אָרגאניזיר־טער פאָרם האָט עקזיסטירט אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָר־הונדערט. דער ווייטער געבראכטער דאָקומענט דערציילט אונדז, אז אין 1794 איז די קהילה צוגעטרעטן אויסצובויען אן אייגן הויז מיט א וואוינונג פארן רב און א באזונדערן חדר פאר א ישיבה. דער פריער געבראכטער דאָקומענט וועגן א פלאץ פארן שעדלעצער יידישן בית־עולם, וואָס די פירשטין אָגינסקא האָט געשענקט, רעדט בפירוש וועגן א יידישער גמינע און קהילה, וועמען דער פלאץ ווערט איבערגעגעבן.

דאָס אלץ באוויזט, אז אין די נײַנציקער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט איז שוין די שעדלעצער קהילה געווען א רעכטלעך אָנערקענטע אינסטי־טוציע. אזא רעכט ווערט נישט אָנערקענט דורך 1 יאָרצענדליק. מען דאַרף דעריבער אָננעמען, אז די קהילה אין שעדלעץ האָט עקזיסטירט פיל פריער איידער זי איז צוגעטרעטן בויען אן אייגן הויז און א בית־הקברות און איידער זי האָט באקומען די רעכט צו רעפּרעזענטירן, פאר דער פירשטין אָגינסקא, די יידישע באפעלקערונג.

דער דאָקומענט פון 1794, וואָס גיט דער שעדלעצער קהילה דאָס רעכט אויסצובויען א הויז אויף א וואוינונג פארן רב און פאר א ישיבה האָט פאָלגנדיקן טעקסט:

Alexandra z Xiążąt Czartoryskich Ogińska Hetmanowa (Wielka) W. X. Litewskiego, Dóbr Siedleckich Dziedziczna Pani.

Ponieważ Żydzi obywatele Moi Siedleccy tak gminni jakoteż Bratctwo swoie maiący dla ozdoby Miasta ułożyli Dom wymurować, w którym iedna strona kosztem składki powszechney tychże gminnych na pomieszkanie dla Rabina, druga zaś Domu tego połowa kosztem samego Bratctwa na Szkółkę do nauki ma bydź wymurowana; zapobiegaiąc przeto wszelkim za Czas dalszy trafiać się mogącym Inkonweniencyam, takowe czynię raz na zawsze postanowienie. Iż ponieważ Bractwo samo składa fundusz na wymurowanie Szkółki, przeto nikt prawa nadal mieć nie może wdzierania się do teyże Szkółki lub do ławek w niej będących, toż tylko samo wspomniane Bractwo się zarządzać y wstęp wolny do ławek ma sobie zachowany. Inne zaś cechy jako to krawiecki y wszystkie iakie tylko są Żydowskie w Mieście Moim Siedlcach, ponieważ swoie oddzielne mają Szkółki, do tych się udawać, y do dawnych Ustaw stosować powinny.

Na dowód czego takowe Ustanowienie, raz na zawsze trwać maiące przy zwykłej Pieczęci Rękę Moię własną podpisuję.

Dan w Siedlcach, Dnia dwudziestego ósmego Stycznia, tysiąc siedemset dziewięćdziesiątego czwartego Roku.

(30 *Alex. Ogińska*

אין יידישער איבערזעצונג:

„אלעקסאנדרא, פון די פירשטן טשארטאָריסקיס, אָגינסקא, די גרויסע העטמאנין פון די גרויסע ליטווישע פירשטן, די יורשטע פון די שעדלעצער גיטער.

ווייל די יידן, מיינע שעדלעצער בירגער, אזוי פון דער גמינע (קהילה) ווי פון זייער חברה, ווילן פאר דער שיינקייט פון דער שטאָט אויפמויערן א הויז, אין וועלכן אייך זייט זאָל אויפן חשבון פון די געלט־זאמלונגען פון די גמינע־אָנגעהעריקע פארן רב אויף א וואוינונג באשטימט ווערן, די צווייטע העלפט פון דעם דאָזיקן הויז אויפן חשבון פון דער חברה זאָל אויף א שול (צום לערנען) אויפגעמויערט ווערן; כדי אזוי ארום אויס־צומיידן אין דער צוקונפט אלערליי מעגלעכע שטערונגען, מאך איך איינ־מאָל און אויף שטענדיק אזעלכע באשלוסן: ווייל די חברה אליין גיט דעם פאָנד אויף אויסצובויען א שול, דעריבער וועט אויף להבא קיינער נישט האָבן קיין רעכט אריינצוררייסן זיך אין דער דאָזיקער שול אָדער צו די בענק וואָס וועלן דאָרט זיין, בלויז נאָר די אויבן־דערמאנטע חברה קאָן מיט דעם פארוואלטן און א פרייען איינטריט פאר זיך אויפהאלטן. אנ־דערע צעכן, ווי דער שניידערצעך און אנדערע אזעלכע יידישע חברות אין מיין שטאָט שעדלעץ, ווייל זיי האָבן זייערע באזונדערע שולן, דארפן זיי דאָרט אריינקומען און זיינען מחויב זיך צוצופאסן צו די אלטע סטאטוטן. ווי א באווייז פון דעם, אז אזעלכע באשלוסן דארפן איינמאָל און אויף שטענדיק בלייבן, האָב איך ביי דעם געוויינלעכן סטעמפל מיט מיין אייגענער האַנט אונטערגעשריבן. געגעבן אין שעדלעץ, דעם 28סטן יאנואר טויזנט זיבן הונדערט פיר און ניינציקסטן יאָר. אלעקס. אָגינסקא."

ווי עס איז צו זען פון דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט דער יידישער ישוב אין שעדלעץ, אין 1794, געהאט נישט בלויז אן אָרגאניזירטע און רעכטלעך אָנערקענטע קהילה, נאָר אויך חברות און צעכן. די חברה (בראצטווא) וואָס וויל, לויט דעם דאָקומענט, עפענען א שול (שקולקא) — מ'דארף אָננעמען, אז דאָס מיינט מען א חדר אָדער א ישיבה — איז ווארשיינלעך געווען חברה „תלמוד תורה".

דער שעדלעצער יידישער ישוב נאָך דער פונאנדערטיילונג פון פוילן

אין 1793, נאָך דעם דורכגעפאלענעם קאָשטשושקאָ-אויפשטאנד, איז פאָרגעקומען די צווייטע צעטיילונג פון פוילן, די מדינה איז צע־טיילט געוואָרן צווישן רוסלאנד, עסטרייך און דייטשלאנד. אין 1796 איז שעדלעץ אריבער אין די הענט פון די עסטרייכער, וועלכע האָבן דאָרט

איינגעפירט א קרייזאמט. דריי יאָר שפּעטער איז געשטאָרבן די פירשטין אָגינסקא. נאָך איר טויט איז די שטאָט צוריק געוואָרן דאָס אייגנטום פון די טשארטאָריסקים. באלד האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאנדלונגען צווישן דער עסטרייכישער מאכט און די אלט-נייע בעלי-בתים. אין יולי 1804 האָט דער פירשט אדאם טשארטאָריסקי אָפּגעגעבן שעדלעץ אין באקומען אנדערע גיטער.

לויט א דעמאָגראפישער ארבעט וואָס פראָפ. י. מיקולסקי האָט פארעפנטלעכט אין המשכים אין „זשיטשע פּאָדליאשא" פון 1934, האָט שעדלעץ זיך שטארק פונאנדערגעוואקסן, ספּעציעל אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט, א דאנק דעם, וואָס די שטאָט איז געלעגן על פרשת דרכים.

„דער ערשטער פון די דאָזיקע וועגן — שרייבט מיקולסקי — איז געגאנגען צווישן די ישובים: ליווי, ווענגראָוו, לוקאָוו, לובלין, אָדער אין דער לענג פון בוג ביז צו דרום; פון ווענגראָוו האָט געפירט דער שליאך אויף צפון אזש ביז דאנציג (ס'איז נאָך געבליבן א זכר אויפן ווענגראָווער מארק — די אזויגערופענע „גדאנסקע קאמיעניצע"); דער צווייטער שליאך האָט פאראייניקט ווארשע מיט ליטע, און גלייכצייטיק געפירט דורך ליווי, ווענגראָוו, סאָקאָלאָוו. אין משך פון דער צייט, נאָכן אויסבויען די באן-ליניעס ווארשע-ווילנע און ווארשע-בריסק, האָט ווענגראָוו פארלוירן, טיילווייז לטובת שעדלעץ, איר באדייטונג פון וועגן-קנופּ".

לאנג האָט שעדלעץ נישט אָנגעהערט צו עסטרייך. צוויי יאָר שפּעטער, נאָך דעם וואָס נאפּאָלעאָן האָט געשאפן דאָס ווארשעווער פירשטנטום, נאָכן איסברוך פון עסטרייכישן קריג אין יאָר 1809, איז אין שעדלעצער געגנט פאָרגעקומען איינע פון די ביטערסטע שלאכטן. שעדלעץ גופא איז באפרייט געוואָרן דורכן פּוילישן מיליטער, וואָס איז געווען אונטער דער קאָמאנדע פון יוזעף דעמבראָווסקי. נאָך די שלום טראקטאטן, ווען פּאָדלאשע איז פאראייניקט געוואָרן צום פירשטנטום, ווי א נייער דעפּארטאמענט, איז שעדלעץ געוואָרן די הויפּטשטאָט פון נייעם קרייז אין א דעפּארטאמענט-שטאָט.

אויפן ווינער קאָנגרעס אין 1815 איז באשלאָסן געוואָרן צו שאפן פון עקזיסטירנדיקן ווארשעווער פירשטנטום דאָס אזויגערופענע קעניגרייך פּוילן. עס איז געשלאָסן געוואָרן א פּאקט מיט רוסלאנד און דער שעדלעצער דעפּארטאמענט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א פּאָדלאשער וואָיעוואָדשאפט מיט שעדלעץ אלס הויפּטשטאָט. ביי דעם מצב איז זי פארבליבן ביזן יאָר 1840, ביזן ליקווידירן די פּאָדלאשער וואָיעוואָדשאפט און שאפן די שעדלעצער גובערניע.

פון דער דאָזיקער שטורמישער עפּאָכע, זינט דער צווייטער צע-

טיילונג פון פוילן ביז דער ליקווידאציע פון דער פאָדלאשער וואָיעוואָד־שאפט, אין יאָר 1840, זיינען פון יידישן לעבן אין שעדלעץ געבליבן זייער ווייניק דאָקומענטן אויף צו קאָנען האָבן א פאַרשטעלונג ווי אזוי יידן האָבן דעמאָלט געלעבט. פון א פארוואלגערטן דאָקומענט פון 1812, וואָס האָט זיך געפונען ביי ר׳ נתן דוד גליקסבערג, דערוויסן מיר זיך וועגן א האנדל מיט דער ארענדע איבערן אָפּצאָל פון כשר פלייש אין שעדלעץ, וואָס איז, ווייזט אויס, דעמאָלט געווען זייער א גוט געשעפט, ווייל פאר איין יאָר האָבן די ארענדאטאָרן באצאָלט 27 טויזנט פוילישע זלאָטעס אָפּטרעט-געלט א פריערדיקן ארענדאטאָר, וועלכער איז געזעסן אין אן אנדער שטאָט. דער פארמיטלער ביי דער דאָזיקער טראנזאַקציע איז געווען דער שפּעטערדיקער רב ר׳ בונעם פון פּזשיסכע. דער קאָנטראקט איז געווען געשריבן אין לשון-קודש. די איבערזעצונג פון העברעאיש אויף פויליש איז געמאכט געוואָרן דורך דעם דעמאָלסטיקן געשוואוירענעם איבערזעצער, וועלכער האָט זיך געפונען אין ווארשע. מיר גיבן דאָ א יידישע איבערזעצונג פון דער פוילישער קאָפּיע פון קאָנטראקט:

„דער אונטערגעחתמעטער דערקלערט, אז ס׳איז געשלאָסן געוואָרן אן אָפּמאך צווישן מיר, דעם אונטערגעחתמעטן פון איין זייט און די יידן אברהם בן דוד, קלמן בן משה און יעקב בן יצחק, וועגן ארענדירן דעם אָפּצאָל אויף כשר פלייש פון דער שטאָט שעדלעץ, אויף דער צייט פון איין יאָר, ד. ה. פון ערשטן מערץ 1812 ביזן סוף חודש פעברואר 1813. דער דאָזיקער אָפּמאך איז היינטיקן טאָג געשלאָסן געוואָרן צווישן אונדז, פאר וועלכן די אויבן אויסגערעכנטע מיט די נעמען ארענדאטאָרן, האָבן זיך מתחייב געווען צו באַצאָלן פאָר דעם אָפּצאָל פון כשר פלייש פון דער שטאָט שעדלעץ, פאר דעם דאָזיקן יאָר, די סומע פון 27 טויזנט פוילישע גילדן. און אין הסכם מיט דעם דאָזיקן אָפּמאך, האָבן די ארענדאטאָרן איינגעלייגט קויציע, פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער דאָזיקער סומע פאר צוויי חדשים, ווי אויך פאר א חודש פאָרויס, די סומע פון 6 טויזנט 700 און פופציק פוילישע גילדן. די רעשט סומע, ווי אזוי זי דארף ווערן אויסגעצאָלט איז אין קאָנטראקט 2 בפרטיות געשריבן. (ווי עס זעט אויס, איז אויך געשריבן געוואָרן א באזונדער קאָנטראקט, אין וועלכן עס זיינען אויסגערעכנט געוואָרן דייטלעך אלע פונקטן) דערביי, איז צווישן אונדז אויסגענומען געוואָרן א בפירושער תנאי, ד. ה.: צווישן מיר דעם אונטערגעחתמעטן און די ארענדאטאָרן, אז אויב אין דער צייט וועט חלילה דער שונא אריין אין לאנד (ווי באוואוסט, איז אין 1812 פאָרגעקומען די היסטאָרישע מלחמה צווישן רוסלאנד און פראנקרייך) ווערט דער פרייז פון קאָנטראקט פאר דער ארענדע פון דעם יאָר אויף 27.000 גילדן בטל

און אָנערקענט פאר אומגילטיק, די ארענדאטאָרן דארפן פאר דעם יאָר מער נישט צאָלן ווי צוואנציק טויזנט גילדן און די קויציע און די סומע פון חודש־אָפּצאָל דארף אויך גערעכנט ווערן לויטן פרייז פון 20.000 גילדן א יאָר.

און אז די ארענדאטאָרן וועלן אויסצאָלן די צוואנציק טויזנט גילדן ווערט די ארענדע אויף א גאנץ יאָר גערעכנט פאר זייער אייגנטום, נישט דארפנדיק מער צוצאָלן.

אלע איבעריקע אויסגערעכנטע פונקטן אין קאָנטראקט, אחוץ דעם פרייז פון ארענדע, בלייבן אין קראפט אָן שום חרטה. און איין צד צום צווייטן קען נישט האָבן קיין שום פרעטענזיעס.

אויב אָבער דאָס לאנד וועט בלייבן רואיק, און דער שונא וועט נישט אריין אין לאנד, בלייבט דער אָפּמאך אויף דער סומע פון 27.000 זל. אין זיין קראפט.

מיט דער קראפט פון דאָזיקן אָפּמאך, וואָס ווערט אמטלעך געמאכט ביי א נאָטאריוש, איז אויסגעשלאָסן יעדער חרטה, אָדער אויסנאם און די ארענדאטאָרן האָבן דאָס רעכט צו באשטעטיקן אים ביי א נאָטאריוש אפילו נישט אין אונדזער אָנוועזנהייט און אלס באוויז שרייב איך אונטער דעם דאָזיקן אָפּמאך, אין שעדלעץ דעם 28סטן פעברואר 1812 יאָר.

שמחה בונם פון וואידיסלאוו
(אלס פלעניפּאָטענט פון ה׳ אייזענבערג)

איך אונטן־געחתמעטער אקצעפּטיר מיט אלעמען דעם אָפּמאך, וואָס מיין פלעניפּאָטענט האָט געשלאָסן, אויף וועלכן איך שרייב זיך אונטער. די דאטע ווי אויבן.

יעקב אייזענבערג.

אז עס שטימט מיטן העברעאישן אָריגינאל באשטעטיק איך. אין וואַרשע דעם 2טן אָקטאָבער 1812.

מ. באכנער (געשוואוירענער איבערזעצער
פון טריבונאל פון ערשטער אינסטאנץ)

אין דער זעלבער צייט, אין יאָר 1816, איז פאָרגעקומען אין שעד־לעץ אַן עלילת־דם־פּראָצעס. די וואַרשעווער קהילה האָט דאַן אינטער־ווענירט לטובת שעדלעצער יידן30). אין יאָר 1831, אין באוואוסטן נאָוועמבער־אויפשטאנד, איז שעדלעץ באריכמט געוואָרן דורך דער אי־גאנער שלאכט (2—3 קילאָמעטער מערב זייט פון שעדלעץ). אין שעד־לעץ האָט זיך געפונען די הויפּטקוואַרטיר פון גענעראל דאָביטש. א געוויסע צייט איז אויך דאָ געווען דער גרויספירשט קאָנסטאנטין, א ברודער פון דעמאָלסטיקן צאר און שעף פון דער רוסישער ארמיי. און

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין וועלדל איגאן אָפּגעשפּילט די גרויסע דראמאטישע שלאכט, אונטער דער קאָמאנדע פון די גענעראלן בעם און פּראנדזינסקי.

פּופּצן יאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי דער אויפשטאנד איז שוין לאנג געווען ליקווידירט, זיינען אין דער אומגעגנט פון שעדלעץ פאָרגעקומען די קאמפן פון פּאנטאלאָן פּאָטאָצקי. ער איז געכאפּט געוואָרן דורך די רוסן צוזאמען מיט א גרופּע אויפשטענדלער און אויפגעהאנגען געוואָרן אין צענטער שטאָט. אין אויפשטאנד קעגן די רוסן איז אויך טעטיק געווען דער סוחר ר׳ יצחק גרינבערג, וועמען מ׳האָט צוליב דעם גערופן „בראביא פּאָטאָצקי״.

אין 1841 איז די רוסישע מאכט צוגעטרעטן איסצובויען א גע־פענקעניש. די ארבעט האָט געדויערט 3 יאָר צייט. די תפיסה איז ספּע־ציעל געבויט געוואָרן פאר פּאָליטישע ארעסטאנטן און איז מתחילת נישט געווען אזוי גרויס. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען נאָך בנינים, ביז זי איז געוואָרן איינע פון די שווערסטע צענטראלע תפיסות אין שפּעטערדיקן אומאָפּהענגיקן פּוילן. צווישןביידע וועלט־מלחמות איז זי געווען איבערפולט מיט פּאָליטישע ארעסטירטע, ס׳רוב קאָמוניסטן.

נאָכן פאראייניקן די שעדלעצער גובערניע, לויט א באפעל פון 9טן אויגוסט 1844, מיט דער לובלינער גובערניע, איז שעדלעץ דעגראדירט געוואָרן צו א קרייזשטאָט, און אזוי איז זי פארבליבן ביזן יאָר 1866, ווען די גובערניע איז צוריק באנייט געוואָרן און שעדלעץ איז ווידער עולה לגדולה געוואָרן אלס גובערניע־שטאָט.

צארישע רוסיפיקאציע און פּוילישער אנטיסעמיטיזם

נאָך דעם צווייטן דורכגעפאלענעם פּוילישן אויפשטאנד, אין יאָר 1863, האָט דער דעמאָלסטיקער גובערנאטאָר הורקי מיט דער מיטהילף פון קוראטאָר אפּוטין, אָנגעהויבן אן אינטענסיווע טעטיקייט פאר רו־סיפיצירן שעדלעץ. די מאכט האָט געטאָן אלץ, אפילו געענדערט דעם אויסערלעכן אויסזען פון דער שטאָט, כדי צו פארניכטן אלץ וואָס איז פּויליש.

א שרייבער פון יענער צייט, שוויענטקאָווסקי, ברענגט צום אויס־דרוק זיינע שטימונגען. אין א גענוג בולטער פאָרם שילדערט ער א בילד פון דעמאָלטיקן שעדלעץ. דאביי קארגט נישט שוויענטקאָווסקי אביסל אנטיסעמיטישן גיפט. ער שרייבט 9):

„א געמיש פון נאציאָנאלע מונדירן פון פיינדלעך צו אונדז מיליטער און באאמטע. די דאָזיקע אומווּסנדע שכורע טיפּן, דערצויגענע אין גייסט פון דער מזרח־קולטור, רעדן אויף א פרעמדער שפּראך, וואָס איז אונדז

אָנגעוואָרפן געוואָרן מיט געוואלד. ביי א פּאַרהעלטנישמעסיק קליינער צאָל איינוואוינער פון דער שטאָט איז אנטשטאנען א גרויסע צאָל אינ־סטיטוציעס, ביוראָס, צענטראַלעס, קאַזאַרמעס פאַר מיליטער; אין ערגעץ נישט אזוי ווי דאָ, זעט מען אזוי פיל רוסן. די פּאַלאַקן זיינען אינגאנצן ארויסגעשטויסן געוואָרן פון די רעגירונגס־פּאָסטנס. נאָך די רוסן האָבן אָנגעהויבן מאסנווייז איינוואַנדערן יידן פון אומדאנקבארן מזרח. די אומ־גליקלעכע און קליינע צאָל פּוילישע שטאטסלייט דערנערן זיך אין גרויס אָרימקייט, פון ערד־ארבעט און קליין־אינדוסטריע, פון פארדינגען די קליי־נינקע צימערלעך פון די פאַרטער־הייזלעך צו די משפחות פון די רוסישע טשינאָווניקעס" 31).

פון א בראָניק וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „נאָוואָראָטשניק שעד־לעצקי", פון 1873, דערוויסן מיר זיך כאַראַקטעריסטישע פּרטים וועגן שעדלעץ אין יענער צייט. פאַרשטענדלעך, אז אויך אין דער שילדערונג פעלט נישט קיין אנטיסעמיטיזם:

„הינטער דעם גובערניע־בנין (שפּעטער דער פּאלאַץ פון ביסקופּ, פאַר דעם שטאָטישן פּאַרק) איז איינגעאָרדנט געוואָרן א סקווער מיט בענק. אין סקווער איז אוועקגעשטעלט אן איינריכטונג פאַר א נייעם קאָמפּאַס. דער דאָזיקער קאָמפּאַס וועט האָבן א האַרמאַטל, וואָס וועט דורך א שאָס צו וויסן געבן די איינוואוינער, ווען ס'איז 12 אזייגער בייטאָג. דער ראַטוש דאַרף אין 1873סטן יאָר באנייט ווערן, גאנצע צוויי שטאָק, וועלכע דראָען איינצופאַלן, וועלן ווערן אינגאנצן אראָפּגענומען און אי־בערגעבויט.

מיט א צייט צוריק זיינען דאָ איינגעפירט געוואָרן דראָזשקעס. פאַראַן אייניקע צענדליק, ס'איז א שאָד וואָס צו דער קאָנקורענץ זיינען צוגעלאָזט געוואָרן יידן, וואָס זיינען באַקאַנט מיט זייער אומאָרדנונג, וועלכע זיי האָבן שוין אפילו דאָ אהער געבראַכט."

ווייטער קומט די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון געזעלשאַפט־לעכן לעבן:

„א פאַראַכטנדע פּוסטקייט, אן אָפּשרעקנדע נישטיקייט. קוקנדיק אויף דער איבלדיקער שלעפעריקייט, אויף דער פאַרדערבלעכער אָנמעכ־טיקייט, איז שווער אפילו צו טראַכטן, אז א טייל פון די דאָזיקע מענטשן באַזיצן בילדונג, ווייסן די פליכטן לגבי דער געזעלשאַפט, וועלכע זיי ווילן נישט דערפילן. די דאָזיקע מענטשן האָבן א באַדייטונג. זיי וואָלטן געקענט אָנפירן אויך מיט אנדערע; דאָס, וואָס ס'וואָלט ארויס פון זייער איניציאַטיוו, וואָלט געוועזן אָנגענומען און דאָך... שפּילט מען אין קאָרטן, מ'פאַרברענגט די צייט ביי מאַליען, אַסתרקען (נעמען פון שעדלעצער

שענקערינס אין יענער צייט) אָדער אין נאָך ערגערע ערטער. א סיבה דערצו איז די אָפּגעזונדערטקייט, דער קליינשטעטלדיקער אופן פון לעבן. ס׳זיינען פאראן פאמיליען־ווינקעלעך און דאקעגן האָבן מיר נישט קיין געזעלשאפטלעך ווינקעלע. אונדזערע טעכטער לייענען נישט גאָרנישט, אויסער דיומאס ראָמאנען, זיי זיינען נישט פעאיק צו קיין אנדער געשפרעך, ווי נאָר וועגן ליבע.

ס׳איז ביי אונדז נישטאָ קיין אנדער פאַרוויילונג ווי נאָר דער טאַנץ, וועלכער געפעלט אפשר די פרויען און די אונטערוואקסנדע הייסע טענצער, עס רופט אָבער ארויס ביי יעדן עלטערן מאנספּערשוין א בייגעשמאַק און איבלדיקייט. אויב ס׳נעמען זיך ערגעץ צונויף א פּאָר פּערזאָן, וואָס דאָס איז זייער א זעלטנהייט, איז א האלבע שעה קלאָגט מען זיך אויף דער בלאָטע אין שטאָט, א פערטל שעה געדויערט דאָס טרינקען טיי און 20 מינוט גיט מען אוועק פאר א סענסאציאָנעל פלאָטקעלע. די אריסטאָקראטיע פּראָטעזשירט פאר די דאמען די קאָרטן־שפיל „בעזשיק״ און פאר מאנסלייט „פּרעפּעראנס״.

זאָל זיך נאָר באוויזן עפּעס א פּאנאָראמע מיט מתנות פון וואקסענע ליכט, אָדער א צויבער־פויגל, לויפט זיך באלד צונויף דער עולם, וואָס באשטייט פון פארשידענע שיכטן, כדי צו אנטציקן זיך און פארהייליקן א באקאנטן שארלאטאן. מענטשן פון די ארבעטער־ספערן פארלירן אויף די שאַרלאטאנישע לאָטעריעס, אין פארלויף פון אייניקע שעה, דאָס פאַרדינסט פון א גאנצן חודש. פאראן אפילו פּראָווינצשטעט, וועלכע שטייגן אין דער הינזיכט איבער שעדלעץ. אין לוקאָוו קומען פאָר אָוונטן, אויף וועלכע עס קומט זיך צונויף די גאנצע שטאָט און די סביבה. ס׳ווערן איינגעאָרדנט בשותפותדיקע מאיואוקעס און פארוויילונגען און מיר ווילן אפילו וועגן דעם נישט טראכטן. אין שעדלעץ זיינען דאָ ביי 500 הייזער, ווער ווייסט אָבער, צו א העלפט פון זיי זיינען נישט קיין קרעטשמעס שוין ארייננרעכענענדיק אסתרקען, מאליען, וואָלף עט קאָמפּ. ווי אויך די קרעטשמעס וואָס זיינען הינטער דער שטשאלער ראָגאטקע.

אויף פאָדלאשע עקזיסטירט נישט קיין אינדוסטריע. דער האנדל איז אייגנטלעך קרעמעריי, וועלכע ליגט אין די הענט פון די פיינטלעכע צו אונדז. די בירגער, אָדער זיי זיינען אזוי אָרעם, אז זיי קענען זיך קוים דערנערן, אָדער זיי זיינען די אָפּגעשטאנענסטע קאפּיטאליסטן אין דער וועלט. די שטעט זיינען באוואוינט דורך כמעט בלויז באאמטע. דריי פערטל פון וועלכע זיינען פארשטעקט אין די יידישע הענט.״

פון די דאָזיקע שילדערונגען, אנטיסעמיטיש באפארבט, באקומען מיר אויך א שטיקל באגריף פון דעמאָלטיקן יידישן לעבן אין שעדלעץ: די צאָל יידן פארגרעסערט זיך. מיינסטנס קומען אָן יידן פון מזרח,

וועלכע מ׳האָט שפּעטער געשטעמפּלט אלס „ליטוואקעס״. יידן באַמיען זיך זיך צוצופּאַסן צו דער ניי־געשאַפענער לאַגע, האַנדלען מיטן רוסישן באַאַמטנטום, דרינגען אריין אין נייע פּראָפעסיעס, (די מעשה מיט די דראָזשקאַזשעס) און פאַרנעמען זיך מיט די געוויינלעכע יידישע פּרנ־סות אין די פּוילישע שטעטלעך: אויפהאַלט פון קרעטשמעס, בירשענ־קען א. ד. גל.

שעדלעצער יידן אין 19טן יאָרהונדערט

די צאָל יידן אין שעדלעץ אין ערשטן פּערטל פון 19טן י. ה. און זייער פּראָצענט־פאַרהעלטניש צו דער אַרומיקער באַפעלקערונג האָט אויסגעזען אַזוי:

יאָר	יידן	קריסטן	אַנדערע רעליגיעס	פּראָצענט פון יידן
1827	2.908	1.508	25	65

ווי ס׳איז צו זען האָבן די יידן געבילדעט כמעט צוויי דריטל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. אָבער נישט בלויז אין 1827 האָבן יידן געהאַט אַן איבערגעוויכט אין דער שטאָט, זייער איבערגעוויכט האָלט אָן אין פאַרלויף פון גאַנצן 19טן יאָרהונדערט, ווי ס׳וועלן באַווייזן די ווייטערדיקע טאַבעלן.

פון 1827 און ווייטער זיינען שוין די ציפערן און סטאַטיסטיקעס בנוגע יידן גענויע און פּינקטלעכע, ווייל אין די דרייסיקער יאָרן פון 19טן י. ה. האָבן שוין עקזיסטירט פאַרשריפטן, וואָס האָבן פאַרפליכטעט צו פאַרשרייבן ניי־געבוירענע. די געבורטסאַקטן זיינען געשריבן גע־וואָרן אין דער גובערניאַלער שטאָט שעדלעץ דורך דעם ציוויל־באַאַמטן (פּאַדסענדיק). אויפן סמך פון ציוויל־קאָדעקס פון פּוילישן קעניגרייך פון יאָר 1825. (32

פון א רשימה פון געבוירענע אין יאָר 1837, וואָס די שעדלעצער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט פאַרעפנטלעכט מיט הונדערט יאָר שפּעטער, טרעפן מיר זיך אָן מיט נעמען פון יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין דער שטאָט אין 18טן י. ה., און די משפחות זיינען זיך שפּעטער שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן.

שולן און בתי־מדרשים

אָנהויבנדיק פון יאָר 1851 און אין די ווייטערדיקע צען יאָר, איז שעדלעץ געשטאַנען אונטערן צייכן פון בויען א שול. די אַלטע שול גע־

בויט פון האָלץ איז פארברענט געוואָרן אין דער גרויסער שרפה פון הושענא רבא ביינאכט, אין יאָר תרי״א (1851). פינף יאָר צייט איז שעדלעץ געווען אָן א שול. א נייע שול — דאָס מאָל א געמויערטע — האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין 1856. אין תר״ל (1870) (33 איז ווידער אויסגעבראָכן א שרפה, בעת וועלכער ס׳איז אָפּגעברענט געוואָרן דער דאך מיטן אָרון-קודש. די ארבעט האָט ווידער געדויערט עטלעכע יאָר און איז געענדיקט געוואָרן אין יאָר 1876. די דאָזיקע שול איז געווען גרויס און שיין געבויט, לויטן סטיל פון די בתי-הכנסת וואָס זיינען געבויט געוואָרן אין פוילן אין 18טן י. ה. אויסערלעך האָט זיך דער בנין אנטפּלעקט מיט זיין גאנצער פראכט. קודם-כל איז די שול געווען די העכסטע געביידע פון דער געגנט אין יענער צייט — ביי פיר שטאָק הויך. פון מזרח און מערב זייט זיינען געווען צוויי פענצטער הארט ביים דאך, אין דער פאָרם פון שני לוחות הברית. דער אריינגאנג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א גרויסן פּאָליש, וועלכער האָט געפירט רעכטס — צו א קליין בית-התפילה, באקאנט אונטערן נאָמען „דאָס שניידער-שולכל״, לינקס איז געווען דער אריינגאנג צו דער „עזרת נשים״, וועלכע איז געווען א טייל פון פארטער אין צפון און דרום זייט און א טייל אויפן צווייטן שטאָק פון דער שול. פון רעכטס און לינקס אין פּאָליש האָבן טרעפּ געפירט צו א באלקאָן פון דער שול, איין שטאָק הויך.

אריינקומענדיק אין שול אינעווייניק, האָט זיך אנטפּלעקט א גרויסער זאל, אין וועלכן ס׳זיינען געווען טישן און בענק פאר 800 פּערזאָן. אין צענטער פון שול האָט זיך געפונען א באלעמער אויפגעהויבן מיט א 4—5 טרעפּ די הויך. די מזרח-וואנט ארום אָרון-קודש איז געווען באצירט מיט מוזיקאלישע אינסטרומענטן אויסגעהאמערט פון קופּער, דער אָרון-קודש וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א קונסטווערק, האָט זיך געפונען אין דער וואנט גופא, פאר אים האָבן געלויערט צוויי לייבן, פארשידענע תנכישע סצענעס זיינען געווען אויסגעמאָלט ארום און ארום. ווער עס איז געווען דער בוימייסטער פון דער שול איז שווער צו וויסן. דער אָרון-הקודש איז געמאכט געוואָרן דורך איינעם י. צוויבאק מיט זיינע צוויי זין. בעת דער שרפה אין 1870 איז דער אָרון-קודש טיילוויז באשעדיקט געוואָרן. דער אָפּגעראטעוועטער טייל איז שפּעטער באנוצט געוואָרן פאר דער ניי-אויפגעבויטער שול (34).

די דאָזיקע שול האָט אויך געדינט אלס אָפיציעל רעפּרעזענטאנט-אָרט פון דער קהילה. דאָ זיינען אויפגענומען געוואָרן הויכגעשטעלטע געסט — יידן ווי נישט-יידן. דאָ זיינען פאָרגעקומען די אָפיציעלע קהילה-פייערונגען, פייערונגען פון נאציאָנאלע געדענקטעג א. ד. גל.

די שטאָטישע שול איז פארניכטעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה, אין דער נאכט פון קריסטוסעס

געבורט, דעם 25סטן דעצעמבער, 1939. די דייטשן האָבן די שול אונ־טערגעצונדן, בעת אינעווייניק זיינען געלעגן פּליטים פון אנדערע שטעט, וואָס האָבן נישט געהאט וואו צו וואוינען. אויף צו מאַרגנס האָט די דייטשע מאכט געפאָדערט — יידן זאָלן אונטערשרייבן, אז זיי אליין האָבן אונטערגעצונדן די שול 35).

אויך דאָס שטאָטישע בית־המדרש, וואָס האָט זיך געפונען נעבן דער שול איז אנטשטאנען אין אָנהויב פון ניינצנטן י. ה. דאָס זעלבע די חברה משניות, וואָס איז געווען א טייל פון בנין.

אחוץ די אלגעמיינע בתי־תפילות זיינען אין שעדלעץ אויך געווען פון אלטע צייטן „בעלי־מלאכהשע שולעכלעך" ווי: דאָס „שניידער־שולכל" און דאָס קצבישע בית־מדרש. בעלי־מלאכהשע בתי־תפילות האָבן זיך געשאפן אויפן באָדן פון פאך־אינטערעסן ווי א קעגנגעוויכט צו די אָרגאניזירטע פּוילישע צעכן, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין פוילן.

יעדער פון די דערמאָנטע בתי־תפילות האָט געהאט זיין פנקס, וועלכער האָט געדינט, קודם־כל אלס רעגולאמין און א ספר־זכרון צו פארשרייבן געשעענישן, וואָס זיינען זיך פארלאָפן אין משך פון דער עקסיסטענץ פון דער חברה. אזוי וויסן מיר, אז אין פנקס פון דער חברה משניות איז געווען א תקנה: דער פנקס דארף זיך געפינען אין די הענט פון „בורר", וועלכער ווערט על פי גורל געוויילט דורך א קלפי יעדן ערב שבועות. דער „בורר" איז אזוי ארום געוויילט געוואָרן דורך געהיימע וואלן און ער האָט זיך צוגעקליבן א סעקרעטאר, וועמענס אויפגאבע ס'איז געווען, אויב איינער פון די חברים פון דער חברה משניות איז געשטאָרבן, פונאנדערצושיקן מעלדונגען צו אלע חברים, וואָס זיינען פארשריבן אין פנקס, און אָנווייזן זיי, אז זיי זיינען מחויב צו לערנען א געוויסן פרק משניות — „לעלית נשמתו".

אין 1878 איז צוגעטרעטן אויפצושטעלן פריוואט א בית־המדרש, דער שעדלעצער גביר און מעצענאט, ר' ישראל בן יהיאל גרינבערג, וועלכער האָט מיט פינף און צוואנציק יאָר שפּעטער אויך אויפגעבויט א תלמוד־תורה. דאָס בית־המדרש איז באקאנט געווען אין שטאָט מיטן נאָמען „ישראל יחיאלס בית־המדרש". ישראל גרינבערג האָט אָפּגע־קויפט א פלאץ אויף עק דלוגע (שפּעטער: 1טער מאַי־גאס) און פוסטע גאס. דער צארישער גובערנאטאָר איז געווען קעגן אויפשטעלן די געביידע און נאָך דערצו אין פראָנט צו דער גאס, די גובערניע־פּראוואל־טונג האָט דעם פּלאץ נישט באשטעטיקט. ר' ישראל גרינבערג האָט, באין ברירה, געמוזט מאכן אין פראָנט א טיר, כלומרשט, פאר א רעס־טאָראן. שפּעטער איז די טיר איבערגעארבעט געוואָרן פאר א פענצטער. די דערלויבעניש פארן בית־המדרש איז סוף סוף געגעבן געוואָרן. דאָס

בית-המדרש האָט אָפּגעקאָסט 6.000 צארישע רובל און איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1879. באוואויגן צו זיין שריט אויפצושטעלן א בית-המדרש האָט אים דאָס, וואָס ער, גרינבערג, איז געווען א שארפער מתנגד; ווי א גרויסער גביר האָט אים נישט געפּאַסט דאוונען אין שטאָטישן בית-המדרש, און ער האָט נישט געוואָלט דאוונען אין איינער פון די פיל חסידים-שטיבלעך, וואָס האָבן דעמאָלט עקסיסטירט אין שעדלעץ, — האָט ער אויפגעשטעלט פאר זיין אייגן געלט א מתנגדישן בית-תפילה 36).

קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים

זייט 1750 און אין משך פון הונדערט און פופציק יאָר האָט זיך אין שעדלעץ אָפּגעשפּילט א קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים. מיר ווייסן וועגן עטלעכע קנאים פוןביידע לאַגערן, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט זייער אינטערעסאַנטע טיפּן. דער מתנגד ר׳ מאיר ניסן, דער שטאַמפאָטער פון דער פארצווייגטער משפּחה נוסבוים (געשטאָרבן אין 1810), איז געווען א גרויסער למדן און גלייכצייטיק א געבילדעטער מענטש. ער האָט איבערגעזעצט אויף פּויליש דאָס ספר „בחינת-עולם”. אין זיינער צייט האָט ער געפירט א פּאָלעמיק מיט דעם פּשיסכער רבין ר׳ שמחה בונם. ס׳איז אויך באַקאַנט, אז אין דער זעלבער צייט האָט ער געפירט וויכוחים מיט אן אנדער קענגנער זיינעם — ר׳ קלמן חסיד. שוין דער נאָמען „חסיד” — רעדט פאר זיך. ר׳ קלמן איז געווען א למדן, א פרומער ייד און א גרויסער עניו 37).

קענטיק, אז ר׳ שמחה בונם פון פּשיסכע האָט געהאט אין שעדלעץ הייסע אָנהענגער. אזוי ווייסן מיר וועגן ר׳ זישע שעדלעצער, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף א געהיימער אסיפה פון חסידים צו פאָרן אויף א חתונה פון אן אייניקל פון אפּטער רבין ר׳ יהושע העשיל, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָסטילע. דאָס שליחות איז געווען אין שייכות מיט קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געהאט פארשפּרייט, אז דער אפּטער רבי וויל ארייננלייגן אין חרם דעם רבין ר׳ שמחה בונם דערפאר וואָס א טייל רביים, מיט ר׳ יעקב שמעון דייטש פון ווישניצא בראש (ער האָט שפּעטער געוואוינט אין זשעלעכאָוו), האָבן אויסגעפונען, אז די פּשיסכער שיטה אין חסידות איז אין סתירה צום יידישן דת. די דאָזיקע אסיפה האָט באשלאָסן צו שיקן פינף תלמידים פון פּשיסכע, וועלכע זאָלן פּעאיק זיין צו פירן א וויכוח מיט די קעגנער. די דעלעגירטע זיינען געוויילט געוואָרן לויט פאָלגנדיקן צוזאמענשטעל: א חכם, א תלמיד-חכם, א חסיד, אן עושר און א בעל-לשון; ר׳ זישע שעדלעצער איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס דער חכם; די איבעריקע פיר דעלעגירטע זיינען געווען —

ר׳ פייוועלע גריצער, אן אלטער חסיד, וואָס פלעגט פאָרן צום „חוזה״ פון לובלין; אלס עושר — ר׳ יששכר הורוויץ — אן איידעם פון דער דעמאָלט באקאנטער ווארשעווער רייכער פרוי טעמערל; אלס בעל־לשון — ר׳ אליעזר בער פון גראָבאָוויץ און אלס תלמיד־חכם איז דער־ווײַלט געוואָרן דער שוין דעמאָלט באקאנטער ווארשעווער עלוי און שפעטער גערער רבי — ר׳ איטשע מאיר 38). שוין דאָס אויסוויילן ר׳ זישע שעדלעצער אין אזא קרייז מענטשן, און דאָס פארטרויען אים אזא געוואגטע מיסיע, באווייזט, אז ער איז געווען א גענוג בארופענער מענטש אין דער חסידישער וועלט אין 19טן יאָרהונדערט.

אין 19טן י. ה. האָבן די מתנגדים געהאט די איבערמאכט אין דער אָנפירונג פון דער שעדלעצער קהילה. די רבנים זיינען דעמאָלט געווען פון מתנגדישן לאגער. אחוץ דעם רבין, איז אויך געווען דעמאָלט דער שטאָט־מגיד אן איינפלוסרייכע פערזאָן אין יידישן שעדלעץ. דער מגיד פלעגט לערנען מיטן עולם א שיעור און אָפט ארויסטרעטן אויפן בעלע־מער מיט א דרשה. נאָכן מגיד איז געגאנגען דער שטאָט־חזן, וועמענס השפעה אויפן עולם איז געווען אָפהענגיק פון זיינע חזנישע פעאיקייטן. איז דער חזן געווען א גוטער בעל־תפילה, מיט א זיסער שטים, איז זיין איינפלוס געווען גאָר גרויס. מ׳קען זיך פאָרשטעלן, אז דאָס צו־קלויבן א חזן איז געווען א וויכטיקע געשעעניש פארן קהל. אָפטמאָל איז עס געווען פארבונדן מיט מחלוקת און אומצופרידנקייט פון דעם אָדער יענעם צד. איין צד האָט געפאָדערט פון חזן ער זאָל זיין א ירא שמים און א למדן, א צווייטער צד איז גרייט געווען פון דעם זיך אָפּ־צוזאָגן, בתנאי דער חזן זאָל זיין א גוטער בעל נוסח און באזיצן א זיסע שטים. אין פארלויף פון צענדליקער יאָרן זיינען די חזנים אין שעדלעץ געווען אן אָביעקט פון מחלוקתן.

גראָד האָט זיך געשאפן א לאגע, אז פון יאָר תרי״ט (1818) און וויטער זיינען געווען אין שעדלעץ חזנים, לויטער מתנגדים, קעמפער קעגן חסידות. אזעלכער איז געווען ר׳ שמואל דוד סעמיאַטיטשער (נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״א — 1861). ענלעך צו אים איז געווען זיין נאָכפאָלגער, ר׳ ראובן קאנטאָר, דער חזן ר׳ יעקב זלמן רובינשטיין פון סלוצק איז אויך געווען א מתנגד. ווען ער איז געבליבן אָן אן „עמוד״ —ווי עס פלעגט זיך אויסדריקן דאָס פאָלק — צוליב דעם וואָס די שטאָ־טישע שול איז פארברענט געוואָרן אין יאָר 1874, האָט ער פארלאָזן שעדלעץ און איז אוועק קיין ליטע, ווייל ער האָט נישט פארטראָגן פוילן, צוליב איר חסידות. דאָרט איז ער געזעסן א יאָר צייט, ביז די שול איז פאררירכט געוואָרן. צוריקקומענדיק האָט ער מיט זיך מיטגע־בראכט דעם ליטווישן מתנגדישן גייסט, צוליב וואָס ס׳איז אין שטאָט

ווידער אויסגעבראָכן א גרויסע מחלוקה. ר׳ יעקב זלמן, נישט האָבנדיק קיין קרעפטן צו קעמפן, האָט פארלאָזט שעדלעץ.

אויך די מגידים זיינען געווען אין פארלויף פון צענדליקער יאָרן לויטערע מתנגדים. אזוי ווי אין 19טן יאָרהונדערט האָט אויך דאָס חסידות געהאט אריינגעדרונגען קיין שעדלעץ, איז אויך ארום מגידות געקומען צו שטארקע קאָנפליקטן צווישןביידע לאגערן.

א פארביסענער מתנגד איז געווען דער מגיד ר׳ מאָנים. זיין געהאלט איז געווען עטלעכע צענדליק גראָשן א וואָך בסך־הכל, וואָס, אפילו אין יענע צייטן האָט אים געסטייעט צו לעבן בלויז א טאָג צוויי אין דער וואָך. די איבעריקע טעג פלעגט ער טאקע פאסטן. ער האָט געשריבן א ספר חידושים אויף תורה. ער זאָל האָבן נפטר געוואָרן אין יאָר 1835. 39).

נאָך אים איז אָנגעקומען אלס מגיד ר׳ ישראל, וועלכער איז באַקאנט געווען מיטן נאָמען ר׳ ישראלקעלע מגיד. ער איז געווען שטארק פארהאסט ביי די חסידים. די חסידים זיינען אים אויף אזוי ווייט דערגאנגען די יאָרן, אז הושענא רבא ביינאכט פון יאָר תרי״א (1851) איז ער אנטלאָפן פון שטאָט.

אין דער זעלבער צייט איז ארויף אויפן כסא־הרבנות אין שעדלעץ א מתנגדישער רב, ר׳ צבי הערש וויינגאָרטן, וועלכער איז שטארק גערודפט געוואָרן דורך די חסידים. ר׳ צבי הערש איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1818. ער האָט מחבר געווען פיל ספרים, וועלכע זיינען פארניכטעט געוואָרן בעת א שרפה, מיטן אויסנאם פון „מר״ם צבי״, וואָס איז נאָך זיין פטירה ארוים אין זשיטאָמיר, אין יאָר תר״ס.

זיינע זין און אייניקלעך זיינען געווען גרויסע רבנים: ר׳ מרדכי מענקעס, דער מחבר פון ספר „מאמר מרדכי״, אויף פסחים, ביצה, מגילה, בבא קמא, בבא מציעא, שבועות, חולין, פרקי־אָבות, כללי תפיסה וכללי מיגו (זשיטאָמיר תר״ס) — איז געווען אן אור־אייניקל פון אָטדעם ר׳ צבי הערש. א זון פון ר׳ מרדכין — ר׳ דובער — האָט זיך גערעכנט מיט זיין עלטער־עלטער־זיידן. אין ספר שאלות ותשובות: „ענף אָבות״, אויף די פיר טיילן „שולחן־ערוך״ (זשיטאָמיר תר״ס), שרייבט ער דאָרט וועגן זיין יחוס: ...„ממני בער ולא אדע בן הרב הצדיק מו״ה מרדכי זללה״ה המחבר ספר „מאיר מרדכי״, על ש״ם ופוסקים נין ונכד להגאון האמתי מופת דורו מוה״ר צבי הערש זללה״ה,אב״ד ות׳ דק״ק שעדלעץ בפולין״ 41).

די שטרייטן האָבן אָנגעהאלטן, ווי שוין דערמאָנט, ביי הונדערט און פופציק יאָר. צוליב דעם אָבער, וואָס אנדערע ווינטן האָבן אָנגעהויבן ווייען אויף דער יידישער גאס — די אײפקומענדיקע השכלה־באוועגונג — האָבן זיך ביסלעכווייז פארלאָשן די צעפלאקערטע פייערן צווישן די

חסידים און מתנגדים.ביידע קעמפנדיקע לאַגערן האָבן זיך ארומגעזען, אז נישט קיין אנדערע ווי די השכלה איז פאר זיי שעדלעך.

א געוויסע פאַרשטעלונג וועגן די קאַמפן צווישן די חסידים און מתנגדים באקומען מיר אויך פון דער שילדערונג פון באוואוסטן דיכטער היינריך היינע, וועלכער האָט באזוכט פוילן, אין 1822. קיין שעדלעץ איז ער געקומען נאָכן באזוך אין מעזריטש. זעט אויס, אז ביי זיין באַזוך האָט ער אין קיין אנדערע שטעט, אחוץ די צוויי, זיך נישט פאר־האלטן. שעדלעץ רופט ער נישט אָן ביים נאָמען, נאָר ער רעדט וועגן איר אלס שטאָט הינטער מעזריטש. מיר ווייסן, אז דער דיכטער איז געקומען פון ווארשע, דעמאָלט האָט נאָך נישט עקסיסטירט קיין טע־ראספאָלער באַן, האָט ער געמוזט דורכפאָרן שעדלעץ. אזוי, אז עס איז קיין ספק נישט, אז די שטאָט וועגן וועלכער ער רעדט איז שעדלעץ.

היינריך היינע איז נישט שטארק באגייסטערט פון דעם אויסער־לעכן אויסזען פון יידן אין שעדלעץ, מיט זייערע שמוציקע היטלען, בערד און זייער „זשארגאָן". דערפאר רעדט ער מיט אָנערקענונג וועגן גייסטיקן לעבן פון די פוילישע יידן. שילדערנדיק די יידן פון שעדלעץ — שילדערט היינע דעם פוילישן ייד בכלל. אויף דער דאָזיקער אינטע־רעסאנטער כאראקטעריסטיק פון היינריך היינע וועגן שעדלעצער יידן בכלל און פוילישע בפרט, האָט דער היסטאָריקער גרעץ זיך לענגער אָפּגעשטעלט און אונטערגעשטראָכן די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון די פוילישע יידן, ריכטיקער געזאָגט, פון די מתנגדים.

זינט די יאָרן 1858 — 1867 האָט פארנומען דאָס שעדלעצער כסא הרבנות נאָך א מתנגדישער רב, הרב ישראל מייזלס, א זון פון בארימטן ווארשעווער רב און פוילישן פאטריאָט — הרב דובעריש מייזלס. זייענ־דיק אין שעדלעץ האָט זיך הרב מייזלס פאראינטערעסירט און ארויס־געגעבן א ווכטיק שאלות־ותשובות־ספר — „תפארת צבי". נאָכן פאָ־טערס פטירה, אין יאָר תר"ל (1870), האָט ער ארויסגעגעבן דאָס „ספר המצוות" פון רמב"ם מיטן פירוש פון זיין פאָטער „באורי הרד"ם" (רד"ם זיינען ראשי תיבות: ר' דב בעריש מייזלס). נאָכן פארלאָזן שעדלעץ איז הרב ישראל מייזלס אוועק קיין ווארשע און צוליב זיין פאָטערס ענינים, איז ער אויך פון ווארשע אוועק קיין קראָקע און דאָרטן אויפגענומען געוואָרן אלס דיין 42).

ר' ישראל מייזלס איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרל"ו (1876). אין קראָקע איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א גרויס בית־המדרש אויף זיין נאָמען, און אויפן קבר איז אויפגעשטעלט געוואָרן א מצבה, אין וועל־כער ס'איז אויסגעקריצט געוואָרן דער ווייטערדיקער טעקסט פון דער רעכטער זייט פון דער מצבה. דער טעקסט בילדעט אן אקראָסטיכאָן פון

די אותיות ישראל מייזלס. פון דער לינקער זייט ענדיקט זיך יעדער פערז מיטן וואָרט ישראל — דער פריוואַט-נאָמען פון רב.

די מצבה לייענט זיך אַזוי:

ציון לנפש אָבינו אדמו"ר הרב הגאון האמיתי הצדיק המפורסם
בוצינא קדישא חסידא ופרישה מ' ישראל אבד"ק שעדליץ,
בהרב הגאון המפורסם בכל קצוי ארץ מ' דובעריש מייזעלס זצלה"ה

ילָלה השמיעו בכל גבול ישראל,
שאו מספד אחינו בית ישראל,
רב ושַליט נפל היום בישראל
אהה! בעוד יומם נכבה נר ישראל
לאנחות עזבנו רועה אבן ישראל
מעשיו נודעו בכל תפוצות ישראל
יומם ולילה עסק בתורה חק ישראל
יושב על מדין ושפט את ישראל
זרחה שם שמשו להאיר לבני ישראל
לאל שבק רוחו וגלה כבוד ישראל
סתר עליון ישכון בכל קודש ישראל
י"ג (יציאת נשמתו — י. כ.) הטהורה ביום ד' מרחשוון
שנת קול **נהי לישראל** ואבל כבד לישראל לפ"ק 43).

אויך דער שפּעטערדיקער רב, ר' ברוך ליפשיץ, מחבר פון ספר „ברית יעקב", איז אויך געווען א מתנגד. ווען אים דערציילט אַלטער דראַיאַנאָוו אין זיין גרויסער וויצן-זאַמלונג, אַז אַ מאָל איז געקומען קיין שעדליץ אַ באַוואוסטער רבי; ווי דער שטייגער, האָבן אים חסידים אָנגעהויבן טראָגן פּדיונות, בעטן ביי אים ברכות און פרעגן זיך עצות. אויך צו מאָרגנס איז ר' ברוך מרדכי אוועק צום רבין. דער רבי, דערזעענדיק ביי זיך אַזאַ חשובן גאַסט, האָט ער זיך געווענדט צום רב און געפרעגט:

— צו וואָס האָט איר זיך געדאַרפט מטריח זיין און קומען צו מיר?

ענטפערט אים ר' ברוך מרדכי:

— כ'האָב געוואָלט זען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי קען עס א ייד א ירא־שמים נעמען אומזיסט געלט 44).

די השכלה־באַוועגונג

לײַדער, צוליבן דוחק אין מקורות-מאַטעריאַל, האָבן מיר נישט קיין פּרטים וועגן דעם אָפּקלאַנג, וואָס די השכלה-באַוועגונג האָט געפונען אין שעדליץ. פון דער בראָשור פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר, וואָס ווערט

צוגעשריבן צו א געוויסן ראדאָמינסקי 45). דערוויסן מיר זיך, אז אין שעדלעץ האָבן שוין אין יאָר 1819 געלערנט אין דער אָרטיקער עלע־מענטארער שול 26 יידישע שילער, פון צווישן זיי האָבן זיך עטלעכע אויסגעצייכנט און באקומען נאגראדעס. פון אן אנדערער קוועלע 46) ווערן מיר געוואויר וועגן א גרופע שילערינס, וואָס האָט געענדיקט א מלוכהשע, עלעמענטארע שול, צווישן זיי פיגורירט איינע מיטן נאָמען הינדע גרינבערג, וועלכע האָט אויך באקומען אן אויסצייכענונג פאר גוט לערנען.

פון די אויבנדערמאָנטע פאקטן איז צו זען, אז אין שעדלעץ האָבן זיך געפונען יידישע עלטערן, וועלכע האָבן געשיקט זייערע קינדער לער־נען אין א שול צוזאמען מיט קריסטלעכע קינדער. אויב מיר וועלן נעמען אין אכט די פארהעלטנישמעסיק שטרענג־קאָנסערוואטיווע באדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דער יידישער משפחה אין א פוילישער פראָ־ווינצשטאָט ווי שעדלעץ, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אז אין שעדלעץ האָבן געלעבט אין יענער צייט משכילים, וואָס זיינען געווען פאראינ־טערעסירט אין דער אויסבילדונג פון זייערע קינדער.

מער פרטים וועגן משכילים און השכלה אין שעדלעץ זיינען פאראן פון די שפּעטערדיקע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, וועגן וואָס אונז וועט נאָך אויסקומען צוריידן.

די אנטוויקלונג פון יידישן שפּיטאָל־וועזן

א יידישער שפּיטאָל אויף זייער א נידעריקן ניוואָ, אָבער דאָך א שפּיטאָל, האָט שוין עקזיסטירט אין שעדלעץ אין די פריערדיקע יאָרן און נאָך אפשר פארן 19טן י. ה. עס האָט זיך געפונען אין דער געגנט, וואו ס'איז שפּעטער, אין 1890 אויפגעבויט געוואָרן דאָס יידישע שפּי־טאָל — צווישן צווייטן בית־עלמין און דער פּיענקנע־גאַס פון איין זייט, און שטאָטישן מארק און גאָרטן, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט די אזויגערופענע „געסלעך". פון דער צווייטער זייט. אין א בריוו פון 17טן (29סטן) אויגוסט 1844, האָט דער אויפזיכטסראט פון שעדלעצער קרייז זיך געווענדעט צום „דאָזאָר", מיט דער ווייטער געבראכטער בריוו וואָס איז געשיקט געוואָרן צום פּרנס־חודש.

ביי דער דעמאָלט עקסיסטירנדיקער אָרדענונג איז די יידישע גמינע באשטאנען פון א פארוואלטונג פון עטלעכע פּערזאָן, נכבדים פון דער שטאָט. יעדער פון דער פארוואלטונג האָט אמטירט לויט דער ריי, א חודש צייט. אין פארלויף פון דאָזיקן חודש האָט ער געהייסן „פּרנס־חודש". דער בריוואויסטויש פון דער יידישער גמינע האָט זיך אלזאָ געפירט צווישן דעם „פּרנס־חודש", אָדער „דאָזאָר" און דער מאכט. די

אויפזיכטמאכט האָט געפירט איר קאָרעספּאָנדענץ מיטן „דאָזאָר", דורך דער פארמיטלונג פון שעדלעצער מאגיסטראט. אין בריוו 47) איז געזאָגט געוואָרן:

„היות דער ראט האָט זיך שוין צוזאמענגעשטעלט און היות דער אוקאז פון 2/3 1842, גיט אים איבער די אויפזיכט איבער די אָרעמע־לייט פון יידישן גלויבן, לכן זאָל דער דאָזאָר צושטעלן אן אויסצוג פון אלע פאָנדן פארן יידישן שפּיטאָל".

דער ענטפער פון דאָזאָר אויף דער ווענדונג וואָס איז געשריבן גע־וואָרן אין אָקטאָבער 1844, איז ווייט נישט געווען קיין בכבודיקער; אין דעם ענטפער זאָגט זיך:

„דערפילנדיק די דערמאָנטע פאָדערונג בנוגע די פאָנדן, דערקלער איך: די יידישע גמינע אין שעדלעץ האָט שוין פון לאנג בדעה אויפצו־שטעלן א שפּיטאָל פאר יידן. די נויטיקע איינריכטונגען צו דעם האָט זי שוין ווי אויך א זייער פּאסנד אָרט און גענוגנדע פאָנדן. דאָס אָרט איז פאראן, נאָר די פאָנדן זיינען, א דאַנק דעם געוועזענעם דאָזאָר, צעטרענצלט געוואָרן און זיינען נישט גענוג. די פריערדיקע דאָזאָרעס האָבן זיך נישט באמיט צו בויען דאָס שפּיטאָל, נאָר האָבן נאָך, דעם פון לאנג־עקזיס־טירענדן ענגן שפּיטאָל, אזוי אָפּגעלאָזט, אז עס איז איצט טויגבאר נאָר צום פונאנדערנעמען".

די קאָפּיע פון דעם דאָקומענט איז נישט אונטערגעשריבן, און עס איז איצט אוממעגלעך צו דערגיין, ווער ס'זיינען דעמאָלט געווען די דאָזאָרעס, וואָס האָבן געשריבן דעם בריוו.

אין דער קאָרעספּאָנדענץ האָבן זיך אויך געפונען פּרטים וועגן איי־נעם א געוויסן לייבטשע ליכטענבערג, וועמען עס איז דערלויבט געוואָרן פאר זיין פּריוואטן נוצן, פונאנדערצונעמען דעם בנין אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס יידישע שפּיטאָל (הקדש) אָן וועלכער ס'איז באַ־לוינונג פאר דער גמינע.

דאָס אוועקגעבן אָן באלוינונג דעם בנין מיט דעם „אומריינעם" פּלאץ — ווי ס'איז געמאָלדן געוואָרן — האָט נישט נושא חן געווען ביי דער מאכט. אין אן אנדערן בריוו פון דאָזאָר צו דער מאכט, וואָס איז געשריבן געוואָרן דעם 13טן יולי 1846, שרייבט שוין דער דאָזאָר א ראפּאָרט צום מאגיסטראט, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן א ליציטאַ־ציע צו פארדינגען דעם גאָרטן ביים שפּיטאָל. די באדינגונגען אויף וועלכע דער גאָרטן קאָן פארדונגען ווערן (וועגן וועלכן ס'האָט זיך ביז איצט גערעדט ווי וועגן אן אומריינעם פּלאץ) זיינען אזעלכע:

„ס'ווערט פארדונגען פאר 1 רובל מיט 50 קאָפּיקעס יערלעך. דער ליציטאנט דארף אריינטראָגן די העלפט פון דער סומע, 75 קאָפּ. אלס

קויציע. פון דער קויציע קען זיך דער רעפלעקטאנט קיין פּראָצענט נישט מאָנען, דער צינז דאַרף געצאָלט ווערן אין האלב־יערלעכע ראטעס. פרייען ארייינטריט און ארייינפאַר דורך דעם פּלאַץ צום שפּיטאָל און בית־עולם. אויב אין משך פון דער צייט וועט אויסקומען אויפצושטעלן א נייעם שפּיטאָל, ווערט דער קאָנטראַקט בטל".

אונטער די דאָזיקע באַדינגונגען איז אונטערגעשריבן — „צוזאַ־מענגעשטעלט: ש. ווישניא", דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון דער קהילה.

ווי ס'איז צו זען פון דעם בריוווועקסל, האָט שוין פון פריער עק־סיסטירט א מין שפּיטאָל, ס'זיינען אויך געקליבן געוואָרן מיטלען אויף צו בויען א בעסערן, און אין דער ליציטאַציע איז אפילו געוועזן א רמז וועגן אויפשטעלן אויף דעם פּלאַץ א שפּיטאָל. דאָס אַלטע אַזויגערופענע שפּיטאָל איז פאַקטיש חרוב געוואָרן, זיין באַדייטונג אלס אזעלכעס איז שפּעטער אויך אָפיציעל געענדערט געוואָרן. דעם 30סטן דעצעמבער 1868 האָט דער שעדלעצער מאגיסטראַט געמאָלדן דעם דאָזאַר, אז דאָס הויז ביים בית־עולם איז געבליבן אין ארענדע ביי יודל ליכטענבערג פאַר 10 רובל 90 קאָפּיקעס. דאָ רעדט זיך שוין וועגן א הויז און נישט וועגן שפּיטאָל.

די געשיכטע פון שפּעטערדיקן און נייעם יידישן שפּיטאָל האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1869. אין שייכות מיט דער פאַראָרדענונג פון דער רוסישער מאכט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: „געזעץ ווי נוהג צו זיין זיך מיט דער הלבשה און ספּעציפישע באַזונדערקייטן פון די יידן און זייערע פרויען", דאַטירט פון 19טן יולי 1851, פאַרעפנטלעכט ערשט דעם 3טן מערץ 1871, האָט דער פּאָליצמייסטער מאדראַך, צוגעשיקט דעם דאָזאַר א קאָפּיע פון דערמאָנטן געזעץ צו פאַרעפנטלעכן דריי מאָל אין שול. לויט דער אויפפאָדערונג פון דער גובערניע־פאַרוואַלטונג, שלאָגט ער פאָר דעם דאָזאַר צו באַאיינפלוסן די יידן, אז זיי זאָלן זיך אָפּשערן די פּאות און די האָר צו גלייך מיט דער קריסטלעכער באַפעל־קערונג. די ווייבער זאָלן אויסטאָן די שייטלען און קופקעס און ביז דעם 10טן מערץ 1871 פאַרזען זיך מיט טשעפּקעס און ביז דעם 15טן מערץ פון זעלבן יאָר — פאַרטוישן די דעמאָלטיקע מלבושים אויף אזא קליי־דונג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורכן געזעץ. אין קעגנפאַל וועלן זיי צוגעצויגן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס געזעץ וועגן הלבשה האָט נישט געצאָלט אָנרירן רבנים.

אין שטאָט האָבן זיך אָבער געפונען אזעלכע יידן, וועלכע האָבן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט זיך שיידן מיט זייערע טראַדיציאָנעלע קליידער. דערפאַר זיינען זיי באַשטראָפט געוואָרן פון דער מאכט מיט א

געלטאָפּצאָל. דאָס געלט פון די שטראָפן האָט די רעגירונג לאָקירט אין דער ווארשעווער באַנק־פּאָלסקי. אין 1869 האָט זיך געהאט אָנגעזאמלט א סכום פון 11.551 רובל. די יידישע גמינע מיטן דאָזאָר ישראל בער לי־ווערענט האָבן אָנגענומען שריט, אז דאָס אָנגעזאמלטע געלט פון די שטראָפן זאָל אָפּגעגעבן ווערן דער קהילה, מיטן צוועק אויפצושטעלן א שפּיטאָל. די באמיאונגען האָבן געדויערט העכער צוואנציק יאָר צייט ביז די בקשה איז דערפילט געוואָרן. פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט זיך געפירט צווישן דער יידישער קהילה מיט די צענטראלע מאכט־אָרגאנען אין פּעטערבורג, דורך דער פארמיטלונג פון שעדלעצער מאַ־גיסטראַט, אנטפּלעקט זיך אַן אינטערעסאנט בילד, ווי אזוי דאָס יידישע קהל־לעבן האָט אויסגעזען אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י. ה.

די יידישע קהילה האָט אין איר בריוו אנטוויקלט א בויפּלאַן פון בנין און אָנגעוויזן, אז זי האָט פאר דער שפּיטאָל־געביידע באשטימט א פּלאַץ, וואָס געפינט זיך נעבן שטאָטישן מארק אויפן עק פּיענקנע. דער־ווייל איז פאַרגעלייגט געוואָרן אויפצובויען א הויז פאר צוועלף בעטן, מיט דער מעגלעכקייט צו פארברייטערן דאָס שפּיטאָל ביז פופצן בעטן.

די גובערניע־פארוואלטונג האָט אויף דעם בריוו פון דער קהילה געענטפערט פאָלגענדעס: דער ארכיטעקט פון דער גובערניע־פארוואל־טונג מאדזשעעווסקי האָט אויסגערעכנט, אז דער פּראָיעקטירטער שפּי־טאָל דארף, לפּחות, האָבן צוואנציק צימערן און הילפס־געביידעס, ווי: א קיך, וואשצימערן, שטאלן א. א. וו. בלויז דער הויפּט־בנין דארף קאָסטן 14.000 רובל, די געהילפס־געביידעס — 2.500 רובל. אינסטאלאַ־ציע, וועש, מעבל, כלים און אינסטרומענטן — 1.200 רובל, בסך־הכל 17.700 רובל. די גובערניע האָט אויך איינגעפונען, אז דער פאָרגעשלאָ־גענער פּלאַץ איז צו קליין און איז נישט פּאסיק פאר אזא ארט אינסטי־טוציע, ווייל ער געפינט זיך אין צענטער שטאָט און ביים מארק. דער גמינע איז פאָרגעלייגט געוואָרן, זי זאָל קויפן א צווייטן פּלאַץ.

פיר יאָר צייט זיינען אָפּגעפלאָסן ביז די יידישע גמינע האָט זיך אויף ס'ניי געווענדעט וועגן ענין שפּיטאָל. דאָס איז געווען דעם 23סטן אויגוסט 1877. די דאָזאָרעס ה. ציבולע און ש. גרינבערג האָבן געבעטן דעם מאגיסטראט צו באנייען די באמיאונגען וועגן א יידישן שפּיטאָל און געמאכט די זעלבע פאָרשלאָגן ווי פריער, אָבער די תשובה, וואָס איז דערהאלטן געוואָרן פון פּעטערבורג איז געווען נישט וויניקער נע־גאַטיוו ווי די פריערדיקע.

אין א בריוו פון 31סטן אויגוסט, ווערט געזאָגט, אז דער פּראָיעקט איז שוין באהאנדלט געוואָרן אין די פריערדיקע יאָרן און די רעגירונגס־אָרגאנען האָבן דעם דאָזאָר געבעטן געניוי אָנווייזונגען וואָס ס'פאָדערט זיך בכדי צו פארווירקלעכן דעם פּראָיעקט און נישט געקוקט דערויף

חזרט איבער דער דאָזאָר נאָך א מאָל דאָס זעלבע. דערביי ווערט אין בריוו געגעבן א גאָב דעם גמינע־שרייבער שלמה ווישניע, פארוואָס ער האָט דערלאָזט, אז די גמינע זאָל זיך ווענדן נאָך א מאָל וועגן אָט דעם ענין און ער באקומט דערפאר א שטרענגן פאָרוואורף. די דאָזאָרעס זיינען גלייכצייטיק אויפגעפאָדערט געוואָרן פאָרצולייגן ווי אמשנעלסטן אן אנדערן קאנדידאט אויפן אָרט פון ביז־איצטיקן גמינע־סעקרעטאר.

דעם 18/7, 1873 און שפּעטער דעם 6/12, 1877 פאָדערט אויף דער מאגיסטראט אין נאָמען פון דער גובערניאלער פארוואלטונג, אז דער דאָזאָר זאָל צושטעלן די געפאָדערטע מיינונג פון דער יידישער געזעל־שאפט וועגן א שטענדיקן אָפּצאָל פארן שפּיטאָל אונטער א „פּערזענלע־כער פאראנטוואָרטלעכקייט פון די דאָזאָרעס און דעם קהל־שרייבער".

די וויטערדיקע אנטוויקלונג פון דעם שפּיטאָל־ענין איז געווען אזעלכע: דער מאגיסטראט האָט אין אָנהויב 1880 פּראָיעקטירט צו סקאסירן דעם פערדמארק פאר דער שול און איבערטראָגן אים אויף דער פיענקנע־גאס (שפּעטערדיקער מארק), ווי אויך צונעמען דעם קהל־שן פּלאץ און מיט אים פארגרעסערן דעם פּראָיעקטירטן מארק. דער דאָזיקער פאָרשלאג האָט ארויסגערופן א שטאַרקע אומצופרידנקייט ביי דער יידישער באפעלקערונג, ווייל אין יענער תקופה האָט זיך דאָס גאנצע ווירטשאפטלעכע לעבן גרופּירט ארום מארק, א סך יידן האָבן דאָרט געהאט זייערע קראָמען און הייזער.

דעם 16/4, 1880 איז דער דאָזאָר ווייטער געבעטן געוואָרן מיט־צוטיילן, ווען ס'איז פארמאכט געוואָרן דער בית־עולם, דאָס איז נויטיק געווען צו וויסן ביים באטראכטן דעם פּראָיעקט פון א שפּיטאָל. די האָ־פענונג צו קענען ענדלעך אויפבויען א יידישן שפּיטאָל איז געוואָרן רעאָל און די יידישע עסקנים זיינען דעריבער געוואָרן אקטיווער. דער דאָזאָר האָט צוגעשטעלט דער מאכט, צוזאמען מיט דער ווענדונג צו בויען דעם שפּיטאָל, א באשלוס מיט 233 אונטערשריפטן מצד דער יידישער גמינע, וואָס אָנערקענט די נויטיקייט פון שפּיטאָל און איז זיך מתחייב צו צאָלן יערלעך 1445 רובל. דער פּראָיעקט איז דאָס מאָל אי־בערגעשיקט געוואָרן קיין פּעטערבורג, צום אינערן־מיניסטער, צו באַ־שטעטיקן.

ערשט אין פיר יאָר ארום, דעם 3/4, 1884, איז דער פּראָיעקט צו־ריקגעקומען מיט א צושריפט פון גענעראל־גובערנאטאָר, אז דער טעכ־נישער קאָמיטעט האָט געפונען אין פּלאן טעכנישע פעלערן און אזוי ווי די סומע פון 1445 רובל איז נאָר א טיילווייזע פון דער אלגעמיינער אויסהאלטונג און די פאָרשריפטן פאר וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס פארלאנגען צו האָבן א סכום פאר דער גאנצער אויסהאלטונג, איז דער־מיט די סומע צו קליין. אונטערגעשריבן: — גורקא.

דער פּראָיעקט מיטן גובערנאַטאָרס צושריפט איז דעם 22סטן אַפּ־ריל 1884, איבערגעשיקט געוואָרן צום דאָזאָר דורכן מאַגיסטראַט, וועל־כער מאכט דערביי נאָך א מאָל אויפמערקזאַם, אַז דער פּלאַץ פון דער גמינע איז נישט גינסטיק פאַר א שפּיטאָל, ווייל ער איז אין צענטער שטאָט ביים פּראָיעקטירטן מארק און שלאָגט פאָר פון זיין זייט: טוישן דעם פּלאַץ, וואָס ס׳איז נויטיק פארן מארק, אויף דער פּאָסעסיע פון א געוויסן בויאַלסקי (אויפן דאָזיקן פּלאַץ איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס מיליטערישע שפּיטאָל, און אין אומאָפּהענגיקן פּוילן איז דאָרט געווען די מיליטערישע ווערבירונג־קאָמיסיע (פּ. ק. או.).

דעם 31סטן יאַנואַר 1885, האָבן ישראל בער און בנימין ליוועראנט אונטערגעשריבן זיך, אַז זיי זיינען זיך מתחייב אויפצושטעלן דאָס שפּי־טאָל אויף דעם גמינעפּלאַץ פאַר א סומע פון 125.104 רובל, אויף וואָס זיי גאַראַנטירן מיט זייערע הייזער און גאַנצן פאַרמעגן.


די ענדערונג אין בויפּלאַן צוליב די אָנגעוויזענע טעכנישע פעלערן, ווי אויך די טעכנישע קאָסטן־אויסרעכענונג, האָבן אינגאַנצן געענדערט דעם פריערדיקן פּראָיעקט. צוליב דעם האָט זיך ווידער פאַרשלעפּט די זאַך אויף פיר יאָר און ערשט אין 1888 ווערן שוין צוזאַמענגעשטעלט און פאָרגעבערייט די נויטיקע דאָקומענטן מיט דער בקשה וועגן דער ענדגילטיקער דערלויבעניש. די אַלע דאָקומענטן אַנטהאַלטן:

א) די טעכנישע אויסבעסערונגען מיט א פעסטשטעלונג, אַז צו־ליב דוחק אין מיטלען זאָל מען דערווייל בויען נאָר איין בנין. (דער פריערדיקער פּלאַן האָט פאָראויסגעזען צוויי בנינים) דער נייער פּראָ־יעקט איז אויפגעשטעלט דורכן גובערניאַלן אינזשעניער מאַדרזשעוו־סקי, דעם 10/3, 1888.

ב) א באַשטעטיקטער באַשלוס פאַרזען מיט 279 אונטערשריפטן פון עטאַט־צאָלערס בראש מיט די דאָזאָרעס: א. קאַמינסקי, י. מ. לובעל־סקי, ב. כהנא און דעמאָלטיקער רב, הרב גראָהבאַרד, וועגן בויען דערווייל נאָר איין בנין אויף צען בעטלעך (פאָריקער פּלאַן האָט פּראָ־יעקטירט 50 בעטלעך), ווי אויך א התחייבות צו צאָלן יערלעך 2.147 רובל, 50 קאָפּיקעס אויף אויסצוהאַלטן דאָס שפּיטאָל.

ג) אַן אונטערשריפט פון דאָזאָר א. קאַמינסקי, פון 1/7, 1888, אין נאָמען פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, אַז זי פאַרלאַנגט נישט און וועט קיינמאָל אין דער צוקונפט אויך נישט פאַרלאַנגען און נישט אַרויסטרעטן צו דער מאכט מיט קיין בקשה, וועגן וועלכער ס׳איז סובסידיע, אָדער אונטערשטיצונג פארן שפּיטאָל. דאָס מאָל האָט שוין די באַמיאונג געהאַט דערפאָלג. דער פּלאַן איז גוט אויסגעאַרבעט געוואָרן.

נאָך איין מאָל האָט דער מאַגיסטראַט געפּרואווט שטערן אויסצו־



בערל כהנא

פירן דעם פּלאַן. דער מאָטיוו איז ווידער געווען דער זעלבער — דער פּלאַץ איז צו קליין און נישט פּאַסיק פאַר א שפּיטאָל. דעם 28/2, 1890 איז דער דאָזאָר אויפגעפאָדערט געוואָרן צו רופן אויף צו מאָרגנס א פארזאמלונג ביים רב, מיט דער באטייליקונג פון בעלי-בתים, צו באַטראכטן די פראגע וועגן בייטן דעם פּלאַץ, וואָס איז באשטימט פארן שפּיטאָל, ווייל דאָס אָרט איז טעכניש און סאניטאריש נישט פּאסיק אויף א היילאנשטאלט און אין שייכות דערמיט וואָס ס'טרעפט זיך צו קויפן אן אנדער בנין, א מער פּאסיקן.

פון פּראָטאָקאָל פון דער דאָזיקער בעראטונג, דערוויסן מיר זיך, אז ס'האָבן דאָרט אָנטיילגענומען 23 מעלי-בתים: יודל ארזשעל, מרדכי היינסדאָרף, סנדר באקסנבוים, משה גאָלדשטערן, נטע זילבערצווייג, ישראל-בער ליווערצנט, פישל פרענקל, שמואל ברוקארזש, נטע רובינשטיין, יעקב סלושני, משה קעלמענזאָן, ישראל ריכטער, יוסף זאַיאָנץ, גדליה שפּירא, אביגדור סאלניצא, בנימין ליווערצנט, ח. ד. ליכטענפּאכט, מאיר יונה ראָזענצווייג, יעקב גרינשפּאן, וואָלף אָפּענהיים, זלמן קאמיענגע, קלמן ווישניע און קלמן יאבלאָן. קיין באריכט פון דער בעראטונג איז אין די אקטן נישט פארבליבן. זעט אויס, אז די בעראטונג האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון מאגיסטראט, ווייל באלד אין קורצן איז מען צוגעטרעטן בויען.

זייער כאראקטעריסטיש איז די ווענדונג פון דער יידישער גמינע צום גובערנאטאָר, פון 18/12, 1890. אין דער ווענדונג בעט די גמינע: היות דאָס יידישע שפיטאָל האלט זיך ביים עפענען, זאָל מען דאָרט באשטימען אלס דאָקטער איינעם פון „יידישן גלויבן", וועלכער זאָל פארשטיין צו רעדן מיט די קראנקע יידיש. באגרינדנדיק די ריכטיקייט פון דעם דאָזיקן פארלאנג, האָט די קהילה פאָרגעשלאָגן דעם ד"ר ראָזענטאל, וועלכער איז געוועזן פאָפּולער אין שטאָט מיט זיין פליסיקייט, געוויסנהאפטיקייט און מיט דעם וואָס ער האָט אָרעמע יידישע קראנקע געהיילט אומזיסט. די ביטע איז וואָס אָן אמת דערפילט געוואָרן, אָבער כאראקטעריסטיש זיינען די ארגומענטן, וועלכע די יידן האָבן דעמאָלט באנוצט, כדי זיי זאָלן קענען אין יידישן שפיטאָל האָבן א דאָקטער, וואָס זאָל רעדן מיט די קראנקע אויף יידיש.

דאָס שפיטאָל איז פארטיק געוואָרן סוף יאָר 1890. דעם 5/9, 1891, ווענדעט זיך דער גובערנאטאָר, דורך דער פארמיטלונג פון מאגיסטראט, צום דאָזאָר — היות די דערעפענונג פון שפיטאָל דארף פאָרקומען אין קורצן, בעט דער גובערנאטאָר, אז מ'זאָל אים פאָרשטעלן פינף קאנדידאטן — בעלי-בתים, וואָס זיינען באקאנט מיט שפיטאָל-ענינים, כדי צו באשטימען איינעם פון זיי אלס קוראטאָר. דער מאגיסטראט האָט פאָרגעשלאָגן פאָלגנדיקע קאנדידאטן: מרדכי היינסדאָרף, איצל ארזשעל, ישראל-בער ליווראנט, נתן (גוליע) זילבערצווייג און אברהם קאמינסקי. דער דאָזאָר אָבער האָט פאָרגעלייגט אנדערע קאנדידאטן: מ. היינסדאָרף, בנימין ליווראנט, נ. זילבערצווייג, הערשקע צעלניק און איצל ארזשעל. דעם 4/10, 1891, גיט דער מאגיסטראט צו וויסן, אז אלס קוראטאָר אויף דריי יאָר איז גאָר באשטימט געוואָרן אלטער סלושני. אזוי האָט אויסגעזען די אפיטרופסות איבער די יידישע ענינים: אָנגעפרעגט, אויסגעהערט זייער מיינונג און געטאָן ווי עס האָט זיך זיי פארגלוסט. דער צווייטער קוראטאָר, אברהם קאמינסקי, איז שוין באשטימט געוואָרן דורך דער קהילה זעלבסט. פון 1902 ביז 1926, האָט דעם אמט אלס קוראטאָר פארנומען י. נ. וויינטרויב. כדי צו פארזיכערן די הכנסה פון שפיטאָל זיינען נאָך אין 1902, אויפן פּלאץ פון שפיטאָל, אויפגעשטעלט געוואָרן 15 קראָמען.

אין יאָר 1892 איז אין שעדלעץ אויסגעבראָכן די כאָלערא-עפּידעמיע. דאָס שפיטאָל איז פארוואנדלט געוואָרן אין אן עפּידעמישן הייל-אנשטאלט. דעם 31/12, 1892 מעלדעט ד"ר ראָזענטאל, אז פון 1טן יאַנואר 1893 — הייבט אָן דער שפיטאָל צו פונקציאָנירן נאָרמאל.

„חברה ש״ס" און „חברה ביקור חולים"

אין יאָר 1839 איז אין שעדלעץ געגרינדעט געוואָרן א חברה ש״ס. מיט צוועלף יאָר שפּעטער, אין יאָר 1851, איז געשאפן געוואָרן דער פּנקס פון דער חברה. ווי ס'גיט איבער י. נ. וויינטרויב 48), האָבן זיך אין פּנקס געפונען פערצן תקנות. די כאראקטעריסטישסטע פון זיי זיינען פאָלגענדע:

סעיף א) יעדער חבר איז מחויב צו לערנען יעדן טאָג א בלאט גמרא אין בית־המדרש באלד אין דער פרי „כי גדול התלמוד שאין לך מדה טובה הימנו";

סעיף ב) דעם דף גמרא זאָל מען נישט לערנען ביחידות נאָר בציבור, צוזאמען, כמאמר חז״ל: „מחבר אל חברים" *) און ביי איין טיש, אין מזרח זייט און צפון זייט פון אָרון הקודש;

סעיף ג) יעדער חברה־מאן איז מחויב צו צאָלן לטובת החברה, אלע ערב ראש חודש, פיר גראָשן, אויב ער וועט נישט צאָלן א לענגערע צייט ווערט ער אויסגעשלאָסן פון דער חברה.

סעיף ד) ווער עס וועט פארמיידן איין טאָג צו קומען צום לערנען, איז מחויב צו צאָלן קנס איין גראָשן, ווער עס וועט עובר זיין אויף צוויי תקנות הפנקס איז מחויב צו צאָלן קנס פינף גראָשן.

סעיף ז) אריינגעמען חברים קען מען נאָר בעת סיום הש״ס, איין מאָל אין זיבן יאָר, אָדער בעת מען קלויבט נייע גבאים, און אויך נישט מער ווי דריי חברים און מיט דער הסכמה פון א רוב דעות פון דער חברה.

סעיף ח) איינקויף־געלט פון חברים חדשים איז נישט ווייניקער ווי אכצן זלאָטעס און י״ש ומגדנות פאר דער גאנצער חברה, און חלילה וחלילה אריינצונעמען אין דער חברה ש״ס נישט קיין לומדים.

סעיף ט) די גבאים און נאמנים פון דער חברה ש״ס טאָרן נישט זיין קיין קרובים צווישן זיך. (מפסולי דאורייתא).

סעיף יא) ווען מען מאכט א סיום אויף איין סדר, קען מען מאכן א סעודה נאָר בהסכמת רוב החברים, נאָר אויף סיום כל הש״ס בבלי

---

*) די דאָזיקע נוסחא פון א מאמר חז״ל געפינען מיר נישט אין ערגעץ; נאָר סע זיינען פאראן די וויכטעדיקע מאמרים: 1) „קנה לך חבר" (אָבות פרק א׳, משנה ו׳); 2) „עשו כתות כתות ועסקו בתורה, לפי שאין התורה נקנית אלא בחבורה (ברכות, דף כ״ג, עמוד ב׳) — (באַמערקונג פון די קאָרעקטאָרן מנ. און מ. ק.).

(סיום הגדול) זיינען די גבאים מחויב צו מאכן א סעודה נישט פרעגנ־דיק די חברה און יעדער חבר איז מחויב צו געבן לא פחות מן איין זהוב על הצטרכות הסעודה.

פון אזא סיום־הש״ס־פייערונג, וואָס איז פאָרגעקומען כ״ב אדר תרל״ט, זיינען אונדז באקאנט פאָלגנדיקע פרטים:

דער גאנצער טאָג, וואָס איז דאן אויסגעפאלן מאָנטיק, איז פאר־רעכנט געוואָרן פאר א יום־טוב. אלע מיטגלידער פון דער חברת ש״ס זיינען געוועזן געקליידעט אין בגדי שבת. זיבן אָוונט האָבן זיך אלע פארזאמלט אין שטאָטישן בית־המדרש, דער אריינגאנג איז געוועזן לויט איינטריטס־קארטן וואָס זיינען דעמאָלט אָנגערופן געוואָרן „מכתב־עתירה״; דאָס בית־המדרש איז שיין דעקאָרירט געוואָרן מיט לאָמפּן, ליכט און זילבערנע מנורות. ביים אריינגאנג און איבער די פענצטער זיינען געווען אויפשריפטן: אמונת — זרעים, עתיך — מועד, חוסן־נשים, ישועות — נזיקין, חכמת — קדשים, ודעת — טהרות.

אזייגער 9 אין אָוונט איז אָנגעקומען דער גובערנאטאָר דמיטרי מאָס־קוויק, אין באגלייטונג פון א סוויטע: דער וויצע־גובערנאטאָר פעטראָוו, פאָליצמייסטער דורנאווא און אנדערע הויך געשטעלטע געסט. די פייע־רונג האָט זיך אָנגעהויבן מיטן געזאנג פון חזן ר׳ אברהם חיים עפּראָן מיטן כאָר, און מיטן שפּילן פון ר׳ לייביש מיט זיין זון יאנטשע מיט זייער קאפּעלע. עס איז געזאָגט געוואָרן דאָס קאפּיטל תהילים ל׳. דער גובערנאטאָר האָט געטרונקען לחיים פארן צאר און שפּעטער פאר דעם גאנצן קהל נאָך דעם ווי מ׳האָט געענטפערט דעם גובערנאטאָר אויף זיינע פראַגעס וועגן פארדינסט פון חזן, אז ער באקומט 250 רובל א יאָר, האָט דער גובערנאטאָר געבעטן מ׳זאָל דעם חזן צולייגן נאָך פופציק רובל א יאָר. א צופרידענער האָט ער פארלאָזט צוזאמען מיט זיין סוויטע דאָס בית־המדרש. די סעודה האָט זיך געצויגן א גאנצע נאכט, ביי דער באטייליקונג פון דריי הונדערט פערזאָן. דאָזאָרעס זיינען דעמאָלט גע־וועזן: שמעון גרינבערג, צבי צעבולע, ישראל דב ליוועראנט. די גבאים פון דער חברה ש״ס: פייוול בוים, צבי יוסף טשארנאָבראָדא און דוד שמעון הכהן גרינבערג.

די „חברה ביקור חולים״

אין משך פון 19טן י. ה. האָט דער יידישער ישוב אין שעדלעץ גע־שאפן א גאנצע ריי אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף, צדקה־אנשטאלטן א. א. וו. צוליבן דוחק אין מקורות־מאטעריאל איז שווער ארויסצובאקומען א בילד ווי אזוי די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן זיך

געפירט, וואָס איז געווען זייער טעטיקייט און די באַזעם פון זייער עקסיסטענץ. פון איינער אזא ארט אינסטיטוציע, פון דער „חברה ביקור חולים החדשה“, וואָס איז געגעפנט געוואָרן אין יאָר תר״ד (1843) — האָט זיך אויפגעהאלטן דער פנקס. פון דאָזיקן פנקס באַקומען מיר א פאַרשטעלונג, ווי עס האָט אויסגעזען דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין יענער צייט.

קודם־כל מוז אונטערגעשטראָכן ווערן דער נאָמען פון דער אינסטי-טוציע — „חברת ביקור חולים החדשה“. דערפון איז געדרונגען, אז פאר דער דאָזיקער חברה האָט שוין געמוזט עקסיסטירן א „ביקור חולים“. צווייטנס דאַרף באַטאָנט ווערן, אז אונדזער השערה, אין א פריערדיק קאַפּיטל, אז דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַרמירן פון בעלי־מלאכהשע שיכטן, ווערט אויך באַשטעטיקט דורך דעם פנקס פון דער „חברה ביקור חולים“. ווי עס איז געשריבן אין דער הקדמה צום פנקס, איז די דאָזיקע חברה באַשטאַנען פון שוסטער, וועל-כע האָבן געשאַפן די „חברה ביקור חולים החדשה“ פאר קעגנזייטיקער הילף — לעשות ליום ביקור חולים זה עם זה“.

דער אויסערלעכער אויסזען פון פנקס: א קווארטאַ-פאָרמאַט, ביי א צוויי הונדערט בלעטער געבונדן אין א גרין טונקל לעדער. די שפּראַך איז העברעאיש אין רבנישן סטיל פון 18טן י. ה. אָבער פארגרייזט. דאָס שער־בלאַט איז אָרנאַמענטיש און ענלעך צו א „שויתי“.

אין דער הקדמה ווערט געזאָגט, אז די אונטערגעשריבענע האָבן אויף זיך גענומען מקיים צו זיין די מצווה פון ביקור חולים, וואָס איז „איינע פון די גרעסטע זיילן פון דער וועלט“. די אונטערגעשריבענע האָבן זיך געחתמעט אונטער דער הקדמה אין ז׳ אָדר תר״ד (ווי באַ-וואוסט איז אָנגענומען, אז ז׳ אדר, איז די יאָרצייט פון משה רבינו). די אונטערשריפטן האָבן בלויז דעם פאָרנאָמען און פאָטערס נאָמען, קיין פאמיליע־נאָמען פיגורירט נישט אין פנקס.

אויפן צווייטן בלאַט זיינען אָנגעגעבן די ווייטערדיקע ערשטע אכצן תקנות פון דער חברה 79).

א) אויב איינער פון די אנשי החברה ווערט חו״ש קראַנק, איז מוטל א חוב, אז צוויי מענטשן פון דער חברה „ביקור חולים“ זאָלן גיין אים מבקר חולה זיין און נעכטיקן ביי אים די גאנצע צייט פון זיין קראַנקייט. אויב מיט איינעם וועט זיך חו״ש טרעפן אן אונס און ער וועט נישט קענען גיין, איז ער מחויב צו געבן דעם גבאי א האלבע זלאָטע אין דער קאַסע (פון דער חברה) און דער גבאי דאַרף שיקן א מענטש, וואָס זאָל נעכטיקן ביים חולה.

ב) אויב איינער פון די אנשי החברה ווערט קראַנק און ער האָט

נישט אויף צו היילן זיך חו״ש, איז מוטל אויף די גבאים אויסצובאָרגן אים געלט אויף צו היילן זיך, לויטן געלט וואָס געפינט זיך אין דער קאסע, און ווען ער ווערט געזונט איז ער מחויב דאָס געלט אויסצוצאָלן אין וואָכן־ראטעס, לויט זיינע מעגלעכקייטן.

ג) אויב איינער פון די אנשי החברה שטארבט ר״ל, איז די גאנצע חברה מחויב צו דאווגען ביי אים גאנץ שלשים, אלע אָוונט, אין דער פרי. אויב א נפטר, א מיטגליד פון דער חברה לאָזט נישט איבער קיין קינ־דער, איז איינער פון דער חברה מחויב צו זאָגן נאָך אים קדיש א גאנץ יאָר.

ד) אויב ביי איינעם פון די אנשי החברה ווערט געבוירן א זון, דארף ער געבן 18 גראָשן לטובת דער חברה, און אויב א טאָכטער, דארף ער געבן 9 גראָשן.

ה) אויב איינער פון די אנשי החברה מאכט זיך א ניי מלבוש פון „קיטייי״ דארף ער געבן 18 גראָשן לטובת דער חברה און אויב ער מאכט זיך א מלבוש פון „דימקע״ דארף ער געבן 9 גראָשן.

ו) צוויי מענטשן פון דער חברה זיינען מחויב צו גיין אלע וואָך איינקאסירן די נדבות, וואָס ס׳האָבן זיך מתחייב געווען צו צאָלן די אנשי החברה.

ז) יעדעס מאָל, ווען מען וועט מאכן א „קלפי״ דארפן פון די שוסטער שטענדיק זיין צוויי פערזאָן: איינער א גבאי און דער צווייטער א משגיח, כדי אלץ זאָל געטאָן ווערן אין אָרדענונג.

ח) אלע יאָר י״ח אדר דארף מען מאכן א נייע „קלפי״.

ט) דער וואָס ווערט באשטימט דורך די בוררים פאר א גבאי, קען שוין נישט האָבן קיין שום אנדער התמנות נאָך 3 יאָר. אויב אין די דריי יאָר האָט ער דערפילט זיינע חובות בשלמות און שפעטער וועט ער געבן לטובת דער חברה וויפל ס׳וועלן אויף אים ארויפלייגן די חודש־גבאים, האָט ער דעם זעלבן דין, ווי אלע אנדערע אנשי החברה בנוגע יעדן אמט פון כבוד אָדער דבר שבקדושה.

י) יעדן י״ח אדר זאמלען זיך צונויף אלע חברים, כדי צו מאכן א נייע „קלפי״. דער סדר פון דער „קלפי״ איז אזעלכער: יעדן ווערט געגעבן א צעטעלע, דער גבאי־החודש שרייבט אויף די נעמען, לייגט אריין די צעטעלעך אין א „קלפי״, נעמט ארויס פון דאָרט 6 צעטעלעך און שפעטער לייגט ער זיי צוריק אריין אין דער „קלפי״ און נעמט ארויס. די דאָזיקע הייסן בוררים און זיי באשטימען גבאים פאר דער חברה.

יא) די בוררים האָבן רעכט צו באשטימען פיר גבאים: א קאַ־סירער (נאמן־דמעות), איינעם וואָס זאָל האלטן דעם פנקס (נאמן

דפנקס), דריי רואי־חשבונות און דריי משגיחים, וואָס זאָלן אכטונג געבן אויף יעדער זאַך, אז די חברה זאָל געפירט ווערן אין אָרדענונג און אז יעדער, וועלכער וועט באשטימט ווערן דורך די בוררים, זאָל מקיים זיין אַלץ, וואָס ער איז מחויב, נאָר ערלעך דאַרף אַלץ פארשריבן ווערן אין פנקס, קלאָר און דייטלעך.

יב) די בוררים טאָרן נישט אויפהאלטן דאָס באשטימען די מנהלים (לעשות התמנות) לענגער ווי דריי טעג. בעת אָבער זיי וועלן אויפהאלטן לענגער פון דער דאָזיקער צייט, טאָרן זיי שוין מער דאָס מאָל נישט קלויבן קיין מנהלים, נאָר מען דאַרף מאכן נייע „קלפי", לויט דעם זעלבן אופן, ווי ס'איז אויבן אָנגעוויזן.

יג) אויב די חברה וועט וועלן שרייבן א ספר־תורה (אין וועלכער זי וועט זיך נויטיקן ווי ס'איז דערמאנט אין תקנה ז*) איז יעדער פון דער חברה מחויב צו געבן צושטייער אזוי פיל, וויפל די גבאים וועלן אויף אים ארויפלייגן. באם אָבער איינער וועט נישט וועלן געבן, לויט ווי די גבאים וועלן אויף אים ארויפלייגן, דארפן די גבאים מיט די אנשי חברה החשובים צונויפקומען זיך אויף אן אסיפה און אזוי ווי זיי וועלן אים קנסענען אזוי זאָל זיין.

יד) מענטשן, וועלכע געהערן נישט צו דער חברה און פארלאַנגען זיך אָנצושליסן אין דער חברה, דארפן זיי דאָס מודיע זיין דעם גבאי־החודש. דער גבאי־החודש, דאַרף דאָס פאָרלייגן פאר דער גאנצער חברה און ברוב־דעות ווערט באשלאָסן בנוגע איינשרייבגעלט והן בנוגע אנדערע ענינים. דאָס איינשרייבגעלט קאָן נישט זיין ווייניקער ווי זעקס גילדן, אחוץ לעקעך און י"ש פאר די בני־החברה.

טו) יעדער, וואָס וועט וועלן געהערן צו דער חברה, איז מחויב צו געבן דעם שמש אכצן גראָשן שכר־טרחה פארן רופן די חברה אויף דער אסיפה.

טז) דער גבאי־החודש האָט צוויי שטימען ביי יעדער פראגע, וואָס ווערט באשטימט לויט א רוב דעות. סיי ביים ארויפלייגן א שטראָף אויף איינעם פון דער חברה וואָס איז עובר אויף די תקנות, וועלכע זיינען דאָ אויסגערעכנט, סיי אויב די בני־ההברה וועלן איינגעפינען, אז מ'דארף איינעם קנסענען, אָדער אויב איינער וועט ווידערשפעניקן קעגן די גבאים, ווערט די שטראָף ארויפגעלייגט לויט דעם איינזען פונעם

---

*) צום באדויערן געפינען מיר אין תקנה ז' גאָרנישט וועגן דעם. (באמערקונג פון די קאָרעקטאָרן מג. און מ. ק.).

גבאי־החודש און דורך אים ווערט זי אויך אויפגעמאָנט פונעם באשול־דיקטן. דאָס אלץ דארף פארשריבן ווערן לזכרון.

יז) בעת מען מאכט די קלפי פון דער חברה לויט ווי ס'איז גע־שריבן אין דער תקנה י', דארף מען צוגעבן צו די, וואָס ווערן באשטימט לויט דער קלפי, ביז אכצן פערזאָן און דערביי זאָל אויך אָפּגעהיט ווערן די תקנה ז'. באם די חברה וועט פארגרעסערט און באַרייכערט ווערן, האָבן די בוררים, בעתן מאכן די קלפי, רעכט צו באשטימען איינעם פון די שוסטער פאר א גבאי און איינעם פאר א משגיח.

יח) אויב איינער פון די אנשי החברה ווערט ח"ו קראנק, איז די גאנצע חברה מחויב צונויפזואמלען זיך אין בית־המדרש און זאָגן תהילים פאר אים, בכדי השי"ת זאָל זיך אויף אים מרחם זיין און שיקן א רפואה שלימה.

דער ערשטער פּראָטאָקאָל פון די אויסגעקליבענע גבאים, משגיחים, קאסירער און נאמן דפנקס, איז פארשריבן אויף דער דריטער זייט פון פנקס, און איז פארזען מיט די אונטערשריפטן פון פיר בוררים, וועל־כע האָבן באשטימט די דאָזיקע מנהלים. אזעלכע פּראָטאָקאָלן זיינען פארשריבן געוואָרן יעדעס יאָר, נאָך דער קלפי.

נאָכן ערשטן פּראָטאָקאָל איז פארפיקסירט געוואָרן א נייע תקנה —א נייינצנטע, וועלכע באשטימט: אויב ס'וועט זיך פארשרייבן א נייער מיטגליד אין דער חברה און ער וועט געבן איינשרייבגעלט, געהערט א העלפט פון דעם איינשרייב־געלט צו דער קאסע און א העלפט צו די גבאים, וועלכע האָבן רעכט צו טאָן דערמיט, לויט אייגענעם איינזען. לויט דער נייער תקנה דארף אויך געמאכט ווערן א געשנורט בוך און דעם קאסירער איז פארבאָטן געוואָרן אויסצוגעבן אפילו א פרוטה אָן א באשלוס פון די גבאים.

דער קריזיס פון דער חברה האָט זיך אָנגעהויבן אין פערטן יאָר פון איר עקסיסטענץ. די חברים האָבן אָנגעהויבן פארנאכלעסיקן זייערע פליכטן. א' מרחשון תר"ז (1847) איז אין פנקס פארשריבן געוואָרן די פאָלגנדיקע באמערקונג:

„היות מיר האָבן געגרינדעט א „ביקור חולים חדשה" און יעדער האָט זיך מתחייב געווען, בעת ער איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער חברה, ער זאָל געבן וואָך־ביי־וואָך, וויפל זיין הארץ וועט באוויליקן און גיין נעכטיקן צו יעדן קראנקן פון דער חברה, לויט די תקנות פון פנקס, און יעצט בעוה"ר, ווען די צייטן זיינען געוואָרן שלעכט, האָבן די אנשי החברה אויפגעהערט צו געבן זייערע נדבות און ס'איז נישטאָ מיט וואָס

צו העלפן די קראנקע, הן בנוגע רפואות, הן בנוגע אנדערע הצטרכותן, לכן האָבן מיר זיך גענומען אויף ס׳ניי מחזק זיין די חברה און זען, אז יעדער זאָל מוזן געבן, וואָך־ביי־וואָך, דאָס, וואָס ער איז שולדיק, לויט ווי ס׳איז באשטימט געוואָרן בעת ער איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אין דער חברה. עס טאָר נישט פאָרקומען קיין הפסק אפילו איין וואָך. יעדער מוז גיין נעכטיקן א נאכט ביי א קראנקן, ווען ער וועט באקומען א קוויטל פון גבאי, אויב נישט זאָל ער דינגען אויף זיין חשבון איינעם צו נעכטיקן און טאָר זיך נישט ארויסדרייען דערפון מיט פארשידענע תרוצים. באם אָבער, אז איינער וועט איך משך פון א גאנצן חודש נישט געבן, וואָס עס קומט פון אים, אָדער ער וועט נישט גיין נעכטיקן צו קיין קראנקן, ווען ער וועט באקומען א קוויטל ווערט ער אויסגעשלאָסן פון דער חברה. באם איינער האָט חרטה דערויף, וואָס ער האָט אויפגעהערט צו געבן די „וואָכערס״, אָדער וואָס ער איז נישט געגאנגען נעכטיקן צו קיין קראנקן, דארף ער באצאָלן קנס, לויט ווי דער גבאי וועט אויף אים ארויפלייגן, ווען עמיצער ווערט אויסגעשלאָסן פון דער חברה, קאָן ער נישט צוריק־מאָנען דאָס, וואָס ער האָט פריער מנדב געווען, נישט דורכן יידישן דין, אזוי אויך נישט דורך קיין אנדער געריכט, און קיין שום מקור דארף זיך נישט צוהערן צו זיינע טענות.״

אין יאָר תרי״ב איז אריינגעשריבן געוואָרן אין פנקס א תקנה, וועלכע באווייזט, אז אין לעבן פון דער דאַזיקער חברה האָבן אָנגעהויבן צו הערשן מחלוקתן צוליב כבוד. די דאַזיקע תקנה קלינגט אזוי:

„היות מיר האָבן איינגעזען, אז ס׳איז אנטשטאנען א מחלוקת און א קריגערייַ צווישן די גבאים מכח דעם, ביי וועמען ס׳דארף פאָרקומען דער לעקעך און בראָנפן אין טאָג פון דער קלפי און ביי וועמען ס׳דארף פאָרקומען די קלפי, צוליב דער גרויסער זינד פון מחלוקת האָבן מיר, בכדי איינצושטילן די מחלוקת צווישן די גבאים און די אנדערע פון דער חברה, מתקן געווען, דער, ווער ס׳וועט אויסגעקליבן ווערן פאר גבאי־ראשון, דער דארף געבן אן אָרט ביי זיך אויף לעקעך און בראָנפן און אויף דער קלפי און אויב ר׳וועט נישט האָבן ביי זיך קיין פאסיק אָרט, קען ער אויסקלויבן אן אָרט ביי וועמען אנדערש פון דער חברה און אלע גבאים און משגיחים טאָרן נישט האָבן דערויף קיין פאריבל״.

אין לעבן פון דער דאַזיקער חברה זיינען פאָרגעקומען פארשידענע לענגערע הפסקות און יעדעס מאָל איז די חברה ווידער באנייט געוואָרן. דאָס לעצטע מאָל איז די חברה באנייט געוואָרן אין יאָר תר״ע און ס׳זיינען דאן צוגעטרעטן צו איר פרישע עסקנים.

דער אויסזען פון שעדלעץ אין 19טן יאָרהונדערט און די צאָל פון אירע איינוואוינער

דער שוין דערמאָנטער פּראָפ. י. מיקולסקי גיט אָן ציפערן וועגן דעם וואוקס פון דער שטאָט אין פארלויף פון 19טן י. ה.

יאָר	אלג. צאָל איינוו.	צאָל יידן	פּראָצענט יידן
1821	4441	2908	65,5
1840	6471	4359	67,4
1855	7263	4804	66,1
1878	11931	8156	68,3
1897	15131	10094	66,7

דער שוואכער צוואוואוקס פון דער צאָל איינוואוינער אין די 9 יאָר — 1846 ביז 1855 — איז לויט פּראָפ. מיקולסקי געווען צוליב דעם, ווייל אין 1845 איז סקאסירט געוואָרן די פּאָדלאשער גובערניע און איז פאראייניקט געוואָרן מיט דער לובלינער. שעדלעץ האָט אויפגעהערט צו זיין א גובערניע־שטאָט, דאָס האָט גורם געווען, אז פון שעדלעץ זאָלן אריבערגעטראָגן ווערן אייניקע אדמיניסטראטיווע אמטן און מיט זיי זיינען מיטגעגאנגען אלע פּערזאָנען וואָס זיינען געווען פאראינטערע־סירט אין די אמטן (50).

אין די דרייסיקער יאָרן פון 20סטן י. ה. האָבן זיך אָפּגעפונען די מאפּעס פון שעדלעץ פון יאָר 1811, וואָס זיינען אויסגעפירט געוואָרן דורך א געוויסן וואַטאַר. זיי גיבן אונדז א באגריף פון דער פארבויאונג פון שעדלעץ אין אָנהויב 19טן י. ה. און פון דעם אויסבוי פון דעם מזרח־טייל פון שטאָט, ד. ה. די געגנט פון אלטן ראטהויז. אן אנדער פּלאן פון קאָלאָנעל ווינטער, פון 1829, נעמט ארום דעם מערב־טייל פון שטאָט, ד. ה. די געגנט פון דער תפיסה. ווי ס'ווייזט אויס זיינען ביידע פּלאנען די עלטסטע פון דעם מין וועגן שעדלעץ.

פון די דאָזיקע מאפּעס איז צו זען, אז די פּלאריאנסקי גאס איז גע־ווען זייער שוואך פארבויט. אויף דער דאָזיקער גאס זיינען סך־הכל גע־ווען ביי זעקס הילצערנע הייזער, הינטער די דאָזיקע הייזער האָבן זיך

געפונען די אזויגערופענע „חזירים-לאַנקעס“ מיט אן אַזיערע אין דער מיט גאס. די שענקעוויטש גאס, איז נאָך דעמאָלט נישט געווען, אויף דעם אָרט האָבן זיך געפונען די שטאָטישע גערטנער. (דעריבער איז געווען דער נאָמען פון דער גאס — אגראדאָווע, איידער מ׳האָט איר געגעבן דעם נאָמען שענקעוויטש). ס׳זיינען אויך נישטאָ קיין שפורן פון שפּעטערדיקן שפּיטאָל אויף סטאראוויעש. פון מזרח-זייט צו דער קאַפּ-ליצע פון דער פירשטין אָגינסקא, איז דעמאָלט געווען א נישט-גרויסער גאָרטן און ביי דער קאפּליצע אן אָזיערע, וועלכע איז ברייט געפלאָסן אין דער ריכטונג פון דער שפּעטערדיקער גימנאזיע א. נ. פון העטמאַן זשולקאָווסקי. דאָ האָט זיך אויך געפונען א ברייטער פערדפלאץ, וואָס האָט געהערט צום פּאלאץ. אויפן אָרט פון דער שפּעטערדיקער טעאט-ראַלנער גאס זעט מען א לענגערע, הילצערנע געביידע, קענטיק א טעא-טער, הינטער איר — ווידער אן אָזיערע, וואָס איז דערגאַנגען ביז דער פּוסטע גאס; מיט הונדערט און דרייסיק יאָר שפּעטער איז אויפן אָרט פון וואסער געווען א פּריוואטע פּאָסעסיע.

א ריזיקע אָזיערע האָט זיך אויך געפונען אויף דער דעמאָלטיקער און אויך שפּעטער באקאנטער בלאָניע-גאס. נישט ווייט פון אָרט, וואו עס האָט זיך שפּעטער געפונען די געביידע פון דער פּאָוושעכנער שול. די לענג פון דער אָזיערע, וואָס האָט זיך געצויגן אין דער לענג פון דער גאס, האָט דערגרייכט, לויטן מאָסשטאב, עטלעכע צענדליק קלאפטער. א ביסל א קלענערע אָזיערע איז אויך געווען אויף יענער זייט פון דעם אָרט, וואו עס איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן די פּאָלקסשול אויף בלאָניע. נאָך דער אָזיערע האָבן זיך געצויגן שטאָטישע גערטנער פון איין זייט, פון דער רעכטער זייט ביזן שעכטהויז און פון דער אנ-דערער זייט — די „גלינקעס“.

פון דער יאטקע-גאס איז געווען בלויז א טייל — פון דלוגע ביז בראַווארנע — וויטער אין דער זייט פון פּראָספּעקטאָווא, וועלכע האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאט קיין נאָמען, האָבן זיך געצויגן די אזויגערו-פענע „יידישע ברויערייען“, צוליב וואָס די גאס האָט שפּעטער באקומען דעם נאָמען „בראַווארנע“.

אויפן אָרט פון שפּעטערדיקן מאגיסטראט (וועלכער איז פארניכ-טעט געוואָרן בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה), די פייערלעשער אין דעם שכנותדיקן סקווער — איז דעמאָלט געווען א פערדמארק, דערי-בער האָט די גאס, איידער מ׳האָט זי גערופן סטארינעק, געטראָגן דעם נאָמען — קאָנסקי-רינעק.

די װארשעווער גאס, שפּעטער פּילסודסקי, נאָכן צווייטן וועלט-קריג, אין רעזשים פון דער פּוילישער פאָלקס-דעמאָקראטיע — „גענע-

ראל שווייערטשעווסקי" — האָט דעמאָלט אין יענער צייט געטראָגן דעם נאָמען פון גענעראל רוזשניצקי, אוים דאנקבארקייט, ווייל ער האָט די שטאָט אָפּגענומען ביי די רוסן. די שפּעטערדיקע מעשים אָבער פון דעם זעלבן גענעראל האָבן געצוואונגען צו בייטן דעם נאָמען פון דער גאס. געמויערטע הייזער האָבן זיך געפונען אין שטאָט, במשך די יאָרן 1811 — 1829, קוים א 19 — 20. נאטירלעך נישט אריינרעכענענדיק דעם פלאץ, מיט די בנינים. דער שפּעטערדיקער אזוי באקאנטער שטייער־אמט, די קירכע, דאָס שפּעטערדיקע הויז פון די גלחים, דאָס ראטהויז — אן אלט געמויערט הויז וואו ס'האָט זיך שפּעטער געפונען דער קלוב און אחוץ זיי א רייע געמויערטע הייזער.

דער ווארשעווער שאָסיי איז אדורכגעפירט געוואָרן אין 1920.

אויף א פּלאן פון דריטן און לעצטן יידישן בית־עולם — אויפגע־שטעלט אין יאָר 1825 — ווערט די קערקוצקי גאס אָנגערופן: „דער אלטער ווארשעווער וועג", פון וועלכן ס'איז צו זען, אז דער וועג פון שעדלעץ קיין ווארשע איז געגאנגען, אָדער מ'האָט געמאכט דעם שאָסיי, דורך דער קערקוצקי גאס. ווארשיינלעך איז די ריכטונג פון דעמאָלטיקן ווארשעווער וועג געגאנגען אזוי: קערקוצקי גאס, אין דער ריכטונג פון דער באן־ליניע ביזן דאָרף פיאסקי, דערנאָך האָט זיך דער וועג געצויגן ביז דעם יאלאָוויטש־וועלדל, וואו עס זיינען שפּעטער אויסגעבויט גע־וואָרן הייזער פאר ארבעטסלאָזע, האָט אדורכגעשניטן אין דער נאָענט פון דער בריק דאָס טייכל און זיך געצויגן ווייטער צו אלט־איגאן, פון דאָרטן, דורך די דערפער דאמברואווקי און צישע — קיין ווארשע.

דער שטאָטמארק צווישן דער תפיסה און דעם יידישן שפּיטאָל, איז אינגאנצן נישט באצייכנט אויף ביידע פּלענער. אויף דעם אָרט האָבן זיך געצויגן די אזוי גערופענע שטאָטישע אָקאָפּעס, וועלכע האָבן מיט א גלייכער ליניע אדורכגעשניטן די גאסן: פילסודסקי, 1טער מאַי־גאַס און זיך פאראייניקט מיט דער אָקאָפּאָווע גאס. דערביי האָבן די אָקאָ־פּעס דורכגעשניטן דעם פּלאץ ביי דער שפּעטערדיקער קאטעדרע און דעם באבויטן שטח צווישן דער קאטעדרע און „באנק פּאָלסקי".

די פּאָלנע גאס איז דעמאָלט נישט געווען, אָבער אויפן אָרט פון דער שפּעטערדיקער גלוכי גאס האָט זיך דעמאָלט געצויגן א וועג מיט נישט קיין גלייכער ליניע, וואָס איז געווען א המשך פון דער קערקוצקי גאס אין דער ריכטונג פון דעם אלטן ווארשעווער וועג. די דאָזיקע גאס, אָדער וועג, ווי מ'זאָל עס נישט רופן, האָט זיך אָנגעהויבן נעבן דעם צווייטן בית־עולם, אויף שענקעוויטש גאס.

דאָס יידישע שעדלעץ אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט

אין יאָר 1894 האָט דאָס יידישע שעדלעץ זיך באַטייליקט אין א משכילישער אויסגאַבע אין יידיש, וואָס האָט געהאַט פאַר א ציל צו באַקעמפן דעם פאַנאַטיזם אין די דריי שטעט: ביאַלאַ־פּאָדלאַסק, שעדלעץ און יאַנאָוו.

די אויסגאַבע האָט טאַקע געהייסן „אַנטי־פאַנאַטיזם". די שעפער אירע זיינען געווען: דער העברעאישער לערער שלום ראַטשין, פון דער שכנותדיקער שטאָט ביאַלאַ־פּאָדלאַסק, צוזאַמען מיט א גרופּע משכילים פון דער אומגעגנט, צווישן זיי אויך א געוויסע פריילין זאַלצמאַן פון שעדלעץ. וועגן כאַראַקטער פון דער שריפט זאָגט עדות דער נאָמען אירער — „אַנטי־פאַנאַטיזם" און האָט געזאָלט פירן אַן אויפקלערערישע אַרבעט פאַר השכלה און באַקעמפן דעם פאַנאַטיזם, וואָס האָט נאָך גע־בושעוועט אויף דער יידישער גאַס. הגם די השכלה האָט זיך שוין גע־האַט צו יענער צייט דערוואָרבן פּאָזיציעס אין יידישן לעבן, דאָך איז די דערמאָנטע צייטונג נישט דערשינען אין שעדלעץ גופא, נאָר אין דער שכנותדיקער שטאָט ביאַלאַ־פּאָדלאַסק. אָבער שעדלעץ האָט געהאַט א גרויסן חלק אין דער דאָזיקער אויסגאַבע.

קיין דרוקעריי, אַדמיניסטראַציע און טעכנישן פּערסאָנאַל האָט „אַנטי־פאַנאַטיזם" נישט געדאַרפט, ווייל די צייטונג איז געשריבן גע־וואָרן מיט דער האַנט. טאַקע דורך ראַטשינען גופא, בלויז אין דריי עקזעמפּלאַרן, און איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין די שטעט: שעדלעץ, ביאַ־לאַ און יאַנאָוו — איין עקזעמפּלאַר פאַר יעדער שטאָט.

דער רעדאַקטאָר שלום ראַטשין איז געווען א טשעקאַווער טיפּ. א הייסער משכיל, אָנהענגער און ענטוזיאַסט פון העברעאיש. ווען די אָרטאָדאָקסיע האָט פאַרפאָלגט און געפירט קעגן אים א העצע. זיי, די אָרטאָדאָקסן, האָבן ראַטשינען געהאַלטן פאַר אַן אפּיקורס און זיין צייטונג פאַר טריף־פּסול. די משכילים דאַקעגן, האָבן באַטראַכט זייער צייטונג פאַר א קוואַל פון „וויסן"... פלעגן זי לייענען מיט גרויס נייגע־ריקייט, און איבערגעגעבן זי פון האַנט צו האַנט.

פון „אַנטי־פאַנאַטיזם" זיינען דערשינען בלויז דריי נומערן, אָבער קיין איינער פון זיי איז נישט פאַרבליבן. וועגן אינהאַלט און עקסיסטענץ פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן זשורנאַל דערוויסן מיר זיך פון זכרונות וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פּאָדליאַשער לעבן". נאָר פאַר טשעקאַוועס וועגן איז כדאי איבערצודרוקן א ליד, וואָס איז פאַרעפנט־

לעכט געוואָרן אין ערשטן נומער „אנטי־פאנאטיזם”. דאָס ליד טראָגט דעם נאָמען „ישראליק”51). די דאָזיקע „שאפונג” אילוסטרירט דעם ליטעראַרישן ניוואָ פון דער צייטשריפט.

נע־ונד בין איך געוועזן,
און יעצט בין איך אויך,
ווער האָט מיין געשיכטע געלעזן
ווייסט ווי גרויס ס'איז מיין כוח.

פיל טייכן בלוט
האָט מען פון מיר געצאַפּט,
דאָך ווייס איך גאַנץ גוט
ווי גרויס איז מיין קראַפט.

וויפל צרות האָב איך געמאכט
אין מיין לעבנס־לויף,
דאָך האָט מיר נישט געשאַדט
ווייל דער נאָמען „ייד” איז מיין חוב.

באָדן זיך אין מיין בלוט
איז פון די קלענסטע זאכן,
ווייל מיין נאָמען ייד
קאָנען זיי נישט איבערמאכן — — 52).

אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָט שעדלעץ געהאַט אירע יידישע שרייבער. י. נ. וויינטרויב דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן שעדלעצער ר' אברהם נוסבוים, וועלכער איז געוועזן באַפריינדעט מיט אלכסנדר צעדערבוים, דעם רעדאקטאָר פון „המליץ”, וואו נויסבוים פלעגט אָפּדרוקן קאָרעספּאָנדענציעס. אויך אין פוילישע צייטונגען האָט ער געשריבן. נוסבוים האָט אפילו איבערגעזעצט אויף פויליש „ציון הלא תשאלו” פון ר' יהודה הלוי און די „שמונה פרקים” פון רמב"ם. אויך יצחק ליפּעץ און קלמן גאליצקי, צוויי באַקאַנטע משכילים אין שעדלעץ, האָבן זיך פאַרנומען מיט שרייבן קאָרעספּאָנדענציעס אין פאַרשידענע צייטונגען.

וועגן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן פּרצוף פון שעדלעץ אין סוף פון 19טן י. ה. באַקומען מיר א באַגריף פון 2 אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין „המליץ”, ביידע אין יאָר 1900. דאָס ערשטע אין פעברואר פון דעם יאָר און דאָס צווייטע אין מיי. כדי צו שאַפן א

פולשטענדיק בילד פון עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן פון די שעדלעצער יידן אין יענער צייט, גיבן מיר די ארטיקלען נישט אין זייער כראָנאָ־לאָגישן סדר. ז. זכוכית אין זיין ארטיקל, וואָס איז פארעפנטלעכט גע־וואָרן אין „המליץ" פון חודש יולי 1900, שילדערט דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון שעדלעץ:

„אלץ איז אָפּהענגיק אין מזל, אפילו א שטאָט! ס׳טרעפט, אז א פארוואָרפן שטעטל, וואָס איז גרויס ווי א מענטשנס האנט, פארמאָגט ווייניק איינוואוינער — ווערט זיין נאָמען דערמאָנט אָפט אין די צייטונגען. ס׳טרעפט ווידער, אז א גרויסע, באפעלקערטע שטאָט, וואָס איר נאָמען קלינגט אין מסחר, דאָך פיגורירט זי אפילו נישט אין דער רשימה פון די שטעט און אין די צייטשריפטן ווערט זי נישט דערמאָנט נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן... צווישן די שטעט מיט אזא שלעכט מזל דארף אויך פאררעכנט ווערן שעדלעץ, איינע פון די גובערניאלע שטעט אין פוילן. נישט אָפט רעדט מען וועגן איר אין דער פרעסע, נישט צום גוטן אָדער צום שלעכטן, דעריבער האָב איך באשלאָסן צו באזוכן זי און מיינע איינדרוקן דערציילן פאר דער עפנטלעכקייט. פאר דער פאָלקסציילונג האָט די צאָל יידן וואָס וואוינען אין שעדלעץ באטראָפן אכצן טויזנט. צווישן זיי געפינען זיך, א דאנק גאָט, פארמעגלעכע און גאָר רייכע, וועלכע האָלטן געקענט ווירקן א סך פאר די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס און אויך באאיינפלוסן זייערע ברידער, די אָרימע אין גייסט און מאַטעריע. אזוי קען טראַכטן דער לייענער וואָס איז ווייט פון דער שטאָט, אָבער די זאַך איז נישט אזוי.

לאָמיר נאָר זיך צוקוקן צו דער מאטעריעלער לאגע פון דער באַפעלקערונג. לעצטנס האָט זיך פארערגערט די לאגע פון האנדל אין דער גאָרער וועלט. די פארדינסטן זיינען קליינע, אויך אין פוילן איז א שטיל־שטאנד אין האנדל און אינדוסטריע. אָט, למשל, אין דער גובערניע־שטאָט שעדלעץ איז נישטאָ קיין אינדוסטריע און קיין אייין האנדלס־צווייג, אחוץ די קראָמען און בעלי־מלאכות, וועלכע מיר קענען פון יעדער שטאָט און שטעטל, וואָס דערנערן זיך פון זייער האָרעפּאשנער ארבעט. יעדער שעדלעצער וואָס פארמאָגט אביסל מזומן עפנט זיך א קרעמל, צעלייגט אויף די פאָליצעס א ביסל סחורה און פארקויפט עס אויף קרע־דיט. פארשטענדלעך, אזוי אז קיין פרנסה קען ער דערפון נישט האָבן. וואָס זאָל ער אָבער נעבעך טאָן, אז ער האָט נישט קיין אנדער ברירה? דעריבער זיינען אין שעדלעץ דאָ מער קרעמער פון קונים און ס׳איז נישטאָ קיין הויז, וואו ס׳זאָל זיך נישט געפינען קיין געוועלב. דער קאמף פאר עקסיסטענץ איז שרעקלעך. גייט עמיצער אדורך די גאס, ווערט ער באפאלן דורך די קרעמער, דער שלעפּט אים צו זיך און א צווייטער צו

זיך, דער דורכגייער בלייבט שטיין א דערשטוינטער. די מענטשן, וועלכע פארמאָגן געלט אין זייער טאש, ווערן פּראַצענטניקעס. און די באַרגערס, נישט האָבנדיק קיין ברירה, זיינען געצוואונגען צו צאָלן פּראַצענט, ווי מ׳פאָדערט פון זיי און אפילו פּראַצענט פון פּראַצענט, דעריבער איז קיין וואונדער נישט וואָס נאָך א קורצער צייט ווערן זיי באנקראָטניקעס, ווייל זיי קענען נישט עקסיסטירן.״

ז. זכוכית, פון „המליץ״, וואונדערט זיך אויף די יידן פון פּארמעג־לעכן קלאַס, וואָס באַזיצט שוין יאָ מזומנים, פאַרוואָס זיי באַמיען זיך נישט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די געפאַלענע. זיי קענען דאָך יאָ ברענגען א רעטונג פאר עטלעכע געפאלענע משפחות! זיי אליין וואָלטן אויך געהאט דערפון א נוצן:

„ווען זיי וואָלטן פארשטאנען, וואָלטן זיי געדאַרפט אָנהויבן בויען פאבריקן. ס׳איז דאָרט פאראן א ברייט פעלד און אן ארבעטס־געביט פאר א פאבריק. אויך טויזנטער יידן, וואָלטן דאָרט געקענט געפינען ארבעטס־פּלעצער. צי איז נישט צום לאַכן, אז אין א גובערניע־שטאָט, ווי ס׳איז שעדליץ, זאָל זיך נישט געפינען קיין איין פאבריק? יעדער ייד האָט ליב נאָכצוטאָן דעם צווייטן. ווען איין ייד בלויז זאָל פּרואוון אויפשטעלן א פאבריק און האָבן דערפאָלג, וואָלטן זיך אויך געפונען א סך וואָס וואָלטן מיט אים קאָנקורירט. א באווייז זיינען די געוועלבער וואָס שפּראָצן אזוי ווי שוואָמען נאָכן רעגן...

...אויך דער מאָראַלישער מצב איז נישט בעסער פון מאטעריעלן. וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן מילדערן די לאַגע פון די נויטבאדערפטיקע עקסיסטירן נישט אין דער גאנצער שטאָט. אויב ס׳איז פאראן א געזעלשאפט וואָס הייסט „ביקור חולים״ אָדער „לינת הצדק״, געפינט זי זיך אויך אין אן אומאָרדנונג. די פאַרוואלטערס גיבן נישט אָפּ קיין דין־וחשבון און קיינער פאָדערט נישט פון זיי קיין רעכענונג. איז דען פאראן א נויטיקערע אינסטיטוציע ווי „גמילות חסדים״, בפרט אין איצטיקן מאָמענט, ווען די לאַגע איז אזוי שווער? צי וועט מען גלויבן, אז כ׳וועל זאָגן, אז אפילו אזא אינסטיטוציע עקסיסטירט נישט? אז איי־נער ווערט פאַראָרעמט — דאַרף ער שטאַרבן פון הונגער. ער האָט נישט קיין אויסזיכטן פאר קיין הלוואה, אויסער ביי די הויט־שינדערס. דעם אמת געזאָגט: געפינען זיך דאָ עטלעכע גוטהארציקע מענטשן, וואָס האָבן אָפענע הענט צו העלפן און צו שטיצן די געפאלענע און פאַראָרעמטע, אָבער איין שוואלב קען קיין זומער נישט מאכן... ווי ווייט ס׳זיינען די רייכע שעדלעצער יידן פון זייערע ברידער, זייער אייגן בלוט און פלייש, ווען מען זעט ווי עס גייט זיי גאָרנישט אָן, קענען מיר זיך איבער־

צייגן פון אַט וואָס: נעמען מיר די רשימות פון די מנדבים, וועלכע ווערן פאַרעפנטלעכט, לטובת די פויערים אין בעסאַראַביע, וואָס האָבן געליטן פון דער טריקעניש — דאָרט געפינען זיך נישט קיין שעדלעצער! זיי האָבן קיין קאָפּיקע נישט געגעבן! פאַרוואָס דערווייטערן זיך אַזוי די שעדלעצער און איזאָלירן זיך פון דער גרויסער וועלט און ווילן נישט וויסן, וואָס אונטער זייער נאָז טוט זיך?" 53).

מיט נאָך אייניקע קריטישע באַמערקונגען פאַרענדיקט ז. זכוכית זיין איבערזיכט.

מיט אַ צייט שפּעטער איז אין דער זעלבער צייטונג („המליץ" נר. 240, 11/2 1900) געוועזן אָפּגעדרוקט אַן אַנדער קריטיש אַרטיקל איבער שעדלעץ. דער שרייבער מרדכי קראַסונסקי, ווייזט אויס אַ משכּיל, אַ ליטוואַק, וואָס האָט באַזוכט שעדלעץ, טאַדלט אין „המליץ" דעם דערציאונגס־סיסטעם, וואָס האָט צו יענער צייט געהערשט אין שטאָט. ער שרייבט:

„מיטן אָפּהיטן מנהגים, וואָס זיינען אויסערלעך שוין פאַרעלטערט געוואָרן. זיי זיינען טריי די פאַרצייטישע לעבנספאָרמען און יעדער פריערדיקער מנהג בלייבט ביי זיי אומפאַרענדערט.

אַ תלמוד־תורה־געביידע פאַר אָרעמע יינגלעך, ווי ס'איז איינגעפירט אין אַלע שטעט — איז דאָ נישטאָ. הגם תלמוד־תורה־פּושקעס, וואָס טראָגן אַן אויפשריפט „אַ נדבה פאַר תלמוד־תורה" איז אָנגעקלאַפּט אויף אַלע ווענט פון די שולן. מעגלעך, אַז אויך אין דעם איז פאַראַן אַ געהיימניש... אָבער קיין תלמוד־תורה איז דאָ נישטאָ, און די יוגנט וואַקסט אויף, פּשוט גערעדט: אָן תורה און אָן וויסן.

רעגירונגס־שולן, עלעמענטאַרע און מיטעלע זיינען פאַראַן ווי אין אַלע שטעט, אָבער יידן באַנוצן זיך נישט מיט זיי. צווישן די יידישע תלמידים וואָס לערנען דאָרט און וואָס באַטרעפן פינף פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל שילער, געפינען זיך בלויז צוויי אָרטיקע שילער!"

ווייטער כאַראַקטעריזירט דער שרייבער די יידישע עקאָנאָמיק אין שעדלעץ און קומט צום אויספיר, אַז דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון דעם נישטראַציאָנעלן דערציאונגס־סיסטעם וואָס האָט צו יענער צייט געהערשט אין פּוילן. קראַסונסקי שרייבט ווייטער אין זיין מליצהדיקן סטיל:

„דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט באַזוכט אַלע זעכציק „חדרים" וואָס עקזיסטירן אין שטאָט, און אין קיין איינציקן פון זיי האָט ער נישט געטראָפן קיין תלמיד וואָס זאָל קענען אַביסל תנ"ך, הגם אין

דער זעלבער צייט, ביי דער צאָל ליטווישע מלמדים אין דער שטאָט, וואָלט מען געקענט לערנען תנ"ך, ווייל פאַקטיש באַנוצט מען זיך מיט די דאָזיקע מלמדים. אין איין „חדר" אין וועלכן ס'לערנען זיך 15—16 יעריקע יינגלעך פון די רייכע שיכטן פון שטאָט, האָב איך געזען צו מיין גרויס גליק דאָס ספר ישעיה. אויף מיין עקזאַמינירן־פראַגע, האָבן זיי מיר דערציילט, אַז דאָס ספר האָבן זיי געלערנט פאַראיאָרן זומער און אויך נישט מער ווי ביזן קאַפּיטל ד׳. — „און אין וועלכן נביאים־ספר האָט איר געלערנט נאָך דעם פאַראיאָריקן זומער" — האָב איך געפרעגט?! — בלויז אין דאָזיקן ספר און נישט מער...

— ווי איז דאָס מעגלעך?

— די ערשטע וואָך פון „זמן" האָבן מיר געלערנט צוויי קאַפּיטלעך און די לעצטע וואָך פון „זמן" האָבן מיר געלערנט נאָך אַ קאַפּיטל...

דער מלמד, וועלכער איז אַנוועזנד געווען בעת מיין געשפּרעך, האָט זיך אביסל פאַרענטפערט, און געזאָגט, אַז דעם לימוד פון לשון קודש פאָדערן נישט די עלטערן. ער זעלבסט האָט אויך מורא צו לערנען תנ"ך, כדי מ'זאָל נישט זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַן אפיקורס...

אזוי גרינגשעצן די יידן די דערציאונג, און די זאַך איז די גרונט־סיבה פאַר דעם פעלן פון אחריות לגבי אַ גוטער און נוצלעכער זאַך. דאָס לערנען תלמוד איז זייער פאַרשפּרייט. אָבער אַזוי ווי ס'הערשט נישט קיין אָרדנונג און קיין סיסטעם ביים לערנען איז עס דעריבער צוועקלאָז. מיטן אויסנאַם פון אַ דינעם שיכט לערנער, וואָס די תורה איז זייער פאַך, בלייבן די איבעריקע פוסט פון תורה און לער פון וויסן. די דאָזיקע זיינען טריי אלע מנהגים פון דער רעליגיע מיט אלע פּרטים, עס איז אָבער נישט קיין איינגעוואָרצלטער לעבנס־שטייגער נאָר קומט פון געוואוינהייט..."

פאַרגלייכן מיר די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע, עכט־משכילישע קריטיק וועגן שעדלעץ מיט דער שוין דערמאָנטער אָפּשאַצונג און די זכרונות, זעען מיר, אַז ביידע אַרטיקלען, וואָס זיינען דעמאָלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין איין און דערזעלבער צייט, באַצייכענען שעדלעץ אלס אינדוסטריעלאָזע שטאָט, נישטאָ דער ווילן צו גרינדן ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. מ. קראַסינסקי האָט נאָך טענות, פאַרוואָס אין שטאָט עקסיסטירט נישט קיין תלמוד־תורה־געביידע און האָט טענות צום הערשנדיקן דערציאונגס־סיסטעם.

וואָס שייך אַ תלמוד־תורה־בנין, איז די קריטיק אַ גערעכטע, ווייל צו יענער צייט איז אין שעדלעץ געווען אַ תלמוד־תורה אין אַ חורבה. פּ. דרומי, וועלכער געדענקט די תלמוד־תורה פון דער צייט ווען קראַסינסקי האָט פאַרעפנטלעכט זיין אַרטיקל, דערציילט, אַז אויף פיענקנע

גאס 71, אין זעלבן געסל, וואו ס'האָט זיך געפונען דאָס סקערניעוויצער חסידים-שטיבל, אין א הייזל, וואָס איז געוועזן א האלבע חורבה, זיי־נען געזעסן פיר מלמדים און האָבן געלערנט מיט קינדער. דאָס איז גע־וועזן אין יענער צייט די תלמוד-תורה. די נעמען פון די מלמדים זיינען געוועזן: יאָסל טשעטווער — א דרדקי מלמד, ס'הייסט ער האָט גע־לערנט מיט די יינגסטע קינדער; דער צווייטער — אברהם ראטיניע־וויטש, באקאנט מיטן צונאָמען „די באָבע", ווייל זיין פרוי אסתר מאשע איז געווען א הייבאם, א מין אקושאָרין, ביי אים פלעגן די קינדער אָנ־הייבן חומש; דער דריטער — ברוך לייבל סטרוסמאן, איז געוועזן אכט און דרייסיק יאָר מלמד אין תלמוד-תורה, ביי אים האָט מען אָנגעהויבן לערנען גמרא; ביים פערטן מלמד משה מרדכי קירשענבוים, וועלכן מען האָט גערופן משה מרדכי מיט דעם אייגל, ווייל ער איז געוועזן בלינד אויף איין אויג — ביי אים האָבן שוין דערוואקסענע תלמידים געלערנט גמרא מיט תוספות. בסך־הכל האָבן זיך דאָרטן געלערנט זעכציק תלמי־דים. די קינדער זיינען געוועזן אָרעמע. די תלמוד-תורה איז געוואָרן אויסגעהאלטן פון די הכנסות, וואָס פלעגן אריינקומען פון מיטגלידס־אָפצאָל צו עטלעכע קאָפּיקעס א חודש. אויך אויף שמחות, ווי למשל חתונות, ברית-מילה, האָט מען צונויפגענומען ביישטייערונגען. פון דעם אלעם איז נישט גענוג געווען צו באצאָלן די מלמדים זייער אָרעמען שכר און זיי פלעגן אביסל צוהונגערן.

מיט 3 יאָר שפּעטער, נאָכן פארעפנטלעכן די קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ" האָט שעדלעץ באקומען א פּרעכטיקן תלמוד-תורה-בנין. די דערעפענונג פון דאָזיקן גרויסן בנין איז פאָרגעקומען דאָנערשטיק, ד' אלול תרס"ג (1903). און ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט אין א פריער־דיקן קאפּיטל, איז ער אויפגעשטעלט געוואָרן פון געלט, וואָס ס'האָט איבערגעלאָזט דער נדבן ר' ישראל גרינבערג. דער בנין האָט אָפּגע־קאָסט 4.000 רובל. דער חנוכת-הבית איז געוועזן א גראנדיעזער. דער שעדלעצער רב ר' שמעון דב בער אנאלאק האָט געהאלטן א דרשה מעניני דיומא. דער חזן מיטן כאָר האָבן געזונגען פאסנדיקע קאפּיטלעך תהילים. שפּעטער איז געמאכט געוואָרן אן אזכרה דעם נדבן פון בנין, וועלכער איז אין צווישנצייט געשטאָרבן און האָט אויך, נאָך ביי זיין לעבן, מיט פינף און צוואנציק יאָר צוריק, אויפגעבויט א בית-המדרש. דער אלמנה פון ר' ישראל גרינבערג, וועלכע האָט פינאנצירט דאָס ענ־דיקן פון בנין, איז געמאכט געוואָרן א „מי-שברך" 54).

דער תלמוד-תורה-בנין האָט פארמאָגט בערך 15 צימערן און איז געוועזן דריי שטאָק די הויך. ווען די פּוילישע מאכט האָט גענומען דאָס שול- און דערציאונגס-וועזן אונטער איר אויפזיכט, איז די תלמוד-תורה געשטעלט געוואָרן אונטערן קאָנטראָל פון דער אלגעמיינער שוללייטונג.

דאָס האָט דעם אנשטאלט מחייב געווען אָפּצוהיטן אלע כללים פון היגיענע און געוויסע פעדאגאָגישע פאָרשריפטן. די תלמוד־תורה האָט געציילט צען קלאסן. געווען צייטן, ווען צוויי אָדער דריי כיתות זיינען געווען פאראלעלע, אזוי אז מער פון אכט כיתות זיינען דאָרט נישט געווען און איז פארערכנט געוואָרן פאר א קהילה־אנשטאלט. א דאנק דעם דאַזאָר ר׳ ישראל גוטגעלט, וועלכער האָט איינגעאָרדנט, אז פון דער הכנסה פון דער שחיטה זאָל די תלמוד־תורה באקומען א גרויסן פּראָצענט, איז פארזיכערט געוואָרן דאָס דעקן פון בודזשעט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער אנשטאלט געוואָרן מאָ־דערניזירט. ס׳זיינען איינגעפירט געוואָרן וועלטלעכע לימודים. מ׳האָט געלערנט די לאנדעסשפראך, העברעאיש, אריטמעטיק, צייכענען, גע־שיכטע, געאָגראַפיע, נאטור־וויסנשאפט און אנדערע לימודים. ערשט דעמאָלט איז איינגעפירט געוואָרן א חודש־אָפּצאָל פארן שכר־לימוד. דורכשניטלעך האָבן דאָרט געלערנט ביי 400 קינדער.

טראָץ די אלע רעפאָרמען איז דער לעראנשטאלט געבליבן ווי א חדר פון אלטן סטיל. די לימודים האָבן זיך געצויגן פון 8 אין דער פרי ביז 7 אין אָוונט, מיט אן איבעררייס פון א שעה מיטאָג, זומער און ווינטער. פון קיין זומער־פעריען האָבן די שילער נישט געוואָסן. קיין שפּאצירן צוליב הנאה אָדער נאטור־שפּאצירן — זיינען נישט געמאכט געוואָרן. אין חדר האָט געהערשט דער רבי מיטן קאנטשיק. און אפילו ווען עס זיינען שוין איינגעפירט געוואָרן די וועלטלעכע לימודים, זיינען זיי פאָרגעקו־מען בלויז צוויי שעה אין טאָג.

מיט דער תלמוד־תורה האָבן פארוואלטעט א גרופּע גבאים, וואָס זיינען נישט געוויילט געוואָרן דורך וועלכער ס׳איז אָנערקענטער אינ־סטאנץ, נישט דורך קיין עלטערן־ראט, און נישט נאָמינירט געוואָרן דורך דער קהילה. צווישן זיי האָבן זיך געפונען דער שוין פיל מאָל דער־מאָנטער עסקן ישראל גוטגעלט, מאניש רידעל, משה חיים לעווין, משה זאגאן, סנדר קאנטאָר, הענעך שטיינבערג (קאלושינער), שלמה שמואל אבארבאנעל, יהונתן אייבעשיץ, וועלוול אָרלאָווסקי, ישעיהו זעליקאָ־וויטש, אליעזר שליפּקי, יוסף טשארנע, נ. ד. גליקסבערג איז געווען אין פארלויף פון א סך יאָרן פאָרזיצער פון דער פארוואלטונג.

אין יאָר 1922 האָט י. גוטגעלט פינאנצירט דאָס עפענען א שלאָ־סער־ווארשטאט אין דער תלמוד־תורה. די כוונה פון נדבן איז געווען, אז יינגלעך, נאָכדעם ווי זיי ענדיקן די תלמוד־תורה, זאָלן זיך קענען אויסלערנען דאָס שלאָסעריי־פאך. ביזן יאָר 1925 איז דער ווארשטאט, וועלכער האָט זיך געפירט אונטער דער לייטונג פון יוסף בארג, געווען פארבונדן מיט דער תלמוד־תורה. צוליב דעם אָבער, וואָס קיינער פון די

גבאים האָט נישט געהאט קיין אינטערעס, אז די תלמידים זאָלן קענען א מלאכה, איז דער ווארשטאט כמעט געשטאנען ליידיק. ער האָט נאָר געדינט אלס פּאָזיציע פאר דער גמינע צו דעקן די גרויסע דעפיציטן זיינע. א דאנק די באמיאונגען פון עטלעכע עסקנים האָט די גמינע־פארוואלטונג באשלאָסן צו פארוואנדלען די שלאָסעריי אין א באזונדער אינסטיטוציע. דער ווארשטאט איז פון דעמאָלט אָן געווען באזעצט. אָבער ער האָט עקסיסטירט א קורצע צייט און סוף־כל־סוף זיך געשלאָסן.

רעדנדיק וועגן דער תלמוד־תורה, דארף מען אויך דערמאָנען די ישיבה, אין וועלכער ס'זיינען אָנגעקומען יינגלעך, וואָס האָבן געענדיקט די תלמוד־תורה און זייערע עלטערן אָדער אפּיטרופּסים זיינען געווען פאראינטערעסירט צו לאָזן די קינדער וויטער לערנען תורה. די לימו־דים אין דער ישיבה האָבן זיך געפירט אונטער דער אויפזיכט פון א „משגיח", וועלכער פלעגט „זאָגן" א שיעור פון תלמוד און אים פאר־טייטשן. די תלמידים פלעגן דעם שיעור איבערחזרן. אויסער תלמוד און פוסקים האָט מען אין דער ישיבה גאָרנישט געלערנט. פּרייטיק האָט מען „מעביר" געווען די סדרה. נביאים און כתובים זיינען באטראכט געוואָרן פאר א פּסול לימוד. קענטיק, אז די דאָזיקע ישיבה איז אין שעדלעץ געגרינדעט געוואָרן נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט.

גענויע פּרטים וועגן דער עקסיסטענץ פון א ישיבה האָבן מיר באַ־קומען פון פישל דרומי, וועלכער איז אליין געווען א תלמיד פון דער דאָזיקער ישיבה אין די יאָרן ארום 1900. ער דערציילט, אז אויף פּיענ־קנע גאַס, אין הויז פון ר' הערשל שליפּקא, האָט זיך געפירט אזא ישיבה אונטער דער לייטונג פון ר' ישראל דראגאטשינער, וועלכער איז באַ־קאנט געווען מיט זיין היימישן נאָמען ר' ישראלעלע, א ייד א פאנאטי־קער, וואָס האָט אין זיינער צייט ארויסגעגעבן אן אויפרוף א. נ. „מזכרת אמונה", אונטערגעשריבן פון א סך רבנים, אז מ'טאָר נישט לייענען קיין צייטונגען. ער פלעגט דאווענען אין דריי פּאָר תפילין — רש"י און רבינו תם — צו תפילת שחרית און צו מנחה, האָט ער געלייגט די רבינו שמשון־תפילין. אינטערעסאנט, אז ר' ישראל דראגאטשינער האָט גע־בראכט פון קאָברין א לערער מיטן נאָמען ר' יצחק טענענבוים, כדי צו לערנען מיט די תלמידים רוסיש, חלילה נישט קיין העברעאיש, ווייל דאָס איז געווען טריף־פּסול. נאָך דעם ווי דער גמינע־סעקרעטאר טשטאטשקים איז אוועק קיין ווארשע, האָט איבערגענומען דעם אמט פון גמינע־סעקרעטאר יצחק טענענבוים. אויף זיין אָרט אין דער ישיבה איז געקומען אלס רוסישער לערער אן אנדער ליטווישער ייד מיטן נאָ־מען שעפּלאַן, א ברודער פון דעם דעמאָלט פּאָפּולערן פעלדשער שעפּלאַן.

ר׳ ישראל דראגאטשינער האָט פארלאָזט שעדלעץ נאָכן פּאָגראָם. אויף זיין אָרט איז אָנגעקומען אלס ראש־ישיבה ר׳ דוד יצחק מענדזע־זשעצקי פון ראדזימין. אויך ער איז געווען א גרויסער למדן, אן אלעק־סאנדער חסיד. ווען די תלמוד־תורה איז איינגעקווארטירט געוואָרן אין איר אייגענעם בנין, איז אהין אויך אריבער די ישיבה, וועלכע האָט עקסיסטירט אלס זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע, ביז ס׳איז באשלאָסן געוואָרן צו פארוואנדלען זי אין א המשך פון דער תלמוד־תורה און האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן, ווי א באזונדערע ישיבה.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז נאָכן רעוואָלוציע־יאָר — 1905 און נאָכן פּאָגראָם איז אין די שעדלעצער אָרטאָדאָקסישע קרייזן ארויפגע־שוואומען דער געדאנק צו רעפאָרמירן דאָס דערציאונגס־וועזן. די דאָזי־קע שטרעבונג איז געקומען צום אויסדרוק אין א רעקאָמענדאציע־בריוו, וואָס דער דעמאָלטיקער שעדלעצער רב ר׳ שמעון דב אנאליק האָט ארויסגעגעבן א געוויסן ר׳ לייב הוטנער פון ווארשע. דער בריוו, וועל־כער געפינט זיך אין א פּריוואטן ארכיוו 55) רעקאָמענדירט: צו קאָנ־צענטרירן די עקסיסטירנדיקע חדרים אונטער אן אויפזיכטראט, וואָס זאָל אָפּנעמען דעם שכר־לימוד פון די עלטערן, דער אויפזיכטסראט זאָל צאָלן שכירות די מלמדים און אויך האָבן די פּעדאגאָגישע אויפזיכט אויפן לערנען פון די תלמידים, דורכפירן א סעלעקציע פון די תלמי־דים און צופּאסן זיי צו די מלמדים א. א. וו. די רעקאָמענדאציע האָט דער רב געשריבן עטלעכע וואָכן פאר זיין פּטירה, ווען ער איז שוין געווען קראנק, און קלינגט דעריבער ווי א צוואה.

ער שרייבט:

„הן זה כמה אשר רבים וכן שלמים הסכימו כי טוב ונכון לתקן בכל ערי ישראל ועד מיוחד ע״ד המלמדים ותלמידיהם אשר יפקחו לדעת מה יעשה ישראל בחדריהם. והעיקר כי הועד יבחנו את התלמידים ויבחרו לכל מלמד תלמידים שוים למדרגתם. והאבות ישלמו לכיס הועד, והועד ישלמו להמורים. הנה כעת מצאתי ראיתי כי הרב הג׳ כש״ת ר׳ ליב הוטנער שי׳ בן הר׳ אב״ד ר׳ יוסף זינדל שי׳, מווארשא אשר בידו מגלה עפה על אדות הענין הנ״ל אשר החל לעשות על דרך זה בווארשא והוטב אצל לו ישר חילו לאוריתא. כי רב התועלת בזה. אנכי מכיר בטוב מכבר את הרב מהר״ל הוא אשר כתורה יעשה. לכן מה מאד נכון להיות בעזרו בזה ולחזק ידיו בכל השבילים ותרבה הדעת בישראל. והאבות והמלמדים יראו התועלת עד מהרה. וליהודים תהא אורה. ובזאת בעה״ח, היום יום ג׳ ט׳ בכסלו שנת תרס״ז לפ״ק פק״ק שעדליץ״.

ש. בער בן מאיר ז״ל

חותמת

אין יידישער איבערזעצונג:

„שוין פון גאנץ לאנג ווי א סך פערזאָנען זיינען געקומען צום אויס־פיר, אז ס'איז נויטיק צו באשטימען אין אלע שטעט ספעציעלע קאָמיטעטן איבער די מלמדים און זייערע תלמידים וואס זאָלן האָבן די אויפזיכט איבער די חדרים. דער עיקר זיי זאָלן עקזאמינירן די תלמידים און סעגרעגירן פאר יעדן מלמד פאסיקע פאר אים תלמידים. די עלטערן זאָלן צאָלן שכר־לימוד דעם קאָמיטעט, און דער קאָמיטעט זאָל צאָלן די מלמדים. איצט האָב איך אויסגעפונען, אז דער רב דער גאון ר' לייב הוטנער זאָל לעבן, דער זון פון הויפט־רב ר' יוסף זינדל זאָל לעבן, פון ווארשע, באַזיצט א באפולמעכטיקונג צו ווירקן וועגן דאָזיקן ענין, וואס האָט שוין פון לאנג אָנגעהויבן אין ווארשע, און האָט אפילו מצליח געוועזן. ער טוט גלייכע זאכן פאר דער תורה וועגן און דער נוצן איז א גרויסער. איך קען אים שוין פון לאנג דעם געשעצטן רב ר' לייב, ער טוט ווי די תורה הייסט. דעריבער איז וויכטיק צו העלפן אים און שטארקן זיינע הענט אין אלע וועגן, און זאָל זיך דאָס וויסן ביי יידן פארמערן. די עלטערן און די מלמדים וועלן זען דעם נוצן וואס די זאך וועט ברענגען גאָר שנעל. און די יידן וועט ליכטיק זיין. געחתמעט: היינט דינסטיק, ט' בכסלו פון יאָר תרס"ז, אין דער הייליקער קהילה שעדלעץ."

ש. בער בן מאיר זכרונו לברכה

סטעמפל

מלאכה און ארבעט ביי די שעדלעצער יידן

אין יידישן שעדלעץ, ווי אין רוב שטעט און שטעטלעך אין פוילן, האָט מען אמאָל געקוקט מיט גרינגשעצונג אויפן בעל־מלאכה. דעם האנטווערקער האָט מען געהאלטן פאר מינדערוויכטיקער פון א לערנער, וואָס ביז צו דער חתונה האָט ער געלעבט אויפן חשבון פון טאטע־מאמע, אָדער אויפן חסד פון פרעמדע מענטשן — אויב ער האָט געלערנט אין דער פרעמד אין א ישיבה. — נאָך דער חתונה פלעגט ער עסן „קעסט" ביים שווער. דעם בעל־מלאכה האָט מען געהאלטן נידעריקער פון א קרעמער, פון א פראַצענטניק. וועגן א בעל־מלאכה האָט מען גערעדט מיט שפּאָט, מ'האָט אים גערופן „בעל־מלאך". א שוסטער האָט מען גערופן „סריידאק". מ'האָט זיך געוויצלט און געזאָגט, אז א שוסטער ציט דורך צוויי חזירים דורך איין לאָך", ווייל דער שוסטער, אז ער פלעגט נייען די קאנטן פון די בראנדזוילן האָט ער איינגעפעדעמט די ביינוועלע־פעדעם אין צוויי חזיר־האָר און אזוי ארום גענייט. די

זעלבע באציאונג איז אויך געווען לגבי דעם שניידער. ווען דעם שוס־טער און דעם שניידער האָט מען זיך אויסגעדריקט, אז זיי זיינען גאָר קיין מענטשן נישט. אין אָנהויב פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך געענדערט די באציאונג צום בעל־מלאכה. יידן האָבן איינגעזען, אז ס'איז נישטאָ קיין אנדער אויסוועג ווי פּראָדוקטיוויזאציע. געהאָלפן דערצו האָבן אויך די ציוניסטישע און חלוצישע באוועגונג, וועלכע האָט פּראָקלאמירט די ארבעט אלס לעבנס־אידעאל און די יידיש־סאָציאליס־טישע באוועגונג, וואָס האָט דעם ארבעטער־קלאס ארויסגערוקט אין אויבנאָן פון געזעלשאפטלעכן לעבן.

מיר וועלן דאָ באריכות אויסרעכענען די הויפּט־מלאכות מיט וועל־כע שעדלעצער יידן האָבן זיך פארנומען.

בוי־ארבעטער

דאָס ערשטע פאך, צו וועלכן יידן האָבן זיך גענומען אין שעדלעץ איז געווען דאָס בויפאך און די נעבנצווייגן, ווי למשל: מויערעריי, סטאָ־לעריי אָדער טשעשלעריי, ווי מ'פלעגט דאָס רופן און שלאָסעריי.

די דאָזיקע פאכן האָבן זיך די ערשטע אנטוויקלט, ווייל שעדלעץ אלס גובערניע־שטאָט, האָט אויסגעהאלטן א רעגירונגס־אדמיניסטראציע. די באאמטע האָבן זיך געניטיקט אין וואוינונגען, הייזער זיינען געוואָרן א מקור פון פרנסה, האָט מען זיך פארנומען מיט אויפשטעלן בנינים. די אָפטע שרפות, ווען וועלכע מיר האָבן שוין געשריבן, האָבן פארניכטעט הייזער, וועלכע זיינען צוריק אויפגעבויט געוואָרן א דאנק דער שטאָ־טישער קרעדיט־געזעלשאפט, וואָס האָט צו דעם צוועק געגעבן קרעדיטן יעדן בעל־הבית, וועלכער פלעגט נאָר בעטן פאר בויצוועקן. די געזעל־שאפט פלעגט נישט מאכן קיין אונטערשייד צווישן ייד און נישט־ייד. טאקע א דאנק דעם האָבן יידן געבויט און יידישע מייסטערס מיט זייערע משפחות און זייערע ארבעטער האָבן געהאט פרנסה. צווישן די ארבע־טער האָבן זיך אויך געפונען א פינף־זעקס פּאָליאקן.

ארום 1902, ווען די יידישע ארבעטער האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאני־זירן זיך און קעמפן פאר בעסערע ארבעטס־באדינגונגען, האָבן זיך די קריסטלעכע ארבעטער ארומגעזען, אז זיי דארפן בכלל נישט זיין אָפּ־הענגיק פון די יידישע מייסטערס; זיי קענען אליין ווערן מייסטערס, אָנ־נעמען באשטעלונגען, און אזוי ארום ווערן זעלבסטשטענדיק. צו די קאמפן פון זייערע יידישע חברים זיינען זיי נישט צוגעשטאנען. עמעצער האָט געהאָלפן, די קריסטלעכע בוי־ארבעטער האָבן זיך אָרגאניזירט אין א צעך און אָנגעהויבן קעמפן קעגן זייערע געוועזענע ברויטגעבער — די יידישע בוימייסטער.

דער קריסטלעכער צעך האָט שוין אָנגעהויבן אָננעמען באשטעלונ־גען און זיי אויספירן. א דאנק אָבער דעם דעמאָלטיקן שטאָט-פּרעזידענט דאָמבראָווסקי, וועלכער איז געוועזן ליבעראל צו דער יידישער באפעל־קערונג, האָט דער קריסטלעכער צעך זיינע ציִלן נישט דערגרייכט. דאָמ־בראָווסקי האָט גערופן צו זיך אין געהיים עטלעכע יידישע בוימייסטער, געהייסן זיי ווענדן זיך צו דער גובערניע און צו פאררופן זיך אויף א פאראָרדענונג פון יאָר 1816, וועלכע איז קעגן דעם רעכט פון צעך. דער שטאָט-פּרעזידענט האָט אויך געפּרואווט ווירקן אויף די קריסטלעכע בוי־מייסטער, אז זיי זאָלן אריינגעמען אין זייער צעך אויך די יידישע מייס־טער. די אינטערווענץ האָט נישט געהאט קיין ווירקונג אויף די קריסטן. זייער צעך איז אנטשטאנען. לויטן געזעץ האָט דער צעך געמוזט ציילן אמווייניקסטנס צען מיטגלידער. אזוי ווי קיין צען זיינען זיי נישט געווען, האָבן די קריסטן צונויפגעשאפט נאָך עטלעכע קריסטלעכע בעלי-מלאכות פון דער שעדלעצער געגנט, און אזוי ארום אויפגעשטעלט דעם צעך.

די יידישע בוימייסטער זיינען נישט געווען אָרגאניזירט, האָט יע־דער איינער פון זיי זיך געווענדעט צו דער מאכט אינדיווידועל. דאָס האָט אָבער געדויערט הדשים-לאנג ביז מ'האָט באקומען א תשובה און דער־ווייל האָבן די קריסטן געקאָנט ארויסשטופן די יידישע בוימייסטערס פון זייער איינגעפונדעוועטער בראנזשע.

אין 1912, ווען לויטן פאָרשלאג פון כעלעמער ביסקופ יעוולאָגי, איז די גובערניע פון שעדלעץ אריבערגעפירט געוואָרן קיין כעלם, האָט זיך אָפּגעשטעלט די בוי-באוועגונג. די באאמטע האָבן פארלאָזט די דירות, אזוי ארום האָט זיך געשאפן א מצב, אז ס'זיינען געוועזן ליידיק דירות און קיין לאָקאטאָרן זיינען נישט געוועזן.

— שוסטערס

דאָס שוסטערפאך איז געוועזן דאָס פארשפרייטסטע פאך אין שעד־לעץ. נאָך אין 19טן יאָרהונדערט האָבן שעדלעצער שיך געשמט אין גאנץ רוסלאנד. קיין שעדלעץ פלעגן אראָפּקומען סוחרים פון טיף רוסלאנד, אָפּ־זיצן וואָכנלאנג און צוריקפאָרן אין זייערע וואוינערטער מיט גרויסע טראנספּאָרטן שיך.

די שוסטער-מייסטער האָבן זיך געטיילט אין צוויי קאטעגאָריעס: אזוי גערופענע „אורזשענדאָווע", ס'הייסט: בעלי-מלאכות, וואָס פלעגן אר־בעטן אויף באשטעלונגען פון קליענטן און זיך אויסצייכענען מיט גוטער ארבעט, און כאלופּניקעס-ארבעטער, אָדער קליינע מייסטער, וועלכע פלעגן ארויסבאקומען מאטעריאלן פון גרעסערע סוחרים און אויסגעפירט די ארבעט ביי זיך אין שטוב.

פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה האָבן זיך אין שעדלעץ געפונען בערך 150 „אורזשענדאָווע“ שוסטערס, קרוב צו 200 „באלופניקעס“, צו־זאמען א 350 באשעפטיקטע אין שוסטערפאך.

די לאגע אין פאך איז געוועזן א באפרידיקנדיקע. אלע שוסטערס און זייערע ארבעטער האָבן זיך דערנערט בכבודיק. די גרעסטע באוועגונג אין פאך איז געוועזן אין די ווינטער-חדשים. דאן פלעגן ארויסגעשיקט ווערן די באשטעלטע טראנספאָרטן, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן אין משך פון זומער.

יעדער שוסטער האָט געפילט, אז ער האָט אן עקזאַמישן באָדן אונטער די פיס. ווען אפילו ער איז געוועזן גענדריקט אין מזומנים, פלעגט אים צו הילף קומען דאָס קאנטאָר פון ס. ב. מינץ און ארזשעל; זיי האָבן אויסגעבאָרגט געלט אָדער דיסקאָנטירט די באקומענע וועקסלען פאר דער פארקויפטער סחורה. אזוי האָט זיך געפירט ביזן אויסברוך פון ערשטן וועלטקריג — 1914.

קאמאשן־שטעפערס

דאָס דאָזיקע פאך איז געווען פארבונדן מיט שוסטעריי. דער גורל פון די שוסטערס איז אויך געווען דער גורל פון די קאמאשן-שטעפער.

אויך אין דעם פאך זיינען געווען די שוין דערמאָנטע צוויי קאטעגאָ־ריעס — אורזשענדאָווע און „סוחרישע“, וועלכע פלעגן ארבעטן פאר עקספאָרט. ארום 1910 האָבן זיך אין שעדלעץ געפונען 34 שטעפער־מייסטער און 80 ארבעטער. מיטן אויסברוך פון ערשטן וועלטקריג האָט זיך אויך אין דעם פאך געשאפן אן ארבעטסלאָזיקייט, די מיליטערישע באשטעלונגען האָבן ווידער געגעבן ארבעט.

נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט זיך די צאָל קאמאשן-שטע־פער-ווארשטאטן פארגרעסערט. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ארבעטסלאָזע געזעלן האָבן זיך געעפנט ווארשטאטן. די קאָנקורענץ איז געוואקסן. 75 פראָצענט פון קאמאשן-שטעפער זיינען געווען ארבעטסלאָז.

שניידערס

ערב דער ערשטער וועלט-מלחמה האָבן אין שעדלעץ געלעבט 35 שניידער-מייסטער, וועלכע האָבן זיך געטיילט אויף פינף קאטעגאָריעס. די ערשטע און יחסנישע קאטעגאָריע זיינען געווען די מיליטערישע שניידערס, וועלכע מ׳האָט גערופן „פולקאָווע“. אזוי ווי אין שעדלעץ האָט דאן קווארטירט א סך מיליטער, האָבן זיך די פינף שניידערס געהאט

גאנץ גוט פרנסה. א שטיקל שטילשטאנד האָט בלויז געהערשט אין די זומער־חדשים, ווען דאָס מיליטער פלעגט אוועקגיין אויף מאנעווערס.

די צווייטע קאטעגאָריע שניידערס — 12 יידן און 1 קריסט, האָבן געארבעט פאר פוילישע גוטבאזיצער און באאמטע. אויך זיי האָבן געהאט פרנסה.

די איבעריקע דריי קאטעגאָריעס האָבן געבילדעט: 5 דאמען־שניידערס, 9 טאנדעטער און 4 דאָרפסשניידערס. די צאָל שניידער־ארבעטער, קוואליפירצטע און נישט־קוואליפיצירטע, האָט דערגרייכט ביז 65. אין דעם חשבון גייען נישט אריין קיין שניידערינס און נייטערינס.

דער מצב אין פאך איז געווען גאָר א גוטער. נישט בלויז וואָס עס פלעגט נישט זיין קיין ארבעטסלאָזיקייט, נאָר ס׳איז אפילו געווען א דוחק אין ארבעטהענט. דערפאר פלעגט טאקע שעדלעץ צוציען שניידער־געזעלן פון די ארומיקע שטעטלעך.

די ציוניסטישע באוועגונג ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה

ביי די שעדלעצער יידן, ווי ביים רוב פרומע יידן אין אלע שטעט און שטעטלעך פון פוילן, האָט די בענקשאפט קיין ארץ־ישראל געטליעט אין די הערצער שוין דורות פריער, איידער ס׳איז אנטשטאנען די חיבת־ציון און די ציוניסטישע באוועגונג. שוין אין סוף פון 17טן י. ה. האָט דער שעדלעצער ר׳ יהודה החסיד זיך ארויסגערוקט בראש פון א משיחישער באוועגונג, וועלכע האָט געזוכט דורך פאר׳שידענע וועגן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

דער נאָמען פון ר׳ יהודה החסיד, פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער רעליגיעזער פערזענלעכקייט, איז ענג פארבונדן מיט דער שטאָט שעדלעץ. מיר האָבן נישט קיין גענויע פרטים פון זיינע קינדער־יאָרן, מיר ווייסן אויך נישט, צי ער איז געווען א געבוירענער אין שעדלעץ אָדער ער האָט זיך באזעצט אין דער דאָזיקער שטאָט. פון אלע מקורים, וואָס האָבן א שייכות צום לעבן פון ר׳ יהודה החסיד איז אָבער קלאָר, אז דער דאָזיקער משיח־טרוימער האָט געלעבט אין שעדלעץ און פון דאָ אויס האָט ער אין 1699 (ת״ס) אָנגעהויבן זיין וואנדערוועג קיין ארץ־ישראל.

נישט ריכטיק איז וואָס טייל היסטאָריקער, צווישן זיי ש. א. האָראָדעצקי, האלטן, אז ר׳ יהודה החסיד איז געוועזן פון שידלאָוויעץ און נישט פון שעדלעץ 56). אין די מקורות ווערט די היימשטאָט פון ר׳ יהודה בפירוש אָנגערופן: „שדלעץ הסמוכה להורודנה. שעדלעץ קאָן, פארשטייט זיך, נישט פארביטן ווערן מיט שידלאָוויעץ און קאָן נישט האָבן קיין שייכות צו האָראָדנאָ (גראָדנע). שידלאָוויעץ געפינט זיך גאָר

ערגעץ אין קיעלצער וואָיעוואָדשאפט, און שעדלעץ איז פּאָרט נאָענטער צו גראָדנע.

אז ר׳ יהודה איז געווען א שעדלעצער באווייזט אויך דער פאקט, וואָס ער איז זיך צונויפגעקומען מיט מענטשן פון די ארומיקע שטעטלעך פון שעדלעץ און טאקע מיט זיי עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אזוי, למשל, איז איינער פון זיינע תלמידים געווען ר׳ גדליה פון סעמיאַטיטש, א שטעטל וואָס געפינט זיך אין שעדלעצער געגנט, אין א מרחק פון פער־ציק קילאָמעטער בסך־הכל. אין דעם ספר „שאלו שלום ירושלים״ 57), וואָס ס׳האָט ארויסגעגעבן ר׳ גדליה, ווערט אויך דערמאָנט א חסיד מיטן נאָמען זלמן ביילאר, וואָס עס באדייט ביאלער — קענטיק פון ביאלא־פּאָדלאסק. אויך ביאלא איז א שכנותדיקע שטאָט פון שעדלעץ. עס איז דעריבער אויסער יעדן ספק, אז ר׳ יהודה החסיד איז געווען א שעדלע־צער. מיר ווילן דעריבער אין דער געשיכטע פון אונדזער שעדלעצער קהילה בלויז אָנדייטן די טעטיקייט פון ר׳ יהודה החסיד און זיין עליה קיין ארץ־ישראל.

דאָס פארלאָזן שעדלעץ און דאָס עולה זיין פון ר׳ יהודהן איז געווען א רעזולטאט פון א משיחישער באוועגונג, וואָס איז אנטשטאנען אין פוילן און האָט זיך פארשפּרייט איבער דייטשלאנד, מאָראוויא, עסטרייך, אונגארן און איז דערגאנגען ביז איטאליע. צוליבן ווירוואר וואָס ס׳האָט געהערשט, האָבן זיך צו דער דאָזיקער באוועגונג אויך צוגעטשעפּעט אָנ־הענגער פון שבתי צבי מיט חיים מלאך אין דער שפּיץ. דער ציל פון דער דאָזיקער באוועגונג איז געווען דערנענטערן די גאולה דורך פאר־פיינערן די מאָראל, תשובה טאָן, תפילה, אָפּריכטן תעניתים און פייניקן זיך. מיר דארפן געדענקען, אז די באוועגונג איז אנטשטאנען א פופציק יאָר נאָך גזרות ת״ח ות״ט.

ר׳ יהודה החסיד האָט פארלאָזט פוילן אין אָנהויב ת״ס (סוף 1699) צוזאמען מיט 120 אָנהענגער. אויפן וועג, דורך פארשידענע לענדער, האָבן זיך אָן אים אָנגעשלאָסן נאָך עולים. די מחנה האָט שוין דערגרייכט ביז 1.500 נפשות. פון זיי זיינען 500 אויסגעשטאָרבן בעת די וואנדערונ־גען, די איבעריקע 1000 זיינען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. די וואנדער־מחנה האָט זיך אָנגערופן „חברה קדישא״. א טייל פון זיי האָט אויסגע־וואנדערט פון פוילן קיין מאָראוויא, פון דאָרט האָבן זיי ארויסגעשיקט שליחים קיין דייטשלאנד. ר׳ יהודה החסיד זעלבסט, צוזאמען מיט דריי פון זיינע באגלייטער, זיינען אָנגעקומען קיין פראנקפורטביים טייך מיין און דאָרט האָט ער שבת הגדול געהאלטן א דרשה, וואָס האָט געברענגט צו א גרויס דערוועקונג. ער איז אויך אריינגעגאנגען אין דער עזרת־נשים מיט א ספר־תורה אין דער האנט און פאר די פרויען געדרשנט. זיינע

דרשות זיינען פול געווען מיט פאָדערונגען צו א מאָראַליש לעבן און האָט אָנגעזאָגט, אז די וועלט שטייט פאר דער גאולה. אין פראנקפורט האָט ער צונויפגעזאמלט א גרויסע סומע געלט אויף הוצאות. שמואל אָפּען־היימער, דער ראטגעבער פון קייזערלעכן הויף אין ווין, האָט א סך גע־האָלפן די עולים — געשאפן פאר זיי פאספּאָרטן און געדונגען צוויי שיפן, אריבערצופירן זיי קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל. א טייל פון די וואנדערער קיין ארץ־ישראל מיט ר׳ יהודה החסיד בראש זיינען געפאָרן דורך ווענעדיק, א צווייטער טייל מיט דעם שבתי צביניק חיים מלאך בראש זיינען גע־פאָרן דורכן דניעסטער, שווארצן ים, ביז קאָנסטאנטינאָפּאָל.

וואָס מיט דער גרופּע עולים איז ווייטער פאָרגעקומען, האָט שוין נישט קיין שייכות מיט אונדזער טעמע. אונדזער כוונה איז בלויז געווען צו פארצייכענען דאָס שייכות פון ר׳ יהודה החסיד צו שעדלעץ.

ר׳ יהודה החסיד איז נישט געווען דער איינציקער; עס זיינען באַ־וואוסט געווען פאלן, ווען שעדלעצער יידן האָבן פארלאָזן זייער היימ־שטאָט, פרנסה־קוואלן, זייערע נאָענטע קרובים און האָבן זיך אוועקגעלאָזן אין ווייטן וועג אריין — קיין ארץ־ישראל. עלטערע יידן וואָס האָבן זיך דעצידירט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און האָבן נישט באקומען די הסכמה דערצו מצד זייערע פרויען, זין, טעכטער און אייניקלעך, האָבן אָפּגעגט די פרויען, צעריסן דאָס משפחה־לעבן, כדי נישט געשטערט צו ווערן אין דער עליה.

אינמיטן פון 19טן י. ה. האָט פון שעדלעץ עולה געווען קיין ארץ־ישראל א ייד א תלמיד־חכם, א שוחט, מיטן נאָמען ר׳ אברהם אברהמס. ער איז געבוירן געוואָרן אין שעדלעץ אין יאָר 1801. ווען ער איז אלט געוואָרן 36 יאָר, האָט ער פארלאָזט שעדלעץ און עמיגרירט קיין לאָנדאָן. דאָרטן איז ער אויפגענומען געוואָרן אלס שוחט. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע ספרים וועגן הלכות שחיטה. דאָס פּאָפּולערסטע ספר זיינס איז „ברית אברהם" — א קאָמענטאר אויפן שלחן ערוך „יורה דעה", הלכות שחיטה — ער האָט אויך פארעפנטלעכט אן אויטאָביאָגראפיש ספר „ויזכור לאברהם". אין יאָר 1879 פארלאָזט אברהמס לאָנדאָן און פאָרט קיין ירושלים, וואו ער האָט זיך אויסגעבויט א הויז, און אין א קורצער צייט ארום האָט ער זיין הויז אָפּגעגעבן אלס בית־תפילה פאר א חברה מיטן נאָמען „משכנות ישראל". אברהמס איז געשטאָרבן אין ירושלים אין יאָר 1880.

באלד ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די ביל"ו־עליה אין יאָר 1882, האָט זיך אין שעדלעץ און אומגעגנט גענומען שטארק פארשפרייטן דער גע־דאנק וועגן ישוב ארץ־ישראל. א גרופּע מעזריטשער יידן זיינען אין יאָר 1883 אוועקגעפאָרן קיין א"י און צוגעטרעטן דאָרט אויפצושטעלן די קאָ־

לאָניע יסוד המעלה, אויפן מערבדיקן ברעג פון דער חולה־אָזיערע. די איבערלעבונגען פון אָט די דאָזיקע ערשטע עולים־פּיאָנערן, די שווערי־קייטן אויף וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן ביים פארווירקלעכן זייער חלום, די קרבנות וואָס זיינען צווישן זיי געפאַלן פון פיבער, הונגער, אייר־דער דער באראָן ראָטשילד האָט גענומען אויף זיך די זאָרג פאר דער עקסיסטענין פון דער קאָלאָניע, דער דוחק אין וואסער — אָט דאָס אַלץ האָט געפונען א ברייטן אָפּקלאנג אין די הערצער פון די שעדלעצער יידן, וועלכע האָבן דורשטיק געשלונגען די ידיעות, וואָס פלעגן אָנקומען אין שכנותדיקן מעזריטש.

די אנטשטאנענע חיבת־ציון־באוועגונג האָט שוין געטראָפן אין שעד־לעץ א צוגעגרייטן באָדן. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער באַ־וועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאטאָוויץ אין יאָר 1884 (תרמ״ד), האָבן זיך באטייליקט אלס דעלעגאטן פון שעדלעץ ר׳ משה גאָלדבערג און יהושע גאָלדפארב. אין שטאָט האָט עקסיסטירט אַן אָפּטיילונג פון „ועד לתמיכת העברים עובדי האדמה בסוריא ופלשתינא״ וועלכע איז באקאנט געוועזן מיטן נאָמען „אָדעסער קאָמיטעט״, אָבער פאקטיש איז דאָס גע־וועזן א פיליאלע פון דער „חיבת־ציון״, וועלכע איז געוועזן אָפיציעל פאר־באָטן אין רוסלאנד ביסלעכווייז איז דער חיבת־ציון־קרייז געוואָרן גרע־סער. צו אים האָבן אָנגעהערט מערסטנס חסידישע יונגעלייט, וועמען דער חיבת־ציון־געדאנק איז געוואָרן נאָענט אונטער דער ווירקונג פון נאציאָנאל־געשטימטער השכלה־ליטעראטור. אין געהיימע צוזאמענטרעפן וואָס זיינען אָרגאניזירט געוואָרן ווי א כלומרשטע תנאים צווישן א בחור מיט א מיידל, אָדער א חתונה, האָט מען פראָפּאגירט דעם חובבי־ציון־געדאנק און געזונגען דאָס דעמאָלט פּאָפּולערע ליד פון לעווענזאָן:

על אם הדרך שמה מתגוללת
שושנה חכלילת עינים:
נהדפת מסער עליה נובלת,
שוכבת פה מיומיים.

והיא מתחננת לכל נוסע:
„אנא, אישים, חנוני!
שמרו צעדיכם אותי מנגע,
פן ברגליכם תרמסוני!

אחד־העמס פּאָלעמיק קעגן די חובבי ציון האָט געפונען א ברייטן אָפּקלאנג אין שעדלעץ. ווען ער האָט אויפגעשטעלט זיין געהיימען אָרדן „בני־משה״, האָבן זיך אין אים אָנגעשלאָסן אויך עטלעכע שעדלעצער

יידן. יעדנפאלס איז באקאנט דער נאָמען פון שוין דערמאָנטן יהושע גאָלד־פארב, ווי א מיטגליד אין דער „בני־משה".

צו יענער צייט איז אין שעדלעץ געווען רב דער שוין דערמאָנטער ר' שמעון דב אנאליק, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שארפער קעגנערשאפט צום ציוניזם, פונקט ווי ער איז געווען קעגן חסידות. צווישן די שעדלעצער יידן האָט זיך אָנגעהויבן אן אידעאישער געראנגל. אין ציוניזם גופא האָבן געקעמפט 3 שיטות: „חיבת־ציון", „פּאָליטישער ציוניזם", אָדער גייסטיקער צענטער. א באזונדער שטריט איז געווען צווישן אָרטאָדאָקסיע און ציוניזם. קעגן די אלע באוועגונגען איז ארויס־געטרעטן דער „בונד", וועלכער האָט אין שעדלעץ אָנגעהויבן זיין טע־טיקייט כמעט אין דער זעלבער צייט וואָס דער ציוניזם און האָט פאר־שריגן דעם ציוניזם ווי א בורזשואזע באוועגונג.

עס זיינען פאָרגעקומען דיסקוסיעס וואָס האָבן זיך נישט איינמאָל געענדיקט מיט געשלעגן. די ציוניסטישע באוועגונג האָט אָבער געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין שעדלעץ. עס איז אנטשטאנען אן אָרגאניזאציע וואָס איר טעטיקייט האָט געהאט א ברייטן אָפּקלאנג צווישן די פאָלקסמאסן. ס'זיינען פארשפרייט געוואָרן שקלים און אקציעס פון דער קאָלאָניאל־באנק.

אין א קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ" פון יענער צייט, וואָס איז אונ־טערגעשריבן מיט א פסעוודאָנים „יהודי", ווערט שטארק קריטיקירט די ציוניסטישע ארבעט אין שעדלעץ.

אין יענער צייט האָט זיך אין „המליץ" ווידער באוויזן א קאָרעס־פּאָנדענץ אונטערן קעפּל „מחשבות רצוצות", אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים „יהודי", וועלכע האָט שארף קריטיקירט די ציוניסטישע טעטיקייט אין שעדלעץ און געקלאָגט זיך אויף דער שוואכער פארשפריי־טונג פון די אקציעס פון דער קאָלאָניאל־באנק. „יהודי" האָט אויך גע־שריבן אין זיין קאָרעספּאָנדענץ וועגן די דרשות, וואָס הרב אנאליק האָט געהאלטן קעגן ציוניזם 58).

פארגלייכן מיר די קאָרעספּאָנדענץ פון „יהודי" מיט די זכרונות פון פישל דרומי, קומען מיר צום אויספיר, אז נישט אלץ, וואָס עס איז דער־ציילט געוואָרן אין „המליץ" שטימט מיטן אמת. מעגלעך, אז דאָס פאר־שפרייטן אקציעס פון דער קאָלאָניאל־באנק איז געווען א שוואכע, אָבער אין שעדלעץ איז עס נישט געווען שוואכער ווי אין אַנדערע שטעט פון פוילן. דאָס באווייזט אויך די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער ציוניס־טישער באוועגונג אין שעדלעץ.

ווען דער קרן קימת לישראל איז אנטשטאנען אין יאָר 1901, איז נאָך אלץ די ציוניסטישע באוועגונג אין רוסלאנד געווען אין קלעם. מ'האָט

נישט געקענט פארשפרייטן קיין קרן־קימת־מארקעס, מ׳האָט נישט גע־קענט זאמלען עפנטלעך פארן זעלבן קרן. די ציוניסטישע עסקנים האָבן אָבער איינגעשטעלט זייער פרייהייט און אָנגעהויבן פארשפרייטן קרן־קימת־פושקעס, וועלכע מ׳האָט אריינגעשמוגלט אזש פון קעלן (דייטש־לאנד), וואו די צענטראלע פון קרן קימת האָט זיך אין יענער צייט גע־פונען. די פושקעס פלעגן דורכגעשמוגלט ווערן דורך דער רוסישער גרע־נעץ קיין בענדין, פון דאָרט פלעגט איינער אן איבערגעגעבענער עסקן מיטן נאָמען א. ליווער אריינפירן די פושקעס קיין שעדלעץ. איינמאָל איז א טראנספּאָרט, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין שעדלעץ, אריינגעפאלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. זעט אויס, אז די ארבעט, וואָס איז אָפּ־געטאָן געוואָרן אין שעדלעץ האָט צופרידנגעשטעלט דאָס צענטראל־ביו־ראָ פון דער ציוניסטישער באוועגונג, ווייל ד״ר יחיאל טשלענאָוו, דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון קק״ל האָט צוגעשיקט אן אָנערקענונגס־בריוו, וועלכער האָט זיך געפונען אין אָרטיקן פאראייניקטן קרן־קימת־ביוראָ.

די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט אין 1901 געגרינדעט א ביבליאָ־טעק, מיט א פּאָר יאָר שפּעטער איז די ביבליאָטעק איבערגעגעבן געוואָרן דעם אומפּארטייאישן „הזמיר״. דאָס אלץ באווייזט, אז אין שעדלעץ האָט די ציוניסטישע באוועגונג באלד אין אָנהויב פון איר עקזיסטענץ געשאפן אין שעדלעץ א גינסטיקן באָדן פאר איר טעטיקייט.

געזעלשאפטלעכע ביבליאָטעקן

יצחק ליפּיעצעס לייַ־ביבליאָטעק

א ביבליאָטעק איז שוין געווען אין שעדלעץ אין סוף פון 19טן י. ה. אן איינגנטימער פון אזא ביבליאָטעק איז געווען יצחק ליפּיעץ, א מוכר־ספרימניק, וואָס פלעגט גלייכצייטיק זיצן צווישן מנחה און מעריב אין דער חברה מקרא און לערנען מיט אן עולם פּשוטע יידן א פּרשה פון דער סדרה פון דער וואָך. ליפּיעץ איז געווען א משכיל, א מחבר פון פּאָפּולערע ספרים און פּירושים, א קענער פון דער דעמאָלטיקער השכלה־ליטעראטור, יידישער מיטלאלטערלעכער פּאָעזיע און יידישער פילאָזאָפיע. ער האָט פארמאָגט עטלעכע הונדערט ביכלעך און פלעגט זיי אויסלייען פאר א וואָכנטלעכן אָפּצאָל פון די לייענער.

אין יענער צייט האָבן שוין אין יידישן שעדלעץ גענומען אריינ־דרינגען נייע מאָדערנע אידעען. ס׳איז שוין געווען א נאציאָנאלע באווע־גונג, ס׳האָט שוין אָנגעהויבן שפּראָצן אן ארבעטער־באוועגונג. די געזעל־

שאפּטלעכע באַוועגונגען האָבן געשטויסן זייערע אָנהענגער צום לייענען ביכער און דער קרייז פון לייענער האָט זיך גענומען אויסברייטערן.

עס האָט זיך געשאַפן אַ באַדן פאַר דער אַנטשטייאונג פון עפנטלעכע ביבליאָטעקן, וואָס האָט נישט געקענט פאָרקומען צוליב צוויי סיבות: די צאַרישע מאַכט האָט ביבליאָטעקן און לייענען ביכער געהאַלטן פאַר אַ טריפהנער זאַך, וואָס קאָן באַדראָען די יסודות פון דעם רעאַקציאָנערן, אַנטיסעמיטישן רעזשים. כדי צו האַלטן אַ ביבליאָטעק, האָט מען לויטן געזעץ געדאַרפט באַזיצן אַ דערלויבעניש, וועלכע מ'האָט נישט געקאָנט באַקומען. די צווייטע סיבה, וואָס האָט געשטערט דאָס אויפקומען פון אַ ביבליאָטעק איז געווען די יידישע אָרטאָדאָקסיע. דאָס פרומע שעדלעץ האָט דאָס לייענען ביכער אָדער ספרים, אחוץ גמרא, הלכה־ספרים, שאלות ותשובות — באַטראַכט ווי אפּיקורסות. אפילו אויף דעם לערנען תנ"ך האָט מען געקוקט מיט אַ קרום אויג. אַ לייענער פון אַ וועלטלעך בוך איז גערודפט געוואָרן און אַזאַ זאַך ווי אַ ביבליאָטעק איז געווען אַן אויסטערליש דערשיינונג.

יצחק ליפּיעץ פלעגט טאַקע אַרויסגעבן זיינע ביכער אין געהיים.

אין 1900 האָבן אַ ריי משכילישע יונגעלייט מיט יוסף ראָזנוואַסער בראש, געגרינדעט אַ געהיימע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק. אַרום איר האָבן זיך גרופּירט ציוניסטן און נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן. דאָס דאָזיקע ביבליאָטעקל האָט געהאַט אויסצושטיין פיל נגישות און געמוזט אַריבערוואַנדערן פון איין דירה אין דער צווייטער. די פאַרוואַלטונג האָט מורא געהאַט, אַז די מאַכט קען געוואויר ווערן וועגן דער עקסיסטענץ פון דער ביבליאָטעק און קאָנפיסקירן די ביכער. עס איז אויך געווען אַ געפאַר, אַז די וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער ביבליאָטעק זאָלן אַרעסטירט ווערן. טראָץ דעם אַלעם האָבן די גרינדער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און געטרייקייט געהיט און געפלעגט די ביבליאָטעק. זיי פלעגן איינקויפן ביכער ממש פאַר זייער אייגן געלט. אָנזעעוודיקע שטיצע פלעגט די ביבליאָטעק באַקומען אין ביכער און אין געלט, פון דעם שוין דערמאָנטן רוסישן אָפיציר באַראָן פאָן קלייסט.

דעם 15טן מערץ 1904 איז געלונגען דעם שוין פיל מאָל דערמאָנטן עסקן י. נ. וויינטרויב אַרויסצובאַקומען פון גובערנאַטאָר אַ דערלויבעניש צו פירן אַ ביבליאָטעק. די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן אויפן נאָמען פון וויינטרויבס איידעם מרדכי מאיר לאַנדוי, וועלכער איז אויך געווען אַ געזעלשאַפטלעכער און ציוניסטישער עסקן. די ביבליאָטעק, לויט די דעמאָלטיקע פּאָליטישע פאַרהעלטנישן האָט נישט געקענט לעגאַליזירט ווערן אַלס געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע. אין אַ בראָשור וואָס איז געווען געווידמעט דעם 25־יאָריקן יובילייו פון דער ביבליאָטעק,

דערשינען אין 1926 (59), ווערט איבערגעגעבן דער טעקסט פון דער דער־לויבעניש, וועלכן מיר ברענגען דאָ אין דער יידישער איבערזעצונג:

א י נ ע ר ן ־ מ י נ י ס ט ע ר י ו ם
ש ע ד ל ע צ ע ר ג ו ב ע ר נ א ט אָ ר
ק א נ צ ע ל א ר י ע
15טן מערץ, 1904
נומער 1631
שעדלעץ

ב א ש י י נ י ק ו נ ג

אויפן סמך פון דער דריטער אָפּטיילונג, קאפּיטל 2, 14טער באנד פון קאָדעקס בנוגע דעם געזעץ פון דרוק און צענזור, ווערט די דאָזיקע באשייניקונג ארויסגעגעבן דעם שעדלעצער איינוואוינער, תושב פון שטעטל ארלע, ביעלסקער קרייז, גראָדנער גובערניע, מרדכי־מאיר לאנדוי, מיט רעכט צו עפענען און האלטן אין שעדלעץ א בוכהאנדלונג און ליי־ביבליאָטעק מיט רוסישע, פוילישע, יידישע, דייטשע און פראנצויזישע אויסגאבן, וואָס זיינען דערלויבט דורך דער צענזור מיטן תנאי, אז לאנדוי נעמט אויף זיך לויטן געזעץ די פולע אחריות בנוגע דעם האלטן פונעם מאגאזין און ער איז זיך מתחיב פינקטלעך אויסצופירן אלע עקסיס־טירנדיקע ווי אויך מעגלעך נאָכקומענדיקע געזעצן און באשלוסן בנוגע בוכהאנדלונגען און ליי־ביבליאָטעקן.

אלס באשטעטיקוג דערויף ווערט ארויסגעגעבן לאנדוי די דאָזיקע באשייניקונג, וואָס איז פארזען מיט אונטערשריפט און מלוכה־סטעמפּל.

אָפּגעצאָלט סטעמפּל־אָפּצאָל
שטעל.־פארטר. פון גובערנאטאָר (—) וואיקאוו
שעף פון קאנצעלאריע (—) כוועשטשענקא
סטעמפּל

פון דעמאָלט אָן און ווייטער הויבט זיך אָן א נײַ קאפּיטל אין דער אנטוויקלונג־געשיכטע פון דער ביבליאָטעק, וועלכע איז צו יענער צייט געווען די איינציקע קולטור־אינסטיטוציע אין שטאָט. ביסלעכווייז האָבן די מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק אָנגעהויבן צעטיילן זיך אויף שטודיר־קרייזן פאר יידישער געשיכטע, תנ״ך, ס׳האָט אויך עקסיסטירט א געהיי־מער ציוניסטישער קרייז און א דראמאטישער קרייז. צו יענער צייט האָט די ביבליאָטעק געציילט 1,200 ביכער. די פּאָפּולאריטעט פון דער

ביבליאָטעק איז געוואקסן און די גרינדער, אליין ציוניסטן, האָבן ארויפ־געפירט די אינסטיטוציע אויף אן אומפארטייאישן וועג.

נאָר אזוי ווי די יאָרן זיינען דעמאָלט געוועזן פול מיט אויפברויז, און אויף דער יידישער גאס האָבן זיך געראנגלט צוויי שטרעמונגען — ביידע אומלעגאלע — די ציוניסטישע און די סאָציאליסטישע, האָבן די סאָציאליסטן געוואָלט פארכאפן די העגעמאָניע אין דער ביבליאָטעק. עס זיינען פאָרגעקומען א ריי שטרייטן און די ביבליאָטעק איז געבליבן וויי־טער אומפארטייאיש.

די צארישע רעגירונג האָט נישט אראָפּגעלאָזט איר אויג פון דער ביבליאָטעק און גאנץ אָפט געשיקט פּאָליציאנטן צו מאכן רעוויזיעס און קאָנפיסקירן טריפהנע ביכער. אלס אזעלכע זיינען פאררעכנט געוואָרן סאָציאליסטישע ווערק ווי אויך ציוניסטישע אויסגאבעס. פארשטענדלעך, אז ווען ס'איז פריער געלונגען צו דערוויסן זיך וועגן אזא רעוויזיע, האָט מען ארויסגערוימט די ביכער ביז נאָך דעם ווי דער צאָרן איז אריבער.

די יידישע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין פעריאָד פון 1905

שעדלעץ, ווי מיר שרייבן אויף אן אנדער אָרט, האָט נישט געהאט קיין גרעסערע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. פארשטענדלעך, אז ביי אזא מצב האָט שעדלעץ אויך נישט געהאט קיין גרויסן פּראָלעטארישן שיכט. אן ענדערונג אין דער הינזיכט, איז פאָרגעקומען אין יאָר 1900.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אין שעדלעץ א גרויסע בוי־באוועגונג. עס איז געוועזן נאָך א גרויסער שרפה, וואָס האָט אָפּגעווישט א באדייטנדיקן טייל שטאָט. די אָפּגעברענטע הויז־באזיצער, נאָכדעם ווי זיי האָבן באקומען די אסעגוראציע־סומע, אָדער ווי מ'האָט עס דעמאָלט גערופן „פייערקאסע", זיינען זיי צוגעטרעטן אויפבויען זייערע פארברענ־טע הילצערנע אָדער געמויערטע הייזער. אזוי ארום האָט זיך אויסגע־בילדעט א סאָציאלער שיכט פון בוי־אונטערנעמער. זיי פלעגן אָננעמען די ארבעט גלייך פון בעל־הבית. די אונטערנעמער האָט מען גערופן „פּאָדריאטשיקעס" (פון רוסישן — צושטעלער). אזא פּאָדריאטשיק פלעגט אויספירן די ארבעט מיט געדונגענע ארבעטער, וועלכע האָבן זיך גערופן „געזעלן". דער וואוקס פון דער בויארבעט האָט גורם געווען צום וואקסן פון די נעבן־בראנזשעס, ווי: מולארעס, שלאָסערס, סטאָלא־רעס און שטובמאלערס. די פאכלייט האָבן געארבעט אין שטאָט גופא ווי לאנג ס'איז געוועזן ארבעט; האָט זיך די ארבעט אָפּגעשטעלט, אָדער ס'איז געווען א הפסקה צווישן איין פאדריאד און א צווייטן, זיינען די

ארבעטער זיך צעפאָרן אין די ארומיקע שטעט און אין די גרעסערע צענ־טערס: ווארשע, בריסק, ביאליסטאָק און לאָדזש, דאָרט געארבעט, פאר־דינט און אויף יום-טוב געקומען אַהיים קיין שעדלעץ, צו עלטערן און קרובים, כדי צוזאמען צו פראווען דעם יום-טוב. דאָס צוריקקומען פון דער פרעמד נאָכן אָפּארבעטן דאָרט עטלעכע חדשים, דאָס טרעפן זיך מיט נאָך בעלי-מלאכות און די איינדרוקן, מיט וועלכע מ'האָט זיך געטיילט — איז געווען א גרויסע איבערלעבונג. שעדלעץ האָט אין די יום-טוב-טעג געקאָכט ווי אין א קעסל.

דאָס לעבן פון די יידישע ארבעטער אין שעדלעץ האָט אין אָנהויב פון 20סטן י. ה. אזוי אויסגעזען: ווען עלטערן האָבן פעסטגעשטעלט, אז זייער יינגל האָט א „שלעכטן קאָפּ" און האָבן זיך מיאש געווען צו מאכן פון יינגל א 'לערנער, האָט מען אזא יינגל, וואָס האָט נאָך אפילו נישט דערגרייכט צו בר-מצווה, אוועקגעגעבן צו א בעל-מלאכה — אויף דער לער, ער איז געוואָרן א „לערניונג". דער מייסטער האָט באקומען א גע־וויסע סומע געלט פאר לערנען דאָס פאך און האָט געהאלטן ביי זיך דאָס יינגל פיר יאָר צייט. דעם אמת געזאָגט האָט מען אזא יינגל קנאפּ גע־לערנט. די „מייסטעראָווע" האָט איבער אים רעגירט. דאָס נעבעכדיקע יינגל האָט אויסגעפירט אלע שליחותן פון מייסטער, סיי די וואָס האָבן געהאט א שייכות מיט דער ארבעט און סיי נעבנזאכן, ווי: ברענגען וואַ־סער, איינקויפן פּראָדוקטן, וויגן די קינדער א. ד. גל.; בקיצור: ער איז געווען א חוטב-עצים און שואב-מים. נאָכדעם ווי ס'זיינען אריבער די פיר יאָר, האָט זיך געענדיקט דער פעריאָד פון דער לער, דאָס האָט גע־הייסן „אראָפּ פון דער לער". דער „לערניונג" האָט באקומען א נייעם טיטל: „יאָר-יונג". אלס שכר פאר זיין מלאכה האָט ער באקומען א קליי־נע סומע געלט פאר א גאנץ יאָר. נאָכן יאָר איז מען דורכגעקומען און דער „יאָריונג" איז געוואָרן א „זמן-יונג" — ס'הייסט באקומען באַ־צאָלט פאר א האלב יאָר און ערשט נאָכן אָפּארבעטן עטלעכע אזעלכע „זמנים" איז ער געוואָרן א „וואָכנמענטש".

דער ארבעטטאָג פון אן ארבעטער האָט זיך געצויגן זומער — פון זונאויפגאנג ביז זון-אונטערגאנג, ווינטער — ביז שפעט אין דער נאכט. אויף מוצאי שבת און מוצאי יום-טוב פלעגט דער ארבעטער איבערבייטן זיינע שבת-מלבושים אויף ארבעטס-קליידער און איילִיק אוועק צו דער ארבעט כדי אָפּצוארבעטן די צייט, וואָס ער האָט פרייטיק פריער אויפ־געהערט צו ארבעטן. קיין מיטאָג-שעה איז נישט געווען, קיין יאָראור־לויב — אוודאי און אוודאי נישט. די באציאונג פון מייסטער צו זיין ארבעטער איז געווען א גראָבע.

בונד און פּ. פּ. ס. און זייער ווירקונג אויף די שעדלעצער יידישע ארבעטער

אין יענער צייט, און 1900סטן יאָר, בערך, איז שוין אויף דער יידישער גאס געווען טעטיק דער „אלגעמיינער יידישער ארבעטער-בונד פון פוילן, רוסלאנד און ליטע". אויף דער פוילישער גאס איז געווען טעטיק די פּ. פּ. ס., וועלכע האָט אויך געפירט ארבעט צווישן יידן. די ביידע פארטייען האָבן אין שעדלעץ אָנגעהויבן צו אנטוויקלען אן אָרגאניזאציאָנעלע טעטיקייט, געפירט א פּראָפּאגאנדע קעגן צארישן רעזשים, און א קאמף פאר פארבעסערן די לעבנס-באדינגונגען פון די ארבעטער.

דער פירער פון „בונד" איז געווען אברהם יאבלאָן, א סטאָלאר-ארבעטער, געשטאמט האָט ער פון א פרומער משפחה, געווען אן אייניקל פון חיים שלמה יאבלאָן, דעמאָלט א באוואוסטער קאָלאָניאל-סוחר פון שעדלעץ. יאבלאָן האָט געארבעט עטלעכע יאָר אין ווארשע און דאָרטן זיך אָנגעשלאָסן אין „בונד". ער איז געווען באהאוונט אין דער גאנצער פארטיי-ליטעראטור און האָט אין ווארשע זיך פארנומען מיט פּראָפּאגאנדע פאר׳ן בונד און געהערט צום אקטיוו פון דער אומלעגאלער בונדישער אָרגאניזאציע. אברהם יאבלאָן איז טאקע געווען דער גרינדער פון דער בונדישער אָרגאניזאציע אין שעדלעץ.

דער פירער פון דער יידישער גרופּע אין פּ. פּ. ס. איז געווען אברהם קדיש. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער אוועק קיין אמעריקע און דאָרטן געלעבט ביז ארום 1947. אין די לעצטע יאָרן זיינע האָט זיך אין אים דערוועקט א ליבשאפט צו ארץ-ישראל. א טייל פון זיין פארמעגן האָט ער אוועקגעשענקט פאר׳ן אויפשטעלן א קולטור-אנשטאלט דורך דער הסתדרות העובדים אין עכו (ישראל), אויפן נאָמען פון דער אומגעקומענער היימשטאָט זיינער — שעדלעץ.

צו אים, צו קדישן, איז צוגעשטאנען יודל מאסטבוים, א יונג בחורל, קוים זיבעצן יאָר אלט, א זון פון איצל מאסטבוים, אליין א בונטארער טיפּ. דער שרייבער יואל מאסטבוים, א ברודער פון יודלען, דערציילט וועגן זיין פאָטער דעם בונטאר: „מיין פאָטער פלעגט ליגן מיט די הענט אויפן בופעט פון שענק און דערציילן אליין אָדער אויסהערן די העלדישע מעשים פון קריסטן און יידן אין דער פּאָוסטאניע קעגן „פּאָניען", הערן א קללה אויפן רוסישן צאר פון די פויערים אָדער אליין שעלטן. מיט וואָס ער פלעגט דערציטערן די פויערים, איז מיט דער אויפקלערונג, אז משה רבינו איז געווען א סאָציאליסט און „פאן יעזוס" — א מענטש" 60). די גאנצע משפחה מאסטבוים, מיטן אויסנאם פון פרוי מאסטבוים און איר זון יואל — זיינען געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

וועגן דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון יידל מאסטבוים דער־ציילט אדוו. א. מ. הארטגלאס אין דער הקדמה צו דער העברעאישער איבערזעצונג פון יואל מאסטבוימס „דאָס רויטע לעבן״:

דאָס זאָל האָבן געווען אין 1906. דער רעוואָלוציאָנער אליין איז נישט געבראכט געוואָרן צו די געריכטס־פארהאנדלונגען, ווייל ער איז געלעגן קראנק אין דער תפיסה. זיינע פארטיידיקער, צוויי בארימטע אד־וואָקאטן — בערנזאָן און מאקאָווסקי (דער צווייטער איז אין אומאָפּהענ־גיקן פּוילן, פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, געוועזן יוסטיץ־מיניסטער) האָבן געפירט די פארטיידיקונג פון „סמאלוכן״, אזוי איז געווען דער צו־נאָמען פון יודל מאסטבוים (ווייל זייענדיק קליין, פלעגט ער זוכן קנעפּ־לעך אין די רינשטאָקן). מאקאָווסקי — דערציילט הארטגלאס, — האָט שטארק באגאטעליזירט דעם באשולדיקונגס־אקט, און געחוזקט, אז די רוסישע אימפּעריע ציטערט פארן יינגל „סמאלוך״. דאָס האָט ארויסגע־רופן א שטארק געלעכטער צווישן די ריכטער. דאָך איז יידל מאסטבוים פארמשפּט געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכער קאטאָרגע אין סיביר 61). ער איז אוועקגעשיקט געוואָרן און עס איז נישט באוואוסט ווי אזוי ער האָט פארענדיקט זיין לעבן.

די רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן די יידישע ארבעטער אין שעד־לעץ איז געוואקסן. שטארק פּאָפּולער איז דעמאָלט געווען עדעלשטאטס ליד — „אין קאמף״, וואָס הייבט זיך אָן:

„מיר ווערן געהאסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פארפאָלגט
און אלץ נאָר דערפאר ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע, שמאכטנדע פאָלק.

מיר ווערן דערשאָסן, געהאנגען,
מען רויבט אונדז דאָס לעבן און רעכט,
דערפאר, ווייל מיר אמת פארלאנגען
און פרייהייט פאר אָרעמע קנעכט״ — — —

דער איינפאלום פון בונד איז זייער גיך געוואקסן. די פארטיי האָט באקומען א סך אָנהענגער, מיינסטנס פרומע יונגעלייט, האלבע משכילים, באלעבאטישע בחורים, געקליידעט אין דער פּויליש־יידישער הלבשה — א „געהאקטע״ קאפּאָטע, הינטן אָפן ביז דער טאליע און א קליין טוכן היטעלע איפן קאָפּ. ס׳רוב פון זיי זיינען מיט דער צייט געוואָרן בעלי־מלאכות. אויך מיידלעך זיינען געוואָרן חברטעס, מיינסטנס נייטאָרינס, וואָס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער באוועגונג. די „חברים״, ווי מ׳האָט זיי גערופן, האָבן אָפּט אָפּגעהאלטן געהיימע פארזאמלונגען, אויף

וועלכע מ׳האָט ארומגערעדט פּאָליטישע פראגן און געזוכט מיטלען, ווי אזוי צו פארבעסערן דאָס לעבן פון די ארבעטער.

אויך די פּ. פּ. ס. האָט פארשטארק די פּראָפּאגאנדע צווישן די שעדלעצער יידן. עס איז כאראקטעריסטיש, אז אין דער עכט פוילישער פּאר־טיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן חסידישע יונגעלייט, וואָס האָבן אפילו נישט געקענט קיין פויליש. צו דער פּ. פּ. ס. זיינען אויך צוגעשטאנען די יידי־שע שעכטהויז-ארבעטער און סתם שטארקע כאראקטערן. עס האָט זיי אימפּאָנירט וואָס די פּ. פּ. ס. פארנעמט זיך נישט מיט קיין טעאָריעס, נאָר מיט פּראקטישע טעראָר-מעשים. די אקטיווע טוער פון פּ. פּ. ס. זיי־נען געווען: משה קאלמאנאָוויטש (זיין צונאָמען „גבאי", ווייל זיין פאָ־טער איז געווען א שארפער חסיד און גבאי פון קאָצקער שטיבל. ישראל צימערמאן („בדחן"), מיכאל אגרעסבוים, משה חסיד („חסיד" א צונאָ־מען), מענדל ראדזינסקי, אברהם פעדערמאן (שניצער), אָשר לעוויטע, יאָסל שלאָס, חיים סערכיי (צונאָמען קעטשע). זיי אלע האָבן געווירקט אונטער דער אָנפירונג פון אברהם קדיש.

דער אקטיוו פון בונד איז באשטאנען פון :אליהו ווירא, טוביה קאַ־גאן, שאול זובראָוויטש (באקאנט געווען מיטן צונאָמען „וויעטראק", ווייל זייער שטוב איז געווען זייער בארעדעוודיק), שלמה סטאלאָווי, א שילער פון 4טן קלאס גימנאזיע, משה ליאָס, יעקב ראטיניעוויטש, זלמן בורשטיין און יעקב ליווערא̈נט.

ביידע פארטייען — בונד און פּ. פּ. ס. — האָבן געפירט זייער טע־טיקייט שטרענג קאָנספּיראטיוו. ווען די צאָל חברים האָט זיך שטארק פארגרעסערט, האָט מען זיך גענומען גרופירן אין דער „נאראָדנע טשיי־נע", וואָס האָט זיך געפונען אין א גרויס הויז אויפן עק מארק. די „נאַ־ראָדנע טשיינע" איז געווען א „ווערק" פון דער אָרטיקער צארישער מאכט און איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1902. דאָס האָט געזאָלט זיין א מין „קולטור-צענטער" פאר די צארישע טשינאָווניקעס און אויך אָן אָרט, וואָס זאָל אָפּציען די מאסן פון דער געהיימער רעוואָלוציאָנע־רער באוועגונג. דאָרט האָט מען באקומען הייסע וואסער, אזוי גערופענעם „קיפּיאטאָק", אויפן פארלאנג אויך עסענץ, צוקער האָט מען געדארפט צוקויפן. דאָרט האָט מען געקאָנט לייענען די אָפיציעלע רוסישע רעגי־רונגס-צייטונגען, שפּילן אין דאָמינאָ, פארברענגען אין א שמועס א. א.וו.

אָט דאָס צארישע „קולטורהויז" איז געוואָרן א טרעפפּונקט פאר די חבריב פון „בונד", וועלכע האָבן זיך געזאמלט און געפירט דיסקוסיעס און שמועסן. די זאך איז אָבער באוואוסט געוואָרן דער זשאנדארמעריע, וועלכע האָט גענומען נאָכשפּיאָנירן, און עס איז געקומען צו רעוויזיעס און ארעסטן.

די קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט פון בונד

צוליב דער ניי-געשאפענער לאגע, איז די אָרגאַניזאַציע געצוואונגען געוואָרן צו באזאָרגן זיך מיט א קאָנספּיראַטיווער דירה. איינער פון די בונדיסטן — מאיר וויכא, האָט געדונגען א וואוינונג, א צימער מיט א קיך, אויף א דאך, ביים שעדלעצער הויז-אייגנטימער מענדל ליוועראנט. דאָס הויז האָט זיך גראָד געפונען אויף פּזשעכאָדניע-גאס, קעגנאיבער דעם פּאָליציי-אוטשאסטאָק (קאָמיסאריאט), דערפאר אָבער האָט די וואוינונג געהאט א צווייטע מעלה: עס איז דאָרט געווען א דורכגאנגס-הויף אין א צווייטער גאס אריין — אויף פּיענקנע. ס'איז אויסגערעכנט געוואָרן, אין פאל פון א רעוויזיע, וועט מען זיך קענען ארויסשארן דורך א הינטערגאס. כדי נישט צוצוציען די אויפמערקזאמקייט פון די שכנים, האָט מען ארויפגעטראָגן אין דער וואוינונג אביסל אָרימע בעבעכעס, כלומרשט דאָס מעבל פון נייעם לאָקאטאָר און פארן הויז איז ארויסגעהאנגען געוואָרן א שילד פון א בוכבינדעריי — מאיר וויכאס פאך.

אין דער דאָזיקער דירה האָט זיך פארזאמלט בלויז דער אקטיוו פון בונד צו דערליידיקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט. די מאסן-חברים האָבן נישט געוואוסט וועגן דער עקסיסטענץ פון דער דאָזיקער קאָנספּיראַטיווער דירה, אין וועלכער די אקטיוויסטן האָבן זיך פארזאמלט שפּעט אין דער נאכט. דאָס אָנקלאפּן אין טיר איז געווען לויט א פריער-אָפּגערעדטן סימן. ערשט ווען די טיר האָט זיך געעפנט, האָט מען געדארפט זאָגן א באַשטימטן פּאראָל.

פאר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגן אייגענע פּראָקלאמאציעס און ליטעראטור. עס איז באשלאָסן געוואָרן ארויסצולאָזן העקטאָגראפישע אויפרופן. די ארבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן דריי חברים פון בונד: זלמן בורשטיין (פּריצל), יעקב ליוועראנט און דער שוין דערמאָנטער ראטיניעוויטש. זיי האָבן געארבעט אין דער סטעמפּל-פאבריק פון יעקב לערנער. ווען לערנער איז געווען פארנומען אין שטאָט, האָבן די דריי געזעלן צוגעגרייט א העקטאָגראף און פאַרזיכטיק אים אריבערגעפירט אין דער קאָנספּיראַטיווער דירה. דאָרט האָט מען קאָפּירט פּראָקלאמאציעס, וועלכע זיינען פארשפּרייט געוואָרן צווישן די ארבעטער. אין די פּראָקלאמאציעס איז אויפגעקלערט געוואָרן די דערדריקנדיקע עקאָנאָמישע לאגע פון ארבעטער, זיין פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט און באַרויבטע פרייהייט. די ארבעטער זיינען גערופן געוואָרן צום קאמף אונטער דער פאָן פון „בונד" דער העקטאָגראף איז אזוי פארפולקאָמט געוואָרן, אז מ'האָט געדרוקט נישט בלויז פלוגבלעטלעך, נאָר אויך בראָשורן, וואָס זיינען געבונדן געוואָרן אין צעראטע

טאָוועלעך און איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. די אַרבעטער פלעגן שלינגען דאָס מאַטעריאַל מיט גרויס דורשט. פאַרשטענדלעך, אַז דער עיקר פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל איז אָנגעקומען פון וואַרשע.

זייער אַ כאַראַקטעריסטישע געשיכטע איז פּאַרגעקומען מיטן פּאַר־טיי־חבר יעקב ליוועראַנט, וועלכן מ'האָט גערופן „פענטאַק". ער איז גע־ווען דער היטער פון דער פּאַרטיי־ליטעראַטור, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַרשטעקט אין אַ נישע אין דער וואוינונג פון זיינע עלטערן. דעם ערשטן מיי האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז די פּאָליציי פירט דורך רעוויזיעס. ליוועראַנטס פאָטער, וויסנדיק אַז אין דער נישע גע־פינט זיך אומלעגאַלע בונדישע ליטעראַטור, האָט ער זי אַרויסגעשלעפּט און פאַרברענט. אין אַ צייט אַרום, האָט ליוועראַנט גענומען זוכן דאָרט דאָס דרוק־מאַטעריאַל, פאַר וועלכן ער האָט זיך אַזוי שטאַרק מוסר־נפש געווען, אָבער גאָרנישט געפונען. אַ ברוגזער איז ער אַוועק צום פאָטער אין טאַבאַקקראָם און געפאָדערט ער זאָל אים אָפּגעבן דאָס מאַטעריאַל. דער פאָטער האָט אים דערקלערט, אַז פאַר זיין טובה און דער טובה פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט ער פאַרניכטעט דאָס מאַטעריאַל. „פענטאַק" האָט נישט געוואָלט הערן, געהאַלטן זיך ביי ס'זייניקע און געפאָדערט צוריק די ליטעראַטור. דערביי האָט ער אָנגעווענדעט „סאַנקציעס" קעגן פאָטער: ער איז געשטאַנען אין קראָם און געשטערט צום פדיון, אַז אַ קונה איז אַריינגעקומען קויפן פּאַפּיראָסן, האָט ער אָפּגערעדט, טענהנדיק אַז די פּראָדוקציע איז אַ שלעכטע. דער סוף איז געווען: משה יהושע ליוועראַנט האָט זיך געווענדעט צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און גע־בעטן די פאַרמיטלונג צווישן אים און זיין זון. דער פּסק־דין פון דער אָר־גאַניזאַציע איז געווען: אַ סומע געלט קנס, וואָס ער האָט באַצאָלט דעם „בונד" פאַרן שאָדן.

אין דער סטעמפּל־פאַבריק פון י. לערנער איז אויך אין געהיים אויס־געפּאַרטיקט געוואָרן דער פּאַרטיי־סטעמפּל, וועלכער איז געווען קיילעכ־דיק און אין אים די ווערטער: „אַלג. ייד. בונד פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן, שעדלעץ". אין צענטער פון סטעמפּל — צוויי הענט גיבן זיך שלום־עליכם — דער סימבאָל פון אחדות.

די אָרגאַניזאַציע איז ווייטער געוואַקסן, דאָס צימערל ביי מענדל לי־וועראַנט איז שוין געווען צו קליין. אין דער „נאַראָדנע טשיינע" האָט מען נישט געקאָנט אַריינקומען צוליב די זשאַנדאַרמערסקע שפּיצלס, האָט דער בונד געשאַפן אַ „בירזשע". די אָרגאַניזאַציע איז געווען צע־טיילט אויף קעמערלעך פון פינף — צען מיטגלידער אין אַ קעמערל. אין באַשטימטע צייטן — ספּעציעל שבת נאָך מיטאָג — פלעגט מען זיך אַרויסלאָזן אין גאַס, דאָס איז געווען אויף וואַרשעווער גאַס, אויף דעם

אָפּשניט — שפּיטאַלנע ביז דעם מיליטערישן פּלאַץ. דאָ האָבן זיך גע־זאמלט די חברים פון בונד. זיי האָבן שפּאצירט אהין און צוריק. דאָ פלעגט פאַרטיילט ווערן ליטעראטור און דער אָרגאַניזאַטאָר פון קעמערל פלעגט אויפקלערן די חברים וועגן מעמד פון ארבעטער־קלאס און זיין פליכט צו קעמפן פאר א בעסער און שענער לעבן. אזא שפּאציר האָט זיך געענדיקט מיט שטעלן פראגן, אויף וועלכע דער אגיטאַטאָר האָט גע־פּרואווט ענטפערן. געוווען אזעלכע אגיטאַטאָרן וואָס האָבן געוואונען דעם צוטרוי פון די חברים און זייערע רייד פלעגן אויפגענומען ווערן ווי דער לעצטער אמת. די אגיטאציע האָט ענדלעך געבוירן דעם ערשטן שטרייק אין שטאָט.

די אָרגאַניזאַציע פון די סטאָליער־ארבעטער און דער ערשטער שטרייק

אין רעזולטאט פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, הן פון בונד הן פון פּ. פּ. ס., האָבן זיך געשאַפן אָנגעשטרענגטע באַציאונגען צווישן מייסטער און געזעל, סוחר און אָנגעשטעלטן. אויך די דינסטמיידלעך זיי־נען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אגיטאַציע, וואָס האָט צוגעזאָגט צו באַ־פרייען דעם ארבעטסמענטשן פון פרעמדן יאָך.

א שטאַרקן איינפלוס האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע באַקומען אויפן בויפאַך, צו וועלכן עס איז אויך פאַררעכנט געוואָרן דאָס טשעשעלער־פאַך. צווישן די בונדישע אַקטיוויסטן האָבן זיך געפונען 2 סטאָליער־אר־בעטער — מאירל און ליאס. אויך אברהם יאבלאָן, דער גרינדער פון בונד אין שעדלעץ איז געווען א סטאָליער און הגם ער האָט געארבעט אין ווארשע, איז זיין איינפלוס אין שעדלעץ געווען זייער גרויס. ער פלעגט זיך אָפּט אראָפּכאַפּן אין זיין געבוירן־שטאָט און דערוואָרבן צווישן זיינע פאַך־קאָלעגן הייסע און באַגייסטערטע חסידים, ווי: איטשע „קעפּל" (געלבאָרד), די בני חבל (גלאזמאן), אלטער שמואל יאָסעלעס (יאבלאָן), א קוזין פון אברהם יאבלאָן, ישעיהו ברענאָוויצקי, לייביש „קאָפּ", לייבל „קאָזע" (שיינבוים), יענקל מארקוספעלד, דוד טשוטשיקל (מאַלטשינסקי) און אלטער מלאך (זילבערבוים). פון די טשעסלערס זיינען געווען טעטיק אין בונד: נח סקאלקער, חיים מרדכי סטאנקעוויטש, מאטיס א. אנד.

די ארבעט־באַדינגונגען אין די בויפאַכן זיינען געווען די זעלבע ווי ביי די שוסטער: מ'האָט געארבעט ביז 18 שעה אין מעת־לעת, דאָנער־שטיק און ערב יום־טוב — גאַנצע נעכט און אויך אין ווינטערדיקן לאַנגן מוצאי שבת האָט מען באלד נאָך הבדלה זיך גענומען צו דער ארבעט. דער מצב האָט געבראַכט צו דעם, אז די טישלער־געזעלן האָבן די ערשטע פאַרשטרייקט.

אָרגאַניזירט און פּלאַנמעסיק זיינען דורכגעפירט געוואָרן די פּאַרבאַ־רייטונגען צום שטרייק. די אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען, צו 10 — 15 פּערזאָן, אויף וועלכע עס איז אויפגעקלערט געוואָרן די באַדייטונג פון שטרייק. עס איז געשטעלט געוואָרן צו דער אָפּשטימונג. כמעט אַלע האָבן זיך ארויסגעזאָגט פאַרן שטרייק. די לעצטע פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם צווייטן טאָג פסח, איז דורכגעפירט געוואָרן לויט אַלע כללים פון קאָנספּיראַציע: פאַראַלן און אויסגעשטעלטע פּאַטרולן פון דער שטאָט ביזן אָרט פון דער פאַרזאַמלונג — אין טאָל פון די „פּיאַסקעס", אויף לוקאַווער שאָסיי. דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע אַר־בעטער פון סטאָליער־ און טשעשלער־פאַך. נאָך די רעדעס פון די אַגיטאַ־טאָרן איז ביי אַן אַלגעמיינער צושטימונג באַשלאָסן געוואָרן צו דערקלערן אַ שטרייק פון אַלע סטאָליער־ און טשעשלער־אַרבעטער אין שעדלעץ.

יעדן חול־המועד פלעגן די געזעלן קומען צו די מייסטערס זיך אָפּ־רעכענען פון די גענומענע קאָנטעס אַ גאַנצן זמן און גלייכצייטיק האָט מען געשמועסט וועגן ווייטער אַרבעטן אויפן קומענדיקן זמן. דאָס מאָל האָבן די טישלער־ און טשעשלער־געזעלן נישט געגעבן קיין קלאָרע תשובה די מייסטערס מכוח ווייטער אַרבעטן. אין שטאָט האָט מען שוין געשמועסט וועגן בעפאַרשטייענדיקן שטרייק און באַלד נאָך פסח האָבן די מייסטערס פון די דערמאָנטע פאַכן באַקומען צוגעשיקט פאָלגנדיקע פאָדערונגען: 1) אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטטאָג; 2) אָנדערהאַלבן שעה אויף מיטאָג און אַ האַלבע שעה אויף פרישטיק (אָנבייסן); 3) אַרבעטן פון שעה צו שעה; 4) בעסערע באַהאַנדלונג. די פאָדערונגען, פאַרזען מיטן פּאַרטיי־סטעמפּל פון בונד, האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַמערקונג, אַז קיין שום אַרבעטער וועט נישט צוטרעטן צו דער אַרבעט, אויב די פאָ־דערונגען וועלן נישט אונטערגעשריבן ווערן. באַזונדערע פאָדערונגען זיינען געווען פאַר די לערניינגלעך: נישט באַנוצן צו קיין שטוביקער אַר־בעט, נישט באַליידיקן, לערנען דאָס פאַך א. ד. גל.

לכתחילה האָבן די מייסטערס די גאַנצע זאַך מבטל געמאַכט: „ווייס איך וואָס דאָרט, די יאַטן מאַכן זיך נאַריש, שיקן פּאָוויעסטקעס, סטראַ־שען מיט „סרייקן", ווער פרעגט נאָך זיי?". די מייסטערס האָבן געמאַכט צווישן זיך יד אחת, אַז קיינער זאָל נישט נאָכגעבן די פאָדערונגען. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך געשטעלט דער סעזאָן, און די וואַרשטאַטן זיינען געשטאַנען ליידיק, האָבן אַ טייל מייסטערס גענומען אונטערהאַנדלען מיט די פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע און די פאָדערונגען אונטער־געשריבן, ביי אַנדערע האָט דער שטרייק געדויערט. עס איז געקומען צו בלוטיקע געשלעגן מיט שטאַרקע פון דעם פאַך, וועלכע זיינען געוואָרן שטרייקברעכער. זייער כוח האָט נישט געהאָלפן. דער ערשטער שטרייק

פון יידישע ארבעטער אין שעדלעץ האָט זיך פארענדיקט מיט א נצחון. די מייסטערס איז שווער געווען זיך צוצוגעוואוינען צום געדאנק, אז דער ארבעטער קאָן אים א דעה זאָגן אין זיין ווארשטאט. עס איז דעריבער נאָכן שטרייק געקומען צו קאָנפליקטן און געשלעגן. פאר אויסרופן ביי דער ארבעט: „חברים, מיטאָג", האָט א טישלער־מייסטער געוואָרפן א הובל אויף דעם ארבעטער יהושע חבלען און אים איבערגעבראָכן דעם נאָזביין. די געזעלן האָבן דעם מייסטער מקיים פסק געווען און ער האָט נאָך געמוזט באצאָלן קנס דער אָרגאניזאציע. חבלען איז געבליבן א צע־פלאטשטע נאָז, מיט וואָס ער האָט שטאָלצירט, ווי מיט א צייכן פון קאמף.

דער געוואונענער טישלערשטרייק פון די בוי־ארבעטער האָט שטארק געהויבן דעם פרעסטיזש פון דער אָרגאניזאציע. עס זיינען צו־געקומען א סך סימפאטיזירער און אָנהענגער. עס איז שוין געוואָרן צו ענג אין דער קאָנספיראטיווער דירה פון בונד, די מאסע איז ארויס אויפן גאס. עס האָט זיך געשאפן די בערזע, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דער ווארשעווער גאס, פון עק שפיטאָלנע ביזן מיליטער־פלאץ. דאָ אהער זיינען געקומען די אגיטאטאָרן און האָבן די ארבעטער אויפגעקלערט וועגן זייער עקאָנאָמישער און פאָליטישער לאגע.

די אגיטאציע האָט געווירקט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע שטרייקן. עס האָט פארשטרייקט דאָס מאלערפאך. היות אין דעם פאך האָבן אויך געארבעט פאָליאקן, איז דער שטרייק אָנגעפירט געוואָרן פון פ. פ. ס. און בונד. נאָך די מאלארעס האָבן פארשטרייקט די לעדער־ און נאָדל־ארבעטער. די שטרייקן האָבן זיך פארענדיקט מיטן נצחון פון די ארבעטער. אין שעדלעץ האָט מען אָנגעהויבן ארבעטן א 12־שעהדיקן ארבעטסטאָג מיט מיטאָג־איבעררייס. אויך דער פארדינסט איז געוואָרן א גרעסערער. די בונדישע אָרגאניזאציע האָט באקומען אן אָנזען אין דער שטאָט. מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן פאראינטערעסירן אויך די צארישע אָכראנע און זשאנדארמעריע.

ארעסטן און די אומלעגאלע טעטיקייט פון בונד

עס האָט נישט לאנג געדויערט, און די מאכט איז געקומען אויף די שפורן פון דער „קאָנספיראטיווער דירה" פון בונד. געשען איז דאָס א קורצע צייט נאָכן טישלערשטרייק, אין פרילינג 1903. אין מיטן נאכט, זיינען זשאנדארמען מיטן זשאנדארמסקי ראָטמיסטזש ביאלאפאָלסקי בראש, פאָליציי מיטן פאָליצמייסטער שעדעווער און געהיים־אגענטן אריין אין דער וואוינונג און דורכגעפירט א גרינטלעכע רעוויזיע. די צא־

רישע פּאָליציי־לייט האָבן אויפגעריסן דעם דיל און דאָרט געפונען דעם גאַנצן אומלעגאַלן ארכיוו, וואָס איז באַשטאַנען פון אומלעגאַלער ליטעראַטור און א העקטאָגראַף. די באַלעבאַטים פון דער וואוינונג, דער „איינבינדער־מייסטער" מאירל ליבפריינד (וויכאן) מיט זיין „געזעל" טוביהלע קאַגאַן זיינען ארעסטירט געוואָרן און מ'האָט זיי אָפּגעפירט אין דער באַרימטער שעדלעצער תּפיסה.

נאָך דעם ערשטן פּאָליטישן ארעסט זיינען געקומען ווייטערדיקע ארעסטן. אין משך פון איין וואָך זיינען ארעסטירט געוואָרן די מיטגלידער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע: יאַנקל דער באָבעס (ראַטיניעוויטש), מאַקס (שלמה סטאָלאָווע), משה ליאַס און דער „לאַנגער קיווע". ביי משה ליאַס האָט מען געפונען אומלעגאַלע ליטעראַטור. דאָס באַהעלטעניש פון דער ליטעראַטור איז אָנגעוויזן געוואָרן דורך א מוסר. נאָכן אָפּזיצן א יאָר איז משה ליאַס באַפרייט געוואָרן. ער איז אַהיימגעקומען א קראַנקער אויף שווינדזוכט אין לעצטן סטאַדיום און איז אין קורצן געשטאָרבן. זיין טויט האָט געמאַכט אין שטאָט אן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. אַלע פּאַרטייען האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה. די חברים זיינען נאָכגעקומען די בקשה פון די עלטערן און נישט געזונגען קיין לידער און נישט געהאַלטן קיין רעדעס. דער עולם האָט אויף אן אַנדערן אופן געברענגט צום אויסדרוק זיין פּראָטעסט צום מת: ווען די עגלה איז צוגעקומען צו דער בירזשע, האָבן די חברים אויסגעשפּאַנט די פערד און אליין געשלעפּט די עגלה ביז אויפן בית־עולם. אויפן קבר האָבן דעלעגאַציעס פון אַלע פּאַרטייען אוועקגעלייגט קרענץ בלומען.

די שעדלעצער תּפיסה (טורמע), וואו עס זיינען אריינגעזעצט געוואָרן די פּאָליטישע ארעסטירטע, האָט געהאַט א שם אין דער פאַרברעכער־וועלט. אין דער צייט, ערב דער רעוואָלוציע פון 1905, איז דאָרט געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער. עס זיינען דעמאָלט שוין געזעסן עטלעכע און דרייסיק פּערזאָן, דערונטער באַוואוסטע פּאָליטישע טוער פון רוסלאַנד. אויך דזשערדזשינסקי, דער שפּעטערדיקער אָנפירער פון ג. פּ. או., זאָל אין יענער צייט דאָרט האָבן געזעסן. דער רעזשים איז דאָ געווען א לייכטער. די פּאָליטישע ארעסטאַנטן האָבן גענאָסן פון פּריווילעגיעס. די אינטעליגענטן האָבן געגעבן לעקציעס דעם פּשוטן עולם און דאָ האָט מען אויסגעבילדעט אַגיטאַטאָרן. מ'איז ארויס פון תּפיסה — מענטשן מיט בילדונג.

דער ארעסט פון די וויכטיקסטע בונדישע טוער אין שעדליץ האָט די באַוועגונג נישט אָפּגעשטעלט. עס האָבן זיך באַלד ארויסגערוקט נייע כּוחות, ווי: אסתּר מאַסטבוים, די שוועסטער פון שרייבער יואל מאַסטבוים, איטשעלע סטאַלאוו (סטעמפּל־מאַכער), יהודית ליוועראַנט (מאָ־

דיסטקע), הערשל ליוועראנט (בעקער), יהושע שפיגעלמאן (טאפיצי־רער) און ישראל כרושטשעל (דער ווייסער קאָפּ).

די באַוועגונג איז זיך צעוואקסן און זיך געניוטיקט אין אן אָנפירער. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד האָט אַראָפּגעשיקט קיין שעדלעץ א פּאַרשטייער מיטן נאָמען באַרים. באַרים, א שניידער, האָט זיך באַזעצט אין שעדלעץ און געוואָרן דער אָנפירער פון די יידישע ארבעטער. ער איז געווען פון די פּאַלקסטיפּן, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט ארויסגערוקט, געהאט ווייניק בילדונג, אָבער אן אויסערגעוויינלעכע אָריענטאַציע אין פּאָליטישע ענינים. ער האָט אָנגעפירט מיט די מאסאוווקעס און זיצונגען פון דער פּארטיי. צו די פּאָליטישע קרייזלעך, וואָס זיינען דעמאָלט געשאפן געוואָרן אין שעדלעץ האָבן געהערט: „קאָסטעק" (חיים שלייפער), גאָלדענבערג, „מאקס" (מרדכי יעדוואב, א שלאָסער), „יאַנטשעק" (אברהם וויינאפעל, א מאלער), באבעק (משה דוד גראָסמאן, א שניידער), חיים זישעלע (ראטינאָוויטש), מתתיהו שליפקי (סטאָלאר), רוזשקע סרעברניק (שניידערין), רייזעלע פרידמאן, פריידע זשעלעכאָווסקא (נייטאָרין), די לאַנגע רבקה (פּיעפּזש), די שווארצע יהודית (פּעליציע), דער „דארער שאיע" (כרענאָווצקי, א טישלער) און אלטע „מלאך" (זיגעלבוים).

די פּאָליטישע קרייזלעך פלעגן פאָרקומען אין פּריוואטע וואוינונגען פון בונדיסטן. די מאסאוווקעס זיינען זומער פאָרגעקומען אויפן פעלד הינטערן שטאָט, אָדער ביי אלטער בולץ אין סאָד. אלטער בולץ איז געווען אן עלטערער מענטש, א שניידער־געזעל מיט א לאנגער באַלעבאַטישער באָרד. ווינטער האָט ער געארבעט שניידעריי און זומער געהאלטן א סאָד און דערביי שטענדיק געלעבט אין גרויס דחקות. ער איז געווען איינער פון די געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע חברים פון בונד, האָט אויסגעפירט אלע פארטיי־שליחותן און זיך גערעכנט פארן שמש פון בונד. בעת די פארזאמלונגען ביי אים אין סאָד איז בולץ געשטאנען אויף דער וואך און טאָמער האָט ער עפּעס „דערקענט", האָט ער געבעטן דעם עולם זיך צו פארהאלטן רואיק. ער אליין האָט אין דער גאנצער ברייט זיך אוועקגעשטעלט ביים ארויסגאנג פון סאָד און נישט געלאָזט זיך צעלויפן.

ווינטער 1904 זיינען שוין די מאסאוווקעס פאָרגעקומען עפנטלעך אין שול אָדער בית־מדרש. די ארבעטער פלעגן פארכאפּן די בתי־תפילה און אָפּגעהאלטן די פארזאמלונגען. אָפטמאָל פלעגן אויסברעכן געשלעגן מיט מתפללים און גבאים, וועלכע האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן צו די פארזאמלונגען.

אחוץ די שוין דערמאָנטע ארבעטער, וואָס האָבן געבילדעט דעם

אקטיוו פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען אין שעדלעץ אויך געווען אַזוי גע־רופענע „קאַבינעט־סאָציאַליסטן", אינטעליגענטע סימפּאַטיזירער, וועלכע האָבן אונטערשטיצט דעם בונד מיט געלט און אָרגאַניזירט דעם „רויטן קרייץ" (קאָמיטעט צו העלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע). צווישן די דאָ־זיקע סימפּאַטיזירער האָט פאַרנומען אַ באַדייטנדיק אָרט אַן אָנגעזעענער בוכהאַלטער, וואָס איז געווען באַשעפטיקט ביי דער רייכער פירמע „ס. ב. מינץ". דער בוכהאַלטער האָט גרופּירט אַרום זיך אַ קרייז פון סימ־פּאַטיזירער און אָנהענגער פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע אינטעליגענטן, בעלי־בתישע קינדער אין פּעלערינעס, מיינסטנס בוכהאַלטערס און אָנגעשטעלטע מיט גאָלדענע פּענסנע אויף די נעזער, האָבן אין שטאָט געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק. עס איז כדאי צו פאַר־צייכענען זייערע נעמען: יענקעלע „דיפּלאָמאַט" גאָלדשטערן איז געווען געהילף־בוכהאַלטער ביי דער פירמע מינץ; אַברהם זיגלוואַקס, אַן אָנגע־שטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, פון לובלין איז ער געקומען קיין שעדלעץ און זיך דאָ איינגעאָרדנט. צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן אויך געהערט די „בני סלושנע" — מאיר אַלטערס און מאיר אַברהמלס, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער עקסטערן. מאיר אַלטערס איז געווען אַ זינגער, אַן אַמאַטאָר אויף דער סצענע און געהאַט אַ וואַרשטאַט פון ראָווערן, וואו עס האָבן געאַרבעט פּוילישע אַרבעטער. צוליב די פּוילישע אַרבעטער האָט ער אַחוץ מיטן בונד, אויך סימפּאַטיזירט מיט די פּ. פּ. ס. און גע־שריבן פּראָקלאַמאַציעס פאַר דער יידישער פּ. פּ. ס.

ערב דעם ערשטן מאַי 1904 האָט שעדלעץ שוין געהאַט אַ ברייט־אַנטוויקלטע אַרבעטער־באַוועגונג מיט פאַרשידענע פּאַרטייען און ריכ־טונגען, וועלכע האָבן זיך שוין שטאַרק אָנגעזען אין שטאָט. אויך די ציוניסטן האָבן שוין דעמאָלט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט. שעדלעץ איז געוואָרן „אַ שטאָט מיט אַ נאָמען". פון צענטער האָט מען אַהערגע־שיקט רעדנער און אַגיטאַטאָרן פון אַלע פּאַרטייען: ציוניסטן, וואָס האָבן גערעדט העברעאיש און בונדיסטן מיט העמדלעך מיט טראָלדן. אויף דער בונדישער בערזע איז געווען יעדן טאָג לעבעדיק. מ'האָט היים דיס־קוטירט איבער פאַרשידענע פראַגן און געגרייט זיך צו פייערן דעם ער־שטן מאַי מיט אַ דעמאָנסטראַציע.

די פּאָליציי האָט זיך דערוואוסט פון די דאָזיקע צוגרייטונגען און עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן: דער פּעפּעסישער טוער דאַמאַנסקי מיט זיין זון און געזעל סטעמפּינסקי; פון בונד — זשאָרזש און פריצל „פּענ־טאַק". טראָץ די רעפּרעסיעס האָבן די פּאַרטייען זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון פייערן דעם ערשטן מאַי מיט אַ דעמאָנסטראַציע.

די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע אין 1904 און די בלוטיקע מאַיוואָוקע אין וואלד

דעם ערשטן מיי, באַלד אין דער פרי, האָבן זיך אויף פאַרשידענע גאַסן באַוויזן גרופּעס אַרבעטער מיט רויטע שלייפלעך אין די קלאַפּעס. זיי האָבן אויפגעפאָדערט די קרעמער צו פאַרמאַכן די קראָמען, אַז נישט וועט זיין ערגער. די קרעמער האָבן שוין געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט און „צוגעלענט" די געוועלבער. אויך אין די וואַרשטאַטן האָט מען אָוועקגעלייגט די אַרבעט. אויף די גאַסן האָבן זיך באַלד באַוויזן מי־ליטער־פּאַטרולן מיט ביקסן און אויפגעזעצטע שטיקעס. די מיליטער־לייט האָבן געצוואונגען צוריק אויפצומאַכן די קראָמען. מיטאָגצייט האָט זיך די גאַס איינגעשטילט. די מיליטער־פּאַטרולן זיינען אַוועק. דעם מאָ־מענט האָבן אויסגענוצט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און צונויפגעבראַכט זייער עולם. באַלד האָט זיך אויף דער וואַרשעווער גאַס באַוויזן א פּיל־פאַרביקער אַרבעטער־עולם. עס האָבן א פלאַטער געטאָן רויטע פענער און די גאַס איז פאַרהילכט געוואָרן פון אַרבעטער־לידער און לאָזונגען. אין דער ערשטער ריי זיינען געגאַנגען די פּ. פּ. ס. וועלכע זיינען באַשטאַ־נען פון אַרבעטער, פּויערים, יידישע בחורים פון חסידישע היימען און די שעכטהויז־אַרבעטער. די דעמאָנסטראַציע איז דורכגעגאַנגען דורך א ריי גאַסן. צום ערשטן מאָל האָט שעדלעץ געזען אַזא אויסטערליש בילד. עס איז אָנגעקומען רייטער־מיליטער און מיט די בלויזע שווערדן צעיאָגט די דעמאָנסטראַציע. קיין קרבנות זיינען נישט געווען. דער איינדרוק אין שטאָט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער.

אין זומער, 1904, האָבן די בונדיסטן איינגעאָרדנט א „מאַיוואָוקע" (מיישפּאַציר) אין היסטאָרישן וועלדל איגאַן. אין דעם וועלדל, וואו אין 1831 האָבן די פּוילישע אויפשטענדיקע געקעמפט קעגן דעם צאַרישן מי־ליטער, האָבן זיך איצט געהיים פאַרזאַמלט די בונדיסטן. פאַר די פּשוטע אַרבעטער האָט עס געהייסן א מיי־שפּאַציר. ווען אַלע זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט, האָט אברהם יאַבלאָן דערקלערט, אַז מ'איז זיך צוזאַמענגע־קומען, כדי צו באַטראַכטן די שווערע אַרבעטער־לאַגע און די מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן אויסצובעסערן דאָס לעבן פון די פּראָלע־טאַריער. שפּעטער האָט גערעדט א „ליטוואַק" וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין שייכות מיט דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה.

צוויי מיליטער־לייט וואָס זיינען צופעליק דורכגעפאָרן איפן שאָסיי נעבן וועלדל, האָבן באַמערקט די פאַרזאַמלונג און וועגן דעם געמאָלדן דער מאַכט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די אויסגעשטעלטע „פּאַט־רולן" פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן צו וויסן געטאָן, אַז עס קומען אָן דראַ־

גונער (א ספּעציעלע פאָרמאציע פון צארישן רייטער-מיליטער). די דראַ־גונער האָבן ארומגערינגלט דעם וואלד לויט אלע סטראטעגישע פאָר־שריפטן.

תחילת איז צווישן די פארזאמלטע אנטשטאנען א מהומה, באלד האָט אָבער יאבלאָן בארואיקט, געהייסן בודק זיין די טאשן, צי מ׳האָט נישט קיין פארדעכטיקעס און באפוילן רואיק אָפּצוואווארטן דעם שונא. דער פרעמדער אגיטאטאָר איז דורך זייטיקע וועגן אוועקגעפירט געוואָרן און די מאסע האָט רואיק געווארט דעם אויסגאנג. דאָס מיליטער האָט זיך דערנענטערט. דער קאָמאנדיר פון דער רייטער-אָפּטיילונג, קוסאקאָוו, איז מיט אן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער צוגעריטן צו די פארזאמלטע און גענומען זידלען און שרייען. א דרייסט מיידל איז צו צום אָפיציר און אים דערקלערט, אז דאָ איז נישט קיין פּאָליטישע פארזאמלונג נאָר א „מאַיואווקע". דער אָפיציר האָט זיך מכלומרשט בארואיקט און געגעבן א באפעל די רייטער ארומצורינגלען די פארזאמלטע מיט א קייט און שפּעטער זיינען שוין געקומען די ווייטערדיקע באפעלן: „די שווערדן ארויס", „האקן איבער די קעפ". עס איז געוואָרן א שרעקלעכע מהומה. וואו איינער האָט געקאָנט, איז ער געלאָפן, ווערנדיק געיאָגט פון די רייטער, וועלכע האָבן די קרבנות געשלאָגן מיט די שווערדן, באגלייט מיט די עכט-רוסישע קללות.

אנטקעגן איז אָנגעקומען דער שטאָטישער פּאָליצמייסטער שעדע־ווער מיט א קאָמפּאניע פּאָליציי. א גרעסערע גרופּע פון די פארזאמלטע, דערונטער פארוואונדעטע, זיינען פארהאלטן געוואָרן. אונטער א טאָפּלטן קאָרדאָן פון פּאָליציי און רייטער-מיליטער זיינען די ארעסטירטע אָפּגע־פירט געוואָרן אין טורמע, די פארוואונדעטע — אין טורמע-שפּיטאָל. ביים טורמע-טויער זיינען די ארעסטירטע דורכגעגאנגען א „בראנד" און מ׳האָט זיי געשלאָגן מכות-רצח. איידער מ׳האָט די ארעסטירטע גע־בראכט צו דער טורמע, האָט זיך אין שטאָט פארשפּרייט א קלאנג, אז מ׳האָט אויסגעשאָכטן אלע פארזאמלטע אין איגאנער וועלדל. פאר דער טורמע האָבן זיך פארזאמלט טויזנטער שעדלעצער יידן, וועלכע האָבן געוואָלט זען די לעבעדיקע ארעסטירטע.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז אויפן טורמעהויף אוועקגעשטעלט געוואָרן א לאַנגער טיש, ארום וועלכן עס זיינען געזעסן: דער זשאנדארמען-ראטמי־סטר וו. בילישש, וויצע גובערנאטאָר וואָיקאָוו, פּראָקוראָר סקאריאַ־טין, פּאָליצמייסטער שעדעווער, וועלכן מ׳האָט גערופן אין שטאָט „אב־רהמקעלע גוי", דער שטאָטדאָקטער סאוויצקי, שטאָטפעלדשער דוד שווארץ און דער דאָזאָר אברהם קאמינסקי. ארום זיי האָבן זיך געדרייט געהיים-אגענטן און פּאָליציי. יעדער פון די ארעסטירטע איז צוגערופן

געוואָרן צום טיש און געוואָרן פארהערט. אלע האָבן געגעבן די זעלבע תשובה וועגן דער פארזאמלונג: „עס איז נישט געווען קיין פּאָליטישער צוזאמענקונפט, נאָר א מאַיואווקע". דאָזאָר קאמינסקי האָט פעסטגע־שטעלט, ווער עס איז א שעדלעצער און די תושבים פון שעדלעץ זיינען תיכף באפרייט געוואָרן. פארהאלטן זיינען געוואָרן די פרעמדע פון די ארומיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן נישט געהאט קיין פערזענלעכע דאָ־קומענטן. די פארוואונדעטע זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל.

פון דעם דאָזיקן מיליטערישן איבערפאל אויף דער פארזאמלונג זיי־נען געווען פאָלגנדיקע קרבנות: 1) דער „געלער סטעלמאך" — א בחור פון לוקאָוו, באקומען א שניט פון א שווערד אויף דער האנטפלאך; 2) גרישקע איש — א שילער פון רעגירונגס־גימנאזיע, באקומען מיט דער שארף פון דער שווערד א שווערע וואונד אין האלדז, וואָס האָט דער־גרייכט ביזן שלונג. מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט האָבן אים באהאנדלט די גרעסטע שעדלעצער דאָקטוירים. זיין לעבן איז געווען אין געפאר. עס האָט זיך לסוף איינגעגעבן אים אָפּצוראטעווען; 3) ביי א יונג מיידל איז אָפּגעהאקט געוואָרן אן אויער; 4) גאָלדע עטע סימעס, א יונגע פארטיי־חברטע איז געטרעטן געוואָרן פון א פערד און באקומען וואונדן אין קאָפּ און ברוסטקאסטן, יאָרנלאנג נאָכדעם האָט זי געקרענקט און געשטאָרבן פון א ראק. אחוץ די שווער־פארוואונדעטע זיינען געווען צענדליקער לייכט־פארוואונדעטע. אלע האָבן באקומען מעדיצינישע הילף אין יידישן שפּיטאָל.

די געשעענישן אין איגאנער וועלדל האָבן אויפגעטרייסלט די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון שעדלעץ. די ברוטאליטעט פון דער צארישער מאכט האָט געשטארקט די סימפּאטיע פאר די רעוואָלוציאָנערן. בעלי־בתישע יידן האָבן געגעבן הילף די פארוואונדעטע. מ'האָט פאר זיי גע־זאמלט געלט און פּראָדוקטן. גוטהארציקע, פארמעגלעכע דאמען זיינען געקומען אין שפּיטאָל און געבראכט מתנות. מיט די פארוואונדעטע וואָס זיינען געלעגן אין שפּיטאָל האָט זיך באזונדערס פארנומען: דער דער־מאָלטיקער שפּיטאָל־אויפזעער, יצחק נחום וויינטרויב, דער אָרדינאטאָר ד"ר מ. שטיין, זיין אסיסטענט, דער סטודענט אבראמאָוויטש און דער פעלדשער אהרן גראָן.

זעלבסטשוץ קעגן פּאָגראָמען און די קאמפן מיט דער אונטערוועלט

אין שטאָט איז זייער שטארק געוואקסן דער אָנזען פון דער בונדי־שער אָרגאניזאציע. מ'האָט זיך אָנגעהויבן מיט איר רעכענען אין אלע שיכטן. די געוואונענע שטרייקן אין פארשידענע פאכן האָבן געוויזן דעם

כוח פון דער פארטיי און מ׳האָט אָנגעהויבן פאר איר מורא צו האָבן. די פארטיי־אָרגאניזאציע איז געוואָרן דער דעצידירנדיקער פאקטאָר ביי אלע געזעלשאפטלעכע און פריוואטע סיכסוכים. אויך די צארישע מאכט האָט זיך אָנגעהויבן רעכענען מיט דער אָרגאניזאציע, ווי מיט א כוח. מ׳האָט גענומען קוקן דורך די פינגער אויף איר טעטיקייט און אויסצו־מיידן צוזאמענשטויסן מיט דער מאסע. די אָרגאניזאציע איז אזוי ארום געוואָרן די צווייטע מאכט אין דער שטאָט. צו איר האָט מען זיך גע־ווענדט מיט אָנקלאגעס אויף אָפּגעטועגע עוולות, אויף פאָרגעקומענע גנבות און פארשידענע פערזענלעכע סיכסוכים. די פארטיי האָט דורכגע־פירט דין־תורות, אָפּגעזוכט גנבות און אפילו אויסגעגלייכט צעקריגטע מאן און ווייב.

אָפּטמאָל האָט מען זיך פון די ארומיקע שטעטלעך געווענדעט צו דער שעדלעצער אָרגאניזאציע פון בונד, אז זי זאָל אינטערווענירן אין פריוואטע סיכסוכים. די חברים האָבן געהיט דעם כבוד פון זייער אָרגא־ניזאציע און נישט געלאָזט אריינציען דעם בונד אין פריוואטע עסקים. אין זומער 1905 האָט מען אָנגעהויבן שטארק רעדן וועגן א פּאָגראָם אויף יידן, וואָס עס גרייטן די „קאצאפּעס". אין שעדלעץ האָט זיך אָר־גאניזירט א זעלבסטשוץ, אין וועלכן עס זיינען אריין מענטשן פון פאר־שידענע שיכטן. מ׳האָט געשמועסט, אז די זעלבסטשוץ פארמאָגט אייגן קאלט און הייס געווער. דער עיקר איז טאקע געווען דאָס קאלטע גע־ווער, ווי: שפּרינג־פעדער־מעסער, אייזערנע הענטשקעס, שטעקנס מיט „דראָטענע נשמות" א. ד. גל.

אין איינעם א פרימאָרגן, זומער 1904, איז געקומען קיין שעדלעץ א דעלעגאציע פון שטעטעלע פארטשעוו און איבערגעגעבן, אז אין שטעטל גרייט זיך א יאַרמארק, אויף וועלכן עס וועלן קומען אלע פויערים פון די ארומיקע דערפער און מ׳ריכט זיך אויף א פּאָגראָם. א גרופּע חברים פון זעלבסטשוץ האָבן זיך געמאָלדן, אז זיי זיינען גרייט צו פאָרן קיין פארטשעוו, כדי מציל צו זיין יידן פון א פּאָגראָם. אויך יידישע מיט־גלידער פון פּ. פּ. ס. האָבן דערקלערט זייער גרייטקייט צו גיין פארטיי־דיקן די יידן פון קליינעם שטעטל.

די שעדלעצער זעלבסטשוץ זיינען אָנגעקומען אין שטעטל. אלע זיי־נען זיך צונויפגעלאָפן אויף חידושים אָנצוקוקן די ניי־געקומענע געסט. די זעלבסטשוץ האָט מען איינגעאָרדנט הינטערן שטעטל ביי פערד־הענדלער. די בחורים האָבן נישט געקאָנט פארשטיין: ווי קומען זיי צו פערדהענדלער, אָבער אויפן צווייטן טאָג איז דער ענין קלאָר געוואָרן.

אין שטעטל האָט געוואוינט אן אדוואָקאט — אדלער. ער האָט פאר־בעטן צו זיך די בחורים פון שעדלעץ און זיך אָנגעהויבן מיט זיי אויס־שמועסן. דער אדוואָקאט האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט, וואָס

אזעלכע בחורים זיינען גרייט צו פארטיידיקן דעם יידישן כבוד און דאָס לעבן. „אָבער אין פארטשעוו איז נישטאָ קיין געפאר פון א פּאָגראָם, ווייל די פויערים פון די ארומיקע דערפער לעבן מיט יידן בשלום" — האָט אדלער אויפגעקלערט די זעלבסטשוץ. פון זיינע ווייטערדיקע רייד איז קלאָר געוואָרן, אז דאָ האנדלט זיך בלויז אין א סיכסוך, וואָס עס האָט אויסגעבראָכן צווישן די פערדהענדלער מיט די פויערים. די הענד־לער האָבן אויף א נישט-כשרן אופן ארויסבאקומען פערד פון די פויערים, וועלכע ווילן זיך אָפּרעכענען מיט די דאָזיקע „סוחרים". דער אדוואָקאט האָט געעצהט, אז די פארטיי זאָל זיך נישט מישן אין אזעלכע ענינים, ווייל עס וועט נישט פארשאפן קיין כבוד און יידן וועלן האָבן צרות.

די זעלבסטשוץ איז גלייך צוריקגעפאָרן קיין שעדלעץ. אין דער אָר־גאניזאציע האָט זיך אויפגעהויבן א טומל ארום דעם ענין. מ'האָט פאר־פירט אן אויספאָרשונג ווער עס האָט די זעלבסטשוץ ארייַנגעפירט אין אזא געפערלעכן טעות. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס שטיקל ארבעט האָט דורכגעפירט א זון פון א פערדהענדלער, א מיטגליד פון דער אָר־גאניזאציע. ער איז באלד באזייטיקט געוואָרן פון דער פארטיי. מ'וואָלט זיך אויך אָפּגערעכנט מיט די פערדהענדלער, אָבער די פארטיי האָט געוואָלט אויסמיידן געשלעגן.

א מער ערנסטן כאראקטער האָט אָנגענומען דער קאמף מיט דער אונטערוועלט, וואָס די אָרגאניזאציע האָט געפירט. אין יענער צייט האָט אין אלע גרעסערע ארבעטער-צענטערן זיך אָנגעהויבן א קאמף צווישן די אָרגאניזירטע ארבעטער און דער אונטערוועלט (אלפאָנסן, גנבים א. ד. גל.).

שעדלעץ האָט זיך געהאט אויך איר אונטערוועלט-חברותא. עס האָבן אויך דאָ נישט געפעלט קיין שאנדהייזלעך און אלפאָנסן מיט „כלות". פון צייט צו צייט פלעגן נאָך דאָ אראָפּקומען אויף גאסטראָלן טאשן-ציער און איינברעכער פון מינסק-מאזאָוויעצק, (דעמאָלט — נאָ־וואָמינסק). די אָרגאניזירטע ארבעטער, ווי קעמפער פאר גערעכטיקייט, האָבן אין דער טעטיקייט פון דער אונטערוועלט געזען א גרויסע עוולה קעגן דער מענטשהייט און פארמאָסטן זיך אויסצורוימען דעם דאָזיקן סאָציאלן שמוץ.

אין שעדלעץ האָט זיך דער קאמף מיט דער אונטערוועלט אָנגעהויבן ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן:

אין שטאָט האָט זיך געגרייט א קאטוילישע פייערונג פון לייגן א גרונטשטיין פאר א נייעם קאָשטשאָל. עס זיינען זיך צונויפגעפאָרן פרי־צים און רייכע פויערים פון דער אומגעגנט; אויף גאסטראָלן זיינען אויך געקומען גנבים און איינברעכער פון מינסק-מאזאָוויעצק. די אָרגאניזאציע האָט וועגן דעם געוואוסט און אויפגענומען א קאמף מיט דער אונטער־

וועלט. א געוויסער יאָסעלע „גנידע", וועלכער האָט גענומען באַארבעטן די טאַשן פון א פריץ, איז געשטערט געוואָרן דורך אָרגאַניזירטע אַר־בעטער. עס איז געקומען צו א געשלעג׳און יאָסעלע איז אזוי צעמזיקט געוואָרן, אז מ׳האָט אים געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל.

נאָך דעם דאָזיקן נצחון איבער דעם אונטערוועלט־העלד, האָבן אַר־בעטער זיך אוועקגעלאָזט צו די פאַרבאָרגענע שאַנדהייזלעך, ארויסגע־טריבן די פּרויען און די הייזלעך חרוב געמאַכט. געווען אין שעדלעץ א שאַנדהויז, וואָס מ׳האָט עס גערופן דאָס „מאָסקווער הייזל". אזא נאָמען האָט עס באַקומען, ווייל דער בעל־הבית פון דאָרט איז געווען אַן אויס־געדינטער ניקאָלאַיעווער זעלנער. זיין הייזל, וואָס האָט עקסיסטירט לע־גאַל, האָט באַדינט די אָפּיצירן פון אָרטיקן גאַרניזאָן. דאָס דאָזיקע „הייזל" האָבן די ארבעטער אוועקגעלאָזט מיטן רויך.

אין שעדלעץ גופא איז די אונטערוועלט־חברה געווען צו שוואַך צו שלאָגן זיך מיט די ארבעטער. דערפאַר האָבן די וואוילע יונגען זיך נוקם געווען אין שעדלעצער ארבעטער, וואָס זיינען געקומען אין די קליינע שטעטלעך. א שעדלעצער בעל־מלאכה איז דאָרט נישט געווען זיכער מיטן לעבן. די שעדלעצער אָרגאַניזאַציע, פון איר זייט, האָט זיך נוקם געווען אין די סוחרים פון די קלענערע שטעטלעך, וואָס האָבן געדאַרפט אָנקומען אין דער גובערניע־שטאָט. די שאָסייען זיינען באַוואַכט געוואָרן פון די ארבעטער און מ׳האָט זיי נישט געלאָזט אריינקומען אין שטאָט. לסוף האָט א דעלעגאַציע פון די קליינע שטעטלעך זיך געווענדעט צו דער שעדלעצער אָרגאַניזאַציע און עס איז געקומען צו אַן אויסגלייך.

די אָרגאַניזירטע ארבעטער אין שעדלעץ האָבן זיך אויך באַמיט מאָ־ראַליש צו ווירקן אויף אונטערוועלט־לייט, כדי זיי ארויפצופירן אויפן דרך־הישר. ארבעטערינס האָבן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט פּראָסטי־טוטקעס און געפּרואווט ווירקן אויף זיי, זיי זאָלן ארויס פון שמוציקן לעבן. טיילווייז האָט די מאָראַליזירנדיקע ארבעט זיך איינגעגעבן. יחידים פון דער אונטערוועלט האָבן געוואָרפן זייערע מיאוסע באַשעפטיקונגען און געוואָרן אָנהענגער פון די „גוטמאַכערס", ווי די וואוילע־יונגען האָבן גע־רופן די אָרגאַניזירטע ארבעטער. גאָר א נייע ווענדונג האָט דער קאַמף צווישן ארבעטער און אונטערוועלט אָנגענומען בעתן שטרייק אין דער מעכאַנישער שוסטעריי פון די ברידער סעבער, וועלכע מ׳האָט גערופן „קאָשעצעס".

„קאָשעצעס", האָט מען אין שעדלעץ גערופן א געוויסע קאַטעגאָריע מאַרקהענדלער, וועלכע מ׳האָט געהאַלטן פאַר הפקר־יונגען, וואָס קאָנען זידלען, באַליידיקן און אויך געבן א קלאַפּ. (דער צונאָמען „קאָשעץ" שטאַמט וואַרשיינלעך פון פּוילישן וואָרט — „קאָש" — א קויש, אָדער קיישל מיט וועלכן מ׳שטייט אין מאַרק). די ברידער סעבער האָבן גע־

האט א מעכאנישע שיכפאבריק, אין וועלכער עס זיינען געווען באשעפ־טיקט אייניקע צענדליק ארבעטער. לאנג האט מען אין דער בונדישער אָרגאניזאציע דיסקוטירט, צי מ׳זאָל אָנהייבן א שטרייק אין דער מעכא־נישער שיכפאבריק, מ׳האט פשוט מורא געהאט פאר די פאָלגן, קענענ־דיק די ברוטאלע הפקרדיקייט פון די קאָשעצעס. סוף־כל־סוף האט דע־צידירט דער פארטיי־פּרעסטיזש און מ׳האט צוגעשיקט פאָדערונגען צו די ברידער סעבער — אייגנטימער פון דער מעכאנישער שיכפאבריק. אויף די פאָדערונגען האָבן די שיך־פאבריקאנטן געענטפערט מיט וואויל־יונגערישע דראָאונגען. די אָרגאניזאציע האט באשלאָסן זיך אָפּצורעכע־נען מיט די „קאָשעצעס״.

מ׳האט צו וויסן געטאָן דעם ווארשעווער בונד, אז איינער פון די ברידער סעבער פאָרט געשעפטלעך קיין ווארשע. ווארשעווער אָרגאני־זירטע ארבעטער האָבן דעם שיך־פאבריקאנט באגעגנט און מקיים פּסק געווען. די „קאָשעצעס״ אין שעדלעץ האָבן דערפאר באשלאָסן זיך אָפּ־צורעכענען מיט די ארבעטער. זיי זיינען ארויס אין גאס און אָנגעטראָפן צוויי אקטיוויסטן פון בונד: „קאָסטעק״ (חיים גאָלדנבערג) און פריצל (זלמן בורשטיין) און זיי מערדערלעך צעשלאָגן. פריצל איז מיט א צע־בלוטיקטן קאָפּ אָפּגעפירט געוואָרן אין אן ארבעטער־שטוב. קאָסטיקן האט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן. צו הילף דעם שעדלעצער בונד זיינען געקומען חברים פון קאַלושין. עס האט געהאלטן ביי א גרוים געשלעג. די קאָשעצעס האָבן געזען, אז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט א שטארקן כוח, זיינען זיי אריינגעטרעטן אין אונטערהאנדלונגען מיט דער אָרגאניזאציע פון בונד און מ׳איז דורכגעקומען. די ברידער סעבער האָבן די פאָדערונ־גען נאָכגעגעבן און די קאמפן מיט דער אונטערוועלט האָבן זיך אָפּגע־שטעלט.

אין די אויגן פון דער באפעלקערונג האט די אָרגאניזאציע זייער א סך געוואונען. דער קאמף מיט דער אונטערוועלט, דאָס אויסרוימען גנבה, גזלה און שאנד האט שטארק געהויבן דעם אָנזען פון דער ארבעטער־באוועגונג, וועלכע האט באקומען א סך אָנהענגער. די אָרגאניזאציעס פון בונד און פּ. פּ. ס. זיינען געוואָרן דרייסטער אין זייערע מעשים און רעוואָלוציאָניזירט שעדלעץ.

טעראָר־מעשים פון דער פּעפּעסישער קאמף־אָרגאניזאציע און די מיליטערישע אָפּרעכענונג מיט יידן

דאָס רעוואָלוציאָנערע יאָר 1905 האט אינגאנצן געביטן דעם כא־ראקטער פון דער ארבעטער־באוועגונג אין שעדלעץ. דעם 9טן יאנואר (22סטן לויטן אייראָפּעאישן קאלענדאר) איז אין פּעטערבורג, אונטער

דער אָנפירונג פון גלח גאפּאָן, וועלכער האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן ווי א פּראָוואָקאטאָר און פאררעטער, פּאָרגעקומען א דעמאָנסטראציע מיט הייליקע בילדער צום קייזערלעכן ווינטער־פּאלאץ. די לאָזונגען זיינען געווען זייער באשיידענע — „ארבעט און ברויט" פאר דער גרויסער צאָל ארבעטלאָזע, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין דער צארישער הויפּט־שטאָט.

די דעמאָנסטראציע אין אויפגענומען געוואָרן מיט א שיסעריי פון ביקסן און הארמאטן און האָט זיך פארענדיקט מיט הונדערטער טויטע און טויזנטער פארוואונדעטע. דאָס דאָזיקע בלוטבאָד, וואָס די צארישע הערשער האָבן געמאכט איבער די ארבעטער, האָט ארויסגערופן אין גאנץ רוסלאנד א מעכטיקע רעוואָלוציאָנערע כוואליע. אויך די שעדלע־צער ארבעטער־באוועגונג איז אריבער צו אקטיווע מעשים קעגן דער צא־רישער מאכט. די קאמף־אָרגאניזאציע פון פּ. פּ. ס. („באָיאוועקע") האָט אויף אָנווייזונגען פון איר צענטראל־קאָמיטעט און באשלוסן פון דער אָר־טיקער אָרגאניזאציע גענומען אויספירן אטענטאטן אויף די צארישע טשינאָווניקעס.

דער ערשטער אטענטאט, א נישט־געלונגענער, איז אויסגעפירט גע־וואָרן א שבת פארנאכט, אין חודש מאַי 1905. די שוין דערמאָנטע מענדל ראדזינסקי און מיכאל אגרעסבוים־„חסיד" זיינען באפאלן אן אָפיציר נעבן „פּרעזעס־סאָד". דער אטאקירטער איז אָפּגעקומען מיט א לייכטער וואונד אין דער האנט, דערפאר אָבער זיינען די אָנפאלער געכאפּט געוואָרן. „חסיד" איז פארשיקט געוואָרן קיין סיביר און דאָרט אומגעקומען. נאָך דעם נישט־געלונגענעם אָנפאל זיינען געקומען א גאנצע ריי אטענטאטן אויף זשאנדארמען און פּאָליציי־אָנפירער. אין צענטער שטאָט, אויף דער דעמאָלט באקאנטער ווארשעווער גאס, איז מיט עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן דערהרגעט געוואָרן א זשאנדארם. אין דער זעלבער צייט, דעם 23סטן מאַי 1905, איז אין געגנט פון שטאָטישן קלוב געוואָרפן געוואָרן א באָמבע אויפן שוין דערמאָנטן פּאָליצמייסטער שעדעווער, ער איז לייכט פארוואונדעט געוואָרן. אחוץ ביי דעם ערשטן אָנפאל, ווען ראדזינסקי און אגרעסבוים זיינען געכאפּט געוואָרן אויף דער הייסער מינוט, זיינען ביי די ווייטערדיקע אטענטאטן נישט געווען קיין באווייזן, אז יידן זאָלן אין זיי זיך האָבן באטייליקט.

א שטיקל צייט איז געווען רואיק. אין א שבת־צו־נאכטס פון נאָ־וועמבער 1905 איז אויף „סטארי־רינעק" דערשאָסן געוואָרן א צארישער פּאָליציאנט.

ס'איז ווידער אריבער א האלב יאָר צייט אין א פארהעלטנישמעסי־קער שטילקייט און דעם 30סטן מאַי 1906, איז די שטאָט אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אן אָנפאל, וואָס איז אין איין צייט אויסגעפירט געוואָרן

אויפן פרעזידענט מוראַוויטש, סאַוויעטניק כוועשטשענקאָ און סעקרע־טאר פון פּאָליציי־אמט מוראווסקי. זיי זיינען באפאלן געוואָרן דורך עט־לעכע אומבאקאנטע פערזאָנען, וועלכע האָבן אויף זיי געשאָסן. פון די קוילן איז מוראַוויטש דערהרגעט געוואָרן און די אנדערע זיינען פאר־וואונדעט געוואָרן, כוועשטשענקאָ — גאָר שווער.

דער הויכפּונקט פון די אטענטאטן איז געוועזן דער בלוטיקער אָנ־פאל, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן ערב ראש־חודש אלול תרס״ו אויפן נייעם פּאָליצמייסטער גאלצעוו, וועלכער איז געקומען אויפן אמט פון דערמאָרדעטן פּאָליצמייסטער שעדעווער. גאלצעוו האָט זיך באטייליקט אין א סאניטארער קאָמיסיע צוזאמען מיטן פּוילישן דאָקטער סאוויצקי און יידישן פעלדשער שווארץ. זיי זיינען געגאנגען אויף אן אינספּעקציע אין דער סאָדע־וואסער־פאבריק פון שמואל יוסף גאָלדשטערן. ארויסגייענ־דיק פון פאבריק, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פּיענקנע גאס — א ריין יידישע געגנט — איז געוואָרפן געוואָרן א באָמבע. דער פּאָליצמייס־טער איז צעשמעטערט געוואָרן אויפן אָרט, דער יידישער פעלדשער שווארץ איז פארוואונדעט געוואָרן און אין עטלעכע טעג ארום גע־שטאָרבן, ניצול געוואָרן איז בלויז דער פּוילישער דאָקטער סאוויצקי. אויך דאָס מאָל איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן ווער עס זיינען געווען די אויספירער פון באָמבן־אטענטאט. בעת דער אויספאָרשונג האָט דער ניצול־געוואָרענער דאָקטער איבערגעגעבן, אז ביים ארויסגיין פון דעם פאבריק־טויער, א קורצע ווײַלע פארן אויפרייס, האָט זיך ווער צו אים געווענדעט אין דער פּוילישער שפּראך און געזאָגט אים — ער זאָל זיך שנעל אָפּטראָגן.

גאלצעוו איז גראָד געווען א ליבעראלער מענטש און נישט איינמאָל האָט ער געווירקט ביים גובערנאטאָר לטובת דער יידישער באפעלקערונג.

נאָכן אטענטאט איז ארעסטירט געוואָרן אן אלטער שניידער מיטן נאָמען ה. מ. פרידמאן, אן איינוואוינער פון צווייטן שטאָק פון הויז וואו עס איז אויסגעפירט געוואָרן דער אָנפאל. דער פארדעכטיקער איז אָפּ־געזעסן א לענגערע צייט אין תפיסה, סוף־כל־סוף איז ער באפרייט גע־וואָרן. לויט אלע ווארשיינלעכקייטן האָבן אין דעם אָנפאל קיין יידן זיך נישט באטייליקט.

באלד נאָכן מאָרד האָבן זיך איבער די שעדלעצער גאסן ארויסגע־לאָזט זעלנער, דראגונער פון לובאוויטשער פּאָלק, וועלכע האָבן קוואר־טירט אין שעדלעץ, און צעיושעטערהייט האָבן זיי געעפנט א שיסעריי אויף „בלינד" און גראָד אין די יידישע גאסן. ס׳זיינען אומגעקומען זעקס יידן, פיר מענער און צוויי פרויען: שלמה זלמן גאָלדשטערן, איטע מרים מאטשעלינסקי, יצחק מילגרוים, דוד מאטשעלינסקי, פרוי סוקנעוויטש און ברוך מרדכי מאָרגענשטערן. בערך פערציק אנדערע יידן זיינען לייכט און

שוועד פּאַרוואונדעט געוואָרן. די דאָזיקע בלוטיקע אָפּרעכענונג מיט די שעדלעצער יידן איז נישט געווען די ערשטע. דאָס צאַרישע מיליטער האָט נאָך פאַר דער בלוטיקער שיסעריי, ערב ראש־חודש אלול תרס"ו, נישט איינמאָל זיך דערלויבט צו טעראָריזירן די יידישע באַפעלקערונג, מיטן אויסרייד, אַז דאָס איז אַן אַקט בלויז קעגן רעוואָלוציאָנערן.

אַזוי, למשל, האָבן די שעדלעצער יידן איבערגעלעבט צוויי בלוטיקע טעג — דאָנערשטיק דעם 11טן אויגוסט און דינסטיק דעם 16טן אויגוסט, 1905. מיליטער האָט דעמאָלט אַרומגערינגלט דעם יידישן קוואַרטאַל און געשאָסן כלומרשט, בלויז אויף די „רעוואָלוציאָנערן" און „סאָציאַליסטן". דעמאָלט איז דערשאָסן געוואָרן דער אַקטיווער בונדיסט יעקב יאַבלאָן. עדי־ראיה האָבן איבערגעגעבן, אַז דער אָנפאַל פון מיליטער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנאַכט־צו, בעת יידן האָבן אָנגעפילט דאָס בית־המדרש צו דאַוונען מנחה. אייניקע יידן, וועלכע האָבן זיך דערשראָקן פון די שי־סערייען זיינען אַריין אין בית־המדרש, כדי דאָרטן צו באַקומען שוץ. די אויפגעהעצטע מערדערישע זעלנער האָבן זיך אַריינגעריסן אין בית־המדרש און מיט קאָלבעס געהאַקט אויף רעכטס און לינקס. אָפּגעטאָן דאָס בלוטיקע שטיקל מלאכה, זיינען זיי אַרויס און דורך די פענצטער אַריינ־געשאָסן אינעווייניק אין בית־המדרש — זעכציק יידן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָך דער בלוטיקער געשעעניש זיינען אין בית־המדרש געמאַכט געוואָרן אייזערנע לאָדנס, וואָס האָבן געזאָלט שיצן קעגן אַריינשיסן דורך די פענצטער.

דער שעדלעצער גובערנאַטאָר — וואָלאָזשין האָט געפאָדערט פון די פאָרשטייער פון דער יידישער געזעלשאַפט, פון די דאָזיקע: י. נ. וויינ־טרויב, הערשקע צעלניק און משה טעמקין, וועלכע זיינען געקומען בעטן שוץ פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, — אַז זיי זאָלן אים, דעם גובער־נאַטאָר, צושטעלן אַ רשימה מיט אַדרעסן פון די רעוואָלוציאָנערן. בעת די שמועסן מיט די דאָזיקע, האָט דער צאַרישער מושל זיך באַצויגן צו זיי גראָב און געדרעט צו זיי אין אַ דעספּאָטישן טאָן. י. נ. וויינטרויב דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען ער איז געבליבן אונטער פיר אויגן מיט וואָלאָזשינען, האָט ער זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז ער באַקומט כסדר דראָאונגסבריוו און דערביי דערקלערט, אַז אויב מיט אים, מיטן גובערנאַטאָר, וועט עפּעס געשען, וועט אין שעדלעץ נישט בלייבן קיין איין לעבעדיקער מענטש. וועגן דעם וועט שוין זאָרגן דער דראַגונער־פּאָלק, וועלכער איז צוליב זיכערהייטס־טעמים דורך וואָלאָזשינען גע־ברענגט געוואָרן קיין שעדלעץ. דער גובערנאַטאָר ה"ימ" ־יר דעלעגאַציע געגעבן צייט אַ מעת־לעת, כדי צו רופן אַן אסיפה אין דער וואוינונג פון רב, וועלכע דאַרף באַשליסן וועגן אַרויסגעבן די רעוואָלוציאָנערן.

נאָך דעם ווי די דערמאָנטע דריי דאָזיקע האָבן זיך פאַרשטענדיקט

מיטן דעמאָלטיקן שעדלעצער רב, ר' שמעון דב אנאליק, איז באלד צו־נויפגערופן געוואָרן א פארזאמלונג פון די נכבדי העדה, וועלכע האָבן געזוכט א וועג ווי אזוי ארויסצוגיין פון קלעם און דערביי נישט מסרן קיין יידן. דעם רעזולטאַט פון דער פארזאמלונג האָט וויינטרויב שפּעטער איבערגעגעבן וואָלאָזשינען אין דעם נוסח, אז קיינעם פון דער יידישער געזעלשאַפט איז נישט באקאַנט, ווער ס'זיינען די רעוואָלוציאָנערן און צי ס'זיינען בכלל אזעלכע פאַראַנען אין שעדלעץ. אמת, האָט ער צוגעגעבן, ס'זיינען געמאכט געוואָרן אטענטאַטן, אָבער די אָנפאַלער זיינען, ווייזט אויס פרעמדע און אפשר גאָר קיין יידן נישט, וועלכע קומען אראָפּ קיין שעדלעץ און נאָכן אָפּטאָן זייער ארבעט אנטלויפן זיי. קיינעם איז נישט באקאַנט, ווער עס זיינען די פארשוינען. פארשטענדלעך, אז די תשובה האָט נישט באפרידיקט דעם גובערנאַטאָר.

די צוגרייטונגען צום פּאָגראָם אויף יידן

נאָכן אטענטאַט אויף גאַלצעוון איז די אטמאָספערע אין שטאָט גע־וואָרן שטיקנדיקער. ס'האָט זיך געפילט, אז עפּעס גרייט זיך. מיליטערי־שע פּאַטרולן מיט באַגנעטן אויף די ביקסן האָבן זיך כסדר ארומגעדרייט אין שטאָט. די קראָמען, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען אָפן ביז שפּעט ביי נאכט, האָבן זיך לויט א פאַראָרדענונג געמוזט שליסן זייגער אכט אין אָוונט. אין דער צערקווע זיינען אָפּגעריכט געוואָרן „פּאַניכי־דעס" (אזכרות) און געהאלטן געוואָרן דרשות קעגן די רעוואָלוציאָנערן. ס'איז אָפן גערעדט געוואָרן, אז די יידן זיינען די איינציקע רעוואָלוציאָ־נערן. עס איז שוין מער נישט געווען קיין סוד, אז מ'גרייט צו א פּאָגראָם אויף יידן.

די שטימונג צווישן דער יידישער באפעלקערונג איז געוואָרן נאָך מער א געדריקטע, ווען ס'איז באוואוסט געוואָרן וועגן די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער אדמיניסטראַטיווער מאכט. צווישן אנדערעס אויך, אז פּאָדפּאָלקאָווניק טיכאָנאָווסקי איז באשטימט געוואָרן אלס שעף פון דער דעמאָלט טרויעריק באקאַנטער „אָכראַנע".

טיכאָנאָווסקי האָט געהערט צו דער שווארצער מאה פון די „עכט־רוסישע לייט", וועלכע זיינען אומעטום געווען פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון פּאָגראָמען אויף יידן. ער איז געווען אן אלטער רוסישער אָפיציר, וואָס האָט זיך באטייליקט אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה פון 1904 און אוואַנסירט אלס פּאָדפּאָלקאָווניק. זיין שנאה צו יידן און רעוואָלוציאָנערן איז געווען גאָר גרויס. אין יענער צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט א בראָ־שור מיטן נאָמען: „ווי אזוי איינצושטילן די רעוואָלוציאָנערן", אין וועל־כער ער האָט פּראָפּאַגירט צו באזיגן די רעוואָלוציע מיט דער הילף פון

מיליטער. צוליב דעם וואָס די בראָשור איז געווען געשריבן אין א ברו־טאַלן סטיל, איז זי קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער רוסישער מאַכט.


טיכאָנאָווסקי

דער דאָזיקער רוסישער שווארץ־מאה׳ניק האָט מיט יידן זייער גוט געלעבט. ער האָט געהאַט „זיינע" יידן, וועלכע האָבן אים געבאָרגט געלט אויף פּראָצענט...


אָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק טי־כאָנאָווסקי איז דאָס געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון שעדלע־צער פּאָגראָם אין יאָר 1906. וועגן דעם האָט מען זיך ערשט דער־וואוסט שפּעטער, ווען דער גע־היימער באריכט וועגן שעדלעצער פּאָגראָם וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם וואַרשעווער גענע־ראַל־גובערנאַטאָר, איז דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט.

דער אָנהויב פון פּאָגראָם

פרייטיק, דעם 7טן סעפּטעמבער (י״ז אלול, תרס״ו), איז די שטי־מונג אין שטאָט געוואָרן נאָך מער געריייצטער. די פּאַטרולן מיט אויסגע־שטרעקטע ביקסן זיינען געוואָרן פארשטארקט. יידן האָבן אויסגעמיטן צו באווייזן זיך אין גאַס, דאָס זעלבע איז געווען אויך אויף צומאָרגנס שבת. שבת־צו־נאכטס האָבן זיך געעפנט וויניק יידישע געוועלבער. פּאָ־ליציאַנטן האָבן זיך ארומגעדרייט אין די גאסן און געמאָלדן, אז די מאַכט דערלויבט אָפן צו האלטן די קראָמען ביז עלף ביינאכט.

ארום ניין אָוונט האָט זיך דערהערט א קנאלעריי פון ביקסן, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט פארשטארקט. די מענטשן וואָס האָבן גע־וואוינט ארום דעם נייעם ראטהויז, באקאנט מיטן נאָמען „שטאָט־זייגער" — האָבן דערציילט, אז זיי האָבן געזען, ווי אויפן טורעם פון דאָזיקן ראט־הויז איז ארויפגעצויגן געוואָרן א רויטע פאָן. דאָס האָט געדינט אלס סיגנאל, אז דער פּאָגראָם הויבט זיך אָן. און ווירקלעך, אין דאָזיקן מאָ־מענט האָט ער זיך אָנגעהויבן. מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די בלוטיקע טעג און בעת דעם פּאָגראָם ארויסגעקוקט דורך שפּארונעס פון

די לאָדנס, האָבן שפּעטער איבערגעגעבן, אז זיי האָבן באַמערקט, ווי אויף אַלע גאסן זיינען געווען אויסגעשטעלט זעלנער, איינער אָפּגערוקט פון צווייטן אויף א געוויסן מרחק, און האָבן אריינגעשאָסן אין די פענצטער פון די יידישע וואוינונגען. די שיסעריי איז געווען באַגלייט מיט רעש,



דער שטאָטזייגער

געפּילדער און ווילדע אויסגעשרייען פון שיכורע זעלנער. פון צייט צו צייט — האָבן דערציילט עדי־ראיה — האָבן זיך געהערט איינצלנע שאָסן פון די הייזער, דאָס האָט מען מכלומרשט געשאָסן אויפן מיליטער. ווי ס'האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, זיינען דאָס געווען פארשטעלטע רוסן, וועלכע האָבן זיך באהאלטן אויף די דעכער, בוידעמער און געשפּילט א ראָל פון יידישע רעוואָלוציאָנערן וואָס קעמפן קעגן מיליטער. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אז אין שעדלעץ קומט נישט פאָר קיין פּאָגראָם, נאָר דאָס מיליטער דערדריקט א „באוואָפנטן יידישן אויפשטאנד".

די שיסערייען האָבן זיך געצויגן דעם גאנצן שבת־צו־נאכטס.

ארום צוועלף ביינאכט האָט טיכאָנאָווסקי דורך פּאָליציי געלאָזט צו זיך רופן דעם שטאָטישן רב, הרב ש. ד. אנאליק, די צוויי דאָזאָרעס י. נ. וויינטרויב און משה טעמקין. טעמקין איז געקומען מיט א צעקלאָפּט געזיכט, דאָס האָט אים אזוי מערדערלעך צעשלאָגן אן אָפיציר, וועלכער האָט אין תחילת אָוונט, ווען די שיסערייען האָבן זיך נאָר־וואָס אָנגע־

הויבן, זיך ארייגגעריסן צוזאמען מיט א גרופע זעלנער אין טעמקינס וואוינונג און מיטן כלומרשטן אויסרייד, אז פון זיין וואוינונג שיסט מען ארויס אויף די מיליטערישע פאטרולן — אים מערדערלעך צעשלאָגן. פאר די יידישע פאָרשטייער, וועלכע זיינען געברענגט געוואָרן אין פּאָליציי־בנין, האָט זיך אנטפּלעקט א שוידערלעך בילד: ביי סערווירטע טישן מיט געטראנקען און מאכלים, וואָס זיינען ראבירט געוואָרן פון יידישע קראָמען און שטובן, איז געזעסן טיכאָנאָווסקי מיט זיין שטאב אין א שיכורן מצב און געגעבן באפעלן אויף וועלכע גאסן צו גיין. צווישן איין באפעל און צווייטן האָט מען געזויפן וויין און געזונגען „באָזשע צאַריאַ כראני" („גאָט שיץ דעם קייזער" — צארישער הימן).



סאָלדאַטן נעמען אויף באַפעלן צו שיסן

ווען מ'האָט טיכאָנאָווסקין געמאָלדן, אז די פאָרשטייער פון דער יידישער געזעלשאפט זיינען געקומען, האָט ער זיך אויף זיי צעשריגן, הלמאי יידן שיסן אויפן מיליטער. ס'זיינען שוין פאראן א סך געהרגעטע זעלנער — האָט ער זיך געכעסט. דערפאר — האָט טיכאָנאָווסקי צוגעגעבן — האָב איך באפוילן צו דערשיסן אלע יידישע רעוואָלוציאָנערן. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט ער ווייטער איבערגעחזרט די שוין באקאנטע פאָדערונג: „צושטעלן דער מאכט א רשימה מיט גענויע אדרעסן פון רעוואָלוציאָנערן"

דער קאָמענדאנט האָט גערעדט צו דער דעלעגאציע אין א גראָבן טאָן מיט דראָאונגען און געזאָגט, אז אויב די רעוואָלוציאָנערן וועלן אים נישט איבערגעגעבן ווערן, וועט ער פארניכטן די גאנצע יידישע באפעלקערונג אין שטאָט. דאָס ערשטע — האָט ער געזאָגט — וועט ער דערשיסן די דעלעגאציע.



מען ראבירט יידישע הייזער

די פאָרשטייער, נישט האָבנדיק קיין אויסוועג, האָבן דערקלערט טיכאָנאָווסקין, אז זיי זיינען גרייט מיט דער הילף פון מיליטער צו גיין זוכן רעוואָלוציאָנערן. צו דעם צוועק האָבן זיי געבעטן, מ׳זאָל זיי געבן צייט עטלעכע שעה, ווייל די דעלעגאטן האָבן שוין אָנגעהויבן צו טראכטן, אפשר פאָרט געפינט זיך א „באַיואווקע" פון יידישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע קעמפן קעגן מיליטער. אפשר פאָרט — האָבן זיי געטראכט — זיינען פאראן געהרגעטע זעלנער, ווי ס׳טענהט דער פּאָד־פּאָלקאָווניק. די יידן האָבן אויך געהאַט א כוונה דורכצוגיין די שטאָט און זען וואָס ס׳טוט זיך דאָרט 63).

טיכאָנאָווסקי האָט מספּים געווען צו געבן צייט דער דעלעגאציע צוויי שעה בלויז. אין דער דאָזיקער צייט האָבן זיי אָבער געדארפט — ווי ער האָט געפאָדערט — צושטעלן א רשימה פון רעוואָלוציאָנערן.

מיט שווערע געמיטער האָבן די יידן פארלאָזן דעם פּאָליציי־בנין;

נישט האַבנדיק קיין שום ממשותדיקם מיט וואָס צו קומען צום רוצח טיכאָנאָווסקי — האָבן זיי זיך נישט געאײַלט צוריקצוגיין.

ווען טיכאָנאָווסקי האָט זיך ארומגעזען, אז ס׳זיינען שוין אריבער העכער דריי שעה און די יידישע פאַרשטייער קומען נישט צו אים, האָט ער ווידער געשיקט פאָליציאַנטן כדי זיי צו ברענגען. די יידישע פאַרשטייער זיינען ווידער אוועק צו טיכאָנאָווסקין מיט צעבראָכענע הערצער. דעם גאנצן וועג, ביז דער פאָליציי, האָבן זיי באמערקט ווי יידישע געוועלבער ווערן איפגעריסן דורך צעיושעטע זעלנער, וועלכע רויבן די סחורה און שיכורן זיך אָן מיט געטראנקען. די טראָטוארן און ווענט זיינען באשפריצט מיט בלוט, אויף די גאסן זיינען צעשטעלט קאנאפעס, אויף וועלכע ס׳וואלגערן זיך שיכורע אָפיצירן און גיבן ארוים באפעלן צו רויבן און מאָרדן.

טיכאָנאָווסקי, דערזעענדיק ווײנטרויבן און טעמקינען, האָט זיך ווידער צעבייזערט איפן קול און געשריגן, הלמאי זיי האָבן זיך געזוימט לענגער פון צוויי שעה. ווען ער האָט דערהערט, אז אויך איצט האָבן זיי נישט געברענגט מיט זיך קיין רשימה פון די רעוואָלוציאָנערן, האָט דער פאָדפאָלקאָווניק ארויסגעצויגן זיין גאָלדענעם זייגער און געוואָרנט, איב אין פארלויף פון א האלבער שעה וועט מען נישט אנטקעגנקומען זיין פארלאנג, וועט ער אויסהרגענען אלע יידן.

י. נ. ווײנטרויב האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט: צי פארלאנגט דער נאטשאלניק פון דער „אָכראנע“, אז ס׳זאָלן איבערגעגעבן ווערן בלויז יידישע רעוואָלוציאָנערן, אָדער אויך פוילישע. טיכאָנאָווסקי האָט פארשטענדלעך געענטפערט, אז ער פארלאנגט אויך די פוילישע. אויף דעם האָבן די יידישע פאַרשטייער געענטפערט, אז זיי איז נישט באקאנט די פוילישע געזעלשאפט און זיי ווייסן נישט ווער עס זיינען די פוילישע רעוואָלוציאָנערן און בכלל איז דאָס אן ענין פאר פירער פון דער פוילישער געזעלשאפט. טיכאָנאָווסקי האָט דאן באפוילן, אז צו די פיר יידן: — הרב ש. ד. אנאליק, י. נ. ווײנטרויב, מ. טעמקין און דער גמינע-סעקרעטאר טשאטשקעס, זאָלן צוקאָאָפּטירט ווערן דער שטאָט-פרעזידענט, דער קאנאָניק סציפיא-דעל־קאמפאָ, און נאָך דריי אָנגעזעענע פאָליאקן. אָט די פערזאָנען זאָלן זיין פאראנטוואָרטלעך פארן צושטעלן די רעוואָלוציאָנערן וואָס „באשיסן“ דאָס צארישע מיליטער.

די יידישע דעלעגאציע האָט פארלאָזן טיכאָנאָווסקין און איז אוועק צום שטאָט־רב, כדי איבערצוגעבן אים א באריכט, וואָס אין שטאָט קומט פאָר, און וועגן דער משונהדיקער פאָדערונג פון נאטשאלניק פון דער „אָכראנע“. א דערשראָקענער האָט דער רב אויפגענומען די יידישע פאַרשטייער און מיט צער האָט ער אויסגעהערט דעם באריכט וועגן בלוטבאָד, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרן דורכן מלכות זעלבסט.

דער רב ר׳ שמעון דב אנאליק איז געווען א גרויסע פערזענלעכקייט און שטארק איבערגעגעבן זיין עדה, דער כלל ישראל איז ביי אים גע־שטאנען אויף דעם העכסטן פונקט. איידער ער איז געקומען קיין שעד־לעין איז ער געווען רב אין שארקי, אָסטראָוו און טיקטין. ער האָט גע־האט אן אייזן-פעסטן כאראקטער און זיין געוויסן איז געווען קרישטאָל ריין. א דאנק די דאָזיקע אייגנשאפטן איז דער דעמאָלטיקער שעדלעצער רב געווען זייער שטארק באליבט און געאכטעט ביי זיין קהילה. ער איז געווען א גרויסער למדן און דערצו א שארפער מתנגד, אָבער ער האָט טאָלערירט די חסידים און די לעצטע האָבן אים געגעבן גרויס כבוד. צוויי ספרים זיינע: „אמרי רש״ד״, וואָס אנטהאלטן כל מיני הערות און דרש, און באריר אויך אלע כללים פון העברעאישער גראמאטיק, זיינען ארויס אין ווארשע אין יאָר תרע״ב. אויך איז דערשינען זיין חיבור „אורח משפט״, באמערקונגען אויף חושן משפט. אין זיין עזבון האָבן זיך געפו־נען נאָך מאנוסקריפטן. אָט דער מנהיג פון די שעדלעצער יידן, האָט גע־זען, ווי זיין עדה ווערט אויסגעמאָרדעט דורך צעווילדעוועטע צארישע זעלנער, וועלכע באקומען זייערע באפעלן פון אויבן, און ער, דער רב, דער ירא שמים, דער תקיף, קאָן זיין אומגליקלעכער קהילה גאָרנישט העלפן. האָט זיך טאקע דער הרב אנאליק שטארק גענומען צום הארצן דאָס געשעעניש און עטלעכע חדשים נאָכן פאָגראָם איז ער געשטאָרבן.

***

ווען דער רב האָט דערהערט דעם טרויעריקן באריכט וואָס י. נ. וויינטרויב האָט אים אָפּגעגעבן, איז ער געוואָרן שטארק צוזאמענגע־בראָכן. נאָך א בעראטונג פון רב מיט די דאָזיקע איז באשלאָסן געוואָרן, אז די אָנגעזעענסטע זאָלן אוועקגיין צו גענ. ענגעלקין, דער פארטרעטער פון גובערנאטאָר און ביי אים פארקלאָגן זיך אויף דעם בלוטבאָד, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן. די ראשי-הקהל צוזאמען מיטן רב האָבן גע־מיינט, אז דער פארטרעטער פון צאר אין שעדלעץ, דער גובערנאטאָר, וועט זיך שעמען מיט די מעשים פון דעם פאָגראָמשטשיק טיכאָנאָווסקי.

זונטיק בייטאָג זיינען די יידן טאקע אויפגענומען געוואָרן דורכן גע־נעראל ענגעלקי. נאָך דעם ווי די דעלעגאציע האָט אים באריכטעט וועגן מצב אין שטאָט און געטאדלט די מעשים פון דער רוסישער מאכט, סטעמפלענדיק זיי ווי אנטיסעמיטיזם, האָט זיך דער גענעראל אויפגע־קאָכט, און געמאָלדן, אז ער ארעסטירט די יידישע פאָרשטייער, ווייל זיי זיינען... שפיאָנען.

גענעראל ענגעלקי האָט ווייטער דערקלערט, אז נאָך אזא „הוצפה־דיקער״ האנדלונג מצד די יידן האָבן זיי זיך פארדינט, זיי זאָלן אויסגע־שאָסן ווערן. ער האָט באפוילן צו ארעסטירן די יידישע דעלעגאציע.

גלייכצייטיק האָט ער צו וויסן געגעבן טיכאַנאָווסקין, אז די פּני פון יידישן שעדלעץ זיינען געקומען פארקלאָגן זיך אויף אים. כדי נאָך מער צו טער־ראָריזירן די יידישע פאַרשטייער, האָט ענגעלקי דערלויבט דער דעלעגא־ציע, אויף איר בקשה, צו שרייבן גרוסן באַגריסונגס־בריוו צו זייערע משפחות, אָבער ער האָט אויסגענומען א תנאי: די בריוו זאָלן זיין גאנץ קורצע.

נאָך דעם ווי די יידן האָבן געענדיקט שרייבן די בריוו, זיינען זיי אונטער א שטרענגער וואך אָפּגעפירט געוואָרן צו דער פּאָליציי. וואו טיכאַנאָווסקי האָט זיך געפונען. דער פּאָגראָמהעלד האָט די ארעסטירטע יידן אויפגענומען מיט א ירגזון און געשריגן: „אַנשטאָט צו גיין זוכן די רעוואָלוציאָנערן, זענט איר אוועק צום גענעראל פארמסרן מיך, באלד וועט איר אויסגעשאָסן ווערן, ווי שפּיאָנען". די דעלעגאציע איז אוועק־געשטעלט געוואָרן צו דער וואנט פון פּאָליציי־בנין און קעגן זיי זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן די זעלנער — צו יעדן איינעם פון דער דעלעגא־ציע — א זעלנער מיט א געלאָדענער ביקס. ווייזט אויס, אז דאָס איז געווען א מין בעסטיאלישע שפּיל פון דעם שיכורן פּאָגראָם־פירער, דעם נאטשאלניק פון דער צארישער אָכראנע. ער האָט נישט געגעבן דעם באַ־פעל צו שיסן און אַנשטאָט דעם געזאָגט די יידישע פאַרשטייער, אז ער באפרייט זיי, בתנאי, זיי זאָלן אין פארלויף פון עטלעכע שעה צוזאמענ־שטעלן די געפאָדערטע רשימה.

דערווייל איז געוואָרן זונטיק פאר נאכט, די שיסערייַ איז קלענער געוואָרן. דערפאר אָבער זיינען אויסגעבראָכן שרפות אין אלע עקן פון די יידישע קווארטאלן. דאָס האָבן די צארישע זעלנער אונטערגעצונדן יידישע הייזער. ס'זיינען פארברענט געוואָרן פינף הייזער אויף פּראָספּעקט־טאָווע־גאַס, פינף הייזער אויף סאָקאָלאָווער שאָסיי, פיר הייזער אויף יאטקע־גאַס, צען שפּיטאָלקראָמען און די געוועלבער פון שמואל סאלארזש און בערל ראָזען.

אויף צו מאָרגנס, מאָנטיק, האָבן זיך געהערט הארמאטן־שאָסן, דאָס האָט די רעמבערטאָווער ארטילעריע, וואָס איז ספּעציעל געבראכט גע־וואָרן אין שטאָט, צעשאָסן די הייזער פון בריינע טשיסטאאקא (פּיענקנע, 47), רחל גראך (פּיענקנע 75), משה אליהו סאלניצא (פּיענקנע 91), און דאָס הויז פון אסתר ראטינאָוויטש (אליינע, 34). דעם זעלבן טאָג, זעקס אין דער פרי, איז ווידער ארויסגעשיקט געוואָרן א מיליטערישער פּא־טרול צו ברענגען דעם רב, וויינטרויבן, טעמקינען און דעם קהילה־סעק־רעטאר טשאטשקעס. ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע סצענע. דער שיכורער טיכאַנאָווסקי האָט גערעדט אין א דעספּאָטישער פאָרם: „זעט! — האָט ער געריטשעט — כ'האָב זיך שוין באזאָרגט מיט האר־מאטן, אויב כ'וועל דארפן נאָך, וועל איך ברענגען פון רעמבערטאָוו.

אויב איר וועט נישט איבערגעבן די רעוואָלוציאָנערן, מאַך איך א תל פון שעדלעץ".

די ראשי העדה האָבן זיך מער נישט געקענט באהערשן און זיינען אויפגעשפרונגען, זאָגנדיק: אז ס'איז א בילבול, ווען דער נאטשאלניק זאָגט, אז ס'זיינען דאָ יידישע רעוואָלוציאָנערן אין שטאָט. אין דער צייט ווען דאָס מיליטער האָט געמאכט רעוויזיעס אין אלע יידישע הייזער, איז אויסער דערשראָקענע בירגער, מיט זייערע פרויען און קינדער, האָבן זיי קיין רעוואָלוציאָנערן נישט געפונען. אויב איר ווילט קענט איר אונז דער־שיסן, האָט זיך איינער פון די דעלעגאטן אויפגעשפיליעט די קאפּאָטע און געוויזן אז ער איז גרייט מ'זאָל אים דערשיסן. די דרייסטע האלטונג



א הויז אויף פּיענקנע־גאַס דורכגעשאָסן דורך אַ האַרמאַט

האָט א ביסל געווירקט. דער מערדער טיכאָנאָווסקי האָט זיך עטוואָס צו־ריקגעצויגן און נאָך א ווערטער־אויסטויש, האָט ער געגעבן די יידישע פאָרשטייער עטלעכע זעלנער, זיי זאָלן צוזאמען גיין זוכן עווענטועלע רעוואָלוציאָנערן.

מאָנטיק דעם 10טן סעפּטעמבער, ארום צען אין דער פרי האָבן זיי אין דער באגלייטונג פון זעלנער מיט אן אָפיציר פארלאָזט דאָס אָרט, וואו טיכאָנאָווסקי איז געזעסן און זיך אוועקגעלאָזט אין שטאָט. פארן אוועקגיין האָבן זיי געהערט טענות פון די אָפיצירן כלפי טיכאָנאָווסקין,

זיי האָבן געטענהט, אז זינט דער „אקציע", אין פארלויף פון א מעת-לעת, זיינען די זעלנער נישט איבערגעביטן געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס און זיי געפינען זיך דאָרטן הונגעריקע און מידע. טיכאָנאָווסקי האָט זיי גע־ענטפערט אין א באַפעלערישן טאָן: „די שלאכטן ווערן פאָרגעזעצט! ביי לאיאלאָן איז מען געשטאנען 12 טעג, פונדעסטוועגן איז מען געשטאנען"!

נאָך אייניקע שעה זיין אין שטאָט איז די דעלעגאציע צוריקגעקומען צום קאָמענדאנט און געמאָלדן, אז עס איז איר נישט געלונגען צו אנט־דעקן קיין שום „רעוואָלוציאָנערן". דער פּאָגראָם-קאָמענדאנט האָט זיך ווידער איינגעקאָכט און באפוילן אוועקצושטעלן די יידישע פאָרשטייער צו דער וואנט און ענדלעך דערשיסן זיי. אין דעם מאָמענט איז אָנגע־פאָרן דער אָפיציר סטאָיאנאָוו, וועמען דער קאָמענדאנט פון דובנער פאָלק האָט געשיקט דערוויסן זיך די באדייטונג פון דער שיסעריי. סטאָ־יאנאָוו איז צו צו טיכאָנאָווסקין, גערעדט מיט אים סודותדיק און גע־פרעגט וואָס דאָ קומט פאָר. טיכאָנאָווסקי האָט אויפגעקלערט דעם אָפי־ציר דעם צוועק פון דער „אקציע", וואָס צילט „צו אנטדעקן די רעוואָלו־ציאָנערן און דערשטיקן די רעוואָלוציע". איינער פון דער דעלעגאציע, וועלכער האָט אויפגעכאַפּט דעם ווערטער-אויסטויש צווישן די אָפיצירן, האָט געוואגט אָנצורופן זיך מיט א הויכער שטים, אז אין פארלויף פון עטלעכע שעה האָבן זיי ארומגעקרייזט די שטאָט, כדי צו זוכן רעוואָלו־ציאָנערן, אָבער אזעלכע נישט געפונען. סטאָיאנאָוו האָט דערפילט, אז דאָ קומט פאָר עפּעס א בייזע שפּיל און דערקלערט, אז ער איז גרייט אויפסניי ארויסצוגיין מיט דער דעלעגאציע זוכן רעוואָלוציאָנערן.

וועגן סטאָיאנאָוון, האָט מען געשמועסט אז ער אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטישע פראגן, ער איז געווען שטארק געשעצט אין רעגימענט, ווען דער רעגימענט איז אוועק אויף זומער-מאנעווורעס האָט אים דער פּאָדפּאָלקאָווניק איבערגעלאָזט אלס פארוואלטער. בעתן פּאָגראָם איז סטאָיאנאָוו א גאנצן טאָג ארומגעגאנגען איבער די גאסן און שווייגנדיק פארביסן אלץ אָבסערווירט. אין אייניקע פאלן האָט ער געראטעוועט יידן פון טויט. שפּעטער זיינען ארומגעגאנגען וועגן אים פארשידענע לעגענ־דעס, אזוי, למשל, האָבן יידן דערציילט, אז בעתן פּאָגראָם איז ער אויף א ווייס פערד ארומגעפאָרן איבער די גאסן און געשריגן צו די זעלנער: „נישט מאָרדן — איר וועט געשטעלט ווערן פאר א פעלדגעריכט" 64).

ווי נאָר די דעלעגאציע מיט סטאָיאנאָוון זיינען ארויס אין גאס האָט זיך דערהערט א שאָס פון א דערנעבנדיקן הויז. דער אָפיציר און נאָך אים די דעלעגאציע, זיינען גלייך אריין אין זעלבן הויז און אָנגעהויבן זוכן. אויסער אויסגעהונגערטע און איבערגעשראָקענע יידן האָבן זיי קיינעם נישט געפונען. זיי זיינען ארויף אויפן בוידעם און דאָרטן געטראָפן א רוס אין ציוווילע מלבושים. ער איז געלעגן ביי א פענצטערל און געשאָסן אין

גאס אריין. ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן שפּעטער, נאָך דער ספּעציעלער אויספאָרשונג וואָס דער אָפיציר האָט אדורכגעפירט אויפן אָרט, איז דער שיסער געווען א זשאנדארם איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער אלס ייד. ער איז געלעגן אויפן בוידעם פון א יידיש הויז און געשאָסן צוליב פּראָוואָקאציע־צוועקן. סטאַיאנאָוו האָט פאר דער דעלעגאציע אויסגעדריקט זיין אויפרעגונג אויף דער מיליטערישער קאָמאנדע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די פּראָוואָקאציע־אקטן. דער אָפיציר האָט ארעסטירט דעם רוס און אים אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי, אָבער דאָ האָט מען דעם גאנצן ענין אויפגענומען גלייכגילטיק. דער אָפיציר סטאָיאנאָוו איז ווייטער געגאנגען מיט דער דעלעגאציע און האָט אנטדעקט נאָך עטלעכע אזעלכע פאלן. דאן האָט ער זיך אויסגעדריקט, אז ס׳איז ווירקלעך א געמיינע פּראָוואָקאציע.

נאָך דעם ווי דער אָפיציר האָט זיך קאָמוניקירט מיט דעם קאָמאנדאנט פון דובנער פּאָלק און איבערגעגעבן אן אויספירלעכן באריכט, האָט דער קאָמענדאנט אולטימאטיוו געמאָלדן טיכאָנאָווסקין, אז אויב ער וועט נישט אָפּשטעלן די רציחות וועט זיין פּאָלק אטאקירן טיכאָנאָווסקיס פּאָגראָמשטשיקעס. טיכאָנאָווסקי האָט זיך דערשראָקן און באפוילן אָפּצושטעלן די שיסעריי.

* * *

מאָנטיק ביי נאכט דעם 11טן סעפּטעמבער (1906) האָט זיך אָפּגעשטעלט די מאסן־שיסעריי, אָבער די איינציקע ביקסנשאָסן זיינען פאָרגעזעצט געוואָרן. טיכאָנאָווסקי האָט נישט אויפגעהערט צו בארימען זיך, אז ער האָט עס דערדריקט די „רעוואָלוציע". גלייכצייטיק האָט ער באַדויערט וואָס די צאָל דערמאָרדעטע איז בלויז איין און דרייסיק יידן און נישט הונדערטער. זיין פארלאַנג צו ברענגען מיליטער צו הילף, כדי אויסצופירן דעם פּאָגראָם אין א גרעסערן מאָסשטאב — איז צונישט געוואָרן, א דאנק דער אינטערווענץ פון אָפיציר פון דובנער פּאָלק. דער קאָמענדאנט פון דובנער פּאָלק האָט ארויסגעשיקט פּאטרולן אין די גאסן, כדי אָפּצושטעלן דאָס שיסן אויף יידן. .א דאנק דעם זיינען די שיסערייען איינגעשטילט געוואָרן.

דעם זעלבן טאָג פארנאכט, איז ווינטרויב ווידער גערופן געוואָרן צו טיכאָנאָווסקין. ווי דער יידישער עסקן האָט שפּעטער איבערגעגעבן אין זיינע זכרונות, האָט ער געטראָפן דעם פּאָדפּאָלקאָווניק אין א האלב משוגענעם צושטאנד. אין זיין וואוינונג אויף אָליינע־גאס 14, איז ער ארומגעלאָפן אין די שקארפעטן און געשריגן: „איך האָב געענדיקט מיין ארבעט. אויב איר ווילט ראטעווען די שטאָט, קענט איר עס באווייזן, גיט מיר אויף די נעמען פון אלע רעוואָלוציאָנערן און זייערע וואוינער־

טער, אויב נישט, וועל איך ברענגען נייע הארמאטן און אלע יידן וועלן אויסגעשאָסן ווערן".

דער שטאָלצער און ערלעכער ,עסקן י. נ. וויינטרויב, האָט געענט־פערט דעם בלוטדורשטיקן רוצח: „איר דאַרפט הרטה האָבן, פאַרוואָס איר האָט פאַרגאָסן אַזוי פיל בחנמדיק בלוט, נאָך וואָס אומזיסט אויסהר־גענען אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן?" נאָכדעם האָט וויינטרויב פאַר־לאָזן טיכאָנאָווסקים וואוינונג. אין דעם טאָג האָט זיך דער רב פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט דער גובערניע און געבעטן א דערלויבעניש מקבר צו זיין די געהרגעטע. די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן מיטן תנאי עס זאָל נישט זיין קיין מאסן־באטייליקונג אין דער לוויה, און ס'זאָלן נישט געהאלטן ווערן קיין הספדים. יידן האָבן אָנגעהויבן ארויסקריכן פון זייער באהעלטעניש. פאר זיי האָט זיך אנטפּלעקט דאָס מוראדיקע פּאָגראָם־בילד: עטלעכע צענדליק געהרגעטע, הונדערטער פארוואונדעטע, צע־שטערטע הייזער, צעראבירטע קראָמען.



פאַרוואונ־דעטע פון פּאָגראָם

ס'איז קלאָר געוואָרן, אז אין די פּאָגראָמטעג זיינען דערהרגעט גע־וואָרן די וויטערדיקע זעקס און צוואנציק יידן:

1) מ א י ר   ו ו אָ ל ף, 33 יאָר אלט, דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעם אָפיציר באלעכאָוו, זונטיק אין דער פרי, אויפן צווייטן

טאָג ׳פון פּאָגראָם. באַלעכאָוו האָט אייגנטלעך געוואָלט דער־מאָרדן מאיר סלושני, א ראַווערן־מאכער פון זעלבן הויז. אים איז ער געגאנגען זוכן, נאָר אזוי ווי עס איז אים אונטערגעקו־מען מאיר וואָלף, האָט ער אים דערמאָרדעט.

2) נחום סלושני, 18 יאָר אלט. אויך ער איז אומגעקו־מען דורכן זעלבן באַלעכאָוו. ווען דער אָפיציר האָט זיך איבער־צייגט, אז ער האָט נישט געהרגעט דעם ריכטיקן וועמען ער האָט געמיינט, האָט ער אָנגעהויבן זוכן מאיר סלושנין. אזוי ווי יענער איז נישט געווען אין שטאָט האָט ער אויסגעפונען אן אנדער סלושני און אים דערמאָרדעט.

3) אברהם מילטשאק, 19 י. א. דערשאָסן געוואָרן אויפן וועג צו דער פּאָליציי.

4) יצחק וויינבערג, 45 י. א. צוערשט צעממיתט, דער־נאָך דערשאָסן געוואָרן אויף פּיענקנע גאַס.

5) יהושע ראַזען, 3 י. א. דאָס קינד איז דערהרגעט געוואָרן אויף דער האַנט פון דער מוטער, בעת די עלטערן זיינען אריבערגע־פירט געוואָרן אין טורמע. אויפן וועג האָט דאָס קינד באקומען א קלאַפּ פון א זעלנער און איז שפּעטער געשטאָרבן.

6) יהודה ליפשיץ, 18 י. א. צוערשט איז ער פארוואונ־דעט געוואָרן שטייענדיק ביי זיינע עלטערן אין קראָם. ער איז געבראכט געוואָרן אין שפּיטאָל. ווען ער איז זונטיק ביינאכט געזעסן אין בעט, איז דורכן פענצטער אריין א קויל און אים שווער פארוואונדעט. ער איז אין עטלעכע טעג ארום געשטאָרבן אין ווארשע.

7) שלום דב פעדער, 76 י. א. ווען דער פּאָגראָם איז אויסגעבראָכן שבת־צו־נאכטס, איז דער זקן געגאנגען צו זיך אין שטוב. זעל־נער האָבן אים אויף דער גאס צעשפּאָלטן דעם קאָפּ.

8) שרה סאלארזש, 70 י. א., דערהרגעט געוואָרן דורך א קויל וואָס איז אריין דורכן פענצטער פון איר וואוינונג. דאָס קינד, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף דער האַנט, איז פארוואונדעט געוואָרן.

9) בלומע בורשטיין, 40 י. א., איז ארויסגענומען גע־וואָרן פון איר וואוינונג אויף סאָקאָלאָווער גאס און דערשאָסן געוואָרן אויפן הויף.

10) אברהם ראפאל, 22 י. א., א יידישער זעלנער, געקו־מען אויף אורלויב. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאר זיינע על־טערן, בעת זעלנער זיינען אריין אין דער וואוינונג. די זעלנער האָבן אים דערפאר דערשאָסן.

11) יהושע סטאכאָווסקי, 19 י. א. פריער האָבן אים די רוצחים פארוואונדעט און שפעטער דערשאָסן.
12) סטאכאוויסקי, א קינד, געשטאָרבן פון די וואונדן.
13) משה זלמן דיאטענט, 45 י. א.
14) דב מאטשעלינסקי, 25 י. א.
15) יוסף גאָלדשטיין, פון מארד, 30 י. א., געווען צו גאסט ביי א שעדלעצער משפחה.
16) גבריאל זאָנשיין, 20 י. א., פריער פארוואונדעט געוואָרן. ווען ער איז געברענגט געוואָרן אין שפיטאָל, האָט אים דער פאטרול דערשאָסן.
17) מענדל טייבלום, 34 י. א., פריער האָבן אים די זעלנער אויסגעשטאָכן די אויגן און שפעטער דערשאָסן.
18) מרדכי יוסף מילער, 40 י. א., א מלמד, ער איז צעהאקט געוואָרן אויף שטיקער פון שווערדן און באגנעטן.
19) דב שקלארזש, 30 י. א.
20) דבורה פייגנבוים, 17 י. א. און
21) שווינצינציקאמיען, 18 י. א.
ביידע זיינען געפאלן ביי דבורה פייגנבוים אין שטוב.
22) שיינדל ווינשטיין, 34 י. א., דערמאָרדעט געוואָרן אין איר קראָם אין שפיטאָל־בנין.
23—24) חיים יעקב ליבערמאן, 30 י. א. און חנה ליבהאָבער, 52 י. א., ביידע — אן איידעם מיט א שוויגער, זיינען דורך די זעלנער דערשאָסן געוואָרן צוזאמען.
25) שרגא ראטיניעוויטש, 22 י. א.
26) יאן באריין (קריסט), וועכטער פון שפיטאָל, געטראָפן געוואָרן פון א קויל און געהרגעט געוואָרן.

צוזאמען מיט די זעקס קרבנות, וואָס זיינען שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, זיינען געפאלן 31 יידן און 1 קריסט.

ווי אזוי איז אָרגאניזירט און צוגעגרייט געוואָרן דער פּאָגראָם איבער יידן אין שעדלעץ

דער פּאָגראָם אין שעדלעץ איז געווען דער לעצטער פון דער סעריע פּאָגראָמען נאָכן פארעפנטלעכן דעם אָקטאָבער־מאניפעסט פון לעצטן רוסישן צאר ניקאָלאַי דעם צווייטן. דער מאניפעסט פון 17טן אָקטאָבער (29סטער, לויט אייראָפּעאישער דאטע) האָט צוגעזאָגט די רוסישע בירגער פרייהייט און גלייכהייט און פאר יידן געברענגט פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך ווי בלוטיקע כוואליעס פונאנדערגעגאָסן איבער כמעט אלע יידי־

שע ישובים אין צארישן רוסלאנד, און אין פוילן דערגרייכט ביז ביאלים־טאָק און שעדלעץ.



פּאָגראָם־געליטענע

עס איז פאר אלעמען געווען קלאָר, אז די פּאָגראָמען ווערן אָרגאני־זירט און צוגעגרייט דורך צארישע אגענטן, ווייל לויט די ווערטער פון צארישן מיניסטער פלעווע האָט די רעוואָלוציע געדארפט דערטרונקען ווערן אין יידיש בלוט. אמבולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק בעתן שעדלעצער פּאָגראָם, וועלכער איז געווען א מיליטערישער פּאָגראָם אויף יידן. דער איינדרוק פון די בלוטיקע געשעענישן אין שעדלעץ איז געווען אן אויסערגעוויינלעכער. באזונדערס צוליב דעם, וואָס די רעוואָלוציע איז שוין געווען אין איר בארג־אראָפּ, און אין רוסלאנד איז געווען טע־

טיק א געזעצגעבערישער פארלאמענט — די „דומע". די צארישע מאכט איז דעריבער געווען פאראינטערעסירט תיכף צו געפינען א פארענטפער־רונג פאר די רוצחישע מעשים אין שעדלעץ.

די דאַזיקע פארענטפערונג האָט געפונען איר אויסדרוק אין דעם ליגנערישן באריכט וועגן די שעדלעצער געשעענישן וואָס עס האָט צו־געשטעלט דער גענעראל־גובערנאטאָר סקאלאָן דעם קריגס־מיניסטער. אין באריכט זאָגט זיך:

„דעם 8טן סעפטעמבער (אלטער סטיל) האָבן אויף פארשידענע גאסן אין שעדלעץ, איינצייטיק, אָנגעהויבן זיך הערן רעוואָלווער־שאָסן, געווענ־דעט פון רעוואָלוציאָנערן אויף די שטאָטישע פאטרולן, פוסגייער און רייטער. דאָס אלארמירטע מיליטער האָט באלד אָנגעהויבן צו באשיסן די הייזער, פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן די שיסעריי, וואָס האָט אָנגע־האלטן א גאנצע נאכט און איז באנייט געוואָרן א זייגער צוויי בייטאָג דעם 9טן, ווערנדיק באזונדערס פארשטארקט אָוונט־צייט. זונטיק איז דער גארניזאָן פארשטארקט געוואָרן דורכן אָנקומען פון דובנער פולק און די 48סטע קאדר־באטעריע. צוליב דער עקשנותדיקער דויערנדיקער שיסעריי פון די בוידעמער, וואָס האָט אָנגעהאלטן אויך דעם 10טן אין דער פרי, זיינען אויף די הייזער אויסגעשאָסן געוואָרן זעקס הארמאטן־גראנאטן. דערנאָך האָט די שיסעריי פון די רעוואָלוציאָנערן אויפגעהערט און דאָס מיליטער איז צוגעטרעטן צו דער רעוויזיע".

דער דאַזיקער ליגנערישער באריכט פון העכסטן פארטרעטער פון דער צארישער מאכט אין פוילן — גענעראל־גובערנאטאָר סקאלאָן, איז געקומען שוין נאָכדעם, ווי דער גענעראל־גובערנאטאָר האָט שוין געהאט אין זיינע הענט· דעם אמתן באריכט, וואָס האָט דערציילט, ווי אזוי די צארישע מאכט אין שעדלעץ האָט אָרגאניזירט און צוגעגרייט דעם פּאָג־ראָם אויף יידן. דער דאַזיקער געהיימער באריכט וואָלט אפשר קיינמאָל נישט דערזען די ליכטיקע שיין, ווען נישט דער גליקלעכער צופאל, וואָס אין יענער צייט איז דער געהיים־אגענט און מיטארבעטער פון דער וואר־שעווער „אָכראנע" — באקאי — אריבער אויף דער זייט פון די רעוואָ־לוציאָנערן.

באקאי, וועלכער איז דורכן סאָציאל־רעוואָלוציאָנערן טוער — בור־צעוו, צוגעצויגן געוואָרן צו דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, האָט זיך גראד געפונען אין דער קאנצעלאריע פון גענעראל־גובערנאטאָר סקאלאָן, ווען א ספּעציעלער שליח פון דער שעדלעצער אָכראנע האָט געברענגט דעם אמתן באריכט וועגן שעדלעצער פּאָגראָם. דער שליח האָט פארטרוי־לעך געזאָגט באקאיען, אז מ'האָט אים באפוילן איבערצוגעבן דעם באריכט נאָר א פארטרויטן מענטשן פון גענעראל־גובערנאָטאָרס קאנצעלאריע.

באקאי האָט איבערצייגט דעם שליח, אז ער — באקאי, איז טאקע דער דיזשורירנדיקער „אָכראַניק" אין גובערנאטאָרס קאנצעלאריע, וועמען מ'דארף איבערגעבן דעם געהיימען דאָקומענט.

ווי נאָר באקאי האָט באקומען אין זיינע הענט דעם געהיימען באַריכט האָט ער באלד געמאכט פון אים א קאָפּיע, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער פראקציע אין דער דומע. באקאי איז באלד נאָכדעם פארשוואונדן פון רוסלאנד. די פארטרעטער פון רעוואָלוציאָנערן לאגער האָבן אזוי ארום באקומען א דאָקומענט אין זייערע הענט, אויפן סמך פון וועלכן זיי האָבן געקענט עפנטלעך סטעמפּלען די רוצחישע מעשים פון דער צארישער מאכט.

דער געהיימער דאָקומענט, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם גענ. גובערנאטאָר סקאלאן האָט אנטהאלטן א באריכט פון שעדלעצער זשאנדארמען ראָטמיסטיזש פּיעטוכאָוו וועגן די געשעענישן אין שעדלעץ, אין די טעג פון 8טן, 9טן און 10טן סעפּטעמבער (אלטער סטיל) 1906.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון צארישן רוסלאנד וואָס איז אזוי רייך מיט יידן־פּאָגראָמען, אָרגאניזירטע דורך דער מאכט, איז אָפיציעל פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז דער פּאָגראָם איז אָרגאניזירט געוואָרן דורך די מאכט-אינסטאנצן זעלבסט און נישט דורכן המון, ווי עס פלעגט זיין די אָפיציעלע ווערסיע וועגן פּאָגראָמען.

דער באהאנדלטער באריכט, דאטירט פון 22סטן סעפּטעמבער 1906, האָט פארנומען פינף בויגן.

פּיעטוכאָוו דערציילט 65):

„דעם 11טן אויגוסט (אלטער סטיל) 1906, האָט מען מיך ארויסגערופן אין דער זשאנדאַרמען־פּארוואלטונג, וואו ס'האָבן זיך שוין געפונען דער זשאנדארם־פּאָלקאָווניק ווירגאליטש, דער ראָטמיסטער פּאָטאָצקי, אלק גריגאראוו, דער פארטרעטער פון שעדלעצער פּאָליצמייסטער פּראָטאָפּאָפּאָוו און דער שעף פון דער „אָכראַנע", פּאָדפּאָלקאָווניק טיכאָנאָווסקי. ס'איז געווען א בעראטונג וועגן דעם, ווי אזוי קען מען דורכפירן אין שעדלעץ מאסן הויז־רעוויזיעס. אזעלכע רעוויזיעס האָט דורך א טעלעגראמע געפאָדערט דער הויפּטשעף פון דער געגנט. דער פּאָדפּאָלקאָווניק טיכאָנאָווסקי האָט געפאָדערט, מ'זאָל אים אָנווייזן אייניקע חשובע מענטשן פון שטאָט, וועלכע נעמען אפילו אליין נישט קיין אנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, נאָר זיי ווילן נישט איבערגעבן דער מאכט די נעמען און אדרעסן פון די רעוואָלוציאָנערן. טיכאָנאָווסקי האָט דערקלערט, אז ער האָט בדעה ארייננצוזעצן זיי אין תפיסה, פאר א „משכון" און געבן זיי צו וויסן: אויב ס'וועט געמאכט ווערן אן אטענטאט

אויף וועמען עס איז פון די באאמטע, וועלן זיי, די ערובניקעס, באצאָלן מיטן לעבן. דערביי האָט ער אויך געזאָגט, אז ער נעמט אלץ אויף זיך. אויף דער פראגע ווי אזוי וועלן די פארמשפטע געטויט ווערן, האָט דער פאדפאָלקאָווניק טיכאנאָווסקי זיך געווענדעט צום פאָליצמייסטער מיט א פראגע, צי קען ער אים נישט אָנווייזן אויף א פאָליציאנט, וועלכער זאָל מסכים זיין צו פארשטעלן זיך אלס משוגענער און דערשיסן אין טורמע אָט די ארעסטירטע, אָדער פארסמען זיי.

„אויף טעראָר פון רעוואָלוציע מוזן מיר ענטפערן מיט נאָך א שטאַר־קערן טעראָר" — האָט ער דערקלערט.

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר זיך ווידער צונויפגעקליבן — דערציילט פיעטוכאָוו אין זיין ראפאָרט — אין דער גובערניאלער זשאנ־דארמען־פארוואלטונג, וואו מ'האָט באטראכט דעם פלאן וועגן ארומרינג־לען די גאנצע שטאָט און מאכן אומעטום הויז־זוכונגען און אז צו דער צייט פון די רעוויזיעס זאָלן צוגעגרייט ווערן די פייערלעשער און אז אין די שפיטעלער זאָלן זיך געפינען די דאָקטוירים אויף די ערטער. דאָס האָט טיכאנאָווסקי פארלאנגט. פון זיין זייט האָט ער צוגעזאָגט צוצוגרייטן די שפיטעלער. אויף דער פראגע וואָס דארף מען די אלע הכנות, האָט טיכאנאָווסקי געענטפערט, אז ס'וועלן זיכער זיין געהרגעטע און פאר־וואונדעטע, ווייל קיין רחמנות וועט נישט זיין און מ'וועט אָנווענדן געווער.

די דראגונער־אָפיצירן, ווי נאָר ס'זיינען זיי באקאנט געוואָרן די הכנות, האָבן געריבן די הענט פון שמחה און אָפן דערקלערט: „מיר וועלן זיי שוין מאכן א פאָגראָמעלע אָן רחמנות". וועגן דעם אָט מען אויך גע־רעדט צווישן די זעלנער. ס'איז אונדז קלאָר געוואָרן, אז טיכאנאָווסקי און די דראגונער־אָפיצירן וועלן מאכן א בלוטבאָד אויף אלע שעדלעצער יידן. אלע באמיאונגען אָפצוהאלטן טיכאנאָווסקין מיט זיין קליקע דערפון — האָבן נישט געהאָלפן. ער, פיעטוכאָוו און דער פאָלקאָווניק ווירגאליטש זיינען פיל מאָל געווען ביים גובערנאטאָר און אים אָנגעוויזן אויף דער סכנה. אין א שמועס מיטן פאָליצמייסטער האָט טיכאנאָווסקי געזאָגט: „זאָל דער ראָטמייסטער פיעטוכאָוו נישט מיינען, אז ביי אונדז וועלן זיין ארעסטירטע. די מענטשן וואָס זיינען באקאנט מיט זייער רעוואָלוציאָנע־רער טעטיקייט וועלן זיך געוויס נישט געפינען אין דער צאָל פון די ארעסטירטע".

די ערשטע נאכט, דעם 8טן סעפטעמבער, בעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע שיסעריי אין שעדלעץ, האָט טיכאנאָווסקי, כדי אויפצומונטערן דאָס מיליטער, ארויסגערופן א גרופע טרומייטערער און די זינגער פון פאָלק און בעת דעם קנאלן פון די ביקסן, ווען ס'האָט זיך געגאָסן מענטשלעך בלוט, הייזער זיינען געשטאנען אין פלאמען, האָט זיך געהערט דאָס געזאנג פון זעלנער. ווען עס האָבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז מ'וועט טיכא־

נאָווסקין דערהרגענען, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין עסקאַדראָן, אז מען זאָל דעמאָלט מאכן נאָך אים אַ רעכטע „הזכרה" און אויסבאָדן זיך אין בלוט ביז איבער די אויערן."

ווייטער דערציילט פיעטוכאָוו, ווי אזוי דער פּאָגראָם איז צוגעגאַנגען. ער באשולדיקט צוזאמען מיט טיכאנאָווסקין אויך דעם צייטווייליקן גענעראַל-גובערנאטאָר ענגעלקין און אויך דעם גובערנאטאָר וואָלאָזשין, אלס שטענדיקער בעל־הבית פון דער גוברניע.

פון אלע מאטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן באלד נאָכן שעדלעצער פּאָגראָם ווערט קלאָר, אז דאָס בלוטבאָד אויף יידן אין שעדלעץ, ווי אויך די פּאָגראָמען אין אנדערע שטעט און שטעטלעך אין צארישן רוסלאנד זיינען סיסטעמאַטיש געוואָרן צוגעגרייט דורך דער מאכט און אויסגעפירט געוואָרן דורך די אָרטיקע פארטרעטער פון דער מאכט, ווי עס איז געווען אין שעדלעץ דער אלמעכטיקער אָנפירער פון דער „אָכראַנע" פּאָדפּאָלקאָווניק טיכאנאָווסקי.

יעדעס מאָל, ערב דעם אויסברוך פון א פּאָגראָם זיינען אין א באַשטימטער געגנט פארשפּרייט געוואָרן אויפרופן, אונטערגעשריבן דורך דער „געזעלשאפט פאר א רעפאָרמירטער אָרדענונג, א. נ. פון הייליקן ניקאָלאַי". אזעלכע אויפרופן זיינען פארשפּרייט געוואָרן אין הונדערטער, טויזנטער עקזעמפּליארן 66). אויך אין שעדלעץ איז פארשפּרייט געוואָרן דער דאָזיקער העצערישער אויפרוף, וואָס האָט אנטהאלטן די באקאַנטע בלבולים פון די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני־ציון", מיט דער געהיימער רעדע פון הויפּט־ראבינער פון יידישן פאָלק וועגן אן אלגעמיינעם פּלאַן, ווי אזוי איינצונעמען די קריסטלעכע וועלט.

אָט וואָס דער דאָזיקער הויפּט־ראבינער פון יידישן פאָלק זאָל כלומרשט האָבן געזאָגט:

„זייט ביינצן יאָרהונדערטער קעמפן מיר קעגן קרייץ און אונדזער פאָלק טרעט נישט אָפּ און קניט נישט. אויב מיר זיינען פארשפּרייט אויף אלע וועלטטיילן, איז דאָס דערפאר כדי צו באהערשן די גאנצע וועלט. אונדזער מאכט פארשטארקט זיך פון טאָג צו טאָג. צו אונדזער דיספּאָזיציע איז איצט דאָס גאָלדענע קאלב, וואָס אהרן הכהן האָט געשאפן אין דער מדבר, און עס איז דער אמתער גאָט פון אונדזער צייט. נאָר דאן ווען מיר וועלן זיין די איינציקע אייגנטימער אויף דעם גאָלד, וועלן מיר איבערנעמען די הערשאפט".

דער „בערלינער טאגעבלאט", וועלכער האָט איבערגעדרוקט דעם אויפרוף און געטאדלט זיין אינהאלט, האָט דערביי געשריבן, אז דער העץ־אויפרוף איז געווען די ארבעט פון פראָוואָסלאווען קלער, וועלכער האָט זיך געשטיצט א־יף דעם שווארץ־מאהדיקן „פאראיין פון די עכט

רוסישע לייט". אזעלכע אויפרופן זיינען פארשפרייט געוואָרן צווישן מי־ליטער אין שעדלעצער געגנט און אין שעדלעץ גופא. אזוי ארום איז צו־געגרייט געוואָרן דער באָדן פארן פּאָגראָם און די מאכט איז צוגעטרעטן אָרגאניזירן אים לויטן ביאליסטאָקער סטיל, אָבער אין אן אנדער פאָרם — בלויז מיט דער באטייליקונג פון מיליטער, אָן דער מיטהילף פון ביר־גערלעכן פעבל, ציווילע גנבים און רויבער.

די שטאָט איז דורך דער מאכט צעטיילט געוואָרן אויף רעווירן, בראש פון וועלכע עס זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן די אָפיצירן פון דראגונער פּאָלק, וועלכע זיינען באקאנט געווען אלס פּאָגראָמשטשיקעס, שווארץ-מאהניקעס. דער איינציקער, אויסנאמסווייזער אָרנטלעכער אָפיציר אין דעם פּאָלק איז געווען בעראָן פאָן קלייסט. ער האָט געהאט א פּאָ־זיטיווע באציאונג צו יידן, און אפילו סימפּאטיזירט מיט דער ציוניסטי־שער באוועגונג. און ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט דער בעראָן גע־שפּענדעט א באדייטנדיקע צאָל ביכער פון זיין ביבליאָטעק, אין דייטש און רוסיש, ווי אויך א סומע געלט, אויף צו גרינדן די ציוניסטישע ביב־ליאָטעק אין שעדלעץ. אָבער אויך דער דאָזיקער בעראָן האָט גאָרנישט געטאָן, כדי נישט צו דערלאָזן צו דעם פּאָגראָם.

די אָנפירער פון די רעווירן זיינען געווען די אָפיצירן: באליכאָוו, וועסאָלאָוו, אלעקסאנדראָוו, מוסאראטאָוו, בעראָן ביאלער, דער דערמאָנ־טער בעראָן פאָן-קלייסט און סומאראקאָוו.

נאָכן פּאָגראָם — פּראָצעסן איבער די פּאָגראָמירטע

ווען די צארישע באנדיטן האָבן געענדיקט זייער בלוטבאָד, וואָס האָט זיך זיי זייער גוט איינגעגעבן, און נאָכדעם ווי עס איז פארעפנט־לעכט געוואָרן דער ליגנערישער באריכט, האָט מען אין די רעגירונגס־קרייזן אָנגעהויבן טראכטן ווי אזוי צו פארשלייערן די נידערטרעכטיקע אקציע פון מאָרדן און בארויבן אומשולדיקע יידן. די מאכט האָט איינ־געפונען אלס בעסטן אויסוועג צו מאכן די געליטענע פאר דעם שעיר לעזאזל, שטעלן פאר א שטאנדגעריכט די „שולדיקע" יידן און זיי פאר־משפּטן לויט אן עכטן „אָביעקטיוון" אורטייל. פּאָליציי האָט פאר, בעת און נאָך דעם פּאָגראָם ארעסטירט זעקס הונדערט יידן. אין פארלויף פון דער צייט איז א גרויסער טייל פון די ארעסטירטע באפרייט געוואָרן, אָבער קרוב פיר הונדערט זיינען פארבליבן אין ארעסט. אין אָט די דאָ־זיקע יידן האָט די אָרטיקע מאכט געוואָלט זיך נוקם זיין דורך אינסצע־ניזירן א פּראָצעס פאר מלוכה-פארראט.

לויט „די וועלט" פון 19טן סעפּטעמבער 1906, האָט זיך דער ציוניס־טישער אקציאָנס-קאָמיטעט דעמאָלט געווענדעט צום רוסישן אינערן־

מיניסטער סטאַליפּין, צום קריגס־מיניסטער רעדיגעס און צום יוסטיץ־מי־ניסטער שטשעגלאָוויטאָוו, פּירשט פאָן־באַדען און צו די קעניגן פון ענג־לאַנד און איטאַליע — מיט דער ביטע צו אינטערווענירן, אַז די אַרעס־טירטע זאָלן נישט געשטעלט ווערן פאַר א שטאַנד־געריכט, וועלכער איז אימשטאַנד צו פאַראורטיילן צום טויט אומשולדיקע מענטשן.

דער לאָנדאָנער „טיימס" האָט אין יענער צייט מיטגעטיילט אַז פאַרן בריטישן ווייצע אויסערן־מיניסטער האָט זיך פאַרגעשטעלט א יידישע דע־לעגאַציע, וועלכע האָט אים איבערגעגעבן פּרטים וועגן שעדלעצער פּאָג־ראָם און אויסגעדריקט שרעק פאַרן אויסגאַנג זייערס. דער בריטישער ווייצע־מיניסטער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט זיין אַמבאַסאַדאָר אין פּע־טערבורג און אים געבעטן צו ווירקן צום גונסטן פאַר די אַרעסטירטע.

נאָך די אַלע אינטערווענצן זיינען באַפרייט געוואָרן קרוב 250 פּער־זאָן, אָבער העכער הונדערט און פופציק יידן זיינען געבליבן אין תפיסה. די מאַכט האָט דערקלערט, אַז אָט די יידן האָבן געשאָסן אויף די מילי־טערישע פּאַטרולן. די אומגליקלעכע האָט געדראָט געשטעלט צו ווערן פאַר א מיליטעריש פעלדגעריכט. דאַן האָט די קהילה זיך געווענדעט צום באַראָן דוד גינזבורג פון פּעטערבורג. אויף דער ווענדונג איז אָנגע־קומען א תשובה, אַז דער באַראָן האָט באַזוכט דעם פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין, וועלכער האָט צוגעזאָגט אַרויסצושיקן א פאַראָרדענונג צו דער שעדלעצער מאַכט, אַז זי זאָל זיין פאָרזיכטיק מיטן איינאָרדענען די משפּטים. לויט דעם געשפּרעך — האָט גינזבורג מיטגעטיילט — דוכט זיך אים אויס, אַז קיין פעלדגעריכט וועט נישט פאָרקומען, נאָר א טייל פון די אַרעסטירטע דראָט פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר.

די הילפס־אַקציע פאַר די פּאָגראָם־געליטענע

באַלד האָט זיך פאָרמירט א „הילפס־קאָמיטעט פאַר די געליטענע פון די אומאָרדענונגען אין שעדלעץ" (די מאַכט האָט נישט דערלויבט אָנצורופן דעם קאָמיטעט מיט זיין ריכטיקן נאָמען: „פּאָגראָם־געליטע־נע"). פון אַלע זייטן זיינען אָנגעקומען מיטגעפיל־טעלעגראַמעס. מיט א ספּעציעלער וואַרעמקייט האָט זיך אָפּגערופן די פּוילישע געזעלשאַפט און פּרעסע. אַלע פּוילישע צייטונגען האָבן געעפנט זאַמלונגען. איייניקע צייטונגען האָבן אפילו געזאַמלט גרעסערע סומעס געלט. דער קאָמיטעט איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער ייק"א אין פּעטערבורג און דער „אַליאַנס" אין פּאַריז.

פון א באַריכט 67) דערוויסן מיר זיך, אַז לויט די מאַטעריאַלן וואָס דער הילפס־קאָמיטעט האָט געזאַמלט האָבן פון שעדלעצער פּאָגראָם גע־ליטן 440 האַנטווערקער־משפּחות, 416 הענדלער־משפּחות, 330 אַרבע־

טער־משפחות, 130 משפחות פון פרייע פראָפעסיעס און 186 פאמיליעס אָן באשטימטע פראָפעסיעס. בסך־הכל 1502 פאמיליעס, וועלכע האָבן געציילט 7306 נפשות. דער שאָדן האָט באטראָפן 344.584 רובל. די געזאמלטע סומע האָט באטראָפן הונדערט און צוואנציק טויזנט רובל.

אין קאָמיטעט זיינען אויך געווען פארטרעטן פאָליאקן. זיין צוזאמענשטעל איז געווען פאָלגנדיקער: אדוו. סט. זאנדערלאנד — פאָרזיצער, א ד. טשאטשקים — סעקרעטאר. הרב ד. ב. אנאליק, י. נ. וויינטרויב, קאנאָניק סציפיא־דעל־קאמפאָ, מ. מינץ, אדוו. אלעקסיי כזשאנאָווסקי, אשר ארזשעל, שטאָט־פרעזידענט קארסאק און נ. ד. גליקסבערג.

א פאָר טעג שפּעטער האָט דער קאָמיטעט דערהאלטן א טעלעגראפישע ווענדונג פון באראָן גינזבורג, פיינבערג און אדוו. שלאָזבערג, וועגן דעלעגירן א פאָר פערזאָן כדי איבערצוגעבן דעם פרעמיער סטאָליפינען א באריכט וועגן גאנג פון פאָגראָם, וועגן פעלד־געריכט און וועגן די ארעסטירטע, אויך א פאָדערונג צוצוציען די שולדיקע צו פאראנטוואָרטלעכקייט.

אזא דעלעגאציע איז אוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג און האָט אָפּגעהאלטן באראטונגען מיט די דעמאָלטיקע עסקנים: אדוו. ווינאווער, אדוו. שלאָזבערג, אדוו. ווארשאווסקי, אדוו. שעפּטעל, פיינבערג, וואוועלבערג, פישביין און דער שעדלעצער דעפּוטאט אין דער רוסישער דומע דימשא (א פאָליאק). אויף דער טאָג־אָרדענונג זיינען געשטאנען צוויי פראגן: 1) די הילפס־ארבעט פאר די געליטענע, און 2) א מעמאָראנדום צו דער רעגירונג. דער מעמאָראנדום איז אויסגעארבעט געוואָרן דורך די אדוואָקאטן פישביין, לוריא, ווארשאווסקי און איז איבערגעשיקט געוואָרן צום אינערן־מיניסטער סטאָליפּין, א קאָפּיע צום באראָן גינזבורג, וועלכער האָט באלד אינטערוועגירט ביים באראָן קנאל, דעם דעמאָלטיקן נאָענטסטן מיטארבעטער פון סטאָליפינען. באראָן גינזבורג האָט זיך באמיט, אז דער אינערן־מיניסטער זאָל אויפנעמען א דעלעגאציע פון שעדלעצער יידן. די אודיענץ איז טאקע פאָרגעקומען. סטאָליפין האָט שוין געהאט געלייענט דעם מעמאָראנדום און זיין מיינונג איז געווען: ער קען נישט גלויבן, אז דאָס מיליטער האָט געמאכט דעם פאָגראָם. ער האָט צוגעזאָגט: דורכצופירן א שנעלע אויספאָרשונג, קיין פעלד־געריכט וועט נישט פאָרקומען און די הונדערט און פּיפציק יידן וועלן באפרייט ווערן.

דער מעמאָראַנדום צום רוסישן פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין

דורך דער דעלעגאַציע פון „שעדלעצער בירגער" איז דעם פּרעמיער סטאָליפּין איבערגעגעבן געוואָרן פאָלגנדיקער מעמאָראַנדום:

עקסעלענץ,

מיר ווענדן זיך צו אייך אין שייכות מיט די געשעענישן אין שעדלעץ אין די טעג פון 8—10 סעפּטעמבער 1906. מיר ווילן נישט שילדערן די גרויליקייט און באַצייכענען נעמען פון פּערזאָנען און קלאָגן זיך אויף זיי. מיר ווילן בלויז פעסטשטעלן די פאַקטן, וועלכע קיינער וועט זיי נישט אָפּלייקענען, פון וועלכע זיין עקסעלענץ וועט אַרויסציען די געהעריקע קאָנסעקווענצן:

דעם 21סטן אויגוסט האָט אַן אומבאַקאַנטע פּערזאָן געוואָרפן א באָמבע אויפן קאָמענדאַנט גאַלצעוו, וואָס האָט פאַראורזאַכט, צום גרויסן באַדויערן פון דער גאַנצער בירגערשאַפט, זיין טויט. זינט דאַן און ווייטער האָט דער מיליטערישער גאַרניזאָן אָנגעהויבן פיינדן די איינוואוינער. באַלד נאָכן אַטענטאַט אויפן פּאָליצמייסטער, איז געגעבן געוואָרן א באַפעל צו שיסן אין די מאַסן וואָס ס'האָט פאַראורזאַכט דעם טויט פון א סך אומשולדיקע פּערזאָנען. ס'זיינען אַרעסטירט געוואָרן צוויי הונדערט פּערזאָן, אָבער די אַטענטאַטאָרס זיינען נישט אַנטדעקט געוואָרן. נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָבן זיך מיליטערישע פּאַטרולן באַצויגן צו די שטאָטישע בירגער אַזוי, אַז די בירגער האָבן געציטערט פאַרן מיליטער און האָבן אויסגעמיטן זיך צו באַווייזן אין גאַס.

די לעבנס־באַדינגונגען זיינען געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ערגער. די פאָרשטייער פון די איינוואוינער האָבן זיך געווענדעט צום בירגער־מייסטער און זיך באַקלאָגט אויף דער שלעכטער באַציאונג פון מיליטער, אָבער אָן דערפאָלג. הגם אין שטאָט האָט געהערשט פולקאָמע רו און אפילו א טויטע שטילקייט, האָט זיך די רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע באַשעפטיקט מיט „צוגרייטן זיך". וואָרשיינלעך זיינען דאָס געווען צוגרייטונגען וועגן אָפּהיטן אָרדנונג אין דער צוקונפט. אַלס באַווייז וועלן דינען די פאָלגנדיקע פאַקטן:

1) דער גובערנאַטאָר האָט די קאָמענדאַטור אויף דער שטאָט איבער־געגעבן אין די הענט פון פּאָדפּאָלקאָווניק פון 39סטן לובאָווסקער נאַרוון פאָלק, טיכאַנאָווסקי.

2) די עטלעכע טעג פאַרן אומגליק איז אַרויפגעצויגן געוואָרן א שטאַנג אויפן טורעם פון שטאָטזייגער, וועלכער האָט געדינט, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, ווי א צייכן פון אָנהויב פון פּאָגראָם.

3) די מיליטערישע באאמטע האָבן עפנטלעך געזאמלט אינפאָרמאַציעס וועגן דעם פּלאַן פון די גאסן און הייזער אין שטאָט.

4) דער שעדלעצער גארניזאָן — לויט דער מעלדונג פון האלב אָפּיציעלן רעגירונגס־אָרגאַן „ווארשאווסקי דניעווניק" — האָט צוגעגרייט א פּלאַן פון באלאגערן די שטאָט און דעם פּלאַן רעאליזירט.

אזוי האָט די מיליטערישע און בירגערלעכע מאכט גלייכצייטיק זיך געגרייט צו א באלאגערונג פון שעדלעץ און אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אָפיציעל גאָרנישט געוואוסט וועגן אזא מצב. נאָך מער, דער גארניזאָן־קאָמענדאנט האָט אפילו נישט געהאלטן פאר נויטיק צו מעלדן דער באַפעלקערונג וועגן דער געשאפענער סיטואציע, וועגן דער סכנה וואָס עס דראָט דער באפעלקערונג, וועגן אָנווענדן אויסערגעוויינלעכע מיטלען און וועגן זיין אייגענער באָמינאציע. אלעס איז געהאלטן געוואָרן בסוד, ווייל מ'האָט געזען אין די בירגער אן אָפענעם שונא און רעכטלאָזע מענטשן. אויף דער פראגע: צי דער אויסברוך פון די געשעענישן איז צוגעגרייט געוואָרן? דערויף וועט דארפן ענטפערן די מאכט און דער גארניזאָן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט:

עקסעלענץ,

מיר דערלויבן זיך אָנצואווייזן דערויף, אז אויב ס'איז באמת צוגעגרייט געוואָרן אן אויפשטאַנד, האָט דאָך די אָרטיקע מאכט, וואָס צו איר דיספּאָזיציע שטייט א גארניזאָן פון פינף טויזנט זעלנער, געקאָנט פארמיידן דעם אויפשטאַנד, דורך רעוויזיעס און שטרענגער אויפזיכט אויף פרעמדע, וועלכע געפינען זיך אין א קליינער צאָל אין שעדלעץ. נאָר לויט דער מעלדונג פון גארניזאָן־קאָמענדאנט איז צו ערשט אויסגעבראָכן דער בירגער־אויפשטאנד, און דערנאָך איז די שטאָט באלאגערט געוואָרן דורך מיליטער. לויט דער אָפיציעלער מעלדונג, האָבן די כלומרשטע „רעוואָלוציאָנערן" זיך אקטיוו אנטקעגנגעשטעלט דעם מיליטער אין פארלויף פון 36 שעה, אזוי, אז דער שעדלעצער גארניזאָן האָט געמוזט אלארמירן צו הילף דעם דובנער רעגימענט און דעם 48סטן הארמאטן־באטאליאָן.

ווען אויף צו מאָרגנס, דעם 9־טן סעפּטעמבער, האָט זיך פאָרגעשטעלט פארן קאָמענדאנט, לויט זיין אויפפאָדערונג, א דעלעגאציע, אין צוזאמענשטעל פון שטאָט־פּרעזידענט, מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואלטונג און די הערן: אדוו. זאנדערלאנד, טאָרטשינסקי, אינזש. פּארמינסקי, ד"ר שאַוועלסקי א. אנד. האָט דער קאָמענדאנט געמאָלדן, אז ער וועט מאכן א תל פון דער שטאָט, אויב מ'וועט אים ביז איינס א זייגער פארמיטאָג נישט איבערגעבן די רעוואָלוציאָנערן און דאָס געווער. דייטלעכער געזאָגט: ער האָט פּראָקלאמירט א פארניכטונגס־מלחמה קעגן די איינוואוינער. צו דערפילן זיינע פארלאנגען איז געווען אוממעגלעך, מ'האָט זיי נישט געקענט

נאָכקומען, ווייל דאָס געפאָדערטע האָט זיך אין דערווירקלעכקייט נישט געפונען. ווען די דעלעגאַציע איז אוועק צום גובערנאַטאָר, האָט ער זיך נישט געקענט דעצידירן וועגן געבן אַן ענדגילטיקע תשובה. פּאַדפּאָלקאָוויק טיכאַנאָווסקי האָט אין דער זעלבער צייט ווייטער איבערגעחזרט זיינע דראָאונגען און אָן שום סיבה אַרעסטירט די גאַנצע דעלעגאַציע. אויף די דערקלערונגען פון דער דעלעגאַציע, אַז זי ווייסט נישט צי עס האָט וועגן געשאָסן און פון וואַנען מ׳האָט געשאָסן, האָט טיכאַנאָווסקי אָנגעוויזן אויף אייניקע הייזער און דערלויבט די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע צו באַזוכן די הייזער, כדי זיך אַליין איבערצוצייגן אין דער עקזיסטענץ פון די „רעוואָלוציאָנערן". אין די אָנגעוויזענע הייזער האָבן זיך געפונען בלויז אַ זקן און צוויי פרויען. וועגן דעם איז מיטגעטיילט געוואָרן דעם קאָמענדאַנט. מ׳האָט זיך מיט דעם נישט גערעכנט און די שיסעריי איז פאָרגעזעצט געוואָרן. לסוף זיינען אויפגעריסן געוואָרן די ליידיקע הייזער.

אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס עס האָט געדויערט די דאָזיקע מלחמה־טעטיקייט איז די שטאָט געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט. עס איז קיינעם נישט דערלויבט געווען אַריינצוקומען קיין שעדלעץ. די שטענדיקע איינוואוינער, וואָס האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, פאָרויספילנדיק דאָס אומגליק, און האָבן געוואָלט צוריק אַריינקומען קיין שעדלעץ, זייענדיק באַאומרואיקט איבערן גורל פון זייערע משפחות, זיינען געצוואונגען געוואָרן צו בלייבן אויף דער באַן־סטאַציע. דער טעלעגראַף־אַמט איז געשלאָסן געוואָרן פאַרן קהל.

און ווי זעען אויס די פאַרלוסטן און די טראַפּעען פון דער 36 שעה־דיקער „שלאַכט"? ווי עס איז אָפיציעל פעסטגעשטעלט געוואָרן, איז פון מיליטער נישט געווען קיין איין פאַרוואונדעטער און קיין איין געהרגעטער. מצד דער באַפעלקערונג זיינען געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן יידישן בית־עולם 31 הרוגים און אויפן קריסטלעכן 3 אָדער 5. לויט אָפיציעלע ידיעות זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן 150 פערזאָן און לויט אַנדערע קוועלן — 300, אַרעסטירט זיינען געוואָרן 200 פערזאָן, וואָס קיין איינעם פון זיי האָט מען נישט געקאָנט באַשולדיקן אין אויפשטאַנד, ווייל קיינער פון זיי איז נישט געווען באַוואָפנט. אַ קאָנטראָל איבער די געהרגעטע און פאַרוואונדעטע האָט באַוויזן, אַז די וואונדן זיינען געקומען פון קאָלבעס פון ביקסן און באַגנעטן. אַזוי ווי קיין שום מענטש האָט נישט געוואַגט צו פאַרלאָזן זיין שטוב, מוז מען דעריבער קומען צום אויספיר, אַז די זעלנער זיינען אַריין אין די וואוינונגען.

בעת דער שיסעריי זיינען זעלנער באַפאַלן יעדע יידישע וואוינונג און אין יעדן פאַל פון נישט עפענען די טיר איז זי אויפגעבראָכן געוואָרן מיט דער הילף פון גרויסע אייזערנע פייערלעשער־שטאַנגען. באַלד נאָכן אַריינברעכן זיך אין אַ וואוינונג האָבן די זעלנער געפאָדערט אַרויסצוגעבן די

רעוואָלוציאָנערן און האָבן דערביי אויסגעפּרעסט גרעסערע אָדער קלענערע סכומים געלט. יעדער, וואָס האָט געהאַט די דרייסטקייט זיך קעגנצושטעלן, איז געשלאָגן געוואָרן אומברחמנותדיק. בעת דער רעוויזיע אין די הייזער זיינען די אומגליקלעכע געפּייניקט געוואָרן. פון אלע אכזריות־דיקע אוממענטשלעכע מעשים פון די זעלנער ווילן מיר דאָ אונטער־שטרייכן נאָר איין פאַל:

א יונגער ייד, א פאָטער פון 6 קינדער, מאיר וואָלף, איז אָנגעגריפן געוואָרן אין זיין דירה בעתן דאַוונען. אין קעגנוואַרט פון אַן אָפיציר איז ער געפּייניקט געוואָרן מיט שרעקלעכע פּיין — מ'האָט אים געוואָרפן פון וואַנט צו וואַנט ביז דער מוח איז אים צעשמעטערט געוואָרן. מ'דאַרף דעריבער באַטאָנען, אז קיין שום געווער האָט מען נישט געפונען, נישט ביים קרבן און נישט אין זיין וואוינונג.

פון די 1025 הייזער, וואָס געפינען זיך אין שטאָט זיינען באַשאָסן געוואָרן אייניקע הונדערט. עס איז אויך באַשאָסן געוואָרן דאָס יידישע שפּיטאָל. אין דער גאַנצער שטאָט איז נישטאָ קיין הויז, וואָס זאָל נישט האָבן געטראָפן געוואָרן פון קיין קוילן. ווען מ'זאָל אונטערציען א סך־הכל פון די אויסגעשאָסענע קוילן, קאָן מען זען, אז זייער צאָל איז גרעסער, ווי די צאָל פון דער באַפעלקערונג. די דאָזיקע פאַקטן רעדן פאַר זיך אליין. אָבער דער גאַרניזאָן האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט דעם און אָנגענומען נאָך מער שטרענגערע מיטלען: האַרמאַטן! צו וואָס האָט מען דאָס געדאַרפט. ווייזט אויס, אז דאָס איז געווען א שטראָף פאַר זינד וואָס זיינען נישט באַגאַנגען געוואָרן. די מאַכט האָט געפּייניקט די באַ־פעלקערונג, וועמענס יסורים זיינען געווען פון א מענטש וואָס איז פאַר־משפּט געוואָרן צום טויט, הגם זי איז ריין פון יעדער זינד, וואָס האָט נישט גערירט מיט קיין פינגער, בעת די זעלנער האָבן געווילדעוועט, גע־מאָרדעט אומבאַוואָפנטע מענטשן, פאַרגוואַלטיקט פרויען, גערויבט פרעמדע פאַרמעגן און געבּרענט הייזער.

די ווערסיעס, אז די אונטערצינדונגען און די רויבערייען זיינען מכלומרשט אויסגעפירט געוואָרן דורך ציווילע בירגער — זיינען נישט ריכטיק. עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אז בעת די געשעענישן האָט וועלכער עס איז בירגער זיך געקאָנט באַווייזן אויף דער גאַס. דער געדאַנק, אז די בירגער האָבן אונטערגעצונדן די באַלאַגערטע הייזער איז בכן מחוץ יעדער וואַרשיינלעכקייט. אויב דאָ איז געווען טעטיק א פרעמ־דער פיינט איז די מאַכט געווען מחויב זיך קעגנצושטעלן אזא שונא און נישט דערלאָזן צו קיין פּאָגראָם.

צוזאַמען זיינען אויסגערויבט געוואָרן 59 קראָמען, 11 הייזער און 12 פאַרבויאונגען זיינען אוועק מיטן פייער. אָן א צאָל פּריוואַטע דירות זיינען צערויבט און חרוב געוואָרן. די פאַרלוסטן אין פאַרמעגנס און געלט

איז אין דער הויך פון א מיליאָן רובל. די טראגעדיע פון דער באפעל־קערונג איז, וואָס עס איז צעשטערט געוואָרן די רעכט פון מענטש און די אומגערעכטיקייט, וואָס עס איז קעגן זיי באגאנגען געוואָרן.

אין דער צייט, זינט אונדזער רייזע פון שעדלעץ קיין פעטערבורג, לעבט די יידישע און קריסטלעכע באפעלקערונג אין דער שטאָט, אין ציטערניש פארן מאָרגנדיקן טאָג. פון אייך, עקסעלענץ, דערוואַרטן מיר מעשים, וואָס וועלן בארואיקן די אומגליקלעכע באפעלקערונג פון שעדלעץ.

עקסעלענץ: שטיצנדיק זיך אויף אייער צירקולאר, קומען מיר נישט בעטן קיין רחמנות נאָר די אויפריכטונג פון אמת און גערעכטיקייט.

אונטערגעשריבן —

אלעקסיי כרזשאנאָווסקי

דוד טשאטשקיס

סטאניסלאוו זאַנדערלאנד. 68)

עס איז כדאי צו פארצייכענען, ווער עס זיינען געווען די אונטער־געשריבענע אונטער דעם דאָזיקן, פאר יענער צייט, גענוג דרייסטן מע־מאָראנדום צום אלמעכטיקן סטאָליפין. דער ערשטער — אלעקסיי כרזשא־נאָווסקי, איז געווען א מיטגליד פון געזעלשאפטלעכן קאָמיטעט צו העלפן די פאָגראָם-געליטענע, ער איז געווען א פאָליאק, א מענטש מיט ביל־דונג און הויכער עטיק, אן עסטעט און גרויסער פוילישער פאטריאָט, ער האָט ליב געהאט אמת און געקעמפט פאר גערעכטיקייט. דוד טשאטשקיס איז געווען סעקרעטאר פון דער שעדלעצער קהילה. דער לעצטער אונ־טערגעשריבענער — סטאניסלאוו זאַנדערלאנד, איז געווען אן אדוואָ־קאט, א געשמדטער ייד, וועלכער האָט שטענדיק געוואָלט זיך געפינען צווישן יידן. זאַנדערלאנד האָט זיך געשמדט כדי צו דערגרייכן צו א יורי־דישער קאריערע. ער איז אָבער געווען פון יענע טיפּן משומדים, וואָס האָבן נישט געוואָלט פארלירן דעם קאָנטאקט מיט יידן. ער האָט גע־צאָלט יעדן פסח „מעות חטים" און פלעגט געבן צדקה בסתר יידישע אָרעמעלייט. ער האָט שטארק אָפּגעהיטן א ספר תנ"ך, וואָס איז געווען געשריבן אויף פּארמעט און איז אים געקומען בירושה פון זיין זיידן. נישט איינמאָל האָט ער זיך באקלאָגט פאר יידן, אז מיט זיין רייכקייט איז ער אבסאָלוט נישט גליקלעך.

די צארישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע

א קורצע צייט נאָכדעם ווי די דעלעגאציע האָט איבערגעגעבן דעם מעמאָריאל, נאָך דער אוידיענץ ביי סטאָליפינען, איז קיין שעדלעץ גע־קומען אן אויספאָרשונגס-קאָמיסיע און האָט אויפגענומען גבית-עדות.

ס'זיינען ארויסגעטרעטן אלס עדות יידן און פּאָליאקן, וועלכע האָבן דער־ציילט וועגן רציחות פון מיליטער; אלמנות און יתומים האָבן אָנגעוויזן אויף באליכאָווון און וועסאלאָוון, אז זיי האָבן דערמאָרדעט זייערע מענער און קינדער. נאָך צוויי וואָכן זיין אין שעדלעץ איז די קאָמיסיע צוריקגע־פאָרן קיין פעטערבורג.

ווייזט אויס, אז מיט די רעזולטאטן פון דער ארבעט פון דער קאָמי־סיע איז מען אין די הויכע פענצטער פון דער צארישער ביוראָקראַטיע נישט געווען אזוי שטארק צופרידן, ווייל באלד איז געשיקט געוואָרן א צווייטע אויספאָרשונגס-קאָמיסיע. ווידער האָט זיך אָנגעהויבן א פּראָצע־דור פון עדות זאָגן און באשטעטיקונגען. בעת דער ארבעט פון דער קאָ־מיסיע האָט די מאכט אָנגעהויבן ארויסלאָזן אלע ארעסטירטע יידן, וואָס זיינען נאָך געזעסן אין תפיסה, אזוי, אז פאר חנוכה תרס"ז זיינען שוין אלע ארעסטירטע געווען אויף דער פריי, מיטן אויסנאם פון איינעם־צוויי, וועמען די מאכט האָט געהאלטן פאר גאָר שטארקע רעוואָלוציאָ־נערן. דאָס באפרייען די ארעסטירטע האָט געזאָלט זיין די איינציקע סאַ־טיספאקציע פאר דעם פאָרגעקומענעם בלוטיקן פּאָגראָם.

אזוי ווי די רעזולטאטן פון ביידע אויספאָרשונגס-קאָמיסיעס זיינען געווען נישטיקע, איז קיין פעטערבורג דעלעגירט געוואָרן י. נ. וויינטרויב. ווידער האָט זיך דער באראָן גינזבורג געמיט, אז דער דעלעגאט זאָל אויפגענומען ווערן אויף אן אודיענץ ביי סטאָליפינען. אין רעזולטאט פון די באמיאונגען איז וויינטרויב צוזאמען מיטן באראָן אויפגענומען גע־וואָרן דורך סטאָליפינען. דער פרעמיער האָט אויסגעהערט די רייד פון וויינטרויבן און האָט, לויט ווי ס'האָט איבערגעגעבן דער „טידזשען פּאָלסקי" דערויף געענטפערט:

„פון שטאנדפונקט פון די מלוכה־ און געזעלשאפטלעכע אינטערעסן, ווי אויך צוליב באקומענע אָנפראגן פון איראָפּע, גייט מיר זייער אין אן אויספירלעכן באקענען זיך מיטן גאנצן ענין. צוליב די באקומענע, דורך אים, אָפיציעלע, ווי אויך פריוואטע ידיעות, וויל ער זיך באקענען מיטן נאקעטן אמת. צוליב דעם וואָס די ביזאיצטיקע ידיעות זיינען אומדייט־לעך אין געוויסע פרטים, מוז ער, כדי אָנצונעמען א פעסטן באשלוס, אָפּ־ווארטן ביז צו אן ענדגילטיקן רעזולטאט פון דער אויספאָרשונג."

סטאָליפין האָט אין זיין ווייטערדיקער דערקלערונג פעסטגעשטעלט, אז לויט די ביז איצטיקע אינפאָרמאציעס, וואָס ער האָט באקומען, האָט מען זיך אין די דערמאָנטע טעג צופיל באנוצט מיט געווער און אז דאָס ארעסטירן די דעפּוטאציע דורכן „אָכראנע"-נאטשאלניק איז פשוט אומ־פארשטענדלעך און האָט נישט קיין בארעכטיקונג. די שולדיקע וועלן דעריבער באשטראָפט ווערן. מצדן מיליטער האָט מען ווירקלעך ראבירט

— האָט אָנערקענט דער צארישער פּרעמיער — הגם לויט די באקומענע אָפּיציעלע ידיעות, איז דאָס נישט געשען אין אזא מאָס, ווי עס שטעלן דאָס פאָר די פּריוואטע קוועלן. לויט די דאָזיקע ידיעות האָט דאָס ראַבירן זיך באגרענעצט מיטן צואייגענען זיך קלייניקייטן, ווי למשל: שטיקלעך זייף, פּאַפּיראָסן א. ד. גל. דאָס גרויזאמע פארהאלטן זיך פון מיליטער לגבי דער באפעלקערונג דאַרף מען צושרייבן דער צערייצטקייט פון די זעלנער, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערע אקציעס. ווי אין גאַנץ פּוילן, עקזיסטירן אָן שום ספק אויך אין שעדלעץ רעוואָלוציאָנערע פּארטייען. לויט די ראַפּאָרטן האָט די צאָל רעוואָלוציאָנערע שאָסן געוועגדעט אין מיליטער ווארשיינלעך באטראָפן ביז טויזנט. דער אומשטאנד וואָס מען האָט קיינעם פון די רעוואָלוציאָנערן מיט געווער אין דער האנט נישט געכאַפּט, קען דערקלערט ווערן דערמיט, וואָס די רעוואָלוציאָנערע טוער האָבן זיך וואַרשיינלעך אין דער געהעריקער צייט באהאלטן. אזוי האָט סטאָליפּין פארענטפערט די פּאָגראָם-טעטיקייט פון זיינע אונטערגעאָרדנטע.

די פאקטן, וועלכע דארפן אויפווייזן דאָס בכוונהדיקע צוגרייטן דעם פּאָגראָם, שרייבט ער נישט צו קיין זייער גרויסע באדייטונג — דאָס זיינען מיליטערישע מיטלען, וואָס קענען און ווערן פּראַקטיצירט אומעטום אין פאל פון אויסברוך פון אומאָרדענונגען. אזעלכע מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן אין פּעטערבורג.

טראָץ אלעם — האָט לסוף דערקלערט סטאָליפּין — קען דער קריגסצושטאנד נישט אראָפּגענומען ווערן, כל־זמן עס וועט נישט אויפהערן די רעוואָלוציאָנערע אקציע. דאָך וועט ער זיך באמיען צו מילדערן דעם קריגסצישטאנד דורך אָנווענדן א גענויע השגחה פון די אָפיצירן איבער די זעלנער. ער, דער מיניסטער, קען די פּאָליאַקן, א געמיינזאם צוזאמענלעבן מיט זיי האלט ער פאר מעגלעך, ער האלט פאר נויטיק איינצופירן פאר זיי געוויסע ספּעציעלע רעפאָרמען, אין דעם פּונקט וועט קומען צו א פארשטענדיקונג 69).

די אינטערפּעלאציע אין דער צווייטער רוסישער דומע

דער שוין דערמאָנטער אדוו. סט. זאָנדערלאנד, וועלכער איז אין יענער צייט געוועזן דעפּוטאט אין דער צווייטער רוסישער דומע, האָט נישט גערוט ביז ער האָט ארייגעטראָגן אן אינטערפּעלאציע, וועלכע איז אויסגעארבעט געוואָרן דורך דער יורידישער קאָמיסיע פון שעדלעצער הילפס-קאָמיטעט און אונטערגעשריבן געוואָרן אויך דורכן פּוילישן „קאָלאָ" אין דער רוסישער „דומע". אין צווישנצייט איז די צווייטע דומע פונאנדערגעלאָזט געוואָרן און די אינטערפּעלאציע איז נישט באטראכט

געוואָרן. דערפאר אָבער האָט זי געהאט א וויכטיקן פראָפּאגאנדיסטישן כאראקטער. יעדער דעפּוטאט האָט באקומען א קאָפּיע. הגם די אינטער־פּעלאציע האָט כמעט דעם זעלבן אינהאלט ווי דער פריער געבראכטער מעמאָראנדום, ברענגען מיר זי אין פולן טעקסט צוליב איר היסטאָרישער באדייטונג:

„אויפן יסוד פון די פּאראגראפן 33, 58, 59, פון געזעץ וועגן דער גאָסודארסטוועננער „דומע", האָבן מיר דעם כבוד צו בעטן ארייננצוטראָגן אויפן פּלענום פון דער „דומע" פאָלגנדיקע דערקלערונג:

די לעצטע צוויי יאָר האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט ערנסטע געשעענישן, געווענדעט ספּעציעל קעגן דער יידישער באפעלקערונג, ווי אויך קעגן דער שול־יוגנט און בכלל אינטעליגענץ. אין קעניגרייך פּוילן זיינען אזעלכע געשעענישן איבערהויפּט נישט פאָרגעקומען, נאָר פּלוצלונג אין די לעצטע טעג פון אויגוסט (פון 8—10 — אלטער סטיל) זיינען פאָרגעקומען שרעקלעכע עקסצעסן — דער באוואוסטער „שעדלעצער פּאָגראָם", וועלכער אונטערשיידט זיך זייער בולט פון ענלעכע ארויסטרעטונגען, וואָס זיינען באקאנט אונטערן דאָזיקן נאָמען. די שטאָט שעדלעץ, וועלכע ציילט א באפעלקערונג פון 25 טויזנט איינוואוינער מיט אן איבערוויגנדיקן פּראָצענט יידן, איז אין יאָר 1906 פּארוואלטעט געוואָרן דורכן צייטווייליקן גענ. גובערנאטאָר ענגעלקי. דעם 8טן אויגוסט (א. ס.) 1906 איז אין שעדלעץ פּלוצלונג דערהרגעט געוואָרן דער פּאָליצמייסטער גאלצעוו. דער דערמאָרדעטער האָט גענאָסן די סימפּאטיע פון דער אָרטיקער יידישער באפעלקערונג און מען דארף דעריבער צולאָזן דעם געדאנק, אז גאלצעווס מערדער, וועלכער איז נישט אנטדעקט געוואָרן, איז נישט געווען פון קיין יידישע ספערן.

דעם זעלבן טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען דער אטענטאט האָט דאָס מיליטער געמאכט א „קליינעם פּאָגראָם", וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון זעקס נפשות און עס זיינען פּאָגראָמירט געוואָרן עטלעכע צענדליק געוועלבער. צוליב דער דערמאנטער דערמאָרדונג פון פּאָליצמייסטער גאלצאוו איז שעדלעץ איבערגעגעבן געוואָרן אונטער א ספּעציעלער שמירה („אכראנע"), בראש פון וועלכער ס'איז באשטימט געוואָרן דער פּאָדפּאָלקאָווניק טיכאנאָווסקי.

איבער די גאסן האָבן פּאטרולירט פוס־ און רייטער־פּאטרולן. מ'האָט פאראָרדנט אכט א זייגער אָוונט אָפּצושליסן די געשעפטן און די טויערן פון די הייזער. נאָך דער דאָזיקער שעה האָט מען פארווערט די איינוואוינער ארויסצוגיין אויפן גאס. א. א. וו. די שטאָט איז באהערשט געוואָרן פון א שרעקלעכער פּאניק. דעם 22סטן אויגוסט האָבן זיך אייניקע בירגער און פאָרשטייער געווענדעט צום גענעראל־גובערנאטאָר ענגעלקע מיט דער בקשה א ביסל צו פארלייכטערן דאָס לעבן אין שטאָט, וואָס ער האָט

זיי צוגעזאָגט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויפן בנין פון דער פּאָליציי־פּארוואלטונג באוויזן א הויכע שטאנג, וועמענס באדייטונג ס׳האָט קיינער נישט געוואוסט, וועגן וואָס אָבער ס׳זיינען ארומגעגאנגען קלאנגען, אז דאָס זאָל זיין א מיליטערישער סיגנאל אויף א טרעוואָגע.

דעם 26סטן אויגוסט 1906 אין דער פרי זיינען די פוס־ און רייטער־פּאטרולן (אָן א פארשטענדלעכער סיבה פאר די איינוואוינער) פאר־שטאַרקט געוואָרן און האָבן זיך פארהאלטן זייער ארויסרופנד. די רייטער־פּאטרולן זיינען געריטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן און אנטבלויזטע שווערדן. גלייכצייטיק אָבער האָבן די פּאטרולן, אין אָוונט, אָנגעהויבן צו פארזי־כערן די קרעמער, אז פון היינט אָן איז דערלויבט צו האלטן אָפן די גע־שעפטן לענגער ווי ביז 8. טראָצדעם זיינען די גאסן אויך דעם אָוונט גע־וואָרן ליידיק און די איינוואוינער האָבן זיך ווי אלעמאָל באהאלטן אין די שטובן. דעם זעלבן אָוונט איז, לויט א באפעל פון נאטשאלניק פון דער „אכראַנע״, די שטאָט באלאגערט געוואָרן דורכן מיליטער. מ׳האָט קיינעם נישט ארויסגעלאָזט און אויך נישט ארייַנגעלאָזט. ס׳איז אויך איבער־געריסן געוואָרן די טעלעגראפישע קאָמוניקאציע. נאָך די, לויט אלע ווארשיינלעכקייטן, צוגעגרייטע פאראָרדנונגען, האָבן זיך פּלוצלונג, ארום האלב 9 אָוונט, דערהערט עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן אין צענטערשטאָט, נעבן דער הויפּטוואך. נאָך די דאָזיקע שאָסן, וועלכע האָבן זיך איבערגע־חזרט אין פארשידענע שטאָטפּונקטן, האָבן אָנגעהויבן צו דונערן די מי־ליטערישע זאלפּן פון דעם 29סטן נארווער דראגונער־פּאָלק און דעם ליבאַווער אינפאנטעריע־פּאָלק. דאָס דאָזיקע שיסן האָט זיך פארשפּרייט אויף אלע גאסן און הינטערגעסלעך און האָט געדויערט כמעט אָן הפסקה דריי נעכט און צוויי טעג, ד. ה. דעם 8טן, 9טן און 10טן סעפּטעמ־בער 1906 און האָט זיך פארענדיקט מיט א גרויסער צאָל הארמאטן־זאלפּן. אן עד־ראיה פון די דאָזיקע געשעענישן, איינער פון די אונטער־געשריבענע אויף דער דאָזיקער אינטערפּעלאציע, איז נישט בכוח דייטלעך צו שילדערן די גרויזאמקייט, פּיין, רציחות, שרעק און דעם ים פון יסורים, וואָס ס׳האָט אדורכגעלעבט די רואיקע און אומשולדיקע שעדלעצער באַ־פעלקערונג אין פארלויף פון די 48 שעה. די גאנצע באפעלקערונג איז געבליבן אָן ברויט און וואסער, שטייענדיק יעדע מינוט פּנים אל פּנים מיטן טויט, אויסבאהאלטנדיק זיך פון די קוילן אין די קעלערס, אָדער וועמען ס׳האָט זיך איינגעגעבן, ארייַנצובאקומען זיך דאָרט אהין, אין די טויערן פון דער שטאָטישער תפיסה. אין דער גאנצער צייט האָט דאָס צעיושעטע מיליטער געברענט און געראבירט די שטאָט. די איינצלהייטן פון דאָזיקן פּאָגראָם, וועלכע האָבן ארויסגערופן דערשטוינונג און פאר־אכטונג נישט בלויז אין לאנד, אין אונדזער מלוכה, נאָר אויך אין אויס־לאנד, האָבן געפונען א פולשטענדיקע באשטעטיקונג אין אָריגינעלן

ראפּאָרט פונעם זשאנדארמעריע־ראָטמיסטזש פּיעטוכאָוו, וועלכער איז דעם 27סטן סעפּטעמבער 1906 צוגעשטעלט געוואָרן דעם ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאָר (די קאָפּיע איז בייגעלייגט).

ס'איז אוממעגלעך דאָ אויסצורעכענען אלע פּרטים פון דעם שרעק־לעכן פּאָגראָם. מיר מוזן זיך באגנוגענען מיט אָנווייזן אייניקע פאקטן און אָנגעבן דעם ענדגילטיקן סך־הכל פונעם שעדלעצער פּאָגראָם:

די סאָלדאטן, א גרויסער טייל מיט די אָפיצירן בראש, האָבן זיך אריינגעריסן אין פּריוואטע וואוינונגען, אין געשעפטן און דראָענדיק מיט שלאָגן און שיסן, האָבן זיי אויסגעפירט די רויבטאטן. האָט ווער געוואגט צו שטעלן דעם מינדסטן ווידערשטאנד, האָבן די זעלנער בעסטיאליש גע־שלאָגן, דערמאָרדעט און פארוואונדעט מענער, פרויען, קינדער און זקנים. אזוי האָבן זיי דערהרגעט מאיר וואָלף, א פאָטער פון זעקס קינדער, ווען די זעלנער מיטן אָפיציר באליכאוו בראש, האָבן געטראָפן דאווגען אין זיין וואוינונג. די קינדער האָבן זיי געפּייניקט, ארומגעשלעפּט זיי איבער די שטובן, שלאָגנדיק מיט די קאלבעס פון די ביקסן. חנה ליבהאָבער, 50 יאָר אלט און חיים ליבערמאן, 28 יאָר, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דאָס געפּאָדערטע אויסלייזגעלט, האָבן די אָפיצירן מיט די זעלנער פארוואונדעט און פירנדיק זיי אין שפּיטאָל אריין אלס פארוואונדעטע — אויפן וועג דערהרגעט. ראטיניעוויטש, וועלכער איז א פארוואונדעטער ארויס פון זיין ברענענדיקן הויז, האָבן די זעלנער געברענגט א צעשע־דיקטן אין שפּיטאָל, באמערקנדיק, אז ער לעבט נאָך, האָבן זיי אים דער־הרגעט מיט די ביקסן. דער וועכטער פון יידישן שפּיטאָל יאן באריטש, איז דערהרגעט געוואָרן אויפן שפּיטאָל־הויף בעתן דערפילן זיינע פליכטן, אויפנעמענדיק פארוואונדעטע און דערהרגעטע. מענדל טייבלום, 34 יאָר אלט — ארויסגענומען פון שטב אויף ווארשעווער גאס, אויסגעשטאָכן די אויגן און שפּעטער דערשאָסן. מרדכי מילער, 40 י. א. — ארויסגע־נומען פון שטוב, ער האָט נישט געהאט קיין געלט אויסצוקויפן זיך — צעהאקט מיט די שווערדן. אויף אזא אופן זיינען דערהרגעט געוואָרן 32 פּערזאָן פון פארשידענעם עלטער, פון 4—76 יאָר, אין דעם 7 פרויען, 15 פאמיליען־מענער און קינדער. קיין איינער פון זיי איז נישט דער־הרגעט געוואָרן צופעליק אויפן גאס, אלע זיינען געוואָרן דערשאָסן, דער־שטאָכן, צעהאקט מיט די שווערדן ביי זיך אין דער היים, אָדער בעתן אָפּפירן זיי אין שפּיטאָל אריין. אכציק פּערזאָן, צווישן זיי זיבן פרויען, שווער פארוואונדעטע דורך קוילן, שווערדן און ביקסן, האָט מען אָפּגע־פירט אין שפּיטאָל, שוין נישט רעדנדיק וועגן די לייכט פארוואונדעטע. הונדערטער מענטשן זיינען געבליבן אָן א דאך איבערן קאָפּ און אָן מיטלען איבערצולעבן א טאָג מיט די קליינע קינדער.

צוזאמען מיט דער בלוט־פארגיסונג האָט דאָס ווילדעוועז פון דעם

שכורן מיליטער זיך אויסגעדריקט אויך אין אונטערצינדן הייזער און גע־שעפטן און פארניכטן, רואינירן פארמעגנס. ס׳זיינען אונטערגעצונדן און צעראבירט געוואָרן די וואוינונגען און געשעפטן פון גרינבערג, ראָזן, סאלארזש, ליוועראנט, סטאלאווע, א. א. וו. ווי אויך אלע קראָמען אויפן מארק. לויטן ראפּאָרט פון ראַטמיסטזש פּיעטוכאָוו און אויך לויט אנדערע עדות האָבן די זעלנער באנוצט זיך צו זייער פארניכטונגס־ארבעט מיט נאפט, וואס זיי האָבן באקומען. דורך הארמאטן־שאָסן זיינען שטאַרק צע־שעדיקט געוואָרן די הייזער פון ראטיניעוויטש, גראך, ראָזנבערג, טשיסטאאקא א. א., ס׳זיינען אויך באשאָסן געוואָרן מיט ביקסן הונדער־טער הייזער פון אלע גאסן און הינטערגעסלעך.

אין די ווענט פון א סך וואוינונגען, ווי למשל: ביי הרב אנאליק, ד״ר ביכאָווסקי, ד״ר דאיאנאָווסקי, א. א. האָט מען געפונען א סך צענד־ליקער קוילן. מ׳האָט באשאָסן נישט בלויז פּריוואטע בנינים, נאָר אויך געזעלשאפטלעכע, ווי: די קאטוילישע קירכע, די יידישע שול און בית־המדרש, דעם בנין פון דער פּוילישער שול, די לאנדווירטשאפטלעכע קרעדיט־געזעלשאפט, דעם יידישן שפּיטאָל א. א. פארן שפּיטאָל זיינען דורך די קוילן פארוואונדעט געוואָרן די פעלדשער: מאריא גלאזאווסקא, יהודה ליפשיץ, וועלכער איז געשטאָרבן פון די וואונדן א. א.

ס׳איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אלע רויב־פאלן. ס׳זיינען צערא־בירט געוואָרן זייער פיל געשעפטן און זייער פיל פּריוואטע הייזער. וועגן דער גרויס פון די רויבערייען קען מען זיך שאפן א באגריף אויפן יסוד פון דעם דערמאנטן ראפּאָרט פון ראטמיסטזש פּיעטוכאָוו. דאָרט ווערט איבערגעגעבן א פאראָרדנונג דעם שעדלעצער גארניזאָן פון 30סטן סעפּ־טעמבער 1906, נומער 97, אויף וועלכער ס׳איז געווען אויפגעשריבן „נישט פּובליקירן״. אין דער דאָזיקער פאראָרדנונג האָט מען באפוילן די אלע אָנפירער פון אָפּטיילונגען דורכצופירן אויספירלעכע רעוויזיעס ביי דעם גאנצן גארניזאָן און צונעמען ביי זיי די צוגערויבטע זאכן.

אין אלגעמיין קען וועגן דער אכזריות פון די פּאָרגעקומענע עקס־צעסן דינען דער פאקט, אז די זעלנער האָבן אויסגענוצט דרייסיק טויזנט קוילן. „קוילן האָט מען נישט געזשאלעוועט״. די קראפט פון דער צע־לאָזטער ענערגיע איז געווען אזוי גרויס, אז נאָך דעם 24סטן סעפּט. (אלטער סטיל) ד. ה. שוין נאָכן פּאָגראָם, איז אויף סטאדאלנע גאס, דערשאָסן געוואָרן, אָן וועלכער עס איז סיבה, וויקטאָריא ראדזשיקאָווסקא, וועלכע איז רואיק געזעסן ביים טיש אין איר אייגענער וואוינונג. איינער פון די אונטערגעשריבענע אויף דער דאָזיקער אינטערפּעלאציע, זאָנדער־לאנד, מיט נאָך איין אָנגעזעענעם בירגער נ. וו. זיינען דעם 5טן אָקטאָבער, זייגער 6 אָוונט (א צייט נאָכן פּאָגראָם) געגאנגען וועגן זייער א וויכטיקן געזעלשאפטלעכן ענין, האָט אונדז באגעגנט א מיליטערישער פּאטרול,

וועלכער האָט ארויסגעכאפט די שווערדן און גענומען אונדז נאָכיאָגן. על פי נס איז אָנגעלאָפן א באקאנטער אָפיציר, וואָס האָט אונדז מציל געווען פון א זיכערן טויט.

די געבראכטע דאָ אלגעמיינע פאקטן זיינען א גענוגנדיקער באווייז, אז שעדלעץ איז געפאלן א קרבן פון אן אָרגאניזירטן פאָגראָם אָן דער מינדסטער דערצו סיבה מצד דער שעדלעצער באפעלקערונג. א פאָגראָם וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן ביי דער מיטווירקונג פון דער ציווילער מאכט. די אָרגאניזאטאָרן פון פאָגראָם האָבן געמוזט אויסגעפינען עפּעס אן אויסרייד, כדי צו בארעכטיקן זייער האנדלונג. אזא אויסרייד איז געווען די, דורך זיי אויסגעטראכטע, אָבער דורך קיינעם נישט באשטעטיקטע באהויפּטונג, אז שעדלעץ איז פול מיט באוואָפנטע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע גרייטן דאָרט צו אן אויפשטאנד. די רעוואָלוציאָנערן שיסן אויפן מיליטער און אלס פאקט — זיי האָבן דעם 26סטן אויגוסט געשאָסן אויפן מיליטערישן פאטרול ביי דער הויפּטוואך. די דאָזיקע אלע באהויפּטונגען זיינען דורך די פאקטן אָפּגעלייקנט געוואָרן. אויב דאָס באלאגערן די שטאָט מיט דער מיטהילף פון צוויי פּאָלקן און הארמאטן, וואָס האָט געדויערט 48 שעה, דאָס איבעררייסן די טעלעגראַפישע קאָמוניקאציע און דאָס דורכפירן רעוויזיעס אין דער גאנצער שטאָט, האָבן נישט אנטדעקט קיין איין געווער־לאגער און נישט קיין איין רעוואָלוציאָנער און קיין איין באוואָפנטן ציווילמענטש — איז דאָס א בולטער באווייז, אז אין שטאָט איז קיין איין רעוואָלוציאָנער נישט געווען; אויב ס'איז נישט געווען קיין איין געווער־הרגעטער אָדער פארוואונדעטער זעלנער, איז קלאָר, אז מ'האָט אויפן מיליטער נישט געשאָסן.

חוץ דעם אלעם, האָט די אמטלעכע אויספאָרשונג באוויזן, אז מ'האָט קיין איינמאָל נישט געשאָסן, נישט צום פאטרול און נישט אויף דער הויפּטוואך, ווייל די שפּורן פון די קוילן אין דער וואנט און אין פענצטער פון דער הויפּטוואך, האָבן נישט געקענט זיין פון קיין שאָסן פון דרויסן. אזוי האָבן זיך אויך די ערשטע, כלומרשטע שאָסן ארויסגעוויזן, אומצווייפלהאפט, אלס א פּראָוואָקאציע. אז די מאכט־אָרגאנען האָבן נישט געהאט דעם מינדסטן פאקטישן יסוד אָנצונעמען, אז ס'זיינען דאָ אין שעדלעץ באוואָפנטע רעוואָלוציאָנערן, באווייזן די פאָלגנדיקע געשעענישן:

דעם 9טן סעפּטעמבער אין דער פרי האָט דער פאָדפּאָלקאָווניק טיכאנאָווסקי גערופן צו זיך אייניקע אָנגעזעענע בירגער, צווישן זיי דעם אונטערגעשריבענעם אויף דער אינטערפּעלאציע, דעפּ. זאָנדערלאנד און געפאָדערט פון זיי ארויסצוגעבן אין פארלויף פון צוויי שעה דאָס געווער און די רעוואָלוציאָנערן, אין קעגנפאל וועט ער חרוב מאכן די שטאָט. אלע באמיאונגען איבערצוצייגן אים, אז ס'איז אוממעגלעך צו דערפילן זיין אָריגינעלע פאָדערונג, האָבן זיך ארויסגעוויזן צוועקלאָז. דאן האָבן די

ארויסגערופענע, אונטערן שוץ פון א וואך, אינמיטן דעם אומאויפהערלעכן שיסן פון אלע זייטן, זיך געווענדעט צום גענעראל־גובערנאטאָר ענגעלקי מיט דער בקשה, אז מען זאָל אָפּשטעלן דאָס שיסן און דערלויבן ארויס־צופירן פון שטאָט די פרויען און קליינע קינדער. דער גענעראל־גובער־נאטאָר האָט אויסגעמיטן צו געבן א גינסטיקן ענטפער. אויף דעם האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק טיכאנאָווסקי שארף באמערקט: „דאָך וועל איך טאָן אלץ, וואָס איך האָב באשטימט". באלד האָבן זיך טיכאנאָווסקי און ענגעלקי דורכגעשמועסט דורך דעם טעלעפאָן. אויפן הויף ביי ענגעלקין האָט זיך באוויזן דער אָפיציר גראבאָווסקי מיט מיליטער און דערקלערט דער דעפּוטאציע, — אז לויט דער פאראָרדנונג פון דער „אָכראנע" זיינען זיי ארעסטירט. ער האָט זיי באלד אָפּגעפירט צום פּאָדפּאָלקאָווניק טיכא־נאָווסקי. פאר דער פּאָליציי־געביידע האָט אונדז טיכאנאָווסקי אָפּגעוואַרט צוזאמען מיט זיין סוויטע און אונדז געמאכט א „שיינעם קבלת־פּנים". „אנשטאָט צו גיין זוכן רעוואָלוציאָנערן — האָט ער געקריצט מיט די ציין — זענט איר גאָר מיך געגאנגען פארמסרן פאר גענעראל ענגעלקי, אין משך פון פינף מינוט וועט קיין איינער פון אייך נישט בלייבן".

מען האָט אונדז אויסגעשטעלט ביי דער וואנט איינער נעבן דעם צווייטן, אקעגן יעדן פון אונדז האָט זיך אויסגעשטעלט א זעלנער מיט א ביקס. די זעלנער מיט די אויסגעשטעלטע ביקסן קעגן אונדזערע הערצער האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויפן צייכן פון „אָכראנע". נאטשאלניק טיכאנאָווסקי האָט איבערגעחזרט זיין פריערדיקע פאָדערונג וועגן ארויס־געבן דאָס געווער מיט די רעוואָלוציאָנערן, אָנווייזנדיק אויף די הייזער פון דער פיענקנע גאס, פון וואנעט מען זאָל כלומרשט האָבן געשאָסן. דאן האָבן זיך די ארעסטירטע, אונטער א וואך, געווענדעט אין די אָנגעוויזענע הייזער, אין וועלכע די פארהאַלטענע, צוזאמען מיט די אָפיצירן און זעלנער, האָבן קיינעם נישט געטראָפן, אויסער צוויי זקנים. די אלע אויסגערעכנטע געשעענישן פירן צום באשלוס, אז אלץ וואָס ס'איז פאָרגעקומען איז געווען אָרגאניזירט דורך דער שעדלעצער מיליטערישער און ציווילער מאכט, וואָס ס'באשטעטיקט פּיעטוכאָווס ראפּאָרט, ווי אויך די קאָרעספּאָנדענץ אין דעם אָפיציעלן „ווארשאווסקי דניעווניק" 70).

באלד נאָכן פּאָגראָם, דעם 12טן סעפּטעמבער, האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג. די אלע אָנגעזעענע בירגער און אויך דער דעפּוטאט זאָנ־דערלאנד זיינען פינף מאָל אויסגעפאָרשט געוואָרן, נעמלעך: דורכן וואר־שעווער געהילף גענעראל־גובערנאטאָר, דורכן דעלעגירטן באאמטן פון אינערן־מיניסטעריום, דורכן באאמטן פאר אויסערגעוויינלעכע ענינים ביים ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאָר און דורכן ציווילן און מיליטערישן אויספאָרשונגס־ריכטער. דער דוחק פון גלויבן מצד דער באפעלקערונג צו אזעלכע אויספאָרשונגען, האָט באוואויגן עטלעכע שטאָט־בירגער, צווישן

זיי אויך דעפ. זאַנדערלאַנד, צו ווענדן זיך צווייט מאָל מיט א ראַפּאָרט (א קאָפּיע ווערט דאָ בייגעלייגט) צום אינערן־מיניסטער. דער מיניסטער אנערקענענדיק די באזונדערע וויכטיקייט פון דער זאך האָט פארזיכערט דער דעפּוטאציע „אז די שולדיקע וועלן נישט אויסמיידן די שטראָף". אין דער ווירקלעכקייט איז גאנץ אנדערש געשען: אנשטאָט א שטראָף האָט דער שולדיקער פאר זיין האנדלונג — פּאָדפּאָלקאָווניק טיכאנאָווסקי — באקומען א דאנקאויסדרוק (פארעפנטלעכט אין די צייטונגען) פון ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאָר. אויף אזא אופן האָט די שטראָף־ווירדיקע עוולה נישט ארויסגערופן קיין שום קעגנווירקונג. בלויז איין מיליטערישער זשאנדארם איז דורכן מיליטער קרייזגעריכט באשטראָפט געוואָרן פאר א רויבטאט, אָבער פארן גרויזאמען איבערטרעטן די מאכט־קאָמפּעטענץ, פאר דער בולטער פּאסיוויטעט און טאָלערירן פארברעכנס און פאר נישט צוציען צו פאראנטוואָרטלעכקייט אויפן יסוד פון די פּאַראגראפן 345, 346 פון שטראָפקאָדעקס — האָט מען נישט באשטראָפט, נישט דעם פּאָדפּאָלקאָווניק טיכאנאָווסקי און נישט דעם גענעראל־גובערנאטאָר וואָלאָזשין.

צוליב דעם שלאָגן מיר פאָר, אז די דומע זאָל אינטערפּעלירן די מיניסטאָרן פאר אינערלעכע, קריגס און יוסטיץ־ענינים:

1) צי זיינען אונטערגענומען געוואָרן מיטלען, און וועלכע, כדי צוצו־ציען צו פאראנטוואָרטלעכקייט די שולדיקע אין די אויבנגעשיל־דערטע געשעענישן;

2) צי האָט מען אָנגענומען פארהיטונגס־מיטלען, און וועלכע, אז די ציווילע און מיליטערישע מאכט זאָל דורך זייערע האנדלונגען אָדער פּאסיוויטעט נישט דערלאָזן צו פּאָגראָמען איבער דער רואיקער באַ־פעלקערונג בכלל און צו פּאָגראָמען, וואָס זיינען אויסגעפירט גע־וואָרן דורכן מיליטער, בפרט.

די דאָזיקע אינטערפּעלאציע איז אריינגעטראָגן געוואָרן אין דער אינטערפּעלאציע־קאָמיסיע אָן פריערדיקע וויכוחים וועגן דער טענדענץ פון דער אינטערפּעלאציע.

זעלבסטשוץ

פון דער בלוטיקער פּאָגראָמען־געשיכטע אין צארישן רוסלאנד שיינט ארויס דאָס הערלעכע וואָרט — זעלבסטשוץ: די זעלבסט־פארטיידיקונג פון יידישן פאָלק קעגן די מערדערישע אקציעס פון דער צארישער מאכט. פארשטענדלעך, אז די זעלבסטשוץ איז געווען א וויכטיקע דערהויבענע טאט אין די אקציעס פון די יידישע רעוואָלוציאָנערע פּארטייען אין רע־

וואָלוציע־יאָר 1905. אָבער נישט ווייניק האָבן אויך דאָ מיטגעווירקט ביאַליקס פּלאַמיקע ווערטער קעגן פּאַסיוויטעט און לאָזן זיך אויסשעכטן, וואָס דער גרויסער דיכטער האָט געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין „בעיר ההריגה".

צי האָבן אויך די שעדלעצער יידן געשאַפן אַזאַ זעלבסטשוץ? צי איז די זעלבסטשוץ געווען טעטיק אין ריכטיקן מאָמענט?

ווי מיר ווייסן האָט אַזאַ זעלבסטשוץ עקזיסטירט און האַרט פאַרן פּאָגראָם האָט זי זיך איופּסניי אָרגאַניזירט אונטער דער אָנפירונג פון הערש חיים געליבטער. צו דער זעלבסטשוץ־גרופּע האָבן געהערט: באַיאַרסקי, יידל מאַסטבוים, יוסף סמאָלע, אפרים ווילק, אברהם סאַרנאַצקי, יעקב ברענער, מאָטל וויסאָצקי, יעקב סטאָלאָווי, אייבקאָרן, בערעק שטאַנדמאַן, יעקב משה קראַסיצקי, חיים דעמבאָוויטש, מאיר זאַלצמאַן, יעקב סאַ־לאַרזש, יאַבלאָן און ווישניע.

עדי־ראיה באַשטעטיקן, אַז די זעלבסטשוץ האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין טעטיקייט. פאַרן פּאָגראָם זיינען זיך די מיטגלידער צעפאָרן און זיי־נען נישט געווען אין שטאָט. ס'איז אָבער קלאָר, אַז די גרופּע האָט גאָר־נישט געקענט אויפטאָן, ווייל דער פּאָגראָם איז נישט געווען קיין אי־בערפאַל פון בירגערלעכע באַנדעס, נאָר אַ מיליטערישע אַקציע פון אויס־געשולטע זעלנער, געהעריק באַוואָפנט מיט ביקסן און האַרמאַטן.

ווי איז געווען די באַציאונג פון די דעמאָלטיקע אָרגאַניזאַציעס צום ענין זעלבסטשוץ נאָך די דערפאַרונגען פון די שוין פאַרגעקומענע פּאָג־ראָמען און זעלבסטשוץ־טעטיקייט?

די אָרגאַניזאַציע „התחיה", וועלכע האָט געבילדעט דעם דעמאָקראַ־טישן פּאָלקסטימלעכן פליגל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט אין איר פּראָגראַם געהאַט אויך אַ פּונקט וועגן אַקטיווער באַטייליקונג אין פּאָליטישן לעבן (קאַמף קעגן צאַריזם, אַקטיוויטעט אין דער זעלבסטשוץ). אין שעדלעץ, איז „התחיה" געווען איינע פון די שטאַרקסטע אָרגאַני־זאַציעס פון דער פּראָווינץ. מיט דער הילף פון די מיטגלידערינס פון „התחיה" און „דבורה" (אַן אַקאַדעמישע פרויען־אָרגאַניזאַציע, די מער־הייט סטודענטינס פון די פרויען־קורסן ביי דער וואַרשעווער אוניווערסי־טעט און אויך סטודענטינס פון דער דענטיסטישער שול), איז אַריבערגע־שמוגלט געוואָרן געווער פון וואַרשע קיין שעדלעץ, בעת מ'האָט פאַר־געפילט, אַז ס'גרייט זיך אַ פּאָגראָם 71).

פון די זכרונות פון בונדישן טוער א. ליטוואַק ווייסן מיר, אַז סוף יוני 1906, איז אין ווילנע אין דער רעדאַקציע פון „פּאָלקסצייטונג" פאַר־געקומען אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". אויפן טאָג־אָרדע־

נונג איז געשטאנען די פראגע פון זעלבסטשוץ. א. ליטוואק דערציילט:

„די זעלבסטשוץ איז צו יענער צייט פארגאנגען אין א טעמפן ווינקל. דאָס איז געווען אָקאָרשט נאָך דעם ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, אין וועלכן ס'האָבן אנטיילגענומען די זעלנער פון אָרטיקן גארניזאָן. מ'האָט זיך גע־ריכט אויף א נייע סדרה פּאָגראָמען, אלע מיטן אָנטייל פון מיליטער, אזוי ווי אין ביאַליסטאָק. דער שעדלעצער פּאָגראָם, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין א פּאָר חדשים ארום, איז טאקע געווען אינגאנצן א מיליטערישער. וואָס קאָן בעת אזעלכע פּאָגראָמען טאָן א ציווילע זעלבסטשוץ? בעת פּאָגראָמען זיינען געמאכט געוואָרן פון א כוליגאנישער מאסע, אפילו פון האלב אָרגאניזירטע שווארצע מאות, האָט אונדזער זעלבסטשוץ געקאָנט האָבן א באדייטונג. אמאָל האָט זי געקאָנט פארהיטן, דער פּאָגראָם זאָל זיך גאָרנישט אָנהייבן, אמאָל — ניט לאָזן אים זיך פארשפרייטן, כמעט שטענדיק — פארקלענערן זיין בלוטיקן כאראקטער. אָבער וואָס האָט אונדזער זעלבסטשוץ געקענט טאָן קעגן מיליטער, וואָס פירט אויס די בלוטיקע ארבעט לויט קאָמאנדע? אוועקשטעלן כמעט צופעליקע רעוואָל־ווערן קעגן געלערנטע און אָרגאניזירטע ביקסן, הייסט נאָר ברענגען אומ־זיסטע קרבנות. און עפּעס טאָן מוז מען דאָך... וואו איז דער אויסוועג?

אין דער דיסקוסיע איז ארויפגעשוואומען א פּאָרשלאג: דער בונד זאָל ארויסלאָזן א פּראָקלאמאציע מיט א בפירושער וואָרנונג, אז אין פאל פון א מיליטערישן פּאָגראָם, וועט ער מיט דינאמיט אויפרייסן די שטאָט. פאר אזא מין קאטאסטראָפע וועט זיך די מיליטער־קאָמאנדע אויך אָפּשטעלן. ווער עס האָט דעם דאָזיקן פּאָרשלאג געמאכט, געדענק איך נישט, מעגלעך אז איך אליין; אלנפאלס האָב איך אים שטארק אונטערגעהאלטן.

קעגן דעם האָבן זיך ארויסגעזאָגט עטלעכע חברים, דער עיקר פון פּראקטישן שטאנדפּונקט: מיר וועלן אזא זאך נישט קענען אויספירן, היינט צו וואָס זיך מאכן לעכערלעך און ארויסרופן קעגן זיך די שווערסטע רעפּרעסיעס? ליבער האָט קעגן דעם פּאָרשלאג ארויסגערוקט פּאָליטישע מאָטיוון: מיט אזא טאקטיק, האָט ער געזאָגט, וועלן מיר אויפשטעלן קעגן זיך די גאנצע ניט־יידישע באפעלקערונג. אפילו אזעלכע וואָס זיינען היינט קעגן א פּאָגראָם, אָדער זיי באציען זיך צו אים נייטראל, וועלן מאָרגן ווערן אונדזערע ביטערסטע שונאים. געווינען דערפון וועט בלויז דער צאריזם, וועלכער וועט געוויס נישט זשאלעווען די ניט־יידישע באפעלקערונג. ער וועט אונדז אפילו פּראָוואָצירן אויף דעם, אז אין דער אָדער יענער שטאָט זאָלן דורך אונדזערן אן אויפרייס ליידן הונדערטער אָדער טויזנטער אומ־שולדיקע קריסטן, אָבער דורך דעם זאָל, סוף־כל־סוף, אין דער אמתן ארויס־קומען דער שארפער קאמף צווישן אלע קריסטן קעגן אלע יידן, וועלכן ער מוז איצטער בלויז אינספּירירן. אויב מיר זאָלן זיך שטעלן אויף דעם וועג,

וועלכן מ׳לייגט אונדז דאָ פאָר, קאָן אין אונדזער געגנט זיך איבערחזרן דאָס זעלביקע, וואָס אויף קאווקאז, וואו דער צאריזם האָט אויפגעהעצט די טאָטערן מיט די ארמענער איינע אויף די אנדערע; זיי קוילענען זיך, און ער קוקט צו פון ווייטן און קוועלט...

ליבערס מאָטיוון האָבן אויף אונדז אלעמען געמאכט א שטארקן איינ־דרוק. דאָך האָב איך אינגאנצן נישט אָפּגעטראָטן. איך האָב פאָרגעלייגט, מיר זאָלן אויפרייסן נישט די גאנצע שטאָט, נאָר די רעגירונגס־בנינים, און מיר זאָלן עס טאָן אזוי, אז די באפעלקערונג זאָל דערפון נישט ליידן. איך בין אין דעם לעצטן פאָרשלאָג אויך נישט געווען פעסט — ווער ווייסט, צי מ׳קאָן א גרויסן אויפרייס לאָקאליזירן? אָבער די לאגע איז געווען זייער א שווערע, און אין מח האָט מיר געעגבערט: ניט שוין זשע לאָזן זיך אויסשעכטן גאָר אָן א ווידערשטאַנד?...

קיין שום פאָרשלאָג איז נישט געשטעלט געוואָרן צו אָפּשטימונג און די פראגע איז פאָרמעל געבליבן אָפן. אין עטלעכע וואָכן ארום האָב איך אין א נומער „גלאָק״ (אומלעגאלער אָרגאן פון אונדזער וואשעווער קאָמי־טעט, אין זומער און הארבסט 1906, אינגאנצן ארויס דריי נומערן), אונ־טערן נאָמען לוי, אָפּגעדרוקט אן ארטיקל, אין וועלכן איך האָב מיט אייניקע פארבאהאלטן פארטיידיקט מיין צווייטן פאָרשלאָג, קיינער האָט זיך אויף מיין ארטיקל נישט אָפּגערופן: דער שעדלעצער פּאָגראָם איז געווען דער לעצטער אין יענעם פּעריאָד און די גאנצע פראגע, האָט באלד אויפגעהערט צו זיין אקטועל 72).

איך י. גרינבוים, באהאנדלענדיק דאָס קאפּיטל פּאָגראָמען קאָנ־סטאטירט:

„אין שעדלעץ איז זאָגאר נישט געמאכט געוואָרן און האָט נישט געקענט געמאכט ווערן דער פּרואוו פון זעלבסטשוץ. איין שאָס פון דער זעלבסטשוץ האָט געקענט ארויסרופן א פארשטארקונג פון די שיסערייען אויף דער שטאָט.

די שעדלעצער געשעענישן האָבן צונישט געמאכט די יידישע טרייסט — די טרייסט וועגן זעלבסטשוץ. פון דער זעלבסטשוץ־אידעע האָבן דאן רעזיגנירט אלע יידישע יוגנטקרייזן אין פּוילן 73).

אין די יידישע קרייזן אין שעדלעץ האָבן קורסירט קלאנגען וועגן דער פּרוי פון רוסישן אָפיציר אוריאל. מ׳האָט דערציילט, אז זי איז געווען א מיטגלידערין אין דער סאָציאל־רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, און זי האָט איינגעאָרדנט ביי זיך אין דער וואוינונג א פארזאמלונג פון די טעראָר־גרופּעס וואו מ׳האָט דעבאטירט די פראגע וועגן פארוואנדלען זיי אין זעלבסטשוץ״ 74).

דער אָפּקלאַנג פון שעדלעצער פּאָגראָם

דער דרייטאָגיקער שעדלעצער פּאָגראָם איז געווען א רינג אין דער קייט פון אנטי־יידן־פּאָגראָמען, וואָס די צארישע רעאקציע האָט אָרגאַניזירט אין רוסלאנד. די פּאָגראָמען האָבן אויפגעשטורעמט די ליבעראלע וועלט אין רוסלאנד און מחוץ אירע גרענעצן. זשורנאליסטן פון די אויסלענדישע צייטונגען און פון רוסישע, זיינען געקומען קיין שעדלעץ אָנקוקן דאָס טראגישע בילד. עס זיינען געקומען קאָרעספּאָנדענטן פון „נייע פרייע פרעסע", „דיילי מייל", „עקאָ דע פּארי", „גאזעטא פאראננא" און דער ווארשעווער „דער וועג", די איינציקע יידישע טעגלעכע צייטונג אין פּוילן. די איינצלהייטן פון די געשעענישן זיינען געשילדערט געוואָרן אין פאַרלויף פון וואָכן און חדשים.

דער יונגער מאלער מאוריצי מינקאָווסקי (אומגעקומען אין אן אויטאָ־אקצידענט אין בוענאָס־איירעס אין יאָר 1930), וועלכער האָט נאָרוואָס געהאט געענדיקט די קונסט־אקאדעמיע אין קראָקע, איז געקומען קיין שעדלעץ אין באגלייטונג פון דעם דעמאָלטיקן יונגן זשורנאליסט נח פּרילוצקי. אויף דער באנסטאציע זיינען זיי דערשטוינט געוואָרן, זעענדיק הונדערטער דערשראָקענע יידן זיצן מיט זייער געפּעק און ווארטן אויף א צוג, כדי צו אנטלויפן פון שטאָט. אונטערן דאָזיקן איינדרוק האָט דער קינסטלער געשאפן די בילדער „פּליטים" און „נאָכן פּאָגראָם", וועלכע האָבן געהאט אן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג אויף גרויסע אינטערנאציאָנאלע אויסשטעלונגען.

אויך י. ל. פּרץ איז געקומען באלד נאָכן פּאָגראָם אין דער באגלייטונג פון דעמאָלטיקן יונגן דיכטער מנחם באָריישאָ, כדי צו טרייסטן די שטאָט. פּרץ האָט זיך לאנג ארומגעטראָגן מיט די שווערע איינדרוקן, וואָס די שטאָט האָט אויף אים געמאכט 75).

אין דער רוסישער דומע (פּארלאמענט) איז דער סאָציאל־דעמאָקראט צערעטעלי, ארויסגעטרעטן קעגן דער רעגירונג, קעגן אירע קאָשמארטאטן אין שעדלעץ און ביאליסטאָק. אויך די רוסישע פּרעסע, הגם זי איז געווען אונטערגעוואָרפן אונטער א שטרענגער צענזור, האָט אין א געניג דורכזיכטיקער פאָרם געשריבן וועגן דער באטייליקונג פון דער רעגירונג אין דער אָרגאניזירונג פון פּאָגראָם.

די באוואוסטע און איינפלוסרייכע צייטונג אין יענער צייט „פּעטערבורגסקיא וויעדאָמאָסטי", האָט געשריבן: די רעגירונג איז אומפעאיק אליין צו זוכן און פעסטצושטעלן, ווער עס איז באמת שולדיק אין די רציחות, אויב נישט אויסשליסלעך אירע אייגענע אגענטן און צוליב דעם באשולדיקט זי וועמען איר ווילט און לייגט ארויף אויף די יידן די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקייט.

דער ענגלישער „טיימס" האָט אונטערגעשטראָכן: „ס׳איז שווער אויסצודריקן באַדויערונגס־געפיל א רעגירונג, וועלכע העלפט אויספירן א באַרבאַרישע שחיטה. ס׳איז דאָ א גרונט צו גלויבן, אז סטאָליפין איז אויפגערעגט וואָס די שעדלעצער געשעענישן העלפן זיינע קעגנער צו גראָבן אונטער זיין אייגענער פּערזאָן".

אין שייכות מיטן פּאָגראָם האָט געשריבן די פראַנצויזישע „אראָר" —די צייטונג פון קלעמאַנסאָ: „מיר באַדויערן וואָס מיר האָבן געגלויבט, אז סטאָליפין איז ווערט צו זיין א ליבעראַלער פּרעמיער־מיניסטער". „בערלינער טאַגעבלאַט" האָט שאַרף אָנגעגריפן דעם צאַרישן פּרעמיער־מיניסטער: „סטאָליפּינס פּאַרדינסטן אין רוסלאַנד זיינען דערשיטערט געוואָרן. צי וויל ער מיט זיין פאַרשווייגן די געשעענישן וואָס וועלן וואָר־שיינלעך אויך פאָרקומען אין וואַרשע (ס׳האָבן קורסירט קלאַנגען וועגן א צוגרייטונג צו א פּאָגראָם אין וואַרשע — י. כ.) — פאַרלירן זיינע פאַרדינסטן אויך אין אויסלאַנד?"

פון דער יידישער פּרעסע, וועלכע האָט רעאַגירט מוטיק און שאַרף איז געווען: „גלאָס זשידאָווסקי" (אין דער פּוילישער שפּראַך) אונטער דער רעדאַקציע פון אדוו. א. האַרטגלאַס. די מאַכט האָט אלס שטראָף אָפּגעשטעלט די צייטונג; „דאָס יידישע פאָלק" אין ווילנע פון י"ג תשרי, תרס"ז, אין איר לייט־אַרטיקל, האָט געשריבן: „די שעדלעצער שחיטה האָט זיך געענדיקט, ווי עס האָבן זיך פאַרענדיקט ביי אונז אלע שחיטות אויף יידן: עס זיינען געקומען צופאָרן קאָמיסיעס „אויספאָרשן", דערנאָך קומט א „רעגירונגס־מיטטיילונג", וועלכע באַשולדיקט אין אלץ די רע־וואָלוציאָנערן, די פּאָגראָמשטשיקעס קריגן העכערע שטעלעס, און די סדרה גייט זיך ווייטער".

„דער יידישער אַרבעטער", אָרגאַן פון צ. ק. פון פּועלי־ציון אין עסט־רייך (יידיש) האָט רעאַגירט אין נומער 32 פון יאָר 1906 בזה הלשון: „ווי לאַנג וועט זיך אייראָפּע באַציען גלייכגילטיק צו דער אָרדענונג וואָס דעם צאַרס משרתים פירן איין? ווי לאַנג וועלן די יידן פון די אייראָפּעי־אישע לענדער צוזען די רציחות איבער די רוסישע יידן, און וועלן זיך באַרואיקן נאָך דער אָפיציעלער באַרואיקונג מצד דער רעגירונג, ווייל די מזרח־ און מערב־אייראָפּעאישע יידן זיינען אבסאָלוט נישט איינפלוסלאָז. ס׳איז שוין די העכסטע צייט, אז דער צאַריסטישער רעזשים זאָל איין מאָל פאַר אלע מאָל אויפהערן צו עקזיסטירן".

„דער נייער וועג", נומער 18, פון 5 (18) סעפּטעמבער 1906 האָט געשריבן: „נישט קענענדיק איינשטילן די רעוואָלוציע מיט די באַרבאַ־רישע און טיוואָלאָנישע מיטלען, וועלכע זי האָט ביז איצט אָנגעווענדעט, פּרוּווט זי איצט קעמפן מיט נייע וואָפן, וועלכע זיינען אין קיין לאַנד און אין קיין רעוואָלוציע נאָך ביז איצט נישט באַנוצט געוואָרן — די

רעגירונג באציט זיך צו דעם לאנד, ווי צו א פיינטלעכער מחנה, ווי צו א פרעמד מיליטער, וואָס איז איבערגעפאלן אין קריג און וויל דאָס לאנד צעשמעטערן. די רעגירונג מאכט חרוב דאָס לאנד, פירט איין קריגסגע־ריכט אומעטום, שיקט ארויס שטראָף־עקספעדיציעס, מאָרדעט, טויט, רויבט, נעמט געפאנגענע, ווי בעת א בלוטיקער מלחמה צווישן צוויי פיינטלעכע פעלקער".

פיל אָרט האָט אָפּגעגעבן דעם שעדלעצער פּאָגראָם „די וועלט", דער אָרגאַן פון דעמאָלטיקן ציוניסטישן אקציאָנס־קאָמיטעט (דערשינען אין קעלן אין דער דייטשער שפראך). דער צענטראלער ציוניסטישער אָרגאַן האָט געברענגט ידיעות און געשילדערט דעם מצב פון הונדערטער ארעס־טירטע פאר און נאָכן פּאָגראָם. די ארעסטירטע זיינען באשולדיקט גע־וואָרן אין פּרואוון צו שטירצן די צארישע רעגירונג.

די „הצפירה", נומער 251, פון כ"ד כסלו תרס"ו, האָט געברענגט א קאָרעספּאָנדענץ פון שעדלעצער משכיל ק. גאליצקי. ער האָט דער־ציילט, אז דער אָרטיקער קאָמיטעט צו שטיצן די געליטענע פון שעד־לעצער פּאָגראָם האָט געזאמלט 1200 רובל. דאָס געלט איז איבערגע־שיקט געוואָרן קיין פּעטערבורג צום צענטראל־קאָמיטעט פאר די געלי־טענע. אין דער קאָרעספּאָנדענץ איז אויך געשילדערט די שטימונג צווישן די שעדלעצער יידן נאָכן פּאָגראָם:

די שעדלעצער יידן האָבן זיך פארזאמלט אין שטאָטישן בית־המדרש צום דאווענען. מ'האָט געלייענט די פרשה „ויחל", דער חזן האָט געמאכט אן „הזכרה" די קדושים. נאָכן דאווענען אין בית־המדרש האָט דער רב מספּיד געווען די געפאלענע.

אויך אין דער שטאָטישער שול, האָט דער שטאָט־חזן, ר' יוסף טיקטינסקי איינגעאָרדנט א תפילה, אלע פארזאמלטע האָבן ביטער געוויינט.

ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן א פּראָטעסט־פארזאמלונג קעגן דער בלוט־פארגיסונג. אין דער פּראָטעסט־רעזאָלוציע איז געפאָדערט געוואָרן גלייכבארעכטיקונג פאר אלע יידן אין רוסלאנד.

דער שעדלעצער פּאָגראָם און זיין ווירקונג אין אמעריקע און ענגלאנד

די ערשטע אלארמירנדיקע ידיעות וועגן פּאָגראָם אין שעדלעץ האָבן אין איין טאָג, דעם 10טן סעפּטעמבער, 1906, זיך באוויזן אין אלע יידישע צייטונגען. שוין די שרייענדיקע קעפּ איבער די ידיעות האָבן דערציילט וועגן די שוידערלעכע איבערלעבונגען פון די שעדלעצער יידן. די עצם שילדערונגען אָבער פון די בלוטיקע געשעענישן אין שעד־

לעין האָבן געטראָגן אויף זיך דעם בולטן חותם פון דער צארישער אינ־פאָרמאציע-דינסט. די קאָרעספאָנדענטן פון דעם אמעריקאנער פרעסע־ביוראָ „אסאָשיאייטעד פרעס" האָבן, ווי עס ווייזט אויס, זייערע ידיעות וועגן שעדלעצער פּאָגראָם באקומען דירעקט פון די צארישע רעגירונגס־קרייזן, אָדער האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די דאָזיקע קרייזן. עס האָט זיך טאקע באקומען אזא בילד, ווי עס האָבן געוואָלט סטאָליפין מיט דעם ווארשעווער גענעראל-גובערנאטאָר.

אזוי, למשל, איז מתחילת, אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס", דער פּאָגראָם אין שעדלעץ באשריבן געוואָרן אויף דעם אופן, אז עס האָט זיך באקומען דער איינדרוק, אז דאָס מיליטער אין שעדלעץ קעמפט מיט בונדיסטן און רעוואָלוציאָנערן. ערשט א. ליטווין, דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", האָט אויפמערקזאם געמאכט, אז מ׳דארף זיך באציען מיט רעזערוו צו די ידיעות פון „אסאָשיאייטעד פרעס". באזונדערס האָט אלעמען געעפנט די אויגן די ידיעה, וואָס האָט זיך באוויזן אין די אמעריקאנער צייטונגען, אז דר. פּאול נאטהאן, דער פאָרזיצער פון „הילפספאראיין פון די דייטשע יידן" האָט געוואָלט באזוכן שעדלעץ און די רוסישע מאכט האָט אים נישט דערלויבט אריינצוקומען אין שטאָט. דער פאקט האָט אלעמען איבערצייגט, אז די רוסישע רעגירונג באהאלט אוים די אמתע מעשים, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין שעדלעץ.

שוין דעם 12טן סעפּטעמבער 1906, שרייבט דער „פאָרווערטס" אונטערן קאָפּ — „אין די ציוויליזירטע לענדער שווייגט מען":

„דאָס יידישע פאָלק ווערט אויסגעקוילעט טויזנטער און גאנצע שטעטווייז און די ציוויליזירטע וועלט קומט נישט צו הילף. אונדזער היגע אמעריקאנער רעפּובליק טוט ווי אלע אנדערע, אין אלעם מישט זיך דער פּרעזידענט רוזוועלט אריין, נאָר ווען מען קוילעט יידן טויזנטערווייז, שווייגט ער. פאר קובאנער נעמט זיך אָן די וואשינגטאָנער רעגירונג און יידן שעכט מען אָן א צאָל און קיין שטימע הויבט זי נישט אויף. ווי שעפּסעלעך פאלן אונדזערע ברידער".

דער באקאנטער שרייבער יעקב דינעזאָן שרייבט אין א קאָרעס־פּאָנדענץ אין „יודישעס טאגעבלאט", דעם 25סטן סעפּטעמבער 1906:

„צי איז נישט צייט, אז איצט זאָל זיך געפינען אין אייראָפּא אָדער אין אמעריקא אן איידעלער העלד ווי אייער רוזוועלט, וואָס זאָל צו דיפּלאָ־מאטישער קלוגקייט און געשיקטקייט האָבן אריינצומישן זיך ערגעץ אויף וועלכער אַרט א סוף צו מאכן צו דער אינערלעכער מלחמה אין רוסלאנד, ווי עס איז א שלום צו מאכן.

איך צווייפל אפילו, צי וועט אייער רוזוועלט זיין גליק און קלוגקייט

וועלן אויספרובירן נאָך א מאָל, כאָטש איך צווייפל גאָרנישט, אז אָן אזא איידעלן העלד פון דער פרעמד וועט דער אינערלעכער קאמף אין רוסלאנד צו קיין גיכן סוף נישט קומען און די שרעקן פון רוסלאנד וועלן די גאנצע וועלט ארומגיין.

דערווייל האָבן מיר בלוט, אייזן און פייער, פאָגראָמען, פעלדגעריכט, תליות און אזוי גאסן־שחיטות.

אין שעדלעץ, וואָס גייט דאָרטן פאָר אין די גאסן? וויפל הרוגים? וויפל יתומים? וויפל קאליקעס און נייע יידישע קבצנים! שעדלעץ! ערשט איצט ביסטו דערמאָנט געוואָרן אין אלע צייטונגען, ביז איצט האָט מען וועגן שעדלעץ אזוי ווייניק געדעדט."

דער "מאָרגן־זשורנאל" פון 10טן סעפּטעמבער 1906, האָט אויף די דערהאלטענע ידיעות וועגן פאָגראָם געשריבן פאָלגענדעס:

"דער פאָגראָם איז געקומען נישט אומדערוואַרט. מיט צוויי וואָכן צוריק, דעם 24סטן אויגוסט, זיינען אין די צייטונגען פון גאנץ אייראָפּא און אין אמעריקא געווען געדרוקט דעפּעשן, אז פּאָליציי און סאָלדאטן פון שעדלעץ פּלאנעווען א פּאָגראָם און אז יידן אנטלויפן פון דער שטאָט. יידן האָבן זיך געריכט אויפן פּאָגראָם".

אלע יידישע צייטונגען אין אמעריקע האָבן אויך באזונדערס באַטאָנט די העלדישע האלטונג פון די שעדלעצער דאָזאָרעס — י. נ. וויינטרויב, מ. טעמקין, גמינע־סעקרעטאר ד. טשאטשקעס און שעדלעצער רב ר' ד. ב. אנאליק, בעת זייער אינטערווענץ ביים שעדלעצער גובערנאטאָר און ביי דעם רוצח טיכאָנאָווסקי. אויך די רוסישע צייטונג "בירזשעווי־יא וויעדאָמאָסטי" האָט אין אן ארטיקל: "שעדלעצער העלדן" באטאָנט די שטאָלצע האלטונג און הויכן מוט פון דער יידישער פירערשאפט אין שעדלעץ.

נאָכן שעדלעצער פּאָגראָם זיינען די יידישע געזעלשאפטלעכע טוער אין די ליבעראלע, עפנטלעכע מיינונג געווען באַאומרואיקט צוליב דער דערוואַרטונג פון וויטערדיקע פּאָגראָמען אויף יידן, וואָס וועלן אָרגאַניזירט ווערן דורך דער צארישער מאכט. ווי שוין דערמאָנט האָט מען מורא געהאט פאַר אזא פּאָגראָם אין וואַרשע.

דער דעמאָלטיקער פּ. פּ. סישער פירער אין גאַליציע, איגנאַץ דאַשינסקי, האָט טעלעגראַפירט פון קראָקע צום לאָנדאָנער "טיימס", אז די רוסישע רעגירונג זאָל האָבן אראָפּגעבראכט ספּעציעלע סאָלדאטן, וואָס וויסן ווי אזוי צו מאכן א גוטע שחיטה ("יודישעס טאגעבלאט", 9-16-1906).

אויף צו מאָרגנס האָט די זעלבע צייטונג געבראכט א ידיעה, אז דר. פּאול נאטהאן, דער פּאָרזיצער פון "הילפספאַראיין פון די דייטשע

יידן", האָט אויך צוגעשיקט אן אלארמירנדיקע טעלעגראמע אין פאָלגנדן נוסח:

„א בריוו פון ווארשע מעלדעט, אז רוסישע און פוילישע אָפיצירן פון די ליבעראַלע קרייזן זיינען אין דער מיינונג, אז עס וועט זיין א שחיטה אויף יידן אין ווארשע. יידישע זעלנער דערציילן, אז די קאָמאַנדירן פון די רעגימענטן, וואָס קווארטירן אין ווארשע האָבן געהאלטן רעדעס צו די סאָלדאטן אין וועלכע זיי האָבן דערקלערט, אז דער צאר האָט באשטימט א טאָג אויף אָפצורעכענען זיך מיט די יידן. אלס באווייז, אז דער צאר וויל מען זאָל אויסקוילען די יידן, האָבן די קאָמאנדירן צעטיילט ניינציק טויזנט רובל צווישן די סאָלדאטן".

די טעלעגראמעס פון דאשינסקי און נאטהאן האָבן אויפגעשטורעמט די עפנטלעכע מיינונג איבער דער פאָרשטייענדיקער געפאר. דער שעדלעצער פאָגראָם האָט פארשטארקט די געפאר, אז דער טייוולשער פלאַן פון די צארישע רוצחים זאָל אויסגעפירט ווערן אויך אין ווארשע. אין ווארשע איז טאקע קיין פאָגראָם נישט פאָרגעקומען, נאָר טאָג-טעגלעך זיינען דאָרט געווען שחיטות, ווי ס'האָט ריכטיק באמערקט אין „יודישעס טאגעבלאַט" יעקב דינענזאָן אין זיין קאָרעספאָנדענץ „וועגן שעדלעצער פאָגראָם".

ווען נאָכן שעדלעצער פאָגראָם איז באוואוסט געוואָרן אין אויסלאנד, אז די צארישע רעגירונג פלאנט צו שטעלן פאר א פעלדגעריכט צוויי הונדערט פערזאָן פון די קרבנות פון צארישן מיליטער, האָבן די יידישע געזעלשאפטלעכע טוער: דייוויד אלעקסאנדער — דירעקטאָר פון „באָארד אָף דזשואיש דעפיוטיס" אין ענגלאנד, קלאד מאָנטעפיאָרע — פרעזידענט אין „אנגלאָ דזשואיש אסאָסיאיישן" און לעאָפאָלד ראָטשילד — וויצע-פרעזידענט פון אָרגאניזאציאָנעלן ביוראָ — פארעפנטלעכט אין לאָנדאָנער „טיימס" פאָלגנדיקן בריוו:

„אלס פארטרעטער פון די יידן אין ענגלאנד, פראָטעסטירן מיר קעגן דער ניי־געפלאנטער שלאכטעריי פון אונדזערע אומגליקלעכע ברידער אין פוילן. מיר שטעלן פעסט, אז עס איז קעגן די געזעצן פון גערעכטיקייט, וואָס עקסיסטירט אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, אז די יעניקע וועלכע זיינען באגאנגען שרעקלעכע רציחות אויף די שעדלעצער יידן, זאָלן זיצן אלס ריכטער איבער פערזאָנען, וועלכע זיי האָבן ארעסטירט כדי צו פארדעקן זייערע פארברעכנס. מיר בעטן מיט צעווייטיקטע הערצער, אז די ארעסטירטע זאָלן ווייניקסטנס באקומען אן אומפארטייאישן פראָצעס. פון א טעלעגראמע ווערן מיר געוואויר, אז צוויי הונדערט מענטשן זיינען ארעסטירט געוואָרן אין א בהלה און אז זייער גורל איז אין די הענט פון זייערע מיליטערישע ריכטער שוין פון פאָרויס באשטימט. מיר האָפן, אז די שטימע פון די ציוויליזירטע לענדער וועט פארמיידן דאָס שרעקלעכע פארברעכן".

שעדלעצער יידן אין אמעריקע און זייער הילף פאַר די פאָגראָם־געליטענע

אין יענער צייט זיינען שוין אין אמעריקע געווען 140, בערך, שעדלעצער עמיגראַנטן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע משפחות אין דער היימשטאָט. די ידיעות אין די צייטונגען וועגן פאָגראָם אויף די שעדלעצער יידן האָבן ביי די עמיגראַנטן אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע אויפטרייסלונג.

עטלעכע אַקטיווע טוער פון די שעדלעצער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק האָבן אָנגעהויבן פּלאַנעווען אַ הילפס־אַקציע פאַר די געליטענע פון פאָגראָם. טאַקע אין זעלבן טאָג איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אויף צו גרינדן דעם „שעדלעצער פאָגראָם־רעליעף־ קאָמיטעט". אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווען שוואַך אָרגאַניזירט, זיינען געווען ווייניק שעדלעצער און די סומע וואָס איז דאָרטן געזאַמלט געוואָרן האָט באַטראָפן בסך־הכל הונדערט דאָלאַר. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צווייטער מאַסן־מיטינג, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 13טן סעפּטעמבער 1906. פון אַ נאָטיץ אין „פאָרווערטס", אונטערן קעפּל — „שעדלעץ אין אַ טייך בלוט", דערוויסן מיר זיך, ווער עס זיינען געווען די רעדנערס אויפן מיטינג. אין דער נאָטיץ לייענען מיר:

„אַ ריזן מאַסן־פאַרזאַמלונג, איינגערופן פון שעדלעצער ברענטש 53 פון „ארבייטער רינג", דיזען דאָנערשטיק, דעם 13־טן סעפּטעמבער, 8 אַ זייגער אָוונד. וואו פאָלגענדע רעדנער וועלען דיזען מיטינג אדרעסירען: ב. פייגענבוים, ד"ר גורעוויטש, מ. קאַטץ, ד"ר ש. פּעסקין, אב. גאָלד־בערג און פיעלע אנדערע, קומט אין מאסען אום אויסצודריקען סימפּאַטיע און טרייסטונג צו די אלמנות און יתומים".

אַ באַריכט וועגן מאַסן־מיטינג, געפינען מיר אין „יודישעס טאגע־בלאַט", פון 14טן סעפּטעמבער 1906:

„נעכטן אָוונט איז אין „טערעס־לייסעאום" 205 איסט־בראָדוויי, פאָרגעקומען אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, איינגערופן פון שעדלעצער ברענטש 53, וועגן דעם שרעקלעכן פאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען אין שעדלעץ. נישט קוקנדיק אויף דעם שטאַרקן שטורעם, וואָס איז נעכטן אָוונט געוועזן, איז דער גרויסער זאל געוועזן געפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע האָבן פיל טרערן פאַרגאָסן, ווען פאַרשידענע רעדנער האָבן זיי דערקלערט דעם גרויסן אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן שעדלעצער יידן. פיל האָבן בייגעשטייערט זייערע נדבות דעם הילפספאָנד פאַר די פאַראומגליקלעכטע אין שעדלעץ".

עטלעכע חדשים צייט האָבן די שעדלעצער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק זיך באַמיט צו שאַפן א באַדייטנדיקע סומע געלט אויף הילף, אָבער די סומע וואָס איז געזאַמלט געוואָרן איז געווען א נישטיקע. די איניציאַטאָרן פון דער זאַמל־אַקציע האָבן דעריבער באַשלאָסן זיך צו ווענדן צום „אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט" (American Jewish Committee) בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער באַוואוסטער מיליאָנער דזשייקאָב שיף. די אינסטיטוציע האָט געהאַט געזאַמלט א גרויסע סומע געלט פאַר פּאָגראָם־געליטענע אין רוסלאַנד. א טייל געלט איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן, כדי אין פאַל פון א פּאָגראָם — וואָס איז געווען אַן אָפטע דערשיינונג אין צאַרישן רוסלאַנד — זאָל מען קענען שנעל געבן הילף. פון די דאָזיקע פאָנדן האָט דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט געדאַרפט אַסיגנירן א באַדייטנדיקע סומע פאַר די שעדלעצער פּאָגראָם־געליטענע.

לויט ווי ס׳גיט איבער ש. טשאַרנאָבראָדע אין זיינע זכרונות, וואָס זיינען נאָך זיין טויט איבערגעגעבן געוואָרן דעם „ייוואָ" אין ניו־יאָרק, האָט דער אַדוואָקאַט לואי דזשוליען (סלושנע) א זון פון יואל דזשוליען (סלושנע), דער פאָרזיצער פון שעדלעצער „פּאָגראָם־רעליעף־קאָמיטעט", זיך געווענדעט אין נאָמען פון קאָמיטעט מיט א בריוו צו דזשייקאָב שיפן, אין וועלכן עס ווערט מיטגעטיילט, אַז א שעדלעצער דעלעגאַציע וויל אים באַזוכן. דזשייקאָב שיף האָט באַלד געענטפערט אויף דעם בריוו, אַז ער איז גרייט אויפצונעמען די שעדלעצער פאַרטרעטער.

דזשייקאָב שיף האָט זייער פריינדלעך אויפגענומען די דעלעגאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון דריי פּערזאָן: פון קאָמיטעט־פאָרזיצער — דער שוין דערמאָנטער דזשוליען (סלושנע), זיין זון, דער אַדוואָקאַט לואי (נישט געווען קיין מיטגליד אין קאָמיטעט) און הערי גרין.

באַלד ווי די שעדלעצער דעלעגאַציע איז געקומען, האָט שיף באַמערקט, אַז ער ווייסט וועגן וואָס זיי זיינען געקומען צו אים און ער האָט שוין געטאָן אַלץ, וואָס די שעדלעצער פאַרטרעטער פאַרלאַנגען. ער האָט געוויזן דער דעלעגאַציע א טעלעגראַמע, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט דערהאַלטן פון קלאָד מאָנטעפיאָרע, וואָס איז געווען אַן ענטפער אויף דזשייקאָב שיפס א טעלעגראַמע, אַז מ׳זאָל אַרויסשיקן א באַדייטנדיקע סומע פאַר די פּאָגראָם־געליטענע אין שעדליץ. קלאָד מאָנטעפיאָרע האָט געמאָלדן שיפן, אַז זיי האָבן אַרויסגעשיקט פינף און זיבעציק טויזנט רובל צו באַראָן גינצבורג אין פּעטערבורג, מיט דער אָנווייזונג — דער באַראָן זאָל דאָס געלט איבערשיקן קיין שעדליץ.

דער שעדלעצער „פּאָגראָם־רעליעף־קאָמיטעט" איז געווען זייער צופרידן פון דזשייקאָב שיפס ענטפער, אַז מען האָט אַרויסגעשיקט אַזא

סומע. די הילף פון אמעריקאנער קאָמיטעט האָט געהויבן דעם מוט ביי די שעדלעצער לאנדסלייט. די קאָמיטעט־מיטגלידער זיינען געוואָרן נאָך אינטענסיווער אין זייער טעטיקייט.

קיין ניו־יאָרק זיינען אָנגעקומען די פּאָגראָם־עמיגראנטן, אנטלאָפּענע פון שעדלעץ, וואָס האָבן שוין מער נישט געוואָלט בלייבן אין דער צום טויט דערדריקטער שטאָט. די נאָר וואָס אָנגעקומענע האָבן איבערגעגעבן, אז אומפּאראנטוואָרטלעכע בעלי־טובות זאָלן זיך האָבן ארייננגעכאַפּט אין שעדלעצער־קאָמיטעט, און זיי האָבן קודם־כל אין זינען זייער אייגענע קעשענע. די דאָזיקע ידיעות האָבן אויף די קאָמיטעט־מיטגלידער אין ניו־יאָרק געמאכט א שווערן איינדרוק. די זאַך איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז דער ניו־יאָרקער „פּאָגראָם־רעליעף־קאָמיטעט" האָט באשלאָסן נישט צו שיקן דאָס געלט קיין שעדלעץ, נאָר צעטיילן עס אלס שטיצע די ניי־אָנגעקומענע אימיגראנטן. אָבער ווען דער רעליעף־קאָמיטעט האָט זיך געווענדעט צו יארמאלאַווסקים באנק, וואו דאָס געלט איז געווען לאָקירט, האָט זיך די באנק אָפּגעזאָגט צוריקצוגעבן דאָס געלט, מיט דער טענה, אז דאָס געלט איז באשטימט אויף איבערצושיקן קיין שעדלעץ. אזוי ווי די אונטערהאנדלונגען מיט דער באנק האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאטן, איז באשלאָסן געוואָרן מער נישט צו לאָקירן קיין געלט אין יארמאלאַווסקים באנק, און דאָס געלט וואָס וועט געזאמלט ווערן, זאָל פארווענדעט ווערן אויף צו שטיצן די ניי־אָנגעקומענע, וואָס זייער צאָל אין אמעריקע — ספּעציעל אין ניו־יאָרק — איז געוואקסן פון טאָג צו טאָג.

דער „פּאָגראָם־רעליעף־קאָמיטעט" האָט זיך ליקווידירט ערשט אין 1907. ער האָט באוויזן פיל אויפצוטאָן פאר די שעדלעצער פּאָגראָם־געליטענע. טראָץ די בייזוויליקע קלאנגען וועגן דער טעטיקייט פון שעדלעצער קאָמיטעט צו העלפן די פּאָגראָם־געליטענע, דארף מען דאָך באטאָנען אז דער קאָמיטעט האָט אסיגנירט סומעס געלט צו רעמאָנטירן חרוב געוואָרענע הייזער, פארברענטע געוועלבער, צעראבירטע סחורות, און שטיצע צו קויפן א שיפסקארטע כדי צו עמיגרירן קיין קאָפּענהאגען, אמעריקע, אָדער ארץ־ישראל, וואוהין די עמיגראציע פון שעדלעץ האָט אָנגעהויבן אָנצוגיין. פון די געזאמלטע געלטער איז אסיגנירט געוואָרן א סכום פון טויזנט רובל צו עפענען די שעדלעצער „ליי־ און שפּאָר־קאסע", וואָס האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן פארוואנדלט אין דער „באנק אודזשאלאָווי", און איז געווען איינע פון די גרעסטע קאָאָפּעראטיווע בענק אין פּוילן. די שילדערונגען פון די אימיגראנטן זיינען אלזאָ געווען איבערגעטריבן און האָבן געשמעקט מיט רכילות.

דער שעדלעצער פּאָגראָם אין פאָלקסליד און אין היסטאָרישער באַלייכטונג

דער שעדלעצער פּאָגראָם האָט נישט געפונען קיין ביאַליק, וועלכער זאָל קינסטלעריש ברענגען צום אויסדרוק זיין צער און צאָרן איבער דער נייער פאָרם פון יידן־אויסראָטונג (מיליטערישער פּאָגראָם), וואָס די צארישע מאכט האָט אָנגעווענדעט. דערפאר האָט אָבער דאָס פאָלק אליין גוט געדענקט די שוידערלעכע רציחה איבער די שעדלעצער יידן.

אין פארלויף פון לאנגע יאָרן — א גאנצער דור כמעט, ביז דער היטלעריסטישער יידן־אויסראָטונג — האָט דאָס בלוטיקע אומגליק געלעבט אין זכרון פון פאָלק. עלטערן האָבן דערציילט זייערע קינדער וועגן די טעג פון קאָשמאר. דאָס פאָלק האָט געשאפן א ליד, וואָס איז געזונגען געוואָרן מיט א מעלאנכאָלישן ניגון.

דאָס ליד האָט אנטהאלטן ביי 12־14 סטראָפן, אין האָט דערציילט אין גראמען, וואָס אין דער שטאָט איז פאָרגעקומען. ליידער האָט, בשעתו, דעם טעקסט פון ליד קיינער נישט פארשריבן און פון מויל פון פערזאָנען, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם פּאָגראָם, איז אונדז געלונגען צו פארנאָטירן בלויז זעקס סטראָפן:

שבת ביי טאָג נאָכן עסן,
די יידעלעך האָבן לוסטיק פארבראכט.
זיי האָבן גאָרנישט געדאכט
אויף אזא אומגליקלעכע נאכט.

אויף בוידעמס און אין קעלערס זיינען מיר געזעסן באהאלטן,
די נשמות האָבן מיר געהאלטן אין די הענט,
די לאבאווסקער חזירים 76) זיינען אויף די הייף ארומגעלאָפן,
זיי האָבן אונדזער לעבן פארלענדט.

די פעדערן זיינען געפלויגן,
ווי אין ווינטער דער שניי,
גאָלד, זילבער, דיאמאנטן און בריליאנטן
געפינט זיך נאָך היינט ביי זיי.

יצחק דער קצב דער הויכער 77)
ר'האָט זיך געשטעלט אנטקעגן
מ'האָט, מיט די פריקלאדן אין קאָפּ אריין — — (?)
צוגענומען זיין פארמעגן.

הער נאָר דו אברהמקעלע גוי 78)
מיין נישט ס׳וועט זיין אזוי
האָסט געטאָן קליינע קינדער טויטן
פאר קינדערס בלוט, באצאָלט די מאסע גוט.

אין דיין אייגענע שטאָט,
היט זיך גוט דיין זאט —
מ׳זאָל דיר קיין באָמבע נישט ווארפן.

דער שעדלעצער פּאָגראָם האָט באקומען זיין באלייכטונג אין היס־טאָרישע אָפּהאנדלונגען, וועלכע זיינען דערשינען אין יאָרן אַרום. דער גרויסער היסטאָריקער און קדוש, שמעון דובנאָוו, האָט, צום גרויסן באַדויערן, באשריבן די שעדלעצער רציחה אין זיין נייסטער געשיכטע פון יידישן פאָלק, בלויז אין עטלעכע שורות, אין וועלכע ס׳זיינען דאָ אומ־פּינקטלעכקייטן. אזוי, למשל, רופט פּראָפעסאָר ש. דובנאָוו אָן דעם אָר־גאניזאטאָר פון פּאָגראָם — טיכאָנאָוויטש און נישט ביי זיין ריכטיקן נאָמען — טיכאָנאָווסקי. דובנאָוו שרייבט:

— — — ״דער שעף פון דער פארזיכערונגס־פּאָליציי אין שעדלעץ, טיכאנאָוויטש, האָט געמאכט א בלוטיקן מיליטערישן פּאָגראָם (8—10 סעפּטעמבער), — קרבנות זיינען געווען: 30 געהרגעטע און 150 פארוואונ־דעטע יידן. דער אויסרייד איז דאָ געווען — א פּראָוואָקאטאָרישע שיסעריי אויף א זעלנערוואך: האָט מיליטער נאָך דעם געעפנט א ווילדע שיסעריי איבער די גאסן און באָמבארדירט יידישע הייזער. א צווייטער אגענט פון דער אָרטיקער „אָכראנקע״, א זשאנדארם־ראָטמייסטער, האָט אָפּגעגעבן אן אָפיציעלן ראפּאָרט, אז יידן האָבן קיין שום פּרעטעקסט צום פּאָגראָם נישט געגעבן און אז דאָס איז געווען בלויז א צוגעגרייטע קריגס־פּאָליצייאישע עקזעקוציע; נישט געקוקט אויף דעם, איז דער שולדיקער טיכאנאָוויטש נישט נאָר נישט באשטראָפט געוואָרן, נאָר נאָך באקומען א דאנק פון ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאָר „פאר זיין ענערגיע און פּאראָרדנונגס־פעאיקייט״. 79)

אין 1916 איז אין טשעכישן פּראג דערשינען א בראָשור אין דייטש, אין וועלכער דער מחבר אברהם גרינבערג שילדערט דעם שעדלעצער פּאָגראָם. דער מחבר האָט נישט געזשאלעוועט קיין גוזמאות 80).

דער היסטאָריקער פון דער פּוילישער ארבעטער־באוועגונג — סטאַניסלאוו מארטינאָווסקי — האָט אין 1936 פארעפנטלעכט אין לאָדזש, אין פּויליש, אן ארבעט, אין וועלכער עס ווערט באהאנדלט דער שעד־לעצער פּאָגראָם אין יאָר 1906.

אין יאָר 1947 האָט דער שרייבער פון דער דאָזיקער ארבעט, צו דער פערציקסטער יאָרצייט פון שעדלעצער פאָגראָם, פארעפנטלעכט אין העברעאיש א מאָנאָגראפיע וועגן די שעדלעצער געשעענישן 81).

דער סוף פון די פאָגראָמהעלדן

דער רוצח טיכאָנאָווסקי איז געשטאָרבן נאָך שווערע ליידן, א קורצע צייט נאָכן פאָגראָם. בעת ער האָט מאנעווורירט מיט זיין רעוואָלווער, איז ארויס א קויל און געטראָפן דעם פאָגראָמהעלד, פון וואָס ער האָט באקומען א בלוט־פארגיפטונג. צייטנווייז איז ער געלעגן אָן באוואוסטזיין. ער פלעגט זיך צעשרייען, אז די יידישע מתים, זיינע קרבנות — לאָזן אים נישט צו רו. ווען ער האָט צוריק באקומען דעם באוואוסטזיין פלעגט ער זיך פארקלאָגן פאר זיינע קאָלעגן — די נאָענטע אָפיצירן זיינע, — אז ער האָט מורא פאר אן אטענטאט מצד די יידן, און זיי געבעטן, אז אויב מ׳וועט אים ווירקלעך הרגענען, זאָלן זיי נקמה נעמען אין די יידן מיט א צווייטער שחיטה. אין א קורצער צייט ארום האָט דער דאָזיקער רשע אויסגעהויכט זיין טומאהדיקע נשמה.

א קורצע צייט פאר זיין טויט איז באקאנט געוואָרן, אז דער צאר ניקאָליי דער צווייטער האָט אויסגעדריקט א „קייזערלעכן דאנק" און געגעבן מתנות צו א ריי שווארץ־מאהדיקע העלדן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין מאכן פאָגראָמען און שחיטות אויף יידן אין רוסלאנד. מיט א ספּעציעלער אויסצייכענונג איז אויך באשאָנקען געוואָרן טיכאָנאָווסקי.

טיכאָנאָווסקי האָט דערהאלטן א באגריסונגס־טעלעגראמע פון די שווארצע מאות אין יעליסאוועטגראד (דרום־רוסלאנד). אויף דער באגריסונגס־טעלעגראמע האָט ער געענטפערט מיט א דאנק: „איך דאנק די לאָיאלע רוסישע מענער, באיאָנעטן זיינען מעכטיקער ווי שמאטעס".

דער גובערנאטאָר וואָלאזשין האָט פארלאָזט שעדלעץ אין יאָר 1912, ווען די גובערניע איז ליקווידירט געוואָרן. ער איז אריבערגעפירט געוואָרן קיין כעלם, פון דאָרט — קיין פּעטערבורג, וואו ער האָט פארנומען דעם אמט פון שעף פון פּאָליציי־דעפּארטאמענט. צום סוף איז ער געוואָרן דער הויפּט פון הייליקן סינאָד.

בעת דעם רעוואָלוציע־שטורעם אין 1917 איז וואָלאזשין צוזאמען מיט זיין פרוי, מאדאם דאָלגאָרוקאָוו, וועלכע האָט געשטאמט פון קייזערלעכן אריסטאָקראטישן יחוס, אוועק קיין פראנקרייך. די צארישע מיוחסים האָבן ביז 1932 געלעבט אין דער ריוויערא־שטאָט בולאָן־סור־מער און בדוחק זיך מפרנס געווען פון א שפּייז־געוועלבל.

די צארישע מאכט האָט שפּעטער פארפאָלגט פּיעטוכאָוון פאר זיין

ראפּאָרט וועגן פּאָגראָם צו סקאלאנען. אלס שטראָף איז ער אריבערגע־פירט געוואָרן פון שעדלעץ קיין ריגע. א פּאָר יאָר נאָכן פּאָגראָם איז קעגן אים פארפירט געוואָרן א משפט פאר צואייגענען זיך דריי רובל מיליטער־געלט. אזוי ארום האָט די צארישע מאכט נקמה גענומען אין פיעטוכאָווןן פאר זיין ראפּאָרט צו סקאלאנען וועגן שעדלעצער פּאָגראָם, וואָס זיין פארעפנטלעכן האָט דער רעגירונג פארשאפט צרות.

ציוניסטישע און קולטור־טעטיקייט נאָכן פּאָגראָם

נאָכן פּאָגראָם איז די גאנצע יידיש־געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אוועק אין דער ריכטונג פון העלפן די פּאָגראָם־געליטענע, איינאָרדנען די יתומים, מאכן אינטערווענצן אין פעטערבורג אדג"ל. דעמאָלט איז טאקע אנטשטאנען די געזעלשאפט „עזרת־יתומים", וואָס איז שפּעטער אויסגעוואקסן אין א גרויסער אינסטיטוציע פון יתומים־הילף. ביסלעכ־ווייז האָט צוריק אָנגעהויבן אויפצולעבן די ציוניסטישע באוועגונג און די טעטיקייט פון די סאָציאליסטישע פארטייען, וואָס האָבן עקסיסטירט אומלעגאל אין שעדליץ. אין יענער צייט באווייזט זיך אויך אין שעדליץ אן אָרגאניזירטע גרופּע פון פּועלי־ציון.

ווי אזוי עס האָט אויסגעזען די ציוניסטישע טעטיקייט אין דעם זומער פון 1906, בעת די בלוטיקע געשעענישן אין שעדליץ, פארן פּאָג־ראָם, באקומען מיר א באגריף פון די זכרונות פון שמעון טשארנאָבראָ־דע.

אין די זכרונות דערציילט טשארנאבראָדע:

„דאָס איז געווען אין זומער פון יאָר 1906. די ציוניסטישע ארבעט אין שעדלעץ איז געווען זייער שוואך, הגם אהרן מנחם גורעוויטש איז דעמאָלט געווען אין שטאָט דער ציוניסטישער פירער. די איינציקע ציוניס־טישע ארבעט האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ה' מ. א. גורעוויטש פלעגט יעדן שבת האלטן רעפעראטן וועגן ציוניסטישע און אלגעמיין־יידישע פראגן.

הגם איך בין נאָך דעמאָלט געווען זייער א יונג בחורל, בין איך אויך געווען א מיטגליד פון „התחיה" (א דעמאָקראטיש־ציוניסטישע יוגנט־אָרגאניזאציע). איך בין געגאנגען הערן די רעפעראטן. איך בין אָבער זייער אומצופרידן געווען פון דער שוואכער ציוניסטישער טע־טיקייט, וואָס איז געטאָן געוואָרן דעמאָלט אין שעדלעץ.

איין מאָל א שבת, אין יענעם זומער פון שעדלעצער פּאָגראָם, האָב איך זיך דערוואוסט, אז ס'קומט פאָר א רעפעראט פון ה' א. מ. גורעוויטש. איך בין געגאנגען הערן דעם רעפעראט. נאָך דער פארזאמלונג האָב איך זיך געווענדעט צו גורעוויטשן מיט פראגן: פארוואָס גייט אָן א שוואכע

ציוניסטישע ארבעט? ה׳ א. מ. גורעוויטש האָט מיר געענטפערט, אז עס פרייט אים צו הערן, אז מ׳איז אומצופרידן, אז מען פאָדערט ציוניסטישע ארבעט און ער האָט מיר צוגעזאָגט מיינע טענות צו באטראכטן.

איך האָב זיך אין יענעם זומער פון שעדלעצער פּאָגראָם ארייננגע־וואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער ציוניסטישער ארבעט. דער ציוניזם, די ציוניסטישע באוועגונג, איז דאָך דעמאָלט פאר מיר געווען מיין פריילינגס־אידעאל... די אָרגאַניזאציע־ארבעט איז פּאַקטיש אוועק אויף א גוטן וועג, אָבער אינמיטן דער ציוניסטישער טעטיקייט האָט מ. א. גורעוויטש געמוזט פארלאָזן שעדלעץ און אָפּפאָרן קיין אָדעס אויף א ציוניסטישן צוזאמענפאָר, וואָס מ. מ. אוסישקין האָט לויט זיין פערזענ־לעכער איניציאטיוו צונויפגערופן. צוליב די צארישע באדינגונגען איז דער צוזאמענפאָר פאָרגעקומען אומלעגאל אויף א זומער־וואוינונג נעבן אָדעס.

מ. א. גורעוויטש האָט געקריגן אן איינלאדונג צום צוזאמענפאָר און איז אָפּגעפאָרן קיין אָדעס״. 83)

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט האָט די דעמאָקראטיש ציוניסטישע אָרגאניזאציע „התחיה״ ארייננגעשמוגלט געווער קיין שעדלעץ, ווען עס איז באוואוסט געוואָרן, אז די מאכט גרייט צו א פּאָגראָם אויף די יידן. „התחיה״ האָט געוואָלט שאפן אן ערנסטע זעלבסטשוץ־אָרגאניזאציע.


***

באלד נאָכן שעדלעצער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן אן אויסוואנ־דערונג פון שטאָט, וועלכע האָט געשטראָמט בעיקר קיין אמעריקע, אָבער א געוויסע גרופּע פון ציוניסטן און פּועלי־ציוניסטן האָט אויסגע־וואנדערט קיין ארץ־ישראל. ס׳איז דעמאָלט אָנגעגאנגען די אזוי בא־קאנטע צווייטע עליה קיין ארץ־ישראל, זיינען טאקע דעמאָלט אָפּגע־פאָרן אייניקע אידעאליסטן; נישט אלע אָבער האָבן געקענטביישטיין דעם נסיון פון די דעמאָלט שווערע באדינגונגען און זיינען צוריקגעפאָרן. א טייל האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין ארץ־ישראל־לעבן.

דאָס עולה זיין פון שעדלעצער יונגעלייט קיין ארץ־ישראל האָט געמאכט א שטארקן איינדרוק, נאָך מער רושם האָבן געמאכט די בריוו, וואָס פלעגן פון זיי אָנקומען, אין וועלכע זיי האָבן געשילדערט זייער לעבן אלס פּויערים פון גליל אָדער יהודה. דער רושם איז געווען א גוואלדיקער. דעמאָלט איז אויך פארעפנטלעכט געוואָרן די פּאָלטאווער פּלאטפאָרם פון „פּועלי־ציון״ און עס האָט זיך געשטארקט דער ציוניס־טישער איינפלוס צווישן די מאסן. אין שטאָט האָט באקומען א שטארקן אָפּקלאנג דאָס געשעפטלעכע פארבינדן זיך מיט ארץ־ישראל דורך די

מיטאייגנטימער פון דער באנק: ש. ב. מינץ און יהושע גאָלדפארב, א מעזריטשער געבוירענער. ביידע שותפים האָבן געעפנט באנקקאנ־טאָרן אין שעדלעץ מיט פיליאַלן אין מעזריטש, ביאלא פּאָדלאסק, לוקאָוו און סאָקאָלאָוו.

וועגן יהושע גאָלדפארב ווייסן מיר, אז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1867. זיין פאָטער ר׳ משה האָט אָנטייל גענומען אין דער חיבת־ציון־באוועגונג און איז געווען פון די מיטגרינדער פון „יסוד המעלה" און פון בארוף — אַן איילפאבריקאנט. אויך יהושע איז געווען א „חובבי־ציון". ווען ער איז אויסגעוואקסן, איז ער געוואָרן א מיטגליד פון די „בני משה". פון שעדלעץ איז ער אוועק קיין ארץ־ישראל און דאָרט, צוזאמען מיט זאב גלוסקין פון ווארשע, געגרינדעט די וויין־גע־זעלשאפט „כרמל" און אויך געווען צווישן די גרינדערס פון „מנוחה ונחלה" — די שעפער פון רחובות.



די בריוו פון שמעון־בער מינץ קיין רחובות

לכתחילה האָט יהושע גאָלדפארב באזוכט ארץ־ישראל אלס טו־ריסט. שפּעטער, אין יאָר 1909, באזעצט ער זיך אין רחובות און איז טעטיק אין אָרטיקן געזעלשאפטלעכן לעבן און ווערט אויסגעוויילט אין קאָלאָניע־קאָמיטעט. אין א צייט ארום ציט ער זיך אריבער קיין תל־אָביב, גרינדעט א געזעלשאפט מיטן נאָמען „קדמת הארץ", וואָס איר ציל איז איינצוקויפן באָדן ארום תל־אָביב. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט גאָלדפארב היזק געהאט זיין גאנץ געלט וואָס איז געבליבן אין פּוילן. אין ארץ־ישראל האָט ער געהאָלפן גרינדן די גרויסע תל־

אַביבער באנק „קופת עם”. האָט פארפּלאַנצט אין רחובות א מאנדל־גאָרטן.

פאר און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי לאנג שעדלעץ האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון דער צארישער מאכט, האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן א ברייטער ציוניסטישער טעטיקייט. די הויפּטארבעט האָט זיך אויסגעדריקט אין איינאָרדנען פארזאמלונגען און רעפעראטן, אויף וועלכע עס זיינען ארויסגעטרעטן גרינבוים, הארט־גלאס און אנדערע. אזעלכע פארזאמלונגען זיינען געווען שטארק קאָנ־ספּיראטיווע אָדער פאָרגעקומען אונטער וועלכן עס איז אויסרייד, כדי די רוסישע מאכט זאָל זיך נישט כאפּן. מיט דעם סוף פון דעם צארישן ר'עזשים האָט די ציוניסטישע באוועגונג באקומען שוואונג, זי איז ארויס פון די ענגע קרייזן און געוואָרן א מאסן־באוועגונג.

פארן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט אויסגעוואנדערט קיין ארץ־ישראל א גרופּע פון ציוניסטישע יוגנטלעכע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער שפּעטערדיקער לינקער פּועלי־ציון־פירער, יוסף סלושני. צוליב פארשידענע סיבות, זוער צוליב קראנקייט און ווער צוליב עקאָנאָמישע טעמים, איז א טייל געווען געצוואונגען צוריק זיך אומצוקערן קיין שעדלעץ. אויך יוסף סלושני איז צוריקגעקומען און אנט־וויקלט א ברייטע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט.

* * *

אין יענער צייט הויבט זיך ווידער אָן אין שעדלעץ א גרויסע גע־זעלשאפטלעכע אויפלעבונג אין יידישן לעבן. אויך די ארבעטער־פּאר־טייען „בונד” און „פּועלי־ציון”, וועלכע זיינען געווען אומלעגאל, הויבן אָן ארויסצואווייזן א לעבעדיקע טעטיקייט. דאָס איינציקע אָרט, וואו ס'האָט זיך גרופּירט דאָס עפנטלעכע יידישע געזעלשאפטלעכע לעבן איז געווען די שוין דערמאָנטע ביבליאָטעק און די געזעלשאפט „הזמיר”.

די געזעלשאפט „הזמיר” איז אנטשטאנען אין די שווערע יאָרן נאָכן שעדלעצער פּאָגראָם. אין די פינצטערע צייטן בעת דער גרויסער אפּאטיע און גלייכגילטיקייט צום געזעלשאפטלעכן לעבן, וואָס האָט דע־מאָלט געהערשט, האָט זיך אין חודש אויגוסט, 1908, פארזאמלט א קליינע גרופּע אינטעליגענטן, ליבהאָבער פון ליטעראטור און מוזיק און געגרינדעט א געזעלשאפט מיטן נאָמען „הזמיר”. וואָס האָט מיט א צייט שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף „ליטעראריש־מוזיקאלישע געזעל־שאפט „יידישע קונסט”. ביי די דעמאָלטיקע פארהעלטענישן איז די שאפונג פון אזא ארט געזעלשאפט נישט געווען פון די לייכטע זאכן.

צו דער דערעפענונג פון „הזמיר” איז אראָפּגעברענגט געוואָרן דער שרייבער טשעמערינסקי (ר' מרדכילע), די שטימונג איז געווען א גע־

הויבענע. אין דער ערשטער פארוואלטונג זיינען געוויילט געוואָרן: קלמן גאליצקי, מתתיהו מינץ, יצחק אליהו צוקער, אברהם זיגלוואקס, משה וואָלאָווסקי, בערל מינץ און יוסף ראזענזומען. די פארוואלטונג האָט אנטוויקלט א ברייטע טעטיקייט אויפן געביט פון מוזיק און לי־טעראטור. ס'איז געשאפן געוואָרן א כאָר, א דראמאטישע סעקציע און אן אָרקעסטער. ס'זיינען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן פאָרלעזונגען פון קלמן גאליצקי און פון פרעלעגענטן וואָס זיינען געברענגט געוואָרן פון ווארשע.

די טעטיקייט פון דער קולטור־אינסטיטוציע האָט משפיע געווען אויף דעם געזעלשאפטלעכן לעבן פון שעדלעץ און דער „הזמיר" האָט א סך געהאָלפן צו שטארקן גייסטיק און נאציאָנאל די דערשלאָגענע יידישע באפעלקערונג פון שעדלעץ.

די צארישע מאכט האָט געוואָרפן אן אויג אויף דער געזעלשאפט, און אָנגעהויבן איר רודפן. די עפנטלעכע אימפּרעזעס זיינען געשטערט געוואָרן. די פארזאמלונגען זיינען נישט דערלויבט געוואָרן. ס'האָט גע־דראָט דער געזעלשאפט, אז איר לאָקאל זאָל געשלאָסן ווערן. נאָר א דאנק דער באמיאונג פון י. נ. וויינטרויב, האָט די געזעלשאפט ווייטער עקסיסטירט.

אין 1912 האָט די געזעלשאפט „הזמיר" געענדערט דעם נאָמען אויף „יידישע קונסט". צו דער טעטיקייט פון דער געזעלשאפט זיינען צוגעצויגן געוואָרן מ. מאנדעלמאן, בערל טשארנאָבראדע און אָשר לי־וועראנט, געניע האלבערשטאט, תרצה צוקער, רחל עדעלשטיין, בראָניע גאָלדבערג. א דאנק די דאָזיקע פערזאָנען האָט זיך די געזעלשאפט שנעל אנטוויקלט.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך שטארק אנטוויקלט די שוין דערמאָנטע ביבליאָטעק, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1900. אין 1912 האָט זיך די צאָל ביכער שוין געהאט מער ווי פארטאָפּלט און דער ביכער־אוצר איז דערגאנגען ביז 2.500 עקזעמפלארן. ס'האָבן אָבער געפעלט סיסטעמאטיזירטע קאטאלאָגן און אן אבאָנענטן־בוך. כדי נאָך מער אויסצוברייטערן די טעטיקייט פון דער ביבליאָטעק איז אנטשטא־נען א פּראָיעקט אָנצושליסן די ביבליאָטעק אין דער געזעלשאפט „הזמיר", וואָס האָט שוין געהאט געענדערט איר נאָמען אויף „יידישע קונסט". לויט די סטאטוטן האָט די דאָזיקע געזעלשאפט געקענט האלטן אין איר באזיין א ביבליאָטעק, איז די עקסיסטירנדיקע ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון מ. מ. לאנדוי אריבערגעפירט געוואָרן אין רשות פון „הזמיר". פון די נייע בעלי־בתים האָט די ביבליאָטעק פיל געוואָנען. קודם כל האָט זי זיך געפונען אין א גרויסן לאָקאל, און אין די ערשטע

צוויי יאָר, ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז די צאָל לייענער געשטיגן און דערגרייכט ביז איבער דריי הונדערט.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט די מיליטערישע מאכט ארויסגעוואָרפן די ביבליאָטעק און רעקוויזירט די וואוינונג. די ביכער זיינען טאקע אָפּגעהיט געוואָרן דורך דער דעמאָלטיקער פארוואלטונג, ווי אן אויג אין קאָפּ. די שווערע צייט, די זאָרג פאר דער פערזענלעכער עקסיסטענץ האָט די ביבליאָטעק־טוער אָפּגעריסן פון דער ארבעט. ס'איז געווען א געפאר, אז די ביבליאָטעק זאָל פארניכטעט ווערן, אָבער א דאנק דער ענערגיע און זאָרגזאמקייט פון א גרופּע טרייע היטער פון דעם קולטור־אוצר איז די ביבליאָטעק געבליבן אומבאשעדיקט. פאר־שטייט זיך, אז פון קיין ביכער־איינקויף איז דאן נישט געווען וואָס צו רעדן, פּשוט דערפאר, וואָס אזעלכע זיינען אויף דעם מארק נישט גע־ווען בנמצא, דערפאר אָבער איז געבליבן א גענוגנדיקע סומע געלט, פאר וועלכער מ'האָט אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאציע בא־וויזן איינצואָרדנען שיינע פּרעכטיקע לאָקאלן אויף דער דעמאָלטיקער וואַרשעווער גאס.

ערשטע יידישע פּעריאָדישע אויסגאבע אין שעדלעץ

אין דעצעמבער 1911 איז דערשינען אין שעדלעץ די ערשטע גע־דרוקטע פּעריאָדישע אויסגאבע. „שעדלעצער וואָרט" — האָט געהייסן דאָס קליינע דינע העפטל, גרויס ווי א קליין סידורל. „שעדלעצער וואָרט" איז באטראכט געוואָרן פאר א זעלטנהייט אין יענער צייט, ווען אין רוסלאנד איז נישט געווען אזוי לייכט ארויסצוגעבן א צייטשריפט, בפרט אין יידיש. דערפאר טאקע האָט דאָס דאָזיקע העפטל געהאט א באזונדערן חן, טראָץ זיין אָרעמען אויסזען.

די דאָזיקע אויסגאבע איז געווען צו פארדאנקען דעם צוגערייזטן איינזאמען, קראנקן אברהם גילבערט (קוזין פון באוואוסטן שרייבער ש. גילבערט), וואָס איז אראָפּגעקומען קיין שעדלעץ מיט א קליינעם „פּעדאל" (דרוק־מאשין) און א ביסל שריפט, כדי צו עפענען דאָ א דרוקעריי און ציען פון איר חיונה. קען זיין, אז אברהם גילבערט איז געקומען קיין שעדלעץ צוליב זיין ברודער משה, דעם שעדלעצער תושב, לערער פון רוסיש און בכלל אן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער דעמאָל־טיקער „אגודת אחים", א פאראיין וואָס האָט אין יענער צייט געשפּילט א וויכטיקע ראָל אין קולטורעלן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער שטאָט. אויך משה איז געווען א מענטש מיט טאלאנט און פלעגט אפילו שרייבן לידער, פּאראָדיעס, הומאָרעסקעס, פאבולן אויף אָרטיקע

אקטועלע טעמעס, און איז אָפט ארויסגעטרעטן מיט זיינע זאכן אויף קאָנצערטן, אָוונטן, וואָס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן דורך דעם אויבנ־דערמאָנטן פאראיין און געהאט גרויס דערפאָלג ביים אָרטיקן עולם. אזוי, אז נישט איין מאָל פלעגט דער עולם פון גרויס אנטציקונג אים כאפן און טראָגן אויף די הענט.

נישט האָבנדיק קיין ארבעט און קיין פרנסה, איז גילבערטן געקו־מען אויפן געדאנק ארויסצוגעבן אין יידיש א וואָכנבלאט. א דרוקעריי האָט ער געהאט געבראכט מיט זיך, ווי אויך א קליין ביסל יידישע שריפט און שרייבן האָט ער אויך געקענט...

גילבערט האָט זיין פלאַן אָנפארטרויט דוד ניימארקן, א פרומען בית־המדרש־בחור, וועלכער איז שפעטער געוואָרן א בונדישער טוער און רעדאקציע־מיטגליד פון דעם אָרגאן פון „בונד" — „פאָלקסצייטונג" (היינט אין ניו־יאָרק מיטארבעטער פון „פאָרווערטס" און „דער וועקער"). ניימארק האָט דעם סוד ווידער פארטרויט פישמאנען, דעם שפעטערדיקן מחבר פון א בוך דערציילונגען — „זומערדיקע טעג" (ווארשע 1938) און „פארוואָגלטע יידן", (שאנכיי 1948). אלע דריי האָבן זיך פארשטענדיקט און האָבן באשלאָסן ארויסצוגעבן א שעדלע־צער צייטשריפט.

מיט שווערער מאטערניש איז גילבערטן אָנגעקומען די געבורט פון זיין זשורנאל, ווייל ער האָט געהאט צו ווייניק שריפט און ער האָט די גאנצע זעצערישע ארבעט געדארפט אליין אויספירן. וועגן צונעמען א הילפסמענטש האָט נישט געקענט זיין קיין רייד, ווייל אויף דעם האָבן זיינע „פינאנסן" נישט געסטייעט.

מער ווייניקער ביי אזעלכע אומשטענדן איז געבוירן געוואָרן דאָס „שעדלעצער וואָרט". ניימארק איז אין דער איסגאבע ארויסגעטראָטן קעגן „הזמיר". ס'איז געווען געדרוקט א דערציילונג פון א. מיידאניק, אן איבערזעצונג פין העברעאיש, אברהם גילבערט אליין איז אויך געווען רעפרעזענטירט מיט צוויי לידער און י. ה. פישמאן — מיט זיין ערשטער ערציילונג „א חסידישע מעשה", אונטערן פסעוודאָנים: י.־צ. לוואָוויטש. א קליין ארטיקעלע האָט אויך געשריבן איטשע אלטשולער.

דאָס אָפדרוקן די צייטונג האָט געדויערט צוויי וואָכן, ווייל עס איז געווען שריפט נאָר פאר א האלבן עמוד, און יעדער עמוד איז געוואָרן געדרוקט צוויי מאָל. אין צווייטן נומער, וועלכער איז דערשינען שוין אין 1912, האָבן שוין מיטגעארבעט: יעקב טענענבוים און יהושע גאָלד־בערג. ער האָט אָפגעדרוקט א מין לאָקאלע פאָעמע אנטערן נאָמען: „שעדלעצער פאנאָראמע", וואָס איז געווען זייער געלונגען. זי האָט געגעבן פאָרטרעטן פון באוואוסטע שעדלעצער כלל־טוער.

דאָס „שעדלעצער וואָרט" האָט נושא־חן געווען ביי זיינע לייענער, אָבער נישט ביי דער צארישער מאכט. די פּאָליציי איז אראָפּגעקומען אין גילבערטס נעבעכדיקער דרוקעריי און קאָנפיסקירט די טריפהנע סחורה.

אברהם גילבערט האָט דאן פארלוירן דעם מוט ווייטער עפּעס צו טאָן און זיין פּיאָנערישן קוראזש האָט איבערגענומען יעקב טענענבוים, וועלכער האָט זיך שוין געהאט באטייליקט אין צווייטן נומער פון „שעדלעצער וואָרט". יעקב טענענבוים איז געווען פון בארוף א פעלד־שער. הגם א צעשטרייטער, דאָך איז זיין שרייבן געווען שארף הומאָ־ריסטיש, טרעפלעך, סאטיריש און בליציק. ווען ער, טענעבוים, האָט זיך אָנגעהויבן צו פאראינטערעסירן מיט זשורנאליסטיק איז ער שוין אלט געווען בערך דרייסיק יאָר און איז געווען א טאטע פון פינף קינ־דער. האָט זיך טאקע יעדער געוואונדערט, ווען טענעבוים איז געוואָרן א זשורנאליסט און ווי אזוי איז ביי אים געבוירן געוואָרן דער פּלאן ארויסצוגעבן א וואָכנבלאט.

זייער שווער איז טענענבוימען אָנגעקומען דאָס שרייבן, בפרט, ווען ער האָט זיך פארמאָסטן אליין אויסצופילן דריי פערטל פון זיין וואָכנ־בלאט. ער האָט דעריבער צוגעצויגן י. ה. פישמאנען צו דער ארבעט. פישמאן, דאן א יונגערמאן פון א יאָר צוואנציק, האָט לכתחילה געטאָן די ארבעט נישט גערן, אָבער מיט דער צייט איז ער אזוי אריינגעצויגן געוואָרן אין שרייבן, אז צוזאמען מיט טענעבוימען פלעגט ער זיצן גאנ־צע טעג און נישט זעלטן ביז שפּעט אין אָוונט ביי דער ארבעט פארן וואָכנבלאט.

טענענבוים האָט צוליב זיין פען פארנאכלעסיקט זיין פעלדשערישע פּראקטיק. די קראנקע האָבן, ווייזט אויס, אויך אים נישט געוואָרט.

טענענבוים האָט זיך אויך געווענדעט צו זיין ברוגזן חבר, צו יהושע גאָלדבערג, וועגן מיטארבעט אין זשורנאל. גאָלדבערג איז געווען פון זעלבן עלטער וואָס טענענבוים, זיי זיינען געווען חברים נאָך פון די קינדער יאָרן אָן, נאָר ווען זיי האָבןביידע אָנגעהויבן צוזאמען צו אר־בעטן אין דער זשורנאליסטיק, זיינען זיי געווען ברוגז... אז יהושע האָט געברענגט אין טענענבוימס שטוב זיין ליד פארן זשורנאל, האָט ער דעם כתב־יד אוועקגעלייגט אויפן טיש און נישט געגעבן טענענבוימען אין האנט. ס'האָט צווישן זיי געהערשט א מין קנאת־סופרים. טענענבוים האָט גאָלדבערגן מקנא געווען צוליב זיין טאלאנט. יהושע האָט שוין דעמאָלט געהאט געדרוקט לידער אין ווארשעווער ליטעראַרישע אויס־גאבעס.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך באוויזן יואל מאסטבוים — יהושעס

יוגנט-חבר, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן שרייבן. גאָלדבערג האָט רעדא־גירט דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאַט" דריי יאָר נאָכאַנאַנד. דאָרט האָט ער געשריבן בילדער און פעליעטאָנען, וועלכע האָבן ס׳רוב געשילדערט דאָס לעבן פון דער שטאָט. זיינע פעליעטאָנען „פון די שעדלעצער מעשהלעך" און דער ציקל: „מיינע מלמדים", וואָס איז צעשפרייט איבער צענדליקער נומערן „וואָכנבלאַט", זיינען אַ קוואַל פון שעדלעצער פאָלקלאָר, וואָס איז נאָך ביז היינט נישט צונויפגעזאַמלט אין בוכפאָרעם.

מיט דער מיטהילף פון גאָלדבערגן האָט טענענבוים שפּעטער אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אַ נייע צייטונג, וואָס האָט געהייסן „דאָס שעדלעצער לעבן". דאָס לייט-אַרטיקל איז געווען פון אדוו. א. הארטגלאס, וועלכער האָט צו יענער צייט געלעבט אין שעדלעץ. הארטגלאס איז נישט איינגעלאַדן געוואָרן מיטצואַרבעטן. ס׳איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז ער וועט וועלן מיטאַרבעטן. ער האָט אַליין אויסגעדריקט זיין ווּנטש צו שרייבן אין דער צייטונג. די רעדאַקטאָרן האָבן אים נאַטירלעך מיט צופרידנקייט אויפגענומען. דאָס אַרטיקל האָט ער אַליין געשריבן אין יידיש, אגב אַ פאַרגרייזטן יידיש. עס האָט געהייסן: „אונדזערע חסרונות". און האָט קריטיקירט די רוסיפיקאַציע פון דער יידישער אינטעליגענץ. אַלס ביישפּיל האָט ער געבראַכט אַן אַנאָנס פון דער פריערדיקער צייטונג פון אַ לערער יאַגאָדזשינסקי, דער אַנאָנס איז געווען געשריבן אין רוסיש.

אויך י. ח. פישמאַן האָט געדרוקט אַ דערציילונג וועגן ביטערן מזל פון אַמאָליקן רב אין שעדלעץ, ר׳ ישראל מייזלס, דעם זון פון באַרימטן וואַרשעווער רב בעריש מייזלס, וועלכער איז געזעסן אויפן כסא-הרבנות אין שעדלעץ (1858 - 1867). וועגן וועלכן מיר האָבן שוין געשריבן אין פריערדיקן קאַפּיטל.

נאָכן צווייטן נומער איז, ווי דער שטייגער ביי יידן, פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג: גאָלדבערג און טענענבוים זיינען ארויס און האָבן ארויסגעגעבן אַן אייגענע צייטונג „שעדלעצער ווידערקול" (אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס האָבן געטראָגן דעם ערשטן נאָמען „שעדלעצער"). דער ערשטער נומער איז דערשינען אין גרויסן פאָרמאַט, אויף העל פּאַפּיר און גראַפיש פיין אויסגעפירט און איז געדרוקט געוואָרן ביי יהושע ליכטענפאַכט. טענענבוים האָט ווי שטענדיק אויסגעפילט די גאַנצע צייטונג מיט אַרטיקלען און נאָטיצן, וואָס האָבן פאַרפולט אַלע זייטן פון נומער. די אַרטיקלען און נאָטיצן האָבן געשטאָכן און געריסן אויף רעכטס און לינקס, קיינעם נישט געשוינט, און דער עיקר די פּני פון שטאָט.

פארן דערשיינען פון צווייטן נומער איז געשען א סענסאציע, אדוו. א. מ. הארטגלאס האט צוגעשיקט אן ארטיקל, וואס האט ארויסגערופן אינטערעס ביי אלע שעדלעצער יידן צוליב דעם שארפן ארויסטריט קעגן אנטיסעמיטישן ארטיקל פון דר. סט. וואנסאווסקי אין „גלאס פאדלאסקי". סט. וואנסאווסקי איז דאן געווען א גרויסער אנטיסעמיט און האט גערופן צום קאמף קעגן יידן (שפעטער איז ער געווארן ליבעראל און שטארק לאיאל צו יידן). זיין ארטיקל האט געהייסן „דאס אויפגעהויבענע געווער". ארויסטרעטנדיק קעגן וואנסאווסקין האט הארטגלאס געפונען פאר נויטיק צו מאכן עטלעכע באמערקונגען פאר דער יידישער באפעלקערונג, וועגן איר אויפפירונג אין געוויסע מאמענטן. אט די דאזיקע באמערקונגען האבן שטארק אויפגערעגט טענענבוימען. אין זעלבן נומער וואו ס'איז געווען געדרוקט דאס ארטיקל פון הארטגלאסן, האט טענענבוים אפגעדרוקט א גרויס און שארף ארטיקל קעגן די באמערקונגען בנוגע די שעדלעצער יידן.

הארטגלאס איז נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער, און האט תיכף צוגעשיקט א גרעסערע נאטיץ, אין וועלכער ער האט אויפגעוויזן, אז טענענבוים איז נישט גערעכט.

טענענבוים האט נאך געגרייט א גאנצע רייע פאמפלעטן קעגן עסקנים און אנגעזעענע מענטשן, ס'איז שוין אבער נישט געווען וואו צו פארעפנטלעכן. ווייזט אויס, אז עמעצער האט זיך משתדל געווען וואו מ'דארף, און פאליציי איז ארויפגעקומען אין דרוקעריי, קאנפיסקירט די פארבליבענע עקזעמפלארן פון „שעדלעצער ווידערקול" און שטרענג געווארנט מער דעם זשורנאל נישט ארויסצוגעבן. הוין דעם האט נאך טענענבוימען געדראט א פראצעס, נאר דא האט זיך ארייגעמישט זיין פאטער היים-מיכאל. ער האט געטאן וואס ס'האט זיך געלאזט... און ער האט זיין יאנקלען אפגעראטעוועט פון א משפט.

אויך גילבערט, פארקוקנדיק זיך אויף טענענבוימען, האט ארויסגעלאזט א דריטן נומער פון „שעדלעצער לעבן" אין דערמיט האט זיך געענדיקט דער ערשטער פעריאד פון דער יידישער פרעסע אין שעדלעץ. גילבערט זא רעזיגנירטער האט פארלאזן שעדלעץ און איז אוועק קיין שווייצאריע היילן זיינע קראנקע לונגען. ס'איז א שאד, א גרויסער שאד, וואס עס איז נישט געבליבן קיין זכר פון די דאזיקע פובליקאציעס. וועגן די אלע אויסגאבן שרייבט י. ה. פישמאן אין זיינע נישט פארעפנטלעכע זכרונות 84).

אויסער די צייטונגען האבן א. גילבערט און ד. ניימארק ארויסגעגעבן א קליין ביכעלע לידער א. נ. „די נאכטיגאל", אין וועלכן עס זיינען געווען ס'רוב גילבערטס לידער.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין באפרייטן פוילן

די ערשטע וועלט־מלחמה איז, ווי באוואוסט, אויסגעבראָכן דעם 1טן אויגוסט 1914. אין שעדלעץ האָט קוואַרטירט דער צפון־מערבדיקער שטאב פון רוסישן מיליטער מיטן שעף גענעראַל דאַנילאָוו בראש. גע־נעראַל דאַנילאָוו, ווייזט אויס, נישט קיין אַנטיסעמיט, האָט, אויף דער אינטערווענץ פון הרב רובינשטיין, געמאַכט באַמיאונגען אָפּצוהאַלטן דעם גירוש פון די ייִדן פון די מזרח־פראָנט־געביטן. אזוי ווי דער דאָזי־קער ענין איז געבונדן מיט שעדלעץ, ווילן מיר וועגן דעם שרייבן מער באריכות.

הרב רובינשטיין, דער געוועזענער ווילנער רב און סענאַטאָר פון פוילישן סענאַט, באַשרייבט אין זיינע זכרונות 85) זיין באַזוך אין שעד־לעץ אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיין צוזאַמענ־טרעף מיט גענ. דאַנילאָוו:

עס איז שוין געווען נאָענט צו פסח — דערציילט הרב רובינשטיין — און מ׳האָט געדאַרפט באַזאָרגן מיט מצות די יידישע זעלנער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן פראָנט. אין שייכות דערמיט האָט הרב רו־בינשטיין זיך געווענדעט צום גענעראַל דאַנילאָוו און ביי אים געבעטן א דערלויבעניש צו פירן די מצות אויפן פראָנט.

די קוואַרטיר פון גענעראַל דאַנילאָוו האָט זיך געפונען אין א מי־ליטערישן צוג. דער וואַגאָן איז געשטאַנען אויף א באַזונדערן פעראָן פון דער שעדלעצער באַן־סטאַציע. קיין שום בירגער האָט נישט געקאָנט דאָרטן אָנקומען, ווען יאָ, איז עס געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. הרב רובינשטיין האָט געהאַט א לעגיטימאַציע פון פירשט טאַמאַנאָוו. אויפן סמך פון דער לעגיטימאַציע האָט דאַנילאָוו טעלעפאָ־ניש צוגעזאָגט צו טרעפן זיך מיט הרב רובינשטיין. נאָך דעם, ווי די שטרענגע מיליטערישע וואַך האָט קאָנטראָלירט דעם רבס דאָקומענטן, איז ער אָפּגעפירט געוואָרן צום צוג.

דאַנילאָווס אדיוטאַנט האָט דעם רב אריינגעפירט אין אויפנאַם־וואַגאָן, פון דאָרט האָט מען אים אריבערגעפירט אין דאַנילאָווס פּרי־וואַטן וואוינונגס־וואַגאָן, וועלכער איז געווען איינגעאָרדנט ווי א לוק־סוס־וואוינונג, דעקאָרירט מיט שפּיגלען און טעפּיכער און די טירן פון געשליפן גלאָז.

דער רב האָט אויפגעקלערט דעם צוועק פון זיין באַזוך. צו ערשט האָט דער גענעראַל געהאַט ספקות, צי עס איז נויטיק און וויכטיק צו צעטיילן מצות פאַר די יידישע זעלנער אינמיטן דער שלאַכט. ער האָט אויך געהאַט ספקות, צי טעכניש איז די זאַך אויספירבאַר. דער טראַנס־

פאַרט — האָט דאַנילאָוו געזאָגט — איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, די צוגן זיינען נויטיק צו טראַנספּאָרטירן מיליטער און אַמוניציע, יעדער איינער דאַרף רעזיגנירן פון די נאַרמאַלע שלום-געוואוינהייטן און פּריוואַטע באַקוועמלעכקייטן. די פּראַוואָסלאַוונע זעלנער — האָט ער געזאָגט — וועלן אויך נישט באַקומען אויף פּסח די געפלאַכטענע „קאַלאַטשי".

נאָך דעם ווי הרב רובינשטיין האָט דעם גענעראַל אויפגעקלערט די באַדייטונג פון מצות ביי יידן, די וויכטיקייט פון דער מצווה, וואָס איז אַ סך גרעסער ווי דער מנהג ביי די רוסן צו עסן חלות אין פּסחא, האָט דאַנילאָוו מסכים געווען, אַז ס'איז אומבאַרעכטיקט צו צווינגען יידן צו עסן חמץ אין פּסח און ס'איז נישט יושרדיק, און נישט קלוג אָנצורירן דאָס רעליגיעזע געוויסן פון זעלנער אין די אָקאָפּעס, בעת זיי געפינען זיך פּנים אל פּנים מיטן טויט. דאַנילאָוו האָט געענטפערט: „נו גוט, שיקט צו די מצות, גיט מיר דירעקטיוון און איך וועל זיך באַמיען, אַז די מצות זאָלן אָנקומען צו דער צייט און זאָלן צעטיילט ווערן אויף אַ גערעכטן אופן צווישן די יידישע זעלנער".

דער שטאַבשעף האָט זיך אויך גערעכנט מיט דער צווייטער בקשה פון רב, אַז דאָס מיליטער זאָל איבערשיקן די מצות אין די מיליטערישע צוגן, און דער „יידישער קאָמיטעט צו באַזאָרגן מצות" זאָל באַפרייט ווערן פון באַצאָלן טראַנספּאָרט-אָפּצאָל. אַזוי אַרום האָט דער קאָמיטעט איינגעשפּאָרט עטלעכע צענדליק טויזנט רובל, אַן אָנזעעוודיקע סומע אין יענער שווערער צייט.

נאָך דעם ווי דער רב האָט געענדיקט דעם שמועס וועגן די מצות, האָט מיט אים דער גענעראַל גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן. זיין העפלעכקייט האָט שטאַרק איבערראַשט דעם ווילנער רב. דער גענעראַל האָט געמאַכט עטלעכע קאָמפּלימענטן אויפן חשבון פון די יידישע זעלנער, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער דינסט. די העפלעכע באַציאונג פון דעם גענעראַל האָט דעם הרב רובינשטיין צוגעגעבן מוט צו באַרירן אויך אַנדערע יידישע ענינים. ער האָט זיך פאַר אים פאַרקלאָגט אויף דער אַנטי-יידישער העצע, ער האָט געשילדערט די ליידן פון די „היימלאָזע", דאָס פאַרשיקן זיי קיין סיביר אָן משפּט, פאַרן בלויזן חשד פון שפּיאָנאַזש.

גענעראַל דאַנילאָוו האָט געענטפערט, אַז זיין פליכט איז צו באַזאָרגן אַלעם נויטיקע פאַרן מיליטער אויפן פראָנט און זאָרגן פאַר אָרדנונג הינטערן פראָנט.

הרב רובינשטיין האָט זיך געזעגנט מיטן גענעראַל און ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים, האָט ער שוין געטראָפן אַ טעלעגראַמע מיט נייע פראַגן וועגן אופן פון באַזאָרגן די מצות. דער רב האָט זיך נאָך אַ מאָל

פארבונדן טעלעפאָניש מיטן גענעראל דאַנילאָוו און געבעטן ביי אים א צווייטע אוידיענץ.

אויך דאָס מאָל איז דער גענעראל געווען זייער העפלעך און האָט באשטימט אויפצונעמען דעם רב אויפן צווייטן טאָג.

אין א צווייטן פאל — דערציילט הרב רובינשטיין — איז ער גע־קומען קיין שעדלעץ מיט א ווארשעווער דעלעגאציע, כדי צו אינטער־ווענירן ביים גענעראל דאַנילאָוו און בעטן אים פאַרצושטעלן די יידישע דעלעגאציע פארן שעף פון גענעראל־שטאב אלעקסעיעוו. פאר וועלכן די דעלעגאציע האָט זיך געוואָלט פארקלאָגן קעגן די מיליטערישע און בירגערלעכע אינסטאנצן, וואָס פארשאפן אזוי פיל ליידן די פוילישע יידן. די הויפט בקשה איז געווען: מ׳זאָל נישט ארויסטרייבן די „היימ־לאָזע”, וועלכע געפינען זיך אין ווארשע, און אז די הילפס־קאָמיטעטן, וואָס האָבן דערהאלטן סומעס געלט פון די קייזערלעכע קאָמיטעטן אין פעטערבורג זאָלן אויפהערן באעוולען די יידן. די דעלעגאציע האָט גע־וואוסט וועגן א פּלאַן ארויסצוטרייבן די ווארשעווער יידן, וואָס די אָרטיקע מאכט האָט צוגעגרייט, און געוואָלט אויך דעם ענין באַרירן.

אין זעלבן טאָג איז קיין שעדלעץ אָנגעקומען א טעלעגראמע אויפן אדרעס פון הרב רובינשטיין, אין וועלכער מ׳האָט מיטגעטיילט, אז ס׳איז ארויס א פאַראָרדנונג ארויסצוטרייבן די יידן אויך פון ליטע. דער גירוש האָט געדארפט ארומנעמען אלע באצירקן פון די ראיאָנען: ווילנע, גראָדנע, לענג אוים דעם ניעמען און די ליניע קאָוונע ביז ביא־ליסטאָק. די דעלעגאציע מיט הרב רובינשטיין בראש האָט געהאט די אויפגאבע צו קאָנפערירן מיטן גענעראל דאַנילאָוו, וועלכער האָט נאָך אלץ קווארטירט אין שעדלעץ, וועגן מבטל מאכן די גזרות פון יידישן גירוש פון ווארשע און רעכטן ברעג פון ניעמען.

די נאכט ערב דער אוידיענץ האָט גענעראל דאַנילאָוו באפוילן אויפצוזוכן אין שעדלעץ הרב רובינשטיין, כדי אים צו מעלדן זיין פאר־לאַנג, אז בלויז הרב רובינשטיין זאָל צו אים קומען אָן באגלייטונג מצד די ווארשעווער דעלעגאטן.

ווען הרב רובינשטיין האָט דעם גענעראל איבערגעגעבן זיינע בקשות, האָט דאַנילאָוו געזאָגט, אז דער ניעמען־געביט געפינט זיך נישט אין זיין רשות. ער האָט אָבער צוגעגעבן, אז ער האָט זיך שוין געווענדעט צום גענעראל פון 10טן באצירק און אים געפרעגט, פאר־וואָס ער פירט נישט אויס די פאַראָרדנונג פון שעף פון גענעראל־שטאב אָפּצושטעלן די יידן־רעפּרעסיעס, אָבער דער גענעראל ראַצקעוויטש האָט געענטפערט, אז אין זיין געביט דעצידירט ער און אין 10טן בא־צירק קען ער טאָן וואָס ער וויל, ווייל ער איז דאָרט פאראנטוואָרטלעך

פאר דער זיכערהייט. זייט זיכער — האָט ער צוגעזאָגט דעם ווילנער רב — ביי מיר וועט אזא זאך נישט פאָרקומען.

די ניעמען-ליניע איז די גרענעץ צווישן דעם פראָנט און הינטער-לאנד. — האָט ווייטער געטענהט הרב רובינשטיין — מ׳טרייבט דאָך פאָרט ארויס יידן פון שטעטל טראָק און פון די געביטן איפן רעכטן ברעג פון ניעמען, וואָס געפינט זיך אונטער דער הערשאפט פון אייער עקסעלענץ.

— אוממעגלעך — האָט געזאָגט דער גענעראל — א היסטעריש געפיל איז באפאלן די יידן און זיי פאנטאזירן.

דער ווילנער רב האָט ווייטער פארזיכערט, אז פ״ן א טעלעגראמע, וואָס ער האָט באקומען פון דער ווילנער קהילה, ווערט בפירוש געזאָגט, אז אלע יידן פון די דערמאָנטע געביטן, אפילו די טראָקער יידן, וואָס געפינען זיך נאָך ווילנע, האלטן ביי ארויסגעטריבן ווערן.

דער גענעראל האָט זיך איפגערעגט, און אין קעגנווארט פון רו-בינשטיינען האָט ער ארויסגעשיקט א טעלעגראמע דעם פירשט טומא-נאָוו און געבעטן אים צו אינפאָרמירן, צי איז ריכטיק, אז עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן א באפעל ארויסצוטרייבן די יידן פון רעכטן ברעג פון ניעמען. מאָמענטאל, נאָך איידער די אודיענץ האָט זיך געענדיקט, איז אָנגעקומען א תשובה פון טומאנאָוון, אין וועלכער ער האָט בא-שטעטיקט די ידיעה. ער האָט צוגעגעבן, אז דער באפעל איז ארויסגע-געבן געוואָרן דורכן גענעראל ראצקעוויטש.

ווי נאָר די תשובה איז אָנגעקומען, האָט זיך הרב רובינשטיין אָנ-גענומען מיט מוט א״ן אָנגעהויבן פריש צו טענהן: ס׳איז דאָך אוממעג-לעך, אז דער יידן-גירוש פון א שטעטל וואָס איז עטלעכע קילאָמעטער פון ווילנע, זאָל נישט טרעפן אויך ווילנער יידן, אויך זיי וועט מען ארויסטרייבן. מ׳קען דאָך ארויסגעבן א באפעל אָן אייער וויסן!

דאנילאָוו האָט זיך שטארק געכעסט אויף דעם גענעראל ראצקע-וויטש, און האָט געזאָגט: „כל זמן ווילנע וועט זיין אונטער מיין מאכט — וועט מען פון דאָרט די יידן נישט ארויסטרייבן! דאנילאָוו האָט פאר-זיכערט, אז אויך פון ווארשע וועט מען די יידן נישט ארויסטרייבן.

ווי ס׳האָט זיך שפעטער ארויסגעוויזן האָט גענעראל דאנילאָוו א סך געטאָן פאר יידן פון דעם שטח, וועלכן ער האָט באהערשט אלס פראָנט-קאָמענדאנט.

***

דעם 12טן אויגוסט 1915 האָט דאָס רוסישע מיליטער אָנגעהויבן עוואקואירן שעדלעץ און אנטלויפן פון פוילן. די העברעאישע טאָגציי-

טונג „הצפירה" גיט פאָלגנדיקע שילדערונג, ווי אזוי די שטאָט איז אי־בערגעגאנגען צו די דייטשן:

„די פּאָליציי איז ארויס פון שטאָט מיטוואָך, 11/8/1915 און די מיליץ האָט פארנומען די פּאָסטנס. ביינאַכט האָט זיך דערהערט א שיסעריי און פלאמען פייער האָבן זיך באוויזן אונטערן הימל. די רעגירונגס־געביידעס האָבן געברענט און דער וואָקזאל איז עקספּלאָדירט געוואָרן.

נאָך חצות זיינען אריין די קאָזאקן אין שטאָט און האָבן אויפגעריסן די טירן פון די גרעסטע שעדלעצער קראָמען און בארויבט די סחורות. עטלעכע אזעלכע רויבער האָבן זיך ארייגעריסן אין דער וואוינונג פון רייכן ב. און אים געצוואונגען אָפּצוגעבן דאָס גאנצע געלט, וואָס ער פארמאָגט. שפּעטער איז געקומען אן אנדער באנדע, אים רעווידירט און צוגענומען 1250 רובל. די קאָזאקן זיינען ארומגעגאנגען א גאנצע נאכט פון שטוב צו שטוב און גערויבט.

דאָנערשטיק, 10 פרי, איז אין שטאָט אריין א דייטשער פּאטרול, נאָך אים זיינען אריין די דייטשן דורך אלע פיר עקן שטאָט." 86)

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט, איז אין שעד־לעץ איינגעפירט געוואָרן א ציוויל־פארוואלטונג מיט א דייטשן גואווער־נער. די נייע אָקופּאנטן האָבן אויך געשאפן א שטאָטישע זעלבסטפאר־וואלטונג. די עלעקטרישע סטאציע, וואָס איז נאָך געגרינדעט געוואָרן אין 1906, און איז הרוב געוואָרן אין דער מלחמה, איז דורך די דייטשן געלאָזט געוואָרן אין גאנג, תחילת ווי א פּריוואַט־אינסטיט צ׳ע און ערשט אין 1918, איז זי איבערגענומען געוואָרן דורך דער שטאָט. די גרויס פון דער עלעקטראָווניע איז געווען א נישטיקע און האָט פאר־מאָגט איין איינציקע מאשין פון 75 פערדקראפט.

צוליב נויט און הונגער האָט אין שטאָט אָנגעהויבן זיך פארשפּרייטן די טיפוס־עפּידעמיע. פון דער יידישער באפעלקערונג, וועלכע איז גע־ווען אונטערדערנערט זיינען געווען א סך קרבנות. די פרומע פון שטאָט האָבן דאן איינגעפונען, אז פאר א סגולה אָפּצוהאלטן די עפּידעמיע, דארף מען דורכפירן א חופה אויפן בית־עולם און איינאָרדנען א לויה פון „שמות" און צעריסענע ספרים, וואָס האָבן זיך געוואלגערט אין פּאָ־ליש פון דער שטאָטישער שול און אויפן בית־המדרש־בוידעם. די ביידע אַקטן (פארצייכנט אין דער יידישער האנט־ענציקלאָפּעדיע 87) און אין א בוכזאמלונג פאר פאָלקלאָר, אין „רשומות" 88) זיינען טאקע דורכגעפירט געוואָרן. אין ערשטן פאל, איז אויפן בית־הקברות פון קערקוצקא־גאס (דער לעצטער בית־עלמין) „דורכגעפירט געוואָרן א


יודל צענערקאָפּ — דער טרעגער פון טהרה־ברעט.

הופה צווישן יידל דער „צענערקאָפּ" (באקאנטער טרעגער) מיט א שטומער מויד. אין דער לויה פון „שמות" האָבן זיך באטייליקט מאסן יידן, ס׳זיינען גע־ברענגט געוואָרן צו קבורה צענדליקער פורן און פלאטפאָרמעס פון אזעלכע „שמות".

פון די ניין דאָן דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין שטאָט ערב דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, זיינען איבערגעבליבן בלויז דריי. עטלעכע זיינען גערופן געוואָרן אין דער רוסישער ארמיי אלס קריגס־דאָקטוירים און אנדערע, צוזאמען מיט די שוועסטער, זיינען עוואקואירט גע־וואָרן קיין רוסלאנד.

טראָצדעם וואָס אין שטאָט און אין דער סביבה זיינען קיין גרע־סערע שלאכטן נישט פאָרגעקומען, האָבן דאָ אָנגעהויבן, באלד אין די ערשטע טעג, אָנצוקומען א סך קראנקע און פארוואונדעטע. פון 12טן אויגוסט ביזן 15טן סעפטעמבער זיינען געלעגן אין שטאָטישן שפּיטאָל 38 פארוואונדעטע זעלנער פון די דייטשע און עסטרייכישע ארמייען, צוויי אָפיצירן און 111 רוסישע זעלנער; אין דאָזיקן פעריאָד זיינען געשטאָרבן 32 קראנקע.

וועגן דער דעמאָלטיקער באציאונג פון א טייל פּאָליאקן אין שעד־לעץ צו יידן, דערוויסן מיר זיך פון א קאָרעספּאָנדענץ, וואָס עס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין אן אמעריקאנער צייטונג. דער קאָרעספּאָנ־דענט מ. זיידמאן, גיט דאָרט אָן פארשידענע פרטים, וועלכע באווייזן די רשעותדיקע באציאונג מצד פּאָליאקן צו די יידישע בירגער.

צו יענער צייט האָבן געשטראָמט קיין שעדלעץ מאסן יידישע פּלי־טים, („היימלאָזע"). די „היימלאָזע" זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון בריסק, קאָברין, פּינסק און גראיעווע. אין דער צייטונג ווערט דערציילט:

„די געזעלשאפט וואָס האָט זיך דאָרט געגרינדעט צו העלפן יידישע ארבעטסלאָזע, העלפט אויך די פּליכטלינגע; צו דעם צוועק האָט מען ארויפגעלייגט א געוויסן אָפּצאָל אויף פלייש און שמאלץ. דער אָפּצאָל האָט אין ערשטן חודש אריינגעבראכט צוועלף הונדערט רובל. ס׳זיינען דאָרט אויך איינגעפירט געוואָרן פּאָלקסקיכן". 89)

א געניי בילד וועגן יידישן לעבן אין שעדלעץ אונטער דער דייטשער

אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, גיט א באריכט, וואָס עס האָבן פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער פרעסע פון אמעריקע, די שעד־לעצער פריילינס ברכה און חנה קאגאן — טעכטער פון שעדלעצער קצב הערשל קאגאן 90) — די צוויי מיידלעך זיינען אוועק פון שעדלעץ און דורך פארשידענע וועגן זיינען זיי אָנגעקומען קיין ראָטערדאם און מיט דער שיף „נארטדאם" אָפּגעשוואומען קיין ניו־יאָרק. די אימיגראנטינס זיינען פארבעטן געוואָרן פון די שעדלעצער לאנדסלייט אין ניו־יאָרק, כדי צו באריכטן וועגן מצב פון שעדלעצער יידן. שפּעטער איז דער באַ־ריכט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אייניקע יידישע צייטונגען. דעם, באַ־ריכט, וועלכער געפינט זיך אין דער ש. טשארנאבראָדע־זאמלונג פון „ייוואָ" אין ניו־יאָרק, גיבן מיר דאָ ווי א כאראקטעריסטישע שילדע־רונג פון יענער צייט און מיט געוויסע סטיליסטישע און אָרטאָגראפישע ענדערונגען:

„שעדלעצער שוועסטער און ברידער!

א גאנץ קורצע צייט זינט איך בין אָפּגעפאָרן פון שעדלעץ, פון דעם אָרט, וואו איך האָב זיך געפונען צוזאמען מיט אייערע עלטערן, צוזאמען מיט אייערע טייערסטע און ליבסטע. במשך פון דער גאנצער צייט, זינט דעם מלחמה־אויסברוך זייַנען דאָס געווען 31 חדשים פון פארשידענע צרות און ליידן. איצט שטיי איך פאר אייך און וועל אייך איבערגעבן א גרוס פון די אלע, מיט וועלכע איך האָב צוזאמען געליטן.

אָבער פון וואָס זאָל איך אייך דערציילן?

ווי קען מען איבערגעבן אין ווערטער אָט די אלע ליידן פון 31 חדשים? דאָס זיינען געווען אזעלכע ליידן, וואָס די וועלט האָט נאָך פון זיי נישט געוואוסט. דער שרעקלעכסטער אינקוויזיטאָר וואָלט זיי נישט געקאָנט אויסטראכטן. דאָס זיינען געווען אוממענטשלעכע ליידן, וואָס קיין מענטשלעכע שפּראך קען זיי נישט אויסדריקן. עס זיינען נאָך קיין ווערטער נישט באשאפן געוואָרן פאר אזעלכע צרות און גרוילקייטן.

ווי קען מען איבערגעבן דאָס וויינען פון פרויען, וועמענס מענער און קינדער עס ווערן גענומען אין דער שלאכט?

ווי קען מען איבערגעבן דעם צער פון צעבראָכענע, צעריסענע פריד־לעכע היימען, אויף וועלכע מענטשן האָבן שווער און ביטער געארבעט זייערע גאנצע יאָרן?

ווי קען מען געפינען ווערטער צו שילדערן דעם הפקר פון די קינדער, וועמענס פאָטערס זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה און וועמענס מוטערס זיינען פון קרענקונג געשטאָרבן?

ווי קען מען איבערגעבן די מאָמענטן, ווען מענטשן לעבן אין א גסיסה־צושטאנד וואָכן און חדשים?

ווי קען מען זיך פאָרשטעלן די צייט, ווען מען איז פארשפארט פון אלע זייטן און צו אייערע אויערן קומען די שרעקלעכסטע ידיעות פון טויט און פארוויסטונג?

ווי וואָלט איר דערוואַרט די צייט, ווען פון דרויסן יאָגט דער שונא און פון אינעווייניק ווערט איר געשראָקן דורך די שרעקלעכסטע מסירות?

עס איז שרעקלעך, ווען מען הויבט זיך אָן צו דערמאנען די אלע בילדער. דאָס זיינען בילדער פון בלוט און מארד, פון יונג און אלט, פון פרויען, מענער און אויך יונגע קינדער; דאָס זיינען בילדער, וואָס שניידן זיך איין אין די טיפענישן פון הארץ און מאכן וואָס אמאָל פרישע וואונדן. עס זיינען בילדער, וואָס איינס יאָגט מיט זיין אכזריות איבער דאָס צווייטע און אלעס צוזאמען מאַטערט אזוי אומברחמנותדיק, אז ס׳וואָלט זיך וועלן אין דעם וואָס שנעלער פארגעסן; נאָר ווי קען מען פארגעסן אָט אין אזעלכע בילדער, ווען דאָס אלץ עקסיסטירט נאָך ביז איצט?...

עס איז מיר שווער אייך צו שילדערן די פארשידענע בילדער פון וועלכע א שוידער לויפט דורך. דאָס זיינען אזעלכע ליידן, צו וועלכע איר קענט נישט געפינען קיין וועג זיי דאָרט צו פארלייכטערן. דאָס איינ־ציקע וואָס איר קאָנט פאר זיי טאָן איז זיי צו געבן אויף א שטיקל ברויט און מיט דעם לינדערן אין א גרויסער מאָס זייערע הונגערשמערצן. שעדלעצער!

קענט איר זיך פאָרשטעלן, וואָס זיי שטייען דאָרט אויס, נישט האָבנדיק קיין שטיקל ברויט? קענט איר פארשטיין, וואָס עס הייסט: אלטע, שוואכע מענער, יונגע אומדערפארענע מיידלעך זאָלן גיין ארבעטן און גראָבן ערד בלויז כדי צו באקומען א שטיקל ברויט? קענט איר פארשטיין, ווי טיף ס׳איז דער ווייי, ווען אלטע פרומע יידן דערלויבן זיך אום שבת צו גיין ארבעטן, כדי צו באקומען א שטיקל שווארץ ברויט?

הונגער!!! דאָס איז דאָס איינציקע גרויזאמע, וואָס דאָרט עקסיס־טירט. פארטאָג 4 אזייגער (דען נאָך פריער איז נישט דערלויבט צו גיין) ציען זיך שוין אויף די גאסן מענטשן מיט אש גראָע פארמרהשחורהטע געזיכטער פון וועמענס אויגן ס׳ברענט דער הונגער־פיבער. זיי איילן זיך צו די רייען וואו ערשט אום 8 א זייגער הייבט מען אָן געבן דאָס האלבע פונט שווארץ ברויט, געבאקן מיט קארטאָפל. זיי איילן זיך! דאָרט אין שטוב האָבן זיי זייערע הונגעריקע קינדער געלאָזן, וועלכע ווארטן שוין פון נעכטן, און טיילמאָל אויך פון אייערנעכטן, אויף דעם שטיקל ברויט. אָט שטייט שוין אויסגעשטעלט א ריי פון הונדערטער מענער, פרויען און קינדער, די טיר פון געוועלב איז פארשלאָסן, די פענצטער — פאר־מאכט און די ריי פארגרעסערט זיך וואָס א מאָל מער, זי ציט זיך אויף אייניקע גאסן, אָט עפנט זיך א פענצטער, דורך וועלכן מ׳גיט ארויס דאָס

ברויט און די גאנצע מאסע טוט זיך א באוועג פאַרויס, עס הויבט זיך אָן א שטויסעניש, א רייסעניש, זיי ווייסן, אז אויב זיי וועלן נישט זיין פון די ערשטע, וועלן זיי בלייבן אָן ברויט. אָפט, זייער אָפט גייען מער ווי א העלפט א היים מיט ליידיקן, פארצווייפלט און האָפענונגסלאָז. דעריבער איז יעדער איינער גרייט אויף אלעם, כדי צום ברויט אָנצו־קומען און איצט קומען שוין אין דער ארבעט די דייטשע נאגייקעס, און נישט איין פרוי אָדער מאן, אָדער קינד בלייבן ליגן אין דעם געדראנג פארוואונדעט, פארבלוטיקט...

די שרעקלעכע עפידעמיעס — טיפוס און שווינדזוכט — הערשן איצט ברייט און פריי איבער די אָפגעשוואכטע פון הונגער אָרגאניזמען. און ווי שרעקלעך איז די לאגע פון קראנקע. פאר א קראנקן פלעגט מען שטענדיק דאָס לעצטע העמד פארקויפן אויף ראטעווען, הייגט האָט מען מורא א פעלדשער צו רופן, דען גלייך, ווי ער באמערקט, אז דער קראנ־קער האָט היץ, מוז ער וועגן דעם מעלדן און גלייך נעמט מען דעם קראנקן ארויס פון זיין הויז אין א ספעציעלן שפיטאָל פאר אָנשטעקנדיקע קראנקייטן וואָס געפינט זיך היבטערן שטאָט. דאָס הויז פארנעמט מען און צו דעם קראנקן אין שפיטאָל אריין לאָזט מען קיינעם נישט צו און טיילמאָל ווייסט מען אפילו נישט, וואו עס איז אהינגעקומען דער טויטער קערפער פון קראנקן. מערסטנטייל פארברענט מען אים. דעריבער זייגען ס׳רוב מענטשן דעצידירט צו בלייבן ביי זיך אין הויז אָן מעדיצינישער הילף, איידער צו גיין אין שפיטאָל אריין.

די טורמעס זייגען הייגט פול געפאקט פון „פארברעכער", וואָס גנבענען דורך א ברויט, אָדער אנדערע פראָדוקטן פון דאָרף אין שטאָט אריין.

ווי שרעקלעך, ווי גרויזאם באגייט מען זיך מיט די ארעסטירטע! מ׳גיט זיי כמעט נישט צו עסן! מ׳האלט זיי אויף דורך קינסטלעכע איינ־שפריצונגען און זיי מוזן שווער ארבעטן. זייער זעלטן, אז עמעצער קומט ארויס פון טורמע. דאָרט הערשט דער טויט אליין!

שעדלעצער!

עס איז מיר שווער אייך איבערצוגעבן די אלע פארגאנגענע און איצטיקע ליידן פון אונדזערע טייערסטע און ליבסטע. איינס קען איך אייך נאָר זאָגן, אז דער הונגער איז די שרעקלעכסטע דערשיינונג פון דער לעצטער צייט.

פילט איר וואָס ס׳געפינט זיך אונטערן הונגער? איר קענט עס נישט פילן, איר קענט עס בלויז פארשטיין. ווער ס׳האָט נישט געזען די הונגער־דעמאָנסטראציעס אין שעדלעץ, ווען הונדערטער פרויען זייגען אוועק צום קרייזשעף און איין רוף — „ברויט", האָט זיך געהערט — דער קען נישט פארשטיין, אז אלע פראגן זייגען פארשוואונדן, זייגען

קליין געוואָרן אונטער דעם איינעם רוף נאָך ברויט, וואָס שטייט אויפן ערשטן אָרט און פאָדערט א באלדיקן ענטפער און דעם ענטפער קענט א י ר נאָר געבן.

אלעמענס אויגן פון אייערע טייערסטע אויף יעגער זייט ים זיינען צו אייך געווענדעט. איר זענט די איינציקע, פון וועמען זיי קענען היינט עפּעס דערוואַרטן. אויף אייך ליגט דער חוב זיי צו העלפן און איר מוזט זיי העלפן".

די דאָזיקע באשרייבונג פון יידישן לעבן אין שעדלעץ נאָכן מלחמה־איסברוך איז נוגע דעם ערשטן פעריאָד פון קריג. שפּעטער האָט זיך דער מצב א ביסל געבעסערט. די מיליטערישע מאכט האָט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן באשטעלונגען אויף שיך, וואָס עס האָט צוריק אריינגע־בראכט אַן אויפלעבונג אין שוסטערפאַך. גלייכצייטיק איז געוואָרן א דוחק אין ארבעטסהענט, ווייל א סך שוסטער זיינען מאָביליזירט גע־וואָרן אין מיליטער אין משך פון א יאָר צייט, ביז די רוסן האָבן פאַר־לאָזט די שטאָט.

אן ענלעכער מצב איז געווען אויך אין שניידערפאך. די שניידער־ווארשטאטן האָבן געארבעט אויף מיליטערישער באשטעלונג.

ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו שעדלעץ, האָט זיך די לאגע ראדיקאל געענדערט. די רוסישע קאָזאקן האָבן גענומען פייניקן די שניידער. זיי פלעגן באשטעלן בגדים און אָנשטאָט צו באצאָלן, האָבן זיי צוגענומען די אויפגענייטע מונדירן און מיט דער נאגייקע גוט אָנ־געשלאָגן די שניידער מיט זייערע בני־בית.

ווען די שטאָט איז אריבער אין די הענט פון די דייטשן, איז די לאגע אין שניידערפאך נישט געווען בעסער ווי אין אנדערע פאכן. דאָס שוסטערפאך איז אינגאנצן אונטערגעגאנגען. שוסטערס האָבן פאַר־לאָזט זייערע ווארשטאטן, האָבן זיך פארדונגען צו שווערער מיליטערי־שער ארבעט, צו דינסט אין שפּיטאָל, צי גאָר אין תפיסה, פאר צוויי מארק א טאָג.

דער נאָרמאלער מסחר אין שטאָט איז כמעט אינגאנצן אונטערגע־גאנגען, דערפאר האָט אויפגעבליט דער שמוגל. א טייל יידן האָבן גע־האט פרנסה פון אריינשמוגלען אין שטאָט פּראָדוקטן פון די דערפער. די דייטשע מאכט האָט דעם שמוגל שטארק באקעמפט, אָבער א גע־וויסע צאָל יידן האָבן פון שמוגל געהאט פרנסה און אפילו רייך געוואָרן.

דער גרעסטער רוב פון דער יידישער באפעלקערונג אין שעדלעץ האָט בעת דער דייטשער אָקופּאציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געליטן נויט. כדי צו לינדערן די מלחמה־נויט פון דער יידישער באפעל־קערונג אין שעדלעץ, איז געעפנט געוואָרן א ביליקע קיך, וועלכע האָט באשפּייזט טויזנט פערזאָן, בערך. די געזעלשאפט „בריאות" האָט אויס־

געהאלטן אן אמבולאטאָריע פאר קומענדיקע קראנקע און אויך ארויס־געגעבן מעדיקאמענטן אהיים. באזאָרגט שווינדזיכטיקע קינדער מיט זומער־קאָלאָניעס און די געזעלשאפט „אחיעזר" האָט געשטיצט מיט געלט און פראָדוקטן די אָרעמע באפעלקערונג. ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אין שעדלעץ אויסגעבילדעט א פיל־פארצווייגט געזעלשאפטלעך יידיש לעבן, וואָס האָט באזאָרגט זיינע רעליגיעזע, קולטורעלע און סאָציאלע הצטרכותן. די איינציקע אָפיציע־לע מלוכהשע רעכטלעכע אינסטיטוציע — די יידישע גמינע (קהילה) איז נאָך אלץ געלעגן אין די הענט פון די אזוי גערופענע „דאָזאָרעס". זיי האָבן דאָרטן געוועלטיקט אויפן גרונט פון א פארעלטערטן און נישט־דעמאָקראטישן סיסטעם, נאָך פון דער צארישער הערשאפט.

די טעטיקייט אין די שטאָטישע פילאנטראָפישע אינסטיטוציעס

מיט דער הילף פון „דזשאָינט" זיינען אויך אין דער מלחמה־צייט אויפגעהאלטן געוואָרן די יידישע פילאנטראָפישע אינסטיטוציעס אין שעדלעץ, פון וועלכע די באדייטנדיקסטע זיינען געווען „עזרת־יתומים" און „מושב־זקנים".

די דאָזיקע צוויי אינסטיטוציעס האָבן שוין געהאט הינטער זיך א געשיכטע.

„עזרת־יתומים" האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט נאָך אין 1906, באלד נאָכן פאָגראָם, ווען דאָס אָרגאניזירן הילף פאר יתומים נאָך די דערמאָרדעטע עלטערן איז געווען זייער אקטועל. די שפּעטער פון אנ־שטאַלט פאר יתומים זיינען געווען יוגנטלעכע.

די דערוואקסענע יוגנט איז געוואָרן דורכגענומען מיט די ווארעמע געפילן צו די יתומים און עס איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן דער גע־דאנק וועגן שאפן אן אינסטיטוציע, וואָס זאָל אָרגאניזירן ווייטגייענדיקע הילף פאר די דאָזיקע לעבנגעבליבענע קרבנות פון צארישן פאָגראָם. א גרופע יוגנטלעכע האָט גענומען די איניציאטיוו צו שאפן אן „עזרת־יתומים" און מיט זייער פאָרשלאָג זיך געווענדעט צו דער שעדלעצער קהילה, וועלכע האָט צו דעם צוועק אסיגנירט א געוויסע סומע געלט.

עס איז געדונגען געוואָרן א צימער אויף דלוגע (שפּעטער ערשטער־מאַי־גאס) נומער 22, עס זיינען איינגעקויפט געוואָרן בעטן, קיך־גע־שיר, מנדבים האָבן געגעבן אנדערע נויטיקע זאכן, און עס איז געשאפן געוואָרן אן „עזרת־יתומים", אין וועלכער עס האָבן געפונען א היים 12 קינדער.

ביסלעכווייז איז די אינסטיטוציע געוואקסן אין דער צאָל פון יתו־

מים. דאָס צימער איז געוואָרן צו קליין. די „עזרת־יתומים" האָט זיך איבערגעקליבן אין א גרעסערער דירה, וואָס האָט זיך געפונען אין גמינע־בנין.

אין דער זעלבער צייט האָט שוין עקסיסטירט א „מושב־זקנים", וואָס האָט זיך פארנומען מיט אלטע עלנטע מענטשן. דאָס איז געווען א מין „הקדש" אין א קליין נידעריק הייזל. די פּאָר זקנים זיינען גע־גאנגען אָפּגעריסן, די געלעגערס שמוציק, אויך דאָס עסן, וואָס די זקנים האָבן באקומען איז נישט געווען צוגעפּאסט פאר זיי. יידישע פרויען פלעגן אוועקטראָגן א ביסל עסן, כדי צו דערכאפּן דאָס הארץ פון די אלטע לייט.

אין יאָר 1909 האָט ר' אפרים־פישל פרענקעל געקויפט א הויז אויף אַגראַדאָווע־גאס (שפּעטער שענקעוויטש). אין דעם הויז, וואָס איז לכתחילה געקויפט געוואָרן בלויז פארן מושב־זקנים איז דער פּארטער אָפּגעגעבן געוואָרן פאר „עזרת־יתומים" און דער ערשטער שטאָק — פארן מושב־זקנים. ר' א. פ. פרענקעל האָט א־יך אויף א ליידיקן פּלאַץ אין זיין פּאָסעסיע, אויף קילינסקי 14, אויסגעמויערט א בית־מדרש.

דער באקומענער בנין פאר „עזרת־יתומים" און מושב־זקנים האָט די לאָקאַל־פראגע געלייזט בלויז אויף א קורצער צייט. צווישן די פאר־וואלטונגען פוןביידע אינסטיטוציעס איז געקומען צו סכסוכים. דער מושב־זקנים האָט געטענהט, אז דאָס הויז איז געקויפט געוואָרן נאָר פאר א מושב־זקנים, אין „עזרת־יתומים" איז אריינגענומען געוואָרן צייטווייליק, אזוי ווי דער מושב־זקנים וואקסט זיך פונאנדער האָט זיין אָנפירונג געפאָדערט, אז „עזרת־יתומים" זאָל פארלאָזן דאָס הויז. פון דער צווייטער זייט האָט זיך אויך „עזרת־יתומים" געפילט נישט באַ־קוועם אין דער ענגער וואוינונג. אין צווישנצייט איז די צאָל יתומים אין אנשטאלט געוואקסן. ווענן פארלאָזן דאָס הויז האָט „עזרת־יתומים" אפילו נישט געחלומט, ווייל זיי האָבן נישט געהאט קיין אנדער לאָקאַל.

בעת דער מלחמה האָט „עזרת־יתומים" א סך געהאָלפן די יתומים, וועלכע זיינען מיטגעקומען מיט די פּליטים. די צאָל קינדער האָט זיך פארגרעסערט. דער בנין איז געוואָרן צו ענג, אָבער דעמאָלט האָט מען נישט געקאָנט טראכטן וועגן פארגרעסערן אים, אָדער וועגן זוכן א נייעם לאָקאַל. די געלטמיטלען זיינען געווען זייער באגרענעצטע און די אינסטיטוציע האָט זיך אויפגעהאלטן פון די סובסידיעס, וועלכע זי האָט באקומען פון דער קהילה און פון צענטראלע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס.

אויך דער מושב־זקנים האָט געמוזט פארברייטערן זיין טעטיקייט און אריינעמען נויטליידנדיקע זקנים.

געזעלשאפטלעכע און קולטור־טעטיקייט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין די יאָרן 14־1918

דאָס שווערע אין עקאָנאָמישע לעבן בעת דער דעמאָלטיקער אָקו־פּאַציע האָט נישט דערשטיקט דאָס קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע לעבן. פאַרקערט, עס איז געקומען צו אַן אויפלעבונג אויף דעם געביט. די דעמאָלטיקע דייטשן זיינען געקומען אין דער צארישער מלוכה ווי „קולטור־פאַרשפּרייטער". זיי האָבן אפילו ארויסגעלאָזט א ספּעציעלן אויפרוף צו יידן אין יידיש און גערופן די יידן צו קעמפן קעגן דער צאַ־רישער הערשאפט, וואָס האָט פאַר יידן געהאט נאָר פּאָגראָמען. דאָס אָנקומען פון די דייטשן האָט טאקע געשאפן נייע פּערספּעקטיוון פאַר דעם יידישן געזעלשאפטלעכן און קולטור־לעבן. דאָס דערשטיקטע גע־זעלשאפטלעכע לעבן בעת דער צארישער הערשאפט, האָט ביי די דע־מאָלטיקע פרייהייטלעכע באַדינגונגען פון די דייטשן, אויפגעברויזט ווי א געעפנטער קוואַל.

באַלד ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען שעדלעץ, האָט זיך אָנגעהויבן א געזעלשאפטלעכע און קולטור־טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט רעליגיעזע בחורים מיטן צוועק צו לערנען תנ״ך מיט בעלי־מלאכות. דער ציל איז געווען אריינצוברענגען תנ״ך־קענטעניש אין די האַנטווערקער־קרייזן. כמעט אַלע בעלי־מלאכות פון שטאָט פלעגן קומען יעדן פאַרנאַכט צו די לימודים. הגם די אָרגאַ־ניזאַציע האָט געהאט א שטרענג רעליגיעזן כאַראַקטער און פאַרפליכ־טעט די מיטגלידער וויניקסטנס איין מאָל אין יאָר אָפּצוגעבן די תפילין אויף א בדיקה, האָט עס דאָך אַרויסגערופן דעם כעס פון די גערער חסידים, וועלכע האָבן געקוקט מיט גרויס חשד אויף דעם קרייז, מיי־נענדיק, אַז דאָרט ווערט פאַרשפּרייט אפּיקורסות. עס איז אָפּגעגעבן גע־וואָרן א מסירה אין דער פּאָליציי, אַז דער קרייז איז אַן אומלאָיאַלער סיי צום מלכות און סיי צו דער יידישער תורה, און די פּאָליציי האָט דעם קרייז געשלאָסן.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך געעפנט אין שטאָט צוויי אַרבע־טער־קלובן: דער „אַרבעטער־פאַראיין" — אַן אומפּאַרטייאישער און — „אַרבעטער־היים" פון „בונד". דאָרט האָט מען שוין קיין תנ״ך נישט געלערנט.

די רעליגיעזע יוגנט האָט ווייטער נישט גערוט און געשאפן א חברה „מקרא". וואָס האָט געהאט דעם זעלבן ציל ווי דער שוין דערמאָנטער קרייז. א ייד א למדן מיטן נאָמען ליפּשיץ פלעגט מיטן עולם לערנען יעדן פאַרנאַכט צווישן מנחה און מעריב. עס איז אויך געשאפן געוואָרן א „בית־התלמוד". די דערלויבעניש אויפן „בית־התלמוד" איז ארויסגע־

געבן געוואָרן אויפן נאָמען פון דעמאָלטיקן שעדלעצער רב, ר׳ חיים יהודה גינזבורג, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מאכט, פאַר האַלטן אָרדענונג און פאַר דעם ראבינער־סעמינאַר.

דער נאָמען פון הרב גינזבורג האָט צוגעגעבן דעם „בית־התלמוד" א גרויסע חשיבות. דער רב איז נישט געווען קיין שעדלעצער. ער איז געבוירן געוואָרן אין מאָגעלניץ, אין יאָר 1856. זיין ערשטער כסא־הרבנות איז געווען אין שטעטל גלאוואטשאוו, ראַדאָמער וואָיעוואָד־שאַפט, וואו ער איז געווען רב אין משך פון זעקס יאָר. פון דאָרט איז ער צוריקגעקומען אין זיין געבורטשטעטל מאָגעלניץ, וואו ער איז געזעסן אויפן כסא הרבנות פערצן יאָר. אין יאָר תרס״ח (1908), א יאָר נאָך דער פטירה פון שעדלעצער בארימטן רב ר׳ ש. ד. אנאליק, איז הרב גינזבורג געוואָרן זיין ממלא־מקום. 22 יאָר האָט ער פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין שעדלעץ ביזן 5-9 1930, ווען ער איז נפטר געוואָרן.

דער רב ר׳ חיים יהודה גינזבורג איז געווען א גרויסער בקי אין ש״ס, פוסקים און אין דער גאַנצער רבנישער ליטעראַטור. ער איז פאַר־רעכנט געוואָרן ווי איינער פון די חשובסטע רבנים אין פוילן. דערביי איז ער געווען א גרויסער עניו, וואָס האָט ביי אַלעמען אויסגענומען.

די תלמידים פון „בית־התלמוד" האָבן באַקומען לעגיטימאַציעס, וואָס האָבן זיי דערמעגלעכט צו גיין אין גאַס נאָך צען אָוונט, וואָס ס׳איז דעמאָלט געווען פאַרבאָטן, צוליב דער מיליטער־אָקופּאַציע, וואָס די דייטשן האָבן איינגעפירט. דער „בית־התלמוד" האָט זיך נישט פאַר־נומען מיט קיין שום פּאָליטישע ענינים, נאָר מיט לערנען תלמוד און אַנדערע רעליגיעזע ספרים. לסוף איז געקומען צו א שפּאַלטונג — א טייל מיטגלידער האָבן געפאָדערט, אז מ׳זאָל איינפירן אויך וועלטלעכע לימודים. דאָס האָט אַרויסגערופן א שטורעם ביי די פרומערע תלמידים. דער שטרייט איז געקומען אין גאַס און די גערער חסידים זיינען אַרויס־געטרעטן קעגן דער דאָזיקער אינסטיטוציע. זיי האָבן געטענהט, אז אין „בית־התלמוד" וואָס האָט זיך לאָקירט אויף קילינסקי 28, קלינגט מען פאַרן שיעור מיט א גלאָק, און אויפן דיל געפינען זיך שפּייקעסטלעך, פּונקט ווי ביי די גויים אין די „שקאָלעס". די רייסערייען האָבן גע־ברענגט צו א שפּאַלטונג. א טייל — די שטאַרק־פרומע — האָט גע־שאַפן די „שלומי אמוני ישראל"־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שפּעטער גע־ענדערט דעם נאָמען אויף „אגודת ישראל" און דער פּראָגרעסיווער טייל האָט געשאַפן א נייע געזעלשאַפט מיטן נאָמען „תבונה". „תבונה" איז געווען א לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע, די סטאַטוטן האָבן איר דערלויבט צו עפענען אָפּטיילונגען אין אַנדערע שטעט. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך טאַקע באַנוצט מיט איר רעכט און האָט געעפנט ביי א צענדליק אָפּטיי־לונגען אין פאַרשידענע שטעט פון פוילן. אין א צייט אַרום איז די צענ־

טראלע אריבער קיין ווארשע. אין שעדלעץ איז בלויז געבליבן אן אָפּ־טיילונג.

„תבונה" איז אין תוך געווען אומפּאַרטייאיש און איר ציל איז געווען „דעת ויראת ה'", ווי זי האָט פּראָקלאַמירט אין אן אויפרוף; די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויך פאַרנומען מיט וועלטלעכע לימודים, מיט לערנען די שפּראַכן: פּויליש, דייטש, העברעאיש. די קאָנצערטן וואָס „תבונה" האָט איינגעאָרדנט, זיינען געווען פאַר מענער באַזונדער און פאַר פרויען באַזונדער.

לסוף איז אויך אין „תבונה" געקומען צו א שפּאַלטונג אויפן באָדן פון באַציאונג צום ציוניזם. די מערהייט האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער „מזרחי"-פּאַרטיי. די וועלכע האָבן נישט מסכים געווען, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די „שלומי אמוני ישראל". אויף אזא אופן זיינען אין שעדלעץ אנטשטאַנען נייע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס. פון פריער האָבן שוין עקסיסטירט די ציוניסטן און די פאָלקיסטן.

דאָס אָרגאַניזירן זיך פון פרומען טייל פון שעדלעצער יידן אין צוויי פּאַרטייען — „שלומי אמוני ישראל" און „מזרחי" — האָט אַרויסגערופן קעגנזייטיקע שטרייטן און עס איז אפילו דערגאַנגען צו סקאַנדאַלן אויף פאַרזאַמלונגען. די „שלומי אמוני ישראל" האָט אַמאָל אָראָפּגעבראַכט דעם ד"ר קאַרלעבאַך און ד"ר כהן צו רעפערירן אין אן עפנטלעכן לאָ־קאַל, זיינען די רעפערענטן געשטערט געוואָרן דורך די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. לוי גוטגעלט, די ברידער ברוך און מרדכי יפה, זיינען צוליב דעם באַשטראָפט געוואָרן פון דער פּאָליציי צו באַצאָלן 100 מאַרק יעדער. ד"ר קאַרלעבאַך און ד"ר כהן האָבן נישט פאַרענדיקט זייערע רעפעראַטן אין „לוקס", נאָר זיינען, אין דער באַג־לייטונג פון צוויי פּאָליציאַנטן, אין א דראָזשקע אָפּגעפירט געוואָרן אין פּאַרטיי-לאָקאַל, וואו זיי האָבן פאַרענדיקט זייערע פּאָרלעזונגען.

„דאָס יידישע פאָלק" (ווילנע), נומער 30, פון יאָר 1917, באַשרייבט דעם פאָרגעקומענעם אינצידענט און פּאָלעמיזירט מיט דעם „יידישן וואָרט", דעם דעמאָלטיקן אָרגאַן פון „שלומי אמוני ישראל", וואָס האָט געפּרוּווט דעם אינצידענט פאַרשטעלן אין אן אנדער ליכט, ווי עס איז פאַקטיש געווען.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַנייט איר טעטיקייט. הארטגלאס, מ. מ. לאנדוי, לוי גוטגעלט, ברידער מרדכי און ברוך יפה, געלדמאַן און אנדערע האָבן אויפגעלעבט די ציו־ניסטישע באַוועגונג.

שוין אין ערשטן מלחמה-יאָר האָבן די ציוניסטן געפירט א הייסע פּראָפּאַגאַנדע פאַר ארץ ישראל. אין שעדלעץ האָט זיך דעמאָלט באַוויזן א יידישער סטודענט, וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט די „היימלאָ־

זע". דער סטודענט האָט זיך באוויזן אין די ציוניסטישע קרייזן און פאַרגעליינגט צו שאפן א יידישן לעגיאָן וואָס זאָל קעמפן קעגן די טערקן און געווינען ארץ ישראל פאר א יידיש לאנד. דאָס איז געווען נאָך איידער זשאבאָטינסקי האָט געשאפן דעם יידישן לעגיאָן.

דער דאָזיקער געדאנק האָט מיטגעריסן מיט זיך א סך יידישע יוגנטלעכע אין שעדלעץ, וועלכע האָבן זיך אָרגאניזירט אויף א קאָנספּיראַטיוון אופן. דער סטודענט אליין, וועמענס נאָמען איז געבליבן אומבאַקאנט, האָט זיך מיט זיין פּלאן געווענדעט צום אדוואָקאט גרוזענבערג קיין פּעטערבורג. גרוזענבערג האָט דעריף געענטפערט, אז דאָס גרינדן א לעגיאָן קאָן שאַדן ברענגען דעם ציוניזם אין טערקיי. די יוגנטלעכע ציוניסטן האָבן זיך אָבער גענומען גרייטן צו א „מארש" אויף ארץ ישראל, פון וועלכן עס איז, פארשטייט זיך, גאָרנישט ארויסגעקומען.

אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה, ווען הונגער און נויט צווישן דער יידישער און פּוילישער באפעלקערונג איז געווען געוואלדיק, אין טויזנטער ארבעטסלאָזע האָבן זיך ארומגעדרייט איבער די שעדלעצער גאסן, האָבן יונגע ציוניסטן זיך פארשטענדיקט מיט דעם פּריץ פון זשעלקאָווער גוט (עטלעכע קילאָמעטער פון דער שטאָט), וועגן ארבעטן אויף זיינע פּעלדער. די יוגנטלעכע האָבן זיך געוואָלט קוואליפיצירן אין דער לאנדווירטשאפט, כדי נאָך דער מלחמה צו קאָנען עולה זיין קיין ארץ ישראל. אויף א וואָגן געשפּאנט מיט פּערד, איז א גרופּע אָפּגעפאָרן אין פּריצס גיטער. זיי האָבן זוכה געווען צו א קבלת־פּנים פון דער צארישער פּאָליציי, וועלכע האָט גענאָך געהאט די מאכט אין שעדלעץ. די פּאָליציי האָט די יונגע חלוצים פארהאלטן ביי דער ראסקאשער בריק, אלס פארדעכטיקע „רעוואָלוציאָנערן". די ארעסטירטע איידער זיי זיינען גענומען געוואָרן צו אן אויספאָרשונג, האָבן נאָך באוויזן צו פארניכטן די שקלים, פּ. א. פּ. מארקן (פּאלעסטינער ארבעטער פאָנד). ערשט נאָך דעם ווי דער פּריץ האָט אינטערווענירט איז די גרופּע באפרייט געוואָרן 91).

לאנג האָבן די יידישע יוגנטלעכע נישט געארבעט. ווייל דער דרוק פון ארבעטסלאָזע פּאָליאקן אויפן פּריץ איז געווען גרויס. ער האָט געמוזט ברעכן דעם קאָנטראקט מיט די יידן, און צונעמען אויף זייער אָרט פּאָליאקן.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן איבערגענומען די מאכט אין שטאָט, האָט די ציוניסטישע באוועגונג זיך לעגאליזירט. מ׳האָט געקענט זען אין די שעדלעצער גאסן ווי מ׳טראָגט דעמאָנסטראטיוו קרן־קימת־פּושקעס.

די באלפור־דעקלאראציע, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם 2טן נאָוועמבער 1917, האָט געהאט א גרויסן אָפּקלאנג אין שעדלעץ. ס׳איז

פאַרגעקומען א גרויסע פארזאמלונג. איינער פון די רעפערענטן איז געווען מרדכי־מאיר לאנדוי, אן איידעם פון י. נ. וויינטרויב. דער יונגער לאנדוי האָט זיך אזוי עמאָציאָנירט פון דער גרויסער היסטאָרישער גע־שעעניש, אז בעת דער רעדע, ציטירנדיק די ווערטער פון ר׳ יהודה הלוי: „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך״, האָט ער באקומען א הארץ־אטאקע, אוועקגעלייגט זיך קראנק און איז אין א קורצער צייט ארום גע־שטאָרבן 92).

נאָך פאר דער פארעפנטלעכונג פון דער באלפור־דעקלאראציע האָט זיך אין שעדלעץ אָנגעהויבן פארשטארקן די „פועלי־ציון״־פארטיי, וואָס האָט נאָך געפירט אן אומלעגאלע טעטיקייט אין די צארישע צייטן. די „פועלי־ציון״ האָבן געדונגען א לאָקאל און געעפנט די ארבעטער־היים. די פארטיי האָט זייער א סך געוואונען מיט דעם, וואָס יוסף סלושני איז אריין אין אירע רייען. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען נאָענט צו דער ציוניסטישער באוועגונג און אָנגעהערט צו דער „צעירי־ציון״־פראקציע.

נאָך דעם ווי ער איז געווען געצוואונגען, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, צוריקצוקומען פון ארץ ישראל קיין שעדלעץ, איז ער אין יאָר 1916 אריינגעטרעטן אין דער „פועלי־ציון״־פארטיי און באלד גע־וואָרן שטארק אקטיוו. ער האָט פיל מיטגעווירקט ביים אָרגאניזירן די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען.

דעם 1טן מאַי 1917 האָט סלושני אָנגעפירט מיט אן ארבעטער־דעמאָנסטראציע אין שטאָטישן פארק. פאָליציי האָט צעיאָגט די דע־מאָנסטראנטן און סלושני איז געוואָרן פארוואונדעט און ארעסטירט. באלד נאָכדעם איז ער געשטעלט געוואָרן פאר א געריכט און פאר־משפט געוואָרן אויף צוויי חדשים תפיסה.

קולטור־ און שול־טעטיקייט

די העברעאישע אָוונט־קורסן און יידישע גימנאזיע

אויף דער איניציאטיוו פון די דערמאָנטע ציוניסטישע טוער ל. גוטגעלט, ברידער מרדכי און ברוך יפה, מ. מ. לאנדוי, וואָלף טוכקלא־פער און סטודענט גאלאנסקי 93) איז חול־המועד סוכות תרע״ו (1915) צונויפגערופן געוואָרן א פארזאמלונג, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באטיי־ליקט שילער פון די העכערע קלאסן פון דער רוסישער גימנאזיע, חסי־דישע בחורים און האלבע משכילים. די פארזאמלונג האָט באשלאָסן צו עפענען אָוונט־קורסן.

פון די העברעאישע אָוונט־קורסן האָבן געשעפּט גייסטיקע קרעפטן די „צעירי־ציון״־פּארטיי, די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, דער „החלוץ״, „השומר־הצעיר״, פּארשידענע זעלבסטבילדונג־קרייזן, דער טורן־ און ספּאָרט־פאראיין און נאָך א סך אנדערע. די קורסן האָבן עקסיסטירט לאנגע יאָרן. סטאטיסטישע ציפערן האָבן באוויזן, אז קנאפּע טויזנט יוגנטלעכע האָבן זיך אויסגעלערנט די העברעאישע שפּראך אויף די קורסן, דערוואָרבן קענטעניש אין יידישער געשיכטע און אין דער העברעאישער ליטעראטור.

צווישן די לערער און תלמידים פון די אָוונט־קורסן האָט געהערשט די לאָזונג: „שפתנו אתנו — מי יוכל לנו״.

אין דער זעלבער צייט, ווען עס זיינען געגרינדעט געוואָרן די העברעאישע אָוונט־קורסן, זיינען קיין שעדלעץ אָנגעקומען צוויי שוועסטער יהודית און בראניסלאַווא האלבערשטאט. זיי, צוזאמען מיט יאדוויגא ביאלער, האָבן געעפנט א פיר־קלאסיקע מיידל־גימנאזיע. די ענערגישע פריילינס האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף קיין שום פינאנציעלע שוועריקייטן, אין וועלכע די גימנאזיע האָט זיך כסדר געפונען און זי אויסגעהאלטן עטלעכע יאָר. אין יאָר 1922 האָט יהודית האלבערשטאט באַשלאָסן פאָרצוזעצן איר שטודיום און איז צוריקגעפאָרן אין איר היימשטאָט ווארשע, וואו זי האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געענדיקט די „וושעכניצע״ און איז אָנגעקומען אלס לערערין אין דער פּרויענשול פון פּרוי דיקשטיין. דאָס פארלאָזן שעדלעץ דורך יהודית האלבערשטאט האָט גורם געווען צום שליסן זיך פון דער גימנאזיע.

דער ערשטער „חדר מתוקן״ אין שעדלעץ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1915 א דאנק דער איניציאטיוו פון מאָניש רידעל. ביז דער צייט זיינען אין שטאָט געווען חדרים פון אלטן טיפּ. אין א קליין און דומפּיק צימער האָט דער רבי מיטן קאנטשיק געקנעלט מיט די תלמידים פון דערפרי ביז שפּעט אין דער נאכט. שרייבן האָט מען די תלמידים נישט געלערנט. מיטן עפענען דעם „חדר מתוקן״ האָט דאָס טראַדיציאָנעלע שולוועזן באקומען א נייע פאָרם.

דער חדר מתוקן „תורה ודעת״ האָט געהאט פיר קלאסן. צוויי שעה אין טאָג האָט מען געלערנט שרייבן, לייענען, אריטמעטיק און צייכענען. די תלמידים זיינען געווען געקליידעט אין אוניפאָרמען. דאָס דערשיינען פון לערער אין קלאס, אָדער דאָס פארלאָזן דורך אים דעם קלאס נאָך דער לעקציע איז אויפגענומען געוואָרן דורך אויפשטעלן זיך פון די תלמידים פון זייערע זיצפּלעצער. דער „חדר־מתוקן״ האָט בלויז עקסיסטירט עטלעכע יאָר און איז געשלאָסן געוואָרן דורך דער פּאָליציי. ווען רידעל האָט אינטערוועניר בײַ דער מאכט, האָט מען אים גע־

ענטפערט אז דער חדר ווערט געשלאָסן, ווייל די תלמידים טראָגן היט־לען מיט ווייס-בלויע דענקעס.

אויך ;די ליטעראריש-קינסטלעריש-מוזיקאלישע געזעלשאפט „יידי־שע קונסט" („הזמיר") האָט אויפגעוואכט. די קולטורעלע אויפלעבונג פון יידישן שעדלעץ אין יענער צייט האָט געפונען איר אויסדרוק אין א קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ס'האָט פארעפנטלעכט קלמן לעוואַרטאָווסקי (שפּעטער „בר-לבב") אין דער דעמאָלטיקער העברעאישער טאָגצייטונג „הצפירה" (ווארשע). ער האָט געשריבן:

אונדזער רואיקע און באשיידענע שטאָט האָט אין א געוויסער מאָס געענדערט איר אויסערלעכן אויסזען דערמיט, וואָס זי איז איבערגעגאנ־גען פון איין בעל־הבית צו אַן אַנדערן. ווי נאָר זי האָט זיך באפרייט פון רוסישן „סטראזשניק", האָבן די יוגנטלעכע אָנגעהויבן צו קומען צו זיך. יוגנטלעכע פון חסידישע הייזער האָבן געגרינדעט העברעאישע אָוונט־קורסן. עס האָט זיי פארשטענדלעך אָפּגעקאָסט שטארקע מי און שווערע ליידן, ווייל ביז היינט קוקן אויף זיי די חסידים מיט א שלעכט אויג, ווי אויף פארברעכער און זינדיקע, ווייל זיי האָבן געגרינדעט אַן אינסטי־טוציע צו לערנען העברעאיש. אָבער דאָך האָבן זיי זיך נישט אָפּגע־שטעלט פאר קיין שום זאַך. די קורסן אנטוויקלען זיך גוט. ביי היינטיקן טאָג לערנען דאָרט קרוב צו צוויי הונדערט שילער פון אלע פאַלקסשיכטן.

די אינטעליגענטע יוגנט האָט אויפגעלעבט דעם „הזמיר", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין אונדזער שטאָט מיט אכט יאָר צוריק, נאָר די רוסישע מאכט האָט געשטערט זיין טעטיקייט, ביז ער האָט לחלוטין אויפגעהערט צו עקסיסטירן. לעצטנס האָבן זיך פארזאמלט די קולטורעלע יוגנטלעכע און אויפגעלעבט דעם „הזמיר". ראשית, זיינען ווערבירט געוואָרן א סך נייע מיטגלידער. מיט זייער הילף האָט מען געדונגען א בנייעם לאָקאל, א גרעסערן ווי דער פריערדיקער. ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן א לייענזאל און א צימער צו שפּילן אין שאך. אין אלגעמיין איז „הזמיר" געוואָרן א צענטראלער פונקט, וואָס איז נויטיק יעדן יוגנטלעכן, וועלכער האָט נאָר גייסטיקע פאָדערונגען. הגם דער „הזמיר" האָט נאָך נישט אויסגעפירט אפילו א קליינעם טייל פון דעם, וואָס ער דארף אויפטאָן אלס קולטור־אינסטיטוציע, ווי למשל: דאָס איינאָרדענען רעפעראטן איבער יידישער געשיכטע, — דאָך האָפט מען אָבער, אז אין א צייט ארום וועט די אינסטיטוציע זיך איינפונדעווען, און ערשט דע־מאָלט וועט זי דערפילן אירע אויפגאבן ווי ס'דארף צו זיין.

פאראכטאָגן דינסטיק (ל' כסלו), האָט די פארוואלטונג פון די העברעאישע אָוונט־קורסן איינגעאָרדנט א מכבי־אָוונט. דער אָוונט איז דערעפנט געוואָרן דורכן לערער ע. גאָלדפארב מיט א העברעאישער רע־דע, וואָס האָט ממש דערהויבן דעם גייסט פון די פארזאמלטע. דערנאָך

זיינען געזונגען געוואָרן פאַרשידענע לידער אין העברעאיש און אין יידיש דורך א כאָר. ס׳זיינען אויך דעקלאַמירט געוואָרן פאַרשידענע שאַ־פונגען אין העברעאיש און יידיש, לסוף איז פאָרגעקומען א פאָרוויילונג א. נ. „די פליענדע פאָסט״. די מערהייט בריוו זיינען געשריבן געוואָרן אין העברעאיש. אויף דער פאָרוויילונג זיינען געקומען דייטשע אָפיצירן, צווישן זיי אויך הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייטן, ווי למשל דער שטאָט־וויצע־גובערנאַטאָר, וועלכער האָט צו זיך איינגעלאַדן דעם ח׳ וו. טוכ־קלאַפּער, אויף וועמענס נאָמען ס׳איז געגעבן געוואָרן די לעגאַליזאַציע, אים געדריקט פריינדלעך די האַנט און אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט פון אָוונט״ 94).

אזעלכע זיינען געוועזן די דייטשן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אין שטאָט געעפנט פיר קינדער־היימען: „הרצליה״ ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, קינדערהיים אויפן נאָמען פון הרב ריינעס — ביי „מזרחי״, ב. גראָסער־קינדערהיים — ביים „בונד״ און ב. דינעזאָן־קינדערהיים — ביי די פאָלקיסטן, וועל־כע האָבן אויך געעפנט א פאָלקסשול פאַר 150 קינדער, אין דער שול איז די אונטערריכטס־שפּראַך געווען יידיש.

אויך די ביבליאָטעק ביי דער געז. „יידישע קונסט״ האָט זיך אַנט־וויקלט און די צאָל לייענער איז געוואַקסן, ביזן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איך איבער 600, ווי ס׳באַווייזן פאָלגנדיקע ציפערן:

צאָל לייענער אין די יאָרן 1913—1918

יאָר	מענער	פרויען	סך־הכל
1913	153	110	263
1914	184	119	303
1915	305	184	489
1916	375	225	600
1917	322	251	573
1918	372	266	638

ביי דער „יידישער קונסט״ איז אויך געגרינדעט געוואָרן א דראַמאַ־טישע סעקציע אונטער דער רעזשי פון יעקב טענענבוים, וועלכער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער דאָ־זיקער קולטור־אינסטיטוציע. עס זיינען געשפּילט געוואָרן פאָלגנדיקע פּיעסן: „שבעה נאָך א פערד״, קאָמעדיע אין דריי אקטן פון י. טענענ־בוים, אונטער דער רעזשי פון אויטאָר. די פּרעמיערע איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1917 אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט. די פּיעסע האָט

געשילדערט דאָס בעל־עגלה־לעבן, און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר געזונטן הומאָר.

דאָס יידישע שעדלעץ אין באפרייטן פוילן

די דייטשע אָקופּאנטן האָבן זיך געפונען אין שטאָט ביז 1918. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין דייטשלאנד און קייזער ווילהעלם איז געצוואונגען געוואָרן צו אבדיקירן פון טראָן און אנטלויפן קיין האָלאנד. אין גאנץ פּוילן, ווי אויך אין שעדלעץ, זיינען די דייטשן אנטוואָפנט און פארטריבן געוואָרן דורך די לעגיאָנערן פון שעף פון דער שפּעטערדיקער ארמיי און מארשאל פון פוילן — יוזעף פּילסודסקי.

אויך שעדלעצער יידן זיינען פרייוויליק אריינגעטרעטן אין די פּילסודסקי־לעגיאָנען: עס זיינען באקאנט די נעמען פון פאָלגנדיקע יידישע פּילסודסקי־לעגיאָנערן: מאָטל פייגנבוים, יעקב פעלדמאן, משה ראָזנבלאַט, ישעיהו וויסאָקי, זיינוול וויסאָקי, שמאי וויסאָקי, יאנטל וויינאפעל, פייוול ניזאק און אברהם מרוז.

אין חודש נאָוועמבער 1917, איז די דערמאָנטע גרופּע צוגעטיילט געוואָרן צום 2טן לעגיאָן־פּאָלק, וואָס האָט קווארטירט אין אָסטראָווקאָמאראָוו. די שעדלעצער גרופּע האָט געדינט אין 8טן באטאליאָן. שפּעטער איז צו דער גרופּע צוגעקומען זלמן פריילין, געוועזענער לעגיאָניסט פון שעדלעץ, וועלכער איז אינטערנירט געוואָרן אין א דייטשן לאגער פאר נישט וועלן אָפּגעבן א טרייהייט־שבועה דעם דייטשן מיליטער. און איז שפּעטער באפרייט געוואָרן צוזאמען מיט דער גאנצער גרופּע פּילסודסקי־לעגיאָנערן, וואָס זיינען דורך די דייטשן ארעסטירט געוואָרן פאר דעם זעלבן חטא. די יידישע לעגיאָנערן פון שעדלעץ האָבן זיך באטייליקט אין דער אנטוואָפענונג פון די דייטשן, וואָס עס איז דורכגעפירט געוואָרן אין ווארשע אויף דער נאוואָווייסקי־גאַס.

קיין שעדלעץ איז געקומען דער שוין דערמאָנטער זלמן פריילין. ער איז געשיקט געוואָרן מיט א געהיימער מיסיע צו דער אָרטיקער קאָמאנדע פון פּ. א. וו. וועגן דורכפירן אין שעדלעץ די אנטוואָפענונג פון די דייטשן. אן אנדער שעדלעצער לעגיאָניסט, משה ראָזענבלאַט, האָט באקומען אן ענלעכן באפעל צו פאָרן קיין לאָמזשע מיט דער זעלביקער אויפגאבע.

דעם 11טן נאָוועמבער 1918, איז אנטשטאנען די פּוילישע אומאָפּהענגיקע מלוכה. די יידישע האָפענונגען, אז דאָס פּוילישע פאָלק, וועלכעס איז געוועזן פארשקלאפט אין משך פון הונדערט פינף און צוואנציק יאָר, וועט וויסן ווי אזוי פרייהייטלעך און רעכטלעך צו באהאנדלען די יידישע בירגער, וועלכע האָבן צוזאמען מיט די פּאָליאַקן געקעמפט פאר

דער באפרייאונג פון פוילן — די דאָזיקע האָפענונגען זיינען באלד מתחילת צערונען געוואָרן. די פוילישע יידן האָבן זיך בלוטיק אנטוישט. דאָס באנייטע פוילישע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן מיט עקסצעסן און פאָגראָמען קעגן יידן.

וואָס מער די פוילישע מלוכה האָט זיך באפעסטיקט, אַלץ מער איז געוואקסן דער אנטיסעמיטיזם. עס האָבן זיך געשאפן פוילישע ביר־גערלעכע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבן געהאט פאר א ציל אונטערצוגראָבן די יידישע עקאָנאָמישע עקסיסטענץ. אזעלכע ספּעציעל געגרינדעטע קאָאָפּעראטיוון און געזעלשאפטן ווי „ראזוואי", „בלאוואט" א. אנד. זיי־נען אויך געשאפן געוואָרן אין שעדלעץ. די געזעלשאפטן האָבן אין זייער קאָנקורענץ קעגן יידישן סוחר און קרעמער נישט אָפּגעשטעלט זיך פאר קיין שום מיטלען, כשרע ווי נישט כשרע.

די עקסטערמינאציע־פּאָליטיק פון דער פוילישער רעגירונג און דער ווירטשאפטלעכער באָיקאָט פון דער פוילישער בירגערלעכער געזעל־שאפט איז געגאנגען אין דער ריכטונג פון נישט פארקויפן און נישט קויפן ביי יידן, נישט געבן יידן קיין ארבעט־שטעלעס. רעגירונגס־בא־שטעלונגען זיינען אוועקגעגעבן געוואָרן פּאָליאקן, הגם, זיי זיינען נישט געווען קיין ספּעציאליסטן פון דעם פאך. איבער פוילן איז געגאנגען דער אנטיסעמיטישער לאָזונג: „סוואָי דאָ סוועגאָ" — אויסיידישן פוילן. אין שעדלעץ זיינען קיין יידן נישט אָנגענומען געוואָרן אלס רעגירונגס אָדער קאָמונאלע באַאַמטע. אין דער גאנצער קאָמונאלער ווירטשאפט האָט געארבעט איין יידישער שטייער־אינקאסענט. יידישע בוי־אונטערנעמער האָבן נישט באקומען קיין ארבעט. די נויט צווישן די יידישע ארבעטער איז געוואקסן.

די אנטיסעמיטישע העצע איז אָבער געגאנגען אין דער ריכטונג, אז די יידן זיינען מכלומרשט בעת דער צארישער הערשאפט געווען רוסאָפילן און באלד נאָכן אויסברוך פון רוסיש־דייטשישן קריג, פּלוצלונג געוואָרן גערמאנאָפילן, הגם א דאנק די מסירות פון די פּאָליאקן בעת דער מלחמה, האָט די רוסישע רעגירונג נישט וויניק יידן איפגעהאנ־גען, פארשיקט קיין סיביר, געזעצט אין די טורמעס, און בעת דער דייט־שער אָקופּאציע האָבן הונדערטער יידן זיך געפּייניקט אין די דייטשע תפיסות, געפאנגען־לאגערן, און פארשיקט געוואָרן אויף צוואנגסארבעט, וואו א סך זיינען אויסגעשטאָרבן, אָדער פארבליבן אייביקע קאליקעס.

א ספּעציעל אָרט אין דער אנטיסעמיטישער העצע האָט אויך פאר־נומען די באשולדיקונג, אז יידן זיינען שונאים פון א זעלבסטשטענדיק פוילן און זיינען קעגן די נאציאָנאלע אינטערעסן פון די פּאָליאקן. די דאָזיקע גיפטיקע העצע איז אריינגעדרונגען אין פוילישן פאָלק און אין דער ארמיי. ס'האָבן נישט געווירקט און געהאָלפן די פארשידענע פייער־

לעכע דערקלערונגען און פראָטעסטן פון די פאראנטוואָרטלעכע יידישע אינסטאנצן.

פארשטענדלעך, אז נאָך יעדן מיליטערישן אָדער דיפּלאָמאטישן דורכפאַל פון דער פוילישער מלוכה, זיינען יידן געווען די שולדיקע.

ס'האָט זיך געשאפן א לאגע, אז פאר א יידן איז געווען א סכנה ארויסצוגיין אין גאס. באזונדערס פאר א לאנג־געקליידעטן יידן. צו פאָרן אויף דער באן איז געווען אן אָפּקומעניש. פאר אזא „פארגעניגן" האָבן א סך יידן באצאָלט מיטן לעבן. מ'האָט באקומען טויטקלעפּ און מ'איז אָפטמאָל ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער באן אינמיטן גאנג פון צוג. יידן מיט בערד זיינען אינמיטן גאס באפאלן געוואָרן און מיט גוואלד האָט מען זיי אָפּגעשוירן און אויסגעפליקט די בערד. דערביי האָט מען מיטן באגנעט געצוואונגען די קרבנות צו מאכן פארשידענע אויסרופן: „זאָל לעבן פוילן, „זאָל פגרן דער רב". מ'האָט אויך געמוזט זינגען „מה־יפית".

יידן זיינען געשלעפּט געוואָרן צו מיליטערישע ארבעטן, יעדער אָפיציר און זעלנער האָט געקענט כאפּן יעדן ייד אויף ארבעט, אָן אונ־טערשייד פון עלטער, נישט אויסמיידנדיק שבתים און ימים־טובים, אויף דער גאס צי אין שטוב, אָדער פון בית־המדרש, בעת אָדער נאָכן דאווי־נען, נישט אכטנדיק אויף זיין געזעלשאפטלעכער לאגע: א דאָקטער, א רב, א ראטמאן. אזוי זיינען אין שעדליץ באפאלן געוואָרן אשר ארזשעל און ישראל גוטגעלט,ביידע ראטמענער. גוטגעלט האָט אין שעדלעצער קרייז געצייכנט די גרעסטע סומע אויף דער מלוכה־הלוואה, דאָס האָט אים נישט געראטעוועט פון באפאלן ווערן. ביידע יידישע רעפּרעזענ־טאנטן זיינען געשלעפּט געוואָרן צו ארבעט. דערביי זיינען זיי דורכ־געגאנגען אלע דעמאָלטיקע יידישע פּיין — געפליקט בערד, געשלאָגן מכות אכזריות. מ'האָט ביי זיי נישט בלויז אראָפּגעצויגן די שיך און מלבושים, נאָר אויך צוגענומען וואָס נאָר זיי האָבן געהאט ביי זיך, צווינגענדיק צו זינגען און צו מאכן די שוין באקאנטע אויסרופן. מ'האָט זיי אָפּגעלאָזט אהיים נאָך 3-2 טעג.

אלע פּראָטעסטן און ווענדונגען ווענגן דעם אומרעכט, וואָס ווערט באגאנגען קעגן זיי, האָבן נישט געהאָלפן. עס האָט אויך נישט געווירקט די בקשה צו רעגולירן דעם סיסטעם פון נעמען צו דער ארבעט, פאר־פליכטנדיק זיך פרייוויליק צו צושטעלן די נויטיקע צאָל ארבעטער.

ביים רעקווירירן לאָקאלן פאר מיליטער האָט זיך בולט באמערקט די טענדענץ צו רעקווירירן מיינסטנס יידישע וואוינונגען און אויך לאָ־קאלן פון יידישע געזעלשאפטן. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס אָנווייזן אויף לאָקאלן מער פאסנדיקע צו דעם צוועק. יידישע דעזערטירן האָט מען געזוכט נישט בלויז אין גאס, נאָר אויך אין די געזעלשאפטלעכע

לאָקאלן און בתי־מדרשים. די כוונה איז געווען א קלאָרע: חרוב מאכן דאָס יידישע געזעלשאפטלעכע לעבן.

אין פרילינג 1920, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פוילן און ראטנפארבאנד, האָבן אין גאנץ פוילן זיך אָנגעהויבן קעגן יידן רדיפות, וואָס האָבן נישט אויסגעמיטן אויך שעדלעץ. אויף א באפעל פון קאָמאנדאנט קראפּאָווסקי און זיין געהילף באיער זיינען אין שעדלעץ דורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס אין אלע יידישע, פּאָליטישע, קולטורעלע און ארבעטער־אינסטיטוציעס. עס איז נישט אויסגעמיטן געוואָרן אפילו די אומפּארטייאישע „יידישע קינסט", דאָס ציוניסטישע ביוראָ און די מזרחי־אָרגאניזאציע. דאָס געלט פון קרן־קימת איז קאָנפיסקירט געוואָרן. די לאָקאלן פון די געזעלשאפטן זיינען געוואָרן פארמאכט. צווישן די יידישע ארבעטער־טוער זיינען פאָרגעקומען ארעסטן. די ארעסטירטע, צווישן זיי אויך דער בונדישער טוער סלושני, זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אין דאָמביע — א קאָנצענטראציע־לאגער הינטער קראָקע.

מיטן אָפּטרעטן פון דער פוילישער ארמיי האָט זיך די לאגע נאָך מער פארשארפט. א פּאָר טעג, איידער די פוילישע ארמיי האָט זיך עוואקואירט פון שעדלעץ, איז אין שטאָט געוואָרן פאָראָרדנט א צוואנגס־עוואקואציע פון אלע מענער פון 17—40 יאָר. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א ברייט פעלד פאר שאנטאזשירן יידן. יעדער מיליטערליש „קנעפל" האָט ברייט אויסגענוצט זיין מאכט פאר פארשידענע מיסברויכן און געלט־אויספּרעסונגען פון יידן. מ'האָט נישט איבערגעקליבן — באפרייטע פון מיליטער־דינסט, יונגער פון 17 יאָר, עלטער פון 40, — וועלכער ייד עס האָט נישט געגעבן קיין אויסקויפגעלט איז מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן מיליטער אזוי ווי ער איז געשטאנען און געגאנגען. אויף יעדער אָנקלאגע האָט מען געענטפערט מיט געפעפערטע אנטיסעמיטישע וויצן, ווי למשל: איר קאָנט זיך פארקלאָגן פארן ראבינער סעמועל, אָדער גייט צו אייער פאָרשטייער מאָרגענטוי. געווען אזעלכע, וואָס האָבן גאָר גע־הייסן זיך ווענדן צו דער סיים־קאָמיסיע אויסצופאָרשן די פינסקער גע־שעענישן. דאָס איז געווען א רמז אויף דער יידישער „חוצפּה" צו פאר־לאנגען פון פוילישן סיים צו שיקן א קאָמיסיע אויסצופאָרשן דעם יום־טיצמאָרד, וואָס דאָס פוילישע מיליטער האָט אויסגעפירט איבער 22 יידישע יונגעלייט אין פינסק.

ביי אזא מצב זיינען די שעדלעצער יידן געווען געצוואונגען נישט צו ווייזן זיך אין גאס און צו שליסן די קראָמען פאר די נישט־געצוואונ־גענע קונים. דאָס האָבן אויסגענוצט די אנטיסעמיטן און אגיטירט צווישן פוילישן מיליטער, אז יידן שליסן די קראָמען, ווייל זיי ווילן נישט פארקויפן דעם אָפּטרעטנדיקן פוילישן מיליטער קיין פּראָדוקטן. עס

האָט זיך געשאפן אזא שטימונג, ווי ערב דעם שעדלעצער פּאָגראָם אין 1906 — יידן האָבן זיך באהאלטן אויף די בוידעמער, אין קעלערס און ווער עס האָט געקאָנט איז אנטלאָפן אין די וועלדער.

פון דער אומגעגנט זיינען אָנגעקומען ידיעות, אז דאָרט איז די לאַגע ערגער ווי אין שעדלעץ. ענדלעך האָט די פּוילישע ארמיי פארלאָזט די שטאָט.

נאָכן פארנעמען שעדלעץ פון דער רויטער ארמיי האָט דער טע־ראָריזירטער ייד אָנגעהייבן ארויסקריכן פון די באהאלטענע לעכער.

דאָס פלוצלונגע באווייזן זיך פון יידן אויף דער גאס איז פון די אנטיסעמיטן באלד אויסגעטייטשט געוואָרן אלס סימפּאטיע־מאניפעס־טאציע פאר די באָלשעוויקעס. פאקטיש האָט די יידישע באפעלקערונג נישט געהאט קיין סיבות דערפאר, אחוץ אפשר, וואָס מ'האָט זיי ספּע־ציעל נישט באליידיקט אָדער באַעוולט.

די פּרייזן אויף די ארטיקלען פון ערשטן געברויך האָבן גענומען שטייגן פון טאָג צו טאָג. דער דוחק אין פּראָדוקטן און דער יקרות אין שטאָט האָט געצוואונגען די יידן צו גיין אין דאָרף קויפן שפּייז און צאָלן לעגענדארישע פּרייזן. די סוחרים פון אלע מאגאזינען, אָן אונטער־שייד פון קוואליטעט און קוואנטיטעט — פון דאמענהוטן, מאנופאקטור ביז שפּילצייג — זיינען ווי קינסטלעך, צי מ'האָט געדארפט, צי מ'האָט נישט געדארפט, אויסגעקויפט געוואָרן, די רויט־ארמייער האָבן געצאָלט מיט סאָוועטישע רובל לויט א פּאָראַיִים פעסטגעשטעלטן פּרייז, וואָס איז ווייט געווען פון פאקטישן ווערט פון רובל. פאר נישט פארקויפן האָט געדראָט קאָנפיסקאציע פון דער סחורה.

ביי דעם דאָזיקן מצב, ווען דער סוחר האָט געמוזט נעמען א פּרייז לויט דעם פאקטישן ווערט פון סאָוועטישן רובל, האָבן זיך באוויזן מכלומרשטע פריינד, וועלכע האָבן „אויפגעקלערט" די רויט־ארמייער, אַז די יידן ווילן זיי עקספּלואטירן. אזוי האָט זיך געצויגן פון 7טן ביזן 10־טן אויגוסט.

אין דעם טאָג זיינען פון לוקאָוו און אדאמאָוו געקומען צולויפן קיין שעדלעץ הונדערטער דערשראָקענע יידן, מענער און פרויען, יונג און אלט, און דערקלערט, אז די פּוילישע באפעלקערונג האָט זיי געדראָט מיט נקמה פאר דער כלומרשטער סימפּאטיע און הילף פאר דער אָפּ־טרעטנדיקער רויטער ארמיי. זיי ווידער, די סאָוועטישע מיליטערלייט, האָבן פאָרגעלייגט צו אנטלויפן, פארזיכערנדיק, אז די צוריקקומענדיקע פּוילישע ארמיי וועט זיי אויסשעכטן, ווי עס איז געווען אין אוקראַינע און ווייסרוסלאנד.

אין עטלעכע שעה שפּעטער האָט די רויטע ארמיי דאָס זעלבע גע־מאָלדן די יידן אין שעדלעץ. די שרעק פאר אָנקומענדיקן פּוילישן מילי־

טער האָט געווירקט אויף יידן און מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער ארמיי, איז אין דער בהלה אנטלאָפן א באדייטנדיקער טייל יידן פון פארשידענע שיכטן און עלטער. אזוי זיינען אוועק די ארבעטער, וואָס זיינען געווען באשעפטיקט אין אנשטאלטן פון סאָוועטישן מיליטער. א מורה הוראה מיט זיין 10-יעריקן זון, מיליטער-פּליכטיקע יונגעלייט, וואָס האָבן מורא געהאט, אז מ׳זאָל זיי נישט פארשיקן אין א לאגער, סתם עלטערע יידן און אויך די אלע, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די וועגן מחוץ דער שטאָט.

נאָך 7 טעג זיין אין שעדלעץ האָט די רויטע ארמיי פארלאָזט די שטאָט און עס איז אָנגעקומען פּויליש מיליטער. זיי האָבן געפירט מיט זיך געפאנגענע באָלשעוויקעס און... אנטלאָפענע יידן, צעקלאפּטע און צעביילטע, אָדם נאקעט, נישט צו דערקענען קיין מענטשלעכע צורה. די ערשטע זעלנער האָבן שוין באוויזן ארייַנצוברעכן זיך אין יידישע וואוינונגען און האָבן געשלאָגן, ראבירט און פארניכטעט.

די פּוילישע פּני פון דער שטאָט, וועלכע האָבן ווייזט אוים מורא געהאט, אז אין שעדלעץ זאָל זיך נישט איבערחזרן קיין 1906 (שעדלע-צער פּאָגראָם), וואָס עס וואָלט נישט געווען אויף דער האנט פון דער פּוילישער אינטערנאציאָנאלער פּאָליטיק — האָבן ארויסגעלאָזט אן אויפרוף צו דער פּוילישער באפעלקערונג, אין וועלכן עס איז פעסטגע-שטעלט געוואָרן די יידישע לאָיאַליטעט בעת דער אָקופּאציע פון דער רויטער ארמיי. דער אויפרוף האָט אָבער נישט געהאט קיין שום וויר-קונג אויף דער מיליטערישער מאכט — מ׳האָט קיין יידישע דעלעגא-ציע נישט צוגעלאָזט צום פּוילישן מלוכה-נאטשאלניק און ארמיי-פירער, יוזעף פּילסודסקי און אויך נישט צום פּרעמיער-מיניסטער ווינצענטי וויטאָס — געווירקט האָבן באזונדערס די פאלשע קלאנגען, וואָס מ׳האָט פארשפּרייט, אז די יידן, זאָלן כלומרשט האָבן באגעגנט די באָלשעוויס-טישע ארמיי מיט... ברויט, זאלץ און בלומען.

דער סאָציאליסט ראָמאן באסקי האָט אין פּוילישן סאָציאליסטישן „ראָבאָטניק", געשילדערט די וויטערדיקע פּרטים, וואָס מיר ברענגען לויט דער „הצפירה" (95) וואָס באווייזן גאנץ בולט ווי אזוי עס האָט זיך געשאפן דער בילבול אויף דער שעדלעצער יידישער באפעלקערונג, אז א יידישע דעלעגאציע האָט אויפגענומען די רויטע ארמיי מיט ברויט, זאלץ און בלומען.

ראָמאן באסקי שרייבט:

„דאָנערשטיק, דעם 10טן אויגוסט, האָט זיך די פּאָליציי עוואקואירט פון שעדלעץ, אין שטאָט האָט זיך אָרגאניזירט א בירגערוואך, וועלכע האָט איבערגענומען די אויפגאבן פון דער פּאָליציי. אין פארלויף פון טאָג האָבן זיך געהערט ביקסנשאָסן, וועלכע זיינען באגלייט געוואָרן מיט האר-

מאטן־דונערן. דאָס זיינען געווען די לעצטע פוילישע זעלנער, וואָס זענען קואירענדיק זיך האָבן זיי געשאָסן אויף די באָלשעוויסטישע חילות.

א זייגער אכט אָוונט זיינען אוועק פון שעדלעץ קיין ווארשע די לעצטע פוילישע זעלנער. אין שטאָט האָט געהערשט א געשפאַנטע שטיל־קייט. יעדע מינוט איז דערוואַרט געוואָרן דאָס אָנקומען פון מיליטער פון רויטן לאגער. די שטאָט־פארוואלטונג און די ראטמענער האָבן זיך פארזאמלט אין מאגיסטראט.

פלוצלונג איז אָנגעקומען אן אויטאָמאָביל און האָט זיך פארהאלטן פארן מאגיסטראט. פון אויטאָ זיינען ארויס צוויי הויכגעשטעלטע פוי־לישע רעגירונגס־מענטשן, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן זיינען זיי דע־לעגירט געוואָרן פון דער פוילישער רעגירונג, דאָס זיינען געווען מוכ־נאצקי און סטאמיראווסקי. זיי האָבן זיך געפרעגט וועגן דער סאָוויעטי־שער דעלעגאציע פאר וואָפנשטילשטאנד, מיט וועלכער זיי האָבן געהאט בדעה צו פארהאנדלען".

די אָנוועזנדיקע מיטגלידער פון דער שטאָט־פארוואלטונג האָבן גע־ענטפערט, אז קיין סאָוויעטישע דעלעגאציע פאר וואָפנשטילשטאנד איז אין שטאָט נישטאָ, דערפאר אָבער דערווארט מען יעדע מינוט דאָס אָנ־קומען פון באָלשעוויסטישן מיליטער קיין שעדלעץ.

די פוילישע דעלעגאטן האָבן באשלאָסן צו ווארטן.

שנעל האָבן זיי צוגעגרייט א ווייסע פאָן און זי ארייגעשטעקט אין זייער אויטאָמאָביל, גלייכצייטיק איז געשיקט געוואָרן א גרופע פון דער מיליץ צום מעזריטשער שאָסיי, כדי צו מעלדן די אָנקומענדיקע באָלשעוויקעס וועגן דער פוילישער דעלעגאציע, וועלכע דערווארט זיי אין שעדלעץ. ס'איז אָבער געשען אזוי, אז דאָס באָלשעוויסטישע מילי־טער איז אריין קיין שעדלעץ דורכן מארדער שאָסיי, און די גרופע מילי־ציאָנערן וואָס איז געשיקט געוואָרן צום מעזריטשער שאָסיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטאָט אריין, ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך שוין דאָרט געפונען.

דאָס ארויסשיקן די גרופע מיליציאָנערן מחוץ דער שטאָט, איז נישט געבליבן אָן וועלכן ס'איז רעזולטאט. צופעליק איז אין דער דאָזיקער דעלעגאציע געווען א יידישע מערהייט, האָט זיך פארשפרייט א קלאַנג, אז די יידן זיינען ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין די באָלשעוויקעס. נאָר מענטשן מיט א רייכער פאנטאזיע האָבן זיך אנדערש נישט געקענט פאָרשטעלן די דאָזיקע באגעגעניש ווי נאָר מיט ברויט, זאלץ און בלומען. אנדערש קען עס דאָך נישט זיין, אויב מ'נעמט זיי אויף ביים אריינגאנג אין שטאָט, איז דאָך א פארשטענדלעכע זאך, אז מ'נעמט זיי אויף מיט ברויט און זאלץ, הגם קיין מענטש האָט נישט געזען, נישט דאָס ברויט און נישט דאָס זאלץ.

אנדערש איז די זאך מיט די בלומען, וועלכע האָט א באזונדערע געשיכטע: דער באָלשעוויסטישער רעגימענט וואָס האָט קווארטירט אין שעדלעץ האָט געהאט אן אָרקעסטער, וועלכער פלעגט טאָג־איין טאָג־אויס שפּילן אונטערן פרייען הימל. איז געשען אמאָל א שבת, דער איינציקער שבת, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן זיך געפונען אין שעדלעץ, ווען דער באָלשעוויסטישער אָרקעסטער האָט געשפּילט עפּעס א וואַלץ אָדער גאָר א מארש, האָט וועלכעס עס איז יידיש דינסטמיידל, וואָס האָט זיך שטארק ענטוזיאזמירט פון שפּילן — געגעבן עטלעכע בלומען איינעם א טראָמפּייטער. דאָס איז דער גרונט פון קלאנג וועגן אויפנעמען די באָלשעוויקעס מיט בלומען. אָט דאָס איז דער יסוד פון אלע בלבולים וואָס האָבן זיך געשאפן קעגן דער יידישער באפעלקערונג".

די יידן אין שעדלעץ זיינען ווידער געוועזן עדות ווי טאָג־טעגלעך האָבן זעלנער ביי א געזאנג פון אנטיסעמיטישע לידער און ביי דער מיטהילף פון פּויערים, געשלעפּט אין שטאָט הונדערטער יידן, צעשלאָגענע, צעביילטע, נאקעטע, אויסגעמאטערטע, צווישן זיי א סך אין גוסס־דיקן צושטאנד. זיי זיינען ארייינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה, אָן מע־דיצינישער הילף און אָן א טראָפּן וואסער. דאָ זיינען ווידער די אומ־גליקלעכע אין קעגנווארט פון אָפיצירן, באאמטע און דיפּלאָמירטע אינ־טעליגענטן, געפּייניקט געוואָרן אויף אן אכזריותדיקן אופן.

די ארעסטירטע אין דער תפיסה האָבן שפּעטער איבערגעגעבן, אַז אין דער אומגעגנט איז די גאנצע יידישע באפעלקערונג אין א נישט בעסערן מצב, און אז אויך אויף די וועגן און אין די פעלדער ליגן א סך דערמאָרדעטע יידן. אנדערע זיינען דערטרונקען געוואָרן אין בוג. צווישן זיי: הערשל סוכאדאלסקי, יצחק שטיינבערג, משה יאגאָדזשינ־סקי, א מלמד, אין עלטער פון 70 יאָר, ברידער שמואל און יצחק וויינ־טרויב. עס ליגן אויך מתים מיט אויסגעשטאָכענע אויגן און צעשפּאָלטע־נע שארבנס, וועלכע מ'האָט נישט געקענט דערקענען.

אויך די יידן אין שעדלעץ גופא זיינען דורכגעגאנגען גיהנום־פּיין. ווי דורך א צייכן האָבן באוואָפנטע באנדעס, אָנגעפירט פון א המון, זיך ארייינגעריסן אין די פארבאריקאדירטע יידישע הייזער, אכזריותדיק גע־שלאָגן יונג און אלט, אויך פרויען, וועלכע זיינען פארגוואלטיקט גע־וואָרן. א סך מאנספּערשוינען זיינען געכאפּט געוואָרן אויף ארבעט. מ'האָט זיי גענומען צום טרייבן בהמות, טראָגן משאות. נאָך 4-5 טעג זיינען א טייל אהיים געקומען צעשלאָגן, צעביילט, נאקעט און באָרוועס. א טייל זיינען שוין מער נישט געקומען אהיים, זיי זיינען אויף אן אכזריותדיקן אופן דערמאָרדעט געוואָרן און ארייינגעוואָרפן געוואָרן אין גרובנס אויף די וועגן, וואוהין מ'האָט זיי פארשלעפּט. צווישן די פארפּייניקטע האָבן זיך געפונען: יהיאל ריכטער, 67 יאָר אלט, בונם פרידמאן און מענדל דיקשטיין.

די באשולדיקטע פאר א פעלדגעריכט

גלייכצייטיק האָט דאָס פעלדגעריכט במשך פון א מעת-לעת פאר־משפּט און דערשאָסן א סך יידן פון שעדלעץ און אומגעגנט. צווישן זיי: אברהם גרינשפּאן, שלמה שפּיגלמאן, ישראל סארני, משה ניטקע, הערש ווארשאווסקי, משה בלומבערג, נתן פילע, יהודה גוויאזדע, משה ווייצ־מאן, הערשל פּאָפּאָווסקי, הערש אובפאל, פנחס ווייסבערג, יוסף שטיינ־בערג, משה מענדעלסאָן, חיים גאָלדבערג, ישראל ריבאק, מתתיהו מאנ־דעלבוים, עובדיהו גאָלדמאן, אברהם גאלאווסקי א. א. פיל מינדעריערי־קע איז דער טויטאורטייל פארביטן געוואָרן אויף 10 יאָר שווערע תפיסה. צווישן זיי: אלחנן-מרדכי נאַאוטשיטשעל, משה גוטגאָלד, זאלצשטיין א. אנד. די ערשטע דערשאָסענע איז געלונגען צו ברענגען צו קבר ישראל, די איבעריקע זיינען געבליבן באגראָבן ביים וואלד, דאָרט וואו מ'האָט זיי דערשאָסן.

די אלע פארמשפּטע האָט מען נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט זיך צו פארטיידיקן; פיל פון זיי, נישט פארשטייענדיק קיין פּויליש, האָבן נישט געוואוסט וואָס מען פרעגט זיי און וואָס מ'באשולדיקט זיי.

די פונקציאָנירנדיקע פעלדגעריכטן און די טויטאורטיילן אויף יידן, זיינען מיט אָנערקענונג אויפגענומען געוואָרן פון דער פּוילישער צייטונג „קוריער פּאָראנני". די פּוילישע צייטונג האָט פּרובירט צו גלאָרי־פיצירן די אורטיילן פון מיליטערישן פעלדגעריכט, און פאַרגעשטעלט די יידישע קרבנות ווי מיטארבעטער מיט דער באָלשעוויסטישער אר־מיי. ספּעציעל פארנעמט זיך דער „קוריער פּאָראנני" מיט גרינשפּאנען און שטעלט אים פאָר אלס ווארשעווער, וועלכער איז געקומען קיין שעד־לעץ כדי צו אמטירן אלס סעקרעטאר פון דעם באָלשעוויסטישן קאָמי־טעט. דער אמת איז, אז אברהם גרינשפּאן איז געוועזן א זון פון א שעדלעצער סוחר פייוול גרינשפּאן. ער איז געוועזן א ציוניסט. און אפילו א מיטגליד פון ציוניסטישן ראט. ער האָט געארבעט אלס באאמטער אין שעדלעצער מאגיסטראט. די געשיכטע, אז אברהם גרינשפּאן זאָל האָבן געוועזן סעקרעטאר פון באָלשעוויסטישן קאָמיטעט איז געוועזן אן אויסגעטראכטער בילבול, וועלכן ס'האָט אויף אים געמאכט דער דע־מאָלטיקער שטאָט-פּרעזידענט און שפּעטערדיקער סטאראָסטע פון שעד־לעצער קרייז — קאשלאטש.

אין דעם ליגנערישן באריכט פון „קוריער פּאָראנני", וועלכער איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין „הצפירה" 96) לייענען מיר:

„די באָלשעוויסטישע אָנהענגער, וועלכע זיינען געכאפּט געוואָרן מיט געווער בעת דעם צוריקקערן זיך פון פּוילישן מיליטער קיין שעדלעץ, זיינען געשטעלט געוואָרן פאר א פעלדגעריכט. די צאָל באשולדיקטע

דערגרייכט ביז 400. דאָס זיינען יידן, די מערהייט פון זיי זייַנען נישט קיין שעדלעצער, נאָר דעזערטירן פון פוילישן מיליטער, וואָס זיינען צו־געשטאַנען צו דער באַלשעוויסטישער אַרמיי און געקעמפט קעגן אונדזע־רע פּאָזיציעס.

אין ערשטן טאָג פון זיין אמטירן האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגן צען טויטאורטיילן פאַר באטייליקן זיך אין א באוואָפנטער אקציע קעגן דעם פוילישן מיליטער.

טויטאורטיילן זיינען אויסגעפירט געוואָרן בלויז אויף פינף פאַר־משפטע, די איבעריקע פינף איז דער טויטאורטייל פאַרביטן געוואָרן אויף קאַטאָרגע, ווייל די פאַרמשפטע זיינען מינדעריעריקע.

צווישן די דערשאָסענע געפינט זיך עפּעס א גרינשפּאַן, אַן אבסאָל־ווענט פון דער וואַרשעווער האַנדלסשול אין וואַרשע. גרינשפּאַן איז גע־קומען קיין שעדלעץ א טאָג פאַרן אַנקומען פון די באַלשעוויקעס אין שטאָט אַריין, און די גאַנצע צייט פון זייער זיין אין שעדלעץ, איז ער געווען דער סעקרעטאַר פון אָרטיקן קאָמוניסטישן קאָמיטעט".

באריכט פון א. ז. האַרטגלאַס וועגן טעראָר קעגן יידן

ווי נאָר ס׳האָט זיך איינגעשטעלט א באַן־קאָמוניקאַציע, איז גע־לונגען מיטצוטיילן קיין וואַרשע דעם יידישן סיימקלוב ביים צייטווייַ־ליקן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט וועגן דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין שעדלעץ. קיין שעדלעץ איז אַראָפּגעקומען, נאָך א דריי־טאָגיקער רייזע, דער סיים־דעפּוטאַט אדוו. א. האַרטגלאַס, וועלכער איז אויסגע־ווילט געוואָרן אין שעדלעצער קרייז.

א דאַנק זיינע באַמיאונגען האָבן זיך אין שטאָט באַוויזן פּאַטרולן, און אָפּגעהאַלטן די צוווילדעוועטע זעלנער פון זייערע בעסטיאַלישע מעשים. ס׳איז שוואַכער געוואָרן דאָס כאַפּן אויף אַרבעט. עס איז ווייַ־טער אָבער געווען א סכנה צו באַוועגן זיך מחוץ דער שטאָט.

די לאַגע פון די אַרעסטירטע איז ווייטער געווען א שרעקלעכע, זיי זיינען געלעגן אין ענגע, שמוציקע קאַמערן, מיט אומבאַשרייבלעכע שמערצן פון די וואונדן, אָן וועלכער ס׳איז מעדיצינישער הילף, הונגע־ריק, דאָרשטיק און נאַקעט. קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס אים דערוואַרטעט. צי מיט אים וועט דער רב נישט דאַרפן זאָגן קיין ווידוי.

א דאַנק די באַמיאונגען פון דעפּוטאַט האַרטגלאַס איז דערלויבט געוואָרן פון דער שטאָטישער פּאָלקסקיך ווי אויך פון דער יידישער באַפעלקערונג אַריינצוטראָגן עסן אין טורמע פאַר די בערך 2,000 אַרעס־טירטע, ס׳רוב אָבער האָבן זיך מיט דעם עסן באַנוצט אַנדערע: בעת מ׳האָט געבראַכט דאָס עסן, האָט די טורמעמאַכט אַרויסגעלאָזט די

אויסגעהונגערטע געפאנגענע באָלשעוויקעס און זיי האָבן צונעכאפּט די שפייז.

דעפּוטאַט הארטגלאס האָט אויסגעפאָרשט אלץ, וואָס איז פאָרגע־קומען מיט די יידן און צוגעשטעלט א באריכט דעם קלוב פון די יידי־שע נאציאָנאלע סיים־דעפּוטאטן. אין באריכט, וועלכן מיר ברענגען פון דער העברעאישער טאָגצייטונג „הצפירה“ פון 3טן סעפטעמבער 1920, דערציילט זיך פאָלגנדעס:

„דער אלגעמיינער רושם, וואָס די שטאָט האָט געמאכט דעם 23סטן אויגוסט איז געווען זייער א טרויעריקער. די יידישע קראָמען זיינען גע־שלאָסן אויס מורא פאר רויבערייען, וואָס דערגייען צו רציחות. געווען פאלן פון פייניקן מענטשן. טייל האָבן דורך טעראָריזירן צוגענומען געלט און זאכן, נאָך איידער עס זיינען געקומען די באָלשעוויקעס. בעת עס איז צוריקגעקומען דאָס פּוילישע מיליטער זיינען אין שטאָט כסדר פאָרגעקו־מען עקסצעסן. מ'האָט אָפּגעשניטן ביי יידן די בערד און די מאַכט האָט נישט געשטערט.

ווען דאָס פּוילישע מיליטער האָט פארלאָזט די שטאָט איז ארויס־געגעבן געוואָרן א באפעל, אז בירגער אין עלטער פון 17—40 יאָר דארפן פארלאָזן שעדלעץ. צוליב דעם האָבן א סך יידן זיך באהאלטן אין די קעלערס און אויף די בוידעמס אויס מורא, זיי זאָלן נישט אָפּגעריסן ווערן פון זייערע משפחות. ווען די באָלשעוויקעס זיינען אריין קיין שעד־לעץ האָבן יידן געפּרואווט ארויסקריכן פון זייער באהעלטעניש און צו באווייזן זיך אין די גאסן, וואָס עס האָט געגעבן די מעגלעכקייט געוויסע עלעמענטן פון דער פּוילישער באפעלקערונג, באזונדערס פון צווישן די ארבעטער, צוגעבן זייערע פרושים צו דעם, וואָס מ'זעט די יידן אויף דער גאס.

טראָץ דעם בלבול פון „זשעטשפּאספּאליטא“, האָט קיין שום יידישע דעלעגאציע נישט אויפגענומען די באָלשעוויקעס מיט א באגריסונג. די באָלשעוויקעס האָבן נישט ארויסגעוויזן קיין שלעכטע באציאונג, זיי האָבן נישט גערויבט און באצאָלט פאר אלץ מיט מזומן, רעכנענדיק א פּוילישן מארק פאר א סאָוויעטישן רובל.

ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך באזעצט אין שטאָט האָבן די אר־בעטער־קרייזן, פּוילישע און יידישע, אָנגענומען א שטעלונג פון סימפּאַ־טיע. די פּ. פּ. ס. אין שעדלעץ האָט דעם 14טן אויגוסט ארויסגעגעבן אן אויפרוף, אין וועלכן זי האָט אויסגעדריקט איר הסכם מיט די באָלשע־וויקעס און גערופן זיי צו העלפן קעגן דער פּוילישער בורזשואזיע. (אַ קאָפּיע פון דעם דאָזיקן אויפרוף איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אינערן־מיניסטער). די יידישע קאָמוניסטן האָבן, בכלל, נישט שלעכט זיך אויפ־געפירט. זיי האָבן נישט געמסרט קיין קריסטן פאר די באָלשעוויקעס.

פארקערט: פוילישע בירגער פון די ארבעטער־קרייזן האָבן געהעצט די באָלשעוויקעס קעגן די יידן, באשולדיקנדיק די יידישע סוחרים אין נעמען ליכוועפרייזן. מ׳האָט געפירט די רויטע מיליץ און די באָלשעוויסטישע מאכט אין יידישע הייזער. אחוץ דעם האָבן די אָנהענגער פון די באָלשע־וויקעס זיך אויפגעפירט חוצפהדיק און מיט כוח אָפּגעריסן די היטן פון די קעפּ פון מענטשן אָן אונטערשיד פון רעליגיע. די דאָזיקע לייט העצן איצט דאָס פוילישע מיליטער אויף די יידן.

דער באָלשעוויסטישער „רעווקאָם״ (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט) איז מתחלת געווען צוזאמענגעשטעלט פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: 1 פּאָלאק פון רוסלאנד, 1 ייד און 1 משומד פון רוסלאנד, וואָס האָט שפּעטער פאר־נומען דאָס אָרט פון פּאָלאק. דער ראיאָן־קאָמיסאר איז געווען א פּאָלאק, א פריערדיקער באאמטער פון שעדלעצער מאגיסטראט, אויך דער אפּראָ־וויזאציע־קאָמיסאר איז געווען א פּאָלאק — א געוועזענער שעדלעצער ראטמאן, דער קאָמענדאנט פון שטאָט — א פּאָלאק פון רוסלאנד, דער פארטרעטער פון אפּראָוויזאציע־קאָמיסאר און לייטער פון דער קרייז־קאָמיסיע — א פּאָלאק פון שעדלעץ. בראש פון דער רייטער־מיליץ איז געשטאנען דער פּאָלאק לוקאָווסקי פון שעדלעץ. די רויטע מיליץ איז באשטאנען פון הונדערט פערזאָן, אין גרעסטן טייל פּאָלאקן — באַן־ארבעטער און הויזוועכטער.

די מיליץ האָט געפייניקט די בירגער און זיי בארויבט. די יידן, וואָס זיינען געווען באשעפטיקט אין דער רויטער מיליץ זיינען על פּי רוב אנטלאָפן, איידער עס איז געקומען דאָס פוילישע מיליטער. די פּוי־לישע מיליציאָנערן זיינען געבליבן און איצט געהערן זיי צו דער בירגער־וואַך. בכלל זיינען מיט די באָלשעוויקעס געקומען אין קאָמיטעט — יידן פון די ארבעטער־קרייזן און פּאָלאקן האלבע אינטעליגענטן.

איידער נאָך עס איז אָנגעקומען דאָס פוילישע מיליטער, האָט שוין צווישן די יידן אויסגעבראָכן א בהלה. עס זיינען געקומען יידן פון קאָצק, זשעלעכאָוו און פארטשעוו און האָבן פארשפּרייט ידיעות, וואָס עס האָט איבערגעגעבן דער באָלשעוויסטישער קאָמענדאנט פון לוקאָוו, אז יידן וועלן אויסגעהרגעט. די דאָזיקע ידיעה האָט אויסגעזען צו זיין אמת. מיט א וואָך צוריק, דעם 6טן אויגוסט, האָט דער גלח האלבערשטאט מודיע געווען דעם רב, אז עס גרייט זיך א פּאָגראָם אויף יידן. אויב דאָס וועט געשען וועלן די קאשטשאלן זיין אָפן, אז די יידן זאָלן זיך קאָנען דאָרט באהאלטן. צוליב די דאָזיקע קלאנגען האָבן די יידן אָנגעהויבן צו אנט־לויפן פון דער שטאָט אין די וועלדער. ספּעציעל זיינען געלאָפן די יידן אין עלטער פון 17—40 יאָר, וועלכע האָבן נישט פארלאָזט די שטאָט, לויט דעם באפעל, צוזאמען מיטן פוילישן מיליטער און האָבן זיך איצט געשראָקן פאר ווערן צוגעצויגן צו פאראנטוואָרטלעכקייט. אחוץ דעם

האָבן זיך אויך א סך יידן געפונען אויסער דער שטאָט, ווען די באָלשע־וויקעס זיינען אוועק. די דאָזיקע יידן זיינען פשוט אוועק פון שטאָט אין די דערפער צוליב הונגער און זיי האָבן געוואָלט אָפּקויפן ביי די פויערים דאָס רעשט אויסצוגראָבן קארטאָפל. זיי האָבן פארשטארקט די בהלה.

ווען דאָס פוילישע מיליטער איז אריין אין שטאָט האָט עס תיכף גענומען שלאָגן יידן, בארויבן זיי און אָפּטאָן געוואַלט־מעשים קעגן יידן, וואָס זיינען אנטלאָפן פון דער שטאָט און זיינען איצט צוריקגעקומען. די יידן האָט מען געהרגעט אויף די וועגן און אין די דערפער, אין בראשקאָוו האָט מען געהרגעט דעם מלמד יאגאָדזינסקי, א זקן פון 70 יאָר. על פּי נס איז ניצול געוואָרן דער ייד, וועמענס קינדער האָבן געלערנט ביים מלמד. אין די וועלדער ארום שעדלעץ האָט מען ביז איצט געפונען 20 גע־הרגעטע יידן.

ווען איך בין געווען אין שעדלעץ האָט מען פון גאַליצקער וואלד געברענגט 4 הרוגים. א באאמטער פון קרייזגעריכט, וואָס האָט געזען די טויטע, האָט איבערגעגעבן, אז זיי זיינען געווען אזוי צעשטאָכן, אז עס איז אוממעגלעך געווען זיי צו דערקענען. צווישן די געהרגעטע האָט זיך אויך געפונען דער ייד סוכאדאלסקי, וואָס איז אנטלאָפן פון דער אלגע־מיינער בהלה. די מערדער בארעכטיקן זייערע רציחות מיט דעם, וואָס די יידן זיינען געכאפּט געוואָרן מיט געווער אין האנט אדג״ל. דאָס איז דער הויפּט־עיקר פון דער לעגענדע וועגן די 500 באוואָפנטע יידישע קאָמו־ניסטן. ווי מ׳שמועסט זיינען איצט פאראן איבער טויזנט ארעס־טירטע יידן.

צוזאמען מיט דעזערטירן איז דעם 25סטן אויגוסט, לויט א געריכט־אורטייל דערשאָסן געוואָרן דער ציוניסט אברהם גרינשפאן, ווייל ער האָט געארבעט ביי די באָלשעוויקעס.

איך האָב אינטערווענירט לטובת די יידן, ביים שטאָט־קאָמענדאנט ה׳ פּר. יוזווי, וועלכער האָט איבערגענומען די מאכט דעם 25סטן אויגוסט. דער קאָמענדאנט האָט, באמת, גענומען מיט ענערגיע אונטערדריקן די אומאָרדנונגען. ער האָט ארויסגעשיקט גרופּן פון אָפיצירן, וועלכע באמיען זיך אויפצוהאלטן די אָרדנונג און ער האָט אָנגעהויבן קומען צו א הסכם מיטן מאגיסטראט און קהילה וועגן איינשטעלן די ארבעט אויף דעם אופן, אז דער שלעכטער פּעריאָד זאָל קאָנען באטראכט ווערן ווי געענדיקט.

עס איז זייער נויטיק שפּייז און נישט קיין געלט, ווייל דער בויקאָט קעגן יידן איז דערגאנגען צו אזא מדרגה, אז מ׳שטויסט ארויס די יידן פון די רייען פאר די שפּייזגעוועלבער און די פּאָליציי קאָן זיך נישט אנטקעגנשטעלן. די יידן וויל מען גאָרנישט פארקויפן. ווי וויט עס האָט זיך געשטאַרקט די שנאה צו יידן, קאָן מען זען פון דעם אויפרוף, וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין שעדלעץ דעם 8טן אויגוסט און די אויס־

בעסערונגען, וואָס זיינען אין אים געמאכט געוואָרן דעם 21סטן אויגוסט. אויף די אויסבעסערונגען האָט זיך אונטערגעשריבן דער פּרעזידענט פון דער שטאָט ה׳ קאשלאטש, א העפלעכער און א יושרדיקער מענטש, הגם נישט קיין יידנפריינד און דעריבער איז נישט קיין ספק, אז די אויסבעסערונגען זיינען געמאכט געוואָרן אונטער דער השפעה פון דער עפנטלעכער מיינונג. עס איז אינטערעסאנט, אז אין דער צווישנצייט פון פארעפנטלעכן דעם אויפרוף ביזן מאכן די אויסבעסערונגען אין אים, איז געווען אין שעדלעץ דער פּרעמיער־מיניסטער וויטאס און אויך ער איז געווען קעגן פארשפרייטן דעם אויפרוף, וועלכן עס האָט באשלאָסן דער יידיש־פּוילישער ראט.

דעם 27סטן אויגוסט האָב איך באקומען א ידיעה, אז די עקסצעסן איבער יידן, און דאָס כאפּן אויף צוואנגסארבעט אין שעדלעץ האָט אויפגעהערט.

מיר גיבן דאָ איבער דעם אויבנדערמאנטן אויפרוף און די אויסבעסערונגען וואָס זיינען אין אים געמאכט געוואָרן:

„צו די איינוואוינער פון שעדלעץ:

ווידער איז געקומען אויף אונדז דער גליקלעכער מאָמענט, אויף וועלכן מיר האָבן געוואַרט: פון אונדזער שטאָט איז ארויס דאָס פיינטלעכע מיליטער. דעם דאָזיקן טאָג דארפן מיר פייערן מיט דער גאנצער פייערלעכקייט און פרייד ווי עס פאסט פארן פּוילישן פאָלק. דערוויילזיינען די ערשטע מינוטן פארשוועכט געוואָרן דורך אָנפאלן אויף יידן. דאָס פּוילישע פאָלק, וואָס האָט נישט איין מאָל געברענגט פרייהייט פאר אנדערע פעלקער, קאָן אזעלכעס נישט טאָן. אמת, צווישן די יידן זיינען פאראן אזעלכע, וואָס באציען זיך צו אונדז מיט שנאה, אָבער מיט דער גאנצער אנטשלאָסנקייט זיינען מיר מודיע, אז די יידישע בירגער זיינען פאר דער עקסיסטענץ פון דער פּוילישער מלוכה. מיר פאָדערן פון אלע איינוואוינער פון אונדזער שטאָט, אז זיי זאָלן נישט פארשוועכן אונדזער יום־טוב־טאָג דורך אָנפאלן אויף בירגער, אונדזערע שכנים. עס איז נויטיק צו אָננעמען א שטעלונג פון בארואיקן די צעהיצטע געמיטער. מ׳דארף זיך באמיען דורך איינפלוס און פאסיקע רייד צו די מער צעהיצטע, אז עס זאָל איינגעשטעלט ווערן רו צווישן די בירגער. עס זאָלן אויסגעמיטן ווערן יעדע אָנפאלן און געוואלט־מעשים אויפן לעבן פון אלע בירגער און זייער פארמעגן. זאָל קיין שום מענטש נישט אליין מאכן קיין זעלבסט־געריכט. יעדעס פארברעכן וועט ווערן אויפגעדעקט און די שולדיקע אין אלערליי אָנפאלן אויף דער פּוילישער מלוכה און אויף די פארשידענע בירגער, די שולדיקע אין צונעמען פרעמד פארמעגן און אין פארשידענע געוואלט־מעשים, וועלן איבערגעגעבן ווערן צום געריכט. אויף צו באַשטראָפן פאר די פארשידענע עוולות, וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן דורך

אונדזערע שונאים, יידן אָדער פּאָלאַקן — געפינען זיך דאָ אויף אונדזער ערד געהעריקע אינסטאַנצן און אין הימל איז דאָ א גאָט.

פּאָלאַקן! זייט געטרייע זין פון אייערע העלדישע עלטערן און אור־עלטערן, וועלכע האָבן געטראָגן פרייהייט און גערעכטיקייט און אויב איר זעט, אז מ'באַגייט זיך שלעכט מיט די בירגער, אייערע שכנים, ווענ־דעט זיך תיכף צו די אינסטיטוציעס, וועמענס אויפגאַבן איז צו היטן די רו און אָרדנונג אין אונדזער שטאַט.

הענריק פּזשעדעצקי — ביסקופּ פון פּאָדלאַשע,
א. כזשאַנאָווסקי — פּאָרזיצער פון שולראַט,
מ. שימאַנסקי — קאָמענדאַנט פון דער בירגערוואַך,
עדמונד קאַשלאַטש — פּרעזידענט פון דער שטאָט שעדלעץ.

שעדלעץ, דעם 18טן אויגוסט 1920." 97).

הילף פאַר די געליטענע

במשך פון עטלעכע טעג, האָבן זיך צום שעדלעצער הילפס־קאָמי־טעט, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פון „דזשאָינט", געווענדעט אַן ערך אכט הונדערט געליטענע, וועלכע האָבן אויפן סמך פון א שריפטלעכער באַשטעטיקונג פון נישט ווייניקער פון צוויי עדות, פּראָטאָקאָלאַריש פעסטגעשטעלט די איבערגעלעבטע פּיין, אכזריותן, שאָדנס אין געלט, חפצים, לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר, סחורה, מלבושים, וועש, און דגל. אלץ איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף א סומע פון 11 מיליאָן מאַרק, בערך.

לויט פאָלגנדיקן חשבון:

שאָדנס	פאַרן אָפּטרעטן פון דער פּויליש. ארמיי	נאָכן צוריקקומען פון דער פּויל. ארמיי	צוזאַמען
אין מזומן — —	75.235 מאַרק	1.002.345 מאַרק	1.077.580 מאַרק
„ צירונג — —	53.800 „	636.630 „	690.430 „
„ סחורה — —	822.500 „	2.090.686 „	2.913.186 „
„ סעדער, גערטנער	880.100 „	49.200 „	929.300 „
„ וואַרשטאַטן —	62.100 „	58.300 „	120.400 „
„ אינווענטאַר —	368.300 „	1.105.000 „	1.473.300 „
„ מלבושים, שיך און וועש — —	491.360 „	3.197.989 „	3.689.349 „
סך־הכל —	2.753.395 מאַרק	8.140.150 מאַרק	10.893.545 מאַרק

סך־הכל האָט שעדלעץ געליטן שאָדן אויף 545, 893, 10 מאַרק 98).

דער דערמאָנטער שעדלעצער קאָמיטעט, טראָץ זיינע באַמיאונגען אין צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע, איז נישט געווען בכוח נישט בלויז אומצוקערן די געליטענע וועלכן ס'איז קלענסטן טייל פון די שאָדנס, נאָר אפילו די אָרעמסטע נישט געקאָנט באַזאָרגן מיט אַרטיק־לען פון ערשטן געברויך פאַר א ביליקערן פּרייז ווי אין גאַס. א באַ־דייטנדער טייל פון דער שעדלעצער יידישער באַפעלקערונג און יידן פון אומגעגנט, זיינען געווען הונגעריק, באָרוועס און נאַקעט. ס'איז האַרצרייסנד געווען צו זען די פאַרצווייפלטע לאַגע פון די יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס זיינען פאַרן אומגליק גע־ווען פאַרמעגלעך. זיי האָבן באַלאַגערט טאָג־טעגלעך דעם לאָקאַל פון קאָמיטעט, געלאָפן פון איין מיטגליד צום צווייטן און אַוועק אָן הילף, ווייל דער קאָמיטעט איז געווען הילפלאָז. ס'זיינען געגעבן געוואָרן פאַרשידענע שטיצעס אין פּראָדוקטן און מלבושים פאַר אַן ערך 200.000 מאַרק, אחוץ דער שטענדיקער סובסידיע פאַר דער פאָלקסקיך, און דאָס איז געווען ווי א טראָפּן אין ים. ביי דער געלעגנהייט דאַרפן דערמאָנט ווערן מיט דאַנק די שעדלעצער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, וועלכע האָבן צוגעשיקט פינף הונדערט דאָלאַר.

דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט האָט אויך בשום אופן נישט געקענט באַפרידיקן די בקשות פון יידן אין די חרובע שטעטלעך און דערפער, וועגן קויפן פאַר זיי אויף די ימים־נוראים וויניקסטנס צו איינציקע טליתים און ספרי־תורות אויפן אָרט פון די, וועלכע זיינען געשענדעט און פאַרניכטעט געוואָרן.

די יידישע באַפעלקערונג איז שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן. אויף צו שטיצן וויניקסטנס די אָרעמסטע מיט ברויט, קאַרטאָפל און הילף — ווען דער ווינטער האָט זיך דערנענטערט — האָבן זיך געפאָדערט, ביים דעמאָלטיקן יקרות, קאָלאָסאַלע סומעס. דער קאָמיטעט האָט געפאָדערט אפילו די נויטיקע סומעס צו שטעלן פאַרטיידיקער צו די צענדליקער פּראָצעסן, בעת וועלכע אַן אַדוואָקאַט וואָלט געקאָנט פיל אַרויסראַטע־ווען פון טויטשטראָף אין צענדליקער יאָרן תפיסה! ס'איז שוין דערגאַנ־גען אַזוי ווייט, אַז אין יום־כּפּור פון יאָר תרפ"א (1920) האָט מען אין שעדלעץ ביים דאַווענען מעבר התפילה געווען און געזאַמלט געלט צו שטעלן פאַרטיידיקער פאַר די באַשולדיקטע.

ווי האָט אויסגעזען די באָלשעוויסטישע אָרדענונג אין שעדלעץ

די וואַרשעווער „הצפירה" פון 1920, נומער 183, האָט געשריבן, אַז דער יידישער פּרעסע איז נישט דערלויבט געוואָרן צו שיקן אירע

קאָרעספּאָנדענטן אין ד מלחמה-געביטן. די „הצפירה" באנוצט זיך דעריבער מיט די מאטעריאלן פון די פּוילישע צייטונגען, אויפן סמך פון וועלכע זי באמיט זיך צו שילדערן פאר די לייענער, ווי אזוי עס האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין דער קורצער צייט בעת די באָלשעווי־קעס האָבן געוועלטיקט אין די פּוילישע שטעט. די העברעאישע צייטונג נעמט נישט אָן קיין שום שטעלונג צו די געבראכטע פאקטן אין די קאָרעספּאָנדענצן פון די פּוילישע צייטונגען. ווייל, — שטרייכט אונטער די צייטונג — זי האָט נישט קיין שום מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די ידיעות און זיי אויסצופאָרשן. דאָרט זיינען פאראן א סך אומפּינקטלעכ־קייטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן מיט א ספּעציעלער כוונה.

דער ווייטער געבראכטער באריכט איז פון י. ש., דער קאָרעס־פּאָנדענט פון פּוילישן סאָציאליסטישן „ראָבאָטניק" (אָרגאן פון פּ. פּ. ס.), וועלכער איז געפאָרן צוזאמען מיט דער זשורנאליסטן־דעלעגאציע. ער דערציילט וועגן שעדלעץ:

„די באָלשעוויקעס זיינען אריינגעקומען קיין שעדלעץ דינסטיק, דעם 6טן אויגוסט 1920, אינמיטן נאכט. אויף צו מאָרגנס אָוונט האָט זיך באוויזן דער באפעל נומער 1 אין 3 שפראכן: רוסיש, פּויליש און יידיש, אונטערגעשריבן פון פאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט — אלפּע־ראָוויטש און 2 קאָמיטעט־מיטגלידער: פּאווליוק און פאנקעוויטש. אין באפעל זאָגט זיך:

„אין הסכם מיט דעם באפעל פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער דיוויזיע נ. איז באשטימט געוואָרן אין שעדלעץ אַ רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט אין די פּערזאָנען: פאָרזיצער — חבר אַלפּעראָוויטש, מיטגלי־דער — חברים פּאווליוק און פאנקעוויטש.

די גאנצע מאכט אין דער געגנט פון קרייז שעדלעץ גייט איבער אין די הענט פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט און צו אים דארפן זיך ווענדן אלע חברים ארבעטער און אלע סאָוויעטישע מענטשן, וואָס געפינען זיך אין דעם קרייז. די סטאראסטוועס, שטאָטראטן און מאגיסטראטן ווערן אויפגעלייזט און אלע באאמטע דארפן פאָרזעצן דעם דינסט אין זייערע אמטן ביז די דאָזיקע אינסטאנצן וועלן אריבערגיין אין די הענט פון דער סאָוויעטישער מאכט.

ווער עס וועט נישט אויספירן די אָנגעוויזענע באפעלן וועט בא־שטראָפט ווערן מיט דער גאנצער שטרענגקייט פון מלחמה־און רעוואָ־לוציע־צייט".

דער אויפרוף אין פּויליש איז געווען אין א צעבראָכענעם לשון...

דעם זעלבן טאָג איז ארויסגעגעבן געוואָרן א באפעל צום מילי־טער, וואָס האָט געלאגערט אין שעדלעץ. דער באפעל איז אונטערגע־שריבן געוואָרן פון דעם הויפּט פון דער דאָזיקער מיליטער־אָפּטיילונג,

און קאָמענדאַנט פון שטאָט, קאָמענדאַנט פון דער דיוויזיע — ג. יע־זשערסקי און מיליטערישער קאָמיסאַר — קאַליקאָוו. יעזשערסקי טיילט מיט אין זיין באַפעל, אַז אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג פון אָנפירער פון דער דיוויזיע הויבט ער אָן פון היינט צו דערפילן די פונקציע פון אָנפירער פון דער אָרטיקער מיליטער־אָפּטיילונג און שטאָט־קאָמענ־דאַנט. ווייטער טיילט ער מיט, אַז „די שטאָט שעדלעץ איז דערקלערט געוואָרן אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד. די מענטשן, וועגן וועלכע עס איז באַקאַנט, אַז זיי פירן אָן אַנטי־סאָוויעטישע אַגיטאַציע וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן. זיי וועלן געטויט ווערן דורך דערשיסן". אאז"וו. אויך דער דאָזיקער באַפעל איז געשריבן אין א שלעכטן פויליש.

אין צוויי טעג אַרום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער „באַפעל נו־מער 2" פון רעוואָלוציאָנערן ראַיאָן־קאָמיטעט אין שעדלעץ. דאָס אינ־טערעסאַנטסטע אין דעם באַפעל איז די ווענדונג — צו די פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, תיכף צו רעגיסטרירן זיך ביים אָנפירער פון דער אָפּטיילונג פון „רעווקאָם", ח' פּאַווליוק.

דער באַפעל נומער 3 פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, פון 14טן אױ־גוסט, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָר אין פויליש און יידיש. דער באַ־פעל דראָט מיט א שטרענגער שטראָף די אַלע, וואָס וועלן זיך פאַר־נעמען מיט שפּעקולאַציע און הייבן די פרייזן. די קראָמען און די סוחרים זיינען מחויב צו פאַרקויפן סחורות פאַר די זעלבע פרייזן, וואָס זיינען געווען איידער דאָס פּוילישע מיליטער האָט פאַרלאָזט די שטאָט. עס איז אויך פאַרבאָטן אָפּצוזאָגן זיך פון נעמען די געלט־אַסיגנאַציעס, וואָס פּוילן האָט אַרויסגעלאָזט אָדער צו רעכענען זיי נידעריקער פון באַשטימטן ווערט.

אחוץ דעם באַפעל האָט דער שעדלעצער רעוואָלוציאָנערער קאָמי־טעט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף: „צו די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פּוילן". דער אויפרוף זאָגט אָן די בשורה:

„עס איז לסוף געקומען די שעה, ווען מ'וועט דיך שוין מער נישט עקספּלואַטירן. דער פאַבריקאַנט וועט שוין נישט אַראָפּנעמען דאָס פעטע פון דיין שווער אויסגעהאָרעוועטער מי, כדי שפּעטער דיר צוצוואַרפן ברעקלעך. די מחנה פון אַרבעטער־מיליטער ברענגט אייך באַפרייאונג פון עול פון דער בורזשואַזער רעגירונג און האָט נישט קיין שום פּרעטענ־זיעס אויף דער דאָזיקער ערד. דאָס איז נישט קיין מחנה פון צארישן מיליטער און פון די בלוטדאָרשטיקע פּריצים.

מיט דעם מאָמענט, וואָס עס וועט אויף דער דאָזיקער ערד געשאַפן ווערן אַן אַרבעטער־רעגירונג, א רעגירונג, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פּוילישע אַרבעטער — וועט קיין פּוסטריט פון רוסישן מיליטער נישט געפינען זיך אויפן פּוילישן באָדן".

גלייכצייטיק מיט דעם דאָזיקן אויפרוף איז אויסגעקלעפּט געוואָרן א צווייטער אויפרוף אין נאָמען פון צייטווייליקן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פון פוילן, וואָס האָט זיך גערופן „פּאָלרעווקאָם". דער דאָזיקער אויפרוף מעלדעט שוין, אז עס איז געגרינדעט געוואָרן א צייטווייליקער קאָמיטעט פון פוילן, וואָס האָט גענומען דעם רודער פון דער רעגירונג אין זיינע הענט און שטעלט זיך פאר אן אויפגאבע: ביז עס וועט געשאפן ווערן א סטאבילע רעגירונג פון ארבעטער און פויערים, צו לייגן די גרונטשטיינער פון דער קומענדיקער סאָוויעטישער אָרדענונג פון דער פוילישער סאָציאליסטישער ראטן־רעפּובליק. צו דעם צוועק ווערט דורכן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אָפּגענומען די מאכט ביי דער איצטיקער פּריציש־בורזשואזער רעגירונג און עס ווערט פארזיכערט די גאנצקייט פון דער פוילישער ערד אדג"ל.

אין משך פון דער קורצער צייט פון זייער רעגירן האָט דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט זיך פארנומען מיט פּאָליטישע ענינים. ער האָט באשטימט אן „אָנפירער מיט דער שטאָטישער ווירטשאפט", א קאָמיסאר, וואָס האָט געדארפט אָנפירן מיט דער שטאָט. דער דאָזיקער אמט איז איבערגעגעבן געוואָרן א געוויסן לעוואנדאָווסקי. ער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט מיט פארעפנטלעכן א פאראָרדענונג וועגן ריי־ניקן די גאסן און די פּלעצער, וואָס דארף אָנגעפירט ווערן דורך די איינוווינער פון די אומבאוועגלעכע גיטער.

ווי עס ווייזט אויס האָט דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט געהאלטן, אז ער וועט בלייבן אויב נישט אויף שטענדיק, איז יעדנפאלס אויף א לענגערער צייט. אלס באווייז דינט אונדז נישט בלויז די פארעפנטלעכטע באפעלן און מעלדונגען, נאָר די אָנגעוואָרפענע פּראָיעקטן אויף באפעלן, וועלכע מיר האָבן געקאָנט זען. די דאָזיקע פּראָיעקטירטע נישט פארעפנטלעכטע באפעלן רעדן וועגן סטאבילער אדמיניסטראציע־מאכט, וועגן איינטיילן די קאָמפּעטענץ, שאפן קאָמיסיעס פאר אומבאוועגלעכע גיטער אדג"ל.

דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט אויך געזאָרגט פאר צושטעלן גייסטיקע שפּייז פאר די איינוואוינער פון שעדלעץ. אונטער דער לייטונג פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון רעוואָלוציאָנערן ראט זיינען דערשינען 2 נומערן פון א וואנטצייטונג אונטערן נאָמען „ווארשאווויאנקא". דער ערשטער נומער פון 16טן אויגוסט איז פייערלעך מודיע וועגן דער גרינדונג פון „פּאָלרעווקאָם" אין ביאליסטאָק און אנטהאלט א קליין ארטיקעלע וועגן דער דעלעגאציע פון קאפּיטאליסטישן פוילן. דער צווייטער נומער און דער לעצטער, וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן דעם 17טן אויגוסט, א טאָג פארן אָפּטרעטן פון די באָלשעוויקעס פון שעדלעץ — מעלדעט פון אָנהויב מיט ריזיקע אותיות, אז די „אר־

בעטער־רעגירונג פון פוילן גייט און פאַרט קיין װאַרשע. די ארבעטער־רעגירונג ברענגט דעם פּראָלעטאריאט די באפרייאונג פון די קייטן, וועלכע עס האָבן ארויפגעוואָרפן די קאפיטאליסטן און די סאָציאַל־פאררעטער פון פּ. פּ. ס.". דער דאָזיקער נומער „װאַרשאַוויאַנקא" אַנט־האַלט אויך א ביאָגראַפיע פון מארכלעווסקי, אין וועלכער עס זאָגט זיך:

„דער פּרעזידענט פון „פּאָלרעווקאָם", דער חבר י. מארכלעווסקי, קומט ארויס פון א משפחה פון אַנגעזעענע אדלליים. ער איז א ברודער פון באוואוסטן פּראָפעסאָר מארכלעווסקי. שוין אין די יונגע יאָרן האָט חבר מארכלעווסקי איבערגעריסן זיינע באציאונגען מיט זיין פּריציש־בורזשואזער סביבה און זיך אקטיוו פארבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג פון פוילן און דייטשלאנד. חבר מארכלעווסקי האָט פארעפנט־לעכט א סך טעאָרעטישע ביכער, וואָס באהאנדלען באזונדערס די אגראַר־פראגע אין פוילן און אין דייטשלאנד".

מיט דעם נומער איז פארענדיקט געוואָרן דאָס קורצע לעבן פון „װאַרשאַוויאַנקא". אויף צו מאָרגנס מיטן אויפגיין פון מאָרגנשטערן, האָבן די באָלשעוויקעס אין בהלה פארלאָזט שעדלעץ.

**
*

די פּוילישע צייטונג „דווא גראָשע" (א יידנפרעסערישע בלאט) האָט פארעפנטלעכט א פאָטאָ־קאָפּיע פון ערשטן נומער „װאַרשאַוויאַנ־קא". וואָס שטעלט פאָר בלויז דעם טייל פון דער צייטונג, וואָס איז געווען אויף יידיש. דאָס יידנפרעסערישע בלאט האָט שטענדיק פאר־דרייט די פאקטן אזוי, זי זאָל קאָנען העצן די מאסן אויף די יידן, אָנווייזנדיק, אז זיי זיינען דאָס די באָלשעוויקעס. אלע אנדע־רע צייטונגען האָבן מיטגעטיילט, אז די „װאַרשאַוויאַנקא" איז געדרוקט געוואָרן אין צוויי שפּראכן: אין פּויליש און יידיש.

דער טעקסט פון דער באָלשעוויסטישער צייטונג איז לויט „דווא גראָשע" געווען פאָלגנדער:

„ארבעטער פון אלע לענדער פאראייניקט אייך.

„װאַרשאַוויאַנקא"

אָרגאַן פון דער פּוילישער אָפּטיילונג ביים רעוואָלוציאָנערן ראט פון דער 16טער ארמיי. חודש אויגוסט 1920.

די קוואַליעס פון דער וועלט־רעוואָלוציע פון די ארבעטער האָבן פארפלייצט אויך גאַנץ פּוילן. דער מעכטיקער פּוילישער פּראָלעטאריאט וואכט אויף און טרעט צו צו שאפן זיין ארבעטער־רעגירונג.

זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.
זאָלן לעבן די ארבעטער־ראטן.

פארזאמלונגען

אויף א זיצונג פון אלע ארבעטער־קאָמיטעטן אין שעדלעץ האָבן די פאָרשטייער פון „בונד" און „פועלי־ציון" דערקלערט, אז זיי אנערקענען נישט קיין שום רעגירונג אחוץ די ארבעטער־רעגירונג, וועלכע זיי וועלן פארטיידיקן. די פאָרשטייער פון פּ. פּ. ס. האָבן דערקלערט, אז די גאנצע פּאָליטיק פון זייער פארטיי איז געווען א פאלשע. די ארבעטער־רעגירונג וועט באפרייען פוילן פון אונטערדריקונג־יאָך.

די פארזאמלונג האָט באשלאָסן צו פאראייניקן אלע פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען אין איין שטארקן פארבאנד".

די „דווא גראָשע" האָט צוגעגעבן פאָלגנדיקן קאָמענטאר צו דער פּאָטאָקאָפּיע, וואָס זי האָט געברענגט:

„דער עקזעמפלאר פון דער יידישער, באָלשעוויסטישער „ווארשא־וויאנקא" באשטעטיקט צוויי פאקטן: א) די באָלשעוויקעס האָבן בכלל נישט געהאט בדעה צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט אונדזער שלום־דעלעגאציע. זייער כוונה איז געווען — איינגעמען ווארשע און אויפצו־שטעלן די יידיש־באָלשעוויסטישע רעגירונג, מיט וועלכער סאָוויעט־רוסלאנד וואָלט געשלאָסן א שלום. מיט אנדערע ווערטער: די יידן אין ווארשע וואָלטן געקומען צו א הסכם מיט די מאָסקווער יידן, ווי אזוי צו הערשן איבער די פעלקער פון פוילן און רוסלאנד. צו הילף וואָלטן זיך די יידן גענומען דעם „שבת גוי", די איינציקע בלוטדורשטיקע פון דעם מין, ווי דזשערזשינסקי און פרוכניאק. 2) די באָלשעוויסטישע צייטונג באשטעטיקט, אז די באָלשעוויקעס האָבן ביי אונדז געפונען פריינד צווישן די פארטייען פועלי־ציון, בונד און פּ. פּ. ס.

די פוילישע רעגירונג וועט פון דעם דארפן ציען די געהעריקע באשלוסן."

אינמיטן בושעווען פון דער אנטיסעמיטישער כוואַליע האָט דער יידישער דעפּוטאטן־קלוב אין פּוילישן סיים, אין די פּערזאָנען פון: י. גרינבוים, ה. פארבשטיין, א. הארטגלאס, אריינגעטראָגן אן אינטערפּע־לאציע צום פּוילישן פּרעמיער־מיניסטער וועגן די רציחות איבער די יידן אין פוילן.

די אינטערפּעלאציע פארנעמט זיך נישט אויסשליסלעך מיט די גע־שעענישן אין שעדלעץ, נאָר גייט ארויס פון אן אלגעמיין יידישן אס־פּעקט. עס איז אָבער באוואוסט, אז די אינטערפּעלאציע איז געשריבן געוואָרן דורכן געוועזענעם דעפּוטאט הארטגלאס, נאָך זיין באזוך אין שעדלעץ, און אויף דער קאנווע פון די איבערלעבונגען אין דער דאָזיקער שטאָט. הגם אין דאָקומענט ווערן דערמאָנט אויך אנדערע שטעט פון דער פּוילישער מלוכה, איז אָבער דערמיט נישט געמינערט די לאָקאלע

באדייטונג פון דעם היסטאָרישן דאָקומענט, וועלכן מיר ברענגען פון דער העברעאישער איבערזעצונג אין דער טאָגצייטונג „הצפירה".

אין דער אינטערפעלאַציע זאָגט זיך:

די עקסצעסן פון מיליטער־לייט קעגן די יידן, וואָס ציען זיך שוין אנדערהאלבן יאָר מיט קליינע איבעררייסן, האָבן זיך געשטאַרקט אין די ערשטע טעג ווען עס איז געוואַקסן די סכנה פון דער באָלשעוויסטישער אינוואזיע. דאָס שטאַרקן זיך פון די עקסצעסן איז באזונדערס פאַראור־זאכט געוואָרן מיט דעם וואַקסן פון דער אגיטאַציע קעגן די יידן, וועלכע ווערט געפירט דורך אויפרופן צום מיליטער, וואָס ווערן פאַרשפרייט דורך דער מאכט, ביי דער פאַרמיטלונג פון דער דרוקעריי פון „זשאָלניעזש פאָלסקי". („דער פוילישער זעלנער" — א צייטונג, וואָס איז געווען באַ־שטימט פאַרן מיליטער — י. כספי). די דאָזיקע אויפרופן פּראָפּאגאנדירן, אז יידן און באָלשעוויקעס זיינען איינס און דאָס זעלבע.

ווען דעפּ. הארטגלאס האָט דעם איצטיקן קריגס־מיניסטער און דער־מאָלטיקן וויצע־מיניסטער גענעראל סאסנקאָווסקי — אויפמערקזאם גע־מאכט אויף דעם דאָזיקן מצב, האָט דער מיניסטער אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג און צוגעזאָגט אלץ אויסצופאָרשן. טראָצדעם האָט די יידנפיינטלעכע אגיטאַציע דורך אויפרופן, נישט בלויז זיך נישט אָפּגע־שטעלט, נאָר פאַרקערט — געוואַקסן צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער באָלשעוויסטישער סכנה. די סיים־דעפּוטאטן האָבן מיט אייגענע אויגן געזען ווי מיטן אויסקלעפּן און פאַרשפרייטן די אויפרופן פאַרנעמען זיך די זשאנדארמען. די אינטערווענץ ביים גענעראל סאָסנקאָווסקי האָט געגעבן דעם רעזולטאט, אז אויף די אנטי־יידישע אויפרופן אין ווארשע איז נישט געווען אָנגעגעבן דער ארויסגעבער, אָבער די עקזעמפּלארן פון דעם זעלבן אויפרוף, וואָס זיינען אין דעם אייגענעם טאָג פונאנדערגע־קלעפּט געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט פון פוילן האָבן געהאט דעם בפירושן צושריפט: ארויסגעגעבן דורך „זשאָלניעזש פּאָלסקי".

אונטער דער ווירקונג פון דער דאָזיקער אגיטאַציע האָט זיך גע־שטאַרקט דער אנטיסעמיטישער גייסט און מיטן אויגנבליק האָבן זיך גע־שטאַרקט די עקסצעסן און רויב־מעשים, וואָס זיינען אויסגעפירט געוואָרן דורכן מיליטער. נישט געקוקט דערויף, האָט די יידישע באפעלקערונג, זעענדיק די סכנה, וואָס עס באדראָט דער מלוכה, באשלאָסן צו ברענגען אלע נויטיקע קרבנות, כדי צו דערפילן זייער בירגערלעכן חוב. עס איז געגרינדעט געוואָרן א יידישער קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די מלוכה. די יידישע יוגנט און באזונדערס די אקאדעמישע און שוליוגנט האָבן זיך מאסנווייז פרייוויליק געשטעלט צו די מיליטערישע ארבעטן. די סטודענ־טינס האָבן זיך געשטעלט צום סאניטארן־דינסט. דער דאָזיקער פרייווי־ליקער איבערגעגעבענער דינסט פון די יידן לטובת דער מלוכה האָט זיך

באלד אָנגעטראָפן אויף אומווילן מצד דער מאכט. די מיליטערישע מאכט האָט געשטערט דעם יידישן קאָמיטעט צו פאַרווירקלעכן די גרינדונג פון א שפיטאָל פאַר פאַרוואונדעטע זעלנער. עס איז געשטעלט געוואָרן אין ספק די עצם רעכט פון יידן אויפצושטעלן אזא שפיטאָל. די יידישע סאַניטארינס זיינען אויף א סיסטעמאטישן אופן נישט צוגעלאָזט געוואָרן אין די לאַבאָראַטאָריעס פון רויטן קרייץ. געווען אויך פאַלן, ווען יידישע פרייוויליקע זיינען נישט אָנגענומען געוואָרן אין מיליטער.

דער וואקסנדיקער אנטיסעמיטישער גייסט האָט זיך פון דער הויפּטשטאָט איבערגעטראָגן אויף דער פּראָווינץ. אונטער דער מאסקע פון נויטיקייט צו פאַרזיכערן דעם שלום אין דער מדינה בעתן קריזיס, האָט די מאכט אין א סך פאַלן ארעסטירט יידישע געזעלשאפטלעכע טוער אָן אונטערשיד פון זייערע פּאָליטישע אָנשויאונגען. עס זיינען אריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה קאָמוניסטן, סתם סאָציאליסטן און אפילו ציוניסטן און אומפּארטייאישע. עס זיינען געשלאָסן געוואָרן פארשידענע יידישע אינסטיטוציעס און געזעלשאפטן, אפילו אזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן א ווירטשאפטלעכן און קולטורעלן כאראקטער. אזעלכע פאקטן זיינען פאָרגעקומען אויפן גאנצן שטח פון אמאָליקן קאָנגרעס־פּוילן — אין ווּלאָדאָווע, נאשעלסק, זאמבאָוו, מלאווע און מעזריטש. די מאַכט אין גאליציע האָט אָפּגעוואָרפן בקשות וועגן גרינדן יידישע געזעלשאפטן מיט דעם מאָטיוו, אז דאָס זיינען אינסטיטוציעס, וואָס באדינען אויסשליסלעך יידן (אשוויענטשים, זשעזשאוו, קראקע).

ווען דער שונא האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו מאָדלין, האָט דער מיליטערישער גובערנאטאָר פון ווארשע, גענעראל לאַטינעק, ארויסגעגעבן א באפעל צו עוואקואירן די יידישע באפעלקערונג פון די ערטער נאָענט צו די פעסטונגען: נאָווידוואָר, זאקראטשים און פאמיערואוועק. די יידישע דעפּוטאטן, וואָס האָבן אָנגעפרעגט די מאכט וועגן דאָזיקן ענין, האָט מען געגעבן א תשובה, אז דער באפעל איז גילטיק נישט בלויז פאַר יידן. עס איז אָבער א באשטעטיקטער פאקט, אז אין דעם דערמאנטן באפעל האָט זיך גערעדט וועגן יידן, דייטשן און רוסן און אין דער ווירקלעכקייט האָט מען פון די דאָזיקע ערטער באזייטיקט נאָר די יידן. די דירות און דאָס פארמעגן פון די יידן, וואָס האָבן פארלאָזט זייערע וואוינערטער זיינען תיכף צערויבט געוואָרן דורך די זעלנער און דעם המון פון דער קריסטלעכער באפעלקערונג, וואָס איז געבליבן אויף די ערטער.

אין דער זעלבער צייט האָט דאָס קריגס־מיניסטעריום אנטשלאָסן אָנגעוויזן די אים אונטערגעוואָרפענע אָרגאנען, תיכף צו פאַרווירקלעכן די צירקולארן, וואָס זיינען ביז יענער צייט געהאלטן געוואָרן בסוד, וועגן באזייטיקן יידישע זעלנער פון די מיליטערישע אמטן און אז די צאָל יידן, וואָס זיינען דאָרט באשעפטיקט זאָלן נישט איבערשטייגן קיין 5

פראַצענט. עס איז אויך ארויסגעגעבן געוואָרן א באַפעל וועגן שאַפן אין יאבלאנא א לאגער פאר א יידישן ארבעטער־באטאליאָן. אלע מיליטערישע פאָרמאַציעס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז זיי דאַרפן ארויסציען פון זייערע רייען די יידן און זיי אוועקשיקן קיין יאבלאנא, כדי פון זיי צו שאַפן געשלאָסענע יידישע ארבעטס־גרופּן.

דעם 15טן אויגוסט האָט מען אָנגעהויבן דורכצופירן די דאָזיקע באַפעלן. די יידישע זעלנער האָט מען ארויסגענומען פון די רייען פון די פאָרמאַציעס אין וועלכע זיי זיינען ביז יענער צייט געווען באַשטימט. אַן אויסנאַם איז געמאכט געוואָרן פאר זעלנער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער ערשטער ריי פון פראָנט. אויף א סך פון די ערטער האָט מען פון די יידישע זעלנער אראָפּגעריסן די מונדירן און אין באַגלייטונג פון א שטרענגער וואַך זיינען זיי געשיקט געוואָרן קיין יאבלאנא, דאָרט זיינען זיי געהאַלטן געוואָרן ווי ארעסטירטע. אין יאבלאנא זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן נישט בלויז די זעלנער, וואָס זיינען מאָביליזירט געוואָרן צום מיליטער־דינסט. נאָר אויך די פרייוויליקע, אפילו די יידישע מיליטער־לייט, וואָס זיינען געווען אין די לעגיאָנען און בשעתו דורכגעגאַנגען דעם לאגער אין שטשיפּיארנא (געוואָרן אינטערנירט דורך די דייטשן ערב דער באַפרייאונג פון פוילן — י. כספּי) און געהאַט אויסצייכנונגען פאר פאר־טיידיקן לעמבערג און אנדערע ערטער.

דאָס באַזאָרגן די באַדערפענישן פון די דאָזיקע ארעסטירטע זעלנער איז בּידריקער פון יעדער קריטיק. אין משך פון טעג האָבן זיי נישט באַ־קומען דאָס נויטיקסטע און ביז דער לעצטער מינוט האָט מען זיי נישט געגעבן קיין „שעניקעס" (שטרוי־מאטראצן) צום שלאָפן טראָצדעם, וואָס דער אָפיציעלער רעפעראט דערציילט עפּעס אנדערש.

ארום דעם לאגער איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א וואַך פון פויזנער זעלנער („פּאָזנאַנטשיקעס" — ווילדע אנטיסעמיטן, וואָס האָבן זיך אויס־געצייכנט מיט שניידן יידן די בערד — י. כספּי), וואָס זיינען זיך גראָב באַגאַנגען מיט די ארעסטירטע. אין רעזולטאט פון דער דאָזיקער באַהאַנד־לונג זיינען די ארעסטירטע געשלאָגן געוואָרן מכות רצח; אחוץ די שומרים, פויזנער מיליטער־לייט, זיינען אין לאגער געווען אויך פּאָלי־ציאַנטן און אנדערע אלס אויפזעער. עס איז אזוי אויסגעקומען, אז אויף יעדן זעלנער איז געווען 1 היטער.

נאָך לאַנגער שתדלנות, האָט זיך, נאָך פיר וואָכן, סוף כל סוף איינ־געגעבן צו דערגרייכן א ליקווידאציע פון לאגער אין יאבלאנא, אָבער אויך נאָך דעם ווערן די יידישע זעלנער באַהאַנדלט לויט ספּעציעלע תקנות, וואָס שליסט זיי אויס פון דעם נאָרמאַלן מיליטער. די יידישע זעלנער זיינען נישט צוריקגעבראַכט געוואָרן צו זייערע פריערדיקע מילי־טער־גרופּן, נאָר מ'האָט זיי געשיקט אין אנדערע מיליטערישע ראַיאָנען.

דאָרט באהאנדלט מען זיי ווי באשולדיקטע אין וועלכע עס איז מיליטע־רישע פארברעכנס.

אז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקטריט פון די באָלשעוויקעס, האָט מען גענומען פאַרשפרייטן קלאַנגען וועגן מכלומרשטן יידישן פאַר־ראַט. די מיטטיילונגען פון גענעראַל־שטאב האָבן איבערגעגעבן א ידיעה, אז אין שעדלעץ איז געכאפט געוואָרן א באוואָפנטע יידישע אָפטיילונג, וועלכע האָט געקעמפט אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס און אין ביא־ליסטאָק האָט דאָס פוילישע מיליטער געקעמפט מיט דער אָרטיקער יידישער באפעלקערונג, וואָס האָט געהאָלפן דער באָלשעוויסטישער אק־ציע. נאָך א געהעריקער אויספאָרשונג, וואָס איז געמאכט געוואָרן אויפן אָרט איז קלאָר געוואָרן, אז אין שעדלעץ איז נישט געכאפט געוואָרן אפילו קיין איין באוואָפנטער ייד. דער אויפרוף פון פאָרשטייער פון דער אָרטיקער פוילישער געזעלשאפט, וואָס איז פארשפרייט געוואָרן אויף צו מאָרגנס נאָכן פארטרייבן די באָלשעוויקעס, איז נישט בלויז וואָס ער דערמאָנט נישט קיין איין וואָרט וועגן א יידישער גרופע, נאָר זאָגט, אז אחוץ אויסנאמען, האָט זיך די יידישע געזעלשאפט זייער לאָיאל אויפ־געפירט.

אויך וועגן ביאַליסטאָק איז קלאָר געוואָרן, אז קיין שום קאמף מיט דער יידישער באפעלקערונג איז דאָרט נישט פאָרגעקומען. אדרבא — די פאָרשטייער פון דער פוילישער באפעלקערונג אין אָרטיקן בירגער־קאָמי־טעט קאָן נישט פאָרווארפן קיין שום באשולדיקונג קעגן יידן צוליב זייער אויפפירונג.

די לעגענדע וועגן פארראַט פון יידן, וואָס איז פארשפרייט געוואָרן דורך די ידיעות פון גענעראַל־שטאב, איז דאָך ארומגעגאנגען איבער גאנץ פוילן און אויף יעדן אָרט האָט מען גענומען באשולדיקן די יידן אין פארראַט.

די אויספאָרשונג אויף די ערטער האָט באוויזן, אז דער אָנטייל פון דער יידישער באפעלקערונג אין דער באָלשעוויסטישער אָקופּאציע־מאכט, איז געוועזן קלענער, בערך, ווי די באטייליקונג פון דער פוילישער בא־פעלקערונג, פון וועלכער נישט בלויז די סאָציאַליסטן, נאָר אויך די רעכ־טע האָבן אויף יעדן אָרט אָנגענומען אמטן ביי די באָלשעוויקעס. אזוי איז געוועזן אין מילאווע, ביאלא־פאָדלאסקי, לאָמזשע, פולטוסק א. אנד. אונטער דער באָלשעוויסטישער מאכט האָבן יידן, אחוץ דער דאָרפישער באפעלקערונג, מער געליטן פון אנדערע. ווייל פון די יידן האָט מען איינ־געמאָנט א גרויסע קאָנטריבוציע דורך קויפן סחורות, לויט די פרייזן פון דער סאָוויעטישער וואלוטע און לויט א קינסטלעך אויפגעשטעלטן קורס. די באָלשעוויקעס האָבן געזעצט אין תפיסה און פארטריבן פון זייערע וואוינערטער סיי יידן, סיי קריסטן. אויף א סך ערטער איז דער המון

געגאנגען צוזאמען מיט די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן באַרויבט דאָס פאַר־מעגן פון די יידן. אין וויסאָקי־מאזאָוויעצק, וואו די פוילישע באַפעלקע־רונג האָט זיך פארהאלטן פאסיוו צו דער באָלשעוויסטישער אָפענסיווע, האָבן די יידן אָרגאניזירט א באוואָפנטע אָפטיילונג, וועלכע האָט פאַר־טריבן די באָלשעוויקעס פון דער שטאָט.

דער ה׳ פרעמיער־מיניסטער בעת זיין באזוך אין שעדלעץ, האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען א דעלעגאציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דער זעלבער צייט איז תיכף דערשינען א פוילישער אויפרוף, וואָס האָט געהאט פאר א ציל אָפּצושוואכן די ווירקונג פון ערשטן אויפרוף פון דער פוילישער געזעלשאפט. נאָכן באזוך פון פרעמיער־מיניסטער אין פלאָצק, האָט די פוילישע אָפיציעלע טעלעגראפן־אגענטור פארעפנטלעכט א האלב־אָפיציעלע ידיעה, וואָס האָט באשטעטיקט, אז די פלאָצקער יידן האָבן געהאָלפן די באָלשעוויקעס, האָבן געגאָסן קאָכעדיק וואסער אויפן פוילישן מיליטער, זיינען געקומען אין קאָנטאקט מיטן שונא דורך גע־היימע טעלעפאָנען. די פלאָצקער שטאָט־פארוואלטונג האָט אָפּגעלייקנט די דאָזיקע רכילות, אָבער די פוילישע טעלעגראפן־אגענטור האָט פאַר־עפנטלעכט נאָר א טייל פון די דאָזיקע הכחשות.

אין די לעצטע טעג פון חודש אויגוסט איז אין טארנאָוו פאָרגעקומען א קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס האָט גערעדט דער דעפוטאט בריל — א מיטגליד פון דער פארטיי, צו וועלכער עס געהערט אויך דער פרעמיער מיניסטער. טראָץ דער שטעלונג פון הער פרעמיער־מיניסטער וועגן יידישן פארראט האָט דער דעפוטאט גערופן צו שלום. דער הער פרע־מיער־מיניסטער האָט אים נישט אָפּגעשטעלט און נישט אָפּגעלייקנט זיי־נע ווערטער. נאָך פאר דעם איידער דער איצטיקער פרעמיער־מיניסטער האָט פארנומען דעם דאָזיקן הויכן אמט, האָט דער יידיש־פוילישער ראט באשלאָסן, אז עס איז נויטיק ארויסצוגעבן אן אויפרוף צו דער פוילישער באפעלקערונג, און די רעגירונג האָט זיך פארפליכטעט ארויסצוגעבן דעם דאָזיקן אויפרוף, וועלכן מ׳האָט געדארפט באשטעטיקן, ווייל די שטעלונג פון די יידן איז פון אלע זייטן געוועזן א בירגערלעכע. ביז איצט איז דער דאָזיקער אויפרוף נישט פארעפנטלעכט געוואָרן, ווייל דער הער פרעמיער־מיניסטער האָט זיך אָפּגעזאָגט אים אונטערצושרייבן צוליב די פאקטן, וועלכע זיינען כלומרשט באשטעטיקט געוואָרן אין שעדלעץ און אין פלאָצק.

עס איז, בכן, נישטאָ זיך וואָס צו וואונדערן, אז דאָס מיליטער, וואָס איז פארסמט געוואָרן פון די מעשיות וועגן יידישן פארראט, וועגן יידן, וואָס האָבן געגאָסן קאָכעדיק וואסער אויף די פוילישע זעלנער, דאָס מיליטער וואָס איז אין משך פון חדשים דורך אויפרופן און פלאקאטן פון דער רעגירונג געהעצט געוואָרן קעגן יידן אלס באָלשעוויקעס — האָט

מסכים געווען צו דעם, אז אויף די עקסצעסן קעגן יידן זאָל אין משך פון אנדערהאלבן יאָר נישט זיין קיין שום שטראָף. דאָס דאָזיקע מיליטער האָט זיין נצחון־צוג אויף יעדן אָרט פארפלעקט מיט בלוט פון רציחות, טעראָר און רויב קעגן דער יידישער באפעלקערונג.

אין שעדלעץ האָבן זעלנער גענומען יידן צו פירן בהמות און היני־טער דער שטאָט, נאָכן בארויבן — דערמאָרדעט. אויף אזא אופן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן 7 יידן און צווישן זיי ריכטער — א זקן פון 66 יאָר און אנדערע אין עלטער פון 50 יאָר און מער. אחוץ זיי זיינען אין דער אומגעגנט פון שעדלעץ, אין די ערטער און אויף די וועגן, דערמאָר־דעט געוואָרן מער ווי צען יידן און צווישן זיי דער אלטער מלמד יאַ־גאָדזשינסקי אין עלטער פון 71 יאָר. אין דער שטאָט זיינען בארויבט געוואָרן א סך יידן. אייניקע יידישע מיידלעך זיינען געשענדעט געוואָרן. אין דעם נאָענטסטן דאָרף גוואטשעניצע זיינען אין דער שול צעריסן גע־וואָרן די ספרי־תורות און די יידן זיינען געצוואונגען געוואָרן צו צערייסן די באזונדערע טיילן פון די תורות. די יידן וואָס זיינען גענומען געוואָרן צו טרייבן בהמות און זיינען נישט דערמאָרדעט געוואָרן, זיינען געצוואונ־גען געוואָרן צו שלאָגן איינער דעם צווייטן, צו שפייען אין פנים איינער דעם צווייטן, אָפצולעקן דאָס בלוט פון די פארוואונדעטע אדג״ל.

אין מארדי איז דערמאָרדעט געוואָרן דער ייד שטיינבערג און איי־ניקע פרויען זיינען געשענדעט געוואָרן. אין דראגיטשין האָט מען ארייג־געטריבן די יידן אין טייך און א סך פון זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן אין וואסער. א טייל האָט מען געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו ראטעווען פון דערטרונקען ווערן און מ׳האָט גערופן די פויערים פון דער אומגעגנט, אז זיי זאָלן שלאָגן די געראטעוועטע. אין לאשיץ האָט מען געשענדעט א סך יידישע מיידלעך. דער גרעסטער טייל פון די דאָרטיקע יידישע איינ־וואוינער זיינען בארויבעוועט געוואָרן. די זעלנער וואָס האָבן גערויבט, זיינען צעטריבן געוואָרן דורך אן אָפיציר, וועלכער האָט זיך געבייזערט און געשריגן הויך אויפן קול, אז עס איז דערלויבט געוואָרן צו ראבע־ווען אין משך פון 24 שעה און איצט ווערט גערויבט נאָך דער באשטימ־טער צייט. די אָרטיקע פאָליציי האָט געחוזקט פון די יידן, וואָס האָבן געבעטן א באשיצונג. אין ווישקאָוו איז די קריסטלעכע באפעלקערונג גע־רופן געוואָרן אָנצואווייזן אויף די יעניקע יידן, צו וועלכע זיי האָבן טענות. אין גאווראָלין איז אָן א משפט דערשאָסן געוואָרן דער ייד רו־טענבערג, וועמען עס האָט געמסרט איינער פון די קריסטן וואָס האָט מיט דעם ייד קאָנקורירט אין מסחר. אין לאָסקאזשעוו (לאָסקעראָוו) איז אויף אן ענלעכן אופן דערשאָסן געוואָרן א יונגע יידישע פרוי. ביי לונצקי נאָענט צו פלאָצק, זיינען אָן א משפט דערשאָסן געוואָרן 2 יידן. ביי לו־קאָוו האָבן די זעלנער אָן א משפט דערשאָסן 12 יידן, וועלכע האָבן זיך

אומגעקערט פון מעזריטש. פארן טויט האָט מען די יידן געצוואונגען, זיי זאָלן אליין אויסגראָבן זייערע קברים. אין יאגאָדנע זיינען אויפן זעלבן אופן דערמאָרדעט געוואָרן 3 יידן. ביי דזשיוואָלי האָבן די זעלנער, אויף די אָנווייזונגען פון די וועגוועכטער, דערשאָסן א יידן, וואָס האָט דאָרט געוואוינט.

אין פולטוסק, יארצי, מאקאָוו, וועגנגראָוו און זאמבראָוו האָט מען געשלאָגן און געחוזקט פון די יידן. אין אָטוואָצק האָבן די זעלנער טאָג־טעגלעך געשענדעט יידישע מיידלעך נאָך פאר דעם 12טן סעפּטעמבער. אין גליניאנקע האָבן די זעלנער אָן א משפט און אין קעגנווארט פון אן אָפיציר דערשאָסן 21 יידן און געשענדעט אייניקע פרויען. פארן דער־שיסן האָט מען פון די קרבנות געטריבן חוזק. אין קאָמאראָוו, נעבן אָסטראָוו האָט א לאָמזשער פויער אויפגעהאנגען א יידן. אין מאלקין זיי־נען אָן א משפט דערשאָסן געוואָרן 6 יידן. צווישן זיי א זקן פון 71 יאָר — אליעזר קאטשער. די יידישע פרויען זיינען געשענדעט געוואָרן. אין דאָברע, ביי מינסק־מאזאָוויעצק האָבן זעלנער דערשאָסן א יידישע פרוי, ווייל זי האָט נישט געוואָלט עפענען די טיר, ווען זיי האָבן געוואָלט רויבן. ביי סקאָכאָדאָליע איז אָן א משפט דערשאָסן געוואָרן דער ייד פּלאטקאָווסקי, אין דער געגנט פון סאָקאָלאָוו, אין די דערפער און אויף די וועגן זיינען דערשאָסן געוואָרן 10 יידן בערך. אין קואימיע ביי קאָ־לושין זיינען דערשאָסן געוואָרן 16 יידן, פארן טויט האָט מען זיי גע־צוואונגען צו גראָבן אייגענע קברים. דער 16־טער איז דערהרגעט געוואָרן דורך צעשמעטערן דעם קאָפּ מיט א גראבליע. אין דעם נאָענטן דאָרף מיקאס, האָט מען אויף דעם זעלבן אופן אומגעבראכט 3 יידן. אין ריזשאן זיינען דערהרגעט געוואָרן 30 יידן און איבער די איבעריקע יידן איז געטריבן געוואָרן חוזק. מ׳האָט פון זיי אראָפּגעצויגן די מלבושים און אריינגעוואָרפן אין אן אייזגרוב.

אפילו אין וויסאָקאָ־מאזאָוויעצק, וואו א גרופּע באוואָפנטע יידן האָבן פארטריבן די באָלשעוויקעס און פון דער גרופּע זיינען געפאלן 11 פערזאָן, אפילו דאָרטן האָט מען געשלאָגן און חוזק געמאכט פון די דאָ־זיקע מיטגלידער פון דער גרופּע, וועלכע זיינען אריינגעפאלן אין באָל־שעוויסטישער געפאנגענשאפט און דערנאָך אנטלאָפן. אין די אלע דער־מאָנטע ערטער זיינען אויך אין א קלענערער אָדער גרעסערער מאָס פאר־געקומען באוואָפנטע רויבאָנפאלן.

די אויבן אויסגערעכנטע מעשים נעמען ווייט נישט ארום אלע פאר־ברעכנס, וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן קעגן דער יידישער באפעלקערונג, ווייל עס פעלן נאָך ידיעות פון א סך ערטער, באזונדערס פון לובלינער קרייז, וואו עס האָבן געווילדעוועט די פּעטלורע־לייט און די זעלנער פון באלאכאָוויטשעס גרופּע. עס איז דערוויייל באוואוסט וועגן זאמאָשטש

(די נייע שטאָט). דאָרט זיינען מאסן יידן בארויבט געוואָרן און פרויען זיינען געשענדעט געוואָרן. איין מיידל, וואָס האָט זיך פארטיידיקט קעגן שענדונג, האָט מען אָפּגעשניטן די פינגער פון די הענט. און אין וואָלאָווע זיינען יידן באגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט א. א. וו. א. א. וו. עס פעלן אויך פינקטלעכע ידיעות פון ביאַליסטאָקער אומגעגנט, וואו אויף די וועגן און אין די וועלדער זיינען צענדליקער יידן דערמאָרדעט געוואָרן.

עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אז אין א גרויסער מאָס האָבן צו די דאָזיקע אכזריותדיקע טאטן גורם געווען די מעשיות, וואָס זיינען פארשפרייט געוואָרן וועגן פארראט פון יידן. בכדי די דאָזיקע מעשיות צוצוגעבן א שיין פון אמת, זיינען הונדערטער יידן ארעסטירט געוואָרן. מ׳האָט ארעסטירט און איינגעזעצט די יידן, וואָס זיינען פריער אנטלאָפן און דעדנאָך צוריקגעקומען. זיי האָט מען באשולדיקט אין פארראט. פון גרופעס זעלנער וואָס זיינען אנטלאָפן פון באָלשעוויסטישער געפאנגענשאפט, האָט מען אויסגעקליבן די יידן און אריינגעזעצט אין תפיסה אונטער דער באשולדיקונג פון פארראט.

אייניקע יידן, וואָס האָבן געציילטע טעג געארבעט פאר פענסיע אלס באאמטע אין באָלשעוויסטישע אינסטיטוציעס, אזוי ווי עס האָבן געטאָן יידן און פאָליאקן בעת דער עסטרייכישער און דייטשער אָקופאציע, האָט מען דערשאָסן לויט אן אורטייל פון געריכט אונטער דער באשולדיקונג אין מלוכה־פארראט (מעשה גרינשפאן אין שעדלעץ). עס איז דערביי נישט גענומען געוואָרן אין אכט צי די דאָזיקע יידן קאָנען געמשפט ווערן דורך א שנעלגעריכט אין הסכם מיטן ערשטן פונקט פון באפעל פון ראט צו פארטיידיקן די מלוכה, וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן דעם 9טן אויגוסט. אויף דעם זעלבן אָרט און אין דער זעלבער צייט געפינען זיך אויף דער פריי קריסטן, וואָס האָבן געארבעט צוזאמען מיט די פארמשפטע יידן, זיינען אויסגענוצט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס און אפילו באָלשעוויסטישע קאָמיסארן, וואָס זיינען געבליבן נאָכן אנטלויפן פון די באָלשעוויקעס. אייניקע פון זיי האָבן אפילו באקומען דאָקומענטן, אז די מאכט אָנערקענט זייער דינסט ביי די באָלשעוויקעס פאר א בירגערלעכן טאט, וואָס איז געווען געריכטעט לרעה דער סאָוויעטישער מאכט אין פוילן.

אין פלאָצק האָט דאָס געריכט פארמשפט צום טויט דעם רב שפּיראָ, א מענטש, וואָס האָט גאָרנישט געהאט צו טאָן מיט קיין פּאָליטיק, אונטער דער באשולדיקונג אז ער האָט אָנגעפירט מיט דער באוועגונג פון באָלשעוויסטישן מיליטער. מ׳האָט אפילו נישט אויסגעהערט די דערקלערונגען פון עדות (יידן און קריסטן), וועלכע האָבן זיך געפונען אין געריכט און בעת דער ערשטער אויספאָרשונג האָבן זיי באשטעטיקט די אומשולד פון אָנגעקלאָגטן.

אזוי ארום ווערן אויף א קינסטלעכן אופן אויפגעבלאָזן די מעשיות וועגן יידישן פאררעאט און עס ווערן זיי צוגעגעבן נאָך מער סימנים פון אמתע פאקטן. אזוי וואקסט און שטארקט זיך די שטימונג, אויפן באָדן פון וועלכער עס ווערן געשאפן נייע ידיעות קעגן יידן.

דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט קאָן נישט באווייזן די גרונטלאָזיקייט פון די אלע באשולדיקונגען, ווייל דאָס מויל פון דער יידישער פרעסע איז געשלאָסן דורך דער צענזור. אין דער זעלבער צייט, ווען די פוילישע פרעסע גיט איבער אויסגעטראכטע קאָרעספאָנדענצן פון פלאָצק און ביאַליסטאָק וועגן יידישן פאררעאט און העצט אומגעשטערט קעגן יידן — איז די יידן פארבאָטן זיך אליין צו פארטיידיקן. יידישע צייטונגען זיינען באשטראָפט געוואָרן פאר איבערדרוקן פון דער צייטונג „נארוד" (א פוילישע נאציאָנאליסטישע צייטונג — י. כספי) אן ארטיקל וועגן יאבלאָננא.

אויף דעם דאָזיקן אופן ווערט אומגעשטערט פארשפרייט ליגן און דעם אמת פארמאכט מען דאָס מויל. עס ווערט פארטיפט ביי די פוילישע מאסן די שנאה צו יידן, וועלכע ווערן געשטעלט מחוצן געזעץ.

די אלע געבראכטע פאקטן וועגן פארברעכנס קעגן יידן זיינען שוין בשעתם איבערגעגעבן געוואָרן די געהעריקע מיניסטאָרן צוזאמען מיט די דאָקומענטן, וואָס מיר לייגן דאָ צו.

צוליב דעם אויבנגעבראכטן, שלאָגן פאָר די אונטן אונטערגעשריבענע — דער היוכער סיים זאָל באוויליקן צו באשליסן:

1) אויסקלויבן א קאָמיסיע מיט דער באטייליקונג פון פארטרעטער פון די יידישע נאציאָנאלע דעפוטאטן, וואָס זאָל ווארפן א ליכט אויף די דאָזיקע אלע פאקטן, וואָס ווערן אויבן געבראכט.

2) שטעלן צום געריכט די מענטשן, וואָס זיינען שולדיק אין ארויסגעבן באפעלן, וואָס זיינען קעגן געזעץ און זיינען שולדיק אין פארשפרייטן פאלשע ידיעות און אין אָפטאָן די פארברעכערישע מעשים, וואָס זיינען אויבן אויסגערעכנט געוואָרן.

די אינטערפעלאציע איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך י. גרינבוים, א. מ. הארטגלאס און ה. פארבשטיין.

דער יידישער נאציאָנאל־ראט אין שוץ פון דער יידישער באפעלקערונג

צום סוף פון 1918 איז אין ווארשע פאָרגעקומען א קאָנפערענץ, וועלכע האָט געדארפט צוגרייטן א יידישן נאציאָנאלן צוזאמענפאָר אין פוילן. אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטיילגענומען 498 דעלעגאטן פון 144 שטעט און שטעטלעך אין פוילן.

אין צענטראלן יידישן נאציאָנאל־ראט, וועלכער איז אויסגעוויילט

געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ איז אויך אריין מ. לאַטערמאַן פון שעד־לעץ, אלס פאָרשטייער פון דער האנטווערקער־אָרגאַניזאַציע.

דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט האָט אינטערווענירט א סך מאָל ביי דער מאכט וועגן געשעענישן אָדער עקסצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין שטאָט. אין באריכט פון צייטווייליקן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און סיימקלוב (100) געפינען מיר פרטים וועגן די אינטערווענצן פאַר דער שעדלעצער יידישער באַפעלקערונג.

אָנהויב 1919 איז אין סיים אריינגעטראָגן געוואָרן אן אינטערפע־לאציע וועגן די הריגות און גזילות איבער דער יידישער באַפעלקערונג אין שעדלעץ. די אינטערפעלאציע האָט זיך געשטיצט אויף א רייכן אינפאָרמאציע־מאַטעריאַל. אין משך פון די זומער־חדשים האָט שעד־לעץ צוגעשטעלט א גענויען פּראָטאָקאָל וועגן עקסצעסן קעגן יידן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט די זעלנער פון האַלערס אַרמיי. די עקסצעסן זיינען געקומען אלס פועל־יוצא פון דער אגיטאַציע פון דער אנטיסעמיטישער פּרעסע און פון העצאויפרופן.

אין יענער צייט האָבן אין די מזרח־געביטן זיך געפונען א סך היימלאָזע, אנטלאָפענע פון רוסלאַנד. צוליב דעם, וואָס די פּוילישע מאכט האָט געוואָלט ארויסשיקן די אנטלאָפענע פון די מזרח־געביטן, האָט דער קלוב געמוזט אינטערווענירן, כדי אָפּצוראַטעווען די פּליטים פון ארויסגעשיקט ווערן. א דאַנק דער אינטערווענץ פון קלוב איז דער־לויבט געוואָרן די אנטלאָפענע פון בריסק און מינסק ווייטער צו בלייבן אין קרייז שעדלעץ און וויסאָקאָ־מאַזאָוויעצק. אזוי ארום זיינען געראַ־טעוועט געוואָרן 152 משפחות פון בריסק, וואוהין זיי האָבן נישט גע־קענט צוריקקומען צוליב דעם, וואָס די שטאָט איז געווען הרוב.

אין פאַרלויף פון יאָר 1920, זיינען אין שעדלעץ פאָרגעקומען עקס־צעסן. ס׳איז נישט אדורכגעגאנגען קיין איין חודש, אז אין שטאָט זאָל נישט האָבן עפּעס געשען. אין חודש יאַנואַר און מערץ האָט זיך דאָס מיליטער געלאָזט א ביסל וואוילגיין. אויך אין די חדשים אַפּריל און יולי האָט מען געשלאָגן יידן. אין אויגוסט זיינען אפילו געווען יידישע הרוגים און אין דעצעמבער זיינען פאָרגעקומען עקסצעסן מצד דעם מיליטער.

אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר האָט דער סיימקלוב פון די יידישע נאַציאָנאלע דעפּוטאַטן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס אין די וואַל־רשימות צום שטאָטראַט אין שעדלעץ האָט מען אריינגעשריבן אויס־שליסלעך די בירגער פון דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעט און וואַלן צום שטאָטראַט זיינען באַשטימט געוואָרן אויף שבת. א דאַנק דער אינטער־ווענץ פון קלוב איז דער טערמין פון די וואַלן אָפּגעלייגט געוואָרן אויף זונטיק. ווייטער האָט דער קלוב פון די יידיש־נאַציאָנאַלע סיים־דעפּו־

טאטן אינטערווענירט אין פאַלגנדיקע פאלן: אין יולי 1921 — ווענן די אומאויפהערלעכע עקסצעסן קעגן יידן, אין וועלכע עס האָבן זיך באטייליקט זעלנער פון שלעזיע, אין אָקטאָבער 1921 — ווענן אָנפאלן פון דער ציווילער קריסטלעכער באפעלקערונג אויף די יידישע לוויות אין שעדלעץ, אין מאַי 1922 — ווענן ווייטערדיקע אנטי־יידישע עקס־צעסן, וואָס זיינען אויסגעפירט געוואָרן דורך דעם מיליטער אויף דער יידישער באפעלקערונג.

די טעטיקייט פון יידישן נאציאָנאַל־ראט האָט זיך געפילט אין שעד־לעץ בעת די וואלן צום ערשטן פוילישן סיים אין 1922. די פרואוון צו שיקאנירן די יידישע געזעלשאפט אין איר קאמף בעת די סיים־וואלן, זיינען דורכן ראט צונישט געוואָרן. דעמאָלט איז דורך דעם בלאָק פון די נאציאָנאלע מינדערהייטן געמאכט געוואָרן א פרואוו דורכצופירן אין שעדלעצער קרייז א יידישן דעפוטאט. אָבער אין שעדלעץ איז קיין יידישער דעפוטאט נישט אויסגעוויילט געוואָרן, ווייל קיין איינע פון די יידישע ליסטעס האָט נישט אָנגעצויגן א גענוגנדע צאָל שטימען. די גרעסטע צאָל שטימען האָט באקומען דער בלאָק פון די נאציאָנאלע מינדערהייטן.

די שטימען אויף יידישע ליסטעס האָבן זיך געטיילט:

נומער 16 — בלאָק פון די נאציאָנאלע מינדערהייטן	7852	שטימען
נומער 4 — ליסטע פון „בונד" — — — — — — —	763	"
נומער 20 — ליסטע פון דער פאָלקספארטיי — —	405	"
צוזאמען —	9020	שטימען

נאָך דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה

נאָך די שווערע איבערלעבונגען פון דער שעדלעצער יידישער באַ־פעלקערונג בעת דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, האָט זיך דאָס שעדלעצער יידישע לעבן צוריק אָנגעהויבן צו נאָרמאליזירן. יידן האָבן זיך באמיט צוריק איפצושטעלן זייערע פרנסות. ארום 1921 האָט זיך אָנגעהויבן אן איפלעבונג אין שוסטערפאך. עס האָבן אָנגעהויבן אָנ־קומען באשטעלונגען, דאָס מאָל פון פאָליאקן, באזונדערס פון גאליציע. די דעוואלואציע פון דער דעמאָלטיקער פוילישער וואלוטע האָט גע־שטערט דער אנטוויקלונג פון פאך. די פרייזן פון די רוי־מאטעריאלן זיינען געשפרונגען, צוליב דער אינפלאציע. לסוף האָט זיך די לאגע סטאביליזירט. אין 1930 האָט שוין די צאָל יידישע שוסטערס דער־גרייכט ביז 600 פערזאָן.

פון דער בויבראַנזשע, אין וועלכער די שעדלעצער יידן האָבן אין די צאַרישע צייטן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל, זיינען זיי אין אומאָפּ־הענגיקן פּוילן כמעט ווי ארויסגעשטויסן געוואָרן.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט בכלל צו נישט געמאַכט דאָס גאַנ־צע פּאַך. קיין הייזער האָט מען נישט געבויט. די יידישע בוי־אַרבעטער זיינען געבליבן אויסגעוואָרצלט פון זייערע פאַכן. שפּעטער, אין אומ־אָפּהענגיקן פּוילן, ווען עס האָט זיך אין שעדלעץ אָנגעהויבן אַ בוי־באַ־וועגונג דורך יחידים אָדער רעגירונגס־ און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, זיינען שוין קיין יידן נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער אַרבעט. אין דעם נייעם שעדלעץ (נאָווא־שעדלצע), וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין 1924, און אין וועלכן ס׳זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אַ קורצער צייט הונדערטער הייזער — איז קיין איינציקער יידישער בוימייסטער נישט געווען באַשעפטיקט. די עקאָנאָמישע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט געפירט לגבי דער יידישער באַפעל־קערונג, דאָס שטרעבן אויסצואוואָרצלען יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס האָט פון די שעדלעצער יידישע אַרבעטער צוגענומען דעם באַדן פון אונטער די פיס. יידן האָבן געפּרואווט זיך אַריבערוואַרפן אויף אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן, און גענומען אויפשטעלן אין שעדלעץ די טריקאָטאַזש־בראַנזשע.

ביז 1921 איז אין שעדלעץ נישט געווען קיין איין טריקאָטאַזש־אונטערנעמונג. טריקאָטאַזש־אויסאַרבעטונג פלעגט אַריינגעבראַכט ווערן פון וואַרשע און לאָדזש. מיט אַ מאָל זיינען אַנטשטאַנען פינף וואַרשטאַטן, וועלכע האָבן באַשעפטיקט אַ זעקס צענדליק אַרבעטער. דער סעזאָן אויף טריקאָטאַזש־אויסאַרבעטונג האָט זיך געשטעלט אין חודש אלול און געדויערט ביז פּורים. דעמאָלט איז די נאָכפראַגע אויף דער פּראָדוקציע געווען גרויס. אין משך פון גאַנצן זומער זיינען די פאַבריקן געשטאַנען ליידיק.

לויט דער ערשטער פאָלקסציילונג אין אומאָפּהענגיקן פּוילן פון 9טן דעצעמבער 1921 האָט שעדלעץ מיט די אַרומיקע שטעטלעך גע־ציילט אַ באַפעלקערונג פון 31.687 נפשות. די באַפעלקערונג איז אָבער כסדר געוואַקסן. אַזוי, אַז אין יאָר 1924, האָט די צאָל אירע דערגרייכט ביז 35.219 נפשות לויטן פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל:

יידן	קריסטן	סך־הכל	פּראָצענט יידן
18.963	16.256	35.219	53.8

צוזאַמען מיט דער שטילער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון דער פּוי־

לישער מאכט לגבי יידן איז אין שעדלעץ ווייטער אָנגעגאַנגען א שטאַר־קע אנטיסעמיטישע אגיטאַציע.

דעפּוטאַט סאַדזעוויטש האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן אן אַרטיקעל יידנהעצערישע צייטונג מיטן נאָמען "Przyjaciel Narodu" (פריינד פון דער נאַציע), פון וועלכער דער רעדאַקטאָר איז געווען א פאַרבי־סענער אנטיסעמיט, וולאַדיסלאַוו שאַלאַטקאָווסקי. ער האָט געפירט אַן אנטי־יידישע העצע, לויטן נוסח פון דער פּוילישער יידנפרעסערישער רעזידענץ־פּרעסע, און געשריבן, אַז יידן זיינען „וואַנדערנדיקע מייז" א. א. וו. די פּוילישע באַפעלקערונג איז פאַלש און טענדענציעז אינפאָר־מירט געוואָרן וועגן יידישן לעבן, שטרעבן און האָפענונגען. שפּעטער, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאַט", איז יעדע אומשולדיקע נאָטיץ אין דער דאָזיקער צייטונג מיט א כוונה פאַרדרייט געוואָרן און אויסגעטייטש געוואָרן ווי אַן אָנגריף פון יידן אויף די פּוילישע אינטערעסן. עס האָט ביי די אנטיסעמיטן געהייסן, אַז די יידישע צייטונג אין שעדלעץ איז כלומרשט רעדאַגירט פון „ליט־וואַקעס", די בלוטיקסטע שונאים פון פּוילן.

דער דאָזיקער שווערער מצב פון די שעדלעצער יידן, זייערע טראַ־גישע איבערלעבונגען בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה האָט נישט אָפּגעטויט די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ווי נאָר דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן נאָרמאַליזירן, האָבן ווידער אָנגעהויבן טעטיק זיין די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. עס האָט אויפגע־לעבט די „יידישע קונסט", די פּאָלקיסטן, „בונד" און לינקע „פּועלי ציון" האָבן גענומען ווייטער אויסבויען דאָס שולוועזן מיט דער יידישער אונטעריכט־שפּראַך. וועגן וואָס עס שרייבט מ. מאַנדעלמאַן אין זיינע זכרונות.

די טוער אין דער געזעלשאַפט „יידישע קונסט" זיינען צוגעטרעטן צוריק אויפצושטעלן די קולטור־אַרבעט. מ'האָט אָנגעהויבן מאַכן באַמי־אונגען ביי דער פּוילישער מאַכט, זי זאָל צוריק אָפּגעבן דעם לאָקאַל פון דער „יידישער קונסט". נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז געלונ־גען צוריקצובאַקומען דעם לאָקאַל. אויך די באַזונדערע סעקציעס — דראַמאַטישער קרייז, מוזיקאַלישע סעקציע און כאָר — זיינען צוגע־טרעטן באַנייען זייער אַרבעט. דער מוזיקאַלישער סעקציע איז שווער געווען צו פירן א טעטיקייט, ווייל בעת דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה האָבן סאָוויעטישע זעלנער צוגענומען א טייל פון די אינסטרו־מענטן פון דער דאָזיקער סעקציע.

די ביבליאָטעק ביי דער געזעלשאַפט „יידישע קונסט" האָט נישט איבערגעריסן איר טעטיקייט במשך פון דער גאַנצער צייט פון די שווע־רע איבערלעבונגען בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. עס

איז כסדר געוואקסן די צאָל לייענער און די צאָל ביכער, ווי עס באַ־
ווייזן די ווייטער געבראַכטע טאַבעלן:

צאָל לייענער אין דער ביבליאָטעק אין די יאָרן 1919—1925


יאָר	מענער	פרויען	צוזאמען
1919	431	416	847
1920	270	226	496
1921	243	188	431
1922	312	223	535
1923	316	235	551
1924	300	171	471
1925	302	172	474

צאָל געלייענטע ביכער אין די יאָרן 1921—1925

יאָרן	העברעאיש		יידיש		רוסיש, דייטש		פויליש		סך־הכל	
	אבסאָל. צאָל	%	אבסאָל. צאָל	%	אבסאָל. צאָל	%	אבסאָל צאָל	%	אבסאָל. צאָל	%
1921	1513	15,9	5408	57,0	94	1,0	2479	26,1	9494	100,0
1922	1376	9,8	7057	50,3	206	1,5	5403	38,4	14042	100,0
1923	699	7,1	3875	39,3	146	1,5	5137	52,1	9857	100,0
1924	987	8,5	5400	46,7	161	1,4	5026	43,4	11574	100,0
1925	1790	16,6	4786	44,2	123	1,1	4121	38,1	10820	100,0

אין יאָר 1922 האָט די ביבליאָטעק געציילט 6928 ביכער און אין יאָר 1924 זיינען צוגעקויפט געוואָרן נאָך 285 ביכער, אזוי אז אין 1924 האָט די ביבליאָטעק פאַרמאָגט:

שפּראַך	1923	צוגעקויפט אין 1924	סך־הכל
העברעאיש — —	1377	64	1441
יידיש — — —	1996	162	2158
רוסיש — — —	1424	—	1424
פויליש — — —	2052	59	2111
דייטש — — —	79	—	79
סך־הכל —	6928	285	7213



די ביבליאָטעק ביי דער געז. „יידישע קונסט"

אין יאָר 1926 איז געוואָרן א האלבער יובל זינט דער עקסיסטענץ פון דער ביבליאָטעק, די דאטע איז באטראכט געוואָרן פאר א גרויסן יום-טוב פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג. די ביבליאָטעק האָט שוין דאן געציילט נאָענט צו אכט טויזנט ביכער. אין שטאָט האָט זיך געשאפן א געזעלשאפטלעכער קאָמיטעט וואָס האָט אדורכגעפירט א גרויסע אקאדעמיע, אויף וועלכער עס איז פראָפּאגאנדירט געוואָרן דאָס ווערבירן פון נייע אבאָנענטן. לכבוד דעם יובל פון דער ביבליאָטעק איז ארויסגעגעבן געוואָרן א שיינע און געלונגענע אויסגאבע אין 800 עקזעמפּלארן, וואָס האָט אנטהאלטן געשיכטלעכע מאטעריאלן וועגן דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער ביבליאָטעק. דער קולטור יום-טוב האָט געפונען אן אָפּקלאנג אויך צווישן די שעדלעצער אין דער גאָרער וועלט. ספּעציעל איז אינטערעסאנט דער אָפּרוף פון יוסף ראָזענוואסער, דער גרינדער פון דער ביבליאָטעק. ראָזענוואסער האָט זיך שוין דאן געפונען אין בערלין און האָט צוגעשיקט צו דער פייערונג א זייער רירנדן בריוו. ער האָט געשריבן:

...„מיין פרייד פון אייער מיטטיילונג איז אומבאגרענעצט. אך, גאָט! לעבט נאָך מיין הארציק און איינציק קינד (ביבליאָטעק), פאר וועלכן איך האָב מיין גאנץ לעבן און קיום מקריב געווען, פאר וועלכן איך בין דורך די סקערנעוויצער חסידים געלייגט געוואָרן אין חרם און געצוואונגען געווען מיין ליבע היים און מיין איידל קינד צו פארלאָזן! אָבער די איינ־

ציקע נחמה איז, דאָס מיין שווער און ביטער דערצויגן קינד לעבט נאָך און דער עיקר, וואָס ס׳געפינט זיך אין גוטע און געטרייע הענט. דאָס גיט מיר מוט די שווערע ליידן צו פארגעסן. איך מוז אייך אויך מיטטיילן, אז דעם דאנק האָב נישט נאָר איך אליין פארדינט, ס׳זיינען דאָ נאָך פיל אנ־דערע, וואָס פארדינען פאראייביקט צו ווערן. קודם־כל דער בּראָן געאָרג פאָן קלייסט, וועלכער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט מיר מיט־געהאָלפן מיט ראט און טאט דאָס „קינד" צו דערהאלטן. נאכהער קומען: זאב טוכקלאפער, אשר ליוועראנט, יהושע גאָלדבערג, מאָזעס גרינפארב, און נאָך פיל אנדערע, וועלכע איך קען זיך נישט דערמאנען"...

דער יובל־קאָמיטעט האָט אויך ארויסגעלאָזט פאָלגנדיקן אויפרוף צו די שעדלעצער יידן:

„עס ווערט 25 יאָר זינט ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אונדזער יידישע ביבליאָטעק אין שעדלעץ, וועלכע געפינט זיך היינט ביי דער געז. „יידישע קונסט". מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק האָט זיך געפונען א קליינע גרופּע ענטוזיאסטן, וועלכע האָט מיט באשיידענע כוחות געלייגט דעם גרונטשטיין פארן דאָזיקן בנין, וואָס איז מיט דער צייט אויסגעוואקסן צו א זעלטענעם ביכער־אוצר מיט איבער 8000 בענדער — איינע פון די שענסטע יידישע ביבליאָטעקן אין פוילן.

פיל גלגולים האָט די ביבליאָטעק אין משך פון דער צייט דורכגע־מאכט. פיל זיינען געווען די פינצטערע כוחות, וואָס האָבן דעם דאָזיקן אוצר געוואָלט אומברענגען. זיי האָבן זיך אָבער אָנגעטראָפן אָן דער מסירת־נפשדיקער איבערגעגעבנקייט פון די ביבליאָטעק־עסקנים און אָן דער פארביסענער עקשנות פון די טרייע לייענער — און די ביבליאָטעק, אָן שום שטיצע פון דרויסן, איז אויסגעוואקסן צו א הערלעכן לייכטטורעם פאר אלע היגע באוואוסטזיניקע יידן.

א פערטל יאָרהונדערט איז די דאָזיקע ביבליאָטעק געווען דער איינ־ציקער קוואל פון ליכט און בילדונג פאר דער דורשטיקער יידישער יוגנט אין שעדלעץ. און היינט מער ווי תמיד שטראָמט אהער יעדער איינער פון אונדז, וואָס גארט נאָך וויסן. ווער האָט דען פון דאָזיקן קוואל נישט גע־טרונקען? יעדער איינער פון אונדז, וואָס האָט געזוכט רו, ווי יעדער, וואָס האָט געזוכט אומרו. פאר אלע איז דער דאָזיקער קוואל געווען א סם־החיים אין די פרילינג־יאָרן פון זייער לעבן. און אויב ס׳איז ווען פון די טויזנטער לעזער אָנגעוואוקסן פליגל און ער איז שפּעטער אוועק אין דער גרויסער ברייטער וועלט אריין, איז עס אים פון דאנען געקומען.

דעריבער זיינען די טעג פון 10טן ביזן 18טן אפריל ה. י. דערקלערט געוואָרן אלס יובליי־וואָך פון דער יידישער ביבליאָטעק און ס׳איז איצט א יום־טוב ביי די יידן אין שעדלעץ. און פרייען דארפן זיך די טויזנטער

לעזער צוזאמען מיט די טויזנטער, וואָס האָבן געקענט זיין לייענער, און די אלע וואָס ווילן נאָך זיין לייענער.

יידן זיינען זיך אָבער נוהג צו האָבן א חשבון־הנפש אפילו אין יום־טוב טעג. אונדזער שמחה ווערט שטענדיק באגלייט מיט אן ערנסטער מחשבה. איצט, אין די טעג פון יובילייִ, מוז מען א טראכט טאָן, אז דער עתיד פון דער ביבליאָטעק זאָל נישט פארשעמט ווערן פארן עבר.

איצט, אין דער פייערונג־וואָך, רופן מיר צום לעבן אלע היגע באַ־וואוסטזיניקע יידישע כוחות מיטצוהעלפן פון איין זייט צו פארוואנדלען דעם יום־טוב אין אַ מאניפעסטאציע פאר אונדזער ביבליאָטעק און פון דער צווייטער זייט — צו שאפן פאר איר בעסערע עקסיסטענץ־באדינגונגען דורך אנטשפרעכנדיקע געלטמיטלען.

אונדזער ביבליאָטעק מוז געפלעגט און געשטיצט ווערן דורך אלע שטאָטישע אינסטיטוציעס — יידישע ווי נישט יידישע — אין וועמענס אויפגאבן ס׳גייט אריין, אָדער עס דאַרף אריינגיין, דאָס פארשפרייטן בילדונג און וויסן.

מיר מוזן מעגלעך מאכן אונדזער ביבליאָטעק צו האָבן א לאָקאל, וואָס זאָל זיין צוגעפאסט פאר איר עשירות און וואָס זאָל פארזיכערן איר ווייטערדיקע אנטוויקלונג. מיר מוזן מעגלעך מאכן דאָס כסדרדיקע פארגרע־סערן און פארשענערן זיך פון דער ביבליאָטעק. מיר מוזן אויך צוטריטלעך מאכן די ביבליאָטעק פאר די ברייטע יידישע פאָלקסמאסן און פארצענ־פאכן די צאָל לעזער אירע.

מיר מוזן דערפירן דערצו, אז די ביבליאָטעק זאָל באמת ווערן די קרוין פון יידישן שעדלעץ.

אויב מיר וועלן פארשטיין דאָס צו טאָן, דעמאָלט וועט אונדזער שמחה זיין א פארדינטע, א שעפערישע, א שמחה של עבודה — א יום־טוב פאר קינדער פון עם־הספר.

זאָל לעבן אונדזער ערנסטער קולטור־יום־טוב.

קאָמיטעט צו פייערן דעם 25־יאָריקן יובילייִ פון דער ביבליאָטעק ביי דער געז. „יידישע קונסט״ אין שעדלעץ.

דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט אין זיך איינגעשלאָסן די פארוואל־טונג פון דער געזעלשאפט „יידישע קונסט״ אין די פערזאָנען — ה. גאָלדנבערג, מ. גראביע, מ. זשעבראָוויטש, י. ל. ליוועראנט, י. ראָזענ־זומען, מ. ראָטביין און שפילפידל, אויך די פארטרעטער — פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע מיט אירע אינסטיטוציעס, „החלוץ״, „השומר הצעיר״, פון דער יידישער פאָלקספארטיי מיט אירע אינסטיטוציעס, פון דער יידישער לערערשאפט, פון די סוחרים־ און האנטווערקער־אָרגאני־זאציעס און א גאנצע ריי פערזענלעכקייטן פון ווארשע, לאָדזש, ארץ־ישראל אין ניו־יאָרק, אויך די פראָפ. ארבעטער־פאראייניע האָבן ארוים־

געלאָזט אַן אויפרוף וועגן דער יובל־פייערונג פון דער יידישער ביבליאָ־טעק און גערופן מיטצוהעלפן דער אקציע פון פייערונגס־קאָמיטעט מיט אלע כוחות סיי פינאנציעל, סיי מאָראליש 101).

די ביבליאָטעק האָט עקסיסטירט ביז סעפטעמבער 1933, ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. די נאַציש וואנדאלן האָבן טיילווייז פארניכטעט און טיילווייז צוגערויבט דעם גרויסן ביכער־אוצר, וועלכער האָט זיך אין פארלויף פון דער צייט פון 1926 ביזן אויסברוך פון דער מלחמה, אויף פיל פארגרעסערט און ערב דעם חורבן האָט שוין די צאָל ביכער דערגרייכט ביז צוועלף טויזנט.

די שילער־ביבליאָטעק ביי דער „קעגנזייטיקער הילף"

די יידישע שילער פון די רעגירונגס־גימנאזיעס האָבן ארום 1924 געשאפן א געזעלשאפט פאר קעגנזייטיקער הילף, וואָס האָט געשטיצט די אומפארמעגלעכע שילער און זיי געהאָלפן מאטעריעל צו קאָנען פאָרזעצן זייער שטודיום. די געזעלשאפט איז געוועזן א געהיימע, ווייל קיין שילער איז נישט דערלויבט געווען צו געהערן צו וועלכער עס איז אָרגאניזאציע. ביי דער געזעלשאפט איז גלייכצייטיק געשאפן געוואָרן א ביבליאָטעק פאר דער שטודירנדיקער יוגנט פון די מיטלשולן אין שעדלעץ. די ביבליאָטעק האָט זיך אנטוויקלט און געוואקסן א דאנק די אָנשטרענגונגען פון דער יוגנט, וועלכע האָט איינגעאָרדנט פארשי־דענע פארוויילונגען, לאָטעריעס, וואָס די הכנסה איז געגאנגען לטובת דער ביבליאָטעק. די ביכער־זאמלונג האָט אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן שוין געציילט ביי 4.000 בענדער אין צוויי שפראכן: פויליש און העברעאיש. די ביבליאָטעק האָט עקזיסטירט ביז 1932. נאָך לענגערע אונטערהאנדלונגען איז באשלאָסן געוואָרן, אז די יידישע שילער־ביב־ליאָטעק ביי דער „קעגנזייטיקע הילף" זאָל איבערגעגעבן ווערן דער העברעאישער „תרבות"־שול. די „תרבות"־שול האָט אויך איבערגענו־מען די ביבליאָטעק ביי די אָוונט־קורסן, וואָס האָט געהאט עקסיסטירט פון 1915 ביז 1926. צוזאמען מיט די ניי־צוגעקויפטע ביכער האָט די שול שוין פארמאָגט א גרויסע ביכער־זאמלונג, וואָס האָט פארן קריג געציילט זעקס טויזנט בענדער.

יידישע און העברעאישע ביכער אין דער שטאָט־ביבליאָטעק

די שטאָטישע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען אין אלטן ראָט־הויז האָט פאָרמעל געהאט א יידיש־העברעאישע אָפטיילונג, וועלכע

איז פאקטיש קיינמאָל נישט געווען טעטיק. אויף די אינטערווענצן פון די יידישע ראטמענער פלעגט מען צוזאָגן, אז אָט אָט וועט מען אויפ־לעבן די אָפּטיילונג. עס איז אָבער קיינמאָל נישט געקומען דערצו. די שטאָט-פארוואלטונג האָט שוין געזאָרגט דערפאר, אז ס׳זאָל בלייבן ביים אלטן. די שטאָטישע ביבליאָטעק האָט פארמאָגט בערך 800 העב־רעאישע און יידישע ביכער.

ציוניסטישע טעטיקייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט אין 1918 און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די אלוועטלעכע „החלוץ"־אָרגאניזאציע, איז שוין אין שעדלעץ געווען אן ענלעכע אָרגאניזאציע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אקטיוויטעט.

די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט געפּאכטעט אין ראסקאש צוויי מאָרג באָדן און אָנגעהויבן אים באארבעטן אלס גרינצייג-גאָרטן. די צענטראלע פון „החלוץ" האָט אראָפּגעשיקט דעם אגראָנאָם הייקעס, אלס אינסטרוקטאָר. די צאָל חלוצים איז דעמאָלט געווען א קליינע — זעקס בסך-הכל. זיי האָבן געפירט א קאָמונע-לעבן; געוואוינט צוזאמען אין ראסקאש, זיך פארנומען מיט פיזישער און פאכמענישער ארבעט און דורכגעגאנגען א גייסטיקע צוגרייטונג. זיי האָבן געלערנט יידישע געשיכטע, געשיכטע פון ציוניזם און ארץ ישראל-געאָגראפיע. זיי האָבן געהאָפט אין קורצן צו דערגרייכן זייער ציל, עולה זיין קיין ארץ ישראל.

דערווייל האָט אויסגעבראָכן די פּויליש-באָלשעוויסטישע מלחמה, און פונקט ווי דאָס גאנצע געזעלשאפטלעכע לעבן, אזוי איז אויך דער „החלוץ" זיך צעשוואומען.

אין שטאָט איז אנטשטאנען א קן פון „השומר הצעיר", צו וועלכן ס׳האָט אָנגעהערט די בעלי-בתישע יוגנט.

צוזאמען מיטן „השומר הצעיר" האָט דער „החלוץ" געדונגען א צימער און געוואָלט אויפשטעלן אויפסניי די שלאָסעריי וואָס דער נדבן י. גוטגעלט האָט געהאט געעפנט ביי דער תלמוד-תורה און וואָס האָט זיך געהאט ליקווידירט. די חלוצים האָבן געשטרעבט צו דערלערנען זיך א פּראָדוקטיוו פאך, וואָס זאָל זיי קענען דערנערן אין ארץ ישראל. פון אויפשטעלן אויף ס׳ניי די שלאָסעריי איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל די געוועזענע חסידים האָבן באאיינפלוסט דעם נדבן, ער זאָל נישט דערוועגן צו טאָן אזא מין זאך, אָפּצוגעבן די שלאָסעריי צו דער חלוצישער יוגנט.

א וויכטיקע אקציע איז אין יאָר 1919 דורכגעפירט געוואָרן דורכן „החלוץ" אין שעדלעץ. ס׳זיינען געזאמלט געוואָרן עטלעכע הונדערט

ביכער ווי אויך ארבעטס-געצייג און זיינען איבערגעשיקט געוואָרן קיין ארץ ישראל.

ווען י. ה. ברענער איז דעם 1טן מאַי 1921 געפאלן אין יפו, האָט די ידיעה שטארק אויפגערודערט דאָס יידישע שעדלעץ. אויפן רוף פון „החלוץ" האָבן זיך אין שטאָטישן גאָרטן פארזאמלט טויזנטער שעדלע־צער יידן. דעמאָלט האָט די „החלוץ"-אָרגאניזאציע שוין געציילט בערך 80 מיטגלידער. אָבער אזוי ווי באלד נאָך דעם איז די עליה קיין ארץ ישראל געשלאָסן געוואָרן, האָט דאָס געהאט אויך א ווירקונג אויפן „החלוץ", און זיין איינפלוס איז געפאלן.

אין יאָר 1923 איז אין שטאָט געגרינדעט געוואָרן דער „החלוץ הצעיר", א דערציאונגס-אָרגאניזאציע פון „החלוץ", צו וועלכער ס'האָבן אָנגעהערט יוגנטלעכע ביזן עלטער פון 18 יאָר. „החלוץ הצעיר" איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין לאַנד-אָרגאניזאציע. די יוגנטלעכע האָבן זיך באלד אָנגעהויבן לערנען עברית און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, ווען זיי וועלן קענען פארווירקלעכן זייער שטרעבן.

אין יענער צייט האָט די מיטגלידערשאפט אין „החלוץ" און „החלוץ הצעיר" געהאט פאָלגנדיקן צוזאמענשטעל:

החלוץ: צאָל מיטגלידער — חברים	חברות	בס"ה	החלוץ־הצעיר: צאָל מיטגלידער — חברים	חברות	בס"ה	צוזאַמען	עולה געוועזן קיין א"י
24	11	35	32	48	80	**115**	32

בעת דער פערטער עליה, וואָס איז סטימולירט געוואָרן דורך דער עקאָנאָמישער גראבסקי-פּאָליטיק, האָבן פון שעדלעץ עולה געוועזן יידן פון מיטלשטאנד. ס'רוב האָבן ליקווידירט זייערע געשעפטן, פארקויפט פארמעגנס און עולה געווען. די דאָזיקע עליה האָט אָבער לאנג נישט אָנגעהאלטן, ווייל מאסן יידן האָבן נישט געקענט איינאָרדענען זייער לעבן אין ארץ ישראל און זיינען צוריקגעקומען קיין שעדלעץ. א טייל האָבן פון ארץ ישראל אויסגעוואנדערט אין אנדערע לענדער.

טאקע אין ד ע ר צייט האָבן אין „החלוץ" אָנגעהויבן שטראָמען מאסן יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געבעטן מ'זאָל זיי אָננעמען אלס מיט־גלידער. אין די רייען פון „החלוץ" האָט זיך דאַן פונאנדערגעוויקלט א דיסקוסיע איבער „התרחבות" אָדער „התעמקות", ס'הייסט: פארברייי־

טערן די רייען לויט דער קאָניונקטור, אָדער רעזיגנירן פון אָננעמען נייע מיטגלידער כדי צו פארטיפן דעם באוואוסטזיין פון די שוין אָנגעהערי־קע צום „החלוץ". דאן זיינען בלויז אין „החלוץ" אָנגענומען געוואָרן 70 חברים, און די אָרגאניזאציע האָט שוין געציילט ביי 100 חלוצים און חלוצות. די חלוצים האָבן פאָרגעזעצט זייער צוגרייטונגס־ארבעט, דורכ־געגאנגען הכשרה אין לאנדווירטשאַפטלעכע פארמס, שטיינער־האקע־רייען און ווארשטאטן. דערביי האָט זיך געפירט אין דער אָרגאניזאציע גופא א פלאנמעסיקע ארבעט פאר קרן־קימת און פאר דער „ליגע פון ארבעטנדן ארץ ישראל" 102).

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך געשאפן „החלוץ"־המזרחי ביי דער מזרחי־אָרגאניזאציע, וואָס האָט געשיקט זיינע מיטגלידער אין הכשרה־קיבוצים און שפעטער קיין ארץ ישראל. אויך ביי דער אלגע־מיין־ציוניסטישער אָרגאניזאציע האָט זיך געשאפן א „החלוץ־המרכזי".

„שעדלעצער וואָכנבלאט" און אנדערע צייטשריפטן

די ציוניסטישע באוועגונג אין אלע אירע שאטירונגען איז אין שעדלעץ, אין אָנהויב פון די 30־ער יאָרן, זיך שטארק פונאנדערגע־וואקסן. בעת די וואל־קאמפאניעס צום סיים און סענאט און צום שטאָט־ראט, האָט זיך שטארק געלאָזט פילן דאָס פעלן פון אן אייגענעם פרעסע־אָרגאן, דורך וועלכן מ'זאָל קאָנען ריידן צו דער קרוב צוואנציק טויזנט־קעפיקער יידישער באפעלקערונג. עס איז דעריבער אין די ציוניסטישע קרייזן אנטשטאנען דער געדאנק ארויסצוגעבן א שעדלעצער וואָכנ־בלאט.

אין זומער, 1922, האָט זיך אָנגעהויבן צו פארווירקלעכן דער גע־דאנק וועגן א סטאבילן וואָכן־אָרגאן אין שעדלעץ. ס'זיינען געמאכט געוואָרן באמיאונגען צו באקומען א דערלויבעניש אויף ארויסצוגעבן א צייטונג. ביז די דערלויבעניש איז דערגרייכט געוואָרן, איז מען דער־ווייל צוגעטרעטן ארויסצוגעבן א ריי איינמאָליקע צוויי־וועכנטלעכע אויסגאבעס.

א גרופע געזעלשאפטלעכע טוער: י. גראָהמאן, אָשר ליווערראנט, לוי גוטגעלט און דער שוין דערמאָנטער יהושע גאָלדבערג, האָבן ארויס־געגעבן די „שעדלעצער שטימע" (דערשינען נאָר דריי נומערן), יעדע צוויי וואָכן ביז יוני 1922. דאן איז געקומען אן איבעררייס פון צוויי הדשים און דעם ערשטן סעפטעמבער פון זעלבן יאָר איז דערשינען דער פערטער נומער. אָט די קליינע גרופע פענמענטשן — אחוץ י. גראָהמאן, וועלכער האָט נאָך אין 1923 עמיגרירט אין די פאראייניקטע שטאטן, זיינען געווען די פאקטישע שעפער פון יידישן וואָכנבלאט אין שעדלעץ.



פון רעכטס צו לינקס: לוי גוטגאָלד, אשר ליוועראנט, י. גראָהמאַן און י. גאָלדבערג

דעם 15טן סעפטעמבער 1922 איז דערשינען „די שעדלעצער צייטונג”, 4 זייטן, פאָרמאט קווארטא. אלס רעדאקטאָר איז אונטערגעשריבן י. גראָהמאַן און ארויסגעבער א. ליוועראנט.

אויף דער ערשטער זייט איז אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקע דערקלערונג פון דער רעדאקציע:

„מיר זיינען אין דער מיינונג, אז שעדלעץ און איר אומגעגנט איז בכוח אויסצוהאלטן א רעגולערע יידישע שריפט, לכל הפחות א וועכנטלעכע, וועלכע זאָל אָביעקטיוו און אלזייטיק רעאגירן אויף אלע אקטועלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פראגן און דערשיינונגען פון אָרטיקן לעבן ווי אויך פון דער סביבה. דערוויילע מוזן מיר זיך אָבער, צוליב טעכנישע און ענלעכע טעמים, באגנוגענען מיט דער דאָזיקער איינמאָליקער אויסגאבע, וועלכע דארף פאר אונדז און פאר אייך, לייענער, זיין א פּרואוו פון דעם קומענדיקן יידישן וואָכנבלאט אין שעדלעץ” — — —

אויפן צווייטן עמוד באהאנדלט י. גראָהמאַן, אין א לייט-ארטיקל „מעניגא דיומא”, די בעפאָרשטייענדיקע ערשטע סיים- און סענאטוואלן אין פרייען פוילן — ווי אזוי פראָדוקטיוו צו פארווענדן די יידישע שטימען אין די וואלבאצירקן, וואו מחמת דער באַוואוסטער וואל-אָרגאניזאציע זיינען לחלוטין נישטאָ קיין אויסזיכטן, אין בעסטן פאל זייער שוואכע, דורכצופירן א יידישן דעפּוטאט.

אונטערן פסעוודאָנים בערגאַלדי האָט י. גאָלדבערג פארעפנטלעכט א סאטירישן ליד א. נ. „די בית-עולם-שטאָט”.

„יינגער” (ל. גוטגעלט) איז געווען פארטרעטן מיט אן ארטיקל א.



ס'שטייען פון רעכטס צו לינקס: מנשה טשארנאבראדע, ה. קארטש, אברהם שלמה ענגלענדער, איטשע אלטשולער, מאיר וויימאן, פישל פאָפּאָווסקי, יהודה טענענבוים.


ס'זיצן פון לינקס צו רעכטס: לוי גוטגעלד, משה טשארנאבראדע, יעקל טענענבוים, י. גראָהמאן, אשר ליווערא.נט.

נ. „שרעקט אייך, איר פּין אייערנעכטן”, וואָס האָט שטארק אָנגעגריפן די אָפּגעשטאנענקייט פון דער קהילה-לייטונג.

אין אן ארטיקל „בארג אראָפּ”, ווייזט ל. גוטנגעלט אָן, אז פּאמעלעך, טריט ביי טריט, קייקלען מיר זיך בארג אראָפּ אין עקאָנאָמישן לעבן; אמת, דאָס איז טיילווייז א מכת-מדינה-דערשיינונג. אין שעדלעץ קומט עס אויך בולטער, ווייל די שטאָט איז אָרעם און האָט נישט קיין פרנסה-קוואלן.

מיט א נאָטיץ וועגן דער ביבליאָטעק ביי דער געזעלשאפט „יידישע קונסט”, א ביסל כראָניק, אן איסור אויף טריף פלייש, אן איבערזיכט איבער דער אָרטיקער פוילישער פרעסע, וואל-ענינים, אנאָנסן און גראטולאציעס, שליסט זיך די צייטונג.

דער צווייטער נומער מיט א נייעם נאָמען „שעדלעצער וואָרט”, איז דערשינען דעם 1טן אָקטאָבער 1922, אין 8 זייטן און אין זעלבן רעדאקציע-צוזאמענשטעל. אויף דער ערשטער זייט איז אָפּגעדרוקט א מודעה, אז בקרוב דערשיינט דער ערשטער נומער פון רעגולערן וואָכנבלאַט א. נ. „שעדלעצער וואָכנבלאט”. אויסערלעך איז דער נומער אויך ענלעך צו דער „שעדלעצער צייטונג”. דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאט” האָט פארשפּעטיקט מיט זיין דערשיינען און דער ווייטערדיקער נומער



די רעדאקציע פון „שעדלעצער וואָכנבלאט”, מיטן רעדאקטאָר אשר ליוועראנט אין שפּיץ, ביי א גלעזל טיי. צווישן זיי י. פּ. גרינבערג, יהושע עקערמאן, א. קימעל, בעלא פינקעלשטיין, אברהם פרידמאן, וועלוול לעוו, כספּי, דוד פּאָפּאָווסקי און אנדערע.

האָט נאָך געהייסן „שעדלעצער טאָג" און איז דערשינען דעם 12טן אָקטאָבער.

נאָך דעם ווי דאָס ארויסגעבן די איינמאָליקע אויסגאבע איז טייל־ווייז געלונגען און עס איז אין צווישנצייט דערהאלטן געוואָרן די דער־לויבעניש פון דער מאכט אויף ארויסצוגעבן דאָס „שעדלעצער וואָכנ־בלאט", איז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אינטענסיוו צוגעטרעטן צו רעאליזירן דעם געדאנק וועגן ארויסגעבן די צייטשריפט. אזוי ארום האָבן די ציוניסטן געשאפן פאר זיך א טריבונע, וועלכע האָט זיי גע־דינט אלס אָרגאן פון דער אָרטיקער אָרגאניזאציע. דאָס איז געווען אין דער תקופה פון באשטעטיקן דעם ענגלישן מאנדאט איבער ארץ־ישראל אין סאן־רעמאָ, און ערב דער פערטער עליה.

אין משך פון 1922 זיינען ארוים בלויז דריי נומערן, אין יאָר 1923־38 נומערן. פון דאן אָן איז די צייטונג דערשינען וועכנטלעך אָן אי־בעררייס ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, ס'הייסט: אן ערך 18 יאָר צייט.

אין נומער 2 פון 1923 אין פאראן פאָלגנדיקע ווענדונג צו די לייע־נער:

„אין שווערע מאטעריעלע באדינגונגען, מיט ווייניק גייסטיקע קרעפטן, ביי פולקאָמער גלייכגילטיקייט און טיילווייזער איגנאָראנץ מצד דער ארומיקער געזעלשאפט, זענען מיר צוגעטרעטן צום „שעדלעצער וואָכנ־בלאט". פונקט ווי ביז איצט, וועלן מיר אויך ווייטער באקעמפן יעדע געזעלשאפטלעכע עוולה און מיסברויך, רעאגירן אויף אלע שיקאנעס, וואָס ווערן באגאנגען אקעגן אונדז, שעדלעצער יידן".

די צייטונג האָט זיך געראנגלט פאר איר עקזיסטענץ און געמאכט באמיאונגען צו באקומען אנאָנסן. שעדלעץ איז אָבער ווייט נישט גע־ווען קיין האנדלס־ און פאבריקן־צענטער, האָט מען זיך באגנוגנט מיט גראטולאציעס און נעקראָלאָגן. וועגן דעם פינאנציעלן מצב פון דער צייטונג זאָגט עדות א צווייטער אויפרוף: „צו אונדזערע לעזער", גע־דרוקט אין נומער 4, 1923.

„דאָס ארויסגעבן ביי היינטיקן טאָג א צייטונג, און בפרט אין א פראָווינצשטאָט איז פארבונדן מיט זייער פיל שוועריקייטן און נאָך גרע־סערע כוחות־אָנשטרענגונגען. נישט איצט איז די צייט און נישט דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן בפרטיות, ביי וואָס פאר א שווערע באדינגונגען, טעכנישע ווי אויך מאטעריעלע, דאָס וואָכנבלאט דערשיינט. עס איז אויך נישט די צייט און דאָס אָרט צו דערציילן, ווי קליין עס איז די צאָל איניציאטאָרן פון דער גאנצער אונטערנעמונג און ווי ווייניק ס'זענען דאָ מענטשן, וועלכע טראָגן אויס דעם גאנצן ענין אויף זייערע פלייצעס.

— — — „איינציקע פויגל, ווען זיי באקומען אָבער נישט קיין

שטרוי זייערע נעסטן צו בויען, זינגען קיין לידער נישט. הגם פון אלע זייטן אנערקענט מען די וויכטיקייט פון אונדזער אויפגאבע, דערפילן נאָר ווייניק לייענער די עלעמענטארסטע פליכט פון באצאָלן דעם אבאָנענט־חוב, שטעלנדיק אזוי ארום אין סכנה דעם קיום פון אונדזער און אייער צייטונג".

אין מערץ 1925, האָט דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאט" געפייערט א יובל. ס'איז דערשינען דער הונדערטסטער נומער זיינער. אין א לייט־ארטיקל לכבוד דעם יום־טוב ווערט געזאָגט:

„דאָס ארויסגעבן אין א פּראָווינצשטאָט, אָן שום אונטערשטיצונג, 100 נומערן פון א וועכנטלעכער צייטונג, וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט געפייערט ווערן אלס א קליינער יובילעאום אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּראָווינץ־פּרעסע אין פּוילן. — — —

„מיר האָבן דערגרייכט די שטופע, וואָס אונדזער צייטונג איז גע־וואָרן כמעט אן עלעמענטארער גייסטיקער געברויך אין יעדער יידישער שטוב אין שעדלעץ, אפילו אין דער פּאָדלאַשער פּראָווינץ, וועלכע איז געזעלשאפטלעך מער אָפּגעשטאנען ווי איר הויפּטשטאָט, הויבט אָן אונ־דזער וואָכנבלאט וואָס מער ארייננצודרינגען אין די יידישע שטובן" — —

דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאט", פון זיין אָנהייב דערשיינען און אין פארלויף פון זיין גאנצער עקסיסטענץ האָט געהאט א סך פארדינסטן פארן געזעלשאפטלעך־קולטורעלן לעבן, ווי אויך פאר דער אנטוויקלונג פון פארשידענע קאָאָפּעראציע־אינסטיטוציעס, שול־ און בילדונגס־אנ־שטאלטן, פארן וועקן און פלעגן דעם היימוויי־געפיל פון די שעדלעצער לאנדסלייט אין אויסלאנד און באוועגן זיי צו שטיצן די אָרטיקע אינס־טיטוציעס. איבערהויפּט זיינען זייער גרויס געווען די פארדינסטן פון וואָכנבלאט פאר די ציוניסטישע אינסטיטוציעס וועמענס אָרגאַן ער איז געווען. אָבער נישט ווייניק אינערלעכע און אויסערלעכע שטערונגען האָט „שעדלעצער וואָכנבלאט" געהאט אויסצושטיין.

אזוי, למשל, האָט געטראָפן, אז ל. גוטגעלט האָט געטאדלט אין אן ארטיקל די האנדלונג פון דער אָרטיקער מאכט און האָט זיך אויס־געדריקט וועגן סטאראָסטע, אז ער האָט: „געהאנדלט אויפן אלט־פּאָ־ליצייאישן שטייגער" (מיינענדיק דערביי די צארישע פּאָליציי), דער סטאראָסטע האָט ארויפגעלייגט א גרויסע געלטשטראָף אויף דעם „שעד־לעצער וואָכנבלאט". ווען די רעדאקציע האָט זיך געווענדעט צו אירע לייענער, אז זיי זאָלן זיך ביישטייערן פאר דער געלטשטראָף און דער־ביי פארעפנטלעכט פאר דער אקציע א רשימה פון תרומות, וואָס זיי־נען ארייינגעפלאָסן פון לייענער און סימפּאטיקער, האָט דער זעלבער סטאראָסטע געפילט זיך אויף ס'ניי געטראָפן פון דער זאך און האָט פארטאָפּלט די געלטשטראָף, וואָס ער האָט ארויפגעלייגט אויף דער

צייטונג. נישט איין מאָל האָט געדראָט, באַזונדערס דעמאָלט ווען די ציוניסטישע לאַנדעס-פּאָליטיק איז געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונגס-ליניע, אַז דאָס וואָכנבלאַט זאָל קאָנפיסקירט ווערן. נישט איין מאָל — איבערהויפּט בעת וואַלן צום סיים, אָדער צו אָרטיקע קאָמונאַלע אינסטיטוציעס — פלעגט די עקספּעדיציע פון דער צייטונג געמאַכט ווערן אויסער די ווענט פון דער אדמיניסטראַציע.

דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאַט" האָט אויך איבערגעלעבט א חרם מצד דעם שעדלעצער ראַבינאַט. דעם חרם האָט אויך אונטערגעהאַלטן דאָס אָרטאָדאָקסישע וואָכנבלאַט „אונדזער וועג". דאָס דאָזיקע מיטל־אַלטערלעכע געווער איז אויסגענוצט געוואָרן קעגן וואָכנבלאַט צוליב דעם, וואָס אין נומער 17, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן א פעליעטאָן א. נ. „די זונטיקדיקע גראַנדיעזע מקוה-פאַרזאַמלונג", א סאַטירע וועגן א פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געזאָלט גרינדן א ספר־יוחסין, אין וועלכן עס האָבן געזאָלט פאַרצייכנט ווערן אַלע פרויען, וואָס היטן אָפּ די יידישע היגיענע — „טהרת בנות ישראל". אין זעלבן נומער צוו. אנד. ווערט דאָרט געזאָגט:

„אין נאָמען פון די הייליקע מ׳ סאה, האָט מען זיך דערלויבט פונאַנדערצושיקן אין יעדער שטוב פלוגבלעטלעך מיט אן אָפּשטויסנדיקן אינהאַלט, מאַכן פאָלקס-פאַרזאַמלונגען און דרשענען ברבים וועגן אזעלכע ענינים, וואָס יעדע מוטער, ווען זי פלעגט זיי וועלן איבערגעבן איר אייגענער טאָכטער, פלעגט זי עס טון בחדרי־חדרים, אונטער פיר אויגן".

אָט דאָס דאָזיקע אַרטיקל האָט באַוואויגן די אָרטאָדאָקסישע עסקנים פון דער שטאָט צו מאַכן א דרוק אויפן ראַבינאַט אַרויסצוגעבן אן איסור צו לייענען „שעדלעצער וואָכנבלאַט".

דער איסור האָט קיין סך נישט געשאַדט דער פאַרשפּרייטונג פון דער צייטונג, דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט אן אָפּקלאַנג נישט בלויז אין שטאָט, נאָר אויך אין דער טעגלעכער יידישער פּרעסע, וועלכע האָט פּראָטעסטירט קעגן אזא מעטאָד פון איינזייטיקער האַנדלונג פון אָרטיקן ראַבינאַט.

אין א בריוו פון האַנטווערקער-פאַראיין צו דער צייטונג איז געזאָגט געוואָרן:

„דאָס יידישע האַנטווערקערטום אין שעדלעץ, אלס א טייל פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע, אנערקענט, אַז דאָס אַרויפלייגן דורכן ראַבינאַט אן איסור אויפן „שעדלעצער וואָכנבלאַט" דערמאָנט אינעם קלעריקאַלן באַגריף פון דער מיטלאַלטערלעכער צייט בנוגע פרייהייט פון וואָרט".

דער ציוניסטישער קאָמיטעט, אויף זיין זיצונג פון 16.5 אין יענעם יאָר, האָט באַשלאָסן אויסצודריקן די פולסטע אָנערקענונג און די אי־

בערצייגונג, אז דאָס בעסערע שעדלעץ איז פּולקאָם אויף דער זייט פון „שעדלעצער וואָכנבלאט".

די „יידישע קונסט" האָט פארעפנטלעכט אן אויפרוף, אין וועלכן ס'איז געזאָגט געוואָרן:

„מיר פּראָטעסטירן ווי אמשטארקסטן קעגן די פינצטערע מעשים פון די היגע „כלי־קודש", וואָס האָבן, אונטער א רעליגיעזן מאנטל, פאר־שפרייט דעמאָראליזירנדע ניבול־פּהדיקע אויפרופן, געמאכט שווארצע אספות און לעצטנס אויך געפּרואווט, דורך מיטלאלטערלעכע מיטלען, צו פארשטאָפּן דאָס מויל פון די, וואָס האָבן די דרייסטקייט אויף די דאָזיקע מעשים צו רעאגירן".

א. איינהאָרן האָט אין ווארשעווער „היינט" פון 1925.25.5, געשריבן אין א לייט־ארטיקל א. נ. „חרם":

„דער חרם שפּאצירט נאָך ארום אויף דער יידישער גאס. מיט עט־לעכע חדשים צוריק איז ער געווען אין לובלין, איצט אין שעדלעץ, איןביידע פאלן קעגן דעם יידישן, געדרוקטן וואָרט.

„די פּראָווינצער עמודי־התיכון, וואָס טראָגן אויף זיך די שווערע לאסט פון זאָרג פאר יידישע נשמות, האָבן עס אָנגעהויבן מאכן גאנץ פּשוט: טאָמער שרייבט עפּעס א יידישע צייטונג א וואָרט, וואָס איז נישט לפי רוחם, כאפּט מען באלד ארויס די אלטע שווערד פון שייד און מען האקט: מען לייגט ארייַן די צייטונג אין חרם. צוויי חללים האָט מען שוין: דאָס „לובלינער טאגעבלאט" און דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאט".

עס האנדלט זיך דאָ נישט דוקא וועגן די דאָזיקע צוויי „קרבנות", וועלכע עס איז, איבריקנס נאָכן חרם, פּונקט אזוי קאלט אָדער אזוי וואַ־רעם ווי פארן חרם, עס האנדלט זיך דאָ וועגן דער דערשיינונג גופא, וועלכע דעקט פאר אונדז אויף א טרויעריק ווינקעלע פון אונדזער געזעל־שאפטלעכקייט.

די „פאָלקסצייטונג" (ווארשע) האָט געווידמעט דעם ענין א גרע־סערן נאָטיץ.

„לאָדזשער טאגעבלאט" פון 1925.23.5, אין אן ארטיקל: „אונדזער איסור", גיט איבער אויספירלעך די גאנצע געשיכטע מיטן איסור, ווי אזוי מ'האָט אים פונאנדערגעטראָגן און ענדיקט דאָס ארטיקל מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„דער פאקט אליין נויטיקט זיך נישט אין פּירושים און איז א גע־עריקע אילוסטראציע פון דעם, ווי אזוי געוויסע רבנים דערנידעריקן דעם כבוד הרבנות"...

דאָס „לובלינער טאגעבלאט" האָט געווידמעט דעם איסור א גרע־סערן פעליעטאָן א. נ. „דער שעדלעצער חרם". דאָס „טאגעבלאט" דער־מאָנט דעם חרם, וואָס מען האָט אויף אים ארויפגעלייגט מיט א יאָר

צוריק, און ס׳האָט אים גאָרנישט געשאַט, אזוי ווי ר׳האָט נישט גע־וואוסט פון וואנען דער חרם האָט זיך גענומען, אזוי האָט ער אויך נישט געוואוסט, וואוהין ער איז אוועק.

די צייטונג ענדיקט דעם פעליעטאָן:

„פאַר די קאָלעגן פון „שעדלעצער וואָכנבלאַט״, האָבן מיר א טרייסט: פרעגט נישט ביים רופא, נאָר ביים חולה״. עס וועט אייך חלילה גאָרנישט שאטן, שאטן קאָן נאָר קליינקעפּלדיקע אינטריגאַנטן״.

און טראָץ אלע רייבענישן, סיכסוכים און חרם איז מקוים געוואָרן די נבואה פון „לובלינער טאגעבלאט״. דאָס „ש. וו.״ איז דערשינען אָן שום איבעררייס אין פארלויף פון אכצן יאָר, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און איז געוואָרן א וויכטיקע ראיאָן־צייטונג, וואָס האָט אָפּגעגעבן אָרט פאר קאָרעספּאָנדענצן פון דער אומגעגנט, אזוי אז פון דעם 23סטן אפּריל 1926, האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען א צווייזייטיקע ביילאגע: „מעזריטשער לעבן״, וועלכע האָט מיט זיך פאָר־געשטעלט א זעלבסטשטענדיקע אָפּטיילונג פון דער צייטונג, און איז רעדאקטירט געוואָרן פון א רעדאקציע־קאָלעגיום.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאַט״ געגרינדעט געוואָרן דורך ציוניסטישע עסקנים און שרייבער, און אלס אזעלכע איז די צייטונג פארבליבן ביז איר לעצטן טאָג. דאָס וואָכנ־בלאַט האָט געדינט אלע ציוניסטישע גרופּירונגען. נאָר אין מאָמענטן, ווען דער ציוניסטישער פראָנט איז געווען אינערלעך צעשפּאָלטן, ווי למשל, ביי וואלן צום שטאָטראט, קהילה, אָדער אפילו ביי וואלן צו ציוניסטישע קאָנגרעסן — פלעגן די באזונדערע ציוניסטישע גרופּירונ־גען זיך סעפּארירן, דאַן פלעגט דינען די צייטונג דער אלגעמיינער ציו־ניסטישער אָרגאניזאציע. וואָס שייך דער אלגעמיינער ציוניסטישער אידייע, איז די שטעלונג געווען א קאָנסאָלידירטע.

די צייטונג איז געווען פאר קאָנסטרוקטיווער ארבעט אין ארץ־ישראל. אויפן שטח פון קולטור האָט זי געפירט א פּראָפּאגאנדע פאר העברעאיש. ס׳איז כדאי צו פארצייכענען אז פון סוף יאנואר 1934 ביז העלפט 1935 — אנדערהאלבן יאָר נאָכאנאנד, פלעגט דערשיינען צום „ש. וו.״ א „מוסף עברי״, א העברעאישע ביילאגע. די יידישע אָרטאָ־גראפיע פון דער צייטונג איז געווען א פארעלטערטע, די זעלבע ווי דער ווארשעווער „היינט״. ווען די רעדאקציע־מיטגלידער האָבן פּראָ־יעקטירט איינצופירן די נייע אָרטאָגראפיע, האָט זיך ל. גוטגעלט, ווע־מענס השפעה אויף דער צייטונג איז געווען א באדייטנדיקע, אנטקעגנ־געשטעלט. ערשט אין יאָר 1937, צוויי יאָר נאָכן טויט פון רעדאקטאָר אשר ליווערטאנט, האָט דאָס „ש. וו.״ אָנגעהויבן זיך צו דרוקן מיט דער

נייער אָרטאָגראַפיע. דער טיראַזש פון „ש. וו." איז געווען 800 עק־זעמפּלאַרן, און האָט מיט דער צייט דערגרייכט ביז 1000 עקזעמפּלאַרן.
אין 1936 האָט דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאַט" געפייערט דעם פופצניאָריקן יובילײ. אין א ספּעציעלן ארטיקל געווידמעט דעם יום־טוב שרייבט גל' (ל. גוטגעלט) צוו. אנד.:

„ווען מען בלעטערט דורך די פופצן יאָר „שעדלעצער וואָכענבלאַט" זעט מען מיט וויפיל פלייס און איבערגעגעבנהייט זי האָט דערפילט איר אויפגאַבע. דאָס „וואָכענבלאַט" איז געווען און איז פארבליבן א צייטונג פון קאַמף, א צייטונג וואָס מאַכט נישט קיין שלום מיט דער לאַגע, א צייטונג מיט אן אידעע, א צייטונג וואָס וועקט און רופט. די ערשטע אר־טיקלען אין דער צייטונג זיינען געווען קעגן מאַנכע אינסטיטוציעס, וואו ס'האָט געהערשט אומערלעכקייט און קאָרופּציע. במשך פון זיין עקזיס־טענץ האָט דאָס „וואָכענבלאַט" געקעמפט פאַר דער פאַרברייטערונג פון סאָציאַלער הילף און מיטגעהאָלפן צו דעם צוועק שאַפן נייע אינסטיטו־ציעס, געשטאַרקט דאָס פאַרשטענדעניש ביי יידישע מאַסן פאַר ארבעט, געוועקט דעם באַוואוסטזיין פאַר קאָנזייטיקער הילף, פאַר בילדונג און קולטור־אינסטיטוציעס. א וויכטיקער פּרק פאַר זיך איז געווען דער קאַמף מיט די אנטיסעמיטן. דאָס „וואָכענבלאַט" האָט נישט פאַרשוויגן קיין שום עוולה, וואָס איז יידן געטאָן געוואָרן און תמיד געפאָדערט אונדזער רעכט. זעלטן, אז א פּראָווינצער צייטונג זאָל אזוי ריקזיכטסלאָז און מיט אזוי פיל אייפער קעמפן קעגן צוריקשלעפּן דאָס יידישע לעבן אין פינצטערן מיטלאַלטער. דאָס „וואָכענבלאַט" איז פון די איינציקע פּראָווינצער אויס־גאַבן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט רעוויזיעס, פּראָצעסן און בייגעקומען אפילו מסירות וועגן כלומרשטער אומלאָיאַליטעט".

אין פאַרלויף פון זיין אכצן־יאָריקער עקסיסטענץ האָבן אין „שעד־לעצער וואָכנבלאַט" זיך באַטייליקט הונדערטער שרייבער, אָרטיקע און פון פוילן און אויסלאַנד. צום ענגן רעדאַקציע־קרייז האָבן געהערט, אוי־סער די שוין דערמאָנטע גרינדער און שרייבער, אויך: יחיאל־פּסח גרינ־בערג, וועלכער האָט געדרוקט דערציילונגען, עסייען, לידער, קריטיק איבער קונסט; י. ח. אייזענבערג האָט געשריבן לידער און עסייען; י. נ. וויינטרויב, וועמענס נאָמען איז שוין פיל מאָל דערמאָנט געוואָרן אין אונדזער ארבעט, האָט פאַרעפנטלעכט אין המשכים — זכרונות וועגן שעדלעצער פּאָגראָם אין 1906 און א סך ביאָגראַפישע פּרטים וועגן שעדלעצער יידישע פּערזענלעכקייטן; א. גאָלדבערג און ש. ראָזענגאַר־טען, האָבן געשריבן וועגן ספּאָרטלעבן אין שעדלעץ; ב. מינץ האָט פאַר־עפנטלעכט א מאָנאָגראַפיע וועגן דער פּאַיענבאַנק; יואל מאַסטבוים האָט געדרוקט זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן אין שעדלעץ.
עס האָבן אויך מיטגעאַרבעט ד"ר דוד קליינוועקסלער, שפּעטער

אדוואָקאַט אין חיפה; פּרץ ליסטעק, יוסף ליסטעק, דוד בן־יוסף (פּאַ־סאַווסקי), אברהם פרידמאַן, דער שרייבער פון דער דאָזיקער ארבעט און זיין ברודער לייב סרעברניק.

„אונזער וועג", „שעדלעצער טריבונע", „דאָס וואָרט" און „שעדלעצער לעבן"

אחוץ דעם „שעדלעצער וואָכנבלאַט" זיינען אויך דערשינען וואָכנ־בלעטער פון אלע אנדערע טעטיקע יידישע פּאַרטייען אין שעדלעץ. צוויי יאָר נאָך דעם, ווי עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען די ציוניסטישע אויסגאַבע, האָט אויך די אגודה אָנגעהויבן ארויסצוגעבן א וואָכנבלאַט א. נ. „אונזער וועג", אַן אָרטאָדאָקסיש וואָכנבלאַט. די צייטונג איז דער־שינען מיט געוויסע הפסקות זינט דעם 16טן מאַי 1924 ביז 1930, אין 2 אָדער 4 זייטן מיט א טיראַזש פון 400 עקזעמפּלאַרן. פאַראַנטוואָרט־לעכער רעדאַקטאָר איז געווען — בעריש יאַקובאָוויטש, רעדאַגירט האָט א קאָלעגיום: שלום יעלען, הרב מאיר שוואַרצמאַן, יהודה־אריה צוקער, אהרן נעלקענבוים, ישראל־מאיר קליינלערער און שמואל גינז־בערג. דאָס אָרטאָדאָקסישע וואָכנבלאַט האָט פּאַרטיידיקט די אגודהשע פּאָליטיק אין שעדלעצער שטאָטראַט און אין דער קהילה. גענויער וועגן „אונזער וועג" — אין די זכרונות פון הרב מ. שוואַרצמאַן.

אין די יאָרן 27 - 1926 האָבן מ. מאַנדעלמאַן, יעקב טענענבוים און מנשה טשאַרנאָבראָדע ארויסגעגעבן א צייטונג א. נ. „דאָס וואָרט". די צייטונג האָט געהאַט א פּאָלקיסטישע באַפאַרבונג און האָט געדינט די אינטערעסן פון דער יידישער פּאָלקסשול, וואָס איז דעמאָלט געווען טעטיק אין שעדלעץ.

אויך די לינקע גרופּירונגען האָבן ארויסגעגעבן זייערע וואָכנבלע־טער. אין 1930 האָט דער בונדישער עסקן בנימין קראַמאַרזש ארויסגע־געבן א וואָכנבלאַט א. נ. „שעדלעצער טריבונע", וועלכע האָט אָנגע־האַלטן צוויי יאָר צייט. אין דעם וואָכנבלאַט האָט דוד ניימאַרק פאַר־עפנטלעכט אין המשכים וויכטיקע זכרונות פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון שעדלעץ אין אָנהויב פון 20סטן י. ה. די דאָזיקע צייטונג מיט א קליינעם טיראַזש האָט זיך געשלאָסן מחמת מאַנגל אין מיטלען.

ז. ראָזענזומען, א טוער אין „פּועלי־ציון" פון שעדלעץ און אומ־געגנט, צוזאַמען מיט א. פרידמאַן, וועלכער האָט צוליב רייבונגען מיט די קאָלעגן פון „שעדלעצער וואָכנבלאַט", פאַרלאָזן די צייטונג, זיינען צוגעטרעטן ארויסצוגעבן א נייעם וואָכנבלאַט א. נ. „שעדלעצער לעבן".

דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 9טן אָקטאָבער 1935 און האָט עקסיסטירט בערך דריי יאָר ביז ווינטער 1938.

לויט דער איניציאַטיוו פון א גרופּע בעלעטריסטן: י. ח. אייזענבערג, י. פּ. גרינבערג און י. טענענבוים, האָט אין יאַנואַר 1927 אָנגעהויבן דערשיינען א 2-חדשימדיקער ליטעראַרישער זשורנאַל „וואָרצלען", וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל צו דינען יונגע טאַלאַנטן,



א מאָנטאַזש פון דער שעדלעצער יידישער פּרעסע

אומאָפּהענגיק פון זייער ריכטונג. עס זיינען דערשינען 2 נומערן. אין א לייטאַרטיקל אין ערשטן נומער, ווערט געזאָגט:

„מיר טרעטן צו צו שאַפן א טריבונע פאַרן יונגן שרייבער. מיט דער פולער אחריות פאַר דער זאַך, נעמען מיר אויף זיך דעם עול. מיר ווייסן, אַז דער וועג איז א שווערער און דאָך האָבן מיר דעם מוט, צו קומען פאַר דער עפנטלעכקייט מיט אונדזער באַשיידענעם פּרוּוו.

אונדזער אָרגאַן וועט זיך נישט שטעלן אין דינסט פון וועלכער ס'איז ריכטונג צי ליניע. אונדזער פאָדערונג איז — טאַלאַנט, דורכגעלעבט און אמת. אונדזער פאַרזיכערונג — אַן ערלעכע באַציאונג, א געוויסנהאַפטע אָפּשאַצונג".

דער אינהאַלט פון ערשטן העפט: ב. אָליצקי — לידער, י. ח. אייזענבערג —שאָטנס, מ. בערשלינג — לידער, א. וואָגלער — ליד, ל. אָליצקי — דאָס ערשטע דריי־קערבל, י. פּ. גרינבערג — אָן קיינעם, ש. ל. שניידערמאַן — ליד, י. טענענבוים — די האַק, א. זילבערמאַן — צוליב א חברה־מאַן, מ. נאַטיש — לידער, וועגן דער יונגער יידישער פּראָ־

זע, ה. לעווי — שניטצייט, י. פ. ג. — תנ"ך אין יידיש, א. לערער — אוממיטלבארע מלחמה־דיכטונג, ל. פלוני — ביבליאָגראפיע און מודעות.

דער פאָרמאט פון „וואָרצלען" איז געווען 16 זשורנאַלזייטן און איז געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון ח. ראָזענבלאַט.

זאָל אויך פארצייכנט ווערן דער פרואוו פון א גרופע יונגעלייט, אבסאָלווענטן פון דער העברעאישער פאָלקסשול „תרבות" אין שעדלעץ, וועלכע האָבן אין אָקטאָבער 1931 אָנגעהויבן ארויסצוגעבן א העקטאָגראפירטע צייטונג א. נ. „הברית". נאָך די ערשטע צוויי נומערן איז די צייטונג שוין דערשינען א געדרוקטע יעדע צוויי וואָכן. די צייטונג איז געווען דער אָרגאן פון דעם העברעאיש־רײדנדיקן קרייז, אונטער דער רעדאקציע פון העברעאישן לערער הלל שווארץ, מיטן אָנטייל פון שרייבער פון די דאָזיקע שורות. הלל שווארץ האָט שפּעטער עולה געווען קיין ארץ ישראל, געענדערט זיין נאָמען אויף שחורי און אומגעקומען פון א שראפּנעל־שפּליטער דעם 4טן אויגוסט 1938 נעבן רמת־הכובש, בעת די בלוטיקע געשעענישן.

דער ערשטער געדרוקטער נומער „הברית" איז דערשינען דעם 6טן דעצעמבער 1931 און געהאט פאָלגנדיקן אינהאלט: א לייט־ארטיקל — (ה. שווארץ) געווידמעט חנוכה; י. סרעברניק (י. כספּי): אן ארטיקל וועגן חנוכה אלס יום־טוב פון גייסט; שלמה רייך האָט געשילדערט אין א גרעסערער ליטעראַרישער נאָטיץ זיין פאָטערס לויה; ווייטער: — קאָרעספּאָנדענציעס און נאָטיצן געווידמעט דער החלוץ־באוועגונג און דער העברעאישער שפּראַך. צום סוף א הומאָריסטישע אָפּטיילונג. עס איז כדאי צוצוגעבן, אז דער נדבן פאר דער צייטשריפט איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער רעדאקטאָר אליין, וועלכער האָט פון זיין אָרעמען געהאלט אָפּגעשפּאָרט א ביסן פון מויל, נישט געקויפט זיך קיין ווארעמען מלבוש, נאָר האָט זיינע גראָשנס אָפּגעגעבן פאר דער עקסיסטענץ פון העברעאישן צוויי־וואָכנבלאט, וואָס האָט אָנגעהאלטן בערך פיר חדשים.

קהילה־ראט און חנוכת הבית פון „עזרת יתומים"

ארום 1924 האָט מען שוין געקענט גלויבן, אז דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאליזירט. פאר דער יידישער געזעלשאפט אנטשטייען נייע פּראָבלעמען. עס פעלט אן עפנטלעך רעכטלעכע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל ארומנעמען און אָרגאניזירן דאָס יידישע כלל־לעבן. די פּוילישע אויפזיכטמאכט האָט נאָך אלץ נישט געפונען פאר נויטיק צו רעאָרגאניזירן די יידישע קהילות. הגם אזא פאָדערונג איז בפירוש אויסגעדריקט געוואָרן נאָך אין 1919 אויף א באראטונג פון די פאָרשטייער פון די

יידישע קהילות אין פוילן, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן דורכן צענ־טראלן יידישן נאציאָנאל־ראט, און אין וועלכער עס האָט זיך באטייליקט אויך א פאָרשטייער פון שעדלעץ. אויף דער באראטונג איז דערקלערט געוואָרן, אז די פאָדערונג פון דער דייטשער אָקופאציע־מאכט וועגן דער אָרגאניזאציע פון יידישן רעליגיעזן פארבאנד אין ווארשעווער גע־נעראל גואווערנעמענט און אין דעם דעקרעט פון מלוכה־שעף פון 4טן פעברואר 1919, וועגן די ענדערונגען אין דער אָרגאניזאציע פון די יידישע קהילות אויפן שטח פון געוועזענעם קאָנגרעס־פוילן, דערפילן נישט אין קיין פאל די גערעכטע פאָדערונגען פון דער יידישער באפעל־קערונג.

די פוילישע רעגירונג, וועלכע איז נישט געווען פאראינטערעסירט אין א ברייטערער יידישער אויטאָנאָמיע האָט געוואָלט, אז די קהילה זאָל דערפילן בלויז רעליגיעזע פונקציעס. די קהילה־דאָזאָרעס אליין האָבן אויך נישט געוואָלט דערלאָזן, אז די יידישע גמינע זאָל אויס־ברייטערן אירע ראמען, און אין יאָר 1923 האָט נאָך שעדלעץ געהאט דעם ווייטער געבראכטן קהילה־בודזשעט, וואָס שפיגלט אָפּ דעם כאראק־טער פון דער יידישער גמינע:

הכנסה:

עטאט — — — — — — — — —	33.000.000 מארק
שעכטהויז — — — — — — — —	35.000.000 "
קהילה־געוועלבער ביים שפיטאָל	1.000.000 "
קהילה־געוועלבער ביים בית־עולם	1.000.000 "
באָד — — — — — — — — —	180.000 "
בס"ה —	70.180.000 מארק

הוצאות:

ראבינאט — — — — — — —	11.000.000 מארק
שול: חזן, שמשים — — — — —	3.000.000 "
בית־המדרש־חזן — — — — —	240.000 "
גמינע: קאנצעלאריע — — — —	10.000.000 "
תלמוד־תורה — — — — — —	7.000.000 "
עזרת־יתומים — — — — — —	3.000.000 "
מושב־זקנים — — — — — — —	1.500.000 "
שעכטהויז, שוחטים, נאמנים, קאָסירער — — — — — —	25.000.000 "
בס"ה —	60.740.000 מארק

אין דער קהילה האָט דעמאָלט געהאַט די הויפּט-דעה די „אגודה“, וועלכע האָט געשטיצט דעם שטרענג רעליגיעזן כאַראַקטער פון דער גמינע. אזוי ווי די פאַרשריפטן האָבן פעסטגעשטעלט א באַגרענעצטן וואלרעכט, פון וועלכן עס האָבן גענאָסן נאָר א באַשטימטע קאַטעגאָריע שטאַט-צאָלער, האָבן די דאָזאָרעס פון דער „אגודה“ געטאָן אלץ, אז



די יידישע קהילה

מ׳זאָל נישט אויפמאַנען קיין שטאַט ביי דער באַפעלקערונג, כדי זי זאָל נישט האָבן קיין וואלרעכט. די ציוניסטן, וועלכע האָבן געוואָרפן דעם לאָזונג פון „כיבוש הקהילות“, האָבן אין שעדלעץ געקעמפט מיט **אלע** מיטלען פאַר דער העגעמאָניע אין דער קהילה מיט דעם ציל צו ענדערן

דעם מצב און געווינען די סימפּאַטיע פון די יידישע מאסן. מיט זייערע שטימען האָבן זיי שפּעטער אויסגעדריקט זייער ווילן.

ווען ס'זיינען ארום 1926 פאָרגעקומען די ערשטע מער דעמאָקראַטישע וואלן צו דער קהילה, זיינען שוין אין דער גמינע-פאַרוואלטונג אריין אנדערע מענטשן. דער „בונד" האָט דעמאָלט באָיקאָטירט די קהילות; אין די דרייסיקער יאָרן אָבער, ווען דער „בונד" האָט געענדערט זיין מיינונג און אָנטיילגענומען אין דער וואל-קאַמפּאַניע, איז אים געלונגען דורכצופירן עטלעכע מאַנדאַטן.

די ציוניסטישע פאָרשטייער האָבן אין דער קהילה געפירט א קאַמף פאר שטיצן די ציוניסטישע אינסטיטוציעס און לסוף אָפּגעהאַלטן א נצחון. זיי האָבן אויך מיטגעהאָלפן די יידישיסטישע עלעמענטן אין זייער קאַמף פאר באַקומען שטיצע פאר די פאָלקסשולן מיט דער יידישער אונטערריכט-שפּראַך. די יידישע קהילה אין שעדלעץ האָט אסיגנירט געוויסע סומעס פאר דער העברעאישער „תרבות"-שול, העברעאישע אָוונט-קורסן, יידישער פאָלקסשול און קרן קימת לישראל. די קהילה האָט אויך שפּעטער געשטיצט מיט הונדערט זלאָטעס יעדן חלוץ, וואָס האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל.

***

נאָך 1920, ווען דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן נאָרמאַליזירן, האָבן די עסקנים פון „עזרת-יתומים" אָנגעהויבן זוכן וועגן, ווי אזוי צו קומען צו א פּאַסנדיקן לאָקאַל פאר דעם יתומים-אַנשטאַלט. דאַן האָט מען אָפּגעקויפט א קליין הילצערן הייזל מיט א גאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען אין דירעקטער שכנות מיטן מושב-זקנים. דאָס הילצערנע הייזל איז צעוואָרפן געוואָרן און א ספּעציעלער קאָמיטעט, אין צוזאַמענשטעל פון: דוד רובינשטיין — פאָרזיצער, מאָניש רידעל — געהילף, בונם ראָטענבערג — סעקרעטאַר, ישראל גוטגעלט — קאַסיר, וואָלף בארג — עקאָנאָם, ישראל צוקער, דוד קאַנאַפּני, אלטער קאַמינסקי, אליהו לעוויטע און יעקב יום-טוב — מיטגלידער — איז צוגעטרעטן אויפצושטעלן א גרויסן בנין.

אין אן אויפרוף, וואָס דער בוי-קאָמיטעט האָט פאַרעפנטלעכט, ווערט געזאָגט:

„קליין און ענג איז דאָס ביז איצטיקע אלטע בשותפותדיקע הויז פון „עזרת-יתומים". די צאָל קינדער, וועלכע האָבן די זכיה צו געפינען דאָרט זייער היים, איז א זייער קליינע, און אויך זיי מוזן צוליב דער ענגשאפט — שלאָפן צו צווייי, און טייל ווייז, צו דריי אין א בעט.

נאָך ביטערער איז דער גורל פון דער גרויסער צאָל יתומים־קינדער, וואָס קאָנען נישט אריינגענומען ווערן. הונגעריקע, באָרוועסע און אָפּגע־

ריסענע, וואלגערן זיי זיך אין די נאַסע, פינצטערע קעלער און בוידעם־שטובן. מיר האָבן געמוזט אָנשטרענגען אַלע אונדזערע קרעפטן און שאַפן פאַר זיי די נויטיקע מאטעריעלע סביבה און היים. דאָס האָט געבראַנגט דערצו, אז אָן שום קאַפיטאלן, אָן שום פאָרויסגעזעענע הכנסות, זיינען מיר צוגעטרעטן צו שטעלן דעם גרויסן בנין, וואָס דאַרף און וועט קירצלעך אריינגעמען די גרויסע מחנה פון בערך 150 אזעלכע עלנטע יתומים און עס וועט געשטילט ווערן זייער צער.

אמת, מיר האָבן פיל אויסגעשטעלט אויף אייער געפיל פאַרן גורל פון די דערמאנטע קינדער, מיר האָבן גערעכנט, אז צוזאמען מיט אונדז וועט איר פארשטיין, פאר וועמען אייגנטלעך מיר שטעלן דעם בנין; און באמת: די לעצטע מלחמה־יאָרן האָבן שוין פיל באוויזן, אז דער גורל פון אונדזער פאָלק איז אָן א פעסטן פונדאמענט, אז קיינער ווייסט נישט זיין זיכערן מאָרגן. ליידער האָבן אלע אונדזערע ווענדונגען צו אייך נישט געפונען דעם געהעריקן אָפקלאַנג".

אומגעפער אין משך פון 6 יאָר איז געפירט געוואָרן די אקציע פאר אויסבויען דאָס יתומים־הויז און דעם 13טן דעצעמבער 1926, ווען דאָס בויען איז געווען אינמיטן גאנג, איז פארעפנטלעכט געוואָרן פאָלגנדי־קער ציפער־באריכט וועגן די אויסגאבן פון בוי:


באָרן־קויף — — — — — — —	8.670.70	זל.
מאטעריאלן — — — — — — —	26.728.71	"
ארבעטס־אויסגאבן — — — — —	15.218.14	"
פארשידענע אויסגאבן — — — —	3.682.83	"
בסך־הכל —	54.300.38	זל. (103

אין יאָר 1927 איז פאָרגעקומען דער חנוכת־הבית. דאָס יתומים־הויז איז געווען א צירונג פארן יידישן שעדלעץ. די צאָל קינדער, וואָס האָבן זיך דערצויגן אין אנשטאלט, האָט דערגרייכט ביז 70. דאָס הויז איז געווען פון דריי שטאָק און האָט פארמאָגט אָן עסזאל, שלאָף־ און אָפרו־צימערן, רעקרעאציאָנס־זאל, ביבליאָטעק און אנדערע איינריכטונ־גען. די עלנטע יתומים האָבן זיך דערצויגן אין א ווארעמער אטמאָס־פערע. זומער פלעגן זיי ארויספאָרן אויף זומער־וואוינונג און דאָרט פאר־ברענגען די פעריען. דאָס הויז, וואָס עס האָט אויפגעשטעלט פרענקל, איז אינגאנצן איבערגעגעבן געוואָרן דעם מושב־זקנים.

„עזרת־יתומים" האָט נישט געהאט קיין שול פאר די קינדער און עס האָט זיך געשאפן אזא מצב, אז די יינגלעך האָבן געלערנט אין תלמוד־תורה, די מיידלעך — אין דער מלוכה־שול (פאָווישעכנע), אין „תרבות" און א טייל אין דער פאָלקסשול. די שרייבערין און כלל־טוערין

פועה ראקאָווסקי, האָט שטארק געליבט דעם אנשטאלט, און גלייכצייטיק קריטיקירט, פארוואָס מ'שיקט די קינדער אין תלמוד־תורה וואו מען לערנט מיט זיי 12 שעה א טאָג.

די קינדער, ווען זיי זיינען אונטערגעוואקסן און האָבן געדארפט פארלאָזן דעם אנשטאלט, זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן צו בעלי־מלאכה, כדי צו לערנען א פאך לויט די פעאיקייטן. זיי האָבן געלערנט: שוסטעריי, שניידעריי, שלאָסעריי, א טייל זיינען אויך געוואָרן דרוקער און



דער בנין פון „עזרת יתומים"

פון אנדערע פאכן. געוועזן אויך צייטן, ווען דורך דער הילף פון דער יתומים־פארזאָרגונגס־צענטראלע און „דזשאָינט" זיינען קינדער פון שעדלעצער עזרת־יתומים אוועקגעשיקט געוואָרן קיין פראנקרייך, קאַנאדע און אין די פאראייניקטע שטאטן.

די „עזרת־יתומים" איז פינאנצירט געוואָרן קודם־כל דורך דער יידישער קהילה, וועלכע האָט געגעבן א יערלעכע שטיצע, די שטאָט־פארוואלטונג האָט אויך אסיגנירט א יאָר־יערלעכע סובסידיע, אחוץ דעם פלעגן מיטגלידער צאָלן א באשטימטן יערלעכן אָפּצאָל און די שעדלעצער לאנדסלייט אין דער גאָרער וועלט האָבן צוגעשיקט זייערע ביישטייערונגען. אויך דער מושב־זקנים האָט זיך אויסגעהאלטן אויף די זעלבע מיטלען. דער פינאנציעלער אונטערשיד צווישן דיביידע אינסטיטוציעס איז געוועזן דער, וואָס דער „מושב־זקנים" האָט געהאט באַ־



א שלאָפצימער פאר די קינדער אין עזרת־יתומים אנשטאלט


דייטנד וויניקער אויסגאבן, בעת „עזרת־יתומים" האָט זיך געניטיקט אין גרעסערע געלטסומען אויף דערציאונג, קליידונג א. א. וו.

אין יאָר 1930 האָט „עזרת יתומים" איבערגעלעבט א שווערן קריזיס. דער אנשטאלט האָט זיך געשלאָסן. געשען איז דאָס צוליב פאָלגנדיקער סיבה: נאָכן פארענדיקן דעם בנין איז „עזרת־יתומים" געבליבן שולדיק חובות, קרוב צו 18 טויזנט זלאָטעס. פאר וועלכער סומע מ'איז געצוואונגען געווען צו צאָלן צינזן. אין משך פון דריי יאָר צייט האָבן די צינזן אָפּגעקאָסט א קאָלאָסאלע סומע פון 13 טויזנט זלאָטעס. די לאגע איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז טאָג־טעגלעך האָט די פארוואלטונג געדארפט זאָרגן וועגן פּראָלאָנגירן וועקסלען און שאפן געלט אויף פּראָצענט. די בעלי־חובות ווידער האָבן געפאָדערט, אז די וועקסלען זאָלן אונטערגעשריבן ווערן פריוואט דורך די פארוואלטונגס־מיטגלידער. נאָך דעם ווי די וועקסלען זיינען נישט באצאָלט געוואָרן, איז דורך די בעלי־חובות געלייגט געוואָרן א סעקוועסטער אויף די שטוב־חפצים פון די פארוואלטונגס־מיטגלידער.

צוליב דער געשאפענער לאגע, האָט די פארוואלטונג צוויי מאָל גערופן א בעראטונג פון אָנגעזעענע בעלי־בתים פון יידישן שעדלעץ. קיינער איז אָבער צו דער בעראטונג נישט געקומען. צו דער אויסערגעוויינלעכער, אלגעמיינער פארזאמלונג, וואָס איז גערופן געוואָרן אויף דעם 26סטן מיי, 1930, זיינען געקומען פינף פערזאָן.

די פאַרוואַלטונג האָט דעריבער אָנגענומען פאָלגנדיקן באַשלוס: נע־מענדיק אין אכט, אז דער גאַנצער דעפּיציט פון „עזרת־יתומים" איז אַן איבערבלייבונג פון דער צייט פון שטעלן דאָס הויז, און אַזוי ווי דאָס הויז איז אַן אייגנטום פון דער שעדלעצער קהילה, דאַרף די קהילה דעקן דעם דאָזיקן דעפּיציט. דער פאָרשלאַג איז איבערגעגעבן געוואָרן אין קהילה־ראַט, וועלכער האָט באַפולמעכטיקט די קהילה־פאַרוואַלטונג צו שאַפן אַ הלוואה פון 20 טויזנט זלאָטעס און דערמיט דעקן דעם דע־פיציט. די פאַרוואַלטונג פון „עזרת־יתומים" האָט זיך געווענדעט צום „פאַרבאַנד פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג" אין אויסגעפועלט, אַז מ׳זאָל אויס־באָרגן דער שעדלעצער קהילה־פאַרוואַלטונג די דערמאָנטע סומע אויף אַ טערמין פון דריי חדשים, אויף 4 פּראָצענט 104).

ביז דער ענין איז דערליידיקט געוואָרן האָט די פאַרוואַלטונג אַרויס־גערופן די אַפּוטרופּסים פון די יתומים, איבערגעגעבן זיי די קינדער און צייטווייליק געשלאָסן דעם אַנשטאַלט. דאָס פּראָבלעם איז אָבער גע־לייזט געוואָרן און אין חודש יולי איז דער אַנשטאַלט צוריק געעפנט געוואָרן. אַזוי האָט ער זיך געפירט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די קינדער זיינען עוואַקואירט געוואָרן קיין מינסק (ראַטנפאַרבאַנד). בעתן אויסברוך פון דער רוסיש־דייטשער מלחמה (יוני 1941) זיינען אַ טייל פון די קינדער אריבערגעפירט געוואָרן קיין



דער פּסח־סדר פאַר די יתומים־קינדער מיט דער באַטייליקונג פון עזרת־יתומים־קאָמיטעט און אשר ארזשעל אין דער שפּיץ. ביים טיש שטייט דער דערציער מ. סטשאַלקע, דער לערער יאַבקאָוויטש און אשר ליזווראַנט.

טיף רוסלאנד, און זיינען לעבן געבליבן, א טייל קינדער זיינען אומגע־קומען אין מינסק.

אין משך פון לאנגע יאָרן האָט אָנגעפירט מיט דער „עזרת־ יתומים" די פארוואלטונג אין פאָלגנדיקן צוזאמענשטעל: אלטער קאמינסקי — פאָרזיצער (האָט פארלאָזט שעדלעץ אין די דרייסיקער יאָרן), אויף זיין אָרט איז געקומען ישראל גוטגעלט; בונם ראָטנבערג — סעקרעטאר. (די סעקרעטארן האָבן זיך געוועקסלט; שפּעטער איז אויף זיין פלאץ געקומען מ. סטזשאלקא); דוד קאנאפּני — קאסיר; אהרן יאבלאן — עקאָנאָם; ישראל צוקער, יעקב יום טוב, גיטל פערשטער, שרה טשאר־



די עזרת־יתומים־קינדער אין א זומער־קאָלאָניע אין א וועלדל

נאָבראָדע, אברהם־יוסף קארניצקי — מיטגלידער. פון דער קהילה איז געוועזן אלס פארטרעטער פישל דרומי (פּאָפּאָווסקי), וועלכער איז צו־קאָאָפּטירט געוואָרן צו דער פארוואלטונג פון יתומים־הויז.

אחוץ „עזרת־יתומים" און „מושב־זקנים" האָט שעדלעץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אויפגעשטעלט א גאנצע ריי פילאנטראָפּישע אינסטיטוציעס. אין מיי 1925 איז אויף דער איניציאטיוו פון משה ברוי־קארזש און ישראל ראָזנבלום געגרינדעט געוואָרן א חברה „בית לחם", וואָס איר אויפגאבע איז געווען צו שטיצן מיט ברויט און אנדערע פּראָדוקטן די נויטבאדערפטיקע, וואָס האָבן זיך געשעמט אויסצו־שטרעקן א האנט. יעדן ערב שבת און שבת פלעגן יידן גיין איבער די הייף מיט גרויסע קוישן און אויסרופן: „גוט שבת, יידעלעך, „בית־לחם" איז דאָ, גיט ארוים חלות, ברויט פאר אָרעמע יידן". טיר און פענצטער

פלעגן זיך אויפפראלן און מ׳האָט ארויסדערלאנגט ברויט מיט חלות. די קוישן פלעגן אריבערגעפירט ווערן אין דער „בית-לחם״-קאנצעלאריע און דאָרט פלעגט מען צעטיילן די געזאמלטע פראָדוקטן.

א צווייטע נוצלעכע אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן אין דעצעמבער 1926 — דער „טאָז״, דאָס זיינען ראשי תיבות פון פוילישן („טאָוואזשיסטוואָ אָכראָני זדראָוויא״ (זשידואוו) — געזעלשאפט צו היטן דאָס געזונט (פון יידן).

„טאָז״ האָט זיך פארנומען מיטן אָפּהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באפעלקערונג, ספּעציעל פון קינדער. זי האָט אויסגעהאלטן אמבולאטאָריעס. די לעצטע יאָרן האָט „טאָז״ גענומען אונטער איר אויפזיכט דעם יידישן שעדלעצער שפּיטאָל.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אנטשטאנען א „לינת הצדק״, וואָס פלעגט דיזשורירן א גאנצע נאכט. די דאָזיקע געזעלשאפט האָט צוגעשטעלט א דאָקטער אין פאל פון נויטיקייט און אויך אויסגעבאָרגט מעדיצינישע כלים א. א. וו.

די „ביקור-חולים״, וואָס האָט שוין געהאט עקסיסטירט פון יאָרן לאנג, פלעגט פון צייט צו צייט איבעררייסן איר טעטיקייט, אָבער יעדעס מאָל איז זי צוריק געוואָרן טעטיק.

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאנד איז קיין פוילן אָנגעקומען די נאָוואָגראדער ישיבה, וועלכע האָט געעפנט אָפּטיילונגען אין פארשידענע שטעט פון פוילן. אויך שעדלעץ האָט געהאט אזא אָפּטיילונג.

די נאָוואָגראדער ישיבה, מיט איר אָנקומען קיין שעדלעץ האָט ארויסגערופן גרויס אויפמערקזאמקייט. זי איז איינגעאָרדנט געווען אין קצבישן בית-מדרש. דאָרט פלעגן זיך פירן די לימודים, וואָס זיינען באשטאנען פון בלויז תלמוד. עטלעכע שעה אין טאָג האָט מען געלערנט מוסר פון צוויי ספרים: „מסילת ישרים״ און „אורחות צדיקים״ (דאָס ערשטע ספר איז פון ר׳ שמואל דוד לוצאטו *). יעדן טאָג, מנחה-צייט, איז פאָרגעקומען דער אקט פון זאָגן מוסר. א תלמיד פון דער ישיבה, באגלייט פון פיר יינגערע תלמידים, פלעגט מארשירן אין זאל פון דער קצבים-שול, אָדער אין הויף; ער, דער עלטערער תלמיד, האָט די יינגערע געזאָגט מוסר.

דאָנערשטיק ביינאכט — זומער און ווינטער — זיינען די תלמידים נישט געשלאָפן, נאָר געלערנט א גאנצע נאכט. דאָס האָט געהייסן אויפזיין א משמר.

---

*) „מסילת ישרים״ איז נישט פון שד״ל — שמואל-דוד לוצאטו, נאָר פון רמח״ל — ר׳ משה-חיים לוצאטו (באמ. פון די קאָרעקטאָרן מנשה און משה קאָנסטאנטינאָווסקי).

א ספּעציעלע איבערלעבונג איז געווען די „התעורר׳ות", וואָס פלעגט געמאכט ווערן שבת נאָך שלוש־סעודות. דער ראש־הישיבה פלעגט שטיין פאַרן אָפענעם אָרון־הקודש, ווען אין דער ישיבה איז גע־וואָרן אינגאַנצן פינצטער, האָט ער געגומען דרשנען. די צוהערער, פון גרויס דבקות, פלעגן יעדעס מאָל ארויסיאָמערן מיט א געשריי, וואָס האָט באדייט תשובה אָדער חרטה.

פיר אָפּטיילונגען האָבן זיך געפונען אין דער ישיבה. די פערטע, אין וועלכער ס׳האָבן געלערנט שוין גרויסע לומדים, האָט געהייסן „קי־בוץ". אָנגעפירט מיט דער ישיבה האָבן דריי ראשי־ישיבות — ר׳ לייבל, ר׳ שבתי און ר׳ מיכל ציכאַלניק.

דער פּאָליטישער כוח פון יידן אין שעדלעץ איז וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּגעשוואכט געוואָרן. די פּוילישע אויפזיכטסמאכט האָט געטאָן אַלץ, כדי צו פאַרפּוילישן די שטעט. עס איז געשאפן געוואָרן א קינסט־לעכע פּוילישע מערהייט, ווי עס באַווייזט די ווייטער געבראַכטע טאַ־בעלע.

בעת די שטאָטראַט־וואלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם 29סטן מיי 1927 זיינען אויף 29 ראטמענער געוויילט געוואָרן בסך־הכל 9 יידן.

די צווייטע פאָלקסציילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 9טן דעצעמבער 1931, האָט געגעבן פאָלגנדיקע ציפערן:

1. צוזאמענשטעל פון דער באפעלקערונג

יידן		בס"ה	קריסטן		בס"ה	צוזאמען		בס"ה	פראָצענט
מענער	פרויען	יידן	מענער	פרויען	קריסטן	מענער	פרויען	איינוואוינ.	יידן
7.031	7.762	14.793	10.683	11.400	22.083	17.714	19.162	36.876	41

2. צוזאמענשטעל פון מוטערשפּראכן

יידיש און העברעאיש	פּויליש	אנדערע שפּראכן	סך־הכל	פּראָצענט פון יידיש און העבר. רעדנדיקע
14.601	22.019	256	36.876	39,6

ווען מיר פאַרגלייכן דעם רעזולטאַט פון דער צווייטער פאָלקסציי־לונג פון סוף 1931, צו די ציפערן פון דער ערשטער פאָלקסציילונג פון סוף 1921, וואַרפט זיך אין די אויגן דער אונטערשיד פון באפעלקערונגס־צוזאמענשטעל. בעת ביי דער ערשטער פאָלקסציילונג האָבן מיר געהאַט

18,963 יידן, האָבן מיר ביי דער צווייטער פאָלקסציילונג געהאט בלויז אין שעדלעץ 14,793 יידן, ד. ה. א פארקלענערונג פון 22 פראָצענט. דאַקעגן זעען מיר, אז די צאָל פון נישט־יידן איז אויסגעוואקסן פון 16,256 אין 1921, אויף 19,162 — אין 1931, ד. ה. א פארגרעסערונג פון 17.9 פראָצענט.

די דאָזיקע ענדערונג אין באפעלקערונגס־צוזאמענשטעל איז פאָרגעקומען נישט צוליב דעם וואָס יידן האָבן אין משך פון די צען יאָר אין אזא צאָל אויסגעוואנדערט פון שעדלעץ, נאָר צוליב דער פּאָליטיק, וואָס עס האָט געפירט די פּוילישע רעגירונג, א פּאָליטיק, וועלכע האָט געהאט פאר א ציל צו פארקלענערן די צאָל יידן אָנגעהעריקע צו שעדלעץ. דאָס איז נויטיק געווען כדי ביי וואלן, צו פארקלענערן די צאָל יידישע מאנדאטן פון שעדלעץ. צו דעם צוועק זיינען א ריי קלענערע שטעטלעך, וואָס זיינען פריער ארייננערעכנט געוואָרן ווי א באשטאנדטייל פון שעדלעץ, זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער שטאָט, און דערקלערט געוואָרן אלס זעלבסטשטענדיקע מוניציפּאַליטעטן. דאקעגן זשע זיינען א ריי דערפער מיט א ריין־קריסטלעך פּויערישער באפעלקערונג, צוגעשריבן געוואָרן צו שעדלעץ. דערמיט איז קינסטלעך פארגרעסערט געוואָרן די צאָל פון דער פּוילישער באפעלקערונג.

דאָס יידישע לעבן אין שעדלעץ איז אין די לעצטע יאָרן פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה בכלל געגאנגען בארג אראָפּ. ווען דער פּוילישער פרעמיער־מיניסטער האָט אין זיינער א רעדע אין סיים בארעכטיקט דעם עקאָנאָמישן קאמף קעגן יידן, האָט דאָס יידן־פרעסערישע שעדלעצער בלאט „פּזשיאַטשעל פּאָדליאשא" נומ. 9 פון 1936 געשריבן אן ארטיקל א. נ. „זאָל די פּוילישע ערד ברענען זייערע טריט". דער מחבר פון ארטיקל סט. קאפּעטש האָט זיך שטארק געפרייט, וואָס אין רעזולטאט פון פרעמיערס רעדע האָט דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער בעק געפּאָדערט אין דער פעלקער־ליגע קאָלאָניעס פאר פּוילן „כדי דאָרטן איינצואָרדענען דעם איבערפלוס פון דער יידישער באפעלקערונג". קאפּעטש האָט געשריבן:

„דעם קאמף מיט דער יידישער פארפּלייצונג דארף אין דער ערשטער ריי געפירט ווערן דורכן גאנצן פאָלק, דורך יעדן מיטגליד זיינעם און אויף אלע געביטן פון געזעלשאפטלעכן לעבן".

— — — ס'איז דאָך קלאָר, אז די יידן וועלן פון דאנען אליין נישט אוועקגיין, אפילו מיר זאָלן זיי צושטעלן קאָלאָניעס, וואָס וואָלטן געקאָנט זיי ארייננעמען יערלעך 800 טויזנט און נישט 80 טויזנט. זיי רירן זיך נישט, ווייל ס'איז זיי דאָ גוט, דאָ פילן זיי זיך ווי ביי זיך".

דער באוואוסטער אָנפירער פון פּילסודסקי־לאגער (סאנאציע), פּאָל־

קאָווניק באָגוסלאַוו מיעדזשינסקי, רעדאַקטאָר פון דער אָפיציעלער „גאַ־זעטא פּאָלסקאַ” און געוועזענער פּאָסט־מיניסטער, האָט אין זיין צייטונג, אין חודש יוני 1938, פאַרעפנטלעכט א יידן־העצערישן פּאַסקוויל. דער מחבר פון יידן־העצערישן ארטיקל האָט געהאט א נאָענטע שייכות מיט שעדלעץ. ער איז געוועזן דער מאַן פון יאנינא שטיין, א טאָכטער פון שעדלעצער דאָקטער מאוריצי שטיין, לאַנגיאָריקער אָרדענאַטאָר פון יידישן שפּיטאָל, פאָרשער פון דער יידישער פארגאַנגענהייט אין שעד־לעץ, וועלכער האָט זיך לסוף געשמדט אויפן קאַטוילישן גלויבן. מיעד־זשינסקי האָט געענדיקט די שעדלעצער גימנאַזיע אין יאָר 1909, און שפּעטער שטודירט אין לעמבערגער פּאָליטעכניקום און אין דער אגראַר־שול פון יאגעלאָנער אוניווערזיטעט אין קראָקע. אין זיין אַנטיסעמיטישן ארטיקל האָט מיעדזשינסקי איבערגעחזרט די ליגנס, וואָס זיינען שוין אָפּגעלייקנט געוואָרן מיט 18 יאָר צוריק, אז יידן האָבן מקבל פנים גע־ווען די באָלשעוויקעס אין שעדלעץ א. א. וו. ער האָט געשריבן:

„די קאָמוניסטישע אידעע איז טיף אריינגעדרונגען צווישן דער יידישער יוגנט. אין יאָר 1920, ווען די באָלשעוויקעס זיינען אריינגע־דרונגען אין שעדלעצער קאַנט, האָט די גאַנצע באַפעלקערונג געהאָלפן דעם פוילישן מיליטער צו פארטרייבן דעם שונא, און ווי אזוי האָבן זיך פארהאַלטן די יידן?

די יידישע קאָמוניסטן פון שעדלעץ — שרייבט ער ווייטער — האָבן ארויסגעשטעלט א פרייוויליקע אָפּטיילונג פאַר דער רויטער ארמיי. אין סוף יולי האָט געטראָפן פאָלגנדיקער פאַל: דער פוילישער גענעראַל־שטאַב האָט ארויסגעשיקט א פּאַרלאַמענטאַריער קיין שעדלעץ, וואו עס זיינען געווען די באָלשעוויקעס. דער פּאַרלאַמענטאַריער האָט זיך שפּעטער אומ־געקערט אין אַן אויטאָ מיט א סאָוויעטישער פאָן און ארומגערינגלט פון א באָלשעוויסטישער עסקאָרטע. ווען דער אויטאָ מיטן פוילישן אָפיציר איז אריינגעפאָרן אין קאַלושין, זיינען די יידן ארויס אין גאַס און באַ־געגנט די אָנקומענדיקע מיליטער־לייט מיטן אויסגעשריי: „זאָל לעבן סאָוויעט־רוסלאַנד”. גאָר פּשוט, די יידן האָבן געמיינט, אז אין אויטאָ זיצט נישט קיין פוילישער אָפיציר, נאָר א באָלשעוויסטישער.

אָט דעם פאַקט — האָט פארזיכערט מיעדזשינסקי — האָט מיר דער־ציילט יענער אָפיציר אליין, וועלכער איז גראַד נישט געוועזן קיין אַנטי־סעמיט נאָר האָט דווקא געהערט צו דער לינקער גרופּע פון פּ. פּ. ס. פרעגט זיך: איז דען מעגלעך, אז אזעלכע פאַקטן זאָלן נישט איבערלאָזן קיין שפּורן? אין דען נישט קלאָר, פאַרוואָס עס עפנט זיך אזא תהום, בעת מען טרעט צו צום באהאַנדלען דאָס יידן־פּראָבלעם?”

נישט בלויז באָגוסלאַוו מיעדזשינסקי איז געוועזן א שונא ישראל

נאָר אויך זיין פרוי יאנינא. די משומדת איז געווען שטאַרק באַגייס־טערט פון היטלעריסטישן רעזשים אין דייטשלאַנד. אזוי ווי פרוי יאנינא מיעדזשינסקי האָט פארנומען אן אמט פון אן ארבעטס־אינספעקטאָרין, איז זי אין פעברואר 1937 אראָפּגעקומען פון ווארשע קיין שעדלעץ און געהאלטן א רעפעראט א. ד. ט. „דער נייער ארבעטס־סיסטעם אין דייטש־לאנד", וואָס איז געווען א לויבגעזאנג פאר דער היטלעריסטישער אָר־דענונג.

דער פּאָגראָם, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויף יידן אין בריסק, אין חודש מיי 1937, האָט געפונען א ברייטן אָפּקלאנג אין שעד־לעץ. אין שטאָט האָט זיך געבילדעט א הילפס־קאָמיטעט פאר די געלי־טענע יידן אין בריסק אין צוזאמענשטעל פון די עסקנים: ד"ר ח. בערג־מאן, מ. ראטביין, י. נ. וויינטרויב, י. א. צוקער, י. סלושני, מ. זאלצמאן און ב. צוקער. אין אן אויפרוף, וואָס דער הילפס־קאָמיטעט האָט ארויס־געגעבן ווערט געזאָגט:

„לאָמיר נישט דערלאָזן, אז אונדזערע בריסקער ברידער זאָלן אויס־גיין פון הונגער און נויט! לאָמיר אויפבויען צוריק דאָס חרוב געוואָרענע בריסק! קיין איין יידיש געשעפט און ווארשטאט טאָר דאָרט נישט אויפ־הערן צו עקסיסטירן!"

צוגלייך מיט אלע אנדערע שטעט אין פוילן מוז אויך אונדזער שטאָט שעדלעץ נעמען אן אקטיוון אנטייל אין דער בריסקער הילפס־אקציע! דאָס וועט זיין א מאטעריעלע און מאָראלישע הילף פאר אונדזערע געליטענע ברידער און א שפיי אין פנים די נידערטרעכטיקע אנטיסעמיטישע רשעים!"

אויסער אין מאטעריעלער הילף האָבן זיך טויזנטער שעדלעצער יידן אויך באטייליקט אין ריזן פּראָטעסט־פארזאמלונגען קעגן דעם פּאָג־ראָם. אלע געשעפטן אין שטאָט זיינען צום 30סטן מיי 1937 געשלאָסן געוואָרן. ס'האָט זיך באמערקט די ספּעציפישע יידישע סאָלידאריטעט און גרייטקייט זיך קעגנצושטעלן דער אנטיסעמיטישער פּלאָג. די דאָ־זיקע סאָלידאריטעט, געשלאָסענע האלטונג פון דער יידישער באפעלקע־רונג אין שעדלעץ האָט ארויסגערופן דעם צאָרן פון שעדלעצער פּוילישן אנטיסעמיטישן בלאט „זשעמיא שעדלעצקא", וועלכער האָט אין א נאָ־טיץ א. נ. „יידישע פּראָטעסטן" געשריבן:

„דאָס באהאנדלען די יידן אויף אזא בעסטיאלישן אופן, ווי ס'האָט געטאָן היטלער, האָט נישט ארויסגערופן קיין געהעריקע רעאקציע ביי די יידן פון ווארשע און שעדלעץ. אויב פאר בריסק האָט דאָס דעמאָנסטראטיווע פארמאכן מאָנטיק די געוועלבער געזאָלט זיין אן אנטשפּרעכנדיקע רעאקציע, וויפל זשע שעהן און טעג, האָבן די יידן געדארפט דעמאָנסטרירן דורך פאר־מאכן די געוועלבער נאָכן היטלער־פּאָגראָם?"

נאָך דעם ווי דער פּוילישער פּרעמיער־מיניסטער גענ. סלאַוואָי סקלאַדקאָווסקי האָט אין זיין שוין דערמאָנטער רעדע אין סיים באַרעכ־טיקט דעם עקאָנאָמישן קאַמף קעגן יידן, איז אָפּגעווישט געוואָרן די גרענעץ צווישן דער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (נ. ד.), וועלכע איז פון שטענדיק אָן געווען אַנטיסעמיטיש לגבי יידן, און דער אָפיציע־לער רעגירונגס־פּאַרטיי, די סאַנאַציע, וועלכע איז פון אָנהויב אָן גע־ווען פּראָאינטערעסירט אין גוטן נאָמען פון פּוילן און האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון יידנפריינדשאַפטלעכקייט.

דער עקאָנאָמישער קאַמף קעגן יידן, דאָס עלימינירן זיי פון דער פּוילישערווירטשאַפט האָט אין שעדלעץ, פּונקט ווי אין אַנדערע ער־טער, אָנגענומען ערנסטע פאָרמען. אין די יידישע גאַסן, אַרום די גע־וועלבער, האָבן זיך אַרומגעדרייט ספּעציעל אָניפאָרמירטע פּיקעטני־קעס, וואָס האָבן נישט דערלאָזט, אַז קריסטן זאָלן אַריינגיין אין יידישע געשעפטן קויפן. ווען אַ קריסטלעכער קונה פלעגט זיך דערנענטערן צו אַ יידיש געוועלב, פלעגט אים דער „פּיקעטניק" אַנטקעגן גיין און זאָגן אים מוסר הלמאי ער גראָבט אונטער די פּוילישע ווירטשאַפט און קויפט נישט אין קיין קריסטלעך געוועלב. ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, אַז אַזאַ אַרט אַגיטאַציע האָט משפּיע געווען אויפן כמעט גענצלעכן רואין פון דער פּאַראָרעמטער יידישער באַפעלקערונג אין שעדלעץ. קריסטלע־כע קונים האָבן זיך אויפגעהערט צו באַווייזן אין יידישע קראָמען און קריסטלעכע געשעפטן האָבן אָנגעהויבן אויפצובליען. זיי האָבן גענאָסן פון קרעדיטן און אַנדערע פּריווילעגיעס, וואָס די פּוילישע מאַכט האָט זיי געגעבן.

דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף אַנ־דערע געביטן פון לעבן. אין חודש נאָוועמבער פון זעלבן יאָר, האָבן זיך אין שעדלעץ באַוויזן קריסטלעכע דראָשקערס, מיט אויפשריפטן אויף די היטלען: „קריסטלעכע דראָזשקע". די דאָזיקע דערשיינונג האָט רואי־נירט אַ פּרנסה־צווייג, פון וועלכן צענדליקער יידישע משפּחות האָבן געצויגן חיונה זייט הונדערט יאָר. מיט דער צייט האָט שעדלעץ אויך זוכה געווען צו אַן אַרישן דאָקטוירים־פּאַראיין. דער ענדעקישער אַד־וואָקאַט כזשאַנאָווסקי האָט אויך צוגעשטעלט אַ פּעטיציע, וועלכע איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך אַלע קריסטלעכע אַדוואָקאַטן, מיטן אויס־נאַם פון דריי יוריסטן. די פּעטיציע האָט געפאָדערט אויסצושטרייכן יידן פון דער אַדוואָקאַטור. דער דערמאָנטער אַנטיסעמיטישער אַדוואָ־קאַט איז געווען אַ זון פון אַלעקסיי כזשאַנאָווסקי, אַ ליבעראַל און יידנפריינד, וועמענס טעטיקייט פאַר דער יידישער געזעלשאַפט איז דורך אונדז דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען פון אונד־זער אַרבעט.

מיט דער גרעסטער ענערגיע איז די אַרטיקע מאכט צוגעטרעטן צו ליקווידירן דעם יידישן האנדל אין שעדלעץ. דעם 16טן אויגוסט 1938 איז אריין אין קראפט א פאראָרדענונג פון שעדלעצער מאגיסטראט, וואָס האָט צוגענומען די פרנסות פון 27 יידישע סוחרים, אייגנטימער פון שטעלן אין דער שטאָטישער האלע אויפן מארק. זיי זיינען אויפגע־פאָדערט געוואָרן צו פארלאָזן זייערע שטעלן, ווייל די האלע האָט מכלו־מרשט געזאָלט רעמאָנטירט ווערן. גלייכצייטיק איז פארעפנטלעכט גע־וואָרן, אז אלע הענדלער, וואָס באזיצן סטראגאנעס, בודקעס אָדער טיש־לעך אויפן מארק, מוזן פארלאָזן די ערטער פון 1טן אָקטאָבער 1938, ווייל די שטאָט-פארוואלטונג טרעט צו צו „רעפאָרמירן" דעם האנדל אויפן מארק. אלע שטעלן מיט שפייז-סחורות האָבן זיך געמוזט געפינען אין דער האלע, פארן האנדל מיט אנדערע סחורות זיינען ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרן קראָמען.

דער פרייז פון אזא קראָם האָט געזאָלט באטרעפן פון 25 ביז 40 זל. א חודש, און ווייל די שטאָט-פארוואלטונג האָט זיך גענויטיקט אין געלט, האָט זי פון די רעפלעקאנטן פארלאנגט דירה-געלט פאָרויס פאר א יאָר. די פאראָרדענונג האָט שווער געטראָפן די יידישע הענדלער פון מארק ווי א דונער, ווייל די גאנצע סחורה פון א טישל אָדער סטראגאן אויפן מארק האָט באטראָפן לערך פון 50 ביז 80 זלאָטעס. אָט די אָרע־מע רואינירטע סוחרים האָבן זיך געמוזט שאפן 300 זל. אויף א געוועלב, ווייל אנדערש האָט זיי געדראָט א קאטאסטראָפע.

וואָס פאר א רעמאָנט איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער האלע? ביזן רעמאָנט זיינען געווען 48 שטייפלעצער, זיי זיינען איבערגעמאכט געוואָרן אויף א צאָל פון 60. די צאָל יידן וואָס האָבן ווייטער געדונגען פּלעצער איז געווען א נישטיקע. לסוף האָט זיך די אנטיסעמיטישע מאכט ארומגעזען, אז ס'איז נויטיק אָנצוווענדן א ראדיקאלער מיטל, כדי צו רואינירן די עקסיסטענץ פון די יידישע סוחרים אין דער האלע. אזוי ווי די מערק זיינען זייט הונדערטער יאָרן פאָרגעקומען אין די טעג פון דינסטיק און פרייטיק, האָט מען דאָס מבטל געווען און באשטימט, אז בקויז שבת וועט פאָרקומען דער מארק. יידן האָבן נישט געוואָלט מחלל שבת זיין און די אנטיסעמיטישע פאראָרדענונג האָט חרוב געמאכט די עקסיסטענץ פון א גרויסן טייל שעדלעצער יידן.

פון ווירטשאפטלעכן אנטיסעמיטיזם איז מען אריבער צו כוליגא־ניזם. דאָס שלאָגן יידן אין די שעדלעצער גאסן איז געוואָרן אן אָפטע דערשיינונג. דעם 1טן יוני 1937 האָבן זיך א גרופּע פּאָליאקן, באוואָפנ־טע מיט שטעקנס און אייזנס, ארויסגעלאָזט זיך אויף די זייטיקע גאסן און וואו נאָר זיי האָבן געטראָפן א יידן, האָבן זיי אים געשלאָגן. ס'זיי־נען צעשלאָגן געוואָרן: יעקב קרויט, אסתר טארנהיים, הערש יאבלאָן,

ביאלעשקלא, מ. זילבערבערג, יצחק העלער און אויך צוויי ישיבה־בחו־רים, וואָס זייערע נעמען זיינען אומבאקאנט.

פון דעמאָלט אָן און ווייטער זיינען די אָנפאַלן אויף יידן געוואָרן א כראָנישע דערשיינונג. עס איז געווען א פּחד פאר א יידן ארויסצו־גיין פון זיין הויז אין די אָוונט־שעהן. יידן האָבן זיך פארהאמערט אין זייערע וואוינונגען ווי נאָר די נאכט איז צוגעפאלן. דער שטאָטישער גאָרטן, וועלכער פלעגט שטענדיק זיין פול מיט יידישע שפאצירנדיקע, וואו עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פארוויילונגען און מאסן־מאניפעס־טאציעס — אָט דער גאָרטן איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן, ווייל ארייננגיין דאָרט איז געווען פארבונדן מיט סכנת־נפשות. אנטיסעמיטן פלעגן לויערן אויף שפאצירנדיקע יידן און זיי צעשלאָגן.

דערפאר האָבן זיך די פּני פון פוילישן שעדלעץ געצאצקעט מיט געוויסע געסט, וועלכע פלעגן דורכפאָרן די שטאָט, אויפן וועג קיין ביא־לאָוועזש אין די וועלדער, אויף יאגד. מ׳פלעגט אָפט זען די דייטשע היטלער־מיניסטאָרן — גערינגן, געבעלסן, און מוסאָלינים מיניסטער גראַף טשאַנאָ, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרוים כבוד. די פּאָליאקן האָבן גאָרנישט געטראכט, אז דאָס זיינען זייערע בלוטיקע שונאים.

דעם 19טן אָקטאָבער 1937 האָט די יידישע געזעלשאפט אין שעד־לעץ פּראָטעסטירט קעגן איינפירן יידישע בענק אין די הויכשולן. דאָס יידישע שעדלעץ האָט זיך אָפּגעגעבן א דין־וחשבון, אז דאָס איז דער אָנהויב פון ארייננשפארן די יידישע באפעלקערונג אין דעם מיטלאלטער־לעכן געטאָ. דערפאר איז דער פּראָטעסט געווען אָן איינהייטלעכער: געשעפטן האָבן זיך געשלאָסן, ארבעטער האָבן פארשטרייקט, און יידי־שע שילער זיינען נישט געקומען אין די דערציאונגס־אנשטאלטן.

אין דער זעלבער צייט, ווען יידן זיינען אזוי שטארק בארויבט גע־וואָרן פון זייערע עלעמענטארע בירגערלעכע און מענטשלעכע רעכט, האָבן זיך געפונען אזעלכע יידן, וועלכע האָבן דווקא געוואָלט מאניפעס־טירן זייער פוילישע פּאטריאָטישקייט. וועגן דעם שרייבט דאָס „שעד־לעצער וואָכנבלאט״ 105: דער ווערבירונגס־קאָמיטעט פארן שלעזישן לע־גיאָן האָט פארשריבן פרייוויליקע אין דאָזיקן לעגיאָן און געמאכט שווע־ריקייטן יידישע פרייוויליקע, מיטגלידער פון יידישן קאָמבאטאנטן־פאראיין, וועלכע האָבן זיך געוואָלט מאָביליזירן אין שלעזישן לעגיאָן. די פארשרייבער האָבן אָפּגעפטרט די יידישע פרייוויליקע מיט פארשי־דענע תירוצים. מ׳האָט זיי געשיקט אין יידישן קאָמבאטאנטן־פאראיין, אָדער מ׳האָט זיי געזאָגט, אז ס׳איז נאָך נישטאָ קיין באשלוס וועגן יידן־פרייוויליקע. צוויי יידן האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן און דורכויס געפאָדערט זיי צו פארשרייבן. ווייזט אויס, אז די פוילישע

פאַטריאָטן האָבן נישט געוואָלט דערפירן צו א סקאַנדאַל און מ׳האָט זיי געמוזט פאַרשרייבן אין פּריוויליקן לעגיאָן.

אזוי ארום האָבן יידן געוואָלט מאַניפעסטירן זייערע פּאַטריאָטישע געפילן, נאָר מ׳האָט זיי צו דעם אויך נישט צוגעלאָזן.

שעדלעצער פּאָליאַקן אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם

געוועזן אין שעדלעץ א דאָקטער מעדיצין — סט. וואַנסאַווסקי; ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז ער געוועזן אַנטיסעמיטיש געשטימט אין די ערשטע יאָרן פון 20סטן יאָרהונדערט. אָבער מיט דער צייט איז ער געוואָרן שטאַרק ליבעראַל און געענדערט זיין באַציאונג צו יידן. ער איז געוועזן שטאָטדאָקטער און רעדאַקטאָר פון אַן איינפלוסרייכער צייטונג. בעת די אַנטיסעמיטישע כוואַליע האָט זיך געטראָגן איבער שעדלעץ האָט דאָקטער וואַנסאַווסקי אָנגעהויבן פּראָטעסטירן קעגן די עוולות וואָס ווערן אָפּגעטאָן יידן.

ד״ר סט. וואַנסאַווסקי, וועלכער איז אגב געוועזן א פרייידענקער, האָט אין זיין צייטונג „זשעמיא שעדלעצקא״ פאַרעפנטלעכט א ריי אַר־טיקלען, אין וועלכע ער האָט באַקעמפט דעם ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם. אין שייכות מיט די וואַלן, שוין צום לעצטן סיים און סענאַט, וואָס זיי־נען פאָרגעקומען אין זומער 1938, האָט וואַנסאַווסקי פאַרעפנטלעכט א כאַראַקטעריסטישן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געשריבן:

„פוילן איז אונטערגעגאַנגען צוליב א סך סיבות, א גרויסע שולד האָט דערין אויך דער קלויסטער מיט זיין גרינגשעצן אַנדערע גלויבנס און מנהגים. שולדיק איז אויך דער ווילקיר פון דער שליאַכטע — און דאָס וואָס די נייע שטראָמען זיינען צו די פּוילישע אויבערשטע שיכטן נישט דערגאַנגען. אָבער אונטערגעגאַנגען איז פוילן אויך דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געקענט זיך אויפהויבן העכער איבערן עגאָאיסטישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. קיינער האָט דעמאָלט, מיטן אויסנאַם פון געציילטע יחידים, נישט געקלערט מלוכיש, קיינער האָט נישט גענומען אין אכט דעם איב־טערעסן־פּלאָנטער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע האָבן דעמאָלט עקסיסטירט. דעמאָלט ווען אין אייראָפּע, ביי אַנדערע שכנים, האָט מען גענומען דענקען מלוכיש, האָט די שליאַכטע געטראַכט בלויז וועגן אירע רעכט, אָבער — נישט וועגן אירע פליכטן. מיר האָבן זיך נישט באַמיט צו לעבן בשלום מיט די מינדערהייטן, מיט די רעליגיעס, מיט די סעקטעס. מיר האָבן געהערשט איבער זיי מיט גוואַלד און שטראָף און קאַמף, אפשר אָן געווער, אָבער מיט עקסטערמינאַציע־מיטלען און גרינגשעצונג. אין די מינוטן פון אויפשטאַנדן האָבן מיר זיך געכאַפּט צו אַלטרואיסטישע לאָ־זונגען („פאַר אונדזער און אייער פרייהייט״), מיר האָבן זיך געווענדעט

צו די יידן מיט הייסע אויפרופן וועגן קאָנסאָלידאַציע און הילף. אָבער דאָס האָט געדויערט א גאַנץ קורצע צייט, ווייל באַלד נאָך דעם האָבן מיר שטענדיק זיך צוריקגעקערט צו אונדזער אלטער אויפגאַבע — צו דער פאַרטיידיקונג פון אונדזער אונטערדריקטן נאַציאָנאַליזם. אין דעם קאַמף זיינען מיר דערגאַנגען צו דער העכסטער הויך פון העלדישקייט און אבנעגאַציע. הייינט, ווען מיר האָבן אויסגעקעמפט אונדזער אומאָפּהענגיקייט, האָבן מיר פּראָסט און פּשוט אידענטיפיצירט די נאַציאָנאַלע אידעע מיט דער מלוכהשער, און אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער אידעע האָבן מיר אָנגעהויבן אן אָפענסיווע אויף די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און קודם־כל — אויף יידן״.

אויף אזא אופן האָט ד״ר וואַנסאַווסקי, געסטעמפּלט דעם אנטיסעמיטישן כאַראַקטער פון פּוילישן נאַציאָנאַליזם. ער פאַרענדקיט זיין אַרטיקל מיט פאָלגנדיקן אויספיר:

„אזוי ווי מיר זיינען היינט פרייע מענטשן, אין בליאונגס־פּעריאָד פון נאַציאָנאַלע אידעען, וואַקסן אַרויס ווי שוואָמען פאַרטייען און פאַרטייעלעך מיט א „נאַציאָנאַלן״ כאַראַקטער, און זיי רוקן אַרויס די פראַגע: ווער לויערט אויף אונדזער שפּראַך, אויף אונדזער קולטור, אויף אונדזערע מנהגים? און זיי ענטפערן: דער ייד, דער מאַסאָן.

ווען זיי זאָלן נישט עקסיסטירן, וואָלט מען זיי געדאַרפט שאַפן, אָדער מען וואָלט געמוזט דעמאָלט נעמען אלס אן אָביעקט פאַר פאַרפאָלגונגען — אַלץ וואָס איז נישט סלאַוויש. אפשר וואָלט מען דאַן גענומען רודפן אַלע ברונעטן אלס מענטשן, וואָס שענדן דעם סלאַוויאַנישן ראַסיזם. ווער ווייסט? דאָס פאַרשפּרייטן אָט די „נאַציאָנאַלע״ אידעען מיט אטריבוטן פון געוואַלד, באַמבעס און זידלערייען לאָזט זיך לייכט אדורכפירן צוליב דער אַלגעמיינער נידריקער עטישער מדרגה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מענטשן, אין דורכשניט אָרנטלעכע און נישט קיין נאַראָנים, לאָזן זיך פירן פון ייִנגעלייטלעך, וואָס מאַכן פּאָליטיק, אליין נישט וויסנדיק וואָס זיי ווילן, אָבער וואָס באַצייכענען יעדן דערפאָלג זייערן מיטן אויסדרוק „נאַציאָנאַלער״, — א „פּעדאַגאָקראַטיע״ פון ערגסטן מין געפינט אָנהענגער נישט בלויז צווישן דער רויער יוגנט, נאָר אויך צווישן ערנסטע דאָקטוירים און אדוואָקאַטן. די אַמאָליקע ריטערלעכע אייגנשאַפטן זיינען געוואָרן פאַרוואָרפן, מען קוקט אויף זיי שלעכט״.

ד״ר וואַנסאַווסקי און נאָך איינציקע שעדלעצער פּאָליאַקן פון פּעפּעסישן לאַגער זיינען געווען די געציילטע, נישט־יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגרענעצט פון דער אנטיסעמיטישער העצע, וועלכע האָט אין שעדלעץ פאַרכאַפּט אויך דעם קאַטוילישן קלער.

ווען אין חודש אויגוסט 1938 האָט דער פּויפּסט אַרויסגעגעבן זיין ענציקליקע קעגן ראַסיזם, האָט גלייך די שעדלעצער גלחים־צייטונג

„גלאָס פּאָדלאַסקי" נומ' 32, געגעבן אַנטיסעמיטישע פּירושים צו דער ענציקליקע. „גלאָס פּאָדלאַסקי" האָט אָפּגעדרוקט נאָטיצן וועגן יידישע שווינדלער, יידישע פּראָצענטניקעס, און איבערגעדרוקט אַנטיסעמיטישע ידיעות פון דער פראַנצויזישער פּרעסע, וועלכע האָט געטענהט, פאַר־וואָס מען לאָזט די יידן פון מזרח-אייראָפּע, ספּעציעל פון פּוילן, אַריין קיין פראַנקרייך. אויף דעם גלחישן אַנטיסעמיטיזם האָט קיינער פון די פּאָליאַקן נישט רעאַגירט.

קעגן ראַסיזם איז אין שעדלעץ אַרויסגעטרעטן די אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער אָרג. פון געוו. פּאָליטישע אַרעס־טירטע פּ. פּ. ס. — רעוואָלוציאָנערע פראַקציע וואָס האָט געהאַט איר אָפּטיילונג אין דער שטאָט. אין אַן אויפרוף פון דער דאָזיקער אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 12טן פעברואַר 1939, לייענען מיר:

„זעענדיק די סכנה, וואָס דראָט מיטן פאַרניכטן אַלע דעמאָקראַטישע און הומאַניטאַרע לאָזונגען פון גלייכהייט און פרייהייט, וועלכע מען האָט אָפּגעדרוקט אין דער צייט פון קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, דערקלערן מיר, די ערשטע זעלנער פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, די געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, אויסגעפּראַוווטע אין יאָרן פון קאַמף, קאַטאָרגע און תליות פאַר דער ליבע צום פאָטערלאַנד, אומאָפּהענגיקייט־אידעע און גלייכע רעכט פון מענטש און בירגער:

1) אין די אַלע קאַמפן פאַר אומאָפּהענגיקייט פון אונדזער פאָטער־לאַנד האָבן מיר נישט געוואוסט קיין חילוק פון גלויבן אָדער ראַסע.

2) מיר האָבן אַלע — אונטער די פענער פון פּ.פּ.ס. — אַלע וועמען גלייכהייט און אומאָפּהענגיקייט איז געוועזן טייער, אָן חילוק צווישן קלאַס, ראַסע, אָפּשטאַמונג אָדער רעליגיע, אָרעם ביי אָרעם, געפירט דעם קאַמף פאַרן אַנטגילטיקן נצחון, און אַז אין דעם קאַמף זיינען מיר אַלע געווען גרייט אויף יעדן קרבן.

3) מיר ווילן בלייבן טריי די אידעאַלן און דעריבער טאַדלען מיר יעדן געדאַנק אָדער שטרעבן צו רעאַליזירן און שטיצן אַנטי־דעמאָקראַטישע לאָזונגען פון ראַסן־שנאה.

האַלטנדיק, אַז די יוגנט איז די צוקונפט פון אונדזער פאָטערלאַנד, און אַז נאָר אין אַן אַטמאָספערע פון ברידערלעכקייט, גלייכהייט און פריי־הייט קאָן בליען די אמתע ליבע צום פאָטערלאַנד, דער יסוד פון איר גרויסקייט — ווענדן מיר זיך צו אַלע עלטערן, אַז זיי זאָלן זייערע קינדער דערציען אויף די אידעאַלן פון גלייכהייט, ברידערלעכקייט און פרייהייט, פאַר וועלכע זייערע עלטערן האָבן געליטן און געשטאָרבן."

פּאָרזיצער: סטאַניסלאַוו רוזשאַנסקי

סעקרעטאַר: וואָורזשעניעץ וואַלטשאַק

די שטים פון די דאָזיקע קעמפער קעגן ראַסיזם האָט געהאַט א שוואַכן אָפּקלאַנג. דערפאַר אָבער האָט די אַנטיסעמיטישע העצע געהאַט א שטאַרקן דערפאָלג. עס האָט זיך געשטאַרקט די פּיקעטן-אַקציע, דאָס נישט אַריינלאָזן קיין קריסטלעכע קונים אין „יידישע געשעפטן". אָט די פונקציע איז געווען לעגאַל אין די אויגן פון דער מאַכט. די פּיקעטן וואָס האָבן באַוואַכט די יידישע געשעפטן פלעגן נישט איין מאָל אויס־טראַכטן א בלבול, אַז פון א פענצטער פון א יידישער וואוינונג האָט מען אויף זיי אַראָפּגעשפּיגן, אָדער אַראָפּגעוואָרפן א שטיקל טינק, צי גאָר אויס שפּאַס אַרויסגעשטעקט א צונג. ווען אַזא „פּיקעטניק" פלעגט דערלאַנגען אַן אָנקלאַגע, האָט די פּאָליציי גאַנץ ערנסט געפּאָרשט.

אויך די אָנפאַלן אויף יידן זיינען געוואָרן א כראָנישע דערשיינונג.

אין זומער 1938, זיינען די דייטשע יידן פון פּוילישן אָפּשטאַם דעפּאָרטירט געוואָרן דורך דער היטלער-רעגירונג קיין פּוילן. די פּויליש־שע מאַכט האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין לאַנד און זיי זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין לאַגערן אין גרענעץ שטעטל זבאָנשין. א סך פון זיי זיינען געקומען קיין שעדלעץ. טראָץ די שווערע מאַטעריעלע לאַגע זיינען די גולים אויפגענומען געוואָרן מיט וואַרעמקייט. א ספּעציעל געגרינדעטער קאָמיטעט האָט זיך פאַרנומען מיטן באַזאָרגן זיי מיט וואוינונגען און געהאָלפן זיי איינאָרדענען. עטלעכע קינדער יתו־מים האָבן געפונען אַן אָרט אין שעדלעצער „עזרת-יתומים".

די מעטיקייט פון דער קהילה ערב דער קאַטאַסטראָפע

אין דער זעלבער צייט, ווען דער שוואַרצער וואָלקן האָט זיך פאַר־שפּרייט איבער די קעפּ פון יידישן כלל אין שעדלעץ, האָט די יידישע געזעלשאַפט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין-וחשבון איבער דער סכנה, וואָס לויערט אויף איר.

די קהילה-וואַלן, שוין די לעצטע פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, וואָס זיינען פאָרגעקומען סוף פון יאָר 1936, האָבן נאָך מער דעמאָנ־סטרירט די צעשפּאָלטנקייט און צעריסנקייט פון דער יידישער געזעל־שאַפט. דאָס מאָל האָבן געזיגט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וועלכע האָבן ביז 1936 נישט געהאַט קיין פאָרשטייערשאַפט, אָדער נישט קיין גענוגנדיקע פאָרשטייערשאַפט אין דער קהילה. אויף דער ערשטער זי־צונג פון לעצטן ניי-דערוויילטן קהילה-ראַט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 29סטן נאָוועמבער 1936, האָבן די „אגודה"-פאָרשטייער ווייטער דער־קלערט, אַז זיי בלייבן טריי זייער איינשטעלונג וועגן דעם ראַט פון דער קהילה אַלס אינסטיטוציע, וואָס האָט אויסשליסלעך צו זאָרגן פאַר די

רעליגיעזע הצטרכותן פון דער יידישער באפעלקערונג; צוליב דעם וועט די אגודה קודם־כל זיך באמיען, אז די קהילה זאָל אויפנעמען א רב, אויסהאלטן די „תלמוד־תורה", „בית־יעקב"־שול, און וועט אויך שטיצן דעם שפיטאָל, און געדענקענדיק אין דער מצווה פון „וכי ימוך אָחיך והחזקת בו", וועט אויך די „אגודה"־פראקציע זאָרגן דערפאר, אז די קהילה זאָל שטיצן דעם שפיטאָל און גמילות־חסד־קאסע. אלע אנדערע פראקציעס אין דער קהילה האָבן באטאָנט אין זייערע דעקלאראציעס, אז זיי באטראכטן די קהילה אלס א נאציאָנאל־אויטאָנאָמע אינסטיטוציע, וועלכע דארף באפרידיקן אלע סאָציאלע און קולטורעלע באדערפעניש פון דער יידישער באפעלקערונג.

ווי ס'האָט אויסגעזען די קהילה־טעטיקייט אין יענער צייט, באווייזט דער ווייטער געבראכטער באלאנס. פארגלייכן מיר אָט דעם דאָקומענט מיט דעם באלאנס פון דער קהילה־טעטיקייט אין יאָר 1923, זעען מיר, אז די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט פאָרט פראָגרעסירט און אויסגעברייטערט איר טעטיקייט 107).

הכנסות:

עטאט פון יאָר 1936	23,541.27 זל.
איינגעפלאָסן פון יאָר 1935	6,945.69 "
קאנצעלאריע־אָפּצאָלן	1,722.75 "
שחיטה	27,443.50 "
בית־עולם	4,985.— "
דירה־געלט פון געוועלבער און מקוה	5,578.18 "
פסח־אקציע	1,828.55 "
שטראָף פאר נישט צאָלן צו דער צייט פון עטאט	525.86 "
דעפּיזיט	1,563.61 "
ס"ה	74,134.41 זל.

הוצאות:

ראבינאט	5,200.— זל.
אדמיניסטראציע	5,850.— "
ביוראָ	1,050.17 "
שול, חזן, שמש, באהייצונג, באלייכטונג	4,234.26 "
שוחטים א. א. שחיטה־אויסגאבן	14,580.41 "
בית־עלמין	1,944.21 "
עמעריטורן	2,735.— "
אדמיניסטראציע פון די קהילה־בנינים, אָנגעשטעלטע, אסעקוראציע, פראָצ.	2,767.89 "

קראנקן־קאסע — — — — — — — — — — — — —	813.89	„
סאָציאַלע שוץ: ווינטער־אקציע און אנדערע — — —	4,794.69	„
סובוועגצן: תלמוד־תורה — — — — — — — —	6,441.70	„
ישיבת „בית־יוסף" — — — — — — — — — —	327.—	„
„בית־יעקב"־שול — — — — — — — — — — —	1,035.—	„
„תרבות"־שול — — — — — — — — — — —	2,110.50	„
„יבנה"־שול — — — — — — — — — — — —	234.—	„
„עזרת־יתומים" — — — — — — — — — — —	2,076.23	„
„מושב־זקנים" — — — — — — — — — — —	1,917.15	„
יידישער שפּיטאָל — — — — — — — — — — —	750.—	„
„טאז" און זומער־קאָלאָניעס — — — — — — —	718.83	„
„לינת הצדק" — — — — — — — — — — — —	257.—	„
ועד הכשרות — — — — — — — — — — — —	343.38	„
פארשידענע:		
דעקן דעם דעפיציט ביזן 1טן יאנואר — — — — —	2,887.87	„
דאָס זעלבע סובוועגצן — — — — — — — — —	632.80	„
אויסגעקויפטע אייגענע וועקסלען — — — — — —	2,400.—	„
קראנקן־קאסע — — — — — — — — — — —	5,118.94	„
פארשידענע חובות — — — — — — — — — —	947.77	„
נישט פאָרויסגעזעענע אויסגאבן — — — — — —	1,965.82	„
ס"ה —	74,134.41	זל.

א מחלוקה צוליב א רב און א חזן

אין יאָר 1932 איז צווישן יידן אין שעדלעץ אויסגעבראָכן א מחלוקת, וואָס איז נישט איינגעשטילט געוואָרן ביז הארט פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. געשען איז עס צוליבן אויסוואל פון א רב, אויפן אָרט פון נפטר ר' חיים יהודה גינזבורג.

נאָך זיין פטירה איז אויסגערופן געוואָרן א קאָנקורס אויף א רב. דער זון פון נפטר ר' אלטער־אליעזר גינזבורג איז נישט געקומען אין באטראכט אלס קאנדידאט. פארשידענע רבנישע אויטאָריטעטן האָבן פאָרגעשלאָגן זייערע קאנדידאטורן. די הויפט־דעציזיע האָבן, פארשטייט זיך, געהאט די פארטייען; יעדער איינער האָט געוואונען אָנהענגער אָדער קעגנער, און מ'האָט זיך גערעכנט מיט למדנות און אנדערע אייגנשאפטן, ווי אויך מיט דער פארטייאישער אָנגעהעריקייט פון קאנדידאט. איין רב, וועלכער איז בשעתו שטארק באקעמפט געוואָרן דורך דער אלגעמיין־ציוניסטישער און מזרחיסטישער באוועגונג, איז געוועזן הרב

אייכנשטיין פון כאַדאַראָוו, וועלכער האָט געהערט צו דער הערשנדיקער רעגירונגס-פּאַרטיי און געדינט די אינטערעסן פון דער פּוילישער רעגי־רונג. דאָס האָט באַדייט, אז ער איז קעגן די לעבנס-אינטערעסן פון יידישן קיבוץ. אין די יידישע נאַציאָנאַלע קרייזן האָט מען הרב אייכנ־שטיין נישט געהאַלטן פאר קיין פאַרטרעטער פון יידישן כלל. ס׳האָבן קורסירט וועגן אים פאַרשידענע קלאַנגען, ווי למשל: ער וויל קריגן דעם כסא-הרבנות אין שעדלעץ, ווייל אין דעם איז פאַראינטערעסירט די פּוילישע רעגירונג. ס׳איז אויך באַוואוסט געוואָרן, אז דווקא א פּאַ־ליאַק מיטן נאָמען טשעכאָוויטש, א ברודער פון דעמאָלטיקן פּוילישן פינאַנץ-מיניסטער, האָט זיך אַוועקגעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אז אָט דער אייכנשטיין און נישט קיין אנדערער זאָל זיין שעד־לעצער רב. אזוי ווי הרב אייכנשטיין האָט געהערט צו „אגודת-ישראל״־לאַגער, און אזוי ווי די איסזיכטן אויסצואווײלן אים אויפן לעגאַלן וועג זיינען געווען שוואכע, האָבן די אָנהענגער זיינע אָנגעווענדעט פאַרשי־דענע מאַכינאַציעס, כדי צו געווינען א מערהייט אין דער קהילה-פאַר־וואַלטונג און אין קהילה-ראַט. די שטימען פון דער „אגודה״ זיינען גע־וועזן געזיכערט. ס׳האָבן אויך פאַרזיכערט זייערע שטימען פאַרן הרב אייכנשטיין נאָך עטלעכע פרנסים.

די וואַלן וואָס האָבן שוין געזאָלט פאָרקומען, האָבן אַרויסגערופן א העפטיקע קעגנערשאַפט פון די ציוניסטן און מזרחיסטן. די וואַל-פּראָ־פּאַגאַנדע האָט אָנגענומען זייער שאַרפע פאָרמען. דער נאַציאָנאַלער לאַ־גער האָט פאָרגעוואָרפן הרב אייכנשטיינען, אז ער איז נישט מער ווי א משרת פון דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער רעגירונג. עס זיינען אויך געוועזן קלאַנגען, אז הרב אייכנשטיין וויל דערגרייכן צום כסא-הרבנות אין שעדלעץ דורך שוחד, וואָס ער זאָל האָבן געגעבן. עס האָבן זיך באַ־וויזן אגיטאַציע-אויפרופן מיט ציטאַטן פון חז״ל קעגן דער דאָזיקער האַנדלונג פון רב. מ׳האָט זיך באַנוצט מיט ציטאַטן פון רמב״ם, וועלכער האָט זיך אַרויסגעזאָגט:

„כל דיין המתמנה בשביל כסף אסור לעמוד לפניו, ולא עוד אלא שמצוה להקל לזלזל בו ולבזותו״ (ירושלים, רמב״ם פ״ג, מהלכות סנהדרין). *)

אין יידישער איבערזעצונג:

„יעדער דיין, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויף זיין אַמט צוליב געלט, טאָר מען פאר אים זיך נישט שטעלן, און ס׳איז אויך א מצוה אים מבזה צו זיין און גרינגשעצן״.

*) אין אָריגינאַל אין רמב״ם, הלכות סנהדרין, פּרק ג׳, הלכה ט׳ (הוצאת חורב) איז דער נוסח אביסל אנדערש: כל דיין שנתן ממון כדי שיתמנה, אָסור לעמוד מפניו, וצוו חכמים להקל אותו ולזלזל בו (באַמערקונג פון די קאָרעקטאָרן: מנשה און משה קאָנסטאַנטינאָווסקי).

ס׳איז אויך ציטירט געוואָרן א חרם, וואָס איז ארויסגעגעבן גע־וואָרן אין יאָר תרס״ב (1909) אויף דער איניציאַטיוו פון די גאוני וגדולי ישראל, מיט ר׳ אברהמלע סאכאטשעווער, אלעקסאנדער רבי און גערער רבי בראש, און וועלכער הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „בשם ה׳ אלקי ישראל״.

דער חרם איז דעמאָלט אויך אונטערגעשריבן געוואָרן דורך נאָך 162 רבנים און רביים פון פארשידענע שטעט און שטעטלעך פון קאָנ־גרעס-פוילן. אין דער מודעה וועגן חרם ווערן אזלעכע רבנים אָנגערופן: „אלהי כסף ואלהי זהב״. דער קאמף צווישןביידע לאגערן האָט זיך געפירט נישט בלויז אויפן פאפיר. ס׳איז געקומען צו געשלעגן צווישן די צוויי קעמפערישע צדדים.

דער סוף איז געווען, אז הרב אייכנשטיין איז אויסגעוויילט גע־וואָרן אלס שעדלעצער רב. דער סטאראָסטא, וועלכער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די אויפזיכטסמאכט איבער דער קהילה, האָט די וואלן באשטעטיקט, אויך דער וואָיעוואָדע פון לובלין און שפּעטער דער ביל־דונגס-מיניסטער האָבן מסכים געווען, אז דער כאָדאָראָווער זאָל אויפ־גענומען ווערן אלס שעדלעצער רב.

דער דאָזיקער אקט איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין חודש יולי פון 1939, ווען אין דער לופט פון פוילן האָט זיך שוין געפילט די אימהדיקע מלחמה-קאטאסטראָפע.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך צעפלאקערט א גוואלדיקע מחלוקת ארום ענין חזנות. געשען איז דאָס נאָך דעם, ווי דער לאנגיע־ריקער שעדלעצער חזן י. ד. פאסאָווסקי האָט פארלאָזט שעדלעץ און עולה געווען קיין ארץ-ישראל. די שול-מתפללים האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאגערן: איין לאגער האָט געשטיצט דעם חזן זשופּאָוויטש און געפאָדערט, ער זאָל ווייטער בלייבן אלס שעדלעצער חזן. דער צווייטער לאגער — מיטן שול-קאָמיטעט בראש — האָט געוואָלט אנגאזשירן אַן אנדער חזן. צו דעם צוועק האָט מען באשטימט א קאָנקורס און יעדן שבת פלעגט דאַווענען א פרישער חזן. געענדיקט די דאָזיקע מחלוקת האָט זיך דערמיט, וואָס דער חזן זשופּאָוויטש איז באשטעטיקט געוואָרן אלס שעדלעצער חזן.

די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, ווי שוין דערמאָנט, האָט זינט דעם יאָר 1926 אויפגעהאלטן א „תרבות״-פאָלקסשול. דעם 3טן סעפטעמבער 1938 זיינען א ריי ענערגישע עסקנים צוגעטרעטן צו עפענען אין שעד־לעץ א העברעאישע „תרבות״-גימנאזיע. די ערשטע סומע פון 1.000 זלאָטעס פאר דעם דאָזיקן צוועק האָבן געגעבן טאַקע די לערער פון דער „תרבות״-שול אליין. מ׳איז צוגעטרעטן צו דינגען א לאָקאל, צו שאפן א לאבאָראטאָריע און עפענען א צוגרייטונגס-קורס פון „תרבות״-

אבסאָלווענטן און פון אנדערע שולן צום 2טן קלאס פון דער געפּלאַנטער גימנאזיע.

דאָס יידישע ביבליאָטעק-וועזן איז צו יענער צייט אויך נישט אָפּ-געשוואכט געוואָרן.

אחוץ די אלגעמיינע ביבליאָטעקן, זיינען אין שעדלעץ אויך געוועזן פּארטייאישע ביכער-זאמלונגען. ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה האָט דאָס יידישע שעדלעץ פארמאָגט פאָלגנדיקע ביבליאָטעקן:

„בונד" — — — — — — — — — —	1.200 ביכער	
לינקע פּועלי־ציון — — — — — — —	1.000 „	
רעכטע פּועלי־ציון — — — — — — —	600 „	
צעירי מזרחי — — — — — — — — —	500 „	
פּועלי אגודת ישראל — — — — — — —	400 „	
„החלוץ" און החלוץ הצעיר — — — — —	500 „	
אלע שעדלעצער יידישע פּארטיי־ביבליאָטעקן האָבן פארמאָגט צוזאמען — — —		4.200 ביכער

די געזעלשאפטלעכע יידישע ביבליאָטעקן האָבן געציילט:

יידישע קונסט — — — — — — — —	12.000 ביכער	
די פאראייניקטע שילער־ביבליאָטעק — —	6.000 „	
העברעאיש־יידישע אָפּטיילונג פון דער שטאָ־טישער ביבליאָטעק — — — — — —	800 „	
אלע שעדלעצער געזעלשאפטלעכע ביבליאָ־טעקן האָבן פארמאָגט צוזאמען —		18.800 ביכער
		ס"ה 23.000 ביכער

די 23 טויזנט ביכער האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס גייסטיקע קולטור-פארמעגן פון יידישן שעדלעץ.

טראָץ דעם שווערן און געדריקטן מצב פון דער יידישער באפעל-קערונג אין שעדלעץ, אין די לעצטע צוויי, דריי יאָר פון פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה, איז דאָך נישט אָפּגעשוואכט געוואָרן די יידישע געזעלשאפטלעכע און קולטור-טעטיקייט.

צאָל יידן אין שעדלעץ א יאָר פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

די לעצטע סטאטיסטיק האָט באוויזן אז צום 1טן יולי 1938, ס'הייסט 14 הדשים פארן אויסברוך פון צווייטן וועלטקריג, האָט שעדלעץ גע-

ציילט א באפעלקערונג פון 40,962 איינוואוינער, דערונטער 16,180 יידן; ס'הייסט: יידן האָבן אויסגעמאכט 39,5 פּראָצענט.

די לעצטע סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל יידן אין שעדלעץ, וואָס ווערט געבראכט אין „שעדלעצער וואָכנבלאט" פון 1טן יולי, איז פאָלגנ־דיקע 108):

צאָל איינוואוינער אין שעדלעץ אויפן ערשטן יולי 1938

מענער	פרויען	אלג. צאָל	ביז 7 יאָר	פון 7-14	14-18	איבער 18	יידן	קריסטן
19.789	21.173	40.962	6.500	7.000	2.780	24.682	16.180	24.782

שעדלעצער יידישע שרייבער און זשורנאליסטן

ווי דאָס רוב יידישע ישובים אין פּוילן, האָט אויך שעדלעץ ארויס־געגעבן יידישע שרייבער און זשורנאליסטן, אייניקע אפילו זייער באַ־דייטנדיקע. מיר ווילן דאָ געבן ביאָגראַפישע שטריכן פון די שרייבער און פּאָעטן, וועלכע זיינען אויסגעוואקסן אין שעדלעץ.

ישראל חיים אייזענבערג

געבוירן ארום 1900, באקאנטער פּאָעט און עסייאיסט, צוליב א קראנקייט געוואָרן פּארקריפּלט, געלעבט אין גרויס נויט און אפילו גע־פּראוווט באגיין זעלבסטמאָרד. אייזענבערג האָט מיטגעארבעט אין „שעדלעצער וואָכנבלאט" און אין אנדערע אויסגאבעס. אין די דרייסיקער יאָרן פּארעפנטלעכט א דראמע „הורדוס און מרים". ער איז געווען פון די רעדאקטאָרן פון צוויי־חדשים־זשורנאל „וואָרצלען", וואָס איז דער־שינען בלויז אין צוויי נומערן אין פּארלאג „אָריענט", 1927.

ד"ר יעקב אייזענשטאט

זון פון משה־אבא, געבוירן אין יאָר 1898. בעתן מלחמה־אויסברוך, אין יאָר 1914, איז יעקב אייזענשטאט אלט געווען בס"ה 16 יאָר און האָט דעמאָלט געלערנט אין דער שעדלעצער רוסישער גימנאַזיע. צוזא־מען מיט דער גימנאַזיע, וואָס איז עוואקואירט געוואָרן קיין וולאדימיר, איז אויך י. אייזענשטאַט מיטגעפאָרן. נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול איז ער אריינגעטרעטן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט אין דארמאטער אוני־

ווערזיטעט. אין יאָר 1918 איז ער צוריקגעקומען קיין פוילן און שפּעטער אריינגעטרעטן אין ווארשעווער אוניווערזיטעט. דערנאָך איז ער אוועק קיין נעאַפּאָל (איטאליע) און שטודירט מעדיצין אין דאָרטיקן אוני־ווערזיטעט.

כדי זיך צו קאָנען אויסהאלטן, האָט אייזענשטאט געמוזט אין נע־אַפּאָל זיך זוכן פּארדינסטן ביי פּארשידענע ארבעטן.

יעקב אייזענשטאט האָט ארויסגעוויזן גרויס התמדה אין לערנען. מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן פּאראינטערעסירן דער בארימטער איטא־ליענישער געלערנטער, פּראָפעסאָר פון פּסיכיאטריע אין נעאפּאָלער או־ניווערזיטעט, לעאָנארד ביענקי, וועלכער האָט אייזענשטאטן געהאָלפן מאטעריעל און מאָראליש, אים אויך צוגענומען אלס זיין אסיסטענט און אזויערנאָך געשאפן פאר אים גינסטיקע באדינגונגען פאר זיין וויסנ־שאפטלעכער טעטיקייט, ביי וועלכער ער האָט ארויסגעוויזן גרויסע פע־איקייטן. אין אייניקע יאָר ארום נאָך פּראָפּ. ביענקיס טויט, האָט דער מעדיצינישער פאקולטעט פון נעאפּאָלער אוניווערזיטעט איינשטימיק אויסגעוויילט ד"ר אייזענשטאטן אלס פּראָפעסאָר אויף דער קאטעדרע נאָך דעם בארימטן איטאליענישן פּסיכיאטער.

אויף די קאָסטן פון נעאפּאָלער אוניווערזיטעט איז ד"ר אייזענ־שטאט געפאָרן קיין אויסלאנד און האָט אין לענינגראד פארברענגט א גאנץ יאָר אין קליניק פון בארימטן פּראָפעסאָר בעכטיערעוו, צוזאמען מיט פּראָפעסאָר בעכטיערעוו האָט ד"ר אייזענשטאט דורכגעפירט פאָר־שונגען איבער די איינגעשאפטן פון די מוח־קעמערלעך, איבער די מעג־לעכקייטן פון געדאנקען־טראנסמיסיע, איבער היפּנאָטיזם און האָט גע־שאפן זיין אָריגינעלע טעאָריע איבערן עצם פון געדאנק און דענקונגס־ארט.

י. אייזענשטאט האָט פארעפנטלעכט אין דער איטאליענישער שפּראך א בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „די ווירקונג פון דערציאונג אויף ירושהדיקע אומנאָרמאליטעטן". דאָס בוך אנטהאלט 576 זייטן און איז פארזען מיט 59 אילוסטראציעס און א סך טאבעלן. דאָס דאָזיקע קאפּיטאלע ווערק, וואָס דער פּראָפעסאָר ווידמעט עס זיינע לערער, די פּראָפעסאָרן בעכטיערעוו און לעאָנארד ביענקי, איז א רעזולטאט פון 3.000 פאָרשונגען, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט דורכגעפירט איבער קינ־דער פון פארשידענע פארברעכער, וואָס געפינען זיך אין א ריי דער־ציאונגס־הײלאנשטאלטן אין געגנט פון נעאפּאָל. צו דעם צוועק האָט ער אויך אונטערגענומען א וויסנשאפטלעכע רייזע קיין שווייצאריע, דייטשלאנד, רוסלאנד און עסטרייך. אונטערזוכנדיק די קינדער פון קרי־מינעלע פארברעכער, האָט דער אויטאָר געגוי אויסגעפאָרשט זייערע כאראקטער־שטריכן, אויפן גרונט פון פאָרשונגען, וואָס ער האָט גע־

מאכט וועגן דער פאמיליע פון קינד, ווי אויך איבער זיינע אינדיווידועלע אייגנשאפטן. ער האָט באַלויכטן די דאָזיקע כאראקטער־שטריכן, וואָס זיינען איבערגעגאנגען בירושה, פון אנטראָפּאָליגישן און פסיכאָלאָגישן שטאנדפונקט און אָפּטמאָל אָבסערווירט דריי דורות: עלטערן, קינדער און אייניקלעך און אינטערעסירט זיך מיט דעם גורל פון די קינדער נאָך זייער פארלאָזן דעם אנשטאלט.

דעם דאָזיקן בוך האָבן געווידמעט נאָטיצן פיל מעדיצינישע זשור־נאלן אין פארשידענע לענדער. א גרעסערע אָפּהאנדלונג האָט געשריבן ד״ר קעניגשטיין אין נומער 21 פון Warszawskie Czasopismo Lekarskie. ער שליסט די דאָזיקע אָפּהאנדלונג מיט פאָלגנדיקע שורות: „דאָס אויסערגעוויינלעכע בוך פון אייעזנשטאטן איז אויפגענומען גע־וואָרן מיט אָנערקענונג דורך דער מעדיצינישער וועלט אין פארשידענע לענדער. ס׳איז טיף און גרינטלעך ארומגענומען. פון יעדער אָפּטיילונג פון דאָזיקן בוך זעט זיך ארויס נישט בלויז א געבילדעטער דאָקטאָר־קליניקער, נאָר אויך א דרייסטער געזעלשאפטלעכער רעפאָרמאטאָר און מעדיקער־פּעדאגאָג. עס איז ווערט, אז דאָס דאָזיקע שיינע ווערק זאָל אריינגענומען ווערן אין אונדזער ליטעראטור“.

אין איינעם פון זיינע ווערק באגרינדעט ד״ר י. אייזענשטאט די מיינונג, אז דער מענטשלעכער מוח שאפט עלעקטראָמאגנעטישע שטראלן (ענלעך צו די הארצכוואליעס), און די דאָזיקע שטראלן ווערן איבערגעגעבן און אויפגענומען דורך אנדערע מענטשן און אפילו דורך חיות. די עקספערימענטן וועלכע ד״ר אייזענשטאט האָט אויף דעם גע־ביט לעצטנס דורכגעפירט אין נעאפּאָל, האָבן באגרינדעט זיין טעאָריע און צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון די ברייטסטע וויסנ־שאפטלעכע און געזעלשאפטלעכע קרייזן.

ד״ר אייזענשטאטס פאָרשונגען איבער די אזוי גערופענע ירושה־דיקע פארברעכער האָבן אין דער איטאליענישער וויסנשאפטלעכער וועלט ארויסגערופן א באזונדערן אינטערעס. אין די דאָזיקע פאָרשונ־גען באווייזט ד״ר י. אייזענשטאט, אז אפילו די קינדער, וואָס האָבן גע־ירשנט פון זייערע עלטערן פארברעכערישע נייגונגען, קענען דורך בא־זונדערע דערציאונגס־מעטאָדן דערוועקן נייע זייטן און אייגנשאפטן, וועלכע קענען ענדערן דעם גאנצן כאראקטער פונעם שעדלעך־פארברע־כערישן טיפּ. די דאָזיקע נייע זייטן און אייגנשאפטן קאָן ער איבערגעבן זיינע קינדער און אזוי ארום געבן דער געזעלשאפט נוצלעכע און ערלע־כע בירגער. און ווירקלעך האָט דאָס ד״ר א. באוויזן אין דער פראקטיק: פון 92 פּראָצענט פון די 3.000 פארברעכער און גייסטיק־אומנאָרמאלע טיפּן, וועלכע ער האָט געהאט אונטער זיין אָבסערוואציע אין די נעא־פּאָלער משוגעים־הייזער און שטראָפאנשטאלטן און געהיילט זיי מיט

זיינע דערציאונגס־מעטאָדן, האָט ער געשאפן נאָרמאלע ארבעטס־פעאי־קע מענטשן.

די איטאליענישע פרעסע, ארומרעדנדיק די מעטאָדן פון ד״ר איי־זענשטאט, זאָגט וועגן אים, אז ער ברענגט כבוד דער וויסנשאפט און דער מענטשהייט: „א דאנק ד״ר אייזענשטאטס פאָרשונגען — שרייבט וועגן אים א באדייטנדיקע איטאליענישע צייטשריפט — קומט צו אונדז א שטראל פון האָפענונג און גלויבן אין דער צוקונפט פון אונדזער ראסע. די צוקונפט פון אונדזער פאָלק איז אלץ מער באדראָט דורך דעם אומ־געהויערן וואוקס פון נערווז־ און גייסטיקע קראנקייטן״.

ד״ר י. אייזענשטאט האָט שפּעטער איבערגענומען די קאטעדרע פון פסיכיאטריע אין נעאפּאָלער אוניווערזיטעט, און כדי דאָס אים מעג־לעך צו מאכן, האָט ער באקומען די איטאליענישע בירגערשאפט. אין קעניגילעכן דעקרעט, וועלכער אָנערקענט אים די איטאליענישע בירגער־שאפט, ווערט בפירוש מאָטיווירט, אז ער באקומט זי פאר זיינע באזונ־דערע וויכטיקע וויסנשאפטלעכע פארדינסטן.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ד״ר י. אייזענשטאט פאר־לאָזט איטאליע און זיך באזעצט אין די פאראייניקטע שטאטן, וואו ער איז ממשיך זיין וויסנשאפטלעכע ארבעט.

קלונימוס־קלמן ברלב (לעווארטאָווסקי)

געבוירן אין ווינטער פון יאָר 1897. זיין היים איז געווען א געמיש פון חסידות און השכלה. ער האָט באקומען א רעליגיעזע דערציאונג. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באוועגונג; ספּעציעל האָט ער זיך אויסגעצייכנט אלס פּראָפּאגאנדיסט. פון פאך איז ער געווען א לערער. ווי נאָר „צעירי ציון״ איז געגרינדעט געוואָרן, איז ער אריינגעטרעטן אלס מיטגליד און געוואָרן איינער פון אירע אָנפירער. ביי דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „צעירי ציון״ אין פוילן, סוכות 1919, איז ער געווען דער באגרינדער פון פאָלקס־סאָציאליסטישן געדאנק. נאָך דער צווייטער קאָנפערענץ פון די „צעירי ציון״, ווען די פארטיי האָט זיך געשפּאָלטן — פארנעמט ברלב זיך מיט החלוץ־טעטיקייט און ווערט דער סעקרעטאר פון צענ־טראל־קאָמיטעט. מיטן פארשטארקן זיך פון שטראָם פון דער דריטער עליה פון פוילן איז ער אין יאָר 1921 עולה קיין ארץ ישראל. ער ארבעט ביים בויען דעם שאָסיי טבריה־מגדל. צוזאמען מיט י. ח. ברענער איז ער געווען טעטיק אין א קרייז פון „צעירי ציון״, וואָס האָט געהאט אן איינפלוס אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות אין חיפה און אויף דעם אריינטרעטן אין דער פארטיי אין „אחדות העבודה״.

עטלעכע יאָר איז ער געווען באשעפטיקט אלס ארבעטער און לע־רער אין נס־ציונה, שפּעטער — אלס לערער אין פּתח־תקוה. אין דער דאָזיקער צייט האָט ברלב זיך אויך פאַרנומען מיט שרייבן און ער האָט מיטגעארבעט אין „קונטרס", אין „דבר" און אין „הפועל הצעיר". פון יאָר 1927 ווערט ער א שטענדיקער מיטארבעטער אין „דבר". תחילת אלס רעפּאָרטער — אין יאָר 1941 ווערט ער רעדאקטאָר פון דער „דבר"־אויסגאבע „הגה" און מיטרעדאקטאָר פון דער מיטאָג־אויסגאבע פון „דבר". ער האָט אויך פארעפנטלעכט א סך פעליעטאָנען אונטער פאַר־שידענע פסעוודאָנימען. געשריבן לידער און איבערגעזעצט פון דער ענג־לישער פּאָעזיע.

דעם 26/10, 1942 איז ברלב געשטאָרבן פון א הארצשלאַג.

אלטער גאָלד

געבוירן אין יאָר 1894 און זיך דערצויגן ביי זיין זיידן יוסף־זאב העלער, א שוחט ובודק וואָס איז שטארק באליבט געווען אין שטאָט. ער האָט געזאָרגט, אז דאָס אייניקל זאָל זיצן ביי דער גמרא טאָג און נאכט. אלטער האָט געלערנט אין דער שעדלעצער ישיבה. דאָס לערנען האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט — צארישע פארפאָלגונגען קעגן יידן האָבן אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט פארלאָזט פוילן און אוועק קיין אמעריקע אין יאָר 1913. דאָרט האָט ער זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין דער „בני־ציון"־אָרגאניזאציע. געווען אקטיוו ביי ציוניסטישער ארבעט, און געוואָרן איינער פון רעדאקציאָנס־קאָלעגיע פון דער „בני־ציון־שטימע".

אין 1915 האָט ער אָרגאניזירט און אָנגעפירט מיט דעם שעדלע־צער „רעליעף", האָט געזאמלט געלט אויף צו העלפן אינסטיטוציעס אין שעדלעץ, געווען מאָביליזירט אין אמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה אין 1919 האָט ער זיך אקטיוו באטייליקט אין שאפן אן אָרגאניזאציע צו בויען א טעמפּל פאר מוזיק אין ארץ־ישראל, אלס מאָנומענט נאָך די געפאלענע יידישע סאָל־דאטן און לעגיאָנערן. צו דעם צוועק האָט ער רעדאגירט און ארויסגע־געבן א חודש־שריפט, „דער יידישער סאָלדאט". ער האָט אויך רעדא־גירט און מיטגעארבעט אין פארשידענע צייטשריפטן.

יהושע גאָלדבערג

געבוירן אין יאָר 1883. זיין פאָטער ר' משה, א חובב־ציון, האָט געשטאמט פון זאמאָשטש און געווען א קרוב פון י. ל. פרץ. יהושע האָט באקומען א רעליגיעז־נאציאָנאלע דערציאונג. זיך אויסגעצייכנט אין די לימודים פון חדר, שפּעטער געלערנט ביי לערער וועלטלעכע קענ־

טענישן, געלערנט שפראכן, א סך געלייענט און ארויסגעוויזן פעאיקייטן צו סקולפטור, צייכענען און שרייבעריי.

שוין אין דער פריסטער יוגנט האָט ער פאַרעפנטלעכט שירים אין א ריי ליטעראַרישע אויסגאַבעס. אין משך פון 5 יאָר איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון „שעדלעצער וואָכנבלאַט".

גאָלדבערג האָט געשריבן בילדער, פעליעטאָנען און לידער, וועלכע האָבן געשילדערט דאָס לעבן פון דער שטאָט. א. נ. „דער פרילינג אין שעדלעץ" האָט ער פאַרעפנטלעכט זכרונות וועגן די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז (1905). זיינע פעליעטאָנען „פון די שעדלעצער מעשהלעך" און די סעריעס „מלמדים" וואָס זיינען געגאַנגען אין צענדליקער נומערן וואָכנבלאַט, זיינען א קוואַל פון שעדלעצער פאָלקלאָר.

יהושע גאָלדבערג איז פאַרפייניקט געוואָרן דורך די דייטשן.

לוי גוטגעלט

געבוירן אין יאָר 1896. זיין פאָטער ר' ישראל גוטגעלט איז באַקאַנט געווען מיט זיין היימישן נאָמען — ישראל־יאָסל ענדזעלעס, א גרויסער און פאַרמעגלעכער סוחר, וואָס האָט געהאַנדלט מיט וועלדער, נאַפט און קאָלאָניאַל־פּראָדוקטן, אָן עסקן און נדבן, אייגנטימער פון א גרויסער ספרים־זאַמלונג און מקורב פון גערער הויף. הגם ער איז געווען פון די פירער פון דער „אגודת ישראל", פלעגט ער דאָך אין געהיים מנדב זיין געלט פאַרן „קרן היסוד".

לוי האָט באַקומען א שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג. ער האָט געלערנט אין חדר און ביי די בעסטע פריוואַט־מלמדים. ווען אָבער לוי איז אויסגעוואַקסן, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט וועלטלעכער בילדונג און שפּראַכן. ער באַקענט זיך מיט דער השכלה־ליטעראַטור, שטודירט די וועלט־ליטעראַטור, פאַרטיפט זיך אין יידישער געשיכטע און יידישע פּראָבלעמען.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטערן איינפלוס פון די „היימלאָזע", צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען ציוניסטן — איז גוטגעלט געוואָרן א ציוניסט. ער ווערט אויך לערער אין דער גימנאַזיע פון די שוועסטער האַלבערשטאַט, וואו ער קומט צו די לעקציעס אין זיין לאַנגער קאַפּאָטע און קיילעכדיק טוכן היטל, אָבער אינעווייניק אין שול טוט ער אָן זיין קורצן אָנצוג און גיט זיין העברעאישע לעקציע, לערנט מיט די שילער מיט א באַזונדערן פאַטאָס. פאַר זיינע לעקציעס נעמט ער נישט קיין געהאַלט.

מיט פליים און איבערגעגעבנקייט טוט דער יונגער גוטגעלט זיין ציוניסטישע אַרבעט. מען באַגעגנט אים אויך אויף אַלע געביטן: אויף די אָוונט־קורסן פאַר העברעאיש, אין אויפשטעלן די ציוניסטישע אָרגאַ־

ניזאציע, ביים זאמלען אויף קרן קימת, ביי פּראָפּאַגאַנדיסטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

אין 1922 איז לוי גוטגעלט צוזאַמען מיט נאָך שעדלעצער שרייבער צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט, וועלכעס האָט עקסיסטירט אַכצן יאָר, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. לוי גוטגעלט האָט שפּעטער פאַרנומען אַ ריי אָנפירנדיקע אַמטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז געווען מיטגליד פון ציוניסטישן פאַרטייראַט, „על המשמר"־פראַקציע און אָנגעפירט מיטן תרבות־שולוועזן און ער האָט נישט אויפגעהערט צו שרייבן אין וואָכנבלאַט. די ערשטע פינף יאָר איז ער געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

אויסער זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט אין דער אָרטיקער צייטונג, האָט גוטגעלט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין ציוניסטישן שעדלעץ גופא איז אין פאַרלויף פון 20 יאָר קיין זאַך נישט געטאָן געוואָרן אָן זיין באַטייליקונג און אַקטיווער מיטאַרבעט.

לוי גוטגעלט איז מיט זיין פרוי און קינד פאַרפייניקט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ.

יחיאל־פּנחס גרינבערג



געבוירן אין יאָר 1897.

ער איז געווען אַן אייניקל פון ישראל גרינבערג, דער נדבן און עסקן וואָס האָט פינאַנצירט דאָס בויען אַ בית־המדרש און אַ בנין פאַר דער תלמוד־תורה. פון פינף יאָר אָן האָט ער געלערנט אין חדר. בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה איז ער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די באָלשעוויקעס. די איבערלעבונגען האָבן אים שפּעטער געדינט פאַר אַ טעמע צו זיין בוך „פון בלוטיקן פעלד".

י. פ. גרינבערג האָט געדרוקט זיינע ערשטע דערציילונגען און ליי דער אין ווייסענבערגס זאמלביכער. שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די הויפּט־מיטארבעטער פון די אַרטיקע צייטשריפטן, ווי „שעדלע־צער שטימע" און „שעדלעצער וואָכנבלאט" און אנדערע אויסגאבן. אין 1927 האָט ער זיך באטייליקט אין זשורנאל „וואָרצלען", דערשינען צוויי נומערן. אין בוכפאָרם האָט י. פ. גרינבערג פארעפנטלעכט „בלומען", פארלאג „שטראָמען", שעדלעץ, 1925 און „פון בלוטיקן פעלד", שעדלעץ 1927. אומגעקומען בעת דער דייטשער ליקווידאציע פון די שעדלעצער יידן.

דוד גרינפארב

געבוירן אין יאָר 1890, באקומען א רעליגיעזע דערציאונג. שפּעטער האָט ער גענומען לייענען וועלטלעכע ליטעראטור. גרינפארב האָט גע־שריבן און פארעפנטלעכט לידער. געווען א לערער פון פידל־שפּילן, פון וואָס ער האָט זיך מפרנס געווען בדוחק.

פארפייניקט דורך די נאצים אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מ. א. הארטגלאס



געבוירן אין ביאלא־פּאָדלאסק, דעם 4/7 1883. זיין פאָטער קלמן איז גע־ווען א פּריוואט־אדוואָקאט און האָט דערצויגן זיין זון אין פּויליש־אסימילא־טאָרישן גייסט. נאָך דעם ווי הארטגלאס האָט געענדיקט די גימנאזיע אין זיין געבורטשטאָט האָט ער שטודירט יורי־ אין ווארשעווער אוניווערזיטעט. פאר א דעמאָנסטראציע קעגן דער אויפפירונג פון אן אנטיסעמיטישער פיעסע אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" אין ווארשע איז ער געזעסן דריי וואָכן אין תפיסה. פאר אן אנדער דעמאָנסטראציע איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון יורי־דישן פאקולטעט פון ווארשעווער אוניווערזיטעט. ער האָט ווייטער גע־לערנט אלס עקסטערן און א דאנק זיינע פעאיקייטן, זיך דערשלאָגן צום טיטל אדוואָקאט.

פון דער פריסטער יוגנט זיינער איז ער געווען טעטיק אין דער

ציוניסטישער באוועגונג. האָט זיך באטייליקט אלס דעלעגאט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן — אויף דער העלזינגפאָרסער קאָנפערענץ פון 1907 און ציוניסטישע קאָנגרעסן פון האג (1907), קארלסבאד (1921, 1923) און אין ציריך (1929). אין באפרייטן פוילן אויסגעשלאָסן גע־וואָרן פון דער אדוואָקאטור פאר זיין ציוניסטישער טעטיקייט און אויס נקמה פאר ווערן אויסגעקליבן אין פוילישן גרינדונגססיים אלס יידישער דעפוטאט. הארטגלאס האָט אפעלירט אין גרעסטן אדוואָקאטן־ראט און געוואונען דעם פראָצעס.

צוזאמען מיט י. גרינבוים און ד"ר י. טהאָן אָנגעפירט מיט דער ציוניסטישער פראקציע אין גרינדונגססיים און געוואָרן אויסגעקליבן אויך אין צווייטן סיים. אין יידישן קאָלאָ, געהערט צו דער ראדיקאלער אָפּאָזיציע מיט י. גרינבוים בראש. באזונדערס איפגעטרעטן קעגן דעם באקאנטן אָפּמאך וועגן דער יידיש־פוילישער פארשטענדיקונג.

אלס פארטיידיקער באקאנט פון זיין ארויסטרעטונג אין דעם בא־קאנטן רעהאביליטאציע־פראָצעס פון פלאָצקער רב שפירא, וועלכער איז אין 1920 דערשאָסן געוואָרן אלס באשולדיקטער אין שפיאָנאזש לטובת דער רוסישער ארמיי. זיין זשורנאליסטישע טעטיקייט האָט ער אָנגע־הויבן אין 1906 אין "Głos Żydowski" , זיך באטייליקט אין דער ציוניסטישער פרעסע אויף פויליש און רוסיש, אויך אין מארטין בובערס "Der Jude" פון 1917 ביז 1920 רעדאקטירט די ציוניסטישע צייט־שריפטן "Tygodnik Żydowski" און "Życie Żydowskie" און פארעפנטלעכט א ריי ציוניסטישע בראָשורן ווי: "Territorium y Naród" (1906), א בראָשור אין פויליש וועגן די גרונטשטריכן פון דער ציוניסטישער לאנד־פאָליטיק אין פוילן (1918). זיין ערשטער ארטיקל איבערגעזעצט אין יידיש איז געדרוקט געוואָרן אין „שעדלע־צער לעבן" (1912). זינט 1920 איז ער געווען א שטענדיקער מיטאר־בעטער פון „היינט", זיך אויסגעלערנט אליין שרייבן יידיש און פאר־עפנטלעכט ארטיקלען, דערהויפט איבער פראגן פון יידישער פאָליטיק אין פוילן און איבער ציוניסטישע ענינים, זיך באטייליקט אויך אין איי־ניקע אנדערע ציוניסטישע אויסגאבן, צוו. אנד.: אין „חודש" (1921), „פון די פארגאנגענע טעג" — וועגן דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. אין בוכפאָרם זיינען דערשינען זיינע רעדעס (1919 - 22), און „יידישער נאציאָנאל־ראט אין פוילן", (ווארשע 1923).

אין 1940 אנטלויפט הארטגלאס צוזאמען מיט זיין פרוי פון נאצי־אָקופירטן פוילן און קומט אָן קיין ארץ־ישראל, וואו ער ארבעט אין דער יידישער אגענץ אלס לייטער פון אן אָפּטיילונג צו פאָרשן די פאר־ברעכנס פון די נאצים בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. הארטגלאס

פילט, אז זיין געוויסן איז נישט ריין דערמיט, וואָס ער האָט פארלאָזט זיינע ברידער אין דייטשן קלעם און פון גרויס פארצווייפלונג פרוואווט ער באגיין זעלבסטמאָרד. ער ווערט אָפּגעראַטעוועט פון זיין פארצווייפלטן טאַט. ווען עס אנטשטייט מדינת־ישראל ווערט הארטגלאַס נאָמינירט אלס לייטער פון אינערן־מיניסטעריום, שפּעטער איז ער געווען טעטיק אלס יוסטיץ־ראַטגעבער פון זעלבן מיניסטעריום.

געשטאָרבן אין תל־אָביב דעם 23סטן מערץ 1953.


אברהם וואסערצוג



געבוירן אין יאָר 1901 אין לובלין בײַ וולאצלאַוועק. זיין פאָטער ר' משה איז געוועזן א גוטבאזיצער און גלייכצייטיק א שטרענג־רעליגיעזער ייד, וועלכער האָט געשיקט זיין זון אברהם אין חדרים און שפּעטער אין ישיבה. נאָך זייענדיק גאנץ יונג האָט וואסערצוג באקומען היתר־הוראה פון אָנגעזעענע רבנים און לומדים.

וואסערצוגן האָט אָבער געצויגן צו וועלטלעכער בילדונג. ער איז אריינגעטרעטן אין רעגירונגס־סעמינאר פאר יידישע רעליגיע־לערער אין ווארשע (פאָזנאנסקים פונדאציע) און איז געענדיקט אין יאָר 1925. מיט א יאָר שפּעטער איז ער אָנגעקומען קיין שעדלעץ און אָנגעהויבן אונטערריכטן יידישע רעליגיע אין רעגירונגס־פאָלקסשולן פאר יידישע תלמידים. א. וואסערצוג האָט זיך אויך באשעפטיקט מיט ליטערארישער ארבעט. געשריבן פאר קינדער און אין 1929 האָט ער פארעפנטלעכט אין דער העברעאישער שפּראך א תנ"כישע פאָרשטעלונג פון די צייטן פון שאול המלך, צוגעפּאסט פאר קינדער, א. נ. „המנגן מבית לחם". אין 1935, צום 800סטן געבוירנטאָג פון רמב"ם, האָט וואסערצוג פארעפנטלעכט אין דער פּוילישער שפּראך א ביאָגראפיע פון רמב"ם א. נ. „מאַימאָנידעס". וואסערצוג האָט געהאט צוגעגרייט א ריי ווערק וועגן יידישע דענקער אין מיטלאלטער, זיינע ארבעטן זיינען פארניכטעט געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער מחבר מיט זיין משפחה זיינען אומגעקומען בעת דער ליקווידאציע פון די שעדלעצער יידן אין יאָר 1942.

יצחק־נחום וויינטרויב



געבוירן געוואָרן אין יאָר 1863 אין טערעספּאָל ביי שטרענג - רעליגיעזע מתנגדישע עלטערן. זיין קינדהייט איז אדורך ביי לערנען תנ"ך, גמרא מיט פּוסקים, פריער אין חדר און שפּעטער אין טערעספּאָלער בית־המדרש. אין 1882 האָט וויינטרויב חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון שעדלעצער גביר שמעון גרינבערג און זיך באזעצט אין שעדלעץ. דאָ שליסט ער זיך אָן אין דער חיבת־ציון־באוועגונג, וואָס האָט דע־מאָלט פארכאפּט א גרויסן טייל פון דער יידיש־רעליגיעזער יוגנט. צוליב זיין חוש פאר געזעלשאפטלעכער אר־בעט, פארנעמט דעמאָלט וויינטרויב אן אנפירנדיקן אָרט, נישט בלויז אין דער חיבת־ציון־באוועגונג, נאָר אויך אין אלע יידישע געזעלשאפטלעכע ענינים פון שעדלעץ. דערביי פלעגט ער אויך א סך צייט אָפּגעבן אויף שרייבן, לייענען און לערנען.

וויינטרויב, ווי נאָר ער האָט זיך באזעצט אין שעדלעץ, האָט ער אָנגעהויבן באשרייבן אלע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין שטאָט. מיט דער צייט האָט זיך ביי אים אָנגעזאמלט א סך מאטעריאל פון א גרויסן היסטאָרישן ווערט. זינט 1922 האָט ער פארעפנטלעכט אין „שעדלעצער וואָכנבלאט" זכרונות. אין די דרייסיקער יאָרן האָט ער ווידער פארעפנטלעכט א ציקל זכרונות וועגן פּאָגראָם, וואָס בילדעט א וויכטיק מאטעריאל צו דער געשיכטע פון יידן אין צארישן רוסלאנד בכלל און אין שעדלעץ בפרט. באשריבן בילדער און געשטאלטן פון אמאָ־ליקן שעדלעץ און געשעענישן פון הונדערט יאָר צוריק. ער פלעגט אויך אויפנעמען גבית־עדות פון אלטע לייט, וואָס האָבן אים דערציילט לויט זייער זכרון פון אמאָליקן לעבן אין שעדלעץ. וויינטרויב האָט געשריבן אין „המליץ", „הצפירה" און אנדערע צייטשריפטן; מער ווי ער האָט פארעפנטלעכט, איז ביי אים געבליבן אין כתב־יד.

זינט דעם אָנהויב פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט וויינטרויב פארנו־מען דעם אויבנאָן אין דער באוועגונג. צוליב דער גרויסער אכטונג מצד דער גאנצער יידישער, ווי אויך נישט־יידישער באפעלקערונג איז וויינ־טרויב געוויילט געוואָרן אין אלע געזעלשאפטלעכע אינסטאנצן.

דער אלטער וויינטרויב האָט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אי־

בערגעלעבט אלע היטלעריסטישע פיין און ליידן. מיט זיינע אויגן האָט ער צוגעזען דעם אומקום פון שעדלעצער יידנטום, צווישן זיי — זיין טאָכטער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. ער האָט געלעבט ביז דעצעמבער 1943 און איז ארויסגעפירט געוואָרן מיט די רעשטלעך פון די שעדלעצער יידן קיין טרעבלינקע, וואו ער איז אומגעקומען אין די גאזקאמערן. זיין גרויסער ארכיוו איז פארשוואונדן, און קיינער ווייסט נישט וואו ער געפינט זיך.

מרדכי טעמקין

געבוירן אין יאָר 1891. זיין פאָטער ר׳ דב איז געווען א פארמעגלעכער סוחר און באשיידענער מענטש.

טעמקינס עלטער־עלטער זיידע איז געווען דער שווער פון באוואוסטן נאציאָנאלן שרייבער פּרץ סמאָלענסקי. אין ארכיוו פון שרייבער אלטער דראַיאנאָוו האָט זיך געפונען א ליד, וואָס מרדכי טעמקין, דער זיידע פון מרדכי טעמקינס פאָטער, האָט אָנגעשריבן אין חופה־טאָג פון זיין טאָכטער ליאָנאָרא וועלכע האָט חתונה געהאט מיט סמאָלענסקין.

די מוטער פון מרדכי טעמקין האָט געצויגן איר יחוס פון א רבנישער משפחה. איר עלטערע שוועסטער האָט חתונה געהאט מיט רבי אברהמל אייגער, דעם לובלינער רבי. אזוי אז די מיטגלידער פון דער משפחה טעמקין זיינען געוואָרן לובלינער חסידים.

ביז דער בר־מצווה האָט מרדכי טעמקין, ווי אלע יידישע יינגלעך אין פוילן, געלערנט אין „חדרים" ש"ס און פוסקים, אָבער אין געהיים פלעגט ער לייענען וועלטלעכע ביכער, ספּעציעל די השכלה־ליטעראטור. דער יונגער טעמקין איז געוואָרן באאיינפלוסט פון דעם לערער גורעוויטש, וועלכער איז געקומען קיין שעדלעץ און מיטגעברענגט מיט זיך א סך השכלה־ביכער.

אויף זיין פופצנטן לעבנסיאָר האָט מרדכי טעמקין אָנגעהויבן שרייבן. נישט וועלנדיק מצער זיין די עלטערן, פארלאָזט ער שעדלעץ און פאָרט אריבער קיין ווארשע. דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן באזוכן דאָס הויז פון שרייבער פישל ליאַכאָווער און מיט דער הילף פון דעמאָלט יונגן שרייבער יעקב ווארשאווסקי, איז ער אָנגעקומען אלס לערער אין מלאווע ביי דער פּרייסישער גרענעץ. זיצנדיק א יאָר צייט אין שטעטל האָט טעמקין אָפּגעשפּאָרט א סומע געלט און אין יאָר 1907 פאָרט ער צום ערשטן מאָל קיין ארץ ישראל.

מיט רעקאָמענדאציע־בריוו פון שוין דערמאָנטן פ. ליאַכאָווער און פון הלל צייטלין, איז טעמקין געקומען אין דער רעדאקציע פון „הפּועל הצעיר", וואָס האָט זיך געפונען אין ירושלים. י. ח. ברענער, וועלכער

איז דעמאָלט געווען רעדאַקטאָר פון „הפועל הצעיר", האָט אים מקרב געווען און אים געגעבן ארבעט אין דער אדמיניסטראַציע פון וואָכנ־בלאט. יעדן סוף וואָך האָט מען געקאָנט טרעפן טעמקינען מיטן הויפּט־אדמיניסטראַטאָר פון „הפועל הצעיר" נ. טווערסקי, ווי זיי טראָגן אויף זיך פּעקלעך צייטונגען אין דער עסטרייכישער פּאָסט אריין, וואָס האָט זיך געפונען ביים יפוער טויער, כדי זיי אוועקצושיקן צו די אבאָנענטן אין לאנד און אין אויסלאנד.

דעמאָלט האָט מרדכי טעמקין אָפּגעדרוקט זיין ערשטן שיר אין „הפועל הצעיר": „לכשאעבור אל ארצי".

דעם יונגן דיכטער ציט אָבער צו בילדונג, ער הויבט אָן שטודירן אין לערער־סעמינאר פון „עזרה", אָבער, צוליב דעם געלן פיבער פון וועלכן ער האָט געליטן, פארלאָזט ער דעם סעמינאר און איז גלייכצייטיק געצוואונגען צו פארלאָזן ארץ ישראל. אין 1911 קומט מרדכי טעמקין צוריק קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז געבליבן אויף שטענדיק.

זיינע אלע יאָרן איז ער געווען לערער און געדרוקט לידער אין פאר־שידענע פּעריאָדישע אויסגאבן, וואָס זיינען ארויס אין א"י. זיין ערשט בוך, א. נ. „נטפים", איז אין יאָר תרפ"ז (1927) ארויס אין פארלאַג „כתובים". דאָס צווייטע בוך, א. נ. „שירים ותפילות" — אין פארלאַג „דבר". דאָס דריטע בוך, א. נ. „ספר השירים והתפילות" איז אין יאָר תש"ב (1942) דערשינען אין פארלאג „דבר", ביי דער מיטהילף פון „מוסד ביאליק". אין קורצן גייט ארויס אין „מוסד ביאליק" א ניי בוך לידער פון טעמקין א. נ. „באלם־קול". טעמקינס לידער זיינען אי־בערגעזעצט געוואָרן אויף דייטש, ענגליש, פּויליש און יידיש. ער האָט אויך איבערגעזעצט א סך שאפונגען פון דער וועלט־ליטעראטור.

ד"ר משה טעמקין

געבוירן אין יאָר 1884. זיינע קינדער־יאָרן זיינען אדורך אין צו־פרידנקייט און פרייד. ער איז דערצויגן געוואָרן אין הויף פון זיין זיידן, וועלכער האָט געלעבט ווי א שררה און געהאט זיין אייגנס פערדשטאַל, סעדער און גערטנער. דער קליינער משה איז געוואקסן אנדערש, ווי אלע אנדערע יידישע קינדער. ער האָט זיך געלערנט רייטן אויף פערד, פאנגען פייגל און טויבן און קלעטערן אויף ביימער און דעכער.

צו פינף יאָר האָט ער אָנגעהויבן לערנען אין חדר און שפּעטער אין ישיבה. ווען ער איז אויסגעוואקסן, האָט ער געלערנט אייראָפּעאי־שע שפראכן ביי א לערער, וואָס איז געקומען פון פאריז און ווערסייל.

ווען די ציוניסטישע אידעאלן האָבן גענומען שלאָגן וואָרצלען אין שעדלעץ, האָט זיך טעמקין מיט ברען אריינגעוואָרפן אין דער ציוניס־

טישער ארבעט. נאָכן פּאָגראָם אין 1906, בעת דער צווייטער עליה, האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און געארבעט אין פארשידענע קאָ־לאָניעס פון גליל און יהודה. דאָ הויבט זיך אויך אָן זיין שרייבערישע קאריערע. ער קומט אָן ארבעטן אלס סעקרעטאר אין וואָכנבלאט „הפועל הצעיר". אין א צייט ארום פארלאָזט ער די שטאָט און קומט קיין חדרה וואו ער ארבעט אין אן איילבירטן־גאָרטן. פון דאנען פאָרט ער קיין כנרת, כדי מיטצוארבעטן ביים שאפן א נאציאָנאלע פערמע, אויף וועל־כער ער האָט שפּעטער געארבעט אלס וועכטער. דער ווייטערדיקער וואנ־דערוועג זיינער, איז געווען יפו און ירושלים, וואו ער האָט זיך פארנו־מען מיט געבן פריוואטע לעקציעס און זיך געגרייט אריינצוטרעטן אין אוניווערזיטעט.

אין יענער צייט פארעפנטלעכט טעמקין זיינע ערשטע דערציילונ־גען און פעליעטאָנען אין דער צייטונג „האחדות", וואָס איז ארויס אונ־טער דער רעדאקציע פון היינטיקן ישראל־פּרעזידענט בן־צבי און י. זרובבל.

אין 1911 האָט טעמקין אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין אין דער פראנצויזישער אוניווערזיטעט פון ביירוט. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אים געצוואונגען איבערצורייסן זיין שטודיום און צוריקקומען קיין ארץ־ישראל.

בעת די בלוטיקע געשעענישן אין 1920 איז טעמקין פון די מיט־גרינדער פון דער זעלבסטשוץ און קאָמיטעט־מיטגליד צוזאמען מיט ז. זשאבאָטינסקי, י. בן־צבי, רחל ינאית און וואן־פריזלאנד.

אין 1922 פאָרט טעמקין צוריק קיין ביירוט שטודירן און באקומט א דאָקטער־דיפּלאָם. נאָכן ענדיקן דעם שטודיום קומט ער צוריק קיין ארץ־ישראל. פארפולקאָמט זיך אין פאָרשן די מאלאריע־קראנקייטן, דרוקט ארטיקלען אין „השלוח", וואָס איז ארויס אונטער י. קלויזנערס רעדאקציע, שרייבט אין פראנצויזיש מעדיצינישע ארטיקלען איבער מאלאריע און טיפוס אין פראנצויזישן «Revu Malaria Tropicale» אין „הרפואה" און אין „הרופא העברי".

אין 1936 גייט ארויס זיין ערשט בוך „נגועי המולדת" — א ראָמאן וועגן נילי. אין 1937 פארעפנטלעכט ער איינציקע ווערק, ווי: „ההולכים למות שואלים לשלומך" — א ראָמאן וועגן די תל־חי־פאסירונגען, „הנערה מן העמק", צוויי דערציילונגען און אָפּהאנדלונגען אין בראָשורן וועגן שאול טשערניכאָווסקי און ברענער. אין „הד ירושלים" האָט ער כמעט יעדן פרייטיק פארעפנטלעכט אקטועלע ארטיקלען אונטערן פסעוודאָנים „שמן".

אין מאנוסקריפּט באזיצט טעמקין נאָך א ריי ארבעטן.

יעקב טענענבוים

געבוירן אין יאָר 1882. אין די יוגנט־יאָרן געווען א בונדיסט, שפּע־טער אן אנארכיסט און צו לעצט א פּאָלקיסט. ארעסטירט געוואָרן בעתן שעדלעצער פּאָגראָם און געהאלטן געוואָרן אין תפיסה א גאָר לאנגע צייט, ווייל דער שעדלעצער פּאָליצמייסטער האָט אים געהאלטן פאר א געפערלעכן רעוואָלוציאָנער. מיט יאָרן שפּעטער איז ער געוואָרן א פעלדשער און זיך פּאָפּולער געמאכט אין דער גאנצער שטאָט. ער האָט א סך געלייענט און געלערנט און פלעגט אין זיינע ארויסטרעטונגען אויף פארזאמלונגען באווייזן זיינע קענטענישן אין פילאָזאָפיע. ער האָט אין שעדלעץ באקומען דעם צונאָמען „ניטשע". ער איז געווען פון די ערשטע מיטגלידער אין „הזמיר" און אין דער ביבליאָטעק, א לאנגיאָ־ריקער פאָרזיצער פון דער געזעלשאפט „יידישע קונסט".

זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין צווייטן נו־מער פון „שעדלעצער וואָרט", שפּעטער מיטגעארבעט אין „שעדלעצער ווידערקול" און „שעדלעצער לעבן".

ווען ס'האָט אין 1922 אָנגעהויבן דערשיינען דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאט", איז יעקב טענענבוים דאָרט געוואָרן א שטענדיקער מיט־ארבעטער. מיט די פילצאָליקע פעליעטאָנען, וואָס ער האָט פארעפנט־לעכט, האָט ער אין דער צייטונג אריינגעבראכט א סך לעבן. ער איז געווען איינער פון די רעדאקטאָרן פון „וואָרצלען", וואָס האָט אָנגע־הויבן ארויסגיין אין פארלאג „אָריענט", אין 1927.

טענענבוים איז אויך געווען א ליבהאָבער פון דער יידישער בינע. מ'האָט הנאה געהאט פון זיינע ראָלן, בעיקר אין „מזל טוב" פון שלום עליכם. ער האָט אויך געשריבן פּאָלגנדיקע פּיעסן: „שבעה נאָך א פערד", א קאָמעדיע אין דריי אקטן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א בילד פון בעל־עגלה־לעבן און צייכנט זיך אויס מיט איר געזונטן הומאָר. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין שעדלעץ אין יאָר 1917; „דער סקעלעט", א דראמע אין דריי אקטן. ער האָט רעזשיסירט די דראמעס — „פאר אונדזער גלויבן" און „גאָט פון נקמה" פון שלום אש, „כאַשע די יתומה" פון י. גאָרדאָן ווי אויך נאָך צענדליקער איינאקטערס, צווישן זיי: „יאָ גיין אין הזמיר אָדער נישט גיין", וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן ביי פארשיידענע געלעגנהייטן אין שעדלעץ.

זיין סוף איז געווען א טרויעריקער. בעת דער ליקווידאציע פון שעדלעצער געטאָ אין 1942, איז ער צוזאמען מיטן מעדיצינישן פערסאָ־נאל און מיט די קראנקע דערשאָסן געוואָרן אין הויף פון יידישן שפּי־טאָל, בעתן דערפילן זיין פליכט לגבי די קראנקע.

שמעון טשארנאבראדע

געבוירן אין שעדלעץ און אויסגעוואנדערט אין די פאראייניקטע שטאטן. געזעלשאפטלעכער עסקן און זאמלער פון געשיכטלעכע מאטע־ריאלן פון די יידן אין אמעריקע און פארשידענע ישובים אין פוילן. א ריי ארבעטן וועגן דער אנטוויקלונג פון די יידישע ישובים אין פוילן האָט ער פארעפנטלעכט אין די זאמלביכער „פוילישע יידן" רעדאגירט פון ז. טיגעל, ארויסגעגעבן פון דער „פעדעראציע פון די פוילישע יידן אין אמעריקע" און אין צענדליקער נומערן „שעדלעצער וואָכנבלאט". ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 27/11, 1945.

שלום יעלען

געוועזן א זון פון באקאנטן שעדלעצער מוכר־ספרים ר' משה און אן איינקל פון ר' יצחק ליפשיץ, מחבר פון „סוכת שלום", „טעמי מנהגים" און נאָך אנדערע ספרים. אין דער דאָזיקער ספרים־סביבה איז אויסגע־וואקסן דער קליינער שלום. אלס בחור האָט ער געלערנט אין בית־המדרש און אין פארשידענע ישיבות. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שארפן מוח, זיך גערעכנט אלס עלוי, למדן מופלג און בקי אין „פאָ־לעמישער אָרטאָדאָקסישער ליטעראטור", ווי למשל, „דורות הראשונים" פון אייזיק הלוי. ער איז אויך געוועזן באהבנט אין יידישער געשיכטע.

זינט 1915 און ווייטער איז שלום יעלען געוועזן טעטיק אין גע־זעלשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן. געוועזן פון די מיטגרינדער פון „תבונה" און בעת דער שפאלטונג אין 1917 גרינדעט ער אין שעדלעץ די „שלומי אמוני ישראל" (די שפעטערדיקע „אגודת ישראל").

זיינע שרייבערישע פעאיקייטן האָט ער אנטוויקלט, ווען ס'האָט זיך צעפלאקערט אין שעדלעץ א העפטיקער קאמף צווישן דער אָרטאָ־דאָקסיע און די פרייע עלעמענטן.

א גרופע פעאיקע עסקנים פון דער „אגודת־ישראל"־באוועגונג האָבן אָנגעהויבן אין 1924 ארויסגעבן אן אָרטאָדאָקסיש וואָכנבלאט, אונטערן נאָמען „אונדזער וועג". שלום יעלען איז געוועזן דער רעדאקטאָר און אדמיניסטראטאָר פונעם וואָכנבלאט.

זיין פען איז געוועזן שארף, איבערצייגנדיק. ער האָט געקעמפט מיט די ריינסטע כוונות פון זיין איבערצייגונג.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער פארפייניקט געוואָרן דורך די נאצים.

אָשר ליווערַאנט



געבוירן אין יאָר 1884. ביז 16 יאָר האָט ער באקומען א רעליגיעזע דערציאונג אין חדר און ישיבה. נאָך זייענדיק יונג ווערט ער א הייסער אָנטיילנעמער אין דער השכלה־באוועגונג. מיט נאָך עטלעכע עסקנים גרינדעט ער די ערשטע געזעלשאפטלעכע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך אין פארלויף פון יאָרן פארגרעסערט און פארברייטערט, און איז געוואָרן די גרויסע ביכער־זאמלונג ביי דער געזעלשאפט „יידישע קונסט". זיין טאט איז געוועזן א גענוג דרייסטע, נעמענדיק אין אכט די דעמאָלטיקע פארהעלטענישן. די רדיפות מצד דער אָרטאָדאָקסיע און די רעאקציאָנערע פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג, וועלכע האָט אין יעדער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט געזען רעוואָלוציע און בונט.

אָשר ליווערַאנט האָט זיך אויסגעלערנט העברעאיש און געגרינדעט אין שעדלעץ אן אָפּטיילונג פון דער געזעלשאפט „דוברי שפת עבר". ער איז געווען אקטיוו אין נאָמען פון אָדעסער „חובבי ציון"־קאָמיטעט. ווען עס ווערט געשאפן דער קרן־קימת לישראל, ווערט ליווערַאנט דער אקטיווסטער טוער אין דער אינסטיטוציע; שפּעטער ווירקט ער מיט ביים גרינדן די העברעאישע אָוונט־קורסן. ער איז אויך איינער פון די גרינדער פון דער שעדלעצער העברעאישער תרבות־שול.

אין יאָר 1922 האָט ליווערַאנט מיטגעארבעט אין „שעדלעצער וואָכנבלאט", שפּעטער געוואָרן דער שעף־רעדאקטאָר פון וואָכנבלאט. אין דער צייטונג האָט ער געווירקט און גערופן די יידישע געזעלשאפט צום קאמף פאר דער עקסיסטענץ פון דער יידישער מינדערהייט אין פּוילן און פאר דער נאציאָנאלער באפרייאונג אין ארץ ישראל.

ליווערַאנט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע גוטע און איידעלע מעלות: א ווילן צו וויסן, א מתמיד, הארציקייט און פארשטענדעניש פאר יעדן איינעם, וואָס האָט זיך צו אים געווענדעט.

ער איז געשטאָרבן דעם 11טן מערץ, 1936, נאָך א לאנגער און שווערער קראנקייט.

משה מאנדעלמאן

געבוירן אין יאָר 1895 ביי חסידישע עלטערן, באקומען א טראַדי־ציאָנעל־יידישע דערציאונג אין חדרים און ישיבות. אין עלטער פון 14 יאָר איז ער צוגעגרייט געווען צו היתר־הוראה. בינו לבינו אָבער איז ער



א גרופע שריפטשטעלער און מיטגלידער פון דער דראמאטישער סעקציע:
ס׳זיצן פון רעכטס צו לינקס: ראָזענזומען, גאָלדבערג, מאסטבוים און טענענבוים.
ס׳שטייען פון רעכטס צו לינקס: מאנדעלמאן, סאפאָשניקאָוו, זיגעלוואקס און סלושנע.

„קאליע״געוואָרן, אָנגעהויבן בסוד צו לערנען העברעאיש, תנ״ך און ספרים חיצוניים.

הגם דער פאָטער האָט אים שרעקלעך גערודפט — געווען חדשים לאנג פארטריבן פון שטוב — האָט ער פונדעסטוועגן מיט לומדישער התמדה זיך גענומען שטודירן רוסיש, רוסישע ליטעראטור, מאטעמאטיק און נאטור־וויסנשאפט. ער פארברענגט בגנבה גאנצע טעג אין דער גרוי־סער יידישער ביבליאָטעק ביים לייענען העברעאישע און יידישע ביכער. צו יענער צייט נעמט ער זיך אויך לערנען זייגערמאכעריי, ווי א מיטל צו ווערן אומאָפּהענגיק.

פון 1912 אָן ארבעט מאנדעלמאן אין דער יידישער ביבליאָטעק אין שעדלעץ און בעת דער דייטשער אָקופּאציע איז ער זייער אקטיוו ביים פונאנדערבוי פון דער געזעלשאפט „יידישע קונסט".

אין 1916 טרעט מאנדעלמאן אריין אין דער פאָלקספּארטיי, ארבעט אקטיוו אין שעדלעץ און אומגעגנט און ווערט אויסגעוויילט אין צענט־ראל־קאָמיטעט. צו דער זעלבער צייט איז ער איינער פון די ענטוזיאַס־טישע בויערס פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן. אין הארבסט 1917 העלפט ער גרינדן די ערשטע יידישע פאָלקסשול און קינדערהיים אין שעדלעץ.

זומער 1918, רייסט ער זיך ארויס פון פוילן און קומט קיין קיעוו (אוקראַינע), וואו ס'האָט דאן געברויזט מיט שעפעריש יידיש לעבן. ס'איז דעמאָלט געווען די צייט פון דער יידיש־נאציאָנאלער קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין אוקראַינע מיט א יידיש־מיניסטעריום בראש.

דער מיניסטער פאר יידישע ענינים לאצקי־בערטאָלדי האָט אים שטארק מקרב געווען און מאנדעלמאן ווערט איינער פון די פארוואלטער פון דעם בארימטן „יידישן פאָלקספארלאג", וועלכער האָט אין משך פון 2 יאָר ביי די טראגישסטע באדינגונגען פון פאָגראָמען און פאָליטישע איבערקערענישן, ארויסגעגעבן צענדליקער ווערטפולע ביכער.

מאנדעלמאן איז אויך אקטיוו אין דעם צענטראלן קאָמיטעט צו זאמ־לען די מאטעריאלן פון די פאָגראָמען אין אוקראַינע. ער האָט אייניקע מאָל מיט אמתער מסירת־נפש אָפּגעראטעוועט די דאָזיקע בלוטיקע מא־טעריאלן פון פארניכטונג. זיי זיינען שפּעטער, אין אָנהייב צוואנציקער יאָרן, אריסגעראטעוועט געוואָרן קיין בערלין אונטער דער השגחה פון פארשטאָרבענעם היסטאָריקער י. טשעריקאָווער.

אין קיעוו האָט מאנדעלמאן שטודירט אין דאָרטיקן יידישן לערער־סעמינאר אונטער דער אָנפירונג פון בארימטן פעדאגאָג ה. ח. פיאלקאָוו און היסטאָריקער בן־ציון די־נור (בילדונגס־מיניסטער אין ישראל). צו דער זעלבער צייט איז ער אויך געווען אקטיוו אין קיעווער קולטור־ליגע און אין דאָרטיקן ליטעראַרישן קלוב.

אין 1920 קומט מאנדעלמאן צוריק קיין פוילן. ער נעמט אן אק־טיוון אָנטייל אין אָרגאניזירן אין ווארשע די קולטור־ליגע און די „ציש־אָ" (צענטראלע יידישע שול־אָרגאניזאציע) און באטייליקט זיך אין ערשטן שול־צוזאמענפאָר, אין יוני 1921.

אין 1921 ווערט ער דעלעגירט פון דער פאָלקספּארטיי קיין בארא־נאָוויטש, וואו ער איז דער פאָרשטייער פארן גאנצן ראיאָן פון דעם דעמאָלט פּאָפּולערן „אוקראַינער יידישן קאָמיטעט פאר רעפּאטריאציע און עמיגראציע". ער אָרגאניזירט אין יענע מקומות א ריי האנטווערקער־פאראיינען און בעת די וואלן צום פּוילישן סיים אין 1922 איז ער דער פאָרשטייער פון דער פאָלקספּארטיי פאר דער גאנצער געגנט.

אויפן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אָנהויב 1923 ווערט מאַנדעלמאַן אויס־געוויילט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פאָלקספּאַרטיי. צו יענער צייט פאַרנעמט ער אויך אַן אָנגעזעענעם אַמט אין דער צענטראַלע פון האַנטווערקער־פאַראיין.

אין האַרבסט 1925 נעמט ער איבער, לויט דער בקשה פון „צישאָ", די אָנפירונג פון דער יידישער שול אין שעדלעץ. ער העלפט אויך מיט ביים אָרגאַניזירן די יידישע וועלטלעכע שולן אין מעזריטש, לוקאָוו און סאָקאָלאָוו, די שכנותדיקע פּונקטן אַרום שעדלעץ.

אין האַרבסט 1929 פאַרטרויט אים די „צישאָ" די שליחות צו ווערן דער וואַנדערנדיקער אַגיטאַטאָר פאַר דער שול־אידעע ווי אויך צו שאַפן מיטלען פאַר דער אויפהאַלטונג פון די שולן. אין משך פון 10 יאָר צייט, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מאַנדעלמאַן פיל מאָל דורכגערייזט הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין פּוילן און אייך צוויי מאָל געווען אין די באַלטיש־סקאַנדינאַווישע און צפון־מערב־אייראָפּעאישע לענדער. אויף די דאָזיקע רייזעס האָט מאַנדעלמאַן גע־האַלטן הונדערטער רעפעראַטן און לעקציעס.

אין 1931, נאָכן רעזיגנירן פון אַלע אַמטן אין דער פאָלקספּאַרטיי, טרעט מאַנדעלמאַן אַריין אין „בונד". ער אַרבעט אויך מיט אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג" וואו ער שרייבט איבער שול־ און קולטור־ענינים. אין די יאָרן 1938 - 1939 האָט ער אין דער דערמאָנטער צייטונג פאַרעפנטלעכט אינטערעסאַנטע רייזע־איינדרוקן פון פינלאַנד, שוועדן און נאָרוועגיע. אויך אין דער „צישאָ"־אויסגאַבע „שולוועזן" זיינען פון צייט צו צייט געדרוקט געוואָרן זיינע אַרטיקלען. מאַנדעלמאַן איז אויך געווען ענג פאַרבונדן מיטן „ייוואָ" פון ערשטן טאָג זינט די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרן. אויף זיינע וואַנדערונגען האָט ער זייער א סך מאַטעריאַלן געזאַמלט פאַר דער פילאָלאָגיש־פאָלקלאָריס־טישער סעקציע ביים „ייוואָ".

בעת דעם קורצן אויפהאַלט אין ווילנע־קאָוונע אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין 1939־1940 האָט מאַנדעלמאַן געפירט אין ליטע אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט פאַרן „ייוואָ" און געשאַפן באַדייטנדי־קע מיטלען, וואָס זיינען דאַן געווען די איינציקע הכנסה פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

אין פרילינג 1941 קומט מאַנדעלמאַן אָן קיין אַמעריקע. ער פאַר־עפנטלעכט אין ניו־יאָרקער „טאָג" א סעריע אַרטיקלען, איינדרוקן פון ראַטנפאַרבאַנד. אין משך פון די ערשטע 5 יאָר האָט מאַנדעלמאַן גע־אַרבעט פאַר דער יידישער ענציקלאָפּעדיע א. נ. פון דובנאָוו.

אין יאָר 1946 - 1947 האָט ער אין שליחות פון „ייוואָ" באַזוכט א ריי גרעסערע שטעט אין אַמעריקע און קאַנאַדע.

זינט הארבסט 1947 איז ער אקטיוו אין „יידישן קולטור־קאָנגרעס", אָרגאניזירט די אָפּטיילונגען אין שיקאגאָ, לאָס אנדזשעלעס און דעטראָיט, באזוכט צענדליקער אנדערע שטעט אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע פאר פראָפּאגאנדע־צוועקן און געלטזאמלונגען.

צום צענטן יאָרצייט פון געטאָ־אויפשטאנד אין ווארשע, האָט ער פארעפנטלעכט די בראָשור א. נ. „קדושה און גבורה, גלויבן און בטחון", פארלאג מ. נ. שטיין, שיקאגאָ.

יואל מאַסטבוים

געבוירן ב׳ אָדר אין יאָר תרמ"ד (1884) אין מעזריטש, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו שעדלעצער גוברניע, באקומען א טראדיציאָנעלע דערציאונג אין חדר, פון קינדווייז אָן ארויסגעוויזן פעאיקייטן צו צייכענען, שרייבן און צו מוזיק.

נאָך אלס קינד האָט ער צוזאמען מיט זיינע עלטערן פארלאָזט מעזריטש און אוועק קיין שעדלעץ.

אין עלטער פון פופצן יאָר האָט ער אָנגעהויבן לערנען שטובן־מאָלעריי, וועלכעס איז לאנגע יאָרן געווען פאר אים א מקור פון פרנסה.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן פארלאָזט מאסטבוים שעדלעץ און באזעצט זיך אין ווארשע. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן פארעפנטלעכן זיינע דערציילונגען. זיין ערשטע דערציילונג „ירחמיאלקע דער שוחט" איז געדרוקט געוואָרן אין „דער וועג", אונטער דער רעדאקציע פון צבי פרילוצקי. דוד פרישמאן האָט אויפגענומען דעם נייעם טאלאנט און פארעפנטלעכט זיינע שאפונגען אין „רשפים", וואָס זיינען דערשינען אונטער פרישמאנס רעדאקציע. מאסטבוים איז אויך טעטיק געוועזן אין ווארשעווער „הזמיר".

אין 1912 איז אין פארלאג י. שומין, ווארשע, דערשינען מאסטבוימס ערשט בוך — „סקיצן און בילדער". אין 1917 האָט ער פארעפנטלעכט א דראמאטישע פּאָעמע א. נ. „א מעלאָדיע".

אין די יאָרן 1919 - 1922 האָט מאסטבוים געוואוינט אין לאָנדאָן און מיטגעארבעט אין „די צייט". צוריקקומענדיק קיין פוילן האָט ער פארעפנטלעכט די ווערק: „דריי דורות", „אין דער פרעמד", „אין פרעמדע וועגן" און „חלוצים", מיטגעארבעט אין „מאָמענט", „לאָדזשער טאַגעבלאט", „לאָדזשער פאָלקסבלאט", „נאָש פּזשעגלאָנד", „נאָווי דזשיענניק", „כווילא". באררייזט פוילן און האָט שפּעטער ארויסגעגעבן זיין בוך „גאליציע".

אין 1933 באזעצט זיך מאסטבוים אין תל־אָביב. ער ארבעט אין „הארץ", גיט ארויס זיינע שריפטן אין העברעאישער איבערזעצונג:

„חליל הצוענים", „במפתח" —ביידע איבערגעזעצט דורך י. קויפמאן— (תל־אָביב) „דירה של מריטה" און „החיים האדומים" — איבערזעצט דורך א. מיטוס.

פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך מאסט־בוים געפונען אין פוילן, פון וואנען עס איז אים געלונגען צו אנטלויפן איידער פוילן איז פארנומען געוואָרן דורך די דייטשן. זיינע איבערלע־בונגען האָט ער פארעפנטלעכט אין זיין בוך „שישים יום בפולין של היטלר", פארלאג „דבר".

שפּעטער האָט מאסטבוים ארויסגעגעבן דעם ערשטן באנד פון זיין ראָמאן „השלשה" — איבערגעזעצט דורך י. אליאב. דער אָריגינאל אין יידיש איז ארויס אין לאָנדאָן א. נ. „דער כוח פון דער ערד". דער ער־שטער טייל פון זיין אויטאָביאָגראפיע: „מיינע שטורמישע יאָרן", וואָס איז ארויס אין פארלאג „דאָס פוילישע יידנטום", אין בוענאָס איירעס, איז דורך יצחק כספּי געוואָרן איבערגעזעצט אין העברעאיש און דער־שינען אין פארלאג „יבנה". דער צווייטער טייל פון זיין אויטאָביאָגרא־פיע איז „אויפן לייטער", דרוקט זיך אין המשכים אין „די לעצטע נייעס".

דוד ניימארק

געבוירן אין יאָר 1897. זיין פאָטער משה־מרדכי איז אמאָל געווען א פארמעגלעכער סוחר, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן אָרעם און האָט זיך פארנומען מיט מלמדות.

ניימארק האָט טאקע געלערנט ביי זיין פאָטער און אין אנדערע חדרים, תלמוד־תורה'ס און ישיבות.

צו 16 יאָר גענומען לייענען „ספרים חיצוניים" און געגעבן העברע־אישע לעקציעס, כמעט אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבן שרייבן, גע־שיקט קאָרעספּאָנדענצן אין די יידישע און העברעאישע צייטונגען. ארום 1910 האָט ער צוזאמען מיט עטלעכע חברים צונויפגעשטעלט א געשרי־בענע העברעאישע צייטונג מיטן נאָמען „היהודי הצעיר". אין איר האָט זיך אויך באטייליקט דער שרייבער מאיר קאראנא.

אין 1911 געווען דער מיטשעפער פון דער ערשטער געדרוקטער יידישער צייטונג אין שעדלעץ — „דאָס שעדלעצער וואָרט", „שעדלע־צער לעבן" און „שעדלעצער ווידערקול".

שוין אין 1912 האָט ער זיך אידעאיש דערנענטערט צו דער יידי־שער ארבעטער־באוועגונג, אָבער נישט אָנגעשלאָסן זיך אין קיין שום פארטיי. ערשט אין 1915 איז ער אריינגעטרעטן אין „בונד" וואו ער איז טעטיק ביז היינט.

אין אָנהויב פון די צוואנציקער יאָרן האָט ער אין לעמבערג רעדא־

גירט דאָס בונדישע וואָכנבלאַט „ארבעטער שטימע" און גלייכצייטיק מיטגעארבעט אין דער בונדישער פּרעסע פון ווארשע, געווען מיטגליד אין פארשידענע פּארטייאישע אינסטאנצן. פון 1925 ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה איז ער געווען רעדאקציע-מיטארבעטער אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג". פאר דער מלחמה האָט ער אָנגע-שריבן א גרויס בוך (320 זייטן) „60 יאָר ציוניזם", וואָס איז געווען א רעזולטאט פון עטלעכע יאָר ארבעט.

צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה איז דאָס בוך נישט דערשינען.

אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט-מלחמה איז ניימארק אנטלאָפן פון ווארשע קיין ווילנע, פון דאָרט קיין קאָוונע, יאפאן און אין 1941 אָנגעקומען קיין קאנאדע, וואו ער האָט גלייך באנייט זיין זשורנאליס-טישע ארבעט אין „פאָרווערטס", אין דער בונדישער „אונדזער צייט" און אין א ריי זשורנאלן אין ניו-יאָרק, מעקסיקע, פאריז און ישראל.

חנה סאפּרין

געבוירן אין שעדלעץ, פארלאָזט די שטאָט בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה. געדרוקט לידער אין דער ניו-יאָרקער „פרייהייט". אין די פערציקער יאָרן איז ארויס איר בוך „נצחון".

ברכה סטאלאווי

שוועסטער פון חנה סאפּרין, דרוקט אָפּ לידער אין דער ניו-יאָרקער צייטונג „דער טאָג".

מרדכי עובדיהו (גאָטעסדינער)

געבוירן אין ג' סיון תרס"ט (1909), געלערנט אין חדרים און אין א חלוצישער אגריקולטור-פּערמע אין טשענסטאָכאָוו, דורכגעמאכט הכ-שרה און געווען טעטיק אין „השומר הצעיר" און אין דער „החלוץ"-באוועגונג. בעת דער ציוניסטישער מאניפעסטאציע אין שעדלעץ קעגן די בלוטיקע אויגוסט-געשעענישן אין ארץ-ישראל (אויגוסט 1929), איז גאָטעסדינער פארוואונדעט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, שפּעטער האָט ער פארלאָזט שעדלעץ און געלעבט אין ווין, לאָנדאָן. דאָרט האָט ער זיך באקאנט מיט ח. נ. ביאליק און געווען זיין פּריוואט-סעקרעטאר. קיין ארץ ישראל איז ער געקומען אין יאָר 1931, און אָנגעהויבן שרייבן אין „דבר", „על המשמר", „הדור", „הפועל הצעיר", „מאזנים", "גליו-נות", „גזית". די ארטיקלען האָט ער אונטערגעשריבן מיט פארשידענע פסעוודאָנימען ווי מ. עין-רואי, י. רואני, מ. ד. אחימין, יעקב איש-טעם, „מ. ע. ר.", „מעיין". מיטגעארבעט אין „דורות" און „הדואר". אין די

יאָרן 1936 - 1947, — אין „העולם" — אלס רעדאקטאָר פון דער סטאַ-טיסטישער אָפּטיילונג פון די אויסגאבן פון דער הסתדרות, קופּת חולים.

זיינע ביכער „אָדם בחוץ", פארלאג „מסדה", תש"א, און „מפּי ביאליק", פארלאג „מסדה", תש"י, זיינען גוט אויפגענומען געוואָרן דורך דער קריטיק. אין קורצן גייט ארויס זיינס א בוך דערציילונגען: „תחנה אחת".

יעקב־הערש פישמאַן

געבוירן דעם 2טן יוני 1891. זיין דערציאונג האָט ער באקומען אין הדר, שפּעטער אין דער שעדלעצער ישיבה, וואו אלס ראש-הישיבה איז געוועזן ר' דוד-יצחק מענדזיזשעצקי.

יעקב-הערשס פאָטער איז געוועזן א חסיד און די מוטער אַן אוי-סערגעוויינלעך פרומע פרוי. די עלטערן זיינען זיכער געוועזן, אז זייער זון וועט אויסוואקסן א גרויסער למדן. שוין אין דער ישיבה האָט פיש-מאַן אָנגעהויבן שרייבן אויף געזעלשאפטלעכע טעמעס. ווען אין שעד-לעץ האָט זיך געעפנט די ביבליאָטעק, איז דער יונגער פישמאַן דאָרט געוואָרן א „תושב". די יידישע ליטעראטור — מענדעלע מוכר ספרים, פּייערבערג, אַש א. אנד. — האָט געהאט אויף אים א גרויסע ווירקונג. גלייכצייטיק האָט ער אויך אָנגעהויבן לייענען העברעאישע ביכער און געלערנט זיך רוסיש און פּויליש.

פישמאַן האָט אין 1911 אין „דאָס שעדלעצער וואָרט", פארעפנט-לעכט זיין ערשטע דערציילונג, שפּעטער האָט ער זיך באטייליקט אין דער אָרטיקער אויסגאבע — „שעדלעצער ווידערקול", וואָס איז רעדאַ-גירט געוואָרן דורך י. טענעבוים. ארום 1913 האָט ער אין ווארשע פאר-עפנטלעכט צוויי דערציילונגען. זיי זיינען געדרוקט געווען: איינע אין אלכסנדר פארבאַס זאמלבוך לכבוד חנוכה, „ליכטלעך", די צווייטע — אין א זאמלבוך לכבוד שבועות, „פרילינג". די צווייטע דערציילונג האָט ער שוין אונטערגעשריבן מיט זיין אמתן נאָמען.

בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה איז פישמאַן געוועזן אין שעדלעץ און מיטגעארבעט אין דער געזעלשאפט „הזמיר", געוועזן טעטיק אין דער ליטעראַרישער סעקציע. אין 1911 שליסט ער זיך אָן אין „בונד" און איז טעטיק אין דער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג אין שעדלעץ, ביאַ-ליסטאָק און שפּעטער אויך אין ווארשע. אין יאָר 1919 איז ער אוועק פון שעדלעץ און זיך באזעצט אין ווארשע. זינט 1930 האָט ער פאר-עפנטלעכט פארשידענע דערציילונגען. אין 1938 איז דערשינען זיינס א בוך דערציילונגען א. נ. „זומערדיקע טעג".

אָנהויב צווייטער וועלט-מלחמה, ווען די דייטשן האָבן פארנומען

שעדלעץ איז פישמאן אוועק קיין ווילנע, וועלכע האָט זיך נאָך דאן גע־פונען אונטער דער ליטווישער ממשלה, דאָרט האָט ער ארויסגעגעבן א גרעסערן זאמלבוך א. נ. „אונטערוועגס". שפעטער איז ער פארוואָגלט געוואָרן אזש קיין יאפאן, דאָ האָט ער מיטגעארבעט אין רוסישן חודש־זשורנאל „יעווערעיסקאיא זשיזן". סוף 1941 קומט ער אָן קיין שאַנכיי. אין 1948 איז ארויס פישמאנס א בוך דערציילונגען „פארוואָגלטע יידן". אין דעם יאָר האָט פישמאן עמיגרירט קיין קאנאדע און דאָרטן מיטגע־ארבעט אין „קענעדער אָדלער", שפעטער אויסגעוואנדערט אין די פ. שטאטן וואו ער גרייט צו אַ ניי בוך דערציילונגען.

משה פערמאן

געבוירן אין יאָר 1905. זיין פאָטער ר' יוסף־דוד איז געווען א שטרענג־רעליגיעזער ייד, א קנאי און א תלמיד חכם. משה איז אויסגע־וואקסן אין א סביבה פון תורה. שוין פון קינדווייז אָן צייכנט ער זיך אויס מיט זיין גוטן זכרון. צו זיין בר־מצווה האָט ער שוין געלערנט ש"ס. די אגדות האָבן שטארק געווירקט אויף דעם קליינעם פערמאן און האָבן געוועקט אין אים דעם שעפערישן פונק פון שפעטערדיקן ראָ־מאנען־שרייבער.

אין עלטער פון 15 - 16 יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו צווייפלען אין די רעליגיעזע עיקרים און גענומען לייענען און לערנען אלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט באקומען: „זוהר" און שמ"ר, דינענזאָן און מיצקע־וויטש, שענקעוויטש און „מורה־נבוכים" — אלץ איז געווען שפייז פאר זיין גייסטיקן הונגער. צוזאמען מיט נאָך א פּאָר חברים האָט פערמאן אין געהיים געלערנט ביי א געצאָלטן לערער, כדי צוצוגרייטן זיך צו אן עקזאמען צום פינפטן קלאס גימנאזיע. צוויי יאָר שפעטער האָט ער אויסגעהאלטן דעם עקזאמען און אריינגעטרעטן אין פּאָזנאנסקיס לע־רער־סעמינאר אין ווארשע. נאָך גאָר יונג, פּרוּווט ער שרייבן. ער האָט געהאלטן, אז דאָס קומט אים בירושה — זיין זיידע האָט איבערגעלאָזט אין מאנוסקריפּט א ספר איבער הלכות שחיטה, זיין פאָטער האָט גע־שריבן חידושי תורה. זיין ערשטע ארבעט אין העברעאיש איז געווען אן אויסטייטשונג אויפן חומש, שפּעטער האָט ער צונויפגעזאמלט אלע רפואות, וואָס זיינען דערמאָנט אין תלמוד, פארצייכנט זיי לויט די קראנקייטן און צונויפגעשטעלט אין א ספר מיט דעם נאָמען „רפואות משה". צו פופצן יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן לידער. אין פּאָז־נאנסקיס סעמינאר האָט ער געשריבן לידער אין פּויליש.

אין 1921 איז פערמאן אוועק פון פּוילן קיין אמעריקע. אין ניו־יאָרק איז ער געגאנגען אויף די לערער־קורסן מיט דער דעה צו ארבעטן

אויפן יידיש־פעדאגאָגישן געביט. אונטער דער ווירקונג פון מ. אַלגין, ק. מרמר און ש. ניגער, וואָס זיינען דעמאָלט געווען לערער אויף די קורסן, האָט פערמאַן אָנגעהויבן שרייבן קורצע דערציילונגען אין יידיש. זיין ערשטע דערציילונג א. נ. „מיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע טאַט" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1922 אין „קינדערלאַנד" (זשורנאַל פון די אַר־בעטער־רינג־שולן). שפּעטער האָט ער געדרוקט דערציילונגען אין „מאָרגן־פרייהייט" און אין צייטשריפטן. צו דעם פּעריאָד געהערן די דערציילונגען: „אין שאָפּ", „דאָס ניגערל", „פּליגל", „געצל", „מ׳דאַרף א יוניאָן", „גלגולים". „גלגולים" האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק. לייב מלאך האָט אין אן אויסגאַבע אין בוענאָס איירעס געשריבן, אז בלויז צוליב דער דערציילונג „גלגולים" פון מ. פערמאַן, איז כדאי געווען ארויסצוגעבן „די יונגע קוזיניע".

אין 1926 האָט פערמאַן באַלייגט אן עקזאַמען אין קאָלומביא־אוני־ווערזיטעט און געוואָרן פאַרמאַצעווט.

ארום 1928 פאַרענדיקט ער שרייבן א ראָמאַן אין דריי טיילן, אונ־טער דעם נאָמען „אייבי יעדמאַן". אין ערשטן טייל פון ראָמאַן ווערט געשילדערט שעדלעץ; הגם דער נאָמען פון דער שטאָט ווערט נישט דערמאָנט, קאָן מען זי אָבער לייכט דערקענען.

דער ראָמאַן איז נישט דערשינען.

נאָך דעם ווי פערמאַן האָט אָנגעשריבן זיין ראָמאַן, האָט ער פאַר־לוירן דעם אינטערעס צו אים. אין 1933 האָט ער אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען אין דער ענגלישער שפּראַך און אין 1947 איז דערשינען זיין ראָמאַן אין ענגליש: ''Man's heart is evil''

מאיר קאראנא

געבוירן אין יאָר 1895 ביי אן אָנגעזעענער לומדישער משפחה, וועלכע האָט געצויגן איר יחוס פון דורות לומדים, רבנים און גאונים. פון קינדווייז אָן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערע פעאיקייטן. צו ניין יאָר האָט ער שוין געלערנט אליין פאר זיך גמרא מיט תוספות. ער איז פאַריתומט געוואָרן אלס קינד און דערצויגן געוואָרן אונטער דער השגחה פון זיין זיידן, דער מוטערס פאָטער — ר׳ יאָסל מרדכילים, א בר־אורין. צו צען יאָר איז ער אוועק לערנען אין דער מינסק־מאַזאָ־וויעצקער ישיבה, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השגחה פון דאָר־טיקן רב. צו צוועלף יאָר שיקט אים דער זיידע לערנען אין סלוצק, מינס־קער גובערניע, אין דער ישיבה פון בארימטן גאון, ר׳ איסר־זלמן מעל־צער. דאָרטן האָט ער געשמט אלס פּוילישער עלוי. אונטערן איינפלוס פון חברים אָנגעהויבן לייענען העברעאישע ליטעראַטור, אין געהיים גע־

לערנט רוסיש און גלייכצייטיק אָנגעהויבן שרייבן סאַטירישע דערציי־לונגען אין העברעאיש. ביי דעם האָט ער נישט איבערגעריסן זיין לער־נען אין ישיבה.

נאָך זעקס יאָר לערנען אין סלוצק, האָט ער צו אכצן יאָר באַקומען סמיכה אויף רבנות פון זיין רבין ר׳ איסר-זלמן מעלצער.

בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה איז ער געווען אין שעדלעץ. סוף 1919 איז ער אוועק פון שעדלעץ קיין ישראל. ער האָט געאַרבעט אלס בוי-אַרבעטער אין חיפה. ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער „גדוד העבו־דה" אויפן נאָמען פון י. טרומפעלדאָר איז ער אריינגעטרעטן אין דער פלוגת ירושלים. אין ארץ ישראל האָט ער געשריבן אין „הפועל הצעיר" און אין גדודישן זשורנאל „מחיינו".

אין יאָר 1927 וואַנדערט קאַראַנאַ אויס פון ארץ ישראל קיין מעק־סיקע. יאָרן לאַנג האָט ער געפירט אַ דרוקעריי, ביז, אין די פערציקער יאָרן, ווען ער איז קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ, האָט ער געמוזט די דרוקעריי אויפגעבן.

אין מעקסיקע זיינען אַרויס זיינע דריי ביכער דערציילונגען: „היי־מישע מענטשן", „צייטן" און „אין שטראָם פון לעבן". אין מאַנוסקריפּט — פאַרטיק אַ ראָמאַן „צוריק אַ היים".

מרדכי קאַראַנאַ

אַ ברודער פון מאירן, איז געבוירן אין יאָר 1900, געווען אַקטיוו אין דער שעדלעצער פּועלי-ציון-יוגנט-אָרגאַניזאַציע. אין דעצעמבער 1918 געוועזן דעלעגאַט אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער פּועלי-ציון-פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע.

אָנהויב 1920 האָט מרדכי קאַראַנאַ עולה געווען קיין ארץ ישראל. דאָ זיך באַטייליקט אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, געווען אַ מיטגליד אין חיפהער אַרבעטער-ראַט (מועצת פועלי חיפה) און ריכטער אין אָרטיקן הסתדרות-געריכט.

אין 1925 פאַרלאָזט קאַראַנאַ ארץ ישראל און באַזעצט זיך אין מעקסיקע, וואו ער העלפט אָרגאַניזירן די „ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ ישראל" און איז מיטגרינדער פון דער אָרטיקער יידישער שול און פאָר־זיצער פון פעדאַגאָגישן ראַט.

בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה האָט ער רעדאַגירט די צייט־שריפט „פרייוועלט". שפּעטער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער מעקסיקאַנער צייטונג „דער וועג", שרייבט אין פאַרשידענע פּעריאָ־דישע אויסגאַבן און אין דער אָרטיקער פּועלי-ציון-צייטונג „דאָס וואָרט" אין יאָר 1951 האָט ער געמאַכט אַ רייזע איבער אייראָפּע און מדינת

ישראל. די רייזע־איינדרוקן זיינען מיט א יאָר שפּעטער ארוים אין מעקסיקע אין א גרויס בוך א. נ. „פון מעקסיקע ביז אילת און צוריק״.

דב ראָזען

געבוירן אין יאָר 1914. זיין פאָטער ר׳ אברהם יהודה איז געווען א באוואוסטער תבואה־סוחר אין שעדלעץ און אן אָנגעזעענער פּרומער עסקן. דב האָט באקומען א שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג. ער האָט געלערנט אין „חדרים״ און אין סקערניעוויצער שטיבל ביים באוואוסטן למדן ר׳ אשר־גדליה גאָלדבערג. צו 17 יאָר האָט ער זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אקטיוו אין דער „פּועלי־אגודת־ישראל״־אָרגאניזאציע. ער פאַרלאָזט שעדלעץ און אנשטאָט צו פאָרן לערנען אין דער ישיבת חכמי לובלין, ווי ס׳האָט פארלאנגט זיין פאָטער דער למדן, פאָרט ראָזען קיין ווארשע און ווערט א טריקאָטאזש־ארבעטער. נאָך א קורצער צייט טרעט ער אריין אין א הכשרה־קבוץ פון „פּועלי אגודת ישראל״ און צוזאמען מיט דער ערשטער גרופּע חלוצים פון דער דאָזיקער אָרגאניזאציע, קומט ער אָן אין חודש שבט 1934 קיין ארץ ישראל. נאָך א צייט ארבעטן אין פּרדסים און אלס איינפאכער ארבעטער ביי בנין, ווערט ער אָנגענומען אלס פּריוואט־סעקרעטאר פון דעמאָלטדיקן הויפּט־רב פון תל־אביב ר׳ מ. א. עמיאל. ביי וועמען ראָזען האָט געארבעט ביז דעם לעצטן לעבנסטאָג פון רב. ראָזען איז אויך געווען דער הויפּט־סעקרעטאר פון „רשת החינוך התלמודית״ (תלמודישער דערציאונגס־נעץ־פארבאנד פון א צאָל ישיבות פון הרב עמיאלס פונדאציע).

ראָזען האָט זיך אויך פארנומען מיט פּובליציסטישער ארבעט און פארעפנטלעכט ארטיקלען אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע: „הצופה״, „היסוד״, „נתיבה״, „שערים״ און אין אנדערע זאמלביכער. צוליב אידעאָלאָגישע טעמים האָט ער פארלאָזט די „פּועלי אגודת ישראל״ און ארום 1937 אריינגעטרעטן אין „הפועל המזרחי״. אין תש״ה (1945) צום 200סטן געבורטסטאָג פון ר׳ שניאור־זלמן מלאדי, האָט ראָזען (אונטערן פּסעוודאָנים ד. זעירא) פארעפנטלעכט א בראָשור א. נ. „בעל התניא״, און אין תש״י א צווייטע בראָשור (אונטערן זעלבן פּסעוודאָנים) „קידמה מול קידמה״.

זינט דעם אנטשטיין פון מדינת ישראל, ארבעט ראָזען אויף א פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין אינערן־מיניסטעריום און האָט אין זשורנאל „השלטון המקומי בישראל״ פארעפנטלעכט ארטיקלען וועגן דער ארבעט אין די אָרטיקע זעלבסט־פארוואלטונגען. זיינע א קלענערע בראָשור א. נ. „עובד המדינה והאזרח״, א מין „שלחן ערוך״ פאר רעגירונגס־באאמטע, איז ארויס אין יאָר תש״י (1950) און געצויגן גרויס אויפמערקזאמקייט.

שלמה ראָזען



געבוירן דעם 17טן מערץ 1919. גע־לערנט אין תלמוד־תורה און אין דער רעגירונגס־פאָלקסשול. ער האָט אָנגע־הויבן שרייבן זייער יונג. זיינע ערשטע ארטיקלען זיינען פארעפנטלעכט גע־וואָרן אין דער וואנטצייטונג פון „השומר הדתי" אין שעדלעץ. ער איז געוועזן אקטיוו אין דער דאַזיקער אָר־גאניזאציע. אין יאָר 1937 איז ראָזען אוועק אויף חלוצישער הכשרה אין דער קבוצה „ראשית" ביי ווארשע. ער האָט זיך געגרייט עולה צו זיין אויף אן אומ־לעגאלן אופן קיין ארץ ישראל. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט צו נישט געמאכט זיין פלאן. אין סעפטעמבער 1941 איז אים געלונגען אָנצוקומען קיין ארץ ישראל, נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעמאכט דעם וועג דורך רוסלאנד, יאפאן, כינע, סינגאפור, האָלענדיש כינע און נאָך אנדערע לענדער.

קומענדיק קיין ארץ ישראל איז ראָזען אריינגעטרעטן אין א קבוצה פון הפועל־המזרחי אין כפר פינס. ער האָט געארבעט אין די פרדסים פון כרכור און אין וואלד פון חדרה. אין פרילינג פון יאָר 1943 איז ער געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך באזעצט אין כפר־עציון. גע־וועזן דער לייטער פון דער אָראנזשעריע, און אקטיוו אין געזעלשאפט־לעכן און קולטורעלן לעבן. אין 1943 איז דערשינען זיין בוך „מתוך המפולת", וואו ער שילדערט שעדלעץ און אומגעגנט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ראָזען האָט אויך פארעפנטלעכט ארטיקלען אין „ההד" און אין אנדערע צייטשריפטן. ער האָט געקעמפט ביי דער פארטיידיקונג פון כפר־עציון און געפאלן אין שלאכט צוזאמען מיט זיינע חברים.

שמחה רובינשטיין

געבוירן אין יאָר 1895. שמחה האָט באקומען א שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג. ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אינ־טערעסירן מיט דער העברעאישער ליטעראטור און זיך דערנענטערט צום ציוניסטישן געדאנק. אין 1906, נאָכן שעדלעצער פאָגראָם, איז ער

עולה קיין ארץ ישראל, טרעט אריין אין לערער-סעמינאר פון „עזרה" אין ירושלים. נאָכן אָפּזיין עטלעכע יאָר אין ארץ ישראל פארלאָזט ער דאָס לאנד, פארהאלט זיך א צייט אין טערקיי און קומט לסוף קיין אמעריקע, וואו ער ווערט אויפגענומען אלס העברעאישער לערער. ער האָט פארעפנטלעכט ארטיקלען אין פארשידענע צייטשריפטן אין העב־רעאישע כרעסטאָמאַטיעס, ער רעדאגירט די יוגנט-צייטונג „הדואר לנוער".

הרב מאיר שווארצמאן

געבוירן געוואָרן כ"ב שבט תרס"א (1901) אין זאגראווע (קאלי־שער וואיעוואָדשאפט). אויך זיין פאָטער איז געוועזן א רב. הרב מאיר שווארצמאן האָט געלערנט אין חדרים און ישיבות, באקומען סמיכות אויף רבנות פון גדולי הדור. אין 1924 איז ער געוואָרן א שעד־לעצער איידעם, האָט חתונה געהאט מיט פרל. חוה, די טאָכטער פון אברהם-יצחק יאבלאָן און באזעצט זיך אין שעדלעץ.

אייניקע יאָר איז הרב שווארצמאן געוועזן דער הויפּט-מיטארבעטער פון שעדלעצער אָרטאָדאָקסישן וואָכנבלאט „אונדזער וועג" און האָט אויך מיטגעארבעט אין אלע „אגודת-ישראל"-צייטונגען און זשורנאלן, ווי: „דער יוד", „יודישע טאגעבלאט", „דגלנו" און „דרכנו". ער איז געווען א באגאבטער רעדנער און ארויסגעטרעטן אין פארשידענע שטעט פון פוילן. אין שעדלעץ האָט ער ארויסגעגעבן כרעסטאָמאַטיעס פאר די „בית-יעקב"-שול-קינדער א. נ. „ליליען" און „די אלטע באבעס". דאָ האָט ער אויך אָרגאניזירט א גרופּע פון רעליגיעזע יונגעלייט קנאים א. נ. „לוחמי מלחמת ה׳".

אין „אגודת ישראל" האָט הרב שווארצמאן פארנומען אן אָנפירנ־דיקן אָרט. האָט באזוכט די גרעסטע קהילות אין פוילן, גאליציע און וואָלין, וואו ער האָט אָרגאניזירט „בית-יעקב"-שולן. ער האָט זיך באַ־טייליקט אין אָרטאָדאָקסישע קאָנגרעסן און האָט באזוכט א ריי אייראָ־פּעאישע שטעט: ווין, מאריענבאד, טשערנאָוויץ, יאסי, קראָקע, אמסטער־דאם, ציריך, באזעל, בערלין, האמבורג, פאריז, שטראסבורג, וואו ער האָט זיך באקאנט מיט אלע אָרטאָדאָקסישע פירער.

אין די יונגע יאָרן האָט ער געשריבן לידער, וועלכע זיינען פאר־עפנטלעכט געוואָרן אין פיל אָרטאָדאָקסישע זשורנאלן. ווי א למדן האָט ער געלערנט מיט אן עולם יעדן שבת.

אין יאָר 1938 האָט הרב שווארצמאן זיך באזעצט אין קאנאדע, ער איז אויפגענומען געוואָרן אלס רב אין קארנוואל, שפּעטער אלס מנהל פון תלמוד-תורה „עץ החיים" אין טאָראָנטאָ, און אין יאָר תש"ח אלס רב אין וויניפּעג.

הרב שווארצמאן איז א מיטארבעטער אין פארשידענע צייטונגען אין אמעריקע און קאנאדע, ווי „דאָס יידישע וואָרט" (וויניפעג), „קעגעדער אָדלער" (מאָנטרעאל), „קאנאדער נייעס" (טאָראָנטאָ), „דער טאָג", „מאָרגן-זשורנאל" (ניו-יאָרק), „המודיע" (ירושלים) און „שערים" (תל-אביב).

אין יאָר תש"ב (1942) האָט ער פארעפנטלעכט א ספר „מאיר עיני ישרים", א זאמלונג פון פירושים אויף חמשה חומשי תורה. ביזן יאָר תש"י זיינען ארויס פינף בענדער. אין יאָר תש"ה (1945) איז אין פארלאג „נצח", ירושלים, ארויס זיין בוך העברעאישע לידער א. נ. „נצנים" און אין תש"ו (1946) זיין בוך „אונדזערע ימים טובים".

הרב שווארצמאן איז א מיטגליד אין אגודת הרבנים פון די פאראייניקטע שטאטן און מיטגליד פון רבנים-קאָמיטעט אין וויניפעג (קאנאדע).

הלל שחורי (שווארץ)

געבוירן אין יאָר 1913 אין א קליין שטעטל סעלזש, ביי קארטוז-בערעזא. באקומען א נאציאָנאלע דערציאונג אין דער דאָרטיקער „תרבות"-שול. נאָכן ענדיקן די שול איז ער אָנגענומען געוואָרן אין העברעאישן לערער-סעמינאר אין ווילנע. געענדיקט דעם סעמינאר אין יאָר 1931, איז ער באלד אויפגענומען געוואָרן אלס לערער אין שעדלעץ, וואו ער האָט געארבעט ביזן יאָר 1933. אין שעדלעץ האָט הלל שחורי זיך פארנומען מיט קולטור-ארבעט, געפירט א קרייז פון העברעאיש-ריידנדיקע, פאר וועלכע ער פלעגט האלטן פאָרטראגן איבער פראָבלעמען און מעטאָדן פון דער העברעאישער ליטעראטור, אָנגעהויבן ארויסגעבן א חודש-צייטונג א. נ. „הברית", צו ערשט העקטאָגראפירט און שפעטער געדרוקט. די אויסגאבן אויף דער צייטונג האָט ער געדעקט פון זיין טאש.

אין 1933 באשליסט שחורי עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. ער פארלאָזט דעריבער זיין לערער-פאָסטן און פאָרט אין הכשרה-קבוץ, אין גראָכאוו נעבן ווארשע. טאָג-טעגלעך פלעגט שחורי ארבעטן פיזיש שווער און ביינאכט האָט ער רעדאקטירט דעם טעגלעכן קבוץ-ביולעטין, געשריבן פראָפאגאנדע-בראָשורן און וואנטצייטונגען.

אין מערץ 1938 האָט שחורי אומלעגאל עולה געווען קיין ארץ ישראל. באלד איז ער אריינגעטרעטן אין קבוץ פון רמת-הכובש, וואו ער האָט געארבעט געטריי און איבערגעגעבן. בעת די בלוטיקע אומרוען אין ארץ ישראל, דעם 4טן אויגוסט 1938, ווען שחורי מיט נאָך 7 חברים זיינען צוריקגעפאָרן אין א לאסטאויטאָ פון דער ארבעט אין קבוץ אריין, זיינען זיי אטאקירט געוואָרן דורך א באוואָפנטער אראבישער באנדע,

וועלכע האָט אוועקגעלייגט א פארמאסקירטע מינע פארן אויטאָ. דער אויטאָ איז צעשמעטערט געוואָרן און שחורי מיט זיינע חברים זיינען אומגעקומען אויפן אָרט.

מנחם שטערן (מאָרגענשטערן)

געבוירן אין יאָר 1912. זיין פאָטער ר׳ אברהם האָט אים געגעבן א נאציאָנאַל־רעליגיעזע דערציאונג. געלערנט אין חדרים און ביי פּריוואט־לערער. שפּעטער שטודירט אין רעגירונגס לערער־סעמינאר פאר אונטעררריכטן יידישע רעליגיע (פּאָזנאנסקים פונדאציע) און געענדיקט. אין 1937 האָט ער עמיגרירט אין די פאראייניקטע שטאטן און אין „צוקונפט" און אין אנדערע צייטשריפטן פארעפנטלעכט זיינע שאפונגען אין פּראָזע און אין ליד. די לעצטע צייט איז ער טעטיק אין ניו־יאָרק אלס לערער פון יידיש און העברעאיש.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי דעם דאָזיקן גייסטיקן און געזעלשאפטלעכן באשטאנד, האָט זיך פארן יידישן שעדלעץ אָנגעהויבן דער גרויסער היטלער־חורבן. ס׳איז אָנגעקומען דער שווארצער ערשטער סעפּטעמבער 1939. דער חורבן האָט זיך אָנגעהויבן.

באמערקונגען און ביבליאָגראַפיע

1) ל. גוטגעלט, „שעדלעצער וואָכנבלאַט" נומ' 2, 1922.
2) דאָרט.
3) זייט 27, Antoni Winter, Początki Siedlec
4) פראָפ. י. מיקולסקי, עטוואָס וועגן דער אנטוויקלונג פון שעדלעץ, דעמאָגראַפישע סקיץ, געדרוקט אין המשכים אין Życie Podlasia, 1934
5) זייט 12, A. Winter, Początki Siedlec
6) זייט 6, T. Moniewski, Siedlce
7) נומ' 2, 1932 — Gazeta Podlaska,
8) נומ' 25, 1937 — Ziemia Siedlecka,
9) פראָפ. י. מיקולסקי, אין זיין פאָררעדע צו Początki Siedlec פון א. ווינטער, זייט 6.
10) T. Piekosinki, Kodeks Dyplomatyczny Małopolski, I 1876—1905, באנד 4, זייטן 476—477.
11) זייט 5, T. Moniewski, Siedlce
12) A. Winter, Początki Siedlec זייט 13 און ווייטער.
13) דאָרט, זייט 17.
14) זייט 6, T. Moniewski, Siedlce
15) דאָרט, זייט 19, A. Winter
16) זייט 6, Siedlce
17) יון מצולה, הוצאת הקבוץ המאוחד, זייט 64.
18) טיט היון, דפוס ויניצא.
19) גזרות ת"ח, ביבליאָטעק פון "ייוואָ", ווילנע 1938, זייט 149.
20) Żydowska Starszyna, Tom. IV, 1911, C. Goldsztein
21) נומ"מ 11, 12, 13, 1910 Głos Podlasia,
22) זייט 21, A. Winter, Początki Siedlec
23) זייט 6, T. Moniewski, Siedlce
24) דאָרט.
25) זייט 26—27, A. Winter, Początki Siedlec
26) לויט נאָטיצן פון מ. טשאַרנאָבראָדע, ארכיוו פון „ייוואָ".
27) ד"ר י. שאצקי: געשיכטע פון יידן אין ווארשע, 1טער באנד, זייט 127.
28) י. נ. וויינטרויב, זכרונות, שעדלעצער וואָכנבלאַט.
29) זייט 27, A. Winter, Początki Siedlec
30) ד"ר י. שאצקי: געשיכטע פון יידן אין ווארשע, 1טער באנד, זייט 278.
31) זייט 9, T. Moniewski, Siedlce
32) שעדלעצער וואָכנבלאַט, נומ' 19, 1937.
33) י. נ. וויינטרויב, שעדלעצער וואָכנבלאַט, נומ' 24, 1930.
34) דאָרט.
35) לויט א גבית-עדות אין מיין פריוואַט־אַרכיוו.
36) י. נ. וויינטרויב, שעדלעצער וואָכנבלאַט, נומ' 27, 1930.
37) דאָרט, נומ' 39.

38) מ. אונגער: פשיסכע און קאָצק, זייט 17.
39) י. נ. וויינטרויב, שעדלעצער וואָכנבלאַט, נומ׳ 24, 1930.
40) דאָרט, נומ׳ 36.
41) א. ש. הערשבערג, פנקס ביאַליסטאָק, באנד 1, זייט 195.
42) דוד פלינקר — ערים ואמהות בישראל, ווארשה, זייט 111.
43)
44) א. דרויאנאָוו, ספר הבדיחה והחדוד מהדורה ב׳, כרך א׳ עמוד רל״ט.
45) Co Wstrzymuje Reformę Żydów w Kraju Naszym War, 1820
46) Dziennik Urzędowy Województwa Podlaskiego, 1824
47) דער ציטירטער בריוו און די איבריקע דאָקומענטן אין שייכות צו דער אנט־וויקלונג פון יידישן שפּיטאָל־וועזן, זיינען פון קהילה־ארכיוו אין שעדלעץ, וואָס איז זיכער פארברענט געוואָרן.
48) שעדלעצער וואָכנבלאַט, נומ׳ 11, 1939.
49) דאָרט, נומ׳ 43, 1926.
50) געדרוקט אין המשכים אין 1934, Zicie Podlasia,
51) פּאָדליאַסער לעבן, נומ׳ 19, 1934.
52) די ענדערונג פון דער אָרטאָגראַפיע איז טיילווייז דורך „פּאָדליאַסער לעבן״.
53) המליץ, נומ׳ 149, 1900.
54) שעדלעצער וואָכנבלאַט, נומ׳ 52, 1933.
55) פּריוואַט־ארכיוו פון בר־יודא, תל־אביב.
56) ש. א. הורודצקי, עולי ציון, זייט 102.
57) גדליה מסעמיאַטיץ, „שאלו שלום ירושלים״, ברלין תע״ו.
58) המליץ, נומ׳ 257, 1899.
59) צום 25־יאָריקן יובילײ פון דער ביבליאָטעק ביי דער געז. „יידישע קונסט״ אין שעדלעץ, שעדלעץ, 1926.
60) יואל מאסטבוים, „מיינע שטורמישע יאָרן״, זייט 29.
61) באַרערדע: א. הארטגלאַס צו: י. מאסטבוים, החיים האדומים, אדוו. הארטגלאס איז ווי אן אדוואָקאַט אָנווענזנד געווען אויפן פּראָצעס פון יידל מאסטבוים.
62) שעדלעצער וואָכנבלאַט, נומ׳ 36, 1938.
63) י. נ. וויינטרויב, שעדלעצער וואָכנבלאַט, נומ׳ 43, 1938.
64) ל. גוטגעלט, היינט, נומ׳ 209, 1931.
65) י. נ. וויינטרויב, שעדלעצער וואָכנבלאַט, נומ׳ 4, 1939.
66) 1906, № 39, ‘‘Die Welt’’
67) הזמן, נומ׳ 185, 1906.
68) יצחק כספּי, מגילת פּרעות־שדליץ בשנת 1906.
69) 1906, № 8, Tydzien Podlaski
70) ווארשאַווסקי דניעווניק, נומ׳ 240, 1906.
71) ארטיקל פון א. לעווינסאָן אין זאמלבוך „נפתולי דור״, א. נ. „בראשית התנועה״, זייט 15.
72) א. ליטוואַק, „וואָס געווען״, זייט 244.
73) י. גרינבוים, „מלחמת יהודי פולין 1905—1912״, זייט 46.
74) י. מאסטבוים, הארץ, נומ׳ 4476, 1934.
75) י. מאסטבוים, גאָלדענע קייט, נומ׳ 6.
76) איינער פון די פּאַלקן: דובנער און לובאַוויטשער, וועלכע האָבן דורכגעפירט דעם פּאָגראָם.

77) יצחק ווייגבערג.
78) צוזאַמען פון גובערנאַטאָר.
79) ש. דובנאָוו, די נייעסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק, באַנד 3, זייט 413.
80) Grünberg, der Grosse Pogrom von Siedlce in Jahre, : 1906
81) יצחק כספי, מגילת פרעות שדליץ בשנת 1906.
82) א. מ. גורעוויטש איז אַראָפּגעקומען פון ווילנע קיין שעדלעץ אין יאָר 1904. ער האָט געגרינדעט א העברעאישע שול און זי אָנגעפירט. גורעוויטש האָט גע־הייראַט די טאָכטער פון שעדלעצער בעל-חבית, יעקב לערנער. דער יונגער לערער האָט אָנגעהויבן צו אקטיוויזירן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.
83) ארכיוו פון „ייוואָ", ניו־יאָרק.
84) מיין פריוואַט־ארכיוו.
85) הצופה, תל-אביב, נומ' 1521, 1524, 1527, פון יאָר 1942.
86) הצפירה, נומ' 162, 1911.
87) יידישע האַנד-ענציקלאָפּעדיע, זייט 59, פארלאג א. גיטלין.
88) רשומות, סדרה חדשה, כרך ב', יצחק כספי, זייט 99.
89) ווארהייט 1916.2.19.
90) די צוויי שוועסטער האָבן שפּעטער אין אמעריקע חתונה געהאַט, ביידע שרייבן לידער. ברכה איז די פרוי פון סטאלאווע, זי דרוקט אָפט לידער אין דער ניו־יאָרקער טאָגצייטונג „דער טאָג". חנה, וועמענס פאַמיליע-נאָמען איז איצט סאפראן, האָט אין 1946 פארעפנטלעכט אין אמעריקע א בוך לידער א. נ. „נצחון". א טייל פון די לידער האָבן זיך געדרוקט אין דער „מאָרגן-פרייהייט".
91) „אונדזער יובל" (איינטאָג-בלאט), שעדלעץ, 1928.
92) צום 25-יאָריקן יובילוי פון דער ביבליאָטעק ביי דער געז. „יידישע קונסט" אין שעדלעץ, זייט 24.
93) גאלאנסקי איז געוועזן אן אייניקל פון אברהם שמעון, דער קאָצקער חסיד, וואָס איז מיט א מאָל געוואָרן פריי. גאלאנסקי האָט שפּעטער געהערט צו דער ציוניס־טישער קאָאָפּעראַציע „גורדוניה" און אין א צייט ארום האָט ער זיך געשמדט.
94) הצפירה, נומ' 228, 1915.
95) דאָרט, נומ' 186, 1920.
96) דאָרט, נומ' 184, 1920.
97) דאָרט, נומ' 190, 1920.
98) אויפן גרונט פון מאטעריאל, אין מיין פריוואט־זאמלונג.
99) הצפירה, נומ' 205, 1920.
100) ארויסגעגעבן דורך י. גרינבוים, ווארשע, 1922.
101) לויט דאָקומענטן און מאטעריאלן, געגומען פון דער בראָשור: „צום 25-יאָריקן יובילוי פון דער ביבליאָטעק ביי דער געז. „יידישע קונסט" אין שעדלעץ.
102) „אונדזער יובל", שעדלעץ, 1928.
103) „עזרת יתומים" אין שעדלעץ — באריכט פארן יאָר 1926.
104) פון א קאָמוניקאַט פון דער פארוואלטונג פון „עזרת יתומים", אין מיין פריוואט־ארכיוו.
105) שעדלעצער וואָכנבלאט, נומ' 38, 1938.
106) Ziemia Siedlecka, נומ' 23, 1938.
107) שעדלעצער לעבן, נומ' 10, 1936.
108) שעדלעצער וואָכנבלאט, נומ' 35, 1938.

הרב קלמן־אליעזר פרנקל

שדליץ החרדית

רגילים אָנו לקרוא את ארצנו ארץ־ישראל בשם מולדת, משום שבה נולדה האומה הישראלית; אולם אין מלה זו יוצאת מידי פשוטה, וכל ארץ שבן־אָדם נולד בה, היא מולדתו, כדברי חז"ל: „חן מקום על יושביו", כלומר: מיושביו אתה יכול להכיר את חן המקום. ואם בארץ כך, כל שכן עיר, שבה בן־אָדם נולד, התגדל והתחנך. מבחינה זו, אָנו מוקירים כל אחד את מולדתו. אולם אודה ולא אבוש, כי קנאה גדולה קינאתי תמיד בתור תושב שדליצאי בורשה, לודז, וכדומה. הייתי מוצא בורשה יהודים סוחרים בעלי עסקים מסובכים, או בלודז הרשתנים יהודים טרודים למעלה ראש, ובכל זאת היו נפנים לעסקנות, לתורה, לחסידות וכדומה. בהזדמני לשם הרהרתי תמיד בדברי המשנה „אל תאמר לכשאפנה אשנה, שמא לא תפנה". וכך היה הרבי מקוצק מפרש את המשנה: „שמא לא תפנה" — אולי רצויה לה' תורתך, שאַתה עוסק בה, אף שאינך פנוי, אלא מתוך טרדה". יען כי שדליץ העיר, עם כל חשיבותה, היתה עיר פרובינציאלית, בלי תעשיה ובלי מסחר גדול ואנשיה היו פנויים יותר מדי בזמן. אולם לא צללים הנני בא כעת לחפש אלא להראות על הטוב והיפה של העיר. כעת אָנו עסוקים בהקמת מצבת זכרון לעיר זו החרבה והשוממה מתושביה הקדושים, למען ידעו בנינו ודורותינו הבאים מי היו תושביה, לומדיה, רבניה ועסקניה, אשר כולם יחד נשחטו ונהרגו על ידי המרצחים הנאציים בעזרת הפולנים המקומיים בתקופת המלחמה העולמית, מ1942—1939. ספר זה המוקדש לקדושי שדליץ מתחבר על ידי יוצאי שדליץ, תושבי ארץ־ישראל, תושבים שונים בהשקפותיהם, בדעותיהם, וכל אחד, כפי יכולתו והלך־רוחו ובהתאם להשקפותיו, בא לתאר מה שראה ומצא בעיר זו, את עסקניה ומוסדותיה ואת האנשים אשר ידע והכיר בשדליץ. אני אספר על ה„מזרחי", אשר הייתי אחד ממיסדיו, אבל לא אצא ידי חובתי בתור יהודי דתי, אם לא אתאר בתחילה לפני הקורא את דמותם של רבני העיר, בין אלו אשר הכרתי

אותם באופן אישי ובין אלו אשר ידעתים מפי השמועה. הקדשתי את הפרקים הראשונים של זכרונותי לרבניה, לומדיה, עסקניה, סוחריה וחסידיה של שדליץ, ואח"כ להמזרחי שנתארגן בה בזמן מאוחר יותר. ועלי למסור מודעה מראש, שעיקר ידיעותי על שדליץ הן מלפני חמשים שנה עד שנת תרע"ה, אשר אָז עזבתי את שדליץ ועברתי לגור בעיר רדזין. מאָז, לפני שלושים וארבע שנים, הייתי בא לשדליץ רק לעיתים רחוקות, בתור אורח עובר, ולא ידעתי מה שהתהווה בה עד תקופת מלחמת העולם השניה.

רבני העיר

מספרים בשם הרב מלאדי, שנשאל ממתנגד אחד בתקופת הויכוח בין החסידים והמתנגדים, אם משיח ישראל, אשר אָנו מצפים בכל יום לבואו, יהיה מקהל החסידים או מקהל המתנגדים. ענה להם בעל התניא, כי משיח יהיה מתנגד. תמה עליו המתנגד: והלא החסידים אומרים כי דרככם היא הדרך הנכונה, ואילו כבודו אומר לי, כי משיח יהיה מתנגד. ענה לו הרב מניה וביה: חסידים מכבדים גם מתנגד אמיתי, אבל המת־נגדים אין ברצונם לכבד חסיד אמיתי. לכן למען יאמינו כולם במשיח, הוא יהיה מתנגד וגם החסידים יאמינו בו.

לשבחה של שדליץ עלי לציין, כי בתקופה של מאה וחמשים השנים האחרונות שמשו בה רבנים חסידים מובהקים וגם מתנגדים מובהקים וכמעט כולם היו חביבים על פני כל שדרות העיר, בין חסידים ובין מתנגדים. וזה נותן טעם לשבחה של העיר, שלא הבדילו בהשקפותיו של הרב, ואם היה תלמיד חכם, נאמן לתפקידו בתור מורה העיר, מרא דאתרא, כיבדו אותו כל בני העדה, שלא כמו בערים אחרות בפולין, שגם ענין הרבנות נסחף שם במחלוקת שבין החסידים והמתנגדים. לא שמעתי בתקופת היותי בשדליץ על מחלוקת מעין זו. וכך שימשו בשד־ליץ בתור רבנים פעם חסיד ופעם מתנגד, וכולם היו השובים בעיני הצבור, כל אחד לפי גדלו בתורה ובמעשים.

הראשון מן הרבנים אשר שמעתי עליהם הוא רבי זוסיא פלוצקר, בתקופה שלפני מאה וחמשים שנה בערך. ר' זוסיא פלוצקר היה חסיד נלהב מתלמידי הרבי ר' בונים מפשיסחא, חבר לרבי מקוצק והרבי מוורקא. אחריו שימש בתור רב בשדליץ רבי שמואל שינוואר, מחבר הספר „רמתיים צופים". אף הוא היה חסיד. אחריו שימש בתור רב ר' ישראל מייזלס, מתנגד ידוע, בנו של רבי דובעריש מייזלס, רב בוורשה, אשר הרוסים גרשו אותו לגליציה אחרי התקוממות הפולנים נגד הקיסר הרוסי (הפובסטניה). אחריו שימש בתור רב, רבי מרדכי ליפשיץ, מחבר הספר „ברית יעקב". הוא מצא את מנוחתו בשדליץ. בבית הקברות


החדש בנוי אוהל ראשון, אוהל ציון, על קברו. בנו של הרב הזה היה רב יעקב-זלמן ליפשיץ הידוע מקובנה. חתנו היה הרב ר׳ אליהו קלצקין מלובלין שחי בסוף ימיו בארץ ישראל וחתנו השני היה רבי יחיאל, הידוע בשם רבי יחיאל מורה-הוראה ואשר שימש בתור כזה בשדליץ בזמני. אחריו מלא את מקומו בשדליץ ר׳ איצלה מורה-הוראה, עד תקופת ההשמדה האחרונה. רבי ברוך-מרדכי הנ״ל היה ידוע כמתנגד מובהק. אחריו כהן בתור רב רבי ישכר-בעריש גראהברד. הוא נמנה על קהל חסידים ומלבד גדלו בתורה היה יודע שפות וחכמה ובקי בהוויות העולם. הוא נקרא אחר כך לכהן בתור רב בעיר בנדין. חיבר ספר שאלות ותשובות „דברי ישכר". אחריו שימש ברבנות בשדליץ רבי שמעון-דוב אנליק מטיקטין, שהיה מכונה בחוג הלומדים „דער שווארצער עילוי". אותו הכרתי באופן אישי ועליו איחד את הדיבור. הוא היה מתנגד מובהק. התגדל והתחנך בחוג של מתנגדים. טיקטין העיר, היתה ידועה בתור מבצר של התנגדות לחסידות. ובכל זאת אינני יודע אם היה רב חסידי כל כך אָהוב על החסידים כמו רבי שמעון זה. ולא משום זה בלבד, שהתאים את עצמו לקהל אנשי העיר, היה לובש בגד משי בכל ימות השבוע ובשבת היה חובש שטריימיל לראשו, כמנהג המקום, אלא מפּני ישרותו ומסירותו לעניני הצבור והתורה. ואף כי לא לחסידות בלבד היה מתנגד אלא גם להשקפות לאומיות ומדיניות, בכל זאת חיבבו והוקירו אותו גם קהל הציונים, משום שאיש אמת היה, והיה מוכן למסור את נפשו על מצוות התורה ועל עניני העדה. זכורני, בתקופה של התחלת הציונות המדינית, בא אחד מתושבי מזיריץ, מעשיריה ועסקניה, בר-אורין גדול וציוני נלהב, לנאום בבית המדרש וקבל לזאת רשות מידי אחד מפרנסי העיר, ר׳ יצחק-נחום וינטרוב, שהיה אָז ראש הקהל, ואת פּי הרב לא שאלו. הדביקו מודעות על קירות בית המדרש ב„שול-הויף", כי ביום פּלוני ובשעה פּלונית ינאם פּלוני. והנה לשעה הקבועה ירד הרב מביתו, נכנס לבית המדרש והודיע, כי הוא אינו נותן רשות לנאום בבית המדרש בשום ענין פוליטי וכדומה. ניגש אליו ר׳ יצחק-נחום וינטרויב ואָמר לו: רבי, הרי כבר נתנו רשות וכבר נתאסף קהל. כבוד הבריות מחייב שירשה לו לדבר. בעט בו רבי שמעון ברגלו ואָמר: מימי לא ניצחני אָדם; על בית-המדרש אני בעל-הבית. לטיקטין עדיין אין רב ואני יכול לחזור לשם. ולא נתן בשום אופן לנואם לדבר, באמרו כי בית-המדרש הוא מקום לתפילה ולמגידות של מוסר, אבל לא לענינים חילוניים.

הרב הזה חיבר שני ספרים „אורה למשפט" ו„אמרי רש״ד" על התורה. הספר האחרון, ברובו, מכיל את דרשותיו אשר השמיע לפני קהל שומעיו. הוא היה נואם ודרשן מפוּאר לפי מעמדו של רב. באותה תקופה, לימד בכל יום שיעור בתלמוד בבית-המדרש בחברה ש״ס והיה

מסור לעניני הצבור, לכלל ולפרט. בימי הפוגרום בשדליץ בשנת תרס"ה פנה לממלא מקומו של הגוברנטור, שר הפלך הרוסי, ודרש ממנו להפסיק את היריות והרציחות בעיר. ממלא המקום ענה לו, כי היהודים הריבו־לוציונרים יורים בצבא. הרב הכחיש זאת ודרש ממנו שילך אתו לעשות חיפושים ולמצוא את הריבולוציונרים. כאשר יצא הרב החוצה וראה גויות של יהודים הרוגים ברחוב ורשה (היו אלו ר' מנדלי טיבלום ועוד אחד מחסידי אלכסנדר, שכנים אשר נהרגו שניהם בליל מוצאי שבת), חלץ הרב את נעליו והלך בגרבים ברחוב. כאשר שאלו מ"מ הגוברנטור על מעשהו, אָמר כי הוא בתור רב שרוי באבילות בראותו יהודי בן־ברית מוטל הרוג ברחוב. הדברים האלה השפיעו אז על הנ"ל עד שפּנה אחר כך אל הנצלניק טיחונובסקי ימ"ש, ואָמר לו: הלכנו וחקרנו בכל העיר ולא ראינו ולא מצאנו אף ריבולוציונר אחד שהיה לו נשק לירות בצבא הרוסי ולא ראינו אף חייל אחד שנפצע. לעומת זאת הנה עשרות אנשים יהודים הרוגים. אנשים בעלי משפחות עם ילדים קטנים, אנשים אשר אף פעם לא החזיקו נשק ביד ולא ידעו להשתמש בו". לדברים האלה הצטרף אָז שר הגדוד, הדובולסקי, אשר טיחונובסקי הזמין מהעיר ביאלא, לבוא לעזור לצבא הרוסי נגד ריבולוציונרים מתקוממים, ואָז קבל מפקד הגדוד את ההשגחה על העיר וטיחונובסקי הצורר עזב את העיר עם אנשיו. זה היה ביום שני (הפוגרום פרץ במוצאי שבת) לפנות ערב ועדיין לא קברו את ההרוגים. אחר הפוגרום נחלה הרב ז"ל מרוב צרות ופחד ובדמי ימיו, כבן חמשים וכמה, עלה השמימה בח' שבט, כששה חדשים לאַחר הפוגרום. העיר הרגישה אָז באבידה הגדולה, כשנלקח ממנה רבה, גאונה ותפארתה. רבי שמעון השאור בן יחיד, ר' ליבל מגרייבה, אשר גם כן היה לרב באיזו עירה, ושלושת חתניו לוקחי בנותיו כולם היו רבנים בעיירות פולין. אחד מהם רבי אלתר בריזמן, רב בקולנה, נתגלגל בימי מלחמת העולם השניה לרוסיה ומשם הגיע לארצנו שבור ורצוץ. רבי שמעון מנוחתו בבית הקברות החדש ליד קדושי הפוג־רום וכך נתוסף אוהל שלישי בבית־הקברות השדליצאי. האוהל השני אחרי קברו של רבי ברוך־מרדכי, הוא ציון של רבי הרשלי רבינוביץ, בנו של הרבי מביאלא, אברך צעיר, אשר קהל חסידיו הכתירו אותו בתור רבי ואדמו"ר והוא עבר לגור בשדליץ. בחדשי הקיץ בא והוא היה גם בעל תפילה נפלא ובעצמו ירד לפני התיבה. בימי ראש השנה ויום הכיפורים הצטנן ונחלה, ואחרי חג הסוכות נפטר והוא רק בן עשרים וכמה שנים והניח אחריו אלמנה עם ילדים קטנים. חסידיו בנו לו אוהל על קברו. בן אחד של רבי הרשלי, ר' דוד, עבר אחר כך ללונדון ונקרא שם הרבי מביאלא. הוא נפטר שם בצעירותו. בנו השני, ר' יחיאל, גר בשדליץ והיה ממלא מקומו של אָביו. בתקופת המלחמה התגלגל לרוסיה ומשם לתל־אָביב לרחוב זבולון וכיום הוא רבם של חסידי ביאלא ואוזו־

רוב. אהלו של הרב רבי שמעון־דוב היה, איפוא, האוהל השלישי בבית הקברות החדש בשדליץ. אחרי הרב רבי שמעון־דוב נתקבל לאחר כמה שנים לרב בשדליץ הרב ממוגילניצה, הרב ר׳ חיים־יהודה גינסברג, ז״ל. הוא היה רב חסידי ולא רק חסיד אלא טיפוס חסידי עם כל החיובי והשלילי שבו, אבל תלמיד־חכם גדול בשיטת הפלפול הפולני ומסור לעניני העיר. גם כאן ראינו את גדלם של אנשי שדליץ. לא קמו עוררים עליו, אף כי רחוק היה רב זה מרבניה הקודמים כרחוק מזרח ממערב. קודמיו היו מודרניים ממנו בהרבה, וגם דרשנים טובים ממנו. בימיו, בשנת תרע״ח, עזבתי את שדליץ ורק מפי השמועה אני יודע, כי אחרי הרב גינסבורג שימש בתור רב ר׳ שלמה אייכנשטיין, הרב מחודורוב, עד ימי ההשמדה והוא ברח לרוסיה ולא הוסיפו אחר כך לשמוע על אודותיו.

בימי הרב ממוגילניצה התבלטו בשדליץ אישים תורניים ידועים, מהם סוחרים מופלגים בתורה, ומהם אנשים אשר תורתם אומנותם. עם אלה נמנה ר׳ משה־הירש, אשר היה מגיד שיעור קבוע בחברת משניות, ובאותו זמן צירפו אותו למורה־צדק קבוע להרבנות המקומית. באותה תקופה, או קצת קודם לכן, נצטרף גם הרב מרדיקס, ר׳ ישראל קוזמיר לבית־דין־צדק בשדליץ (יש לו בן בארץ ישראל). וגם זה יצוין לשבחה של שדליץ, שלא הלכו לחפש מורה־צדק מרחוק אלא מקרב אחיהם מינו להם בית־דין־צדק. אמנם אישיות תורנית חשובה התבלטה עוד בחייו של הרב מטיקטין והוא ר׳ נחמן לעוו, שהיה ממלא מקום הרב בשיעור של ש״ם במקרה שהרב היה עסוק. אבל פשטן וצנוע היה מכדי לתפוס עמדה של מורה־צדק או של רב, אף כי היה ראוי לכך מפאת גדלו בתורה וישרותו. הרב לעוו היה חתנו של ר׳ אביגדור רידל, יהודי בעל־בית



מורה־הוראה ר׳ ישראל קוזמיר

פשוט, אבל סוחר נאמן וישר. גם בניו של ר׳ אביגדור הצטיינו בישרות. הוא לקח לבנותיו אברכים בעלי תורה ויראה. אחד מהם היה ר׳ נחמן לעוו. בנו בכורו היה רב שמעון רידל, סוחר סיטוני של קמח, איש ישר שומר תורה ומצוה, מפורסם בעיר למוהל. אשר היה עוזב את מסחרו לקיים מצוה בלי לקבל בעדה כל טובת הנאה. לרידל זה בן בארץ ישראל, מר יעקב רידל. גם לר׳ נחמן לעוו בנים בארץ ישראל. בשנים האחרונות בא לארץ גם ר׳ מוניש רידל. אשר היה לפנים סוחר טבק ידוע בשדליץ

וניצל מן השמדה. היו בשדליץ גם יהודים סוחרים בעלי בתי־מסחר גדולים, אשר תורתם היתה אומנותם. מהם יש לציין את ר' טוביה קרמרז, תלמיד־חכם מובהק גדול, חתנו של ר' אברהמצה ליפשיץ, אשר היתה לו חנות סידקית ברחוב ורשה, אבל הוא ישב כל ימי חייו בביתו על התורה ורק ברגעי מנוחה היה נכנס לחנותו להשגיח קצת. הוא היה ראוי להיות רב באחת העיירות הגדולות מפאת גדלו בתורה ובהלכה, ואף כי חי בדחקות לא רצה לעשות את תורתו קרדום לחפור בה. גם בניו היו לומדי תורה. בנו בכורו, ר' הירש ובנו ר' מנדל קרמרז, בעל בית חרושת לתרמילי סיגריות, שהמציא מכונה משוכללת וקיבל עליה פטנט מאת הממשלה הרוסית. לר' הירש קרמרז בן בארץ ישראל, רב בקבוץ גבת, שבו נמצאים בניו. גם לר' מנדל קרמרז בן בארץ ישראל, מרדכי כנעני. בנו של זה האחרון, אברהם־הרץ, נפל על כיבוש יפו, בניסן תש"ח. הפליא עוד יותר מר טוביה קרמרז, אשר בעצם היה רחוק ממסחר וכדומה ואשר כל מהותו היתה רק תורה, הוא גיסו של ר' אליעזר ליפ־שיץ, סוחר גדול של טבק, חסיד נלהב ולמדן גדול אשר היה אמנם נתון למסחרו, אולם אף פעם לא בא לחנותו לפני השעה החמישית, לאחר התפילה והשיעור הקבוע, וכאשר הלך לאכול ארוחת צהרים, לא היה חוזר עוד לחנותו, אלא ישב ולמד מתוך עמקות. הוא נמנה עם העשירים, בעל בית גדול, בעל בית מסחר גדול ובכל זאת חסיד נלהב שתורתו אומנותו. נכד לו בחדרה, מר איסר רוזנברג, בן בתו, ובת בתו, הגב' ארליך, בכפר פינס.

דומה לר' אליעזר ליפשיץ בשדליץ העיר היה ר' שמואל־דוד זיידנ־צייג. בשעתו היה סוחר עצים ומרבית השבוע ישב בורשה, אבל כשעה לפני נסיעתו היית יכול למצא אותו בביתו על הגמרא, הוגה בתורה. כמו כן בשובו בימות החורף ביום חמישי אחר הצהרים, לאחר דרישת שלום מבני ביתו, היה יושב ועוסק בתורה. בזה הלך בדרכי אביו, הסבא שלי, ר' ישראל סיני זיידנצייג, ז"ל, אשר היו לו עסקים מסובכים, בתים ויערות, היה חסיד קוצקאי, למד בבית מדרשו של בעל חידושי הרי"ם, ז"ל. הוא היה גם בעל בית המלון אנגלסקי בשדליץ, ברחוב פיינקנה. ישב שבועות מחוץ לעיר ובכל שבת נשתהה בבית החסידים שעות לאחר התפילה והיה עוסק בתורה בדביקות עד שעה מאוחרת בצהרים ורק אז חזר הביתה לסעודת שבת. חתניו היו ידועים, מגדולי היחש בתורה ובחסידות, עמהם נמנה אבי ר' אבא שיחיה, היושב כל ימיו על התורה ועבודת ה'.

בזמנו היו בשדליץ שני יהודים מפורסמים, ר' אברהמ'צה ליפשיץ ור' יוסף ענזלם, שניהם הצטיינו בנדבנות ובחסידות. ר' אברהמ'צה ליפ־שיץ הוא אביו של ר' אליעזר ליפשיץ וחותנו של ר' טוביה קרמרז אשר הזכרתי לעיל. לר' יוס'לה ענזלם היו שני נכדים ידועים בשדליץ, מפור־

סמים בנדבנותם, ר׳ אַשר-משה נלקנבוים ור׳ אברהם-יודל רוזן, שניהם שותפים ובתיהם היו מלאים חסידות ותורה וביחוד הצטיינו בעזרתם לנצרכים ומרי נפש. גם נשותיהם הצטיינו במידות אלו. דאגתם היתה בראשית החורף להכין עצים, תפוחי אדמה ומלבושים לעניים ולבני עניים וקנו להם שם בצדקת פזרונם. לר׳ אַשר-משה נלקנבוים, נשאר בן אחד מכל המשפחה, ר׳ אהרן נלקנבוים, הגר בבני-ברק ועובד שם בעיריה. ר׳ אברהם-יודל רוזן בא לארץ ישראל עם בניו ונפטר כאן בשיבה טובה. טיפוס דומה היה ר׳ מרדכי היינסדורף או ר׳ מוטיל-אפרים, כפי שנקרא בין חסידי אלכסנדר לפנים. מסחרו היה בית בורסקי וביתו היה בית ועד לחסידים. ביום הלולא של רבי, סעודת ראש חודש, חג ומועד מצאתי שם, הרחק מהעיר בדרך לסוקולוב, חסידים אוכלים לשובע ושותים לרויה. לנ״ל בן, בת ונכדים בארץ ישראל.

טיפוס מיוחד במינו היה ר׳ דוד מינץ. הוא היה סוחר וצדיק כאחד. התפרנס מבית-מסחר למכשירי כתיבה ברחוב ורשה על יד בית המשפט המחוזי. ישב ולמד מתוך דבקות, טבל כל יום במקוה. עניו וישר היה האיש ולעולם לא נפנה לשיחה בטלה אפילו בין קהל חסידים. למד והתפלל מתוך כוונה. וגם מסחרו היה לשם עבודת ה׳, שתהיה לו פרנסה שלא יצטרך לבריות ומיד כשנתפנה מזה היה חוזר לעבודתו, לעבודת הבורא. זכה האיש כי גם אשתו היתה כמוהו ועזרה על ידו במסחרו במה שיכלה, כדי שלא יצטרך להתמסר יותר מדי למסחרו. קראו אותו בשדליץ ר׳ דוד לייבלס, על שם חותנו ר׳ לייבל אורזל. חתנו של ר׳ דוד הוא ר׳ זאב (וועלוויל) סולובייציק, בנו של הגאון ר׳ חיים סולובייציק מבריסק. ר׳ זאב סולובייציק מילא את מקום אָביו והיה רב בבריסק. בתקופת המלחמה ברח משם ובא לארץ ישראל והוא יושב עתה בירו־שלים וידוע שם בשם הרב מבריסק.

כמו כן היו בשדליץ טיפוסים נאים של בעלי בתים אשר לא נמנו עם קהל החסידים, אבל התנהגותם היתה למופת והם: ר׳ הירש-יוסף צרנו־ברודה, ר׳ משה-אבא איזנשטאדט, ר׳ ישראל גוטגלד, ר׳ משה-חיים לעווין, ר׳ גדליה אורזל, ר׳ נתן-דוד גליקסברג, ר׳ פישל פרנקל, הרופא שפלין ועוד.

ר׳ הירש-יוסף צרנוברודה היה טיפוס של יהודי דתי, מתנגד, שומר תורה ומצוות אשר התפלל בהשכמה, למד את שעוריו הקבועים, ואחר כך היה בא לבית המסחר. היה נאמן בדבורו וכן במשא ומתן עם אנשים. אחיו בערל היה מלובש כדרך החסידים אבל היה משכיל במידה ידועה. הוא היה הספרן של הספריה בשדליץ ואחר כך אחד מיוצרי המועדון לנוער בשם „הזמיר״.

ר׳ משה-אבא אייזנשטאדט היה טיפוס בעל בית מודרני, סוחר נאמן וציוני טוב. בנו פלטיאל אייזנשטאדט נמצא בארץ ישראל.

ר׳ גרונם פרידמן היה יהודי בעל בית ועשיר גדול. מסחרו היה בעיקר עם הגויים אשר הלוה להם כספים על בתים ואחוזות. היה מתפלל בבית־המדרש הצבורי הגדול ובכל זאת היה לובש בגדי משי בשבת. את בניו הדריך בתורה וחסידות. בני בניו נמצאים בארץ ישראל — האחים פרידמן. טיפוסים דומים היו ר׳ גדליה אורזל וגליקסברג, שותפים חסידים, גרו בבית אחד ואף שמסחרם היו עסקי הלואות כמו ר׳ גרונם פרידמן, נמנו עם הסוחרים הישרים. ר׳ גדליה אורזל נמנה עם חסידי רדזין והרבי מרדזין התאכסן הרבה פעמים בביתו. גליקסברג היה הרבה שנים חבר הועד בתלמוד תורה וטיפוס מודרני יותר. אבל שניהם הדריכו את בניהם בתורה. בנו של גליקסברג, ניצול מתופת הנאצים, הגיע בשנים האחרונות לארץ ישראל.

בעסקנות הצטיינו יותר ר׳ ישראל גוטגלד ושותפו ר׳ משה־חיים לוין אשר אחרי ריב ביניהם נפרדו מהשותפות, אבל שניהם היו עסקנים טפוסיים. ר׳ ישראל גוטגלד היה חתנו של ר׳ יוסף אנזלם. הוא קבל מחותנו בשדליץ סכום גדול וגם מאביו. היו לו שני בתים גדולים ולא היה זקוק לעסקים. מרוב פנאי התמסר לעסקנות צבורית. כפי השמועה היה באחרונה יו״ר הקהלה. בנו לוי היה בין המארגנים את ההסתדרות הציונית בשדליץ. עסקן חרוץ ונאמן מיוחד במינו; אמרו עליו, שמרוב עסקנותו שכח להתחתן בצעירותו. בשעת ההשמדה נלכד בין יתר אחינו בני ישראל, הי״ד. משה־חיים לוין התמסר לעסקנות של תלמוד תורה ביחד עם ר׳ משה זקון מחוסר בנים. לר׳ משה־חיים לוין נכד בישראל בשם בנימין לוין.

לבסוף עלי להזכיר עוד שני יהודים, אחד בעל בית עשיר שבנה בית כנסת מיוחד משלו והוא ר׳ פישל פרנקל; והשני הרופא שפלין, שהיה אז כהצי דוקטור למדיצינה וגם הוא בנה לו בית כנסת בחצרו ברחוב פיינקנה שנקרא בית המדרש של שפלין. מענין היה לראות את הרופא שפלין מגדל זקן ומשמש רופא. מאחר שרוב הרופאים היו גויים חשבו אותו למומחה והזמינו לחולים והוא גם כתב תרופות לבית המדקחת. שני אלה, כמו ר׳ ישראל יחיאל׳ס לפניהם, אשר כותב הטורים לא הכיר אותו — בנו בתי כנסיות מיוחדים בכספם לטובת הצבור ונקראו על שמם.

בתי כנסיות לתורה ולתפילה

מלבד בתי הכנסיות שהזכרתי לעיל, היו עוד בשדליץ בית כנסת של חייטים ע״י בית הכנסת הגדול ובית כנסת ברחוב דלוגה, שנקרא פטרבורגר שטיבל ובית מדרש לקצבים ברחוב האיטליזים. מלבד בתי חסידים (שטיבלעך) לרוב: לחסידי גור, סקרנביץ, אלכסנדר, אמשינוב,

פורסוב, ביאלא ועוד. כל בית כנסת שימש מקום לתורה והיו כאלה אשר היה להם מגיד שיעור מיוחד בערבים, בין מנחה למעריב ובשבת ומועד. בתי החסידים שימשו מקום תורה בשביל בחורים, אברכים אשר ישבו ולמדו, גם לבעלי הבתים שהקדישו הרבה שעות ביום ללמוד תורה. גם הרבה זקנים וצעירים, שלא נמנו עם החסידים, ישבו בבית המדרש הגדול על התורה והעבודה. והרבה צעירי שדליץ למדו גם בישיבות מפורסמות בחו"ל.

גם בשדליץ העיר התקיימה ישיבה גדולה. ראש הישיבה היה ר' ישראל דרוגצנר. ראש הישיבה השני, ר' דוד יצחק, היה יהודי למדן ומסביר טוב, אשר משך את הצעירים לתורה והרבה צעירים מעיירות רחוקות נמשכו לישיבה זו. בני העיר היו מספיקים להם את מזונם ע"י „ימים", היינו: כל בעל־בית קיבל עליו לכלכל יום אחד בשבוע בן־ישיבה, כדי לאפשר לו לימוד תורה. גם למקום לינה דאגו להם. מצב זה של הפצת תורה ויראת שמים נמשך בשדליץ כל אותם הימים עד מלחמת העולם הראשונה בשנת תרע"ד, בה נלקחו הרבה מבוגרים וצעירים לצבא ושנוי גדול בא בחיים הפרטיים והצבוריים של היהדות הפולנית.

עסקנים

באותה תקופה התרכזה העסקנות רק בעניני הקהילה ומוסדות צדקה וחסד בעיר, כגון: בית יתומים, בית חולים ומושב זקנים. אין כותב הטורים זוכר את העסקנים של בית היתומים וכדומה, אולם עסקני העיר או הקהילה — הפרנסים זכורים לו, והם ר' יצחק־נחום וינטרויב ור' משה טמקין. שניהם יהודים בעלי צורה, דתיים במלוא מובן המלה, משכימי קום לבית המדרש. שני אלה התמסרו לעניני הקהל בשדליץ. בתקופת המלחמה הקודמת, בזמן שהרוסים עזבו את פולניה, קם ר' משה טמקין, בעל המדליות (אותות ההצטינות) של הצאר הרוסי, ארז את סחורותיו ויחד עם בני ביתו נסע לרוסיה. בסוף המלחמה חזר לשדליץ בלי רכוש, שבור ורצוץ. לעומת זה נשאר ר' יצחק־נחום וינטרויב בכל השנים על משמרתו בתור ראש הקהל. היה יהודי נאה בחיצוניותו ובפנימיותו, מלובש כהוגן ונמנה עם ראשי הציונים. חתנו מרדכי־מאיר לנדוי היה בשעתו ציוני דתי מסור, מנהל בנק לאשראי. הוא מת בצעירותו בשדליץ וכותב הטורים האלה הספידו אז בשם „המזרחי".

אין כותב הטורים יודע מה היתה הכנסתו של ר' יצחק־נחום וינטרויב ואיך היה יכול להתמסר כ"כ לעניני הקהל. אבל עובדה היא, כי בכל השנים ראינו את הא' וינטרויב בתור ראש הקהל המסור לעניני הצבור באמונה ומרוצה לכל הקהל הרחב.

והנה קודם שאגש לתאר את מצב המפלגות או את התחלת ההתאר־

גנות של המפלגות הציוניות רואה אני חובה לעצמי לדבר על השוחטים, החזנים והשמשים בשדליץ, כעין משרתי הצבור בקהילה.

בשעתו היה ידוע בשדליץ ראש השוחטים ר' חיים שוחט, יהודי חסיד, בעל צורה. בסוף ימיו מסר את השחיטה לבנו ר' שמעון שוחט. לנ"ל בן בארץ ישראל, מר קלינלרד, מראשי פועלי אגודת ישראל בירושלים. יתר השוחטים, אשר הנני זוכר בשדליץ היו ר' יצחק־מאיר ור' זלמן שוחט, לאחרון בן בארץ ישראל.

ה ח ז נ י ם. בזמני הנני זוכר עוד את החזן מבריסק, בעל זקן מגודל, אשר היה הובש תמיד צילינדר לראשו ולא הניח כל שמחה שלא השתתף בה, ברית־מילה, בר־מצוה, חתונה וכדומה, עשה במקום „מי שברך" וקיבל את שכרו. אחריו היה, כמדומני, חזן יעקיל רובנר ואחריו ר' יוסף פסובסקי אשר עלה בסוף ימיו לישראל ומת כאן לפני שנתים. גם החזן האחרון מר זופוביץ בא לארץ ישראל אחרי המלחמה האחרונה.

ה ש מ ש י ם. כדאי להזכיר גם שני שמשים שהיו טיפוסים מיוחדים. הראשון אשר כותב הטורים עודנו זוכר, היה ר' איזיק, או אייזלה שמש. היה ידוע בתור שמש בית־דין. יהודי גדול בתורה וביראת שמים, אשר הוסיף כבוד לרבנות המקומית. וזוכר אני מה ששמעתי מפי סבא ר' ישראל סיני זיידנצייג, ז"ל, אשר סיפר, כי לפני שמונים או תשעים שנה, בתקופת הגזירה על גזיזת פיאות והלבשה ברוסיה, ור' אייזלה היה עדיין צעיר לימים, בחור מחובשי בית המדרש, מלובש כמו בחור דתי בתקופה ההיא, עם פיאות ארוכות, והנה לקראתו שוטר רוסי ובידו מספרים גדולים והוא תפס את ר' אייזלה ביד וגזז את פיאותיו במספרים. ר' אייזלה בכה כתינוק, כי איך יראה את פניו כמראה גוי בלי פיאות לפני קהל מכיריו. והשוטר לעומתו נהנה ממעשיו וצחק לבכיה זו. והנה אחרי כמה רגעים, קם ר' אייזלה ולוקט את פיאותיו הגזוזות מהקרקע, לקח אותן ביד וברח. מה עשה ר' אייזלה? הדביק את פיאותיו בדבק בשני צדי הכובע שלו וכך לא הכיר שום אָדם שפיאותיו גזוזות. לאחר ימים פגש אותו השוטר את ר' אייזלה ברחוב והתפלא למראה עיניו, היתכן, כי לאייזלה זה צמחו שוב פיאות ארוכות והוא הולך לתפסו ביד והנה אייזלה מוריד את כובעו יחד עם הפיאות ומלגלג על השוטר. וכך לא הכיר אַף אחד באייזלה שהוא בלי פיאות, ורק כשהיה יושב בבית המדרש ומעיין בלימודו והכובע שלו נשמט לצד ימין או שמאל היתה יוצאת לו פיאה אחת לצד פניו ופיאה אחת לאחוריו.

השני היה ר' הרשל שמש, הוא היה יוצא מן הכלל. היה תמיד מהודר בחיצוניותו כאחד העשירים, אבל בתוך תוכו קיננה נפש עדינה. לפנים בישראל, ובשדליץ במיוחד, כאשר יהודי עשיר היה משיא את בתו, בביתו או באולם, היה עורך שלחן מלא כל טוב, היו מגישים מיוחדים או שמשי העיר מגישים את הכיבודים למוזמנים וכרגיל היו גם

השמשים אוכלים ונהנים מהסעודה בגלוי או בסתר והביאו בכיסיהם מנות מהסעודה גם בשביל בני המשפחה והיו כאלה אשר היו מפרנסים מהמנות האלו גם את בני משפחתם שבוע שלם. לא כן היה נוהג הרשל שמש. אף פעם לא היה נהנה מהסעודה והנהיג את עצמו לאכול את ארוחתו בביתו בטרם בואו לסעודה. אף פעם לא טעם בעצמו ולא לקח בשביל משפחתו אם גם ביקשו ממנו המחותנים שיעשה כן. לכן היה נאמן מאד על הכל וכאשר בא למשתה היו נוהגים למסור לו את המפתח של הארון או החדר אשר בו החזיקו את המצרכים, וגם המחותנים והקרובים, אם רצו איזה דבר, היו צריכים לפנות אליו. נאמן היה האיש בתפקידו וגאה היה במעשיו. כיבד האיש את מקצוע השמשות. ואם היו שמשים נאמנים בישראל הרי השמש הרשל אחד מהם אם לא הראש שבהם.

בזמנו הזכירו את בתו אשר היתה חברה בפ.פ.ס., מפלגה סוציאליס־טית בפולין, ותמיד צעקה, כי הצאר הרוסי ניקולאי דוחק לה בגרונה. היא ישבה בבית הסוהר בשדליץ ופעם מצאו על חלון חדרה תלוי דגל אדום.

באותה התקופה, בשנת 1904, כאשר למדתי אצל מלמד ידוע, נכנסו אליו צעירים ובקשו ממנו כספים לשם קנית נשק בשביל אנשי הריבולו־ציה. האנשים היו לבושים חולצות שחורות עם צווארון זקוף וחגורים הגורה אדומה. פעם בחורף בצאתי מהחדר בערב והיה עלי לעבור את הקונסקי־רינוק, גינה ברחוב ורשה, והנה כל הקונסקי־רינוק מלא, לתמהוני, אנשים ובאמצע עומד מישהו ונואם לפני הקהל. למחרת הסתובבו בחורים יהודים לבושים חולצות שחורות וציוו לסגור את החנויות בלשון „ליכט צינדן", כמו שהיו רגילים יהודים דתיים להסתובב בערבי שבתות לפני חשיכה, להזהיר על סגירת החנויות והדלקת נרות של שבת. מצב זה נמשך שבועות וחדשים. פתאום, היו מצווים, באמצע היום, לסגור את החנויות והקהל היה מתפזר הביתה. לא הבנתי אז ואינני מבין גם עכשיו, מה עלה להם בזה, כי רוב החנויות או תשעים ותשעה אחוזים מהן היו שייכות ליהודים והגויים חשבו אל־נכון, כי איזה חג או אבל ליהודים, עד שביום בהיר אחד, זה היה ביום שלישי, נשמעה בעיר התפוצצות חזקה והדה נשמע בכל העיר ואחריה נשמעו יריות. נודע אחרי כן, כי נזרקה פצצה על מפקד המשטרה בעיר והוא נהרג, והמשטרה התחילה לירות על ימין ושמאל. אחד הכדורים פגע בר' שלמה זלמן מלובלין, בנו של ר' משה שולקים אשר נפטר לפני זמן מה ובנו בא מלובלין כדי להקים מצבה על קברו. והנה ר' שלמה זלמן בשמעו את הפצצה בקרבת מקום התחיל לברוח ושוטר אחד ירה בו. ובאותו השבוע, ביום הששי מת מפצעיו. אני זוכר את הלויה אשר סידרו לו בערב שבת עם חשכה, כדי להספיק לקברו לפני השבת. מאז הכריזה

הממשלה על מצב צבאי בעיר והאות לזה היה מוט ארוך אשר שמו על שעון העיר מעל לבנין המשטרה. מתקנות של המצב הצבאי היה, כי אסורה כל התקהלות ובשעות מיוחדות בערב היה אָסור להתהלך בחוץ בלי רשיון מיוחד. מצב מתוח זה נמשך עד הפרעות בשדליץ, אשר היו בחודש אלול (י״ז — י״ח) תרס״ה.

כותב הטורים זוכר עוד את התפרצות הפרעות. מושל העיר, הגו־ברנטור, הביא אָז פלוגת צבא (לובסקי פולק) ואימנו אותם לתפקיד של דיכוי ההתקוממות של הריבולוציונרים. במוצאי אותה שבת, בעמדי ברחוב, עבר על ידנו פטרול צבאי, שני יהודים עמדו ברחוב פרוספק־טובה ושוחחו. בהיותי ילד שאלתי אותם לתומי, איך אפשר לבן־אָדם להרוג איש? והנה שניהם ענו לי, כי אם המדובר הוא בריבולוציונר הרי הם מוכנים להרוג אפילו את אביהם או את אחיהם. תמהתי על משמעות כזו ועל ההדרכה המיוחדת של ארגון זה ועד שהם עוברים מעל פני נשמעה יריה בודדת ואחריה יריות של רובים ותותחים בלי הרף, במשך כל הלילה, וכן ביום ראשון ושני. נוספה לזה גם שריפת בתים (של עץ). לא היה ברור אם הבתים הוצתו ע״י כדורים או ע״י הצתה מיוחדת. ביום שלישי שקטו הפרעות וקברו את ההרוגים. חילקו רשיונות לכל אלה שרצו לעזוב את העיר. גם משפחתנו קיבלה רשיון כזה, וביום רביעי עזבנו את העיר ושהינו מחוצה לה במשך חדשים.

בשדליץ התכוננה אָז ועדת הצלה לעזור למשפחות ההרוגים ולאלה שאיבדו את רכושם כתוצאה מהשריפות והשוד אשר ערכו החיילים במשך יומיים וחצי. היו גם מקרי אונס כמנהג חיילים שניתנה להם יד חפשית להרוג ולבוז. בועד זה היו פעילים מלבד אַנשי הקהילה גם הא׳ צצקס,ששימש אָז כמזכיר הקהילה והעו״ד, המומר, זונדרלנד אשר היה מכובד בתור עו״ד, למרות זה שעזב את דת ישראל, ואיש ישר ונאמן בעניני כספים.

יתר הפרטים מהפוגרום סיפרתי למעלה בזכרונותי על הרב מטיק־טין, ר׳ שמעון אנאליק ז״ל. הפוגרום בשדליץ גרם להרבה מהנוער שיעזבו את העיר וחלק מהם עזבו גם את המדינה ונסעו לארצות הברית, קנדה וגם לדרום אפריקה. בין אלה הידועים לי היה מר מרדכי רוזנבך, אינני יודע את שם משפחתו הקודם, אבל כיום הוא נקרא רוזנבך. מצאתיו בדורבן אשר בדרום אפריקה, לפני עשרים שנה בשעת ביקורי שם. הוא עשיר גדול, בעל בית חרושת לטבק ושמח מאד להיפגש עם יהודי משדליץ. בשנים האחרונות נדב עשרים וחמשה אלפים לירות בשביל האוניברסיטה בירושלים וסכום של חמשה עשר אלף לירות בעד ישיבות בארץ ישראל. ולפי הידיעות שקיבלתי ממנו עומד הוא לבוא בקרוב לישראל.


ע ב ו ד ה צ י ו נ י ת או נכון יותר, עבודה ארצישראלית של

בני שדליץ מתחילה עוד משנת ת״נ, זאת אומרת, עוד לפני מאתים וששים שנה. על זה מספר לנו הרב ר׳ מיכל טיקוצינסקי מירושלים, נכד הרב הראשי ר׳ שמואל סלנט, בספרו, ולדברי מר תדהר בספרו „אנציקלו־פדיה לחלוצי הישוב ובוניו״ (חלק ראשון, דף 17) עלה בר״ח חשון תס״א (1700) ר׳ יהודה החסיד מהעיר שדליץ ואתו אלף איש מפולין ומרוסיה. חמש מאות אחרים מתו בדרך. הוא רכש את החצר לעדת האשכנזים בירושלים ובנה בה בית כנסת שנקרא על שמו. מחודש חשון תפ״א (1720) אחרי גרוש העדה האשכנזית וחורבן בתי החצר ע״י הערבים נקרא המקום חורבת ר׳ יהודה החסיד. והנה אעתיק את דברי ר׳ מיכל טיקוצינסקי מירושלים בספרו כמו שהם. וזה לשונו: „והשמועה באה אָז בשנת ת״נ במחוז הורודנה וסביבה, כי החל ה׳ לפקוד את ארצו ושגם מספר נכבד מהמתיחשים לעדת האשכנזים (כנראה שמקודם התקיים הישוב רק מעדת הספרדים), זכו להסתופף בחצרות ה׳ בתוככי ירושלים ונתעורר הרב החסיד ר׳ יהודה ז״ל מעיר שדליץ, לעלות לארץ הקודש יחד עם עוד רבנים גדולים בתורה, צדקות ופרישות. בתוכם הרב ר׳ יעקב מוילנה, אבי הרב החכם צבי, ז״ל, ויבואו ירושלימה ויתישבו גם הם בדיר האשכנזי — היא חצר בית הכנסת מאשכנזים. בבואם הקדישו את עצמם לחיות חיים של פרישות בקדושה וטהרה. ויש משערים, כי בתפילותיהם דחקו את הקץ ומשמים הוא דקא מחו בהו, כי על כן נאסף, לאחר ימים אחדים לביאתם, הצדיק רבי יהודה החסיד ז״ל משדליץ, ואחרי ימים מועטים נאספו עוד שאר הצדיקים והחסידים בני לויתו ז״ל. האסון הזה שבא על עדת הצדיקים לשיבת ציון לא כיבה את הזיק שהפיחו בקרב רבים. התשוקה לעלות לירושלים לא כבתה ודיר האשכנזים הוכרח להרחיב את חוגו ויחזיקו האשכנזים גם בבתים והחנויות אשר סביב לחצר המרכזי שלהם והישוב התעודד לפרוח״. עד כאן העתקתי מהספר הנ״ל.

והנה כמה מבני שדליץ לא ידעו, כי רבי יהודה החסיד הוא אשר בנה את בית הכנסת בעיר העתיקה בירושלים, שנקרא עד היום על שמו „חורבת ר׳ יהודה החסיד״. מי היה ר׳ יהודה החסיד לא עלה בידי כותב הטורים לברר, אולם עוד בזמני הכרתי אחדים מבני עליה שעלו לפני הציונות הרשמית... אחד מהם, הוא ר׳ ישראל יוסף (שם משפחתו לא זכור לי). אני זוכר עוד, כי היה הגבאי של בית החסידים דסקרניביץ בעיר שדליץ. בנו היה מהפ.פ.ס. בימים ההם. אולי זה נתן לו דחיפה, מתוך בושה, לעלות לארץ ישראל. זוכרני, כי הוא נסע ושב אחרי שנה והביא אתו חבילות אזוב הגדל בא״י וחילק לכל אחד לבשמים לברך עליהם במוצאי שבת וגם ציציות מראשית הגז כפול שמונה הביא וחילק בין מכיריו. אחרי סידור עניניו עלה שוב כעבור שנה לא״י ומאָז לא שמענו עליו. אחריו אני זוכר את ר׳ לייבלה מ„סודה וואסר״, מהרחוב

פיינקנה אשר היה לו בית חרושת לסודה וגזוז. היהודי הזה השתוקק כל ימיו לעלות לא"י. פעם נסע לארץ בתור תייר וחזר משם. לאחר הצהרת בלפור ומסירת המנדט לאנגליה פנה למשרד הא"י בורשה, אשר כותב הטורים השתתף בו יחד עם הרב ניסנבוים ז"ל בתור ב"כ המזרחי, וביקש לתת לו רשיון עליה לא"י. הוא סיפר לנו, כי הוא מכר את בית החרושת שלו לגזוז בשדליץ ובדעתו לעלות לארץ־ישראל ולייסד שם בית חרושת. הרב ניסנבוים פקפק אָז, אם יהודי בא בשנים כמוהו מוכשר עוד לעשות בארץ דבר־מה. בירושלים היתה אותה שנה שנת בצורת משום שהגשמים בחורף היו מועטים. רבי לייבל שלנו לא שמע העצות ועלה לא"י. כותב הטורים, שבא לא"י בשנת תרפ"ד, מצא את רבי לייבל במושב זקנים בירושלים, שם בילה את שארית ימיו.

כדאי להזכיר, את ר' קדיש גולדשטין, שחיסל בית־חרושת ועזב את ביתו ועלה לארץ בתרס"ב ויש לו כאן נכד, מר יונה פופובסקי, ונינים.



קדיש גולדשטין, שעלה לארץ־ישראל לפני חמישים שנה

ר׳ גדליהו גוטגלד התחמק מבני ביתו, שלא הסכימו לעליתו ארצה, ובערב אחד בתרס״ז יצא כאילו לסגור את תריסי הבית ועלה לארץ. גם לו יש כאן נכדים ונינים.

כמו״כ עלה לא״י ר׳ אברהם־משה וויינברג, יהודי בר־אורין, בעל בית־חרושת לחומץ. נחשב בין עשירים ועלה בין התיירים. חזר ואחרי כן שוב עלה, כנראה בלי רכוש. סבל הרבה בארץ ישראל. גר בתל־אָביב ובהיותו יושב ולומד בבית חסידי גור בליל שבת בראשית אחזהו שבץ לב ומת ע״י הגמרא. בנותיו גרות בתל־אָביב.

עוד לפני חמשים שנה עלה לא״י ר׳ משה־מרדכי ליפשיץ. הוא היה התנו ובן אחיו של ר׳ אברהמ׳צי ליפשיץ משדליץ. לר׳ משה־מרדכי ליפשיץ בנים בא״י, ואם אינני טועה, הרי בעלי דפוס ליפשיץ בירושלים הם צאצאיו.

בבית הקברות הישן בתל־אָביב, ברחוב טרומפלדור, ראיתי מצבה שעליה כתוב: „פה נטמן ר׳ אברהם־משה בר׳ יוסף משדליץ אשר טבע בימה של יפו ביום י״א תמוז תרס״ח". חקרתי אחריו ומסרו לי בחברה קדישא בתל־אָביב, כי שם משפחתו היה ברלינרבלום. כנראה לא היו רגילים אָז לכתוב כאן את שם המשפחה על המצבה, אלא נכדו של הטבוע בא אחרי כמה שנים ומסר את שם משפחתו והוא הקים לו מצבה על קברו. מי היה האיש לא עלה בידי להיוודע.

ר׳ יהודה ריינמן, ז״ל, אשר כולנו הכרנו אותו בשדליץ בתור צעיר הרדי ואדוק מאד, היה מנהל פנקסים בבנקים, התחתן עם בתו של הרב מיכלה רוזנברג בריסקר והיה מועמד לרב בשדליץ לאחר מות הרב מטיקטין. ר׳ יהודה ריינמן זה בא לארץ ישראל בשנת תרפ״ה, או תרפ״ו, ונפטר בתל־אָביב ביום כ״ד אייר תר״ץ. הניח אשה ושני בנים. אחד מת ממחלה ואחד נפל בספרד, כאשר נסע לשם לעזור למתקוממים. האשה חלתה והזרה לפולניה ושם נהרגה. יהיו נא דברי לזכרון למשפחה אצילה זו, שלא נשארה לה שארית. אָביו של ר׳ ידידיה ריינמן, ר׳ לייביש ידידים, כמו שקראו לו בשדליץ, יהודי חסיד דבוק בעבודת ה׳ (מאשתו השניה הוא היה חתנו של הרבי מזוואָלין). הזקן הנכבד הזה נפטר בירושלים כמה שנים לאחר פטירת בנו יחידו. גם חתנו של ר׳ לייביש ידידי׳ס, ר׳ הרצל גליקמן בא לא״י באותה תקופה; ר׳ הרצל היה בנה של האשה הנכבדה בלומה אורקס, כפי שקראו אותה בשדליץ. לר׳ הרצל היה בית־חרושת לצנורות מלט בשדליץ. בישראל היה ר׳ הרצל גליקמן זמן מסוים אחד המתישבים בכפר חיטין ליד טבריה של המזרחי ולא הצליח כאן בפרנסה. משפחה זו היתה ידועה בין חסידי רדזין. אחיו של ר׳ הרצל, ר׳ משה־יצחק, היה חתנו של הרבי ר׳ השיל אשר היה לרבי ברדזין אחר פטירת הרבי ר׳ מרדכי־יוסף ז״ל. ר׳ הרצל

גליקמן גר בחולון ליד תל־אָביב ונפטר לפני שנתים בתל־אָביב וכאן מנוחתו. הוא הניח אשה, בן ושתי בנות. בנו הוא חבר בחברת „דן".

מחסידי רדזין באו לארץ באותה תקופה גם ר' קלמן הובר (?) משדליץ. בשעתו היה ידוע בשדליץ בתור אחד המלמדים הטובים. גם כותב הטורים האלה למד אצלו בהיותו בגיל עשר — אחת עשרה שנה. הוא למד רק עם 4 בחורים מובחרים והיה מסביר טוב. זוכר אני, כי הוא ידע ללמד את הבחורים פירוש על „אקדמות" שאומרים בשבועות לפני קריאת התורה; להסביר את ענין מולד הלבנה; חשבון הקטורת לפי תוספת ידועה במסכת שבועות. הוא היה חלש, סובל כאב ראש. בבואו לארץ ישראל היה ג"כ מתיישב בכפר חיטין של המזרחי והתפלאתי לראות בבואי שמה, איך ר' קלמן זה רוכב על סוס, והיה מהאכרים הטובים. כשהתפזרו אנשי חיטין, מחמת חוסר מים, התיישב ר' קלמן הובר בפתח־תקוה והתפרנס מחנות מכולת. הוא נפטר לפני כמה שנים בפתח־תקוה. בנו שמואל הובר התיישב בכפר אברהם של הפועל המזרחי ליד פתח־תקוה. יתר בניו גרים במקסיקו והם עשירים גדולים.

יבדל לחיים עוד אחד מחסידי רדזין, ר' יצחק ברונשטין, ממשפחת ברג משדליץ, למדן גדול, הנמצא כיום אתנו בתל־אָביב. גם ר' זלמן גרשון נוסובסקי ז"ל עלה משדליץ. הוא נחשב בשדליץ בין הסוחרים הגדולים והנכבדים. נמנה עם חסידי ביאלה ונפטר לפני שנים מספר. הניח אשה, בנים ובנות. בנו הבכור חיים־דוב הוא בעל מחלבה. הצעיר, דוד, פקיד במחלקת המסחר והתעשיה של הממשלה. בתו עסקנית בועד למען שדליץ בתל־אָביב.

פעולה ציונית בימים ההם. לפני שאבוא לספר על תולדות המזרחי בשדליץ, שהייתי בין מייסדיו, לא אצא ידי חובתי אם לא אמסור על שני אנשים מצעירי־ציון אשר הביאו אותי לציונות ואח"כ למזרחי. בית אבא וגם של סבא היה בית של תורה וחסידות וכל ענין של ציונות ומזרחי היה זר להם. הייתי אָז כבן חמש או שש שנים. כבר למדתי גמרא. בהיותי הבכור בבית, מיהר אבא להעניק לי תורה ביד רחבה, יותר מכפי גילי. בהיותי בן שנתים וחצי הובילו אותי לחדר מעוטף בטלית. כבן חמש התחלתי ללמוד חומש ועשו לי סעודה ועלי היה להרצות דרשה (חושבני שמאָז נסתלקה ממני אימתא דציבורא). כבן שש התחלתי ללמוד גמרא. אבא, כמנהג החסידים באותה התקופה, נסע מדי שנה לרבי מסקרניביץ לחג השבועות וגם לראש השנה עד לאחר יום הכפורים. בהיותי כבן שבע לקח גם אותי לרבי. מאָז נסעתי אתו לרבי בכל הנסיעות הנ"ל, ולפעמים גם בחורף, במשך חמש עשרה שנה עד תקופת המלחמה העולמית בשנת 1914 — תרע"ד. וכך הספקתי לספוג לתוכי מידת־מה של חסידות. בהיותי בן שתים־עשרה כבר חידשתי בתורה. מהשנים תרע"ב — תרע"ד נדפסו ממני הרבה חדושי

תורה בירחונים שונים. כמו „שערי תורה" בוורשה, המאסף בירושלים „אוהל יצחק" של הרב קלמן מסטמר, „אספת חכמים" בגליציה ו„תל תלפיות" בהונגריה. גם ב„המודיע" של הרב עקיבא רבינוביץ מפולטבה נדפסו מאמרים ממני בשנת תרע"ג.

אותה היגיעה בתורה, משחר ילדותי ממש הביאה לידי חולשת גופי שנמשכה מאז, כי לא ידעתי בצעירותי תענוג או משחק, מלבד כתיבת חידושי תורה או הישיבה בצותא עם חסידים וקבלת עתונים וירחונים ומכתבים של שאלות ותשובות מרבני גאוני עולם בזמן ההוא. הרבה שאלות ותשובות נמצאים כיום אתי בכתובים ואם אזכה עוד אדפיסם. עמדתי בחליפת מכתבים עם הרב מברזאן ור' יואב־יהושע מקונסק. בספר שאלות ותשובות „שם עולם" מהרב מבויטק, חתנו של הרב מסקידל המפורסם, נדפסו כעשר שו"ת אלי משנת תרע"ב — תרע"ד. (הספר הופיע בשנת תרפ"ה בריגה). פרקים מפרקי החסידות, אשר למדתי ואשר שמעתי, הובאו בספרי „שמועות וראיה" אשר הדפסתי בשנת תרצ"ט בירושלים ובספרי „עולת החודש", אשר נדפס בשנת תש"י. את הפרקים אשר שמעתי הנני מוסר ביחוד בספר „אמרות" אשר אני מדפיס כעת.

אולם איך באתי לציונות? כפי שמסרתי, הייתי אז כבן חמש או שש שנים. אבא נסע לרבי ואני הלכתי להתפלל יחד עם הדוד לבית החסידים דגור, בשדליץ. ובין שחרית למוסף, בהפסקת התפילה, עליתי לבית סבתא לטעום מה. והנה בא אז מר ישעי' זיידנצייג, כיום שמו בן־סיני, אחי אמא, ז"ל, אשר נמצא כיום בתל־אביב. ציוני ותיק ואתו חברו, מר לייבשה כהנא, בנו של בערל כהנא, איש ידוע בשדליץ, שהיה פזרן גדול בצדקה. ושניהם ישבו באותו החדר שבו טעמתי ביום כפור ושרו משירי ציון באידית ובעברית. המנגינה והמלים תפסו את לבי. זכורני, כי לא יכולתי לטעום ולבי נמשך אחרי ציון. מאז חלמתי על ציון וראיתיה בחלום ובהקיץ. ומן הרגע ששמעתי על יסוד המזרחי בורשה עמדתי וארגנתי את המזרחי בשדליץ.

תולדות המזרחי בשדליץ. פעולה ציונית ממשית לא היתה בשדליץ כמו ביתר ערי פולין בתקופה הצארית הרוסית, שכל ארגון היה אסור בהחלט. הפעולה התבטאה באוסף פרוטות לקרן הקימת ובמכירת שקלים. וזוכרני עוד, כי הא' פלטיאל אייזנשטאדט היה פונה אלי והיה מוכר לי שקל ציוני. ורק עם כיבוש הגרמני, בשנת 1915, הותרה הרצועה והתחילו לפעול ארגונים שונים. באותו זמן התחילו בפעולתן ההסתדרות הציונית בורשה והסתדרות המזרחי. כותב הטורים הנמנה על חוג המזרחי, התחיל אז לארגן צעירים תחת דגל צעירי המזרחי. באחד הימים הזמינני הא' נחמיה מאלין, יהודי פיקח ומבין דבר, התחיל לפצור בי לארגן את המזרחי והציע לי לפנות לר' אשר אורזל,

אישיות ידועה בשדליץ, אשר בשעתו היה לו בנק, שהוא ישמש בתור יו"ר המזרחי בשדליץ. באותו זמן היה הרב זלוטניק, רב בגומבין, (כיום הוא ידוע בשם „הרב אבידע" ויושב בירושלים) — נואם בשם המזרחי. הזמנתי אותו בשם המזרחי לבוא לשדליץ להרצות על המזרחי. שכרתי לשם כך את אולם התיאטרון ברחוב אוגרדובה.



נשיאות האסיפה הראשונה לשם יסוד ההסתדרות „צעירי-מזרחי"

מטעם הממשלה הגרמנית של קיסר וילהלם השני שימשו אָז בפולין שני רבנים. אחד בשם קרליבך והשני הרב ד"ר פנחס כהן. לשניהם היתה מטרה ידועה לארגן ארגונים של חרדים, בתור תרים נגד רוח הציונות אֲשר נשבה אָז מארצות המערב, ביחוד מאנגליה, לאחר הצהרת בלפור. צעירים אחדים שלא נקלטו ברוח ציונית, יסדו אָז ארגון בשם „תבונה". לכאורה היה זה ארגון ללמודי היהדות, אבל אפשר היה להכיר בו, כי רוח אנטי-ציונית נושבת בו. וכך קמו שני ארגונים המתנגדים אחד לרעהו. מצד אחד „התבונה" שרוב האינטליגנציה הדתית התלכדה בו ומהצד השני ארגון צעירי המזרחי, אשר כותב הטורים עמד בראשו.

ד"ר כהן וקרליבך הצליחו לארגן בפולין את האדמו"רים והרבה רבנים בארגון „שלומי אמוני ישראל" או „אגודת האורטודוקסים", אשר שינו אח"כ את שמם לשם „אגודת ישראל". ואם כי היו צדדים חיוביים ביסוד „אגודת ישראל" מבחינת חיזוק היהדות הדתית וביסוסה, הרי המטרה העיקרית היתה אנטי-ציונית. אולם לאחר מפלת וילהלם והכרת



ועידת „צעירי-מזרחי" בשדליץ, בהשתתפותם של גניכובסקי
וי. גרינבערג מארץ ישראל.



הועד מ„צעירי-מזרחי" בשדליץ

פולניה בתור מדינה עצמאית קמה בהלה בתוך שורות „התבונה" והודות לפעולת המזרחי וצעירי המזרחי אשר התחילו לפתח אָז פעולה ציונית, הורידו מעל קירות האולם של „תבונה" את התמונות של הד"ר כהן וקרליבך וכל הארגון על חבריו עברו באופן רשמי לצעירי המזרחי. וכך געשתה ההסתדרות של צעירי המזרחי בשדליץ לארגון חזק במובן חברתי ומדיני.

בשנת תרע"ח עזבתי את שדליץ ומאָז לא השתתפתי בעבודת הארגון ורק אחרי כן, בשנת תר"פ, בבואי לורשה לנהל את מרכז המזרחי, היתה לי ההזדמנות לבוא בדברים עם חברים ואישים משדליץ. חושב אני כי ימצאו כאן אנשים בני שדליץ, אשר יוכלו לכתוב פרטים על המזרחי מתחילתו עד תקופת ההשמדה ע"י היטלר ימ"ש.

בשנת תרפ"ד עליתי לא"י עם בני משפחתי. מפי השמועה נודע לי, כי תנועת המזרחי בשדליץ התפתחה אחרי כן ומשכה אליה חברים למאות. הם יסדו בית־ספר מזרחי ותפסו עמדה בעיר ובבחירות של הרב בשדליץ, לאחר הרב חיים־יהודה גינצבורג, ז"ל, הופיעו שני מועמדים, אחד של המזרחי ואחד של האגודה.

התכוונתי בדברי הנ"ל להציב יד ושם לשדליץ עיר מולדתנו למען ידעו ויעלו בנינו ונכדינו את זכר אחינו הקדושים והיקרים אשר הגרמנים, בעזרת הפולנים, השמידו בימי שלטונם, למען יחרתו בלבם את החובה והמצוה לנקום את נקמתם, כאמור בתורתנו: ז כ ו ר א ת א ש ר ע ש ה ל ך ע מ ל ק — א ל ת ש כ ח !

פארטייען
און
געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס

פּ. דרומי (פּאָפּאָווסקי)

שעדלעץ — די ציוניסטישע שטאָט

שעדלעץ האָט געשמט אין פּוילן ווי א ציוניסטישע שטאָט. אין דעם בוך „נפתולי דור" (די קאמפן פון א דור) שרייבט אברהם לעווינ־סאָן: „ווען אין ווארשע איז געגרינדעט געוואָרן דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער אָרגאניזאציע „התחיה", זיינען די צוויי סניפים — שעדלעץ און בענדין — געווען די שטארקסטע און טעטיקסטע אין פּוילן". דעם ציוניסטישן נאָמען האָט זיך שעדלעץ כשר און ערלעך פארדינט, ווייל אין דער ווירקלעכקייט איז זי אזעלכע געווען. דאָס גאנצע יידישע גע־זעלשאפטלעכע לעבן אין שעדלעץ איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט ציו־ניסטישער טעטיקייט. דורך אירע פארטרעטער האָט די ציוניסטישע אָר־גאניזאציע געשפּילט די הויפּטראָל אין קאָמונאל־ווירטשאפטלעכן און אויך אויפן פּאָליטישן געביט, ווי: שטאָטראט, יידישע קהילה, ווענדונ־גען צו דער אָרטיקער מאכט, אינטערווענצן ביי דער צענטראלער מאכט, סיי אין די צארישע צייטן, אין פּעטערבורג, און סיי שפּעטער ביי דער פּוילישער צענטראלער מאכט, אין ווארשע. רייך און פילפארביק איז געווען אין שעדלעץ די ציוניסטישע קולטור־ארבעט: שולן, אָוונט־קורסן, ביבליאָטעקן, רעפעראטן, פּאָרלעזונגען, חברישע שמועסן, דיסקוסיע־אָוונטן, פארזאמלונגען און ספּאָרט־פאראיינען. די ציוניסטן אין שעדלעץ האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט אויפן ווירטשאפטלעכן און סאָציאל־פי־לאנטראָפּישן געביט און זיי זיינען געווען טעטיק אין די אינסטיטוציעס און פאראיינען: סוחרים־פאראיין, קליינהענדלער־, האנטווערקער־פאר־איין, קרעדיט־געזעלשאפטן, סוחרים־באנק, לייקאסע, גמילת־חסד, עזרת־יתומים, מושב־זקנים, בית־הולים, לינת־הצדק, בקור־חולים, „טאָז", בילי־קע קיך אא"וו.


אחוץ די אלע אויסגערעכנטע שטאָטישע און אלגעמיינע אינסטי־טוציעס, האָט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אויך געהאט אירע אייגענע, פּארטייאישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך נישט געקענט פארשעמען

לגבי די צענטראלע געזעלשאפטן פון דעם מין. אומעטום זיינען די ציוניסטן געווען די איניציאטאָרן און טאָנגעבער. שטענדיק איז געהערט געוואָרן דאָס מאָטיקע וואָרט און פארלאנג פונעם ערלעכן ציוניסטישן עסקן, וועלכער האָט אלץ געטאָן לשמה, אָן שום פּערזענלעכן נוצן. שטענדיק זיינען ביי אים אויפן ערשטן אָרט געשטאנען די אינטערעסן פונעם כלל און פונעם יחיד, ווי א טייל פון דער געזעלשאפט. צוליב דעם זיינען זיינע ווערטער און פאָדערונגען שטענדיק געווען ווירקזאמע און איבערצייגנדיקע. אפילו די שארפסטע קעגנער פון ציוניזם, ווען זיי זיינען דורך א צופאל געווען א מערהייט, האָבן זיי דאָך אונטערשטיצט די ציוניסטישע פּאָרשלאָגן. די ווירקונג פון די ציוניסטישע פּאָרשטייער, האָט זיך געלאָזט פילן נישט בלויז אין די ריין־יידישע קרייזן, נאָר אויך אין נישט־יידישע אינסטאנצן, ווי מאגיסטראט און שטאָטראט.

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אז ווען אין קהילה־ראט, איז אין א געוויסער צייט געווען א קליינע אגודהשע מערהייט, האָט זי זיך דאָך גערעכנט מיט די ציוניסטישע פּאָדערונגען און אונטערשטיצט מיט גרעסערע סומעס די העברעאישע תרבות־שול, די אָוונט־קורסן, האָט סובסידירט דעם קרן־קימת לישראל און געגעבן רייזע־אונטערשטיצונגען יעדן חלוץ, וואָס האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אין די בתי־מדרשים, בתי־כנסת און אין א טייל חסידישע שטיבלעך, זיינען געגעבן געוואָרן נדרים לטובת דעם קק״ל. אין דער גרויסער שול און בית־המדרש, איז דערלויבט געוואָרן צו רעדן וועגן ציוניסטישע ענינים. יעדן כ׳ תמוז איז אין דער שטאָטישער שול איינגעאָרדנט געוואָרן אן אזכרה צום אָנדענק פון ד״ר הערצל און עס זיינען געהאלטן געוואָרן רעדעס.

די ציוניסטישע פארזאמלונגען זיינען שטענדיק צאָלרייך באזוכט געוואָרן. א באזונדערער יום־טוב איז געווען אין שטאָט, ווען ס׳איז געקומען אויף א באזוך וועלכער עס איז ציוניסטישער צענטראלער מנהיג אָדער ארץ־ישראל־פּאָרשטייער. צוליב דעם זיינען טאקע די ציוניסטישע מנהיגים תמיד גרייט געווען צו קומען קיין שעדלעץ. איינער פון די אָפטע באזוכער אין שעדלעץ איז געווען דער פּאָרזיצער פון ציוניסטישן צענטראל־קאָמיטעט אין פּוילן, דעפּוטאט אין פּוילישן סיים, ערשטער אינערן־מיניסטער אין ישראל — יצחק גרינבוים. ווען ער איז געפּאָרן פון וואָקזאל זיינען יידן ארוים פון די קראָמען און וואוינונגען, און יעדער איינער האָט מודיע געווען דעם צווייטן, אז דעפּוטאט גרינבוים איז געקומען האלטן א רעפעראט. שטענדיק איז דער זאל געווען צו קליין צו קענען אריינעמען אלע באזוכער. די גרויסע געשעענישן אין דער ציוניסטישער און אין דער אלגעמיין־יידישער וועלט, ווי: דאָס באשטעטיקן די באלפור־דעקלאראציע אין סאן־רעמאָ, די דערעפענונג פון דער אוניווערזיטעט אין ארץ־ישראל, זיינען געווען יום־טובים פון דער גאנ־

צער ציוניסטישער משפחה און פון יעדן פרט באזונדער. אין די פייע־רונגען, וואָס זיינען דעמאָלט איינגעאָרדנט געוואָרן, האָבן נישט אלע זיך געקאָנט באטייליקן, ווייל שעדלעץ האָט נישט געהאט אזא גרויסן זאל. הונדערטער מענטשן האָבן מיט פארדראָס געמוזט אוועקגיין, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט אריינצובאקומען זיך אפילו אין קאָרידאָר פון זאל. אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג האָבן זיך באטייליקט אין דעם יום-טוב, ווייל אזעלכע זיינען געווען די חברים פון דער ציוניסטישער



די ציוניסטישע קרייז־קאָנפערענץ אין יאָר 1933 אין שעדלעץ
מיטן אנטייל פון דעפּוטאט יצחק גרינבוים.

אָרגאניזאציע: מענער און פרויען, יידן לומדים, חסידים, מתנגדים, אינ־טעליגענטן, סוחרים, האנטווערקער, ארבעטער, רייך און יונג.

די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אין שעדלעץ האָט ארויסגעוויזן אוי־סערגעוויינלעכע איניציאטיוו און ענערגיע ביים שאפן אינסטיטוציעס. ס'איז ממש געווען א תענוג צו זען, ווי ס'האָבן שטענדיק צוזאמען גע־ארבעט די אלטע אָנגעזעענע שיינע יידן פון שטאָט מיט דער יוגנט, הגם צווישן זיי איז תמיד געווען מיינונגס-פארשיידנהייטן. פאר די אייגן איז אָבער שטענדיק געווען דער ציל, וואָס האָט אלעמען פאראייניקט.

א דאנק דעם זיינען קיינמאָל נישט געווען קיין ארומרייסענישן צווישן די ציוניסטישע גרופּירונגען. די אלטע חברים האָבן פארשטאנען דעם ווילן פון די יונגע און תמיד געווען פול מיט התפעלות פאר דער איבער־געגעבנהייט פון דער יוגנט צו דער ארבעט. די יונגע חברים האָבן ווי־דער געוואוסט אָפּצושאצן די ארבעט פון די עלטערע און זיך שטענדיק

צוגעהערט צו זייער וואָרט און עצה. כדי צוצוגעבן מוט דער יוגנט אין זייער ארבעט, פלעגן די עלטערע צוזאמען מיט די יוגנטלעכע זיך באַטייליקן אין די זאמלונגען פארן קרן קימת, אין דער אקציע פון שקלים־פארקויף, תרבות־ארבעט, אדג״ל. די זאמלונגען פארן קרן־היסוד איז שוין געווען דורכויס די ארבעט פון די עלטערע.

מיר וועלן זיך באמיען אויפצושטעלן אין א כראָנאָלאָגישן סדר די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין שעדלעץ, אָנהייבנדיק פון פעריאָד פון חיבת־ציון.

ערשטע געהיימע ציוניסטישע פאַרזאמלונג אין די צארישע צייטן

די ציוניסטישע ארבעט אין שעדלעץ האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פון חיבת־ציון־באוועגונג. אין יענער צייט, ווען די „בילויים״ זיינען מיט דעם רוף — „בית־יעקב, לכו ונלכה״ געגאנגען קיין ארץ־ישראל, אין יאָר 1884, באלד נאָך דער קאטאָוויצער חיבת־ציון־קאָנפערענץ, איז אין שעדלעץ, אין דער וואוינונג פון ר׳ יצחק־נחום וויינטרויב, ז״ל, פאַרגעקומען א געהיימע פארזאמלונג, כדי צו גרינדן א סניף פון די חובבי־ציון. א געהיימער פארזאמלונג. אין די צארישע צייטן האָט געדראָט מיט פארשיקט ווערן קיין סיביר. חוץ דעם, איז דאָס אויך געווען, אין יענער צייט, אַן אומגעהייערע דרייסטקייט און רעוואָלוציאָנערער טאט צונויפצוקומען זיך רעדן וועגן ארץ־ישראל, בפרט נאָך, ווען דאָס איז נישט געווען קיין סתם יוגנט, נאָר מענטשן בעלי־משפחות, חסידישע יונגעלייט, וואָס זיינען געזעסן און געלערנט אין די שטיבלעך א״ן בתי־מדרשים, אינטעליגענץ, סוחרים און האנטווערקער.

צווישן די באטייליקטע אין דער דערמאָנטער געהיימער פארזאמלונג זיינען געווען: דער איניציאטאָר פון דער פארזאמלונג — ר׳ יצחק־נחום וויינטרויב, משה גאָלדבערג, ר׳ דוד אייזיקס, יצחק־מאיר ראפאַפּאָרט, יהושע גאָלדפארב, משה־אבא אייזנשטאט, שמעון־בער מינץ, בערל כהנא, פישל פרענקל, שמואל צוקער און אנדערע. יעדן פרייטיק צו נאכטס, פלעגט מען זיך צונויפקומען אין שטוב פון ר׳ יצחק־נחום וויינטרויב, אדורכשמועסן זיך מעניני דיומא, לייענען א צירקולאר, אויב אזעלכער איז אָנגעקומען, און זאמלען געלט אויף ישוב ארץ־ישראל. יצחק־נחום וויינטרויב איז פאקטיש געווען דער פאָטער פון ציוניזם אין שעדלעץ. פונעם ערשטן טאָג אָן, ווען ער האָט חתונה געהאט און גע־קומען קיין שעדלעץ, אין יאָר 1878, ביזן יאָר 1942, ווען זיין נשמה איז אויסגעגאנגען, האָט ער ביי יעדער געלעגנהייט געמאָנט און געוועקט דעם עולם צום ציוניזם. ביי אלע זיינע ארויסטרעטונגען, האָט ער זיך

פאררופן אויף א מדרש, מאמרי חז"ל, א פסוק פון תנ"ך און געשטיצט זיך אויף די רעדעס פון זיין רבין, ר' שמואל מאַהילעווער, ז"ל. אויך ווען ער האָט געלערנט אין גערער שטיבל צוזאמען מיט ר' משה גאָלד־בערג, דערנאָך אין ר' ישראל יחיאלס בית־המדרש און גאָר שפּעטער — אין גרויסן שטאָטישן בית־המדרש, האָט ער שטענדיק דערמאָנט ארץ־ישראל און אזוי ארום תמיד זיך באמיט אריינצוברענגען דעם ציונים־טישן געדאנק צווישן דעם ברייטן יידישן עולם.

ווען ר' יצחק־נחום וויינטרויב איז געוואָרן א גרויסער סוחר, האָט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען יעדן טאָג א בלאט גמרא און דערביי אויך געפונען צייט צו לייענען א בוך. געלייענט האָט ער די אלטע און נייע ליטעראטור. ער האָט געהאט פארשטענדעניש פארן ייד, וואָס האָט געלערנט און געוועזן פרום, ווי אויך פאר דעם ייד, וועלכער איז גענצ־לעך געוועזן פריי. שטענדיק האָט ער זיך באמיט אויף פארשידענע טרע־פונגען איינצושטילן און צו בארואיקן די געמיטער פון די פרומע און נישט־פרומע. א סך ארבעט און ענערגיע האָט ער אָנגעווענדעט ביים שעדלעצער גובערנאטאָר אויף ארויסצובאקומען א דערלויבעניש צו עפענען די ביבליאָטעק אין שעדלעץ און דער פרומער יידישער סוחר, ר' יצחק־נחום וויינטרויב האָט די ביבליאָטעק געשטיצט מיט אלע זיינע כוחות.

ער האָט אויך ליב געהאט ספּאָרט, וואָס האָט זיך ביי אים אויס־געדריקט אין ארבעט. יעדן טאָג, גאנץ פרי, סיי ווינטער און סיי זומער, פלעגט ער גיין צו פוס קיין ראסקאָש אין זיין גוט און אליין אָנגעהאקט א ביסל האָלץ צוליב ספּאָרט.

ער האָט קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט קיין מענטשן, ווען מען האָט זיך צו אים געווענדעט נאָך א טובה, ווי למשל: א גמילת־חסד, א זשירע אין א באנק און דערפאר האָט ער טאקע באצאָלט מיט א סך. צענדלי־קער טויזנטער. דער דאָזיקער ציוניסטישער עסקן האָט געהאט אן אָפן אויער פאר מענטשלעכע ליידן. ער האָט תמיד אויסגעהערט, ווען מ'האָט זיך פאר אים אראָפּגערעדט פון הארץ, ווען מען האָט זיך צו אים גע־ווענדעט, און בעת עס איז נויטיק געווען אָפּצושרייען א גזרה, סיי פארן כלל און סיי פארן פרט, האָט ער דאָס געטאָן מיט מסירת־נפש און אי־בערגעגעבנהייט. מיר האָבן אים געזען בעתן שעדלעצער פּאָגראָם, צו־זאמען מיטן רב ר' שמעון־בער אנאליק, ז"ל, משה טעמקין און סעקרע־טאר פון דער יידישער קהילה טשאטשקעס, ווי ער איז געגאנגען אינטער־ווענירן ביי דער אָרטיקער מאכט, אָפּצושטעלן דאָס שיסעריי, ווען די קוילן זיינען געפלויגן איבער די קעפּ.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס פוילישע מיליטער־גע־ריכט האָט געמשפּט יידן, וואָס זיינען געמסרט געוואָרן דורך פּאָליאקן,

פאר מכלומרשט העלפן די באָלשעוויקעס, לויפט ר׳ יצחק־נחום וויינ־טרויב, צוזאמען מיט ר׳ ישראל גוטגאָלד, ז״ל, אין יום־כפור צו דער אָר־טיקער מאכט, כדי אָפּצושרייען דעם בלבול.

עס איז נישט געווען קיין שום אָרגאַניזאציע אָדער אנשטאלט, וואו יצחק־נחום זאָל זיך דאָרט נישט באטייליקן און צוהעלפן אָרגאַניזירן. פאר אזעלכע ענינים האָט ער שטענדיק געפונען צייט און איז געווען פּינקטלעך. יעדע געשעעניש, וואָס איז נאָר פאָרגעקומען אין יידישן לעבן, פון גרעסערער אָדער קלענערער באדייטונג, איז ביי אים פאר־צייכנט געוואָרן. אויך אין דער איצטיקער וועלט־מלחמה, הגם ער איז שוין געוועזן א זקן, דערדריקט, דערשלאָגן פון די פיל אומגליקן, וואָס האָבן אים פּערזענלעך געטראָפן, האָט ער דאָך געשריבן און געזאמלט מאטעריאלן וועגן יידישן לעבן און אומקום אין דער גרויליקער צייט. ליידער אָבער זיינען די מאטעריאלן, אין דער לעצטער מינוט פארן אוועקגיין קיין טרעבלינקע, דורך־אים אליין פארניכטעט געוואָרן.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך מיט דער גאנצער גרויזאמקייט אראָפּגעלאָזט אויפן קאָפּ פון דעם דאָזיקן איידעלן ציוניסטישן עסקן. די ערשטע שרעקלעכע טראגעדיע האָט ער איבערגעלעבט דעם 2־טן סעפּ־טעמבער 1939, בעת זיין טאָכטער פריידע לאנדוי, צוזאמען מיט די משפחות יאבלאָן און זאלצשטיין זיינען פארשאָטן געוואָרן פון די דייטשע באָמבארדירונגען. ס׳איז געווען א צער צו זען, ווי דער אלטער וויינטרויב איז אליין געשטאנען און געגראָבן, כדי ארויסצונעמען זיי פון אונטער די חורבות. דאָס צווייטע גרויזאמע אומגליק איז געווען — דער אומקום פון זיין אייניקל, אדוו. יוסף לאנדוי מיט פרוי און קינדער. ער אליין האָט זיך שפּעטער אויפגעהאלטן ביי שמואל גרינשפּאן, ביז דער לעצטער אקציע אין נאָוועמבער 1942 אין גענשע־בארקי. ליידער האָט ער נישט זוכה געווען צו פארווירקלעכן זיין שטענדיקע שטרעבונג, צו קומען קיין ארץ־ישראל און קענען מקיים זיין די שבועה, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן ביים אָפענעם קבר פון זיין איידעם מרדכי־מאיר לאנדוי, ז״ל, אז פאָרנדיק קיין ישראל, וועט ער מיטנעמען זיינע ביינער.

די ערשטע ציוניסטישע טוער אין שעדלעץ

מיר האָבן שוין דערמאָנט די נעמען פון די באטייליקטע אין דער ערשטער ציוניסטישער אסיפה אין שעדלעץ. עס איז כדאי אויך זיך צו באקענען מיט זייער טעטיקייט און פּערזענלעכן לעבן: משה גאָלדבערג האָט געשטאמט פון זאמאָשטש און איז געוואָרן א שעדלעצער דורך זיין חתונה מיט דער טאָכטער פון ר׳ שמואל ברוקארש, אן אָנגעזעענער בעל־הבית אין שעדלעץ. מיט י. נ. וויינטרויב האָט ער צוזאמען געלערנט.

גאָלדבערג איז געווען א ייד א למדן און א משכיל, גלייכצייטיק איז ער אויך געווען א גוטער סוחר. צוזאמען מיט יהושע גאָלדפארב, א באנק־באזיצער, שפעטער דער גרינדער פון דער באנק קופת־עם אין תל־אָביב, איז גאָלדבערג געווען דעלעגירט אויפן מינסקער ציוניסטישן צוזאמענ־פאָר, אין יאָר 1903.

משה־ אבא אייזענשטאט, אן אָנגעזעענער בעל־הבית אין שטאָט, אן ערלעכער סוחר, איבערגעגעבענער ציוניסט און א זון פון בערעזענער רב. אייזענשטאטס 2 קינדער, א זון און א טאָכטער געפינען זיך אין ישראל. דער זון פלטיאל איז ביזן ארויספאָרן פון שעדלעץ קיין ווארשע געווען טעטיק אויף אלע ציוניסטישע געביטן אין שטאָט, געווען אויך צווישן די גרינדער פון העברעאישע אָוונט־קורסן.

שמואל צוקער, א ציגל־פאבריקאנט, ראדזינער חסיד און נאציאָ־נאל־שטאָלצער ייד. א געוויסע צייט געווען שטאָטראט־מיטגליד און שארף רעאגירט אויף די ארויסטרעטונגען פון פּאָליאקן קעגן יידן. גע־לעבט די לעצטע יאָרן אין פאריז, צוזאמען מיט זיינע קינדער, האָט פארענדיקט זיין לעבן, ווערנדיק אריבערגעפאָרן דורך אן אויטאָ. אויך די איבעריקע אָנטייל־נעמער זיינען אין יענער געהיימער אסיפה געווען שיינע יידן, בעלי־צדקה און אָנגעזעענע כלל־טוער.

אין די צייטן פון דער חיבת־ציון־באוועגונג — האָט אויף ישוב ארץ־ישראל געזאמלט געלט ידידיה ריינמאן, א יונגערמאן א משכיל, וואָס האָט א סך געלייענט און דערביי געזעסן און געלערנט אין זיין קאלא־ביעלער חסידים־שטיבל. נאָך זיין חתונה מיט דער טאָכטער פון ר' מיכל ראָזענבערג פון בריסק דליטא האָט ער א געוויסע צייט געהאט א הור־טאָוונע קאָלאָניאל־געשעפט אין שעדלעץ. שפעטער האָט ער ליקווידירט דאָס געשעפט און אין יאָר 1924 עולה געווען קיין ארץ־ישראל. מיט אייניקע יאָר שפעטער דערשרעקט ער זיך פלוצלינג פון א פארבייפאָרנ־דיקן מאָטאָציקל, פאלט אוועק אויפן הינטערשטן טייל קאָפּ און ווערט אויפן אָרט געהרגעט. אויך זיין פרוי שרה און 2 זין, יעקב און נח — קומען אום אויף א טראגישן אופן. זיין פרוי האָט פיל מיטגעווירקט צו דער פארשפרייטונג פון ציוניסטישן געדאנק אין פארשידענע קרייזן.

נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין יאָר 1897, הייבט אָן דער ציוניזם ביסלעכווייז אריינצודרינגען אין די פארשידענע יידישע שיכטן פון שעדלעץ און ווערט לסוף א מאסן־באוועגונג.

אין יאָר 1900, קומט קיין שעדלעץ מרדכי־מאיר לאנדוי. דאָ האָט ער חתונה מיט פרידע וויינטרויב, די טאָכטער פון ר' יצחק־נחום און אָרדענט זיך איין אין שעדלעץ. מיט זיין יידישער אינטעליגענץ, וועלט־לעך וויסן און אָרגאניזאטאָרישע פעאיקייטן ברענגט ער אריין לעבן אין דער ציוניסטישער ארבעט אין שעדלעץ. זיין ערשטע ארבעט איז געווען:

אָרגאַניזירן א ציוניסטישן בית־המדרש, וואו די מתפללים זיינען געווען אינטעליגענטן און בעלי־מלאכות. אין ועד פון דאָזיקן בית־המדרש זיי־נען געווען: אברהם וואַדע, שמואל וואָרמאַן, יוסף זילבערפאַדען, מאיר פערלא און פלטיאל סלושנע. די מתפללים זיינען געווען געטרייע איבער־געגעבענע ציוניסטן. איין מאָל, ווען עס איז געקומען א פאָרשטייער פון דער צענטראַלע האַלטן א רעפעראַט אין שטאָטישן בית־המדרש, האָט דער רב ר׳ דוב־בער אנאַליק, ז״ל, זייענדיק א שטאַרקער קעגנער פון ציוניזם, ארום זיך אָרגאַניזירט א טייל פון די פאַרזאַמלטע, וואָס זיינען באַשטאַנען פון פישער און קצבים. איינער פון זיי האָט אראָפּגעריסן א הענג־לייכטער און דערמיט געשפּאָלטן דעם קאָפּ פון י. זילבערפאַדען, וועלכער האָט צוליב דעם געמוזט ליגן א לענגערע צייט אין בעט. דער דאָזיקער צופאַל האָט שטאַרק געווירקט אויף די חברים פון ציוניסטישן מנין וועלכע האָבן זיך מיט מער ענערגיע גענומען ארבעטן פאַר דעם ציוניסטישן אידעאַל און פאַרגרעסערט די רייען פון דער באַוועגונג.

אין דעם זעלבן יאָר ווערט געשאַפן אין געהיים א ביבליאָטעק. די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ביבליאָטעק זיינען געווען: דער ציוניסט יוסף ראָזענוואַסער, באַקאַנט אונטערן נאָמען יאָסל דעם חזנס אָדער יאָסל דער פּאַפּיראָסניק, זאב טוכקלאַפּער, אָשר ליוועראַנט, יהושע גאָלדבערג, מאָזעס גרינפּאַרב א״א. א דאַנק די באַמיאונגען פון ר׳ יצחק־נחום וויינ־טרויב ביים אָרטיקן גובערנאַטאָר, ווערט אין יאָר 1904 די ביבליאָטעק לעגאַליזירט אויפן נאָמען פון וויינטרויבס איידעם — מרדכי־מאיר לאַנ־דוי. אין יאָר 1912 איז די ביבליאָטעק איבערגענומען געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט „יידישע קונסט „הזמיר״. אין יאָר 1903, אויפן אלרוסישן ציוניסטישן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין מינסק (ווייסרוס־לאַנד), איז דאָס ציוניסטישע שעדלעץ געווען פאַרטרעטן דורך אירע צוויי דעלעגאַטן: משה גאָלדבערג און יהושע גאָלדפאַרב.

„התחיה״, העברעאישע שול און צווייטע עליה

אין דעם זעלבן יאָר, ווען ס׳ווערט געשאַפן אין וואַרשע די אָרגאַני־זאַציע „התחיה״, וואָס בראש פון איר זיינען געשטאַנען: יצחק גרינ־בוים, יאַן קירשראָט, יוסף שפּרינצאַק, זעליג וויייצמאַן, מ. הורוויץ, יעקב אָלשוואַנגער, נח פּרילוצקי און אנדערע — ווערט אויך אין שעדלעץ גע־עפנט אן אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ווערט צוזאַ־מען מיט דער בענדינער אָפּטיילונג פאַררעכנט צו די שטאַרקסטע „התחיה״־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. אין דער שעדלעצער אָנפירונג פון „התחיה״ זיינען געווען: מ.־מאיר לאַנדוי, משה צוקער, מאָזעס גרינ־

פארב, פרץ קאמאר, די ברידער ניעדזשווידז, ד״ר משה טעמקין, ישעיהו זיידענצווייג, א. א. טעמקין און זיידנצווייג לעבן אין ישראל.

„התחיה״ האָט זיך פארנומען מיט פארקויפן שקלים, דורכפירן זאמלונגען פאר קק״ל און אנדערע ציוניסטישע ארבעטן. אין סטאטוט פון דער אָרגאניזאציע איז אויך געווען א פונקט פון קאמף קעגן פאָגראָמען. צו דעם דאָזיקן צוועק איז אין ווארשע איינגעקויפט געוואָרן געווער. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך אָרגאניזירט א יוגנט-גרופע — „קבוצת מפיצי-שקלים״. די אָנפירער זיינען געווען: פישל פּאָפּאָווסקי, אלימלך היינסדאָרף, יעקב רידל. אלע לעבן היינט אין ישראל. די שקלים זיינען פארשפרייט געוואָרן צווישן דער יוגנט אויף אויסצוצאָלן אין משך פון יאָר — א קאָפּיקע א וואָך. אויך די קרן-קימת-זאמלונגען ווערן געמאכט דורך פארקויפן מארקעס (אָדער זאמלען קאָפּיקעס), וואָס ווערן פארשפרייט אויף חתונות און אנדערע שמחות.

אין 1904, באשליסט דער ועד פון ציוניסטישן בית-המדרש צו עפענען א העברעאישע שול, וועגן וואָס מיר שרייבן אויף אן אנדער אָרט. גורעוויטש און קאפלאנסקי, די צוויי לערער וואָס זיינען טעטיק אין דער שול, העלפן אויך מיט אין דער ציוניסטישער ארבעט. דער ציוניסטישער געדאנק דרינגט אריין אין אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג אין שעדלעץ. צום מיינסטן האָט געווירקט גורעוויטש, דער זייער סימפּאטישער, איידעלער ליטווישער יונגערמאן, וועלכער איז געווען קלאָר אין דער אלטער און נייער ליטעראטור און שטארק געווירקט אויף די מאסן. דער פארוויקלטסטער ענין איז דורך אים אזוי אויפגעקלערט געוואָרן, אז דער פשוטסטער מענטש האָט אים פארשטאנען. גערעדט האָט ער ווי א פּראָפעסאָר, רואיק און זאכלעך, צוליב דעם טאקע האָט ער אויף די צוהערער אויסערגעוויינלעך משפיע געווען. אין א צייט ארום האָט ער פארלאָזט שעדלעץ און איז געוואָרן דירעקטאָר פון דער העברעאישער גימנאזיע אין ווילנע.

אין יענעם פעריאָד באמערקט זיך אן אויפלעבונג פון אלע יידישע פּארטייען. אחוץ „התחיה״ און „בני-ציון״ איז אויך געווען טעטיק „פּועלי-ציון״, בראש פון וועלכער עס זיינען געשטאנען: משה פאכטער, שרה קאפלאן פון סעמיאטיטש, גבריאל שלעכטער, מ. שטיינקלאפּער. ווען מען האָט גערופן „מאָטל חסיד״, דוד אורזשעך און ליובא אייזענשטאט. אויך דער „בונד״ איז דעמאָלט געווען שטארק טעטיק. אין יאָר 1906, ווען עס קומט פאָר דער פּאָגראָם אין שעדלעץ, איז בראש פון דער דעלעגאציע צום גובערנאטאָר, געגאנגען דער ציוניסט ר׳ יצחק-נחום וויינטרויב, ז״ל.

אין יאָר 1907, אין דער צייט פון דער 2-טער עליה, פאָרן אויך פון שעדלעץ קיין ארץ-ישראל: מנחם בן הלל (מנחם בעקער), די ברידער

ד"ר משה טעמקין און פּאָעט מרדכי טעמקין, וועלכע געפינען זיך ביז היינט צו טאָג אין ישראל, פּרץ קאמאר, גבריאל שלעכטער, מנשה גאָלד-זאק, זאב טוכקלאפּער, יעקב טעמקין און די פאמיליע מעכאניק. א טייל פון זיי זיינען שפּעטער געקומען צוריק קיין שעדלעץ. אינעם זעלבן יאָר באזעצט זיך אין שעדלעץ דער אדוו. הארטגלאס. א דאנק דעם באקומט שעדלעץ א גרויסן ציוניסטישן כוח, וועלכער ווירקט און פארגרעסערט נאָך מער די ציוניסטישע רייען. הגם אדוו. הארטגלאס רעדט כמעט דורכוים פּויליש, ווייל ער איז דערצויגן געוואָרן אין א פּויליש-רעדנדיקער סביבה און דער עלטערער יידישער עולם, פארשטייט שוואך פּויליש — דאָך ווערן זיינע רעפעראטן זייער גוט אויפגענומען, צוליב דער לייכטער און פארשטענדלעכער שפּראך, וועלכע ער האָט באנוצט. ער האָט באזונדערס זייער שטארק געווירקט אויף „עמך". א באזונדער הצלחה האָט ער געהאט ביי די חסידים. זיינע שפּעטערדיקע ארויסטרעטונגען אין שטאָטראט, אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, אין נאָמען פון דער יידישער פראקציע, האָבן שטענדיק געמאכט אן איינדרוק, נישט בלויז אין די יידישע רייען, נאָר אויך צווישן פּאָליאקן. יעדער האָט אין אים געזען א מוטיקן, ערלעכן קעמפער, וואָס פארשווייגט נישט קיין עוולה אפילו ווען זי האָט געטראָפן א נישט-ייד.


עס איז אינטערעסאנט איבערצוגעבן פאָלגנדיקן פאקט פון הארטגלאסעס טעטיקייט: אין דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט א דייטשער זשאנדארם דערשאָסן אויפן גאס א הונט און זיך געווענדעט צו א פּוילישן סטודענט ער זאָל אוועקשלעפּן דעם הונט. האָט הארטגלאס זיך אָנגענומען פארן כבוד פון סטודענט און פּראָטעסטירט, פארוואָס דער זשאנדארם האָט מכבד געווען מיט אזא אומאָנגענעמער ארבעט דעם פּוילישן סטודענט. הארטגלאס איז דאן געשטעלט געוואָרן צום קריגסגעריכט. פּוילישע אדוואָקאטן האָבן אים פארטיידיקט און שפּעטער דאָס שטענדיק געדענקט. ווען הארטגלאס איז אין ביאלער-קרייז געווילט געוואָרן אין פּוילישן סיים און פארלאָזט שעדלעץ, האָבן די אָרטיקע ציוניסטן פארלוירן א גרויסן כוח. איצט איז הארטגלאס אין ישראל, איז טעטיק אין אינערן-מיניסטעריום, וואו ער שטייט בראש פון דער יורידישער אָפּטיילונג.

אין יאָר 1907, ווערט דורך מרדכי-מאיר לאנדוי און אנדערע געשאפן אין שעדלעץ די ליי- און שפּאָר-געזעלשאפט, וועלכע באקומט שפּעטער דעם נאָמען „באנק אודזשאלאָווי" און מיט איר פירט אָן דער ציוניסט נחמיה מאלין, ער איז אויך געווען א סך יאָרן דער אָנפירער פון די האנטווערקער. אין האנטווערקער-פאראיין זיינען טעטיק געווען די ציוניסטן: שמואל וואורמאן, אהרן מארדסקי, יהודה וואדע, משה לאטערמאן, מאיר פערלא, פלטיאל סלושנע און בערל סרעבניק, וועלכע

האָבן צוזאמען משפיע געווען אין די האנטווערקער־רייען און דער גאנצער פאראיין כמעט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א ציוניסטישער האנטווערקער־אָרגאניזאציע.

דעם 13־טן אויגוסט, 1915, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, פארנעמען די דייטשן שעדליץ. די דייטשן פון יענער צייט איז נישט צו פארגלייכן מיט די דייטשן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער אריינמארש פון די דייטשע חילות האָט געברענגט א געוויסע פארלייכטערונג אין פארגלייך צום צארישן רעזשים. עס האָט זיך דעריבער דעמאָלט אָנגעהויבן א תקופה פון שאפן און אָרגאניזירן פארשידענע געזעלשאפטלעכע, קולטורעלע און ווירטשאפטלעכע אינסטיטוציעס. צווישן אנדערע, זיינען דאן, אין סוף 1915, באנייט געוואָרן די העברעאישע אָוונט־קורסן. די דאָזיקע קורסן האָבן צו זיך צוגעצויגן הונדערטער יוגנטלעכע פון אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג. א דאנק זיי, האָט מען אָנגעהויבן צו הערן דאָס העברעאישע וואָרט אויף די שעדלעצער גאסן. פון צייט צו צייט זיינען אפילו איינגעאָרדנט געוואָרן פאָרלעזונגען און רעפעראטן אין דער דאָזיקער שפראך. אויך זיינען פאָרגעקומען ליטערארישע־מוזיקאלישע אָוונטן, וואָס האָבן צוגעצויגן א סך באזוכער.

די גרינדער פון די העברעאישע קורסן זיינען געווען: פלטיאל איי־



דער ערשטער ועד פון די העברעאישע אָוונט־קורסן: פ. אייזענשטאט, א. ש. ענגלענדער, לוי גוטגעלט, משה עקערמאן, די ברידער ברוך און מרדכי יפה, אָשר ליוועראנט, קלמן און דינה לעווארטאָווסקי, אסתר גוטגליק, אלטער געלדמאן, הענעך זאלצמאן, די לערער עקיבה גאָלדפארב און זאב מוכקלאפער.

זענשטאט, אברהם־שלמה ענגלענדער, משה עקערמאן, אסתר גוטגליק, לוי גוטגעלט, אלטער געלדמאן, הענעך זאלצמאן, יהודה טענענבוים, די ברידער יפה, אשר ליוועראנט, דינה און קלמן לעווארטאווסקי. לאָמיר זיך באקענען מיטן לעבן און טעטיקייט פון די חברים איבערגעגעבענע ציוניסטישע טוער.

פלטיאל אייזענשטאט האָבן מיר שוין דערמאָנט, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן זיין פאָטער משה־אבא.

אברהם־שלמה ענגלענדער, א זון פון א בעל־הבתישן ציוניסטיש־געשטימטן ייד, איז שטענדיק געווען שוואך אין געזונט. און דאָך, ווען ער איז נאָך נישט געלעגן אין בעט, האָט ער אָפּגעגעבן זיין צייט פאר ציוניסטישע ענינים; געווען א מיטגליד אינעם ציוניסטישן קאָמיטעט, א צייט מורשה פון קק״ל און אויך געארבעט אין דער ווארשעווער צענטראלע. אין שעדלעץ האָט ענגלענדער אָנגעפירט מיט דער ביליקער קיך, געווען סעקרעטאר פון דער געזעלשאפט „טאָז״ און די לעצטע צייט געארבעט אלס בוכהאלטער אינעם יידישן שפּיטאָל. ער האָט זיין גאנץ לעבן געשטרעבט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָס נישט דער־לעבט; ער איז געשטאָרבן פון א קראנקייט אין געטאָ.

משה עקערמאן האָט געשטאמט פון חסידישע עלטערן. דער זיידע, א שארפער קאָצקער חסיד, ווען מען האָט גערופן ר׳ מתתיהו קאָזאק. עקערמאן האָט א צייט געארבעט אין „החלוץ״ אין ווארשע, פון 1924 געפינט ער זיך אין ישראל.

אסתר גוטגליק, געשטאמט פון בריסק, געקומען קיין שעדלעץ בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די צארישע ארמיי־אָנפירונג האָט ארויסגעטריבן די יידן פון בריסק.

לוי גוטגעלט, געבוירן ביי זייער רייכע חסידישע עלטערן, א זון פון ישראל און שרהלע. אין עלטער פון 3 יאָר האָט אים דער פאָטער איינגעהילט אין א טלית און אוועקגעטראָגן אין חדר. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען חומש און שפּעטער צו דער בר־מצוה, האָט די דאָזיקע משפחה איינגעאָרדנט גרויסע פייערונגען, סעודות פאר קינדער, וועלכע מ׳האָט געגעבן מתנות — בייטלען מיט גוטע זאכן, סעודות פאר חסידים, וועלכע האָבן געטאנצט און זיך געפרייט ביז אין דער שפּעטער נאכט אריין. דער פאָטער האָט פאר לוין געהאלטן א מלמד אין שטוב, נישט געוואָלט, אז דאָס יינגל זאָל לערנען צוזאמען מיט אנדערע קינדער. אחוץ דעם מלמד האָט גוטגעלט געהאלטן פאר דעם זון צוויי לערער אויף למודי־חול: עקיבא גאָלדפארב אויף העברעאיש און מאָזעס גרינ־פארב אויף רוסיש און פויליש. אונטער דער ווירקונג פון מאָזעס גרינ־פארב הויבט לוי אָן צו לייענען ביכער, זעלבסטפארשטענדלעך, אָן דעם וויסן פון זיין פאָטער. נאָך דורכלייענען מאַפּו, סמאָלענסקי, פייערבערג,

ביאליק אאנ"ד נעמט ער זיך פאראינטערעסירן מיטן ציוניזם, קומט אין די ציוניסטישע קרייזן און ווערט באפריינדעט מיט מרדכי־מאיר לאנדוי. דער ציוניסטישער געדאנק פארכאפט אים און שפעטער ווערט ער דאָס הארץ פון שעדלעצער ציוניזם. ס'איז נישטאָ קיין פארזאמלונג, זיצונג, אָדער בעראטונג, אויף וועלכער ער זאָל נישט זיין אָנוועזנד און משפיע זיין פארן ציוניזם. ער איז געווען א שטענדיקער מיטגליד אין ועד און אויסגעפירט פארשידענע ארבעטן, און דעם כבוד פון זיין יושב ראש — שטענדיק איבערגעגעבן א צווייטן.

לוי גוטגעלט איז אויך געווען דער איש־הספר. פון יעדן נייַ־דערשינע־נעם בוך, איז ער געווען דער ערשטער לייענער. ער האָט הנאה געהאט צו שטיין אין ביבליאָטעק ביים טוישן די ביכער און אלע חברים און באקאנטע געגעבן עצות, וואָס פארא ביכער זיי זאָלן לייענען. א צייט האָט ער זיך פארנומען מיט פארשפרייטן דאָס העברעאישע בוך, און ער איז געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן, נישט צוליב זיין פארדינסט, נאָר ווייל דאָס בוך איז אָנגעקומען צום לייענער אין שטוב. ווען די ביבליאָ־טעק האָט געוואָלט איינקויפן ביכער, איז לוי געווען דער קויפער, ווייל מ'האָט געוואוסט, אז א דאנק אים וועט אריינקומען דאָס וויכטיקסטע וואָס מ'דאַרף.

ווען לוי איז שוין געווען אין די רייפע יאָרן, איז ער דאָך געבליבן יונג און זיך שטענדיק אָפּגעגעבן מיט דער יוגנט, גאנץ באזונדערס מיט דער שוליוגנט, פאר וועלכער ער האָט געהאלטן לעקציעס. א צייט גע־ווען לערער פון די העברעאישע קורסן, געווען אויף יעדער פארזאמלונג דער הויפּטרעדנער, אָדער דער איינציקער רעדנער, א צייט געווען אינ־סטרוקטאָר אין דעם ווארשעווער צענטראל־קאָמיטעט פון דער ציוניס־טישער אָרגאניזאציע. ער איז אויך געווען דער שטענדיקער באגלייטער, ווען א חבר האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל; מיטן עולה איז ער מיטגעפאָרן קיין ווארשע, כדי צו העלפן אים אין פאלעסטינע־אמט, אים באגלייט צום וואָקזאל און זיך געפרייט, וואָס ער האָט שוין נאָך א חבר אין ארץ־ישראל. ער איז באמת געווען געטריי און איבערגעגעבן יעדן איינציקן חבר.

לוי גוטגעלט איז אויך געווען דער פאקטישער רעדאקטאָר פון „שעדלעצער וואָכנבלאט" זינט דעם אנטשטיין פון דער צייטונג, הגם דער אָפיציעלער רעדאקטאָר איז געווען תחלת יחיאל גראמאן, ער איז אָבער אין א קורצער צייט ארום אָפּגעפאָרן קיין קאנאדע. גוטגעלט האָט אָפט מאָל אליין אויסגעפילט דאָס גאנצע בלאט, וואָס איז געווען זייער רייך אין אינהאלט און האָט רעאגירט אויף אלע געשעענישן אין יידישן און אין שטאָטישן לעבן. ער האָט אויך געשריבן אין דער ווארשעווער טאָג־צייטונג „היינט"; געווען איינער פון די גרינדער פון דער תרבות־

שול און מיט אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט אויסגעפירט די ארבעט אין דעם דערציאונגס-אנשטאלט.

אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען דער לייטער פון „מחלקת הכשרה ועליה חלוצית" ביים פאַלעסטינע-אמט אין ווארשע. זיין פרוי איז געווען די חברטע צלבה, א טאָכטער פון ישראל זאלצשטיין. זיי האָבן אויך געהאט זייער א געראָטן טעכטערל. ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט-מלחמה האָט גוטגעלט זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. ער האָט שוין געהאט פאַרגעברייט אלע דאָקומענטן אָפּצופאָרן, ליידער איז עס אים נישט געלונגען. איטאליע איז אריין אין קריג און קיין ארויספאָר פון פוילן איז שוין מער נישט געווען. בעת דער דייטשער אָקופּאציע איז ער געווען אין ווארשע, ווי עס גיט איבער הלל זיידמאן אין זיין בוך „יומן של גיטו ורשה". האָבן אים די דייטשן ארויסגענומען פון שטוב אויף עלעקטאָראלנע 40 אין יום-כפור 1942 און אוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע. אזוי ארום איז פארפייניקט געוואָרן דער ליבער און געטרייער חבר, דאָס הארץ פון שעדלעצער ציוניזם.

אלטער געלדמאַן, א זון פון א למדן, א שארפער ראדזינער חסיד, איז אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען די רוסן האָבן פארלאָזט שעדלעץ, צוזאמען מיט זיי אוועק. זיין ווייטערדיקער גורל איז אונדז נישט באוואוסט.

הענעך זאלצמאַן, א סטודענט פון פּאָליטעכניקום, א זון פון אַן איבערגעגעבענעם אלטן פּועלי-ציון-חבר — מאיר זאלצמאַן.

יהודה טענענבוים, זיין פאָטער יצחק איז געווען א רעליגיע-לערער אין די שולן, א געוויסע צייט — סעקרעטאר אין דער יידישער קהילה, און דער זון איז געווען א מיטגליד אין „החלוץ". ער האָט זיך באטייליקט אין די ציוניסטישע ארבעטן און זאמלונגען. טענענבוים געפינט זיך היינט אין ישראל, אלס מושבניק אין „כפר אז"ר".

די ברידער מרדכי און ברוך יפה, אייניקלעך פון ירוחם ש"ץ פון בריסק, זיינען בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה געקומען קיין שעדלעץ, אלס בריסקער פּליטים. זיי האָבן גענומען אַן אקטיוון אָנטייל אין דער ציוניסטישער און געזעלשאפטלעכער ארבעט אין שעדלעץ. ברוך איז געווען א שטארקער רעדנער און געלונגען פאַלעמיזירט מיט די לינקע שעדלעצער גרופּירונגען. ער איז געווען א גוטער חבר, אָבער שטענדיק מיט אַן ערנסט פּנים. ער האָט פארלאָזט שעדלעץ און געוואָרן אַן אינס־טרוקטאָר פון ציוניסטישן צענטראל-קאָמיטעט אין ווארשע. אין יאָר 1920 איז ער געפאָרן אויפן ציוניסטישן צוזאמענפאָר קיין לאָנדאָן. דאָרט איז ער געבליבן א געוויסע צייט און זיך דערוואָרבן די ענגלישע שפּראך, פון לאָנדאָן עולה געווען קיין ארץ-ישראל און דאָ געוואָרן דער לייטער פון מחלקת-העליה אין תל-אָביב.

זיין ברודער מרדכי איז שטענדיק געווען פריילעך, צוגעלאָזן צו אלע חברים, ער האָט זיך באטייליקט אין יעדער ציוניסטישער ארבעט און געווען אויך טעטיק אויפן אלגעמיין-געזעלשאפטלעכן געביט. ער האָט לסוף באקומען א פאָסטן אין „דזשאָינט" און פארלאָזט שעדלעץ, שפעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל און געפינט זיך היינט אין קבו־צת גיניגר אין עמק, צוזאמען מיט זיין פרוי שושנה און זייערע 2 זין.



א באנקעט לכבוד מרדכי יפה צו זיין אָפּפאָר קיין ארץ ישראל' אין אָנפאנג פון זיין ארבעט אין דזשאָינט.

אָשר ליווערצנט, א זון פון א משכיל, אן איבערגעגעבענער ציוניסט — מאיר ליווערצנט. צוזאמען מיט ידידיה ריימאן האָט אָשר געארבעט פארן אָדעסער קאָמיטעט, געשטאנען אין קאָרעספּאָנדענץ-פארבינדונג מיט מנחם אוסישקין און יחיאל טשלענאָוו. געווען איינער פון די מיט־גרינדער פון דער שעדלעצער ביבליאָטעק און כמעט שטענדיק געווען דער ביבליאָטעקאר. ער האָט געקענט אלע לייענער און געוואוסט צו געבן יעדן א בוך צוגעפאסט צום גייסטיקן ניוואָ פון לייענער. אָשר לי־ווערצנט איז אויך געווען דער שטענדיקער סעקרעטאר און פראָטאָקאָ־לאנט פון דער שעדלעצער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. ביי דער אנט־שטייאונג פון קק"ל, איז אָשר ליווערצנט פאקטיש געווען די קאָמיסיע פון קרן-קימת. ער האָט געזאָרגט פאר נדרים אין די בתי-מדרשים, פאר פארשפרייטן מארקעס לטובת דעם קרן-קימת און פאר די געלט-זאמלונ־גען אויף חתונות און שמחות. אָשר ליווערצנט איז געווען דער ארויס־געבער פון „שעדלעצער וואָכנבלאט" זינט זיין אנטשטייאונג אין יאָר



די קרן־קימת־קאָמיסיע: מורשה יהושע עקערמאן



די קרן-קימת-קאָמיסיע מיט אברהם הארצפעלד פון ארץ ישראל

1922 און פון יאָר 1929 אויך דער פאַקטישער רעדאַקטאָר. דעם גאַנצן פינאַנציעלן עול פון דער צייטונג, האָט ער אויסגעטראָגן, הגם ער איז געווען אַ קראַנקער, צעבראָכענער מענטש. אין די שווערסטע טעג, וואָס די צייטונג האָט דורכגעמאַכט, האָט ער זי אָפּגעהיט, נישט געמענדיק אין אכט זיין אייגענעם מאַטעריעלן אָרעמען מצב אין דער היים. דער ליבער שמייכל פון זיין פּנים איז קיינמאָל נישט אַראָפּ. ער האָט געהאַט אַ זייער שאַרף אויג און שטענדיק זיך אָריענטירט, אויף וואָס די צייטונג דאַרף רעאַגירן און ער האָט תיכף דאָס אַרויסגעבראַכט אויף די שפּאַלטן פון „שעדלעצער וואָכנבלאַט". ער האָט שטענדיק געשטרעבט און זיך געגרייט צו פאַרווירקלעכן זיין חלום פון עלית ארץ־ישראל, לייַדער האָט ער דאָס נישט דערלעבט, און איז אין יאָר 1943, געשטאָרבן אין יידישן שפּיטאָל אויף זיין אַסטמע־קרענק.

דינה און קלמן לעוואַרטאָווסקי, זון און טאָכטער פון עקיבא און חוה־גיטל; חוה־גיטל האָט געשטאַמט פון אַ גבירישער משפּחה, איר פאָטער, ר' שמואל גרוינעם איז געווען אַ רייכער סוחר, 40 יאָר גבאי פון גרויסן בית־המדרש. עקיבא לעוואַרטאָווסקי — אַ ראַדזינער חסיד. וועמענס רבי איז געווען באַוואוסט אַלס קעגנער פון ציוניזם, איז דאָך באַאיינפלוסט געוואָרן פון די קינדער און אַריינגעצויגן געוואָרן אין די ציוניסטישע רייען, אַ געוויסע צייט אַפילו געווען אַ מיטגליד אינעם ציוניסטישן קאָמיטעט אין שעדלעץ. קלמן אָבער, איז אין זיין טעטיקייט געווען לאָגיש און אויסגעהאַלטן. ער האָט דערגרייכט דעם ציל, וועלכן ער האָט זיך געשטעלט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון „צעירי־ציון" אין פּוילן, געאַרבעט אין מדור „החלוץ", אין 1920 אַוועק קיין ישראל, געאַרבעט אויף די שאָסייען אין גליל, געווען אַ לערער אין די מושבות, געענדערט דעם נאָמען אויף בר־לב, געשריבן אין „קונטרס" און פון יאָר 1927 אין „דבר", געווען אַ חבר אין מושב „כפר אז"ר", געשטאָרבן אין אָקטאָבער 1942, איבערלאָזנדיק אַ פרוי, זון און טאָכטער.

דינה איז געווען אַ צייט אַ לערערין פון העברעאיש אין שעדלעץ, שפּעטער געוואוינט אין וואַרשע, געפינט זיך היינט אין ישראל.

די לערער פון די העברעאישע קורסן

די לערער פון די העברעאישע קורסן זיינען געווען אין יענער צייט: עקיבא גאָלדפאַרב, זאב טוכקלאַפּער און דוד ניימאַרק. דוד ניימאַרק, אַ זון פון אַ מלמד, אַ קאָצקער חסיד, געהאַט זייער אַ שאַרפן קאָפּ, נישט לאַנג געווען ציוניסט, אַריבער צום „בונד", געשריבן אין דער „פאָלקס־צייטונג" אונטערן פּסעוודאָנים „אריה", געפינט זיך היינט אין אַמעריקע

און געבליבן געטריי דעם פּוילישן „בונד", אַרבעט מיט אין „פאָרווערטס" און שרייבט אין דער בונדישער פּרעסע אַרטיקלען קעגן ציוניזם.

עקיבא גאָלדפאַרב איז געווען א ליבהאָבער און הייסער אָנהענגער פון העברעאיש. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט, ביי זיך אין דער היים, אין זיין שול, אויף די פּריוואַטע לעקציעס, אין די חסידישע, משכי־לישע הייזער — אומעטום האָט ער פאַרשפּרייט די דאָזיקע שפּראַך. דאָס לערנען העברעאיש איז געווען פאַר אים אַן אידעאַל, א הייליקע עבודה. ער איז געווען א בעל־משפחה פון א פרוי מיט 2 קינדער, דערצו איז נאָך די פרוי געווען א שוואַכע, דאָך האָט ער קיין מאָל נישט גע־מאָנט דעם שכר־לימוד, הגם דאָס איז געווען זיין איינציקער פּרנסה־קוואַל, ער האָט זיך באַפרידיקט בלויז דערמיט, וואָס מען לערנט העב־רעאיש.

זאב טוכקלאפער איז געווען איינער פון די ערשטע חברים אין דער ציוניסטישער גרופּע אין שעדלעץ, געווען אין ארץ־ישראל, שפּעטער צו־ריקגעפאָרן, געווען א מיטגליד פ'ן קאָמיטעט פון דער קאָאָפּעראַטיווער לייי־ און שפּאָר־געזעלשאַפט.

צווישן די העברעאישע לערער אויף די קורסן זיינען אויך געווען: הר־זהב, א גרויסער פּעדאַגאָג, אַרויסגעבער פון א סך פּעדאַגאָגישע בי־כער, לעבט איצט אין ישראל. א סך יאָרן געווען דער קאָרעקטאָר אין דער דרוקעריי פון „הפּועל הצעיר", לעצטנס געפינט ער זיך אין די „בתי אבות" אין חולון. דוד מאָרגנשטערן, האָט אויך געהאַט א חדר מתוקן, און געגעבן פּריוואַטע לעקציעס אין עברית.

יהושע גרינבערג און מתתיהו יאַווערבוים, זיינען אויך געווען די פאַרשפּרייטער פון דער העברעאישער שפּראַך. יאַווערבוים'ס זון — מרדכי און טאָכטער שרה, געפינען זיך אין ישראל, דער 2־טער זון שמחה איז, אלס חייל אין דער ישראל־אַרמיי געהרגעט געוואָרן אין אַן אויטאָ־בוסן־צוזאַמענשטויס.

די טעטיקייט פון „החלוץ" און „צעירי־ציון"

אינעם זעלבן יאָר, ווען עס זיינען געשאַפן געוואָרן די העברעאישע קורסן, ווערט אויך געגרינדעט אין שעדלעץ דער „החלוץ". די גרינדער זיינען געווען די ח"ח: חיים סוכאָדאָלסקי, פּיזיש א שוואַכער, אָבער דערפאַר גייסטיק אַנטוויקלט, אַן ענערגישער אַרבעטער, געווען א קורצע צייט אין ישראל און צוריקגעפאָרן אין שעדלעץ; סטודענט געלבארד, אדם לעוויטע, אדא בארג (פרוי בארג געפינט זיך אין ישראל); קימעל — אין עסקן ביי פאַרשידענע ציוניסטישע אַרבעטן, געגעבן לעקציעס אין „החלוץ הצעיר", געווען א צייט סעקרעטאַר פון קרן קימת, אלע

יאָרן געשטרעבט צו קומען אין ישראל. אומגעקומען דורך דייטשע מערדער; מאַטעלע גרינבערג, געפינט זיך איצט אין ישראל; סטודענט ענגעלמאַן — געגעבן לעקציעס אין „החלוץ" וועגן פּאַלעסטינאָגראַפיע.

אין 1919, ווערט דורך די ברידער בונים און בערל ווײַמאַן, אײגנטימער פון א ברויערײ אין ראסקאשע, איבערגעגעבן א גרויסער שטח באָדן פאַרן „החלוץ" און דאָרט ווערט געשאַפן די ערשטע פערמע אין שעדלעצער געגנט. עס זײַנען ארויסגעלאָזט געוואָרן ספּעציעלע אקציעס, כדי צו אנטוויקלען די פערמע. א סך ציוניסטן זײַנען דאָרט דורכגעגאַנגען זייער הכשרה און גלייך עולה געווען קיין ארץ ישראל. מיטן אנטוויקלען זיך פון „החלוץ", זײַנען אויך אריינגעטרעטן אין אים נייע כּוחות, ווי: אלתר־בועז הובער, מלך הײַנסדאָרף, רחל טענענבוים — פון דער היים ריבאק — און איר מאַן יהודה. אלע געפינען זיך אין ישראל. די חברים פון „החלוץ" האָבן אויך געארבעט ביים פּעטריקאָסער פּריץ. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך אויך געשאַפן א „קבוץ" פון חלוצים פון גאנצן אומגעגנט, וועלכע האָבן אונטערגענומען פאַרשידענע פיזישע ארבעטן אין שטאָט און אויסער איר.

אין יאָר 1916 אָרגאַניזירט מרדכי־מאיר לאַנדוי דעם ערשטן ציוניסטישן קאָמיטעט אין שעדלעץ, אין וועלכן ס׳גייען אריין די ח"ח: מ.־מ. לאַנדוי, י. נ. ווײַנטרויב, עקיבא לעוואַרטאָווסקי, ידידיה רײַנמאַן, אדוו. האַרטגלאַס, און אנדערע. אין יאָר 1917, ווערט דורך מ. לאַנדוי געשאַפן די בילדונגס־געזעלשאַפט „דת", וועלכע האָט אין דער אָקופּאַציע־צײַט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויסגעהאַלטן העברעאיש־ייִדישע פאָלקסשולן און קורסן פאַר דערוואַקסענע.

אין יאָר 1920 זײַנען פאָרגעקומען אין שעדלעץ 2 קרייז־קאָנפערענצן פון די אלגעמיינע ציוניסטן און פון צעירי־ציון. אויף דער אלגעמיין־ציוניסטישער קאָנפערענץ זײַנען געווען דעלעגאַטן פון פאָלגנדיקע שטעט: לוקאָוו, מעזריטש, ביאַלע־פּאָדלאַסקע, ראַדזין, מארד, לאָשיץ, סאַרנאַק, סעמיאַטיץ, נאָווא־מינסק און קאַלושין. פונעם ציוניסטישן צ. ק. אין פּוילן האָבן זיך באַטייליקט: אדוו. אַלשוואַנגער, יוסף גראַוויצקי (רגב), י. איטקין (אלע איצט אין ישראל). ס׳איז געוויילט געוואָרן א ראַיאָן־קאָמיטעט, מיט בערל ווײַנמאַן (איצט אין ישראל) אלס פאָרזיצער.

אויף דער קאָנפערענץ פון צעירי־ציון זײַנען געווען פאַרטרעטער פון כמעט אלע אויבן אויסגערעכנטע שטעט. מצד דער צענטראַלע, האָט זיך באַטייליקט ברזילי, וועלכער איז אין א צײַט ארום דערטרונקען געוואָרן אין כנרת (ישראל).

ביידע קאָנפערענצן און די אויסגעוויילטע ראַיאָן־קאָמיטעטן, האָבן מיטגעווירקט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון דעם ציוניסטישן געדאַנק אין שעדלעץ. ס׳איז אונדזער חוב צו



א ציוניסטישע קאָנפערענץ אין שעדלעץ אין יאָר 1920 מיט דער באטייליקונג פון פאָרשטייער פון ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין ווארשע.

דערמאָנען איינעם פון די אָנגעזעענסטע ציוניסטן אין יענער צייט — דעם חבר אלחנן לעווין. אין אָנהויב איז אים געווען שווער צו רעדן יידיש, צוליב זיין ממש געניאלן קאָפּ האָט ער זיך שנעל דערוואָרבן די דאָזיקע שפראך און שטענדיק געהאט א גרויסן דערפאָלג אויף אלע זיינע ארויסטרעטונגען, בעיקר ווען ער האָט דיסקוטירט מיט די לינקע גרופּירונגען. שפּעטער, שוין זייענדיק אין ווארשע אלס אדוואָקאט, איז ער געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון די רעוויזיאָניסטן אין פּוילן.

אין יאָר 1922 האָט דער ציוניסטישער קאָמיטעט באשלאָסן ארויס־צוגעבן א צייטונג, וואָס זאָל דינען ווי א געזעלשאפטלעך־ציוניסטישע טריבונע אין שעדלעץ. אין דער ערשטער באראטונג וועגן דער צייטונג האָבן זיך באטייליקט 20 חברים. צווישן זיי די חברים: יוסף און לוי גוטגעלט, נהמיה מאלין, יהושע עקערמאן, א.־ש. ענגלענדער, בונים ראָ־טענבערג, יחיאל גראָמאן, יהושע גאָלדבערג און — להבדיל בין החיים — פישל פּאָפּאָווסקי (היינט אין ישראל) און שלמה סוכאָדאָלסקי (היינט אין אמעריקע). די אָנטייל־נעמער האָבן זיך גלייך אויפן אָרט באשטייערט מיט 5 זלאָטעס אויף א פּערזאָן און די צייטונג האָט באקומען דעם נאָמען „שעדלעצער וואָכנבלאט". דער ערשטער רעדאקטאָר איז געווען יחיאל גראָמאן און ארויסגעבער אָשר ליוועראנט. וועגן דער ראָל וואָס די דאָזיקע צייטונג האָט געשפּילט אין שעדלעצער יידישן לעבן, שרייבן מיר אויף אן אנדער אָרט.

אינעם זעלבן יאָר איז געקומען קיין שעדלעץ ד"ר מ. שלייכער. ער האָט זיך באוויזן גראָד אין דעם מאָמענט, ווען א טייל פון די אָנפירנדי־קע פערזאָנען האָט פארלאָזט שעדלעץ. זיין פערזאָן האָט פיל נוצן גע־בראכט דער באוועגונג. א געוויסע צייט איז ער געשטאנען בראש פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, געווען איר פאָרשטייער, אין שטאָט־ראט, אין קהילה־ראט, זיך באטייליקט אין אלע געלטזאמלונגען פארן קרן היסוד, תרבות א. דג"ל. א סך ענערגיע האָט ער אוועקגעגעבן פאר דער געזונטהייטס־ארבעט צווישן יידישע קינדער אין די שעדלעצער שולן, געווען דער פאָרזיצער פון „טאָז", געקומען פון פוילן אין ישראל און געפינט זיך אין חיפה.

די אקטיוויסטן פון דער תרבות־שול

אין יאָר 1926 ווערט דורך דעם ציוניסטישן קאָמיטעט אין שעדלעץ געעפנט א העברעאישע תרבות־שול. וועגן וועלכער מיר גיבן א באזונ־דערע אָפּהאנדלונג. איך וויל נאָר דערמאנען אייניקע חברים, וועלכע האָבן גענומען אין דער שולאַרבעט אן אקטיוון אָנטייל:

אָשר אָרזשעל, דער פאָרזיצער פונעם שול־קוראטאָריום, האָט גע־שטאמט פון א חסידיש־רעליגיעזער משפחה, אליין אויך געווען א חסיד און געפאָרן צום פאריסאָווער רבין, עוסק געווען אין תלמוד און אויך געלייענט א בוך, געפירט א באנקהויז צוזאמען מיט זיין שוואָגער



א קאָנפערענץ פון צעירי־ציון אין יאָר 1920

נפתלי נייגאָלדבערג, שפּעטער געוואָרן א הורט־אייזן־סוחר, געהאט אויך א פאבריק פון אקער־אייזנס. טראָץ זיין מסחר און פאבריקאציע האָט ער א סך צייט אוועקגעגעבן אויף געזעלשאפטלעכער ארבעט: געווען דער גרינדער און דירעקטאָר פון „סוחרים־באנק", א סך יאָרן פּאָרזיצער פון דער „קהילה", ראטמאן אין שטאָטראט און מיטגליד אינעם רעגי־רונגס שאצונגס־שטייער־אמט. אין דעם אמט איז ער געווען דער פאר־טיידיקער פון די יידישע אינטערעסן. א סך מאָל האָט ער פארלאָזט זיי־נע אייגענע געשעפטן און געלאָפן אַפּראַטעווען א ייד פון די שווערע שטייערן. עס איז פשוט געווען א תענוג מיטן דאָזיקן קלוגן מענטשן צו פארברענגען און אויסצוהערן זיינע גלייכווערטלעך און קלוגע רייד. פון אלע געזעלשאפטלעכע ארבעטן איז די שול געווען ביי אים שטענדיק אויפן ערשטן אָרט.

יהושע עקערמאן איז געווען אן איבערגעגעבענער ציוניסטישער עסקן, שטאמענדיק פון די קאָצקער חסידים, האָט ער, מיט אמת־חסידישן ברען, זיך געווידמעט דער ציוניסטישער און געזעלשאפטלעכער ארבעט און אָפּט מאָל פארנאכלעסיקט זיינע פריוואטע עסקים.

יוסף גוטגעלט, א זון פון ר׳ ישראל, האָט א סך יאָרן אוועקגעגעבן פאר דער אנטוויקלונג פון דער שול, א לענגערע צייט געווען איר פי־נאנץ־לייטער, שטענדיק אָפּגעהיט דאָס אויסצאָלן אין דער צייט דעם שכר־לימוד פאר די לערער, נישט געקוקט אויף דעם, צי אין דער קאסע איז יאָ געווען געלט אָדער נישט. ער האָט אויך גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין די קק״ל־ארבעטן.

משה יום־טוב, א זון פון א יידישן קאַלאַניאַל־סוחר, ר׳ בעריש, גע־ווען א מיטגליד אין „החלוץ הצעיר" און דאָרטן מיטגעמאכט די הכשרה. געווען אויך טעטיק אין דער ליגע פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל, אָבער דעם גרעסטן אָנטייל האָט ער גענומען אין דער תרבות־שול.

חנוך ריבאק און שלום זאלצמאן,ביידע סוחרים, האָבן געדאַוונט אין חסידים־שטיבלעך און געהאט אן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס צו דער שולארבעט. וואָס האָט ביי זיי פארנומען אן אַנגעזעען אָרט.

פישל פּאָפּאָווסקי (דרומי), (היינט אין ישראל) — איינער פון די גרינדער פון דער תרבות־שול. פּאָפּאָווסקי האָט 10 יאָר געארבעט אלס אינסטרוקטאָר פון דער קרן־קימת־צענטראלע אין פוילן, אין שעדלעץ געווען א מיטגליד אין קהילה־פארוואלטונג, א סך יאָרן פארוואלטונגס־מיטגליד פון „הזמיר". זיין גאנצע צייט האָט ער אָפּגעגעבן די פארשי־דענע ציוניסטישע אקציעס און אונטערנעמונגען, זיך באטייליקט אין עפנטלעכע ארויסטרעטונגען.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן ד״ר בערגמאן, וועלכער איז געווען זייער אקטיוו ביי פארשידענע ציוניסטישע ארבעטן. בעת דער היטלער־

אינוואזיע זיך געראטעוועט און געקומען מיטן פוילישן מיליטער קיין ישראל, אויך די פרוי מיט א זון און טאָכטער זיינען געקומען אין ישראל. דער זון איז געפאלן אין דער באפרייאונגס-מלחמה און די עלטערן מיט דער טאָכטער זיינען צוריקגעפאָרן קיין פוילן אָדער דייטשלאנד.

אין יאָר 1932 איז אין שעדלעץ געגרינדעט געוואָרן דער „החלוץ הכלל-ציוני". די גרינדער זיינען געווען: יצחק כספי, ברוך אלבערג, א.-ש. ענגלענדער, רידעל און אנדערע. דער „החלוץ הכלל-ציוני", ווי אנדערע ציונ. יוגנט-אָרגאניזאציעס, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט די זאמלונגען פארן קרן-קימת, געלערנט העברעאיש, ציוניסטישע געשיכטע און פאלעסטינאָגראפיע.

ווען יצחק כספי האָט פארלאָזט שעדלעץ און עולה געווען קיין ישראל, אין יאָר 1933, האָבן מיט דער ארבעט פון „החלוץ הכלל-ציוני" אָנגעפירט די ח"ח אלימלך פיינזילבער און אברהם פרידמאן. מיט זייער קולטור-טעטיקייט האָבן זיי אויפגעהאלטן דעם ציוניסטישן יוגנטקרייז, געבנדיק לעקציעס פון ציוניסטישער געשיכטע און פאלעסטינאָגראפיע. די חברים פרידמאן און פיינזילבער האָבן זיך אויך פריער באטייליקט אין פארשידענע ציוניסטישע ארבעטן.

און צום סוף זאָלן צום שבח דערמאָנט ווערן די חברות, וועלכע האָבן אין פארשידענע צייטן מיטגעהאָלפן אין אלע ציוניסטישע אקציעס און זאמלונגען. באזונדערס האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט ביים איינאָרדענען די באזארן פארן קרן-קימת, אויך ביי די אקציעס פארן קרן-היסוד, אויך געזאָרגט און מיטגעהאָלפן צו דער אנטוויקלונג פון דער תרבות-שול.

זייערע נעמען זיינען: פרוי מרים שיבוצקי, אסתר זאלצמאן, פועה ראבינאָוויטש, שרה ראדזינסקי, חוה דאמב, העניעק ווײמאן, צלאָווע זאלצשטיין, חוה וואקשטיין, ראדאשינסקי, ביילע פינקעלשטיין, רחל גורפינקעל, און צו לענגערע יאָר געניע ווײמאן און יהודית קוויאטעק, וואָס געפינט זיך אין ישראל, און א סך אנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק נישט. די אלע חברים און חברות, וועלכע איך האָב דערמאָנט, האָבן מיט זייער טעטיקייט געגעבן שעדלעץ דעם שיינעם נאָמען „ציוניסטישע שטאָט". ליידער איז דער גרעסטער טייל פון זיי פארפייניקט געוואָרן דורך די דייטשן און נישט זוכה געווען צו פארווירקלעכן זייער שטרעבונג צו קומען קיין ישראל.

ד"ר מ. טמקין

בצל עצי הקלינה

למזכרת עיר מולדתי היפה

„האָדם אינו אלא תבנית נוף מולדתו".
ש. צ'רניחובסקי.

שבחה של יהדות פולין הוא לא כזה של יהדות ליטא — בגדולי התורה והיראה, וגם לא כזה של יהדות גרמניה — בשפע התרבות וכשרון המעשה, ואף לא כזה של יהדות גליציה — באנשי מדינה ובעלי תריסין — אלא ברוח התמימות הגדולה, ברוח הקדושה, שגבלה באצילות, עד כמה שגלות ונכר מזדהים עם אצילות.

פנים שונות היו לה ליהדות התפוצות, כשם ששונות היו ארצות פזורינו: הנוף, האקלים, היערות והנהרות, הצמחיה, פני השמים ועין האָרץ, וביחוד צורות המחיה והכלכלה — הם הם שהטביעו את חותמם על שבטי היהדות המפוארים, כי חן מקום על יושביו. הגניוס האנושי יונק מגניוס „לוקוס", כדברי המשורר: „האָדם אינו אלא תבנית נוף מולדתו".

הראיה לדבר הוא השוני שבין יהדות פולין ליהדות גליציה. למרות קרבת המשפחה שביניהן, ההבדל האפיני שביניהן הוא בזיקתו של חבל פולין לרוסיה רחבת הממדים, שנתנה לה רווחת חיים חמריים ופרנסה בשפע. שגשוגה של יהדות פולין שלפני דור בא מתוך שפע ורווחה, שאפשרו ליהודי העיירות לקפוא על שמריהם, לעסוק בתורה, בחסידות, בתיקון הנפש והמידות וגם להתנכר לרציונליזם, להשכלה וחכמות הגויים שכרסמו את עץ היהדות המקורית הענף ולשמור בדבקות על המסורת ועל מוסר האָבות אשר קשרום יחד בקשרים אמיצים, קשרי דת וגורל הגזע. ואילו יהדות גליציה חיתה בעוני ובדחקות. „בשבוש, אומר עגנון, לא פסק הדוחק מאסרו חג הפסח עד מרחשון", אָחות לדלות של יהדות ליטא „שלא פסק בה ה„קרופניק" מערב פסח לערב פסח" (שצקי).

גם הנוף בפולין היה שופע יותר באילנות, יערות ונהרות, וגם המגע עם עם־הארץ היה הדדי יותר ואנושי יותר, ובלי ספק היתה לכל אלה הדברים השפעה על אורח החיים ותפיסת העולם של יהודי פולין. הוכחה לכך אָנו מוצאים בחסידות של פולין שהיתה, בהשפעת הגורמים המנויים לעיל, נאצלה יותר, עדינה ורוחנית יותר, פחות בעל־ביתית־לוקלית מזו של חסידות גליציה (טשורטקוב). חסידות פולין היתה כלל־ישראלית, פנימית, נפשית ואוניברסלית בעלת מעוף (קוצק).

בעיירה הפולנית לא מצאנו אולי מבריות הגוף הבסרבאית ולא מהשכלתנות השנונה הליטאית ואף לא מהערמומית הגליצאית, אולם מצויה היתה בה חמימות יקרת המציאות, חמימות של אנשים פשוטים בעלי־בתים ובעלי־מלאכה, אך מגזע מובחר, לומדי תורה לשמה ואנשי מעשה תמימים. בגליציה, שזכתה לשחרור מדיני מוקדם וישבה בכפיפה אחת עם מלכות אוסטריה הנאורה, לא נוצרו תנאים נוחים להתפתחות מפעלי תרבות והשכלה. עריסת הספרות העברית והאידית החדשה עמדה בפולין. ורשה היתה מרכז הפעילות הרוחנית של יהודי פולין. וגם סופרים ואנשי מעשה בעלי ערך כללי, שהפיצו מעינותיהם אל מעבר לגבולין, גדלו בפולין, ולכן גם תהליך התפשטות ההשכלה בין יהודי פו־לין היה שונה מזה שבכל התפוצות. בפולין לא עשו את ההשכלה ולימודי חול קרדום לחפור בה, בפולין למדו לימודי־חול לשמם, כמו שלמדו תורה לשמה ולא לשם טובת הנאה, כדי להשיג דיפלומה ורווחת חיים, שכן בדרך כלל התנכרו יהודי פולין להשכלה ולרציונליזציה של החיים. לפי־כך לא היתה ביהדות פולין מלחמת אָבות ובנים, כמו בשאר ארצות. המעבר מלימודי קודש ללימודי חול היה תהליך טבעי שהזמן גרמו, בלי חבלי משברים קשים, בלי שנאה ותסביכי נפש. בחור שנתפקר קיצץ בפיאותיו ובקפוטתו, טייל עם נערות לאור הירח, הזה הזיות במליצות רמות על אהבה ולא עקר את רגליו מן ה„שטיבל" וממנהגי חסידים. מתוך טוב־לב ואהבת החיים עשה, לשם שמים עשה, בלי מרי וקרי, בלי שנאה וקנתור, הישן והחדש ישבו בכפיפה אחת ולא צר היה להם המקום.

כל אלו המעשים נבעו מתוך תמימות ונאמנות. הערמה והתרמית, תולדותיהם של חיי הגלות, כאילו פסחו עליהם, לא היתה בחייהם איפה ואיפה. את המזג החסידי של תום ואמת הכניסו אל ההשכלה. את הכלים החדשים מלאו תוכן יהודי ישן.

עובדה אחת מרבות אזכור. כשהייתי בן עשר לקחתני אמי לחתונה אצל גיסה האדמו"ר בלובלין (נינו של ר' עקיבא אייגר). ואני כבר נזדהמתי אָז בספרים חיצוניים. בכל זאת עשתה עלי החתונה שנערכה בפאר וגדולה — רושם כביר. מחזה שכולו הוד מלכותי, המימות ומסי־רות נפש. ראיתי שם חסידים, עשירים מופלגים, שרקדו בהתלהבות עם דלים ואביונים, לבושי קרעים ובלויים.

על רבי זה, אברהם אייגר, סיפרה לי אמי: פעם אחת היתה בתו היחידה חולה אנושה. נכנסה אליו אשתו בערב יום הכפור, לעוררו שיבקש רחמים עליה. ענה לה ברוגז: „ביום הדין, כשכל עם ישראל טעון רחמים, אעמוד לבקש רחמים על בתי בלבד?!"

כזה היה הדור בפולין. וכאלו היו אבות היהדות שם. ומעץ זה צמח שורש חדש, דור ראשון לתחיה וחופש, בנים נאמנים לגזעם, בחורים תמימי דרך שנשאו בלבם מין להט של קדושה וחרדה על דברים יקרים, געגועים עזים לגאולה, בלי שמץ של תכליתיות, שהיו יסוד ושורש של חיי הגולה.

דור ראשון זה לא הכזיב. תמימים היו אָז עם עצמם. משעה שעמדו על דעתם והכירו שמקומו של יהודי לאומי וציוני הוא בארץ ולא בנכר, קמו ועלו עוד לפני 45 שנים.

גם התקופה סייעה לכך. היתה זו תקופת ההתעוררות של ההמונים בממלכת רוסיה רחבת־השטחים, נשמעו אָז הדי זעזועים ראשונים של התפוררות משטר העריצות. ותנועת ההמונים שנתעוררו מקפאונם בן מאות השנים. ברחוב היהודי הופיע ה„בונד", שהיה לפה לדלת העם ופשוטי האנשים והתימר להקל את סבלם ולמצוא פתרון ל„צרות היהודים" בדרכים שהובילו לטמיעה. את „צרת היהדות" לא הכיר והתנכר לה. זו היתה תנועה של התבוללות שבאה מלמטה, בדומה לתנועות התבוללות רבות שבאו מלמעלה. אלא שהיתה עטופה מליצות נבובות של דיאלקטיקה מטריאליסטית, מין תנועה לשעתה, בלי המשך ארג שאיפות, חלומות וגעגועי עם, בלי יסוד כללי אוניברסלי של כל היהודים באשר הם שם, ולכן לא ניצלה מגזירת הכליון ועברה לבטלה מן העולם, בדומה לתנועות טמיעה אחרות, בלי שם ושארית.

הנני מציין את הופעת ה„בונד" בפולין לא משום שה„בונד" היה ציון־דרך לתנועה החברתית, אלא משום שהופעתו היתה בעסק גדול, ברעש והמולה, שהוא ממדות תנועות המוניות. ברם קדמה ל„בונד" תנועת ההשכלה והתנועה הציונית, ביחוד בין בני הנעורים.

השאיפה להשכלה ולידיעות בין בני הנעורים היתה גדולה. למדו שפות וקראו ספרים ביחידות ובחבורה, בבית וביחוד בגן העיר הנפלא בהשכמת בקרי הקיץ. נוסדה ספריה בהשתדלותו של מר לנדוי, שסיפקה ספרים לצמאים לדבר ה'. ולמעשה היתה זו פעילות ציונית, אולי שלא מדעת, כי כל התעוררות רוחנית וחברתית בימים ההם היתה שוטפת באפיק הלאומי, וכלי בטויה היו בהכרח הנסיבות עברית ופעולה ציונית.

בתקופה תמימה זו יקרת המציאות שהיתה תור האָביב לאידיאות חברתיות ואביב בני הנעורים הוכשרו הלבבות למעשים ולמפעלים.

וביום בהיר אחד הופיעו פנים חדשות בעירנו, שני ליטאים טיפו־

סיים, שהיו מופלאים בעינינו. האחד שמו גוריביץ והשני קפלנסקי ושפת דבורם עברית במבטא הספרדי. אלה היו הסנוניות הראשונות, המורים העברים הראשונים; שפתחו „חדר מתוקן" בעירנו והם הפיחו רוח חיים בחלומותינו המופשטים. ומכאן מתחילה פרשת הציונות המעשית בעי־רנו. כי ציונים היו כמעט כל יהודי העיירות בפולין, ביחוד ההמונים, מבטן ומלידה, אלא שזו היתה ציוניות אבסטרקטית המסורה ללב ועתה קרמה ממשות ומציאות. גדול היה המופת עד שאפילו בחור כיואל מסט־בוים, שרעה אז בשדות זרים, היה נלווה אלינו לעתים והגרים את שניו ב„עברית".

שני האנשים האלה היו הרוח החיה בכל המפעלים הציוניים, ערכו קורסים להיסטוריה ונתקיימו שיחות בעברית, טיולים. וכך נתהדק הקשר בין הנוער הציוני משדרות שונות של העיר, דבר שהיה קודם לכן מן הנמנעות מפאת ההתרחקות וחוסר הענין הכללי המשותף. גולת־הכותרת היתה — האספות הפומביות בבית הכנסת שנערכו ברוב עם ופאר. נראה שהרשות הביטה בעין יפה על תנועה חדשה זו ברחוב היהודים והרשתה אספות פומביות, מה שמנעה מתנועות אחרות ויתכן שראתה בה מעין כלירעם של הריבולוציה שריחפה באויר. גדולה היתה השפעת אותו נשף חנוכה, נשף ציוני שנפתח עם צלילי „התקוה" של תזמורת כלי־נשיפה, ברשיון הממשלה, על אפם של פרנסי העיר, שהיו ברובם שונאי ציון, פרט למר וויינטרויב, שהיה נוטה לציונים בפרהסיה.

נוסדה אגודת „התחיה", ששינתה את שמה עם התפתחות התנועה ל„צעירי ציון". נפתח מרכז לפגישות, מעין מועדון, תחילה בבית הקפה של קהווה ואחרי כן אצל פרץ קומר, שאף הוא היה מראשוני הציונים בעיר שעלה לארץ, אלא שכנראה הכרתו עדיין לא בשלה ונטה מהדרך הציונית, השתקע במצרים ונפסק הקשר אתו. אז פרחה תקופת הנואמים, השליחים הציוניים הנודדים, שביקרו מזמן לזמן את ערי ישראל בתפו־צות. המשובחים שבהם היו יוסף שפרינצק — איש „צעירי ציון", שהיה בא מורשה לעשות נפשות צעירות לציונות. ובאופן מקביל ל„בונד" חל פילוג בציוניות של בני הנעורים והחלו להופיע בעירנו שליחי „פועלי ציון", ניצני הסוציאליזם הציוני, שגבריאל שלכטר, בחור ישר ופשטן במקצת, היה נושא דגלו. אז ראינו תכופות בעירנו, בחורונים משונים מגודלי בלורית, סימן מובהק לריבולוציוניות בימים ההם, והיו יורים מפיהם זיקי פראזות מתפוצצות על ענינים מסובכים, על „פרודוקציון־בעציהונגען" ו„פרודוקציון־ בעדינגונגען" של בורוכוב. תמיהני אם אחד מהשומעים ואם גם הנואם בעצמו הבין משהו בסוגיה חריפה זו. זו היתה מין דיאלקטיקה לשם דיאלקטיקה, מין פלפלא חריפתא בלי כל בסיס מדעי ריאלי. מבין הנואמים טוחני הרים אלה זכור לי בן־ציון

ידידיה, עלם שחרחר, דל בשר ומוכתר תלתלים, יורה לפידי אש ברוח פיו.

בעקבות פעילות ציונית זו נוסדו גם מפעלים חברתיים אחרים. להקת חובבי הבימה שהעלתה על הבימה את המחזה „מפוזר ומפורד" לשלום עליכם. נערכו גם נשפי ספרות: י. ל. פרץ, מנחם, ובעל מחשבות זיכונו בבקוריהם והקריאו לפני קהל גדול, אחוז הערצה והתפעלות, את יצירותיהם.

בתקופה זו של ראשית התעוררות התנועות, של השתחררות כוחות הכלל מחרצובות האדישות, עדיין היו התחומים מטושטשים, יסודות הארגון היו עוד רופפים ולא־מחייבים. גם העבודה הציונית היום־יומית, שהיתה מרוכזת בעיקר באוסף כספים, לא סיפקה את הרעבון למעשה. היתה קיימת קבוצה אחרת עם רוזנוואסר זקן העדה הציונית בראשה (ראה את התמונה הרצופה כאן), שעיסוקה היה בהשתלמות, בקריאת ספרות, בשיחות חברים, טיולים וגם בעבודה סוציאלית. היא יסדה מתרומות חברים „בית יתומים", שהתקיים אי־אילו שנים ושימש מרכז לענינים צבוריים, ענין להשקעת המרץ החברתי.

תקופה זו היתה גם רוויה חומר־נפץ רב. המפלגה הסוציאליסטית הפולנית (פ. פ. ס.), שעליה נמנו הרבה חברים יהודים, בחרה לה, לרגל תכסיסים מפלגתיים, את ערי השדה לכר של פעולה טרוריסטית כלפי הממשלה הרוסית. ועירנו השקטה, שקפאה על שמריה, נהפכה לתופת של התנקשויות והטלת פצצות על אנשי השררה. הפקידות הרוסית במחוזות פולין הנידחת היתה ידועה בשנאתה לאוכלוסיה היהודית, ובכלל היה לה יותר נוח להיפרע מן היהודים ולהטיל עליהם את האח־ריות לטרור, עמדה וערכה פרעות ביהודים. שלושה ימים ושלשה לילות ריחפה על הקהילה היהודית סכנת השמדה. הצבא וביחוד הגדוד הווהליני שחנה בעיר, השתלט על העיר, טבח ושדד והתעלל וגם שילח אש בבנינים. ואפילו בתותחים השתמשו באמתלא של מרד יהודי. ארבעים ואחד יהודים נהרגו ומאות נפצעו בפוגרום זה, הראשון בפולין, שהיתה ארץ חסות.

הטובים שבנוער הוציאו את המסקנא, שאין קיום לעם בנכר. הרא־שונים שעלו לארץ סמוך לפוגרום היו שמחה רובינשטין, צבי גליבטר מזאמושץ (שלמד בגמנסיה ולא סיים את לימודיו) וכותב השורות האלו. רובינשטין ואני פנינו היו מועדות לעבודת אדמה, כי כאמור תמימים היינו ועוד קודם שנוסדה מפלגת „הפועל הצעיר" כבר ברי היה לנו, שכאן בארץ הכרח לנו לשנות את חיינו מעיקרם ולהוציא לחם מן

האדמה ולא מן האויר. עלינו, איפוא, ישר מן הספינה לגליל, לסג'רה, שיצא: לה מוניטין אָז בגלל קבוצת בחורים חקלאיים שעבדו בה ובראשם אליעזר שוחט. והוא שהוליך אותנו באישון לילה, במוצ"ש, כדי שלא להבטל יום אחד מעבודה, למושבה מלחמיה וסדר אותנו בעבודה חקלאית אצל האיכרים. רובינשטין לא עמד במלאכה זו ועקר לירושלים ונכנס לסמינריון של „עזרה" ואני המשכתי בעבודה עד הקיץ. כשהרביתי לקדוח יעצוני ללכת ליהודה.



הקבוצה הציונית הראשונה:
משמאל למעלה: מוזס גרינפארב, שמחה רובינשטיין, ניעדזשוויעדזש, כהנא, טוכקלאפר.
משמאל שורה שניה: ניעדזשוויעדזש, גניה, משה טמקין, הימלפארב, רוזנוואסר, הצלם רוזובסקי, הגב' לנדוי, הגב' זיידענצייג, ברל מינץ.

דוד בן יוסף (פּאָסאָווסקי)

חלוצישע יוגנט-באַוועגונג אין שעדלעץ

כמעט אלע ציוניסטישע יוגנט-גרופּירונגען פון פּוילן האָבן אין שעדלעץ געהאַט זייערע אָפּטיילונגען. כ׳וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אייניקע פון די דאָזיקע יוגנט-גרופּירונגען, וועלכע האָבן געשפּילט א וויכטיקע דערציערישע ראָל אין שעדלעצער יידישן לעבן.

דער „החלוץ" האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט נאָך בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין יאָר 1916, אָן שוין דאַן זיך באַשעפטיקט מיט פּאַרברייטן פּיאָנערן פאַר דער עליה קיין ארץ-ישראל. ס׳זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן הכשרה-פּונקטן, לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרמען, וואו יוגנטלעכע זיינען געווען באַשעפטיקט ביי פּראָדוקטיווער פיזישער אַרבעט. דאַן האָט זיך אויך געגרינדעט דער ערשטער חלוצישער קיבוץ אין דאָרף פּאַטרקאַז און אין דער אַרבעט-פאַרמע ביי די ברידער ווײַמאַן, אין ראָשקאָשע.

איינע פון די הויפּט-אויפגאַבן פון „החלוץ" איז געווען אַרויסצונעמען די יידישע יוגנט פון די לופט-באַשעפטיקונגען און זי אַריבערפירן צו געזונטער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. שוין אין דער סאַמע מלחמה-צייט האָבן פון שעדלעץ עולה געווען קיין ארץ-ישראל די ערשטע חלוצים.

דער „החלוץ" אין שעדלעץ, פּונקט ווי אין אלע יידישע ישובים אין פּוילן, האָט פאַרוואָרצלט דעם ציוניסטישן געדאַנק אין ממשותדיקע מעשים. צענדליקער יידישע יונגעלייט און פריילינס האָבן עולה געווען קיין ארץ-ישראל א דאַנק דער פאַרצווייגטער, דערציערישער אַרבעט פון „החלוץ". הונדערטער שעדלעצער, וואָס געפינען זיך היינט אין ישראל אין פאַרשידענע פּונקטן אין לאַנד, אויף פאַרשידענע וויכטיקע פּאָזיציעס אין שטאַט און אין דאָרף האָבן זייער לעבן און איצטיקע טעטיקייט צו פאַרדאַנקען דעם „החלוץ", צו וועלכן זיי האָבן אַמאָל געהערט, ווייל דורכן „החלוץ" האָבן זיי דערגרייכט זייער ציל און געקומען קיין ארץ-ישראל.

לאָמיר אויך ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען אונדזערע שעדלעצער, טעטיקע חלוצים-טוער, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען צו קומען אין איסגעבענקטן לאנד, און זיינען בעסטיאליש פארפייניקט געוואָרן דורך די נאצים. כ׳וויל דערמאָנען: דעם פארדינסטפולן עסקן, איינער פון די גרינדער פון דער החלוץ־באוועגונג אין פוילן, מיין חבר און פריינד — משה יום-טוב; מיין חבר בנימין טשארני פון די לעצטע החלוץ-פירער פארן אויסברוך פון קריג; ער איז געשטאָרבן פון הונגער אין רוסלאנד; דוד פורייטער פון די אקטיווע טוער אין דער חלוצישער סאָציאליסטי־שער יוגנט-באוועגונג — „פרייהייט-דרור".

ביי אונדז לעבנגעבליבענע איז נאָך פריש אין זכרון די אקטיווע



קאָמיטעט פון „החלוץ" אין שעדלעץ אין די יאָרן 1930-33
אין מיטן: פאָרזיצער און סעקרעטאר פון פאָדליאשער ראיאָן־קאָמיטעט
דוד פאסאָווסקי (איצט בן יוסף אין ישראל).

אימפולסיווע טעטיקייט פון דער החלוץ-יוגנט, די אימפּאָזאנטע פייער־לעכע „תל-חי"-אקאדעמיעס, מיטן אָנטייל פון אייגענעם כאָר און דראַ־מאטישן קרייז, די אינסצעניזאציעס פון בילדער פון ארץ-ישראל-לעבן; די חלוצישע ראיאָן-צוזאמענפאָרן, דער צוזאמענפאָר אין יאָר 1930, מיט דער באטייליקונג פון ארץ-ישראל-דעלעגירטע פון הסתדרות (שעדלעץ איז געווען דער צענטער פון פאָדליאשער קרייז און דאָרט איז געווען דאָס זיצאָרט פון די פאָדליאשער ראיאָן-קאָמיטעטן פון אלע ציוניסטישע אָרגאניזאציעס.); די חלוצישע צוזאמענפליען אין דאָרף קריניצי, אין הויף פון יידישן גוט-באזיצער צינאמאן. עס דערמאָנען זיך די שפרוד־

לענדיקע ענטוזיאסטישע שטימונגען אויף די דאָזיקע צוזאמענפאָרן. די הויראַטענץ ארום דער „מדורה" (שייטער) אין וועלדל ביז שפּעט ביי־נאכט און דאָס הילכיקע געזאנג פון העברעאישע לידער, וואָס זייער עכאָ־אָפּקלאנג האָט זיך געטראָגן ווייט ביז די הייזער פון די ארומיקע דערפער.

אין „החלוץ" זיינען געווען אָרגאניזירט אלע ציוניסטישע יוגנט־גרופּירונגען פונעם ארבעטנדיקן ארץ־ישראל. אין קאָמיטעט זיינען גע־ווען פארטרעטן פאָרשטייער פון „השומר הצעיר", „פרייהייט־דרור" און „החלוץ הצעיר". יעדע גרופּירונג האָט געהאט באזונדערע, אייגענע לאָקאלן און געפירט א פארצווייגטע קולטור־דערציערישע ארבעט.

ס׳דארף אויך דערמאָנט ווערן די וויכטיקע טעטיקייט אויפן געביט פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס האָט דערמעגלעכט חברים צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דער „קרן החלוץ" האָט געשאפן באדייטנדיקע געלטסומען און אונטערשטיצט נויטבאדערפטיקע עולים קיין ארץ־ישראל. פאר די עולים זעלבסט איז דאָס געווען א רעטונגספּאָנד, ווייל די רייזעס קיין ארץ־ישראל זיינען געווען פארבונדן מיט גרויסע אויסגאבן, נישט געווען דעמאָלט קיין סוכנות אָדער „דזשאָינט", וועלכע זאָלן אויסהאלטן מיט הוצאות הדרך.

***

צווישן די יוגנט־גרופּירונגען פון ארבעטנדיקן ארץ־ישראל האָט דעמאָלט פארנומען דעם אויבנאָן דער „השומר הצעיר". „השומר הצעיר"



דער „החלוץ" מיטן שריפטשטעלער נתן ביסטריצקי בעת זיין באזוך אין שעדלעץ

איז דעמאָלט געווען א ריינע סקויטן־באַוועגונג, וועלכע האָט געהאַט א באַזונדערע צוציאונגס־קראַפט מיט איר אויסערלעכקייט, ספּעציעלע מונ־דירן, אָפּצייכענונגען און סימבאָלן מיטן „חזק־ואמץ" בראש. די דאָזיקע באַוועגונג האָט ווירקלעך אריינגעצויגן אין אירע רייען די בעסערע יידישע יוגנט.

דער „השומר הצעיר" אין שעדלעץ האָט זיך אָרגאַניזירט גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — אין יאָר 1921. דער הויפּטגרינדער און פירער איז געווען הערשל סלושני און די קאָמענדאַטור איז באַשטאַ־



דער „השומר הצעיר" מיטן פירער און גרינדער ה' הערשל סלושני.

נען פון מלכה לעווין, יהודה ליווערגט, דוד יום־טוב, בונים טשארנא־בראדע און אנדערע. דער „השומר הצעיר" האָט קאָנצענטרירט ארום זיך בעיקר די יידישע שוליוגנט פון די מיטלשולן און א טייל פון די פאָלקסשולן. די שיין באַפּוצטע לאָקאַלן — אזוי געראָפענע נעסטן — פון „השומר הצעיר" זיינען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין א וואַרימער היים פון ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען גרייט זיך צו העלפן קעגנזייטיק און צוזאַמען לעבן און שאַפן. כ'דערמאָן זיך אין די שטילע געהיימע זאַמלונגען פון פאַרשידענע געלט־סומען צו העלפן נישט־פאַרמעגלעכע חברים צו באַצאָלן שכר־לימוד אין שול, אָדער קויפן ביכער פאַר זיי און פאַרשידענע אנדערע פאָרמען פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס דאָס איז געווען איינע פון די יסודות פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

אימפּאָזאַנט זיינען געווען די ל"ג־בעומר־פייערונגען, דאָס שטאָלצע מאַרשירן פון דער שומרישער יוגנט אין די רייען איבער די גאַסן פון שטאָט האָט אַרויסגערופן גרויס רעספּעקט, אפילו ביי דער נישט־יידי־שער באַפעלקערונג און באַגייסטערונג ביי די שעדלעצער יידישע איינ־וואוינער. ס'איז ווירקלעך געווען מיט וואָס צו שטאָלצירן און זיך גרויס צו האַלטן.

פאַר מיינע אויגן שטייט דאָס געסל ביי יהושע לעווינס מיל, וואו עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען ל"ג־בעומר טויזנטער יידישע יוגנטלעכע מיט

פרייליכע פנימער און פון דאָרט ארוים האָבן זיי מארשירט אין ראם־קאשער וועלדל, וואו מ׳האָט אויפגעשטעלט ספּעציעלע פּאלאטקעס, אן אייגענע קיך, מ׳האָט געזונגען און געטאנצט, עס האָט געווימלט ווי אין א בינשטאָק. טאטע־מאמע זיינען געשטאנען, צוגעקוקט זיך און געשעפּט נחת פון זיי און פארנאכט — דער צוריקמארש אין צוג אין שטאָט אריין מיט געזאנג פון חלוצישע ארץ־ישראל־לידער.

יעדן זומער פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אין די פּוילישע דערפער ארום שעדלעץ זומער־קאָלאָניעס, וועלכע האָבן געטראָגן א ריין סקויטישן כאראקטער און זיך אויסגעצייכנט מיט זייער עסטעטישן אויסזען און שיינער, פּינקטלעכער דיסציפּלין, אָרדענונג און אייגנארטיקער דערציאונג, וואָס האָט אנטוויקלט די בענקשאפט קיין ארץ־ישראל.

איינע פון די לעצטע שומרישע זומער־קאָלאָניעס, וועלכע כ׳האָב באזוכט אלס גאסט, איז געווען אין א פּוילישן דאָרף צווישן שעדלעץ און זשעלעכאָוו. דער פירער פון דער קאָלאָניע איז געווען יוסף קבצן — היינט אין ישראל.

***

דער „החלוץ הצעיר" איז געווען א פאָרברייטונגס־אָרגאניזאציע פון יוגנטלעכע פארן „החלוץ". די דאָזיקע באוועגונג, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם „החלוץ" האָט געטאָן א וויכטיקע דערציערישע אר־בעט פאר ארץ־ישראל. דער „החלוץ הצעיר" האָט איינגעאָרדנט פאר־



די חלוצים־עולים אין יאָר 1933 קיין ארץ ישראל



א גרופּע „הפּועל־מיטגלידער" אויף ראָווערן קיין ארץ ישראל

שידענע אימפּרעזעס, פאַרזאַמלונגען, שמועסן און יוגנט־פאַרווײַלונגען.

אין „החלוץ הצעיר" האָבן זיך גרופּירט יוגנטלעכע, ס׳רוב פון די אַרבעטער־קרײַזן און פון די „עמך"־משפחות, בעל־הבתּישע שטובן. דאָ האָט מען נישט שטאַרק מקפּיד געווען ביים אָננעמען אַ חבר און ס׳איז נישט וויכטיק געווען אין וועלכער שול ער לערנט, און „יחוס־אָבות" האָט נישט געשפּילט קיין ספּעציעלע ראָל... מען האָט געקענט טרעפן אין די רייען פון „החלוץ הצעיר" שילער פון תלמוד־תורה׳ס, פאָלקסשולן און יונגע אַרבעטס־געזעלן, לערנייִנגלעך פון פאַרשידענע פאַכן. אויך דער „החלוץ הצעיר" האָט איינגעאָרדנט צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן, אָרגאַניזירט זומער־קאָלאָניעס און בכלל געפירט אַ פאַרצווײַגטע טעטי־קייט אויף אַלע געביטן.

**
*

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש־חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט־דרור", וועלכע האָט געפירט אַן ענלעכע טעטיקייט ווי די אַנדערע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, האָט אויך געהאַט אַן אייגענעם שטאַרקן ספּאָרטקלוב „הפּועל", וועלכער האָט געשמט אין פּוילן. אין דער עקס־קורסיע קיין ארץ־ישראל אויף ראָווערן, איינגעאָרדנט דורכן „הפּועל" אין פּוילן אין 1932 זיינען אָפּגעפאָרן אייניקע שעדלעצער ספּאָרט־לייט פון „הפּועל", מיטגלידער פון „פרייהייט־דרור". שפּעטער האָבן זיך די ביידע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט מיטן „החלוץ הצעיר" און געשאַפן איין אָרגאַניזאַציע.

די אלע ציוניסטישע יוגנט-גרופּירונגען צוזאמען האָבן אין דער צייט פון זייער גלאנץ און אויפשטייג — אין די יאָרן 1930 - 1932 — געציילט 2,500 מיטגלידער, בערך; צווישן זיי האָט דער פליגל פון אר-בעטנדיקן ארץ-ישראל געהאט בערך 75 פּראָצענט — א וויכטיקער דע-צידירנדיקער פאקטאָר אין לעבן פון דער יידישער יוגנט אין שעדלעץ.

די ציוניסטישע יוגנט-גרופּירונגען פלעגן זיך אויסצייכענען ביי פארשידענע געלטזאמלונגען, ווי קרן-קימת-לישראל, קרן-היסוד, קפּא"י, א. אז. וו. ס'פלעגט זיין א קאָנקורס-געיעג צווישן די אָרגאניזאציעס, ווער ס'וועט זאמלען מער, און ווער ס'וועט פארנעמען דעם ערשטן אָרט אין דער רשימה פון די באטייליקטע גרופּירונגען.


דעם כוח פון דער ציוניסטיש-חלוצישער יוגנט האָט מען געקענט אָפּשאצן ביי פייערלעכע צוגן אין געשלאָסענע רייען איבער די גאסן פון שטאָט, בעת א ספּעציעלער ציוניסטישער מאניפעסטאציע, וועלכע פלעגט פאָרקומען פון צייט צו צייט ביי פארשידענע געלעגנהייטן.

כ'געדענק די קאָלאָסאלע איינדרוקספולע פּראָטעסט-דעמאָנסטרא-ציע און פאָלקסצוג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1929, אלס פּראָ-טעסט קעגן די אויגוסט-אומרועןן אין ארץ-ישראל. דער צוג האָט זיך דאן געצויגן קילאָמעטער לאנג, איבער אייניקע גאסן און האָט באוויזן פאר דער עפנטלעכקייט, אז דער ציוניזם אין שעדלעץ איז א קראפט. פארשטענדלעך, אז די הויפּט-אָנטיילנעמער זיינען געווען די ציוניסטישע יוגנט-גרופּירונגען.


שעדלעצער חלוצים פון אלע גרופּירונגען זיינען געווען אין פארשי-דענע הכשרה-קיבוצים אין גאנץ פּוילן. אויך אויפן אָרט איז געווען אן אייגענער הכשרה-קיבוץ.

נישט איין מאָל האָט מען ליידער געמוזט אָננעמען מיטלען און ווירקן אויף עלטערן, וועלכע האָבן זיך איינגעעקשנט און נישט דער-לויבט זייערע קינדער צו פאָרן אין הכשרה-קיבוץ און בכלל זיך קעגנ-געשטעלט דעם פאָרן קיין ארץ-ישראל. ס'האָבן זיך אָפּגעשפּילט טראַ-געדיעס ביי די, וואָס די עלטערן האָבן נישט מסכים געווען דערצו. איך קען חברים און פריינד דאָ אין ישראל, וואָס יאָרן לאנג האָבן זייערע עלטערן נישט געשריבן און זיינען געווען ברוגז מיט זייערע קינדער צו-ליבן פארלאָזן די היים און פאָרן קיין ארץ-ישראל.

די אידעאלע חלוצישע יוגנט האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט פאר קיין שום שוועריקייטן. זי האָט פארלאָזט היים און משפחה און אוועק אין אלט-נייעם יידישן היימלאנד. א דאנק זיי איז צוגעגרייט גע-וואָרן דער באָדן פאר א זעלבסטשטענדיקער יידישער מדינה, וואָס איז געוואָרן דער זאמלפּונקט פאר דער שארית-הפּליטה פון דער היטלערים-טישער יידן-אויסראָטונג.



קאָמיטעט פון פועלי־ציון צ. ס. און יוגנט „דרור־פרייהייט". אין מיטן: דער שליח פון ארץ ישראל: אליעזר גראוויצקי.



שעדלעצער חלוצים אויף הכשרה אין יאָר 1925. אויבן, אין דער ערשטער ריי, אין דער מיט: משה יום־טוב, פירער פון החלוץ אין שעדלעץ.



חלוצים אויף אן אויספלוג



החלוץ הצעיר מיט יהודה ליוועראנט



ועד פון סניף העובד



דער קאָמיטעט פון פרייהייט

אליעזר בר חיים (ברנהולץ)
(חיפה)

זכרונות והרהורים

(לזכר תנועות הנוער החלוציות בעירנו)

בשירה ותופי-לכת, טעוני כל-טוב, נעל לחומה,
מלא חפני לבבות זהב-חלומות נביאה,
בכדי-נעורים מלאים דמים רנים נשא
ואשכלות-חיים בכורות — בטנאי אהבה,
הכל מנחה לקרב וקדש למסדה!
פתחי, חומה, שערי בתי-גנזיך הריקים
ויאצר בם בר-חיינו לשנות-הקרב,
כי שוממים עוד שדות מסדה ומכי-חרב,
ומי יודע כמה יארך הקרב וימי מצור כמה עוד ימשכו
ועד בא שנות-שבע, עד גשמים בעתם ירדו
וטל על אדמת פרזות יזל לילה, לילה,
עד חרמש-הנצחון ברכת-שדה יקצור לבטח —
קבלי בכורי-חיינו — צידה ללוחמיך הרעבים
ומעינות עלומינו — לצמאיך!

י. למדן — „מסדה".

איך אפשר להנציח את זכר הנערים והנערות של עירנו הבלתי-נשכחת, של הדור הצעיר, השבט החלוצי הרענן והזך, אשר בלי חשבון ו„תכלית" התכונן לדרך הארוכה, לקפיצה הנחשונית ליום המחר, לארץ הנכספת, שחתר להגשים בה את חלומותיו?

שדליץ, העיר התוססת, על ארגוניה ומפלגותיה, הטביעו עליה חותם אופייני וחן מיוחד, תנועות הנוער החלוציות, והן הן שגיבשו את דמותה. העיר שדליץ לא הוציאה — באופן מיוחד — מתוכה מנהיגים גדולים, אבל מבחינה קולקטיבית היה בה החומר האנושי רב וגדול באיכותו, וביחוד הנוער, בגיל הרך והמבוגר גם יחד.

במציאות דאז, כל בחור וכל בחורה, כל חלוץ היה משול לדון-

קישוט המחפש הרפתקאות ותלאות, נודד וחולם, מחפש את האמת, בעל מוסר ולוחם ליושר.

אולי יתמהו רבים על הנסיון אשר הנני עושה, להעלות על הניר ולכוון את דברי לחברים קרובים רחוקים ולהזכיר להם נשכחות, למרות שהעבר הוא לא כה רחוק, הרי זה היה רק אתמול...

יודע אני את המעצורים העומדים בדרך זו, יודע אני, שבמשך השנים שחלפו הצטברה זרות ואטימות; הרי כולנו הספקנו להתבגר ואולי גם להזדקן ולא רק מבחינה ביולוגית...

יודע אני מה קשה לאמור, לבטא ובפרט לכתוב על נושאים אלה. ומאידך, מה קשה להקשיב, לשמוע ואפילו לקרוא. אבל אין ברירה, צריך לבכות ולהזכיר את הנעדרים, את הנערים אשר נקטפו בלא-עת, והם היו חלק חשוב מחיינו...

ובכן נעלה על הניר את זכרם, והנני אמונה, כי ישנם שומעים לדברים היוצאים מן הלב, ושיש עוד אוזן קשבת ואפשר לחצוב צוהר ללבבות.

***

מפאת גילי לא הייתי בין המיסדים של תנועת-הנוער בעירנו. באתי כמעט אל המוכן, זכיתי להיות רק בין הממשיכים ובמקצת הספקתי להיות בין „המתלבטים". ובכן איך היתה ההתחלה?

על יד המדורה סופר: „מספר נערים ונערות לומדים התחילו לשאול לנתיבות חייהם. אוירת בית-הספר היתה מחניקה. הסביבה, הבית, הרחוב, חברת המבוגרים — בכל שלטה הריקנות. השיגרה היתה בכל. שעמום מסביב".

בתחילה לא היתה לפנינו מטרה ברורה וסופית, עלינו כצמח בשדה. בלב היתה צפייה וחיפוש האמת, היינו עצמאיים לחלוטין, חתרנו לקראת השמש והיופי, הצופיות (הסקויטינג בלע"ז) ליוותה אותנו, אבל לא סיפקה אותנו.

כזרם מים אדירים פרץ המרד, הנעורים התוססים עלו על גדותיהם, וכך אימצנו לנו את שיר המרד המפורסם של ד. שמעונוביץ:

אַל תשמע, בני, אל מוסר אָב\
ולתורת אם אַל אוזן תטו;\
כי מוסר אָב הוא: „קו לקו"...\
ותורת אם: „לאט, לאט"...

וכך בתוך סער של חויות, התלבטיות וחיפושי דרך מתמידים, מצאנו את השביל בחיים, את ההעפלה החלוצית, את ההגשמה העצמית, שהיא היתה המזיגה המושלמת של גאולת האָדם מכבלי הקונבנצים של המשטר הנוכחי, יחד עם הציונות היוצרת והקונסטרוקטיבית

שהבטיחה ורמזה „לבנות ולהבנות בה"... מצאנו את הציונות לעצמנו, לא ציונות שאָמרה לאחרים לעלות ולבנות! מרדנו נגד „הציונות הרשמית" (ובזה היה טמון סוד הצלחתן של תנועות הנוער החלוציות). בזה היא היתה המהפכנית והמחדשת. בזה רעננותה וקסם חלומה הממריא, ועוז מלחמתה במציאות. בזה פילסה דרך לרבבות נוער, כי היתה מלאה געגועים ושאיפות, העיזה להעפיל ולהגיע למטרתה המלאה, דרך מכשולים עצומים, מרדה בהורים יקרים, בבית הספר, ברחוב היהודי, בציונות הרשמית הבעל־ביתית, יצרה את ההכשרה ;תוך תנאים בלתי־אנושיים ואכזריים, ולפעמים גם תוך בדידות, העפילה ושברה את המצור...

***

ומי לא זוכר את יומן הגדול של תנועת הנוער, יום ל"ג בעומר. עוד טרם נולד המשורר שיתאר לנו את הויותיהם של הנער והנערה ביום הזה! פחד וחיל אחזונו שבועות מספר לפני החג. והרי ההכנות לקראת היום היו מספיקות, אולם הלב רהב ופחד. וגם הטבע התכונן... כבני חורין צעדנו ברחוב. לא צעדנו; ריחפנו באויר וכל יהודי העיר חגגו את החג החדש־הישן. השמים היו אחרים, השמש כאילו יצאה מנרתיקה, הציפורים שרו שירה חדשה, העצים כאילו התפללו לשלומנו. העיר לבשה חג, העיניים זהרו ופני האנשים צהלו. הכנסנו, פשוט, את ארץ־ישראל לתוך תוכה של הגלות והפכניה...

זכורני כשהיינו מגיעים להיק הטבע וליער, ובבת־אחת מחנה גדול קם ונוצר, מחנה של אהלים קטנים וגדולים ובתוכו מתנופף הדגל התכול־לבן. עזבנו את ההומות ואת אבק העיר. והצעידה? הרי צעדנו בנשימה אחת, בדפיקת לב אחת, בקצב אחיד שאין כמוהו! ביום ההוא החלטנו על עתידנו, נשבענו להתגבר על המכשולים, לצאת מאפילה לאור גדול.

ולפנות ערב התלקחה המדורה, עלתה להבה אדומה וכל אחד הוסיף ענף והקשיב ל„שיחת" האש הבוערת. ואַז בספונטניות גמורה התפרצה השירה. שירה כבירה, על הארץ, על האחים הבונים והמעפילים, על יסורי גאולה, על כיבושים ומאבקים.

ומבלי להרגיש השתלבו הידיים ונוצר מעגל, התרגשו הלבבות וכולנו לפתע רוקדים. איזה פלא! איזה ריקוד! איזה ריתמוס! איזו התל־הבית הסידית! כל הלבבות מתמזגים לנפש אחת, כל הרוקדים — גוף אחד, מחנה מלוכד.

ובחזרנו הביתה, והנה המון יהודים — החל בילדים רכים וגמור בזקנים כפופים — מתלהבים ורוגשים בהסתכלם בנו, הם מרגישים בכל החושים, שאָנו העתיד, אָנו החומה, הם מרגישים שאלה הם הצעדים של המשיח הגואל; אָנו המבשרים את הבשורה לתחיה ולנצחון, אָנו הסמל של התגשמות כל כיסופי הדורות של שנות אלפיים...

ואָז הברכיים תרעדנה... כי אָנו יודעים, שהרגע הוא קדוש: בידינו הרכות והצעירות הופקד הדגל המתנופף, אָנו צועדים בקצב, בלב קל ובכובד־ראש...

שדליץ היהודית וההיננית איננה! העיר העממית, הרצינית והשוב־בה נעלמה... העיר לא תחזה עוד את כל אלה. הכל הועלה על המוקד, הכל נשרף על קידוש־השם...

***

זכורני באחת השבתות לפנות ערב, בזמן שרחובות העיר המו מתישבים המטיילים ברחובות ועל המדרכות, התקיימה אספה כללית של חברי „החלוץ" על כל גווניהם. התאספו בוגרי תנועות הנוער: „השומר הצעיר", „החלוץ הצעיר" „פרייהייט" וסתם בלתי מפלגתיים.

השיחה והויכוח נסבו מסביב לענין „ההכשרה־המעורבת". היה זה ויכוח חמור ונוקב; למעשה היתה זו שיחה על איחוד ופירוד בתוך המחנה החלוצי. אשר למרות שכולנו היינו מאוחדים ברעיון ובמטרה, הרי הינכנו את עצמנו להגשמה עצמית בלתי־מתפשרת והדרכנו את עצמנו ואת אחרים להסיק את המסקנות עד הסוף, כנראה שכבר היינו אָז מפולגים על מסגרות ותכסיסים, שאָז עדיין לא היו לנו כה ברורים. לאמיתו של הדבר עמדה השאלה: על מה נחנך, על המאחד או על המפריד, נחנך לערכי חיים או למסגרות של צורות חיים?

והמפליא ביותר: אמנם היינו עדיין תינוקות מבחינה פוליטית, וטרם ידענו להבחין מה בין הקיבוץ הארצי לבין הקיבוץ המאוחד וחבר־הקבוצות. לא ידענו בדיוק מה גדולה הסכנה באי האיחוד. ולמרות זאת ידענו, עד להפליא, להסביר בדיוק נמרץ את הכרח הפירוד. ועשינו את זאת באמונה עמוקה, עיוורת ובלתי־מעורערת...

מאין שאבנו את האמונה ואת הכח להסביר, לחנך ולהתפלמס על עולם שרק חלמנו עליו? מי שם אותנו דיינים ושופטים בשאלות כה מכריעות ומהותיות, כגון: אחדות תנועות הנוער החלוציות, אחדות התנועה הקבוצית, ערך הקיבוץ והמושב? מי נתן — מחוץ לפטום הגדול, — גם בקיאות כזאת ונסיון בחיים, או סמכות לפסוק הלכות ולהעמיד ציונים, למשל, מיהו ה„מקסימליסט"?

כנראה שהאמונה היתה כה עמוקה ומיסטית ושהחלום היה מעורב עם בטחון עצמי בלתי־משוער, ושבטחוננו היה כה מוצק, שנעפיל לראש ההר... ואכן נולד השיר ששרנוהו:

אָנו עולים ושרים על חרבות ופגרים
אָנו פוסעים ועוברים... ובאור ובחשכה
וביודעים ובלא יודעים את הדרך נלכה —
אָנו שרים ועולים! אָנו עולים ושרים!

ומי יודע להעריך מאין שאבנו את האמונה הלוהטת בהסתדרות העובדים הכללית ובמסגרת הכוללת של תנועת הפועלים בארץ, היתה זאת אמונה קנאית בלתי מעורערת, שאנו הקדרים, שזוהי הדרך ואין אחרת, אנו העתודות הנאמנות והמבטיחות, אנו החומה הבצורה, אנו העתיד לאומה ולמעמד, לשניהם גם יחד — זה אנחנו הדור הצעיר...

קשרנו את עצמנו בקשר בל ינתק לייעוד ההיסטורי, האמנו שנת־גבר על הקליפות הנפרדות ונגלה את התוכן הגואל, המשותף והמאחד, ושגורל אחד מחכה לכולנו.

***

ואכן הטרגדיה היא גדולה ועמוקה לאין־שעור: יהדות פולין — כתר האומה הישראלית הפזורה בתפוצות — הושמדה. התנועה החלו־צית עם רבבות נוער ברוך בתוכה, עם כל עתודותיה אוכלו באש והצילו את כבוד האומה. היא שעוררה, הכינה והתיצבה בראש מורדי הגיטאות. רק בודדים, אודים מוצלים מאש, הצליחו להגיע אלינו לחוף מבטחים, על מנת לבשר לנו את כל גודל האסון והשברון. מעטות הידיעות שהגיעונו מהנוער מעירנו הקדושה והמעונה. אבל אין ספק, שעמדו עד הרגע האחרון בשורות הראשונות בתוך העם ועלו השמימה כששפתותיהם דובבו יחד עם כל קרבנות ישראל:

כל עוד בלבב פנימה
נפש יהודי הומיה
ולפאתי מזרח קדימה
עין לציון צופיה —
עוד לא אבדה תקוותנו,
התקוה בת שנות אלפיים,
להיות עם חפשי בארצנו,
ארץ ציון וירושלים.

בגורלנו ההיסטורי הרצוף זוכים אנו תכופות לצירופים קשים של תנאים ונסיבות. אבל, כמדומני, שטרגדיה כזאת גם השטן עוד טרם ברא. אותם הצעירים והצעירות שהכשירו את עצמם והקדישו חייהם להגשמה חלוצית בכל שעה, ביום ובלילה, בחלום ובמציאות והיו כבר נטועים בקרקע הבתולה של המולדת — נדרסו, נשחטו, נשרפו בנכר...

הרי האמת היא רק זאת, שרק במקרה הם נשארו שם. הם פשוט לא הספיקו, אם מפאת הגיל ואם מפאת שליחויות שהוטלו או שנטלו על עצמם. כל אחד מאתנו שזכה לעלות ולראות בהגשמת החזון הגדול, ולבנות משפחה בישראל — הרי לולא זאת גם אנו היינו בין הנשחטים, הנאנסים והנשרפים.

הטרגדיה היא כה איומה וקורעת־לב, ואנו שקועים בשיכחה... גם מבחינה אובייקטיבית הטרגדיה והמפולת היא כפולה ומכופלת; הרי תמיד אמרנו ושיננו לעצמנו, שצרת היהודים היא שהולידה את הציונות, שהתחילה להניח את היסודות ל„בית הלאומי". אך כשהגיעה צרת היהודים לשיא זועתה וממילא הגיע זמנו של „ביתנו הלאומי" למלא את

תפקידו הרב. דוקא באותה שעה הגיעו גם ההתנגדות ומזימת ההרס למרום פסגתן. לא הספקנו כנראה להכין את הכלים המתאימים. איחרנו ופיגרנו בפעלנו. מדינת ישראל התאחרה בדרך ולרגע קט היתה סכנה, שנשאר רק משיחי־שקר. ההיסטוריה חמדה לצון לנו, כנראה, ובכל זאת אין חוקים קבועים בהיסטוריה של אנוש...

אין כפרה ותבונת האדם לא יתפוש את התהליכים האבסורדליים של הקטסטרופה העמוקה ואת המכה האיומה שהונחתה על כלנו.

אנו ממשיכים לטוס ולנסוע ברכבת החיים. שרפנו פעם את הגשר שקשר אותנו אל העבר. מרדנו ב„גלות", בזנו לכל, היינו קיצוניים עד לאכזריות לאחרים ולעצמנו; כנראה שבימים ההם, אי־אפשר היה אחרת.

כיום אנו זקוקים — כאויר לנשימה — למפנה רציני וחד. אז נעלם מאתנו ולא ראינו את הכוח הנפשי והמוסרי של היהודי, שחושל וגובש ביד גלות בת דורות רבים. כיום דוקא אנו זקוקים לו מאד ואולי בעיקר זקוקים לו רבבות בני הנוער שנולדו פה על קרקע המולדת.

אנו זקוקים למזיגה מפרה, למזיגת כל הטוב והאוצרות שאצרנו בכל תחנות חיינו בכל הדורות, ובדורנו אנו. נחזור למקור ולערכינו המפרים והמחדשים. נטפח את אהבת ישראל ואהבת האדם בקרבנו, למען קיומה ושגשוגה של מדינת ישראל — משאת כל הדורות.

אכן הזרע שנזרע במו ידינו לא הכזיב, אם כי לא הגענו עד כה לכל אשר חלמנו וטיפחנו...

אנו הממשיכים נקים מצבת זכרון לעולמים לאלה שלא זכו להגיע, אנו הנתבעים!

יהי רצון שנהיה ראויים לכך... ונקוה שלא נכזיב!!

אברהם פרידמאַן

אָרגאַניזאַציע פון חסידישער יוגנט און „צעירי־מזרחי"

אינעם יאָר 1915, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער יידישער יוגנט אַן אויפלעבונג, האָט דאָס אויך נישט אויסגעמיטן די חסידישע און סתם רעליגיעזע יוגנט. עס איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז לערנען תלמוד מוז מען נישט דווקא אין די ענגע צימערן פון די שטיבלעך, ביי די מינימאַלסטע היגיענישע באַדינגונגען, ביי אַ נאַפטלאָמפּ, אָדער גאָר ביי אַ ליכט, אונטער דער השגחה און רעזשים פון די גבאים, וועלכע באַקומען די באַפעלן פון זייערע רביים.

צענדליקער און הונדערטער בחורים זיינען דעמאָלט פון די שטיבלעך באַזייטיקט געוואָרן, און די עלטערן האָט מען אָנגעטאָן פאַרשידענע צרות, ווייל זייערע קינדער האָבן נישט געוואָלט טראָגן קיין פאות און וויכע קעלנער, האָבן געלייענט ביכער, אָדער גאָר שפּאַצירט שבת אין שטאָטגאָרטן א. ד. ג.

דער הויפּט־איניציאַטאָר פון דער חסידישער יוגנט־באַוועגונג איז געווען שלום יעלין, אַ בן־תורה און אמתער ירא־שמים, דער זון פון משה מוכר־ספרים, וואָס האָט אין זיין אָרעמער היים נישט געפונען אַלע באַקוועמלעכקייטן צום לערנען; יעלין צוזאַמען מיט אהרן נעלקענבוים (היינט אין ישראל), לייב ראַטביין און פּסח ראָזען, האָבן געמאַכט דעם ערשטן פּרואוו פון אָרגאַניזירן די רעליגיעזע יוגנט. אין אָנהויב האָבן זיי זיך באַנוצט מיטן לאָקאַל פון „חברה משניות" צו לערנען דאָרט תורה לשמה און אין לאָקאַל פון „תלמוד־תורה" האָבן זיי „איינגעפירט" תנ"ך־קורסן פאַר רעליגיעזע אַרבעטער. דער באַוואוסטער צו יענער צייט אין שעדלעץ גערער חסיד, ר' לייביש פייוול גאָלדבערג, האָט אָבער געהאַלטן, אַז די תנ"ך־קורסן זיינען אַ פאַרשוועכונג פון דער תלמוד־תורה און גלייך געמאָלדן וואו מען דאַרף. אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען די דאָזיקע קורסן פאַרבאָטן געוואָרן דורך דער מאַכט.

דער חברה־משניות־לאָקאַל האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר צו

קליין און נישט באקוועם פארן גרעסערן צ־פלום פון די חסידיש־רעלי־גיעזע בחורים. ס׳זיינען דאן אויך צוגעטראָטן צו דער הברה די ה״ה א. פרידמאן (היינט אין ישראל), ישעיהו זעליקאָוויטש און יהונתן אייבעשיץ און עס איז זיי געלונגען צו באקומען א גרויסן און פּרעכטיקן לאָקאל אין צענטער פון שטאָט אויף קילינסקי 28, אין הויז פון ב. אל־טענבערג. דאָרט האָט ערשט די חברה באקומען דעם ריכטיקן נאָמען — „בית־התלמוד". אין „בית־התלמוד" האָבן געלערנט העכער 60 בחורים בהרחבה, ש״ס, פוסקים און צייטנווייז אויך א בליק געטאָן אין „מורה־נבוכים", „חובת־הלבבות" א. א. אזעלכע ספרים. דער „בית־התלמוד" האָט אויך פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט רעפעראטן וועגן „תורה און מסורה", געהאלטן דורך די דעמאָלט באוואוסטע רעליגיעזע רעדנער, די „דייטשע רבנים", כהן און קארלעבאך. איינער פון אזעלכע רעפעראטן אין א גרויסן קינאָזאל, איז צוליבן אָנגרייפן דעם ציוניזם, געשטערט געוואָרן דורך די אלג. ציוניסטן, און דער המשך האָט שפּעטער געמוזט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאל; די רעדנער זיינען באגלייט געוואָרן אהיין דורך געהעריקער שמירה.

אין א צייט שפּעטער האָבן די בחורים ש. יעלען, א. פרידמאן און דער צוגעקומענער דאן פון בריסק, ה׳ דוד זוסמאן, איינגעזען, אז נישט די גאנצע יוגנט איז צופרידן מיט דעם פּראָגראם פון דערמאָנטן לערן־אנשטאלט, ווייל בלויז תורה איז ווייניק און עקזיסטירן בלויז פון די ד׳ אמות של תורה איז שווער. מ׳דאַרף דעריבער אויך באקומען אלגעמיינע בילדונג. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן א סטאטוט פאר א רעליגיעז־קולטורעלן פאראיין, אונטערן נאָמען „תבונה", וועלכער איז אין יאָר 1916 לעגאליזירט געוואָרן מיט דעם רעכט צו גרינדן אָפּטיילונגען אין גאנץ קאָנגרעס־פּוילן.

„תבונה", וועלכע האָט זיך געשטעלט פאר א ציל: דעת ויראת ה׳, האָט ווירקלעך געפונען א ברייטן אָפּקלאנג, גרופּירנדיק ארום זיך כמעט די גאנצע שעדלעצער רעליגיעזע יוגנט. אין דעם ניי־געדונגענעם לאָקאל פון 4 צימערן מיט א גרויסן זאַל, אויף אַגראַדאָווע 4, אין הויז פון פּרוי סלושני, האָבן זיך דעקלארירט העכער 200 חברים, וועלכע פלעגן, טאָג־טעגלעך, באזוכן די פארשידענע אָוונט־קורסן פון: פּויליש, מאטעמאטיק, בוכפירונג א. א. ווי אויך שעורים אויף גמרא. „תבונה" האָט אויך איינגעאָרדנט פארשידענע געזעלשאפטלעכע אימפּרעזעס און רעפעראטן, ווי אויך ארויסגעגעבן א 2־וועכנטלעכע וואנטצייטונג א. נ. „אונדזער קול־טור־ווינקל". הרב זלאָטניק פון גאמבין האָט מיט זיינע רעפעראטן ארויסגעצויגן די בחורים פון די שטיבלעך. די רעליגיעזע געזעלשאפט „תבונה", וואָס האָט דערוויל עקזיסטירט בלויז אין שעדלעץ, איז שנעל באוואוסט געוואָרן, און פון פארשידענע שטעט און שטעטלעך, אין דער

ערשטער רייע פון דער שעדלעצער פראווינץ, זיינען געקומען דעלע־גאטן, וועלכע האבן געבעטן דעם סטאטוס און שפעטער ביי זיך געגרינ־דעט אזא פאראיין. אויך ווארשע האט געשאפן א „תבונה״־ארגאניזא־ציע, ווי אן אפטיילונג פון שעדלעץ. דא איז אויך געווען די צענטראלע, וועלכע האט געהאט א פארבינדונג מיט העכער 15 סניפים. מיטן אנט־וויקלען זיך פון „תבונה״, איז דער „בית-התלמוד״ אין יאר 1917 גע־שלאסן געווארן.

אין דער זעלבער צייט האט שוין עקזיסטירט אין שעדלעץ א קליי־נער קרייז פון „צעירי-מזרחי״-חברים, מיט דעם הרב קלמן פרענקעל (היינט אין ישראל), יואל קאמיעניץ א. א. אין יאר 1918, נאך די פאג־ראמען אין אוקראינע, האט שטארק גענומען ווירקן דער נאציאנאלער געדאנק, איבערהויפט אין די יוגנטקרייזן; האט דער דאזיקער געדאנק אויך אריינגעכאפט זיך אין די רייען פון „תבונה״. 4 שבתים נאכאנאנד זיינען צוליב דעם פארגעקומען אויסערגעוויינלעכע חברים-פארזאמלונ־גען מיט דיסקוסיעס א. ד. ט. „נאציאנאליזם און רעליגיע״. העכער 30 חברים רעדנער. האבן זיך ברייט ארויסגעזאגט איבערן דערמאנטן פראבלעם, פאר און קעגן, און לסוף, נאך א טעטיקייט פון קנאפע 2 יאר, האט „תבונה״, מיט א מערהייט שטימען, זיך אנגעשלאסן אן דער „מזרחי״. ערשט דאן, איז אוועקגעשטעלט געווארן א שטארקע „צעירי־מזרחי״, וועלכע האט אויסגעוויילט צום ערשטן ועד די פאלגנדיקע חברים: ד. זוסמאן, א. פרידמאן, י. אייבעשיץ, ג. מ. קארפין, י. זעליקא־וויטש, י. פאלשפאן און י. קאמיעניץ.

די „צעירי-מזרחי״ האט, צוליב איר נאציאנאל-פאליטישן כאראק־טער, געהאט פאר זיך א ברייט ארבעטספעלד. די ערשטע אויפגאבע פונעם נייעם ועד איז געווען פאפולער צו מאכן דעם מזרחי-פראגראם ביים מיטלקלאס-מענטשן און איבערהויפט אין די חסידישע קרייזן. צו דעם צוועק זיינען וואך ביי וואך, פון דער מזרחי-צענטראלע אין ווארשע אראפגעבראכט געווארן באוואוסטע רעדנער. דעם ערשטן עפנטלעכן רעפעראט האט געגעבן דער באוואוסטער למדן, תלמיד-חכם און אויס־געצייכנטער רעדנער, הרב אביגדור עמיאל, ז״ל, געוועזענער רב אין גראיעווא, שפעטער אין אנטווערפן און לעצטנס הויפט-רב אין תל-אביב. ער האט מיט זיין 2-שעהדיקן רעפעראט וועגן יידן און יידישקייט גע־מאכט א גוואלדיקן רושם. צענדליקער יונגעלייט האבן זיך אויפן ארט דעקלארירט. אגב, האט דער זעלבער רעדנער מיט א צייט שפעטער נאכאמאל באזוכט שעדלעץ און געווען דער גאסט פון אונדזער הויז; דאס איז דער בעסטער פאקט פון דער גרויסער צופרידנקייט, וואס דעם רבס ארויסטריט האט ארויסגערופן אין די חסידישע קרייזן. מיין פא־טער ר׳ קלמן פרידמאן, ז״ל, זייענדיק א גערער חסיד, האט קיין שום

באמערקונג פון די חסידים נישט באקומען, הגם „מזרחי" איז אין די שטיבלעך געווען טריף-פסול. אן אפטער גאסט איז אויך געווען הרב בראדט פון ליפנע, היינט רב אין תל־אביב, וועלכער האט שוין דאן גע־שמט אלס אויסגעצייכנטער מאסן-רעדנער, ווי אויך הרב נייפעלד, ז"ל, פון נאווידוואר, וואס האט מיט זיין מסירות-נפשדיקן הארציקן רעדן ארויסגערופן צו זיך דעם גרויסן יראת-הכבוד. נאך יעדן פון די רעפע־ראטן, האבן זיך אין די שטיבלעך און בתי-מדרשים געשאפן סימפאטי־קער, וועלכע זיינען שפעטער אריינגעצויגן געווארן אין די מזרחי-רייען.

„צעירי מזרחי" האט אויך אנגעפירט מיט א ביליקער קיך צו העלפן דער נאך-מלחמהדיקער ארעמער יידישער באפעלקערונג. די קיך האט זיך געפונען אין הויז פון ש. מ. מייזליש, אויף אגראדאווע, 22. נישט איין מאל האט די פוילישע פארשטייערין, פרוי ד"ר ריטעל, אויסגע־דריקט צופרידנקייט פון דער ארדענונג און פינקטלעכער בוכפירונג אין דער דאזיקער קיך. פון שעדלעצער קאמיטעט פון צעירי-מזרחי איז מען געפארן קיין מאקאוו, סאקאלאוו און מעזריטש, כדי צו ארגאניזירן „צעירי-מזרחי"-אפטיילונגען.


אין אנהויב 1919 איז פארגעקומען די ערשטע ראיאן-באראטונג אין שעדלעץ, וועלכע האט אנגענומען וויכטיקע באשלוסן וועגן גאנג פון דער וייטערדיקער ארבעט, אוועקשטעלנדיק דארט די ראיאן-צענטרא־לע. „צעירי-מזרחי" האט אויך פארשטאנען די נויטווענדיקייט פון אר־גאניזירן די יידישע פרוי, און גלייך צוגעטרעטן צו גרינדן א „בנות־



דער ועד פון „בנות מזרחי" מיט הרב גויפעלד פון ארץ ישראל

מזרחי". סוף 1919, איז געשאפן געוואָרן א קליינע פרויען-גרופע און ס'איז באשלאָסן געוואָרן אראָפּצוברענגען פֿ'ן ווארשע דעם יונגן „צעירי־מזרחי" חבר, דעם סימפּאטישן רעדנער, הרב אלימלך נייפעלד, זון פון דערמאָנטן נאָווידוואָרער רב, היינט א חבר אין מרכז העולמי פון „מזר־חי", אין תל־אביב. ער איז געווען אין שעדלעץ אייניקע טעג און עס איז אים געלונגען אוועקצושטעלן דעם ערשטן קאָמיטעט פון „בנות־מזרחי". מיט אייניקע וואָכן שפּעטער האָט דער זעלבער רעדנער שוין געהאלטן א רעפעראט, איינגעאָרדנט דורך די „בנות-מזרחי", אין איי־נעם פון די גרעסטע שעדלעצער זאלן, א. ד. ט. „די באדייט־ונג פון דער פרוי אינעם נאציאָנאלן לעבן". דער רעפעראט איז אדורך מיטן גרעסטן דערפאָלג. די „בנות-מזרחי" האָט געציילט ביי א 60 חברות, צווישן זיי, אייניקע זייער אקטיווע. דאָס זיינען געווען: פריידע ניסבוים, דינה אר־זשעל, שרה ראדזינסקע, שרה סלאוויאטיצקע און מלכה סרעבניק.

אין דער זעלבער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרן אין שעדלעץ א גן-ילדים א. נ. „בית-מחסה ליתומים", ע"ש ריינס ז"ל, אין הויז פון פרוי בארג, אָגראָדאָווע 24, אין הויף.



א קינדער־היים פון „מזרחי" אויפן נאָמען פון הרב ריינעס

דער בשותפותדיקער קאָמיטעט פון צעירי־ און בנות-מזרחי האָט געמיינזאם געזאָרגט פאר א רעגולערער טעטיקייט פון דער קינדערהיים. עס זיינען געשאפן געוואָרן די שיין־געמאָלטע, קליינע טישעלעך און בענקעלעך, ווי אויך די נויטיקע שפּילצייג פאר די העכער 40 קינדער פון דערמאָנטן אנשטאלט, וועלכע האָבן באקומען א געהעריקע דערצי־

אונג פון דער דיפלאָמירטער פּרעבעליסטין: פייגע לעוואַרטאָווסקי (פון מאן: מארדיקס, היינט אין רעננה).

די „צעירי־מזרחי" האָט אויך געמאכט א פּרוּאוו און געשאפן א „הפועל־המזרחי". עס איז דאן געווען נישט אזוי לייכט צו געפינען קוואַליפיצירטע בעלי־מלאכות, וועלכע זאָלן מסכים זיין צו ליקווידירן זייערע גוט־איינגעאָרדנטע ווארשטאטן און עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, מיטן צוועק צו גרינדן א קאָאָפּעראטיוו. דאָך איז דעמאָלט געלונגען צו שאפן א גרופּע פון 8 סטאָלארעס, פאר וועמען ס'זיינען געמאכט געוואָרן אלע נויטיקע פּאָרברייטונגען צו זייער אָפּפאָרן. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט ארויסגענומען אין סטאראָסטווע זייערע פּעסער און שפּעטער, נאָך א גרויסן באנקעט, באגלייט די עולים צום שעדלעצער וואָקזאל. דער „הפועל־המזרחי" האָט אין שעדלעץ קיין גרויסן דערפאָלג נישט געהאט, שוין צוליב דעם, וואָס נישט אלע גלית־פאכן זיינען גוט געווען אין ארץ־ישראל, און דער גרעסטער טייל פון די שעדלעצער ארבעטער זיינען געווען שוסטער און שניידער.

די „מזרחי" אין שעדלעץ האָט איבערגעלעבט נאָר ביי וואלן, אויך דאן האָט די „צעירי־מזרחי" אויסגעפירט אלע וויכטיקע ארבעטן און געזאָרגט דערפאר, אז „מזרחי" זאָל ארויס מיט כבוד ביי די וואלן. אויפן מזרחי־חשבון דאָרף פארשריבן ווערן דער גוט־אָרגאניזירטער „חדר מזרחי" א. נ. „תורה ודעת", איך שענקעוויטשא 8, וועלכער איז געשאפן געוואָרן אין י. 1920. בראש זיינען געשטאנען: אפרים צעלניק, אייזנבערג (פון האָטעל), אלתר אייזנבערג (מאנופאקטור) א. א. אלע זיינען אומגעקומען ביי די נאצים. אין להבדיל בין החיים והמתים א. ד. גאָטעסדינער און מאָניש רידעל (געפינען זיך אין ישראל).

אין יאָר 1922 בין איך אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש, מיין השפעה אָבער ביי אונדז אין הויז, האָט געבראכט גוטע רעזולטאטן. ביידע ברידער מיינע, מנחם און זכריה, זיינען געוואָרן אקטיווע טוער אין „צעירי־מזרחי", צוזאמען מיט איסר ראָזענבערג א. א. היינט געפינען זיך אלע אין ישראל.

אברהם פרידמאַן

די קק״ל־באַזאַרן אין שעדלעץ

אָנהייבנדיק פון יאָר 1930, זיינען אין שעדלעץ פאָרגעקומען 8 טראַדיציאָנעלע באַזאַרן. זיי זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין די גרויסע און פּרעכטיקע לאָקאַלן פון „עזרת־יתומים״, אין די טעג פון חול־המועד פּסח, ווען דער ברייטער שעדלעצער עולם, האָט זיך מאַסנווייז געלאָזט שפּאַצירן איבער דער שטאָט, נאָכן אראָפּוואַרפן פון זיך דעם שווערן ווינטער־עול.

דורכצופירן אַזאַ באַזאַר איז באמת געווען אַ שווערע אויפגאַבע, עס האָט זיך געפאָדערט אַ דריי־חדשימדיקע צוגרייטונג, לויט אַ פאָרוים־אויסגעאַרבעטן פּלאַן, וועלכער האָט אַרומגענומען אַ ריי גרעסערע און קלענערע אונטערנעמונגען. באַזונדערס האָט מען יעדעס יאָר געמוזט זוכן נייע אויפטוען, כדי צו פאַראינטערעסירן די שעדלעצער באַפעלקערונג צו באַזוכן די באַזאַרן, ווייל מיט דער שטייגנדיקער פּרעקווענץ איז ממילא געוואַקסן די הכנסה פונעם באַזאַר.

אָנגעהויבן האָט זיך אַזאַ אַקציע מיט אַ רעקלאַמע אין דער ציוניסטישער צייטונג „שעדלעצער וואָכנבלאַט״. גלייכצייטיק זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן הונדערטער בריוו צו אינלענדישע גרויסע פירמעס און טיילווייז אויך קיין אויסלאַנד, ווענן רעקלאַמירן אויפן פאַדלאַשער באַזאַר זייערע אויסאַרבעטונגען. די זייף־פירמע „סטאַק״, שאָקאָלאַד־פירמע „פּלוטאָס״ און די פּולפּעדערן־ און טינט־פירמע „פּעליקאַן״, האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אויף די באַזאַרן. אויך די שעדלעצער גרעסערע פירמעס ווי טשיבוצקי, ראַדזינסקי און אַנדערע, האָבן אַ גאַנץ יאָר געוואַרט אויף די דריי באַזאַר־טעג, כדי צו ווייזן זייערע סחורות פאַר די טויזנטער באַזוכער.

די האַנטווערקער, מיט זייערע אויסגעאַרבעטע עקספּאָנאַטן, „וויצאָ״ מיט אירע שיינע געשטיקטע האַפטן זיינען אויך נישט געבליבן

הינטערשטעליק. כמעט די גאנצע שעדלעצער יוגנט האָט זיך באטיי־ליקט אין דער „שטובן־אקציע" און עס איז געווען זעלטן א הויז, וואָס זאָל זיך אָפּזאָגן צו געבן א גרעסערן אָדער קלענערן עקספּאָנאט.

די דערעפענונג פון באזאר האָט זיך אָנגעהויבן מיט א פאקלצוג פון דער גוט אָרגאניזירטער חלוצישער יוגנט איבער די שעדלעצער גאסן און א רעקלאמע אין קינאָ „שוויאטאָוויד". וואָס איז געוויזן געוואָרן אינעם זעלבן אָוונט, אויף אלע דריי סעאנסן. דאָס דערעפענונגס־וואָרט האָט כמעט שטענדיק געהאלטן דער לאנגיאָריקער מורשה פון קק"ל, א. ש. ענגלענדער. דערנאָך איז געקומען א רעפעראט פונעם פאָרשטייער פון צענטער, אָפטמאָל האָט רעפערירט אברהם ביאלאָפּאָלסקי (גע־שטאָרבן אין ישראל אין 1951). גלייך נאָכדעם זיינען די קיאָסקן ממש באלאגערט געוואָרן און דער עולם האָט געקויפט „מציאות", ביז שפּעט אין דער נאכט אריין.

אין די טעג פון די באזארן, זיינען א חוץ דעם חפצים־אויספארקויף, אויך פאָרגעקומען אין די יוגנט־קרייזן פארשידענע לאָטעריעס, רעפע־ראטן וועגן קק"ל און אייניקע טאנצאָוונטן, אויף וועלכע דאָס יונגווארג האָט זיך אָפּגעגעבן מען פאר זייער אָנגעשטרענגטער ארבעט. קיין צווייטע פארטיי אָדער געזעלשאפט האָט אין די דאָזיקע טעג נישט איינגעאָר־דנט וועלכע עס איז אונטערנעמונג, נישט וועלנדיק שטערן דעם קק"ל.

מיטן שלוסוואָרט האָט מען שטענדיק מכבד געווען דעם ה׳ פישל פאָפּאָווסקי (דרומי, היינט אין ישראל), וועלכער האָט געארבעט אין דער ווארשעווער קק"ל־צענטראלע, און איז אויף פסח געווען א גאסט אין שעדלעץ.

דער שענסטער באזאר איז געווען דער פערטער, וועלכער האָט פשוט פארכאפּט שעדלעץ, מיט זיינע העכער 1400 עקספּאָנאטן אויף די 8 באפוצטע טישן אין 2 פּראכטפולע קיאָסקן באמאָלט מיט אָריענטאלי־שע און ישראל־מאָטיוון. די ארבעט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די חברים פון „השומר הצעיר", זילבערשטיין און זילבערבערג, אונטער דער אויפזיכט פון זייערע מנהלים, דוד לעדערמאן און אליעזר בערענ־האָלץ (בר חיים, וואוינט אין ישראל, חיפה).

די געהעריקע באלויכטונג מיט די פארשידנפארביקע קליינע לעמ־פּעלעך האָט איינגעאָרדנט די פירמע האלבערשטאַט, צוזאמען מיט ה׳ שמואל דאָמב (היינט אין ישראל).

אויך די פּראָווינץ האָט זיך דעמאָלט באטייליקט מיט חפצים, אי־בערהויפּט מאקאביד, מיט איר לעבעדיקן אינוועטאר פון 5 טויבן אין א גרויסן האָן, וועלכער האָט זיך פון צייט צו צייט געלאָזט הערן... און ארויסגערופן הייטערונג אין זאל. אלע עקספּאָנאטן זיינען אויפן דאָזיקן באזאר אויספארקויפט געוואָרן און די ריינע הכנסה איז געווען העכער

3000 זלאָטעס, מער ווי א דריטל פון שעדלעצער קק"ל-בודזשעט פארן זעלבן יאָר. איך בין דעמאָלט געווען דער לייטער פון באזאר, און דער־פאר האָט מען מיך מכבד געווען מיטן איבערשניידן דעם באנד. א סך מיטגעהאָלפן אין דער ארבעט האָט די פריילין בעלא פינקעלשטיין, וועלכע האָט פיל ענערגיע אוועקגעגעבן דעם דאָזיקן באזאר.

אָנגעפירט מיט באזארן האָבן אויך וועלוול לעוו (היינט אין אמע-ריקע), ד. פאסאווסקי (היינט אין ישראל), יהושע עקערמאן, חוה דאָמב און פרוי מרים טשיבוצקי.

ליידער האָבן די צענדליקער מיטארבעטער און אָרגאניזאטאָרן פון יענע באזארן נישט דערלעבט די פארווירקלעכונג פון זייער אידעאל — ארץ ישראל. עס וויטיקט דאָס הארץ איבער זייער גרויזאמען טויט.

א. פרידמאַן

דאָס גערער שטיבל

(פון מיינע זכרונות)

אין שעדלעץ זיינען געווען חסידים מכל המינים. די צאָל פון אזעלכע חסידים האָט דערגרייכט ביז איבער טויזנט. באַזונדערס האָבן זיך אָנגעזען די גערער חסידים, אין א צאָל פון א 500 פּערזאָן.

אין דער תקופה פון „שפת אמת", ז"ל, און שפּעטער, אין דער צייט פון זיין זון ר' אברהם-מרדכי אלטער, ז"ל, וואָס האָט זוכה געווען צו שטאַרבן אין ירושלים, — האָט דאָס גערער חסידים-שטיבל אין שעדלעץ זיך געפונען אויף פּיענקנע-גאַס, 9, און פאַרנומען 2 גרויסע צימערן, מיט א רחבותדיקן ארומגעצוימטן פּלאַץ פון ביידע זייטן.

אין שבתים און אין יום-טובים האָבן זיך דאָ יידן אָפּגערוט. אום יום-כיפור, ביי די תפילות, איז א טייל עולם געזעסן אינדרויסן, און מ'האָט זיך כסדר געטוישט מיט די ערטער מיט די מתפללים פון אינעווייניק, וואו עס איז געווען אַן אויסערגעווייגלעכע היץ.

דער בנין פון חסידים-שטיבל איז מיט א כוונה געווען פאַררוקט ווייט אין הויף, כדי צו זיין אָפּגעטיילט פון די ארומיקע פּראָנט-בנינים, פון דער פּיענקנע-גאַס, 7 און 11, מיט זייערע האָטעלן, שיכורים און פריילעכע עלעמענטן.

די „פּני" פון גערער שטיבל, קאָן מען זאָגן, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם בעסערן טייל פון שעדלעצער חסידות. עס איז כדאי אויסצורעכענען זייערע נעמען: דער מורה-הוראה, ר' ישראל מאַרדיקס (זיין זון, שלמה, לעבט היינט אין ישראל, אין רעננה); די דריי שעדלעצער שוחטים — זלמן גרינבערג (זיין זון, מרדכי, וואָס האָט געלעבט א שטיק צייט אין ישראל, איז דאָרט געשטאָרבן אין יאָר 1954); שמעון קליינלערער (זיין זון, ישראל-מאיר, וואוינט אין ירושלים); יצחק-מאיר עפּעלבוים. ווייטער זיינען געווען אין דעם שטיבל: ר' ישראל גוטגעלד, ר'

שלמה-שמואל אבארבאנעל (זיינע 2 טעכטער, שיינדל און טויבע, לעבן אין ישראל); הענעך שטיינבערג (זיינע 2 זין, משה און א יינגערער, זואוינען אין תל-אָביב); יואל סלושני, בן-ציון צוקער, ישראל ליבערמאן זיין זון, שמעון, וואוינט אין תל-אָביב); די ברידער יחיאל און נחום האלבערשטאט, וועמעס קינדער ס'וואוינען אין ישראל; די זקנים און תלמידי-חכמים — ר' חיים שו"ב, ר' ישראל סיני (זיידנציינג), ר' יעקב-בער רובינשטיין, ר' שמעון פורסעווער (מוהל) און די ברידער יאָשע און מאָטל מינץ.

מיין פאָטער ר' קלמן פרידמאן, איז דאן געווען דער גבאי אין דעם דאָזיקן שטיבל, און דער שרייבער פון די שורות — דער בוכהאלטער פון תיקון-ספרים און שמחת-תורה-הקפות.

די דאָזיקע בוכפירונג איז ניט געווען פון די לייכטע זאכן — מ'האָט געמוזט פאר יו"ט זיך איינשאפן אייגענע פאפירענע „מטבעות", אויס-פארטיקן קאָנווערטן פון אלע מתפללים, און אין יו"ט, ווען מ'טאָר ניט שרייבן, האָט מען פאר יעדן קויפער פון א הקפה אָדער אן עלייה, גע-קניישט דאָס געמאכטע פאפיר-געלט און אריינגעלייגט אין זיין קאָנ-זוערט. דאָס האָט געדארפט געטון ווערן בליץ-שנעל, כדי ניט אָפצוהאלטן דעם הקפה- און עלייה-פארקויפער.

צוליב דער גרויסער ענגשאפט און, אגב, צוליב אָפטע חלוקי-דעות צווישן פארשידנארטיקן עולם פון דאָזיקן שטיבל, האָבן זיך שפעטער די מתפללים צעטיילט אזש אויף דריי באזונדערע שטיבלעך.

אין די קרייזן פון די גערער חסידים זיינען געווען פארביסענע קעגנער פון ציוניזם, און דער ארץ-ישראל-געדאנק, אָדער דער קרן-קיימת, זיינען געווען פאר זיי טרייף.

ס'זיינען אויך געווען אזוי גערופענע „פארעווע" חסידים, וואָס האָבן ניט מקפיד געווען מיטן פאָרן קיין גער און האָבן זיך געפירט אביסל וועלטלעך און געווען אביסל אָנגעשמעקט מיט סימפאטיע אויף פאר ארץ ישראל.

אינטערעסאנט איז, אז כמעט פון די אלע „האלב-כשרע" חסידים, זיינען איצט זייערע קינדער דאָ אין ישראל, און עס איז נאָר א שאָד, וואָס די עלטערן האָבן נישט דערלעבט עס צו זען מיט זייערע אויגן; זיי וואָלטן זיכער איצט געווען געטרייע בירגער פון דער יידישער מדינה.

ישראל טאבאקמאן (נתניה).

די טעטיקייט פון „פועלי־ציון"
אין שעדלעץ

אין די ווייטער־געבראכטע זכרונות וועל איך מיך באמיען איבער־צוגעבן אלץ, וואָס מיר איז באקאנט פון דער ציוניסטיש־סאָציאליסטי־שער טעטיקייט אין שעדלעץ, פארן אנטשטיין פון דער פארטיי „פועלי־ציון" און נאָכן מינסקער צוזאמענפאָר, ווען די ציוניסטיש־סאָציאליסטי־שע גרופירונגען האָבן זיך אָרגאניזירט און געשאפן דעם „פועלי־ציון־ארבעטער־פארבאנד", אין וועלכן עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן די שעדלע־צער נאציאָנאל־געשטימטע ארבעטער, וואָס האָבן פריער געהערט צום „בונד", אָדער צו דער אלגעמיינער ציוניסטישער באוועגונג. מיינע זכרו־נות נעמען ארום דעם פעריאָד פון 1903, ביז מיין פארלאָזן פוילן, אין 1921.

אינמיטן פון יאָר 1903 איז א גרופע שעדלעצער בחורים און מייד־לעך, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט באפרידיקן מיטן פראָגראם פון „בונד", אוועק פון דער דאָזיקער באוועגונג; די סיבה פון איבעררייסן מיטן „בונד" איז געווען פאָלגנדיקע:

מיר אלע זיינען פאָליטיש דערצויגן געוואָרן אויף די „בונדישע" אגי־טאציע־בראָשורן, די ביכעלעך פון פליספאפיר, וועלכע האָבן אונדז דער־ציילט וועגן העלדישן קאמף פון רוסישן פראָלעטאריאט קעגן צאריזם, וועגן ריזיקע שטרייקן פון צענדליקער טויזנטער ארבעטער קעגן די קאַ־פיטאליסטן, וועגן ארעסטן, תפיסות און טויטשטראָף. דאָס אלץ האָט געווירקט אויף אונדזער עטיש געפיל, און מיר זיינען גרייט געווען צו קעמפן קעגן צאריזם און קעגן עקספלואטאציע. אָט דעם קאמף האָבן מיר אריבערגעפירט אויף דער יידישער גאס אין שעדלעץ — קאמף קעגן לאנגן ארבעטסטאָג, פאר בעסערע לוינען, פאר בעסערער באהאנדלונג, אדג"ל. אָבער ווי נאָר מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אונדזערע קעגנער אויף דער

יידישער גאס, מיט די מ'שטיינס־געזאָגטע שעדלעצער „קאפיטאליסטן", וואָס האָבן די ווארשטאטלעך צווישן די בעטן, ווען מיר האָבן זיך אָנ־געטראָפן בעת א שטרייק מיט די געוויינען פון די „פאבריקאנטישע" ווייבער, וואָס האָבן זיך געבעטן: „וואָס ווילט איר פון אונדז? אדרבא, נעמט צו מיין מאן צו דער ארבעט, וועל איך אמווייניקסטנס האָבן אויף שבת", — האָבן מיר אָנגעהויבן קוקן אויף דער ווירקלעכקייט מיט אנדע־רע אויגן.

אָט ביי דער דאָזיקער טאָג־טעגלעכער, פראַקטישער פראָפעסיאָנע־לער טעטיקייט צווישן די יידישע ארבעטער, איז אונדזער באגייסטערונג אָפּגעקילט געוואָרן. אנטוישטע האָבן מיר זיך געפרעגט: „צי איז דאָס דער זעלבער קאמף, וועגן וועלכן מיר האָבן געלייענט אין די בראָשורן? צי וועט אזא מין קלאסנקאמף פירן די יידישע ארבעטער צום סאָציא־ליזם?" אין אונדזערע מוחות האָבן אָנגעהויבן זיך וועבן נייע געדאנקען. מיר האָבן אָנגעהויבן פארשטיין, אז דער קלאסנקאמף מוז אויף דער יידי־שער גאס געפירט ווערן מיט אנדערע מעטאָדן, מ'מוז האָבן אן אנדערן צוגאנג צום יידישן לעבן. עס איז אונדז ענג געוואָרן אין די רייען פון „בונד". דער שעדלעצער „בונד" האָט דערפילט אין אונדז א פרעמדן עלע־מענט און אונדזער גרופע —א צענדליק יוגנטלעכע— ארויסגעשלאָסן פון דער פארטיי. איך בין שוין דעמאָלט געווען אן אגיטאטאָר אויף דער בונ־דישער בערזע און געהאט אן „איינפלוס אויף דער מאסע". איז מיר טאקע געלונגען ארויסצוציען פון „בונד" נאָך א צוויי צענדליק יוגנטלעכע. אזוי האָבן מיר, א דרייסיק יוגנטלעכע, ארומגעבלאָנדזשעט, ביז דער ציוניזם האָט אונדז אויפגעכאפט.

די אנטשטייאונג פון „פועלי־ציון"

אויך אין די ציוניסטישע רייען האָבן מיר נישט געפונען קיין באפרי־דיקונג. ווי איך געדענק, איז אין שעדלעץ, אין יאָר 1903, געווען א גע־זעלשאפטלעכער און אידעאישער אויפברויז אויף דער יידישער גאס. עס זיינען פאָרגעקומען עקזאַמישע קאמפן. די יידישע יוגנט איז געוואָרן אויפגעטרייסלט פון קישענעווער פאָגראָם. די יידישע ארבעטער זיינען כמעט אלע געווען אָרגאניזירט אין די שוין עקזיסטירנדיקע פארטייען — „בונד" און פ. פ. ס., ביי די אלגעמיינע ציוניסטן, אין „התחיה", און אויך אין מנינים. א סך געגרייטע שוסטער זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין מנין פון די בחורים, וואָס האָבן געהאט אן אייגן „שטיבל", וואו זיי האָבן געדאוונט יעדן שבת און איינגעאָרדנט פארשידענע שמחות.

יעדע געשעעניש אין יידישן לעבן אין צארישן רוסלאנד, ווי אויך

אויף דער גאָרער וועלט, די קאמפן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן וועגן פּאַלעסטינע און אוגאנדא — אלץ האָט זיך שטארק אָפּגערופן ביי די באַוואוסטזיניקע יידישע ארבעטער אין שעדלעץ. אָט אין דעם דאָזיקן אידעאישן געראנגל איז געבוירן געוואָרן אין שעדלעץ די ציוניסטיש־סאָציאליסטישע באוועגונג. די אויסגעשלאָסענע פון „בונד", וואָס האָבן נישט געטאָרט ארויפקומען אויף דער בונדישער בערזע, האָבן זיך געשאפן אן אייגענע בערזע קעגן איבער דער בונדישער. דאָרט פלעגן מיר זיך צוזאמענקומען 3 מאָל אין וואָך, וואו מיר פלעגן דיסקוטירן און באַשטימען, וואָס מיר זאָלן ווייטער טאָן. מיר האָבן באשלאָסן נישט איבערצורייסן מיט די חברים און ארבעטער פון „בונד" און באמיען זיך צו ברענגען זיי אויף אונדזער בערזע. מיר האָבן שוין געהאט א געוויסן פּראָגראם פאר אגיטאציע, וואָס מיר פלעגן פירן צווישן די ניי־צוגעקומענע. אינטערעסאנט איז דאָס פּאָליטישע פּראָגראם, וואָס מיר אליין האָבן זיך געשאפן: דער יידישער ארבעטער מוז ווייטער פירן דעם קלאסנקאמף פאר זיינע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן, טראָצדעם, וואָס דער קאמף פירט צו גאנץ אנדערע רעזולטאטן, ווי ביי פעלקער מיט א נאָרמאלן לעבנסשטייגער. ׳אָפטמאָל איז אזא קאמף גורם, אז דער אָרעמער מייסטער מיט די ארבעטער מוזן עמיגרירן קיין אמעריקע. ביי אנדערע פעלקער פירט די טעכנישע אנטוויקלונג און דער קאמף פון די ארבעטער צום אינטערגאנג פון די קליינע אונטערנעמונגען און עס שאפן זיך גרויסע אינדוסטריאליזירטע פאבריקן, וואו עס ווערן קאָנצענטרירט טויזנטער ארבעטער. די מאסן פּראָלעטאריזירן זיך און דער קאפּיטאל קאָנצענטרירט זיך אין ווייניקע הענט און דאָס איז דער וועג צום סאָציאליזם. דאקעגן זשע, די רעזולטאטן פון קלאסנקאמף, וואָס עס פירט דער יידישער ארבעטער, איז די אויסוואנדערונג. די אויסוואנדערונג דארף געריכטעט ווערן קיין פּאַלעסטינע, וואו ס׳ווערט געשאפן די נאָרמאלע באזע פארן קלאסנקאמף, וואָס פירט צו דעם סאָציאליזם.

מיט דעם פּראָגראם האָבן מיר צוגעצויגן צענדליקער ארבעטער אויף אונדזער בערזע, אָבער מיר זיינען נישט געווען זיכער מיט אונדזערע מיינונגען און מיטן אופן פון באהאנדלען די דאָזיקע פּראָבלעמען. מיר האָבן זיך דערשראָקן פאר דער באוועגונג, וואָס מיר האָבן ארויסגערופן. די טעאָרעטיקער פון דער נייער באוועגונג זיינען געווען: איך און מאָטל קאזשעניצקי. נישט וויסנדיק, ווי זיך צו רופן, האָבן מיר זיך געגעבן א נאָמען: „די נייע ארבעטער־ציוניסטן".

מיר האָבן באשלאָסן צו שיקן א חבר קיין ביאליסטאָק, ווייל מיר האָבן געהערט, אז דאָרט איז דער צענטער פון אזעלכע בלאָנדזשענדיקע גרופּן. דער גורל איז געפאלן אויף מיר. איך זאָל פאָרן געוואויר ווערן צי איז פאראן אזא פארטיי, און צי איז דאָ א ליטעראטור און ווי דער נאָמען

פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, און דאָס וויכטיקסטע — פאַרבינדן זיך מיטן צענטער און ברענגען א חבר. דערווייל האָט זיך געטומלט ביי אונדז אין שטאָט מיט דער נייער באַוועגונג, ריכטיקער געזאָגט: מיט דער נייער ברזע, וואָס האָט אין געוויסע אָוונטן צוגעצויגן א היפּש ביסל אַרבע־טער, דאָס רוב קאָמאַשן־מאַכער און אָנגעשטעלטע. אין אלע פּאַרטייען האָט מען גערעדט וועגן אונדזער געוואַגטקייט און ווי עס ווייזט אויס האָט מען זיך זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אונדז ביי די ציו־ניסטן. ווי איך האָב שוין אויבן געשריבן, איז דעמאָלט אויך געווען א געוויסע אומצופרידנקייט אין די ציוניסטישע רייען. ציוניסטן מיט לינקע שטרעבונגען האָבן געוואָלט זיך פאַראייניקן מיט אונדזער גרופּע.

אין א געוויסן טאָג האָב איך דערהאַלטן אן איינלאַדונג צו קומען אויף פלאָריאַנסקע גאס צו אָשר קראַמאַרזש, וואו עס וואַרט אויף מיר א פּערזאָן מיטן נאָמען גורעוויטש. איך האָב זיך באַלד אָנגעשטויסן וואָס דאָס באַדייט, און באַשלאָסן מיטצונעמען אהין מאָטל קאַזשעניצקי. אין באַשטימטן אָוונט זיינען מיר אַוועק צו אָשר קראַמאַרזש און דאָרט גע־טראָפן 2 פּערזאָן. איינער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס גורעוויטש און דער צווייטער אלס קאַפּלאַנסקי. גורעוויטש איז גלייך צוגעטרעטן צום עצם ענין.

ער האָט אונדז ־דערקלערט, אז ער ווייסט אונדזער פאַרגאַנגענהייט און קען אונדזער איצטיקע אַרבעט, און דעריבער לייגט ער אונדז פאָר, אז מיר זאָלן אַריינטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע „התחיה", וואָס באַ־שטייט פון אַרבעטער און אינטעליגענץ. די אידעע פון „התחיה" איז אויפצולעבן דאָס יידישע פאָלק אויף סאָציאַלע יסודות. „התחיה" האָט א קענגנוואַרטס-פּראָגראַם פון אַרבעט אין גלות, ווי: קולטור-אַרבעט, אָרגא־ניזירן זעלבסטשוץ א. א. וו. נאָך א צוויי-שעהדיקער אויפקלערונג און פראַגן מיט תשובות, האָבן מיר אים צוגעזאָגט צו געבן ענטפער אין א פּאָר טעג אַרום, און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט און אַוועק.

נאָך דעם וויזיט זיינען מיר געווען ווי צעמישט פון די אלע אַרויס־געזאָגטע פאַר אונדז נייע געדאַנקען. אזוי פּשוט און לאָגיש האָט ער פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט די זווירטשאַפטלעכע לאַגע פון יידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט, גאַנץ באַזונדער אין דער רוסישער אימפּעריע. אזוי קלאָר האָט ער גערעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם, עמיגראַציע, אז עס איז נישט מעגלעך געווען אים צו באַשטרייטן. גורעוויטש האָט אויף אונדז געמאַכט א צווייענדיקע ווירקונג — פון איין זייט א מענטש אן אינטע־ליגענט, אָנגעזאַפּט מיט א סך וויסן, זיין רעדן: סאָלאָן-מעסיק אָבער טיפ־זיניק, און פון דער צווייטער זייט — דאָס אַוועקמאַכן כמעט מיט דער האַנט, דעם קלאַסנקאַמף, וואָס עס פירן די יידישע אַרבעטער פאַר פאַר־בעסערן זייער לאַגע. זיין צוגאַנג צו די אלע יידישע פּראָבלעמען איז גע־

ווען כמעט ווי א רעליגיעזער, און דאָס האָט אונדז א ביסל שאָקירט. מיר האָבן זיך אָבער נישט געוואָלט שיידן מיט דעם מארקסיזם, אָבער נאָך א לאנגער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך געצויגן א פּאָר טעג, האָבן מיר באַשלאָסן אריינצוטרעטן אין דער אָרגאניזאציע „התחיה", כדי צו האָבן א דאך איבער אונדזערע קעפּ און אויך א נאָמען.

אויף דער ערשטער פייערלעכער זיצונג זיינען געווען פון אונדז דריי פּערזאָן: ישראל טאבאקמאן, מאָטל קאזשעניצקי און אברהם זילבערשטיין. פון „התחיה" איז געווען דער גאנצער קאָמיטעט, וואָס איז באשטאנען פון: גורעוויטש, פּרץ קאמאר — א שוסטער, שלמה וויינטרויב — א גימנאזיסט, מאיר ראָזענוואסער — געארבעט ביי דעם פאָטער ציגארעטן, ליבע אייזענשטאט — א גימנאזיסטין און מאָטל בערנבוים — אן איינבינדער. די זיצונג איז געווען זייער א פייערלעכע. מ'האָט באַשלאָסן, אז מיר פירן וויטער אונדזער פּראָלעטארישע ארבעט אויף דער בערזע און מיר דינגען א צימער פאר אומלעגאלער ארבעט, ווייל אויף דער בערזע האָט מען נאָר געפירט פּראָפּאגאנדע.

מיר האָבן זיך גאָר גיך איינגעלעבט מיט די חברים פון „התחיה". איך האָב דערפילט, אז די חברים פון „התחיה" זיינען נישט צופרידן נישט בלויז פון דער אָרגאניזאציע נאָר אויך פון דעם פירער גורעוויטש, וואָס דרינגט ארויס דעם סאָציאליזם פון דער תורה. אינצווישנצייט האָבן מיר זיך באקענט מיט דעם ציוניזם. א שטארקן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאכט די ערשטע ארטיקלען פון בער באָראָכאָוו וועגן די יידישע ווירטשאפטלעכע פראגן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דעם ציוניסטישן רוסישן זשורנאל „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן". מיר האָבן געשלונגען יעדעס פאר אונדז ניי וואָרט. מיר האָבן דערזען א נייע וועלט פון לערנען און דענקען. פון די ארטיקלען האָבן מיר ארויסגעדרונגען, אז אונדזער פּראָגראַם, וואָס מיר האָבן זיך געשאפן איז אין איינקלאנג מיט די ארטיקלען פון באָראָכאָוון. האָבן מיר פארשטארקט אונדזער ארבעט, אָרגאניזירט א זעלבסטשוץ און זיך פארשאפט געווער, רעוואָלווערן און קינזשאלן, געמאכט ספּעציעל ביי א שמיד. מיר האָבן געפירט איינצלנע שטרייקן פון קאָמאשן־מאכער און אָנגעשטעלטע, וואָס זיינען אדורך מיט דערפאָלג. מיר האָבן אויך געפירט דיסקוסיעס מיטן „בונד" אלע ארטיקלען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" פון באָראָכאָוון — האָבן מיר איבערגעזעצט אין יידיש און פארשפּרייט צווישן די ארבעטער, וואָס האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט מיט באגייסטערונג. די גאנצע ארבעט איז שוין געפירט געוואָרן אין גייסט פון בער באָראָכאָוו.

אונדזערע חברים האָבן זיך שוין געציילט אין די הונדערטער. אונדז איז געוואָרן ענג אין די ראַמען פון „התחיה", און מיר האָבן געזוכט א וועג, ווי זיך צו באפרייען פון דעם נאָמען „התחיה" און פון דעם פירער

גורעוויטש. סיי ווי האָט זיך גורעוויטש זייער ווייניק באַטייליקט אין אונדזער אַרבעט, ווייל, ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, איז גורעוויטש געווען אַ סאָלאַנמענטש און נישט געקענט נעמען קיין אָנטייל אין קיין אומלעגאַלער מאַסן־אַרבעט. ער איז אויך געווען אַן אָפּיציעלער מענטש, אַ לערער ביי די ציונים אין דער העברעאישער שול און זיך נישט גע־וואָלט באַטייליקן אין קיין אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. צוליב די סיבות האָט ער נישט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל אין דער פּראַקטישער אַר־בעט. אין שטאָט האָט מען אונדז שוין גערופן אויף דעם פּאַרטיי־נאָמען „פּועלי־ציון", אָבער אָפּיציעל זיינען מיר נאָך געווען „התחיה", ביז עס איז געקומען די געלעגנהייט און מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט אַלס „פּועלי־ציון" אין שעדלעץ.

אין משך פון דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך גערופן „התחיה", האָבן מיר זיך דערוואָרבן הונדערטער חברים. צו די אַקטיווע אָנפירנ־דיקע חברים האָבן געהערט: ישראל טאַבאַקמאַן, מאָטל קאַזשעניצקי, מאיר ראָזענוואַסער, מאָטל בערנבוים, פּרץ קאַמאַר, גבריאל שלעכטער, מאָטל טייבלום (מאָטל חסיד), מנחם (היינט אין ישראל און רופט זיך מנחם בן הלל), נחום סלושני, משה גרינגאָלד, אברהם זילבערשטיין. אין אונדזער באַזיץ איז שוין געווען אַ שיין ביסל ליטעראַטור. אַ שטאַרקן איינדרוק האָבן געמאַכט אויף אונדז די נייע סעריע אַרטיקלען פון בער באָראָכאָוו אין „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" — „די קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע".

מיר זיינען אינגאַנצן געוואָרן באָראָכאָווס תלמידים. מיר האָבן אַליין געלערנט און געלערנט אויף דער בערזע אַלע אַנדערע חברים. מיר האָבן אויך געפירט צווישן מיידלעך אונדזער אַרבעט. צו דער חבר־טע ליבע אייזענשטאַט איז צוגעקומען אַ גאַנצע ריי חברטעס: איטקע קאַהאַן, איטקע סלושנע, חנה סלושנע, אַט די אַלע חברים האָבן באַריי־כערט אונדזער באַוועגונג.

אין דער זעלבער צייט איז אין שעדלעץ אַנטשטאַנען אַ פּאַרטיי, וואָס האָט זיך גערופן „ציוניסטן־סאָציאַליסטן" (ס. ס.). בראש פון דער פּאַרטיי איז געשטאַנען אַ געוויסער באַיאַרסקי, אַ גימנאַזיסט פון 7טן קלאַס, וואָס איז געקומען פון טיף רוסלאַנד מיט זיינע שוועסטער און ברודער צו לערנען אין שעדלעצער גימנאַזיע, משה צוקער, אברהם גע־בעל און זילקע קאַווע דעם רעסטאָראַטאָרס אַ זון. עס האָבן זיך געפירט העפטיקע דיסקוסיעס. עס איז געווען בעת דער רעוואָלוציע און די אָק־טאָבער־פּאָגראָמען (1905). די יידישע מאַסן זיינען געווען צעטומלט. די ס. ס. האָבן אַרויסגערוקט אַרגומענטן, אַז דאָס יידישע פאָלק גייט אונ־טער, מ׳קען נישט וואַרטן אויף פּאַלעסטינע. מיר מוזן תיכף האָבן אַ טעריטאָריע. דאָס האָט געווירקט און אַריינגעצויגן אין זייערע רייען אַ

גרויסע צאָל יידישע ארבעטער. די דיסקוסיעס זיינען געווען מיינסטנס מיט „פּ. צ.". מיר האָבן נישט געוואָלט צולאָזן קיין קאָנקורענץ־פּאַרטיי.

ווענן דער עקזיסטענץ פון „פּועלי־ציון" אין שעדלעץ האָט מען זיך דערוואוסט אין ביאַליסטאָק. פון דאָרט האָט מען געשיקט א מענטש מיט א חודשלעכן זשורנאל — „דער פּראָלעטארישער געדאנק". די אר־טיקלען פון דעם זשורנאל האָט מען באמת געדארפט לערנען. דער חבר האָט אונדז געגעבן פּראקטישע אָרגאניזאציאָנעלע אָנווייזונגען און געלאָזט אן אדרעס, וואוהין זיך צו ווענדן סיסטעמאטיש, ווען מ'וועט דארפן און איז אוועקגעפאָרן. אין דער צייט האָט זיך אין שעדלעץ באַוויזן א געוויסער אלטער גאָטליב (היינט אין ישראל, רופט זיך בן־ציון ידידיה), ער האָט דאן געמאכט די אמתע „רעוואָלוציע" אין שעדלעץ. ער האָט זיך געמאָלדן צו מיר, אז ער איז פון „פּועלי־ציון". דעם ערשטן רעפעראט האָט מען אים איינגעאָרדנט אין ציוניסטישן בית־המדרש, וואָס איז דעמאָלט געווען ביי איצע מאלעס אויף דער פּיענקנע גאס. דער זאל איז געווען געפּאקט. פון אלע פּארטייען זיינען געווען די מער באַוואוסטזיניקע. אזא רעפעראט האָט נאָך שעדלעץ נישט געהערט. ער האָט געגעבן א 3־שעהדיקן אנאליז פון דער ווירטשאפטלעכער לאגע פון יידישן פאָלק. דער גאנצער עולם איז געוואָרן מיטגעריסן מיט זיין רעדע.

מיט גאָטליבס ארויסטריט איז די דיסקוסיע נישט געווען פארענ־דיקט. אויסנוצנדיק דאָס וויילן פון 2 דעלעגאטן צום 6טן ציוניסטישן קאָנגרעס, יוסף שפּרינצאק, היינטיקער כנסת־פּאָרזיצער און יעקב שטיינבערג, האָט מען באשטימט א דיסקוסיע־אָוונט א־יף א פּרייטיק צו נאכטס. לעגאל האָט מען דאָס נישט געקענט איינאָרדענען. רוזשע לער־נער, א חברטע אין „התחיה" האָט אונדז געגעבן א לאָקאל אין דעם נייעם הויז, וואָס איר פאָטער, יעקב לערנער, האָט אויסגעמויערט אויף אָגראדאָווע גאס. קיין לאָקאטאָרן זיינען נאָך דאָרט נישט געווען. אין דעם הויז איז פאָרגעקומען די דיסקוסיע, וואָס האָט געדויערט פון פריי־טיק צו נאכטס ביז שבת ביינאכט, אָן איבעררייס. עס האָבן בייגע־וואוינט די דיסקוסיע אלע ציוניסטישע גר־פּירונגען, אויך „ס. ס.". די רעפערענטן זיינען געווען: גורעוויטש, די צוויי דעלעגאטן און אלטער גאָטליב. אויף צו מאָרגנס, אויף דער לעצטער זיצונג, נאָך א קורצן באַ־ריכט און קורצער דיסקוסיע, האָבן מיר באשלאָסן צו גרינדן די פּארטיי „פּועלי־ציון". אזוי איז אנטשטאנען די „פּועלי־ציון" אין שעדלעץ. אין דעם נייעם פּארטיי־קאָמיטעט זיינען אריין: ישראל טאבאקמאן, מאיר ראָזענוואסער, גבריאל שלעכטער, מאָטל טייבלום, מאָטל קאזשעניצקי, ליבע אייזענשטאט, מאָטל בערענבוים.

אין רעוואָלוציע־פּעריאָד (1905)

מיר זיינען אזוי געוואקסן אין שעדלעץ, אז קיין שום פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע אקציע איז נישט אדורכגעפירט געוואָרן אָן אונדז. מיר זיינען געווען פאַרטרעטן אין דער זעלבסטשוץ, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט פון „בונד", „פּ. פּ. ס.", „פּ. צ.". מיר האָבן איינגעטיילט די שטאָט אין ראַיאָנען, וואו יעדע נאכט האָבן געוואכט גרופּן מיט געווער. מיר האָבן אויך געשיקט גרופּן פון זעלבסטשוץ אין דער פּראָווינץ.

דער גרויסער שטרייק פון די האנדלס־אָנגעשטעלטע אין שעדלעץ איז געפירט געוואָרן דורך די דריי פּאַרטייען מיט דריי סטעמפּלען: „בונד", „פּ. פּ. ס.", „פּועלי־ציון" און איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דערפּאָלג. עס איז כדאי צו דערמאָנען דעם שטרייק פון די געגריוועטע שוסטער, וואָס האָט זיך פּאַרצויגן אויף לאַנגע וואָכן.

אין שעדלעץ זיינען געווען אייניקע משפּחות, וואָס האָבן זיך גערופן „קאָשעצעס". ביי זיי אין די הענט איז געלעגן דער גאנצער האנדל מיט פּרוכטן. צו זיי האָבן געהערט אלע סעדער פון פּרוכטן, אלע קיאָסקן און דער האנדל פון פיש. דער הויפּט־סוחר פון אויבסט איז געווען ווינדער קאָשעץ, א הויכער ברייטפּלייציקער ייד, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט פאַר אים מורא געהאט. דער ראש פון פישהאנדל איז געווען יידל האָל, א הויכער פעסטגעבויטער פּאַרשוין. פון הויכקייט זיינען ביי אים די פּלייצעס געווען איינגעבויגן. געווען ביי די „קאָשעצעס" צוויי ברידער — שמילקע און איטשע, וואָס האָבן געהאט פאַבריקן פון געגריוועטע שיך. ביי זיי איז פּאָרגעקומען א שטרייק. שמילקע איז געווען דער, וואָס איבער אים האָט זיך דער שטרייק פּאַרצויגן אויף וואָכן. די חברים פון שעדלעץ האָבן צו וויסן געגעבן אין ווארשע, אז די דאָרטיקע חברים זאָלן זיך אָפּרעכענען מיט שמילקען. עס איז דער־גאַנגען צו קעגנזייטיקע געשלעגן. די „קאָשעצעס" אין שעדלעץ האָבן באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין דער ארבעטער־באוועגונג און אָפּצורוי־מען די בערזעס, בעיקר זיך נוקם צו זיין אין די דריי פּאָרשטייער פון די פּאַרטייען — „בונד", „פּ. פּ. ס." און „פּועלי־ציון": שאלקע זובראָ־זוויטש (שאלקע ווייעטריק), זלמן בורשטיין (זלמן פּריץ), ישראלקע טאָ־באקמאַן (סראָלקע דעם גלעזערס), היינט אין ישראל.

די חברה „קאָשעצעס" זיינען ארום מיט געווער אויף די בערזעס און צעיאָגט די חברים און די דריי פּאָרשטייער האָבן זיך געמוזט אויס־באַהאלטן. די שטאָט האָט געקאָכט ווי אין א קעסל. מיר האָבן באַלד אוועקגעשיקט א שליח קיין ווארשע צום צ. ק., ווייל גרעסערע קאָנ־פליקטן פלעגט שטענדיק ווארשע דערליידיקן. (אזוי איז אויך געווען מיט די סטאָלאר־שטרייקן און אנדערע). עס האָט זיך אָנגעהויבן א

קאמף מיט די „קאַשעצעס". מיט דער הילף פון די אָרגאניזאציעס פון אנדערע שטעטלעך האָט מען די פישער און די אויבסט-סוחרים פאַר־יאָגט פון אלע מערק און פון פישהאנדל. די געשלעגן מיט די שטאַרקע האָבן זיך געצויגן וואָכן. יידל האָל איז געקומען צעהרגעט און אָן פיש. יידן האָבן אין שעדלעץ נישט געהאט קיין פיש אויף שבת. עס האָט אָנגעהויבן אויסצופוילן אין שטאָט גרינס און אויבסט. צוויי וואָכן האָט געדויערט דער קאמף. קיין שעדלעץ איז געקומען א גרויסע באַיואוקע פון מינסקער יינגלעך.

די „קאַשעצעס", זעענדיק אז זיי וועלן נישט געווינען און אויך די שטאָט האָט אָנגעהויבן צו ליידן, ווייל שוין דעם צווייטן שבת איז נישט געווען קיין פיש און אויבסט, האָבן די חברה געשיקט אויף דער בערזע זייערע שליחים, מ'זאָל זיך אויסגלייכן. מיר זיינען אוועק אין א שטוב, דאָרט איז געווען געגרייט א פאס ביר מיט שנאפּס, ביידע צדדים האָבן ארויסגעלייגט דאָס געווער אויפן טיש און גענומען אונטערהאנדלען. דער סוף איז געווען, אז מען האָט באשטראָפט שמילקען מיט א סומע געלט, איך געדענק נישט וויפל. און זיי האָבן צוגעזאָגט צו העלפן דעם שטרייק צו געווינען און צווינגען די מייסטער זיי זאָלן באצאָלן פאַר דער שטרייקצייט. מיר, פון אונדזער זייט, האָבן זיי ארויסגעגעבן בריוו אין די אלע שטעט געחתמעט מיט דריי סטעמפּלען, „בונד", „פּ. פּ. ס." און „פּועלי-ציון" — מ'זאָל נישט טשעפּען די „קאַשעצעס" און לאָזן זיי ווייטער נאָרמאל האנדלען.

ביאליסטאָק, געוואויר ווערנדיק, אז די „פּועלי-ציון"־באוועגונג וואקסט פון טאָג צו טאָג, האָט אונדז צוגעשיקט א חבר פון סעמיאַטיטש, דעם חבר משה פּאכטער. עס איז אויך געווען די חברטע קאפּלאן פון סעמיאַטיטש. מיר האָבן דעמאָלט איינגעאָרדנט די דיסקוסיע אין גערער שטיבל און ביי משה גאָלדבערג. מיר האָבן אויך געהאט צוויי אומלע־גאלע צימערן. איין צימער איז געווען אויף דער קאָליע גאס, קעגן אי־בער דער צערקווע; מיר האָבן נישט געוואוסט, אז דאָרט האָבן אויך געהאט זייערע אומלעגאלע צימערן דער „בונד" און „פּ. פּ. ס.". אין א געוויסן טאָג האָט מען אונדז נאָכשפּיאָנירט, און די צימערן זיינען דורכ־געפאלן. מיר האָבן נאָך באוויזן ארויסצוראטעווען אונדזער ליטעראטור און דאָס געווער, וואָס מיר האָבן געהאט אין דעם צווייטן צימער אויף פּיענקנע גאס. ביינאכט זיינען פאָרגעקומען רעוויזיעס, אָבער מ'האָט קיינעם נישט געטראָפן.

מיר פלעגן זיך אויך באטייליקן אין די אומלעגאלע דעמאָנסטראַ־ציעס און דעמאָנסטרירן מיט די פענער. איידער די קאָזאקן זיינען גע־קומען האָט מען שוין די פענער געהאט פאַרוויקלט און זיך שפּאצירט אויף די טראָטוארן. דאָס אָפּנארן זיי פלעגט זיי ברענגען אין אזא רציחה,

אז אויפן וועג פלעגן זיי הרגענען, ווען זיי האָבן אָנגעטראָפן. עס איז נישט געווען קיין איין געביט פון ארבעט ביי אונדז אין שטאָט, וואו „פועלי-ציון" זאָל נישט זיין באטייליקט.

נאָכן דורכפאלן פון אונדזערע אומלעגאלע קווארטירן, האָבן מיר זיך איבערגעטראָגן אויף פלאָריאנסקי גאס, ביי אברהם סלושני, אויפן דריטן שטאָק. אין דעם אומלעגאלן צימער האָבן זיך איינגעאָרדנט צוויי חברים: מאיר ראָזענוואסער און ישראל טאבאקמאן. דאָרטן האָבן מיר אָרגאניזירט אונדזער גאנצע ארבעט. מיר האָבן שוין געהאט א נאָרמאלן קאָנטאקט מיט ביאליסטאָק, א שטענדיקן חבר צו אונדזער דיספאָזיציע און שוין געוואוסט וועגן דעם אידעאישן גערעאנגל, וואָס קומט פאָר אין די ציוניסטישע גרופירונגען אין גאנץ רוסלאנד און פוילן. עס האָבן אי־דעאיש געקעמפט צווישן זיך פארשידענע שטרעמונגען אין אידעאָלאָ־גיעס: מינסקער פועלי-ציון, פראקטישע פאלעסטינצעס, „התחיה", סיי־מיסטן, סירקינס גרופן, ציוניסטן-סאָציאליסטן, אזעלכע וואָס האָבן יאָ אָנערקענט דעם קלאסנקאמף און אזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאלטן פון קלאסנקאמף. איבער די אלע שטרעמונגען האָט געהאט די אויבער־האנט בער באָראָכאָוו מיט זיין אָפּשאצונג איבער אלע אָנגעווייטיקטע יידישע פראגן. אויך שעדלעץ האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון אלע שטרע־מונגען. געוואויר ווערנדיק, אז אלטער גאָטליב גייט צו די סיימיסטן, האָבן מיר אויך באלד איבערגעריסן דעם קאָנטאקט מיט אים.

מיר האָבן אין אונדזער נייעם צימער גערופן די ערשטע ראיאָן־קאָנפערענץ, וואו עס זיינען געווען פארטרעטן 10 שטעט און שטעטלעך. אויף דער קאָנפערענץ איז געשאפן געוואָרן אן איינהייטלעכע אָרגאני־זאציע אונטער דעם נאָמען „פועלי-ציון". מ'האָט געוויילט א ראיאָן-קאָ־מיטעט. מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט ליטעראטור, חודש-זשורנאלן, בראָשורן. ביי אונדז איז געווען א גאנצער לאגער פון אומלעגאלער לי־טעראטור. אין דעם הויז פון אונדזער אומלעגאלער קווארטיר האָבן זיך געפונען נאָך אומלעגאלע צימערן. די אנדערע טיר פון אונדז איז געווען דאָס צימער פון „פּ. פּ. ס." וואָס עס האָט פארנומען בעריש סטאָלאר. דעם ערשטן שטאָק האָט פארנומען באַיארסקי מיט זיינע שוועסטער. דאָרט איז געווען די אומלעגאלע קווארטיר פון די „ציוניסטן-סאָציא־ליסטן".

דאָס יאָר 1905 האָט פאר אונדז, „פועלי-ציון" אין שעדלעץ, אוועק־געשטעלט ערנסטע אויפגאבן. די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין דער רוסישער אימפעריע האָבן אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער שטאָט. אונדזער קאָמיטעט האָט באשלאָסן א חוץ דער אלגעמיינער זעלבסט־שוץ, צו אָרגאניזירן א פארטיי-מיליץ פון פרייוויליקע חברים, גוט באַ־וואָפנט מיט רעוואָלווערן און גרינגע מאַוזערביקסלעך, וועלכע מיר האָבן

באקומען פון שעדלעצער גארניזאָן. אין שעדלעץ איז געווען א פּאָלק זעלנער וואָס האָט זיך גערופן אַסטראָלענקער פּאָלק. די זעלנער זיינען געוואָרן באארבעט דורך א ספּעציעלן מיליטערישן קאָמיטעט, צוזאמענגעשטעלט פון אלע פּארטייען. „פּ. צ.״ איז נישט געווען פארטראָטן דירעקט, נאָר דורך דעם פארטרעטער פון ס. ס. דאָס איז געווען באַיארסקי. דעם לעצטן טראנספּאָרט געווער האָט ער אונדז איבערגעגעבן א פּאָר טעג פאר זיין ארעסט. דאָס געווער איז באשטאנען, ווי איך געדענק נאָך איצט, פון 6 צעבראָכענע רעוואָלווערן און 6 מאַוזערביקסן, ניי פון דער פאבריק, נאָר אָן קוילן. אין דער נאכט וואָס ער האָט אונדז געברענגט די פּאטראָנען, איז ער ארעסטירט געוואָרן. פארטאָג זיינען מיר ארויף צו באַיארסקין און מיר האָבן געטראָפן אלץ איבערגעקערט, וואַליזעס אויפגעריסן, שענק מיט ביכער איבערגעדרייט, מאטראצן ארויסגעוואָרפן פון די בעטן, די פּאָדלאָגע באדעקט מיט פּאפירן, צייטונגען צעריסן, צעפליקט. באַיארסקיס שוועסטער האָט אונדז דערציילט:

ווען זיי האָבן דערהערט דאָס קלאפּן אין דער טיר און שרייען „אָטוואָרי״, איז אויפן טיש געלעגן 26 פּעקלעך פּאטראָנען נאָרוואָס געברענגט פון מיליטער־מאגאזין. דער יינגערער ברודער האָט געכאפּט די אלע פּעקלעך און ארויסגעוואָרפן דורכן פענצטער, וואָס איז ארויסגעגאנגען אויף א פעלד. דאָרט האָבן מיר אויך געהאט באגראָבן אונדזער געווער. איין פּעקל איז צעשיט געוואָרן אָין א סך פּאטראָנען זיינען אראָפּגעפאלן אויפן טיש. מער האָט ער נישט געקענט אויפרוימען, מען האָט געמוזט עפענען די טיר. עס זיינען אריין זעלנער, זשאנדארמען מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און זיך געפּרעגט אויף באַיארסקין. צווישן זיי זיינען אויך געווען אַסטראָלענקער סאָלדאטן. זיי האָבן די געפונענע פּאטראָנען אריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע, די זשאנדארמען זאָלן זיי נישט זען. די זשאנדארמען האָבן געפונען א מיליטערישן אויפרוף און א סטעמפּל פון מיליטערישן מאגאזין. זיי האָבן געוויזן א מאנדאט צו ארעסטירן באַיארסקין. ער האָט נישט געוואָלט גיין, האָבן זיי צוגערופן א דראָזשקע און אים צוגענומען. אין דער פרי זיינען מיר גאנץ פאָרזיכטיק אראָפּגעגאנגען אויפן פעלד און אויפגעקליבן די פּאטראָנען.

דער סוף פון דעם ארעסט איז געווען, ווי די שוועסטער האָט מיר איבערגעגעבן, אז צוליב דעם, וואָס אין דער געשיכטע מיטן סטעמפּל איז געווען פארמישט א זון פון דעם זשאנדארמען־פּולקאָווניק, האָט מען דעם גאנצן ענין פארשווינגן און באַיארסקין פארשיקט אין זיין געבורטאָרט אין טיף רוסלאנד, איך גלויב, אז דאָס איז געווען טיפליס. מיט א צייט שפּעטער זיינען אויך די שוועסטער און ברודער אהין געפאָרן.

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָבן אויך פארכאפּט שעדלעץ. געווען דעמאָנסטראציעס, שטרייקן. דעם 1טן מיי האָט מען געצוואונגען

די באפעלקערונג צו פארמאכן די געשעפטן. עס זיינען פאָרגעקומען דע־מאָנסטראציעס, אין וועלכע „פועלי־ציון"־חברים האָבן זיך מאסנווייז באטייליקט. ספעציעלע חברים זיינען געווען אויסגעטיילט פאר פאַרשי־דענע ארבעטן. פאר דער פראָווינץ איז געווען באשטימט: ישראל טאַ־באקמאן און דוד אָרזשעך. פארן צענטער און צו באזאָרגן אומלעגאלע ליטעראטור — חבר מנחם. פאר פראָפעסיאָנעלער ארבעט — מאָטל קאַזשעניצקי און אברהם זילבערשטיין, א קאמאשן־מאכער, מ'האָט אים גערופן אברהם פארצעווער, ווייל פאָרנדיק מיט דער זעלבסטשוץ קיין פארצעווע צו פארהיטן פון א פאָגראָם, האָט אים פאָליציי געכאפט און געברענגט מיטן עטאפ, איז אים געבליבן דער נאָמען פארצעוווער. פאר אגיטאציע און פראָפאגאנדע אויפן אָרט זיינען געווען באשטימט: טאַ־באקמאן, ראָזענוואסער, שלעכטער. פאראנטוואָרטלעך פאר דער באַ־יואווקע זיינען געווען: בעריש (בעריש פון די שעפעלעך), מאָטל טיי־בלום און אנדערע חברים, וועמענס נעמען איך געדענק נישט.

אין יאָר 1906 האָבן די שעדלעצער „פועלי־ציון" א סך געליטן פון צאַרישע רעפרעסיעס. א סך חברים זיינען ארעסטירט געוואָרן. אויך מנחם איז דעמאָלט פארהאלטן געוואָרן ביי דער באן מיט א פאק אום־לעגאלער ליטעראטור. איך האָב אים געזען פאָרן אויף א דראָזשקע און פון דעמאָלט אָן נישט געזען, ביז לעצטנס, דאָ, אין ישראל. נישט קוקנ־דיק אויף די רעפרעסיעס האָבן מיר דאָך עקשנותדיק געפירט אונדזער פ. צ.־ארבעט. מיר האָבן זיך געגרייט צו אונדזער צוזאמענפאָר, וואָס האָט אונדז געדארפט פאראייניקן אין איין גרויסער פ. צ.־פארטיי. א חוץ זעלבסטשטענדיקע קאָנפליקטן צווישן ארבעטער און מייסטער, האָבן מיר זיך אויך באטייליקט אין דעם גרויסן שטרייק פון קאמאשן־מאכער. דער פ. צ. פאָרשלאָג אויף דער פארזאמלונג, אז דער שטרייק דארף נישט זיין קעגן די אָרעמע מייסטער, נאָר געווענדעט קעגן די גרויסע שיך־סוחרים און גרעסערע פאבריקאנטן, זיי זאָלן עפענען פאב־ריקן און קאָנצענטרירן אלע ארבעטער צוזאמען מיט די אָרעמע מייס־טער. דער פאָרשלאָג איז געוואָרן אָנגענומען פון דער גאנצער פארזאמ־לונג. בעת דעם דאָזיקן שטרייק איז געוואָרפן געוואָרן א באָמבע און עס איז געהרגעט געוואָרן דער פאָליצמייסטער גאלצאָוו און נאָך איינ־קע פערזאָן. די זעלנער האָבן געשאָסן, עס זיינען געפאלן איניקע טויטע און א סך פארוואונדעטע. עס זיינען געמאכט געוואָרן ארעסטן. די דאָ־זיקע בלוטיקע פאניק האָט נישט אָפגעשטעלט אונדזער ארבעט. מיר האָבן אדורכגעפירט דעם שטרייק און געוואונען אויף גאנצע הונדערט פראָצענט. ס'האָבן זיך געעפנט 4 גרויסע פאבריקן, וואו עס זיינען גע־ווען באשעפטיקט 80 ארבעטער. די פועלי־ציון־ארבעט איז געווען אין פולן גאנג. מיר זיינען שוין געווען א פארטיי מיט א נאָמען: „סאָציאל־

דעמאָקראַטישע ארבעטער פארטיי פועלי־ציון" און מיט א פראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר אין פּאָלטאַווע, מערץ 1906.

די רעפּרעסיעס פון דער צארישער מאכט האָבן נישט אויפגעהערט. אין שעדלעץ איז איינגעפירט געוואָרן קריגסצושטאַנד. בייצאכט איז די באַפעלקערונג נישט ארויס פון די שטיבער. די דראַגונער פּאַטרולן האָבן געהיט אין די גאסן מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי א מלחמה־לאַגער, וואָס דער שונא דאַרף באַלד פארנעמען; פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך געפריים מיט אונדזער זיג. די פאבריקן האָבן געאַרבעט. די געגריוועטע שוסטער האָבן אויך באַשלאָסן צו סקאַ־סירן די קליינע פאבריקלעך און צו קאָנצענטרירן אלע שוסטער־ארבע־טער מיט די קליינע מייסטער אין עטלעכע גרויסע פאבריקן, נאָר מ'האָט דאָס אָפּגעלייגט ביז די רעפּרעסיעס וועלן אויפהערן. געשען איז אָבער פארקערט, די רעפּרעסיעס האָבן זיך פארשטאַרקט, ביז עס איז געקומען צום שעדלעצער פּאָגראָם, וועגן וועלכן י. כספּי שרייבט גענוי אין זיין ארבעט.

בעת דעם פּאָגראָם אין שעדלעץ בין איך געוואָרן ארעסטירט. מען האָט מיך אָפּגעפירט אין תפיסה, וואו עס האָבן זיך געפונען הונדערטער ארעסטירטע מענער, פרויען און קינדער. מ'האָט אונדז, מער יינגערע מענער, אריינגעפירט אין א צווייטן טויער, אין א גרויסן זאַל. עס איז געקומען דער תפיסה־נאַטשאַלניק, ער האָט אונדז מודיע געווען, אַז מיר ווערן געשטעלט פאַר א פעלדגעריכט. אביסל שפּעטער האָט מען געברענגט יענקל טענענבוים, דער קאָפּ באַנדאַזשירט אזוי, אַז מ'האָט אים קוים דערקענט. אים האָט מען ארויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק אין א באַזונדערן קאַמער.

אין אָוונט איז געקומען דער תפיסה־נאַטשאַלניק און אונדז איבער־געגעבן באַשולדיקונגס־אַקטן. די פיזיש־שוואַכערע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אַגיטירן צו אַן אויפשטאַנד. איך איך האָב באַקומען אזא באַשולדיקונגס־אַקט. די געזונטע און פעסטע יונגעלייט האָט מען באַ־שולדיקט, אַז זיי זיינען געכאַפּט געוואָרן מיט רעוואָלווערן אין די הענט. א וואָך צייט האָט מען אונדז אזוי געהאַלטן אונטער דער דראָאונג פון א פעלדגעריכט.

צום סוף וואָך האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר ווערן אוועקגע־שיקט קיין ארכאַנגעלסק. ערב ראש השנה האָט מען כמעט אלע באַ־פרייט. בעתן באַפרייען האָט מען אונדז מיטגעטיילט, אַז מיר באַקומען א „פרייע וויסילקע", דאָס הייסט, אַז מיר מוזן ארויספאָרן פון שעדלע־צער גוברניע. איך האָב באַשלאָסן אוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד. דער־וויל בין איך געבליבן אין שעדלעץ. אין שטאָט האָט זיך געשאַפן אַן

אמעריקאנער קאָמיטעט פון אלע פארטייען. איך בין געווען פארטרעטער פון „פ. צ.". מיר האָבן געקעמפט פאר קומען צו הילף די בארויבטע און געפאלענע ארבעטער־משפחות און געבן זיי א מעגלעכקייט זיך צו שטעלן אויף די פיס. ישראל גוטגעלט און אלע אנדערע פארטרעטער אין קאָמיטעט האָבן געהאלטן, אז מ'מוז צוריק אויפשטעלן די צעראבירטע און פארברענטע רייכע געשעפטן פון דער ווארשעווער גאס.

דערווייל איז אָנגעקומען דער טערמין פון אונדזער אָפּפאָרן קיין אויסלאנד. איך בין אָנגעקומען מיט א גרופּע קיין פאריז און דאָרט שוין געטראָפן אלע ארויסגעשיקטע. איך געדענק נאָך עטלעכע נעמען פון זיי:2 ברידער סטאלאוועס, איינער פון זיי — מאקס סטאלאווע איז געווען א פירער פון „בונד", דער צווייטער — אזוי זיך א יונגערמאן. 2 ברידער צוקער — משה צוקער, היינט אין אמעריקע, דעמאָלט געווען א ציוניסט־סאָציאליסט, מאָטל קאזשעניצקי (פועלי־ציון), יענקל טענענבוים („בונד") און דער שרייבער פון די שורות.

נאָך א זעקס חדשים זיין אין פאריז, האָט זיך גענומען בענקען אהיים. איינציקווייז האָט מען זיך צוריק אריינגעגנבעט קיין רוסלאנד און צוריק קיין שעדלעץ. די געמיטער האָבן זיך צוריק א ביסל בארו־איקט. עס זיינען נאָך געווען קענטיק די חורבות פון די אָפּגעברענטע געשעפטן. די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג איז אינגאנצן געווען אָפּגעשטעלט. די אָנפירער פון די פארטייען זיינען אוועק קיין אויסלאנד. א סך זיינען אזוי זיך סתם געוואָרן אפאטיש. א סך זיינען געוואָרן שטובזיצער און זיך גענומען פאראינטערעסירן מיטן אינדיווידועלן לעבן. די פארטייען האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אזוי האָט געדויערט ביז די רוסישע מאכט האָט פארלאָזט שעדלעץ בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די טעטיקייט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

ווען שעדלעץ איז פארנומען געוואָרן פון די דייטשן, האָט זיך באלד גענומען אויפוועקן דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן ביי די יידישע ארבעטער. עס האָט זיך געגרינדעט אן אומפארטייאישער קלוב מיט דעם נאָמען „ארבעטער־היים", און לויט ווי איך געדענק זיינען געווען אין דער פארוואלטונג: משה מענדערזשעצקי, איטשע אלטשולער און הענעך זאלצמאן. עס האָבן זיך באלד פארשריבן מאסן מיטגלידער. דער לאָקאַל האָט פארמאָגט א גרויסן לייענזאל. גלייכצייטיק האָבן זיך אין שעדלעץ געגרינדעט צוויי „פועלי־ציון"־קאָמיטעטן, וואָס איינער האָט נישט געוואוסט פון אנדערן. איין קאָמיטעט איז באשטאנען פון די מיטגלידער: זאוול ראזענזומען, גראמאן, שערצמאן, דוד גרינפארב און אנדערע. דער

צווייטער קאָמיטעט: ישראל טאבאקמאן, דוד ארזשעך, יוסף סלושני און הענעך זאלצמאן (שפּעטער געוואָרן א בונדיסט); די ביידע קאָמיטעטן האָבן זיך לסוף פאראייניקט.



לינקע פּועלי־ציון־פירער: יוסף סלושני, מאיר זאלצמאן, הענעך זאלצמאן, ישראל טאבאקמאן, רייזל שיוועק און ראָזענזומען.

די צוויי „פּועלי־ציון"־קאָמיטעטן האָבן זיך צופעליק באגעגנט. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אז עס דארף קומען א פאָרשטייער פון פּ. צ. פון ווארשע — חבר ישראל וועשער (רייכמאן), זיינען מיר אוועק צו דער באן אים אָפּוואַרטן. איך האָב שוין רייכמאנען געקענט פון לאנג, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט פאר אים; דערווייל האָט זיך א פאָרשטייער פון צווייטן קאָמיטעט אויך פאָרגעשטעלט — צו זיי איז ער טאקע געקומען, און מיר זיינען אויפן אָרט געוואויר געוואָרן, אז עס עקזיסטירן 2 „פּו־עלי־ציון"־קאָמיטעטן. די ערשטע זיצונג פון די צוויי קאָמיטעטן איז פאָרגעקומען ביי דעם חבר גראמאן אין שטוב. חבר רייכמאן ווערנדיק געוואויר, אז ביי אונדז אין שעדלעץ עקזיסטירט אן אומפּארטייאישער

קלוב, מיטן נאָמען „ארבעטער־היים", האָט אונדז אינפאָרמירט, אז אין גאנץ פוילן זיינען פאראן ארבעטער־היים־געזעלשאפטן, וואָס זיינען „פּו־עלי־ציון"־קלובן, און אויך אין שעדלעץ מוז די ארבעטער־היים זיין א פועלי־ציוניסטישע.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו פירן א געהיימע ארבעט. ארום דער „אר־בעטער־היים" האָט זיך אָנגעהויבן א קאמף מיטן „בונד", וועלכער האָט געוואָלט פארוואנדלען דעם קלוב אין א „צוקונפט"־אָרגאניזאציע. דער קלוב האָט פארמאָגט ביז 600 מיטגלידער און האָט זיך אריבערגע־צויגן אין א שיינעם לאָקאל. די „פועלי־ציון"־פארטיי האָט שוין דעמאָלט געהאט אין שעדלעץ אקטיווע און אָנגעזעענע פארטיי־טוער, ווי: סלוש־ני, ישראל טאבאקמאן, גראמאן, זאנוול ראזענזומען, א. אנד. די דיסקו־סיעס וועגן דער „ארבעטער היים" זיינען געווען זייער הייסע. לסוף האָט די פארוואלטונג זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע. ביי די נייע וואלן זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרן ליסטעס פון פ. צ. און פון „בונד". צו די וואלן זיינען געקומען אַלע מיטגלידער. דער סוף איז געווען, אז פ. צ. האָט באקומען מיט עטלעכע און צוואנציק שטימען מער און אָפּגעהאלטן א נצחון — דער ערשטער זיג אין דער נייער תקופה. די בונדיסטן מיט די נייטראַלע האָבן דעם זיג נישט געקאָנט פארטראָגן, זיי האָבן געטענהט, אז דער לאָקאל איז זייערער און געשטערט צו פירן די ארבעט. עס איז געקומען צו סקאנדאלן. די נייע פארוואלטונג אין די פערזאָנען: יוסף סלושני, ישראל טאבאקמאן, הענעך זאלצמאן, דוד ארזשעך, גראמאן, זאנוול ראזענזומען און דוד גרינפארב, האָט אויף דער ערשטער זיצונג באשלאָסן צו דינגען א צווייטן לאָקאל און באשטימט א פּאָר חברים, זיי זאָלן זיך אָפּגעבן דערמיט. עס איז געלונגען געוואָרן דער לאָקאל א״ף אָגראדאָווע גאס, 41, און דאָ הויבט זיך אָן דאָס אויפלעבן פון „פועלי־ציון" אין שעדלעץ. עס וואקסט די צאָל מיטגלידער אין דער „אר־בעטער־היים". באלד, אין די ערשטע חדשים, האָט די געזעלשאפט גע־ציילט 100 מיטגלידער. עס זיינען צוגעקומען נייע אקטיווע כוחות, ווי: מלך היינסדאָרף (היינט אין ישראל), זאנוול גורניצקי, אברהמעלע זיל־בערשטיין, מאיר זאלצמאן, שליפקע, ראזענזומען און אנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק נישט. די ארבעט איז פארטיילט געוואָרן אין רע־סאָרטן: פּאָליטישע (פארטיי) טעטיקייט, ווירטשאפט, פראָפעסיאָנעלע ארבעט און קולטור־טעטיקייט. א ספעציעל געשאפענע קולטור־קאָמי־סיע האָט אָרגאניזירט רעפעראטן, געשאפן א גרויסע ביבליאָטעק אין לייענזאל. בעת דער דעמאָנסטראציע וואָס איז דעם ערשטן מיי אָרגא־ניזירט געוואָרן פון פ. צ., האָבן פון באלקאָן פון „ארבעטער־היים" גע־רעדט: סלושני, טאבאקמאן און זאנוול ראזענזומען. טויזנטער יידישע ארבעטער און פאָלקסמענטשן האָבן זיך דעמאָלט פארזאמלט ביי דער



יוגנט פון די לינקע „פועלי־ציון"

„ארבעטער-היים". די דייטשע אָקופּאציע-מאכט איז געקומען צו שפּעט ווען קיינער איז שוין דאָרט נישט געווען.

די ווירטשאפט-קאָמיסיע מיט מלך הײנסדאָרף בראש, האָט געשאפן: א פאָלקסקיך, וואו עס האָבן געגעסן הונדערטער ארבעטער טעגלעך, א קאָנס:ם-קאָאָפּעראטיוו און א ברויטפּארקויף אויף קארטן, וואו מ'האָט אויך געקאָנט באקומען אלע אנדערע פּראָדוקטן. די דייטשן האָבן דעמאָלט איינגעפירט א קארטן-סיסטעם אויף פּראָדוקטן.

די ווירטשאפטלעכע אינסטיטוציעס האָבן זיך זייער גוט אנטוויקלט. די פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט איז געוואָרן אָנגעפירט דורך די חברים יוסף סלושני, חנא האנדלאזש און ישראל טאבאקמאן. די ארבעט איז געווען א קאָלאָסאל שווערע. די ארבעטסלאָזיקייט אין די פאכן, מיט וועלכע מיר האָבן אָנגעפירט, איז געווען זייער גרויס. די גאנצע ווירטשאפטלעכע טעטיקייט האָבן מיר געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די ארבעטסלאָזע. מיר האָבן קיינעם נישט געלאָזט הונגערן. מיר האָבן אונטערגענומען אן אקציע פון שאפן ארבעט פאר ארבעטסלאָזע און געשיקט מענטשן צו דער ארבעט אין יידישע אונטערנעמונגען און האָלצ-סקלאדן, אייזן-געשעפטן. קיינער האָט זיך נישט געשטעלט אנטקעגן, פארקערט — אונדזער טעטיקייט האָט ארויסגערופן דרך־ארץ און סימפּאטיע. מיר האָבן אויך געשאפן א קאמפּס-דרוזשינע (ק. ד.) און געזאמלט געלט א־יף געווער. דער דעמאָלסטיקער אמעריקאנער קאָמיטעט

האָט אונדז איבערגעגעבן 2 קאסטנס מיט מלבושים און פּראָדוקטן צו פארטיילן.

די אלע געביטן פון ארבעט זיינען זיך אזוי פונאנדערגעוואקסן, אז דער לאָקאל אָגראדאַווע 41 איז געווען צו ענג. מיר זיינען געווען גע־צוואונגען צו דינגען נאָך אנדערע לאָקאלן. צום גליק זיינען זיי אויך געווען אויף אָגראדאָווע־גאס. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אז פּ. צ. האָט אָקופּירט די אָגראדאָווע־גאס. די פּארטיי איז געווען באליבט אין שעדלעץ סיי ביי די פרומע, און סיי ביי נישט־פרומע.

עס איז כדאי צו דערמאָנען פאָלגנדיקן פאקט: עס איז געווען א פאר ראש השנה, בעת דער דעמאָלסטיקער דייטשער אָקופּאציע. די אר־בעטסלאָזיקייט און די נויט איז געווען אויסערגעוויינלעך, אונדזערע סאָציאל־ווירטשאפטלעכע אינסטיטוציעס האָבן געמוזט זיין טעטיק. פאר ראש השנה האָט דער „פּועלי־ציון"־קאָמיטעט באקומען אן איינ־לאדונג פון שעדלעצער רב. עס איז אוועק א דעלעגאציע פון יוסף סלוש־ני און ישראל טאבאקמאן. ווען מיר זיינען אריין צום רב האָבן מיר שוין געטראָפן א גאנצע עדה יידן, דינים און דאַזאָרעס, שטאָטמענטשן. מ'האָט אונדז באגריסט. איינער פון די פארזאמלטע האָט זיך געווענ־דעט צו אונדז: „מיר האָבן אייך געשיקט רופן צוליב דעם — אזוי ווי מיר ווייסן, אז איר טוט א סך אויף אין שטאָט, איר לינדערט די נויט און דעם הונגער פון א גרויסער צאָל אָרעמעלייט. מ'האָט פאר אייך גרויס דרך־ארץ, בעטן מיר אייך, אז איר זאָלט האלטן פארמאכט אייע־רע אינסטיטוציעס אין די קומענדיקע יום־טובים. ווייל די אָגראדאָווע גאס איז א גויישע. איז נישט שיין פאר די גויים און עס וועט זיין א חילול השם". דער ענטפער איז געווען: אויב דער רב און די אלע מענטשן, וואָס זיינען דאָ וועלן קענען ווירקן, אז די בעלי־בתים וואָס האלטן ארבעטער, זאָלן באצאָלן די ארבעטער פאר די יום־טוב־טעג, וועלן מיר האלטן פארמאכט אונדזערע אינסטיטוציעס. אויב עס גייט אייך אין חילול־השם, דארפן די פרומע אויך ברענגען א קרבן. מיר האָבן געזאָגט, אז מיר ווארטן אויף אן ענטפער.

די שטאָט איז געוואויר געוואָרן פון אונדזער ענטפער און אלע האָבן אונדז געגעבן גערעכט. קיין תשובה מצד די בעלי־בתים איז נישט געקומען. אונדזערע ווירטשאפטלעכע אינסטיטוציעס זיינען געווען אָפן אין די יום־טובים און באשפייזט די הונגעריקע.

אונדזער טעטיקייט האָט זיך אויסגעברייטערט אויך אויף אנדערע געביטן. מיר זיינען געווען פארטרעטן אין פאָלקסבאָר אונטער דער לייי־טונג פון יוסף זאָנשיין. דראמ.־קרייז, אונטער דער רעזשי פון ח' היינס־דאָרף. יעדן שבת האָט דער ספּאָרטקלוב „שטערן" געשפּילט מיט אנדע־רע קלובן און יידן זיינען געגאנגען זען די ספּאָרט־פארמעסטונגען. די

„פועלי־ציון"־חברים און די אקטיוויסטן האָבן מיט גרויס איבערגעגעבנ־קייט געאַרבעט אין אלע אינסטיטוציעס. עס האָט זיך ביי אונדז באַזעצט חבר האַכבערג פון סאָקאָלאָוו, וואָס האָט אָנגעפירט מיט א גרויסן טייל פון דער ארבעט. פאָלגנדיקע חברים זיינען געווען אקטיוו אין מיין צייט: יוסף סלושני, האַכבערג, ישראל טאבאקמאן, זאנוול ראזענזומען, גראמאן, אברהמעלע זילבערשטיין, מלך היינסדאָרף, מאיר זאלצמאן, דוד ארזשעך, ברידער מאָזעס, דור גרינפארב, חנא האנדלאזש, שליפקע, שלמה קאמינסקי און אברהם יוסל קארניצקי.

די „פועלי־ציון" אין שעדלעץ איז אויך געשטאנען אין שטענדיקן קאָנטאקט מיט דער פראָווינץ פון דעם ראיאָן; האָט אָרגאניזירט ראַיאָן־צוזאמענפאָרן און געשיקט חברים פון שעדלעץ אין די ארומיקע שטעט. דער צענטראל־קאָמיטעט האָט זיך אויך באנוצט מיט א סך שעדלעצער חברים און זיי געשיקט אין די וויטע פראָווינצשטעט. צום ערשטן פאראייניקונגס־צוזאמענפאָר מיט די „פועלי־ציון" פון גאליציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווארשע, איז די שעדלעצער פ. צ.־אָרגאניזאַציע געווען פארטרעטן מיט דריי דעלעגאטן, די חברים: גראמאן, סלושני, טאבאקמאן און צענדליקער געסט.

אין אומאָפּהענגיקן פוילן

בעת די ערשטע שטאָטראט־וואלן אין אומאָפּהענגיקן פוילן, האָט אדוואָקאט הארטגלאס געזאָלט שטיין אויף דער קאנדידאטן־ליסטע פון פ. צ. ער האָט אָבער געשטעלט א באדינג, אז די וואלליסטע זאָל נישט גיין אונטער דעם נאָמען „יידישע סאָציאליסטישע דעמאָקראטישע אר־בעטער־פארטיי פ. צ.", נאָר בלויז „ארבעטער־פארטיי פ. צ.". מיר זיי־נען נישט איינגעגאנגען אויף דעם. אונדזער ליסטע האָט דעמאָלט גע־וואונען 6 ראטמענער אין שטאָטראט: יוסף סלושני, שלמה האַכבערג, זאנוול ראזענזומען, מאיר זאלצמאן, מאָזעס גרינפארב און ח. שליפקע. די „פועלי־ציון" האָבן געבילדעט א שטארקע פראקציע אין שעדלעצער שטאָטראט און געקעמפט פאר רעכט אויף ארבעט, פאר סובסידיעס פאר די פאָלקסשולן, פאר אונדזערע אינסטיטוציעס.

בעת דער פויליש־סאָוויעטישער מלחמה, אין יאָר 1920, ווען די רויטע ארמיי איז אריין קיין שעדלעץ און אלע ארבעטער־פארטייען האָבן גענומען אָנטייל אין דער טעטיקייט פון געשאפענעם „רעווקאָם" (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט), זיינען אין דער „פועלי־ציון"־פארטיי פאָרגעקומען העפטיקע דיסקוסיעס וועגן דער באציאונג צום באָלשע־וויסטישן מיליטער און זיין מאכט. דער „פועלי־ציון"־קאָמיטעט האָט גערופן אויף א דרינגענדער זיצונג אלע פארוואלטונגען פון זיינע ווירט־

שאפטלעכע אינסטיטוציעס, פראפעסיאָנעלע פאראייגען און ערנסט באַ־טראכט די לאגע. מיר האָבן דיסקוטירט צי מיר קענען, צי מיר דארפן נאָכטאנצן אלע פארטייען און באטייליקן זיך אין דער באָלשעוויסטישער טעטיקייט אין שעדלעץ. מיר זיינען געקומען צום באשלוס, אז ניין, מיר טאָרן נישט מיטמאכן די שפיל. יעדער חבר האָט פארשטאנען און גע־פילט די פאראנטוואָרטלעכקייט און מיט וואָס דאָס שמעקט. מיר האָבן באשלאָסן: שיקן צו זיי א דעלעגאציע צו באגריסן זייער אריינמארשירן אין פוילן, און גאנץ באזונדערס אין שעדלעץ; דערקלערן, אז ווארטנדיק אויף א דעציזיע פון אונדזער צענטראל־קאָמיטעט, נעמען מיר צוליב דעם דערווייל נישט קיין אָפיציעלן אָנטייל אין קיין שום ארבעט. גלייכ־צייטיק גיבן מיר פרייע הענט אלע חברים, אז זיי קאָנען האנדלען ווי אזוי זיי פארשטייען. די דעלעגאציע איז באשטאנען פון די חברים: מאיר זאלצמאן, גראָסמאן און ישראל טאבאקמאן.

עס קען זיין, אז די רוסישע חברים וואָלטן איינגעגאנגען אויף די באשלוסן און וואָלטן אונדז אפשר געלאָזט צו רו. זיינען אָבער געווען 2 מה־יפיתניקעס — מענדל ראדזינסקי פון די יידישע פ. פ. ס. און משה אלטשולער א בונדיסט, וואָס זיי האָט פארדראָסן דער ענין. דערהערנדיק אונדזער באשלוס, האָבן זיי גענומען רעדן וועגן אונדז, אז מיר מאכן סאבאָטאזש און פאקטיש איז די לאגע געווען אזעלכע, אז אויף צו־מאָרגנס האָט דער מיליטערישער קאָמענדאנט געפאָדערט סטאָלארעס, שלאָסער און בעקער. און די ביורא פון אונדזער צענטראלע איז געווען געשלאָסן.

חבר שליפקע, וואָס איז דעמאָלט געווען סעקרעטאר פון דער צענט־ראלע, האָט זיך ערגעץ אָפגעטראָגן. מ׳האָט געמוזט גיין זוכן ארבעט פריוואט, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט גיין ארבעטן, ווייל, ער־שטנס האָבן די ארבעטער געזען מיט וואָס מ׳צאָלט — מיט געלט, וואָס מ׳שניידט מיט א שער און מ׳האָט אויך נישט געהאט קיין צוטרוי צו דער פירונג. די אויפפירונג פון מיליטער איז נישט געווען קיין קאָרעק־טע, מ׳האָט באלאגערט געשעפטן, אָרעמע געוועלבלעך, מ׳האָט גע־קויפט — יאָ געצאָלט, נישט געצאָלט, אזוי ווי די ערשטע טעג פון א נייער אָקופאציע. ביי דעם „רעווקאָם" האָט טאקע אויסגעזען ווי מיר סאבאָטירן.

מ׳האָט אונדז געגעבן צו וויסן, אז מ׳וועט אונדז אלע ארעסטירן. מיר האָבן גערופן א פארזאמלונג פון ארבעטער, זיי אויפגעקלערט די לאגע און געהייסן — מעלדן זיך צו דער ארבעט פריוואט, און זיי האָבן אזוי געטאָן.

א טאָג שפעטער האָט מען אונדז גערופן אויף א זיצונג פון „רעוו־קאָם" און אונדז געמאכט פאָרווארפן פארוואָס מיר סאבאָטירן די אר־

בעם, פארוואָס מיר אָרגאניזירן נישט די פּראָפעסיאָנעלע פאראייניגן צו־זאמען מיט די פּוילישע, א. א. וו. מ׳האָט געדראָט, אז עס איז קריגס־צייט און מ׳האָט געפאָדערט א באלדיקע רעאָרגאניזאציע אין די פאר־איינען. מיר האָבן געענטפערט, אז מיר זיינען נאָך אונטער דעם איינ־דרוק פון די נייע געשעענישן און מיר האָבן נאָך נישט באהערשט די לאגע. מ׳קען נישט קיין צענדליקער פאראייניגן רעאָרגאניזירן פון היינט אויף מאָרגן. מיר האָבן צוגעזאָגט צו געבן א פּאָזיטיוון ענטפער אין די נאָענטסטע טעג.

דערווייל איז אין שטאָט געווען א כאַאָטישער צושטאנד. אלץ איז געגאנגען אויף רעדלעך. מיליטער איז אָנגעקומען פון אלע זייטן. זעענ־דיק, אז מ׳צאָלט מיט ראָלקעס פּאפּיר מיט נומערן, האָט מען ביסלעכ־ווייז אָנגעהויבן צו באהאלטן די וויכטיקסטע ארטיקלען. אין שטאָט איז געוואָרן א פּאניק. די פּוילישע מיליץ, וועלנדיק ווייזן ווי קאָמוניסטיש זיי זיינען, האָבן כסדר געכאפּט יידן מיט באהאלטענע סחורות. דער „רעווקאָם" האָט געפאָדערט ארבעטער: סטאָלארעס, שלאָסערס, בעקער און זיי האָבן זיך אײַסבאהאלטן, נישט געוואָלט גיין ארבעטן. עס זיינען שוין געווען קלאנגען, אז דער „רעווקאָם" וועט ארעסטירן אלע אקטיווע מיטגלידער פון די „פּועלי־ציון" און אין דער זעלבער צייט האָבן זיך פארשפּרייט קלאנגען, אז די באָלשעוויסטישע ארמיי האָט זיך דערנענ־טערט צו ווארשע. זיי זיינען שוין אין פּראגע. ווארשע וועט געוויס גע־נומען ווערן די נאכט.

דעם זעלבן פארנאכט זיינען אָנגעקומען פון מאָסקווע הויך־גע־שטעלטע פּערזענלעכקייטן, זיי האָבן פארנומען די דירעקציע אויף דער ווארשעווער גאס, וואו עס האָט זיך געפונען דער „רעווקאָם". באלד איז ארויסגעגעבן געוואָרן א מעלדונג, אז די פאָרשטייער פון אלע פארטייען דארפן זיך צונויפקומען אויף א „קאָנפערענץ מיט די געסט פון מאָס־קווע". די דעלעגאציע פון „פּועלי־ציון", די חברים זאלצמאן, גראָמאן, טאבאקמאן, האָבן זיך אויך געמאָלדן אויף דער קאָנפערענץ. די ווא־רשעווער גאס ארום דער דירעקציע איז געווען באלאגערט פון דער יידי־שער באפעלקערונג. עס איז געווען זייער א הייסער אָוונט, די פענצטער פון דער דירעקציע זיינען געווען אָפן, איף דער גאס האָט מען געהערט יעדעס וואָרט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען איז שוין דער גרויסער זאל געווען פול. מ׳האָט אונדז צוגעבעטן צום לאנגן טיש, וואו עס האָבן שוין פארנומען פּלעצער אלע פארטייען און די געסט פון מאָסקווע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס. די געסט פון מאָסקווע האָבן גערעדט וועגן דער באפרייאונג פון פוילן, וואָס וועט איצט פּטור פון די קאפּיטאליסטן און וועגן דער נויטווענדיקייט שוין צו פאראייניקן אלע פּראָפעסיאָנעלע פאראייניגן.

די חברים פון „פועלי-ציון" האָבן זיך פאַרטיילט מיט די רעדעס אויף דעם אופן: זאלצמאן זאָל רעדן רוסיש, גראָמאַן פויליש און טאַ־באַקמאַן יידיש. איך האָב דאַן אין נאָמען פון דער פּ. צ.־פּארטיי באַ־גריסט די פוילישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג און געוואונטשן דערפאָלג. וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן האָב איך געזאָגט: מיר קאָנען נישט מיט איין מאָל אריינגייסן זיך אין די נישט-יידישע פאַראייניגן. דאָס וואָלט געווען א קלאַפּ פאַר די יידישע ארבעטער אין זייער טאָג־טעגלעכן געראַנגל. אפילו ווען מיר זאָלן באַשליסן, אז יאָ, קען דאָס אויך נישט געטאָן ווערן מיט א מאָל. דאָס וועט נישט זיין געזונט פאַר ביידע צדדים. עס וועט נאָך ברענגען צו רייבונגען. דעריבער האַלט איך, אז דערווייל בלייבן די יידישע פּראָפּ. פאַראיינען אין זייערע לאָקאַלן, נאָר די פאַרוואַלטונגען וועלן שטיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט.

נאָך מיר האָט גערעדט א. גראָמאַן, אין פויליש. ער האָט באַרעכ־טיקט אונדזער שטעלונג ביז היינט. „מאָרגן וועלן מיר געווים שוין אויך האָבן אינסטרוקציעס פון וואַרשע".

נאָך די רעדעס פון די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער באָלשעוויס־טישער מאַכט איז די קאָנפערענץ געוואָרן געשלאָסן.

וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט די יידן אין שעדלעץ נאָכן אָפּטרעטן פון די באָלשעוויקעס איז יעדן גוט באַקאַנט. די שחיטה, וואָס די פּאָ־ליאַקן האָבן געמאַכט אויף יידן, קאָן מען אפילו היינט, נאָכן היטלער־חורבן, נישט פאַרגעסן. אויך חבר גראָמאַן וואָלט זיכער דערשאָסן גע־וואָרן אויף אַן אורטייל פון פוילישן פעלדגעריכט, ווען ער וואָלט נישט געקענט באַווייזן מיט פאַקטן, אז ער און זיינע חברים האָבן, פאַקטיש, נישט מיטגעאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס.

אין זעלבן יאָר פון דער פויליש-באָלשעוויסטישער מלחמה, מיד פון אַלע איבערלעבונגען, האָב איך באַשלאָסן אויסצואַוואַנדערן פון שעד־לעץ און זיך באַזעצן אין בעלגיע, אין בריסל, און אויך דאָרט נישט אי־בערגעריסן די פעדים מיט שעדלעץ און מיט דער פּאַרטיי.

מ. יודנגלויבן (בוענאָס איירעס).

די לינקע אַרבעטער־באַוועגונג
אין שעדלעץ

שעדלעץ, ווי א סך אנדערע שטעט אין פוילן, האָט קיין אינדוסטריע נישט פאַרמאָגט. דאָס ביסל אַרבעטער האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום די לעדער־ און נאָדל־פאַכן; דאָך האָבן די אַרבעטער געשפּילט א וויכטיקע ראָל אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן פון פוילן קעגן צאַריזם, און אָפט מאָל האָבן די דאָזיקע קאַמפן קעגן צאַרישן אַבסאָלוטיזם אָנגענומען א פאָלקס־כאַראַקטער, ווען די גאַנצע באַפעלקערונג, אונטער דער אָנפירונג פון די אַרבעטער־פּאַרטייען צו יענער צייט, זיינען אַרויס אין גאַס, אין אומגלייכן קאַמף פאַר א פרייע און אומאָפּהענגיק פוילן.

אין יאָר 1905 איז אין שעדלעץ, דורך א באָמבע, צעשמעטערט געוואָרן דער פּאָליצמייסטער, וואָס ס'האָט געמאַכט א דערשיטערנדיקן רושם איבער גאַנץ פוילן, און די אומצאָליקע אַרעסטן און פאַרשיקונגען האָבן דאָך נישט געקענט אָפּהאַלטן דעם רעוואָלוציאָנערן אויפבראַוז און אַוואַנס פון די אַרבעטער, וואָס האָבן אָן איבעררייס געקעמפט פאַר זייערע עקאָנאָמישע פאָרבעסערונגען און פּאָליטישע רעכטן.

א נייע ווענדונג נעמט אָן די אַרבעטער־באַוועגונג אין שעדלעץ, אין יאָר 1916, נאָך דעם ווי פוילן ווערט אָקופּירט דורך די דייטשן און די יידישע אַרבעטערשאַפט הייבט זיך אָן ענטלעך־לעגאַל צו אָרגאַניזירן, גרופּירנדיק זיך אַרום „בונד" און „פּועלי־ציון", וועלכע פאַרשטאַרקן זייער טעטיקייט מיט מער שוואונג און אימפּעט אויף אַלע געביטן פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָט די דאָזיקע לעגאַלע שפּאַרונקע, וואָס האָט זיך געעפנט, גיט דעם יידישן אַרבעטער א מעגלעכקייט צו שאַפן א וויכטיקע אַרבעטער־אינסטיטוציע, וואו אַלע זאָלן זיך קענען קאָנצענטרירן, און דאָס איז געווען די „אַרבעטער־היים", אויף אָגראָדאָווע־גאַס, וואו כמעט אַלע אַרבעטער זיינען געוואָרן מיטגלידער. דאָ איז אָנגעפירט געוואָרן א ברייטע קולטור־אַרבעט, וועלכע האָט זיך אויס־

געדריקט אין דעם, וואָס יעדע פּאַרטיי פלעגט ברענגען אירע מענטשן, אירע פירער, איינאָרדענען אירע רעפעראַטן, דיסקוסיעס און פּאָרלעזונגען, אַזוי אַז די שטאָט האָט געקראָגן אַן אַנדער פּנים.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער געזעלשאַפט „אַרבעטער־היים" האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג די פּאָליטישע טענדענצן. דער פאַרביסענער פּאַרטייקאַמף האָט זיך צעפּלאַקערט, און די דיסקוסיעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאַכט נאָך נאַכט, און אָפט מאָל מיט „שלאָגנדיקע" אַרגומענטן אַפילו, האָבן נאָך טיפער געמאַכט דעם ריס צווישן די צוויי אַרבעטער־לאַגערן: „בונד" און „פּ. צ.", א לאַנגע, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן, און ס'האָבן זיך, אַזוי אַרום, געשאַפן צוויי קלאָר־דעפינירטע און אויסקריסטאַליזירטע פּאָליטישע ריכטונגען, וואָס האָבן נישט געקענט הויזן אונטער איין דאַך, און אַלס פּועל־יוצא דערפון האָט דער „בונד" זיך אָפּגעטיילט פון דער „אַרבעטער־היים" און געשאַפן אַן אייגענע היים פאַר זיך, די אַרבעטער־געזעלשאַפט „צוקונפט", אויף דלוגא־גאַס, וואו ער האָט אַנטוויקלט א פאַרצווייגטע טעטיקייט און אָנגעהויבן שפּילן א וויכטיקע ראָל צווישן די יידישע אַרבעטער אין שעדלעץ.

דעם זעלבן דיפערענצירונג־פּראָצעס האָט אויך דורכגעמאַכט די יוגנט, צווישן וועלכערביידע עקסיסטירנדיקע פּאַרטייען האָבן געפירט א ברייט־פאַרצווייגטע אויפקלערונגס־אַרבעט, און יעדע באַזונדער האָט פּרעטענדירט אַריינצוקריגן אין קרייז פון איר השפּעה א וואָס גרעסערע צאָל פון יוגנטלעכע; אַזוי אַרום שאַפן דער „בונד" און די „פּ. צ."עקעס פאַרשידענע דערציערישע יוגנטקרייזן, וואו דער יוגנטלעכער באַקומט א ברייטע פּראָלעטאַרישע דערציאונג, און אין א קורץ שטיקל צייט וואַקסן אויס צוויי מעכטיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס נעמען אַריין נישט נאָר כמעט אַלע יוגנטלעכע אַרבעטער, נאָר אַפילו בעלי־בתישע קינדער ווערן אויך אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג, אַזוי אַז ס'בילדן זיך אויס צוויי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: די בונדישע אַרבעטער־יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" און די „פּ. צ."עקישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „באָראָכאָוו", און יעדע איינע באַזונדער טוליעט זיך צו איר עלטערער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, פון וואַנעט זי שעפּט די גייסטיקע יניקה פון פּאָליטישער אָריענטאַציע פאַר איר אַרבעט.

די פּאָליטישע לאַגע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איבט אויס א גוואַלדיקע ווירקונג אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב און במילא, פאַרשטענדלעך, אויך אין פּוילן. די דייטשן, דערוויסנדיק זיך וועגן די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן ביי זיי אין לאַנד גופא, אַנטלויפן אין איילעניש פון פּוילן; דאָס לאַנד ווערט זעלבסטשטענדיק, און די „פּ. פּ. ס.", מיט פּילסודסקין אין

דער שפיץ, נעמט איבער די מאכט. די יידישע ארבעטער אין שעדלעץ נוצן גלייך אוים די פּאָליטישע קאָניונקטור און גרינדן א רייע פּראָפע־סיאָנעלע פאראיינען, ווי: לעדער־, נאָדל־, טראנספּאָרט־, בעקער־פאר־איין א. אַ. דער דאָזיקער אויפשטייג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג האָט באדייטנדיק פארבעסערט די עקאָנאָמישע לאגע פון די ארבע־טער און במילא פון דער גאנצער באפעלקערונג.

די לעדער־אינדוסטריע איז געווען זייער פארצווייגט. אין שעדלעץ פלעגט ארויסשיקן גרויסע טראנספּאָרטן שיך אין פארשידענע שטעט פון לאנד, און שפּעטער אויך אין די קרעסן. מ׳קען זאָגן, אז 70 % פון די יידישע ארבעטער אין שעדלעץ זיינען געווען באשעפטיקט אין דער שוכבראנזשע.

די נאָדל־בראנזשע האָט אויסשליסלעך געארבעט פארן אייגענעם



געברויך, אחוץ א קליינער צאָל טאנדעטניקעס, וואָס האָבן געארבעט פאר די יארידים.

די פּראָפ. פאראיינען זיינען אָריענטירט און אָנגעפירט געוואָרן פון די ארבעטער־פּארטייען; אזוי, למשל, האָט דער „בונד", צו יענער צייט, געהאלטן אונטער זיין השפּעה די פאראיינען פון לעדער, בעקער, טרע־גער און פריזירער. די „פּ. צ." האָבן אָנגעפירט מיטן נאָדלפאך. מיט דער צייט זיינען די פאראיינען געוואָרן א גרויסער כוח: ס׳זיינען אויס־געקעמפט געוואָרן בעסערע לוינען, ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן א 46־שעהדיקע ארבעטסוואָך, ס׳זיינען אָפּגעשאפט געוואָרן שטיקארבעט און

אויבער-שעהן. ביי יעדן פאראיין האָט אויך עקסיסטירט א יוגנט-סעק־ציע, וואָס פלעגט זאָרגן פאר די פראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די יוגנטלעכע ארבעטער; מיט איין וואָרט: די פאראייניען זיינען געווען די,



א גרופע יוגנטלעכע ביים לעדער-פאריין

וואָס האָבן געהאט אונטער זייער שוץ די ארבעטערשאפט, געזאָרגט און פארטיידיקט אירע אינטערעסן, פון יונג און אלט און פון קליין און גרויס, און אלץ ארונטערגענומען אונטער זייער קאָנטראָל. א געוויסע שטערונג אין דער פראָפעסיאָנעלער טעטיקייט פון די פאראייניען האָבן אריינגעבראכט די היים-ארבעטער, וואָס ארבעטנדיק אין דער היים, ביי זיך, האָבן זיי פארלעצט דעם 8-שעהדיקן ארבעטסטאָג און, אזוי ארום, געשפילט אויף דער קאָרט פון די בעלי־בתים און זייערע אינטער־רעסן; דאָך האָבן די פאראייניען געפונען א לייזונג צו דער דאָזיקער פלאָג אויך; די היים-ארבעטער ווערן אָרגאניזירט און ס'ווערט געשאפן איין איינהייטלעכער ארבעטער-פראָנט, וואָס דינט לטובת אלעמענס אינטערעסן.

וואָס אָנבאלאנגט צו די פּאָליטישע פארטייען, האָבן זיי געפונען אין די פראָפ. פאראייניען אָט אָ דעם פאראייניקטן כוח און די מאסן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געגויטיקט, און כדי צו באפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס און געווינען נייע אָנהענגער, פלעגן זיי אראָפּברענגען פון ווארשע זייערע בעסטע פירער און איינאָרדענען רעפעראַטן און דיסקו־סיעס אין די גרעסטע סאלאָנען, וואָס זיינען שטענדיק געווען געפאקט; נישט איין מאָל האָט אויך געטראָפן, אז איין פארטיי האָט אויפגעריסן

ביי דער צווייטער א פארזאמלונג, וואָס ס'פלעגט ספּעציעל פּאָרקומען ביי רעפעראטן מיט דיסקוסיעס.

אלם פועל־יוצא פון אָט די פארשידענע און לעבהאפטע אקטיווי־טעטן איז געווען דער נאָמען, וואָס שעדלעץ האָט באקומען איבערן גאנצן לאנד און וואָס האָט אפילו געשפּילט א ראָל אין די אָנפירנדיקע אינסטאנצן פון די פּארטייען; די ארבעטער־באוועגונג איז אויסגעוואקסן און א דאנק אירע אָרגאניזאציעס, אינסטיטוציעס, פּראָפפאראיינען, קאָאָ־פּעראטיוון און ביליקער קיך, וואו דער ארבעטער האָט געקענט קריגן א ביליקן — און ווען ארבעטסלאָז— אפילו אן אומזיסטיקן, נארהאפטיקן מיטיק,— איז זי פארוואנדלט געוואָרן אין א גרויסן פּאָטענציעלן כוח, מיט וועלכן אלע האָבן זיך געמוזט רעכענען.

אין 1920, אָנגערעגט דערצו דורך ענגלאנד און פראנקרייך, דער־קלערט דאָס פּריצישע פּוילן מלחמה סאָוויעט־רוסלאנד, פארגעסנדיק דערביי, אז א דאנק דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט עס באקומען די אייגענע זעלבסטשטענדיקייט; די רעגירונג לאָזט די באפעלקערונג אָפּ־גיין מיט בלוט, און, פארשטייט זיך, אין דער ערשטער ריי ליידן די אר־בעטער־מאסן, א פאקט אין וועלכן ס'האָט אקטיוו מיטגעווירקט די קענ־נערישע שטעלונג פון דער פּ. פּ. ס.־פּארטיי לגבי סאָוויעטן־פארבאנד. די רויטע ארמיי דערנענטערט זיך צו ווארשע, פארנעמענדיק דערביי שעד־לעץ, וואו זי שאפט א „רעווקאָם". צוזאמענגעשטעלט פון אלע ארבע־טער פּארטייען, אויף צו קענען געבן א לייזונג אָט די אלע פּראָבלעמען, וואָס קאָנען עווענטועל אר יפשווימען אין לעבן. נאָך א פערמאנענץ פון אכט טאָג אין אונדזער שטאָט, ציט זיך אָבער צוריק די רויטע ארמיי, און דער דאָזיקער צוריקטריט שאפט א פּאניק, און ס'לויפט מיט, צוזא־מען מיט דער רויטער ארמיי, א גרויסע צאָל ארבעטער, פון וועלכע א סך פאלן שפּעטער אריין אין די הענט פון דער פּוילישער ארמיי, וואו א טייל ווערט דערשאָסן א״ן א טייל באקומט שווערע יאָרן תפיסה, און דאָס גאנצע געזעלשאפטלעך־פּאָליטישע לעבן ווערט דורכן טעראָר פון דער פּילסודסקי־רעאקציע געוונצלעך אָפּגעמעקט.

א שטיקל צייט נאָך דעם, ווי ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער שלום צווישן פּוילן און ראטן־פארבאנד, הייבט זיך ווידער א מאָל אָן דאָס לעבן צו נאָרמאליזירן; אויף פיענקנע־גאס ווערט דערעפנט א טייהאלע, ארום וועלכער די ארבעטער הייבן זיך אָן צו גרופּירן; ס'ווערן געעפנט אָוונט־קורסן פאר יוגנטלעכע, שפּעטער צו ווערט אויך דערלייבט צוריקצוע־פענען די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, און די ארבעטערשאפט הייבט אָן צו קומען צו זיך. אזוי ווערט ווידער באנייט די ארבעט פון די לעדער־, נאָדל־ און אנדערע פאראיינען, און ס'גייט נישט אוועק קיין סך צייט, ווי די דאָזיקע פאראיינען פירן ווייטער אָן א ברייט־פארצווייגטע אר־



א גרופע שילער פון עספעראנטאָ־קורס

בעט. די ארבעטער־מאסן פון שעדלעץ האָבן אָבער פון דער איבערגעלעבטער צייט פיל געלערנט. זיי האָבן אָנגעהויבן גרינטלעך צו פארשטיין דעם באטייט פון אחדות און האָבן גוט באנומען דעם כוח פון אָרגאניזאציע; איז טאקע, צו יענער צייט, נישט שווער אָנגעקומען די אָרגאניזירונג פון דער ארבעטערשאפט; אדרבה, די דאָזיקע ארבעט איז פארשטארקט געוואָרן איף הונדערט פראָצענט. די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען האָבן גיך ווידער דעראָבערט די אלטע פאָזיציעס פון 8־שעהדיקן ארבעטסטאָג און העכערע לוינען. פארשטייט זיך, אז פון זיך אליין איז דאָס פונעם הימל נישט אראָפגעפאלן: ס׳זיינען דורכגעפירט געוואָרן א רייע שטרייקן, וואָס האָבן זיך פארענדיקט מיט א ניצחון, און דאָס האָט נאָך מער צוגעגעבן קאטעגאָריע די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען און באפעסטיקט די ארבעטער־באוועגונג אין שעדלעץ. איינער פון די אינטערעסאנטסטע שטרייקן פונעם לעדער־פאראיין איז פאָרגעקומען אין מאָנאט פעברואר פון 1926. אין שעדלעץ האָבן עקסיסטירט צוויי לעדער־פאראיינען: איינער פון די פוילישע ארבעטער און דער צווייטער פ׳ן די יידישע. דיביידע פאראיינען זיינען, דורכן דרוק פון די ארבעטער, באווירקט געוואָרן ארויסצוגיין אין אן אלגעמיינעם שטרייק פון דער לעדער־בראנזשע. די פאָדערונגען זיינען געווען: בעסערע לוינען און דאָס אויסצאָלן פאר דער ארבעט במזומנים און נישט מיט קיין וועקסלען. צו יענער צייט האָבן די לעדער־ארבעטער דורכגעמאכט זייער א שווערן קריזיס: אזוי ווי ס׳איז געווען א גרויסע צאָל נישט־אָרגאניזירטע היים־ארבעטער, זיינען זיי איינגעגאנגען, אז מ׳זאָל זיי צאָלן

פאר דער ארבעט מיט וועקסלען. די בעלי־בתים האָבן געטענהט, אז אויב זיי וועלן דארפן צאָלן מיט מזומן, וועלן זיי נישט קענען ארבעטן אויף קיין סטאַק, און זיי האָבן טאקע באלד אָנגעהייבן אָפּצושטעלן די ארבעט. פארשטייט זיך, אז דאָס איז געווען בלויז א פשוטער מאנעווער פון זייער זייט, ווייל די זעלבע וועקסלען האָבן זיי אליין, אָדער זייערע אייגענע, דיסקאָנטירט, אראָפּרעכענענדיק 20 % פּראָצענט פונעם באַטרעף. דער דאָזיקער מאנעווער איז זיי גענצלעך געלונגען, און נישט נאָר די היים־ארבעטער, נאָר אויך אפילו די לוין־ארבעטער זיינען געצוואונגען געוואָרן צו באקומען פאר זייער לוין מיט וועקסלען. ס'האָט זיך באקומען אזא סיטואציע, אז יעדער ארבעטער, וואָס האָט פארדינט הונדערט זלאָטעס, האָט אייגנטלעך באקומען בלויז אכציק; ס'זיינען באלד אויסגעוואקסן פארשידענע פּראָצענטניקעס, אָדער אפילו פּאמיליאנטן פון די ארבעטס־געבער, וואָס האָבן בארויבט די ארבעטער פון זייערע מאָגערע לוינען.

דער יידישער לעדער־פאראיין האָט צו יענער צייט שטארק געליטן פון די רדיפות מצד דעם פילסודסקי־רעזשים; די פירער פונעם פוילישן לעדער־פאראיין (פּ. פּ. ס.) האָבן נישט געוואָלט זיך שטעלן אין קאָנטאקט מיטן יידישן פאראיין, און זיי האָבן אָנגעווענדעט אלע מיטלען, אויף נישט צו דערלאָזן די אייניקייט צווישן די לעדער־ארבעטער. אין די בעלי־בתים האָבן, פארשטייט זיך, אויסגענוצט פאר זיך די דאָזיקע גינסטיקע פאר זיי קאָניונקטור, צום גרויסן שאָדן פון דער ארבעטערשאפט. דאָ איז אָבער געשען א זאך, אויף וואָס קיינער האָט זיך נישט גערעכנט: די מאסע פון די פוילישע לעדער־ארבעטער האָט אויף א פארזאמלונג געצוואונגען זייערע פירער ארייסצוגיין אין שטרייק צוזאמען מיט די יידישע ארבעטער. ס'פארשטייט זיך, אז פאר די בעלי־בתים איז דאָס געווען א גוואלדיקע איבעררראשונג, און זיי האָבן טאקע באלד דערפילט דעם פאראייניקטן כוח פון די ארבעטער; דאָך האָבן זיי תחילת באשלאָסן נישט נאָכצוגעבן די פאָדערונגען און געפּרואווט ווידער פונאנדערצוטיילן די ארבעטער, געדענקענדיק דאָס באקאנטע ווערטל „צעטייל און באהערש". זיי האָבן געטענהט, אז אזוי ווי די פוילישע ארבעטער זיינען פּ״ן א צווייטער קאטעגאָריע, דאָס הייסט: פון מאגאזין־ארבעט, ווילן זיי פארהאנדלען מיט זיי באזונדער, און זיי האָבן אָפּגעמאכט צווישן זיך נישט אונטערצוהאנדלען איינער אָנעם אנדערן און במילא נישט נאָכצוגעבן די פאָדערונגען. דער שטרייק האָט זיך פארצויגן ביי די צוויי מאָנאטן, און דער שטרייק־קאָמיטעט האָט אויסגענוצט די אייניקייט־קאָניונקטור און אָרגאניזירט די אלגעמיינע ארבעטערשאפט, וואָס האָט ערשט דאן דערפילט דעם באטייט און כוח פון אחדות. עס איז געשאפן געוואָרן א צענטראלראט פון אלע פאראיינען, וואָס האָט

אָרגאניזירט די סאָלידאריטעט-אקציע לטובת די שטרייקנדיקע לעדער־ארבעטער, וואָס זיינען ברייט געשטיצט געוואָרן נישט נאָר מצד דער שעדלעצער ארבעטערשאפט, נאָר ס׳איז אפילו אויך אָנגעקומען הילף פונעם גאנצן ראיאָן. די בעלי-בתים האָבן געפּרואווט ארויסשיקן די אר־בעט אין די שטעטלעך ארום שעדלעץ, אָבער דאָס איז זיי נישט געלונ־גען, ווייל צו יענער צייט (ס׳איז כדאי דאָס צו פארצייכענען!) איז נישט אין שעדלעץ און נישט ארום איר געווען מעגלעך צו געפינען שטרייק־ברעכער, און דער דאָזיקער מאנעווער איז דורכגעפאלן. די גרויסע מאסן-פארזאמלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לאָקאל פון פּ. ס. און די ענטוזיאסטישע שטימונג פון די שטרייקער האָבן געבראָכן די בעלי-בתישע אייניקייט, און ס׳האָט זיך אָנגעהייבן א רייסעריי צווישן זיי מיט קעגנזייטיקע באשולדיקונגען, אין זיי האָבן אָנגעהייבן פארהאנדלען מיטן שטרייק-קאָמיטעט אויף די באדינגונגען, וואָס דער לעדער-פאר־איין האָט ארויסגעשטעלט, און דער שטרייק איז פארענדיקט געוואָרן מיט א פולשטענדיקן ניצחון פאר די לעדער-ארבעטער.

סע געדענקט זיך מיר א קוריאָזער פאקט: ביי דער שלום-פארזאמ־לונג פונעם שטרייק, האָט דער שטרייק-קאָמיטעט אָנגעוויזן, אז א דאנק דער העלדישער האלטונג פון די שטרייקנדיקע מאסן און א דאנק דעם סאָלידאריטעט-געפיל, וואָס ס׳האָבן ארויסגעוויזן אלע ארבעטער פון שעדלעץ, ווי אויך פונעם גאנצן ראיאָן, איז דערגרייכט געוואָרן דער אבסאָלוטער ניצחון. אין דעם מאָמענט האָבן זיך דערהערט אויסרופן פון פוילישע און יידישע ארבעטער: „זאָל לעבן א פאראייניקטער ארבע־טער-קלאַס! זאָל לעבן א פאראייניקטע פראָפעסיאָנעלע באוועגונג!". די פירער אָבער פונעם פּ. פּ. ס.ישן פאראיין, ציטערנדיק פאר אייניקייט, האָבן געטענהט, אז מ׳קאָן נישט דורכפירן א פאראייניקונג פוןביידע פאראיינען, נאָר מ׳זאָל בלויז שאפן א (מכל-מרשטן!) קאָנטאקט צווישן ביידע פארוואלטונגען. די מאסן אָבער האָבן קעגן ווילן פון פּ. פּ. ס. דאָך אָנגעהאלטן דעם אייניקייט-קאָנטאקט צווישן יידישן און פוילישן ארבע־טער ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה.

***

אין די יאָרן 1919—1921, הייבן זיך אָן איבערן גאנצן לאנד די דיסקוסיעס ארום די „21 פונקטן" פונעם דריטן אינטערנאציאָנאל, וואָס ס׳מיידט נישט אוים אויך אונדזער שטאָט שעדלעץ. אין נאָך א קורץ שטיקל צייט געווינען אָט די „21 פונקטן" אלס אָנהענגער די ווייט גרעסטע טייל פון דער „בונד"-מיטגלידערשאפט. די זעלבע דיסקוסיע, וואָס האָט נישט אויסגעמיטן קיין איין ארבעטער-שטוב, איז אויך פאָר־געקומען ביי די „פּ. צ.", נאָר מיט א קלענערן דערפאָלג. נאָך אייניקע

מאַנאַטן, וואָס ס'האָט אָנגעהאַלטן די „שלאַכט", איז געגרינדעט געוואָרן דער „קאָמבונד", וואָס האָט מיטגעריסן מיט זיך ביי די 95% פון דער בונדישער פּאַרטיי, און דער „קאָמבּונד" בלייבט מיט די פּראָפּאַראיי־נען, מיטן לאָקאַל און, די הויפּטזאַך, מיט די אַרבעטער.

מיט דער אַנטשטייאונג פון „קאָמבונד" בייט זיך די פּאַנאָראַמע אין לעבן פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין שעדלעץ. ביי ווענען די קאָמבאַטי־ווימעט נעמט אָן גאָר גרויסע פּראָפּאָרצן. און נישט געקוקט אויף דער אומלעגאַליטעט פונעם „קאָמבונד", ווערט ער דאָך פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און אידעאָלאָגיש פעסטער. די יידישע אַרבעטער־מאַסן פון שעדלעץ זיינען געווען אויפריכטיקע קעמפער פאַר דער אַרבעטער־זאַך און דורכן „קאָמבונד" האָבן זיי געפונען דעם וועג פאַר זייערע צילן.

דער זעלביקער פּראָצעס, און מיט די זעלביקע רעזולטאַטן פון די דיסקוסיעס, קומט פאָר ביי דער אַרבעטער־יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צו־קונפט", און ס'ווערט געשאַפן די „קאָמצוקונפט". די יוגנט, אַלס דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער ניי־געשאַפענער באַוועגונג, רוקט אַרויס פון איר מיט זייער אַקטיווע אָנפירנדיקע קאָמבאַטאַנטן אויף אַלע געביטן, פאַרשטעלנדיק, אַזוי אַרום, מיט זיך אַ גרויסן אָרגאַ־ניזירטן כוח. הגם ס'האָט נישט פאַרמאָגט דער גרעסטער טייל פון זיי קיין עלעמענטאַרע בילדונג, נישט צוליב זייער שולד, פאַרשטענדלעך. עס הייבן זיך אָן שאַפן בילדונגסקרייזן, וואָס שטאַרקן און הייבן דעם קולטורעל־פּאָליטישן ניוואָ פון דער יוגנט, און נאָך אַ שטיקל צייט הייבן זיך אָן אַרויסרוקן לייטנדיקע כוחות, וואָס מיט זייער אַרבעט אין פּאָ־ליטישער אָריענטאַציע רופן זיי אַרויס באַוואונדערונג ביי די צענטראַלע אינסטאַנצן.

דער „קאָמבונד" פאַראייניקט זיך מיט דער אַלגעמיינער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, ווייל אידעאָלאָגיש איז סיי ווי סיי נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן זיי ביידע. און די עקסיסטענץ פון צוויי קאָמוניס־טישע פּאַרטייען וואָלט נישט באַקרעפטיקט די אַרבעט. וואָס איז אַזוי אויך געענוג באַשווערט געוואָרן מצד דער פּילסודסקי־רעאַקציע. אַ זאַך, וואָס ס'האָט געפאָדערט צו יענער צייט אַ מאַנאָליטיש־קאָנסאָלידירטע און שטאַרקע פּאַרטיי. דעם זעלבן וועג האָט אויך דורכגעמאַכט די „קאָמצוקונפט". אָט אַזוי איז ביי אונדז אין שעדלעץ געשאַפן געוואָרן די „פּ. פּ. ק." (פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי).

פון דער צווייטער זייט אָבער ווערט די רעאַקציע אין פּאַשיסטישן פּוילן פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער; די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווערט אַריינגעוואָרפן אין אומלעגאַליטעט און מוז זיך צוריקציען אין דער אונ־טערערד און די בעסטע זין פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס ווערן אַריינ־געשליידערט אין די תפיסות. די פּילסודסקי־רעגירונג, וועלנדיק דער־

טרינקען אין א טייך בלוט די ארבעטער־באוועגונג, ווארפט זיך מער־דערלעך אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, געדענקענדיק, אז די אר־בעטער האָבן אָנגענומען א רעוואָלוציאָנערע שטעלונג, וואָס איז לחלו־טין נישט לטובת די פּריצים און זייערע משרתים.

די ארבעטער־מאסן ווידער רוקן ארוים זייערע אייגענע פירער, וואָס האלטן זיך פעסט און קאָנסעקווענט אויף דער ליניע פונעם רעוואָ־לוציאָנערן מארקסיזם, און דער קלאסנקאמף וויקלט זיך אוים אין דער גאנצער ברייט, שטעלנדיק זיך אלם ציל גאָר גרויסע פארמעסטן. דאָס שמעקט נישט אונדזערע מושלים, און ס'ווערט אָרגאניזירט די דאן בא־וואוסטע „דעפענסיווע", וועלכע קען אָבער נישט אָפּווענדן די ארבע־טער־מאסן, מיט דער קאָמפּארטיי אין דער שפּיץ, פונעם קאמף פאר זיי־ערע גערעכטע פאָדערונגען, פּאָליטישע ווי עקאָנאָמישע.

אין יאָר 1923, ווען ס'זיינען פאָרגעקומען די סיימוואלן, איז אין שעדלעץ אויסגעוויקלט געוואָרן א ברייט־פארצווייגטע וואלארבעט, און נישט געקוקט אויף די ארעסטן פון די קאָמוניסטישע קאנדידאטן און די רעדנער, וואָס האָבן געזאָלט ארויסטרעטן אויפן צענטראלן אקט, האָט דאָך די קאָמפּארטיי געצויגן א גאָר באדייטנדיקע צאָל שטימען און דערמיט ארייַנגעבראכט די רעאקציע אין אזא גרימצאָרן, אז זי האָט זיך דערפאר רעוואנשירט אויף די ארעסטירטע קאנדידאטן, פארמשפּטנ־דיק זיי אויף פיר יאָר תפיסה.

א באזונדער קאפּיטל אין דער ארבעטער־באוועגונג איז געווען די „רויטע הילף" („מאָפּר"), אין וועלכער ס'האָבן זיך באטייליקט אלע אר־בעטער און וואָס האָט געזאָרגט, אז דעם ארעסטירטן און זיין פאמיליע זאָל גאָרנישט פעלן; נישט נאָר איז ער, דער ארעסטירטער, באזאָרגט געוואָרן מיט עסן, נאָר אויך מיט אלע פארטיי־אויסגאבן, א גייסטיקע שפּייז, וואָס ס'פלעגט דאָך געלינגען דורכצושמוגלען דורך די דיקע תפיסה־ווענט, נישט געקוקט אויף די אומגעהייערע שוועריקייטן און שטערונגען. אזוי ארום זיינען די ארעסטירטע חברים נישט נאָר נישט אָפּגעריסן געוואָרן פונעם אלגעמיינעם פארטיי־לעבן, נאָר, אדרבה, האָבן זיך נאָך פארנומען מיט זעלבסטבילדונג און קולטיווירונג פון די אייגע־נע גייסטיקע כוחות, כדי זיי זאָלן קענען זיין גוטע און נוצלעכע טוער פארן ארבעטער־קלאס, פונעם מאָמענט, ווען זיי וועלן זיך באפרייען פון די טורמעווענט.

אין יאָר 1925, שוין אין אומאָפּהענגיקן רעאקציאָנערן פּוילן, ווערן אין שעדלעץ דורכגעפירט מאסן־אָבלאוועס און ס'ווערן ארעסטירט א רייע אָנפירנדיקע חברים, ווי: אברהם סלושני, משה קדיש, וויינאפעל און אנדערע, און דאָך קענען נישט די דאָזיקע אלע ארעסטן אָפּהאלטן דעם רעוואָלוציאָנערן וואוקס פון די ארבעטער־מאסן אין שעדלעץ. די

קאמפּאַרטיי, וואָס פירט אָן מיט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, איבט אויס איר טאָטאַלע העגעמאָניע. און די בונדאָווצעס געלינגט בשום אופן נישט צו געווינען כאָטש א טייל פון די יידישע ארבעטער, נישט גע־קוקט אויף זייער פּראָפּאגאנדע־מאַשין, וואָס ארבעט מעשים אויף אלע כלים: דער ארבעטער ווייכט פון זיי; און אויב דער „בונד" האלט זיך ד אָ ך אָן, דאָ און דאָרט, ביי עפּעס און פארשווינדט נישט לגמרי פון דער פּאָליטישער ארענע,— איז דאָס נאָר און בלויז אין זכות און מיטן כוח פונעם „רבין", דער פּ. פּ.סישער פּארטיי און דער רעגירונג, וואָס גיט אים די רעכט אויף לעגאַליזאציעס פאר די פּראָפ. פּאראיינען.

אזוי ארום זעען מיר ווי דער ארבעטער אין שעדלעץ איז געשטאַ־נען אויף א הויכן רעוואָלוציאָנערן ניוואָ, און זיין ארט דענקען און וועלט־אויפפאסונג זיינען געווען מארקסיסטיש, און נישט קוקנדיק אויף די אלע רדיפות און פּראָוואָקאציעס מצד קעגנערישע עלעמענטן, איז ער דאָך שטענדיק געבליבן געטריי זיינע אידעאלן און האָט, אויף אזא אופן, ארייגעשריבן א העלדיש בלעטל אין דער אלגעמיינער ארבעטער־געשיכטע פון פּוילן.

גנעצל לוסטגארטן

טעטיקייט פון „בונד" אין פעריאָד צווישן די צוויי וועלט-מלחמות

אויף אן אנדער אָרט שרייבן מיר וועגן דער אומלעגאַלער ארבעט פון „בונד" אין די צארישע צייטן. דאָ ווילן מיר שילדערן אין קורצן די בונדישע טעטיקייט אין פעריאָד צווישן די צוויי וועלט מלחמות.

באַלד נאָך דער אנטשטייאונג פון אומאָפּהענגיקן פוילן, האָט דער „בונד" זיך פארנומען מיט אָרגאַניזירן די יידישע ארבעטער פון שעד-לעץ. דורך דער דאָזיקער פארטיי זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן פאָלגנ-דיקע ארבעטער-אינסטיטוציעס: די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען, וואָס האָבן זיך געפונען אויף ווארשעווער גאס, ·נומער 14, די געזעלשאפט „צו-קונפט" — דלוגע 20, א קינדערהיים, א קאָנסום-קאָאָפּעראטיוו און א ביבליאָטעק. בראש פון דער בונדישער אָרגאַניזאציע זיינען געשטאנען די חברים: משה אלטשולער, יעקב פישמאן, דוד ניימארק (היינט אין אמעריקע), אברהם סלושני און שאלקע זעבראָוויטש. דער „בונד" איז געוואָרן א מאסן-באוועגונג. אויך די יוגנט-אָרגאַניזאציע, וואָס האָט דע-מאָלט נאָך געטראָגן דעם נאָמען — „סאָציאַל-דעמאָקראטישע' יוגנט-אָר-גאַניזאציע „צוקונפט" אין פוילן", איז געוואַקסן און שוין געהאט 500 מיטגלידער. מיט דער יוגנט-אָרגאַניזאציע האָבן אָנגעפירט די חברים: יחזקאל לובלינערמאן, דוד קאָפּעראנט (היינט אין אמעריקע), סאנע ווײנשלבוים און אלטער נאַאוטשיטשעל (היינט אין ארגענטינע).

די אלע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן מיט שווערער מי און האָבן געפירט א ברייט פארצווייגטע קולטור- און פראָ-פעסיאָנעלע טעטיקייט, זיינען בעת דער פויליש-באָלשעוויסטישער מל-חמה צעשטערט געוואָרן. די שעדלעצער יידישע ארבעטער-טוער זיינען פארשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראציע-לאגער — דאָמביע, הינטער קראָקע.

נאָך דער מלחמה, ווען דאָס יידיש-געזעלשאפטלעכע לעבן אין שעד-



דער קאָמיטעט פון „בונד" און „צוקונפט".
אינדערמיט: ב. קראַמאַרש.

לעץ האָט ווידער אויפגעלעבט, האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע גענומען צוריק אויפבויען אירע אינסטיטוציעס. עס זיינען שוין נישט געווען די שיינע, גרויסע לאָקאַלן. די פראָפ. פאַראיינען און אַנדערע אינסטיטוציעס האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף פיענקנע 7, אין שכנות מיטן געררער שטיבל, אָבער קיינער האָט נישט געשטערט. עס איז ווידער אויפגעבויט געוואָרן די קאָנסום-קאָאָפּעראַטיוו, די ביבליאָטעק, א. נ. פון וו. מעדעם. עס זיינען צוגעקומען נייע אינסטיטוציעס, ווי: אַרבעטער-ווינקל, דער ספּאָרטקלוב „מאָרגנשטערן" און דער „יוגנטבונד צוקונפט".

אין די אינסטיטוציעס איז געפירט געוואָרן א ברייט פאַרצווייגטע קולטור-אַרבעט. יעדע וואָך זיינען פאָרגעקומען פאַרשידענע אימפּרע־זעס: רעפעראַטן, פאָרלעזונגען, קעסטל אָוונטן, רעציטאַציעס און אַנדע־רע אונטערנעמונגען. דער „יוגנטבונד צוקונפט" האָט אריינגעצויגן אין דער קולטור-טעטיקייט די יוגנטלעכע פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון שעדלעץ. דער יוגנטלעכער אַרבעטער האָט זיך געפילט אין זיין אָר־גאַניזאַציע, ווי אין א צווייטער היים. ביי דער יוגנט-אָרגאַניזאַציע איז אויך געווען א דראַמאַטישער קרייז, וועמענס מיטגלידער ס'האָבן זיך באַטייליקט אין די רעציטאַציע-אָוונטן.

אַן אָפּצווייג פון דער צוקונפט-אָרגאַניזאַציע איז געווען דער „סקיף" (סאָציאַליסטישער קינדער-פאַרבאַנד) — צו דעם קינדער־פאַרבאַנד האָבן געהערט יוגנטלעכע פון 12 יאָר אָן, מיינסטנס שוליוגנט.

די טעטיקייט פון „בונד" האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען ביי דער שעדלעצער יידישער ארבעטער-באפעלקערונג. דער אלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער פאראיין, אונטער דער אָנפירונג פון „בונד", איז אויסגעוואקסן ווי א כוח, וואָס האָט רעגולירט דעם ארבעטסלוין און ארבעטשעהן אין די שוסטער- און שניידער-ווארשטאטן און ביי די בעקער. פארן אויסברוך פון דער פּויליש-סאָוויעטישער מלחמה האָט דער פאראיין געציילט 1000 מיטגלידער א חוץ די יוגנט-סעקציעס. יעקב פישמאן איז געווען דער סעקרעטאר פון פאראיין.

די פּויליש-סאָוויעטישע מלחמה, און שפּעטער דער טעראָר פון דער פּוילישער רעאקציאָנערער מאכט, דער עקאָנאָמישער קריזיס אין די



דער קאָמיטעט פון יוגנט-בונד „צוקונפט"

יידישע פאכן, ווי אויך דער אידעאישער שטרייט צווישן די יידישע אר־בעטער האָבן חרוב געמאכט די יידישע פראָפ. באוועגונג אין שעדלעץ. די אָנגעזעעהסטע בונדישע טוער זיינען זיך צעפאָרן אין די גרויסע שטעט. לסוף האָבן די יידישע פארטייען געפונען א געמיינזאמע שפראך אין דער פראָפ. באוועגונג און עס זיינען מיט דערפאָלג דורכגעפירט געוואָרן פארשידענע עקאָנאָמישע אקציעס.

אין יאָר 1927, בעת די וואלן צום שטאָטראט, זיינען אויסגעווײלט געוואָרן צוויי בונדישע ראטמענער: בנימין קראמארזש און רחל בארג. אין שטאָטראט איז געקומען צו א פארשטענדיקונג צווישן „פּ. פּ. ס.", „בונד" און „פּועלי־ציון", וואָס האָבן געבילדעט א סאָציאליסטישע מער־הייט. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן שטאָטישע סובסידיעס פאר די יידישע פאָלקסשולן און סאָציאלע הילף פאר אָרעמע יידן.

אויך אין דער קראנקן־קאסע זיינען געווען צוויי בונדישע פארטרע־טער: יוסף ראזענזומען און יעקב־יצחק לייבמאן. לייבמאן איז געווען דער לאנגיאָריקער סעקרעטאר פון טראנספּאָרט־פאראיין אין שעדלעץ.

ביי די קהילה־וואלן אין יאָר 1933 איז דער „בונד" געווען אויפן צווייטן אָרט און באקומען 4 ראטמענער אין קהילה־ראט: יוסף ראזענ־זומען, בנימין קראמאזש, יוסף בארג און יעקב־יצחק לייבמאן.

דעם ערשטן מיי האָט דער „בונד" אָפטמאָל דעמאָנסטרירט געמיינ־זאם מיט פּ. פּ. ס.

אין יאָר 1931 האָט די בונדישע אָרגאניזאציע איבערגענומען די שעדלעצער יידישע פאָלקסשול, וועלכע האָט פריער געהערט צו די פאָלקיסטן.

דער „בונד" אין שעדלעץ האָט געפירט זיין טעטיקייט ביז די היט־לעריסטישע האָרדעס זיינען אריין קיין שעדלעץ. די בונדיסטן זיינען אומגעקומען צוזאמען מיט דער שעדלעצער באפעלקערונג.

דוד בן־יוסף פאסאווסקי

שעדלעצער יידישע ארבעטער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

א בינטל זכרונות און פאקטן פון יידישן ארבעטער־לעבן, אין די יאָרן 1923—1931 — די צייט, ווען איך בין געווען געזעלשאפטלעך טע־טיק אין שעדלעץ.

שעדלעץ איז נישט געווען קיין אינדוסטריע־שטאָט, אָבער דערפאר איז דאָרטן געווען שטארק אנטוויקלט די קליין־האנטווערקעריי און ס'האָבן עקסיסטירט הונדערטער ווארשטאטן פון פארשידענע בראנ־זשעס. פון ארבעט האָבן געלעבט אן ערך 3,500 יידישע משפחות. מיט־גלידער אין די פארשידענע פראָפעסיאָנעלע פאראיינען זיינען געווען בערך 2000 פערזאָן — א גאנץ בכבודיקע האָרעפאשנע מאסע, א שיי־נער פראָצענט פון יידן, וואָס האָבן געלעבט נישט פון ליכווע, האנדל און לופטגעשעפטן, נאָר טאקע ממש פון ארבעט, מענטשן מיט מאזאָליעס, וועלכע האָבן מקיים געווען דעם פסוק — „בזיעת אפיך תאכל לחם"...

מיט די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען האָבן אָנגעפירט: „ב־נד", לינ־קע „פועלי־ציון", די „רויטע" (קאָמוניסטן) און טיילווייז אויך די רעכ־טע „פועלי־ציון", וועלכע האָט פראָפעסיאָנעל אָרגאניזירט די אומפּאַ־כאָווע ארבעטער.

די לינקע „פועלי־ציון" האָבן אויך אָנגעפירט מיט דער געזעלשאפט אָוונט־קורסן, בראש פון וועלכער עס איז געשטאנען חבר יוסף סלושני. די אָוונט־קורסן האָבן זיך געפונען אויף אָגראדאָווע גאס 46, און אויף ווארשעווער, 16, און האָבן זיך פארנומען מיט קולטור־טעטיקייט.

דאָס גרעסטע פאך, לויט דער צאָל באשעפטיקטע, איז געווען אין שעדלעץ די לעדער־בראנזשע: שוסטער, קאמאשן־מאכער, פוצערס און אויסארבעטער פון ספּאָרט־ ארטיקלען. אן ערך פון 500 ארבעטער זיי־נען געווען באשעפטיקט אין דער בראנזשע און געווען אָרגאניזירט

אין לעדער־ארבעטער־פאראיין. דאָס צווייטע אָרט האָט פאַרנומען דער נאָדל־פאראיין מיט זיינע 400 יידישע שניידער־ארבעטער.

די פּראָפעסיאָנעלע פאראייניגן האָבן זיך נישט בלויז פאַרנומען מיט ארבעט־ענינים, ווי: ארבעטסלאָזיקייט, טויטער סעזאָן, סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, ווינטער־שטיצע א. אַ. וו. — נאָר האָבן אויך זיך באַשעפ־טיקט מיט קולטור־טעטיקייט. זיי האָבן איינגעאָרדנט פאַרשידענע אימ־פּרעזעס, פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן און קעסטל־אָוונטן. אין לעדער־פאראיין, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון די „רויטע", האָט אויך עקסיסטירט א דראַמאַטישער קרייז און אן ארבעטער־כאָר. נישט איין מאָל זיינען אויפגעריסן געוואָרן די דאָזיקע קולטור־אונטערנעמונגען דורך קעגנער, וועלכע פלעגן מאַכן צווישנרופן, גע־טומלט ביז ס'האָט זיך אריינגעמישט דער „דריטער צד" — די פּאָליציי און געמאַכט אָרדענונג דורך אויפלייזן די פאַרזאַמלונג און ארעסטירן אייניקע ארבעטער אלס קאָמוניסטן...

אין מיין צייט איז געווען פּאָרזיצער פון לעדער־פאראיין דער באַ־קאַנטער בונדיסט מ. גרינבערג, און סעקרעטאַר — פרידריך. דער פאַר־איין איז געווען אויף מילנע גאַס, 4, אָבער די ארבעטער האָט מען גע־קענט טרעפן גרופּנווייז בעת זייערע הייסע דיסקוסיעס אין סקווער אנט־קעגן מאַגיסטראַט און אין גרויסן בית־מדרש, צווישן מנחה און מעריב. נישט צום דאַוונען זיינען זיי געקומען, נאָר צו דיסקוטירן און אַגיטירן צווישן יידן וועגן דער דערלייזונג פון דער מענטשהייט.

די ארבעטס־באַדינגונגען און לוין זיינען געווען זייער קלאָגעדיקע: רעקאָרד־ארבעט, נידעריקער לוין, צאָלונגען אין וועקסלען און קיין שום סאָציאַלע פאַרזאָרגונג.

אין דער באַקלייד־אינדוסטריע

ס'איז געווען א צייט, ווען די נאָדל־ארבעטער אין שעדלעץ האָבן געהאַט א שטאַרקן פּראָפעסיאָנעלן פאראיין, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון די שעדלעצער נאָדל־ארבעטער. דאָס איז געווען דאַן, ווען מיטן פאראיין האָט אָנגעפירט דער פאַר־שטאַרבענער ארבעטער־טוער, ח' יוסף סלושני, וועלכער האָט א סך צייט און מי אוועקגעגעבן דער ארבעט פון פאראיין.

נאָכן טויט פון ח' יוסף סלושני האָט זיך אָנגעהויבן א קאַמף צווישן די פּאַרטייען, ווער ס'זאָל האָבן די השפעה איבער די שעדלעצער ארבע־טער.

אין פאראיין האָט זיך אָנגעהויבן א קאַמף צווישן „בונד", „רויטע" און לינקע „פּועלי־ציון" און אז ס'האָבן געפעלט לאָגיש־אידעאישע אר־

גומענטן אויף אריבערצוציען ארבעטער אויף דעם אָדער יענעם צד, האָט מען זיך באנוצט מיט שלאָג־ארגומענטן. עס איז געקומען צו סקאנ־דאלן, אינטריגעס. דער פאראיין איז אָפּגעשוואכט געוואָרן. עס איז נישט געווען צו צאָלן קיין דירה־געלט און עס איז דערגאנגען צו אן עקסמיסיע פון פאראיין פון די נאָדל־ארבעטער, וועלכע זיינען אריבער אין לאָקאל פון לעדער־פאראיין, אויף מילנע.

דאָס פארטייאישע ארומרייסן זיך האָט געשטערט די אנטוויקלונג פון פאראיין און אוממעגלעך געמאכט צו זאָרגן פאר די אינטערעסן פון די נאָדל־ארבעטער.

אין דער טריקאָטאזש־בראנזשע

די טריקאָטאזש־בראנזשע האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען אין שעדלעץ נאָך דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. ביזן יאָר 1930 האָט זי געמאכט גרויס פאָרשריט. שעדלעץ האָט אָנגעהויבן פאררעכנט ווערן צו די גרעסטע צענטערס פון דער טריקאָטאזש־בראנזשע אין דער פוילישער פראָווינץ. ס'זיינען געווען אין באוועגונג אין סעזאָן א 60 מא־שינען, וועלכע האָבן געארבעט 24 שעה אין מעת־לעת.

די טריקאָטאַזש־ארבעטער האָבן זיך מערסטנטייל רעקרוטירט פון די אַזוי גערופענע בעלי־בתישע קרייזן. א יונגערמאן, וואָס האָט נישט מצליח געווען אין מסחר און געזוכט עפּעס א נייע באשעפטיקונג, פון וועלכער ער זאָל זיך קענען דערנערן, האָט זיך גענומען צו טריקאָטאזש. דאָס איז געווען א פאך, וואָס מען קען זיך שנעל אויסלערנען און גלייך אָנהויבן פארדינען.

כ'געדענק ווי די דאָזיקע יונגעלייט האָבן אין יאָר 1927 אָרגאני־זירט דעם ערשטן שטרייק פאר בעסערן לוין. דער פאראיין איז דאן גע־ווען אויף פּיענקנע 7, אונטער דער אויפזיכט פון לעדער־פאראיין. נאָכן שטרייק האָבן זיך די טריקאָטאזש־ארבעטער פארבונדן מיטן טעקסטיל־פאראיין אין לאָדזש און געעפנט אן אָפּטיילונג אין שעדלעץ. דער טעקס־טיל־פאראיין איז געווען אונטער דער השפעה פון „פּ. פּ. ס."

אין סעזאָן זיינען געווען באשעפטיקט ביי דער טריקאָטאזש־בראנ־זשע, צוזאמען מיט דער „שידעלקאָווע" סעקציע, צורעכענענדיק אויך די ארבעטער פון מארד און אנדערע קליינע שטעטלעך ארום שעדלעץ — בערך א 800 ארבעטער. א סך ארבעטער האָבן זיך אויסגעלערנט דאָס פאך און שפּעטער אוועק קיין ווארשע, קיין אויסלאנד — בעלגיע, פראנקרייך און דרום־אמעריקע און האָבן דאָרט פאָרגעזעצט זייער אר־בעט ביים פאך, זיי פארנעמען היינט א בכבודיק אָרט אין דער טעקס־טיל־אינדוסטריע.

ס'זיינען אויך געווען אין שעדלעץ א סך ארבעטער און נישט־אָר־גאניזירטע פאכן, ווי בוי־ארבעטער, מולאַרעס, סטאָליארעס, שטוב־מאלערן, היטלמאכער א. אַז. וו. זיי האָבן זיך ווייניק אָנגעזען אין דער אָרגאניזירטער פּראָפעסיאָנעלער ארבעטער־באוועגונג. פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אין שעדלעץ געעפנט געוואָרן אן אָפּטיילונג פון האנדלס־אָנגעשטעלטע־פאראיין, אָנגעפירט דורך חיים רייזע.

א באזונדער אָרט האָט אין שעדלעץ פארנומען די „החלוץ"־הכשרה. די וואָס האָבן זיך פארבונדן מיט דער הכשרה האָבן זיך אויסגעלערנט פאכן פאר דער עליה קיין ארץ ישראל און דער עיקר — בויארבעט.

אין אלגעמיין האָט די יידישע שעדלעץ אין יענער צייט נישט געהאט וואָס צו שעמען זיך מיט איר פּראָדוקטיוון ארבעטנדיקן עלעמענט. ס'איז נאָר צום באדויערן, וואָס דאָס אלעס איז אזוי ברוטאל פארשניטן געוואָרן און פאר אונדז געלאָזן נאָר זכרונות פון אמאָל.

***

די שעדלעצער יידישע ארבעטער, ווי די ארבעטער פון גאנץ פוילן, האָבן גאנץ אָפט געפילט דעם טעם פון שווערע קריזיסן. ספּעציעל אין אזוי גערופענעם „טויטן סעזאָן". כדי צו דערגענצן אונדזער באשרייבונג פון לעבן פון די שעדלעצער יידישע ארבעטער ברענגען מיר ווייטער א שילדערונג, מיטן טיטל „דער טויטער סעזאָן", וואָס איז געווען פארעפנטלעכט אין „שעדלעצער וואָכנבלאט".

דער „טויטער סעזאָן"

פון דער פרי ביז ס'ווערט פינצטער קענט איר זיי טרעפן אויף דער יידישער ארבעטער־בערזשע ביים ראטהויז, אָדער אקעגן דעם מאגיסטראט. זיי שטייען גרופּנווייז, לאנגע רייען ציען זיי זיך — די ארבעטס־לאָזע, געליטענע פון דער צייט.

אויסגעהונגערטע מענטשן, וועמענס פארגרינטע פּנימער קוקן אויס, ווי פון סקעלעטן, זיי ווילן זייערע באמאָזאָליעטע הענט פארדינגען, אָבער קיין בעלנים זיינען נישטאָ.

נישט אויף איינעם פון די, וואָס שטייען דאָ, וואַרט א פרוי מיט קליינע קינדער אין א קאלטער שטוב, וואו ס'רינט פון די ווענט און די פיצלעך קינדער רופן כסדר אין איין אָטעם: „מאַמע, ברויט!"

ווען ס'פאלט צו די נאכט, קענט איר נאָך א סך פון זיי טרעפן אין בית־המדרש, וואו זיי קומען אריין זיך אָנוואַרעמען, זיי זיצן דאָ אויף א לאנגער באנק ביים אויוון, שלינגען דאָס שפּייעכץ, און נישט איינער שטעלט זיך די פראגע מיט א זיפץ: מאין יבוא עזרי?...

אויך דאָ, אין בית־המדרש, זיצן זיי גרופּנווייז, ווי להבדיל אין א קלוב, שמועסן צווישן זיך וועגן מלחמות, וועלט־פּאָליטיק, קריזיס א. ד. גל.

די אויפמערקזאמקייט ציט צו דער ייד אין די באפארבטע אָפּגעריסענע מלבושים, מיט זיין צערפּולן געזיכט; ער דערציילט פארן עולם, אז ער האָט אין שטוב א פרוי מיט 6 קינדער, דערצו נאָך — אן איידעם אויף קעסט און פרנסה איז נישטאָ. פאראיאָרן, זאָגט ער, איז נאָך געווען א ביסל צי דערליידן. צוגעהאָלפן האָט די שטיצע פאר ארבעטסלאָזע, וואָס דער מאגיסטראט און די גמינע האָבן געגעבן. פּאָרט געווען א לעפל ווארעם געקעכטס פארן קליינוואָרג, א ביסל קוילן, האָלץ, אבי צו דערהאלטן די נשמה, און היינט — גאָרנישט, מען הערט נישט און מען זעט נישט קיין הילף. ביי אזא לאגע קומט דאָך פּשוט אויס צו שטארבן פון הונגער. „אוודאי” — פּאָטאקעווען די אלע, וואָס רינגלען אים ארום אין א קרייז. א צווייטער ארבעטער, א יינגערער, קענטיק א באוואוסטזיניקער, לאָזט אויס דעם גאנצן כעס פון זיין אויסגעהונגערטן מאָגן צו די קעפּ פון אונדזערע כלל־טוער, צו די פארשידענע פארזאָרגער. אפילו אונדזערע פּאטענטירטע ארבעטער־טוער —מענהט ער— ווילן זיך בשום אופן נישט פארטראכטן אויף דער דאָזיקער קאטאסטראָפאלער לאגע, וואָס קומט אָן מיטן „טויטן סעזאָן”.

יאָ, יאָ, דער ט־יטער סעזאָן — כאפּט אים אונטער א צווייטער, א שטארק אָפּטימיסטישער יונגערמאן, וועלכער גלויבט זייער, אז ס'וועט אייביק אזוי נישט זיין. פאקטיש —זאָגט ער— דארפן דאָך אלע ארבעטער זיין רעגיסטרירט אין מלוכהשן אמט פאר ארבעטס־פארמיטלונג, נאָר גיי פיר דאָס איין מיט אונדזערע יידישע ארבעטס־געבער. אויף ווערמען ס'פּאָכעט שטענדיק, ווי א שארפע שווערד, די שרעק פאר גרויסע שטייערן.

אָבער גוואלד, וואָס זאָל מען טאָן — צעשרייט זיך ספּאזמאַטיש אן עלטערער ייד, א טאטע פון 4 קינדער, דערונטער 2 טעכטער. וואו נעמט מען אויף שיך פאר די קינדער? באָרוועס קען מען דאָך נישט גיין, און דער עיקר א יח ברויט, קאָרטאָפל א. ד. גל. מיט שטיקנדיקע טרערן אין די אויגן זאָגט ער ווייטער: א זול, אלץ איז ביליק, „אן אָקס פאר א גראָשן, אָבער דער גראָשן איז נישטאָ”.

עס ווערט קאלאמוטנע אויפן הארצן, צוזעענדיק דאָס דאָזיקע טרויעריקע בילדל.

פּ. דרומי (פּאָפּאָווסקי).

די קהילה

ביזן יאָר 1926 האָט מען די קהילה אין שעדלעץ גערופן — „דאָס דאָזאָר-שטיבל". דער דאָזיקער נאָמען האָט פּאַקטיש אַנטשפּראָכן דעם דעמאָלטיקן מצב אין דער קהילה, ווייל סיי דער אינערלעכער אויסזען, און סיי די ווירקונג פון די דאָזאָרעס איז געווען אזוי, ווי אין א „שטיבל".

דער אינערלעכער אויסזען: א לאנגער שמאָלער צימער, אין עק ביי דער טיר איז געזעסן ר' יצחק טענענבוים און פאַרצייכנט די ניי-געבוי-רענע קינדער, געגעבן א באשייניקונג אין מאגיסטראט, כדי דאָס קינד דאָרט איינצומעלדן — אָדער אויסמעקן אין פאל פון טויט ר"ל. אין דעם צווייטן עק אויף דער מזרח-וואנט איז געזעסן דער זון הערשל טע־נענבוים, דער סעקרעטאר פון דער יידישער גמינע און ווען עס איז אריינגעקומען א דאָזאָר און געוואָלט זיך עפּעס דערוויסן, אָדער עס איז פאַרגעק־מען א זיצונג, האָט צו דעם געדינט דעם סעקרעטארס טיש, ווייל מער קיין אָרט ווי פאר 2 טישן איז נישט געווען.

קיין שום ווירקונג האָט דעמאָלט די קהילה נישט געהאט אויף דער יידישער באפעלקערונג. איר טעטיקייט איז באשטאנען אין איינקאסירן דעם עטאט (קהילה-שטייער) און צאָלן דעם ראבינאט דאָס געהאלט. אויך די טעטיקייט איז געפירט געוואָרן שלימזלדיק. דעם עטאט האָט מען טאקע איינגעמאָנט, ווייל דאָס איז געמאכט געוואָרן דורך גוויישע הענט, אָבער דעם ראבינאט איז שטענדיק געקומען פאר א פּאָר חדשים געהאלט. די הכנסה פון דער שחיטה, וואָס האָט געקאָנט האָבן א וויר־קונג אויף דעם בודזשעט, איז געווען דאָס אייגנטום פ'ן די שוחטים. זיי פלעגן צווישן זיך טיילן דעם איינקונפט. ווען עס איז דורכגעפירט געוואָרן כמעט א רעוואָלוציע דורך דעם דאָזאָר ישראל גוטגעלט, וועל־כער האָט אויסגעפועלט ביים סטאראָסטע, אז די שחיטה זאָל זיין אין דער קהילה, ווייל ער האָט געוואָלט, די תלמוד-תורה זאָל האָבן א גע־וויסן פּראָצענט אין דער שחיטה, איז דאָס אויך געווען א פיקציע. די שחיטה פון עופות איז געווען א מין היימיש געשעפט פון די שוחטים.

יעדער שוחט האָט געשאַכטן ביי זיך אין שטוב און דאָס געלט איז גע־גאַנגען אין זיין טאַש. הגם פון דער הכנסה פונעם שעכטהויז האָבן די שוחטים יאָ אָפּגעגעבן א געוויסן פּראָצענט, דאָך האָבן זיי נישט מסכים געווען צו שעכטן פאַר א באַשטימטן געהאַלט.

די קליינע, נישטיקע סובסידיעס פאַר „עזרת-יתומים" און „מושב-זקנים" וואָס האָבן פיגורירט אין בודזשעט, זיינען מיט גרויסע שוועריקייטן איינגעמאָנט געוואָרן, און שטענדיק מיט א גרויסער פאַרשפּעטיקונג.

אויך די „חברה-קדישא" און „נושאי-המיטה" זיינען געווען באַזונדערע קרעמלעך, וואָס האָבן געדינט פּריוואַטע אינטערעסן. איז עמעץ געשטאָרבן, ווער שמועסט א ביסל א פאַרמעגלעכער ייד, און זיינע קרובים זיינען געווען אין „דאַזאַר-שטיבל" אויף אַרויסצונעמען א קוויטל צו קאָנען באַקומען א טויטשיין אויף דורכצופירן די קבורה, האָט מען געדאַרפט גיין צו דער „חברה-קדישא", כדי מיט זיי „פאַרטיק צו ווערן". דאָס איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. די גבאים פון דער חברה-קדישא האָבן זיך פּשוט באַהאַלטן, „נישט געווען אין שטוב". נאָכדעם ווי די פאַראינטערעסירטע זיינען געוואָרן מיד לויפנדיק פון איינעם צום צווייטן, האָט מען זיי געזאָגט א פּרייז וויפל עס קאָסט, און ווען מען האָט נישט מסכים געווען, האָבן זיך די גבאים ווייטער אָפּגעטראָגן, ביז מען האָט צו וויסן געגעבן דורך דעם שמש פון דער „חברה-קדישא", אז מ'איז מסכים. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן א דינגעניש מיט דער חברה „נושאי-המיטה".

די חברה „נושאי-המיטה" האָט באמת דערפילט א וויכטיקע אויפגאַבע. פאַר איר אנטשטיין פלעגט מען דעם מת פירן מיט אן עגלה אויף דעם בית-הקברות. איז געשטאָרבן א רייכער, אָדער אן עסקן, האָבן אים באַקאַנטע און פריינט געטראָגן. און די עגלה איז גלאַט מיטגעפאָרן. ביי אן אָרעמער לוויה האָט מען דעם מת געפירט מיט דער עגלה און אָפטמאָל זיינען אפילו קיין 10 מענטשן נישט געקומען אויף דעם בית-הקברות. איז געקומען א גרופּע יידן און געגרינדעט די חברה „נושאי-המיטה". די עגלה מיט דער קליאַטשע איז באַזייטיקט געוואָרן. עס האָט געהייסן, אז מ'וועט טראָגן יעדן, אָן אונטערשייד צי ער איז רייך אָדער אָרעם, א שיינער ייד, צי אן עמך-מענטש. די „נושאי-המיטה"-לייט האָבן זייער מיסיע ערלעך דערפילט. אפילו אין די גרעסטע רעגנס אָדער פראָסטן, האָבן זיי אוועקגעלייגט זייער אַרבעט, אָדער מסחר, און דעם טויטן אָפּגעגעבן דעם „חסד של אמת".



דער ועד פון די נושאי־המטה:


ס'זיצן: משה שמוקלאזש, אריה גאליצקי, יצחק ראָזענגארטן, מרדכי גאָרניקי, בערל סרעברעניק.

ס'שטייען: משה פאלשפאן, נפתלי קופערשמידט און ירחמיאל לעווין.

אויב עס איז געשטאָרבן א פרוי, האָט מען געדאַרפט גיין צו דעם פרויען־קאָמיטעט. אויך ער האָט דערפילט זיין אויפגאבע ערלעך און שיין און נישט געמאכט קיין אונטערשייד פון רייך און אָרעם. פאר דעם „חסד של אמת" האָט „נושאי־המיטה" גענומען באַצאָלט און די קהילה האָט פון די הכנסות נישט גענאָסן.

דער איינציקער פאקטישער מקור פון דער קהילה־הכנסה — דער עטאט — איז אויך נישט געוואָרן אויסגענוצט ווי געהעריק. פון 4000 משפחות, וואָס זיינען געווען אין שעדלעץ, האָבן נאָר געצאָלט 360 עטאט, דאָס הייסט: בערך 10 %. ווען אפילו מיר וועלן זאָגן, אז נישט די גאנצע 4000 משפחות האָבן געקאָנט צאָלן עטאט, האָבן 75 פראָצענט, דאָס הייסט: 3000, זיכער געקאָנט צאָלן, נאָר די דאָזיקע האָבן פשוט נישט געוואָלט פארגרעסערן די צאָל פון די „דעה־זאָגערס". די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט געפירט א שטארקע פראָפּאגאנדע, אז מען זאָל גיין אין קהילה און זיך דערקלערן פאר עטאט־צאָלער. און ווירקלעך, א סך חברים פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין שעד־

לעץ זיינען אליין געגאנגען אין דעם דאָזאָר-שטיבל און פארלאנגט, אז מען זאָל זיי שטעלן עטאט. די דאָזאָרעס האָבן נישט פארשטאנען זייער קאָמפעטענץ און אויפגאבע אפילו ביים צונעמען, למשל, א חזן אין דער גרויסער שול, וואָס עס האָט געהערט צו זייער טעטיקייט. אזוי איז דאָס „כתב-חזנות" פארן חזן ר' יוסף פאסאווסקי אונטערגעשריבן גע־וואָרן נישט בלויז פון די דאָזאָרעס, נאָר צוערשט פון ראבינאט, שפע־



דער קאָנטראקט וועגן אויפנעמען דעם שטאָט־חזן ד. ב. פאָסאָווסקי. אונטערגעשריבן דורך די רבנים, דאָזערעס און בכבודיקע בעלי־בתים שטאָט־צאָלער.

מער פון די דאָזאַרעס און דערנאָך פון אלע עטאט-צאָלער, הגם געהאלט האָט דער חזן באַקומען פון דער קהילה.

אזוי האָט זיך געצויגן דער מצב ביזן יאָר 1926, ווען עס זיינען פאָראָרדנט געוואָרן וואלן צו דער קהילה. די וואל-אָרדינאַציע איז געווען אין א גרויסער מאָס א דעמאָקראַטישע. וואלרעכט האָבן געהאט אלע מענער, און עלטער פון 21 יאָר, אפילו ווען זיי האָבן נישט געצאָלט קיין עטאט. פרויען האָבן נישט געהאט קיין וואלרעכט, ווייל די יידישע גמינע איז געוואָרן ווייטער באצייכנט אלס א רעליגיעזע. אין די דעמאָלטיקע וואלן צו דער שעדלעצער גמינע האָבן זיך באטייליקט: ציוניסטן, מזרחי, אגודה, פאָלקיסטן און האנטווערקער. „בונד" און „פּועלי-ציון" האָבן די וואלן באָיקאָטירט צוליבן פאראגראף 20, וואָס האָט צוגענומען וואלרעכט ביי די נישט-רעליגיעזע. דער עיקר קאמפן ביי די וואלן האָבן זיך אָפגעשפּילט צווישן „אגודה" און ציוניסטן. אין יעדן חסידים-שטיבל און מנין זיינען געווען אויפרופן פון די רבנים און רביים, וואָס האָבן באשוואוירן די יידן צו גיין צו די וואלן און צו שטימען פאר דער „אגודה", כדי נישט צו דערלאָזן, אז די קהילות זאָלן ארייפאלן צו די ציוניסטן, צו פּושעים, וואָס ווילן אומברענגען די „תלמוד-תורהס" און ישיבות און ווילן אריינזעצן רעפאָרמירטע רבנים.

דער רעזולטאט פון די וואלן איז געווען פאָלגנדיקער: פון 20 מיטגלידער צום קהילה-ראט האָט די „אגודה" באקומען 10 מאנדאטן — 50%, און נישט געהאט קיין מערהייט. די ציוניסטישע ליסטע — 4 מאנדאטן, האנטווערקער — 4, דריי פרנסים פון דער האנטווערקער-ליסטע זיינען געווען חברים פון ציוניסטישן קאָמיטעט. אזוי אז עס זיינען געווען 7 ציוניסטן, און דער פערטער האנטווערקער איז געווען א סימפּאטיקער פון די ציוניסטן. די ליסטע פון „פאָלקיסטן" און „מזרחי" האָבן באקומען יעדע צו איין מאנדאט.

די 20 מיטגלידער פון קהילה-ראט האָבן געדארפט וויילן א קהילה-פארוואלטונג פון 10 פערזאָן, און די „פאָלקיסטן" און „מזרחי" האָבן נישט געהאט קיין שאנסן אליין דורכצופירן קיין מאנדאט צו דער פארוואלטונג, און אויך נישט געוואָלט שטימען פאר קיין צווייטער ליסטע, דעריבער האָבן זיי זיך נישט באטייליקט אין די וואלן פון קהילה-פארוואלטונג. צוליב דעם האָט די „אגודה" באקומען אין דער פארוואלטונג 6 מאנדאטן, און די ציוניסטן און האנטווערקער (8 שטימען) נאָר 4 מאנדאטן.

די מיטגלידער פון דער „אגודה" אין קהילה-ראט זיינען געווען: יעקב שצעראנסקי, שמעון רידעל, משה שליפקע, אליהו טענענבוים, סענדער קאנטאָר, בונם הובערמאן, משה זאקאן, ישראל זלאָטאָווסקי, בעריש גורזאלקע, יעקב צוקער.

פון די ציוניסטן: י. נ. וויינטרויב, אשר אורזעל, מ. א. אייזענשטאט און להבדיל בין החיים והמתים ד"ר מ. שלייכער (געפינט זיך אין ישראל); האנטווערקער־ציוניסטן: ז. נ. מאלין, שמואל ווארמאן, אהרן מארעצקי און בערל סרעבניק. פאלקיסט: יוסף ראזענזומען. מזרחי: וו. ארלאווסקי.

פארוואלטונגס-מיטגלידער זיינען געווען: — פון דער „אגודה": ישראל גוטגעלט, אפרים האלבערג, בעריש יאקובאוויטש, טוביה שי־פער, יואל סלושני, אשר-משה נעלקענבוים; ציוניסטן און האנטווערקער: משה גאלדבערג, יהודה וואדע נתן-הערש גורשטיין און להבדיל בין החיים והמתים, פישל פאפאווסקי (היינט דרומי, וואוינט אין ישראל).

די ערשטע עפנטלעכע זיצונג איז פארגעקומען מיט דער באטיילי־קונג פון סטאראסטע, ה' קאשטליאש. אויף דער טאג-ארדנונג איז גע־וועזן איין פונקט: וויילן א פארזיצער פון קהילה־ראט, וואס עס האבן געדארפט דורכפירן די ראט-מיטגלידער, און א פארזיצער פון דער קהי־לה-פארוואלטונג, געוויילט דורך פארוואלטונגס-מיטגלידער.

אויפן אמט פון קהילה־ראט-פארזיצער זיינען ארויסגעשטעלט גע־ווארן 2 קאנדידאטן: פון די ציוניסטן — דער אלטער ציוניסטישער עסקן י. נ. וויינטרויב און פון דער „אגודה" — יעקב שצעראנסקי. דאס מאל האבן דער „פאלקיסט" און „מזרחי" געשטימט פאר אונדזער קאנדידאט. דער רעזולטאט איז געווען: 10 שטימען פארן ציוניסטישן קאנדידאט — וויינטרויב, און 10 שטימען האט באקומען דער אגודה-קאנדידאט שצעראנסקי. לויט דער וואל-ארדינאציע האט מען געדארפט באשטימען נאך א מאל וואלן. צום דריטן מאל, ווען די שטימען האבן זיך צעטיילט אויף גלייך, האט מען געדארפט ווארפן א גורל צווישן די 2 קאנדידאטן. דער סטאראסטע ה' קאשטליאש, וואס האט זיך באטייליקט אין דער זיצונג, האט אבער געמאלדן: אזוי ווי די שטימען האבן זיך צעטיילט, באשטימט ער שצעראנסקין, דעם אגודה־קאנדידאט, אלס פארזיצער און פאראָרדנט צו וויילן א פארזיצער צו דער קהילה-פארוואלטונג.

דער שרייבער פון די שורות האט געבעטן א ווארט, כדי צו געבן א דערקלערונג פאר די וואלן. ווי נאר איך האב אנגעהויבן צו רעדן אין יידיש, האט מיך דער סטאראסטע אפגעשטעלט און געפרעגט, פארוואס איך רעד נישט אויף פויליש, צי איז דאס ווייל איך וויל נישט, אדער ווייל איך קאן נישט. אויף דעם האב איך אים געענטפערט, אז לויט דעם געזעץ דארף נאר דער פארזיצער רעדן פויליש, ווען עס באטייליקט זיך א פארשטייער פון דער מאכט, אבער די מיטגלידער מעגן רעדן יידיש און ער וועט קענען די רעדע מיינע לייענען אין פראטאקאל, אדער מען וועט אים זי באלד איבערזעצן אויף פויליש. דער עולם וואס האט פול

געמאכט דעם זאל איז פון מיין ווירדיקן ענטפער געוועזן שטארק צו־פרידן.

נאָך דעם אינצידענט האָב איך אָפּגעגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„אין משך פון יאָרן, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געפירט אַן אויפקלערונגס־קאַמף קעגן דעם כאַראַקטער פון דער יידישער קהילה. מיר האָבן געזאָגט, אַז די יידישע קהילות דאַרפן זיין נישט בלויז רעלי־גיעזע, נאָר אויך וועלטלעכע, וואָס דאַרפן אַרומנעמען דאָס גאַנצע יידי־שע לעבן, ד. ה., נישט בלויז שטיצן די תלמוד־תורהס, נאָר אויך וועלט־לעכע שולן, אויב די יידישע עלטערן ווילן אַזעלכע. מיר האָבן געזאָגט, אַז די יידישע קהילה דאַרף זאָרגן פאַר אַלע רעליגיעזע, קולטורעלע און סאָציאַלע הצטרכותן פון דער יידישער געזעלשאַפט: גרינדן ביבליאָ־טעקן, אָוונט־קורסן, ספּאָרט־פאַראיינען, שטיצן דעם אויפבוי אין ארץ ישראל אדג"ל. וואַלרעכט צו דער קהילה דאַרף געגעבן ווערן יעדן מענטשן, אין עלטער פון 18 יאָר, אָן אונטערשייד פון געשלעכט, סיי ער צאָלט שטאַט, אָדער נישט. די רעגירונג אָבער וויל נישט ענדערן דעם כאַראַקטער פון דער יידישער קהילה און באַצייכנט זי ווייטער אַלס רעליגיעזע. ביי דער יידישער פּרווי האָט מען צוגענומען דאָס וואַל־רעכט צו דער דאָזיקער וויכטיקער יידישער אינסטיטוציע. הגם מיר זיינען נישט צופרידן מיט דער וואַל־אָרדינאַציע, האָבן מיר דאָך באַ־שלאָסן צו באַטייליקן זיך אין דער קהילה און אינעווייניק ווייטער פירן אונדזער אויפקלערונג, אַז די יידישע קהילה דאַרף און מוז זיין נישט אַ רעליגיעזע, נאָר אויך אַ וועלטלעכע.

„נאָר זעענדיק די האַנדלונג פון ה' סטאַראָסטע קעגן דעם געזעץ, מיט דער כוונה צו העלפן דער „אגודה" קעגן די ציוניסטן, דערקלער איך, אַז מיר וועלן נישט אָנערקענען דעם פאָרזיצער פון דער יידישער קהילה, נאָר באַטראַכטן אים אַלס פאָרזיצער פון ה' סטאַראָסטע. מיר וועלן נישט אָנערקענען זיינע אָנווייזונגען ביז די זאַך וועט נישט גע־ענדערט ווערן, לויט ווי דאָס געזעץ זעט פאָר. און אַלס פראָטעסט, דערקלער איך אין נאָמען פון די ציוניסטן און די האַנטווערקער־פאַר־שטייער, אַז מיר וועלן זיך נישט באַטייליקן אין די וואַלן פון אַ פאָרזי־צער פון דער פאַראוואַלטונג".

ד"ר שלייכער האָט מיין דערקלערונג איבערגעזעצט אויף פּויליש און צום סוף אויסגעשריגן: „איך ווינטש מזל־טוב דעם נאָמינירטן פאָר־זיצער פון דער מאכט!". דער סטאַראָסטע האָט געענטפערט, אַז ער וועט מיין דערקלערונג איבערשיקן צום וואָיעוואָדע. ר' ישראל גוטגעלט איז אויסגעוויילט געוואָרן מיט 6 שטימען פון דער אגודה אַלס פאָרזי־צער. מיט דעם האָט זיך די ערשטע עפנטלעכע זיצונג געענדיקט.

די „אגודה", דערמוטיקט דורך דער האַנדלונג פון סטאַראָסטע,

האָט גענומען דורכפירן איר פּראָגראַם „ביד חזקה" און אין נייעם בודזשעט, וואָס איר מערהייט האָט אויפגעשטעלט, זיינען גענומען גע־וואָרן אין אכט נאָר רעליגיעזע באַדערפעניש, פאַר אונדז — ציוניסטן, האַנטווערקער און פּאָלקיסטן איז געבליבן איין אויסוועג — האַלטן לאַנגע רעדעס און נישט דערלאָזן, עס זאָל קומען צו אַן אָפּשטימונג איבער דעם.

אַזוי האָט די אומנאָרמאַלע לאַגע אין דער קהילה זיך געצויגן איי־ניקע חדשים. יעדע זיצונג האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט. מען האָט דעם בודזשעט נישט געקאָנט באַשטעטיקן, און די אַרבעט פון דער קהי־לה איז כמעט געוואָרן פּאַראַליזירט, ביז עס איז אָנגעקומען פון וואָיע־וואָדע א פאַראָרדענונג מבטל צו מאַכן די נאָמינאַציע פון פּאָרזיצער וואָס עס האָט באַשטימט דער סטאַראָסטע און צו וואַרפן א גורל צווישן די 2 קאַנדידאַטן, ד. ה.: צווישן די הערן ווײנטרויב און שצעראַנסקי. עס איז גערופן געוואָרן אַן עפנטלעכע זיצונג. ביי דעם גורל האָט גע־זיגט דער אַלטער ציוניסטישער עסקן ה' וויינטרויב. כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין שעדלעץ, אַפילו א סך פון דער „אגודה", האָבן אויפגענומען דעם רעזולטאַט מיט צופרידנקייט.

נאָך דער ענדערונג, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיטן פּאָרזיצער פון קהילה־ראַט, האָט די אגודה פאַרלוירן די מערהייט אין ראַט. די אגודה־מיטגלידער, וואָס זיינען געוועזן פאַראינטערעסירט אין א נאָרמאַלער אַרבעט אין קהילה, דער עיקר ר' ישראל גוטגעלט, האָבן געבראָכן זייע־רע פּרינציפּן, אָנגעהויבן זיך צוהערן צו אונדזערע פאַרלאַנגען און אַריינגעשטעלט אין בודזשעט סובסידיעס פאַר די תרבות־ און פּאָלקס־שולן (אמת, נישט אין דער מאָס ווי פאַר דער תלמוד־תורה), פאַר העב־רעאישע קורסן און א סובסידיע פאַרן „קרן־קימת־לישראל". אויך איז לויט מיין פאָרשלאָג באַשטימט געוואָרן, אַז יעדער הלוָאה, וואָס איז עולה קיין ארץ ישראל, דאַרף באַקומען אַן אונטערשטיצונג.

אַזוי אַרום האָט אונדזער ציוניסטישע טעטיקייט אין דער קהילה אָנגעהויבן אַריינטראָגן א ביסל וועלטלעכקייט און נאַציאָנאַלע יידיש־קייט אין דער דאָזיקער אָפּגעשטאַנענער רעכטלעכער יידישער אינסטי־טוציע. עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ שטימונג, דער עיקר אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג, אַז מ'האָט נישט דערקענט ווער עס זיינען די פאָרשטייער פון דער „אגודה". די אגודה־פּרנסים האָבן אָפּט מאָל געשטימט פאַר ציוניסטישע פאָרשלאָגן. אויך ווי ווייט אייניקע אגודה־עסקנים זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון אונדזער ציוניסטישער טעטיקייט, באַווייזט פאָלגנדיקער פאַקט:

ווען דער בילדונגס־מיניסטער מיקלאַשעווסקי האָט באַזוכט שעד־לעץ, האָט דער פאָרזיצער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, ישראל גוט־



די זעלנער אונטער דער אָנפירונג פון סערזשאַנט זלמן פריילידי, וואָס געפינט זיך היינט אין ישראל (נתניה). אין מיטן: דוד פּאַפּאָווסקי — אויפזעער פון דער כשרער קיך.

געלט, צונויפגערופן א זיצונג און פאָרגעלייגט, אז א דעלעגאציע פון דער קהילה זאָל באגריסן דעם מיניסטער. איך בין ארויסגעטרעטן קעגן דעם פאָרשלאג און אָנגעגעבן פאָלגנדיקע מאָטיוון: 1) מען האָט אונדז נישט איינגעלאדן, און 2) דעם מיניסטער, וואָס האָט פארשיקט יידישע סטודענטן קיין יאבלאָנע, דארפן יידן נישט גיין באגריסן, ווייל באגריסן, און נאָך אומגעבעטן, הייסט, אז מיר זיינען מיט אים צופרידן, אין דער צייט ווען דאָס איז פארקערט. בעת דער אָפּשטימונג איבער מיין פאָר־שלאג האָבן 2 מיטגלידער פון דער „אגודה" געשטימט מיט מיר, און דער פאָרשלאג צו גיין באגריסן איז דורכגעפאלן.

דער סטאראָסטע, וואָס איז געוואויר געוואָרן פון דער אָפּשטימונג, איז געוואָרן שטארק אויפגעבראכט און האָט א זאָג געטאָן: „וואָס מיינט פּאַפּאָווסקי, אז ער און לוקאשעוויטש (א געוועזענער דעפּוטאט פון מינ־דערהייט־בלאָק) וועלן אונטערברענגען פוילן. איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט די, וועלכע האָבן מיט אים געשטימט". געמיינט האָט ער די „אגו־דה"־פאָרשטייער. די אגודה־פרנסים האָבן זיך טאקע דערשראָקן, און ווען דער פאָרזיצער האָט נאָך א מאָל גערופן א זיצונג אויף צו רעווי־דירן דעם באשלוס, האָבן די 2 אגודה־מיטגלידער שוין געשטימט פאר גיין באגריסן.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז מיט דעם אויסוויילן י. נ. ווייג־

טרויב אלס פאַרזיצער פון קהילה־ראט געשאפן געוואָרן א מעגלעכקייט פון א פּראָגרעסיווער ארבעט אין דער קהילה. האָבן מיר טאקע אָנגע־הויבן ארייננברענגען א ביסל אָרדענונג אין דעם יידישן קהילה־לעבן.

די קהילה האָט איבערגענומען די שחיטה, די עופות־שחיטה, און די שוחטים האָבן באקומען געהאלט. אויך מיט דער „חברה קדישא" האָבן מיר איינגעאָרדנט, אז מען האָט נישט געדארפט ארומגיין זוכן די גבאים פון דער חברה אין זייערע פריוואטע וואוינונגען. איך מוז דער־מאָנען צום שבח די גבאים פון דער „חברה־קדישא". עס איז נישט גע־ווען שווער זיי צו איבערצייגן, אז עס איז שענער און בעסער אויך פאר זיי, אז דער ענין פון אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד די מתים זאָל זיך געפינען אין דער יידישער קהילה. פארשטייט זיך, אז זיי האָבן איינגעשטימט נאָך דעם ווי מיר האָבן זיי פארזיכערט, אז אלע הוצאות, וואָס די חברה מאכט, וועלן געדעקט ווערן דורך דער קהילה, אפילו דער טראַדיציאָנע־לער קידוש ערב ח' שבט. שווער איז געווען דער ענין מיט דער חברה „נושאי־המיטה". נאָך לאנגע אונטערהאנדלונגען איז מען געקומען צו א הסכם, אז אויך די לווית המת דארף דורכגעפירט ווערן דורך דער קהי־לה, בלויז די „קבוצת נשים", וואָס פלעגן זיך פארנעמען מיט דער טהרה פון נשים, איז געבליבן זעלבסטשטענדיק און זייערע הכנסות זיינען צע־טיילט געוואָרן פאר נויטבאדערפטיקע, אלס מתן בסתר. מיט דער קבוצת נשים האָט אָנגעפירט: פּוריה פון דער סאָדע־וואסער, די פרוי פון ר' לייבעלע ראָזענבערג, הנה ריבאָווסקי, חנה פּאָפּאָווסקי און אנדערע.

אין די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן באקומען גרעסערע סובסידיעס,



די יידישע זעלנער מיטן קאָמיטעט ביים ס"ר



דער קאָמיטעט איינצואָרדענען דעם פסח־סדר פאר די יידישע זעלנער:
דוד קאָנאָפּנע, יהושע ליכטענפאכט, שמואל וואָרמאן, פרוי אייזענשטאט, וועלוול
בארג, פּועה ראבינאָוויטש, שמואל צוקער, יצחק נחום ווײַנטרויב, משה אבא
אייזענשטאט, אלטר קאמינסקי, דוד רובינשטיין, בעריש יום־טוב,
מאיר שווארצמאן (היינט רב אין וויניפּעג).

איז געווען פאַרטרעטן א פאָרשטייער פון דער קהילה. איך בין געווען פארטרעטן אין „עזרת־יתומים". אויף פּסח האָט די קהילה־פּארוואלטונג איינגעאָרדנט א קיך פאר די יידישע זעלנער. מיר האָבן אויך געגרינדעט א „גמילת־חסד"־קאסע וואו הונדערטער מענטשן האָבן באקומען הלוואות ביז 200 זלאָטעס אָן פּראָצענט, און דורך דעם זיך געשטעלט אויף די פיס. מיט דער „גמילת־חסדים"־קאסע האָבן זיך באנוצט קליינהענדלער און בעלי־ מלאכות, וואָס האָבן אין די בענק נישט געקאָנט באקומען קיין הלוואות.

א דאנק דער דאָזיקער טעטיקייט איז די שעדלעצער קהילה דערהויבן געוואָרן צו אן אמתער יידישער רעפּרעזענטאנץ, מיט וועלכער אלע האָבן זיך גערעכנט. ישראל גוטגעלט, הגם ער איז געווײלט געוואָרן דורך דער „אגודה" און געווען איינער פון אירע פירער, דאָך ווען ער האָט געזען, אז מיר, די ציוניסטן, ווילן אריינברענגען לעבן אין דער יידישער קהילה, האָט ביי וויכטיקע פראגן אָפט מאָל אָפּגעהאלטן באראטונגען מיט די ציוניסטישע פירער. די ציוניסטן האָבן אין דער פּראקטיק דורכגעפירט זייערע צוזאָגן, וואָס זיי האָבן געגעבן אין דער דעקלאראציע אויף דער ערשטער ראטזיצונג פון דער שעדלעצער קהילה, אז זיי וועלן אריינברענגען אין איר וועלטלעכקייט.

נאָך דעם ווי איך האָב פאַרלאָזט שעדלעץ אין סוף 1932, איז א געוויסע צייט געווען א געמיינזאמע ארבעט צווישן די קהילה-פארוואַל-טונג-מיטגלידער.

ביי די לעצטע וואלן צו דער קהילה זיינען שוין געווען פארטרעטן בונדישע און „פועלי-ציון"-חברים

נאָכדעם ווי עס זיינען פאָרגעקומען וואלן צו א רב, וואָס עס האָט געבראכט צו א קאמף צווישן די „מזרחי"- און „אגודה"-קאנדידאטן, האָבן זיך די באציאונגען צווישן ציוניסטן און „אגודה" געענדערט. אזוי האָט זיך דאָס געצויגן ביז דער וועלט-מלחמה, ווען די נאצים האָבן אלץ אָפּגעמעקט און געענדיקט מיט דעם יידישן קהילה-לעבן אין שעדלעץ.

ב. מינץ

אנטוויקלונג פון יידישן קרעדיט־וועזן אין שעדלעץ

די שעדלעצער ליי־ און שפּאָר־געזעלשאַפט

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע קרעדיט־וועזן האָט אין שעדלעץ זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען באַלד נאָכן רעוואָלוציאָנערן יאָר 1905. פאַר יידן, און באַזונדערס פאַר שעדלעצער יידן, איז דעמאָלט געווען א שווע־רע און ביטערע צייט.

אויף דעם אַלגעמיינעם פאָן פון יידישן לעבן אין פוילן, אין יאָר 1906, אין יאָר פון דער ביטערסטער רוסישער רעאַקציע, רדיפות און פאַרפאָלגונגען, וואָס זיינען אַמשאַרפסטן אָנגעווענדעט געוואָרן לגבי יידן און האָבן געדראָט דעם יידישן קיבוץ מיט א מאָראַלישן, קולטורעלן און עקאָנאָמישן חורבן, — טיילט זיך אויס שעדלעץ מיט איר ספּעציפי־שער לאַגע, מיט איר רעכטלאָזיקייט, דערשלאָגנקייט, דעזאָריענטאַציע און אָפּהענטיקייט. דאָס יאָר 1906 איז געווען פאַר שעדלעצער יידן אַן אמתער עמק־הבכא; דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון דעם נאָר וואָס איבערגעלעבטן פּאָגראָם. די גרויזאַמע פּאָגראָם־בילדער האָבן ווי שווארצע שאָטנס געשוועבט פאַר די אויגן און אָנגעפילט דאָס הארץ מיט צער און צאָרן, מיט פחד און יאוש.

די יוגנט האָט אין פּאַנישער שרעק מאסנהאפט פאַרלאָזט די היי־מען און אויסגעוואנדערט אין ווייטע לענדער. ווער עס האָט געקאָנט, ווער עס האָט נאָר געהאט עפּעס א מעגלעכקייט איז אויף א קורצער אָדער לענגערער צייט אַנטלאָפן פון שטאָט, איבערלאָזנדיק דאָס האָב און גוטס כמעט ווי אויף הפקר.

דאָס עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די יידן אין שעדלעץ, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט באַזירט אויף געזונטע, ראַציאָנעלע יסו־דות, איז געוואָרן נאָך מער דערשיטערט, נאָך מער דעפּרעסיוו. א מורא־

דיקע גלייכגילטיקייט, אפאטיע און אויסזיכטלאָזיקייט האָבן באהערשט די געמיטער און פאראליזירט יעדע איניציאטיוו. יעדן ווילן צו פאר־שטארקן דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן, געזונט מאכן און באפעסטיקן די רואינירטע, עקאָנאָמישע פאָזיציעס.

מען האָט באדארפט ווירקלעך האָבן א גרויסע מאָס מוט, ענערגיע און אָפּפערווייליקייט, כדי אין יענער צייט צו פאָרסירן די אידעע וועגן בויען אין שעדלעץ אן אינסטיטוציע פאר קעגנזייטיקער זעלבסטהילף, געשטיצט אויף קאָאָפּעראטיווע יסודות. דער קאָאָפּעראטיווער געדאנק, די אידעע פון זעלבסטהילף אויפן באָדן פון א ווירטשאפטלעכער אחדות איז בכלל אין יענער צייט געווען ניי און נישט פאָפּולער. אויפן שטח פון דעמאָלטיקן פוילן (קאָנגרעס-פוילן און מזרח-קרעסן) האָט עקזיס־טירט נישט מער ווי פיר לייַ- און שפּאָרקאסעס, אין די שטעט: לובלין, ראדאָם, גראָדנע און ווילנע — מיט א נישט באדייטנדיקער מיטגלידער־שאפט. די קאסעס האָבן נישט געהאט קיין גרויסן אָנזען אויף דער יידי־שער גאס און נישט גרופירט ארום זיך די ברייטע פאָלקסשיכטן.

א באזונדער געוואגטקייט האָט געפאָדערט דער פרואוו, צו גרינדן אזא אינסטיטוציע אין שעדלעץ. ווי באקאנט, איז שעדלעץ פון שטענדיק אָן געווען א שטאָט, וואו א געוויסער טייל יידן מיט געלט, האָבן גע־לעבט פון פראָצענט און ליכווע. נישט זייענדיק קיין האנדל- און פאברי־קאציע-געביט, נישט שטייענדיק אין אוממיטלבארן קאָנטאקט מיט די אינדוסטריעלע צענטערן אין לאנד, איז שעדלעץ שטענדיק, אין הינ־זיכט פון האנדל און פאבריקאציע, געווען פיל הינטערשטעליק לגבי א ריי גרעסערע און קלענערע שטעט אין פאָדליאשער געגנט. די איינציקע היימישע „פראָדוקציע" פון שעדלעץ איז געווען פראָצענט און ליכווע. פאר א באדייטנדיקן שיכט שעדלעצער יידן איז דאָס לייען געלט אויף צינזן געווען א סטאבילער פרנסה-קוואל און איז ווי א פערמאנענטע פּראָפעסיע איבערגעגאנגען בירושה פון פאָטערס צו קינדער.

א גאנץ באזונדערער טיפּ פראָצענטניקעס, באקאנט אונטערן נאָ־מען „וואוכערניקעס", האָט א ריי יאָרן געלעבט א גוטן טאָג אין שעד־לעץ, און ערשט א דאנק דעם אנטשטיין פון דער לייַ- און שפּאָר-קאסע, איז ער פארשוואונדן פון דער אויבערפלאך. די קליענטן פון די וואוכער־ניקעס זיינען באשטאנען צום מערסטן פון פאראָרעמטע קרעמער און בעלי-מלאכות, איבערהויפּט, ווען זיי האָבן זיך גענויטיקט אין א מער־ווינציקער גרעסערער הלוואה, ווי למשל — אויף אויסצוקויפן א פּאַ־טענט, צי אויף איינצואָרדענען א פרנסה-ווארשטאט, אָדער אין פאל פון א לאנגדויערנדיקער קראנקייט. אין דורכשניט איז אזא הלוואה באשטא־נען פון 100 רובל, אויסצוצאָלן אין 50 וועכנטלעכע ראטעס צו 2,50 רובל — א צינדז-פוס פון 50 % יערלעך, וואָס איז לויט די דעמאָלטיקע

פאַרהעלטענישן געווען אומגעהויער הויך. דער וואוכערניק איז אליין ארומגעגאנגען איבער די שטיבער און קראָמען איינצוקאסירן די ראַטעס — די שווער פאַרהאַרעוועטע גראָשנס פון דער יידישער אָרעמקייט. ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט נישט געקאָנט פינקטלעך צאָלן די ראטעס, דאן איז ער שוין אויפן גאנצן לעבן געוואָרן אן עבד כנעני צום וואוכערניק. נישט נאָר ביי דער אָרעמער באפעלקערונג, ביי דער, וואָס האָט כלומרשט גענאָסן פון זייערע „טובות", זיינען די וואוכערניקעס געווען פאַרהאסט און זיינען אָפטמאָל באגעגנט געוואָרן מיט א קללה אויף די ליפן, נאָר אויך די גאנצע שטאָט האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף פאראזיטן און באצויגן זיך צו זיי מיט א געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט.

אזוי האָט מער־ווייניקער אין אַלגעמיינע שטריכן אויסגעזען דאָס געזעלשאפטלעכע אוןווירטשאפטלעכע לעבן פון די יידן אין שעדלעץ אין יאָר 1906, ערב דעם אנטשטיין פון דער לייִ־ און שפּאָר־קאַסע, וועלכע האָט שפּעטער באקומען דעם נאָמען „באנק אודזשאַלאָווי".

די ערשטע פּיאָנערן און עסקנים אין קרעדיט־וועזן

די ערשטע פּיאָנערן, די ערשטע געזעלשאפטלעכע עסקנים, וועלכע מיר טרעפן ביים גרינדן די לייִ־ און שפּאָר־קאַסע זיינען געווען: א. אַרזשעל, שמריי גרינבערג, נ. ד. גליקסבערג, נ. וויינטרויב, מ. וואַלאַוועלסקי, סט. זונדערלאַנד, מ. מ. לאַנדוי, מתיתי' מינץ, א. ז. מענדזיזשעצקי, ש. צוקער, ד"ר מ. שטיין און א. שליפּקע. א טייל פון די אויסגערעכנטע זיינען דערנאָך, אויף דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געוויילט געוואָרן אין די לייטנדע אָרגאַנען פון דער אינסטיטוציע.

ארויסצובאקומען ביי דער דעמאָלטיקער צארישער מאכט א לעגאַליזאַציע אויף צו גרינדן אזא מין געזעלשאפט, איז געווען נישט פון די לייכטע זאכן. נאָך אין יאָר 1904 האָט ה' נ. וויינטרויב, אויף אייגענער האַנט, געמאַכט באמיאונגען אין דער הינזיכט אין פּעטערבורג און טראָץ דער שתדלנות פון געוויסע איינפלוסרייכע קרייזן, איז דאָך די זאך נישט געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. דער ענין איז דורך די מאַכטאָרגאַנען באטראַכט געוואָרן נישט ווי א ריין פינאַנציעלע אונטערנעמונג, וועלכע אונטערליגט דעם „אַרטיקן קאָמיטעט פאר קליין קרעדיט". נאָר אין א געוויסן זין, ווי א רעפאָרם, — א זאך, וואָס איז אַן און פאַר זיך אין די צארישע צייטן געווען שטאַרק פאַרדעכטיק. פון רעפאָרם ביז „קראַמאָלע", איז געווען א דיסטאַנץ פון איין טריט. די בקשה אויף א דערלויבעניש, וועלכע איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך די אויבנדערמאָנטע פּערזאָנען, איז פון דער גובערניע־קאַנצעלאַריע אי-



עסקנים אין קרעדיט-ווען

עס זיצן פון רעכטס: מענדל ליווערצנט, שמואל צוקער, י. נ. ווייגטרויב, וועלוול
בארג, ש. גרינבערג, נ. ד. גליקסבערג.

עס שטייען: אשר אייזנבערג, אגריסט, הערצל, אלבערשטאט.

בערגעשיקט געוואָרן צו דער זשאנדארמעריע-אָפּטיילונג אויף א חקירה ודרישה. און הגם די מענטשן זיינען געווען באקאנט אלס פּאָליטיש כשרע, אָדער ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן „בלאגאָנאדיאָזשנע", האָט דאָך די זשאנדארמעריע אייפעריק אדורכגעפירט אן אויספאָרשונג, הן בנוגע צום עצם ענין, הן לגבי די איינצלנע פּעטענטן.

נאָך גרויסער מי און מאטערניש געלינגט צו באקומען די לעגאלי־זאציע, וועלכע איז דאטירט פון 9טן פעברואר, אלטער סטיל, 1907, נו־מער 11, און איז אדרעסירט „צום באפולמעכטיקטן גרינדער פון דער לייי־ און שפּאָר־געזעלשאפט, הערן נחום וויינטרויב". אין דער דערלוי־בעניש ווערט מיטגעטיילט, אז לויטן באשלוס פון „שעדלעצער גובער־ניאלן קאָמיטעט פאר קליינקרעדיט-ענינים", ווערט דערלויבט צו עפע־נען אין שעדלעץ א געזעלשאפט אונטער דעם נאָמען: „שעדלעצער ליי־ און שפּאָר-געזעלשאפט". מיטן זיצאָרט שעדלעץ-סטאראָוויעש, אויפן גרונט פון דעקרעט פון פינאנץ-מיניסטער, פון 14טן אויגוסט 1905 א. א. וו.

דער ציל פון דער געזעלשאפט איז געווען א קלאָרער: געבן די מעגלעכקייט די ברייטע פאָלקסשיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג צו געניסן פון ביליקן קרעדיט אויף צוגענגלעכע באדינגונגען.

לויט איר סטרוקטור האָט די „ליי־ און שפּאָר־געזעלשאַפט" געהאַט א באַגרענעצטן טעטיקייטס־געביט: זי האָט געהאַט דאָס רעכט, אָנצו־נעמען פּקדונות און ארויסצוגעבן הלוואות אין א באַגרענעצטער הויך (מאַקסימום ביז 600 רובל); דאקעגן האָט זי זיך נישט געטאָרט פאַר־נעמען מיט קיין שום אנדערע באַנק־אָפּעראַציעס. די הלוואות נישט אויף קיין וועקסלען, נאָר אויף „רעווערסן", האָט די געזעלשאַפט געקאָנט אויפמאָנען אויפן אדמיניסטראַטיוון אופן און נישט באַדאַרפט אָנקומען צום געריכט. די השגחה איבער דער געזעלשאַפט און איבער איר טעטי־קייט, האָט געהאַט דער אינספּעקטאָר פון קליינקרעדיט, וועלכער האָט פון צייט צו צייט דורכגעפירט א רעוויזיע און קאָנטראָלירט די ביכער און השבונות. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער איז געווען די העכסטע אינסטאַנץ פון דער געזעלשאַפט.

דער גרינדונגס־קאַפּיטאַל פון דער געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון טויזנט רובל מזומנים, וואָס דער „שעדלעצער קאָמיטעט צו שטיצן די פּאָגראָם־געליטענע אין שעדלעץ" האָט צו דעם צוועק געגעבן. די געל־טער האָט דער קאָמיטעט דערהאַלטן פון א ריי שטעט און שטעטלעך אין פּוילן און אין רוסלאַנד, ווי אויך פון אויסלאַנד, פון אינסטיטוציעס און פון יחידים, פון יידן און נישט־יידן. אויף אַזא אופן איז דער גרינ־דונגס־קאַפּיטאַל פון דער קרעדיט־געזעלשאַפט נישט קיין היימישער, נישט קיין שעדלעצער, נאָר אזוי צו זאָגן, אן „אוניווערסאַלער", אן אַל־וועלטלעכער. דאָס איז געווען א קאַפּיטאַל א טייערער, א האַרציקער, וואָס איז געקומען פון די איידלסטע מענטשלעכע געפילן, א פרייוויליק געשענקטער, מיטן איינציקן צוועק — צו היילן, צו העלפן, און צו בויען.

דעם 24סטן אַפּריל 1907 קומט פאָר די גרינדונגס פאַרזאַמלונג אין דעם לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט, אין הויז פון ישכר לעווין (פּראָסטע 5), ביי א גרעסערער צאָל דעקלאַרירטע מיטגלידער. מיט אַלע שטימען ווערן אויסגעוויילט אין אויפזיכטסראַט: משה טעמקין, שמואל צוקער, מאיר פרענקעל, משה אבא אייזנשטאַט און אהרן זעליג מענדזיזשעצקי און אין דער פאַרוואַלטונג: ד"ר מאַוריצי שטיין, נחום ווייִנטרויב, שמרי' גרינבערג, שמעון רידעל און אשר משה נעלקענבוים. אין דער רעווידיר־קאָמיסיע: מתתי' מינץ, נתן דוד גליקסבערג און אָסקאַר מינץ. אלס ערך־קוראַטאָר ווערט געוויילט אדוואָקאַט סטאַניסלאַוו זונדערלאַנד. פּרעזעס פון ראַט — משה טעמקין, פּרעזעס פון דער פאַרוואַלטונג — ד"ר מאַאוריצי שטיין.

די הויך פון א הלוואה פאַר א מיטגליד ווערט באַשטימט אויף א סומע פון 50 ביז 300 רובל. לויט די אינדיווידועלע צאָלונגס־פעאיקייטן פון די מיטגלידער, מיט דער אקצענטירונג, אז פון הלוואות קענען גע־ניסן נאָר מינדער־באמיטלטע פערזאָנען. די הויך פון מיטגלידס־פּאַי

ווערט פעסטגעשטעלט אויף 15 רובל, אויסצוצאָלן אין ראטעס, לויטן וואונטש פון באטרעפנדיקן מיטגליד.

די געזעלשאפט אנטוויקלט זיך מיט זייער א שנעלן טעמפּאָ. מיט יעדן טאָג שליסן זיך אָן אין איר נייע מיטגלידער און עס פליסן אריין דעקלאראציעס אויף הלוואות.

די מיטגלידער שטעלן מיט זיך פאָר א פארשידנארטיקן עלעמענט: סוחרים, קליינהענדלער, בעלי־מלאכות, ארבעטער און אינטעליגענץ. דער ראט פון דער פארוואלטונג האלט אָפּ רעגולער בשותפותדיקע זי־צונגען און ווייזט ארויס אן אויפריכטיקע איבערגעגעבנקייט פאר דער אינסטיטוציע. די החלטות ווערן ווי געהעריק פּראַקטאַקאַלירט.

אלס בוכהאלטער און ביוראָ־פירער ווערט אנגאזשירט מרדכי מאיר לאנדוי, א מענטש פון א הויכן קולטור־ניוואָ, מיט א פיינעם און סוב־טעלן געשמאק און גלענצנדיקע אָרגאניזיר־פעאיקייטן. ער האָט געזען אין דער אינסטיטוציע, נישט סתם א קאָמערציעלע אונטערנעמונג גע־בויט אויף קאָאָפּעראטיווע יסודות, נאָר א קוואל פון זעלבסטהילף, פון מענטשלעכע קעגנזייטיקע לייסטונגען, וואָס שטרעבן צו העלפן דעם שוואכן, דעם אונטערדריקטן יחיד. ער איז געווען דער זאך איבערגע־געבן בלב ונפש. מ. מ. לאנדוי האָט זיך אויך פאראינטערעסירט מיט דער מאָראלישער קוואליטעט פון די מיטגלידער. ער האָט זיי געוואָלט דערהויבן, מאכן זיי וועלטלעכער, געזעלשאפטלעכער, ער האָט זיך בא־מיט אויפצוקלערן דעם מהות און די צילן פון קאָאָפּעראציע און איינצו־פלאנצן אין זיי דעם באוואוסטזיין, אז די קאסע איז זייער אייגנטום, אז זיי, די מיטגלידער, זיינען אירע איינציקע לעגיטימע בעלי־בתים.

אויך די דערטיילטע הלוואות האָבן מ. מ. לאנדוי פאראינטערע־סירט נישט אזוי ווייט נומעריש גענומען, ווי דער עיקר: אויף וואָס פאר א צוועק די הלוואה ווערט פארווענדעט, צי אויף צו פירן דעם האנדל, אָדער פרנסה־ווארשטאט, און ער האָט געוואָרנט נישט ארויסצוגעבן הלוואות אויף אזוי גערופענע „קאָנסומציע־צוועקן" — א זאך, וואָס איז שעדלעך, הן פארן מיטגליד, הן פארן קאָאָפּעראטיוו.

די „לייקאסע" האָט זיך אין א קורצער צייט קונה־שם געווען נישט בלויז ביי דער שעדלעצער יידישער באפעלקערונג, נאָר אויך ווייט מחוץ די גרענעצן פון שעדלעץ — אין גאנץ שעדלעצער גובערניע. אין א ריי שטעט און שטעטלעך האָט די שעדלעצער „לייקאסע" ארויסגערופן גרויס פאראינטערעסירונג און געגעבן די אָרטיקע עסקנים די אָנרעגונג נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון שעדלעץ. סאָקאָלאָוו, וועגנראָוו, ראדזין און מארד זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער גרייט־קייט צו גרינדן ביי זיך אזעלכע קאסעס און האָבן צו דעם צוועק גע־שיקט קיין שעדלעץ זייערע דעלעגאטן נאָך אָנווייזונגען. די שעדלעצער

עסקנים האָבן ארויסגעוויזן אן אויפריכטיקן אינטערעס פארן אויפבוי פון די נייע אינסטיטוציעס און האָבן מיט ראט און טאט מיטגעהאָלפן צו זייער פונקציאָנירונג. פאר די דאָזיקע ניי־אנטשטאנענע אינסטיטו־ציעס האָט די שעדלעצער „לייקאסע" געדינט אלס מוסטער־אינסטיטו־ציע, אלס צענטראלע, צו וועלכער זיי האָבן זיך געווענדעט נאָך עצות און אינפאָרמאציעס און געפירט מיט איר א פארצווייגטע קאָרעספאָנ־דענץ. חוץ־מזה, האָט די שעדלעצער געזעלשאפט געשטיצט די פראָווינ־צער אינסטיטוציעס אויך מאטעריעל, דערטיילנדיק זיי גרעסערע און קלענערע קרעדיטן, ווי אויך צוגעהאָלפן זיי צו פירן א ריכטיקע ווירט־שאפט און אויסצובעסערן די טעכניק פון דער ביוראָ־ארבעט און בוכ־פירונג.

די פּאָפּולאריטעט פון דער שעדלעצער אינסטיטוציע איז ראַש גע־וואקסן און מיט איר האָט זיך אויך פאראינטערעסירט די פּעטערבורגער אָפּטיילונג פון דער י. ק. א. — יידישע קאָלאָניסטישע אָרגאניזאציע (דזשואיש קאָלאָניזיישן אסאָסיאיישן). אינסטרוקטאָרן פון י. ק. א. — די ה"ה סעגאל און עפרויקין, זיינען אין פארשידענע צייטן דעלעגירט גע־וואָרן קיין שעדלעץ, כדי צו באקענען זיך מיט די ארבעטס־מעטאָדן און וואוקס פון דער געזעלשאפט. אין יאָר 1912 באזוכט די געזעלשאפט דער פאָרשטייער פון י. ק. א. ה' קאסטעליאנסקי, וועלכער האָט אגב זיך פאראינטערעסירט מיטן מצב פון דער היגער שוסטער־בראנזשע און גע־מאכט דעם פארזוך צו פאראייניקן די היגע יידישע פראָדוצענטן און שיך־עקספּאָרטערן אין איין קאָאָפּעראטיוון ארטעל (דער דאָזיקער פרואוו האָט זיך דעמאָלט לײדער נישט איינגעגעבן). דער איינדרוק וואָס די י. ק. א.־אינסטרוקטאָרן האָבן ארויסגעטראָגן פון זייערע אינס־פּעקציעס איז געווען מער ווי צופרידנשטעלנדיק. זיי האָבן אויסגע־דריקט זייער אָנערקענונג פאר דער געלונגענער פירונג און דערגרייכונ־גען און האָבן צוגעזאָגט די אונטערשטיצונג פון דער י. ק. א., וועלכע האָט דעמאָלט, אויסער איר פארצווייגטער קאָלאָניזאטאָרישער טעטי־קייט, אויך געשטיצט די קליינקרעדיט־אקציע, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן שאפן אין דעמאָלטיקן רוסלאנד און אין פּוילן. אין יאָר 1909 האָט טאקע די י. ק. א. פאָרגעלייגט דער שעדלעצער לייקאסע א לאנג־טערמיניקן קרעדיט פון 15,000 רובל אויף 6 % יערלעך.

דעם 27סטן אפריל 1908 איז פאָרגעקומען די ערשטע אלגעמיינע פארזאמלונג פון די מיטגלידער. פון דעם באריכט פארן יאָר 1907, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין אן עסטעטישער בוכפאָרם, אין דריי שפּראכן — העברעאיש, פּויליש און רוסיש — זעט מען, אז צום שלום יאָר ציילט די געזעלשאפט 540 מיטגלידער מיט א דעקלארירטן קאפּי־טאל פון 8,019 רובל; הלוואות זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן במשך פון

יאָר 576 אויף אן אלגעמיינער סומע פון 56,916 רובל; לאָקאטן באזיצט דאן די געזעלשאפט 20,155 רובל; דער יאָרבילאנס ווערט אָפּגעשלאָסן מיט אן עודף פון 292 רובל.

די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער לייקאסע גייט מיט א ריזיקן טעמפּאָ און שוין נאָכן ערשטן טעטיקייטס־יאָר דערווערבט זי זיך א באַשטימטע פּאָזיציע און געניסט פון פולסטן צוטרוי ביי אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג.

דער לאָקאל אויף פּראָסטע 5 ווייזט זיך ארויס פאר נישט גענוגנד, און אין יאָר 1908 גייט איבער די קאסע אין א גרעסערן לאָקאל — אין הויז פון שלמה כהנא (1־טער מאַי, 17). אין יאָר 1912 ווערט די ביוראָ פון דער געזעלשאפט איבערגעטראָגן אין א פּרעכטיקן זעקס־צימערדיקן לאָקאל, אין הויז פון ח. ד. ליכטנפאכט (1־טער מאַי, 20). (די נעמען פון די גאסן, וואו זיי זיינען געווען פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה). די יערלעכע בילאנסן פון דער געזעלשאפט, אָנהויבנדיק פון יאָר 1908 ביזן יאָר 1913, זיינען נישט אָפּגעהיט געוואָרן און מען קען דעריבער נישט זען די בהדרגהדיקע אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, און די פארגרעסערונג פון איר אקטיוויטעט אין דעם דאָזיקן צייטאָפּשניט.

ערשט דער באריכט פארן יאָר 1913 אילוסטרירט דעם דאָזיקן וואוקס דורך פאָלגנדיקע ציפערן: צאָל מיטגלידער — 2,542; פּאַי־קאַפּיטאל —31,667 רובל; גרונט־ און רעזערוו־קאַפּיטאל — 15,055 רובל; אויסגעטיילטע הלוואות, סאלדאָ — 205,188 רובל; לאָקאטן — 211,501 רובל.

פון די רווחים פאר די דאָזיקע יאָרן זעט מען, אז די־געזעלשאפט האָט כסדר פּראָספּערירט, הגם דער צינדז־פוס פון די אויסגעטיילטע הלוואות איז שטופנווייז אראָפּגעזעצט געוואָרן פון 10,3 אויף 9,3, און אין יאָר 1911 — אויף 8 % יערלעך.

אזוי שליסט זיך אָפּ דאָס חשבון־יאָר 1908 מיט אן עודף פון 3,001 רובל, דאָס יאָר 1909 מיט 4,062 רובל, דאָס יאָר 1910 מיט 4,086 און דאָס יאָר 1913 מיט 4,148 רובל.

אין יאָר 1912 ווערט באשלאָסן איינצופירן ביי דער געזעלשאפט אויך אנדערע צווייגן פון קאָאָפּעראציע. צו דעם צוועק ווערט פאר די יערלעכע רווחים געשאפן א ספּעציעלער פאָנד אויף צו קויפן שפּייז־פּראָדוקטן און הויז־מאטעריאלן צום ווידער־פארקויף פאר די מיטגלידער. סוף יאָר 1913 באטרעפט דער דאָזיקער פאָנד די סומע פון 551 רובל, הוץ־מזה ווערן געשאפן פאָלגנדיקע ספּעציעלע פאָנדן: א פאָנד פון לעבנס־פארזיכערונג פון די מיטגלידער און א פאָנד צו קויפן אן אייגענעם בנין פאר דער געזעלשאפט, אויף וועלכע עס ווערט אָפּגערעכנט פון די יערלעכע רווחים א געוויסער פּראָצענט. די דאָזיקע פאָנדן ווייזן

אויף צום 1טן יאנואר 1913 גאנץ באדייטנדיקע סומעס. אזוי ארום האָט די לייקאסע פארנומען א וויכטיקע פּאָזיציע נישט בלויז אלס קרעדיט־קאָאָפּעראטיוו, נאָר אויך פארשפּרייט איר טעטיקייט אויף אנדערע גע־ביטן פון קאָאָפּעראציע.

דעם קולמינאציע־פּונקט אין איר אנטוויקלונג דערגרייכט די געזעל־שאפט אין יאָר 1914, וואָס ווייזט אויף א פארשטארקונג פון די בא־טריבס־מיטלען און א פארגרעסערונג פון די ארויסגעגעבענע הלוואות. הגם דאָס צווייטע האלבע יאָר 1914 שטייט אונטערן צייכן פון דער וועלט־מלחמה, וועלכע האָט געהאט קאטאסטראָפאלע פאָלגן אויף דעם ווייטערדיקן אנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער לייקאסע.

צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ציילט די קאסע 2,760 מיטגלידער מיט א פאַי־קאַפּיטאַל פון 36,000 רובל און א רעזערוו־קאפּיטאל פון 20,000 רובל; לאָקאטן באזיצט די קאסע — 217,167 רובל.

די געזעלשאפטלעכע קאמפן אין דער קרעדיט־געזעלשאפט

כדי צו באקומען א פולשטענדיק בילד פון דער ערשטער עפנטלע־כער, לעגאלער, יידישער אינסטיטוציע אין שעדלעץ, וואָס איז אגב אויך כאראקטעריסטיש פאר אנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך אין יע־נער צייט — איז כדאי צו שילדערן אויך די פאָרמען פון געזעלשאפט־לעכן קאמף, וואָס האָבן זיך געשאפן אין דער קרעדיט־געזעלשאפט.

די אלגעמיינע פארזאמלונגען פון דער געזעלשאפט זיינען אדורך זייער שטורמיש. דאָס פארמלחמהדיקע שעדלעץ איז געווען געזעל־שאפטלעך שטארק צוריקגעשטאנען. די לייַ־ און שפּאָר־קאסע איז געווען דאָס ערשטע אָרט, וואו עס האָבן זיך געקאָנט אויסשפּילן די געזעל־שאפטלעכע ליידנשאפטן. פארן עולם איז איבערהויפּט געווען פרעמד דאָס באהאנדלען עקאָנאָמיש־ווירטשאפטלעכע פראגן פון א סאָציאל־גע־זעלשאפטלעכן פארנעם. חוץ לזה האָט דער מיטגלידער־מאסע געפעלט די פעאיקייט צו קענען זיך אָריענטירן אין קאָאָפּעראטיווע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען בכלל געווען פאר איר ניי און זי האָט זיי שוואך תופס געווען. אַנשטאָט רואיק און זאכלעך צו באהאנדלען די פונקטן פון דער טאָג־אָרדענונג, אַנשטאָט אָביעקטיוו אָפּצושאצן די טעטיקייט פון די לייטנדיקע אָרגאנען פארן באריכטס־יאָר און אָנצומערקן אן ארבעטס־פּלאַן פארן קומענדיקן יאָר, זיינען אויף די אלגעמיינע פארזאמלונגען געקומען צום אויסדרוק אזעלכע ענינים, וואָס האָבן נישט געהאט קיין שום שייכות, נישט צו דער טעטיקייט פון דער געזעלשאפט און נישט צו קאָאָפּעראציע ווי א געזעלשאפטלעכע באוועגונג.

די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַרענע, אין אַ קאַמף־פּלאַץ פֿאַר כּלערליי פּריוואַטע אַנטאַגאָניזמען און פּערזענ־לעכע אַמביציעס, אַרומרייסענישן און סיכסוכים, קהלשע חשבונות און קליינל־אינטריגעס. עס האָט געטומלט און גערוישט ווי אויף אַ יאַריד, איינער האָט איבערגעשריגן דעם צווייטן און ביידע האָבן פֿאַרטויבט דעם דריטן. די אַטמאָספֿערע איז געווען אָנגעשטרענגטע, אַ היציקע, דער כּאַאָס און ווירוואַר האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופֿע. אַלץ איז פֿאָרגעקומען בהלהדיק, מיט געשריי און געפּילדער, מיט טעמפּעראַמענט און ברען.

דעם שרייבער פֿון די שורות איז פֿאַרבליבן אין זכרון אָט אַזאַ בילד:

אויף דער סצענע אין פֿאָלקסהויז, וואו די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונ־גען פֿון דער לייקאַסע זיינען ס׳רוב פֿאָרגעקומען — שטייט אַ מיטגליד פֿון ראַט און לייענט פֿאָר אַ ציפֿער־באַריכט פֿון דער טעטיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט. איינער פֿון די פֿאַרזאַמלטע כאַפּט אים אָן פֿעסט ביי דער פּאָלע פֿון מאַנטל און שרייט מיט אַ דונערדיקער שטים: „אַראָפּ! אַראָפּ! איך וויל נישט הערן!" ס׳העלפֿן נישט קיין שום טענות ומענות, קיין שום אינטערווענצן, סיי מצד דעם פּרעזידיום און סיי מצד די פֿאַרזאַמל־טע — דער רעדנער מוז אַראָפּ פֿון דער סצענע און דעם באַריכט ענדיקט ער שוין נישט.

דאָס בילד פֿון די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען וואָלט נישט געווען גאַנץ, ווען מען זאָל נישט דערמאָנען דאָ דאָס פּראָטעזשירן און פֿאָר־סירן אייף פֿאָסטנס מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט די נויטיקע קוואַליפֿיקאַציעס, די עלעמענטאַרסטע בילדונג און פֿאַך־קענטעניש, נאָר איינציק צוליב דעם, ווייל זיי זיינען געווען פֿרנסהלאָזע, אָדער סתם בכבודיקע יידן און געהערן צו דער אָדער יענער חברה, צו דעם אָדער יענעם שטיבל.

אַזוי האָט זיך יאָרן לאַנג אויף די געוויינלעכע און אויסערגעוויינ־לעכע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען געפֿירט אַ העפֿטיקער קאַמף אַרום גע־וויסע פּערזאָנען — קאַנדידאַטן אויף אַ פּאָסטן אין דער לייקאַסע. ס׳רוב האָט זיך די פֿאַרזאַמלונג דאָ צעטיילט אויף צוויי זיך באַקעמפֿנדיקע צדדים, און יעדער צד האָט מיט אַלע מעגלעכע און נישט־מעגלעכע מיט־לען געוואָלט פֿאַרסירן זיין קאַנדידאַט. געווער הסידים האָבן געקעמפֿט פֿאַר ייערס אַ קאַנדידאַט און ראַדזינער — פֿאַר אַ צווייטן קאַנדידאַט. סוף־כּל־סוף האָבן ביידע צדדים זייערס אויסגעפֿירט און די קאַנדידאַטן זייערע, האָבן אין געוויסע צייטאָפּשניטן פֿאַרנומען באַצאָלטע שטעלעס אין דער געזעלשאַפֿט.

מיר ווילן דאָ געבן אַ קורצן איבערזיכט וועגן אייניקע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער ליי־ און שפּאָר־קאַסע און זייערע הויפּטבאַשלוסן.

די אלגעמיינע פאַרזאמלונג פון 1908, 27/4, איז פאַרגעקומען אונ־טער דעם פאַרזיץ פון אדוו. סט. זונדערלאַנד. אויף דער דאָזיקער פאַר־זאמלונג ווערט באשלאָסן צו העכערן דעם מיטגלידס־פּאַי פון 15 אויף 50 רובל, אויסצוצאָלן אין משך פון 10 יאָר.

אויף דער אלגעמיינער פאַרזאמלונג פון 1909, 25/3, פאַרזיצער אדוו. א. הארטגלאַס, ווערט באשלאָסן צו אסיגנירן 300 רובל לטובת דער געזעלשאַפט „גמילת־חסד". ה' א. הארטגלאַס ווערט געוויילט אלס מיט־גליד פון ראַט.

אויף דער אלגעמיינער פאַרזאמלונג פון 1910, 16/3, פירט דעם פאַרזיץ ה' א. שליפּקע און דעם פּראָטאָקאָל — אדוו. א. הארטגלאַס. ד"ר מ. שטיין רעזיגנירט פון זיין אמט, און אויף זיין אָרט ווערט גע־וויילט אלס פּרעזעס פון דער פאַרוואַלטונג, ה' שמרי' גרינבערג.

די אלגעמיינע פאַרזאמלונג פון 1911, 10/3, אונטער דעם פאַרזיץ פון ה' א. ד. טשאַטשקעס, באַשליסט צו אסיגנירן 100 רובל „אויף הוצ־אות קיין פּעטערבורג מיטן צוועק צו מאַכן באַמיאונגען וועגן איבער־טראָגן די מלוכהשע באַנוואַרשטאַטן קיין שעדלעץ". עס ווערט אויך באַ־שלאָסן צו אסיגנירן 50 רובל לטובת די אָרעמע שילערינס פון גימנאַזיע פון פרל. יאַדוויגאַ באַרטשעווסקאַ. אויסער אנדערע אונטערשטיצונגען, וואָס פלעגן יאָר־יערלעך אסיגנירט ווערן פאַר א רייע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס: תלמוד־תורה, גמילת־חסד, ביקור־חולים און אויך אויף מעות־חיטין.

אין קארגע דריי חדשים ארום, 1911, 5/6, ווערט גערופן א צווייטע אלגעמיינע פאַרזאמלונג, דאָס מאָל אן איסערגעוויינלעכע, אויף וועל־כער ס'נעמט איבער דעם פאַרזיץ דער... רוסישער אינספּעקטאָר טשאַפּ־לינסקי וואָס האָט באַוואויגן די געזעלשאַפט צו רופן אן איסערגעוויינ־לעכע אלגעמיינע פאַרזאמלונג און דערצו נאָך איינצולאַדן אלס פאַרזי־צער דעם אינספּעקטאָר טשאַפּלינסקי? דער פּראָטאָקאָל דערמאָנט נישט דאָס בפירוש. לייענענדיק אָבער צווישן די שורות, שטויסט מען זיך אָן, אז די פאַרזאמלונג איז כלל נישט געווען קיין רואיקע און אז אימתא דמלכותא האָט דאָ אויך נישט געהאָלפן. די יידן זיינען קנאַפּ וואָס נת־פּעל געוואָרן פונעם גאַספּאָדין אינספּעקטאָר און פון זיין אומא־יפהער־לעכן „מאָלטשאַט"! זיי האָבן געשטורעמט און געטומלט און האָבן זיי־ערס אויסגעפירט. זיי האָבן נאָך אָפּגעטאָן דעם אינספּעקטאָר אויף טער־קיש. ביי יעדן פּונקט און ביי יעדער קלייניקייט האָבן זיי געפאָדערט א געהיימע אָפּשטימונג, און דער אינספּעקטאָר טשאַפּלינסקי, א טיפּיש צאַ־רישער ביוראָקראַט, האָט געמוזט די דאָזיקע „געזעצלעכע" פאָדערונגען פּינקטלעך אויספירן, אזוי אז די פאַרזאמלונג האָט זיך דאַן פאַרצויגן ביזן גרויען טאָג אריין און נישט איין רוסישע קללה האָט נעבעך אינס־

פעקטאָר טשאַפּלינסקי געמוזט אין זיך דערשטיקן. ווי מען האָט דע־מאָלט געשמועסט, זאָל טשאַפּלינסקי האָבן דאַן געוואָרפן זיין שיינעם אויסדרוק „מאָלטשאַט, באָראָדאַטעיע באַראַני" (אָדער באָראָדאַטי־יע יעווזרעאי!). איבער דעם „פּסוק" האָט די יידן, פאַרשטייט זיך, נישט געפּאָדערט קיין געהיימע אָפּשטימונג.

דער וואוקס פון דער צאָל מיטגלידער, קרוב צו 3 טויזנט, האָט אוממעגלעך געמאַכט צו רופן אַלע אויף איין אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זאָל אויסגעמיטן ווערן א ווירוואר און כאַאָס. דאָס האָט געצוואונגען די לייטונג איינצופירן אין יאָר 1910 א סיסטעם פון באַפּולמעכטיקטע. יעדע הונדערט מיטגלידער האָבן באַדאַרפט אויס־ווײַלן פון צווישן זיך אַכט באַפּולמעכטיקטע, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו רעפּרעזענטירן די מיטגלידער־ מאַסע אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען און אויסדריקן איר ווילן. צו דעם צוועק זיינען אין לאָ־קאַל פון דער געזעלשאַפט אָפּגעהאַלטן געוואָרן א ריי וואַל־פאַרזאַמלונ־גען, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן הונדערט באַפּולמעכ־טיקטע און צוואַנציק פאַרטרעטער.

דער דאָזיקער סיסטעם איז נישט איינגעפירט געוואָרן אין דער פּראַקטיק, ווייל דער אינספּעקטאָר טשאַפּלינסקי האָט עפּעס געהאַט אויסצוזעצן קעגן איינפן פון דער וואַל־אָרדענונג און ער האָט די דורכגע־פירטע וואַלן נישט באַשטעטיקט.

די קרעדיט־אינסטיטוציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין אומאָפּהענגיקן פּוילן

דער בלוטיקער הוראַגאַן, וואָס האָט זיך אין יולי 1914 אַדורכגע־טראַגן איבער די פּוילישע פעלדער, האָט דאָס גאַנצע לאַנד אַריינגעשליי־דערט אין א טיפן קאַטאַקליזם. די באַפעלקערונג האָט זיך געוואָרפן אויף די קרעדיט־אַנשטאַלטן ארויסצונעמען פון דאָרט אירע אָפּשפּאָרונגען, עס איז פאָרגעקומען א בהלהדיקער „רון" אויף די בענק.

דער דאָזיקער „רון", וואָס האָט געבראַכט צום צוזאַמענברוך פון א גאַנצער ריי גרויסע בענק, האָט אויך נישט געשווינט די שעדלעצער „ליי־קאַסע", און זי האָט געטיילט דעם גלייכן גורל מיט אַלע איבעריקע פי־נאַנץ־אינסטיטוציעס אין לאַנד. עס האָבן זיך געפּאָדערט איבערמענטש־לעכע אָנשטרענגונגען, כדי צו קענען באַהערשן די לאַגע און סיסטעמאַ־טיש אויסצאָלן די לאָקירטע געלטער אין א צייט, ווען אַלע געלט־קוועלן זיינען געווען פאַרשטאָפּט און די טערמיניקע הלוואות זיינען זייער, זייער שוואַך אַריינגעפלאָסן.

א מאסע פון בעלי־פקדונות האָט טאָג־טעגלעך געשטורעמט די געזעלשאפט און דרינגנד געפאָדערט גלייך אויפן אָרט ארויסצוצאָלן די „ווקלאדן”. דערביי האָבן זיך אָפּגעשפּילט נישט ווייניק רירנדיקע און טראגישע סצענעס. די בעלי־פקדונות האָבן אָפטמאָל אָנגענומען א דראָענדיקע שטעלונג לגבי דער געזעלשאפט און אירע פאָרשטייער.

די פארוואלטונג, טראָץ איר בעסטן ווילן, איז פארשטייט זיך, נישט געווען ביכולת צו דערפילן אלע פאָדערונגען מיט א מאָל. קודם־כל זיינען אויסגעצאָלט געוואָרן די „ווקלאדן” פון די רעזערוויסטן, וואָס זיינען געוואָרן אריינגעצויגן אין מיליטער, און זייערע משפחות. דערנאָך איז געק׳מען די ריי אויף די אָפּשפּאָרונגען פון דער אָרעמער באפעלקערונג און פון מיטלשטאנד. ערשט אין א צייט ארום הייבט זיך אָן דאָס נאָרמאלע אויסצאָלן פון אלע אָן אונטערשיד לאָקירטע געלטער.

אויף אזא אופן איז דער פארוואלטונג געלונגען אין משך פון א געוויסער צייט אויסצוצאָלן „ווקלאדן” אויף א סומע פון העכער 200.000 רובל. נישט אויסגעצאָלט זיינען געוואָרן אן ערך פון 15.000 רובל, מחמת די דעפּאָזיטאָרן האָבן זיך נאָך זייערע „לאָקאטן” נישט געמעלדעט.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אז אין משך פון די ערשטע מלחמה־יאָרן איז דער לעבנס־דופק פון דער געזעלשאפט שטארק אָפּגעשוואכט געוואָרן און די טעטיקייט איז באשטאנען בלויז אין אויסצאָלן די דעפּאָזיטן, נישט אויספירנדיק קיין שום אנדערע אָפּעראציעס. דער פּערסאָנאל האָט זיך אייך פארקלענערט. געבליבן זיינען ביי דער פירונג פון דער געזעלשאפט: ה"ה א. שליפקע, א. א. קוויאטעק און י. מ. זאלצמאן. עס איז איינגעטרעטן א שטילשטאנד, וועלכער האָט אָנגעהאלטן ביזן יאָר 1918.

די אלגעמיינע פארזאמלונגען אין די מלחמה־יאָרן האָבן, פארשטייט זיך, פארלוירן זייער גאנצע אקטועלקייט און נישט ארויסגערופן מער קיין שום אינטערעס אין שטאָט. זיי זיינען בכלל זייער שוואך באזוכט געוואָרן און עטלעכע מאָל, צוליב דעם טאקע, נישט צו שטאנד געקומען. די מיטגלידער האָט געפעלט דער צוזאמענבונד. דער קאָנטאקט מיט דער אינסטיטוציע. עס האָט אייך דעריבער מיט איין מאָל אויפגעהערט דער וואלפיבער, די גערייצטקייט, די געוויינלעכע סיכסוכים און ארום־רייסענישן, דער קאמף איבער און ארום דער פאָרשטייערשאפט.

אין יאָר 1918 ווערן געמאכט פּרואוון אויפצולעבן די קאסע, וועלכע באקומט אפילו קרעדיטן אין דער שעדלעצער אָפּטיילונג פון דער „באנק פאר האנדל און אינדוסטריע”, אָבער צוליב דער אומזיכערער ווירטשאפטלעכער סיטואציע אין לאנד איז יעדער פּרואוו אין דער ריכטונג שוין פון פאָרויס געווען פאראורטיילט אויף א דורכפאל, אזוי אז פון

קיין קרעדיט־אקציע אין א גרעסערן מאסשטאב האָט קיין רעדע נישט געקאָנט זיין.

ערשט אין אָנהויב יאָר 1922, ווען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן נאָרמאליזירן, ווערט אקטועל די פראגע וועגן דער רע־קאָנסטרוקציע פון דער קאסע, און נאָכן פארעפנטלעכן אין יאָר 1921, דאָס פוילישע געזעץ וועגן קאָאָפעראַטיוון, ווערט די קאסע דעם 25טן יאנואר 1922 אויפסניי רעגיסטרירט אונטערן נאָמען „שעדלעצער קאָאָ־פעראַטיווע לייַ־ און שפּאָר־געזעלשאפט מיט באגרענעצטער פאראנט־וואָרטלעכקייט, אין שעדלעץ" און טרעט צו צו ווערבירן מיטגלידער. די ווערביר־אקציע ווערט אָנגעפירט דורך דער דעמאָלטיקער פארוואל־טונג, וואָס באשטייט פון ה"ה מ. גרינפארב, י. ליכטענפאכט און א. א. קוויאטעק.

צוליב פארשידענע סיבות און ווארשיינלעך אויך צוליב דעם, וואָס אין דער רעפּרעזענטאנץ באטייליקן זיך פאַרשטייער פון סוחרים, ווערט דער לאָקאל פון דער געזעלשאפט אין די נאָכמיטאָג־שעהן, ווי אויך אין אָוונט, פארוואנדלט אין א פּראָוויזאָרישן סוחרים־קלוב — א צוזאמענ־טרעף־ און אונטערהאלטונגס־אָרט פאר א טייל שעדלעצער סוחרים. אויף דעם דאָזיקן שותפות־באָדן קומען פאר נישט ווייניק קאָמישע קו־ריאָזן. עס האָט געטראָפן, אז א מיטגליד איז געקומען נאָך א הלוואה, האָט מען אים גאָר איינגעלאדן פאר א פערטער האנט צו א „טעלעפאָן", און פארקערט, אז ס'איז ווער געקומען לייענען א צייטונג, האָט מען אים אנטקעגן געטראָגן אן אוויזאציע אויף צו צאָלן א וועקסל. סוף־כל־סוף האָבן די סוחרים געמוזט רעזיגנירן פונעם בהנמדיקן אונטערהאל־טונגס־אָרט, און דער לאָקאל איז פארבליבן צו דער אויסשליסלעכער דיספּאָזיציע פון דער „לייקאסע".

אין יאָר 1922 ווערט מיט דער הילף פון דער גע־על־שאפט געגרינ־דעט דער „פארבאנד פון די יידישע קאָאָפעראַטיווע געזעלשאפטן אין פוילן", מיטן זיצאָרט אין ווארשע. מיטן אָנשליסן זיך אין „פארבאנד" הייבט זיך אָן פאר דער געזעלשאפט א „נייע ערע". זי ווערט א בארעכ־טיקטער מיטגליד אין דער קאָאָפעראַטיווער משפּחה און פארנעמט אן אָנגעזעען אָרט אין דער באוועגונג, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן שאפן אין באפרייטן פוילן.

סוף 1922, ציילט די געזעלשאפט 1.500 דעקלארירטע מיטגלידער און פירט א נאָרמאלע טעטיקייט אין דער ריכטונג פון דערטיילן הלוו־אות. די דאָזיקע קרעדיט־פאָרעם (הלוואות אויף לאנגטערמיניקע ראַ־טעס) איז אָבער צוליב קאָניונקטור־טעמים דאן געווען נישט געוואונטשן און עס ווערט איינגעפירט א נייעס: ארויסגעבן אוואנסן אויף קורצטער־מיניקע אינקאסא־דאָקומענטן.

דער שוין דערמאָנטער פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון איז נאָך דעמאָלט געווען אין סטאַדיום פון אָרגאַניזירונג. די הויפּט־אויפגאַבע זיינע איז געווען צו רעקאָנסטרואירן די שוין עקזיסטירנדיקע קאַסעס און מיטצוהעלפן צום בוי פון נייע קאָאָפּעראַטיוון, צו וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן דראַנג. צו דעם צוועק איז קודם־כל נויטיק געווען צו שאַפן אַ צענטראַלע קרעדיט־אינסטיטוציע, כדי צו קענען פינאַנסירן די קאָאָפּעראַטיוון און אויף אַזאַ אופן איינגלידערן זיי אין פאַרבאַנד.

די דעמאָלט אין וואַרשע עקזיסטירנדיקע ק. ס. ק. („קאַסאַ ספּולדזיעלטשעגאָ קרעדיטו") 1922—1924, וועלכע האָט דיספּאָנירט מיט די פאָנדן פון דזשאָינט און י. ק. א., וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר דער ווידער־אויפבוי־אַקציע אין פוילן, האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס פינאַנסירט די קאַסעס און געפירט איבער זיי אַן אינסטרוקטאָרישע טעטיקייט.

אויך די שעדלעצער שפּאַר־געזעלשאַפט איז עטלעכע מאָל באַזוכט געוואָרן דורך די אינסטרוקטאָרן פון ק. ק. ס. די ה"ה ס. גאָלדע און א. שמוש, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט דורכגעפירט רעוויזיעס און זיך אינטערעסירט מיטן גאַנג פון איר טעטיקייט. אַ דאַנק די באַמיאונגען פון די אינסטרוקטאָרן און אויפן גרונד פון זייערע באַריכטן דערהאַלט די געזעלשאַפט אין יאָר 1923 פון ק. ק. ס. צען מיליאָן מאַרק און שפּעטער — נאָך עטלעכע סומעס אין מאַרקן.

די ק. ק. ס. אָבער, אין וועמענס אויפגאַבן עס איז נישט געלעגן אַ קאָאָפּעראַטיווע אַרבעט אויף אַ ווייטערער מעטע, איז געווען אַ ראַביטיש באַשעפעניש און האָט געהאַט אַ קנאַפּע השפעה אויפן גאַנג און אויף דער אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין פוילן, און אין יאָר 1924 באַטראַכט זי איר טעטיקייט פאַר געענדיקט און ווערט אויפגעלייזט. אין יאָר 1923 באַקומט דער „פאַרבאַנד" רעוויזיערעכט, און ער טרעט צו צו אַן ענגערער צוזאַמענאַרבעט מיטן דזשאָינט און י. ק. א. דער ציל, וועלכער האָט די דאָזיקע אייגנאַרטיקע קערפּערשאַפטן צוזאַמענגעפירט, איז געווען די נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ צענטראַלע קרעדיט־אינסטיטוציע, וואָס האָט באַדאַרפט שטיין אונטערן רשות און השפעה פון „פאַרבאַנד". דעם סטאַטוט פאַר אַ באַנק אונטערן נאָמען: „יידישע אויפבויבאַנק" („זשידאָווסקי באַנק אָדבודאָווי") האָט די דעמאָלטיקע ענדעקישע רעגירונג, מיט פּאַדערעווסקין אין דער שפּיץ, אָפּגעזאָגט צו לעגאַליזירן, אויס מורא מסתמא, אַז די יידן פאַרמעסטן זיך אויפצובויען פוילן... דער „דזשאָינט" קויפט דאַן אָפּ די רוסיש־פּוילישע באַנק (באַנק רוסקאָ־פּאָלסקי) מיט איר גאַנצן אַקטיוו, און ענדערט שפּעטער איר נאָמען אויף „באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון" און אויף אַזאַ

אופן ווערט רעאליזירט דער באשלוס וועגן גרינדן א צענטראלע באנק אין ווארשע. סוף יאָר 1923 קומט אוים דער שפּאָר־געזעלשאפט דורכצומאכן א שווערע צייט. עס קומט פאָר די כסדרדיקע דעוואלואציע און אינפלאציע פון מארק. פון טאָג צו טאָג ווערט דאָס געלט אלץ מער אנטווערטעט, און די געזעלשאפט זעט זיך מיט איין מאָל בארויבט פון אלע אירע קאפּיטאלן און זי איז דורך דעם געצוואונגען ווידער א מאָל איבערצורייסן איר טעטיקייט.

די דורך דער אינפלאציע געשאפענע לאגע רופט ארויס א צערודערונג אין דער יונגער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג און אין אָנהויב יאָר 1924 אָרגאניזירט דער „רעוויזיאָנס־פארבאנד" א צוזאמענפאָר פון די אָנגעזעענסטע קאָאָפּעראטיווע טוער אין לאנד מיטן צוועק אָנצונעמען מיטלען, כדי איינצוהאלטן די פּאָזיציעס, וואָס זיינען ביז אהער דערגרייכט געוואָרן און אויסצוארבעטן א פּלאן פון רעאליזירן דעם איבערגאנג אויף דער זלאָטי־וואלוטע.

אין פעברואר 1924 ווערן די מיטגלידער אויפגעפאָדערט איינצוצאָלן זייערע דעקלארירטע פּאַיען אין זלאָטעס. די דאָזיקע זלאָטע־פּאַיען צוזאמען מיט די 1210 זלאָטע־באָנעס, וואָס עס איז קורין פאר דעם געלונגען דעם דירעקטאָר ה' מאלין איינצושאפן, האָבן איצט באדארפט בילדן דעם באטריבס־קאפּיטאל פון דער געזעלשאפט.

פון די אלע שווערע אומשטענדן, וואקלענישן און אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן אין יענער צייט א סך שטארקע בענק צוגעפירט צו רואין און ליקווידאציע, גייט די געזעלשאפט ארויס נישט קיין באשעדיקטע און הויבט ווידער אָן צו פירן א נאָרמאלע ארבעט.

די פּאַיען־באנק (באנק אודזשאלאָווי)

לויטן באשלוס פון דער אלגעמיינער פארזאמלונג ווערט דעם 18טן יולי 1925 דער נאָמען פון דער געזעלשאפט געענדערט אויף „באנק אודזשאלאָווי (פּאַיען־באנק), קאָאָפּעראטיוו מיט באגרענעצטער פאראנטווארטלעכקייט אין שעדלעץ".

אין די ראמען פון סטאטוט פירט די באנק אוים אלע ארטן באנקאָפּעראציעס, ווי הלוואות, דיסקאָנטע, אינקאסע פון וועקסלען, טשעקן, פראכטן א. א. וו. די באנק נעמט אויך אָן, פקדונות און אָפּשפּאָרונגען אין זלאָטעס און אין דאָלארן.

דעם אנטוויקלונגס־גאנג פון דער „באנק אודזשאלאָווי" און איר עקספּאנסיע, אָנהויבנדיק פון ערשטן יאנואר 1925 ביז דעם ערשטן יאנואר 1932, אילוסטרירן בולט פאָלגנדיקע ציפערן־אויפשטעלונגען:

יאָר	פאַי־קאַפּיטאַל	רעזערוו־קאַפּיטאַל	פּק־וגות	דערטיילטע הלוואות (סאַלדאָ)	ריוח	מיטגלידער צאָל
1/1 1925	10.212.—	6.713.—	9.190.—	37.960.—	3.503.—	715
1/1 1926	24 002.—	10.329.—	37.960.—	77.632.—	2.248.—	1211
1/1 1927	52.202.—	12.577.—	218.175.—	341.659.—	10.403.—	1469
1/1 1928	81.105.—	22 981.—	304.733.—	499.603.—	10.130.—	1506
1/1 1929	100.163.—	33.111.—	356.887.—	592.796.—	2.023.—	1577
1/1 1930	101.113.—	27.117.—	237 624.—	491.891.—	2.151.—	1540
1/1 1931	105.226.—	29.432.—	433.452.—	571.501.—	2.261.—	1614
1/1 1932	104.745.—	29.432.—	368.945.—	530 345.—	(*	1622

די פונאנדערטיילונג פון די מיטגלידער לויט זייערע בארופן שטעלט זיך פאַר אויף פאָלגנדיקן אופן:

קלייןהענדלער	האנטווערקער	סוחרים און אינדוסטריע	פרייע פּראָפעסיעס	לאנדווירטן	אנדערע באַשעפטיקונגען
593	527	252	132	12	106

*) בעת עס איז געשריבן געוואָרן די דאָזיקע ארבעט, איז נאָך נישט געווען אָפּגעשלאָסן דער גענויער בילאנס פארן יאָר 1932.

אין יאנואר 1926 ווערט מצדן „פארבאנד" איבערגעגעבן דעם די־רעקטאָר פון דער שעדלעצער פאיעך־באנק, ה' מאלין, אז ער זאָל אָר־גאניזירן א ראיאָן־קאָנפערענץ פון אלע קאָאָפּעראטיוון, וואָס געפינען זיך אין לובלינער וואָיעוואָדשאפט, מיטן צוועק צו באטראכטן די דאן אקטועל געוואָרענע פראגע, וועגן דעצענטראליזירונג פון דער באוועגונג



דער בנין, וואו עס איז געווען די לייקאַסע.

און איינפירונג פון באזונדערע עקספּאָזיטורן אין א ריי וואָלראיאָנען.

די קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באטייליקט 54 דעלע־גאטן פון 35 קרעדיט־קאָאָפּעראטיוון, איז פאָרגעקומען אין פעברואר 1926, אין לובלין, אונטערן פאָרזיץ פון ה' מאלין און עס זיינען אָנגענו־מען געוואָרן א ריי וויכטיקע החלטות בנוגע די באהאנדלטע פראגן.

דעם ווערט און פּאָפּולאריטעט פון דער באנק האָט אויך ווי געהע־ריק אָפּגעשאצט די דירעקציע פון דער „באנק פּאָלסקי". די „שעדלעצער פאיעך־באנק" איז נעמלעך געווען די ערשטע יידישע קאָאָפּעראטיווע באנק אין פוילן, וואָס האָט אין תחילת יאָר 1926 באקומען א באדייטנ־דיקן רעדיסקאָנטאָ־קרעדיט אין דער „שעדלעצער אָפּטיילונג פון „באנק פּאָלסקי", פון וועלכן זי געניסט ביז היינט צו טאָג.

די „פאיעך־באנק" איז אויך געווען פון די געציילטע יידישע קרע־דיט־קאָאָפּעראטיוון, וואָס האָבן אין די יאָרן 1928 און 1929 גענאָסן פון א דיסקאָנטאָ־קרעדיט אין פּ. ק. אָ. („פּאָלסקא קאסאָ אָשטשענדנאָשטשי" — „פוילישע שפּאָרקאַסע").

צו דעם אויפשוואונג פון דער באנק אין דעם אויבן באצייכנטן פּע־ריאָד און צו דעם פּאָלקאָמען צוטרוי און גוטן נאָמען, וואָס זי האָט זיך דערוואָרבן ביי דער גאנצער באפעלקערונג, האָט אין א גרויסער מאָס ביינעטראָגן די פּערזאָן פון ה' וו. בארג, דער ערן־פּרעזעס פון דער פאר־וואלטונג.

אין סעפּטעמבער 1925 האָט די באנק איבערגעלעבט א נייע אויפ־

טרייסלונג צוליב דעם פלוצלינגדיקן צוזאמענברוך פון פוילישן זלאָטע. דער דאָלאר איז געשפרונגען מיט א קאָפּשווינדלענדיקער הויכקייט פון 5 זלאָטעס 16 גראָשן אויף 13 זלאָטעס, און ווידער איז דאָס דעוואלוא־ציע־געשפּענסט געשטאנען פאר די אויגן און געדראָט מיט א פרישער וואלוטע־קאטאסטראָפע. די פארוואלטונג ווייזט דאַן ארויס א באזונדע־רע רירעוודיקייט ביים אויסצאָלן די דאָלארן־זוקלאדן, א דאנק וואָס די באנק גייט ארויס פון דער דאָזיקער סיטואציע כמעט אָן שום היזק, הגם די דאָלארן־אָבליגא פון דער באנק איז געווען נישט קיין קליינע.

קאַמף צווישן האנטווערקער און קליינהענדלער

פאראלעל מיטן וואוקס פון דער באנק און מיט איר השפּעה אויפן ווירטשאפטלעכן לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג איז אויך גע־וואקסן דער געראנגל צווישן פארשידענע קלאסן און גרופּן איבער דער פארטרעטערשאפט אין די לייטנדע אָרגאנען.

צוויי ווירטשאפטלעכע גרופּן, נעמלעך: די האנטווערקער און קליינ־הענדלער, האָבן א לאנגע צייט געמאכט די גרעסטע באמיאונגען און אָנשטרענגונגען ארייננציִען די באנק אין זייער אינטערעסן־ספערע און איבערצונעמען די לייטונג דורך זייערע פאָרשטייער.

דער שטרייט האָט געטראָגן מער אן אמביציעזן און דעמאָנסטרא־טיוון כאראקטער, ווי א ריין פראקטישן און פרינציפּיעלן. עס האָט דאָ מער געשפּילט די ראָל, צי די באנק זאָל אויף זיך טראָגן א שטעמפּל פון האנטווערקער־פאראיין, צי פון קליינהענדלער־פאראיין, ווי דער רעאלער ממשותדיקער נוצן, וואָס די אָדער יענע גרופּע האָט געקאָנט דערפון פאר זיך ציִען. דען אויפן באָדן פון דער באנק ווי א ריין ווירטשאפטלע־כע אינסטיטוציע, האָבן זיך די אינטערעסן פון די האנטווערקער מיט די אינטערעסן פון די קליינהענדלער פולשטענדיק געדעקט. ביידע טיילן האָבן זיך געניטיקט אין קרעדיט, אין ביליקן קרעדיט, און ביידע טיילן האָבן דעריבער באדארפט זיין גלייך פאראינטערעסירט צו שאפן פאר דער באנק א רואיקע אטמאָספערע און נאָרמאלע ארבעטס־באדינגונגען.

דער דאָזיקער שטרייט האָט געפונען זיין העכסטן אויסדרוק אויף די יערלעכע אלגעמיינע פארזאמלונגען פון דער באנק. שוין די פאָרוואל־פארזאמלונגען זיינען געווען אן אָנזאָג אויף א העפטיקן קאמף, וואָס דארף פאָרקומען צווישן די קליינהענדלער מיט די האנטווערקער, כדי צו געווינען די העגעמאָניע איבער דער באנק און ארייננצופירן אין דער לייטונג זייערע פאָרשטייער.

דער פונקט — וואלן, איז געווען די אקס פון די פארזאמלונגען, ארום וועלכער עס האָבן געקעמפט צוויי וואלליסטעס: א האנטווערקע־

רישע און א קליינהענדלערישע, און דער קאמף איז געווען נישט קיין גלייכער. די האנטווערקער אין שעדלעץ, ווי א גוט אָרגאניזירטע גרופע, געזעלשאפטלעך מער רייף און מער אָריענטירט איןווירטשאפטלעכע פראגן, האָבן געפירט א ברייטע אקציע אין שטאָט און זיינען געקומען צו דער פארזאמלונג פאראייניקט, צעמענטירט. דאקעגן די קליינהענדלער און סוחרים, וועלכע האָבן מעולם געהאט א קנאפע פארשטענדעניש פאר אָרגאניזאציע, און עס האָט זיי געפעלט דער חוש פאר געזעלשאפטלעכקייט, האָבן נישט באוויזן אריינצוציען זייערע מאסן און צו שטעלן זיי אין קאמף קעגן די האנטווערקער. די האנטווערקער האָבן דעריבער תמיד געהאט די אויבערהאנט איבער די קליינהענדלער, און ס׳איז זיי לייכט אָנגעקומען צו באזעצן מיט זייערע מענטשן די וויכטיקסטע פאָסטנס אין דער לייטונג.

אנדערש אָבער האָט זיך פאָרגעשטעלט דער מצב, ווען אין א צייט שפעטער איז צוליב געוויסע סיבות, מער טאקטישע און אָרטיקע ווי פרינציפיעלע, פאָרגעקומען א שפאלטונג אין די רייען פון די האנטווערקער גופא. עס האָבן זיך געבילדעט צוויי באזונדערע גרופן האנטווערקער מיט כלומרשט קעגנגעזעצטע אינטערעסן און עס זיינען געגרינדעט געוואָרן צוויי באזונדערע האנטווערקער־פאראייניגן. דאָ איז שוין דער שטרייט פאָרגעקומען צווישן צוויי גלייכע כוחות, צווישן צוויי גוט אָרגאניזירטע גרופן און דער דאָזיקער שטרייט האָט זיך באלד איבערגעטראָגן אויפן באָדן פון דער באנק, ווי אן אינסטיטוציע, אויף וועלכער ביידע פאראייניגן האָבן געהאט די ווייטגייענדיקסטע אספיראציעס.

דער גורל האָט געוואָלט, אז בראש פון דער באנק זיינען געשטאַנען האנטווערקער־פאָרשטייער, וואָס האָבן באלאנגט יעדער צו אן אנדער פאראיין, איופטרעטנדיק ביי זיך אין די פאראיינען איינער קעגן צווייטן אלס „פאָליטישע קעגנער״, איז שוין ממילא אויך אין דער באנק צעשטערט געוואָרן די הארמאָניע, די צוזאמענארבעט, די איינשטימיקיים, וואָס ס׳איז אזוי נויטיק ביי די מיטגלידער פון איין רעפּרעזענטאנץ. דערצו נאָך האָט יעדער האנטווערקער־צד זיך באמיט צו געווינען פאר זיך זיין פאראיינס־פאָרשטייער און ווערן דורך אים אויף דעם אָדער יענעם אופן פאוואָריזירט ביים דערליידיקן ענינים פון דער באנק.

און ס׳איז געשען: איינער דעם צווייטן האָט עס איבערגעגעבן בסוד, פון מויל צום אויער, אז וועקסלען ווערן אוועקגעלייגט אין גייען נישט צום פראָטעסט, אז פראָטעסטן ווערן נישט אויפגעמאָנט, און אז ביים ארויסגעבן הלוואות קומען אָפטמאָל אין באטראכט גאנץ אנדערע, זייטיקע מאָמענטן. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אז גלייכצייטיק מיט דער פאוואָריזירונג פון געוויסע יחידים איז געוואקסן די אומצופרידנקייט אין די רייען פון די האנטווערקער, וואָס האָבן זיך פלוצלינג דערפילט

באַוואָלט פון דעם אָדער יענעם פאַרשטייער פון דער באַנק. אויב ראובן האָט געזען, אָדער עס האָט זיך אים בלויז אויסגעוויזן, אַז שמעונען קומט מען אַנטקעגן, האָט ער זיך שוין דורכדעם אַליין געפילט באַוואָלט. די דאָזיקע אומצופרידנקייט האָט זיך נישט לאָקאַליזירט צווישן די פיר ווענט פון דער באַנק, נאָר זי איז געוואָרן אַרויסגעטראָגן אין גאַס, וואו זי האָט געפונען אַ ברייט פעלד פאַר פאַרשידענע גוזמאדיקע קלאַנגען און ווערסיעס. נישט־געשטויגענע, פּראָסט פאַנטאַסטישע לעגענדעס האָבן קורסירט אין שטאָט וועגן „גוואַלטיקע" חובות, וואָס ס'קומען דער באַנק פון געוויסע האַנטווערקער־פאַרשטייער, וועגן גאַנצע „שטויסן" פּראָטעסטן, וואָס מען מאָנט נישט אויף. יעדע קלייניקייט איז געוואָרן צענפאַכיק, הונדערטפאַכיק פאַרגרעסערט.

די „גאַס" וואָס איז להוט נאָך איבערטרייבונגען און סענסאַציעס, האָט אויפגעכאַפּט די דאָזיקע ווערסיעס און בליץ שנעל פאַרשפּרייט זיי איבער דער גאַנצער שטאָט. ס'איז געוואָרן אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז אין דער באַנק איז עפּעס נישט אין אָרדענונג, זי האָט כלומרשט געליטן היזיקות און די פאַרוואַלטונג איז נישט פּינקטלעך ביים אויפמאָנען די חובות אאז"וו.

דער נייער „רון" אויף דער באַנק

בערך אין דער זעלבער צייט קומט פאָר אין לעבן פון דער באַנק אַ געשעעניש, וואָס האָט ערנסט באַדראָט די גאַנצקייט און זיכערקייט פון דער באַנק.

אין פעברואר 1929, קומט פאָר אַ „רון" אויף דער באַנק, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ מאַסנהאַפטן אַרויסציען פון די פּקדונות און אָפּ־שפּאָרונגען. אין איין ווינטערדיקן פרימאָרגן זיינען די איבערגעשראָקע־נע בעלי־פּקדונות געקומען אין באַנק און געפאָדערט אויסצוצאָלן זיי זייערע אָפּשפּאָרונגען. גאַנץ שעדלעץ האָט פלוצלינג אין איין טאָג נוי־טיק געהאַט געלט: איינער צו סילוקן אַ נדן פאַר דער טאָכטער, אנישט פאַרט דער חתן נאָך היינט צוריק; דער צווייטער האָט געמאַכט אַ גלענצנדיק געשעפט און ער מוז, פאַרשטייט זיך, האָבן דאָס געלט; אַ דריטער ווידער מוז אומבאַדינגט פאַרטאָג פאָרן קיין וואַרשע נאָך סחו־רה, און דאָס מאָל קויפן דווקא פאַר מזומן...

יעדער פאַרבאָרגט די אמתע כוונה. פאַרקערט, אַ חניפה־שמייכעלע אויף די ליפּן — „סטייטש, פאַניע באַרג, ווי פאַלט איר עס אויס? מיר האָבן צו אייך און צו דער באַנק דעם גרעסטן צוטרוי; נישט מער, מיר מוזן דאָס איינגעלייגטע געלט היינט אומבאַדינגט האָבן, אין 24 שעה אַרום וועט שוין זיין צו שפּעט, מיר קענען נאָך צוליב דעם ליידן דעם

גרעסטן שאָדן". וואָס איז געווען די סיבה, וואָס האָט געגעבן די בעלי־פקדונות דעם אימפולס צו אזא פלוצלינגדיק ארויסציען פון זייערע אָפּ־שפּאָרונגען? צי איז דאָס געווען א פּועל־יוצא פון דער נישט־געזונטער פּאָליטיק, וואָס האָט זיך געפירט אין און ארום דער באנק, צי האָבן דאָ געווירקט אנדערע מאָטיוון, צי אפשר גאָר איז דאָס געווען א ריין צו־פעליקע דערשיינונג? די סיבה פון דעם „רון" איז שווער פעסטצושטעלן. בכלל לאָזט זיך אין אזא פאל קיין שום קאָנקרעטע פעסטשטעלונגען נישט מאכן. עס ווירקט אין אזא מאָמענט דער פּסיכאָז פון דער מאסע און נישט די איבערגערעכנטקייט, די איבערצייגנדיקע לאָגיק.

ווי אזוי האָט די פאַרוואַלטונג רעאגירט אויף דעם דאָזיקן „רון" אויף די „וקלאַדן"?

זי האָט רעאגירט אויף א גאַנץ פּרימיטיוון אופן, וואָס ווערט ברייט אָנגעווענדעט אין קאָאָפּעראַטיווע בענק. זי האָט נעמלעך אויפגעבראַכט גרויסע געלט־סומעס און געדעקט יעדע פאָדערונג. זי האָט אויסגעצאָלט טערמיניקע, ווי נישט־טערמיניקע, אזוי גרעסערע ווי קלענערע סומעס, זי האָט געצאָלט טאָג איין טאָג אויס, פון אינדערפרי ביז אויף דער נאכט.

די לייטונג פון דער באַנק האָט געמאכט די גרעסטע אָנשטרענגונ־גען צו באפרידיקן די בעלי־פּקדונות און אזוי ארום אויסגעצאָלט אין משך פון א קורצער צייט די ריזיקע סומע פון קרוב 250.000 זלאָטעס.

צום גליק האָט דער דאָזיקער אָפּפלוס פון די „וקלאַדן" נישט גורם געווען דער באַנק קיין וועזנטלעכן שאָדן און אויך נישט שטארק געשע־דיקט די אינטערעסן פון די מיטגלידער. די באַנק האָט פאַרגעזעצט איר טעטיקייט, אמת, אין א פאַרקלענערטער מאָס און ווייטער דערטיילט די מיטגלידער הלוואות און קרעדיטן אין די ראַמען פון דער מעגלעכ־קייט.

נאָך אזא איופטרייסלונג איז אריינגעטרעטן אָן אָטעם־פויזע, א באַ־רואיקונג פון די געמיטער, הגם ס'איז שוין געווען נאָענט די צייט פון דער יערלעכער אלגעמיינער פאַרזאַמלונג און אזא פאַרזאַמלונג האָט דאָך געפלעגט שטענדיק פאַרקומען אין אָן אָנגעשטרענגטער און היצי־קער אַטמאָספערע.

אויף דער דאָזיקער אלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אין יאָר 1929, איז אין אויפזיכטראַט געוויילט געוואָרן ה' שמריהו גרינבערג, וועמען דער ראַט האָט שפּעטער געוויילט אלס פּרעזעס.

נאָכן איבערנעמען דעם אמט פון פּרעזעס פון ראַט, ווידמעט זיך גרינבערג מיט דעם גאַנצן ערנסט דער וויכטיקער אויפגאַבע צו סאַנירן די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון דער באַנק און מאכט א סוף צום פאַוואָריזירן פון דעם אָדער יענעם צד, פון דער אָדער יענער גרופּע.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון רואיקער, זאָרגפעלטיקער און פלאַנמעסיקער ארבעט גייט ארויף די באנק אויף א גראדן וועג, אָן זיי־טיקע אָפּנויגן און אינערלעכע רייבונגען. די צייטווייליקע קלעם אין וועלכער די באנק האָט זיך געפונען דורך דעם שטאַרקן אָפּפלוס פון פקדונות, טרעט אָפּ. די „וקלאדן" פליסן צוריק אריין, דער צוטרוי וואקסט, די אינערלעכע שעפערישע כוחות פון באנק קומען צום אויס־דרוק.

צום סוף ווילן מיר דערמאָנען די פערזאָנען, וועלכע האָבן בשעתם ארויסגעוויזן גרויס איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט צו דער אינס־טיטוציע. דאָס זיינען געווען די מיטגלידער פון איפּזיכטסראט: א. ד. מילבערג, א. י. קאַרניצקי, ש. וואורמאן, ח. מ. שאַפּירא, וו. טוכקלאפּער. מען קאָן נישט זאָגן, אז די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען פריי פון דאגות־פרנסה, און זייער אמטירן איז פאר זיי נאָר געווען א געזעל־שאפטלעכער צייטפארטרייב. נישט איינער פון זיי האָט געזוים געהאט אויסצושטיין אלע שבעה מדורי קריזיס און דאָך, מיט וואָס פאר אן איי־פער, מיט וואָס פאר א פאראינטערעסירונג די דאָזיקע מענטשן האָבן דערפילט זייערע פליכטן.

וואָס איז געווען „באנק אודזשאלאָווי (פאיען־באנק)" פאר שעד־לעצן?

א האלב יידיש שעדלעץ האָט פאקטיש גענאָסן פון דעם:

דער געוועזענער גרויסער ס׳הר, דער בעל־מלאכה, דער פאראָרעמט געוואָרענער קרעמער, די יידענע פון דער מארקבודע, וואָס דארף עט־לעכע צענדליק זלאָטעס איינצוקויפן א ביסל סחורה, דער ארבעטער, דער אָנגעשטעלטער, און אפילו נישט־פארמעגלעכע הויז־באזיצער. די אלע זיינען נישט אוועק פון באנק מיט ליידיקע הענט. דעם אן הלוואה־לע, דעם צווייטן א דיסקאָנטע, דעם דריטן אן אוואנס און דאָס געלט איז געווען באוועגלעך, עס האָט קורסירט איבער דער גאנצער שטאָט, עס האָט פּראָדוצירט און געשאפן.

***

אחוץ דעם פאָיען־באנק („באנק אודזשאלאָווי) וואָס האָט עקזיס־טירט נאָענט פון 30 יאָר, זיינען אין שעדלעץ נאָך געווען 3 קאָאָפּערא־טיווע בענק און א גמילות־חסד־קאסע ביי דער יידישער קהילה.

די סוחרים־באנק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1924, אין הויז פון י. נ. וויינטרויב אויף דער פּילסודסקי־גאס. די גרינדער זיינען געווען: אשר אורזשעל, י. נ. וויינטרויב, ישראל גוטגעלט, דוד רובינשטיין, בער־ריש יום־טוב. אין די ערשטע יאָרן פון איר טעטיקייט האָט זיך די באנק זייער שנעל אנטוויקלט, אזוי אז עס איז געוואָרן קליין דער לאָקאל ביי וויינטרויבן אין הויז. אין יאָר 1927 האָט זיך די באנק איבערגעצויגן

אין הויז פון מענדל כהן. דירעקטאָר איז געווען אשר אורזשעל. דער־נאָך איז געווען דירעקטאָר אברהם אשר קוויאטעק. די דאָזיקע קרעדיט־אינסטיטוציע האָט געדינט די גרויסע סוחרים און די עטלעכע אינדוסט־ריעלער, וואָס זיינען געווען אין שעדלעץ און האָט געהערט צו די שענ־סטע קאָאָפּעראטיווע בענק אין פּוילן.

אין יאָר 1929 און 1930, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קריזיס אין פּוילן, האָט עס שטארק געווירקט אויף דער טעטיקייט פון דער באנק, ווייל אין די גוטע יאָרן האָט זי געגעבן גרויסע קרעדיטן ביז 20.000 זלאָטעס און אָפטמאָל נאָך מער, און צוליב דעם קריזיס האָט זי נישט געקאָנט אָפּהיטן די צאָלונגען צו דער צייט — האָט די באנק זיך גע־ראנגלט מיט דער עקזיסטענץ. אין יאָר 1933 איז זי ליקווידירט געוואָרן.

די „באנק קרעדיטאָווי" איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער איני־ציאטיוו פון מאָניש רידעל (געפינט זיך אין ישראל), מרדכי אלפּישער, ישראל רינעצקי, משה מענדל פרידמאן, ישראל צענקי און אליהו טע־נענבוים. די באנק האָט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו העלפן די קליינהענדלער אין קרעדיטן. ביז אין יאָר 1936 איז מאָניש רידעל גע־ווען דירעקטאָר פון דער באנק.

מיט דער פארגרעסערונג פון דער קרעדיט-אינסטיטוציע און נאָך דער ליקווידאציע פון „באנק אודזשאלאווי" אין יאָר 1936 איז די „באנק קרעדיטאָווי" געוואָרן די איינציקע פינאנס-אינסטיטוציע פאר אלע שעדלעצער יידן. פאָרזיצער פון ראט איז געוואָרן ד"ר בעלפור, וויצע־פאָרזיצער יהושע עקערמאן, דירעקטאָר איז געוואָרן, נאָך דעם ווי מאָניש רידעל האָט זיך אָפּגעזאָגט, שמעון ליבערמאן. אין צענטראלראט פון די קאָאָפּעראטיווע בענק זיינען געווען פארטרעטן: יהושע עקערמאן און שמעון ליבערמאן.

אין 1939 יאָר, ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט די „באנק קרעדיטאָווי" איבערגעגעבן דעם לאָקאל דער יידישער קהילה.

די דריטע באנק איז געווען די „באנק דיסקאָנטאווי", געגרינדעט געוואָרן דורך די אגודה־טוער: טוביה שיפער, יהודה אריה צוקער, משה זאקאן, אאנ"ד.

ווען די סוחרים-באנק איז ליקווידירט געוואָרן, האָט די אגודה־באנק געענדערט איר נאָמען אויף סוחרים-באנק און איבערגענומען איר לאָקאל אין דעם הויז פון מענדל כהן. פאָרזיצער פון ראט איז געווען ר' קלמן פרידמאן.

ווי מיר האָבן שוין דערמאנט איז אחוץ די בענק אויך געווען א גמילת-חסדים-קאסע ביי דער יידישער קהילה, וווּ א האנטווערקער און א קליינער סוחר האָבן געקענט באַקומען א הלואה אָן פּראָצענט אין דער הויך ביז 250 זלאָטעס.

ד"ר מ. שלייכער (חיפה).

טעטיקייט פון „טאָז" און „פרויענקרייז" פאר קינדערהילף

אין יאָר 1923 איז דורך דער איניציאַטיווו פון דעם שרייבער פון די שורות געגרינדעט געוואָרן אין שעדלעץ אן אָפּטיילונג פון דער געזעלשאפט „טאָז" („טאָוואזשיסטוואָ אָכראני זדראָוויאַ זשידאוו" — „געזעלשאפט צו פארהיטן דאָס געזונט פון יידן"), וואָס האָט זיך געשטעלט פאָלגנדיקע אויפגאבן: 1) באקעמפן די „פאוואוס"-קראנקייט („פארך") און די קראנקייט פון „שוואָמען"; 2) באקעמפן טובערקולאָז.ביידע קראנקייטן האָבן בעיקר זיך פארשפרייט צווישן קינדער. אין קאמף קעגן „פאוואוס", האָט די געזעלשאפט אָרגאניזירט א סטאטיסטישע קאָנטראָל איבער אלע קינדער אין די שולן: תרבות, יידישע פאָלקסשול, תלמוד-תורה און אין די פויליש-יידישע „פאָווּשעכנע" (מלוכהשע) שולן. די אונטערזוכונגען אין די שולן זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך ד"ר פרוי פאו, זי האָט קוואליפיצירט די קינדער צו רענטגען מיט וועלכער מ'האָט געהיילט די פאוואוס-קראנקייט. די רענטגען-באשטראלונג איז דורכגעפירט געוואָרן אין רענטגען-אינסטיטוט אין שעדלעץ אונטער דער ליטונג פון ד"ר פאו. אין שווערע פאלן זיינען די קינדער געשיקט געוואַרן קיין ווארשע אויף די הוצאות פון „טאָז" אין שעדלעץ.

די געזעלשאפט „טאָז" אין שעדלעץ האָט געווירקט אויף די דאָקטוירים אין די פוילישע שולן, אז אויך זיי זאָלן דורכפירן א קאָנטראָל איבער די פוילישע קינדער. בעת „טאָז" האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט, איז דער פראָצענט פון פאוואוס- און „שוואָמען"-קראנקייטן צווישן קינדער געווען א גרויסער, בערך 30 % פון אלע שולקינדער. נאָך א דריי-יעריקער באהאנדלונג זיינען די קראנקייטן כמעט גענצלעך פארשוואונדן.

נישט קליין איז אויך געווען די צאָל קינדער, וואָס זיינען קראנק

געווען אויף טובערקולאָז, אָדער געווען אין געפאר אָנגעשטעקט צו ווערן דורך זייערע קראנקע עלטערן אָדער משפחה־מיטגלידער. אויך דאָ האָט די געזעלשאפט „טאָז" געפירט א גרויסע פראקטישע ארבעט. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן א קארטאָטעקע פון אלע טובערקולאָז־באדראָטע קינדער. יעדן ווינטער זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן חודש־לעך 10 אָדער 12 קינדער אין דעם סאנאטאָריום פון „טאָז" און „ברי־אות". חוץ דעם זיינען דורכגעפירט געוואָרן אויפקלערונגס־לעקציעס פאר די עלטערן פון די באדראָטע קינדער, ווי אזוי מען זאָל זיך פאר־היטן פון אָנשטעקן זיי מיט דער קראנקייט.




די זומער־קאָלאָניע פון „טאָז"

א גרויס אָרט, אין קאמף מיט טובערקולאָז ביי קינדער, האָבן אויך פארנומען די זומער־קאָלאָניעס. יעדעס יאָר זיינען בעת די זומער־פעריען אין די שולן ארויסגעפאָרן אין פעלד און אין וואלד הונדערטער קינדער אויף זומער־קאָלאָניעס. די דאָקטוירים, און צוזאמען מיט זיי אויך די יידישע געזעלשאפט אין שעדלעץ זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאָס איינאָרדענען קאָלאָניעס פאר די שולקינדער איז איינס פון די צוועקמעסיקסטע מיטלען אין קאמף קעגן טובערקולאָז און פאר אָפּהיטן דאָס געזונט פונעם אונטערוואקסנדיקן דור. ביז יענער צייט האָבן נאָר רייכע קינדער זיך געקאָנט דערלויבן צו געניסן פון זון, לופט, וואלד און פעלד. דאָס אָרעמע קינד איז אין די הייסע זומערטעג ווייטער געבליבן אין דעם ענגן צימער, אָדער אויף דער שטויביקער גאס. נאָך די פעריען האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אין די שולן נאָך מער שוואכערע ווי זיי

זיינען געווען. אין די זומער־חדשים האָבן זיך אויך פארשפרייט צווישן די אָרעמע קינדער א סך קראנקייטן.

אַט פאר דעם דאָזיקן קליינווארג האָט „טאָז" געשאפן די זומער־קאָלאָניעס, וועלכע האָבן אריינגעברענגט פריילעכקייט צווישן די קינ־דער. די ספּאָרט־איבונגען, וואָס די קינדער האָבן געמאכט אויף דער פרייער נאטור, האָבן אויסגעגלייכט זייערע קערפּערלעך, זיי האָבן בא־



ספּאָרט פאר די קינדער אין דער „טאָז"־קאָלאָניע

קומען געזונטע פארבן פון דער זון, וואָס האָט אויף זיי געשטראַלט. די קאָלאָניע האָט אויך דערצויגן די קינדער און זיי געלערנט ווי אזוי מען דארף זיך האלטן ריין, זיך וואשן מיט זייף, באנוצן א בערשטעלע צו די ציין אדג"ל.

די קאָלאָניע האָט די קינדער אויסגעלערנט ווי אזוי צו לעבן אין געזעלשאפט מיט נאָך קינדער און זיך באציען חבריש איינער צום צווייטן. עס זיינען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן האלב־קאָלאָניעס פאר די קינדער, פאר וועלכע עס איז נישט געווען קיין אָרט אין די פארמאכטע קאָלאָניעס הינטער דער שטאָט.

פון 1925 ביז צום חורבן, האָבן בערך 1000 קינדער באקומען בא־שפּייזונג אין שול — דאָס צווייטע פרישטיק, וואָס איז באשטאנען פון א זעמל און א גלאָז קאָקאָאָ. צו דעם צוועק איז געשאפן געוואָרן א

„פרויענקרייז״, וואָס האָט געהאָלפן פינאַנסירן די קינדער־באַשפּייזונג־אַקציע. דער „פרויענקרייז״ האָט אַריינגעבראַכט בערך 30 % פון בו־דזשעט און אויך געהאַט די אויפזיכט, אַז דאָס פרישטיק אין די שולן זאָל צעטיילט ווערן צווישן אַלע קינדער אָן אויסנאַם.

דער „פרויענקרייז״ איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: פרוי ד״ר שלייכער — פּאָרזיצערין, מיטגלידער — אסתר זאַלצמאַן, פעליע אָרזעל, פועה ראַבינאָוויטש, לאַס, טאַבאַקמאַן און אַנדערע. דער פרויען־קרייז האָט אויך יעדעס יאָר אַרויסגעשיקט אין סאַנאַטאָריום אייניקע שוואַכע קינדער, די אויסגאַבן זיינען געדעקט געוואָרן דורך פאַרשידענע אימפּרעזעס, וואָס דער קרייז האָט איינגעאָרדנט.

אין יאָר 1932 האָט דער „טאָז״ איבערגענומען די אָנפירונג איבערן יידישן שפּיטאָל און אַריינגעבראַכט אין דעם הייל־אַנשטאַלט די נייסטע מאָדערנע שפּיטאָל־איינריכטונגען. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציע־לע גינעקאָלאָגישע אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר לעבעל. די אָפּטיילונג איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן פרויען. יעדע פרוי, סיי אָרעם, סיי רייך, ווען זי האָט געדאַרפט געבוירן, האָט זי זיך באַמיט צו ווערן אָנגענומען אין שפּיטאָל. דער גוטער שם פון דער דאָזיקער אָפּ־טיילונג איז באַקאַנט געוואָרן אויך מחוץ שעדלעץ. זיינען טאַקע פון די אַרומיקע שטעטלעך געקומען שוואַנגערע פרויען כדי צו געבוירן אין דעם יידישן שפּיטאָל. די אָפּטיילונג פון אינערלעכע קראַנקייטן איז גע־ווען אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר גלאַזאָווסקי. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַן אַמבולאַטאָריום פון דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן.

דער בודזשעט פון שפּיטאָל איז געדעקט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן: „טאָז״ — 40 פּראָצ., די יידישע קהילה און דער מאַגיסטראַט — יעדער צו 30 פּראָצענט.


„טאָז״ האָט אויך געפירט אַ פּראָפילאַקטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, ווי אַזוי צו פאַרהיטן זיך פון קראַנקייטן, ווי מען זאָל ריין האַלטן די וואוינונגען. עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן רעפעראַטן פון אָרטיקע דאָקטוירים און פון ספּעציעל געקומענע פון וואַרשע: ד״ר וואָלמאַן, ד״ר לעווין א. א.

דער יסוד פאַרן בודזשעט פון „טאָז״ איז געווען דער מיטגלידס־אָפּצאָל וואָס עס האָבן אַריינגעטראָגן בערך 800 חברים, און אויך הכנ־סות פון אימפּרעזעס, סובסידיעס פון דער יידישער קהילה און פון דער צענטראַלע פון וואַרשע.

די פאַרוואַלטונג פון „טאָז״ איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּערזאָ־נען: פּאָרזיצער: ד״ר מ. שלייכער, מיטגלידער: יהושע עקערמאַן, ס. האַלבערשטאַט, ד״ר לעבעל, יוסף אַלבערג, ד״ר פאַו־האַלבערשטאַט, א.

מארצקי, לאם, מנשה טשארנאבראָדע, מאדל, א. א., סעקרעטאר — א. ש. ענגלענדער.

זאָל אויך פארצייכנט ווערן, אז פרוי ד"ר פאו האָט מיט גרויס אי־בערגעגעבנקייט אויסגעפירט די מעדיצינישע פראקטיק אויך אין געטאָ.



די פארוואלטונג פאר דער געזעלשאפט פאר געזונט־וועזן „טאָז"
אין דער שפּיץ: ד"ר מ. שלייבער.

זי האָט געטראָגן מעדיצינישע הילף צו אלע קראנקע, זיך פארנומען מיט די טיפוס־קראנקע, הגם עס האָבן געפעלט אין געטאָ די נויטיקע דעזינ־פעקציע־מיטלען.

שול- און קולטור - טעטיקייט

משה מאנדעלמאן (ניו־יאָרק).

דאָס יידישע שולוועזן אין שעדלעץ

אין אָקטאָבער 1915, קוים צוויי חדשים נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט שעדלעץ, איז דאָרטן געעפנט געוואָרן די ערשטע יידישע פאָלקסשול, וועלכע איז געשאפן געוואָרן דורך דער זייער ענערגישער, אינטעליגענטער יונגער פרוי — פאני ראדאק. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זי צוזאמען מיט איר מאן געארבעט אין ריגער יידיש־וועלטלעכן שולוועזן, און פון דאָרטן זיינען זיי אוועק אין ראטנפארבאנד.

פאני ראדאק איז געקומען קיין שעדלעץ ווי א „ביעזשענקע" (א פּליטה). זי איז אנטלאָפן מיט אירע עלטערן פון גרענעצשטעטל כאָר־זשעל (ביי מזרח־פּרייסן). אין שעדלעץ האָט זי צוזאמען מיט די שעדלעצער פריילינס צביה זבראָוויטש און רחל עדעלשטיין־בארג, באקומען פון דער דייטשער שולמאכט דאָס רעכט צו עפענען א שול פאר יידישע קינדער מיט יידיש אלס לערנשפּראך. די דאָזיקע אידעע — יידיש אלס לערנשפּראך — האָט געהערט אויסשליסלעך דער דערמאָנטער פאני ראדאק. זי איז געווען א שילערין פון די לערער־קורסן ביי דער געזעל־שאפט „מפיצי השכלה", וועלכע זיינען געווען אונטער דער אויפזיכט פון חיים פיאלקאָוו. א שטיקל צייט איז זי געווען טעטיק אלס דערציער־רין אין ווארשע, אין די ניי געגרינדעטע קינדערהיימען פאר די היימלאָ־זע קינדער, וואָס האָבן זיך דאן געפונען אין ווארשע אין די טויזנטער.

איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן דעם רושם, וואָס עס האָט אויף מיר געמאכט, ווען מיין לאנגיאָריקער פריינט יוסף ראָזענזומען האָט מיט באגייסטערונג מיר דערציילט דאָס נייעס: „ס'איז דאָ געקומען א ליטוואטשקע, א גאנץ סימפּאטישע, טראָגט שיך מיט נידעריקע אָפּצאסן, און האָט געעפנט הי א שול פאר יידישע קינדער, וואו מ'לערנט אלץ אויף יידיש: זי רעדט יידיש — איז א נחת צו הערן, איך אליין לערן

דאַרטן געזאנג". די מיטטיילונג פון מיין פריינט איז געווען פאר מיר א גרויסע איבערראשונג. איך בין זייער באגייסטערט געוואָרן פון זיין דערציילן און איך האָב זיך אָפּגערעדט מיט אים, מאָרגן אין דער פרי צו גיין אין שול צו זען און הערן מיט אייגענע אויגן און אויערן דעם דאָזיקן וואונדער — א יידישע שול פאר יידישע קינדער, אויף יידיש!

די שול האָט מיך פארכאפּט. איך בין געוואָרן צו איר צוגעבונדן און בין גרייט געווען צו טאָן דאָס שווערסטע פאר דעם לערן-אנשטאלט. איך בין געזעסן צוזאמען מיט די קינדער און מיט אלע מיינע חושים זיך איינגעהערט צו דעם אויסטערלישן חידוש — מ'לערנט נאטור-וויסנ-שאפט, רעכענען, געשיכטע וכדומה — אויף יידיש!... די לימודים: יידיש, רעכענען, נאטור-וויסנשאפט און געשיכטע האָט געפירט פאני ראדאק; רחל עדעלשטיין האָט געלערנט פויליש; צביה זובראָוויטש — האנטארבעט און יוסף ראָזענזומען — געזאנג. איך געדענק נאָך ווי איצט, אז דאָס ערשטע ליד, וואָס ער האָט די קינדער געלערנט איז גע-ווען „צי קענסטו דאָס לאנד וואו אתרוגים בליען"...

איך געדענק ווי די פאני ראדאק האָט זיך נעבעך געמאטערט צו געפינען מאטעריאל און טערמינאָלאָגיעס פאר אירע לימודים אויף יידיש. איך האָב איר געבראכט די עטלעכע פּאָפּולער וויסנשאפטלעכע ביכלעך פון יאצקאנס פארלאג „יהודיה", וואָס זיינען ארויס אונטערן נאָמען „פאָלקס-אוניווערסיטעט", פיליפּ קראנצ'ס „קולטור-געשיכטע" וכדומה. ווען די שול האָט זיך אין עטלעכע חדשים ארום אריבערגעצויגן אין אן אנדערן, גרעסערן לאָקאל, נעבן דעם „וואָיסקאָוון פּלאץ" — האָב איך די בענק ממש אויף מיינע פּלייצעס געטראָגן, כדי איינצושפּאָרן הוצאות.

ביסלעכווייז האָט זיך די שול אנטוויקלט און געקריגן א נאָמען אין שטאָט. עס זיינען געווען שוין פיר קלאסן מיט אן ערך 60—70 קינדער — מערסטנטייל מיידלעך. שפּעטער האָט די שול אָנגענומען א פריוואטן כאראקטער מיטן ציל צו ציען דערפון פּראָפיטן. מ'האָט זי גערופן רא-דאקס שול. צביה זובראָוויטש איז שוין געהאט אוועק. איך און מיין פריינד ראָזענזומען האָבן געהאלטן, אז א שול מיט דער יידישער אינ-טעריכט-שפּראך — א נייעס אין דעמאָלטיקן יידישן לעבן — דאַרף טראָגן א געזעלשאפטלעכן כאראקטער. מיר האָבן זיך דעריבער בים-לעכווייז אָפּגערוקט אין א זייט, ביז מיר זיינען אינגאנצן אוועק פון רא-דאקס שול. מיר האָבן אָבער גלייך אָנגעהויבן צו אָרגאניזירן א נייע שול אויף געזעלשאפטלעכע יסודות.

צו יענער צייט איז אין שעדלעץ געווען נאָך א שול פאר יידישע קינדער, וואו מ'האָט געלערנט יידיש און העברעאיש. די דאָזיקע שול איז געגרינדעט און אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם אזוי גערופענעם „בריסקער קאָמיטעט". דאָס איז געווען דער זעלבסטהילף-קאָמיטעט,

וואָס די בריסקער און פינסקער „היימלאָזע" (אזוי האָט מען דעמאָלט גערופן „פליטים") האָבן געשאַפן. די צאָל פון די היימלאָזע איז געווען נישט קיין קליינע, עטלעכע הונדערט משפחות, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען לערער. דער דאָזיקער בריסקער קאָמיטעט האָט צום סוף 1915 געשאַפן א שול פאַר קינדער פון די בריסקער היימלאָזע. די לערער זיינען טאַקע געווען פון צווישן די היימלאָזע. ס'האָבן זיך גע־לערנט דאָרטן בערך 200 קינדער. וועלכע האָבן אויך באקומען צווייִ מאָלציַיטן טעגלעך. די דאָזיקע שול איז געווען אונטערן ציוניסטישן איינפלוס.

.2

די גרינדונג פון דער צווייטער שול האָבן מיר אָנגעהויבן מיט אָר־גאניזירן א שול־קאָמיטעט. צו דעם דאָזיקן קאָמיטעט האָבן געהערט: יוסף ראָזענזומען, דוד ניימארק, יעקב טענענבוים, רבקה בורשטיין־מאנ־דעלמאַן, אברהם זיגעלוואַקס און משה מאנדעלמאַן. די דערלויבעניש פון דער דייטשער שולמאכט צו עפענען די שול האָבן באקומען דריי יידישע מיידלעך, וואָס האָבן געהאט געענדיקט רוסישע גימנאזיעס און ממילא געהאט דאָס רעכט צו זיין לערערינס. זיי זיינען געווען: די שוין דערמאָנטע צביה זובראָוויטש, רויזע טענענבוים און מיניע גוטגליק.

די שול איז געעפנט געוואָרן זומער 1916. עס האָבן זיך פארשריבן א סך קינדער. אין זעקס קלאסן האָבן מיר געהאט א 240 שילער. אלס לערער זיינען דאָרט געווען: זובראָוויטש, טענענבוים, גוטגליק, רבקה בורשטיין־מאנדעלמאַן, דוד ניימארק, משה מאנדעלמאַן און יוסף זאַנ־שיין (געזאנג). די דאָזיקע שול איז שנעל געוואַקסן און געקריגן א גוטן נאָמען. אדוואָקאַט א. הארטגלאַס (שפּעטער באקאַנטער ציוניסטישער סיים־דעפּוטאַט, געשטאָרבן אין ישראל), האָט ארויסגעוויזן אין געוויסע מאָמענטן סימפּאַטיע צו דער שול מיט דער יידישער לערנשפּראַך און פראָטעזשירט דעם לערן־אנשטאַלט ביי דער מאכט.

די קינדער האָבן זיך רעקרוטירט פון צווישן די אָרעמע שיכטן. מיר האָבן, פארשטייט זיך, קיין שכר־לימוד נישט גענומען און די לערער האָבן אויך נישט באקומען קיין געהאַלט. זיי האָבן זיך אין דעם נישט געגויטיקט, ווייל זיי זיינען מערסטנטייל געווען באַלעבאַטישע קינדער און נישט געדאַרפט זאָרגן פאַר חיונה. דירה־געלט האָט מען געצאָלט גראָשנס, ווייל ס'זיינען דאַן געווען אין שטאָט א סך ליידיקע דירות, צוליב דער עוואַקואַציע פון אלע רוסישע באאַמטע, וואָס האָבן זיך גע־ציילט אין די טויזנטער.

אויף צו דעקן די קליינע הוצאות פלעגן מיר מאַכן, פון צייט צו צייט, אונטערנעמונגען. דער מיטגליד פון שול־קאָמיטעט יעקב טענענ־

בוים, וואָס האָט געהאט א שטיקל שרייבער־מאניע, האָט אָנגעשריבן א דריי־אקטיקע קאָמעדיע מיטן אויסטערלישן נאָמען: „ס'איז נישט קיין מויז נאָר אַ שטשור", וואָס איז עטלעכע מאָל אויפגעפירט געוואָרן דורך דער דראמאטישער סעקציע ביי דער געז. „יידישע קונסט". די הכנסה איז געגאנגען פאר דער שול.



א צאָל שילער פון דער יידישער פאָלקסשול, מיט די לערער: שרה טשארנעבראַ־ע, פאָלע אלטשולער, יוסף זאָנשיין, רבקה מאנדעלמאן.

אָבער איך דאָס מאָל האָבן מיר זיך שנעל ארומגעזען, אז עס גייט דערצו, די שול זאָל ווערן א פריוואט־אייגנטום פון די דריי פריילינס, איך וועמענס נעמען ס'איז געווען די שול־קאָנצעסיע. מיר האָבן דערי־בער גענומען זוכן פארשידענערליי תחבולות כדי ארויסצונעמען די דאָזיקע שול פון די פריוואטע הענט. און דאָ איז אונטערגעקומען אן אויסערגעוויינלעכער פאָליטישער מאָמענט.

.3

אין הארבסט 1916 האָבן די דייטשן פראָקלאמירט, אז די אָרגאני־זירונג און אָנפירונג פון פוילישן שולוועזן ווערט איבערגעגעבן צו די פאָליאקן אליין. יידן האָבן דעריבער אויך אָנגעהויבן צו מאָנען זייער רעכט צו אָרגאניזירן און אָנצופירן א יידיש שולוועזן פאר יידישע קינ־דער. ס'איז געווען נאָכן גרויסן זיג, וואָס די „פאָלקסגרופּע" אין ווארשע האָט אָפּגעהאלטן בעת די וואלן צום ווארשעווער שטאָטראט. ס'איז

נאָר וואָס געהאַט געשאַפן געוואָרן די „יידישע פאָלקספּאַרטיי" און אירע פאָרשטייער האָבן, אין דער פּרעסע און אויף מיטינגען, באזונדער שאַרף ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון א שול מיט דער יידישער לערנשפּראַך. א קאָלאָסאלן רושם איבערן גאנצן לאנד האָבן דעמאָלט געמאכט נח פּרי־לוצקיס רעדעס אין ווארשעווער שטאָטראט, וואָס איז צו יענער צייט באטראכט געוואָרן אלס די העכסטע טריבונע אין לאנד. פּאָליאקן און אסימילירטע יידן זיינען געלאָפן „אויף בייז וואונדער" צו די זיצונגען פון שטאָטראט אין ווארשע, צו זען, ווער איז עס דער „זשיד", וואָס וואגט, פון דער טריבונע פון ווארשעווער שטאָטראט, צו פארלאנגען „שקאָלעס" אויף „זשאַרגאָן"!...

ס'איז געווען די צייט פון געמיינזאמע מיטינגען וועגן שול־ און קולטור־פּראָבלעמען, וואו וו. מעדעם, ג. זיבערט און אנדערע בונדיסטן זיינען ארויסגעטרעטן צוזאמען מיט די פאָלקיסטן פּרילוצקי, הירשהאָרן, סטופּניצקי, נאָמבערג, מענדעלמאַן, א. א.

אויך אין שעדלעץ האָט זיך אָנגעהויבן א קאמף פאר א שול מיט דער יידישער לערנשפּראַך. דער איבנדערמאָנטער שול־קאָמיטעט, די ניי אָרגאניזירטע פאָלקספּאַרטיי און די פארוואלטונג פון דער געז. „יידישע קונסט" האָבן אָרגאניזירט עטלעכע פאָלקסמיטינגען, וואו עס זיינען אָנגענומען געוואָרן פּאָליטישע רעזאָלוציעס מיט פאָדערונגען צו דער מאכט, צו געבן אונדז דאָס רעכט פון אָרגאניזירן און אָנפירן דאָס יידישע שולוועזן מיט יידיש אלס לערנשפּראַך, וואָס זאָל אויסגעהאלטן ווערן פון שטאָט. פארשטייט זיך, אז עס האָט זיך אויך צעפלאקערט דער קאמף מיט ציוניסטן־העברעאיסטן און פון טאָג צו טאָג זיינען אלץ הי־ציקער און היציקער געוואָרן די דעבאטעס ארום דער שולפראגע, סיי אין דער פּרעסע און סיי אויף פארזאמלונגען.

מיר האָבן אָרגאניזירט אלע יידישיסטישע כוחות אין שטאָט און צונויפגעזאמלט א גרויסע צאָל אונטערשריפטן צווישן דער מיטגלידער־שאפט פון דער „יידישע קונסט" — די איינציקע גרויסע קולטור־אינס־טיטוציע אין שעדלעץ. מיר האָבן געפאָדערט פון דער פארוואלטונג פון „יידישע קונסט", זי זאָל צונויפרופן אן אויסערגעוויינלעכע אלגעמיי־נע פארזאמלונג פון אירע מיטגלידער און דאָרטן זאָל באהאנדלט ווערן די פראגע פון עפענען א יידישע שול ביי דער געזעלשאפט „יידישע קונסט". אונדזער שטרעבונג איז געווען, אז די „יידישע קונסט" זאָל מיט דער צייט ווערן דער יידישער קולטור־צענטער, וואו אלע צווייגן פון יידישע קולטור־טעטיקייטן זאָלן זיך געפינען אונטער איין דאך.

דאָס אלץ האָט געפאָדערט א סך מי, ווייל דער קעגנערישער, ציו־ניסטיש־העברעאיסטישער צד האָט געטאָן אלץ, כדי נישט צו דערלאָזן צו אזא פארברייטערטער יידישיסטישער קולטור־טעטיקייט. געקלא־

מערט האָבן זיי זיך ביי די ארגומענטן, אז עס איז נישט די אויפגאבע פון דער „יידישע קונסט" —לויט אירע סטאטוטן— צו פארנעמען זיך מיט שולבויאונג און חוץ דעם וועט עס מאטעריעל זיין א שווערע לאסט און די מיטגלידער וועלן דאָס נישט קענען אויסהאלטן. עס איז אונדז אָבער מיט גרויס עקשנות, געלונגען צו דערפירן דערצו, אז אזא אויסער־געוויינלעכע מיטגלידער־פארזאמלונג איז יאָ גערופן געוואָרן. דאָס איז שוין געווען ארום ווינטער 1916—1917.

די דאָזיקע פארזאמלונג, מעג מען זאָגן, איז געווען א היסטאָרישע. דאָרט איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון א מאָדערן יידיש־וועלטלעך שולוועזן אין שעדלעץ. ביידע קעגנערישע צדדים האָבן מאָביליזירט די בעסטע רעדנער־כוחות און מיט אלערליי מיטלען באווירקט די גרויסע צאָל מיטגלידער, זיי זאָלן שטימען אזוי אָדער אנדערש. דריי אָוונטן, איינער נאָכן אנדערן, האָט זיך געצויגן די פארזאמלונג. יעדער צד האָט געפּראַוועט ווירקן, שריפטלעך און מינדלעך, אָנווענדנדיק —ווי ביי א גרויסער וואל־קאמפאניע— כלערליי טריקן. ס'זיינען געווען מאָמענטן אויסערגעוויינלעך הייסע, וואָס האָבן זיך שיעור נישט פארוואנדלט אין געשלעגן. לסוף האָט אונדזער יידישיסטישער צד מנצח געווען. מיט א גרויסער מערהייט שטימען איז באשלאָסן געוואָרן, אז די געזעלשאפט „יידישע קונסט" עפנט א יידישע שול מיט יידיש אלס לערנשפראך.

דער שול־קאָמיטעט האָט געוואָלט דערפירן דערצו, אז די עקזיס־טירנדיקע שול זאָל איבערגיין צו דער „יידישע קונסט". ווען די קאָנצע־סיע־אייגנטימער האָבן זיך דערוואוסט פון אונדזער פלאַן, האָבן זיי זיך גענומען בונטעווען. זיי האָבן פארלאנגט א פארזיכערונג, אז זיי וועלן זיין די לערער אין דער נייער שול. מיר האָבן אזא צוזאָג אין פאָרויס נישט געוואָלט געבן. דער שול־קאָמיטעט האָט אויפגעהערט צו שאפן מיטלען, און די שול האָט פארלוירן איר מאָגערע הכנסה. איניקע מיט־גלידער אין דער פארוואלטונג פון דער „יידישע קונסט", קרובים פון די קאָנצעסיע־אייגנטימער, האָבן זיך באמיט אָפּצושלעפּן דאָס רעאליזירן דעם באשלוס פון דער פארזאמלונג צו עפענען א שול. מיר זיינען אָבער כסדר געווען אויף דער וואך און אלץ געטאָן צו באזייטיקן אלע מניעות. מיר האָבן דורכגעזעצט, אז דער גאנצער שול־אינווענטאר זאָל איבערגע־געבן ווערן דער געזעלשאפט „יידישע קונסט". פון דער דייטשער שול־מאכט האָבן מיר באקומען א קאָנצעסיע אויף דער געזעלשאפטס נאָמען, צו עפענען און אויסהאלטן א יידישע שול פאר יידישע קינדער אויף יידיש. ס'איז באשטימט געוואָרן צו עפענען די שול צום נייעם לערניאָר 1917/18. כדי אויף ווייטער אויסצומיידן קאָנפליקטן מיט די פריערדיקע לערערס, האָבן מיר באשלאָסן אראָפּצוברענגען לערערס פון ווארשע, הגם מען וועט זיי דארפן צאָלן שכירות. ווארשעווער פריינד האָבן אונדז

רעקאָמענדירט אלס גוטן לערער, אָשר פּערעלמאַן, וועלכער האָט שוין א לענגערע צייט געלערנט אין איינער פון די ווארשעווער יידישע שולן. אין איינעם א שבת איז פריינד פּערעלמאַן אראָפּגעקומען קיין שעדלעץ. ער האָט דאָן געהאלטן א רעפעראט וועגן די צילן און אויפגאבן פון דער יידישער שול. ער איז דעם עולם געפעלן געוואָרן, און מיר האָבן אים שוין פארהאלטן אויף צו פירן אונטערהאנדלונגען וועגן בלייבן ביי אונדז אלס לערער. מיר האָבן דורכגעזעצט, אז די „יידישע קונסט" זאָל אים אנגאזשירן אלס לערער אין דער נייער שול.

זאָל דאָ פארצייכנט ווערן אן אינטערעסאנטער פאקט: אין איינעם א קריטישן מאָמענט, בעת די אונטערהאַנדלונגען צווישן דער פארוואל־טונג פון דער „יידישע קונסט" און פּערלמאַנען מכוח דעם שולבודזשעט, ווען די פארוואלטונג האָט קאטעגאָריש דערקלערט, אז זי איז נישט אימשטאנד צו גאראנטירן דעם פולן באטרעף, וואָס די שול דארף קאָסטן א חודש, און ס'האָט געהאלטן דערביי, אז דער גאנצער ענין זאָל אויפ־געגעבן ווערן, האָט דעמאָלט דער ליבער, הארציקער פאָלקסמענטש, פריינד איטשע אלטשולער —אן ענטוזיאסטישער פאָלקיסט און יידי־שיסט— געמאָלדן: „איך וועל פון מיין אייגענער קעשענע דעקן יעדן חודש דאָס וואָס וועט פעלן צום בודזשעט". הייליק האָט ער זיין הבטחה מקיים געווען. אין משך פון לאַנגע חדשים האָט ער פּינקטלעך איינגע־צאָלט זיין ביישטייערונג, 20 מארק א חודש, דאכט זיך, האָט עס באַ־טראָפן. דאָס איז דעמאָלט געווען אן אָנגעזעענע סומע, און אלטשולער איז נישט געווען קיין גביר, — ער האָט געצויגן חיונה פון א קליין צו־קערוואַרג־געוועלבל.

.4

ווען די „יידישע קונסט" האָט דורך פלאקאטן געלאָזט וויסן אין שטאָט, אז זי עפנט א יידישע שול, האָבן זיך, אין געציילטע טעג, פאר־שריבן ארום דריי הונדערט קינדער. מיר האָבן געהאט באשלאָסן צו נעמען בויען א נאָרמאַלע שול, וואָס זאָל פון יאָר צו יאָר וואקסן און אנטוויקלען זיך. האָבן מיר דעריבער אָפּגעמאַכט ביי זיך צו עפענען אין יענעם יאָר נאָר צוויי ערשטע קלאסן. מיר האָבן דעריבער אויסגעקליבן פון צווישן די פארשריבענע נאָר עטלעכע און אכציק קינדער, אין על־טער פון 6—7 יאָר.

די שול איז געעפנט געוואָרן אין אָקטאָבער, 1917. זי האָט זיך גע־פונען אין לאָקאַל פון „יידישע קונסט", ווארשעווער גאס, 66. מ'האָט איר אָפּגעגעבן א גרויס צימער בשכנות מיטן קאָנצערטזאַל, וואָס האָט גלייכצייטיק געדינט אלס א רעקרעאציע־ און ספּאָרט־זאַל פאר די שול־קינדער.

די ערשטע לערער זיינען געווען אָשר פּערלמאַן און ליאָליע קאָנ־טאָראָוויטש. זי איז שפּעטער געוואָרן די פרוי פון יצחק גאָרדאָן און אומגעקומען אין רוסלאַנד.

די שול איז ביי אַלעמען טייער געווען. די שולקלאַסן זיינען געווען א מין קדשי־קדשים . די ווענט זיינען שטענדיק געווען פּילפּאַרביק פאַר־פּוצט און באַצירט מיט בילדער און קינדערישע פּרימיטיווע צייכענונגען. ווען מ׳איז דורכגעגאַנגען די שולקלאַסן, אפילו ווען די קינדער זיינען דאָרטן נישט געווען, איז מען געגאַנגען אויף די שפּיץ נעגל, שטיל, לייכט, ווי אין א מקום קדוש...

די אָפיציעלע פייערלעכע דערעפענונג פון דער דאָזיקער שול איז פאָרגעקומען דעם 31סטן דעצעמבער 1917. דער דאָזיקער אקט איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין א גראַנדיעזער פייערונג, אין וועלכער ס׳האָבן אָנ־טיילגענומען א סך הונדערטער מענטשן. צו דעם יום־טוב איז געקומען, עקסטרע פון וואַרשע, דער באַרימטער שריפטשטעלער ה. ד. נאָמבערג, וועלכער איז, אין שפּעטערדיקע יאָרן, שטאַלץ געווען אויף זיין ערשטן אַרויסטריט פאַר דער שעדלעצער יידישער שול און זיך גערופן דער „קוואַטער" פון דער יידישער שול אין שעדלעץ. ס׳זיינען געקומען דע־לעגאַציעס און באַגריסונגען פון די אָנגעזעענסטע אינסטיטוציעס, יידי־שע און נישט־יידישע, פון שעדלעץ און אַנדערע שטעט. די קינדער האָבן שוין באַוויזן, אין דער קורצער צייט, צו קענען דעמאָנסטרירן זייערע קענטעניש. צווישן אַנדערן, געדענק איך, האָבן זיי, אין שיינע קאָסטיומען, פאָרגעשטעלט לעבעדיקע „מנורות" (ס׳איז געווען חנוכה־צייט).

נאָך דעם אָפיציעלן טייל איז פאָרגעקומען א באַנקעט פאַר העכער פיר הונדערט פּערזאָן. א גאַנצע נאַכט ביז העט אין מאָרגן אַריין, האָט מען געשפּילט און געטאַנצט. פון די עטלעכע צענדליק פענצטער, וואָס דאָס הויז פון „יידישע קונסט" האָט געהאַט, האָט זיך געגאָסן ליכט, גע־זאַנג און פרייד אין דעם נאַכטיקן דרויסן אַריין. די שמחה איז געווען אין לשער. ס׳געדענקט זיך מיר פאָלגנדיקער עפּיזאָד: נאָמבערגן איז שטאַרק געפעלן געוואָרן מיין יוגנטלעך־פאַרשייט זינגען דאָס דאַן פּאָ־פּולערע פאָלקסלידל: „אוי אַבראַם"!.... איך האָב עס אים געמוזט אי־בערזינגען א צווייט מאָל. אַלס שכר האָט ער מיר אייגנהענטיק, אויף דער לינקער זייט פון געדרוקטן פּראָגראַם פון אָוונט, אויפגעשריבן די ווערטער פון דעם פאָלקסליד: „אויפן בוידעם רוט א דאַך". בעתן שרייבן, געזונגען עס מיט א טיף נאָגנדיקן אומעטיקן ניגון. נאָמבערג האָט דאַן דערציילט, אז דאָס דאָזיקע ליד פלעגט מען אָפט זינגען ביי פּרצן אין שטוב, אויף צעגליאַנע 1, אין די שבת־בין־השמשותן, בעת חברה שריי־בער פלעגן זיך צונויפזאַמלען אַרום פּרצן.

די שול איז געוואקסן. צום צווייטן שוליאָר איז געעפנט געוואָרן א נייע צווייטע קלאס און מ׳האָט אראָפּגעברענגט פון ווארשע א דריטע לערערין, פרל. אלע קאשער, שפעטער געוואָרן פערלמאנס פרוי. אָנהייב דרייסיקער יאָרן זיינען זיי — שוין מיט א קינד— אָפּגעפאָרן אין ראטנ־פארבאנד, וואו ער איז טראגיש געשטאָרבן. זיין איינציקער זון איז גע־הרגעט געוואָרן פון אן אויטאָמאָביל, און דער גורל פון דער פרוי איז מיר אומבאקאנט. לערער פון געזאנג איז געווען דער דיריגענט פון כאָר ביי דער „יידישע קונסט״, יוסף זאָנשיין (היינט אין ארגענטינע). זייער פיל געטריישאפט און ליבע האָבן די לערער ארייגעטאָן אין זייער אר־בעט. די שול איז געוואָרן א מוסטער אפילו לגבי די פוילישע פאָלקס־שולן. יעדער עפנטלעכער ארויסטריט פון די קינדער, יעדע קינדער־פאָרשטעלונג איז פארוואנדלט געוואָרן אין א גרויסן יום־טוב פאר על־טערן, פריינד און קינדער. אין דער זעלבער צייט איז געפירט געוואָרן א גרייסע סימפּאטישע פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע אקציע ארום דער פראגע פון רעכט פאר דער יידישער שול און וועגן באקומען מיטלען פון דער שטאָטישער קאסע.

ווי ווייט דער פרעסטיזש פון דער שול איז געוואקסן קאָן דינען פאָלגנדיקער פאקט:

ל״ג בעומר 1918, האָבן מיר באשלאָסן צו מאכן א גרויסע שול־מא־ניפעסטאציע: א מארש פון אלע טיפּן יידישע שולן איבער דער שטאָט אין אן אימפּאָזאנטע פאָלקס־דעמאָנסטראציע אין שבנותדיקן סעקולער וואלד, 6 קילאָמעטער פון שטאָט. צו יענער צייט זיינען אין שעדלעץ געווען פאָלגנדיקע יידישע שולן: די שול פאר היימלאָזע בריסקער־פינס־קער קינדער (יידיש און העברעאיש), די ציוניסטן האָבן געהאט נאָר וואָס געגרינדעט א העברעאישע שול, א פריוואטע פוילישע שול פאר פארמעגלעכע יידישע קינדער, געפירט דורך די שוועסטער האלבער־שטאַט, צוויי פריוואטע חדרים־מתוקנים, געפירט דורך די העברעאישע לערער גאָלדפארב און מאָרגנשטערן און עטלעכע פוילישע שטאָטישע שולן פאר יידישע קינדער, וואו מ׳האָט נישט געלערנט שבת (מ׳האָט זיי דעריבער גערופן „שאבעסואוזקעס״). פון די אלע שולן איז געשאפן געוואָרן א ספעציעל צייטווייליקער קאָמיטעט, וועלכער האָט אקצעפּ־טירט אונדזער אויסגעארבעטן פּלאן פון דער פייערונג.

דאָס איז געווען א שול־יום־טוב, וועלכן די שטאָט האָט לאנגע יאָרן געדענקט. זעקס פארטאָג האָבן סקויטן פון דעם „יידישן ספּאָרט־פאר־איין א. נ. פון פּראָפעסאָר מאנדעלשטאם*) מיט טראָמפּייטן־שאלן גע־

*) דער ספּאָרט־פאראיין איז דורך מיין איניציאטיוו געגרינדעט געוואָרן זומער, 1917. ער האָט געהאט אייגענע אוניפאָרם: האקי־קליידונג און וועלאָסיפעד־היטלען מיט וויים־גרינע בענדלעך ביי דער דענקע פון היטל.

זעקט די יידישע באפעלקערונג און אַנגעזאָגט, אז ס׳גרייט זיך א גרוי־סער יום־טוב. דער זאמלפונקט איז געווען אין שטאָטישן גאָרטן. אכט אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש. אלע קינדער האָבן געהאט אויף זיך צייכנס פון זייערע באזונדערע שולן. א גרויסע מיליץ — אייגע־נע און שטאָטישע — האָט באוואכט דעם צוג. אין פראָנט איז געגאנגען דער אלגעמיינער קאָמיטעט פון שולמאַרש. ס׳זיינען געטראָגן געוואָרן אויפשריפטן מיט פארשידענע פאָליטישע שול־פאָדערונגען און לאָזונגען. אַן ערך דריי טויזנט קינדער האָבן מאַרשירט אין צוג, אונטער די קלאַנ־גען פון צוויי אָרקעסטערס — פון „יידישע קונסט״ און פון די פוילישע שטאָטישע שולן. מיר האָבן דורכמאַרשירט דורך די וויכטיקסטע גאסן אין שטאָט. די אימפּאָזאנטקייט פון צוג האָט ארויסגערופן גרוים דרך־ארץ ביי פּאָליאקן און דייטשן. די גאסן זיינען פול געווען מיט טויזנטער צוקוקער, וואָס האָבן אויפגענומען די מאַרשירנדיקע קינדער מיט פריי־דיקע אויסרופן.

נאָך מיטאָג זיינען געקומען אין וואלד טויזנטער מענטשן פון שטאָט, און דער שול- און קינדער־יום־טוב האָט זיך פארוואנדלט ממש אין א פאָלקס־יום־טוב. ס׳זיינען אָפּגעהאלטן געוואָרן מיטינגען, ס׳זיי־נען פאָרגעקומען צענדליקער קרייזן מיט פארשידענע שפּילן און פאר־ווײלונגען. געזאנג, מוזיק, פרייד און געלעכטער האָבן אָפּגעהילכט ווייט, ווייט ארום.

דער יום־טוב האָט זיך פארענדיקט מיט אן אָרגאניזירטן צוריק־מאַרש אין שטאָט אריין. דער צוג איז באשטאנען פון פיל טויזנטער דערוואקסענע און קינדער, וואָס האָבן דעם גאנצן וועג געזונגען פריי־לעך־לוסטיקע מאַרשלידער. שפּעט אין אָוונט איז דער צוג אויפגעלייזט געוואָרן ביי פּאקל־פּייערן.

.5

דאָס פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע לעבן אין שעדלעץ איז געוואָרן ברייזנדער, די פּאָליטישע דיפערענציאַציעס — בולטער און אויסגע־שפּראָכענער, באזונדערס אונטערן איינפלוס פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע, אָנהייב 1917, איז אויסגעוואקסן די יידישע ארבעטער־באוועגונג. אין דער שוים פון דער געז. „יידישע קונסט״ זיינען אויסגעהאָדע־וועט געוואָרן צוויי נייע ארבעטער־אינסטיטוציעס — די בונדישע אר־בעטער־היים, אויף דלוגע גאס, 22, און די פּועלי־ציוניסטישע ארבעטער־היים אויף אגראַדאָווע גאס. נישט געקוקט אויף די רדיפות פון דייטשישן אָקופּאנט האָבן ביידע פּארטייען געפירט א פארצווייגטע פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע און קולטור־ארבעט. אויך די „יידישע פאָלקספּארטיי״ איז שטארק אויסגעוואקסן. ס׳איז געגרינדעט געוואָרן א האנטווערקער־

פאראיין און א קליינהענדלער־אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען דער רוקנביין פון דער פאָלקיסטישער פּאַרטיי. די פּראָב־לעמען פון יידישן שולוועזן און אַנדערע קולטור־אויפגאַבן זיינען כסדר געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג. יעדע פּאָליטישע ריכטונג האָט זיך באַמיט צו שאַפן עפּעס ממשותדיקס אויף די דערמאָנטע געביטן.

סוף 1918, ווען דייטשלאַנד איז מיליטעריש איינגעבראָכן געוואָרן, פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק און די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבן געשלאָגן הויך — האָט זיך אין יענער צייט אויף דער יידישער גאַס צעפלאַקערט א שאַרפער פּאָליטישער קאַמף פאַר אַלגעמיינע און נאַציאָנאַלע רעכט.

אין דעם ניי־געוויילטן שעדלעצער שטאָטראַט זיינען שטאַרק פאַר־טרעטן געווען די אָנהענגער פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן. די „פאָלקס־פּאַרטיי", „בונד" און לינקע „פּועלי־ציון", אויך די פאָרשטייער פון די האַנטווערקער האָבן, אויפן באָדן פון שטאָטראַט, געפירט א העפטיקע מלחמה פאַר די רעכט פון דער יידישער שול. מ'האָט טאַקע אויך אויס־געקעמפט שטאָטישע סובסידיעס אין פאַרשידענע פאָרמען, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס שולוועזן זאָל פאַרגרעסערט ווערן.

אָנהויב 1919 זיינען שוין געווען דריי באַזונדערע שול־קוראַטאָ־ריומס: דינעזאָן־קוראַט. (פאָלקיסטיש), מעדעם־קוראַט. („בונד") און באָראָכאָוו־קוראַט. (פּועלי־ציון). דאָס דינעזאָן־קוראַטאָריום האָט דע־מאָלט שוין געהאַט פולשטענדיק איבערגענומען אונטער זיין איינפלוס און אַפּוטרופּסות די שול פון דער „יידישע קונסט". וועלכע האָט זיך שוין געפונען אין אַן אַנדער לאָקאַל, אויף וואַרשעווער גאַס, 61. ס'זיינען שוין געווען פיר קלאַסן מיט א גרויסער צאָל קינדער און צום אָנהייב 1919 האָט מען געעפנט א צווייטע שול און א קינדערהיים. דאָס שול־וועזן פון דינעזאָן־קוראַטאָריום האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע הויז — 14 צימערן. אויך דער „בונד" און פּועלי־ציון האָבן געהאַט געשאַפן קינדער־היימען אויף די נעמען פון בר. גראָסער און ב. באָראָכאָוו.

כלפּי הויץ, בנוגע פּאָליטישע שול־פאָדערונגען, זיינען די דערמאָנטע דריי קוראַטאָריומס אַרויסגעטרעטן אייניק. אפילו אין געוויסע ווירט־שאַפטלעכע ענינים פלעגט מען זיך אויך צונויפרעדן. די פאַרטיילונג פון געלט, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן דורך אַמעריקאַנער יידישע הילפס־קאָמיטעטן, איז דורכגעפירט געוואָרן דורך אַזא מין קאָאָרדיניר־קאָ־מיטעט.

קיין שכר־לימוד האָט מען נישט געוואָגט צו נעמען ביי די עלטערן. פאַרקערט, די קינדער האָבן באַקומען צוויי מאָל א טאָג עסן אין שול, און, פון צייט צו צייט, אויך א מלבוש אָדער א פּאָר שיך. דאָס דינעזאָן־קוראַטאָריום האָט געהאַט א גרויסן בודזשעט און מען איז געצוואונגען

געוועזן צו זוכן נייע הכנסות. צוליב דעם צוועק האָט די „פאָלקספּאַרטיי" געשאַפן א קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו, וועמענס ריינע הכנסה איז באַשטימט געוואָרן פאַרן שולוועזן. צו יענער צייט, ווען די פּרייזן אויף לעבנסמיט־לען זיינען געוועזן זייער הויך, איז דער פּראָפיט פון קאָאָפּעראַטיוו גע־ווען א גרויסער.

אין סאַמע אויפבלי אָבער איז פּלוצלינג די גאַנצע ארבעט צעשטערט געוואָרן. אין 1920 ברעכט אויס די מלחמה צווישן פּוילן און ראַטנפאַר־באַנד, וואָס האָט גורם געווען —באַזונדערס אין שעדלעץ— צו א גרוי־סער פאַרוויסטונג אין יידישן לעבן. דער צעיושעטער כוליגאַניזם פון דער פּוילישער רעאַקציע, בעת דער מלחמה, און א שטיק צייט דערנאָך, האָט פאַרטריבן די יידישע ארבעטער־באַוועגונג אונטער דער ערד. שי־קאַנעס און גזירות האָבן זיך געשאָטן אָן אויפהער. אזוי איז געווען אין גאַנצן לאַנד, אָבער באַזונדערס אכזריותדיק האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיט דער שעדלעצער יידישער באַפעלקערונג. דאָס באָלשעוויסטישע חייל איז אין שעדלעץ געווען נאָר 10 טעג. די פאַרוויסטונג אָבער וואָס איז געקומען נאָכן ארייננמאַרש פון פּוילישן מיליטער האָבן מיר געפילט לאַנגע יאָרן נאָך דעם. הונדערטער יונגע מענטשן זיינען אנטלאָפן, כדי אויסצומיידן די נקמה פון דער פּוילישער רעאַקציע. הונדערטער האָט מען פאַרשפּאַרט אין תפיסות, געשלאָגן און געפּייניקט, עטלעכע זיינען אפילו דערשאָסן געוואָרן, לויט אורטיילן פון מיליטערישע געריכטן.

מיט א באַזונדער ברוטאַליטעט האָבן די פּוילישע זעלנער צערויבט און פאַרניכטעט די איינריכטונג פון דער געזעלשאַפט „יידישע קונסט". דאָס גאַנצע רייכע מעבל — הונדערטער שטולן, טישן, פאָרהאַנגען און פאַרטיערן, צענדליקער קאָסטבאַרע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, טעא־טער־דעקאָראַציעס און קאָסטיומען זיינען פאַרשוואונדן. דער לאַנגיאָרי־קער רייכער ארכיוו פון דער „יידישע קונסט" איז אויף א וואַנדאַלישן אופן פאַרניכטעט געוואָרן. אין ועל כולם האָט מען דעם גאַנצן לאָקאַל, 17 צימערן — רעקווירירט. עפּעס, ווי על פּי נס, איז געלונגען ארויסצו־ראַטעווען די ביבליאָטעק, אייניקע טויזנט ביכער, וואָס מ'האָט א צייט לאַנג אויסבאַהאַלטן אין די קעלערן פון קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו.

אויך דער שולוועזן איז אינגאַנצן רואינירט געוואָרן. די לערער זיי־נען אַוועק קיין וואַרשע, די קינדער זיינען זיך צעלאָפן, א טייל פון שול־אינווענטאַר איז געוואָרן פאַרניכטעט און עטלעכע קלאַסצימערן זיינען רעקווירירט געוואָרן דורך א מיליטערישער קאַנצעלאַריע.

דאָס דינעגזאָן־קוראַטאָריום — דער עלטסטער און געטרייסטער שולבויער אין שעדלעץ — גיט אָבער נישט אויף די קאַמף־פּאַזיציע, מ'נעמט זיך אויף ס'ניי צו דער ארבעט.

.6

מיט באנייטן מוט און עקשנות נעמט מען זיך צוריק אויפבויען די שולן. די שול־פארוואלטונג, צו וועלכער ס'האָבן דאן געהערט: איטשע אלטשולער, מנשה טשארנאבראַדע, יוסף טורין, יעקב שלעכטער, יוסף ראָזענזומען, חיים מענדעלסאָן און משה מאנדעלמאן — אנגאזשירט א נייעם לערער־פערסאָנאל, מערסטנטיילס אָרטיקע. די לערער זיינען דע־מאָלט געווען: אסתר לעווענשטיין — שפּעטער געוואָרן פארוואלטערין פון א „שאבעסואווקע", אין יאָרן ארום — די פרוי פון מנשה טשארנע־בראַדע. זי איז אומגעקומען מיטן מאן און קינדער אין שעדלעץ; שרה טשארנעבראַדע־קארטש (איצט אין ישראל) — גלייכצייטיק געווען לע־רערין אין א „שאבעסואווקע"; פּאַליע פרידמאן־אלטשולער, רבקה מאנ־דעלמאן, דינה פרידמאן־האָכבערג, דוד ניימארק און יוסף זאַנשיין.

מ'האָט זיך באמיט אויפצוהאלטן ביידע שולן און די קינדערהיים. אויך „בונד" און „פּועלי־ציון" האָבן צוריק געעפנט זייערע קינדערהיי־מען. זיי האָבן אָבער זיי שנעל ליקווידירט צוליב מאנגל אין געלטמיט־לען.

דאָס דינענזאָן־קוראטאָריום האָט זייער שווער זיך געראנגלט מיט כלערליי מניעות. באזונדערס שווער איז געוואָרן די מאטעריעלע דחקות. די הוצאות זיינען געוואקסן, די הכנסות — איינגעשרומפּן, די לערערס האָבן אפילו זייערע מאָגערע געהאלטן נישט באקומען אויסגעצאָלט אין צייט און אין דער פולער מאָס. אונטערנעמונגען זיינען נישט מעגלעך געווען און קיין צענטראלע קערפּערשאפט, צו וועמען צו אפּעלירן, איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. די פארוואלטונג צוזאמען מיט די לערער האָבן אָבער, מיטן פולן באוואוסטזיין, געטראָגן אויף זיך די לאסטן און נויטן אבי נישט אויפצוגעבן די שול־פּאָזיציעס. מ'האָט געליטן נויט אָבער גלויביק אָנגעגאנגען מיט דער ארבעט, מיט דער האָפענונג ארויפ־צושלאָגן זיך אויף א מער גלאטיקן און זיכערן וועג. ס'זיינען געמאכט גע־וואָרן אָנשטרענגונגען ארייננצוציען עלטערן אין דער דירעקטער שול־ארבעט, ס'איז אָבער קיין דערפאָלג נישט געווען אין דער הינזיכט.

די הכנסות צום ערשטן שול־צוזאמענפאָר, און דער צוזאמענפאָר אליין, האָבן ארייננגעברענגט אן אויפלעבונג אין דער ארבעט. מ'איז געווען פול מיט האָפענונגען אויף נייעם וואוקס און אנטוויקלונג. דאָס שולפּראָבלעם איז צוריק ארויף אויף דער טאָג־אָרדענונג אויף דער יידי־שער גאס. אויף דעם דאָזיקן צוזאמענפאָר איז דאָס דינענזאָן־קוראטאָ־ריום געווען פארטרעטן. פון שעדלעץ זיינען אויך געווען דעלעגאטן פון „בונד" און פּועלי־ציון". אונדזער דעלעגאציע האָט געהערט צו דער אומאָפּהענגיקער פראקציע, וואָס האָט אויפן צוזאמענפאָר געשפּילט אן

אַנגעזעענע ראָל, ווי א צעמענטירנדיקער כוח. ווען „ציש״אָ״ (צענטראלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) איז געגרינדעט געוואָרן האָבן מיר זיך אונ־טערגעאָרדנט, אָרגאַניזאַציאָנעל און פעדאגאָגיש, אירע דירעקטיוון און פאַרשריפטן.

צום נייעם לערניאָר 1921-1922, וואָס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן מיט א האָגל רדיפות אויפן גאַנצן יידישן שולוועזן אין לאַנד, צוליב די סאָציאַליסטישע רעזאָלוציעס פון שול־צוזאַמענפאָר, זיינען מיר געווען געצוואונגען צוזאמענצוגיסן די צוויי שולן אין איינער. די קינדערהיים אָבער האָבן מיר ווייטער אָנגעהאלטן, ווי א וויכטיקע באזע פאר דער שול. אונדזער שול און קינדערהיים זיינען דאן געווען די איינציקע מאָ־דערנע געזעלשאַפטלעכע יידישע שולאנשטאַלטן אין שטאָט.

מיר האָבן אָנגעהויבן מאָנען שכר־לימוד ביי די עלטערן, צו וואָס זיי זיינען נישט צוגעוואוינט געווען. די עלטערן פון די שילער זיינען מערסטנטייל טאקע געווען אָרעמע און יעדער קלענסטער אָפּצאָל איז זיי געפאַלן שווער. די וויכטיקסטע פינאַנציעלע באזע אָבער איז דאן געווען די חודשדיקע סובסידיע פון „ציש״אָ״. מיר האָבן נאָך אויך געהאט א מאַגערע הכנסה פון קאָאָפּעראַטיוו. פון דער שטאָטקאַסע האָבן מיר דער־מאָלט נישט באקומען קיין שום הילף. אזוי האָט זיך געצויגן דאָס שול־לעבן, א יאָר בעסער, א יאָר ערגער, מאטעריעל — ביז צום שוליאָר 1925—1926.

די אַלע יאָרן האָבן מיר זיך כסדר געראַנגלט מיט די רדיפות און שיקאַנעס מצד דער שולמאכט. בעתן באהאַנדלען די יערלעכע שטאָטי־שע בודזשעטן, האָבן מיר אין שטאָטראַט געפירט ביטערע קאַמפן פאר סובסידיעס פאר אונדזער שול. ווען עס איז שוין אמאָל יאָ געלונגען דורכצוזעצן א געוויסע סומע, פלעגט קומען נאָכדעם די אדמיניסטראציע־אויפזיכטמאכט און שטרייכן די דאָזיקע פּאָזיציע. צו גלייכער צייט אָבער פלעגן קומען אָפטע וויזיטאַציעס פון דער שולמאכט און פאָדערן פון אונדז מיט דעם גאַנצן חומר־הדין דאָס אויספילן פון די שולפאַרשריפטן. פיל צרות און שווערע דאגות האָבן מיר געהאט מיטן שוללאָקאל. יאָרן לאַנג האָט א מיליטערישע קאַנצעלאַריע געהאלטן רעקווירירט צוויי צי־מערן. שוין נאָכדעם ווי דער מין רעקוויזיציע איז שוין געווען אָפּגעשאַפט.

די שול איז געוואקסן, מיר האָבן שוין געהאט 5—6 קלאַסן מיט א צוויי הונדערט קינדער און מיר האָבן זיך געמוזט שטיקן אין ענגשאַפט. מיר זיינען געצוואונגען געווען איינצושטעלן פרימאָרגן־ און נאָכמיטאָג־קלאַסן, וואָס עס האָט גורם געווען ביטערע קאָנפליקטן צווישן דער לע־רערשאַפט און ס׳האָט זיך אויך שלעכט אָפּגערופן אויף די קינדער. כדאי צו פאַרצייכענען, אז ארום דעם ענין רעקוויזיציע פון די שולקלאַסן איז אָנגעגאַנגען א פּאָליטישער קאַמף פון גרויסן פאַרנעם. דעפּוטאַט נח פרי־

לוצקי האָט עטלעכע מאָל אין זיינע סיימרעדעס אילוסטרירט מיטן ביי־שפּיל פון שעדלעצער שול די האנדלונג פון דער רעגירונג לגבי יידן. ער האָט אפילו אריינגעטראָגן א ספּעציעלע אינטערפּעלאציע, מיט א גרוי־סער צאָל אונטערשריפטן פון פּוילישע דעפּוטאטן, וועגן דעם ענין. מחמת דעם, וואָס עס איז געווען אן ענין, וואָס האָט אויך געהאט צו טאָן מיטן קריגס־מיניסטעריום, האָט זיך די דאָזיקע מלחמה געצויגן א 5—6 יאָר. ענדלעך אָבער האָבן מיר געוואונען — מיר האָבן צוריק באקומען די צוויי צימערן און דירה־געלט פאר די עטלעכע יאָר.

די שול איז פיל מאָל געווען ערב ליקווידאציע, זי איז אָבער דאָך אין די דאָזיקע יאָרן אויפגעהאלטן געוואָרן, אין דער גרעסטער מאָס איז עס געווען צו פארדאנקען דער קרבנות־גרייטקייט פון די לערער און דער עקשנות פון אייניקע פארוואלטונג־מיטגלידער, וועמענס צאָל ס'איז כסדר קלענער געוואָרן. אין משך פון די יאָרן 1921—1925 זיינען אין דער שול געווען טעטיק אלס לערער: קרוסמאן — שפּעטער פארוואל־טער פון דער פּרץ־שול אין לובלין — און זיין פרוי מיאדאָווניק, אהרון שעניצקי, געשטעלט ביי אונדז די ערשטע לערערישע טריט, געקומען נאָך אין דעם סטודענטישן היטל, שפּעטער געווען לאנגע יאָרן פארוואל־טער פון דער באָראָכאָוו־שול אין ווארשע און מיטגליד פון דער הויפּט־פארוואלטונג פון „ציש"אָ". ער איז געשטאָרבן ערגעץ אין סיביר, ווי א פארטריבענער פון זיין היים און לאנד; ה. באָרענשטיין — שפּעטער באקאנטער איבערזעצער פון א ריי וויכטיקע ביכער פון פּויליש און אנ־דערע שפּראכן אויף יידיש.



די יידישע פאָלקסשול, מיט די לערער: באָרענשטיין, פלאם, פרידמאן, י. פּ. גרינבערג, שעניצקי, מיאָדאָווניק.

איינע פון די קריטישסטע מאָמענטן, ווען די שול איז געשטאַנען פשוט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, איז געווען דער זומער 1925. דאָס נייע שוליאָר איז געשטאַנען אויף דער שוועל און קיין רעמאָנט אין שול־לאָקאַל איז נאָך נישט געווען דורכגעפירט. ביי די געציילטע עטלעכע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער האָבן זיך די הענט אַראָפּגעלאָזט. די לערער איז מען שולדיק געווען פאַר פילע חדשים. דער חוב פון דירה־געלט האָט באַטראָפן אַ סך הונדערטער און די אויסזיכטן אויף סובסידיעס פון „ציש"אָ" זיינען אויך נישט געווען קיין גוטע. ס'האָט אויסגעזען, אַז ס'איז „כלו כל הקיצין", ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג. איך האָב פאָרגע־שלאָגן, אַז מ'זאָל נאָך מאַכן פאָלגנדיקן פרואוו: מ'זאָל רופן אַן אויסער־געוויינלעכע פאַרזאַמלונג פון אַלע עלטערן וואו ס'זאָל פאָרגעשטעלט ווערן די סיטואַציע און צוזאַמען זאָל מען זוכן צו ראַטעווען די שול. אַזאַ פאַרזאַמלונג איז צונויפגערופן געוואָרן, דריי טעג ערב דעם אָנהייב פון שוליאָר. מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן די מיסיע צו רעדן צו די פאַר־זאַמלטע עלטערן.

איך האָב אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג אויפגעשטעלט פאַר די עלטערן אין דער גאַנצער שאַרפקייט און קלאָרקייט, די פראַגע פון „זיין אָדער נישט זיין" פון דער שול, און זיי געזאָגט גאַנץ קלאָר: „איר טוט אונדז נישט קיין טובה דערמיט, וואָס איר שיקט אייערע קינדער צו אונדז אין שול. פאַרקערט, מיר ברעכן זיך די קעפּ, מיר ראַנגלען זיך מיט כלערליי שוועריקייטן פון פּאָליטישן און מאַטעריעלן כאַראַקטער, אַלץ כדי צו געבן אייערע קינדער אַ גוטע מענטשלעך־יידישע דערציאונג. מוזט איר דעריבער גיין מיט אונדז אין שותפות. איר דאַרפט ברענגען אַ מאַטעריעלן קרבן, יעדער פון אייך וועט איצט מוזן צאָלן שכר־לימוד, נאַטירלעך, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן. פון אייער היינטיקן באַ־שלוס איז אָפּהענגיק, צי מיר זאָלן עפענען די שול צום נייעם יאָר. דער שכר־לימוד מוז דעקן לכל־הפחות 40 % פון שולבודזשעט. אויב איר זענט מסכים דערצו, זיינען מיר, די פאַרוואַלטונג, גרייט ווייטער צו גיין אין שפּאַן און זאָרגן פאַר דער שאַפונג פון די אַנדערע 60 % פון בודזשעט". איך האָב דערביי, מיט דער פולסטער אויסדריקלעכקייט גע־פאָדערט פון די עלטערן אַ קלאָרן, נישט־אויפגעצוואונגענעם ענטפער. דער באַשלוס איז געווען אַן איבעראַשנדיקער. איינשטימיק האָט די פאַרזאַמלונג אַקצעפּטירט דעם פאָרשלאָג וועגן שכר־לימוד, וואָס זאָל דעקן 40 % פון בודזשעט. ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן עלטערן־קאָ־מיסיע פון 5 פּערזאָן, וואָס זאָל צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג פעסט־שטעלן די הויך פון שכר־לימוד פון יעדן קינד.

דעם זעלבן אָוונט נאָך איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ דרינגענדיקע זי־צונג פון דער פאַרוואַלטונג מיט די אָרטיקע לערערס, און ס'איז באַ־

שלאָפן געוואָרן צו עפענען די שול און דורכצופירן אייליק דעם נייטיקן רעמאָנט. איך האָב אָבער געמוזט נעמען אויף זיך דעם שווערן אמט פון סעקרעטאר און פאקטיש זאָרגער פאר דער פינאנציעל־געזעלשאפטלע־כער זייט פון דער שול.

מיט דער גאנצער דעצידירטקייט און אנטשלאָסנקייט האָב איך ביסלעכוויז דורכגעפירט דעם פרינציפ, אז אלע עלטערן זאָלן צאָלן א מינימום שכר־לימוד (א זלאָטע א חודש, איז געווען דער מינימום). הגם איך האָב זיך אויסגעשטעלט אויף א סך אומאָנגענעמלעכקייטן, האָב איך אָבער געהאַלטן, אז דאָס וויכטיקסטע איז צו שאפן א סאָלידן פי־נאנציעלן באָדן פאר דער שול און וואָס מער צו אקטיוויזירן די עלטערן אין דער דירעקטער שולארבעט. ס'האָט זיך געלוינט די דאָזיקע מי. דער שכר־לימוד איז אין די ווייטערדיקע יאָרן דערגאנגען צו 5—6 טויזנט זלאָטעס א יאָר, וואָס איז טאקע געווען ביי א 40 % פון גאנצן שול־בודזשעט. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון שעדלעצער שולוועזן איז אוועקגעלייגט געוואָרן א פעסטער פונדאמענט פון א נאָרמאלער, שטענדיקער באשטימטער הכנסה. די עלטערן האָבן ביסלעכוויז זיך אויסגעלערנט צו דארפן עפּעס מקריב זיין, כדי צו געבן זייערע קינדער א מאָדערנע יידישע דערציאונג.

א צווייטער וויכטיקער אויפטו:

די שול־קאָנצעסיע איז געווען איינע די נעמען פון דריי פּערזאָנען, א מין פּריוואטער ענין; זי האָט דעריבער יורידיש נישט געהאט קיין געזעלשאפטלעכן כוח, וואָס זאָל בארעכטיקט זיין צו מאָנען אירע רעכט און פארטיידיקן זיך קעגן עוולות. איך האָב דעריבער תיכף געשאפן אן אָפּטיילונג פון דער „יידישע פאָלקס־בילדונגס־ליגע" (א שול־ און קול־טור־אָרגאניזאציע געגרינדעט דורך דער יידישער פאָלקספארטיי, אין יאָר 1922). אין צום שוליאָר 1925/26 ארויסגעקריגן די שול־קאָנצעסיע אויפן נאָמען פון דער דערמאָנטער אָרגאניזאציע. דאָס האָט אויך פּאָלי־טיש פארלייכטערט דעם גורל פון דער שול, ווייל אלס א שול פון דער פאָלקספארטיי איז זי דורך דער מאכט טראקטירט געוואָרן א ביסל מיל־דער, ווי די שולן פון די אנדערע ראדיקאַלע קרייזן. דער פּאָרזיצער פון דער צענטראלע פון דער „פאָלקסבילדונגס־ליגע" איז געווען נח פּרילוצ־קי, וועלכער איז לאנגע יאָרן געווען סיים־דעפּוטאט, און ער האָט דערי־בער בעסער געקענט פארטיידיקן די אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געווען אונטער זיין השפּעה. אָבער נישט נאָר פּאָליטיש איז די „פאָלקסביל־דונגס־ליגע" געווען פאר אונדז א הילף, אויך מאטעריעל האָבן מיר פון איר א סך גענאָסן אין דעם לויפנדיקן שוליאָר 1925/26. גראָד האָט זיך אין דעם ארומגערעדטן שוליאָר דער פינאנציעלער מצב פון „ציש"אָ" זייער פארערגערט און לויט דעם איינגעשטעלטן מאָדוס, וואָס די „צי־

ש"אָ" האָט געהאט, ביים פּאַרטיילן סובסידיעס, האָט אונדזער שול כמעט אין דעם יאָר גאָרנישט באַקומען. די „פאָלקסבילדונגס-ליגע" אין צענ-טער האָט, פּאַרקערט, גראָד יאָ געהאַט אַ ביסל געלט. מיט פערזענלעכן איינפלוס ביים דעפּוטאַט פּרילוצקי האָב איך אויסגעפּועלט אַ חודשדיקע סובסידיע פון 300 זלאָטעס, און זאָל עס פאַרצייכנט ווערן לשבח — מיר האָבן אין יענעם יאָר באַקומען פון דער צענטראַלער „פאָלקסבילדונגס-ליגע" פאַר פולע 12 חדשים: 2.600 זלאָטעס. דאָס איז געווען אַ 25 % פון אונדזער יערלעכן שולבודזשעט. ס'איז מיר אויך געלונגען אין יענעם יאָר ארויסצובאַקומען פון דער צענטראַלע פון יידישן קליינהענדלער-פאַרבאַנד אין וואַרשע אַן איינמאָליקע סובסידיע פאַר דער שול אין שעדלעץ, אין דער גרויס פון 300 זלאָטעס.

ס'איז אויך, פאַרשטייט זיך, פאַרשטאַרקט געוואָרן די געזעלשאַפט-לעכע באַזע ארום דער שול. מיט דער מיטווירקונג פון דער „ציש"אָ" אין וואַרשע איז געלונגען צו באַוועגן דעם „בונד" און „פּועלי-ציון" אין שעדלעץ, זיי זאָלן ווערן מיטגלידער אין דער „פאָלקסבילדונגס-ליגע" און אַקטיוו מיטהעלפן אין דער שולאַרבעט. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ מיט-גלידערשאַפט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט חודשלעך אַ 150 זלאָטעס. מיר האָבן אויך פונאַנדערגעטיילט צווישן שולפריינד, אין פּריוואַטע שטיבער, אַ 200 שולפּושקעס, לויטן מוסטער פון די טראַדיציאָנעלע צדקה-פּוש-קעס. איין מאָל אין חודש פלעגן די פּושקעס אויסגעליידיקט ווערן. דאָס פלעגט אונדז אַריינברענגען 80—100 זלאָטעס אַ חודש. אין די טראַדי-ציאָנעלע יידישע יום-טובים, ווען יידן גיבן געלט אויף פאַרשידענע צוועקן — פּורים, ערב יום-כּיפּור און הושענא-רבא — אין די דאָזיקע ימים-טובים פלעגן מיר דורכפירן געלטזאַמלונגען ביי יחידים. די זאַמ-לונגען האָבן אַריינגעבראַכט ביז טויזנט זלאָטעס אַ יאָר.

פון צייט צו צייט פלעגן מיר איינאָרדענען גרעסערע שול-פייערונ-גען, וואו עס זיינען דעמאָנסטרירט געוואָרן די דערגרייכונגען פון די קינדער אין לערע און דערציאונג. כדי אויך דערציעריש צו באַווירקן די עלטערן, האָבן מיר געשאַפן אַן עלטערן-אוידיטאָריע, אָנגעפירט דורך די לערער. ס'זיינען געווען לעקציעס פון פּעדאַגאָגישן און געזעלשאַפט-לעכן כאַראַקטער און פון מאָל צו מאָל — געמיינזאַמע אינטימע יום-טובים פאַר עלטערן, קינדער און לערער.

די שול האָט אין יענעם יאָר אַ סך געוואונען פּעדאַגאָגיש, דערמיט וואָס מיר האָבן געקריגן אלס לערער מרדכי גילינסקי (באַטקע), וועל-כער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַקאַנט געוואָרן אין לאַנד דורך זיין אַרבעט אין דער „מעדעם-סאַנאַטאָריע". ער איז געווען פון די ערשטע געענדיקטע סעמינאַריסטן פון באַרימטן יידישן לערער-סעמינאַר אין ווילנע. ער איז אָנגעקומען צו אונדז גלייך פון ווילנע, נאָך נישט

האָבנדיק אפילו דורכגעמאכט דעם אָפיציעלן עקזאמען. מ׳קאָן זאָגן, אָן איבערטרייבונג, אז „באטקע" האָט אריינגעבראכט א רוח־חיים אין שול אריין. זיין יוגנטלעכקייט, ענטוזיאזם, ליבע און טריישאפט פאר דער שול, מיט וואָס ער איז אָנגעזאפט געוואָרן אין לערער־סעמינאר, און דער עיקר זיין אויסערגעוויינלעכע ליבע צו קינדער איז געווען אין לשער. די קינדער האָבן אים געענטפערט מיטן זעלבן. אזא ליבע פון קינדער צו א לערער, ווי אונדזערע שולקינדער, און שפעטער די הונדערטער קינדער אין דער מעדעם־סאנאטאָריע, האָבן ארויסגעוויזן צו באטקען — איז זעלטן צו טרעפן. אויף דעם אופן איז געלונגען אין א גרויסער מאָס צו מאָביליזירן און פארפעסטיקן די שול יורידיש, פינאנציעל, פעדאגאָגיש און געזעלשאפטלעך. אין די ווייטערדיקע יאָרן איז די ארבעט פיל אויסגעברייטערט געוואָרן, אין אלע הינזיכטן.

אין 1925, ווען ס׳איז געוואָרן 10 יאָר זינט י. ל. פרץ איז געשטאָרבן, איז אין ווארשע פאָרגעקומען א גראנדיעזער מארש צו פרצעס קבר פון צענדליקער טויזנטער באטייליקטע. ס׳זיינען געווען דעלעגאציעס פון גאנצן לאנד. אויך אונדזער שול איז דאָרטן געווען פארטרעטן. אויף מיין איניציאטיוו איז באשלאָסן געוואָרן צו פאראייביקן אין שעדלעץ פרצעס אָנדענק דורך דעם, וואָס די שול האָט געקריגן זיין נאָמען. זי האָט פון דעמאָלט אָן געהייסן: „1טע יידישע פאָלקסשול, א״נ פון י. ל. פרץ", אין שעדלעץ. אויף א ספעציעלער פייערונג איז, צו דער געלעגנהייט, אויפגעוויקלט געוואָרן א שולפאָן, געמאכט פון טייערן גרינעם אדאמאסק און אויף וועלכער ס׳איז געווען אויסגעהאָפטן מיט זילבער־פעדים דער איבנדערמאָנטער נאָמען פון שול.

.7

מיטן אָנקומען פון שוליאָר 1926—1927 האָבן מיר זיך פארמאָסטן נאָך מער אויסצובעסערן די שול אין אלע הינזיכטן. ס׳איז באדייטנדיק פארשטארקט געוואָרן דער לערער־פערסאָנאל. ס׳זיינען צוגעקומען די לערערס: קרול און מינע ווייסבערג — ביידע אויסגעצייכנטע פעדאגאָגן. מיר האָבן שוין געהאט זיבן לערער, וואָס האָבן מיט זייער ארבעט שטארק געהויבן דעם פרעסטיזש און פעדאגאָגישן ניוואָ פון דער שול.

די צאָל קינדער האָט זיך פאָרגרעסערט און מיר האָבן באלד, אין אָנהייב פון שוליאָר, באשלאָסן, אז היי־יאָר זאָל זיין דער ערשטער סיום פון שול. מ׳מוז געבן דער שול, האָבן מיר געהאלטן, די טראדיציע פון א סיום. הגם מיר האָבן נישט געהאט, אין דעם יאָר, מער ווי 6 קלאסן, האָבן מיר זיך דאָך דעצידירט צו מאכן א סיום פון 6טן קלאס. די לימו־דים זיינען ספעציעל אזוי פלאנירט געוואָרן, אז די שילער פון 6טן קלאס —זייער צאָל איז געווען קוים זיבן— זאָלן קריגן א ספעציעלע השגחה.

דער באשלום האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער וויכטיק. דער פייערלע־כער סיום־אַקט איז פאָרגעקומען אין א גרויסן שטאָטישן זאַל. יעדער פון די שילער האָט דעמאָנסטרירט איינעם פון די לימודים אין שול — יידיש, העברעאיש, פויליש, געשיכטע —יידישע, אַלגעמיינע און פויליי־שע— נאַטור־וויסנשאַפט וכדומה. מחמת דעם וואָס די דעמאָנסטרירונ־גען זיינען געווען דירעקטע רעזולטאַטן פון דעם יאָר לערנען האָט דער סיום געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק אויף די עלטערן. די שול איז דורכ־דעם דערהויבן געוואָרן. אין דעם דאָזיקן סוף שולי־אָר איז געגעבן גע־וואָרן א גראַנדיעזע קינדער־פאָרשטעלונג פון אָסקאַר אוּאיילדס באַרימט סימבאָליש מעשהלע „דער גליקלעכער פּרינץ". די קאָסטיומען און די גאַנצע אויסשטאַטונג ווי אויך דאָס זעלטן פיינע שפילן פון די קינדער האָט ממש באַצויבערט דעם עולם. דריי מאָל איז עס געשפּילט געוואָרן אין שטאָטישן זומער־טעאַטער ביי איבערגעפּולטע זאַלן פון קינדער און דערוואַקסענע. די אַרטיקע פּרעסע האָט עס שטאַרק געלויבט.

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר געפירט וויכטיקע פּאָליטישע קאַמ־פּאַניעס אַרום דעם רעכט פאַר דער שול, סיי כלפּי חוץ סיי כלפּי פנים. מיר האָבן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו דערשלאָגן זיך סובסידיעס פון מאַגיסטראַט און פון דער יידישער קהילה.

אין דערמאָנטן שולי־אָר זיינען פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט און צו דער יידישער קהילה. כדי צו קענען זאָגן אונדזער וואָרט אין די דאָזיקע וואַל־קאַמפּאַניעס האָבן מיר געשאַפן א וואָכנבלאַט „דאָס וואָרט". דאָס איז נישט געווען קיין אויסגעשפּראָכן פּאַרטייאישער אָר־גאַן. ער איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך א קאָלעגיום: יעקב טענענבוים, מנשה טשאַרנאָבראָדע און אני הקטן. דאָס איז געווען א צייטונג, וואו ס'איז געקומען צום אויסדרוק דער ראַדיקאַל־יידישיסטישער געדאַנק. צו יענער צייט האָבן ציוניסטן געהאַט זייער איינגעפונדעוועטן וועכנטלעכן אָרגאַן „שעדלעצער וואָכנבלאַט" און די „אגודה" האָט אויך געהאַט א וואָכן־צייטונג „אונדזער וועג". אין אונדזער צייטונג האָבן מיר געהאַט א מעגלעכקייט צו אינפאָרמירן דער געזעלשאַפט פון דעם אינערלעכן שוללעבן, פירן אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע און צו גלייכער צייט באַ־קעמפן די קעגנער.

ווי שווער עס איז אונדז נישט אָנגעקומען דאָס אויספועלן א שטאָ־טישע סובסידיע, איז פּילפּאַכיק ביטערער אָבער געווען דאָס דורכצוזעצן אין דער יידישער קהילה, וואָס איז אַבסאָלוט באַהערשט געווען פון דער „אגודה". מיר האָבן געהאַט קוים איין פאָרשטייער אין קהילה־ראַט — יוסף ראָזענזומען. אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג אָבער זיינען געווען פאַרטרעטן נאָר „אגודה" און ציוניסטן. טראָץ דעם אָבער איז אונדזער דרוק געווען שטאַרקער, ווייל מיר האָבן אַריינגעצויגן אין קאַמף די על־

טערן פון די שילער, צווישן וועלכע ס'איז געווען א גרויסע צאָל ארבע־טער און בעלי־מלאכות. אויך די אָרגאַניזירטע ארבעטער־באַוועגונגען „בונד" און „פּועלי־ציון" זיינען געווען מיט אונדז אין קאַמף.

אין שטאָטראַט, וואו „בונד" און „פּועלי־ציון" זיינען געווען פאַר־טרעטן איז מיט דער הילף פון דער גרויסער פּעפּעסישער פראקציע, וואָס האָט געהאט א היפשע השפּעה אויך אין מאגיסטראט, געלונגען דורכצופירן א סובסידיע, וואָס אנטשפּרעכט צו דער צאָל קינדער וואָס די שול האָט געהאט. געווען צייטן, ווען מיר האָבן געקריגן ביי 3.000 זלאָטעס א יאָר.

דער קאַמף מיט דער קהילה אָבער האָט זיך געצויגן העכער צוויי יאָר און געוואונען האָבן מיר אים א דאנק דעם סטאראָסטע. און אָט וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן: צו יעדער זיצונג פון קהילה־ראט פלעגן מיר קומען אָרגאַניזירטערהייט און זוכן מיטלען באין־אופן נישט צו דערלאָזן דורכצופירן דעם בודזשעט אין אגודהשן גייסט. פאָרזיצער פון קהילה־ראט איז געווען ה' נחום וויינטרויב (א לאנגיאָריקער אָנגעזעע־נער יידישער כלל־טוער נאָך פון די צארישע צייטן) און עס איז געלונ־גען צו פועלן ביי אים, אז איך, הגם איך געהער נישט צום קהילה־ראט, זאָל אויסנאמווייז באקומען א וואָרט אויף צו באגרינדן אונדזער רעכט געשטיצט צו ווערן פון דער קהילה. און אזוי איז טאקע געשען. אויף דער נאָענטסטער זיצונג האָב איך באקומען א וואָרט, הגם די „אגודה" האָט שטארק פראָטעסטירט. פארשטייט זיך, אז צו דער דאָזיקער זיצונג זיינען מיר געקומען שטארק צוגעגרייט און אָרגאַניזירט. ווי נאָר איך האָב געענדיקט רעדן, האָט זיך אויפגעשטעלט דער וויצע־פאָרזיצער — דער אגודהניק, י. טשעראנסקי און אויסגערופן בקול רם: „און איך זאָג לאָ מיט א גרויסן אלף". דאָס האָט געווירקט ווי אן אויפרייס־באָמבע. די גאנצע מאסע האָט זיך א לאָז געטאָן צום פרעזידיום־טיש, צעבראָכן דעם באריער, אויסגעלאָשן די עלעקטריע און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א געשלעג מיט געשרייען און געוואלדן, וואָס האָבן אויפגערודערט די געגנט ארום. די פּאָליציי איז געוואָר געוואָרן דערפון און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א חקירה ודרישה. מיר האָבן אָבער דערקלערט, אז מיט אלע מיטלען וועלן מיר נישט דערלאָזן, מ'זאָל אונדזער שול ארויסוואַרפן פון דער קהילהשער שטיצע. גראָד איז דאן אָנגעקומען אין שטאָט א נייער סטאראָסטע. ווען ער האָט זיך דערוואוסט וואָס פארא סקאנדאלן עס גייען אָן אויף דער יידישער גאס, האָט ער גענומען אויף זיך די ראָל פון א שלום־מאכער. די נאָענטסטע זיצונג פון קהילה־ראט איז, אויפן פאַר־לאַנג פון סטאראָסטע, גערופן געוואָרן אין לאָקאַל פון סטאראָסטע, און דער סטאראָסטע האָט אויסגעפּועלט ביי דער „אגודה", זיי זאָלן מסכים זיין, אז אויך אונדזער שול זאָל סובסידירט ווערן, לויט דעם זעלבן פּרינ־

ציפ ווי תלמוד־תורה און „תרבות". און זינט דאן פלעגט די שול קריגן יערלעך ביי צוויי טויזנט זלאָטעס. אזוי אז אין די ווייטערדיקע יאָרן 1927—1929 איז דער שולבודזשעט געדעקט געוואָרן כמעט אינגאנצן.

דאָס באפרייען זיך פון דער מאטעריעלער נויט האָט מעגלעך גע־מאכט, אז די שול זאָל אינערלעך אויך זיך שטארקן און די פעדאגאָגישע דערגרייכונגען אין די דאָזיקע יאָרן זיינען געווען קענטיקע. דאָס האָבן פעסטגעשטעלט די אָפטע וויזיטאציעס פון „ציש"אָ" דורך די פעדאגאָגן: ראָזע סימכאָוויטש, ד. פאָליאק, ח. ש. קאזשדאן, ש. מענדעלסאָן, י. פאט א"אנד. און אויך די אָפיציעלע וויזיטאציעס פון דער שולמאכט, וואָרום א דאנק טאקע די אָביעקטיווע גינסטיקע באריכטן פון שול־ אינספעק־טאָריאט האָבן מיר באקומען די מאגיסטראט־סובסידיע. די דאָזיקע בא־ריכטן האָבן מיר בייגעלייגט צו אונדזער אָפיציעלער ווענדונג וועגן סוב־סידיע. כדאי צו פארצייכענען, אז א דאנק אזא מין גינסטיקן באריכט מצד דער שולמאכט, האָבן מיר אויך באקומען א טייל פון דער מלוכה־סובסידיע, וואָס די „ציש"אָ" האָט איין מאָל געהאט ארויסגעריסן.

.8

אין די יאָרן 1927—1929 איז די שול געקומען צו איר העכסטער מדרגה. מיר האָבן פארשטארקט די געזעלשאפטלעכע פראָפאגאנדע, סיי שריפטלעך סיי מינדלעך. אין די דאָזיקע יאָרן האָבן מיר געהאט א פולע זיבן־קלאסיקע שול מיט אן ערך 250 קינדער. ס'איז געקומען א מין אייסקריסטאליזירונג — דער עלטערן־עלעמענט אין אונדזער שול איז געוואָרן אלץ מער אן אידעאיש־באוואוסטזיניקער.

דער פינאנציעלער מצב פון דער „ציש"אָ" איז באדייטנדיק פארבע־סערט געוואָרן. ס'איז געווען נאָך ח' ב. מיכאלעוויטשעס באזוך אין אמעריקע, וואָס האָט ארייגעבראכט באדייטנדיקע סומעס פארן יידישן שולוועזן. דאָס האָט אונדז געגעבן א מעגלעכקייט א סך אויפצוטאָן. איך האָב איסגעווירקט אין ציש"אָ א ספעציעל גרעסערע סומע אויף צו רע־מאָנטירן גרינטלעך דעם שוללאָקאל. מ'האָט טאקע איינגעפירט א ריי באקוועמלעכקייטן און באדייטנדיק פארשענערט דעם אויסזען פון די שולקלאסן. די חודשדיקע „ציש"אָ"־סובסידיע האָט דערגרייכט ביז הונ־דערט דאָלאר (800—900 זלאָטעס) חוץ מזה האָבן מיר באקומען בערך הונדערט דאָלאר א חודש אויף באשפייזן די קינדער אין שול. מיר האָבן פאר דעם צוועק איינגעאָרדנט אין שול א קיך מיט אלע נויטיקע מכשי־רים. אלע שולקינדער פלעגן עסן פרישטיק אין זייערע קלאסן צוזאמען מיט די לערער. דאָס האָט געהאט א גרויסע דערציערישע באדייטונג.

דרך אגב, די קינדער האָבן אליין געהאָלפן סערווירן דעם מאָלצייט, וואָס איז באשטאנען פון צוויי זעמל מיט א גלאָז מילך, אָדער קאקאָ.

צום שלום פון שוליאָר 1927-1928 — צום צעניאָריקן יובילייַ זינט דער גרינדונג פון דער דאָזיקער שול — האָבן מיר איינגעאָרדנט א ריי שול-פייערונגען. אין משך פון צוויי וואָכן זיינען אין אלע אָרגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, וואו מיר האָבן געהאט א השפעה, פאָרגעקומען עקסטרע שולמיטינגען און פארזאמלונגען. אין איינעם פון די גרעסטע שטאָטישע זאלן איז געגעבן געוואָרן אן אימפּאָזאנטע קינדער-פאָרשטע-לונג. ס'איז פאָרגעקומען א שולמארש איבער די גאסן פון שטאָט, פון קינדער, עלטערן און פריינט. און ועל כולם — א וואונדערבארע שול-אויסשטעלונג, וואָס האָט פארנומען אלע זיבן קלאסצימערן. צו דער פייערלעכער עפענונג פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג זיינען פון ווארשע דאן געקומען יוסף לעשטשינסקי (כמורנער) פון ציש"אָ און דעפּוטאט נח פּרילוצקי (פאָלקסבילדונגס-ליגע). די אויסשטעלונג וואָס איז געווען א רעזולטאט פון דעם יאָר שולארבעט האָט רעפּרעזענטירט אלע לימו-דים און געמאכט א גרויסן רושם אויף אלע באזוכער. די אויסשטעלונג איז אָפן געווען ביי א צוויי וואָכן. אין דער צייט איז זי באזוכט געוואָרן דורך העכער פינף טויזנט מענטשן. צווישן די באזוכער זיינען געווען פאָרשטייער פון דער שולמאכט, א ריי לערער און פּראָפעסאָרן פון די פּוילישע פאָלקסשולן און גימנאזיעס. א סך פון זיי האָבן זיך אויסגע-דריקט מיט פיל לויב און אכטונג. אין באזוכער-בוך זיינען געווען א גרויסע צאָל זייער אינטערעסאנטע איינשרייבונגען אויף יידיש, פּויליש און העברעאיש פֿין פארשידענע יידישע און פּוילישע קרייזן, וואָס האָבן אויסגעדריקט באוואונדערונג פאר די גרויסע פּעדאגאָגישע דערגרייכונ-גען פון אונדזער שול. א טייל עקספּאָנאטן פון דער דאָזיקער אויסשטע-לונג זיינען אין 1929 געווען אויף דער אינטערנאציאָנאלער שול-אויס-שטעלונג אין לאָקארנאָ, וואו ציש"אָ האָט געהאט אן אייגענעם זאל.

אין 1928—1929 האָבן מיר געהאט דעם ערשטן סיום פון א זיבע-טער קלאס. דער פייערלעכער אקט איז פאָרגעקומען אין אַנוועזנהייט פון א גרויסן עולם. ס'זיינען געווען דעלעגאציעס און באגריסונגען פון פארשידענע קרייזן און פון דער פרעמד. דער דאָזיקער סיום האָט בא-שיינפערלעך דעמאָנסטרירט די גרויסע פּעדאגאָגישע דערציערישע דער-גרייכונגען פון אונדזער שול. צו דעם דאָזיקן יום-טוב איז ארויסגעגעבן געוואָרן אן עקסטרע איינמאָליקע אויסגאבע, וואו שילער פון פארשידע-נע קלאסן האָבן געדרוקט זייערע ארבעטן איבער פארשידענע טעמעס. 1928—1929 איז אויך געווען א רעקאָרדיאָר דערמיט, וואָס דאָס איז געווען דאָס איינציקע זעלטענע יאָר, ווען די לערער האָבן באקומען אויסגעצאָלט זייערע פולע שכירות פאר אלע צוועלף חדשים.

די שול האָט דעמאָלט אויך געהאט א שיינע לערער־ביבליאָטעק, א קינדער־ביבליאָטעק — פארוואלטעט דורך די קינדער אונטער דער אויפזיכט פון די לערער, א ריי וויכטיקע לאבאָראטאָרישע מכשירים צום עקספּערימענטירן ביים לערנען. די קרוין פון דער דערציערישער ארבעט איז געווען דער שילערקלוב, וואָס האָט אין משך פון יאָר, פיל אויפגע־טאָן פאר דער אויסבילדונג פון זעלבסטשטענדיקייט און כאראקטער־פעסטקייט ביי הונדערטער שילער.

.9

זומער 1929 בין איך אוועק ארבעטן קיין ווארשע, א קורצע צייט אין מעדעם־סאנאטאָריע, און זינט הערבסט 1929 ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין 1939 — אלס געזעלשאפטלעכער אינס־טרוקטאָר ביי ציש״אָ. מ. גילינסקי (באטקע) איז אוועק, אויף שטענדיק, ארבעטן אין מעדעם־סאנאטאָריע, וואו ער איז געווען טעטיק אלס לע־רער ביז צו דער היטלער־קאטאסטראָפע. אויך מיין פרוי רבקה מאנדעל־מאן האָט אָנגענומען ארבעט אין דער ניי־געגרינדעטער שול אין קוטנע. די דאָזיקע ענדערונגען האָבן געווים געווירקט נישט גינסטיק פאר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער שול. דער עיקר אָבער האָט פארער־גערט די לאגע דער אלגעמיינער וועלטקריזיס, וואָס האָט זיך דערקייקלט אויך קיין פוילן און גאנץ באזונדערס ר׳אינירט די שעדלעצער יידישע באפעלקערונג. יידן זיינען דאָרט פשוט פאראָרעמט געוואָרן — געבליבן בהוסר כול.

די שול האָט עקזיסטירט ביז 1933. זי האָט זיך געראנגלט, אין די לעצטע יאָרן, מיט כלערליי מניעות — דער עיקר אָבער מיט דער מא־טעריעלער נויט. די ציש״אָ איז ווידער געווען אין שווערן פינאנציעלן קלעם. זי האָט געמאכט ממש העראָאישע אָנשטרענגונגען אויפצוהאלטן דאָס שולוועזן אין לאנד און אויך דער שעדלעצער שול איז א סך אויפ־מערקזאמקייט געגעבן געוואָרן. פון צייט צו צייט האָט ציש״אָ דעלע־גירט עקסטרע שליחים אויף דורכצופירן אָרטיקע שול־אקציעס און צו שטארקן די געציילטע מענטשן אויפן אָרט, וואָס האָבן נישט געוואָלט אויפגעבן די שול־פּאָזיציעס. אויך די סובסידיעס פון מאגיסטראט און קהילה זיינען איינגעשרומפּענער געוואָרן, דאָסגלייכן האָט זיך באדייטנ־דיק פארקלענערט די איינקונפט פון שכר־לימוד.

די געציילטע פארוואלטונגס־מיטגלידער זיינען וואָס אמאָל מידער געוואָרן. דער עיקר האָבן דעם עול פון שול געשלעפּט דאן מנשה טשאר־נאָבראָדע און מאָטל פרידמאן. אין די לעצטע יאָרן זיינען אריין אין דער פארוואלטונג די פאָרשטייער פון „בונד״ און „פּועלי־ציון״. ס׳האָט א סך

געארבעט בנימין קראמאזש, וועלכער איז ביז צום סוף געווען סעקרע־טאר אין שול. דער קריזיס איז אלײן ערגער און ערגער געוואָרן, ס׳איז אָנגעקומען איינס פון די ביטערסטע יאָרן אין דער געשיכטע פון ציש״אָ, דער חלק פון נויט האָט פארשניטן איין אנשטאלט נאָכן אנדערן און אויך די שול אין שעדלעץ איז געפאלן אונטערן מעסער. די לערערס האָבן געליטן הונגער, דער חוב פון דירה־געלט פארן שוללאָקאל האָט שוין געגרייכט פאר העכער א יאָר צייט און די באלעבאטים האָבן כסדר גע־פאָכעט פאר די אויגן מיטן געריכטלעכן עקסמיסיע־אורטייל. די אָרטי־קע פאָר מענטשן אין דער פארוואלטונג האָבן דעם דרוק נישט אויסגע־האלטן און די שול איז מער נישט געעפנט געוואָרן. גראָד אין דעם יאָר, ווען מ׳האָט געקענט פייערן דעם 15־יאָריקן יובילײ פון דער שול, האָט זי גאָר שטילערהייט אויסגעהויכט די נשמה...

די באלעבאטים האָבן די עקסמיסיע דורכגעפירט, דאָס שולמעבל און דאָס רעשט ביסל בעבעכעס זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרן אויף דער גאַס. א שטיק צייט האָט מען עס געהאלטן אין א שפייכלער. ענד־לעך האָט דער שול־אינווענטאר באקומען א תיקון — מ׳האָט אים אי־בערגעגעבן דער יידישער שול אין שבנותדיקן מעזריטש.

אין די שפעטערדיקע יאָרן, ווען דער מצב פון ציש״אָ האָט זיך פארבעסערט, באזונדערס זינט 1936, ווען עס האָט גענומען שטייגן דער פאָליטישער איפבריוו אין לאנד, ווען די יידישע גאַס איז געוואלדיק אקטיוויזירט געוואָרן, להכעיס דער פארשטארקטער רעאקציאָנערער רע־גירונגס־פּאָליטיק לגבי יידן — אָט אין די יאָרן, איז איבערן גאנצן לאַנד אויך געוואקסן דער אינטערעס צו די שולפּראָבלעמען. דאַן זיינען ווי־דער געמאכט געוואָרן פּרואוון צוריק צו באנייען די שול־טעטיקייט אין שעדלעץ. נאָך א סך מי איז געעפנט געוואָרן אן אָפּטיילונג פון ציש״אָ אין ס׳זיינען שוין געווען אויסגעארבעט קאָנקרעטע פּלענער צו עפענען א קינדערהיים אין אן ערשטע קלאַס פון א שול. ס׳איז שוין אפילו גע־ווען צונויפגעזאמלט, אויפן אָרט, א פאָנד פון עטלעכע הונדערט זלאָ־טעס. ליידער זיינען שוין אָבער די דאָזיקע פּלענער נישט פארווירקלעכט געוואָרן. דער שאָטן פון דער ברוינער מאַפּיע איז אלײן גרעסער געוואָרן און וואָס א מאָל מער פארטונקלט דעם פּוילישן הימל ביז... עס האָבן זיך אָנגעטראָגן די היטלער־האָרדעס און אין געציילטע טעג איז דאָס יידישע לעבן הרוב געוואָרן. די דייטשע בעסטיע האָט פארברענט און פארניכטעט אלץ, וואָס מיר האָבן מיט אזוי פיל ליבע, גלויבן און אי־בערגעגעבנקייט, אין משך פון 25 יאָר געבויט אין פּוילן.

***

ווען איך פרעג זיך אלײן איצט, וואָס איז ארויסגעקומען פון דער ארבעט? האָט זיך געלוינט די גאנצע מי? וואָס האָט מען דערגרייכט

מיט דעם פארוועגדן אזוי פיל געלט-אוצרות און מענטשלעכע ענערגיע? ענטפער איך בפה מלא — יאָ! עס האָט זיך געלוינט! דער זעלבסטבאַוואוסטזיין פון אייגענעם, מענטשלעכן, נאציאָנאלן איך, וואָס מיר האָבן פארוואָרצלט אין די שילער פון אונדזערע יידיש-וועלטלעכע שולן, האָט נישט ווייניק מיטגעווירקט צו די העראָאישע קאמפן, וואָס יידישע אַרבעטער-יוגנט אין פוילן האָט געפירט אין די געטאָס מיטן נאַציישן שונא. זיי זיינען עס געווען די, וואָס האָבן געשריבן דאָס העלדישע קאפיטל יידישע געשיכטע אין אונדזער טראגישסטער צייט; זיי זיינען עס געווען די, וואָס האָבן געהייליקט דעם נאָמען ייד און יידיש פאָלק אין דער וועלט! דער קליינער טייל לעבן-געבליבענע, געוועזענע שילער פון די ציש"אָ-שולן זיינען אויך היינט, אין דער צעשפרייטקייט איבער דער גאָרער וועלט, די ענטוזיאסטישסטע קעמפער און בויער פון א באַנייט יידיש לעבן אין כלערליי פאָרמען!



א קלאַס פון דער פוילישער רעגירונגס-פאָלקסשול

פ. דרומי־פּאַפּאָווסקי
(תל־אביב)

דאָס העברעאישע שולוועזן אין שעדלעץ

געוויינלעך האלט מען, אז דאָס העברעאישע שולוועזן אין שעדלעץ האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1927, בעת עס איז געעפנט געוואָרן די ערשטע תרבות־שול. מיט דער דאטע ווערט אָבער געמאכט א טעות, ווייל פאקטיש האָט א העברעאישע שול אין שעדלעץ שוין עקזיסטירט אין יאָר 1904, ווען ס'זיינען דורך דעם ציוניסטישן מנין אראָפּגעבראכט געוואָרן קיין שעדלעץ די פּעדאגאָגן גורעוויטש און קאפּלאנסקי. זיי, צוזאמען מיט עקיבא גאָלדפארב און דוד מאָרגנשטערן, האָבן געגרינדעט די ערשטע העברעאישע שול אין שעדלעץ.

די שול האָט זיך געפונען אויף פּיענקנע 10, אויף דעם גאנצן אויבערשטן שטאָק און עס האָבן דאָרט געלערנט ביי א 180 קינדער.

די קינדער זיינען געוועזן כמעט אויסשליסלעך פון ציוניסטישע עלטערן, וועלכע האָבן געגצלעך אליין אויסגעהאלטן די שול, אָן וועלכער עס איז שטיצע פון דרויסן. די שול האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג צווישן שעדלעצער יידן.

מען האָט אָנגעהויבן הערן דאָס העברעאישע וואָרט אין דער יידישער גאס. ביי דער שולע זיינען געוועזן אָוונט־קורסן פאר דערוואקסענע, אָנגעפירט דורך גורעוויטשן און קאפּלאנסקין. פארשטייט זיך, אז די לימודים זיינען געווען אין העברעאיש. שפּעטער, ווען גורעוויטש האָט פארלאָזט שעדלעץ און געוואָרן דירעקטאָר פון דער העברעאישער גימנאזיע אין ווילנע, פירן אָן מיט דער שולע עקיבא גאָלדפארב און דוד מאָרגנשטערן. די ערשטע העברעאישע שול האָט געהאט אריכת ימים און הונדערטער קינדער האָבן געלערנט העברעאיש.

אין יאָר 1917 איז געעפנט געוואָרן דורך מ. מ. לאנדוי, א העברעאיש־יידישע שול, מיט דעם נאָמען „דעת". זי האָט אָבער לאנג נישט

עקזיסטירט. א חוץ דער שול פון גאָלדפארב און מאָרגנשטערן האָבן עקזיסטירט „חדרים מתוקנים" פון דוד אדלער און שמואל משה יאבקאָ־וויטש. דער „חדר מתוקן" פון פריזענט און בערקאָוויטש איז שפּעטער פארוואנדלט געוואָרן אין א מזרחי־שול מיטן נאָמען „יבנה".

עס איז אויך געווען א שול מיטן נאָמען „תורה ודעת". די לערער זיינען געווען: בערנצוויג, גרינבערג, יאווערבוים און זאָנשיין.

אין יאָר 1920 איז דורכן ציוניסטישן קאָמיטעט געעפנט געוואָרן א פרעבלשול. צווישן אנדערע איז אויך דאָרט געווען טעטיק די גננת הנה קיסר, וואָס געפינט זיך איצט אין חיפה.

ווען עס איז אין פוילן ארויס דאָס געזעץ פון שולצוואנג איז די שול פון מאָרגנשטערן און גאָלדפארב צעטיילט געוואָרן אין יעדער באזונדער האָט געהאט א חדר מתוקן. באזוכט די חדרים האָבן קינדער פאר 7 יאָר, איידער זיי זיינען ארונטערגעפאלן דעם געזעץ פון שולצוואנג, אָדער זיי זיינען געקומען לערנען נאָך מיטאָג, ווען זיי האָבן געענדיקט די לי־מודים אין די רעגירונגס־שולן (פּאָווסעכנע שולן). עס זיינען געווען א סך עלטערן, אפילו פארמעגלעכע, וואָס האָבן געשיקט די קינדער אין דער „תלמוד־תורה", וועלכע איז געווען אָנערקענט פון דער מאכט, כדי די קינדער זאָלן לערנען יידישע לימודים.

א לאנגע צייט איז די פראגע פון עפענען א תרבות־שול נישט אראָפּ פון טאָג־אָרדענונג פונעם שעדלעצער ציוניסטישן קאָמיטעט. אָבער כסדר איז, מיט א וויטיק אין הארצן, דער ענין אָפּגעלייגט געוואָרן אויף א צווייטער זיצונג, ווייל, ווען עס איז געקומען צו רעדן פון „תכלית" זיינען נישט געווען די ערשטע 100 זלאָטעס, אז מען זאָל קאָ־נען אָנהייבן עפּעס טאָן.

איינמאָל אויף א זיצונג פון ציוניסטישן קאָמיטעט, אין זומער תרפ"ו (1926), ווען עס איז ווידער באהאנדלט געוואָרן די פראגע פון עפענען א תרבות־שול אין שעדלעץ און ס'איז ווידער געווען די פראגע, וואו מ'נעמט די ערשטע פאָר זלאָטעס צו דינגען א לאָקאל און צו באַ־שטעלן שולבענק, האָט דער שרייבער פון די שורות, וואָס האָט דאן גע־ארבעט אין דער צענטראלע פון קרן־קימת אלס אינסטרוקטאָר און איז נאָר־וואָס געקומען פון ווארשע — ארויסגענומען פון טאש 500 זלאָטעס, אוועקגעלייגט אויפן טיש און געזאָגט: איך באָרג אויס מיין חודש־גע־האלט און זאָל נישט צוליב געלט זיין קיין אָפּהאלט אין עפענען די שול.

די חברים האָבן באלד באקומען מוט, מען האָט אויסגעקליבן אן ענגערע קאָמיסיע, וואָס האָט געהאט די אויפגאבע צו עפענען די שול. די קאָמיסיע איז באשטאנען פון פאָלגנדיקע חברים: לוי גוטגעלד, משה יום־טוב, יהושע אקערמאן, דער שרייבער פון די שורות, אברהמטשע אלטענבערג און מאיר טענענבוים אלס סעקרעטאר. ער איז געבליבן

טאקע דערנאָך א לענגערע צייט סעקרעטאר פון דער שול. צוזאַמען אין דער פרי איז מען אוועק קיין ווארשע, כדי צו אנגאזשירן א לערער־פערסאָנאַל פאר דער שול.



די שוללערער און די עקזעקוטיווע מיטן לייטער ה׳ אָקין

אלס מנהל האָט מען אנגאזשירט דעם חבר יוסף אוקין און ער האָט געדארפט איינלאַדן נאָך לערער. ער איז געבליבן אין ווארשע צו אנגאזשירן די לערער. אין א פּאָר טעג ארום איז ער געקומען מיט די לערער שאַליטא, ווייַן און פריד, און מיר האָבן צונויפגערופן א פארברייטערטע זיצונג, וועלכע האָט פארפליכטעט עלטערע חברים, אז זיי מוזן דורכפירן א גרעסערע אקציע, כדי מען זאָל קאָנען עפענען די שול. די צייט איז שוין געווען זייער קורץ צום אָנהייב פון שוליאָר. עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן איניקע קאָמיסיעס: 1) פאר פינאנצן, 2) שאפן א לאָקאל פאר דער שול, 3) באזאָרגן מעבל, 4) פירן אגיטאציע, אז מען זאָל אריינגעבן די קינדער אין דער שול.

די פינאנס־קאָמיסיע איז באשטאנען פון: אָשר אורזשעל, נ. ווייַנטרויב, ד״ר שלייבער, שלום זאלצמאן, הנוך ריבאק, פישל פּאָפּאָווסקי (היינט דרומי). די קאָמיסיע האָט זיך גוואלדיק אויסגעצייכנט, דער עיקר אָשר אורזשעל. אין א קורצער צייט איז געשאפן געוואָרן איבער 2.000 זלאָטעס. דאָס איז געווען דעמאָלט א ריזיקע סומע. אויך די לאָקאל־קאָמיסיע אונטער דער אָנפירונג פון י. ט. עקערמאן האָט מצליח געווען און אין א קורצער צייט האָט זי געפונען א לאָקאל אין דעם הויז אויף פלאָריאנסקע 17, ביי איטשע שווארץ. די קאָמיסיע פאר באזאָרגן

די איינריכטונגען האָט באוויזן אין א קורצער צייט אלץ איינצואָרדע־נען. אין דער פראָפּאגאנדע־קאָמיסיע האָט זיך באזונדער אויסגעצייכנט לוי גוטגעלד, ער האָט געשריבן אין דער צייטונג, גערעדט אויף פאר־זאמלונגען פון עלטערע און יונגע. מיט אים האָבן ענערגיש מיטגעאר־בעט די חברים פישל פּאָפּאָווסקי, יהושע עקערמאן, אלטענבערג און חבר יוסף אוקון. עס איז אויך געפירט געוואָרן א הויז־אגיטאציע ביי וועלכער עס האָבן זיך אויסגעצייכנט: יוסף גוטגעלד, יהושע עקערמאן, משה יום־טוב. זיי האָבן אין דער אגיטאציע־ארבעט באקומען הילף פון „השומר הצעיר” און „החלוץ הצעיר”.

אזוי ארום איז די העבראַישע שול געוואָרן א פאקט אין שעדלע־צער יידישן לעבן. באלד אין דעם ערשטן שוליאָר זיינען געוועזן אין דער שול 3 קלאסן מיט איבער 100 קינדער. אין ערשטן יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די שול געוואונען דעם פולן צוטרוי און סימפּאטיע פון דער שעדלעצער יידישער באפעלקערונג. פיל מיטגעווירקט צו דעם האָבן דער מנהל יוסף אוקון, די פּעדאגאָגישע קרעפטן פון דער שול און די עסקנים, וואָס האָבן געארבעט מיט איבערגעגעבענעם ענטוזיאזם.

בעת דער וויטערדיקער טעטיקייט איז אויסגעוויילט געוואָרן א שול־קאָמיטעט אויף דעם אָרט פון דער ענגערער קאָמיסיע. אין קאָמי־טעט זיינען אריין: אָשר אורזשעל — פּאָרזיצער, הנוך ריבאק, יהושע עקערמאן, משה יום־טוב, פישל פּאָפּאָווסקי־דרומי, שלום זאלצמאן, יוסף



דער תרבות־שול־קאָמיטעט, אין מיטן דער פּאָרזיצער ה' אשר אָרזשעל

גוטגעלד, מאיר טענענבוים — סעקרעטאר, לוי גוטגעלד און אברהמטשע אלטענבערג.


אין דעם צווייטן שוליאָר 1927—1928 קומען צו נאָך צוויי נייע לע־רער: קושליאן און האַראָוויטש. עס ווערט פארגרעסערט די צאָל קינ־דער ביז 200.

אין דעם דריטן שוליאָר 1928—1929 קומען ווייטער צו נייע לע־רער — העלער און מלאשן. די צאָל קינדער וואקסט און דערגרייכט נאָענט צו 250. עס ווערט ענג דער לאָקאל אויף פלאַריאנסקע און מען דינגט נאָך א לאָקאל אויף פיענקנע אין דעם הויז פון סוקעניק. דער דערפאָלג פון דער שולע שטייגט איבער אלע דערוואַרטונגען. זי ווערט פארעכנט צו די בעסטע שולן אין פוילן, וואקסט פון טאָג צו טאָג און געווינט די סימפּאַטיע פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג: חסידים, חברים פון „בונד" און אפילו עלטערן פון קאָמוניסטן האָבן געשיקט זייערע קינדער אין דער תרבות-שול.



די שוללערער מיט א טייל שילער

די ל"ג-בעומר-פייערונגען פון דער שול האָבן זיך פארוואנדלט אין א פאָלקס-יום-טוב. אזא פייערונג האָט זיך אָנגעהויבן אין אָוונט, ערב ל"ג בעומר, מיט א פאקלצוג איבער די גאסן. צומאָרגנס איז פאָרגעקומען דער אויספלוג פון די שולקינדער אין וואלד, וואָס האָט געהערט צו יצחק נחום וויינטרויב. דער מארש אין וואלד האָט מיטגעצויגן קינדער פון אנדערע שולן און אויך דערוואקסענע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפרייט מיט דעם יידישן קינדער-יום-טוב.



די שולקינדער בעת דער ל״ג־בעומר־פייערונג אין וואלד

וועגן דער באדייטונג פון דער העברעאישער שול אין שעדלעץ האט דעמאלט לוי גוטגעלד געשריבן א גרויס ארטיקל אין שעדלעצער וואכנ־בלאט".

די ווייטער געבראכטע שורות פון דעם ארטיקל באווייזן, וואס פאר א גרויס ארט די תרבות־שול האט פארנומען אין שעדלעצער יידישן לעבן. לוי גוטגעלד שרייבט:

„תרבות" האט אנגעהויבן מיט פיר יאר צוריק, סך־הכל, מיט הונ־דערט קינדער. עס זיינען געווען צרות מיט א לאקאל, מיט אינוועסטי־ציע־אויסגאבן. שווארצזעער האבן דעריבער נישט געפעלט. די איבער־געגעבנקייט פון די עסקנים און די עלטערן האט אבער אלץ מנצח געווען. דאס פאריקע יאר האט די שול שוין געציילט כמעט דריי־הונדערט מאל אזוי פיל קינדער. זעלטן־וואו און עלטערן־קאמיטעט זאל ארבעטן ביי א שול מיט אזויפיל מסירות־נפש, וואס עס איז דער שטארקסטער באווייז פון צופרידנקייט מיט דער שול און ממילא די בעסטע פראפאגאנדע.

קיינער וועט נישט פארלייקענען, אז „תרבות" אין שעדלעץ, טראץ איר שווערער פינאנציעלער לאגע און נישט געקוקט דערויף, וואס זי האט איבער פופציק קינדער, וואס לערנען אומזיסט, און דער גרויסער רוב קינדער — פאר א מינימאלן אפצאל, — האט א גלענצנדן פערסא־נאל, וואס נישט איין שול אין פוילן וואלט זיך געוואונטשן אזעלכן צו האבן. עס איז דא א זעלטענע פאטערלעכע באציאונג צו די קינדער, א מוסטערהאפטע הארמאניע צווישן די לערער און די עלטערן א. א. וו. דאס זיינען די סודות פון ביז איצטיקן דערפאלג פון „תרבות".

צוזאמען מיטן וואוקס פון דעם מאַראַלישן דערפאָלג פון דער שול, איז אויך געוואַקסן דער דעפיציט פון דעם לערן־אנשטאלט. עס איז ממש געווען „באו מים עד נפש". געווען א צייט, ווען די לערער איז געקו־מען געהאלט פאר עטלעכע חדשים. מיר זיינען געווען פארהובט אין אלע שעדלעצער בענק און די שולטוער איז געקומען געלט וואָס זיי האָבן געבאָרגט — עד לבשירהיב. די בעלי־בתים פון די שוללאָקאַלן האָבן געפאָדערט דירה־געלט, אָדער זיך ארויסציען. עס האָט זיך אויס־געדאכט, אז אָט־אָט אין מ'וועט מוזן שליסן די שול.

די לאַגע איז באטראכט געוואָרן אויף א זיצונג, וואו עס האָט אויך אָנטייל גענומען א פאָרשטייער פון די לערער. פארשידענע פּראָיעקטן זיינען ארויפגעשוואומען, אָבער קיין קאָנקרעטע לייזונג האָט מען נישט געקענט געפינען. עס איז געווען א מאָמענט, ווען אלע זיינען געזעסן אין געשוויגן.

פּלוצלינג האָט זיך אָפּגערופן יאָסעלע גוטגעלט: „מיר וועלן נישט שליסן די שול. מיר וועלן פאָרן קיין ווארשע צו יצחק גרינבוימען, ער זאָל אונדז שאפן א הלוואה". אזוי איז טאַקע געשען: מיט דער הילף פון גרינבוימען האָבן מיר באקומען א הלוואה פון 4.000 זלאָטעס און די שול איז געראטעוועט געוואָרן, זי איז נישט פארמאכט געוואָרן, נאָר פאר־קערט — געוואָרן ווייטער גרעסער און פון יאָר צו יאָר האָבן זיך גע־עפנט פרישע קלאסן. די תרבות־שול וואָלט אייגנטלעך געקאָנט זיך איסהאלטן פון אייגענע הכנסות. עס האָבן אָבער אין דער שול געלערנט א סך אָרעמע ארבעטער־קינדער, אויך קינדער פון „עזרת־יתומים", וואָס האָבן אינגאנצן נישט געצאָלט קיין שכר־לימוד. אין דער יידישער קהילה־פארוואלטונג האָבן מיר געדארפט פירן שווערע און לאַנגע קאמפן, ביז מען איז אנטקעגנגעקומען אונדזער פאָדערונג צו באקומען סובסידיעס.

דאָרט האָבן מיר געפירט דעם קאמף מיט די פאָרשטייער פון דער „אגודה", וואָס זיינען געווען 10 אויף 20 פּרנסים, און דער פאָרשטייער פון „מזרחי" איז געווען א האלבער אגודהניק און געשטימט צוזאמען מיט דער „אגודה" קעגן דער סובסידיע, אזוי אז עס זיינען געווען 11 פון 20 פּרנסים.

נאָך א לאַנגן און אומדערמידלעכן קאמף פון אונדזערע חברים אין דער קהילה, אורזשעל, שלייכער, פּאָפּאָווסקי, וועלוול בארג, ווייַנטרויב און אנדערע, האָבן מיר געבראָכן די קעגנערשאפט און מיר האָבן באַ־קומען א סובסידיע, אָבער נישט אזויפיל ווי עס האָט באקומען די תל־מוד־תורה.

אויב אין דער קהילה האָבן מיר געהאט צו פירן א קאמף מיט דער „אגודה", האָבן מיר אין שטאָטראט געקעמפט פאר סובסידיעס נישט מיט די גויים, נאָר דווקא מיט די יידישע פאָרשטייער פון „בונד" און

לינקע „פועלי־ציון“. זיין האָבן געטענהט, אז די העברעאישע שול איז עקספּאָרט קיין „פּאלעסטינע“, און אין איר לערנען רייכע קינדער. נאַטירלעך, אז אויב די יידישע ארבעטער־פאָרשטייער האָבן אזוי גערעדט, האָבן די פאָרשטייער פון „פּ. פּ. ס.“, וואָס האָבן צוזאמען מיט די יידישע ארבעטער־פארטרעטער געבילדעט א מערהייט, געזאָגט: „מיר קאָנען נישט שטימען קעגן דעם ווילן פון אונדזערע יידישע חברים“.



דער שולליטער באָקסער מיט א טייל שילער

עס איז אָבער געלונגען אונדזערע ענערגישע חברים — ד״ר שלייבער, אָשר אורזשעל, רובינשטיין דורכצוברעכן דאָס אייז. דערצו האָט אויך צוגעהאָלפן דער פאָרשטייער פון דער „אגודה“, ר' ישראל גוטגעלט. אונדזערע פארטרעטער אין שטאָטראט האָבן דערוויזן, אז דער גרעסטער רוב פון די שילער פון דער „תרבות“־שול זיינען קינדער פון ארבעטער, ווי אויך קינדער פון „עזרת־יתומים“, וואָס צאָלן געוויסלעך נישט קיין שכר־לימוד. אונדזערע ארגומענטן האָבן געווירקט. עס איז לסוף געלונגען צו באקומען א סובסידיע.

זעלבסטפארשטענדלעך, א דאנק די סובסידיעס פון דער קהילה און דעם מאגיסטראט, איז די פינאנציעלע לאגע געוואָרן לייכטער. אין יענער צייט פארלאָזט ה' אָקון שעדלעץ און פאָרט קיין ביאליסטאָק, און אויף זיין אָרט קומט קיין שעדלעץ אלס מנהל צבי באָקסער, איינער פון די דעמאָלטיקע בעסטע פעדאגאָגן. אויך דער סעקרעטאר מאיר טענענבוים האָט פארלאָזט זיין אמט און אויף זיין אָרט איז געוואָרן סעקרעטאר זאב לעוו, וואָס געפינט זיך היינט אין אמעריקע.

עס איז אויך צוגעצויגן געוואָרן צום שול־קאָמיטעט מ. יודענגלויבן, וולאדאָווסקי, מ. ראטביין, יעקב יום־טוב, מענדזיזשעצקי און, צו לענגע־רע יאָר, פרוי געניע ווייטאן און א. פיינזילבער. אין דעם יאָר 1930/31 האָבן מיר דעם ערשטן ארויסלאָז.

אין יאָר 1931 ווערט געפייערט די אנטהילונג פון א פאָן פאר דער שול. דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאט" האָט ארויסגעגעבן א ספּעציעלן נו־מער געווידמעט דעם יום־טוב. מיר ברענגען ציטאטן פון ארטיקלען, וואָס עס האָבן אין דער ספּעציעלער אויסגאבע פון „שעדלעצער וואָכנבלאט" פארעפנטלעכט לערער און טוער פון דער „תרבות"־שול.

דער שוללייטער באָקסער, שרייבט דעמאָלט אין אן ארטיקל: „די „תרבות"־שול איז א שאפונג פון פאָלק, פארן פאָלק און גרייכט ביז די יסודות, ביז די שורשים. עס איז א בריק פון עבר צו עתיד". און ער ענדיקט זיין ארטיקל: „אויף א פאָן, הגם זי איז נאָר פון א שול פאר קינדער, קוקן אלע —אלע, וואָס דארפן אויפהויבן די אויגן צו א פאָן— דעריבער איז עס אלעמענס ברכה". דער געוועזענער מנהל ה' אָקון שרייבט: „א פאָן פארן „בית־היוצר" אין שעדלעץ —דער סימבאָל וועט זאָגן וועגן זיין אויפטו און וועגן זיין ווילן. אויף דער פאָן שרייבט מען נישט די געשיכטע פון צרות פון דער שול — אויף דער פאָן איז אלץ ליכטיק און העל. פונדערווייטנס, מיט טרערן אין די אויגן, ווי א מאמע וואָס איז געשטאנען ביים וויגעלע פון איר קינד. גייען מיר נאָך אין זכרון די ערשטע טריט פון דער שול. איך וויל ווינטשן, אז אויך אין „בית־היוצר", אין דער שול, זאָל אלץ זיין מלא ליכט און פרייד".

הארטנגלאס: „נישט קיין ארטיקל וועל איך שרייבן, נאָר וועגן וואָס עס דארף זיין געשריבן אויף דער פאָן. ווער עס איז געוועזן אין ארץ־ישראל און האָט געזען ווי אזוי קינדער לעבן זיך אוים אין דער העברע־אישער שפראך, מוז קומען צו דער איבערצייגונג, אז דאָס יידישע פאָלק לעבט און וועט לעבן און וועט זיין ענדציל דערגרייכן; צוליב דעם לייג איך פאָר, אז אויף דער פאָן פון דער „תרבות"־שול זאָל זיין אויפגע־שריבן — „עם ישראל חי".

לוי גוטגעלט: „דער עיקר פון דער תרבות־דערציאונג ליגט אין פּא־טאָס פון חינוך. מיר זיינען דאָך כסדר אין מעמקים, אין דער טיפעניש פון דער ערד. נאָר אונטער די פיס פילן מיר נישט די ערד, נאָר שיעור נישט ווי נייע הימלען אונטער דער ערד. זאָל דאָס אויך זיין א תשובה אויף דער קשיא, פארוואָס פייערט מען איצט די אנטהילונג פון א פאָן. שווערע צייטן! ביטערע צייטן! — אָבער יאָ, יאָ, דווקא אין דעם „דע פּראָפונדיס" מוזן מיר זיך שאפן די אילוזיע, און זאָל עס זיין אויף א רגע, צו קענען אויפהייבן די אויגן און פרייען זיך וויניקסטנס מיט א פאָן".

שבת צו נאכטס איז אין שטאָטישן קלוב פאָרגעקומען די פייערלעכע אקאדעמיע לכבוד דער אנטהילונג פון דער פאָן פון דער „תרבות“־שול. דער זאל איז געווען געפאקט, א סך מענטשן האָבן געמוזט אוועקגיין, ווייל דער זאל איז געווען צו קליין אויף ארייננצונעמען דעם גרויסן עולם.

געעפנט האָט זיך די אקאדעמיע מיטן פוילישן און יידישן הימן, אויסגעפירט דורכן ספעציעל צוגעגרייטן כאָר, אונטער דער אָנפירונג פון ה׳ גארבארזש, ביי דער באגלייטונג פון אָרקעסטער, אונטער דער לייטונג פון ה׳ א. שפילפידעל.

ה׳ א. אירזשעל, פאָרזיצער פון שול־קוראטאָריום פון „תרבות“, דערקלערט אין העברעאיש דעם פייערלעכן אָוונט פאר געעפנט און באגריסט דעם גאסט פון א״י און פון דער צענטראלע פון „תרבות“ — ד״ר צבי זוהר, דעם פאָרשטייער פון די פריינד מהיין שעדלעץ — ה׳ פ. אייזנשטאט, דעם פריערדיקן לייטער פון דער שול — ה׳ אָקון, וועלכער איז ספעציעל געקומען צו דער פייערונג, ווי אויך די פאָרשטייער פון שטאָטראט — די פעפעסישע ראטמענער ה׳ זשעליעגעווסקי און ה׳ זאפלאָטאָווסקי און די פאָרשטייער פון דער קהילה, פון סוחרים, האנטווערקער, „באנק אודזשאלאָווי“, „טאָז“, „עזרת־יתומים“, לערער־פאראיין א. א. וו. אין נאָמען פון דער קהילה באגריסט די פייערונג אין העברעאיש ה׳ זעליקאָוויטש און אין נאָמען פון עלטערן־קאָמיטעט — ה׳ הנוך ריבאק, אין אין נאָמען פון פעדאגאָגישן ראט — דער שול־לייטער ה׳ צבי באָקסער. מיט א לענגערער באגריסונג אין א זייער שיינעם העברעאיש, אין נאָמען פון די תלמידים, טרעט ארויס ד. י. מענדעזשעצקי, א שילער פון דער 7טער מחלקה. אין נאָמען פון די אביטוריענטן פון דער שול באגריסט משה ווייסאן, וואָס געפינט זיך היינט אין ישראל. די לעצטע באגריסן — ה׳ פ. אייזנשטאט פון ווארשע (היינט אין ישראל) און ה׳ ישראל רידעל אין נאָמען פון די סוחרים.

דערנאָך לייענט פאָר ה׳ לוי גוטגעלט די שריפטלעכע באגריסונגען (כמעט אלע אין העברעאיש): פון צ. ק. פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין פוילן, דירעקטאָריום פון קרן היסוד, דירעקטאָריום פון קרן־קימת, פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין שעדלעץ, מזרחי, התאחדות, השומר הצעיר, החלוץ, החלוץ הצעיר, בית״ר, העברעאישע אָוונטקורסן, „טאָז“, „עזרת־יתומים“, פרויען־פאראיין פאר א״י־ארבעט, לערער־פאראיין פון די אלגעמיינע שולן, ספאָרטפאראיין „קדימה“ א. א. וו., ווי אויך פון א ריי פריינד פון דער שול, צווישן זיי, פון אדוו. הארטגלאס, פון משה גאָרדאָן, און פון ע. יאָסעלעוויטש (אלע היינט אין ישראל).

מיט א לענגערער באגריסונג אין העברעאיש אין נאָמען פון צ. ק. פון „תרבות“ אין פוילן טרעט ארויס ד״ר צבי זוהר, ער באגריסט אויך

אין פויליש, די אָנוועזנדיקע פאָרשטייער פון שטאָטראט, שילדערנדיק
פאר זיי דעם אויפטו פון דער נייער יידישער קולטור אין א״י און די
באדייטונג פון דער העברעאישער שול.

ד״ר צבי זוהר ווערט אייך באערט דורך דעם פאָרזיצער ה׳ א. אור־
זשעל מיטן אויספירן דעם פייערלעכסטן אקט פון אנטהילן די פאָן. די
פאָן ווערט אויפגעצויגן אין דער הייך און ד״ר זוהר שניידט אויף די
שייד ביי די קלאנגען פון „תחזקנה״. די בלוי־ווייסע פּרעכטיק אויסגע־
האפטענע פאָן, רופט ארויס גרויס אנטציקונג אין זאל. אונטער די קלאנ־
גען פון „שאו ציונה״ דעפּילירן פאר דער פאָן די תלמידים פון דער שול.

נאָך א קורצער הפסקה קומט פאָר דער אקט פון פייערלעכן ארײנ־
קלאפּן די זילבערנע נעגל אין שטעקן פון דער פאָן. איבער הונדערט
פּערזאָן נעמען אָנטייל אינעם דאָזיקן אקט. עס ווערן אויך ארײנגע־
קלאפּט נעגל אין נאָמען פון א ריי פריינד פון דער שול, וועלכע וואוינען
אין אמעריקע, דרום־אפריקע, לאָנדאָן, ארגענטינע, דייטשלאנד, דענע־
מארק א. א. וו. בעתן ארײנקלאפּן די נעגל זיינען ס׳רוב געסט מנדב
אנטשפּרעכנדיקע סומעס לטובת דער שול.

מיט א קורצן רעפעראט וועגן דער ארבעט און אויפטו פון דער
שול טרעט ארויס דער פריערדיקער לייטער ה׳ י. אָקין, וואָס געפינט זיך
היינט אין ישראל. ער רעדט מיט גרויס ענטוזיאזם און רופט ארויס לאנ־
גע אפּלאָדיסמענטן.

א לענגערן רעפעראט אין יידיש א. ד. ט.: „דאָס יידישע פאָלק פאר
דער העברעאישער שול״ האלט ד״ר צ. זוהר. ער רעדט ברייט ארום
דעם היינטיקן באגריף פון „תרבות״ אין די גרונט־יסודות פון דער מאָ־
דערנער העברעאישער שול אין שייכות מיטן איבערבוי פון דער סטרוק־
טור פון יידישן פאָלק אין די אָנשטרענגונגען פארן יידישן רענעסאנס
אין ארץ־ישראל. דער עולם באדאנקט דעם ד״ר צ. זוהר מיט אפּלאָדיס־
מענטן פארן אינהאלטסרייכן רעפעראט. צום סוף פון דער פייערונג זינגט
דער כאָר, אין באגלייטונג פון אָרקעסטער, „עורי ציון״ און „זמרו״. ה׳
פישל פּאָפּאָווסקי רעדט וועגן דער מאטעריעלער לאגע פון דער שול,
רופנדיק די פארזאמלטע מיטצוהעלפן צו טראָגן דעם עול פון בודזשעט.
דער עולם פארלאָזט דעם זאל זינגענדיק די „התקוה״. נאָך דער אקאדע־
מיע איז אין לאָקאל פון דער שול פאָרגעקומען א גלעזל־טיי מיטן אָנטייל
פון די געסט און די מיטגלידער פון עלטערן־קאָמיטעט, שול־קוראטאָריום
און לערער.

אין די לעצטע יאָרן, פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די שול
זיך נאָך מער פונאנדערגעוואקסן און האָט זיך געפונען אין א הערלעכן
לאָקאל אויף פּילסודסקי, 60. זי האָט שוין געהאט 10 קלאסן מיט א גן־

ילדים און א פערסאָנאַל פון 10 לערער. ביי דער שול איז געווען א שיינע ביבליאָטעק, א דראמאטישע סעקציע און כאָר. די דראמאטישע סעקציע האָט אויסגעפירט מיט דערפאָלג תנ״כישע און אנדערע פאָרשטעלונגען.



די שולקינדער אין הויף פון דער שולע

די לעצטע יאָרן איז אָנגעקומען קיין שעדלעץ א נייער לייטער — בארנשטין, ווייל באָקסער איז געוואָרן אינספעקטאָר פון די „תרבות״־שולן אין פוילן. מ׳האָט געפּלאַנט צו עפענען א העברעאישע גימנאזיע. אָבער דער פלאַן איז נישט אויסגעפירט געוואָרן. עס איז אָנגעקומען דער היטלער־חורבן און האָט צו נישט געמאכט אלע פּלענער.

***

די „תרבות״־שול אין שעדלעץ האָט אין משך פון די 13 יאָר פון איר עקזיסטענץ דערצויגן מוטיקע העלדן און נאציאָנאַלע קעמפער. די נעמען פון אייניקע פון זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין דער געשיכטע פון ישראלס באפרייאונגס־קאַמף. לאָמיר דערמאָנען זייערע נעמען. א טייל פון די שילער וואָס האָבן געענדיקט די „תרבות״־שול זיינען אָפּ־געפאָרן קיין ארץ־ישראל. זיי זיינען גלייך אריין אין די רייען פון דער „הגנה״. זיי זיינען נאָך גאָר יונג געווען. דאָס זיינען די זין פון: ווייסמאן, פּאָפּאָווסקי, פון חזן פאסאָווסקי, שטיינבערג, לעווינשטיין, ליבערמאן א. א. וו. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען זיי געוועזן אין די רייען פון דער יידישער בריגאדע און אין אנדערע פאָרמאציעס, אין מצרים,

טריפּאָלי, איטאליע, בעלגיע, דייטשלאנד. צוזאמען מיט די דעמאָקראטי־שע ארמייען האָבן זיי געקעמפט קעגן די דייטשן.

מיט באזונדערן יראת הכבוד דערמאָנען מיר די נעמען פון 6 שי־לער, וואָס האָבן ארויסגעוויזן געוואלדיקע העלדישקייט, און אוועקגע־געבן זייער יונג לעבן; דאָס זיינען: 1) אפרים ווײמאן, 2) זיסקינד ראָזנ־בוים, 3) ישראל צוקער, 4) א. בעגאגאן, 5) יהודה קאָנסקי, 6) חנוך זשעלאזנאגורא. לאָמיר זיך באקענען מיט זייער לעבן און העלדישן אומקום.

אפרים ווײמאן



אפרים ווײמאן איז געבוירן גע־וואָרן אין שעדלעץ, דעם 27סטן אפּ־ריל 1920, ט' אייר, תר"פ, ביי גיטל און דב ווײמאן. אין עלטער פון 4 יאָר, אין 1924, האָט ער צוזאמען מיט זיינע עלטערן און ברודער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אין 1927 איז די משפחה ווײמאן געווען גע־צוואונגען צוריקצוקומען קיין פּוילן, אין זייער היימשטאָט שעדלעץ. דער 7־יעריקער אפרים ווערט ארייננגעגע־בן אין דער שעדלעצער תרבות־שול. דאָ באקומט ער זיין ערשטע אויסביל־דונג. סך־הכול 5 יאָר האָט ער גע־לערנט אין דער העברעאישער נאציאָנאלער שול, וועלכע האָט געלייגט א שטארקן חותם אויף זיין כאראקטער און שטרעבונגען. די יסודות פון יידישקייט און ציוניזם, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין דער תרבות־שול, האָבן פון אים אויסגעבילדעט א שטאָלצן יידישן בחור, וואָס בייגט זיך נישט אונטער פרעמדע איינפלוסן, און די דערגרייכונג פון יידישער זעלבסטשטענדיקייט און אן אייגן לאנד ווערט פאר אים א לעבנסציל.

ווען אפרים ווײמאן איז געווען אין דער 7טער אָפּטיילונג און עס איז פאָרגעקומען די פייערלעכע אנטהילונג פון דער פאָן פון דער תר־בות־שול, האָט ער געשריבן אין דער ספּעציעלער אויסגאבע פון „שעד־לעצער וואָכנבלאט":

„פון דער צייט אָן זינט איך בין געקומען אין דער שול, זיץ איך צווישן די פיר ווענט פון דער אָפּטיילונג, וואָס זעען אויס ווי שווייגנדיקע און פארלאָזטע, אָבער די דאָזיקע ווענט טראָגן אין זיך א סוד, וואָס איז

נאָך אונדז באַקאַנט, אַז וועל איך אייך אַנטדעקן דעם באַהאַלטענעם סוד: ער ליגט אין מײַן באַקענען זיך דאָ מיט ארץ־ישראל.

„ווען איך בין געקומען אין דעם דאָזיקן חדר, איז מײַן מוח פול געוואָרן מיט מחשבות וועגן ארץ־ישראל און מײַן הארץ מיט בענקשאַפט צו דעם ייִדישן לאַנד. דער דאָזיקער סוד קאָן נישט אַרײַנדרינגען אין די הערצער פון דער יוגנט, וואָס באַזוכט נישט די תרבות־שול. אונדז, די שילער פון דער תרבות־שול דאַכט זיך אױס, אַז עס איז נישט פאַראַן קײן צווייטע שול אַזעלכע, אין וועלכער מ׳זאָל לערנען וועגן די העלדן פון אונדזער פאָלק. מיר האָבן געלערנט צו דולדן און לײַדן אַזוי ווי אונדזערע גרויסע ברידער און אויסהאַלטן אַלע שטרויכלונגען. ווער עס האָט נישט באַזוכט די תרבות־שול, ווייסט נישט, וואָס עס איז פאַר אונדז ארץ־ישראל. אין איצט, נאָך 6 יאָר פון געראַנגל פאַר דער עקזיס־טענץ פון אונדזער שול, האָבן מיר זוכה געווען צו דעם דאָזיקן גליקלעכן מאָמענט פון פייערן די פאָן פון אונדזער שול. די דאָזיקע פאָן וועט אונדז דערמאָנען די 4 שטילע ווענט, וואָס צווישן זיי האָבן מיר זיך אויסגע־לערנט לײַדן.

„ווען מיר וועלן ענדיקן די תרבות־שול, וואָס איז אונדז טײַערער ווי אַלץ, וועט זיך יעדער גיין זײַן וועג. אָבער אונדזערע הערצער וועלן זײַן געבונדן מיט דער שול. אונדזער הייפּטשטרעבונג וועט זײַן צו גיין אויף דעם אָרט, וואָס עס האָט אונדז געוויזן די שול, און אַלע שטרויכ־לונגען, וואָס וועלן זײַן אויף אונדזער וועג, וועלן מיר בײַקומען און עולה זײַן, אפילו ווען עס וועט זײַן נייטיק צו קעמפן פאַר דעם".

און אפרים האָט זײַן צוזאָג געהאַלטן:

אין 1932 האָט ער מיט זײַן משפּחה ווידעראַמאָל עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אפרים ווערט באַלד היימיש מיט דער סביבה און אין על־טער פון 15 יאָר שליסט ער זיך אָן אין דער „הגנה". אפרים זעצט פאָר זײַן לערנען אין א מיטלשול אין תל־אביב. ווען עס ברעכן אויס די גע־שעענישן אין יאָר תרצ"ו (1936) איז דער יונגער בחור אין דער 7טער קלאַס. ער פאַרלאָזט דעמאָלט די שול און גייט אַוועק אויף די גרענעצן פון יפו, כדי צו פאַרטיידיקן דעם מושב „טירת שלום".

זומער תרצ"ז (1937), נאָכן ענדיקן די שול, ווערט ווײַמאַן געשיקט פון דער „הגנה" אָפּצוהיטן די נאַפט־גראָבונגען אין מדבר יריחו און פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן ווערט ער אײַנגעשלאָסן אין א שטענדיקער וואַכגרופּע, וואָס פירט אויס די באַפעלן אין פאַרשידענע ערטער פון לאַנד.

אין 1938 ווערט דער 18־יעריקער ווײַמאַן מאָביליזירט אין אן אָפּ־טיילונג פון באַן־שומרים און באַקומט די ראַנג פון א סערזשאַנט און

אינסטרוקטאָר אויף דער ליניע חדרה—יפו און עמק אין דער סיגנאַלי־זאציע־אָפּטיילונג.

אין דעם דאָזיקן פּעריאָד פאַרנעמט זיך ווײמאַן, באַזונדערס, מיט אָרגאַניזירן מיליטער־סיגנאַליזאַציע־אָפּטיילונגען און שאַפט, אין פאַרשי־דענע פּונקטן פון לאַנד, ספּעציעלע קורסן פאַר דער דאָזיקער מיליטע־רישער פונקציע.

אין פעברואַר 1941 ווערט אפרים באַפרייט פון וואַך־מיליטער און ער גרייט זיך אַרייננצוטרעטן אין בריטישן מיליטער, אָבער דאָ קומט אונטער א קאַמפּאַקט, וועלכער פאַרכאַפּט דעם יונגן העלד — די פּלמ״ח גרייט זיך צו איר ערשטן גרויסן קאַמף־אַרויסטריט, נעמלעך: אויפרייסן די נאַפט־ראַפינעריעס פון טריפּאָלי און סיריע, וואָס האָט דעמאָלט גע־הערט צו ווישי־פראַנקרייך. אפרים ווײמאַן שליסט זיך אָן אין דער גרו־פּע, וואָס גרייט זיך אויסצופירן דעם סאַבאָטאַזש־אַקט.

דעם 8טן מאַי 1941, נאָך די גרינדלעכע איבונגען, האָבן 23 בחורים, דערונטער אפרים ווײמאַן, פאַרלאָזט אין א שיפל די חיפהער ברעגעס און אָפּגעשוואומען אין דער ריכטונג קיין טריפּאָלי. פון דער דאָזיקער שליחות האָט זיך ווײמאַן נישט צוריקגעקערט. ער איז געפאַלן אין קאַמף אין עלטער פון 21 יאָר.

זיסקינד ראָזענבוים



זיסקינד ראָזענבוים איז געבוירן גע־וואָרן אין שעדלעץ אין יאָר 1918, ביי די עלטערן שרה און יוסף. ער איז גע־ווען אן אייניקל פון איצל טשיבוצקי. זיין דערציאונג האָט ער באַקומען אין דער תרבות־שול. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ראָזענבוים צוזאַמען מיט זיינע חברים ישראליק צוקער און בערל בענגאַן, וואָס זיינען געווען אין זיין עלטער, געגרינדעט א פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וועלכע איז אַוועק אין וואַלד. די גרופּע האָט אויסגעפירט פאַרשידענע אָנפאַלן אויף דייטשן, אומגעברענגט היטלעראָווצעס און צוגענומען ביי זיי געווער. זי האָט אויך אויסגעפירט א סך נקמה־אַקטן קעגן פּאַלאַקן, וואָס האָבן איבערגעגעבן יידן צו דייטשן, אָדער וואָס האָבן אליין געהרגעט יידן. אן אומגעהויערן איינדרוק האָט געמאַכט אויף דער קריסטלעכער

באפעלקערונג דער אָנפאל, וואָס ראַזענבוים מיט זיין גרופּע האָבן אויסגעפירט איבער דעם פּוילישן רייכן סוחר פּאציארקאָווסקי און דייטשן פּאָליציאַנט.

געוועזן איז דאָס נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם קליינעם געטאָ, ווען אין שעדלעץ זיינען שוין נישט געוועזן קיין יידן. זיסקינד מיט זיין חבר ב. בעגאַגאַן האָבן דורך פאַרשידענע הינטערוועגן זיך אריינבאַקומען קיין שעדלעץ, אוועק צו דעם סוחר פּאַציאַרקאָווסקי כדי אָפּצונעמען ביי אים דאָס געלט וואָס זיסקינדס פעטערס — שלמה און בערל טשיבוצקי האָבן אים איבערגעגעבן ווען זיי האָבן געפילט, אַז עס זיינען זייערע לעצטע טעג. די טשיבוצקים האָבן דערביי געבעטן, אַז ווער עס וועט קומען פון זייער משפחה, זאָל מען אים אוועקגעבן דאָס געלט. אַזוי ווי פון דער גרויסער משפחה טשיבוצקי איז שוין דעמאָלט קיינער נישט געבליבן אין שעדלעץ, אויסער זיסקינד, האָט ער געבעטן דאָס געלט. (אין ישראל געפינען זיך צוויי אייניקלעך פון דער משפחה טשיבוצקי — יונה און פישל פּאַפּאָווסקי).

פּאַציאַרקאָווסקי האָט זיי געהייסן וואַרטן, איז אריין אין צווייטן צימער וואָס האָט געהאַט אַ הינטערטיר, אַרויס אויף דער גאַס און געברענגט אַ פּאָליציאַנט. זיסקינד מיט זיין חבר האָבן נישט געוואַרט ביז דער פּאָליציאַנט וועט זיי אַרעסטירן. זיי האָבן אַרויסגענומען די רעוואָלווערן און געשאָסן אין דעם פּאָליציאַנט און אין פּאַציאַרקאָווסקין. דער פּאָליציאַנט איז געפאַלן באַלד אויפן אָרט טויט. פּאַציאַרקאָווסקין האָט מען אוועקגעפירט קיין וואַרשע, אין שפּיטאָל, ער איז אָבער נישט דערפאָרן און געשטאָרבן אויפן וועג.

זיסקינדן מיט זיין חבר איז געלונגען צוריק צו אַנטלויפן אין וואַלד. צוזאַמען מיט זייערע חברים האָבן זיי ווייטער געפירט זייער פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט. איינמאָל אין אַ הייסן טאָג, איז די גרופּע אַוועק אין וועסעלקער טייכל, כדי זיך אויסצובאָדן. אַ קריסטין האָט באַמערקט די גרופּע און געמאָלדן די דייטשן. די דייטשע פּאָליציי איז גלייך געקומען און געשאָסן אויף דער גרופּע, ווען זיי זיינען געווען אין טייכל. באַלד איז דאָס טייכל רויט געוואָרן פון בלוט פון די 4 יונגע העלדן. איינער פון דער גרופּע איז געבליבן לעבן, זוכה געווען צו נעמען נקמה און צו זען די מפּלה פון די נאַציס.

יהודה קאנסקי



געבוירן אין שעדלעץ, אַן איינציקער זון ביי א טאַטן א שניידער, וועלכער איז געווען א פרומער און א נאָך־ארץ־ישראל־בענקענדיקער ייד. יהודה איז געווען א שיינער, שווארץ־אויגיקער און האָר־געקרייזלטער יינגל, וועלכער האָט פון קינדווייז אָן איינגעזאַפּט אין זיך, פון די עלטערנס דערציילונגען, די העלדישע אטמאָספערע פונעם גליל און פון דער תל־חי־גבורה. ער האָט געלערנט אין א „תרבות״־שול און ארויסגעוויזן באזונדערע פעאיקייטן אין מאָלן און אין זינגען; ער פלעגט זיך אויסצייכענען ביים איינאָרדענען אָוונטן. ער איז געוואָרן איינער פון די אקטיווסטע חברים אינעם שעדלעצער קן פון „גורדוניה״; האָט אָרגאניזירט און אָנגעפירט א דראמאטישן קרייז: אין שול־פאָרשטעלונגען, אין שפּעטער אויך אין דער באוועגונג, פלעגט ער תמיד באקומען צו שפּילן די הויפּטראָלן; האָט איינגעאָרדנט קינסטלערישע אונטערנעמונגען און אָוונטן און פלעגט ווערבירן נייע חברים. זיינע באציאונגען מיטן קן אין שעדלעץ האָט ער נישט איבערגעריסן אויך ווען זיינע עלטערן זיינען אין 1939, הארט פארן מלחמה־אויסברוך, אריבערגעפאָרן קיין ווארשע. אויך אין ווארשע איז ער באלד געוואָרן דער הויפּטמענטש אויף אלע פייערונגען און קינסטלערישע אונטערנעמונגען פונעם קן. ער האָט זייער געוואָלט אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל צוזאמען מיט זיין דערציערין אין דער באוועגונג — העניע גאָלדבערג (איצטער אין קרית ענבים), און ווען זי איז אָפּגעפאָרן, האָט ער זי געבעטן צו שרייבן אים בריוו, ביז עס וועט אָנקומען דער געהאָפטער טאָג פון זיין עליה.

ווען עס איז אָנגעקומען דער מאָמענט פון קאמף־אויפגאבן אין דער נאצי־תקופה, האָט ער זיך אינגאנצן איבערגעגעבן דער קאמף־טעטיקייט. ער איז געווען א פלינקער, טיכטיקער בהור מיט א סך איניציאַטיוו און איינפאלן, אויף וועלכן מען האָט זיך געקענט פארלאָזן אין דערפילן אויפגאבן; א מיטגליד פון דער קאמף־אָפּטיילונג פון „גורדוניה״ און א שטיקל צייט איר קאָמענדאנט. א חודש צייט פארן אויפשטאנד פון 19טן אפריל 1943 האָט מען אים געכאַפּט — צוזאמען מיט זיין חבר שמעון לעווענטאל בשעת א משא־ומתן וועגן קויפן געווער. ווי עס ווייזט אוים, האָט דאן די געשטאַפּאָ אויסגעשפּרייט א נעץ, און דער פארמיט-

לער ביים געווער-געשעפט איז געווען אירער א מענטש. דער ארעסט איז פאָרגעקומען אין דער שולץ-פאבריק אויף דער נאָוואָליפיע-גאַס, אינעם געטאָ-געביט; דאָרטן איז געווען דער טרעף-פונקט מיטן פאַרמיטלער. בעת דער געשטאַפּאָ-אויספאָרשונג איז יהודה געפייניקט געוואָרן מיט אויסטערלישער אכזריות דורכן באַקאַנטן דייטשן סאַדיסט בראַנד. אָבער זיי האָבן נישט באַוויזן אים צו ברעכן און ער האָט גאָרנישט אויסגע־זאָגט. אין יענע פייניקונגען איז ער אומגעקומען, — 20 יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען. און ווען זיין קערפּער איז ארויסגעגעבן געוואָרן, איז ער געווען אינגאנצן שווארץ און די פינגער פון די הענט זיינען גע־ווען איין פלאַטשיקע מאַסע פון בלוטיקע פלייש. זיין נאָמען געפינט זיך אין דער ליסטע פון געפאַלענע אין ווארשעווער געטאָקאַמף (אין דער ליסטע פון געפאַלענע געפינט זיך אויך זיין לעבנס-חברטע לאה קאָרן; זיינע עלטערן און שוועסטער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין ווארשע).

(פון בוך: „חורבן און אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ" פון מ. ניישטאַט).

חנוך זשעלאַזנאָגורא



געבוירן אין שעדלעץ, אין 1913, אין אן אָרעמער משפחה. ער האָט געלערנט אין דער „תרבות"-פאָלקסשול, אָבער נאָכן טויט פון זיין פאָטער — חנוך איז דעמאָלט אַלט געווען 12 יאָר — האָט ער געמוזט איבעררייסן די לימודים און איז צוזאַמען מיט דער פאַמיליע ארי־בערגעפאָרן קיין ווארשע. דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן אין א גלאָז־פאבריק און מיט זיין געהאַלט האָט ער געשטיצט די מוטער און זיין יינגערע שוועסטער. ער האָט פאָרגעזעצט זיין זעלבסטבילדונג אין דער „החלוץ-הצעיר"-אָרגאַניזאַציע, וואָס ער איז גע־ווען פון אירע ערשטע חברים זינט 1931, ווען ער איז אַלט געווען 13 יאָר. יעדן פרייען אָוונט, נאָך דער שווערער ארבעט, פלעגט ער קומען אין סניף, נישט אַדורכלאָזנדיק קיין איינציקן שמועס. ער האָט ארויסגעוויזן פעאי־קייטן און אין 1933 איז ער געווײלט געוואָרן אין אָרטיקן קאָמיטעט און איז אויך באַשטימט געוואָרן אַלס מדריך פון א דערציאונגס-גרופּע. מיט זיין פשטות און איבערגעגעבנקייט איז ער געווען באַליבט ביי אַלעמען. אין 1938 האָט ער זיך באַטייליקט אין החלוץ-סעמינאַר אין ווארשעווער

פּאַרשטאַט וואַליע; געווען א צייט אין דער החלוץ־פארם אין גראָכאָוו און פון דאָרט איז ער אוועק קיין ווילנע אויף הכשרה און געארבעט אין דער באוועגונג. (זיין עלטערע שוועסטער שרה איז געווען אקטיוו אין „החלוץ", און די יינגערע, עטל, — אין „החלוץ הצעיר"; זי איז אומגעקומען אין ביאַליסטאָק).

בעת דעם מלחמה־אויסברוך איז ער געווען אין ווילנע און איז באלד אוועק אין סאָוויעטישן געביט, ווייל ער האָט געוואָלט לעבן אין א סאָציאַליסטישער אָרדענונג. ער איז אָבער נישט לאנג פארבליבן דאָרט, האָט זיך אומגעקערט צו די חברים אין ווילנע און זיך געשטעלט אין רשות פון דער באוועגונג. ער איז געוואָרן אקטיוו אינעם הלוציש אונטערערד. אין סוף 1941, ביים ערשטן ווילנער גירוש, איז ער אוועק פריער קיין סלאָנים און דערנאָך, אין 1942, קיין ביאַליסטאָק, וואו ער איז געוואָרן סעקרעטאר פון קיבוץ. אָפט פלעגט ער ארויס פון געטאָ־געביט, מאסקירט אלס נישט־ייד (א הויכער, מיט א בלאָס פּנים, האָט נישט אויסגעזען ווי א ייד), כדי צו ברענגען שפּייז און אנדערע פּראָדוקטן די חברים און אויך ארייננשמוגלען געווער אין געטאָ. דער קיבוץ האָט אויך געדינט אלס שול פאר קעמפער און הנוך איז געווען איינער פון די דערציער. נאָך פארן קריג האָט ער אויף די זעלבסטשוץ־קורסן פון דער באוועגונג געלערנט שיסן מיט א ביקס און ווארפן גראנאטן. ער איז געווען טעטיק אין דער יידישער קאמף־אָרגאניזאציע און קאָמענדאנט פון א קאמפגרופּע. ער האָט נישט געהאט קיין שום אילוזיעס וועגן דעם, אז אלע יידן אין ביאַליסטאָק וועלן אויסגעמאָרדעט ווערן, אויך נישט וועגן רעזולטאט פונעם קאמף. אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פונעם קיבוץ אין ביאַליסטאָק, דעם 27סטן פעברואר 1943, האָט ער געזאָגט, אז מען דארף נישט האָבן קיין שום אילוזיעס. נישט דער אויפשטאנד וועט ראטעווען און נישט דאָס גיין אין וואלד. עס זיינען פאראן צוויי וועגן פון טויט און מען דארף שטארבן מיט ערע. דער געטרייער חבר פון דער באוועגונג איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן ביזן סאמע סוף. געפאלן בעת דעם ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאנד.

(פון בוך: „חורבן און אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ" פון מ. ניישטאט).

יוסף אוקון

מזכרונותי בשדליץ

(נאום שלא נישא)

לא אשא קינה ולא אעורר רפאים: היתכן שצמד חמד זה, לוי ויוסף, אינם? ויהושע, מלך השלוה והתקוה, הכי לא ינער מעליו במחי יד אחד את העפר ויקום לתחיה? וישישי החכמה, וינטרוב ואורביץ, — האומנם לא עמדה להם פקחותם השנונה להדוף שדים משחת? וארז זה של חסידי גור, אדיר התורה, רבי ישראל גוטגלד, אשר הילוכו כמי השלוח ההול-כים לאט, הכי נסתם מעינו וחרב עדן ביתו? לא ולא! שדליץ לא תמחה! עוד היא לפנינו בהוויתה הקדומה וההדורה, ומרעיפה חזון על בניה-בוניה הפזורים מאילת עד חניתה.

בוקר אלולי, תרפ"ז. ערפלי סתיו מוקדם עטפו בהינומה את ראשי התרזה והאלון. זהב כיפות המגדלים של בתי-היראה טובל מעומעם באויר הלח. מבית-המדרש הישן, להבדיל, בוקע ועולה שופר הקורא לתשובה. ילדים עמוסי ילקוטים דוהרים-נוהרים לבתי-הספר השונים. יום ראשון ללימודי השנה הוא היום. כשני מנינים של זאטוטים נתקהלו באולם המרכז שברחוב קילינסקי להכרזה על פתיחת בית-ספר „תרבות" בשדליץ.

אהרי שיחה הגיגית קצרה פרצו בשירים ורקודים על פני חוץ, לתוך המעגל הסוער נגרפו הורים ונוער, ולוי באמצע. מספר התלמידים גדל והולך מיום ליום. מתקינים דירה מיוחדת וריהוט לבית-הספר. יהושע מנצח על המלאכה; לוי — שר האוצר והתעמולה; פישל, יבדל לחיים, ממונה על כיסי הצבור — נתבעים לו ונותנים. שכר לימוד — מאן דכר שמיה! התחרות קשה עם בתי הספר הממשלתיים ועם „תלמוד-תורה", שהלמוד בהם חנם, ואיש בשדליץ לא נזקק למושג „שכר לימוד", שנתישן ואבד עליו כלח. המקור היחידי לבנין בית-הספר של „תרבות" והחזקתו הוא ע"י תרומות ונדבות.

י״ח באלול. בית־הספר אושר ע״י שלטונות ההשכלה הפו־לניים. המתבוללים, חסידי ה„פובשיכנה", נחלו מפלה. חול־המועד סו־כות, בית־הספר עורך נשף (זעיר־אנפין, אבל כולו על טהרת העברית). בעיר משיחים: הצלצול העברי מצודד נפשות. הסוכה, מעשה חושב, שובה לבבות. מוצאי שבת בראשית. ד״ר שלייכר המפורסם כעת בין רופאי חיפה רבתי, שימש אז כיו״ר ההסתדרות הציונית וכמנהל כבוד רשמי של ביה״ס „תרבות". הוא פתח מסיבת יובל המאה — מאה תל־מידים ב„תרבות" — בפסוק „מי אלה כעב תעופינה וכיונים אל ארבו־תיהם" — ארובותינו? נשרי־אורזל השנון מסנן עקיצה: אף בתך ד״ר ב„אלה"? — מובן, ענה ד״ר שליכר בפולנית צחה, לכשתגדל!

שנת תרפ״ט. בית־הספר מונה 240 תלמידים בשני בנינים שכורים. כבר יצאו לו מוניטין והכנסותיו למעלה מן הרגיל. עדיין אין בהן כדי לכסות משכורת זעומה למורים. הסניף נסתבך בעול של הובות ללא מוצא. קראו לישיבת חרום של ההסתדרות הציונית, סניף החלוץ וסניף „תרבות". כלו כל הקיצין, האשראי בבנקים המקומיים נוצל עד תומו. דמי המגבית השנתית נאכלו ולא נודע כי באו לתקציב השוטף. למורים מגיעה משכורת של ששה חדשים; מאין תבוא העזרה? — פת־אום קם יוסה׳לע ועיניו הזעירות רושפות: אבל בית־הספר לא יסגר! בצר לנו נפנה... נפנה ל... אל מי נפנה? נפלטת שאלה כמדקרת חרב מפי כולם. אל גרינבוים והוא ישיג לנו הלואה בבנקים הצבוריים שבורשה רבתי.

אכן זהו רעיון! כולנו אחראיים! ומיד התמו על 4.000 זהוב שטרות ונבחרה משלחת של שלושה: לוי, פישל וכותב הטורים הללו.

שמש תמוז ירתה שפודי אש על הבירה. כל אשר נשמה באפו ערק ליערות אוטבוצק. הרחובות שוממים ומיוזעים. אנחנו עומדים לפני פתח ביתו של יצחק גרינבוים. חילקנו בינינו את הנושאים: בקשה, הסברת המצב וטיב האחריות והשטרות שבידינו. לוי משך בפעמון ונכ־נסנו. גרינבוים מופיע בחולצה חלוצית: מה קרה! הראשון מתחיל לדבר. גרינבוים מפסיקו: אני מבין, מצב קשה, מה אוכל לעשות?

לוי: הלואה בבנק. ופישל פורש בינתים על שלחן הכתיבה את השטרות.

גרינבוים: סכום כה גדול, כיצד? — לוי: אי אפשר בפחות מזה. ומתחיל לגולל לפניו את פרשת התקציבים שלנו.

גרינבוים: אני מבין, אבל... ומה דעתך פופובסקי? אני לא אסבול מזה?

פופובסקי: לא!

גרינבוים: ואתה גוטגלד, מיעץ ג״כ לחתום?

לוי: לחתום אין ברירה!

גרינבוים מפשיל את שרוולו, לוקח עט גדול מעל השולחן וחותם בזה אחרי זה. ואני הקטן נשארתי עם נאומי במעי.

דוד בן יוסף (פּאַסאָווסקי)

„קבוצת חובבי שפת עבר"

די העברעאישע אָוונט־קורסן ביי ר' עקיבא גאָלדפּאַרב

דעם נאָמען „קבוצת הובבי שפת עבר" האָבן זיך אויסגעקליבן א גרופּע יינגלעך און מיידלעך אין עלטער פון 16—17 יאָר, וואָס האָבן אליין אָרגאניזירט העברעאישע אָוונט־קורסן אין דער פּריוואַטער שול פון ר' עקיבא גאָלדפּאַרב אויף דער וואַרשעווער גאַס, 22.

ס'איז געווען אין יאָר 1924, נאָך א הפסקה פון אייניקע יאָר אין דער טעטיקייט פון די באַקאַנטע העברעאישע אָוונט־קורסן פון דער ציוי־ניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן זיך פאַרמאַכט בעת דער ערש־טער וועלט־מלחמה. ס'האָט זיך געפילט א נויטווענדיקייט אין לערנען און הערן א העברעאיש וואָרט. די יידישע נאַציאָנאַלע יוגנט, אליין, נישט געשטיצט דורך קיין שום אָרגאַניזאַציע און אינסטיטוציע, האָט געשטעלט פאַר א געשעענעם פאַקט — זי האָט זיך פאַרבונדן מיט ה' עקיבא גאָלדפּאַרב, דעם באַקאַנטן באַליבטן העברעאישן לערער און גע־עפנט ביי אים אין שול אָ־ונט־קורסן און אליין אָנגעפירט מיט זיי.

די איניציאַטיוו־גרופּע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: שרה קליינלערער, טובה באַרבאַנעל, מרדכי גאָטעסדינער, ישראל יום־טוב, מיין ברודער לוי פּאַסאָווסקי און איך. מיר האָבן זיך געשטעלט איין אויפגאַבע: פאַרשפּרייטן די העברעאישע שפּראַך צווישן דער יידי־שער יוגנט אין שעדלעץ.

ביי דער ערשטער פאַרהאַנדלונג מיט ה' עקיבא גאָלדפּאַרב איז גע־שטעלט געוואָרן די פינאַנציעלע פראַגע: ווי אזוי וועט זיך אויסהאַלטן דער בודזשעט פון די אָוונט־קורסן. ס'איז דאָך געווען פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן. אָבער ה' עקיבא גאָלדפּאַרב, וועלכער האָט געהאַלטן דאָס לערנען העברעאיש פאַר א הייליקן חוב, האָט איינגעשטימט צו לערנען אָן קיין שום אָפּצאָל. אבי די קורסן זאָלן זיך אנטוויקלען און יידישע קינדער זאָלן לערנען עברית.

אין משך פון א קורצער צייט האָבן זיך די אָוונט-קורסן זייער שיין אנטוויקלט און ס׳האָבן זיך פארשריבן צענדליקער תלמידים, בחורים און מיידלעך פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג. די העברעאישע אָוונט-קורסן זיינען געוואָרן א געזעלשאפטלעכער טרעפפונקט פאר דער יידי-שער יוגנט פון שטאָט. פון צייט צו צייט זיינען פאָרגעקומען אינטערע-



א גרופע שילער פון די העברעאישע קורסן מיט דעם לערער גאָלדפארב בראש. צווישן די שילער דער פועלי-ציון־עסקן מרדכי קאזניצקי.

סאנטע קעסטל-אָוונטן אין ליטערארישע שמועסן אין העברעאיש איבער פארשידענע טעמעס. דער באקאנטער ציוניסטישער טוער און דערציער ה׳ לוי גוטגעלט האָט געגעבן לעקציעס וועגן תנ״ך און געהאט נחת פון זיינע צוהערער.

אויף אן אלגעמיינער פארזאמלונג פון די קורסאנטן איז באשלאָסן געוואָרן צו רעדן צווישן זיך העברעאיש ביי יעדער געלעגנהייט. ס׳דער-מאָנט זיך מיר דאָס בילד: גרופעס יינגווארג פארזאמלען זיך אין די אָוונטן ביים אפטייק אויף דער ווארשעווער גאס און רעדן צווישן זיך העבראיש אויפן קול, קלינגענדיק, דעמאָנסטראטיוו. אגב, דאָס העברע-איש איז געווען אין דער הברה אשכנזית... די גרופע העברעאיש-רעדנ-דיקע יוגנטלעכע האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די שפאצירנ-דיקע און דורכגייער.

די העברעאישע אָוונט-קורסן פון „קבוצת חובבי שפת עבר״ האָבן אָנגעהאלטן א היפש שטיקל צייט אין זיינען געוואָרן א קוועלע פון דער-ציערישע קרעפטן פאר די ציוניסטיש-חלוצישע יוגנט-אָרגאניזאציעס, ווי „השומר הצעיר״, „החלוץ״, „החלוץ הצעיר״, „העובד הציוני״ א. א. וו.

משה מאנדעלמאן

די ביבליאָטעק און די געזעלשאַפט „יידישע קונסט"

ווען די דייטשן האָבן בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה אָקופּירט שעדלעץ (דעם 12טן אויגוסט 1915), זיינען אין שטאָט געווען נאָר צוויי יידישע קולטור-אינסטיטוציעס — די „יידישע ביבליאָטעק" און די געזעלשאַפט „יידישע קונסט". די ביבליאָטעק האָט גערעכנט איר אויפקום פון זינט 1901, ווען דער שעדלעצער משכיל י. גאָלדוואסער האָט געהאַלטן, אין געהיים, ביי זיך אין הויז, א שענקל ביכער. ער האָט אפילו נישט געוואוסט, ווער די לייענער זיינען, ספּעציעלע מענטשן פלעגן פאַרטיילן די ביכער אויף קרייזן און געהיימע צונויפטרעפן. אין עטלעכע יאָר ארום איז די ביבליאָטעק שוין געווען לעגאַל. זי האָט עקזיסטירט ווי א פריוואטע אויפן נאָמען פון באקאנטן ציוניסט מרדכי מאיר לאנדוי, ע"ה, אן איידעם פונעם אָנגעזעענעם אַרטיקן כלל-טוער, יצחק נחום ווײַנטרויב, ראש הקהל פאַר לאנגע יאָרן בעת דער צארישער הערשאַפט און שפּעטער בימי פוילן. די ביבליאָטעק האָט זיך פאַקטיש געפונען אונטער דער ציוניסטישער השפעה. דער איינציקער וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ארויסגעבן ביכער איז געווען אָשר ליווערראנט, וועלכער האָט גלייכצייטיק געזאָרגט פאַרן נאציאָנאַל-פאָנד און אנדערע ציוניסטישע ענינים.

אין יענער צייט איז די ביבליאָטעק נישט געווען ווי געהעריק אָרגאַניזירט. זי איז נישט געווען אָפּן געוויס רעגולמעסיק און די קאַטאַלאָגן זיינען נישט געווען ווי געהעריק איינגעשטעלט. עס איז אפילו שווער געווען צו געפינען א געזוכטע בוך.

די געזעלשאַפט „יידישע קונסט" — איר פולער נאָמען איז געווען: „ליטעראַריש מוזיקאַלישע געזעלשאַפט יודישע קונסט" — איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1910, אין דער צייט, ווען אין א סך שטעט און

שטעטלעך אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד, זיינען געגרינדעט געוואָרן פאַרשי־דענע מינים ליטעראַרישע געזעלשאַפטן, אונטער די נעמען „הזמיר", „לירע", „האַרפע", „דראַמאַטישע קונסט", וכדומה. באַזונדערס פּאָפּולער זיינען דעמאָלט געווען די וואַרשעווער און לאָדזשער „הזמיר'ס". אין וואַרשע האָט פּרץ דאַן געפירט די באַרימטע געוואָרענע „קעסטל־אָוונטן" און אין לאָדזש איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע מוזיקאַליש־ליטעראַרישע טעטיקייט. אין שעדלעץ האָט מען דעריבער אויך די „יידישע קונסט" גערופן „הזמיר". די פאָלקסמאַסע האָט, פאַר באַקוועמלעכקייט וועגן אַ פּנים, אָפּגעוואָרפן די „ה" פון אָנהייב און די „ר" פון סוף און גערופן עס „זאָמע". „זאָלסט נישט גיין אין דער זאָמע אריין!" איז אַ נאָמען פון אַן איינאַקטער־קאָמעדיע, וואָס דער שעדלעצער שרייבער יעקב טענענבוים האָט אָנגעשריבן און איז פיל מאָל אויסגעפירט געוואָרן אונטער זיין רעזשי.

פאַרשטייט זיך, אַז סיי די ביבליאָטעק און סיי די „יידישע קונסט" איז כסדר געווען אונטערן וואַכן אויג פון דער צאַרישער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. מ'האָט, צום ביישפּיל, יעדעס ניי געקויפט בוך (אפילו אַ לעגאַל ארויסגעגעבנס) געמוזט פריער צושטעלן דער פּאָליציי, זי זאָל עס צענזורירן און באַוויליקן ארויסצוגעבן עס צום לייענען דעם ברייטן לייענער־קרייז. דעסגלייכן האָט מען געמוזט צושטעלן דער גובערניאַלער קאַנצעלאַריע אַ גענוי פּראָגראַם מיט איבערזעצונגען פון יעדן אומשולדיקן ליטעראַריש־מוזיקאַלישן אָוונט.

פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע זיינען געווען אָפטע „געסט" סיי אין די אינסטיטוציעס און סיי ביי איינצלנע טעטיקע מיטגלידער. אַ גאַנצע ריי טוער האָבן שוין געוואוסט, ווען זיי דאַרפן זיך באַצייטנס אויפרוימען, כדי אויסצומיידן אַן אַרעסט. דאָס איז מייסטנס געווען ערב דעם ערשטן מיי, אָדער ענלעכע ערב אומרואיקע טעג.

אויך אין דער יידישער סביבה גופא האָט מען שטאַרק באַקעמפט יעדן בחור און מיידל, וואָס האָט געוואַגט צו קומען אין דער ביבליאָטעק, אָדער, ווער שמועסט נאָך, אין דער „זאָמע", וואו מ'רויכערט פּאַפּיראָסן שבת און יונגען און מיידן טאַנצן צוזאַמען, „רחמנא לצלן"... קיין ברייטע אויפקלערערישע אַרבעט אין דער טיף פון דער יידישער מאַסע, איז, דעריבער, דעמאָלט נישט מעגלעך געווען. צוליב דעם איז די צאָל אַקטיווע טוער אויך וואָס אַמאָל ווייניקער געוואָרן, ממילא, האָבן די אינסטיטוציעס געפירט אַ קלאָגעדיקע עקזיסטענץ. די ביבליאָטעק האָט זעלטן צוגעקויפט אַ ניי בוך און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פאַרריכטן די אַלטע ביכער.

אויך די „יידישע קונסט" האָט אַרום 1912 זיך געפונען אין אַ מין פּאַראַליזירטן צושטאַנד, ס'האָט איר געדראָט ליקווידאַציע. אין דער

שווערער צייט איז געקומען א גרופע יונגע בחורים, נאָר וואָס פון דער גמרא אוועק, און מיט דעם גאנצן יוגנטלעכן אימפעט און חסידישן ברען זיך פארמאָסטן אויף א געוואגטן שריט — צו פאראייניקןביידע אינס־טיטוציעס. נאָך פיל מי איז עס געלונגען ארייננצונעמען די ביבליאָטעק אין דער „יידישע קונסט". די גרופע, — נאָך לאנג־געקליידעטע חסידישע בחורים — האָבן זיך פלייסיק גענומען צו דער ארבעט. ס'איז געשאפן געוואָרן א ביבליאָטעק־סעקציע וואָס איז באשטאנען פון: אברהם הור־בערמאן, וועלוול פרידמאן, אָשר ליוועראנט, דוד אייזנבערג, משה מאנ־דעלמאן און שפּעטער אויך בערל טשארנאָבראָדע.

מ'האָט דורכגעפירט א גרינטלעכן קאָנטראָל פון אלע ביכער, איינ־געשטעלט א רעגולערע צייט, יעדן טאָג, אויף צו טוישן ביכער, איינגע־פירט א לייען־אָפּצאָל וכדומה. מ'האָט גלייכצייטיק געשאפן א פּוילישע אָפּטיילונג (פון פריער זיינען געווען יידיש־העברעאישע און רוסישע). מיט דער פּוילישער אָפּטיילונג האָבן זיך פאראינטערעסירט א גרופּע מיידלעך, וועלכע מיר האָבן ארייננגענומען אין דער ביבליאָטעק־סעקציע. זיי זיינען געווען: רחל עדעלשטיין־בארג (שפּעטערדיקע יאָרן אן אָנגע־זעענע לערערין אין די מלוכהשע שולן און בימי פּוילן, געווען א געוויסע צייט בינדישער ראטמאן אין שעדלעצער שטאָטראט), גאָלדע האלבער־שטאט (זייער יונג געשטאָרבן), תרצה צוקער (פארפייניקט דורך די נאציס אין פאריז), ברכה שאפּיראָ און בראָניע גאָלדבערג־גלאזאָווסקא.

מיר, די מיטארבעטער פון ביבליאָטעק, זיינען, פארשטייט זיך, אויך געווען לייענער. דורשטיקע זיינען מיר צוגעפאלן צו דעם אוצר־הספרים; מיט א ציטער און מורא, מ'זאָל אונדז נישט באמערקן, פלעגן מיר זיך ארייננגנבענען אין דער ביבליאָטעק און אונטער פארשלאָסענע טירן, שלינגען ממש די ביכער. מיר האָבן פארגעסן אין גאנצן ארום און געלעבט אין אנדערע, אויספאנטאזירטע דיכטערישע וועלטן.

מיר האָבן אלע געארבעט מיט גרויס התלהבות און יעדעס נײ איינגעקויפטע בוך איז געווען פאר אונדז א יום־טוב. אין משך פון די פּאָר יאָר ביז דעם מאָמענט פון דער דייטשער אָקופּאציע איז די ביבליאָטעק שטארק אויסגעוואקסן. ס'זיינען צוגעקומען הונדערטער ביכער אויף יידיש, העברעאיש, רוסיש און פּויליש. ס'איז אונדז נאָך געלונגען אָנצו־זאמלען עטלעכע הונדערט רובל מזומן געלט, וואָס מיר האָבן שפּעטער פארנוצט פונאנדערצובויען די „יידישע קונסט" אויף א גרויסן פארנעם.

⁂

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918) האָבן יידן אין פּוילן באטראכט די אָנקומענדיקע דייטשן ווי באפרייער. די כסדרדיקע גזרות און בלבולים פון דער צארישער מיליטערישער כנופיא, דאָס

ארויסרייסן מיטן וואָרצל אַלטגעזעסענע יידישע קהילות און ישובים, דאָס פאַרטרייבן פון זייערע היימען צענדליקער טויזנטער יידן, יונג און אַלט, מאַן און ווייב, ערגעץ וואו אין ווייטע מקומות, דאָס נעמען ערוב־ניקעס פון צווישן די אָנגעזעענסטע יידישע כלל־טוער, דער שטענדיקער קאָשמאַר פון פּאָגראָמען, פון פיזישע און מאָראַלישע באַליידיקונגען, דאָס צערויבן יידיש האָב און גוטס, — דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז מ׳זאָל די דייטשן אויפנעמען פריינדלעך, מ׳האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. די יידישע יוגנט האָט דערפילט, אַז ס׳זיינען אַראָפּגעפאַלן פון די הענט די שווערע צאַרישע קייטן — מיר האָבן זיך באמת דערפילט פריי! אויך אין יידישן פרומען לעבנסשטייגער איז פאָרגעקומען א גוואַלדיקע ענדע־רונג. מיטן אַראָפּוואַרפן פון זיך די לאַנגע קאַפּאָטע, האָבן מיר זיך גלייכצייטיק אויסגעטאָן פון פאַרעלטערטע באַגריפן וועגן יידישקייט, און מיר האָבן זיך — אין אונדזער נאַאיוויטעט — צעפירט די הענט, מיינענדיק, אַז די וועלט איז אונדזערע.

באַלד אין די ערשטע טעג פון דייטשישן אַריינמאַרש, האָבן מיר אָפּגעדונגען פאַר דער „יידישע קונסט" און ביבליאָטעק א גרויסן לאָקאַל אויף וואַרשעווער גאַס, 66. פריער איז דאָרטן געווען אַן אָפיצירישער קלוב. מיר האָבן אייליק גענומען זיך איינאָרדענען אויפן גרויסן פאָר־מאַט. מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר א ציל צו שאַפן א גרויס יידיש קולטורהויז, וואו ס׳זאָלן זיין קאָנצענטרירט פאָלגנדיקע פאַרשידענע סעקציעס: ליטעראַרישע, דראַמאַטישע, מוזיקאַליש־וואָקאַלישע, ביב־ליאָטעק און לייענזאַל. אין פאַרלויף פון אייניקע חדשים האָט די גע־זעלשאַפט געציילט אַן ערך 450 צאָלנדיקע מיטגלידער. די דערמאָנטע סעקציעס האָבן זיך גענומען אינטענסיוו צו דער אַרבעט און פון טאָג צו טאָג איז די טעטיקייט פאַרגרעסערט געוואָרן, אַזוי, אַז אין עטלעכע חדשים אַרום האָבן מיר אָפּגעדונגען דאָס גאַנצע דריי־שטאָקיקע הויז. מיר האָבן דאַן געהאַט זיבעצן גרויסע צימערן, צווישן זיי, צוויי גרויסע זאַלן, וואו ס׳האָבן זיך געקענט פאַרזאַמלען עטלעכע הונדערט מענטשן.

בעת אין די פריוואַטע היימען איז דעמאָלט, אין מלחמה־צייט, גאַנץ אָפט געווען קאַלט און פינצטער, האָט דאָס הויז פון „יידישע קונסט" א האַלבע גאַס פאַרלויכטן און אינעווייניק איז געווען וואַרעם און פריי־לעך — ס׳האָט געברויזט מיט לעבן און אַקטיוויטעט. אין די פרייטיק־צונאַכטסן, שבתים און שבת־צונאַכטסן פלעגן פאָרקומען פאַרשידע־נערליי ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע אָדער דראַמאַטישע אָוונטן, צו וועל־כע עס זיינען געקומען א סך הונדערטער באַזוכער, מיטגלידער און פרעמדע. די דעמאָלטיקע דייטשע מאַכט — די ציווילע ווי די מיליטע־רישע — האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אונדזער אַרבעט. הויכע דייטשע מיליטער־לייט זיינען געווען אָפטע באַזוכער פון אונדזערע

אוונטן. זיי האָבן זיך דאָרטן שטענדיק אויפגעפירט העכסט קאָרעקט און מיט גרויס דרך־ארץ. ס'זיינען געווען פאלן, ווען דער גובערנאטאָר אָדער אן אנדער אדון גדול פלעגן צושיקן וואַרעמע באַגריסונגען צו געוויסע ווויכטיקע אונטערנעמונגען. א בילעט פון אן אונטערנעמונג פון „יידישע קונסט" האָט געדינט ווי א פריי־שיין צו מעגן גיין אין גאַס נאָך דער פאָרגעשריבענער פאָליציי־שעה. אזעלכע זיינען געווען די דייטשן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איידער זיי האָבן אין זיך איינגעזאַפּט דעם היטלערישן סם.

דער גוטער נאָמען און איינפלוס פון דער „יידישע קונסט" האָט אויך געגרייכט צו דער פוילישער געזעלשאַפט און ביי געוויסע היסטאָריש־פּאָליטישע אקטן, האָט די „יידישע קונסט" פארנומען א חשובע פּאָזיציע. צוויי פאקטן נאָר וויל איך דאָ פארצייכענען.

אין 1916, נאָך קנאַפּע 150 יאָר קנעכטשאַפט, איז פּאָליאַקן געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו פייערן זייער נאַציאָנאַלן יום־טוב — דעם 3טן מיי, דעם יום־טוב פון דער קאָנסטיטוציע פון 3טן מיי 1771. צו דעם צוועק איז אין שטאָט געשאַפן געוואָרן אן אלגעמיינער קאָמיטעט פון פּאָליאַקן און יידן, וואָס זאָל אָרגאַניזירן דעם יום־טוב, אין וועלכן ס'זאָל זיך באַטייליקן די גאַנצע באַפעלקערונג. די „יידישע קונסט" איז געווען צווישן די אקטיווסטע אָנטיילנעמער. אין פּראָגראַם פון דער פייערונג איז אויך אריינגעגאַנגען א גאַסן־דעמאָנסטראַציע פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון שטאָט און פון אומגעגנט, ווי אויך דעלעגאַציעס פון די פארשידנסטע רעליגיעזע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אין נאָמען פון „יידישע קונסט" איז געווען א דעלעגאַציע פון זעקס פערזאָן: יוסף ראָזענזומען, אברהם זיגעלוואקס, אברהם גרינשפּאַן (דערשאָסן געוואָרן צוליב א בלבול, בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין 1920, דורך אן אורטייל פון א פויליש מיליטעריש געריכט), שאול זובראָוויטש — היינט אינזשעניער אין מאָסקווער שטאָטישער עלעקטרישער סטאַנציע, יחיאל יאבלאָן און משה מאנדעלמאַן. מיר האָבן געטראָגן ווייס־בלויע אָרעמבענדער, אויף וועלכע ס'איז געדרוקט געווען א מגן־דוד און מיט יידישע און לאַטיינישע בוכשטאַבן — דער נאָמען „יידישע קונסט".

דער גראַנדיעזער מאַניפעסטאַציע־צוג, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן, מיט הייליקע בילדער און פענער, האָט געדירט פון נייעם קלויסטער אויף דלוגע־גאַס, געפירט דורך דער העכסטער קלויסטערישער היעראַרכיע און דער פוילישער אריסטאָקראַטיע. פון פאָרויס איז פלאַנירט געוואָרן, אז מ'זאָל פארבייגיין דאָס יידישע קולטורהויז „יידישע קונסט". דאָרט האָט זיך טאַקע די פּראָצעסיע אָפּגעשטעלט. אויף איין באַלקאָן איז געשטאַנען דער גרויסער כאָר און

אויף דעם צווייטן באַלקאָן דער אָרקעסטער. זיי האָבן געשפּילט און גע־זונגען דעם פּוילישן הימן „באָזשע צאָש פּאָלסקען" און דעם אזויגערופע־נעם „הזמיר"-מאַרש „זמרו, זמרו". ס'איז ווירקלעך, דעם טאָג, געווען די שטימונג פון „קאָכיימי שען" — יידן און פּאָליאַקן האָבן זיך געפילט פאַרברידערט. אין די רעדעס זיינען ספּעציעל אונטערגעשטראָכן געוואָרן די געמיינזאַמקייט פון גורל, וואָס עס פאַרבינדט יידן און פּאָליאַקן אויף פּוילישער ערד, אין משך פון פיל יאָרהונדערטער.

אין הארבסט 1916 זיינען צום ערשטן מאָל פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט אין שעדלעץ. די וואַלן זיינען פאָרגעקומען לויטן סיסטעם פון קוריעס. די זעקסטע, לעצטע קוריע, איז געווען באַשטימט פאַרן פאָלק, פאַרן המון-העם.

קיין שאַרפע פּאָליטישע דיפערענציאַציעס זיינען נאָך דאַן נישט גע־ווען. איין ציל האָבן מיר אַלע געהאַט — אריינצופירן אין שטאָטראַט וואָס מער יידישע פאָרשטייער. ס'איז דעריבער געשאַפן געוואָרן אן אַל־געמיינער יידישער וואַל-קאָמיטעט, וואו ס'זיינען געווען פאַרטרעטן: ציוניסטן, בונדיסטן, פאָלקיסטן און אָרטאָדאָקסן מכל המינים. דער קאָ־מיטעט איז באַשטאַנען, דאַכט זיך, פון א צוויי צענדליק מענטשן; זיין זיצאָרט איז געווען אין „יידישע קונסט"; גאַנץ אָפט האָבן זיך דאָרט געטראָפן הסידים פון גערער און קאָצקער שטיבלעך צוזאַמען מיטן ציו־ניסט האַרטגלאַס און בונדיסטן: ניימאַרק, פישמאַן; פאָלקיסטן — אַלט־שולער און מאַנדעלמאַן.

די מיטגלידער פון „יידישע קונסט" האָבן געאַרבעט ביי די וואַלן מיט א גוואַלדיקן ענטוזיאַזם. מיר האָבן איינגעטיילט די שטאָט אין פינף ראַיאָנען און מיר האָבן זיך מאָביליזירט אין די הונדערטער. דער נצחון איז געווען סענסאַציאָנעל: אויף 24 ראַטמענער האָבן מיר דורכגעפירט פערצן יידישע ראַטמענער. אין מיטן די וואַלן, ווען מ'האָט שוין גע־וואוסט, אז יידן האָבן זיכערע 12 ראַטמענער, איז האַרטגלאַס ארויסגע־קומען פון וואַלביוראָ און זיך געבעטן ביי אונדז: „פּאַנאָוויע, פּשעסטאַנ־טשע! יוש מאַמי דאָסיטש!" (מיינע הערן, שטעלט אָפּ, מיר האָבן שוין גענוג). מיר האָבן אָבער געוואָלט ווייזן די פּאָליאַקן און די אגיטאַציע נישט אָפּגעשטעלט ביז דער לעצטער מינוט און אדורכגעפירט אן אַב־סאָלוטע יידישע מערהייט — 14 אויף 24 ראַטמענער.

פאַרשטייט זיך, אז אַזעלכע אַקטן האָבן שטאַרק געהויבן אונדזער חשיבות סיי ביי יידן, סיי ביי נישט-יידן. עס איז נישט מעגלעך געווען דאַן קיין איין וויכטיקע געשעעניש סיי פון יידישן ווי פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אָן אונדזער אָנטייל און צושטימונג. ס'איז דעריבער אויך נישט קיין וואונדער, וואָס דער שם פון „יידישע קונסט" אין שעדלעץ האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך אין לאַנד.

נישט געווען קיין איין אַנגעזעענער שרייבער, ארטיסט, זינגער, וואָס זאָל נישט וועלן זיין אין שעדלעץ ביי „יידישע קונסט", און אויפגענומען האָבן מיר אלעמען בכבוד גדול.

אויף דער טריבונע פון „יידישע קונסט" האָט דער באַרימטער פּובּליציסט ש. י. סטופּניצקי (אומגעקומען אין ווארשעווער געטאָ) געהאלטן א סעריע רעפעראטן, אין וועלכע ער האָט צום ערשטן מאָל טעאָרעטיש באגרינדעט א ריי פּראָגראמפּונקטן פון דער יידישער פאָלקספּארטיי. שפּעטער זיינען די דאָזיקע רעפעראטן אריין אין א בוך אונטערן נאָמען: „דער וועג צום פאָלק". הלל צייטלין (אומגעקומען אין ווארשעווער געטאָ) האָט אין משך פון א ריי שבתים געהאלטן לעקציעס פון רעליגיעז-פילאָזאָפישן כאראקטער. פארשטייט זיך, אז ה. ד. נאָמבערג, נח פרילוצקי, ד"ר יהושע גאָטליב (ביידע לעצטע אומגעקומען אין ראטנפארבאנד), יוסף העפטמאן (היינט אין ישראל, שלמה מענדעלסאָן (געשטאָרבן אין אמעריקע) און א ריי אנדערע זיינען געווען אָפטע געסט. מ. קיפּנים און זמרה זעליגפעלד (ביידע אומגעקומען אין ווארשעווער געטאָ) האָבן אין א סעריע קאָנצערטן פּאָפּולאריזירט דאָס יידישע פאָלקסליד (צו יענער צייט א גרויס נייעס). דער באַרימטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר בענסמאן האָט עטלעכע יאָר אָנגעפירט מיט די מוזיקאַליש-וואָקאלישע סעקציעס. ער איז אויסגעהאלטן געוואָרן מיט גרויס הרהבה.

ס'געדענקט זיך מיר אן אינטערעסאנטער עפּיזאָד, וואָס איז בדאי ער זאָל פארצייכנט ווערן: אין א שבת פארנאכט, ווען ש. י. סטופּניצקי האָט, מיט יוגנטלעכן ברען, געערדט פאר א פול געפּאַקטן זאָל אין דער „יידישע קונסט", וועגן „פּארטייען און שטרעמונגען אויף דער יידישער גאס", איז אין זאָל אריינגעקומען דער באקאנטער פּוילישער שרייבער (משומד) לעאָ בעלמאָנט. ער איז געווען דעמאָלט אין שעדלעץ, וואו ער האָט דעם זעלבן אָוונט געדארפט רעדן וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע. אין גאַס האָט ער באמערקט דעם אפיש וועגן סטופּניצקיס רעפעראט, האָט ער זיך געזאָגט: לאָמיך הערן, ווי אזוי מ'באהאנדלט ביי יידן, אויף זשארגאָן, אזעלכע ענינים. ער האָט א היפּשע צייט זייער אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צום רעפעראט און די דיסקוטאנטן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען: דוד ניימארק („בונד"), דוד גרינפארב („פּועלי-ציון"), מרדכי יפה (ציוניסט) און יעקב טענענבוים (אומפּארטייאישער). נאָכן רעפעראט איז בעלמאָנט ארונטערגעקומען הינטער די קוליסן, באקענט זיך מיט סטופּניצקין, ווארעם געדריקט אים די האנט און דערקלערט, אז ער האָט אלץ פארשטאנען, ער איז דערשטוינט געוואָרן פון דעם הויכן ניוואָ און טיפן באנעמען פון די פּראָבלעמען. ער וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אז צווישן פאָלקסמענטשן זאָל מען אזוי קולטורעל קע־

נען דעבאטירן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און דערצו נאָך אין „זשאַרגאָן". ער האָט סטופּניצקין און א ריי אונדזעריקע איינגע־לאַדן בייצווזיין אויף זיין רעפעראט „צאַראט און רעוואָלוציע" (ס'איז שוין געווען דאן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע 1917). מיר האָבן די איינלאַדונג אָנגענומען, זיין רעפעראט אָבער האָט ביי אונדז נישט אוים־גענומען.

די „יידישע קונסט" האָט אין 1917 אויך גענומען אויף זיך דעם שווערן עול פון אויסבויען און אויסהאַלטן א יידיש־וועלטלעכע שול. מיר האָבן אויף דעם אופן דערגרייכט אונדזער ציל — די „יידישע קונסט" איז פאַקטיש געוואָרן דאָס יידישע קולטורהויז, וואו אַלערליי קולטור־צווייגן זיינען קאָנצענטרירט געווען אונטער איין דאַך און איין אָנפירונג.

דאָס שעדלעצער שולוועזן האָט פאַרמאָגט פיר קאַטעגאָריעס שולן: די תלמוד־תורה, אין וועלכער עס האָבן געלערנט בערך 300 קינדער, א שול מיט דער יידישער אונטעררריכט־שפּראַך און א „תרבות"־שול. א חוץ אין די דאָזיקע שולן, האָבן איבער טויזנט קינדער געלערנט אין רע־גירונגס־שולן, מיט דער פּוילישער אונטעררריכט־שפּראַך, וועלכע מ'האָט גערופן „שאַבאַסואָווקעס", ווייל דאָרט האָבן געלערנט בלויז יידישע קינדער, וואָס האָבן שבת נישט באַזוכט די שול. א געוויסע צאָל יידישע קינדער האָבן אויך געלערנט אין די רעגירונג־מיטלשולן.

וועגן דער תלמוד־תורה שרייבט אויף אַן אנדער אָרט י. מ. כספּי.

די ליטעראַרישע סעקציע, וואָס איז באַשטאַנען פון: יעקב טענענ־בוים, פאַני ראַדאַק, דוד ניימאַרק, יעקב פישמאַן, יחיאל גראָמאַן און משה מאַנדעלמאַן, האָט געפירט א סיסטעמאַטישע שיינע אַרבעט אין משך פון לאַנגע יאָרן. די מוזיקאַליש־וואָקאַלישע סעקציעס זיינען זיך גאָר שטאַרק צעוואַקסן. דער כאָר האָט געציילט אַן ערך 50 פּערזאָן. די־ריגענט איז געווען יוסף זאַנשיין. עס איז אויך אויסגעברייטערט געוואָרן די מוזיקאַלישע טעטיקייט. מיר האָבן פאַרמאָגט א שטרייך־אָרקעסטער, און צוויי אָרקעסטערס פון בלאָז־ און מאַנדאָלין־אינסטרומענטן, צוזא־מען א 120 פּערזאָן.. די דאָזיקע אָרקעסטערס פלעגן זומער־צייט געבן עפנטלעכע קאָנצערטן אין שטאָטישן גאָרטן. די דיריגענטן זיינען גע־ווען אליהו שפּילמאַן, נאָך זיין טויט, אהרן שפּילפידעל און שפּעטער א ביסל, ווי שוין דערמאָנט, דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר בענסמאַן.

די דראַמאַטישע סעקציע, אונטער דער רעזשי פון יעקב טענענבוים, האָט זיך פּרעכטיק אַנטוויקלט. אין אָנהויב האָבן זיי געשפּילט קלע־נערע איינאַקטערס, אָבער שפּעטער א ביסל האָבן זיי אויסגעפירט א ריי גרויסע דריי־אַקטיקע דראַמעס און קאָמעדיעס. די דאָזיקע סעקציע האָט געציילט אַן ערך 30 פּערזאָן. ס'האָט זיך מיט דער צייט אָנגע־זאַמלט א גרויסע צאָל קאָסטיומען און פיינע טעאַטער־דעקאָראַציעס.

אפילו אין װאַרשעװער צייטונגען זיינען אייניקע מאָל געװען גינסטיקע רעצענזיעס װעגן דעם שפּילן פון דער שעדלעצער דראַמאַטישער סעקציע, ביי דער „יידישע קונסט“.

אזוי איז פון יאָר צו יאָר, די אַקטיװיטעט פון דער „יידישע קונסט“ אויסגעברייטערט און פּאַרטיפט געװאָרן. דער פּרעסטיזש און דער גוטער שם פון „יידישע קונסט“ האָט געגרייכט װייט איבערן לאַנד.



די מוזיקאַליש־װאָקאַליש און דראַמאַטישע סעקציע „יידישע קונסט“ ביי דער „הזמיר“־געזעלשאַפט. אין דער שפּיץ: יעקב טענענבוים, אברהם זיגעלװאַקס, אהרן שפּילפידעל, יוסף זאַנשיין און פאַרװאַלטונגס־מיטגלידער: פּאַפּאָװסקי און צוקער.

די ברייט־פאַרצװייגטע קולטור־טעטיקייט האָט אזוי אָנגעהאַלטן ביז דעם אויסברוך פון דער פּויליש־באָלשעװיסטישער מלחמה, זומער 1920. אויף אַן אַנדער אָרט, אין דעם זאַמלבוך, װערן איבערגעגעבן פּרטים פון דעם חורבן, װאָס די פּוילישע רעאַקציע און מיליגאַנעריע האָבן גורם געװען דער „יידישע קונסט“ און אַנדערע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין שעדלעץ.

אין 1921 האָט די „יידישע קונסט“ צוזאַמען מיט דער ביבליאָטעק זיך אַריינגעצױגן אין אַ קליינעם לאָקאַל — עק דלוגע און סאַנדאָװע געסל. די ענגשאַפט פון לאָקאַל האָט נישט דערלאָזט צו פירן אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט. די ביבליאָטעק דאַקעגן איז אַ סך אויסגעװאַקסן. אין 1926 האָט מען דורכגעפירט אַ גרויסן יום־טוב לכבוד דעם 25־יאָריקן יובל זינט דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק. מ'האָט איינגעאָרדנט, אין

א געדונגענעם לאָקאַל, רעפּעראַטן פון די אָנגעזעענסטע שרייבערס, וואָס האָבן געלעבט אין פּוילן. אויך מוזיקאַלישע קאָנצערטן פון הויכער קוואַליטעט מיט די בעסטע מוזיקער און זינגער זיינען אָפט איינגעאָרדנט געוואָרן.

אין 1933, ווען די יידישע שול איז ליקווידירט געוואָרן, האָט די „יידישע קונסט" אָפּגעדונגען דעם לאָקאַל פון דער שול, וואַרשעווער גאַס, 62. דאָרטן איז די „יידישע קונסט" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קלוב פאַר שפּילן און פאַרווייליונגען. די ביבליאָטעק איז אָבער שטאַרק אָפּגעהיטן געוואָרן. ס'האָט נישט געפעלט קיין איין ניי בוך פון יידיש און העברעאיש און ס'האָט זיך געפונען דאָס נייסטע פון פּוילישן ביכער־מאַרק.

— — — — — — — — — — — — —

גענוי וואָס עס איז געשען מיט דער „יידישע קונסט" און ביבליאָטעק בעת דעם „דריטן חורבן" איז מיר נישט באַקאַנט. זיכער אָבער איז, אז זייער גורל איז געווען דער זעלבער, ווי פון אלע אנדערע יידישע קולטור־אוצרות אין פּוילן — זיי זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו שרפה, צו כליה...

הרב מאיר שווארצמאן (וויניפעג, קאנאדע).

די אָרטאָדאָקסישע צייטונג „אונדזער וועג"

(זכרונות)

קומענדיק קיין שעדלעץ אין יאָר תרפ"ב (1922), האָב איך די דאָזיקע הויפּטשטאָט פון פּאָדלאשיע געטראָפן א לעבעדיקע, א זינגענדיקע, פול מיט ברען און ענערגיע. אלע ריכטונגען, אידעען און פּארטיי-אָנשויאונגען האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין דער דאָזיקער אלטער קהילה.

דאָס פרומע שעדלעץ איז געווען פארבטלט, פארחסידישט, אומעטום הסידים-שטיבלעך, בתי-מדרשים, חברות, מנינים; אויף אלע גאסן כמעט האָבן זיך געפונען בתי-תפילה און הסידים-שטיבלעך. דריי גערער-שטיבלעך אויף די גאסן: פּיענקנע, דלוגע און אין שולגעסל. א חוץ זיי זיינען נאָך געווען שטיבלעך: אלעקסאנדערער, סטריקאָווער, לוקאָווער, קאָלאָביעלער, פּאָריסאָווער, אמשינאָווער, און אנדערע שטיבלעך; די בתי-תפילות: די גרויסע שול, דער בית-המדרש, קצבישער בית-המדרש, הברה „מקרא", „פּרחי שושנים", ישראל לעווינס בית-מדרש א. א. גוטע-יידן האָבן געפּראוועט טישן און צוגעצויגן אן עולם יידן: ר' אברהמעלע מאָרגענשטערן — דער לאמאזער רבי, אן אייניקל פון קאָצק; דער פארצעווער רבי — אן אייניקל פון יוד הקדוש; דער קאָזשעניצער רבי, ר' יחיאל; דער ביאלער רבי, ר' יהושע'לע און דער לעקעך-בעקערינס איידעם. חברות האָט שעדלעץ דעמאָלט געהאט: „לינת-הצדק", „ביקור-חולים", ווייבערישע און מענערישע וואוילטעטיקע אנשטאלטן. בראש פון ראבינאט איז געשטאנען הרב הגאון הצדיק ר' חיים גינזבורג. עם זיינען געווען טעטיק די דיינים ר' אלטער אליעזר, זיין זון ר' ישראל מארדיקס און ר' איטשעלע.

אין די אויבנדערמאָנטע שולן, בתי־מדרשים און שטיבלעך האָט מען נישט בלויז געדאוונט, נאָר אויך געלערנט. חסידים האָבן געפּראַוועט חסידות און צוגערעדט יינגלייט און בחורים, זיי זאָלן פאָרן צו דעם אָדער יענעם רבין.

ר׳ לייביש פּיוול, ר׳ מרדכי שאר, ר׳ מאָטעלע חיים שוחטס, ר׳ אברהמטשע גאָלדבערג, ר׳ משה אהרן האָכמאן — זיינען געווען די זיילן פון גערער חסידות. זיי האָבן ווערבירט נייע אונטערוואקסנדיקע חסידים פונעם יונגן דור.

די תלמוד־תורה, די ישיבה, די מוסרניקעס האָבן געזאָרגט פאר דער דערציאונג פון עכטן יידישן שטייגער. דאָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די שעדלעצער יידישע קהילה מיט אלע מעלות און חסרונות פון אנדערע גרויסע קהילות און שטעט אין גרוים פוילן.

ווען פוילן איז אויפגעשטאנען תחית־המתים, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט א שטראָם פון וועלטלעכע ווינטן אָנגעהויבן אריינדרינגען אין די פארוואָרפנסטע קהילות און שטעטלעך און פארשטענדלעך, אויך קיין שעדלעץ. דער ציוניזם איז ארויס פון די פארחלומטע ראמען און איז געוואָרן א שטיק ווירקלעכקייט. די פאָלקיסטן און דער „בונד” האָבן אָנגעהויבן ארבעטן מעשים מיט אויפקלערונגס־ארבעט, קולטור־טעטיקייטן. זיי האָבן פארשפּרייט ביכער, בראָשורן און צייטונגען. די „הזמיר”־ביבליאָטעק אין שעדלעץ האָט אויפגעלעבט.

בלויז די אָרטאָדאָקסיע איז געשמאק געשלאָפן איר אלטן זיסן שלאָף, ערשט די „אגודת ישראל” האָט אויפגעוועקט דעם אָרטאָדאָקסישן טייל פון יידנטום.

די „אגודת ישראל”־אידעע האָט שנעל געשלאָגן וואָרצלען אין גאנץ פוילן און אויך אין שעדלעץ.

פון עלטערן עולם האָבן זיך ארויסגערוקט די באוואוסטזיניקע אויפגעקלערטע חסידים: ר׳ יעקב שטשעריינסקי, ר׳ ישראל גוטגעלד, ר׳ בן־ציון צוקער, ר׳ סענדער קאנטאָר, ר׳ ישראל לעמא ליבערמאן, ר׳ בעריש יאקובאָוויטש. פון די יינגערע התלהבותדיקע יונגעליים: ר׳ שלום יעלין, הרב פּסח ראָזען (שפּעטער דיין אין לוקאָוו), ר׳ ישראל מאיר קליינלערער, אהרן נעלקענבוים, דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, ר׳ בונים הובערמאן, ר׳ שמואל גינזבערג, הבחור יהודה אריה צוקער א. א.

די אָרטאָדאָקסישע אויפקלערונגס־ארבעט אין שעדלעץ האָט זיך נישט געקאָנט באגנוגענען מיט דער יידישער פּרעסע פון װארשע. אזא שטורעמדיק געזעלשאפטלעך לעבן, ווי עס האָט געהאט שעדלעץ מיט די ארומיקע שטעטלעך פון פּאָדלאשער קאנט, האָט געמוזט באקומען אן אייגענעם אָרגאן, צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון דער אויפוואכנדיקער אָרטאָדאָקסיע. די וועלטלעכע שולן, תרבות, פאָלקיסטישע שול

און אלע אנדערע, האָבן געריסן שטיקער פון דער אלטער תלמוד־תורה. די פארטייען און פאראיינען האָבן פארשפרייט א נעץ צו פאנגען די יוגנט. מ׳האָט געמוזט אָנהויבן קעמפן מיט די זעלבע מיטלען, ווי די אויפגעקלערטע — דורך אן אייגענעם פרעסע־אָרגאן.

פרייטיק, י״ב אייר, כ״ז בעומר, תרפ״ד (16טער מיי, 1923) איז דערשינען דער ערשטער נומער „אונדזער וועג״ אין שעדלעץ, אָרטאָדאָקסיש וואָכנבלאַט. אָפיציעלער רעדאקטאָר — בעריש יאַקובאָוויטש, ארויסגעגעבן דורך א קאָלעגיום: שלום יעלין, מאיר שווארצמאן, יהודה אריה צוקער, אהרן נעלקענבוים, ישראל מאיר קליינלערער און שמואל גינזבערג.

דער ערשטער נומער האָט זיך באלד געשטעלט אויף א הויך פון ערנסטקייט. די צייטונג האָט פארטיידיקט די אָרטאָדאָקסיע ביי שטאָט־ראַט־וואלן, געגעבן א ריכטונג דער אָרטאָדאָקסישער קהילה־פּאָליטיק, זיך פארנומען מיט חינוך־הבנים והבנות, פּראָפּאַגאַנדירט פאר גרינדן א „בית יעקב״־שול, געוועקט און געמונטערט צו דערהאַלטן דעם חותם פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט און גערופן צו ארץ־ישראל־ארבעט. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אָפּטיילונגען פון „אגודת־ישראל״ און „צעירי־ ופועלי־אגודת־ישראל״ אין שעדלעץ, לוקאָוו, סאָקאָלאָוו, ביאַלע־פּאָד־לאַסקע, מעזריטש, גאַרוואָלין, וואָלין, ראַדזין, קאָצק, טשעמערניק, סטאָצק, זשעלעכאָוו, וועגראָוו א. א. „אונדזער וועג״ האָט פארשפרייט תורה־וויסן, חסידות און בכלל יידישקייט צווישן די ברייטע מאסן, נישט בלויז אין שעדלעץ אליין, נאָר אין גאַנץ פּאָדליאַשע.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז ווען עס זיינען פּאָרגעקומען וואַלן צום פּוילישן סיים, צום שעדלעצער שטאָטראַט, אָדער צו דער קהילה, האָט „אונדזער וועג״ זייער פיל מיטגעהאָלפן דער „אגודת־ישראל״ אין קאַמף פאר אירע קאַנדידאַטן.

„אונדזער וועג״ האָט אויך געפירט די וואַלקאַמפן אין לוקאָוו, סאָקאָלאָוו, ביאַלא א. א. וו.

אין א שטילער רואיקער תקופה פלעגט דער „אונדזער וועג״ אָפּדרוקן דערציילונגען, נאָוועלן, לידער, פובליציסטישע ארטיקלען, מאמרים, נאָטיצן פון שרייבער און אָנגעזעענע יידישע פובליציסטן, ווי למשל: הרב שמשון ב״ר רפאל הירש, ז״ל, הרב ד״ר מאיר לעהמאַן, הרב ד״ר י. וויינבערג, גדליהו בובליק, ד״ר נתן בירנבוים, הרב אָשר רובין, אייזיק בער עקערמאַן, יהודה לייב אָרלעאַן, אלכסנדר זישע פרידמאַן. די שטענדיקע מיטארבעטער זיינען געווען: שלום יעלין — דער פאקטישער רעדאקטאָר, יהודה אריה צוקער, און דער שרייבער פון די שורות, וועלכער פלעגט שרייבן אונטער פארשידענע נעמען, ווי: מאיר שווארצמאַן, בעל־שם, בעל־שחרית, „אמת״, „ר׳ נהוראי סופר״. „אברהמל״ פון מעז־

ריטש פלעגט דרוקן אין „אונדזער וועג" זיינע לידער. אויך א. זאַנשיין פלעגט אריינשיקן געלונגענע לידער.

אונדזער וועג" איז געלייענט געוואָרן פון די באַרימטע רבנים פון גער און ראדזין, פון סאָקאָלאָוו און סטריקאָוו, פון הונדערטער רבנים פון פאָדליאַשע און פוילן, וואָלין און גאליציע.

מיט באַגרענעצטע פינאנציעלע מיטלען האָט „אונדזער וועג" אונ־אונטערגעבראָכן עקזיסטירט ביז תר"ץ (1930). די צייטונג האָט וויר־דיק פאַרטיידיקט דעם אָרטאָדאָקסישן געדאַנק. זי איז געווען דער פאַק־טישער שליח־ציבור פון יידיש־אָרטאָדאָקסישן טייל פון שעדלעץ און פון דער אָרטאָדאָקסיע אין דער גרויסער פוילישער פראָווינץ פאָדליאַשע.

ווען מיר קוקן היינט אריין אין די געבונדענע קאָמפּלעטן פון „אונ־דזער וועג", האָבן מיר פאַר זיך א שטיק געשיכטע פון יידישן שעדלעץ און פון יידישן לעבן אין פאָדליאַשער קאַנט, אין פעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

אין „אונדזער וועג" פון י"ט מנחם אָב תרפ"ו (1926), זע איך א קאָמוניקאַט צו אלע „אגודות שלומי, צעירי ופועלי אמוני ישראל" אין פאָדליאַשער ראַיאָן. זיי ווערן גערופן צו א ראַיאָן־קאָנפערענץ אויף זונ־טיק, פרשת שופטים, כ"ח מנחם אָב, אין זאל פון שטאָטישן קלוב, שעד־לעץ. „אין דער קאָנפערענץ וועלן זיך באַטייליקן פאַרשטייער פון פאָלגנ־דיקע שטעט: לוקאָוו, סאָקאָלאָוו, ביאלא, ווענגראָוו, מעזריטש, קאַלושין, מינסק־מאַזאָוויעצק, גאַרוואָלין, לעווערטאָוו, פאַרצעוו, וולאָדאַווא, ראַד־זין, זשעליעכאָוו, קאָנסטאַנטין, יאַנאָוו, פאַריסאָוו, קאָסאָוו טעלאַקי, סטאָצק, לומאַז, לאָשיץ סאַרנאַק, מאָרד, קאָצק, מאָנקאָביד, סטערדין, וואָהין, מראָזי, יאַדאָמאָווי, לוסעביק, ריקע, בוטשאַטש, סלאַוואָטיץ, ווישניץ, אָסטראָוו־שעדלעצקי, טערעספּאָל, סאָבאַלאָוו.

נישט בלויז מיט פּאָליטישע ענינים האָט זיך „אונדזער וועג" באַ־שעפטיקט, נאָר אויך מיט סתם שטאָטישע ענינים, ווי „עזרת־יתומים", לייקאַסעס און פאַרשידענע באַנק־אינסטיטוציעס, וואוילטעטיקע אינסטי־טוציעס ווי „ביקור־חולים", שפיטאָל, „לינת־הצדק", יידישע סדרים פאַר זעלנער אין אַרעסטירטע, „טאָז", א. א. וו.

די צייטונג האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע לעבן אין שעדלעץ.

זכרונות פון שרייבער

טיפן און געשטאלטן

מָרְדְּכַי טֵמְקִין

פּוֹלִין

(לְאִמִּי, נִשְׁמָתָהּ עֵדֶן)

פּוֹלִין, אֶרֶץ מְכוֹרָתִי, שָׁרְשִׁי וּמַצַּבְתִּי,
בְּעוֹדִי רַךְ לְיָמִים אֶת סִפֵּךְ עָזַבְתִּי.
כְּעוֹף נֶעֱזָב — בְּאִיֵּי־יָם אוֹיתִי לִי מִשְׁכָּנִי,
בְּנוֹף אֶרֶץ קַדְמוֹן, שׁוֹמֵם וְעָנִי.
אַיֵּךְ, מוֹלַדְתִּי? מִשְׁבְּרֵי־חַיַּי הָרָמִים
כִּסּוּ עָלַיִךְ כְּמוֹ נֵד גַּלֵּי־יַמִּים.
אַךְ גַּם בְּשׁוֹא הַיָּם אִיֵּי־תְּכֵלֶת נִרְאִים, —
קַדְמַת יָמִים בָּךְ מֵרָחוֹק לִי מְאִירִים!

לֹא כְעָלֶה בְּרוּחַ נִשַּׁלְתִּי מִמַּצַּבְתִּי,
לֹא לִגְדוֹלוֹת הִמְרֵאתִי וְקִנִּי עָזַבְתִּי.
תַּאֲוַת־מוֹלֶדֶת קְדוּמָה רוּחִי פִּעֲמָה,
וָאֶתָּלֵשׁ בִּכְאֵב מִשָּׁרָשַׁי כְּמוֹ מֵרֶחֶם אִמָּא.
גַּם שָׂאֲתָה נַפְשִׁי חֶמְדָּתֵךְ הַכּוֹזֵבָה,
וְכִדְבוֹרָה, מְרֻדָּפָה בֶּעָשָׁן הָאֵיבָה,
נַסֹּתִי מִכּוֹרָתֵךְ עִם מְתָקַי וּשְׁלָלַי,
כִּי חָמַדְתְּ חֵילִי וּבָזִית עֲמָלִי!

הוֹי, פּוֹלִין, אֶרֶץ מְכוֹרָתִי, רֵאשִׁיתִי וְקַדְמוּתִי,
יַחַד עִמָּךְ בְּבוֹר הַשְּׁבִי חָלַמְתִּי חֲלוֹם שְׁבוּתִי,
שְׁבוּת אַרְצִי, מַטָּה כָּמוֹךְ בְּמֶרְיָהּ וּגְאוֹנָהּ;
אַח, מַה קִּנֵּאתִי וְזָעַמְתִּי עֵת נִפְדֵּית רִאשׁוֹנָה,
וַעֲלִיזַת גַּאֲוָה וּפְדוּת בָּזִית עֲנוּת עַמִּי!
אַךְ עַתָּה, בַּצַּר לָךְ, הַאוּכַל כְּלוּא זַעֲמִי,
הַאוּכַל אָבוֹל עָלַיִךְ כְּבַעַל מְכוֹרָה נְשָׁמָה,
מְגוֹאָל בְּרֹק וּבוּז וְאַהֲבָה לֹא נִחָמָה?!

יואל מאסטבוים (תל־אביב).

פּרץ אין א פּאָגראָמשטאָט

אין ווינטער 1906, באלד נאָכן שעדלעצער פּאָגראָם, האָבן אָנגע־הויבן אָנצוקומען אין דער פּאָגראָמירטער שטאָט יידישע פּערזענלעכ־קייטן פון פּעטערבורג, אָדעס און ווארשע. דער ציל איז געווען צו קלייבן פאקטן און מאטעריאלן וועגן די פארברעכנס פון דער צארישער רעגי־רונג, בראש מיט סטאָליפּינען, וואָס האָט דעם פּאָגראָם אָרגאניזירט און דורכגעפירט אים מיט די הענט פון דעם פּאָלקאָווניק פון דראגונער פּאָלק, טיכאָנאָווסקי. ווער ס'איז געקומען פון אָדעס, געדענק איך נישט; פון פּעטערבורג איז געקומען דער יונגער סטודענט פון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט — פּרילוצקי (שפּעטער בארימטער עסקן, שרייבער און שפּראכנפאָרשער, נח פּרילוצקי, ז"ל), וואָס איז שוין דעמאָלט באקאנט געווען אין פּוילן פון זיינע בריוו אין ווארשעווער „אונדזער וועג". ער האָט אלעמען באגייסטערט מיט זיין וואכקייט און פלינקער אָריענטא־ציע אין דעם פאָרש־מאטעריאל און דער עיקר האָט ער אויסגענומען מיט זיין ליבשאפט און מיטגעפיל צו די געליטענע, ווען ער האָט גע־טראָגן טרייסט און דערמוטיקונג. אין דער זעלבער צייט האָט די ווער־שעווער צייטונג „אונדזער וועג" געבראכט א ידיעה, אז י. ל. פּרץ קומט אין שעדלעץ, און ווי איך געדענק, איז די ידיעה אריין אין עולם ווי א פלאם.

שעדלעצער יידן האָבן זיך געגרייט צו פּרצעס קומען ווי צו א גרויסן יום־טוב. די שטאָט איז ממש געגאנגען כאָדאָראָם. די צייטונג „אונדזער וועג" מיט פּרצעס בילד איז צעכאפּט געוואָרן פון עולם, און צוויי מאָל אין טאָג זיינען מענטשן געגאנגען צום באן אָפּוואַרטן, טאָמער קומט פּרץ, כאָטש עס איז געוואָרן אָנגעגעבן א טערמין, ווען ער קומט. אין דער קהילה זיינען געזעסן די עלטערע דאָזאָרעס און האָבן צוזאמענגע־שטעלט א באריכט וועגן פּאָגראָם און א חשבון פון די שאָדנס, כדי אי־בערצוגעבן פּרצן, און ער זאָל ברענגען צו דער וועלט די באשולדיקונגען

און די פאָדערונגען פאַר די דערהרגעטע, פאַרוואונדעטע און באַראַבע־וועטע יידן.

צו באַגעגענען פרצן האָבן זיך אויך געגרייט די צוויי אַמאַטאָרן־טרופּעס, וואָס האָבן געשפּילט דעמאָלט „הערצעלע מיוחס". די הויפּט־שפּילער פון ביידע טרופּעס האָבן געוואָלט ווייזן פרצן וואָס זיי קענען...

אויך די יידישע שילערינס פון דער אַכטקלאַסיקער גימנאַזיע, וואָס כמעט אַלע האָבן געקענט נעקראַסאָוון, נאַדסאָנען, פּושקינען און לער־מאָנטאָוון, האָבן זיך געלערנט דעקלאַמירן די לידער, כּדי אַרויסצוטרעטן אויפן אָוונט, וואָס די יוגנט האָט געגרייט פאַר פרצן.

אונדזער שטאָט האָט אויך פאַרמאָגט שרייבער און, ווי איך גע־דענק, א גאַנצן מנין. איך וועל נאָר פאַרצייכענען די וויכטיקסטע פון זיי: איינער פון די שרייבער איז געווען מיינער א חבר, א פעלדשער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שרייבן אָפּהאַנדלונגען וועגן ניטשען. ער האָט זיך פאַרנומען מיט צוגרייטן זיינע מאַנוסקריפּטן פאַר פרצן.

א צווייטער שרייבער, דוד פּליטיסט, א בחור, אין א גרין העמדל, וואָס האָט געטראָגן בלויע ברילן ווי א בלינדער, האָט זיך געלערנט שפּילן פליייט און גאַנצע טעג געשריבן לידער.

מיט א דריטן שרייבער האָט מיך פאַרבונדן א טיפע פריינדשאַפט. אין מיינע יוגנט־יאָרן בין איך געווען א פּריקאַזטשיק אין א געשעפט פון טוך. האָט דאָס איינקל פון מיין פּרינציפּאַל געשריבן אַנעקדאָטן אויף יידיש און מיך האָט ער באַוואַיגן צו שרייבן „דיסערטאַציעס" אי־בער טאָלסטויס מאָראַל אויף רוסיש; אַז אונדז ביידן איז צוגעגעסן גע־וואָרן די איינטאָניקע אַרבעט, האָבן מיר זיך געטוישט מיט די ראָלעס: איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אַנעקדאָטן אויף יידיש און ער — דיסער־טאַציעס אויף רוסיש. שפּעטער איז געשען אַן איבערבראָך אין מיין שרייבערישן לעבן — מיינע משפּחה־מענטשן, וואָס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין ראָד פון דער רעוואָלוציע, האָבן באַשטעלט ביי מיר פּראָק־לאַמאַציעס און רעוואָלוציאָנערע אויפרופן. האָב איך אַוועקגעוואָרפן מיינע דיסערטאַציעס און אַנעקדאָטן און זיך גענומען וועקן צום אויפ־שטאַנד.

אין דעם טאָג פון פרצעס אָנקום איז קענטיק געווען א לעבעדיקע באַוועגונג פון מענטשן איבער די גאַסן. איך געדענק יענעם גראָען ווינ־טערטאָג. א זייער פאַמעלעכער געדיכטער פּוכיקער שניי איז געפאַלן אויף דער ברייטער וואַרשעווער גאַס, א גאַס א רואיקע, אָן מסחר, אָן פּדיון.

דרייען זיך אַרום יידן אין גאַס; די הענט פאַרשטעקט אין די אַרבל, און קוקן אַרויס אויף די שליטנס מיט די מענטשן, וואָס דאַרפן אָנקומען און ברענגען ידיעות וועגן די שאָדנס־רעפּאַראַציעס. און וואָס דערוואַרטן

זיי פון פרצן? פארשטייט זיך, אז ער וועט זיי ממשותדיק העלפן צוריק זיך צו שטעלן אויף די פיס. פלוצים קומט אָן א שליטן, מענטשן מיט אויפגעהויבענע הענט. ווער זיינען זיי? — היימישע חברה וואָס האָבן אונדז אויסגעכאפּט דעם שליטן און געבראכט פרצן.

פרץ איז דער ערשטער אראָפּ פון שליטן. — לאָמיר גיין צו פוס — האָט ער א זאָג געגעבן צו דער יוגנט. וואוהין? נישט קיין נפקא־מינה, רעכטס, לינקס, צום קליינעם סעדל, אָדער צום גרויסן סאָד. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער גאסט קען גוט די שטאָט. ער האָט געוואוסט, אז שעדלעץ האָט א „יאציק", א פיגור א קופּערנע מיטן כדור הארץ אויף די אקסלען, און ער האָט געגומען רעדן וועגן „יאציק"; ער האָט גע־וואוסט אז שעדלעץ האָט א גימנאזיע מיט שיינע, יונגע מיידלעך, האָט ער זיך אָנגעהויבן פונאנדערפרעגן וואו זיי זיינען, די גימנאזיסטקעס, און זיי זיינען טאקע באלד אָנגעקומען, ווי שמעטערלינגען ארום ליכט האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען ארום אים אלע שיינע מיידלעך פון שטאָט. גימנאזיסטקעס און האלבע גימנאזיסטקעס, ראָמאנטישע בחורים מיט זייערע פארליבטע, פרימאדאָנעס וואָס שפילן טעאטער און סתם מייד־לעך און ווייבלעך מיט באראשקענע היטעלעך און מופטעלעך, און הויכע קאלאָשן ביז די קני, צעפלאמטע פון פראָסט און נייגער.

— ווילקאָמען אייך, י. ל. פרץ.
— מיר ליבן אונדזער גאסט.
— דאָ זדראווסטוואויעט נאש פרץ.

פרץ האָט, ווי תמיד, אויך דאָ זיך געפילט לעבעדיק און מונטער אין א סביבה פון יוגנט. א מיטלוואוּקסיקע פעסטע געבויטע פיגור מיט א מאסיוון ווי פון בראָנדז געפורעמטן קאָפּ, אויף די ברייטע אקסלען א שווערע פּאָלערינע, העלפט אָפּגעקנעפּלט ביים האלדז, איז ער געשטאַ־נען און מיט זיינע גרויסע לאכנדיקע אויגן, וואָס מען האָט זיי קוים ארויסגעזען פון אונטער דער ברייטער פילצהוט, האָט ער אָנגעקוקט דעם יונגן עולם. פרצעס שפּראך צו די מענטשן איז געווען פּויליש, רוסיש און יידיש. עס ווענדעט זיך נאָר צו וועמען ער האָט גערעדט: צו די שיינע, חנוודיקע גימנאזיסטקעס האָט ער גערעדט רוסיש, צו די באלע־באטישע פרויען האָט ער זיך געווענדט אין פּויליש, צו די יונגעלייט — אין יידיש.

כ'האָב פרצן געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט אויף קיין פאל נישט געמאכט דעם איינדרוק פון א מענטשן, וואָס איז אזוי דורכגעזאפּט מיט טיפער יידישקייט, מיט יידישער רוחניותדיקייט, מיט יידישער פאָלקס־טימלעכקייט. ס'האָט זיך געדאכט, אז פאר אייך שטייט א פּוילישער פּריץ, א שליאכטשיץ, וואָס רעדט יידיש, בלויז די שטראַלנדיקע אויגן האָבן אים געמסרט, גערעדט צו אייך מיט זייער יידיש לשון.

דערווייל האָט זיך דער קרייז פון מענטשן ארום פרצן פארגרע־סערט. עם זיינען אָנגעקומען די דאָזאָרעם מיט זייערע זין, טעכטער און איידעמס. פרץ איז פארבעטן געוואָרן צום עלטסטן דאָזאָר נחום וויינט־רויב, א הויז פון א ציוניסטיש-געשטימטער משפחה. פרץ האָט אָבער געוואָלט גיין אין האָטעל אנגעלסקי, וואו ס'האָט געווארט אויף אים א צימער מיט צוויי זילבערנע סאמאָווארן און א סך גלעזער פאר א גרויסן עולם צו טרינקען טיי.

פרעצס פריוואט-סעקרעטאר, א בחורל געשניצט ווי א ליאלקע, מיט טיפע בלאָע אויגן, איז געבליבן אין שליטן און שוין פריער אוועק מיט פרצעס טשעמאָדאנען אין האָטעל אנגעלסקי.

דער שניי איז אלץ געפאלן, און וואָס ווייטער די ערד איז געוואָרן, אלץ שווארצער און חושכדיקער האָבן אויסגעזען די פענצטער-לעכער, די אויסגעהאקטע, די הרובע הייזער — אָפענע וואונדן, וואָס זיינען פאר־בליבן פון די פאָגראָמטעג.

דורכגייענדיק די גאסן, האָט פרץ אָפּגעשטעלט ווייבער, אַלטע לייט און קינדער, געפרעגט ביי זיי צי מיליטער איז געווען אין זייערע הייזער (געזוכט פאקטן, אז דער פאָגראָם איז געווען אָרגאניזירט). ער האָט זיך באזונדערס אינטערעסירט מיטן הויפּט-אָנפירער פון פאָגראָם, טי־כאָנאָווסקי. ארום די צעשטערטע הייזער האָבן זיך געדרייט א גלעזער, א בלעכער און אנדערע בעלי-מלאכות. פרץ האָט פארפירט מיט זיי א שמועס, זיך אויסגעפרעגט וועגן דער צאָל אויסגעבראָכענע שויבן, צע־שטערטע הייזער, צעבראָכענע כלי-בית.

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען אין האָטעל אנגעלסקי. דאָ האָט זיך פרץ אָנפּגעזונדערט פון עולם אויף א פּופּצן מינוט, נאָטירט, גע־שריבן, דערנאָך איז ער צוגעגאנגען צום סעקרעטאר, צום שיינעם בחורל מיט די טיפע אויגן און האָט אים איבערגעגעבן די אָנגעשריבענע פּאַ־פּירן. דער עולם איז געווען דאָ א פארשידנארטיקער. מען איז געקומען איבערגעבן פרצן פאקטן וועגן די געשעענישן.

אויסגעהערט דעם עולם, איז ער געבליבן ליגן א ביסל אין שטול, זיך אָפּגערוט און דערנאָך פארפירט א לייכטן שמועס מיט דער יוגנט, צווישן וועלכער ס'זיינען אויך געווען שרייבער. ער האָט זיך געהייסן דערלאנגען מאנוסקריפטן, ארויפגעזעצט די פענסנע אויף דער דיקלע־כער נאָז, א לייען געטון און צוריקגעגעבן מיט באמערקונגען באלד אויפן אָרט, און דער פסק-דין איז געווען א קורצער, אָבער א הארבער: „פאר־ברענט עס", „א שאָד אייער צייט", „טויג אויפן פייער", „נעמט זיך פאר אן אנדער ארבעט". ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי א שוחט קוילעט הינער און שליידערט זיי אוועק.

איך בין ניצל געוואָרן פון דער „שחיטה" צוליב א פשוטער סיבה,

כ׳האָב זיך באַצייטנס צוריקגעצויגן. עס האָט מיר צוגעהאָלפן יענער יונגערמאַן, פרצעס סעקרעטאַר. מיט וועמען איך האָב געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט יאָרן פריער, אין 1902, אין בריסק, וואו איך האָב געאַרבעט ווי א סופיט-מאָלער און ער האָט אָנגעשריבן דעמאָלט זיינע ערשטע לידער אונטערן נאָמען „מנחם" (שפעטער — מנחם באָריישאָ). זעענדיק ווי איך שטיי א געפּלעפטער, האָט ער מיך א צי געטאָן פארן אַרבל און געראָטן מיר אָפּצוּוואַרטן ביז מאָרגן, ווייל היינט „ברענט". איך האָב אים געפאָלגט — און זיך אזוי ארום געראַטעוועט.

צומאָרגנס, נאָך דער „שחיטה", האָט מנחם מיר איינגעאָרדנט א צוזאַמענטרעף מיט פּרצן אין האָטעל אנגעלסקי. איך האָב אים געוויזן מיינע א פּאָעמע, און ער האָט מיר רעקאָמענדירט אָפּצודרוקן די פּאָעמע אין „אונדזער וועג". די זאַך האָב איך שפּעטער געדרוקט אין „נייע צייט".

עס ווילט זיך מיר דאָ דערמאָנען די עטלעכע וואַרעמע ווערטער, וואָס מנחם באָריישאָ האָט מיט יאָרן שפּעטער געשריבן וועגן אונדזערע באַגעגענישן אין בריסק און שפּעטער אין שעדלעץ אין האָטעל אַנגעלסקי:

„געדענקסטו די בריסקער בולווארן? — די אָפיצירן, די גימנאַזיסטן, די גימנאַזיסטקעס מיט די ברוינע שלייפן אין די האָר, די אויסגעבלייכטע עקסטערנס און די באַלעבאַטישע בחורימלעך, וואָס האָבן זיך ערשט געפּוצט אויף דער עקסטערן-בלייבקייט? געדענקסטו זיך אליין איבערן בולוואַר, א מאָלער מיט פארקאַלכטע הויזן וואָס איז געקומען אַרבעטן אין בריסק און זיך געפונען דאָרט א חבר?

„שפּעטער, נאָך א סך צייט, האָבן מיר זיך באַגעגנט אין שעדלעץ, אין האָטעל אַנגעלסקי. איך, א מענטש מיט א שרייבערישער קאַריערע פון א סך־הכל גאַנצע צוויי חדשים און דו אַן אָנפאַנגער נאָך פריער פאַר מיר, איז מיר א פרייד געווען אין יענע בריסקער פארנאַכטן דיר צו העלפן אריינצוּקומען אין דער ליטעראַטור".

מיר האָבן זאַלבעדריט לאַנג געשמועסט. שווער נאָך אזוי פיל יאָרן איבערצוגעבן גענוי וועגן וואָס דער שמועס איז געגאַנגען. פּרץ איז געזעסן אין א גוט אויסגעבעטער שטול פון האָטעל אַנגעלסקי, מיט א דיקן ציגאַר צווישן די פינגער. די ענינים וועגן שעדלעצער פּאָגראָם האָט ער שוין געהאַט אָפּגעשלאָסן. ער האָט איצט גערעדט וועגן שעדלעצער בחורים און מיידלעך, וועגן די שרייבער, געשמועסט אין א לייכטן פּרצישן טאָן. דער שמועס איז אריבער אויף זייער א גליטשיקער טעמע, וואָס האָט אונדז, שרייבער-אָנהייבער, שטאַרק אינטערעסירט: וועלכע ליטעראַטור דאַרף א יונגער שרייבער לייענען: לירישע, אָדער עפּישע ווערק? מנחם האָט געהאַלטן, אז א יונגער שרייבער, וואָס גייט ערשט

אריין אין דער ליטעראטור, דארף לייענען אלץ, וואָס ווינציקער איבער־קלויבן; פרץ אָבער האָט געהאַט אַן אנדער מיינונג: ניין, נישט אַזוי, מנחם, דאָס לייענען א בוך איז אָפּט מאָל ווי א רפואה, און ווען מען דארף בראָם צו נערוון, טאָר מען נישט נעמען קיין ריצינאייל צום מאָגן. האָט זיך אנטוויקלט צווישן זיי א לעבעדיקער וויכוח, אין וועלכן איך האָב זיך נישט דערוועגט צו נעמען אן אָנטייל. איך האָב נאָר געפרעגט פרצן מיין באשיידענע פראגע: וואָס דארף לייענען א מענטש ווי איך?

האָט מנחם געענטפערט פאר פרצן: לייענט וואָס איר ווילט.

פרץ האָט איבערגעחזרט זיינע פריערדיקע ווערטער: אז מען דארף בראָם, נעמט מען נישט קיין ריצינאייל.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און א פרעג געטאָן פרצן:

נו, און מעטערלינק און וויספיאנסקי? פרץ האָט דערויף געענט־פערט מיט זיין איראָניש שמייכעלע: מיט זיי האַלט זיך דערווייל אָפּ, לייענט עפּישע ווערק.

איך האָב אָנגעקוקט פרצן מיט גרויס וואונדער. עס איז דאָך באַ־קאַנט געווען, אז מעטערלינק און וויספיאנסקי זיינען פרצעס עמודי־האש און אונטער זייער השפעה שרייבט ער. פרץ האָט אנטוויקלט זיין גע־דאנק, אז מען דארף לייענען לאנגע ראָמאנען, רואיק געשילדערט, מיט א רעאליסטישן אונטערשלאק. ווייזט אויס, ער, דער לירישער דיכטער, האָט דווקא ליב געהאַט דאָס וואָס אים אליין האָט געפעלט. ער האָט געבראכט ביישפילן פון דער גריכישער ליטעראטור, ארויסגעזאָגט בלי־ציקע געדאנקען, געבראכט אנאלאָגיעס, געוואָלט איבערצייגן דעם יונגן מנחמען, אָבער אין מיטן דערינען האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אָנגעקומען א גרופּע יונגעלייט און מיידלעך. זיי זיינען אריין הערן פרצעס מיינונג וועגן ציוניזם, וועגן ארץ־ישראל, וואוהין זיי האָבן באַ־שלאָסן צו פאָרן, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט די דרייסט־קייט צו עפענען א מויל, ביז עס איז געקומען פרץ און האָט זיי אליין דאָס מויל געעפנט.

— יונגעלייט, מיט וואָס קען איך אייך דינען? — האָט פרץ זיי געפרעגט.

האָבן אלע מיט איין מאָל, ווי צאַן קדשים, אָפּגעענטפערט: — מיר, מיר ווילן פאָרן קיין...

— קיין ארץ־ישראל, האַ? — האָט פרץ אונטערגעכאַפּט. — גוט, וואָס־זשע וועט איר טון דאָרט?

— שטודירן, ה׳ פרץ, שטודירן וועלן מיר דאָרטן.

— וואָס שטודירן?

— קונסט.

וועלכע קונסט?

זיי האָבן אַלע אויסגעשאָסן: — אין דער בצלאל־שולע.
— הא, בצלאל? — האָט פּרץ איבערגעפרעגט.
ער האָט געפּרואווט אָפּפּטרן דעם ענין מיט א הלצהלע.
איר פרעגט: וואוהין? פאָרט קיין ווין. עס האָט געהייסן: אויב שטו־דירן קונסט, איז גלייכער ווין.

ער האָט באלד געענדערט דעם טאָן און אָנגעהויבן דערציילן וועגן באקאנטע ציוניסטישע פירערס און, באזונדערס, וועגן ד"ר הערצל. כ'ווייס נישט ווי האָט פּרץ דעמאָלט געהאלטן מיטן ציוניזם, אָבער וועגן הערצלען האָט ער גערעדט מיט גרויס ענטוזיאזם, אזוי אז פון פּרצעס רייד וועגן הערצלען און זיינע מעשים האָט מען געקאָנט מיינען, אז מען געפינט זיך אויף א יוגנט־פאַרזאמלונג פון ציוניסטן. אלע האָבן גע־נומען זינגען דאָס ליבלינגליד פון יענע יאָרן „דאָרט וואו די צעדער" — און דער הויפּטזינגער איז טאקע געווען פּרץ אליין.

***

איז גוט איצט, אויף א דיסטאנץ פון קנאַפּע פופציק יאָר, וואָס דער־ווייטערט אונדז פון דעם צוויבערמענטש, צו פרעגן זיך די פראגע: אין וואָס איז געלעגן דער הויפּט־כוח זיינער? מיט וואָס האָט ער אונדז אזוי פארכישופט, אז מיר הערן נישט אויף צו ריידן וועגן אים, צו קאָמענ־טירן, צו פאָרשן, צו פארטייטשן אים. דעם ענטפער האָב איך מיר גע־געבן שוין דעמאָלט, אין די ערשטע טעג, ווען איך האָב אים דערקענט אין שעדלעץ. פּרץ האָט באלאנגט צו די מענטשן, וואָס ווערן געפירט פון טיפער אינטואיציע. פּרץ האָט געבליצט מער ווי געזאָגט, געזונגען מער ווי געמאָלט. ער איז, אין פארגלייך מיט מענדעלען און שלום עלי־כמען, א פראגמענטער, אָבער זיין פראגמענטארישקייט איז גאנצקייט. ער איז געווען דורך און דורך אינטואיציע, עקספּראָמט, אימפּראָוויזא־ציע. איז טאקע קיין וואונדער נישט, וואָס די נשמה־סתירות האָבן אים נישט צעריסן, נישט צעקריגט אין אים דעם קהלת־מענטשן מיטן שיר־השירים־מענטשן, וואָס אָפּטימיזם און פּעסימיזם האָבן געקענט פריד־לעך לעבן אין זיין נשמה; און דער מייסטער, וואָס האָט מיט אזוי פיל ליכט און שבת־קודישקייט געשמידט די גאָלדענע קייט, האָט דערנאָך געקענט אונדז אריינפירן אין דער טונקלקייט און וואָכעדיקייט פון „ביי־נאכט אויפן אלטן מארק".

דערמאָן איך טאקע זיך די רעדע זיינע, וועלכע ער האָט געהאלטן מיט 45 יאָר צוריק אין שעדלעץ, אין שטאָט־טעאטער, און איך זע אין איר א פרעלודיע צו די צוויי סתירותדיקע ווערק.

עס איז געווען א טונקעלער אָוונט. טונקל האָבן געברענט די שטאָט־לאמטערנעס און שווער איז געווען אויפן הארצן. אויף דער בינע פון

האלב-צעשטערטן שטאָט-טעאטער זיינען געשטאנען צוויי מענטשן: דער יונגער, שיינער מנחם גאָלדבערג (באַריישאַ), וואָס האָט דעקלאמירט פּרצעס „ דער וועכטער”, און דער גרויסער מייסטער, וואָס האָט אים־פּראָוויזירט א וואונדערלעכע רעדע וועגן דעם חורבן אין שעדלעץ, וועל־כע ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

ווייסט-זשע, מיינע ליבע יידן, אז חורבן איז א ביטערער איבער־גאנג, א מאָמענטאלער; די וועלט, אָבער, גייט נישט צו קיין חורבן, זי גייט צו אויפבוי, צו דערהייבונג, צו ליכט. יהי אור.

מרדכי עובדיה

עיר ערשי

בזוועות ראשונות

(פרק מספור)

באו ימי מלחמת העולם.

מ„ההדר" שבו הילדים בהבורות עם פנסים. פחדו להביט למרום. בשמים נראו אותות־אש איומים. בבית התלחשו אימים והידים רעדו אצל העתונים. בסוף הסתגרו בבתים ועל הנשים אסרו לבכות. אחרי ליל יריות תכופות ומחרידות באו הגרמנים האוסטרים. החוצות מלאו חיל־רגלים וחיל־רכב. באויר נישאו קריאות גרוניות: ציגאררעטן! ציגאררע־טן! הרקו בריהים בשערים והמדרכות מלאו המונים. יהודים פיקחים ניסו לשונם בשפת אשכנז, בכרסם את האידית שבפיהם. ופתאום נפלו לתוך השאון הרב יריות בזו אחר זו — מסביב התחילו נסים בבהלה, באימה, כאילו המטירו השמים סלעי־מגור. אבא תפס למנשה בזרועותיו, וכובעו נשמט ונפל ארצה. מנשה הפנה ראשו. לצד הכובע כרע אדם ונפל. זה הזכיר לו את ה„כורעים" בתפלת הימים הנוראים — אך משהשגיח בשלולית אדומה אצל הנופל פרץ ביללה...

בימים שלאחר מכן הוציא הרעב את לשונו, חוורת, הסרת־דם ונשם חולי.

בחלונות הראווה של הנייות העיר דגים מלוהים, כרסתנים נוצצים, וילדי ישראל ממצמצים עין ובולעים רוק מתועב. רפאל, בן דודו של מנשה, חלה את הליו ומת. מנשה מזרע הכוהנים הוא, ולא יראה את פני בית־החיים, ואולם לא ידע איך נחרת בו המחזה כשזקנו, אבי אמא, יוצא מבית־החיים, תולש עשבים וזורקם לאחוריו. כסמל זועה נחרת בו המח־זה: שיחת אדם עם המות האורב מאחרי גבו לכל צעד שלו בתבל.

נגע האסון בכל ישותו של הנער. הוא אשר התפלל שלוש פעמים ביום וקרא „שמע" מתוך כוונה בעינים עצומות. כלו עליו כל הקיצין,

הוא לא רצה להיכנע להכרח האפל, לא אבה למות. אז נשא בפעם הרא־שונא את עיניו אל אנשי־הבית, אל הגדולים, בבקשת רחמים, מעט רחמים לנער הוזה־פחדים, שאינו רוצה למות.

לא ארכו הימים וסבא מת. הלך כאדם המזדרז לדרך קבועה לו מראש; בבוקר עשה צרכיו, התפלל שחרית ועלה על משכבו למנוחת־עולמים.

עמדו גם הם, הגדולים, בוכים ואובדי עצות. מנשה נזכר שוב במחזה: שיחת־אדם עם המות האורב לכל צעדו בתבל, והוא תופס סוד, האיום בסודות.

והגרמנים פקדו נמרצות על נקיון, ודודי דזינפקציה רותחים המו כל היום בחוצות. וראשית כל בא „ניקוי" המזונן שרק הלחם הקלוקל מעורב בסובין, השחיר מתוכו. באותם הימים לקחו את אחי אמא, רווק, לעבודת כפיה. למקומות רחוקים משכוהו ואנשי הבית הלכו קדורנית, שכן חביב היה על כולם. כעבור שנה ארוכה עם חורף עגום, חזר משם, כחוש וצנום וגם חולה, ועמו בקבוק־שדה בו אכל כל הימים קליפות של תפוחי־אדמה שרויות במים.

שעות הרבה נטפל הנער אל הדוד הצעיר, ההוור, והיה מקשיב לסיפורי־מורא מבהילים.

בינתים נאסרו הרבה דברים במסחר ואף באכילה, ויהודים נאלצו לעסוק במתן שוחד למען הפרנסה וגוועו שבע ביום ברעב. גדלה המצוקה במאד מאד, ובבית־המדרש מגידי ישראל ודרשנים מחשבים קיצים ומצרפים גימטריאות, והנער מצפה לישועה, כי קרובה לבוא.

בבוקר לא עבות אחד וכרוזים מתנוססים בראש כל הוצות, לאמור: שוחרר העם הפולני על אדמתו! ופה ושם נבהלים אהרוני פקידי גרמנים עלובים לדרך וידיהם על ראשם. ויהי ערב ויהי בוקר, והלגיונאים הפול־ניים צובאים בארץ.

ובטרם הספיקו לספר הפלאות על אודות זה המכבי לעם הפולני, פילסודסקי, והנה אגדה חדשה קרבה אל הארץ; הבולשביקים מסתערים על המדינה.

עתה, בשמוע הנער דברים תלושים, מקוטעים, נתפעם בו לבו בתוך חזהו כענבל בתוך פעמון נסער. נערים חיוורים מנערי ישראל נפחדים, הגדלים בכל יום ובכל שעה תחת כנפי האימה, המנשקים למזוזה בכל ערב במסרם נשמתם לבורא בתחינה: „עד יום־המחרת, אב רחום בשמים, עד יום המחרת" היו מוסרים מפה לאוזן על הבולשביקים ה„אדומים" אשר בראשם עומד היהודי ר' אריה טרוצקי נ"י והם מבני עשרת השב־טים, „היהודים האדומים" שמעבר לסמבטיון, אשר יביאו את הגאולה לישראל ולעולם.

אך האכזבה המרה לא איחרה לבוא. כעדר פשטו „הגואלים" על

החנויות ותמורת „פתקאות" לקחו לעצמם מכל הבא ביד. אלה ואלה מושכים יהודים מנכבדי העיר, באים-בימים, לטאטא רחובות העיר, והם בחורים כאלונים, ידיהם בכיסם, מעשנים סיגריות משובחות ויורקים: „נאפליאוואט", „בורז'ויים"...

אפס לא עברו ימים מועטים, קדחתניים, ושוב רועמים תותחים מקרוב; באישון-ליל נמלטו הבולשביקים על נפשם, ובבוקר השכם שבו הפולנים שכורי-נצחון ותאוות נקם ורצח.

אפשר מעט היתה האימה המלווה את הנער היהודי בכל מקום, בבית, בחדר וברחוב, האימה מפני הבורא, ולהבדיל, מפני היצר-הרע הפורש את רשתו על כל צעד ושעל, והנה באה הזוועה עצמה, ונפש הנער היהודי פרפרה בה כיונה בצפרני הנץ.

הוי, אותם הלילות הארוכים, השחורים, יליל הרוחות ורעד השמ־שות והרצפות לקול רעמי-התותחים בלי חשך, בלי חשך... ולבוקר — לבוקר מציץ תמיד אותו היקום החיוור, החלוש, ובלב הומים רחמים לאנשים, בשר-ודם, שם בשדות-הקטל... והוא ניתר ממקומו לכל רשרוש בדלת ובקיר.

עתה כבר פסקו להתלחש. פרץ יהודי פלוני, אח-לגורל מעונה ויקר והפחד מציץ מתוך זקנו הרועד, והוא מספר בבהלה על יהודים שתלו אותם לעשרות על עצי-יער ושמשחום בזפת ושרפום חיים, ועל אחרים שהמיתום אגב סלסולי-נגינה על הרמוניקה ומפוחית; איכרים אדומי-פנים יורקים על כף ומכים במגלים על ראש וצואר, לקצב מחולות פראיים ו„שמע ישראל" חנוק. פעם אחת ראה מנשה במו עיניו, איך שני חיילים הכו ברחוב יהודי בעל זקן לבן. רחב. הכוהו לסירוגין, בשיטתיות, עד זוב דם — לבסוף ירקו והרפו ממנו...

רקדה הזוועה ונעצה את צפרניה העקומות בנפש הנער המתפלצת בתוכה פנימה...

ד"ר חיים ליפשיץ

זכרונות מימי הגימנסיה

שנות נעורי המאושרות קשורות לעיר שדליץ, שבאתי אליה ללמוד בגימנסיה מוורשה הבירה בשנת 1909. עדיין היה אז חי בזכרון התושבים היהודים זכר ימי הפוגרום שעשו בהם צבאות הצאר בגמר המהפכה הראשונה שנכשלה. עדיין היה מספר לי פרטים על הפרעות החנווני של המכולת, קרבן ישיר של הפוגרום. אבל בעיר כבר תססו חיי הנוער היהודי שנגעו בו כנפי התחיה. אלה היו השנים, בהן התהלך מדי יום ביומו „העוזר" לעו"ד א. הרטגלס על מדרכות שדליץ, בדרכו מביתו לבית המשפט, ואנו הנוער הלומד, שפנינו כבר לציון, לוינו אותו בחרדת כבוד: אחד מגבורי הלסינגפורס!

בפנימיה של הגימנזיסטים, ברחוב סנקביץ, מצאו להם מדריכים ומורים בני הנעורים של שדליץ ושל העיירות הסמוכות, שנפשם חשקה בתורה חילונית. „הזמיר" היה עדיין המרכז הלגלי היחידי, שסביבו התרכזה הציבוריות האידישאית, והבנות ממשפחות סלושני שלטו שם בהדר הליכותיהן ובנועם קולותיהן.

בודאי לא רבים נשארו בחיים מהתקופה ההיא, הטרום-ציונית בשדליץ. עדיין לוי גוטגלד ודורו הציוני לא הגיעו לפרקם, והתא הציוני הזכור לי הוא ביתו של לנדאו — אחד מעובדי הבנק של האחים מינץ. ההגירה, ביחוד לבלגיה, הוציאה כמעט את כל הנוער התוסס מחוץ לעיר.

מבני המקום למדו מעטים בגימנסיה: מששה חברי היהודים בכתה היה רק אחד יליד שדליץ. אזכור פה גם אלחנן לוין, שהכירו אותו בשדליץ בתור בחור עילוי, והוא אחרי שנים מראשי התנועה הרביזיוניסטית בוורשה. אולי עוד ימצא מי שהוא הזוכר את הגימנזיסט שזכה באחד הימים בגורל בסכום כסף גדול, ואבא של לוי גוטגלד מסר לו תיק מלא מטבעות זהב בנוכחות קהל רב. זאת היתה מתנת פרידה משדליץ לפני שעזבתיה ב-1913. עברו שנות מלחמת העולם הראשונה ואחרי גלות רוסיה חזרתי ל„ביתי" לוורשה. והנה, אחרי זמן קצר לעבודתי בועד

המרכזי של ההסתדרות הציונית בפולין, נמצא בחבורה של משתפי פעולה אתי גם לוי גוטגלד. השתררו בינינו יחסי קרבה מיוחדים: זכרתי לשדליץ חסד נעורי. כאשר ביקרתיה מצאתי רק מעטים,מימים עברו — המלחמה פיזרה אותם בכל קצווי תבל. אבל ברצון שיתפתי את עצמי בחייה ובדאגותיה של התנועה הציונית בשדליץ.

ולאלה שעדיין זכורים להם הימים ההם יוגד: לא תארנו לנו את הקץ המר והנמהר שבא על קהילותינו היקרות והמפוארות בפולין. אולם גם לא תיארנו לעצמנו שנזכה לחיות במדינת ישראל. לא שאלו אותנו אם מוכנים אנו לשלם מחיר זה, אבל רבים מאלה שלא הגיעו, התנחמו ברגעיהם האחרונים שככה זה יהיה באחרית הימים.

י. נ. ווײַנטרויב

טיפּן און געשטאַלטן פון אַמאָליקן שעדלעץ

ר׳ מאַניס, דער שטאָט־מגיד

ר׳ מאַניס האָט געלעבט מיט א צייט פריער, איידער עס איז דאָ געווען רב, ר׳ אליעזר שלום פּיעטריקאָווער („פּיעטריקאָווער״ האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז שפּעטער געוואָרן רב אין פּיעטריקאָוו). די שטאָטישע שול איז נאָך דאַן געווען א הילצערנע. דאקעגן, דער בית־המדרש, איז שוין געווען א געמויערטער און איז געשטאַנען אויפן אָרט, וואו עס שטייט היינט די גמינע־קאַנצעלאַריע.

און אָט אין דעם דאָזיקן בית־המדרש האָט פאַרבראַכט, יומם ולילה, דער דעמאָלטיקער שטאָט־מגיד, ר׳ מאַניס. געווען איז ער א גרויסער למדן און אויך א גרויסער אָרעמאַן. פאַר זיינע דרשות אין בית־המדרש האָט ער באַקומען שכירות אכציק גראָשן א וואָך, אָבער נישט אין מזומן האָט מען אים באַצאָלט די דאָזיקע שכירות, נאָר אין פּראָדוקטן: ביים בעקער האָט ער אָפּגענומען ברויט און אין געוועלבל קאַשע און ליכט.

א חוץ די דרשות פאַרן עולם, האָט ער אויך געשריבן זיינע חידו־שים אויף תורה. קיין געלט אויף צו קויפן פּאַפּיר האָט ער נישט געהאַט פון זיינע שכירות, פלעגט ער דערצו אויסנוצן פאַרשידענע שטיקלעך פּאַ־פּיר, וואָס מען האָט אין זיי איינגעוויקלט די פּראָדוקטן, וואָס מען פלעגט קויפן אין די קראָמען. די דאָזיקע חידושים זיינען שפּעטער אין כתב־יד געבליבן ביי ר׳ מאַניסעס איייניקל, ר׳ אָשר גדליהו גאָלדבערג.

אין דאָזיקן כתב־יד זיינען אויך געווען פאַרצייכנט חשבונות פון ר׳ מאַניסעס שטוב־הוצאות. איז אים אמאָל אוועק מער ווי 80 גראָשן א וואָך, האָט ער געפּרוּווט אויסגלייכן דעם „דעפיציט״ דורך תעניתים. ער איז געווען אַן אָפטער יושב בתענית און פיל מאָל געפאַסט משבת לשבת.

ביי זיין גאַנץ אָרעמקייט האָט ער אָפּגעהיט, אַז צו די שבתדיקע סעודות זאָל ער האָבן פיש לכבוד שבת. דער אופן פון קויפן דעמאָלט פיש אויף שבת איז נישט געווען ווי היינט, ווען יעדער איינער גייט אין קראָם אריין און קויפט זיך פיש. אין יענער צייט האָבן צוויי אייגנטימער פון גאַסטהייזער פאַרקויפט געקאָכטע פיש פאַר דער גאַנצער שטאָט, צו 5 און צו 10 גראָשן א פּאָרציע. אָבער נישט יעדער האָט געהאַט די מעג־לעכקייט צו דערלויבן זיך דעם דאָזיקן „לוקסוס".

איין גאַסטהויז פון די צוויי האָט געהערט צו עטקע קאווע, די מו־טער פון דער שפּעטערדיקער כלל־טוערין רחל עטקעס. ביי איר פלעגט ר' מאַנים קויפן פאַר 5 גראָשן פיש לכבוד שבת. עטקע האָט אָבער גע־וואָלט האָבן די זכיה, אַז ר' מאַנים זאָל עסן פון אירע פיש אָן געלט. פלעגט זי אים טאַקע שיקן יעדן פרייטיק א שטיקל פיש דורך איר טאָכ־טער רחל. וועלכע איז נאָך דעמאָלט געווען א יונג מיידל. דער יונגער רחל עטקעס איז, פאַרשטייט זיך, נישט אָנגעקומען אזוי לייכט צו פּועלן ביי ר' מאַניסן, ער זאָל צונעמען די דאָזיקע מתנה. יעדעס מאָל, ווען רחל עטקעס פלעגט ברענגען ר' מאַניסן די פיש, פלעגט ער איר געבן א ברכה.

מענטשן פון יענער צייט האָבן געהאַלטן, אַז ר' מאַנים איז געווען א בעל־רוח הקודש: האָט ער געטראָפן א ייד האָט ער באַלד געזען אויף זיין נשמה. דער חוזה פון לובלין, פלעגן די יידן דערציילן, האָט געהאַט א שטיקל הקפּדה אויף ר' מאַניסן, האָט ער אים געוואונטשן, אַז זיין רוח־הקודש זאָל זיין אָן אָפענער, און אַלץ, וואָס ער ווייסט, זאָל ער נישט קאָנען איינהאַלטן אין זיך.

צווישן די פיל מעשיות, וואָס מ'האָט דערציילט וועגן ר' מאַניסן, ווערט אויך איבערגעגעבן, אַז צו יענער צייט האָט געלעבט אין שעדלעץ ר' דוד ווײַנשענקער און זיין פרוי רויזע. איז איינמאָל ביי זיי שלאָף געוואָרן אויף טיפוס זייער טאָכטער, א כלה־מיידל, האָבן זיי אריבערגע־שיקט זייער איידעם נפתלי ניימאַן צו ר' מאַניסן, ער זאָל מתפּלל זיין פאַר דער קראַנקער. ר' נפתלי איז אריין מיט אימפּעט צו ר' מאַניסן, וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט אהיימגעקומען פון בית־המדרש א ביסל זיך אָפּרוען. ר' מאַנים האָט דאַן געזאָגט, אַז מען זאָל נעמען די תנאים און אנידערלייגן צו קאָפּנס פון דער קראַנקער, וועט זי ווערן געזונט. אָבער, האָט ר' מאַנים צוגעגעבן, זי וועט לאַנג נישט לעבן. און אזוי איז טאַקע געווען — אין א קורצער צייט אַרום איז די קראַנקע געשטאָרבן.

מען דערציילט אויך, אַז דער אויבנדערמאָנטער ר' נפתלי ניימאַן, וואָס האָט געזאָלט חתונה האָבן מיט א צווייטער פרוי איז געקומען שואל־עצה־זיין זיך וועגן דעם מיט ר' מאַניסן. ר' מאַנים האָט געהייסן ר' נפתלי ניימאַנען, ער זאָל אויפשרייבן דעם נאָמען פון דער פרוי.

„סטייטש, איך זאָג דאָך אייך" — האָט ר' נפתלי געענטפערט. „ניין, אויפשרייבן דעם נאָמען", האָט אים ר' מאָנים צוריקגעענטפערט. דער סוף איז געווען, אז ר' נפתלי ניימאַן האָט נאָכגעגעבן. ר' מאָנים האָט געגעבן א קוק און באלד געזאָגט, ווי זי זעט אויס און אפילו וואָסער קלייד זי טראָגט.

כאָטש ר' מאָנים איז געווען א הייסער מתנגד, און צווישן מתנגדים און חסידים פלעגן צו יענער צייט פאָרקומען שטאַרקע מחלוקתן, האָבן דאָך די חסידים דערציילט וועגן אים פיל מעשיות לשבח. אזוי, צ. ב. ש., פלעגן דערציילן וועגן אים די חסידים, אז איינמאָל איז דער אלטער קאָצקער רבי דורכגעפאָרן שעדלעץ. קומענדיק אויף וואַרשעווער גאַס, איז דער רבי ארויס פון דער בויד און אויף א פּאָר מינוט אריין אין בית־המדרש. ר' מאָנים איז דאַן געווען שטאַרק פארטיפט אין א סוגיא און נישט באמערקט דעם רבין. ערשט שפּעטער, ווען דער רבי איז שוין גע־האַט אוועקגעפאָרן, האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן און געזאָגט: עפּעס א פייער איז דאָ אין בית־המדרש, געווען דאָ א גרויסער מאַן. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו פאָרשן, ווער דאָ איז געווען, האָט מען אים געזאָגט, אז דאָ איז געווען ר' מענדל פון קאָצק. ר' מאָנים איז באלד ארויס פון בית־המדרש, געלאָפן א פּאָר וויאָרסט הינטער דער שטאָט, ביז ער האָט דעריאָגט די בויד און געגעבן שלום דעם רבין.

ר' מאָנים, ביי זיין גאַנצער מתנגדישקייט, ווי איך האָב שוין דער־מאָנט, איז געווען שטאַרק באפריינדעט מיט איינעם פון די בארימטע חסידים פון יענער צייט אין שעדלעץ, ר' קלמן ארעלעס.

ר' מאָנים איז נפטר געוואָרן אין שעדלעץ אין יאָר תקצ"ה און ליגט אויפן היינטיקן בית־עולם. פון אויפשריפט אויף זיין מצבה איז צו זען, אז איידער ער איז געוואָרן מגיד אין שעדלעץ איז ער געווען רב אין אָסטראָווע.

אזוי ווי איך האָב דאָ דערמאָנט די גרויסע שול, וועל איך געבן וועגן איר אייניקע ידיעות. נאָך דער גרויסער שרפה אין הושענא־רבא תרי"א, ווען די הילצערנע שול איז געוואַלד פארברענט געוואָרן, האָט מען אָנ־געהויבן צו קלייבן געלט אויף א נייער שול. אין פינף יאָר ארום, ד. ה., אין יאָר תרט"ז האָט מען געלייגט דעם פונדאַמענט אויף א געמויערטער שול. דאָס אריינוואַרפן די שטיינער אין פונדאַמענט פון דער שול איז פארקויפט געוואָרן אויף ליציטאַציע. אריינצוואַרפן דעם ערשטן שטיין האָט געקויפט דבורה'לע די לובלינערן, די פרוי פון ר' משה גרינבערג, פאַר טויזנט גילדן. זי האָט אָבער מיט דער דאָזיקער מצווה מכבד געווען דעם דעמאָלטיקן רב ר' אליעזר שלום פּיעטריקאָווער.

אין דער שעדלעצער שרפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר תר"ל,

איז אָפּגעברענט געוואָרן דער דאַך פון דער שול און דער אָרון־קודש. דער דאָזיקער אָרון־קודש איז געווען א קונסטארבעט. די ארבעט ארום אים האָט געדויערט א פּאָר יאָר און לויט דער אויפשריפט, וואָס איז געווען אויף אים, איז ער פארענדיקט געוואָרן אין יאָר תרכ"א און אויסגעפירט געוואָרן דורך י. צווייבאק און זיינע צוויי זין. בעת דער דאָזיקער שרפה איז געלונגען מציל צו זיין אייניקע טיילן פון דעמאָלטיקן אָרון־קודש, וועלכע זיינען פארנוצט געוואָרן צום היינטיקן אָרון־קודש.

ר׳ אליעזר שלום פּיעטריקאָווער

דער רב ר׳ אליעזר שלום איז געווען א שטארקער עוסק בצרכי צבור. האָט ער, מיט דער הסכמה פון די דעמאָלטיקע דאָזאָרעס: ר׳ מאיר ניסן נוסבוים, ר׳ גדליהו זאלצמאן און ר׳ נתן זילבערצווייג, געשאפן א פאָנד אויף פדיון־שבויים, אויסצוקויפן יידן פון ארעסטן. זיי האָבן אויך באשטימט אן אָפּצאָל פון הייוון און זאַלץ, וואָס פלעגט אָפּגעגעבן ווערן אין ארענדע; דער ארענדאטאָר פלעגט דערביי צאָלן א געוויסן סכום אין קהל אריין. קיינער האָט נישט געטאָרט פארקויפן קיין זאַלץ אָדער הייוון, נאָר דער, וואָס איז געווען דערצו באשטימט פון בית־דין און דאָזאָרעס.

ר׳ אליעזר שלום פלעגט אליין צוזאמענעמען די נדבות. מען דערציילט, אז ער איז איינמאָל אריינגעקומען צו א דעמאָלטיקן גביר, איינער פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים, ר׳ מאיר אָרזשעל, נאָך א נדבה אויף „פדיון שבויים". ר׳ מאיר אָרזשעל האָט לכתחילה געוואָלט אָפּדינגען פון דער הערכה, וואָס ר׳ אליעזר שלום האָט, לויט זיין שטייגער, אליין געמאכט. ר׳ אליעזר שלום איז, אלס פּראָטעסט, צו צו דער ספרים־שאנק, ארויסגענומען א גמרא און געזעצט זיך לערנען ביי ר׳ מאירן אין שטוב. אז ר׳ מאיר אָרזשעל האָט געפרעגט דעם רב, הלמאי ער פּראָטעסטירט קעגן אים אויף אזא אופן, האָט ער אים געענטפערט: „אהבה מקלקלת את השורה" און געמיינט דערמיט צו זאָגן: די מצווה פון צדקה איז ביי אים אזוי גרויס, אז ער מוז אמאָל צוליב דעם פארבייגן זיין כבוד.

ר׳ אליעזר שלום האָט שטארק פארפאָלגט די אלע הענדלער, וואָס האָבן מייקר געווען את השער (געהויבן די פרייזן). אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן צו אנטוויקלען דער האנדל מיט פיש אויף שבת. די פישער האָבן שטארק געהויבן די פרייזן פאר פיש. איז איינמאָל געווען א מעשה, אז א פרעמדער ייד, פון סאָקאָלאָוו, האָט געברענגט קיין שעדלעץ פיש אויף שבת. די פישערס האָט דאָס פארדראָסן און זיי האָבן קאליע געמאכט דעם יידן די פיש. דער ייד איז געלאָפן מיט א טענה

צו ר׳ אליעזר שלומען. ר׳ אליעזר שלום איז באלד אראָפּ אויפן פישמארק (דער פישמארק איז געווען דעמאָלט אין פּשעיאזד־געסל, וואָס מען האָט עס גערופן ר׳ בערל הערשקעס געסל). ר׳ אליעזר שלום האָט א קוק געטאָן אויף די פיש פון די היגע פישערס און א זאָג געטאָן: אייערע פיש זיינען טריף, ווייל זיי האָבן אין זיך ווערעם. באלד איז געוואָרן פארשפּרייט דער קלאנג איבער דער גאנצער שטאָט, און קיינער האָט נישט געוואָלט קויפן קיין פיש. אזוי איז געווען א פּאָר וואָכן, ביז די פישערס זיינען געקומען צום רב, געגעבן אים תקיעת־כף, אז זיי וועלן שוין מער נישט מייקר השער זיין.

די סיבה צוליב וועלכער ר׳ אליעזר שלום האָט פארלאָזט שעדלעץ, איז געווען פאָלגנדע: דער ארענדאטאָר פון די הייוון — איינער פון די דעמאָלטיקע שעדלעצער בעלי־בתים — האָט געפעלשט די הייוון פאר זיינע צוועקן. שבת פלעגן איבער דעם נישט געראָטן די חלות און עס זיינען פאָרגעקומען אין טייל שטיבער מהלוקתן.

עס האָבן זיך געפונען אזעלכע, וואָס האָבן געשריבן דעמאָלט „סקארגעס" אויפן רב ר׳ אליעזר שלום. די מאכט האָט זיך אָנגעהויבן אריינצומישן. ר׳ אליעזר שלום האָט דעריבער באשטימט צו פארלאָזן שעדלעץ און געוואָרן רב אין פּיעטריקאָוו.

ר׳ אליעזר שלום איז געווען בארימט פאר א גרויסן תלמיד־חכם, און מען פלעגט אויף אים זאָגן, אז ער איז פון די תלמידי־חכמים, וואָס אויף זיי פאסט זיך די מימרא: „איזהו ת"ח? זה ששואלין אותו דבר הלכה בכל מקום ואומר".

די משפחה גרינבערג

איינע פון די ערשטע יידישע פאמיליעס, וואָס האָט שוין אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו שפּילן א ראָל אין שעדלעץ, איז געווען די שפּעטער אזוי פארצווייגטע משפחה גרינבערג.

דער שטאמפאָטער פון דער משפחה איז געווען ר׳ חיים גרינבערג. ער איז צו יענער צייט שוין געווען זייער רייך. צו אים האָבן געהערט א סך הייזער און פלעצער אין שעדלעץ, ווי צ. ב. ש. דער פלאץ, וואו עס איז געשטאנען דער בית־המדרש פון ר׳ ישראל גרינבערג (אן אור־אייניקל פון ר׳ חיים גרינבערג), די הייזער נומער 16—14 אויף דער ערשטער מיי־גאס, אייניקע הייזער אויף פּוסטע, טעאטראלנע, דער פלאץ, וואו עס שטייען איצט די הייזער 15—13 פון דער ערשטער מיי־גאס און דאָס גאנצע סאָנדאָווע־געסל פון פּילסודסקי, 16 (די נומערן פון די הייזער און די נעמען פון די גאסן — אזוי ווי זיי זיינען געווען פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה.).

אין דער שעדלעצער היפּאָטעק געפינט זיך א צוואה פון ר׳ חיים גרינבערג, געשריבן אין העברעאיש אין יאָר 1790, אז ער גיט איבער זיין עלטסטן זון דוד, אָפּצונעמען ביים מאגיסטראט 10.000 גילדן פאר דעם פלאץ, וואָס ער האָט פארקויפט. ווי עס זעט אויס, האנדלט זיך עס וועגן די פלעצער, אויף וועלכע עס שטייען איצט די געביידעס פון קרייז־געריכט.

ר׳ חיים גרינבערג האָט געהאט צוויי זין: ר׳ דוד און ר׳ אברהם, און איין טאָכטער. דוד גרינבערגן האָט מען אויך גערופן דוד וויינשענקער. אין הויז אויף עק טעאטראלנע און ערשטן מיי, וואָס האָט אמאָל געהערט צו ר׳ שמואל ברוקארזש, ע״ה, האָט ער געהאלטן א וויינשענק. ר׳ דוד גרינבערג איז אין זיין צייט געווען דאָזאָר. פאר זיין אייגן געלט האָט ער געקויפט א פלאץ אויף א בית־עלמין. דאָס איז דער בית־עולם, וואָס איז געווען ביים יידישן שפּיטאָל.

דאָס איבעריקע פארמעגן האָט ר׳ חיים גרינבערג אוועקגעגעבן זיין זון ר׳ אברהם. ר׳ אברהם איז געווען אן איידעם פון ר׳ ישראל כעלעמער, וועלכער איז דעמאָלט בארימט געווען אלס גרויסער למדן און קענער פון שפראכן און אנדערע וועלטזאכן.

אין יענער צייט איז אין מעזריטש פאָרגעקומען אן עלילת־דם אויף דרייצן יידן, אויף וועלכע מען האָט אויסגעטראכט, אז זיי האָבן געשחטן א קריסטלעך יינגל און זיין בלוט פארנוצט אויף מצות. דער משפּט איבער די דרייצן יידן איז פאָרגעקומען אין דער וואָיעוואָדסטווע אין לובלין. די מחברים פון דעם דאָזיקן בלוט־בלבול, נישט האָבנדיק, פארשטייט זיך, קיין שום ראיות קעגן די יידן, אז זיי האָבן דערמאָרדעט דאָס קריסטלעכע קינד, האָבן זיך געשטיצט דערויף, אז אין „זוהר" איז אָנגעוויזן, אז יידן באנוצן קריסטלעך בלוט צו רעליגיעזע צוועקן. מען האָט דערום דעמאָלט געדארפט האָבן א יידן, וואָס זאָל אימשטאנד זיין איבערצוזעצן דעם „זוהר" אויף פויליש. אין גאנצן געגנט ארום האָט מען אָבער אזעלכן נישט געפונען, אויסער ר׳ ישראל כעלעמער, וואָס האָט געוואוינט אין שעדלעץ. א דאנק זיינע אויפקלערונגען זיינען די יידן דעמאָלט ניצול געוואָרן פון אן אומגליק.

די פאמיליע גרינבערג איז, זעט אויס, געווען די ערשטע, וואָס האָט שוין פארשטאנען, אז מען דארף א קינד לערנען די לאנדשפּראך. אזוי, למשל, טרעפן מיר אין „דזשעננניק אורזשענדאָווי וואָיעוואודסטווא פּאָדלאסקיעגאָ", פון יאָר 1824, צווישן דער רשימה פון די שילערינס, וואָס האָבן געענדיקט א מלוכהשע עלעמענטאר־שול דעם נאָמען פון פרל. הינדע גרינבערג פון שעדלעץ, וועלכע האָט באקומען אן אויסצייכענונג („נאגראָדע") פאר גוט לערנען זיך.

חיים גרינבערגס טאָכטער האָט חתונה געהאט פאר ר׳ קלמן חסיד.

אברהם גרינבערג האָט געהאַט פינף זין: מאָטל, שמעון, יחיאל, יצחק, משה, און צוויי טעכטער.

יחיאל גרינבערג איז געווען דער פאָטער פון ר' ישראל גרינבערג, וועלכער האָט אויפגעשטעלט א בית-מדרש, וואָס האָט זיך גערופן אויף זיין נאָמען „ר' ישראל יחיאלס בית-המדרש", ווי אויך איבערגעלאָזט א צוואה אויפצושטעלן א תלמוד-תורה (דאָס איז דאָס תלמוד-תורה-הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויף בראַווארנע-גאַס). משה איז געווען דער מאַן פון דבורה די לובלינערין, און דער פאָטער פון מאליע מיענדזיזשעצקי, וועלכע איז באַקאַנט געווען אין שעדלעץ מיט איר אלטן וויינהאנדל און באַזונדערס געשעמט אלס בעל-צדקהטע. משה, דער ייִנגסטער זון חיימס, האָט זיך משדך געווען מיט דעם דעמאָלטיקן רב ר' זישע פלאָצקער.

פון די פינף זין אברהם גרינבערג'ס זיינען מאָטל און יצחק געווען באַרימטע קאָצקער חסידים. דער קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים איז געווען זייער א שטאַרקער. רב אין שעדלעץ איז צו יענער צייט געווען ר' משה הערש, א שטאַרקער מתנגד. חסידים האָבן אים שטאַרק גערודפט. מען דערציילט, ווען ר' משה הערש איז איין מאָל שבת פאַרנאַכט געזעסן ביי שלש-סעודות, האָט מען צו אים, דורכן פענצטער, אריינגעוואָרפן א הונט. ווי עס האָט זיך דעמאָלט ארויסגעוויזן, האָט צווישן די, וואָס האָבן אָפּגעטאָן דעם רב דאָס דאָזיקע שפּיצל, זיך אויך געפונען ר' מאָטל גרינבערג.

מאָטל האָט איין מאָל איינגערעדט זיין ברודער יחיאל, וועלכער איז געווען א גרויסער מתנגד, אז ער זאָל מיט אים מיטפאָרן אויף ראש-השנה קיין קאָצק. ר' יחיאל איז געווען א גרויסער למדן און נישט באַקאַנט געווען מיט דער חסידישער התנהגות און געמיינט, אז ער וועט דאָרט קענען לערנען און דאַוונען. אין קאָצק האָט ער אָבער געזען, אז נישט מען לערנט און נישט מען דאַוונט, לויט ווי ער איז געוואוינט געווען. האָט דאָס אים שטאַרק פאַרדראָסן און תיכף מוצאי ראש-השנה איז ער צוריקגעפאָרן אהיים קיין שעדלעץ. ווען ער איז אהיימגעקומען האָט יחיאל גערופן זיין ברודער מאָטל צו א דין-תורה, הלמאי, ער האָט אים גורם געווען ביטול-תורה. מאָטל גרינבערג איז געווען א פריילעכער ייד און פלעגט שטענדיק משמח זיין דעם עולם מיט זיינע חסידישע ניגונים און פוילישע לידער, וועלכע ער האָט א סך געקענט.

אחוץ א שאַרפער חסיד איז אויך ר' מאָטל גרינבערג געווען א שטאַרקער עוסק בצרכי ציבור און פלעגט זיך באַזונדער פאַרנעמען מיט קלייבן נדבות פאַר וואוילטעטיקע צוועקן. ווען ר' מאָטל איז איין מאָל אריינגעקומען נאָך א נדבה צו זיין פעטער ר' אלתר גרינבערג, וועלכער איז באַקאַנט געווען אלס גרויסער גביר, האָט ער נישט געוואָלט געבן

אזויפיל, וויפיל מאָטל האָט פאַרלאַנגט. האָט מאָטל דעריבער אָפּגעטאָן א שפּיצל און ארויסגענומען פון א שאַנק א טייערן חנוכה־לאָמפּ. אז אַלתר גרינבערג איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות און אָנגעקלאָגט ר׳ מאָטלען אין געריכט אריין. דאָס געריכט האָט געפּסקנט, אז אלתר דאַרף שווערן, אז ער איז חושד מאָט־לען אין גנבענען דעם חנוכה־לאָמפּ. די דאָזיקע שבועה האָט געדאַרפט פאָרקומען אין שול. ווען אלתר איז שוין געווען גרייט צו שווערן, איז אָנגעקומען דער דעמאָלטיקער רב ר׳ ישראל מייזליש און נישט דער־לאָזט צו קיין שבועה, נאָר געפּסקנט, אז אלתר גרינבערג זאָל געבן 150 גילדן אויף צדקה און צו באצאָלן די געריכטס־קאָסטן און ר׳ מאָטל זאָל אוועקגעבן דעם חנוכה־לאָמפּ.

איינע פון אברהם גרינבערגס טעכטער, פייגע, האָט חתונה געהאט מיט יצחק אייזיק ראַפּאָפּאָרט. עס איז נאָך געווען אין דער צייט, ווען נישט אלע האָבן געטראָגן פאמיליע־נעמען און גערופן האָט מען יעדן לויט דעם פאָטערס נאָמען. שפּעטער, ווען עס איז ארויס דאָס געזעץ, אז אלע מוזן אָננעמען פאמיליע־נעמען, האָבן אויך די, וואָס האָבן שוין צו יענער צייט געטראָגן פאמיליע־נעמען געהאט דאָס רעכט צו ענדערן. ר׳ יצחק אייזיק ראַפּאָפּאָרט האָט דאַן געענדערט זיין פאמיליע־נאָמען אויף טשאַרנאָבראָדע. פון אים שטאמט טאַקע די פאמיליע טשאַרנאָ־בראָדע אין שעדלעץ. יצחק אייזיק האָט געהאט צוויי זין: דוד (ווע־מען מען האָט גערופן דוד אייזיקס) און פּלטיאל, ווי אויך פיר טעכטער.

ר׳ יצחק אייזיק ראַפּאָפּאָרט־טשאַרנאָבראָדע

אָנגעקומען קיין שעדלעץ איז יצחק אייזיק פון קאָרטשעוו, א שטעטל נעבן אָטוואָצק. ער איז געווען א גרויסער למדן און ירא־שמים. אויסגעצייכנט זיך מיט זיינע מעלות טובות און געווען א שטאַרקער רודף־צדקה. אויסער דעם האָט ער געקענט שיין שרייבן העברעאיש און פּויליש. אזוי ווי ר׳ יצחק אייזיק איז געזעסן כל ימיו על התורה ועל העבודה, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּגעבן מיט עניני פּרנסה און זיין מסחר פלעגט דעמאָלט פירן זיין ווייב. געהאט האָט דעמאָלט ר׳ יצחק אייזיק א געשעפט פון פאַרב. אין יענער צייט איז דער דאָזיקער מסחר געווען, אין א געוויסער מאָס, באגרענעצט. כדי צו האָבן רעכט צו פירן א האנדל, האָט מען געמוזט באַלייגן א מין עקזאמען. יצחק אייזיק האָט דעם דאָזיקן עקזאמען אויסגעהאלטן און באקומען א דערלויבעניש צו פירן א פאַרבגעשעפט.

יצחק אייזיק האָט אויך אָפּט מעיין געווען אין ספרי־קבלה, געקענט

גוט „זוהר". הגם ער איז געווען א מתנגד, פלעגט ער פאָרן אייניקע מאָל אין יאָר צום קאָזשעניצער מגיד.

יצחק אייזיק קען אויך פאררעכנט ווערן אלס ערשטער חובב-ציון אין שעדלעץ. דער רעיון פון חיבת-ציון איז נאָך אפילו דאן נישט געווען פארשפרייט ווי ער איז, למשל, שפעטער געוואָרן, אין א צייט ארום, בעת די ערשטע „בילו"צעס; דאָך האָט יצחק אייזיק כל ימיו געשטרעבט צו קומען קיין ארץ-ישראל. ווי אזעלכער וואָס האָט זיך געיחסנט, אז ער איז אן אור-אייניקל פון ר' יהודה החסיד, האָט ער זיך באמיט צו שאפן א קאָמיטעט אויסצוקויפן אין ירושלים די חורבה פון ר' יהודה החסיד און די גאנצע שכונה ארום, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון די אראבער, און איז צוליב דעם געווען שטארק פארלאָזט און פאראומריי-ניקט. יצחק אייזיק האָט זיך וועגן דעם צונויפגעשריבן מיט א סך רבנים און אנשים חשובים פון יענער צייט, צו שאפן געלט אויף דעם צוועק. אלע זיינע באמיאונגען האָבן זיך אָבער נישט איינגעגעבן און מען האָט זיך שוואך אָפּגערופן דערויף.

דער געדאנק וועגן אויסקויפן די חורבה פון ר' יהודה החסיד אין ירושלים, האָט אָבער יצחק אייזיקן נישט געלאָזט רוען און ער האָט זיך וועגן דעם געווענדעט צו ר' משה מאָנטעפיאָרע קיין לאָנדאָן. ר' יצחק אייזיק אלס קענער פון דער העברעאישער שפראך, האָט דעם גאנצן ענין באשריבן אין א בריוו. דער דאָזיקער בריוו האָט אויף ר' משה מאָנטעפיאָרען געמאכט א שטארקן איינדרוק און ער האָט טאקע אראָפּ-געשיקט זיינעם א מענטשן קיין ירושלים און אָפּגעקויפט די אלע פלע-צער ארום דער חורבה פון ר' יהודה החסיד און צוריק אויפגעבויט די חרוב געוואָרענע שול, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, און געגרינדעט א יידישע שכונה. די דאָזיקע שכונה ווערט טאקע עד היום גערופן „אהל משה ויהודית", צום אָנדענק פון ר' משה מאָנטעפיאָרע און זיין פרוי. דער דאָזיקער ענין האָט דעמאָלט ר' משה מאָנטעפיאָרען אָפּגעקאָסט זייער פיל געלט.

יצחק אייזיק איז, אחוץ דעם, וואָס ער האָט כל ימיו פארברענגט אין בית-מדרש על התורה ועל העבודה, געווען אויך א שטארקער עוסק בצרכי ציבור. ער האָט פארשטארקט די חברה „משניות" און די תלמוד-תורה. קיין אייגן הויז פאר דער תלמוד-תורה איז נאָך דאן נישט געווען און די מלמדים פלעגן לערנען מיט די קינדער אין בית-המדרש, אָדער אין אנדערע קהלשע ערטער, ווי: אין ווייבערישן בית-המדרש, אין דער ווייבערשול א. ד. גל. בכלל איז די תלמוד-תורה געווען דאן שטארק אָפּגעלאָזן. יצחק אייזיק פלעגט אלע פרייטיק אליין ארומגיין און קלייבן וואַכנגעלט, כדי ער זאָל האָבן פון וואנען צו באצאָלן די מלמדים. ער פלעגט נעמען צו זיך אהיים די תלמוד-תורה-קינדער און זיי אליין אוים-

געקעמט און געוואשן. די וואָס האָבן נישט געהאט צו עסן, פלעגט ער אליין שאפן פאר זיי עסן.

אחוץ די דערמאָנטע צרכי ציבור, אין וועלכע יצחק אייזיק פלעגט עוסק זיין, איז ער אויך געווען גבאי אין בית-המדרש און אין דער חברה קדישא; האָט זיך פארנומען מיט שיקן געלט קיין ארץ-ישראל פאר די יידן, וואָס האָבן געלעבט פון חלוקה.

ר׳ יצחק אייזיק איז געווען זייער באליבט ביי אלע שעדלעצער יידן. אין זעלבן יאָר ווען יצחק אייזיק איז געשטאָרבן, האָבן א סך א נאָמען געגעבן זייערע ניי געבוירענע קינדער נאָך ר׳ יצחק אייזיקן.

ר׳ יצחק אייזיק האָט געהאט צוויי זין: פלטיאל און דוד, און פיר טעכטער. דודן האָט מען גערופן אויף זיין פאָטערס נאָמען — דוד אייזיקס. איינע פון זיינע טעכטער איז געווען די פרוי פון משה פרידמאן, באקאנט געווען מיטן נאָמען משה ר׳ אייזיקס. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין לומדות, געווען א תלמיד פון ר׳ אליעזר חרלפ פון מעזריטש. אויף די עלטערע יאָרן איז ר׳ משה געוואָרן א סגי-נחור, דאָך פלעגט ער זיצן שטענדיק אין לערנען מיט אנדערע. א צווייטע טאָכטער איז געווען א פרוי פון הערש לייזער רובינשטיין, אויך איינער פון די אמאָליקע גרויסע למדנים אין היגן בית-המדרש.

הרב ר׳ משה הערש וויינגאָרטן

מיר האָבן נישט קיין גענויע דאטעס, ווען הרב ר׳ משה הערש איז געקומען קיין שעדלעץ. דאָס איינציקע וואָס מיר ווייסן איז, אז ר׳ משה הערש איז געווען רב פאר ר׳ אליעזר שלומען. פאר זיין אָנקומען קיין שעדלעץ, איז ער געווען רב אין סאָקאָלאָוו.

פון דער צייט פון ר׳ משה הערשס זיין רב אין סאָקאָלאָוו, ווערן דערציילט וועגן אים, ווי וועגן פיל גרויסע רבנים פון יענער צייט, פאַר-שידענע לעגענדעס. איך וויל דאָ איבערגעבן איינע, א כאראקטעריסטי-שע לעגענדע, וואָס באווייזט הרב ר׳ משה הערשס גרויסקייט.

אין סאָקאָלאָוו האָט זיך אין יענער צייט געפונען א יידישער מסור, וואָס פלעגט איבערגעבן דער פאָליציי די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אויסבאהאלטן פון די „כאפערס". ר׳ משה הערש האָט געשיקט נאָכן דאָזיקן מסור און געוואָרנט אים, ער זאָל מער אזעלכע זאכן נישט טאָן. דער מסור האָט אָבער נישט געוואָלט פאָלגן דעם רב און ווייטער עוסק געווען אין זיין ארבעט. פלוצלינג איז ער קראנק געוואָרן, אָנגעהויבן צו דארן און מער שוין נישט געקאָנט פארנעמען זיך מיט זיינע מסירות. די זאך האָט יעדן פארוואונדערט, וואָס אזא פעסטער און געזונטער פארשוין איז פלוצלינג קראנק געוואָרן. בינו לבינו איז מען געוואויר

געוואָרן, אז אין דער צייט פון מסורם קראנקייט, פלעגט דער רב ר׳ משה הערש פארפאלן ווערן ערגעץ און מען האָט נישט געוואוסט וואו־היין. שפעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אז ר׳ משה הערש איז געזעסן אין א קעלער און געמאכט א גולם אין דער פאָרעם פון אן עוף; וואָס מער דער גולם איז געוואקסן, אלץ קראנקער איז דער מסור געוואָרן. ער האָט אין זיין קראנקייט איינגעזען אן עונש פאר זיין נישט פאָלגן דעם רב ר׳ משה הערשן, און איבערגעגעבן וועגן דעם דער פאָליציי. פאָליציי האָט געהאט טענות צום רב און געוואָלט פארפירן קעגן אים א פראָצעס. ר׳ משה הערש האָט פארלאָזט סאָקאָלאָוו און געוואָרן רב אין שעדלעץ.

אין שעדלעץ איז ר׳ משה הערש אחוץ רב אויך געווען שטאָט־מגיד און פלעגט אלע שבת האלטן דרשות פארן עולם און אלע טאָג לערנען א שיעור פאר יונגע בחורים.

הרב ר׳ משה הערש איז געווען א גרויסער למדן, מהבר געווען א סך ספרים, דרוש אויף גאנץ תורה און הגהות אויף ש״ס, אויף ארבעה חלקי שלחן ערוך. די אלע ספרים זיינען געבליבן אין כתב־יד און זיינען שפעטער פארברענט געוואָרן בעת דער שרפה, מיטן אויסנאם פון ספר „מר״ם צבי״, וואָס איז ארויס אין דרוק ביי דער מיטהילף פון זיין זון ר׳ ברוך ראדזינער, וועלכער האָט אויך געשריבן א הקדמה. אָבער אויך פון דעם דאָזיקן ספר געפינען זיך איצט ס״ה איינציקע עקזעמפלארן.

דעם ערשטן פסח, ווען הרב ר׳ משה הערש איז אָנגעקומען קיין שעדלעץ, דערציילט מען, האָט ער געהייסן קאָכן ביי זיך אין קיך קניידלעך און ארויסגעשטעלט זיי אין פענצטער, כדי אלע זאָלן זען. דערמיט האָט ער געוואָלט ווייזן, אז דער ענין „שרויה״ (געבראָקטס), וואָס די חסידים אין יענער צייט האָבן געהאלטן פאר א פארבאָט, איז נישט קיין הלכה למשה מסיני, און אז צוליב עונג יום־טוב מעג מען קאָכן קניידלעך.

ר׳ משה הערש האָט געהאט פיר זין און צוויי טעכטער. דריי פון זיינע זין זיינען געווען רבנים. דער עלטסטער, ר׳ אהרן, איז געווען רב ערגעץ אין אויסלאנד; דער צווייטער, ר׳ יוסף — אין פילעוו (פולאווא); דער דריטער, ר׳ דוד, איז געווען רב אין כאָרזשעל; דער פערטער זון, ר׳ ברוך, וועלכער האָט חתונה געהאט אין ראדזין, הגם ער האָט גע־האט סמיכות אויף רבנות, האָט דאָך נישט געוואָלט ווערן קיין רב און בעסער זיך פארנומען מיט מסחר. ר׳ משה הערש פלעגט זאָגן אויף זיין זון ר׳ ברוך: הגם עס שטייט אין דער תורה „כנען בידו מאזני מרמה״, גייט דאָס נישט ארויף אויף זיין זון, וועלכער איז זייער אן ערלעכער אין מסחר. ר׳ ברוך ראדזינער האָט אויך געשמט פאר א גרויסן למדן און צדיק און דער דעמאָלטיקער ראדזינער רבי ר׳ גרשון העניך זצ״ל פלעגט אים אָפגעבן גרוים כבוד.

אויף די עלטערע יאָרן איז ר' משה הערשן שטארק קאליע געוואָרן די ראיה און ער איז כמעט געוואָרן א סגי־נהור. פונדעסטוועגן איז לא פסק פומיה מגירסא, ער האָט געפּסקנט שאלות און געלערנט, ווי זיין שטייגער איז געווען. איין מאָל איז פארבייגעפאָרן שעדלעץ דער וואַר־קער רבי, רב יצחק, ז"ל, און געמאכט א באזוך ביים רב. ווען ר' יצחק האָט באמערקט, אז רב משה הערש האָט א שוואכע ראיה, און דאָך פסקנט ער שאלות און זיצט און לערנט, האָט ער אים ווענן דעם גע־פרעגט; האָט רב משה הערש געענטפערט, אז ווען עס קומט צום לער־נען, אָדער צו פסקענען א שאלה, פילט ער, ווי עס ווערט אין אים מקוים „והאר עינינו בתורתך" און זעט אלעס.

טראָץ דעם, וואָס הרב ר' משה הערש איז געווען א מתנגד, איז ער געווען א גרויסער בעל מקובל און געווען בקי אין די ספרי־קבלה. ער פלעגט פאסטן משבת לשבת, אויפשטיין אלע נאכט א זייגער 12, טובל זיין זיך אין מקווה, שפעטער אָפּריכטן חצות.

אויף דער עלטער, ווען ר' משה הערש האָט געפילט, אז ער איז שוואך און די ראיה דינט אים נישט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות. עס איז דאן אויפגענומען געוואָרן אלס רב ר' אליעזר שלום. נפטר גע־וואָרן איז ר' משה הערש אין יאָר תרי"ח. זיין קבר איז א לאנגע צייט געווען פארלאָזט און כמעט אָן א מצבה. ווען עס איז מיט יאָרן שפעטער געשטאָרבן ר' ישראל סיני זיידנצווייג, ע"ה, וועלכער איז געווען א קרוב פון ר' משה הערשן, האָט מען אים מקבר געווען נעבן רבס קבר. ר' ישראל סינים קינדער האָבן שפעטער געשטעלט א טאָפּלטע מצבה איבער ביידע קברים.

די חסידים האָבן שטארק גערודפט ר' משה הערשן פאר זיין שטאר־קער התנגדות צו זיי. אז די חסידים האָבן זיך שפעטער איבערצייגט אין ר' משה הערשס ערלעכקייט, האָבן זיי אלע חרטה געהאט און באמיט זיך אים מפייס צו זיין. די דאָזיקע מחלוקת צווישן די אמאָליקע חסידים און מתנגדים, קען מען אָנרופן „מחלוקת לשם שמים", וואָס „סופה להתקיים", דען ביידע צדדים האָבן געמיינט דעם אמת און שפעטער געמאכט צווישן זיך שלום.

עס איז ווערט דאָ צו דערמאָנען א פאקט: ר' משה הערשס זון, ר' ברוך ראדזינער, האָט זיך מתחתן געווען מיט מאָטל גרינבערגס אן איי־דעם. מאָטל גרינבערג איז געווען איינער פון די אמאָליקע קעגנער און רודפים פון ר' משה הערשן. מאָטל האָט אָבער שפעטער שטארק חרטה געהאט אויף זיינע רדיפות, און ווען ער איז געוואויר געוואָרן, אז זיין איידעם וויל זיך מתחתן זיין מיט ר' משה הערשס זון, איז ער שטארק צוגעשטאנען אז דער שידוך זאָל ווערן און דערמיט געוואָלט מפייס זיין ר' משה הערשן, וואָס האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט.

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען איינע פון ר׳ משה הערשם טעכ־טער, לאה ליבע, וועלכע איז געווען א גרויסע מלומדת, סיי אין ש״ם און פוסקים און סיי אין וועלטזאכן. זי פלעגט אָפט דעם פאָטער ארויס־ווייזן איר למדנות ביים פסקענען שאלות. לאה ליבע האָט חתונה געהאט פאר מאיר קרויסהאר פון ווארשע, א זון פון ישראל קרויסהאר, א באַ־רימטע משפחה אין יענער צייט אין ווארשע. שוין זייענדיק א 90־יעריקע זקנה פלעגט זיך לאה ליבע נאָך פאראינטערעסירן מיט יידישע ספרים און אויך מיט דער יידישער ליטעראטור: שלום־עליכם, פרץ און מענדע־לע. לאה ליבע קרויסהאר האָט די לעצטע יאָרן פארברענגט ביי אירע קינדער אין שעדלעץ און דאָרט געשטאָרבן.

מאיר ניסן נוסבוים און ר׳ קלמן חסיד

אין דער זעלבער צייט, ווען אין שעדלעץ איז געווען שטאָט־מגיד ר׳ מאַניס, איז דעמאָלט געווען פרנס־חודש ר׳ מאיר ניסן נוסבוים. מיט דעם נאָמען „פרנס־הודש" האָט מען אין יענער צייט באצייכנט די דאַ־זאָרעס, ווייל פון די דריי דאָזאָרעס האָט יעדער איינער אָנגעפירט מיט דער קהילה אין א באזונדערן חודש.

מאיר ניסן נוסבוים איז געווען א געבילדעטער מענטש. געקענט גוט העברעאיש און פויליש (ער האָט איבערגעזעצט אויף פויליש דאָס ספר „בחינת עולם"), געווען א גרויסער למדן און פלעגט אלע טאָג לער־נען מיט דער חברה ש״ם. פון זיין באשעפטיקונג איז ער געווען א „פאָ־דריאטשיק"; אחוץ דעם האָט ער אויך געהאלטן א ווינשענק. ר׳ מאיר ניסן איז געווען זייער אָנגענומען ביי דער דעמאָלטיקער מאכט, און זי פלעגט האָבן צו אים דעם גרעסטן צוטרוי. ווען ר׳ מאיר ניסן איז גע־זעסן אלס פאָרשטייער פון דער יידישער באפעלקערונג אין א פאָבאָר־קאָמיסיע, איז געווען געווען, אז ער זאָל זאָגן אויף איינעם, אז ער קען אים פאר א שוואכן, האָט מען שוין נישט אָפגעווענדעט און באפרייט דעם דאָזיקן פון מיליטער.

מאיר ניסן נוסבוים, הגם ער איז געווען איינער פון די פארברענטע מתנגדים, האָט ער זיך דאָך געחברט מיט איינעם פון די גרעסטע חסי־דים אין שעדלעץ צו יענער צייט, מיט ר׳ קלמן הסיד, וועלכער האָט געוואוינט אין שכנות מיט ר׳ מאיר ניסן נוסבוים.

ביי ר׳ קלמן הסיד פלעגט אָפט איינשטיין דער רבי ר׳ בונעם; ער פלעגט קומען אהער אין מסחר־ענינים, נאָך איידער ער איז באקאנט געוואָרן אלס רבי ר׳ בונעם. ער איז געווען אָנגעשטעלט ביי דער באַ־רימטער פרוי טעמערל פון ווארשע, וועלכע פלעגט צושטעלן פראָדוקטן פארן מיליטער און אים, בונעמען, איז אויסגעקומען אלע מאָל צו זיין

אין שעדלעץ. ווען ר׳ קלמן האָט פארן רבין ר׳ בונעם פאָרגעשטעלט ר׳ מאיר ניסן נוסבוימען, האָבן זיי זיך ביידע באפריינדעט, געפירט שמועסן און געשפילט אין שאך.

איין מאָל, בעתן שפילן א פארטיע שאך, האָט דער רבי ר׳ בונעם געמאכט א שלעכטן צוג. ער האָט דעריבער פארלאנגט ביי ר׳ מאיר ניסן, ער זאָל אים דערלויבן צוריקצוגיין דעם דאָזיקן צוג. ר׳ מאיר ניסן האָט זיך אָבער אָנגערופן צום רבין: „האָסטו געטאָן א פעלער איז פאר־פאלן".

— ביסט גערעכט — האָט געענטפערט דער רבי ר׳ בונעם, — א מענטש דארף זיך היטן נישט צו מאכן קיין פעלער, דען עס קען קומען דערצו, ער זאָל באגיין אזא פעלער, וואָס ער זאָל אים נישט קענען פאר־ריכטן. דער רבי ר׳ בונעם פלעגט קאָרעספּאָנדירן מיט ר׳ מאיר ניסן נוסבוים וועגן חסידות, אמונה א. ד. גל.

ר׳ קלמן חסיד איז געווען איינער פון די גרעסטע חסידים אין שעד־לעץ. ביי אים פלעגן איינשטיין א סך רביים, וואָס פלעגן אהער קומען. ווי ווייט מען האָט אים אָפּגעגעבן כבוד, באווייזט דער דאָזיקער פאקט: איין מאָל איז ר׳ קלמן געווען אויף א ברית, דאָרט איז אויך געווען דער סטאָלינער רבי, ר׳ אָשר. האָט דער בעל־ברית מכבד געווען מיט סנד־קאות דעם סטאָלינער רבין און ר׳ קלמן חסיד האָט ער מכבד געווען מיט אן אנדער מצווה. דאָס האָט א סך מענטשן פארדראָסן און זיי האָבן געמאכט שטארקע באמערקונגען דעם בעל־ברית. הלמאי ער האָט ר׳ קלמנען געגעבן א קלענערן כבוד ווי דעם סטאָלינער רבין.

ר׳ קלמן חסיד איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט. ער האָט זיך דעריבער נישט פארנומען מיט דער פרנסה. אין געוועלבל וואָס ער האָט געהאט, פלעגט שטיין זיין ווייב. אלע אין דער פרי האָט ר׳ קלמן גע־האט א מנהג אריינצודערלאַנגען זיין ווייב אין געוועלבל אריין א שטיקל ברויט אָנגעשמירט מיט פוטער. ווען זיין ווייב האָט אים איין מאָל גע־פרעגט, וואָס באדייט דער דאָזיקער מנהג, האָט ער איר געענטפערט גאנץ פשוט: אזוי ווי אין דער כתובה וואָס איך האָב דיר געגעבן שטייט געשריבן „ואנא אפלח ואפרנס יתיכי כאורח גוברין יהודאין", און איך קען נישט פארדינען אויף פרנסה, וויל איך דערמיט יוצא זיין דעם דאָ־זיקן הוב פאר דיר. ר׳ קלמן האָט געלערנט אלע טאָג א שיעור מיט א חברה בהורים און יונגעלייט.

ר׳ קלמן הסידס איידעם, ר׳ יצחק גד קאָרנבלום, איז געווען דער איינציקער אין שעדלעץ, וואָס איז א גאנץ יאָר געזעסן אין דאנציג און געקומען אויף פסח אהיים.

יצחק גד איז געווען אן אָנגעשטעלטער ביי דער דעמאָלטיקער פיר־מע „פאיאנס", וועלכע האָט זיך פארנומען מיט פירן פון פוילן קיין

דייטשלאנד, דורך דער ווייסל, תבואה און האָלץ. די דאָזיקע פירמע האָט די ערשטע איינגעפירט די „בערלינקעס" אויף דער ווייסל. ר' יצחק גד איז באַרימט געווען אין דער פירמע, וואו ער האָט געאַרבעט, מיט זיין גרויס ערלעכקייט.

איין מאָל, אין א שמועס וואָס עס האָט געהאַט ר' יצחק גדס פּרינ־ציפּאַל מיט א צווייטן סוחר, האָט דער סוחר זיך אויסגעדריקט, אז עס איז נישטאָ קיין ערלעכער אָנגעשטעלטער און דערביי געוועט זיך, אז ער נעמט זיך אונטער איבערצוקויפן ר' יצחק גדן. שפּעטער, ווען ר' יצחק גד איז געקומען צום זעלבן סוחר קויפן תבואה, האָט ער אים פאָרגעלייגט א צווייטן סאָרט און צוגעזאָגט אים דערפאַר א סך צו באַ־לוינען. ר' יצחק גד האָט אָבער אָפּגעוואָרפן אזא פאָרשלאַג. דאַן האָט אים דער סוחר געזאָגט: „זאָלסט וויסן, אז דורך דיין עקשנות האָב איך היזק א סך געלט".

ביי דער זעלבער פירמע „פּאַיאַנס" איז ר' יצחק גד אָפּגעווען דאָס גאַנצע לעבן. ווען ער איז געקומען אויף דער עלטער און האָט שוין נישט געקאָנט אַרבעטן, האָט אים די פירמע באַשטימט עמעריטור. תר"ס, שוין אַלט זייענדיק 70 יאָר, איז ר' יצחק גד אַוועק קיין ארץ־ישראל, — אויף וואָס די פירמע האָט אים געגעבן א גרויסע סומע געלט. דאָרט איז ער אריין אין בית־מחסה לזקנים און געשטאָרבן אין יאָר תרס"ה.

דער שטאָט־מגיד ר' ישראלקעלע

נאָך דעם מגיד ר' מאַנים (דאָס זאָל זיין אין יאָר תר"ח), איז גע־וואָרן שטאָט־מגיד ר' ישראלקעלע. ער איז אָנגעקומען קיין שעדלעץ פון וועגגראָוו, צוזאַמען מיטן דאָרטיקן ר' יצחק גאָלדמאַן (א ברוקירער), וועלכער האָט זיך דאָ באַזעצט. דער מגיד ר' ישראלקעלע האָט געשריבן א סך חיבורים, פלעגט טאַקע ר' יצחק גאָלדמאַן זיין ביי אים אלס אי־בערשרייבער און באַקומען 3 גראָשן פון בויגן.

ר' ישראלקעלע איז געווען א גרויסער למדן און אויך פאַררעכנט געווען אלס בעל־מופת. ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט אַרויסטרייבן דיבוקים, געבן פאַרשידענע סגולות און שרייבן קמיעות. ר' ישראלקעלע האָט געטראָגן א קאַפּאָטע, וואָס זי איז געווען געמאַכט פון פאַרמעט. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אָנשרייבן א קמיע פלעגט ער אָפּ־שניידן פון זיין קאַפּאָטע א שטיקל פאַרמעט און אויפשרייבן דערויף די קמיע.

ר' ישראלקעלע איז געווען א שטאַרקער מתנגד און דערפאַר פלעגן אים די חסידים רודפן און אָפּטאָן אים פאַרשידענע שפּיצלעך. איינער

פון די דעמאָלטיקע קאָצקער חסידים האָט איין מאָל אין א שבת פאר־נארט ר׳ ישראָלקעלען אין שטיבל אריין צו שלש־סעודות. דער חשוב ביי די חסידים איז דעמאָלט געווען ר׳ מאָטל גרינבערג, וועלכער האָט געהאט רעכט צו טראָגן „דוכאָוונע״ קליידער און איז דערום געזעסן אין שטריימל, אויבנאָן. אז דער מגיד ר׳ ישראָלקעלע איז אריינגעקומען אין שטיבל אריין, האָט מען אים אנידערגעזעצט נעבן ר׳ מאָטלען.

כדי צו קאָנען טרייבן חוזק פון מגיד ר׳ ישראָלקען, האָבן אים די חסידים פאָרגעשטעלט, אז ר׳ מאָטל איז דער רבי פון די חסידים. זיי האָבן פארלאנגט, אז דער מגיד זאָל עפּעס זאָגן תורה. ר׳ ישראָלקע האָט געזאָגט תורה, פארשטייט זיך, נישט קיין חסידישע, און די חסידים זיינען נישט געווען צופרידן פון דער דאָזיקער תורה און האָבן זיך אָנ־געהויבן לוסטיק צו מאכן איבערן מגיד. פון אלע זייטן האָט מען אים אָנגעהויבן צו שטעכן מיט שפּילקעס. עס איז דאן אין שטיבל געווען פינצטער, האָט ער נישט געזען, ווער עס שטעכט אים און אָנגעהויבן שרייען: רבי, מען שטעכט מיך! ר׳ מאָטל האָט נישט געוואוסט, אז די חסידים האָבן אהער אראָפּגענארט דעם מגיד, נאָר געמיינט, אז ער איז אליין געקומען זאָגן תורה, האָט ער זיך דאן אָנגערופן צום מגיד: „אז מען וויל זאָגן תורה פאר חסידים, דארף מען אויך מקבל באהבה זיין די שפּילקעס זייערע״. „אויך מיך — האָט ר׳ מאָטל צוגעגעבן — שטעכן זיי, אויב עס געפעלט זיי נישט מיין תורה״. דער מגיד האָט געזען, אז ער וועט דאָ גאָרנישט געווינען, האָט ער זיך קוים ארויסגעקריגן פון שטיבל און אנטלאָפן.

דערמיט האָבן זיך אָבער נאָך נישט געענדיקט די רדיפות פון די חסידים אויף דעם מגיד און כלערליי צרות האָט מען אים אָנגעטאָן. איינמאָל איז צו אים געקומען א חסידישער יונגערמאן און געזאָגט, אז עס איז דאָ איינער, וואָס עס רעדט פון אים ארויס א דיבוק, און ער פארלאנגט, אז דער מגיד זאָל גיין און ארויסטרייבן פון אים דעם דיבוק. דער מגיד האָט איינגעוויליקט מיטצוגיין. האָט מען אים אוועקגעפירט אין קאָצקער שטיבל. דאָרט האָט זיך שוין געפונען א יונגערמאן, וואָס האָט זיך פארשטעלט, אז עס רעדט ארויס פון אים א דיבוק.

דער מגיד האָט געמאכט פארשידענע סגולות, געמאכט אן עיגול פון קרייד, גענומען א לולב מיט אן אתרוג און געמאכט מיט זיי נענועים אין אלע זייטן. דער דיבוק האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. דאן האָט דער מגיד געהייסן ברענגען א פאס וואסער און גוזר געווען אויפן דיבוק, ער זאָל אריין אין פאס וואסער. אזוי ווי דער דיבוק האָט אָבער נישט געוואָלט מקיים זיין, וואָס דער מגיד הייסט, האָט זיך דער מגיד דאן א פאריאושטער אָנגערופן, אז ער האָט שוין נישט קיין שום עצה

און געוואָלט אוועקגיין, האָבן אים אָבער די חסידים אָנגענומען און אריינגעוואָרפן אים אין פאַס וואַסער.

אַן אנדערס מאָל האָבן די חסידים אויסגעקריצט אויף דעם מגידס שטענדער אין שול א צלם. מען האָט זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט אויס־צוטראַכטן א בלבול אויף דעם מגידס פרוי, אַז זי גיט זיך אָפּ מיט פרעמדע מענער און דערמיט אויסן געווען צו אסרן דעם מגיד ר׳ ישראלקעלען, וועלכער איז געווען א כהן, צו וואוינען מיטן ווייב. די פרוי איז אויסגעשטאַנען בושות. מ׳האָט זי גענומען אין מאַגיסטראַט אריין, כדי אָפּצושיקן, לויט די דאַמאָלסדיקע געזעצן, אין תפיסה. האָבן זיך אָבער געפונען א פּאָר בעלי־בתים, וואָס האָבן געוואוסט, אַז די זאַך איז א בלבול, און דערצו נישט דערלאָזט.

דער מגיד ר׳ ישראלקעלע האָט געפירט א ישיבה, איינער פון די תלמידים זיינע איז געווען דער אויבנדערמאָנטער ר׳ יצחק גאָלדמאַן, א ייד, א בן־תורה, וועלכער איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט. ר׳ יצחק פלעגט תמיד דערציילן פאַרשידענע מעשיות פון מגיד ר׳ ישראלקעלע.

די חסידים פון יענער צייט האָבן כסדר נישט געגעבן קיין מנוחה דעם מגיד און ער האָט באַשלאָסן צו אנטלויפן פון שעדלעץ. ער איז אנטלאָפן אין דער נאַכט פון הושענא רבא, תרי״א. זייענדיק שוין הינ־טער דער שטאָט, דערציילט מען, האָט ער געגעבן שעדלעץ א קללה, אַז זי זאָל פאַרברענט ווערן. אויף צו מאָרגנס איז טאַקע אויסגעבראָכן די גרויסע שעדלעצער שרפה, וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון שעדלעץ, בעת וועלכער עס זיינען אָפּגעברענט געוואָרן די גרויסע שול און פיל הייזער.

די אַלע מענטשן וואָס האָבן זיך באַטייליקט שפּעטער אין די רדיפות אויפן מגיד, דערציילט מען, איז אויסגעגאַנגען א שווארצער סוף. זיי האָבן חרטה געהאַט אויף די בזיונות, וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפט.

בכלל איז דעמאָלט געווען א צייט פון מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים, וואָס עס האָט געבראַכט דערצו, אַז איין צד זאָל דעם צווייטן אָפּטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך. צווישן די געשיכטעס וועגן אָפּטאָן שפּיצ־לעך ווערט אויך דערציילט אזא מעשה:

אין יענער צייט איז געווען אין שעדלעץ א ייד, האָט מען אים גערופן ר׳ לייבל קאַווע (אָדער ר׳ לייבל עטקעס), דער שווער פון רחל עטקעס און דער שטאַמפאָטער פון דער משפחה קאַווע אין שעדלעץ. ר׳ לייבל קאַווע איז געווען א פרומער און אָפּגעהיטענער ייד. געוואוינט האָט ער אין זעלבן הויז, וואו עס האָט שפּעטער געוואוינט רחל עטקעס.

ר׳ לייבל קאַווע פלעגט זיך נוהג זיין פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער, אָנצוטאָן דעם טלית און תפילין ביי זיך אין שטוב און אזוי־ערנאָך גיין אין בית־המדרש אריין. ער פלעגט מהדר זיין נישט צו

זיין דורך ווארשעווער גאס, וואו עס זיינען געווען קראָמען, נאָר דורך קאָזשע־געסל. דאָס האָט ער געטאָן מיט דער כוונה, כדי ח"ו נישט צו געבן קיין עין הרע די יידן, וואָס האָבן געלייזט געלט (אין יענער צייט פלעגט מען עפענען די קראָמען פארטאָג).

ר' לייבל קאווע האָט זיך איינמאָל איינגעשפארט, אז ער וויל קריגן רוח־הקודש. אזוי ווי צו רוח־הקודש, האָט ער געוואוסט, דארף מען האָבן התבודדות, האָט ער זיך פארמאכט ביי זיך אין שטוב אין א באזונדער צימער און נישט געהאט קיין שום מגע־ומשא מיט דער אויסערלעכער וועלט, נאָר עוסק געווען אין תורה און תפילה.

אז די חסידים זיינען דערפון געוואויר געוואָרן, האָבן זיי נישט גע־וואָלט דערלאָזן, אז ר' לייבל זאָל קריגן רוח־הקודש און האָבן באשלאָסן קאליע צו מאכן, ער זאָל קיין רוח־הקודש נישט האָבן. זיינען זיי איינ־מאָל געקומען צו אים, עס איז שוין געווען נאָענט פון די פיר וואָכן, וואָס ר' לייבל האָט געהאט התבודדות און אָנגעהויבן שטארק צו קלאפן אין די טירן. ר' לייבל האָט אָבער באין אופן נישט געוואָלט עפענען. האָבן זיי ארויסגעריסן די טירן מיט געוואלד. ר' לייבל איז געוואָרן אין כעס. דערמיט האָבן די חסידים דערגרייכט זייער ציל, ווייל זיי האָבן ר' לייבלען געבערענגט אין כעס אריין, האָבן זיי געוואוסט, וועט שוין דער רוח־הקודש אויף אים נישט שורה זיין, „שאין רוח־הקודש שורה אלא על לב שמח".

ר' לייבל האָט טאקע כל ימיו געהאט א בייז הארץ אויף די חסידים, הלמאי זיי האָבן אים קאליע געמאכט דעם רוח־הקודש.

ר' מתתיהו רובינשטיין

ר' מתתיהו רובינשטיין איז געווען איינער משרידי הדור הישן איינער פון די אלטע קאָצקער חסידים און געציילטע לומדים אין שעדלעץ.

ער איז געווען א מענטש מיט א שארפן שכל, א גרויסער בעל זכרון, געדענקט פיל מעשיות פון אמאָליקן שעדלעץ, פון דער פאָווסטא־ניע־צייט אָן. פלעגט ווער וועלן וויסן עפּעס א זאך פון יענער צייט, האָט ער נישט געהאט צו וועמען צו ווענדן זיך נאָר צו ר' מתתיהו. עס איז דערום געווען זייער אינטערעסאנט צו שמועסן מיט אים. ער פלעגט באנוצן און רעדן לומדישע גלייכווערטלעך און שיינע משלים. פלעגט טאקע זיין געוועלבל אין פאפשעטשנע געסל, וואָס איז געווען צוזאמען מיט זיין וואוינונג, שטענדיק זיין א מין בית ועד לחכמים.

ר' מתתיהו רובינשטיין האָט געהאט א גרויסע ידיעה אין אסטראָ־נאָמיע (שבילי דרקיע); דערין האָב איך זיך איבערצייגט נאָך מיט העכער פופציק יאָר צוריק, ווען מיר האָבן צוזאמען געלערנט רמב"ם,

הלכות קידוש החודש, ביי וואָס ר׳ מתתיהו האָט ארויסגעוויזן גרוים בקיאות.

ער האָט אויך געלערנט קבלה און בכלל עוסק געווען בתורה ועבודה, זיין דאוונען אלע טאָג ביחידות אין בית המדרש האָט געדויערט עטלעכע שעה.

ביי זיין גאנצער פרומקייט איז ר׳ מתתיהו נישט געווען קיין קנאי און געווען טאָלעראנט צום יונגן דור, ווי געהעריק פארשטאנען זיינע שטרעבונגען און פאָדערונגען.


אין די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן איז ר׳ מתתיהו רובינשטיין שוין געווען שטארק אָפּגעשוואכט, דאָך פלעגט ער עוסק זיין בתורה ועבודה. נאָך דריי טאָג פאר זיין פטירה, איז ער געגאנגען דאוונען אין בית מדרש אריין און ווי זיין שטייגער איז געווען — מאריך געווען אין זיין תפילה.

ער האָט געלעבט 84 יאָר.

נאָך דער לוויה איז נאָכגעגאנגען זייער א גרויסער עולם פון אלע שיכטן פון דער שעדלעצער באפעלקערונג.

הערש אבארבאנעל — ב. איירעס.

אברהמעלע ראָזענבערג



יזכור... ווען מיר דערמאָנען מיט יראת הכבוד און פיעטעט, אונדזערע אייגענע און נאָענטע פון אונדזער היימשטאָט שעדלעץ, וועלכע זיינען אומגעקומען אין דער צייט פונעם היטלער־קאטאקליזם, ווען מיר רופן ארויס טיפן און געשטאלטן פון אונדזער הרוב געוואָרן שטעטל, וועלכע האָט געטיילט דעם ביטערן גורל פונעם אייראָפּעאישן יידנטום — בכדי צו דערמאָנען און פאראייביקן זייער אָנדענק, איז אויך כדאי צו דערמאָנען א פריערדיקע עפּאָכע, און פארצייכענען דאָס געשטאלט פון אברהמעלע ראָזענבערג, וועלכער האָט מיט טיפיש יידישער עקשנות אויפגענומען דעם אומגלייכן קאמף — דעם קאמף פון א רעכטלאָזן יידן אונטערן צארישן רעזשים, מיט א ווילקירלעכן פּאָליציי־מייסטער און א גובערנאטאָר, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען כמעט די אליינהערשער און באפעלער איבער די שעדלעצער געביטן.

דאָס רוסישע יידנטום אונטער דער צארישער מאכט, האָט געהאט אויסצושטיין כסדרדיקע רדיפות און פּאָגראָמען, דיסקרימינאציעס, דערנידערונגען און רעכטלאָזיקייט. דאָס יידישע שעדלעץ איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין אויסנאם, שעדלעץ האָט געטיילט דעם גורל פונעם גאנצן רוסישן יידנטום.

אין די ניינציקער יאָרן פונעם פארגאנגענעם יאָרהונדערט, איז אין שעדלעץ געווען גובערנאטאָר א געוויסער סאבאטקין; וויצע־גובערנאטאָר: ליאסקאָווסקי, וועלכער האָט געהאט א יידישע פרוי, און א יונגער

22־יאָריקער פּאָליציי־מייסטער: סעמיענטאָווסקי, וואָס זיינער א פעטער איז געווען א מיניסטער אין דער רוסישער רעגירונג.

דער כאַראַקטער פון די דריי הערשער, אין וועמענס הענט ס׳איז געלעגן דער גורל פונעם שעדלעצער יידנטום איז געווען פאַרשידן. דער גובערנאַטאָר איז ווייזט אוים געווען א לעמעשקע, און איז געווען אינ־גאַנצן אונטער דער השפעה פון דעם יונגן ברוטאלן פּאָליציי־מייסטער. אפילו אויך דאַן, ווען דער פּאָליציי־מייסטער האָט געפירט א לינקע ליבע מיט דער פרוי פון גובערנאַטאָר און ס׳איז געווען א „סוד פאַר גאַנץ בראָד״, האָט דער גובערנאַטאָר אָדער נישט „געזען״, אָדער נישט געהאַט קיין מוט צו רעאַגירן.

דער וויצע־גובערנאַטאָר איז אין א געוויסער מאָס געווען אומאָפּ־הענגיק פון זיי ביידן, און אָפטמאָל געהאַנדלט לטובת די יידן. זייער וואַרשיינלעך אונטער דער השפעה פון זיין יידישער פרוי. דערפאַר איז אָבער דער פּאָליציי־מייסטער געווען א פאַרביסענער שונא־ישראל, און אָנגעטאָן די שעדלעצער יידן גרויסע צרות מיט סאַדיסטישער הנאה.

צו די שיקאַנעס און רדיפות אויף די שעדלעצער יידן, איבער וועל־כע דער פּאָליציי־מייסטער האָט זיך איזדיעקעוועט אויף א ברוטאלן אופן, האָט ער נאָך דערצו פון זיי געפאָדערט כאַבאַר און אויסגעפּרעסט געלט, וואו און ביי וועמען ער האָט נאָר געקענט. אין דער פּאָרעם פון וואָכנגעלט אָדער חודש־געלט. אפילו צום שיל־שמש — משהלע, וועלכער איז אויך געווען בעל־שחרית, האָט ער אויך דערלאַנגט.

אין א געוויסן פרייטיק־צו־נאַכט פאַר קבלת שבת, איז ער אריינ־געקומען אין שיל און אים פון דאָרט ארויסגעטריבן. ערשט, ווען משהלע האָט אים געגעבן 300 רובל כאַבאַר, האָט ער צו אים געזאָגט: „נו, איצט קאָנסטו שוין גיין זאָגן „המלך״.

אין א יום־כפור איז ער אריינגעקומען אין גערער שטיבל, ארויס־געשלעפּט פון דאָרט א פּאָר יידן, ארויפגעזעצט זיי אויף א דראָזשקע, און ער אליין איז מיט זיי ארומגעפאָרן איבער דער שטאָט. אָפּשערן יידן די בערד און אָפּשניידן די פּאָלעס פון זייערע קאַפּאָטעס — איז געווען א גאַנץ אָפטער „ספּאָרט״ ביים ברוטאלן פּאָליציי־מייסטער.

אברהמעלע ראָזענבערג, אָדער „מילעי בארין״ *) — ווי מ׳האָט אים גערופן, — ווייל אזוי האָט ער זיך געווענדט צו יעדן איינעם, — איז געווען א ייד אויף וועמען מ׳זאָגט: „ער לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע״.

---

*) מילעי בארין: ליבער פריץ.

ער האָט נישט געזוכט קיין אוואַנטורעס, נישט געווען אַרויסרופע־ריש, אָבער ווען ער איז געשטאַנען פאַר אַ נסיון, וואו אין קאָן איז גע־שטאַנען דער יידישער כבוד, האָט ער אָן וואַקלענישן דעם נסיון אויפ־גענומען און מיט ווירדע און מוט געקעמפט און פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד.

אברהמעלע ראָזענבערג איז געווען אַ שם־דבר אין גאַנץ שעדלעץ און אומגעגנט. וועגן זיין אויסערגעוויינלעכן מוט, האָט מען גערעדט מיט רעספּעקט און אָנערקענונג. אברהמעלע ראָזענבערג האָט אויך אויפ־גענומען דעם קאַמף קעגן דעם צעיושעטן פּאָליציי־מייסטער און איז אים אויך בייגעקומען.

אברהמעלע ראָזענבערג איז איינמאָל אַריינגעקומען אין אַ בעקעריי קויפן געבעקס. ער באַצאָלט מיט אַ גרעסערע מטבע, און באַקומט אַ רעשט. היות ער איז געווען קורצזיכטיק, איז ער געשטאַנען אַריבערגע־בויגן איבערן טישקאַסטן און איבערגעציילט דעם רעשט. אין דעם מאָ־מענט איז אַריינגעקומען דער פּאָליציי־מייסטער, און זעענדיק ווי ער שטייט אַזוי צוגעבויגן איבערן טישקאַסטן און לייגט נישט קיין אכט אויף זיין אָנוועזנהייט, גיט ער צו אים אַ געשריי: „זשיד פּאַרכאַטי! זעסטו נישט ווער ס'איז אַריינגעקומען? פאַרוואָס שטעלסטו זיך נישט גלייך?". דאָס פאַרענטפערן זיך פון אברהמעלע ראָזענבערגן, אַז ער האָט אים נישט באַמערקט, איז פאַר דעם פּאָליציי־מייסטער נישט געווען גענוג, און ער דערלאַנגט אים אַ זעץ איבערן קאָפּ.

אברהמעלע האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ פּאָר שאַרפע ווערטער, פון וועלכע דער פּאָליציי־מייסטער איז געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט, און ער האָט אים אַרעסטירט.

נאָך אַ פּאָר טעג אַרעסט, האָט ער באַפוילן אים ברענגען צו זיך, און האָט אים געפרעגט: „ווי האָסטו געוואַגט אַזוי אָפּצוענטפערן אַ פּאָ־ליציי־מייסטער?". אברהמעלע האָט אויך דאַן זיך נישט דערשראָקן און אים געענטפערט מיט ווירדע. לענגער האַלטן אין אַרעסט, האָט ער אים נישט געקענט, האָט ער אים בלית־ברירה באַפרייט. פון דעם מאָמענט אָן האָט אברהמעלע ראָזענבערג אויפגענומען דעם קאַמף קעגן פּאָליציי־מייסטער.

אברהמעלע האָט געוואוסט, אַז קלאָגן זיך פאַרן גובערנאַטאָר איז אַרויסגעוואָרפענע רייד, ווייל ער איז מיט דעם פּאָליציי־מייסטער „פּאַן בראַט", האָט ער דערפאַר זיך געקלאָגט פאַרן וויצע־גובערנאַטאָר און אים אויסדערציילט די אַלע צרות וואָס דער פּאָליציי־מייסטער טוט אָן די שעדלעצער יידן. דער וויצע־גובערנאַטאָר האָט אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם, אָבער ער האָט אים דערווייל גאָרנישט געקענט העלפן.

איינמאָל אין א פרייטיק, פאַרט דער פּאָליציי־מייסטער צו גאסט צום גובערנאַטאָר, וועלכער האָט זיך דאן געפונען אויף זומער־וואוינונג אין סטאַק — א דערפל הינטער שעדלעץ. אויפן וועג איז אים אנטקעגנגעקומען א ייד — דאָס איז געווען בערל גלעזער — וועלכער איז געגאנגען אהיים קיין שעדלעץ אויף שבת. שטעלט דער פּאָליציי־מייסטער אָפּ זיין דראָזשקע און באפעלט אים צו געבן א קוש דעם פערד הינטערן עק.

בערל גלעזער האָט זיך אָפּגעזאָגט נאָכצוקומען דעם באפעל, איז דער פּאָליציי־מייסטער אריין אין רציחה און צעשלאָגן בערלען מיט א שטעקן, איבערלאָזנדיק אים א צעבלוטיקטן און צעביילטן אין מיטן וועג, ביז ס'איז אָנגעפאָרן א פויער און אים אוועקגעפירט אין שטאָט אריין. — „וואוהין דיך פירן?" — פרעגט אים דער פויער. — „צו אברהמל ראָזענבערג" — ענטפערט אים בערל.

אברהמעלע ראָזענבערג האָט בערלען גלייך צוגעפירט צום וויצע־גובערנאַטאָר, בכדי אים צו ווייזן, אויף וואָס דער פּאָליציי־מייסטער איז אליין פעאיק. דער וויצע־גובערנאַטאָר, אן אויפגעבראכטער פון אזא ברוטאַליטעט, האָט באשטראָפט דעם פּאָליציי־מייסטער מיט זיבן טעג ארעסט. געוואויר ווערנדיק וועגן דער שטראָף, איז ער גלייך אוועק צום גובערנאַטאָר און יענער האָט די שטראָף אָפּגערופן.

דאָ האָט זיך שוין אָנגעהויבן א קאמף צווישן גובערנאַטאָר און פּאָליציי־מייסטער פון איין זייט, און דעם וויצע־גובערנאַטאָר פון דער צווייטער זייט. דער קאמף איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דער פּאָליציי־מייסטער האָט אונטערגעוואָרפן צום וויצע־גובערנאַטאָר אין שטוב נישט דערלויבטע ליטעראַטור. פּאָליציי האָט פארשטענדלעך גלייך געמאכט א רעוויזיע און „געפונען" די פארבאָטענע ליטעראַטור.

צו יענער צייט האָט אברהמעלע ראָזענבערג געהאט אוועקגעשיקט אן אָנקלאגע קעגן דעם גובערנאַטאָר און פּאָליציי־מייסטער, דירעקט צום קיסר, אָבער די אָנקלאגעס זיינען צום קיסר נישט דערגאנגען, ווייל דעם פּאָליציי־מייסטערס פעטער — דער מיניסטער — האָט שוין געזען אז די אָנקלאגע זאָל ערגעץ „פארפאלן" ווערן. האָט מען אברהמעלען געעצהט, אז ער זאָל די אָנקלאגע שיקן דורך דייטשלאנד. אברהמעלע האָט אזוי געטאָן, און די אָנקלאגע איז סוף־כל־סוף אָנגעקומען דירעקט צום קיסר. דער קיסר האָט די אָנקלאגע איבערגעשיקט קיין ווארשע צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, מיט א באפעל אויסצופאָרשן דעם ענין.

אין א טאָג באקומט אברהמעלע ראָזענבערג א מעלדונג זיך צוצושטעלן צום גענעראַל־גובערנאַטאָר אין ווארשע. נישט פארלירנדיק קיין צייט, פאָרט ער גלייך קיין ווארשע און מעלדעט זיך צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אים גלייך אויפגענומען און אים אויסגע־

פרעגט וועגן גאנצן ענין. אברהמעלע דערציילט אים אלץ מיט אלע איינ־צלהייטן און דער גענעראל־גובערנאטאָר שיקט אים איבער צום אויבער־פּראָקוראָר; יענער נעמט אים אויף זייער פריינדלעך, שמועסט מיט אים צוויי שעה, און לסוף זאָגט ער אים צו צו דערליידיקן דעם ענין.

עס ווערט דאן באשטימט אין די הויכע ספערן פון ווארשע א קאָ־מיסיע וואָס דארף זיך אראָפּכאפּן קיין שעדלעץ און דאָרט חוקר ודורש זיין דעם ענין.

די גוטע ברידער האָבן עס באלד איבערגעטראָגן דעם גובערנאטאָר און פּאָליציי־מייסטער. דער לעצטער, וואָס האָט געהאט זיינע פארבינ־דעטע אין דער אונטערוועלט, דינגט אָן דעם חברהמאַן טוביה קאָשעץ, פאר 500 רובל, יענער זאָל אברהמעלען פארנארן אונטערן שטאָט, וואו ער, דער פּאָליציי־מייסטער, וועט אים „צורעכט מאכן".

דעם טוביהן איז אָבער די קאָפּ נישט געווען אויסגעדארט. ער האָט פארשטאנען, אז נאָכן אָפּטאָן זיין שמוציק שטיקל ארבעט, וועט דער פּאָליציי־מייסטער זוכן פון אים פּטור צו ווערן, ער זאָל נישט אויסזאָגן פון הדר. האָבנדיק שוין באקומען די 500 רובל פאר זיין טרחה, האָט ער חרטה און קערט אום דעם פּאָליציי־מייסטער זיין געלט.

דער גובערנאטאָר, ווידער, האָט זיך שוין צוגעגרייט אויפצונעמען דער קאָמיסיע אויף א מער אָנשטענדיקן אופן. ער האָט פאררופן צו זיך אלע השובע יידישע שטאָט־בעלי־בתים און זיי געוואָרנט: טאָמער חלילה רעדט עמעצער קעגן אים, וועט ער „אָנלערנען" דער גאנצער שטאָט יידן.

דערליידיקט מיט זיי, האָט ער געשיקט רופן ראָזענבערגן. אברהמע־לע האָט גוט געוואוסט, אז אויף כיבוד־וועגן רופט אים נישט דער גו־בערנאטאָר, און אז אין גרויסן פּאלאַץ פון זיין שונא, קענען די דינער אים אָנברעכן די ביינער אז קיין האָן וועט נישט קרייען. נישט גיין, ווידער, קען מען אויך נישט. אז א גובערנאטאָר רופט, קען מען דאָך קיין הזיר נישט זיין. איז ער געפאלן אויף א שכל און אָנשטאָט צו ריידן מיטן גובערנאטאָר אונטער פיר אויגן אין יענעמס פּאלאַץ, איז ער אוועק אין פּאָליציי־קלוב.

געווען איז עס פרייטיק, ווען אלע קאָמיסארן פון אומגעגנט פלעגן זיך צונויפקומען אין זייער קלוב אויף דער לאנגער גאס. דער גובערנא־טאָר פלעגט זיין זייער פּאָרזיצער. גייט זיך אברהמעלע צום קלוב, בא־טראכט די פארשידענע קאָרטעס וואָס שטייען דאָרט, און זעענדיק אז דעם גובערנאטאָרס קוטשער דרעמלט אויף דער קארעטע פון זיין פריין, פארשטייט ער, אז דער גובערנאטאָר איז שוין אינעווייניק. גייט ער צו צום שווייצאר פון קלוב און דערלאנגט אים א מטבע, ער זאָל מעלדן „זיין הויכקייט דעם גובערנאטאָר", אז דער „יעוורעי" גאָספּאָדין ראָזענ־בערג וויל מיט אים רעדן. דער גובערנאטאָר הייסט גלייך אריינלאָזן.

אברהמעלע גייט אריין אין קלוב. ארום טיש זיצן אלע קאָמיסארן מיטן גובערנאטאָר אויבנאָן. דערזעענדיק אברהמעלען, צעשרייט זיך דער גו־בערנאטאָר פאר אלעמען אין די אויגן, ער זאָל שוין תיכף ומיד צוריק־רופן זיין אָנקלאגע קעגן אים, אז נישט וועט ער... אויך די קאָמיסארן האָט ער געדראָט, אז אויב ער וועט מוזן גיין, וועלן זיי אלע פארלירן זייערע אמטן.

„אדוני פריץ! — האָט קאלטבלוטיק געפרעגט אברהמעלע — איך האָב דריי אָנקלאגעס געשיקט. וועלכע פון די דריי איז אָנגעקומען אוואו ס'האָט געדארפט, ווייס איך נישט. היינט ווי ווייס איך וועלכער אָנ־קלאגע צוריקרופן?"

„איך וועל דיר זי איבערלייענען" — ענטפערט דער גובערנאטאָר און ציט ארויס פון טעקע א קאָפּיע פון דער לעצטער אָנקלאגע, וואָס זיינע קאָלעגן פון ווארשע האָבן אים איבערגעשיקט און נעמט עס לייע־נען. קומענדיק צום שטעל, אוואו עס זאָגט זיך, אז ער איז אלט און ליגט אינגאנצן אונטער דער השפעה פון פּאָליציי־מייסטער, האָט ער זיך גע־שעמט פאר די קאָמיסארן און עס געפּרואווט אראָפּשלינגען צווישן די ציין. אברהמעלע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט און דווקא געפאָדערט ער זאָל איבערלייענען נאָכאמאָל קלאָר און דייטלעך. דער גובערנאטאָר האָט נעבעך געמוזט לייענען אויפן קול זיין שוואכקייט, פון וואָס אלע קאָמיסארן האָבן געשמייכלט אין־זיך, וויסנדיק אז עס איז אמת.

געענדיקט לייענען, רופט זיך אָפּ אברהמעלע: „עס טוט מיר לייד, אָבער איך קען שוין די אָנקלאגע נישט צוריקרופן, ווייל דאן דערוואר־טעט מיר א שווערער פּראָצעס פאר אויסטראכטן בילבולים אויף מלוכה־מענער

באהערשנדיק דעם כעס אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע אונטערגע־וואָרפענע, און זעענדיק אז דער ראָזענבערג איז א שווערער נוס צו צע־קנאקן, לאדט אים איין דער גובערנאטאָר צו זיך אין פּאלאץ אויף אן אינטימען שמועס, צוזאָגנדיק אים קיין שלעכטס נישט טון.

אברהמעלע האָט זיך מיישב געווען, „אז מ"גייט אין מלחמה, מוז מען קענען פולווער שמעקן", און איז אוועק מיט הארצקלאפעניש אין פּאלאץ.

דער גובערנאטאָר האָט אים צוערשט גאנץ העפלעך געדריקט די האנט און געבעטן זיצן. אויפן טיש איז געשטאנען פארשידענע געטראנ־קען. וועלנדיק אָבער אָנשרעקן אברהמעלען, האָט דער גובערנאטאָר אים פּאַרגעוואָרפן, וואָס ער שרייבט אין דער אָנקלאגע אז ער, דער גובער־נאטאָר, איז שוין אלט.

„איך בין אלט? נאָ, זע! און דער גובערנאטאָר האָט מיט א ווילדע

רציחה א שליידער געטאָן די שראנק מיט גלאָזגעשיר אויף... דעם פאַל.

אויפן בריאזג פון די גלעזער זיינען ארייננגעלאָפן אייניקע דינער, וועמען דער גובערנאַטאָר האָט מיט אן עכט-רוסישער „ברכה" משלח געווען.

„איצט זעסטו שוין — האָט ער טריאומפירנדיק געזאָגט צו אברה־מעלען, — אז מיר פעלט נישט קיין כוח".

אברהמעלען האָט געקלאַפט א צאָן אָן א צאָן. ער האָט אָבער זיך געמאכט הארץ און געלאסן געענטפערט: „ברעכן גלעזער קען אויך א גוי אין פאַסטעלעם. דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך פון א גובערנאַטאָר, איז האָבן כוח און כאראקטער צו רעגירן און צו קענען אימפאָנירן דעם איי־גענעם ווילן".

*****

די ענדע איז געווען, אז די קאָמיסיע איז געקומען, גערופן אברהמע־לען, גערופן נאָך יידן, געפאָרשט און צוריקגעפאָרן קיין ווארשע.

אברהמעלע האָט דערציילט דעם גאנצן אמת וועגן די רשעות פון פאָליציי-מייסטער און די אומפעאיקייט צו רעגירן פון גובערנאַטאָר. די אנדערע יידן אָבער, זייענדיק אָנגעשראָקן, האָבן איינגעפונען אז „שוויגן איז גאָלד", און פארשוויגן די אלע שיקאנעס און צרות, וואָס דער פאָלי־ציי-מייסטער האָט זיי פארשאַפט.

דער אורטייל איז שפעטער אָנגעקומען, אז דער פאָליציי-מייסטער ווערט באשטראָפט דורך באשטימען אים אויף א נידעריקערן אמט. אויס חרפה, וואָס א יידל האָט אים באזיגט, ווארפט ער זיך אונטער א באן און פייגערט אוועק. שעדלעצער יידן דערלעבן א נקמה אין זייער המן, א דאנק דעם אומדערשראָקענעם קעמפער אברהמעלע ראָזענבערג.

אים אליין אָבער, אברהמעלען, קומט אויס צו ליידן פאר זיין זוכן יושר. מחמת דעם וואָס דער וויצע-גובערנאַטאָר איז דערהויבן געוואָרן אלס גובערנאַטאָר פון קעלץ, באקומט דער שעדלעצער גובערנאַטאָר פרייע הענט אין זיין גובערניע און נוצט עס אויס, צו נעמען נקמה אין ראָזענבערגן. מיט דער הילף פון קרייז-געריכט, געלינגט אים ארויסצו־שיקן אברהמעלען פון שעדלעץ, אלס אומגעוואונטשענער בירגער.

א דאנק די שתדלנות פון רחל עטקעס, זיין שוויגערס מוטער, פועלט מען ביים גובערנאַטאָר, ער זאָל דערלויבן אברהמעלען אליין אויסוויילן די שטאָט, וואו ער זאָל פארשיקט ווערן און ער קלייבט אויס קעלץ, וואו זיין באשיצער ליאסקאָווסקי איז שוין דאן געווען גו־בערנאַטאָר. דאָרט לעבט ער דריי יאָר, פטרט פאר דער צייט זיין פאר־מעגן און קערט זיך אום אין זיין געבוירנשטאָט זייער פאראָרעמט.

ביים שעדלעצער גובערנאַטאָר איז פארבליבן א געפיל פון רעס־

פעקט צו זיין געוועזענעם מוטיקן און הערלעכן שונא און ער פלעגט אלע פסח אים שיקן א מתנה אויף יום־טוב.

ווען אברהמעלע ראָזענבערג איז אוועק אין זיין אייביקער רו, האָט דאָס „שעדלעצער וואָכנבלאט“ געשריבן:

„היינטיקן זונטיק איז אין עלטער פון 68 יאָר געשטאָרבן אברהמע־לע ראָזענבערג, וואָס איז באקאנט אונטערן נאָמען „מילעי בארין“, איי־נער פון די אינטערעסאנטסטע טיפּן פון עלטערן דור. אין דער צייט פון טרויעריק־בארימטן רוסישן פּאָליציי־מייסטער סעמיענטאָווסקי, האָט דער פארשטאָרבענער געהאט דעם מוט צו פירן קעגן דעם דאָזיקן צורר אן עפנטלעכן קאמף, ביז אפילו צו שארפע ארויסטרעטן קעגן דעמאָל־טיקן גובערנאטאָר סאַבאָטקין, פאר וואָס ער האָט געקראָגן „ווילקע“ קיין קעלץ אויף דריי יאָר“.

אזוי האָבן אמאָל ביי אונדז אין שעדלעץ, ווי אין אנדערע יידישע קהילות געלעבט שטאָלצע יידן, וואָס האָבן ווי אמתע יורשים פון די אמאָליקע נביאים, נישט געוואָלט שלום מאכן מיט זייער קאָרומפּירטער, טיראנישער סביבה און אין א וועלט פון רשעות און אומרעכט געקעמפט פאר יושר און אמת, נישט וועלנדיק בשום אופן בויגן די קעפּ פאר די וואָס זיינען געווען פיל שטארקער פאר זיי און געגלויבט אז סוף־כל־סוף וועט מוזן זיגן די גערעכטיקייט.

דוד בן יוסף

ישראל ראָזענבלום — דער פּרעזעס פון „בית לחם"

שעדלעצער געדענקען זייער גוט דאָס קליינע געוועלבל אין אַן אַלט הילצערן הויז אויף פּיענקנע 67, וואָס האָט געהערט צו ישראל ראָזענ־בלום, דעם פּרעזעס פון „בית לחם".

די „בית־לחם"־עסקנים זיינען געווען יידן פון אַלטן שניט, וואָס דער באַגריף צדקה האָט נישט געטראָגן ביי זיי קיין מאָדערנעם כאַראַקטער. זיי האָבן אַלין געטאָן כדי צו קענען זאַט מאַכן, כאָטש איין טאָג אין דער וואָך, שבת, א הונגעריקע משפּחה. זיי זיינען אַליין געגאַנגען מיט די קוישן איבער די יידישע הייפן, געזאַמלט חלה, ברויט און אַנדער עסנ־וואַרג און פונאַנדערגעטראָגן אין די שטיבער פון די נויט־ליידנדיקע, פון די הונגעריקע.

דער הויפּטנערוו פון „בית־לחם", דער עמוד־התוך פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, איז געווען דער פּרעזעס אירער ישראל ראָזענבלום. די משפּחה האָט זיך שטענדיק געקלאָגט, אַז דעם בית־לחם ווידמעט ער מער צייט, מער ארבעט, ווי זיינע אייגענע בני־בית, — זיין אייגענער שטוב. און אַלין האָט זיך קאָנצענטרירט אין זיין געוועלבל.

אַזוי ווי „בית־לחם" האָט דאַן אַממייסטן געזאָרגט, אַז הונגעריקע משפּחות זאָלן האָבן א זאַטן שבת, האָט זיך אין ראָזענבלומס געוועלבל, פריי̆טיק פאַרנאַכט, אָנגעהויבן דער „אמתער יריד". אָט קומט אריין א בכבודיקע יידענע, וואָס מען דערקענט אויף איר, אַז זי האָט זיך אויף א מינוט אָפּגעריסן פון פאַרען זיך ארום שבת און סודעט זיך שטיל מיט דעם „בית־לחם"־פּרעזעס. די יידענע איז געקומען בעטן פאַר וועמען עפּעס עסן אויף שבת. באַלד באַפעלט טאַקע דער „בית־לחם"־פּרעזעס א צווייטן עסקן, צו קויפן א פּאָר חלות, ברויט, הערינג און אוועקטראָגן עס אויף א באַשטימטן אַדרעס.

אַט דער, פאר וועמען די דאָזיקע יידענע האָט געבעטן, פלעגט נאָך מיט א קורצער צייט צוריק אלע שבת מקבל פנים זיין די „נושאי־לחם" מיט צוויי חלות, ברויט, צוקער אד"גל. און איצט איז ער אליין געקומען צו אזא מדרגה. עס פארגרעסערט זיך די צאָל נצרכים, די הונגער־ליידנ־דיקע, און אלץ מער פארקלענערט זיך די צאָל פון געבערס. אין די קוישן ווערט וואָס אמאָל ווייניקער — קלאָגט זיך דער פּרעזעס.

ערב פסח, איז ביי ראָזענבלומען אין געוועלבל געווען הויכסעזאָן. וואו א געדריקטער, וואו אן אָפּגעקומענער, וואָס ס'איז שוין ביי אים געווען כלו כל הקיצין און האָט נישט געהאט קיין שום האָפענונג צו מאכן פסח, איז געקומען צום ה' ראָזענבלום אויסגיסן פאר אים זיין בי־טער הארץ, און ער, דער פרעזעס פון „בית־לחם", האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט מויערן דורכגעשלאָגן און נישט דערלאָזט, אז וועל־כער ייד זאָל ח"ו דארפן פייערן דעם „זמן הרותנו" הונגעריקערהייט און יוצא זיין דעם „שלחן עורך" מיט א ליידיקן טיש.

די לעצטע יאָרן איז ישראל ראָזענבלום געווען אין א געדריקטער שטימונג. ער האָט זיך כסדר געקלאָגט, אז די הערצער פון אונדזערע רחמנים בני רחמנים ווערן וואָס אמאָל מער פארהארטעוועט, קיינעם קימערט נישט דעם צווייטנס נויט, דעם צווייטנס ליידן, עס ארט אים נישט, וואָס ביי זיין שכן איבער דער וואנט שמאכט מען פון הונגער. פאר אים איז געגוג, אז ער איז זאַט, אז ער האָט אלץ, וואָס ער דארף.

ישראל ראָזענבלום האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט אויף זיין מצב. אים האָט קיינמאָל נישט געארט, וואָס זיין געוועלבל גיט אים פרנסה בדוחק. ער האָט אָבער געוויטיקט פאר דער שעדלעצער אָרעמ־קייט, וועמען מ'דארף העלפן — אזא ייד איז געווען ישראל ראָזענבלום.

ישראל ווינאָגראד (בוענאָס-איירעס).

ר׳ יצחקל „אייזענער״

איינער פון די מערקווירדיקסטע טיפּן, וואָס שעדלעץ האָט פאַר־לאָרן אונטער דער ממשלת-זדון פון די נאַצישע באַרבאַרן, איז, בלי ספק, געווען דער אַזוי אַלעמען באַקאַנטער אין שעדלעץ יצחקל, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן: יצחק „אייזענער״

ווען מען איז נישט באַקאַנט י. ל. פּרצעס דערציילונג „אויב נישט נאָך העכער״, וואו דער ליטוואַק אַנטדעקט, אַז אַנשטאָט צו פליען אין הימל, ווי די חסידים האָבן געגלויבט, גייט גאָר דער נעמיראָווער רבי אין סליחות-צייט אין וואַלד אַריין, האַקט-אָן אַ בינטל האָלץ און טראָגט עס אַוועק צו אַן אָרעמער קראַנקער אַלמנה, וואו ער הייצט אַליין איין אין אויוון, זאָגנדיק בשעת-מעשה די סליחות?

פּונקט אַזאַ מערקווירדיקער מענטש איז געווען דער דאָזיקער יצחק „אייזענער״, וואָס דעם צונאָמען „אייזענער״ האָט ער באַקומען דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַן אייזן-געוועלב. נאָר נישט ע ר איז עס גע־ווען דער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די קונים, נאָר זי, די פלוניתטע זיינע, איז עס געווען די פּרנסה-געבערין און פאַרזאָרגערין פון דער שטוב. יצחק „אייזענערס״ עובדה, אָבער, איז געווען אַ וויכטיקערע: צו קומען אין געשעפט אַלע ערב פּסח בודק-חמץ זיין, אָדער אַזוי אין אַ פּריוויטיקדיקן מאַרקטאָג אַריינפאַלן אין געוועלב און, אין דער אַנוועזנ־הייט פון קריסטלעכע קונים אפילו, זיך אויסציען אויף דער ערד, זאָגנ־דיק דערביי צו זיין זון אָדער פרוי: „זעט! דאָס איז דער סוף פונעם מענטשן — אדם יסודו מעפר וסופו לעפר — פון שטויב איז דער מענטש און צו שטויב קערט ער זיך אום. ווען אַ מענטש שטאַרבט, ציט מען אים אויס אַזוי און מ׳טוט אים זיין רעכט; טאָ וואָס זשע זאָרגט איר זיך אַזוי וועגן פּרנסה? מאן דיהב חיי, יהב מזוני — ווער ס׳גיט לעבן, דער גיט שפּייז! איז דען נישט בעסער און שענער נאָכטון דעם רבונו של עולם, „מה הוא רחום, אף אתה רחום״ — ווי ע ר איז אַ בעל-רחמים, אַזוי זאָלסטו אויך רחמנות האָבן אויף דיינע מיטמענטשן!״

און יצחק „אייזענער" האָט טאקע פון פרנסה קיינמאָל נישט גע־קלערט און זיך נישט געזאָרגט. זיין באשעפטיקונג איז געווען ארומצו־לויפן איבער די שפיטעלער, אָדער אזוי איבער אָרעמע שטיבער, וואו ס'זיינען געלעגן געפערלעך קראנקע, צו וועלכע מענטשן האָבן נישט גע־קענט צו גיין, און ער האָט געטאָן אלץ, כדי צו לינדערן די ליידן פון די חולים, ווייל פאר אים איז נישט געווען קיין מאָל קיין פראגע פון נישט קענען.

ס'האָט געקענט טרעפן, אז די פרוי האָט געמאכט יצחק „אייזע־נערן" א נייע פאלטאָ אויף ווינטער, און ער זאָל באגעגענען אין גאס אן אָרעמען מענטשן, וואָס ציטערט פון קעלט, און ער זאָל באלד אויפן אָרט אויסטון דעם נייעם בגד און אים אוועקגעבן דעם אָרעמען.

און אזוי זעען מיר, איז געווען זיין סדר היום: א גאנצן טאָג, אין משך פון דער וואָך, פלעגט ער ארומגיין ארום קראנקע און עלנטע און זיי באהילפיק זיין, וועמען מיט זיין פערזענלעכער הילף און אייגן געלט, און וועמען מיט א טרייסטוואָרט, וואָס ס'האָט געגעבן דעם הילפלאָזן מוט אריבערצוטראָגן די פיזישע ליידן. און אז ס'איז געקומען פרייטיק־צו־נאכטס, איז וויפל אורחים ס'זיינען נאָר געווען אין געגרער שטיבל, וואו ער פלעגט דאווענען, האָט ער איינגעלאָדן צו זיך צום טיש.

נישט איין מאָל פלעגט מען אים פרעגן: „ר' יצחק! אז איר וועט דעם אורח צו אייך נישט נעמען, וועט ער דאָך עסן פרייטיק־צו־נאכטס ביי א מער גבירישן טיש ווי ביי אייך, פארוואָס זשע נעמט איר צו די געשמאקע סעודה ביי דעם אורח דערמיט וואָס איר נעמט אים צו אייך?" אָבער ביי ר' יצחקן איז דאָס נישט קיין פראגע; ער האָט מורא געהאט, טאָמער וועלן די מענטשן נישט האָבן וואו צו עסן.

שבת אין דער פרי פלעגט ער אויפשטיין פארטאָג און גיין איבער די הייזער מיט א קויש און אויסרופן: „א גוט שבת, יידעלעך! ברויט אין די קוישן!" און שאפן ברויט פאר דער זייער וויכטיקער „בית־לחם"־אינסטיטוציע, וואָס האָט באזאָרגט אָרעמעלייט מיט שפייז אויף שבת. אָט אזוי האָט זיך נוהג געווען שטענדיק ר' יצחק „אייזענער": נישט צו קלערן קיינמאָל און דאגהן פאר זיך.

איין מאָל האָט זיין פרוי איבערגעלעבט א טויטשרעק, ווייל די פאָ־ליציי האָט ארומגעזוכט איר מאן, און ווען מ'כאפט אים, וואָלט אים גע־דראָט א גרויסע שטראָף, און דאָס איז געווען צוליב א לינקער ליבע...

ומעשה שהיה כך היה: א געהיימע ליבע האָט געפירט מיט א יידיש מיידל א קריסטלעכער בחור, און די יידישקע איז שוין באשטאנען אויף צו גיין אין קאָשטשאָל זיך שמדן, און דערוויי'ל, נישט פארלירנדיק קיין צייט, איז זי „עטוואָס" געלעגן־געוואָרן און געבוירן פונעם שגץ א בן־זכר, מיט מזל. ליגט זיך אזוי די יולדת הנ"ל, אָן די „שיר המעלותן",

פארשטייט זיך, אין שפיטאָל, וואָס איז געשטאַנען אין מארק און ׳שעפּט גרויס נחת פון איר בכור. ר׳ יצחק „אייזענער״, קומענדיק אין ׳שפּיטאָל צו העלפן די קראַנקע, וועדט געוואויר פון אַט דער גאַנצער „חתונה״ אַן קלעזמער און באשליסט עפּעס טון פאר דער קימפּעטאָרין הנ״ל, און אומר ועושה: ער הייבט אָן אַפּטער אריינצוקומען צו דער געווינערין, ברענגט איר פארשידענע נאשווארג און לייגט אונטער אָפּט אפילו א פּאָר זלאָטעס אונטער איר קישן און צאצקעט זיך און שפּילט זיך מיטן „רך הנולד״, ווי עס זאָל זיין אן אייגן קינד. אָט אזוי געווינענדיק דעם צוטרוי פון דער מוטער, האָט ער אין א געוויסן פרימאָרגן, ווען דער שגץ האָט שוין באדארפט אָפּנעמען דעם זעלבן אָוונט די פרוי, זיך ספּעציעל געשפּילט מיטן קינד און געטאַנצט דערמיט, און אזוי טאַנצנדיק, האָט ער ארויסגעטאַנצט מיטן קינד אויף דער האנט אין דערבייאיקן צימערל, וואו ס׳האָט שוין געווארט א מוהל, און ער האָט אין איין שמע ישראל מל געווען דאָס קינד. ר׳ יצחק האָט אריינגעבראכט מיט א מזל־טוב דאָס געמלעטע קינד צו דער מוטער און איז באלד פארשוואונדן, און אז דער שגץ איז פארנאכט געוואויר געוואָרן וועגן ברית און דעם יידישן סנדק, האָט ער שוין אינגאנצן נישט געוואָלט קענען נישט די יולדת און נישט די קאליע־געוואָרענע זשידאָווסקי „פּראָדוקציע״ זיינע.

פּאָליציי האָט, פארשטייט זיך, שטארק ארומגעזוכט ר׳ יצחק „אייזענער״ דעם „בעל־טובה״, אָבער א דאנק דריי זאכן: כסף, ממון און מעות, האָט זיך די דאָזיקע מעשה נורא פארענדיקט בכי טוב.

**
*

אויסער דעם וואָס ר׳ יצחק „אייזענער״ איז געווען זייער איבערגעגעבן צו ליידנדיקע און עלנטע, איז ער נאָך געווען א גרויסער עניו. ווען ער פלעגט ביים לערנען אָנטרעפן א שווערע סוגיא, אָדער א הארבן „תוספות״ פלעגט ער זיך נישט שעמען פרעגן אפילו ביי א קליין יינגל, אן עלוי, זאָגנדיק דערביי: „אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו: זאָלסט נישט קוקן א ו י ף ן קריגל, נאָר וואָס ס׳איז פאראן א י ן קריגל״.

שמחת־תורה האָט מען צו ר׳ יצחקלען נישט געקענט אָנקומען: ער פלעגט צונויפזאמלען פיל קינדער, אָדער עלטערע בחורים, וויפל ער האָט נאָר געטראָפן און האָט זיך אין גאס אוועקגעלאָזט מיט זיי אין א הייליקן התלהבות־טאַנץ, לכבוד התורה, און מיט אזא עקסטאז, אז מ׳האָט ממש געזען ביי אים התפשטות הגשמיות, אז ער איז אינגאנצן אויסגעטאָן פון הבלי עולם הזה און ער איז איין שטיק הימלש ווען, וואָס שטייגט העכער און העכער און אויב נישט נאָך העכער. און אז מ׳האָט אים געוואָלט אויפוועקן פון זיין התלהבות־טראנס און הימלשקייט, איז גענוג געווען בלויז א זאָג טאָן: „ר׳ יצחק, עס געפינט זיך דאָרט און

דאָרט א קראנקער, וואָס דארף א רעצעפּט, צי אזוי אייער הילף", און ער איז באלד געקומען צו זיך פון זיין עקסטאז, און אוועקגעלאָפן געבן הילף א ליידנדן, פארגעסנדיק פון זיין הימלשקייט.

„ביים צו־קאָפּנס פון א גוסס" פון י. ל. פרץ, וואו דער ליכטיקער מלאך זאָגט צו נחמנקען פון זבאראזש: „קום מיט מיר אין גן־עדן, וואו דו וועסט נישט דארפן וויסן פון קיין קראנקע און הילפסלאָזע און וועסט זיך געפינען צווישן די באשטראלטע פון גאָטס גענאָד, מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ"; האָט נחמנקע געענטפערט: „אָבער וואָס וועל איך דאָרט טון, אז ס'זיינען נישטאָ דאָרט קיין אומגליקלעכע און עלנטע, וועמען באהילפיק צו זיין? ניין, איך וויל נישט לעבן בלויז פאר זיך! איך וויל בעסער גיין אין גיהנום העלפן די פארחלשטע און פארמאטערטע, די פארלוירענע, פארשאָלטענע און פון גאָט פארגעסענע און מיט־מאכן מיט מיינע ברידער זייערע ליידן — אָט דאָרט איז מיין פּלאץ".

— אָט אזא איז געווען ר' יצחקל: שטענדיק אנטלאָפן פון שלוה און מנוחה און איבערגעגעבן זיך בלויז צו לינדערן די ליידן פון די, וואָס נויטיקן זיך דערין. אָבער קענטיק, אז דעם פינצטערן גורל פונעם וועלט־יידנטום בכלל און פון אונדזערע שעדלעצער שוועסטער און ברידער בפרט, האָט נישט געקאָנט אויך אויסמיידן אויך אָט די דאָזיקע הייליקע פערזענלעכקייט פון אָט דעם ערלעכן און טייערן יידן, וואָס האָט זיך גערופן: ר' יצחקל „אייזענער".

יהי זכרו ברוך!

מ. ש. גשורי

החזן יוסף פאסובסקי ז"ל



בי"ב מנחם אב, תשי"א — יום התכנס הקונגרס הציוני בירושלים בירת מדינת ישראל, הסתלק מאתנו החזן דשדליץ, ר' יוסף דב פסובסקי. בירושלים החרדית רכש לו אהדה ומקום כבוד. עד כה טרם התאוששו ידידים ומכרים מפטירתו. אכן, מאז פטירתו של החזן הנודע, ר' בצלאל האודיסאי, בירושלים לפני למעלה משישים שנה, נשאר המקום ריק מחזנים ותיקים, בעלי שאר־רוח, ויד להם בחזנות המסורתית, עד שבא החזן י. ד. פסובסקי משדליץ שבפולין וקבע מושבו בירושלים.

הוא היה שייך לאותו מספר קטן של חזנים, המציגים עצמם כבר בהופעה ראשונה במלוא יכולתם, והדרת פניו הנכבדה הוסיפה הרבה לאישיותו הדגולה.

הוא נולד בשנת 1882 לאביו רבי נתנאל, הרב בעיירה ז'טל, פלך גרודנה, מחבר הספרים: „משיבת נפש", 'אמונת התחיה" ו„גן הדסים". בן 13 נתקבל יוסף דב כתלמיד בישיבה נוברדוק הידועה, ושם למד שירה באותו זמן מפי החזן המקומי בויארסקי. עד גיל העשרים למד בישיבות שונות בליטה וקיבל סמיכה מהגאון רבי מרדכי סלונימר. אך לבו נמשך להזנות, והוא למד חזנות מפי החזן מסמורגון, זימל משביצקי, ואצלו למד באופן שיטתי לקרוא ולכתוב תוי נגינה, את סולמי הקולות, וקבל הכשרה מוסיקלית־טכנית טובה. בשנת 1904 נתקבל, עוד בבהרותו, לבית הכנסת אשר בבוברויסק כמשורר וחזן שני (אריה ליב רוטמן הנודע היה שם חזן ראשון). זמן רב היה שר אצל חזנים מפורסמים ברוסיה הדרומית וזכה להצלחות מרובות.

אחרי שנשא אשה, בשנת 1907, הוזמן לעבור לפני התיבה בבית הכנסת העירוני בסלונים וב1912 נתקבל כחזן עירוני בביהכנ"ס הגדול בשדליץ, ששם הקדימו לכהן לפניו חזנים-אמנים, כזיידל ויעקב רובנר וטיקוטינסקי, ובשדליץ כיהן בחזנות 23 שנים, עד שעלה לא"י. היה בעל-קול בריטון לירי עם קולורטורה ובעל-תפילה וחזן מצוין. בתפילתו הערבה משך תמיד אליו קהל שומעים גדול וגם בשבתות החורף. עת התפלל לפני העמוד, היה ביהכנ"ס בשדליץ מלא עד אפס מקום. הוא סידר לו מקהלה, והקהל נהנה מאד מהופעותיה, אך בגלל חוסר תקציב נתפזרה.

בשדליץ חיבבוהו וכיבדוהו מאד, כי היה בר־אוריין, יודע עברית, בקיא בספרות העברית העתיקה וההדשה וידען גם בספרות הרוסית, בעל נימוסין ות"ח שלא נמצא רבב על בגדיו. מתלמידיו של פ. מינקובס-סקי מאודיסה, שידע את החזנות המסורתית ואת הספרות החזנית מיסודם של דוד נובקובסקי, שלמה קשטן וחבריהם. דמותו לפני התיבה שכנעה ביותר בעמידתו הזקופה, בתנועותיו המדויקות, וביחוד כבש את שומעיו במתח הנפש שהגיע אצלו להישגים. הוא ידע בעל פה יצירות-פנינים מפרי עטם של היוצרים המהוננים: וינטרוב, א. ב. בירנבוים, ועוד; והוא עיצב את היצירות המושרות כאילו הוא היה מחברן, בכח השראה ושמחת יצירה המלהיבים את הקהל מתהילת התפילה ועד תו-מה. הוא המשיך את שלשלת הזהב המפוארת של חזנים ומשוררים ביש-ראל שהאירו בלהט לבם את חשכת חיי הגולה.

והנה גמר אומר לשים קץ לחיי הגלות ולעלות לעיר הקודש ירוש-לים. הקהילה היהודית בשדליץ ערכה לו מסיבת-פרידה מפוארת, וכל בני העיר השתתפו בה. וביום הנסיעה, התאספו באולמי תחנת הרכבת כל בני העיר ולווהו בברכת „דרך צלחה". הוא היה חבר באגודת החזנים והמנצחים בפולין, השתתף בועידה הארצית בוורשה ונבחר לחבר המו-עצה הארצית.

הופעתו בא"י בשנת 1935 עשתה רושם. הוא עבר לפני התיבה באולם „אהל שם" בתל-אביב ובבתי כנסת גדולים בירושלים, הופיע בתכנית שירי חזנות ב„קול ירושלים", היה חבר במועצת אגוד החזנים, המנצחים וחובבי השירה הדתית בא"י, וכמעט שלא החסיר אף פעם מלבקר במועדון החזנים בירושלים ולקחת חבל ער בוויכוחים על בעיות החזנות בא"י ובעולם. בביתו היתה לו ספריה של מיטב הספרות החז-נית של א. ב. בירנבוים, שיצירותיו היו חביבות עליו מאד וביחוד היצירה הרפסודיה התלמודית „במה מדליקין", ושל יצירות ירוחם הקטן, ניסן בלזר ואחרים, ואף יצר משלו רציטטיבים שונים לתפילת ברוח המסו-רת. החזנים בירושלים ראו בו כח יוצר ומלא מרץ, שבייש את הצעירים שבהם. היה בעל שיחה נאה, ומענין היה לשמוע את ספוריו מעולם החז-

נות ומחיי האישים הגדולים שכיהנו כחזנים בעירי רוסיה. הוא אף העמיד חזנים צעירים בחזנות המסורתית, ורבים מתלמידיו מכהנים במשרות נכבדות בקהילות היהודים בברזיל, ארגנטינה ועוד.

וגדולה היתה זכותו לראות כמעט את כל בני משפחתו בא"י מעורים בחיי תורה ועבודה ובתחיית א"י, ותמיד כשנזכר שזכה לעלייה ולשבת בירושלים, ברך ברכת „שהחיינו". בתקופת מחלתו הממושכת היו מבקרים אצלו תכופות חובבי נגינה וחזנים ובילו אתו יחד שעות בשיחה נעימה על נושאים של בנין הארץ ותחיית החזנות בארץ.

מ. דרומי (פּאַפּאָווסקי)

ר' ישראל גוטגעלט

געשטאַמט פון א רייכער, חסידיש-לומדישער משפּחה — גוטגעלט פון גראָדזיסק. ר' ישראל האָט חתונה געהאַט אין שעדלעץ מיט שרהלען, די טאָכטער פון יאָסעלע ענזעלעס, א גרויסער גביר, סוחר און גרויסער נדבן, וואָס האָט געצאָלט וואָכנגעלט א סך בכבודיקע משפּחות; אויך פאַרשידענע חברות האָבן באַקומען אונטערשטיצונג פון ר' יאָסעלע ענזעלעס.

ר' ישראל גוטגעלט, ווי נאָר ער איז געקומען קיין שעדלעץ, האָט גלייך אַרויסגעוויזן א נייגונג צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער איז שטענדיק געווען א פּאַרנומענער מענטש. ער איז געזעסן און געלערנט אין זיין רייכן ספרים-צימער, וואו די ווענט פון אויבן ביז אַראָפּ זיינען געווען באַדעקט מיט שרענק פול געפּאַקט מיט ספרים: ש״ס, פּוסקים, מפרשים, חסידישע ספרים און גלאַט חיבורים פון פאַרשידענע מחברים. אין זיין ביבליאָטעק האָט גוטגעלט זיך אויסגעלעבט גייסטיק. חוץ דעם האָט ער געפירט גרויסע געשעפטן פון זאַלץ, נאַפט און הערינג. אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויך געווען א וואַלד-סוחר. טראָץ זיינע רייכע געשעפטן און דעם גרויסן גייסטיקן לעבן האָט ער דאָך געפונען צייט זיך אָפּצוגעבן מיט כלל-זאַכן. עס איז כמעט נישט געווען קיין איין געזעלשאַפט, וואו ר' ישראל גוטגעלט זאָל נישט זיין קיין מיטגליד: אין באַנק, סוחרים-פאַראיין, „עזרת-יתומים״, „בריאות״, שפּיטאָל, אין דער רעגירונגס-שאַצונגס-קאָמיסיע, אין שטאָטראַט, א סך יאָרן געווען דאָזאָר אין קהילה. אויך ווען עס איז אין יאָר 1926 געוויילט געוואָרן די קהילה אויף ברייטערע יסודות, איז ר' ישראל גוטגעלט געווען דער פאָרזיצער פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג.

א סך צייט, ענערגיע און געלט האָט ער אוועקגעגעבן פאַר דער תלמוד-תורה. מיט לייב און לעבן איז ער געווען איר איבערגעגעבן. ווען ער איז געווען דאָזאָר, האָט ער זיך באַמיט, אַז די שחיטה זאָל אַריבערגיין צו דער קהילה, כדי די תלמוד-תורה זאָל האָבן א געוויסן

פראַצענט פון דער הכנסה. ער האָט געשאפן ביי דער תלמוד־תורה א שלאָסער־ווארשטאט, כדי די יינגלעך וואָס ענדיקן די תלמוד־תורה זאָלן האָבן אן אָרט וואו צו לערנען א מלאכה. ער האָט זיך באמיט, אז אין דער פארוואלטונג פון דער תלמוד־תורה זאָלן זיין מענטשן וואָס פאר־שטייען ווי אזוי אויסצובעסערן דעם רעליגיעזן דערציאונגס־אנשטאלט. איינער פון זיי ר' הענעך שטיינבערג־קאָלושינער, האָט מיט זיין פאָר־שלאג געמאכט א „רעוואָלוציע" אין דעם ענין מלמדות. ער, ר' הענעך, האָט פאָרגעלייגט, אז ביים אָננעמען א מלמד אין תלמוד־תורה, מוז מען פריער זען, אויב ער קען לערנען מיט קינדער; צי ער האָט א כוח הסברה, צי איז ער בכלל פעאיק צו זיין א מלמד, ווייל עס איז געוועזן אָנגענומען אין די חסידים־שטיבלעך, אז א יונגערמאן וואָס האָט פאר־לוירן דעם נדן, איז ער געוואָרן א מלמד, און עס איז אינגאנצן נישט גע־ווען וויכטיק צי קאָן ער, דער יונגערמאן זיין א מלמד. קעגן דעם האָט ר' הענעך געקעמפט. און דאָס האָט אין יענער צייט געמאכט אן איבער־קערעניש.

א צווייטער אָנגעזעענער מיטגליד אין דער תלמוד־תורה־פארוואל־טונג איז געוועזן ר' שלמה שמואל בארבאנעל, א גרויסער תלמיד חכם, וועלכער איז אויך אריינגעפירט געוואָרן אין דער פארוואלטונג דורך ר' ישראל גוטגעלט.

ר' ישראל גוטגעלט איז געוועזן שטארק באליבט ביי דער יידישער באפעלקערונג ווי אויך ביי דער קריסטלעכער. זיי פלעגן אים רופן „זשיד וויערני" — ערלעכער ייד. ווען ער איז געגאנגען אויף דער גאס, האָט ער קיינמאָל נישט געווארט, מען זאָל אים זאָגן „גוט מאָרגן", נאָר ער האָט יעדן איינעם, יונג און אלט, גלייך באגריסט. אָפיציעל איז ער גע־ווען אן אגודה'ניק און אין פיל אינסטיטוציעס פארטרעטן די אגודה, געוועזן א גערער חסיד, און דאָך אין הארץ געוועזן ציוניסטיש און מיט אמתער ליבע גערעדט וועגן ארץ־ישראל. מעגלעך, אז די שטוב האָט אויף אים געווירקט. די שטוב איז געוועזן ריין ציוניסטיש. זיינע צוויי זין, לוי און יאָסעלע, וואָס מיר האָבן זיי שוין דערמאָנט אויף אן אנדער אָרט, און אויך די דריי טעכטער זיינען געוועזן ציוניסטן. אפילו די פרוי איז געוועזן א שטענדיקע שקל־קויפערין און געגעבן אויף קרן־קימת. אין א געוויסער מאָס איז ער באאיינפלוסט געוואָרן דורך דעם ציוניס־טישן פירער הארטגלאס. ר' ישראל גוטגעלט האָט מיר אמאָל דערציילט, אז הארטגלאס האָט אים געגעבן צו פארשטיין, אז דער ציוניזם האָט געראטעוועט די יידישע יוגנט, זיי זאָלן נישט אוועק צום קאָמוניזם, אָדער גלאט זיך אָפקערן פון יידישקייט. אָבער פריער פאר אלעם האָט געווירקט זיין יידיש ווארעם הארץ.

שטילערהייט פלעגט ער געבן הארטגלאסן, פון צייט צו צייט, גע־

זויסע סומעס אויף קרן־קימת. אויך איך האָב ביי אים באקומען פאר „קרן קימת". ווען ער האָט מיר געגעבן, האָט ער געזאָגט: —איך גיב דאָס צו אייער דיספּאָזיציע. אָבער אין זיינע אויגן האָב איך דאָס אריינ־געוואָרפן אין קרן־קימת־פּושקע.

ווען יצחק גרינבוים איז געקומען קיין שעדלעץ צו עפענען א קאָמ־פּאניע פארן קרן היסוד, און עס איז פאָרגעקומען א פארזאמלונג אין סוחרים־פאראיין, האָט ר׳ ישראל גוטגעלט, פאָרזיצער פון סוחרים־פאר־איין, געווינלעך, באגריסט גרינבוימען און אים געוואונטשן דערפאָלג אין דער אקציע. נאָך דער פארזאמלונג האָט ה׳ גרינבוים אים פאָרגע־לייגט ער זאָל זיך באשטייערן אויפן קרן היסוד. גוטגעלטס ענטפער איז געווען: —איך וואָלט זייער גערן געגעבן, אָבער מען לאָזט מיך נישט, נאָר כדי עס זאָל נישט הייסן, אז איך גיב נישט, ווייל איך וויל זיך איינ־ברענגען געלט, וועל איך געבן א געוויסע סומע אויף דעם נאציאָנאל־ראַט. און ווירקלעך — אויף צו מאָרגנס האָב איך באקומען א זייער גרויסע סומע געלט פארן נאציאָנאל־ראַט.

די לעצטע יאָרן פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער פארלוירן דעם גרעסטן טייל פון זיין פארמעגן, און איז געווען אין זייער א געדריקטער לאגע.

געשטאָרבן איז ער אין דער נאכט ווען די נאציס האָבן פארברענט די גרויסע שול און בית־המדרש.

ברוך יפה

לזכרו של לוי גוטגלד הי״ד



חזקה עלי תביעת חברים להעלות במה קוים לזכרו של לוי גוטגלד, חבר ורע, שלא זכה לראות בהגשמה ואשר נספה בגולה בידי הצר הצורר.

כשלושים וחמש שנים עברו מאז נפגשנו לראשונה. תקופה קצרה בלבד היינו בצותא, ואחריה נפרדו דרכינו. אלא שתקופה זו מיוחדת במינה היתה; גם כשלעצמה וגם בהיינו, ואותותיה לא נמחו.

זמן קצר לאחר פרוץ מלחמת העולם הראשונה גירשו הרוסים את התושבים היהודים מבריסק דליטא, שהיתה עיר־מבצר. קבוצת פליטים מבני בריסק נתגלגלה אז לפינסק, ומשנכבשה זו בידי הגרמנים הועברו לשדליץ אשר בפולין. בקבוצה זו היו גם כמה צעירים שנתפסו לציונות משחר ילדותם.

פגישתם של צעירים אלה עם קבוצת הנוער הציוני אשר בשדליץ היתה כמעט פגישת שתי הקצוות, ואולי דווקא משום כך נמשכו אלו לאלו. הבדלי־מוצא, הבדלי־סביבה, הבדלי מסורת — כולם נערמו יחד במקרה זה. בני בריסק דליטא באו מסביבה שכולה „מתנגדים", שחינוכם העברי מזיגה של הנוך בית־המדרש ושל הספרות העברית החדשה, וההשפעה החיצונית — של הספרות הרוסית הריאליסטית. מבחינה פוליטית־יהודית, עמדו בני קבוצה זו תחת השפעה ציונית־כללית, שהיתה חזקה בעיר מוצאם, עם נטיות ל„צעירי־ציון" שהתחילו אז בגישושיהם הראשונים לארגון מיוחד. ואילו בני הקבוצה הציונית אשר בשדליץ — סביבתה היתה כולה „חסידית", שחינוכם העברי — חינוך ה„שטיבל" החסידי, ובמידה שהיתה עליהם השפעה חיצונית, הרי היתה זו השפעת הספרות הפולנית הרומנטית. מבחינה פוליטית־יהודית היתה לשדליץ מסורת של נטיה לתנועת ה„בונד" ולאידישיזם. והנה נפגשו שתי הקבוצות האלו בשעת הרת עולם, בשעת התנגשות עולמות והשקפות בפולין.

עם הכיבוש הגרמני נפתחו לפני יהודי פולין אפשרויות של ארגון ליגלי לפעולה פוליטית. קמה הסתדרות ציוני פולין (אז עוד בלתי מחולקת ובלתי־מוגדרת, שהשתתפו בה כל המפלגות הציוניות) מצד אחד, ותנו־עת „אגודת ישראל" שנתמכה במיוחד ע"י שלטונות הכיבוש (או ע"י יועציה לענינים היהודיים, שהיו מאנשי האורתודוכסיה הקיצונית אשר בגרמניה) מצד אחר.

הקבוצה הממוזגת פיתחה פעולה קדחתנית: יסוד אגודה ציונית, קלוב ציוני, שעורי ערב — לעברית, ארגון בית־ספר ציוני, שעורי מדע למבוגרים, אספות והרצאות, הסערות על מבצר ה„אידישיזם" — אגודת „הזמיר" — ונסיונות לכבשו לציונות ולעברית, השתתפות ערה בחיים הפוליטיים הכלליים מתוך אספקלריה ציונית וכו' וכו'. הרוח החיה בכל הפעולה הזו מבין קבוצת הנוער השדליצאית היה לוי גוטגלד.

***

הנה הוא עומד לפני עיני־רוחי כאשר ראיתיו לראשונה: קטן־קומה, שהרחר, בעל עינים נוצצות, בעל שער מקורזל, לבוש קפוטה ארוכה וכובע חסידים קטן. משהתקרבנו והתחלנו בפעולה משותפת מצאתיו כולו תוסס ורותח, בלתי־נלאה, מלא יזמה ומרץ, מוכן לכל עבודה וער לכל רעיון על פעולה חדשה. בעל נטיות ספרותיות וטעם אסתיטי עדין, סגנון כתיבתו — מקורי, עם נטיה להפתעות לשוניות ורעיוניות.

בתקופת פגישתנו היה לוי גוטגלד נתון במיוחד להשפעתם של שני אישים ציוניים מקומיים קשישים יותר: המנוח מ. מ. לנדאו, ז"ל, ויבדל לחיים, הרטגלס, החי אתנו כיום בארץ. לנדאו היה יהודי בר־אורין, מש־כיל עברי ציוני, עם נטיות אחד־העמיות, עדין נפש ויפה־רוח ונרתע מפעולה פוליטית יום־יומית המחייבת חיכוכים והתנגשויות עם אנשים שונים. היה חולני ומת כעבור זמן קצר בדמי ימיו. הרטגלס — כבר היה ידוע באותו הזמן, פובליציסטן ציוני חריף, אך ספוג כולו תרבות פולנית ועדיין לא ידע אז עברית ואף לא אידית. אפשרות פעולתו בין ההמון היהודי היתה, איפוא, מוגבלת מאד. מלבד זאת, לרגל פעילותו הכללית־צבורית ובקשר להופעותיו בהזדמנויות שונות, היה חשוד בעיני שלטו־נות הכיבוש הגרמניים וראה את עצמו נאלץ להנזר מפעולה פוליטית־ציונית. הצד השוה שבשניהם, שלא השתתפו באותו זמן בפעולה היום־יומית. אולם השפעתם על פעולתנו מאחורי הקלעים היתה עצומה, וחלקם בעצה והדרכה היה רב מאד.

בזכרוני עולות עשרות אפיזודות מפעולתו של לוי גוטגלד באותן השנים. אזכיר רק שתיים: האחת מתקופת הכיבוש הגרמני, והשניה מהתקופה שלאחר מיגור הגרמנים ותקומת השלטון הפולני העצמאי.

הזכרתי לעיל את היועצים הגרמניים לעניני היהודים. באחד הימים

הגיעו לשדליץ ד״ר קרליבך וד״ר כהן וערכו אספה פומבית, בה ניהלו תעמולה ל„אגודת ישראל״. אלא שלא ידעו להפריד בין תפקידם כאנשי ה„אגודה״ ובין תפקידם הרשמי כיועצי השלטון. קבוצתנו, ולוי גוטגלד בראשה, התיחסה אליהם כאל ב״כ הסתדרות פוליטית מתנגדת, ומשהפ־ליגו בהתקפותיהם על הציונים, התחלנו להפריע להם בקריאות־בינים וכו׳. משראו כי הקהל ברובו הוא נגדם, נזכרו בתפקידם הרשמי והזעיקו משטרה צבאית גרמנית. כתוצאה מכך, מצאנו את עצמנו, כעבור ימים אחדים, לפני חוקר צבאי גרמני כנאשמים בפגיעה בכבודם של ב״כ של־טונות הכיבוש. טענו מה שטענו, וכנראה שגם החוקר הגרמני עמד על המגוחך שבערבוב תחומים זה ויצאנו בשלום.

האפיזודה האחרת שייכת, כאמור, לתקופה השניה. בבחירות לסיים הפולני הופיע בעיירה ביאלה שליד שדליץ כמועמד ציוני עוה״ד א. הרטגלס (שהנהו, אגב, יליד העירה הזו) נגד מועמדותו של הסופר ה. ד. נומברג, מטעם מפלגת הפולקיסטים. קבוצת שדליץ הוזעקה לעזרת המועמד הציוני — גם לרגל קרבתה קרבת מקום למעשה וגם לרגל היות המועמד בן עירה. ושוב היה לוי גוטגלד הרוח החיה בפעולת התעמולה המוצלחת וארגונה. (כקוריוז מדרכי התעמולה, שהיו נהוגים אז, אעלה פרט אחד. הרטגלס באיסטניסותו נמנע מלהופיע באספות לטובת עצמו. נח פרילוצקי, ראש הפולקיסטים, שהופיע באספה לטובת נומברג, השת־מש בנימוק הבא: „התדעו, יהודים, מדוע לא הופיע מועמד הציונים בעצמו לפניכם? מפני שאינו יודע לדבר אליכם בשפתכם, כי אינו שולט באידית״.) בוויכוח שלאחר הנאום הזה ענתה אחת המתוכחות מצדנו (ד״ר אסתר מנגל ז״ל): —מר פרילוצקי סיפר לכם, כי מועמדנו אינו יודע לדבר אליכם אידית. בוודאי יעניין אתכם לדעת, כי מועמד הפולקיסטים לא יודע לדבר בסיים, כי אינו שולט בפולנית...״).

***

כעבור זמן מה נפרדו דרכינו. יצאתי את שדליץ ועברתי לוורשה לעבודה במזכירות הועד המרכזי הציוני. המשכנו להיפגש בעבודה המשותפת בועידות וכו׳. ב־1920 יצאתי את פולין ללונדון, כציר לועידה הציונית מטעם „צעירי ציון״־„הפועל הצעיר״; לא חזרתי עוד לפולין, וב־1921 עליתי ארצה.

במשך שנים עמדנו עוד בקשר מכתבים. בהיותי בלונדון הודיענו ל. ג. על עתון ציוני באידית שהוא מוציא בשדליץ. ולבקשתו פרסמתי בעתון זה מכתבים מלונדון. עם עלייתי לארץ נעשה קשר המכתבים שבינינו רפה יותר ויותר עד שנפסק לחלוטין.

על התקופה האחרונה בחיי ל. ג. אולי יספרו אחרים. אלום בטוחני, כי לו נשאל בעצמו על כך, היה מציין את התקופה, שניסיתי לתארה, כתקופת חייו החשובה ביותר והמענינת ביותר.

לוי גוטגעלד

מרדכי מאיר לאנדוי



מרדכי מאיר לאנדוי איז געווען א שטילער, קלוגער ייד, אין וועמענס מוח עס האָט געגעסטעט אייראָפּעאיש וויסן און אין דער נשמה — די סובטעלע יידישע שיינקייט פון א תלמיד חכם פון וועלכן עס שפּרודלט מיט שאַרפזין און איידעלן הומאָר.

יעדע יידישע אינסטיטוציע אין שעדלעץ איז געווען פארבונדן מיטן נאָמען פון מרדכי מאיר לאנדוי. א סך צייט, מי און ענערגיע האָט ער אָפּגעגעבן דער שעדלעצער יידישער ביבליאָטעק. אויף זיין נאָמען האָט זי עקסיסטירט פון 1904 ביז 1912. וואָס עס האָט אין די דאָזיקע יאָרן באדייט צו טראָגן די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר א יידישער ביבליאָטעק — און דערצו נאָך א געזעלשאפטלעכע — כלפּי דער צארישער מאכט, און מיט וויפל סכנות דאָס איז געווען פארבונדן — איז זיך היינט שווער פאָרצושטעלן.

מרדכי מאיר לאנדוי איז געבוירן געוואָרן אין בריסק אין יאָר 1876, ביי זייער פרומע עלטערן. צו 10 יאָר איז ער שוין געווען א בקי אין ש״ס. צו 14 יאָר האָט מרדכי מאיר אָנגעהויבן לערנען אין שטאָטישן בית-המדרש, וואו ס׳האָבן געלערנט הונדערטער דערוואקסענע בחורים. געווען שוין צווישן זיי אזעלכע, וואָס האָבן געגאַשט פון השכלה. מרדכי מאיר האָט זיך מיט זיי באקענט און אין קורצן האָט ער אָנגעהויבן צו באהאלטן אונטער דער גמרא די „טריפהנע״ ביכלעך...

אין געהיים האָט זיך דער מתמיד גענומען לערנען שפּראכן און מאטעמאטיק. פון בית-המדרש איז ער אָבער נישט אוועק. די השכלה

האָט אים נישט אָפּגעריסן פון עבר, פאר וועלכן ער האָט געהאט א סך סענטימענטן. זיין באשיידענע, סובטעלע האלטונג האָט אים געמאכט זייער באליבט ביי אלעמען און אפילו די בייזע משגיחים אין בית־המדרש האָבן געקוקט דורך די פינגער אויף מרדכי מאירס „אפיקורסות". דער יונגער לערנער האָט געהאט א שטיפפאָטער, וועלכער האָט מרדכי מאירן צוגעהאָלפן אין זיין וועלטלעכער בילדונג. ער האָט פאר אים צו־גענומען לערער אויף שפראכן, באזונדער פראנצויזיש און דייטש.

אין יאָר 1900 איז מרדכי מאיר לאנדוי געקומען קיין שעדלעץ. ער איז געוואָרן אן איידעם פון י. נ. וויינטרויב. אין שעדלעץ האָט זיך לאנ־דוי גענומען פאראינטערעסירן מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט, באזונ־דערם מיט ציוניסטישער. אין 1904 איז די יידישע געזעלשאפטלעכע ביבליאָטעק געוואָרן לעגאליזירט אויף זיין נאָמען. אין 1907 האָט ער געשאפן די לייַ- און שפּאָר־קאסע, שפּעטער „באנק אודזשאלאָווי" (פאָ־יען־באנק), וועגן וועלכער מיר שרייבן באזונדער. ער איז אויך געווען טעטיק אין דער יידישער האנדלס־געז. פאר קעגנזייטיקער הילף און אין הילף־קאָמיטעט נאָכן פּאָגראָם.

אין 1914, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, שאפט לאנדוי דעם הילפס־קאָמיטעט, ארבעט מיט אין שטאָטישן בירגער־קאָמיטעט, וואָס האָט עקסיסטירט בעת דער דייטשער אָקופּאציע. שפּעטער עפנט זיך פאר לאנדוי די ברייטע געזעלשאפטלעכע טריבונע פון שטאָטראט. לאנ־דוי טרעט שארף ארויס אין פארטיידיקונג פון די יידישע אינטערעסן. צו זיינע רעדעס הערן זיך אלע צו, און ער רופט ארויס אכטונג אפילו ביי די אנטיסעמיטישע קעגנער.

אין 1915 העלפט לאנדוי שאפן די העברעאישע אָוונט־קורסן, אין א יאָר שפּעטער האָט ער געגרינדעט דעם אָרטיקן ציוניסטישן קאָמיטעט און אין יאָר 1917 — די בילדונג־געזעלשאפט „דעת", וואָס האָט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אויסגעהאלטן א העברעאיש־יידישע פאָלק־שול און יידישע אָוונט־קורסן פאר דערוואקסענע.

צוריקקומענדיק פון דער צווייטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין 1917, האָט זיך זיין געזונט־צושטאנד שטארק פארערגערט, נישט גע־קוקט דערויף איז ער סוף 1917 ארויסגעטרעטן אויף א מיטינג לכבוד דער באלפור־דעקלאראציע. ביי די ווערטער „ציון הלא תשאלי" האָט ער זיך שטארק צעוויינט און זיין רעדע נישט פארענדיקט. מ'האָט אים תיכף געמוזט אהיימפירן און פון דאן איז ער שוין פון זיין קראנקנבעט נישט אראָפּ.

מרדכי מאיר לאנדוי איז געשטאָרבן י"ג סיוון תרע"ה (1918). אין דער לוויה האָט זיך באטייליקט די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון שעדלעץ.

י. גאָלדבערג

קלמן גאליצקי

— 1 —

א העכסט סימפּאַטיש געזיכט, וואָס די פּענסנע האָבן אים צוגעגעבן א באַזונדערן חן, אריסטאָקראַטישע מאַנירן און א קלינגענדיקע שטים.

ער איז געווען א זון פון אַן אָרעמען מלמד. ביז 18 יאָר, ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען, האָט ער געקוועטשט די בית־המדרש־באַנק. שפּעטער האָט ער זיך מיטן גאַנצן ברען אריינגעוואָרפן אין דער השכלה און פילאָזאָפיע, געוואָרן א לערער און אײַפגעשטעלט א פּריוואַ־טע שולע.

אין זיין שולע איז ער געווען סיי דירעקטאָר און סיי לערער. ער האָט געגעבן לעקציעס פון רוסיש און העברעאיש. נאָך דעם שווערן טאָג ארבעט פלעגט ער זיצן ביז שפּעט ביינאַכט איבער די פילאָזאָפישע ווערק פון קאַנט און העגל, שאָפּענהויער און שפּינאָזאַ, רמב״ם און רנ״ק, געשוועבט אין די עולמות העליונים, געמוטשט זיך איבער השארת־הנפש, תכלית ההוויה און אנדערע הויכע וועלט־פּראָבלעמען.

פאַר זיינע פרייע געדאַנקען איז ער שטאַרק פארפאָלגט געוואָרן און געווען כמעט ווי אין חרם. ער איז געוואָרן שטאַרק באַקעמפט פון דע־מאָלטיקן שעדלעצער רב ר׳ דב בער אנאליק. די רוסישע רעגירונג־גימ־נאַזיע האָט גאליצקין געוואָלט אָננעמען אלס לערער פון „זאַקאָן באָזשי" (רעליגיע), האָט דער רב זיך שטאַרק באַמיט ביי דער מאַכט קעגן זיין פּערזאָן, נישט וועלנדיק דערלאָזן, אז אזא אפּיקורס זאָל לערנען דת.

ארום גאליצקין האָט זיך געשאַפן א קרייז פון משכילים און יונגע־לייט, וואָס זיינען סתם „געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה". שטיל, בגנבה פלעגן זיי כאַפּן מיט אים א שטיקל שמועס מכוח הויכע ענינים. ער פלעגט זיי אויך ארויסהעלפן מיט ביכער פון זיין רייכער ביבליאָטעק און געבן פארשידענע אָנווייזונגען.

קלמן גאליצקי איז געווען פון די איניציאַטאָרן צו שאַפן אין שעד־לעץ א געזעלשאַפט „אגודת אחים", לויט דעם מוסטער פון אחד־העמס

„בני משה", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל צו הייבן די מאָראל פון דער יידישער יוגנט און אין דער הינזיכט אויך באַאיינפלוסן דעם עלטערן דור. אין „אגודת אחים" האָט גאַליצקי געהאלטן פאָרלעזונגען, צו וועלכע דער עולם האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. ער איז אויך געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער געז. „יידישע קונסט" און האָט א געוויסע צייט פארנומען דאָרט דעם אמט אלם פאַר־זיצער.

אין יאָר 1915, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז גאַליצקי אוועק פון שעדלעץ צוזאמען מיט דער עוואקואירטער רוסישער גימנאַ־זיע. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין טשערניגאָוו (אוקראַינע), דאָרטן האָט ער איבערגעלעבט עטלעכע שרעקלעכע פאַמיליען־קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן אים פולקאָם צעבראָכן.

איינמאָל אין מיטן א רעפעראַט, שטייענדיק אויף דער טריבונע, האָט אים דאָס הארץ געפּלאַצט אין עלטער פון 61 יאָר, ווייט פון זיין היימאַט און אין א פרעמדער סביבה האָט ער אויסגעהויכט די נשמה.

— 2 —

יצחק מוכר־ספרימניק

יצחק ליפּיעץ, מיט זיין ליכטיק היימיש פּנים, גוטמוטיק שמייכלענ־דיקע אויגן און פאַטריאַרכאַלער ווייסער באָרד, איז צווישן שעדלעצער יידן געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען יצחק מוכר־ספרימניק.

ליפּיעץ האָט באַקומען דעם נאָמען „מוכר־ספרימניק" נישט דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַנדלט מיט ספרים, נאָר ווייל ער האָט געהאַט א ביבליאָטעק און ארויסגעגעבן צו לייענען ביכער. ער איז געווען דער ערשטער ביבליאָטעקאַר אין שעדלעץ, נאָך אין די צארישע צייטן, איי־דער עס איז געשאפן געוואָרן די לעגאַלע ביבליאָטעק.

אין יענער צייט האָט דאָס יידישע שעדלעץ געהערט צו די אָפּגע־שטאַנענסטע און פאנאַטישסטע שטעט אין פּוילן, וואו משכילים זיינען אויסגעשטאַנען כל־ערליי פאַרפאָלגונגען. נישט בלויז דאָס לערנען וועלט־לעכע ידיעות איז געווען געפערלעך, אפילו לערנען תנ"ך איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אן עבירה. אז עס האָט זיך פאַרגלוסט א יונגנמאַן א קוק צו טאָן אין א חקירה־ספר, אָדער לייענען א וועלטלעך בוך, א „טריפה־פּסול", ווי די פרומע האָבן עס אָנגערופן, איז ער נישט געווען זיכער מיטן חיות.

יצחק „מוכר־ספרימניק", אן אידעאַלער משכיל, האָט אויף דעם אלעם

נישט געקוקט. אויפגעשטעלט א ביבליאָטעק פון העברעאישע און יידישע ביכער, פילאָזאָפישע ווערק, ווי: „מורה נבוכים“, „הכוזרי“, „התועה בדרכי החיים“; יידישע משכילישע ביכער, ווי: „דער שווארצער יונגער־מאנטשיק“, „דער יידישער ערב פסח“, גאָלדפאדענס לידער און טעאַטער־שטיק, פרצעס „יו"ט בלעטלעך“ און אנדערע דעמאָלטיקע זאמלביכער און צייטשריפטן.

קיין קאטאלאָגן האָט יצחק „מוכר־ספרימניק“ נישט געדארפט. ער האָט אלע ביכער געהאט אויפן קאָפּ און פלעגט זיי אָנטאפּן אין דער פינצטער. דער אייגנארטיקער ביבליאָטעקאר האָט זיך געהאט זיין סיסטעם און סדר אין באציאונג צו זיינע לייענער. ער פלעגט ליב האָבן ארייננצולאָזן זיך אין שמועסן מיט זיינע לייענער, פילאָזאָפירן, זיי נעמען אויפן פארהער אין הלכות לייענען און צופאסן צו יעדן א לייען־מאטעריאל לויט דעם גייסטיקן ניוואָ פון דער פערזאָן.

יצחק „מוכר־ספרימניק“ איז געווען א למדן מופלג, א בקי אין ש"ס און פוסקים, א שטיק חוקר און איז גלייכצייטיק געווען באקאנט מיט דער העברעאישער און יידישער ליטעראטור. געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה, געגראָבן זיך אין די דראָבנע, אָפּגעבליאקעוועטע שורהלעך פון אלטע ספרים און מיט פערלדיקע אותיותלעך אליין געשריבן אויף העפטן פון עק ביז עק. ליפיעץ איז אליין געווען א מחבר פון ספרים. ער האָט געשריבן אין העברעאיש, און אין „עברי־טייטש“— משלים צו מחזורים, גאָטספאָרכטיקע תפילות, און „יהי־רצונ'ס“, ביי וועלכע נשים צדקניות פלעגן פארגיסן „בעכער טרערן“, א „גדולות משה“, וואָס ירא־שמים־יידן זאָגן שמחת־תורה מיט גרויס פרייד. ער איז אויך געווען א מחבר פון פארשידענע פזמונים און זמירות, גראמען־אויפשריפטן אויף מצבות אד"גל. יצחק ליפיעץ איז אויך געווען א פרומער אָפּגעהיטענער ייד, אָבער זיין פרומקייט האָט אים נישט געשטערט צו פארנעמען זיך מיט השכלה און זיך דערווערבן לייענער פאר זיין ביבליאָטעק.

פון אונטער זיין פען זיינען ארויס פאָלגנדיקע חיבורים: „חנוכת החשמונאים“, „אם למקרא ולמסורת“, „פך השמן“, „משלי אבות“, „מטעמים“, „והיה משנה“, „בינת נבונים“, „מטעמים החדש“, „שבחי כנסת ישראל“, „סוכת שלום“, א"אנד. טראָץ די צענדליקער ספרים, וואָס זיינען ארויס פון דרוק, פון וועלכע די פארלעגער זיינען נתעשר געוואָרן, האָט זייער מחבר דאָך כל ימיו געלעבט אין גרויס דחקות; ער האָט אויך נישט שטארק מקפיד געווען צי מ'באצאָלט אים לייענגעלט פאר דעם בוך, אָדער נישט און צי מען ברענגט אים בכלל אָפּ די ביכער.


די ערשטע צייט האָט יצחק מוכר־ספרימניק ארויסגעגעבן זיינע ביכער אין געהיים. שפּעטער האָבן שוין שעדלעצער יידן געוואוסט, אז

דער פרומער ר׳ יצחק מאכט „קאליע“ יונגעלייט מיט זיינע ביכער, אָבער דער דרך־ארץ פאר אים איז געווען אזוי גרויס, אז אפילו די פרומסטע האָבן נישט געוואגט ארויסצוטרעטן קעגן יצחק מוכר־ספרימניק.

יצחק ליפּיעץ איז פאקטיש געווען דער פּיאָנער פון דער יידישער מאָדערנער קולטור אין שעדלעץ און דער ערשטער פארשפרייטער פון יידישן בוך.

— 3 —

יוסף ראָזענוואסער



די יידישע נאציאָנאלע אויפלעבונג־באוועגונג אין סוף 19טן יאָרהונדערט האָט געפונען אויך א ברייטן אָפּקלאנג צווישן דער יידישער יוגנט אין שעדלעץ. עס איז געוואקסן דער אינטערעס פאר נאציאָנאלע פּראָבלעמען און פאר געזעלשאפטלעכער ארבעט.

די נאציאָנאל־געשטימטע יוגנט האָט זיך אָרגאניזירט אין א ציוניס־טישער גרופּע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאנען דער טעמפּעראַ־מענטפולער און שוין דעמאָלט באַאָרטער יוסף ראָזענוואסער, אָדער ווי מ׳פלעגט אים רופן — יאָסל דעם הזנס.

יוסף ראָזענוואסער האָט ארויסגעוויזן אן אויסערגעוויינלעכע ענער־גיע ביים אָרגאניזירן די שעדלעצער יידישע ביבליאָטעק, וועלכע עס האָט שפּעטער איבערגענומען די געזעלשאפט „יידישע קונסט“.

ווען די ביבליאָטעק האָט זיך גענומען אָרגאניזירן איז די הויפּט־פּראגע געווען — וואו נעמט מען ביכער. קיין געלט אויף איינצוקויפן ספרים איז נישט געווען. מען האָט דעריבער געמוזט אָנקומען צו פּרי־וואטע נדבנים. ראָזענוואסער האָט זיך גענומען צו דער דאָזיקער אר־בעט און ער האָט אפילו געווירקט אויף א רוסישן באראָן, אן אָפּיציר פונעם סטאציאָנירנדיקן רוסישן גארניזאָן, באראָן פאָן קלייסט, אז ער זאָל פון זיין פּריוואטער ביכער־זאמלונג געבן ביכער פאר דער יידישער ביבליאָטעק.

ווי קומט יוסף דעם חזנס צום שטאָלצן באראָן פאָן קלייסט?

ראָזענוואסערס באַקאַנטשאַפט מיט דעם אָפיציר האָט זיך גענומען פון פאפיראָסן־מסחר. יאָסל איז געווען א ספּעציאַליסט אין אויסארבעטן פאפּיראָסן. ער האָט געקאַנט די קונסט פון מישן פארשידענע סאָרטן טאבאק און זיי צופאסן צום געשמאק פון די רוסישע אָפיצירן

באראָן פאָן קלייסט האָט זיך באפריינדעט מיט זיין יידישן צושטעלער פון פאפּיראָסן און אין שמועסן האָט דער רוסישער אָפיציר זיך ארויסגעוויזן ווי א פריינד פון יידן און אן אָנהענגער פון ציוניזם. ראָזענוואסער האָט אינפאָרמירט זיין רוסישן פריינד וועגן דער יידישער ביבליאָטעק, וואָס די ציוניסטישע יוגנט האלט ביים גרינדן און וועגן דוחק אין ביכער. באראָן פאָן קלייסט האָט באלד געגעבן פאר דער ביבליאָטעק א באדייטנדיקע סומע געלט און א גרעסערע צאָל ווערטפולע ביכער אין רוסיש און דייטש. דעם דאָזיקן ביישפּיל האָט נאָכגעטאָן דער פאבריקאנט פייגנבוים און געשאָנקען א גרעסערע צאָל פּוילישע ביכער פון בארימטע שרייבער.

די דאָזיקע פּרעמדשפּראכיקע ביכער האָבן געבילדעט דעם יסוד פאר דער ביבליאָטעק. יוסף ראָזענוואסער און זיין ציוניסטישע גרופּע האָבן אָרגאניזירט א געלטזאמלונג און מ׳האָט איינגעקויפט יידישע און העברעאישע ביכער.

אין 1900, ווען עס איז אנטשטאנען די ביבליאָטעק, האָט זיך ראָזענוואסער געפרייט מיט זיין ווערק און געווען גליקלעך, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו לייגן דעם יסוד פאר דער יידישער ביבליאָטעק אין שעדלעץ.

יעקב טענענבוים

דער פעלדשער א. גראָן

דער פעלדשער א. גראָן האָט קיין אוניווערסיטעט נישט געענדיקט; א סברא, אז ער האָט אפילו נישט געהאט קיין מיטלשול-בילדונג, דאָך האָט ער געהיילט קראנקע און געווען באליבט ביי זיינע פאציענטן. יידן פלעגן וועגן אים דערציילן וואונדער, ווי למשל: „דאָקטוירים האָבן אָפּ-געזאָגט דאָס לעבן, איז געקומען גראָן, געגעבן א רפואה, און די קרענק איז ווי מיט דער האנט אוועקגענומען געוואָרן".

גראָן האָט געוואוסט וואָס פאר א צוטרוי זיינע פאציענטן האָבן צו אים און דאָך האָט דאָס אים נישט געוואָרעמט... און ס'איז גאנץ ווייט געווען דערפון, אז ער זאָל זיין צופרידן. גראָן האָט פיינט געהאט זיין פאָך בתכלית השנאה. ער האָט ליב געהאט די מעדיצין אלס וויסנשאפט, אָבער נישט אלס פראָפעסיע צו ציען דערפון פרנסה.

א גוטער פריינד האָט זיך אמאָל פאר אים פארטרויט, אז ער וויל האלטן א פעלדשער-עקזאמען. האָט אים גראָן געוואָרנט, אז ער זאָל נישט טאָן דאָס נארישקייט, ווייל ער וועט עס דארפן באדויערן דאָס גאנצע לעבן. און מערקווירדיק! אליין איז ער געשטאנען אין דער שפּיץ פון „פאָדליאשער פעלדשער-פאראיין", וואו ער איז געווען א לאנגע צייט וויצע-פאָרזיצער און סעקרעטאר, געקעמפט מיט לייב און לעבן פאר די פעלדשער-אינטערעסן, און דאָך, אין פריוואטן לעבן איז ער געווען א שונא פון פעלדשער-פאָך. דאָקטוירים אָן „טיטולן" —האָט ער געזאָגט— דארפן נישט עקסיסטירן... פארלאנגען, פארלאנגט מען פון אונדז, אזוי ווי פון דאָקטוירים און אפשר נאָך מער, און דאָך איז די באציאונג און באהאנדלונג פון דער געזעלשאפט צום פעלדשער א קלאָגעדיקע.... דאָס אומגליק איז, וואָס מיר האָבן נישט קיין פרייע הענט. מעגן מיר זיין אָריענטירט אויף אלע אופנים, טאָרן מיר נישט זיין זעלבסטשטענדיק. פון איין זייט ווערן מיר שרעקלעך עקספּלואטירט און אויסגענוצט פון דער געזעלשאפט, און פון דער צווייטער זייט — פארהאסט פון די דאָק-טוירים פאר דער גרויסער קאָנקורענץ, וואָס מיר מאכן זיי.

גראַן איז געווען זייער פּעאיק, געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך פון זיין פאך, אזוי אז ער האָט זיך געקאָנט פארגלייכן, נישט דווקא מיט א שלעכטן דאָקטער... אנאטאָמיע האָט ער געקאָנט ווי זיינע צען פינגער און פלעגט ליב האָבן זיך אָפּט צו פארהערן מיט יונגע דאָקטוירים אין שפּיטאָל. ער פלעגט זיי שטעלן פראגן, אויף וועלכע נישט איינער פון זיי איז אים געבליבן א בעל־חוב... ער פלעגט אויך זאָגן, אז דאָקטוירים קאָנען קיין אינטעליגענטן פעלדשער נישט ליב האָבן...

גראַן האָט אויך געהאט א פּאַעטישן פונק און פלעגט א סך שרייבן. אמבעסטן איז אים געלונגען א באשרייבונג וועגן זיין אייגענעם טויט: ער שילדערט א פארטאָג... עס טראָגט זיך א יללה פון הויז, פילסודסקי 48 (וואו ער האָט געוואוינט א ריי יאָרן). א יידענע גייט פארביי מיט א קויש זעמל און פרעגט זיך, וואָס מען וויינט אזוי? מען ענטפערט איר, אז „גראַן דער פעלדשער איז געשטאָרבן". „אָ! וויי! וויי! אלעמען געהיילט און זיך נישט געקאָנט העלפן!". ער האָט די שילדערונג נישט פארענדיקט. אויף א פראגע, פארוואָס ער ענדיקט נישט? האָט ער געענטפערט: „דאָס לעבן זעלבסט וועט דאָס שוין פארענדיקן"...

און אזוי איז טאקע געווען: אין א קורצער צייט ארום איז ער געשטאָרבן.

פ. דרומי (פאָפּאָווסקי)

הערשל טענענבוים ז״ל

איך האָב זיך באקאנט מיט הערשל טענענבוים אין יאָר 1916 אויף אן אָוונט, וואָס עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די העברעאישע קורסן. פון דאן אָן האָב איך אים געזען אויף אלע ציוניסטישע פארזאמלונגען און אימפּרעזעס. שטענדיק איז ער געזעסן שטיל און זיך צוגעהערט. קיינמאָל זיך נישט באטייליקט אין קיין דיסקוסיע, און ווען מען האָט באשלאָסן וועגן וועלכער עס איז אקציע, זאמלונג פון געלט, אָדער פּאָליטישער אקציע, האָט ער זיך באטייליקט שטיל און באשיידן, ערנסט און פּינקטלעך.

אויך אין דער ארבעט אין דער יידישער קהילה איז ער געווען זייער א פּינקטלעכער, אפילו אין דער צייט, ווען דער פאָטער ר׳ יצחק איז געווען סעקרעטאר און ער, דער זון, האָט אים געהאָלפן אין דער ארבעט, האָט ער זיך אויך באמיט אין א געוויסער מאָס ארייננצוברענגען אויסבעסערונגען אין דעם פאָטערס ארבעט, הגם דער פאָטער איז געווען פאראנטוואָרטלעך, און נישט הערשל.

ווען ער איז געוואָרן דער אָפיציעלער סעקרעטאר אין דער יידישער קהילה און פאקטיש פאראנטוואָרטלעך פאר דער ארבעט, האָט ער נישט נושא פנים געווען קיינעם, אפילו פון זיין פאָטער האָט ער פארלאנגט מער פּינקטלעכקייט אין אָפּהיטן די ארבעטצייט, און באמיט זיך געבן אים אָנווייזונגען אין דער טאָג-טעגלעכער ארבעט.

אין יאָר 1926, ווען איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אלס מיטגליד אין דער קהילה-פארוואלטונג, איז מיר אויסגעקומען נאָענטער צו ארבעטן מיט הערשל טענענבוים. איך האָב אין אים געזען אן איבערגעגעבענעם פאראנטוואָרטלעכן מענטשן אין פולן זין פון וואָרט. ער האָט אָפּגעהיט, אז די באשלוסן פון דער פארוואלטונג אָדער ראט זאָלן אויסגעפירט ווערן, אפילו ווען ער אליין איז נישט געווען פון זיי צופרידן, ווייל זיי זיינען נישט געווען אין איינקלאנג מיט זיינע איבערצייגונגען.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען עס איז געווען אַן אַגודישע מערהייט אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג. ער פלעגט זאָגן: פאַרפאַלן, באַשלאָסן — מוז מען דאָס אויספירן.

אָט דער שטילער, רואיקער טענענבוים, וועלכער איז געוואוינט געווען אויסצופירן אַלע באַשלוסן פון אַ העכערער אינסטאַנץ, האָט דאָך אַמאָל געבראָכן באַשלוסן און נישט אויסגעפירט זיי...

ווי עס גיבן איבער שעדלעצער יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן, זיינען געווען פאַלן, ווען דער „יודענראַט" האָט נישט איינגעצאָלט פּינקטלעך די קאָנטריבוציע, אָדער ווען ער האָט נישט אויסגעפירט וועלכע עס איז פאַראָרדענונגען פון די דייטשן. די געשטאַפּאָ האָט גערופן הערשל טענענבוימען און אים געפרעגט, פאַרוואָס ס'האָט דער „יודענראַט" נישט אויסגעפירט דעם באַשלוס פּינקטלעך, האָט ער, הערשל, שטענדיק געענטפערט, אַז ער איז שולדיק און נישט דער „יודענראַט". איך — פלעגט ער ענטפערן — קאָן דאָס נישט אויספירן. ער האָט געקריגן פון זיי געשלאָגן און דאָס האָט נישט געהאָלפן, אַז ער זאָל וואַרפן אויף וועמען עס איז די שולד.

אַזוי האָט דער שטילער און רואיקער ציוניסטישער זעלנער ערלעך און שטאָלץ דערפילט זיין חוב פאַר דער שעדלעצער יידישער באַפעלקערונג אין דער נאָרמאַלער צייט און אַרויסגעוויזן ענערגיע און נאַציאָנאַלן שטאָלץ, ווען די סכנה פון דייטשער רציחה איז געהאַנגען איבער זיין קאָפּ.

ער איז פאַרפייניקט געוואָרן דורך די דייטשן צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער.

י. גאָלדבערג

מיינע מלמדים

די מלמדים מיינע זיינען איינס ביי איינס געווען מושלמים. נישט חלילה אין זייער פּעדאַגאָגישער קונסט, נאָר דווקא אין עפּעס אנדערש. אחוץ מלמדות האָט יעדער פון זיי געהאט א נעבנפאך, א ספּעציאַליטעט אזא, פון וועלכער ער האָט געהאט א שטיק פּרנסה. עד היום איז מיר נאָך אלץ נישט קלאָר: וואָס איז געווען ביי זיי דער עיקר, דאָס מלמדות צי דאָס פאך. לאָמיר דאָ פאראייביקן איינינקע טיפּן פון שעדלעצער מלמדים.

איצעלע בויך

דער ערשטער מלמד מיינער, ביי וועלכן כ׳האָב דערזען צום ערשטן מאָל דעם אלף-בית, איז געווען — דער דרדקי-מלמד איצעלע, אָדער ווי מען האָט אים גערופן ביי אונדז „איצעלע פּאַנץ״, מחמת אלס מלמד איז ער געווען א ביסל צו בייכיק. א קול האָט ער געהאט א הייזעריקס, אזוי ווי א חזן נאָך נעילה. און דווקא די דאָזיקע הייזעריקייט האָט אים צו־געגעבן א געוויסן דרך־ארץ. די שטאָט האָט אים באטראכט ווי דעם בעסטן דרדקי-מלמד, און אלע שיינע בעלי-בתים און נגידים האָבן גע־האלטן פאר נויטיק אוועקצוגעבן צו אים זייערע קינדער.

אויף וויפל כ׳האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, האָט ער מער ווי א ביסל עברי נישט געקענט און פירוש-המלות — לגמרי נישט. פונדעסט־וועגן פלעגט ער גלייך נאָך „טראַף״ אריבערשפּרינגען צו חומש. און חומש האָט געהייסן נישט בראשית, נישט שמות, נאָר דווקא ויקרא.

דאָס חדר איז באשטאנען פון א גרויסער שטוב מיט א נידעריק געבעלקטן סופיט און צוויי פענצטער, וואָס זיינען ארוים אין הויף אריין. די ווענט פארגרויט, כאָטש אויף יעדן פסח פלעגט מען זיי קאלכן, און דעם דיל האָט מען געוואשן אחוץ אויף פסח, אויך ווען מען האָט זיך געריכט

אויפן „דירעקטאָר”, וואָס פלעגט איינמאָל אין יאָר קומען פאַרהערן „רוסקאַיאַ רעטש” און געבן „נאַגראַדעס”. דאָס דאָזיקע חדר איז געווען אָפּגעטיילט מיט א דין ווענטל, הינטער וועלכן ס'איז געווען דעם רבינס „שלאָפצימער”. דאָס דאָזיקע שלאָפצימער, ווידער, האָט זיך געגרענעצט מיט דער קיך און מיטן באַקאויוון, וואו אונטן איז געווען א „קיטשע” אריינצולאָזן עופות און מיט וועלכער מ'פלעגט שרעקן די קינדער, אז מען וועט זיי אהין אריינזעצן, אויב זיי וועלן זיך פאַרשולדיקן. קעגנאַי-בער דער טיר איז געשטאַנען א צעבער וואַסער און א שאַף אויף אומ-ריינקייטן און דערנעבן — א שלאָפבאַנק.

הינטערן ווענטל, אינעם „שלאָפצימער” איז געלעגן די רביצין א גע-ליימטע און כסדר געקרעכצט. ווען דער רבי איז נישט געווען אין חדר, פלעגן די קינדער שטיפן און איבערדרייען אלץ קאַפּויער. דאָס האָט שרעקלעך אויפגערעגט די קראַנקע רביצין, און ווילנדיק זיך נוקם זיין אין די „לאָבוסעס”, פלעגט זי מיט אן אויסגעצויגענער שטים צורופן צו זיך איין תלמיד נאָכן צווייטן און אָננעמענדיק אים ביי דער האַנט, געבן מיט די אויסגעדאַרטע און קרומע פינגער אזא קניפּ אין אָרעם, אז מען האָט עס לאַנג געדענקט. אזוי אַרום פלעגט זיך די רביצין קילן דעם כעס.

געלערנט האָבן יינגלעך און מיידלעך צוזאַמען. די יינגלעך זיינען געזעסן אין חדר פון אכט א זייגער אין דער פרי ביז ניין א זייגער אָוונט, און די מיידלעך פלעגן קומען בלויז אויף עטלעכע שעה. אויבנאָן ביים טיש איז געזעסן איצעלע מיטן פאַרשמאָלצענעם קאַפּל אויפן שפּיץ קאָפּ, אין דער רעכטער האַנט — דאָס „טייטל” און ביי דער זייט דער קאַנטשיק מיטן שעפּסן-פּיסל. מיט דער הייזעריקער שטימע פלעגט ער אונטער-זאָגן: קמץ אלף — אָ, קמץ בית — באָ. אנטקעגנאיבער דעם רבין איז געזעסן אברהמל דער באַהעלפער, וועלכער האָט געהאַט א שוואַכקייט צו קנייפּן די מיידלעך ביים לערנען. דער צווייטער באַהעלפער — חיים, פלעגט ברענגען די קינדער אין חדר, זיי אָפּפירן א היים און באַזאָרגן אלע נויטיקע זאַכן.

אז מען פלעגט ברענגען א קינד עסן, האָט דער רבי ארויסגענומען דאָס פּעקל פון האַנט, ארומגעקוקט די פּאָרציע, פלינק אָפּגעבראָכן א שטיקל קאָטלעט אין ארבל אריין און דאָס איבעריקע צעברעקלט אויף שטיק-שטיקלעך, מאַכנדיק דערביי צום יינגל: „זעסטו? איך האָב דיר געמאַכט א סך, טאָ גיב זשע א שטיקעלע פאַר מיין משהלעס וועגן”. נאַ-טירלעך, האָט ער נישט געוואַרט אויף קיין כבוד און טאַקע באַלד אָפּ-געבראָכן א שפּאָר חלק פאַר זיין יינגעלעס וועגן. לערנען פלעגן מיר א צוויי-דריי מאָל אין טאָג מיטן רבין און באַהעלפער, צו פינף-צען מינוט א מאָל. נאָר באַשעפטיקט זיינען מיר געווען כמעט גאַנצע טעג.

ביי ר׳ איצעלען האָט זיך געפירט א באַזונדער „געשעפט פון קאַזע־לעך", וואָס מ׳פלעגט מאכן צו פארקויפן אויף די ירידים אין מארקטעג. יעדעס ייִנגל האָט באַקומען א שטיקל טייג, פון וועלכן מ׳פלעגט אויס־קוועטשן קליינע קאַזעלעך. געמאַכט האָט מען דאָס אויף פאָלגנדיקן אופן: מ׳האָט גענומען א שטיק טייג און אויסגעוואַלגערט מיט די הענט, דערנאָך האָט מען פון אויבן אויסגעפורעמט צוויי הערנער, אונטן פיר פיס, שפּעטער האָט מען דאָס געקאָכט און צוגעבאַקן ביז עס האָט באַ־קומען א ווייס־ברוינלעכן אויסזען. דער עולם אין מארק האָט עס גע־קויפט צו א גראָשן א שטיק. פאר דער דאַזיקער „ארבעט" האָט אונדז דער רבי דערלויבט צו שפּילן זיך צו עטלעכע שעה אין טאָג. און באַ־זונדערס פלעגט יעדער באַקומען א קניפּ אין בעקל אריין, אז ער איז א וואויל ייִנגעלע.

דער באהעלפער חיים האָט אויך געהאַט די מיסיע פון צוגרייטן חנוכה־דריידלעך, גרעגערס און המן־קלאַפּערס, פענער אויף שמחת־תורה און פיילנבויגנס, און מיר פלעגן צוהעלפן. איינמאָל, כ׳געדענק עס ווי איצט, אז דער באהעלפער האָט פארטיק געמאַכט אויף ל"ג־בעומר די פיילנבויגנס, האָט אים פארפעלט א ביסל רויטע פארב צו מאכן די פאַסן אויף עטלעכע פיילנבויגנס. נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער זיך איינגע־שניטן דעם פינגער און מיטן בלוט צוגעפארבט אויף די פיילנבויגנס די רויטע פאַסן.

אחוץ געשעפטסמאַן איז דער רבי געווען א שטיק בעל־הבית. ער האָט זיך פארנומען מיט עופות, וואָס פלעגן לייגן אייער אין „קימשע", אַ־ן מיט א קאַזע, וואָס האָט געגעבן מילך פאר דער קראַנקער רביצין. נישט איינמאָל, ווען דער רבי פלעגט פרעגן דעם תלמיד: נו, ווי אזוי מאכט קמץ אלף"? פלעגן די הענער ענטפערן — „קוקוריקו"! און די קאַזע פלעגט אונטערזאָגן: מ־ע־ע! אזוי נאָך זיינען די עופות מיט דער קאַזע געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן צוזאמען מיט די רייכע בעלי־בתישע און נגידישע קינדער. און נישט איינמאָל פלעגן מיר זיך טראַכטן: ווער ווייסט וואָס פארא גילגולים דאָס זיינען!

פארן אהיימגיין פלעגט זיך דער רבי אוועקשטעלן ביי דער טיר, אדורכלאָזן איינציקווייז די תלמידים, אונטערזאָגנדיק יעדן באַזונדער: — למען השם, זאָלסט זאָגן אין דער היים, אז דו האָסט געלערנט דריי מאָל, אז דו האָסט ס׳גאַנצע פעקל עסן אויפגעגעסן. טאָמער פרעגט מען דיך, צי מ׳האָט דיך געשלאָגן, זאָלסטו זאָגן, אז ניין.

— א גוטע נאכט, רבי!

למען השם, זאָלסט קומען פרי! — א גוטע נאכט, א גוט יאָר.

יאָשע נאָז

פון איצעלע בויך דעם דרדקי־מלמד בין איך אריבער צו דעם גמרא־מלמד יאָשע נאָז, וואָס האָט געהאט זיין חדר ביים בית־עולם, נישט ווייט פון דער שיל. סך־הכל זיינען מיר דאָרט געווען א 10־12 תלמידים.

דעם צונאָמען זיינעם האָט דער רבי באקומען דערפאר, וואָס ער האָט געהאט א צעפלאַטשטע נאָז און האָט טאקע נישקשהדיק אונטער־געפּאָנפּעט. במקום א באָרד, האָבן אים ארויסגעשפּראָצט קוים עטלעכע געלע הערעלעך, און דאָס אלץ האָט אים זייער ענלעך געמאכט צו א כי־נעזער אָן א צעפּל, וואָס די כינעזער פלעגן דעמאָלט טראָגן פון הינטן, דערפאר אָבער האָט דער רבי געהאט צוויי צעפּעלעך איןביידע זייטן פּנים — צוויי געפלאָכטענע פּאות.

די רביצין איז געווען א הויכע, דארע יידענע מיט רויטע אר״מגע־ליאמעוועטע אויגן, און געווען א גרויסע אויפטועריו. זי האָט געפירט א האנדל מיט גענדז אויפן גרויסן שטייגער. גאנצע פורן מיט הילצערנע שטייגן פלעגן אָנקומען צום טויער פון אונדזער הדר און ערגעץ פאר־פאלן ווערן אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין ווארשע. תמיד אָבער האָבן זיך אין הויף פון הדר ארומגעדרייט עטלעכע צענדליק ווייסע אויסגע־פּאשעטע גענדז, וואָס די רביצין פלעגט יעדע וואָך „אוועקמאכן" און פונאנדערטראָגן צו די שענסטע בעלי־הביתטעס.

די מחנות ווייסע גענדז, ארום וועלכע מיר האָבן זיך געפּאָרעט, האָבן זיך אין מיין קינדיש מוחל פּארוואנדלט אין פארשידענע פאנטאס־טישע בילדער, און ווען ס׳איז געקומען צו דער אגדתא פון רבה בר בר חנא, האָט זיך אונדז געדאכט אז מיר זעען יענע „ווייסע גענדז" מיט אונדזערע אייגענע אויגן.

געלערנט האָבן מיר ביי יאָשע נאָז חומש, רש״י און גמרא. בעתן לערנען פלעגט מען אריינכאפּן א שפּיל אין „בעטל", אָדער אין „קנעפּ־לעך" און אז דער רבי האָט דאָס באמערקט, פלעגט ער פאר כעס אריינ־רוקן דעם גראָבן פינגער פון דער האַנט אין מויל אריין און איינבייסן אים ביז בלוט. נישט איינמאָל אָבער האָט ער געהייסן אָפּשפּיליען די מייטקעלעך און אָפּציילן אחת ואחת און אחת ושתים, ביז מ׳האָט אים מבטיח געווען, אז מער וועט אזוינס נישט געשען. אחוץ שמייסן פלעגט מען ביי אונדז אין חדר מאכן „פּעקלעך". דער רבי האָט גענומען א תלמיד, וואָס האָט זיך פארשולדיקט, אים אויפגעשפּיליעט די מייטקע־לעך, ארויפגעצויגן דאָס העמד, די הענט פארבונדן ארונטער, אויף דער פּלייצע אָנבינדן שווערע זאכן, ווי שטיינער, שטייוול, אאז״וו. און אין אזא מעמד געלאָזט אים שטיין א פּאָר שעה. דערביי פלעגט זיך דער

תלמיד שטארק צעכליפען און עס פלעגט אים נעמען רינען פון די אויגן, פון דער נאָז און פון מויל.

אין דער צייט פון לערנען פלעגט זיך גאנץ אָפט רויכערן אויפן טיש א שווארץ „קאָזעלע״ *) וואָס האָט געהאט א פאָרעם פון א היטל צוקער און איז געווען גרויס ווי א האלבער פינגער. די דאָזיקע „קאָזעלעך״ האָט דער רבי געקויפט אין אפטייק צו גראָשן א שטיק און ארויפגעשטעלט אויף א גלאָז וואסער, וואָס איז צוגעדעקט געווען פון אויבן מיט פאפיר. אז מ'האָט אָנגעצונדן דאָס „קאָזעלע״, האָט עס זיך גערויכערט אזוי לאנג, ביז ס'האָט אדורכגעברענט דאָס פאפיר און ס'איז ארייגעפאלן אין וואסער. דער רבי פלעגט עס שפעטער ארויסנעמען, לאָזן עס אויס־טריקענען און נאָכאמאָל באנוצן. דאָס איז געווען א מין דעזינפעקציע אקעגן די שלעכטע ריחות, וואָס האָבן זיך געלאָזט שפירן ס'רוב ביים „שיעור״... אויף צו דערגיין, ווער ס'איז שולדיק אין דעם דאָזיקן „אויר״, פלעגן די תלמידים זיך טאפן די נעז — און ווי איז געוועזן צו דעם תלמיד, וואָס האָט גראד געהאט א ווארעמע נאָז... בעת דער הפסקה זיינען מיר ארויס אויפן הויף און זיך אָפגעגעבן מיט די גענדז.

אוועק בין איך פון יאָשע נאָז צוליב פאָלגנדיקער סיבה: א שבת ביינטאָג נאָכן שלאָפן, איז דער רבי געקומען מיך „פארהערן״. דער פאָ־טער מיינער האָט אויפגעמישט א סוגיא און מיר געהייסן „זאָגן״. דאָס זאָגן איז עפּעס נישט געגאנגען גלאטיק. פלוצלינג האָב איך דערפילט א שטארקן קניפּ אין פּוס, ווי עס וואָלט מיר א ברי געטאָן אין דיקן פלייש פון פוס, אז איך האָב אזש דערלאנגט א שפרונג־אויף פון אָרט. מיין פאָטער האָט זיך שטארק דערשראָקן און נישט פארשטאנען, וואָס דאָ איז פלוצלינג ניִדל געוואָרן. ווען דאָס פארהערן האָט זיך געענדיקט, האָב איך דערציילט מיין פאָטער וועגן דעם שרעקלעכן קניפּ, וואָס איך האָב באקומען פון רבין בעתן פארהער. די דאָזיקע געשיכטע האָט מיין פאָטער אזוי אויפגעבראכט, אז ער האָט דעם רבין געגעבן א שטארקע נזיפה און מיך אָפּגענומען פארן זמן.

אברהמל קאָשקע

דער דאָזיקער מלמד מיינער האָט געהערט צו דער זעלבער קאטע־גאָריע וואָס דער פריערדיקער, וועלכן מיין פאָטער האָט פארטוישט במקום „יאָשע נאָז״. געהייסן האָט ער אברהם און געשטאמט פון מאָרד.

---

*) דער דאָזיקער אויסדרוק שטאמט הפנים פון „קאַדזידלאָ״ (שמעקע־דיקע זשיווויצע).

מחמת אָבער, וואָס אלע מאָרדער זיינען ביי אונדז געווען בחזקת קאַש־קעס — האָט מען אים אויך גערופן אברהמל קאַשקע. אברהמל איז שוין נישט געווען קיין פארשלאָפענער, נאָר א היינטוועלטיקער. ער האָט געהאט אָפּגעדינט „פּאָניען", פלעגט ער אלע מאָל דערציילן ניסים ונפלאות פון „ראָסיי".

פון דער דאָזיקער צייט זיינען אין מיין זכרון אויך פארבליבן עט־לעכע תלמידים. איינער, א קצבס א זונדעלע, א בן־יחידל, וואָס די מאמע האָט עס אויסגעבעטן ביי א „גוטן יידן". און ווען ס'איז געבוירן געוואָרן, האָט דער פאָטער דאָס קינד אָפּגעוואויגן מיט רענדלעך, וואָס ער האָט מנדב געווען אויף צרכי־קדושה.

געטראָגן האָט דאָס יינגל ווייסע לייוונטענע בגדים פאר א סגולה און ער איז געווען זייער ציטעריק. אלע מאָל פלעגט מען אים עפּעס ברענגען אין חדר ארייַן צו דערכאַפּן זיך דאָס הערצעלע. מיר אלע אין חדר האָבן געציטערט פאר אים אימת־מות, ווייל ער איז געווען ווילד און געהאט אן אייזערנע גבורה. אז ס'איז פשוט געווען א סכנה אים צו פארטשעפּן.

דער רבי איז פון אים אויסגעשטאנען געברענטע צרות. ער פלעגט אים ארייַנשיטן אין דער גריין אריין טאבאק, פלעגט זיך דער רבי ביים עסן שטארק פארכלישטשען און שעלטן די רביצין מיט טויטע קללות. אז דער רבי האָט געכאַפּט א דרימל, האָט ער אים צוגעקלעפּט די באָרד צום טיש מיט טריוואקס. ווען דער רבי האָט זיך ראַפּטעם אויפגעכאַפּט, האָט זיך אים אויסגעריסן א שטיק באָרד. אז רבי אברהמל האָט אים איינמאָל געוואָלט מקיים פּסק זיין, האָט ער מיט א „ציגיינער"־מעסערל צעשניטן דעם רבין די הויזן פון אויבן ביז אראָפּ, אזוי, אז דער רבי איז געבליבן שטיין אין די תחתונים.

געווען ביי ר' אברהמלען א תלמיד מיט א פּאָר שיקלדיקע אויגן, וואָס זיינען שטענדיק געווען צווישן זיך ברוגז; אז איין אויג האָט גע־קוקט קיין צפון־זייט, האָט דאָס צווייטע, אויף צו להכעיס, דווקא גע־קוקט קיין דרום. אחוץ דעם האָט ער, נעבעך, נישט געקענט ארויסזאָגן נישט קיין „גימל" און נישט קיין „קוף", נישט קיין „שין" און נישט קיין „צדיק".

איינמאָל א נאָכמיטאָג איז ער מיט אן אימפּעט ארייַנגעפאלן אין חדר און א געשריי געטאָן:

— טינדער! די מאמע האָט דעהאט א חזירל. עס האָט דעטאָן א טוויץ, אז מ'האָט זיך דערסראָטן, האָט מען עס באלד דערסטיט *).

*) די מוטער פון דאָזיקן תלמיד האָט ווירקלעך געבוירן א פארזעעניש.— י. ג.

דער טאָג לערנען האָט זיך אָנגעהויבן מיט פּאָרען זיך ביי די „באָ־בעלעך". דאָס דאַזיקע מאכל איז שוין איינגעפירט געווען פון קדמונים ביי אלע מלמדים, און אין אנדערע חדרים האָט אזעלכע באָבעלעך גע־באקט די רביצין אליין. אחוץ די „באָבעלעך" פלעגט זיך יעדעס יינגל אראָפּכאפּן צו דער „באָבעניצע". אזוי האָט מען גערופן די יידענע, וואָס האָט פארקויפט געזאָטענע ארבעס און באָבעס, בראָנפן־קערשן און יענגאלקעס.

דער רבי אליין איז כמעט תמיד געווען מיט עפּעס באשעפטיקט. ער פלעגט דארפן צוגרייטן סחורה פאר דער רביצין, וואָס האָט געהאלטן א „טישל" אין מארק. באזונדערס איז דער רבי געווען א ספּעציאליסט אין מאכן ראַגאַזשע־פענדזלעך צום קאלכן. און מיר האָבן אים טאקע צוגעהאָלפן צו דער מלאכה. מיר פלעגן ארויסציען די איינציקע פעדעס פון די ראַגאַזשעס, זיי אויסגלייכן, אָנהאקן גלייכע העלצלעך און דער רבי פלעגט אויסבינדן די פענדזלעך און מיט א שארף העקל אויף א קלעצל פלעגט ער אויסגלייכן די צויטן.

אָפּגעפּארטיקט זיך מיט דער דאַזיקער ארבעט, האָט מען זיך גע־שמאקן א נעם געטאָן צו לערנען. בעתן לערנען, האָט דער רבי שטענדיק געהאט עפּעס אן ארבעט. דאָ פלעגט ער נעמען שטיקלעך קופּער, זיי אוועקגעלייגט אויף אן אייזערן פלעשל און מיט א העמערל אויסגע־קלאפּט „דרייערס" (א מטבע פון דריי רוסישע גראָשנס), פּונקט אזוי גלאטיק און קיילעכדיק ווי די אמתע, און פאר די „דרייערס" פלעגט ער קויפן מאכאָרקע און אנדערע ענלעכע זאכן. ער פלעגט אויך נעמען א שאכטל שוועבעלעך און איינציקווייז שפּאלטן יעדעס שוועבעלע אויף צווייען און אויף פירן און פארוויכערן די געדרייטע אין ביבעלע־פּאפּיר פּאפּיראָסן, וועלכע האָבן געהאט א טבע זיך אלע רגע צו פארלעשן.

דינסטיק און פרייטיק אין די מארקטעג, פלעגט דער רבי צוהעלפן דער רביצין „לייזן" אין מארק און אהיימגעקומען איז ער נאָך א האלבן טאָג. אָנזאָגן פלעגט ער אונדז יעדעס מאָל פארן אוועקגיין, אז מיר זאָלן איבערחזרן דעם שיעור, ווי גיך ער האָט נאָר אָבער פארמאכט הינטער זיך די טיר, אזוי האָבן מיר זיך גלייך א נעם געטאָן צו דער ארבעט. מיר האָבן געשפּילט אין „קאמע־קאמע־טיר", אין „שאָרדע־באָרדע", אין פּאטשן־זיך אויף די תחתונים. די תלמידים האָבן געוויזן קונצן. דאָס בן־יהידל פלעגט זיין א ספּעציאליסט איבערצודרייען די אויגן־לעפלעך און אלע איבערשרעקן. א צווייט יינגל איז געווען א ספּעציאליסט אויף צו מאכן מיט דער צונג א מולטער און פיר פייגן פון ביידע הענט. אזוי האָבן מיר אָפּגעקונדייסעוועט ביז דער טאָג האָט זיך געענדיקט.

פרייטיק נאָך מיטאָג, אז דער רבי איז אהיימגעקומען פון מארק,

וואו די רביצין איז נאָך געבליבן מיטן „טישל״, פלעגט ער אין זיין גרוי־סער רויטער פאטשיילע ברענגען מיט זיך קליינע פישעלעך און זיך א נעם געטאָן צו מאכן שבת. ער פלעגט האקן די פיש און מיר האָבן מעביר געווען די סדרה. טאָמער האָט מען נישט געקענט דעם טראָפּ, פלעגט ער אָנכאפּן ביים אויער און אָנדרייען א „פזר״ אזוי לאנג, ביז דער אויער האָט זיך אָנגעצונדן ווי פייער.

דאָס אלץ האָט אונדז ווייניק וואָס געקימערט, ווייל דער געדאנק, אז מיר ווערן באלד פריי אויף א האלבן טאָג פרייטיק און אויף א גאנצן שבת, האָט אונדז אזוי איפּגעהייטערט, אז מיר האָבן שנעל פארגעסן די „פזר״ס מיט די מהפך פשטאס, די פּעטש און דאָס אָנדרייען די אוי־ערן, און ווי די באפרייטע פייגעלעך פון שטייג זיינען מיר מיט געוואלדן און געשרייען זיך שנעל צעלאָפן אין די פארשידענע גאסן און געסלעך.

יאָשע מאָטל האשעס

געהייסן האָט דער רבי מיינער יאָשע, נאָכן פאָטער יאָשע מאָטלס. היות אָבער זיין פלוניתטע האשע איז געווען די גאנצע פירערקע און דעה־זאָגערין אין שטוב, פלעגט מען אים רופן מיטן גאנצן טיטל: יאָשע מאָטל האשעס.

מיין רבי האָט זיך גערעכנט צו די בעסטע גמרא־מלמדים אין שטאָט, ער איז ווייט נישט געווען קיין בטלן און פארקנייטשטער, ווי אלע אנ־דערע מלמדים. ער האָט אויף אלץ געהאט א משל און א גלייכווערטל, וואָס ער פלעגט דערציילן פאמעלעך מיט זיין גאָרגלדיקער שטים.

געלערנט האָט ער אויפן שטייגער פון די היינטוועלטיקע, מיט א געוויסן סדר. ער האָט פארשטאנען צו פארטייטשן ריכטיק א שטיקל מדרש און תנ״ך מיטן מלבי״ם. אונטער פיר אויגן פלעגט ער זיך אמאָל ארויסכאפּן מיט א פרייען געדאנק וואָס איז אים נאָך פארבליבן פון דער אמאָליקער השכלה־עפּאָכע, צו וועלכער ער האָט געהאט א שייכות.

די רביצין האשע האָט געהאנדלט מיט וואפּנע, טרוקענע און געלאָ־שענע, אָבער גאָר אויפן גרויסן שטייגער. זי האָט זיך תמיד ארומגע־ריסן מיט אירע קאָנקורענטן, וועלכע זי פלעגט באפאלן מיט טויטע קללות און אויסגראבלען זיי די אויגן. דאָס שייטל, וואָס איז שטענדיק געווען פארשפריצט מיט וואפּנע, פלעגט איר אוועקפאָרן אין א זייט, און דאָס פנים האָט איר תמיד געפלאמט.

דער רבי איז פון איר אויסגעשטאנען צרות־צרורות. ער האָט אָבער כמעט תמיד פארשוויגן.

ביי דער וואפּנע, וואָס האָט זיך געפונען אויף א פלאץ, ערגעץ אויף

דער קאַליע־גאַס, זיינען אָפּט מאָל, צוזאמען מיטן רבין און דער רביצין, געווען פארנומען אויך מיר, חדר־יינגלעך. דאָ פלעגט מען אָפּפירן א וואגאָן וואפנע, פלעגן מיר זיך פאָרען ביים אויסלאָדן, דאָ האָט מען „גע־לאָשן" וואפנע, פלעגן מיר צוהעלפן אריינשיטן, גיסן וואסער, מישן מיט דער קאָטשערע, „אָפּזייען" און צודעקן מיט ברעטער, ביז עס וועט זיך „איינשטיין".

פארשטייט זיך, אז אונדזערע מייטקעלעך און כאלאטלעך פלעגן זיך אויסשמירן אין וואפנע און די שטיוועלעך פלעגן ווערן ווייס ווי מילך.

צווישן די תלמידים אין חדר איז אָבער געווען איינער, וואָס פלעגט זיך נישט צורירן צו דער „ארבעט", נאָר קוקן פון דער ווייטנס, ער איז געווען א גרויסן וואלד־סוחרס בן־זקונימל, אזא איידלם אין מאָגערס, ווי א „זיבעלע". דאָס דאָזיקע יינגל האָט נישט פארזוכט קיין פוטער, נישט קיין שמאלץ, נישט קיין מילך, נישט קיין אייער און נישט קיין פלייש. קיין פירות האָט ער אויף זיין לעבן נישט טועם געווען, און געלעבט האָט ער כמעט מיט טרוקנס, דערפאר אָבער פלעגט ער טרינקען טיי אויף א גאַר אָריגינעלן אופן: אין א פולער גלאָז צוקער פלעגט מען אים ארייג־גיסן טיי וויפל עס איז אריין, אין דאָס פלעגט ער אויסטרינקען. פון דעם צוקער וואָס איז געבליבן אין גלאָז, האָט די רביצין געהאט צו נוצן א גאנצע וואָך.

געשלאָגן האָט מען אים קיינמאָל נישט, מחמת ער איז ביי יעדן גע־וועזן זייער ציטעריק, און טאָמער חלילה האָט מען אים אָנגערירט, אזוי האָט ער זיך עפּעס געטאָן א קראַץ אין דער נאָז און ס'האָט גענומען גיין בלוט, דער רבי פלעגט אים דעמאָלט צולייגן א קאלטן שליסל, איינ־נעצן די פאטשיילע און צולייגן אים צו דער נאָז און „איינגעמען" אים, ווי מען נעמט איין א קליין קינד.

ביים לערנען פלעגט אונדז שטענדיק באפאלן אזא מידקייט, אז ס'פלעגט זיך כאַפּן א דרימל און דאָך האָט מען געלערנט.

אין רעכטן מיטן לערנען פלעגט זיך פלוצלינג טאָן א פראל־אויף די טיר און אויף דער שוועל האָט זיך באוויזן א פארקאלכטער גוי מיט א ליימיק קענדל און א געשריי געטאָן:

— טשווארטקע וואפני!

האָט דער רבי ארויפגעלייגט די פאטשיילע אויפן דף און אָנגעזאָגט, אז מיר זאָלן דערווייל איבערחזרן דעם שיעור — ער קומט זאת־הרגע צוריק. נאָך אים פלעגן זיך א לאָז טאָן זיינע בנים. און מיר — אָנשטאָט איבערצוחזרן דעם „שיעור", האָבן זיך פארנומען מיט אויסלייגן ווער־טער איף אונדזער איינגארטיקן שטייגער. אזוי, למשל, פלעגן מיר פון „תלמוד בבלי" איבערדרייען די ר"ת אויף: „טאטע, לייבלם מיידל וויל

דאָ באקן באָבעלעך — לאָזן? — יאָ!" די דריי פאען ביי סוף סדרה מאכן: פעוונע פאר פאלן*). מיר פלעגן מאכן אייגנארטיקע „טעלעפאָנען", וואָס זיינען באשטאנען פון א שנירל מיט צוויי שאכטעלעך פון שוועבע־לעך ביי ביידע זייטן.

מיר האָבן אויך געשמועסט פאָליטיק לויט אונדזערע אייגענע „אי־בערצייגונגען". ביי וועלכע מיר האָבן זיך געהאלטן שטאָל און אייזן. אזוי פלעגן מיר וויסן, אז דעם קיסרס „פאָרטרעט", וואָס איז געהאנגען אין יעדן חדר, האָט א טבע, אז ווען דער קיסר שטארבט, ענדערט ער די מראה...

אחוץ דעם פויער, דעם קונה פ'ן וואפנע, וואָס פלעגט אונדז אי־בעררייסן דאָס לערנען, האָבן אונדז נאָך ארויסגעראטעוועט פארשידענע אנדערע מענטשן. אזוי פלעגט זיך פלוצלינג באווייזן דער ייד מיט דעם „פלעט". פון זיין רויטער פאטשיילע פלעגט, ווי דורך א כישוף, ארויס א זילבערנער חנוכה־לאָמפּ מיט לייבן, א וועקזייגער מיט א „קוקאווקע", וואָס פלעגט אונדז אָפּשפּילן, אז ס'איז געווען א מחייה, א בשמים־ביקסל מיט א קליין טירעלע א'ן א פענדעלע אויפן סאמע שפּיץ. יעדעם יינגל פלעגט זיך קויפן א „פלעט" און ווארטן מיט אומגעדולד אויפן גליקלעכן מזל. אן אנדערש מאָל פלעגט זיך באווייזן א ייד, וואָס האָט אוועקגעשטעלט אויפן טיש א „משכן" וואָס ער האָט אליין אויסגעאר־בעט זייער קונציק, לויט דער באשרייבונג פון חומש און מיר האָבן זיך נישט געקענט אָפּחידושן פונעם „משכן" און פונעם ייד, וואָס האָט א קאָפּ פ'ן א מיניסטער און וואָס האָט, ווי ער האָט דערציילט, אָפּגעאר־בעט דערביי זיין גאנץ לעבן. אמאָל ווידער האָט זיך באוויזן א ייד מיט גרויסע ברעמען און א שווארצער קאָלטענעוואטער באָרד, און פאר א „צווייער" (צוויי גראָשן) האָט ער אונדז געלאָזט אריינקוקן אין אזא קעסטל, וואו מ'האָט געזען וואונדערלעכע בילדער, וועלכע האָבן פאר־כישופט אונדזערע נשמות.

אברהם־הערש

פון גאָר אן אנדער שניט איז געווען דער לעצטער מלמד מיינער — אברהם־הערש אסינע. אויב צו די פריערדיקע מלמדים מיינע האָב איך זיך באצויגן מיט א געוויסער גרינגשעצונג, איז פאר אברהם הערשן האָב איך די גרעסטע אכטונג און דאנקבארקייט.

---

*) הפנים, דערפון שטאמט דער אויסדרוק: שרייבט אויף דריי פאען, ווען ס'האנדלט זיך וועגן א פארפאלענעם חוב.

נאָך איידער עס זיינען אויפגעקומען די „חדרים מתוקנים" מיט די נייע מעטאָדעס, האָט אברהם הערש פארשטאנען, וואָס און ווי אזוי מען דארף לערנען. ער האָט פיינט געהאט אלע פלפולים, פשטלעך און „אויס־טייטשונגען" און ליב געהאט צו לערנען פשוט, טייטשן ריכטיק און מיט טעם. געווען איז מיין רבי דעמאָלט א יונגערמאן פון א יאָר עטלעכע א׳ן דרייסיק, א הויכער מיט א פּאָר גרויסע קינדערישע אויגן, דאָס פּנים אינגאנצן צעקנייטשט און ארומגעליאַמעוועט מיט א קליין שווארץ ׳שי־טער בערדל.

דאָס איז געווען א טיפּ פון די אמתע איבערגעגעבענע משכילים, אינגאנצן דורכגעדרונגען מיטן דאָזיקן גייסט. אין דער פרייער צייט פלעגט ער לייענען די נייעסטע העברעאישע און יידישע ביכער און ליב געהאט זיך טיילן מיט זיינע תלמידים מיט זיינע געדאנקען און געפילן.

איינער פון זיינע נאָענטסטע און איבערגעגעבנסטע פריינד איז גע־ווען א י׳נגערמאן מיטן נאָמען יענקל פיגאָווע, א זייער אינטערעסאנ־טער טיפּ. שוין דער נאָמען אליין פון דעם יונגערמאן איז געווען אן אויסדרוק פון אפּיקורסות און כל־המיני בייז. ער האָט אָנגעוואָרפן א פחד אויף אלע פרומע יידן אין שטאָט.

דער דאָזיקער יענקל פיגאָווע איז געווען א זון פון אן אָרעמען ׳שניי־דער, וועמענס משפחה מען האָט גערופן מיטן צונאָמען „ציגיינערס" *). ער איז געווען א בחור מיט א פייערדיקן קאָפּ, וואָס האָט געקענט אויסגעצייכנט לערנען און האָט געהאט היתר־הוראה. ער האָט אויך גע־קענט גאנץ תנ״ך בעל פה און אין משך פון א קורצער צייט האָט ער פּאַלקאָם זיך אויסגעלערנט רוסיש, דייטש, פראנצייזיש און א ריי ווייסנ־שאפטן. ער האָט אויך געמאכט א העברעאישן ווערטערבוך, וואָס א פאר־לעגער האָט מיט קליינע ענדערונגען ארויסגעגעבן פאר אייגנס. צ׳ליב זיין אפּיקורסות איז ער כמעט געווען ווי אין חרם און אפילו די אויפּ־געקלערטע פון יענער צייט פלעגן זיך היטן מיט אים דורכצוגיין די גאַס. טראָץ דעם אלעם האָט מיין רבי זיך מיט אים געהברט, און הגם ער האָט געקענט דורך דעם פארלירן דאָס מלמדות און קומען עד ככר־לחם, איז דאָך דער דאָזיקער יענקל פיגאָווע געווען א גאנצער יוצא־ונכנס ביי אים אין שטוב.

פון די פיר־פינף תלמידים, וואָס האָבן געלערנט ביי אברהם הערשן, האָט זיך דער רבי צום מיינסטן אָפּגעגעבן מיט צוויי: מיט מיר און מיט

---

*) וועגן דאָזיקן צונאָמען האָט מען אין שעדלעץ דערציילט אן אינטערע־סאנטע מעשה, וואָס מיר ברענגען אויף אן אנדער אָרט.

יענקל יואלן *), צו וועלכע ער האָט זיך באַציִיגן מיט א באַזונדערער ליבע און איבערגעגעבנקייט. נאָכן ענדיקן דאָס לערנען, ווען אלע קינדער זיינען זיך צעגאנגען אהיים, זיינען מיר איבערגעבליבן, און דער רבי פלעגט מיט אונדז לייענען „אהבת-ציון", „אשמת-שומרון" און „עיט צבוע" פון מאפו און פארשידענע אנדערע העברעאישע ביכער.

אין די שיינע זומער-פאַרנאַכטן זיינען מיר דריי, ד. ה. דער רבי מיט די צוויי תלמידים, געגאנגען שפאַצירן הינטערן שטאָט און דער רבי פלעגט אונדז ווייזן די שיינקייט פון דער נאַטור, וואו אַלץ איז אַזוי „וואונדערלעך, הארמאָניש און געטלעך". ער פלעגט זיך אנטציקן מיט די אַרומיקע לאַנדשאַפטן און מיטן פּרעכטיקן זונען-אונטערגאַנג. אבדהם הערש האָט מיט גרויס באַגייסטערונג און מיט א באַזונדערן ניגון גע־לערנט מיט אונדז נביאים. זיך צעזינגען „חזון ישעיהו בן אָמוץ"... „רחצו הזכו, הסירו רוע מעלליכם"!... אז ס'איז אריינגעדרונגען אין דער נשמה, און מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אז אזוי שטייט דער נביא ישעיהו אויף א הייכן בארג מיט דער שניי-ווייסער צעפלאָסענער באָרד און רעדט אראָפּ צום ווידערשפעניקן פאָלק ישראל.

עפּעס אַן אומרואיקער גייסט, וואָס קען קיין מנוחה נישט געפינען, איז געזעסן אין דער נשמה פון דאַזיקן ייד: דאָ פלעגט ער זיך כאַפּן צום פידל — ער האָט ערגעץ דערטאַפּט אַן אַלטע צעבראָכענע כלי, האָט ער זי אויסגעלאַדעוועט און אויף איר אויסגעשפּילט פאַרשידענע יידישע ניגונים און לידער. אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך געכאַפּט צום מאָלן, פלעגט אויסמאָלעווען פאַרשידענע לאַנדשאַפטן און פיגורן.

אַז ס'איז געקומען ערב ראש-השנה, האָט ער זיך באַשעפטיקט ספּע־ציעל מיט מאָלן „לשנה טובהס" אויף ראָזע בייגעלעך פּאַפּיר. אויף די דאָזיקע בייגעלעך האָט ער אויסגעמאָלט לייבן און אָדלערס, קרענץ, מאָ־זאַיק אין פאַרשידענע פאַרבן, גאָלד און זילבער און אין מיטן האָט ער מיט דרוק-אותיות קונציק אָנגעשריבן פאַרשידענע מליצהדיקע וואונטשן אויף ראש השנה.

די דאָזיקע „לשנה טובהס" פלעגן ביי אים באַשטעלן יונגעלייט און מיידלעך, ס'רוב חתנים און כלות, און פלעגן אים דערפאַר גוט באַצאָלן. זיין ספּעציאַליטעט האָט אָבער געשטעקט אין האָלץ-שניצעריי.

אין שכנות מיט אונדזער חדר האָט געוואוינט יידל שאָלקים *). מיין רבי אברהם-הערש פלעגט אָפט צו אים אריינקומען, זיך איינקוקן אין

*) יואל מאַסטבוים, דער באַקאַנטער יידישער שרייבער.

*) געוועזענער מלמד און שפּעטער אַן אויסגעצייכנטער האָלצשניצער, דע־מאָלט דער ערשטער און איינציקער אין שעדלעץ.

דער ארבעט, וואָס איז אים זייער געפעלן געוואָרן. נישט לאנג געטראכט, האָט ער זיך פארשאפט די נויטיקע אינסטרומענטן — אייניקע אליין אויסגעקאָמבינירט — און באלד געוואָרן א ספעציאליסט א שניצער און געהאט דערפון א שטיק פרנסה. אין דער צייט פון לערנען איז אויפן טיש איינגעפרעסט געווען א געדרייטער פוס פון א מעבלטיש, א קאָפּ־שטיק פון א מאכיניאווע בעט, א גזימס פון דער דעמבענער שאנק — און דער רבי פלעגט מיט דער דלוטע שניצן און לערנען: יהפור בדקר! און אויסשניצן א האלב פארוויקלט בלאט און אויספלעכטן א שנור צווייגן איינם אריין אין צווייטן. און מיר פלעגן אלע מאָל כאפן א קוק דאָ אין חומש און דאָ אויף דער שניצעריי.

דעם רבינס קונסט־מלאכה האָט אויף אונדז חדר־יינגלעך געהאט אן אויסערגווייינלעכע ווירקונג. אהיימקומענדיק פון חדר פלעגט זיך יואלקע נעמען צו מאָלן בילדער און איך — צו פארשידענע טעכנישע ארבעטן. איך פלעג מאכן זאמדזייגערס, וואסער־לייטונגען, וואָס די אייגענע וואַ־סער פאָמפּעט זיך אריין און ארויס און... פידלען. איינמאָל איז צוליב דעם געקומען צווישן מיר און יואלקען צו א שטארקן קאמף. איך האָב געמאכט א פידל און געוויזן יואלן, ער זאָל זאָגן מבינות. אָנשטאָט א מיי־נונג, האָט יואלקע א כאַפּ געטאָן דעם פידל און נישט געוואָלט צוריק־געבן. איך האָב אים אראָפּגעכאפּט דאָס היטל און אנטלאָפן צו זיך אין שטוב. יואל איז מיר נאָך ביז אין לעצטן צימער, ער האָט פארלאנגט, כ׳זאָל אים אוועקגעבן דאָס היטל, און איך — דעם פידל, וועלכן ער האָט פאר כעס צעבראָכן. נישט קענענדיק אדורכקומען, האָט יואל פארמאכט די טיר און געזאָגט צו מיר בזה הלשון:

— דו גיסט אוועק דאָס היטל? אנישט וועסטו קיין לעבעדיקער נישט ארויס, און דערביי האָט ער מיר א ווייז געטאָן דאָס „ציגיי־נערל"... *).

איך האָב דערזען, אז ער איז טױטבלאס, די אויגן ארויס, שרעקלעך אויפגערעגט און דאָס „ציגיינערל" גרייט, האָב איך בלית־ברירה, אים אוועקגעגעבן דאָס היטל.

**
*

אחוץ די אלע מלאכות האָט דער רבי זיך נאָך אָפּגעגעבן מיט פאר־פאסן חיבורים. ער האָט דאן פארפאסט א העברעאישע מעטאָדע פון דקדוק געשטיצט אויפן תנ"ך און פארזען מיט א ספעציעלער לייכטער איבערזעצונג אויף יידיש.

כ׳געדענק ווי איינמאָל איז אריינגעקומען אין חדר א פרעמדער ייד,

---

*) א פויעריש מעסערל, וואָס לייגט זיך איין (א קנייפּערל).

אן אלטער, מיט א פעקל ספרימלעך. דער רבי האָט גענומען איינס אין האנט אריין און באלד אָנגעהויבן זינגען:

„מה זאת עיני תחזינה
בני כיונים תעופנה" **), אאז"וו.

שפּעטער בין איך דערגאנגען, אז דער אלטער איז געווען א שטיקל מחבר און ער האָט איבערגעזעצט אויף העברעאיש לידער פון אליקום צונזער און גאָלדפאדען. דער רבי האָט אים שטארק מקרב געווען און אָנגעוויזן אדרעסן וואו ער וועט קענען אויסברענגען די „סחורה".

א לאנגן און שווערן קאמף האָט דער רבי געפירט מיט דער רביצין. ער האָט געוואָלט פון זיין טאָכטער און פון זיין זון מאכן געבילדעטע מענטשן אין היות דאָס לערנען איז זיי אָנגעקומען זייער שווער. באזונדערס דעם זון, פלעגט ער אים בגוואלד וועלן אריינשטופּן די רוסישע „גראמאטיק" מיט די „זאדאטשעס". האָט זיך אין חדר געטאָן חושך און די רביצין פלעגט שרייען:

— נו! און אז ער וועט נישט קענען די... „אקעמאטיקע" וועט ער נישט זיין קיין „יאָקטאָר"? בין איך טאקע שטארק צעבראָכן.

דעם רבין אָבער איז עס געגאנגען אין לעבן. ער האָט געוואָלט, אז זיין זון זאָל דערגרייכן דאָס, וואָס ער האָט נישט באוויזן צו מאכן פאר זיך. דערפאר אָבער פלעגט ער צו אונדז, תלמידים, בפרט צו מיר מיט יואלן, זיך באציען נישט ווי קיין רבי, נאָר ווי א פריינד, אן איבערגעגעבענער און געטרייער. ער איז טאקע ביז היינט פארבליבן אין אונדזער זכרון.

**) „וואָס זע איך דורך די שויבן?
עס קומען אָן ווי טויבן".
א באוואוסט פאָלקסליד פון אליקום צונזער א"נ „שיבת ציון".

שעדלעצער פאָלקס־מעשׂיות

יצחק־נחום וויינטרויב

א שעדלעצער שמד־געשיכטע

די געשיכטע וואָס איך וועל דאָ דערציילן, איז ליידער, ווי א סך אנדערע געשיכטעס פון אמאָליקן שעדלעץ, נישט פאַרשריבן אין קיין שום פנקס, זי איז דערציילט געוואָרן פון זקנים, וואָס האָבן די דאָזיקע געשיכטע געדענקט.

עס איז געווען תיכף נאָך דער „פּאָוסטאַניע" (אויפשטאַנד) פון יאָר 1863, האָט אין דאָרף ווימישלי, נעבן שעדלעץ, געוואוינט א ייד מיטן נאָמען יצחק־יאָסל, וועלכער האָט געהאלטן אין ארענדע די ווימישלער מיל. יצחק־יאָסל איז געווען א פּשוטער ייד און געשעצט פאר אן אָרנטלעכן מאן. ויהי היום, מאכט זיך א מעשׂה, און די מיל איז עפּעס קאליע געוואָרן, האָט יצחק־יאָסל אראָפּגעברענגט פון דייטשלאנד א מאָנטיאָר צו פאַרריכטן די מיל. בינו לבינו האָט יצחק־יאָסל נישט געקענט דורכקומען מיט דעם מאָנטיאָר צוליב דעם פּרייז און זיי האָבן זיך צעקריגט. בעת דער מחלוקת האָט דער דייטש א זאָג געטאָן צו יצחק־יאָסלען:
— וואַרט, וועסט מיך האָבן צו געדענקען אויף אייביק.

פון דאן אָן איז יצחק־יאָסל געוואָרן עפּעס גאָר אן אנדערער. ער איז אראָפּ פון דרך־הישר, אָנגעהויבן צו שיכורן און געטאָן אנדערע דברי נבלה. שוין נישט אָפּגעהיט, פאַרשטייט זיך, דאָס געשעפט. ביי דעם אלעמען האָט ער זיך דאָך געהיט פאר זיין ווייב, וועלכע איז געווען זייער אן אָרנטלעכע און א צנועה, אז זי זאָל באמערקן זיין התנהגות.

יצחק־יאָסל האָט געהאט א יידישע דינסט, וועלכע האָט אָבער יאָ באמערקט דעם שינוי, וואָס איז פאָרגעקומען מיט איר בעל־הבית, און זי האָט וועגן דעם דערציילט איר בעל־הביתטע. יצחק־יאָסלס פרוי,

נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, האָט זי געשריבן קיין ווענגראָוו, פון וואַנען איר מאַן האָט געשטאַמט, צו זיין משפחה, עס זאָל ווער קומען און מען זאָל זען עפּעס צו טאָן כדי אים מחזיר למוטב צו זיין.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און קיין ווימישלי זיינען אראָפּגעקומען יצחק־יאָסלס צוויי ברידער. צוזעענדיק, אַז יצחק־יאָסל גייט אַראָפּ פון יידישן דת און צלמט זיך ביי יעדער זאַך, האָבן זיי געמיינט, אַז עס איז אויף אים אָנגעפאַלן עפּעס א משוגעת; זיי האָבן אים געבונדן די הענט, אריינגעזעצט אין א באַזונדער חדר, און גערעכנט, אַז דאָס משוגעת וועט איבערגיין. קיין שום פאַרבעסערונג האָבן זיי אָבער אין אים נישט דערקענט, נאָר פאַרקערט, א פאַרערגערונג: אפילו ווען די הענט זיינען אים געווען געבונדן. פלעגט ער מיט דער צונג אָנצייכענען צלמים אויף די פאַרשידענע ספרים.

מיט גרויס מי איז געלונגען די ברידער צו פועלן ביי יצחק־יאָסלען, ער זאָל פאָרן מיט זיי צום רבין ר׳ יצחק קיין נעסכויזש. ווען די ברידער זיינען אריין צום רבין און האָבן אים דערציילט, וועגן וואָס זיי זיינען געקומען, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט שוין נישט פאַר אים קיין שום תקומה. זיי זיינען צוריקגעפאָרן קיין ווימישלי און יצחק־יאָסלען איבערגעלאָזט דאָרט. אין א פּאָר וואָכן ארום האָט זיך יצחק־יאָסל געשמדט און אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. געהאַט האָט יצחק־יאָסל צוויי יינגלעך, איינעם פון 10 יאָר און איינעם פון פיר יאָר. דעם צען־יעריקן האָט ער מיטגענומען מיט זיך און אָפּגעשמדט. מיט דעם יינגערן איז דאָס ווייב זיינס אַנטלאָפן קיין שעדלעץ און אַזוי ארום געוואָלט מציל זיין אים פון שמד.

דעם משומד האָט די זאַך שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאי זיין ווייב האָט אים אָפּגעטאָן אַזא זאַך, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע צום דעמאָלטיקן גענעראַל־גובערנאַטאָר, גראַף בערג, פאַרקלאָגן זיך פאַר אים. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט שטרענג באַפוילן דעם שעדלעצער גובערנאַטאָר גראָמעקאָ און דעם דעמאָלטיקן פּאָליצמייסטער מאַדראַך, אַז זיי זאָלן זען דאָס קינד אָפּצונעמען ביי דער מוטער און עס זאָל דערצויגן ווערן אין פּראַוואָסלאַוונעם גייסט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער פּאָליצמייסטער האָט, מיט דער הילף פון סטראַשונקעס, אָפּגעזוכט די מוטער און מיט געוואַלד אָפּגענומען ביי איר דאָס קינד. מיט דער דערלויבעניש פון גובערנאַטאָר האָט דער פּאָליצמייסטער אדאָפּטירט פאַר זיך דאָס דאָזיקע קינד און פאַררעכנט עס פאַר זיינס אַן אייגנס. נישט האָבנדיק אָבער ווער עס זאָל עס דערציען, ווייל דער פּאָליצמייסטער מאַדראַך האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָט ער עס איבערגעגעבן צו א פּראַוואָסלאַוונעם סטאַרשי פעלדשער פון מיליטער־לאַזאַרעט. דער פעלדשער האָט דעמאָלט גע־

וואוינט אין געסל פיענקנע 11, אין הויז פון ר׳ יצחק־גד קאָרנבלום. דאָס קינד, בענקענדיק נאָך דער מוטער זיינער, האָט געמאכט שטאַרקע קולות און נישט געקענט באַין אופן צוגעוואוינען זיך צו זיינע נייע דערציער.

די מוטער, ווידער, פלעגט אַלע טאָג קומען צו ר׳ יצחק־גדן און וועלן אָנקוקן איר קינד, אָבער באַין אופן האָט איר דער פעלדשער נישט דער־לויבט. ער האָט געטענהט, אַז ער איז שטרענג פאַראַנטוואָרטלעך דער־פאַר און אַז מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל גוט אַכטונג געבן אויפן קינד און די מוטער נישט צולאָזן צו אים. מיט גרויס שוועריקייטן איז דער מוטער נאָכהער געלונגען צו פועלן, אַז מען זאָל איר כאָטש שפּעטער דערלויבן איין מאָל אין טאָג אַ קוש צו געבן איר קינד.

אָבער מיט דער צייט האָט דאָס קינד זיך צוגעוואוינט צו דער נייער סביבה, שוין אָנגעהויבן צו רעדן רוסיש. גלייכצייטיק האָט מען אין אים איינגעפּלאַנצט אַ שנאה צו יידן; ער פלעגט שוין נישט וועלן רעדן מיט זיין מוטער קיין יידיש. די מוטער אָבער האָט נישט גערוט און גע־זוכט כל הפעולות, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען איר קינד פון די גויאישקע הענט. צו יענער צייט איז געווען רב אין שעדלעץ ר׳ ישראל מייזליש. פלעגט טאַקע די מוטער קומען צו אים אַלע טאָג, ער זאָל זען צו פועלן, אַז זי זאָל קענען אָפּנעמען איר קינד.

ר׳ ישראל מייזליש האָט איר געגעבן אַ בריוו צו זיין פאָטער, דעם וואַרשעווער רב ר׳ בעריש מייזליש, ער זאָל עפּעס זען צו טאָן אין דעם ענין.

ר׳ בעריש האָט אָבער דערקלערט, אַז ער קאָן גאָרנישט אויפטאָן. ווי באַוואוסט האָט הרב מייזליש גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863סטן יאָר. נאָכן אונטערדריקן דעם אויפ־שטאַנד איז ער געוואָרן שטאַרק פאַרפאָלגט פון דער צאַרישער מאַכט, און ער האָט ממילא גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן.

ר׳ בעריש מייזליש האָט אָבער דער מוטער געגעבן אַן עצה. היות ווי מען קאָן גאָרנישט אויפטאָן אויפן אַדמיניסטראַטיוון וועג, זאָל זי דערום מאָנען איר קינד דורכן געריכט. די געריכטן זיינען דעמאָלט גע־ווען פּוילישע. די מוטער האָט טאַקע איבערגעגעבן דעם ענין אין גע־ריכט. לויט ווי מען האָט איר אַן עצה געגעבן, האָט זי געטענהט, אַז דער פאָטער פון קינד איז נישט איר מאַן, יצחק־יאָסל, און ממילא האָט ער נישט געהאַט קיין רעכט דאָס קינד צו שמדן. דער פאָטער פון קינד, האָט די פרוי געטענהט, איז אַ צווייטער. עס האָט זיך טאַקע אויך גע־פונען אַזעלכער, וואָס איז אַרויסגעטרעטן אין געריכט אַלס דער פאָטער פון קינד. דער פאָליצמייסטער מאַדראַך, האָט אָבער געטענהט, אַז דאָס קינד איז אַ פּראַוואָסלאַוונע און קיינער, אויסער אים, האָט נישט דער־רויף קיין רעכט. צוליבן פעלן פון באַווייזן, האָט אָבער די מוטער פאַר־

שפּילט דעם פּראָצעס און דאָס קינד איז צוריק געבליבן ביי דעם פּראַ־וואָסלאווּנעם סטאַרשי פעלדשער.

זעענדיק אז איר גאַנצע מי, צוריק צו באַקומען איר קינד, האָט נישט געהאָלפן, איז די מוטער געפאָרן צום אמשינאָווער רבין, ר׳ דוד, זצ״ל, א זון פון ר׳ יצחק וואָרקער און א חבר פון ר׳ מענדל קאָצקער, זצ״ל, ער זאָל איר געבן אן עצה. ר׳ דוד איז געווען א גרויסער עסקן אין כלל־זאכן און געהאַט זייער א גוט הארץ. אויסהערנדיק דעם פאַרלאַנג פון דער מוטער, האָט ער איר צוגעזאָגט ספּעציעל צו קומען קיין שעד־לעץ און באַטראַכטן, וואָס מען קאָן דאָ טאָן.

דער רבי ר׳ דוד אמשינאָווער איז טאַקע אין א פּאָר טעג אַרום גע־קומען קיין שעדלעץ, באַראַטן זיך מיט ר׳ ישראל מייזליש. זיי האָבן איינגעפונען, אז מיט גוטן וועט מען דאָ גאָרנישט קענען אויפטאָן און די איינציקע עצה, ווי אזוי אַרויסצוראַטעווען דאָס קינד איז נאָר דורך עפּעס א שפּיצל, דורך אן ערמה.

אין יענער צייט האָט זיך געפונען אין שעדלעץ א ייד, קלמן גראַ־יאַנצי (דער ערשטער פון דער פאַמיליע, וואָס איז דאָ באַקאַנט מיט דעם צונאָמען „קאָשעצעס״). קלמן גראַיאַנצי איז געווען זייער אן ענערגישער און העלדישער ייד. וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיין שום זאַך און ר׳ דוד אמשינאָווער און ר׳ ישראל מייזליש האָבן איינגעפונען, אז קלמן וועט פעאיק זיין דעם ענין דורכצופירן. זיי האָבן אַריבערגע־שיקט נאָך קלמן גראַיאַנצי און דערקלערט אים וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך און האָבן אים צוגעזאָגט, אז ער וועט האָבן עולם הבא, אויב ער וועט די זאַך דורכפירן. דערביי האָבן זיי ביי אים גענומען תקיעת כף, אז ער זאָל קיינעם נישט דערציילן וועגן וואָס מען האָט דאָ גערעדט. נאָר זען דאָס קינד אַרויסצוראַטעווען, און אז ער וועט האָבן דאָס קינד אַרויסגעראַטעוועט פון פעלדשערס שטוב, זאָל ער עס אָוועקפירן צו ר׳ דוד׳ן קיין אמשינאָוו.

קלמן גראַיאַנצי האָט צענויפגערופן זיין קאָמפּאַניע חברים, און יע־דער האָט אָפּגעגעבן א שבועה, אז ער זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן וואָס דאָ איז גערעדט געוואָרן. קלמן האָט פאָרגעשטעלט די גאַנצע קאָמפּאַניע פאַר ר׳ דוד׳ן און ר׳ דוד האָט געגעבן עצות, ווי אזוי די זאַך דורכצופירן.

קלמן מיט זיין קאָמפּאַניע האָבן אָנגעהויבן צו שפּיאָנירן אַרום דעם הויז, וואו עס האָט געוואוינט דער פעלדשער און געוואויר ווערנדיק, אז ער איז אוועקגעפאָרן קיין וואַרשע נאָך מעדיקאַמענטן פאַר דעם לאַזאַ־רעט, און אז זיין פרוי איז איינע אליין מיט דעם קינד, האָבן זיי אויס־גענוצט דעם דאָזיקן מאָמענט, אַרומגעשטעלט ביינאַכט א וואַך אַרום הויז, פאַרשפּאַרט אַלע טירן און פענצטער פון דעם פעלדשערס שכנים, פאַרבונדן זיי מיט שטריק, כדי מען זאָל פון אינעווייניק נישט קענען

עפענען. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן ביי די טירן און פענצטער פון פעלדשערס שטוב. אויסער איין פענצטער האָבן זיי געלאָזט אָפן און דאָרט ארום אריין צום פעלדשער אין שטוב. דעם פעלדשערס פרוי, זעענדיק פלוצלינג אזא אָנפאַל אין מיטן דער נאכט, האָט זי געמאכט א גרוים געוואלד, אז מען וויל צונעמען דאָס יידישע קינד. געשטעלט א ווידערשטאנד און שטארק געראנגלט זיך. די חברה האָט דעריבער נישט געהאט קיין אנדער עצה, ווי זי צו בינדן, פארשטאָפּן דאָס מויל, צונעמען דאָס קינד און אוועק דערמיט דורך דעם אָפענעם פענצטער. וואָס זיי האָבן שפּעטער פארשפּארט, כדי מען זאָל פון דאָרט נישט קענען ארויסגיין.

אין שטוב ביי ר׳ יצחק גד, וועלכער האָט געוואוינט אין איין הויז מיט דעם סטארשי פעלדשער, האָט מען געהערט די געוואלדן פון דעם פעלדשערס פרוי. ר׳ יצחק גדס שטובמענטשן האָבן אָבער נישט געקענט ארויסגיין געוואויר ווערן וואָס די געשרייען זיינען, ווייל די טירן אין די פענצטער זיינען געווען פארשפּארט. סוף כל סוף זיינען אויף די געוואלדן אָנגעקומען פּאָליציאנטן, וועלכע האָבן דאָס ערשטע אויפגעעפנט די פארשפּארטע טיר און פענצטער. דערוויסנדיק זיך וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָבן זיך די פּאָליציאנטן געוואָלט אָנטשעפּען אָן ר׳ יצחק גדן, באשר ער, אלס נאָענטער שכן ווייסט וועגן דעם אלעם. לויט דער פאראָרדענונג פון פּאָליצמייסטער, איז ר׳ יצחק גד און זיין פרוי אָפּגעפירט געוואָרן אין קרימינאל אריין. עס זיינען דעמאָלט ארעסטירט געוואָרן אויך אנדערע אָנגעזעענע בעלי-בתים, צווישן זיי ר׳ שמעון גרינבערג, ז״ל, אויף וועמען דער סטארשי פעלדשער האָט געזאָגט, אז ער האָט אים געוואָלט געבן 1000 רובל, כדי ער זאָל אים געבן די מעגלעכקייט ארויבצוגנבענען ביינאכט דאָס קינד.

די יידן אין שעדלעץ האָבן דאן איבערגעלעבט שווערע טעג. דער גובערנאטאָר גראָמעקאָ און דער פּאָליצמייסטער מאדראך זיינען געווען פון די ערגסטע גובערנאטאָרן און פּאָליצמייסטערס, וואָס שעדלעץ האָט ווען געהאט. און הגם עס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען די מאָדע פון פּאָגראָמען, האָבן די יידן איבערגעלעבט פיל שרעק. קעגן די ארעסטירטע האָט זיך אָנגעהויבן אן ענערגישע אויספאָרשונג. סוף כל סוף האָט מען זיי אָבער אלע באפרייט, אויסער ר׳ יצחק גדן, צו וועמען עס פלעגט אין תפיסה אלע מאָל קומען דער אויספאָרשונגס-ריכטער, וועלכער פלעגט ר׳ יצחק גדן שלאָגן, ער זאָל אויסזאָגן ווער עס זיינען געווען די מענטשן, וואָס האָבן ארויסגעגנבעט דאָס קינד.

ר׳ בעריש מייזליש האָט שפּעטער אונטערגענומען אן ענערגישע השתדלות, מען זאָל ר׳ יצחק גד׳ן באפרייען, ווייל עס זיינען נישטאָ

קעגן אים קיין באווייזן. די דאָזיקע השתדלות האָט טאַקע געפּועלט און מען האָט אים באַפרייט.

וואָס איז געוואָרן דער סוף מיט דעם ארויסגעראַטעוועטן קינד? ווי פּאָליציי איז געוואויר געוואָרן, אַז מען האָט דאָס קינד ארויסגעגנבעט, האָט מען באַלד באַוואַכט אַלע ראַגאַטקעס הינטער דער שטאָט און שטרענג רעווידירט יעדן איינעם. וואָס איז ארויסגעפאָרן פון שטאָט, אָבער מען האָט דאָס קינד נישט געפונען. עס איז געווען באַהאַלטן אין א זיכער אָרט.

ווען די וואַך הינטערן שטאָט איז אראָפּגענומען געוואָרן, האָט מען דאָס קינד אוועקגעפירט קיין אמשינאָוו צו ר׳ דודן און ער האָט דאָס דערצויגן. ווענן דעם האָבן אָבער געוואוסט נאָר יחידים, פאַר אַלעמען איז די זאַך געווען א סוד, און מען האָט נישט געוואוסט וואו דאָס קינד איז אהינגעקומען.

***

אין יאָרן ארום האָט ר׳ יצחק גד געקריגן א בילעט אויף א חתונה אין בריסק. אויפן בילעט איז אלם העומד מצד החתן געווען ר׳ דוד מאמ־שינאָוו. אין פלוג האָט ר׳ יצחק גד נישט געוואוסט, ווער דער חתן איז, שפּעטער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער חתן איז דאָס זעלבע קינד, וואָס איז אמאָל ארויסגעראַטעוועט געוואָרן פון שמד. דער אמשינאָווער רבי האָט דערמיט געוואָלט מהנה זיין ר׳ יצחק גדן, ווייל ער האָט פון דער דאָזיקער געשיכטע געליטן מער פון אַלע.

קלמן גראַיאַנצי מיט זיינע חברים האָבן געהאַלטן די שבועה, וואָס זיי האָבן דעמאָלט געגעבן און קיינער האָט ווענן דעם נישט דערציילט. אַז מען איז אין א צייט ארום געוואויר געוואָרן ווענן דעם, האָט מען זיי שטאַרק גערימט פאַר זייער מסירת נפש און פאַר זייער ענערגיע און אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן: „אפילו ריקנים שבך מלאים מצוות כרי־מון". (אפילו די פּוסטע מענטשן, וואָס געפינען זיך צווישן אייך זיינען פול מיט מצוות, ווי א מילגרוים).

דער סוף פון דעם משומד יצחק־יאָסל: ער איז אויף דער עלטער גע־וואָרן א בעטלער און געקומען בעטן נדבות אין די יידישע הייזער.

יהושע גאָלדבערג

„טייוואָלים“

(פון די שטעטלעצער מעשהלעך)

געווען ביי אונדז א משפחה, וועלכע מ׳האָט גערופן די „טייוואָלים“. דאָס זיינען נישט געווען קיין מענטשן רשעים, אָדער לצים, פאר וועלכע שעדלעך האָט געציטערט, פארקערט, זיי זיינען געווען גאנץ רואיקע מענטשן, וואָס האָבן נישט געטשעפעט קיין פליג אויף דער וואנט. דעם צונאָמען האָבן זיי באקומען בירושה פון א פאָטער, מיט וועלכן עס האָט פאסירט אן אויסטערלישע געשיכטע.

געהייסן האָט דער פאָטער פראָסט-פשוט: יאָסל. גערופן האָט מען אים יאָסל בעקער, ווייל ער האָט געהאט א קראָם מיט פלאציקעס און פויערישער חלה אין סאמע מיטן מארק, וואו דינסטיק און פרייטיק, אין די מארקטעג, פלעגן זיך צונויפפאָרן די פויערים פון דער ארומיקער געגנט מיט פורלעך ברויט, קארטאָפל און אנדערע גרינווארג און אויך ארייננעכאפט זיך צו יאָסלען קויפן פלאציקעס אָדער פויערישע חלה וואָס איז געווען געבאקן אין גרויסע בעקנס, אויסגעשמירט מיט אייל און אונטערגעבאקן מיט ברוינע ציבעלעס.

יאָסל איז געווען א ייד פון א יאָר עטלעכע און פופציק מיט קליינע לעבעדיקע אויגן. צוליב דעם וואָס דאָס בערדל איז שטענדיק געווען פאר־מעליקט, האָט מען אויף קיין פאל נישט געקענט דערגיין, צי ס׳איז גרוי, צי שוואַרץ. די פויערים האָבן פון׳אים שטארק געהאלטן, וואָרעם ער איז געווען א קלוג יידל און פלעגט זיך ליב האָבן אויסצוטענהן מיט זיי, קלאפן אין פלייצע און געבן זיי עצות אין פארשידענע ענינים.

געווען איינער א פויער, אנטאָני האָט ער געהייסן, א הויכער גע־זונטער פארשוין מיט גרויע וואסערדיקע אויגן און העל בלאָנדע וואָנ־סעס. דער דאָזיקער אנטאָני פלעגט זיך פילן ביי יאָסלען זייער היימיש און נאָכן מארק איז ער ארייננעקומען, זיך אויפגעשפיליעט דעם פעלץ,

ארויסגעשאָקלט פון די קעשענעס אויפן בעט ארויף, וואו ס׳פלעגן ליגן די בלעטלעך לאָקשן, דאָס גאנצע לייזעכץ. ער האָט געציילט און גע־ציילט און קיינמאָל נישט געקענט כאפן דעם חשבון. בלית ברירה פלעגט מוזן יאָסל אים ארויסהעלפן. ערשט דאן האָט ער זיך בארואיקט, געהייסן זיך דערלאנגען א פלאציק און א גלאָז טיי מיט צוקער.

זיצט אזוי איינמאָל אנטאָני ביי יאָסלען אין אלקער זייער פארכמו־רעט, די הענט אויסגעצויגן און אָנגעשפארט אויף די קני, די אויגן צו דער ערד, דאָס היטל אויסגעקרימט. פרעגט אים יאָסל:

„וואָס איז אנטאָני אזוי „סמוטנע״?

ענטפערט ער נישט.

גייט יאָסל צו נאָענטער, לייגט ארויף א האנט אויף זיין פלייצע און פרעגט אים שטילערהייט: — וואָס איז מיט אנטאָנין? עפּעס זע איך, ביסטו מיר זייער צעטראָגן! עס פעלט דיר געלט, מען האָט דיך באַ־גנבעט?

הויבט ביסלעכווייז אויף אנטאָני די וואסערדיקע אויגן, קוקט צו־ערשט גלאט אין דער וועלט אריין, לסוף רופט ער זיך אָן צו יאָסלען: — „קאָכאַני יאָסקו, ניעשטשענשטשע״! און דערציילט אים א גאנצע מעשה: „ניבי״ ס׳האָבן זיך געיאוועט צו אים שדים, מאטערן אים שוין א לענגערע צייט און מאכן א תל פון זיין מאיאָנטעק; שעפּסן פגרן, פערד פאלן און די מילך פון די קי ווערט גערונען.

דערהערט אזא מעשה, טראכט זיך יאָסל: — עס וואָלט געווען א יושר גדול אָפּצוטאָן אים א שפּיצל, אז ער זאָל זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ די שדים.

— ווערליק איך זע — האָט יאָסל געזאָגט צו דעם איבערגעשראָ־קענעם גוי — איז דאָס ביי אנטאָנין א נאָווינע. איך אליין האָב שוין נישט איינמאָל געהאט צו טאָן מיט דער חברה און, „דזשענקי באָגו״, איך בין פּטור געוואָרן. נאָר אנטאָני דארף וויסן: א טבע האָבן די לייט, אז אויב זעצן זיי זיך אָן אויף אָן אָרט און געוואוינען זיך צו, וועסטו זיי מיט קיין קאָטשערעס און קיין לאָפּעטעס נישט פארטרייבן. מען דארף דאָס נישט פארלאָזן און זען וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון זיי.

די ווערטער זיינען דעם פויער שטארק אריין אין קאָפּ און ער האָט געבעטן ביי יאָסלען א קלוגע עצה קעגן די שדים.

יאָסל האָט געעצהט אנטאָנין, אז פריער פאר אלעם דארף מען די שדים איבערבעטן, אפשר האָט זיי ווער באליידיקט מיט א וואָרט, צי מיט א קללה נישט פארדינטערהייט, קומען זיי זיך דעריבער נוקם זיין.

כדי די שדים איבערצובעטן מוז מען פאר זיי אָנגרייטן: א מאטקע 96קער (א פלעשל שטארקן ספּירט), מאנדלען, צוויי אייער, געגדז און אָ שווארצן האָן. דאָס אלץ דארף מען אוועקפירן אין יענער חורבה ביי דער

אלטער מיל, און „אז די זון וועט פארגיין — האָט יאָסל געראָטן — זאָלסטו הינטערווייילעכץ דאָס אלץ ארייינטראָגן אין דער חורבה און צו־ווארטן אין דרויסן ביז א האלבער נאכט, פונקט צוועלף א זייגער ביי־נאכט וועט זיך באווייזן דער סאמאראָדנער טייוול אליין, וועט ער זיך שוין מיט דיר אויסטענהן און דו וועסט ביי אים קענען אלץ פועלן".

די דאָזיקע עצה איז דעם פויער שטארק געפעלן געוואָרן. האָט ער אים הארציק געדריקט די האנט און צוגעזאָגט אויסצופירן אלץ, אזוי ווי ער האָט געהייסן.

אז ס'איז געקומען דער באשטימטער טאָג, האָט יאָסל שוין געהאט צוגעגרייט א לאמטערנע ארומגעקלעפט מיט שווארץ פאפיר, איבער־לאָזנדיק בלויז צוויי קיילעכדיקע לעכער, וואָס זיינען אונטערגעקלעפט געוואָרן מיט רויט פאפיר און אינעווייניק ארייינגעשטעלט א ליכטל. גע־נומען דעם פעלץ מיט די לאנגע צעשויבערטע האָר, דעם גרויסן שקאָר־מיץ מיט דער גרויסער בורקע און אוועק אין יענער חורבה, וואָס ביי דער אלטער מיל.

זיצט ער אזוי און ווארט, זעט ער: פון וויטנס קומט אָן אנטאָני מיט אן אָנגעלאָדעוועטער פור, באהאלט ער זיך אין א ווינקל. אנטאָני שטייט, קוקט אויס די מינוט, אז די זון זאָל שוין טיפער זיך אראָפּלאָזן אין מערב-זייט, נעמט ער געלאָסן אראָפּ אלץ פון פור, גייט הינטערוויי־לעכץ אריין אין חורבה, לייגט עס פּאָרזיכטיק אוועק אויף דער ערד, נישט וואגנדיק אפילו זיך אומצוקוקן, נאָכדעם זעצט ער זיך אוועק אויף דער פור און ווארט אין שרעק ביז עס וועט ווערן האלבע נאכט.

זיצנדיק אזוי אויף דער פור איז ער דערוויל איינגעשלאָפן. פלוצ־לינג דערהערט ער א ווילד מרוטשעך, טוט ער זיך ראפּטאָם א כאפּ אויף, ווי א צעמישטער, פאלט שיעור נישט אראָפּ פון דער פור פאר שרעק: א קעגן אים אין חורבה שטייט עפּעס א פארזעעניש מיט א הויכן שפּי־ציקן קאָפּ און א פּאָר בלוטיקע רויטע אויגאנעס. דאָס באשעפעניש גייט נישט, נאָר שפּרינגט אונטער. הענט און פיס האָבן אים געציטערט. די ציין אין מויל האָבן זיך אים געטרייסלט, די אויגן האָבן זיך געוואָרפן אהין און אהער פון פחד. אין דעם דערהערט ער ווי מען רופט:

— „אנטאָני! אנטאָני!" און די מרוטשענדיקע שטימע פרעגט אים:

— א „מאטקע" פייערדיקע וואסער — געבראכט?

אנטאָני שטארקט זיך מיט אלע כוחות און אָנשטויסנדיק זיך, וואָס מען מיינט, ענטפערט ער מיט א קלאפנדיק הארץ און אָפּגעהאקטן אָטעם:

— אָ יאָקושע? — געבראכט.

— פון 96קער גהינום?

— אָ כיבאַ טאָק.

— צוויי נישט-פליענדיקע פליערם — געבראכט?
— געבראכט.
— 3 מאנדלען ווייסע־געלע ימען, וואָס לעבן בשלום און מישן זיך נישט אוים — געבראכט?
— געבראכט.
— און אלע פרישע און אָן בלוט טראָפּנס?

דאָ בלייבט שוין אנטאָני צעחושט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. א ליגן זאָגן, האָט ער מורא... און דעם אמת ווייסט ער אליין נישט. דאָ נעמט דאָס פארזעעניש נאָענטער זיך צורוקן צו אים, האָט זיך אנטאָני שטארק דערשראָקן און אָנגעהויבן שרייען מיט א ווילד פארצווייפלט קול:

— אָ־לאָ — באָגאָ! אָ־לאָ — באָגאָ...

זיינען זיך מענטשן צענויפגעלאָפן און געפונען דעם פויער א פאר־חלשטן ליגן אויף דער ערד. האָט מען אים קוים אָפּגעמינטערט. שווער אָפּזיפצנדיק, האָט אנטאָני כסדר געוויזן אויף דער קעגנאיבערדיקער חורבה.

חברה האָט זיך א לאָז געטאָן אהין. געזוכט, געשנישטערט און שוין געוואָלט ארויסגיין מיט גאָרנישט. פלוצלינג האָט איין חברה־מאן דער־שנאפט, אז אין ווינקל האָט זיך עפּעס א ריר געטאָן. איז מען צו, זעט מען: עס ליגט עפּעס א גרויסע קנויל מיט לאנגע ווייסע צויטן, האָבן זיי זיך אליין דערשראָקן. קומענדיק א ביסל צו זיך, האָט מען די קנויל אפּערגע־שלעפּט, אויפגעשטעלט. אראָפּגעצויגן דעם איבערגעקערטן פעלץ, אוים־געטאָן דעם גרויסן שקאָרמיץ, איז ארויס יאָסל בעקער, וועלכער האָט זיך אליין פארשעמט פאר דעם טאראראם וואָס ער האָט אָנגעמאכט...

פאר דעם דאָזיקן שפּיצל האָט ער לאנג געהאט צו זינגען און צו זאָגן, געהאט אויף זיך א שיין פעקל מיט א משפט און דער צונאָמען „טייוואָ־לים" איז אים און די קינדער פארבליבן.

חורבן שערלעץ

שלמה רוזן

מתוך המפולת

קטעים מספרו שיצא בסדרת „מן המוקד" בהוצאת „עם עובד", תל־אביב, תש"ד, בתרגומו של חיים טרטקובר. המחבר נפל בקרב על הגנת כפר־עציון.

יום החמישי האיום

רעד עובר את גופי בזכרי את היום הזה.

זה היה ביום החמישי, שבעה בספטמבר, יום שביעי לפרוץ המלחמה. עוד בשכבי במטה שמעתי הפצצה חזקה. פגיעות־הפצצות טלטלוני מן המיטה, אבל נהייתי אֲדיש לכל מה שקרה. לפני צאתי החוצה שלחתי, כרגיל, מבט לילקוטי המונח בפינה, אָרוז מזמן שהתכוננתי לעליתי. הוא היה אָרוז וכאילו מוכן לנסיעה, כדי שאוכל לשימו על שכמי בכל רגע ולצאת לדרך.

לא אחת חשבתי שאין כל טעם בדבר להחזיק את חפצי בילקוט, בשעה שאני בטוח, שאין אפשרות לנסוע לא"י. גם הפעם אמרתי להתיר את הילקוט ולשכוח את כל מה שעבר; אבל דחיתי את הדבר גם הפעם לזמן אחר.

בחוץ אומרים שהגרמנים מתמידים בהפצצת עירנו, מפני ששדליץ נמצאת בדרך הראשית של מנוסת פליטי וארשה. מספרים שגם הממשלה היתה בעיר —אחרי אשר פונתה וארשה— בדרכה לבריסק. שדליץ סו־בלת, איפוא, כל כך מפני שהיא בדרך הראשית של האוואקואצייה למזרח.

השעה כעשר וחצי. הנני עומד על יד רמקול ומאזין לידיעות על מצב המלחמה. פתאום נשמע רעש מנועי אווירונים וההמון נמלט מתוך בהלה. רק אחרי שכל האנשים כבר התחבאו, מי במקלט ומי בבית, ניתן אות הזעקה באיחור־זמן.

יכולתי למצוא לי מקלט מאחורי שער־הביטון של הבית, בו נמצא רמקול־הראדיו, אבל זה היה בית קטן, בן קומה אחת, ואני רציתי להס־תתר בבית גדול. הבתים המעטים שנחרבו ע"י ההפצצות הקודמות בירכתי העיר, היו כולם בני קומה אחת או צריפי עץ קטנים ונתפתיתי להאמין שבית גדול מחסה טוב יותר. כשנופלת פצצה על בית קטן הוא נהפך בן רגע לגל־עפר ואין פנאי להמלט; אבל כשפצצה נופלת על בנין גדול יש לך שהות למלט את נפשך במדורות התחתונים, עד שהחלקים העליונים נבקעים ומתמוטטים. על כן רצתי לבית גדול, שברחוב שנקביץ, מספר 44, ונתחבאתי במסדרון. אתי יחד היו שם עוד כ־15—20 איש, מהם נחקקו בזכרוני אשה צעירה ותינוקה בזרועותיה וגורף־ארובות שחור, שחבל־עבודה מלוכלך כרוך לו במתניו. גורף־הארובות, נוצרי צעיר, ידוע היה לי מביקוריו בביתנו לשם ניקוי־הארובות. הוא עמד ויכולתי להתבונן בתנועותיו. אני זוכר: אך הגיע בריצה למסדרון, בו עמדנו כולנו, נתן עיניו בתקרה והסתלק הצדה, שלא יימצא מתחת לקורת הברזל שבתקרה. הבינותי לחששו ולמחשבתו והתבוננתי גם אני בתקרה, כמבקש מקום בטוח יותר. לבסוף ראיתי שמוטב לי לעמוד במקומי, באמצע המסדרון, במעלה הראשונה, כשידי מחזיקה במשענת, לפי חש־בוני, אם יפול דבר־מה על הבית, עלי למהר ליציאה שממולי. לא הספקתי לסיים את מהלך מחשבותי וברד־פצצות ניתך מסביב ובטרם אתמצא במצב — טרך! — נפלה פצצה על ביתנו. לא אני ולא מישהו אחר לא יכול למלט את נפשו. חושי לא נתבלבלו בי, אבל לא היה לאל ידי לעשות משהו, או גם לזוז ממקומי, כי מקץ רגע אחד התמוטט עלינו כל הבית וניתנו בתוך חושך מחניק. לא ראיתי דבר מסביבי. רק הרגש הרגשתי אבק איום וידי ממששות שברי־לבנים וכפיסי־עץ ומיני חומר לא אדעם. הן, ידי, חתרו לצד היציאה. התאמצתי לסלק את מה שחוסם לפני את דרכי. אבל כל העמל לשוא, כי חושך מסביבי. כל מה שידי נגעו בו אי־אפשר היה להזיזו ממקומו. הייתי במצב של התעלפות ורק לאחר זמן־מה הגיעו לאזני קולות חנוקים.

מי שהוא צעק: „הצילו!". קול אחר צעק „שמע ישראל!". אשה התיפחה והרעישה עולמות: „ילדי!" וקול של גוי נשמע:

„ישו, למען השם!". תינוק בכה מפחד. קול צרוד חזר על איזה שם, וודאי של קרוב או של ילד. ונתערבבו הקולות בתוך הקבר החי והגיעו לאזני כאילו מעבר לקיר. הבנתי שכל האנשים שהיו במסדרון מכוסים מפולת כמוני. מה לעשות? תוקף אותי יאוש. הכל מסביב לוחץ עלי ואין מקום פנוי להתנועע בו. פה תהא קבורתי, פה אגווע חי — מתחת לחרבות האלה. כל חיי עברו לפני עיני העיוורות. ושאלתי את עצמי: האם זה באמת סוף חיי? האם כדי לגווע בקבר חי נפרדתי מידידי

וקרובי לפני העליה? האם לתכלית זו קיבלתי מקבוצתי אישור לעליה? לא הבנתי דבר ויחד עם המקהלה הכללית של צעקות לעזרה של כל האנשים, שהמפולת כיסתה עליהם, השמעתי גם אני בלחש מלים שהביעו את מר־רגשותי באותה שעה. כשם שלא במתכוון באתי אל האנשים, שכיסתה עליהם המפולת ברחוב שנקביץ, בית 44, כך באה לי גאולתי שם שלא במתכוון. מעל לראשי זז משהו ולפתע נפתח בקרבתי פרץ קטן, בו זכיתי לראות שוב את אור־היום. הרגשתי את עצמי כעוור שעיניו נפקחו פתאום לראות. מישהו, שהיה לפני, זז וטיפס וזחל לצד שממנו בא האור. היה זה מקום־החלון במסדרון על יד המדרגות, שבהן עולים מחדר השוער לקומה הראשונה. דרך חלון זה, כנראה, הציל מישהו את עצמו, וכשיצא נפתח גם לנו פתח־ההצלה. עזרתי למי שהיה לפני, והוא סתם את הדרך, לטפס ולהגיח ואחרי שפינה לי את המקום זזתי גם אני. טיפסתי מעל לחפצים שלא ידעתי מה הם. ערבוב של שברי לבנים ועץ, מיני דברים רכים, אולי אברי מתים או פצועים. ראשי נתקל במשהו, כובעי נשמט ממנו, ולחפש אותו לא חשבתי מחשש שמא אגרור משהו שיכסה אותי שוב. נמשכתי אל הפרצה, ממנה בא האור. עוד טיפוס, גיחה ונחלצתי. לא ידוע לי כמה זמן הייתי תחת המפולת; אני משער עשרה רגעים, כי יותר מזה לא הייתי יכול לחיות בלי אוויר. כשיצאתי חי לא ידעתי מה עלי לעשות. קודם כל רצתי בכל מאמצי כוחי כדי להתרחק ככל האפשר, ממקום־החורבן, עברתי את החצר־המעבר של רחוב שנקביץ 44, לרחוב פינקנה, ומשם חציתי את הסימטה שפיטלנה, ורק עכשיו שמעתי ותפסתי שההפצצה עודה נמשכת ובכל הסביבה בקרבתי מתפוצצות פצצות ומתמוטטים בתים. לא ידעתי מה טוב לי יותר, אם לרוץ הלאה או להתחבא שוב בצל „חומת־מגן" כמו קודם. ראיתי אנשים רצים כחיות־יער ועיניהם בולטות ופניהם משונות וכל מראיהם כפראי־אדם משום שכבת החומר שעליהם ועל בגדיהם. פתאום נשמע מרחוב בית־החולים התפוצצות. אני רואה: כמה אנשים משתרעים על אדמת־החול שברחוב (היה זה זמן של תיקון־הכבישים). גם אני משתרע ופני למטה, שלא לראות בנפול עלי הפצצה, אלא למות מיד. מן השער קוראים לנו ודורשים שניכנס שמה ולא נשכב תחת כיפת־השמים. איזה איש־צבא גבוה, שהיה חבוי באותו שער, צועק אלינו בקולי קולות, בלשון־פולין ה„אמיתית", בחירופים לאין שיעור, שנתחבא בכניסת השער. אני רץ לתוך השער ומשם לחצר, החוצה, כי חושש אני ל„מחסה" שיתן לי הבית, באם תפול עליו פצצה. שוב אין נותנים לי לעמוד בחוץ. אני מספר להם מה שקרה אותי. אני רואה בחצר עוד כמה אנשים שפניהם שחורים ואיומים כפני. כנראה, נמלטו גם הם מאיזו חורבה שכיסתה עליהם. יהודים מביאים לי מים מביתם. אני שוטף בהם את האבק מעל ראשי ורוחץ את הפצע ברגלי. פצע קל ברגלי הימנית, דם, ולא הרגשתי

בו כלל. אני שותה מן המים המהולים באבק שבפי — הצמא והחנק בגרון גרמו לי צריבה לבלתי־נשוא. בשער יללות־אנשים שנמלטו לכאן. אשה פולנית נופלת אל תוך זרועות־הקצין ומיבבת בהיסטריה: „איה בעלי? האם נמלט מן הטכסי ואיהו?". מספרים לי שהקצין, האשה ובעלה עמדו כאן בנסיעתם מוארשה; הטכסי שלהם היה בסמוך לעיריה; נפלה פצצה והטכסי נהפך לקופסה שבורה ואין יודעים לאן נעלמו הנוסעים. פצוע מספר איך ובאיזה בית נפצע. אני רואה בחור נוצרי שפניו כפני שד ממש: עיניו בולטות־מתפרצות ושער ראשו הפרוע מלא צרורות חומר ואבק. כך היה ודאי גם מראי אני לפני שרחצתי את פני במים שהביא לי היהודי מביתו. מאותה דירה מביאים מים גם לשאר הפצועים. בינתים חלה הפסקה בהפצצה ואני יוצא מן החצר ופני למקומות מגו־ריהם של קרובי והברי. ללכת במדרכות אי־אפשר, כי נתקל אתה בהרי לבנים ועפר של בתים שנתמוטטו. מתוך בתים אלה עולות קריאות לעזרה, קורעות־לב. אין מי שיציל אותם, כי כל איש רץ כמטורף לבני משפחתו ולקרובים שלו. משתוקקים לראות אח ורע, וזה נותן כוח לרוץ ולבוא בתוך הריסות־בית, על אף הסכנה, שמא יתמוטטו גם יתר חלקי הקירות, שנפגעו בהתפוצצות. אנשים ניצלים מתנפלים זה על צווארי זה מתוך התפרצות של בכי וצעקות עד לב השמים. אין מאמינים עוד, כי אכן חי האח. הגענו לבית ברחוב ס. שמה גרים בני משפחת ג., חברה לקן שלנו ור., חברת הקבוצה. מצד הרחוב לא היה ניכר שהבית נהרס, ואולם בכניסה לחצר נראה מיד החורבן שנגרם לבית על ידי פצצה שנפ־לה עליו. זה היה בית בן שתי קומות ועתה נהפך למפולת. גגו נשמט־צנח למטה והתערב בלבנים, בקרשים ובשברי רהיטים ומטלטלי־בית בכלל. מתוך ערבוביה זו, שהיתה פעם בית, נראה ראש יהודי זקן, עטור זקן לבן, כולו דם. מקום מגוריו היה למעלה, בקומה השניה, ולא הספיק הזקן לרדת ונתרסק יחד עם כל הבית. בצד נראו דלדולי־בשר, ללא צורה, מאדמים, ערבוב של ידים ואברים אחרים של בני־אדם.

כל תל המפולת נערם בחלק הקדמי, בכניסה של המסדרון. החלק האחורי של הבית וחדרי משפחת ג. לא נפגעו. רק קורות התקרה נעקרו מקיניהן בצד אחד והיו תלויות באוויר ומאיימות בסכנת התמוטטות של חלק זה גם הוא. לא שעיתי לסכנה ונכנסתי דרך החלון לחדר שנחרב למחצה. מתוך בור־מרתף הגיעו קולות־אדם חנוקים־רפויים, ממין הקולות שכבר היו ידועים לי. בשארית־כוחותיהן חיננו נשים בקול צרוד להצלה. לידי עמדו שני גברים שחיפשו את קרוביהם ומיד התחלנו בעבודת ההצלה. כל נגיעה שנגענו עלולה היתה לסכן את חיינו אנו ואת חיי הנמצאים בתוך המפולת, ומבין ההריסות צועקים אנשים שנקברו חיים.

אשה אחת מבקשת להגיש לה, לתוך הבור, מעט מים — להציל את ילדה הפעוט המתעלף על ידיה. אשה אחרת שעלה בידינו להוציאה

החוצה, היתה כל כך עיפה וחלושה מצעקות ומפחד־המוות, שאבד לה כוח־הדבור ורק את שפתיה הניעה תנועות משונות — מים ביקשה.

אשה אחרת לא יכולנו לחלץ בשום אופן. ראשה ומרבית גופה כבר היו בחוץ, אבל אחת מרגליה היתה תקועה ולחוצה וכל המאמצים לחלץ אותה היו לשוא.

ראיתי את חברי א. הוא בכה על שסבתו וילדיה כוסו שם במפולת. על חברי לא ידע דבר.

מפי האנשים שהוצאנו אי־אפשר היה להציל דבר, עוד לא התאוששו ולא ידעו, באיזה עולם הם. בשארית כוחותי עזרתי למשוך ולהציל עוד אנשים. כל אותה שעה ריחפה עלינו סכנת ההתמוטטות של החלק השני בבית. לבסוף נודע לי מפי הצעיר ג., שאחיו ואחיותיו ויתר חברי שבבית הזה חיים. הם היו מן הראשונים שנצלו כאן. הוא הראה לי את המקום, בגן שממול, שם היו יושבים. הרגשתי את עצמי כמי שנולד מחדש. לשמחתנו לא היה גבול. ההשגחה מינתה לנו גורל אחד וכפשע היה בינינו ובין המוות. עלולים היינו למות מתחת לחורבות, בלי שידע איש על גורל משנהו.

שוב נשמע רעש אווירונים וחיכיתי עד שיבוא שקט. ישבנו תחת העץ וסיפרנו זה לזה בקיצור את אשר עבר עלינו. כששקטו השמים, אזרתי את שארית כוחותי ורצתי הביתה, לראות אם היה חורבן גם שם. בדרך פגשתי בחברי א. עם אמו ועם אחותו הקטנה ונשמתי לרווחה בראותי אותו חי. בכלל, כשהיו נפגשים מכירים, היו רואים זה את זה כשבים מעולם אחר.

בכל מקום במרכז העיר נראו תמונות־זוועה של חורבן. הצי שעה קודם לכן התנוססו כאן בתים גדולים ויפים. עכשו צועקים מתוך חרבו־תיהם אנשים מתים למחצה. אגב־אורחא סיפר לי יוסף, כי דירתו שהיתה בקומה העליונה, מתחת לגג, נהרסה ו„עפה" למטה מהמת זעזוע חזק שנגרם לאוויר ע"י פצצה שנפלה על בית סמוך. לאשרם לא היה איש בדירה, כל המשפחה ניצלה ממוות, אבל דירה לגור בה אין להם כבר. עכשו הם רצים אל מחוץ לעיר, לאיזה גן, לחכות שם עד סוף ההתפו־צצויות, שאינן נפסקות כלל.

המשכתי דרכי לביתי. על יד שער המעבר ברחוב פינקנה, שאלתי כמה ממכירי על הנעשה אצלנו בבית, ענו לי שבחלק זה של העיר אש בוערת וכנראה גם ביתנו אחוז להבות. רצתי מהר. הנני רואה את האש מרחוק ואיני יכול לגשת. אני אנוס לעקוף ולגשת לבית מצד אחר. כל הגדרות הרוסות. והנני על־יד הבית. להיכנס אליו בדלת אי־אפשר מפני האש החזקה הבוערת בבית־העץ שממול. דרך איזה חלון בקרבת־מקום הנני חודר עד לדירתנו. היא ריקה למחצה. אין נפש חייה. חלק מכלי־

המטות ומן המלבושים הוצאו מכאן. בעד החלון הפתוח נושב ובא חום מן האש שבבית ממול. במסדרון שלולית גדולה של דם-אדם, אבל צורת אדם אין. שכן מציל ומוציא את המיטלטלין שלו מן הבית. אני שואל אותו: איה בני ביתי, איה סבתא, בתה וכל המשפחה. העוד חיים הם? השכן מרגיע אותי ואומר: חיים הם, שום רע לא אירע להם, רק כל דאגתם לי. איה מקומם עכשיו — אין הוא יודע.

*****

אני ממהר שוב אל החלון ובא אל החדר ואיני יודע מה לעשות, כולי משוגע, איני יודע באיזה עולם אני. האם להציל את פליטת חפצי וגם שאר החפצים שבחדר, או אולי ליצוק כאן מים, שלא תוכל האש שמנגד לאחוז בביתנו אנו? ואולי לרוץ שוב —אעפ"י שרגלי כבדות— עד שאמצא איש מבני משפחתי? אני עומד כמבולבל. אבל כשעיני רואות ששכני מוציא חפצים מדירתו הוא — אני עושה כמוהו. אני מציל את התפילין שלי, אני סוחב החוצה את ילקוט-הגב שלי, שעוד בבוקר רציתי להתיר אותו. הוצאתי כמה חפצי-בית, והנה שכן אחד קורא אלי בקול, שמוטב לי להביא מים ולעזור לאנשים המרטיבים את חלקי הבית הקרוב לאש. אם כך אעשה לא אצטרך לשאת חפצים מן הבית. שמעתי בקולו ונשאתי מים מן הבאר לבית. שכנים מבתים מרוחקים עזרו לנו בכך. בעד החלון אני מכנים מים ובצאתי אני לוקח אתי כמה דברים מן הבית. אותו שכן צועק, שמוטב לי למהר להביא מים ולא להוציא חפצים אל החוץ. ולא ידעתי נפשי. לא ידעתי מה חשוב יותר. אף ישבתי על חלון הקומה הראשונה ועזרתי לצקת מים על מחסני-העץ שבסמוך, הקטנים, שעמדו להיות למאכולת-האש. הזעתי הן מן העבודה והן מלהט-החום הגדול. ולבסוף הלכנו משם מתוך יאוש, כי כבר אחזה האש באותם מחסני-העץ ובלול האווזים והתרנגולות. לאחר כך, כשהבית כבר נהפך לגל אפר, התבוננתי וראיתי, כי לא היטבנו לעשות. ראשית, יכולתי להציל יותר חפצים מן הבית; שנית, צריכים היינו לקרוא לעזרה עוד כמה אנשים לשם פירוק מחסני-העץ והגדר שנמשכה ממקום השריפה עד לביתנו. ע"י כך אפשר היה לשמור על הבית מפני האש המתקרבת. ואולם המחשבות הטובות מאחרות לבוא. לא עלה הדבר, לא על לבי אני ולא על לב האנשים האחרים שבאו להציל את הבית.

נודע לי שסבתי הזקנה ומשפחתה נמצאות עכשיו בחצר שמנגד ותיכף הייתי שם. מצאתי את כולם חיים. הם הרבו לדאוג לי ולא קיוו לראות אותי חי. עכשיו לא נתנו לי ללכת אל הבית, אל מקום השריפה. בכל זאת הלכתי שמה להעביר את החפצים הנה. אחר כך נתתי עין על „דירתי" החדשה.

המון רב של „נשרפים" יושבים כאן. מי על כלי המיטה שהציל, ומי

סתם על הקרקע, נשען על עץ, וכל איש נאנח בתתו לעצמו דו"ח על מה שאבד לו ואת מי הביא קרבן לאלוהי האבדון. אנשים מדברים על מי שהם מקווים עוד לראות אותם, אבל אינם יודעים את מקום הימצאם. האחד מתאבל על בן שנהרג בפצצה, ואחד צר לו על מנורות הכסף או כיוצא בזה שהשאיר בבית־השריפה. בתוך הנשרפים והאומללים יושבים גם אנשים, שעד עכשיו לא אירע להם כל רע. הם הוציאו את מעט המיטלטלין שלהם כאן. האש רחוקה עוד מביתם, אבל הם בוכים על שביתם צפוי לשריפה. אשה זקנה חולנית שכבה על אלונקה ונאנחה. קודם היה לה בית ובו יכלה לשכב חולה ועכשיו שהוציאוה משם, עליה לפחות את נשמתה מתחת לכיפת השמים. דירתה אחוזה אש. נשמע געגוע של אווזים, שניצלו מן הלול ואחרי זה נביחת כלב רע שלא נתן לאיש להתקרב למקום שבו הוא קשור. כל זה ואנקות האומללים, ה„נש־רפים" ונפגעי רסיסי הפצצות הצטרף לקול המולה אחת, מזעזעת את המוח. הכל היו אומללים, אפילו מי שביתו עוד היה עומד וקיים. הגיעה ובאה חבורת מכבי־האש. את שריפת ביתנו הקטן עוד אפשר היה לכבות בנקל, אבל הם לא שעו אליה, כי הבית היה פנימי והם ראו להציל את הבתים הגדולים, הקדמיים דווקא, כגון אלו של רבינוביץ, גוטגלד, קירשנבוים, סקורזיצקי, קוקבקה ואחרים, אף על פי שלא היתה כבר תקווה להציל אותם. בכל החלונות כבר נראתה אש ולמלט משהו לא היתה אפשרות. אלא שבעלי הבתים האלה, וביחוד הרצל האלבאר־שטאדט, הבטיחו למפקד־המכבים שכר גדול חלף הצלת רכושם מידי האש וזה, כנראה, השפיע.

הזקנה עוד שכבה על האלונקה ונאנחה. לא היה מי שיטפל בה ויגיש לה מה, כי כל איש היה נתון לצרותיו הוא. בא חתנה. כשראה שתיפה כאן את נשמתה ולא יוכל להביאה לקבר ישראל (כי בעיר הת־גוללו מתים בלי מספר, קרבנות־ההפצצות של היום, ואין יודע איך לקבר אותם, כי כל חברי „הצלב האדום" ו„חסד ואמת" עמוסים עבודה למעלה ראש וגם לא־חברים עוזרים על ידם), החליט להעביר איתה לבית־החו־לים ושם יהיה מה שיהיה. בבית־החולים יטפלו בה הן בחייה והן במותה. הציע לי תשלום תמורת עזרה להעביר אותה לבית־החולים בסטארוויש. הלכתי ונשאתי עמו את הזקנה לבית־החולים. בדרך היתה שוב התקפה מן האוויר. אנשים נסו כעכברים מחוריהם. אני לא רצתי, כי כבר ידעתי שאחת היא, אם איחבא בבית או במקלט, או אעמוד עם הזקנה ברחוב. היינו־הך, כי הפצצות פוגעות בכל מקום ומי שדינו ליהרג או להיפצע לא יועילו לו שום מקלטים שבעולם.

לי לא חשוב מה נעשה בעולמו של הקב"ה, חדלתי מהרבות מחש־בות, אבל עשיתי כאבטומאט. אחרי שנחתי מעט נשאתי אותה שוב, אעפ"י שזה היה בשעת ההתקפה. חובה להתגונן מפני התקפות לא

שררה כלל. מי שרצה להתחבא — נחבא, ומי שרצה — שהה ברחוב, כי רוב „מפירי המשמעת" היו מבין האנשים שסבלו כבר מן ההפצצות: זה איבד בן וזה בן־משפחה אחר; זה — נחרב בית־מגוריו, וזה כל רכושו נשרף וכו' וכו'. גם אני — לא אמר לי לבי להישמר מפני צפרי הפלדה שעפו מעל לראש. הוספתי ללכת עם הזקנה. ברגע שבאנו אל בית־החולים הגיעה שמה מכונית צבאית ומתוכה הוצא איש פצוע, שהיה לבוש בגדים אזרחיים, כנראה, מן המגויסים החדשים היה, שלא הספיק עדיין לקבל את מדי־הצבא. טרם אחז ברובה פקד אותו פגז ועשהו למה שהוא עכשיו: פצוע, בעל־מום שימות אולי מאבדן־דם. לא הרביתי לחשוב עליו ומיהרתי — הקדמתי להיכנס עם הזקנה לתוך חצר בית־החולים. מיד זכיתי לנזיפה הגונה מפי נושאי הפצוע הצבאי: „האינך יודע — קראו בקול — שלחיילים זכות־קדימה לגבי עזרה ואותם מכניסים קודם לכל?". הצטדקתי שלא ידעתי את הדבר ואמנם לא ידעתי. הכנסנו — אנו השנים — את הזקנה לאולם ההמתנה, והוא אולם רחב־ידים ומלא אלונקות שבתוכן שכבו פצועים. היו שם אלונקות מכוסות ולא ידעתי אם מושכבים בהן מתים או פצועים הנהנים „משינה מתוקה". שוב ראיתי שם אנשים, שהיו לי ספק מציאות וספק תמונה מבית־חולים לניתוחים לפי תיאורי רימארק. נדמה לי, שראיתי בין השאר פנים מוכרות של יהודי בעל זקן והוא הבוש תחבושת במקום שצריכה להיות יד, ועוד תמונות. יראתי להתבונן לנעשה באולם־ההמתנה והתחמקתי מהר. בחוץ נתתי עיני בזהוב שקיבלתי מידי חתן־הזקנה בשכר טרחתי. נאבקתי עם עצמי והתרעמתי עלי שקיבלתי שכר־טרחה בהעברת חולה לבית־חולים, שלא תוציא נשמתה בחוץ. האם מותר לכרוך יחד מטבע בזויה של זהוב אחד עם הצלת נפש היה? היתה בי הרגשת־גועל לכסף זה, אבל לא השלכתיו ממני, מזכרי שאין לי כבר בית, אשר אוכל ללון בו, אף כסף לקנות בו את ככרות־הלחם הראשונות לקיום חיי העלובים בימים הראשונים של הוסר הדירה אין לי. במחשבות אלה הגעתי ל„דירתי החדשה" בין הנשרפים בגן עצי־הפרי, ברחוב שנקביין 29/13. לא היתה לי רוח לשבת שם זמן רב וכשראיתי שהשמים שקטו מאווירונים כוננתי צעדי לרחלה, ל„בית ההדש" שלה בגן שממול, מקום שם „גרו" ניצלי הבית ההוא. הם, שכני אותו הבית, התעתדו ללכת למאקאבאדה או לכפרים אחרים באותה סביבה כדי להיות שם עד יעבור זמן ההפצצות בעיר. כאן לא היה להם מה להפסיד אחרי שביתם כבר נחרב ובמשפחת כל איש — קרבנות. כל נפש רצתה להימלט ממקום האסון ביום המר והנמהר הזה.

רחלה ואמה התכוננו גם הן לדרך. נפרדתי ממנה מתוך הרגשה שלא בקרוב אתראה עמה. בדרך ממנה נפגשתי עם חברי דאנציגר, חבר קיבוץ חלוצי בלודז. כ5-4 שנים היה בקיבוץ. גם הוא כמוני אושר לעליה

והתכונן לנסיעה בלתי-ליגאלית. אני עמדתי לצאת לדרך לפניו ועכשיו הננו שנינו במצב אחד. ביתו התפורר-נחרב ע״י פצצה — על כן החליט בנפשו לצאת, לאחר שבת, לפינסק ברגל. שם גם הבחורה שלו ובביתה יוכל לגור. הוא מבקש לו חברים להליכה, ואם רצוני בכך יכול גם אני להלוות אליו. אמרתי לו שאיני יודע, מה אעשה אחר שבת ואינני יכול להבטיח לו את הצטרפותי. בלכתי ממנו השיבותי אל לבי, שאולי כדאי לי ללכת. לא היתה לי תכנית ברורה לאן ולשום מה ללכת, אלא רציתי מאד מאד לברוח ממקום-החורבן.

סיפרתי על כך לבני משפחתי ומיד קיצצו את כנפי. „אתה רוצה ללכת מכאן —אמרה סבתי— ולא חשוב לך מה יהיה בסופי? אנה אבוא עם בתי ועם ילדה הפעוט?". נסתתמו טענותי, אעפ״י שידעתי שגם כאן לא אוכל לעזור להם. להוכיח לה את טעותה לא יכולתי, כי גם לא ידעתי, מה אועיל לעצמי בנדידתי ועד איזה מקום אגיע באין לי כסף למחיתי.

זה כבר חשתי רעב אחרי יום שלם בלא אכילה ואחרי חוויות שהתישו את כל כוחותי. במשך כל היום לא חשבתי על אכילה. בשעה שהוצאתי מדירתנו את החפצים ראיתי שם לחם ולא עלה כלל על דעתי לקחתו אתי, כי היה בעיני מיותר. סיבת הדבר הזה אינה ברורה לי עד עתה. אגב-אורחא הוברר לי ענין שלולית-הדם בביתנו. בבוקר, לפני צאתי מן הבית אמר לי שכני, הנגר זאלאזני שאעזור בחפירת המקלט אצל קוקאבקה בגן שממול לחלוננו. הוא, הממונה על התגוננות מפני התקפות מאוויר בכמה בתים, היה אחראי לעבודה זו, באותה חצר. אמרתי לו שלדעתי מיותרת העבודה, כי אין שם מקום די-מקלט. אם תפול שם פצצה יפלו כל גדרות-העץ וכל בתי-העץ אשר מסביב למקלט ויכסו במפלתם את כל האנשים שיבקשו להם מחסה בו — וימותו.

לא נתתי את ידי לחפירת המקלט והלכתי לשלי. לאחר חמישה-עשר רגעים, כשבאה ההתנפלות המחרדת מן האוויר, פגעו רסיסי-פצצות בחופרי המקלט. כמה מהם נפצעו, הכניסו אותם למסדרון-ביתנו ואחד מהם איבד נחלי-דם, וזו היא השלולית שראיתי.

הערצל קאווע

איך האָב איבערגעלעבט די דייטשישע יידן־אויסראָטונג

מלחמה־אויסברוך און דאָס באָמבארדירן שעדלעץ

יענער פרייטיק, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, איז געווען אינגאנצן אַן אנדערער. יעדער אין שעדלעץ האָט שוין געפילט, אַז דאָס מלחמה־אומגליק רוקט זיך אָן, אָבער קיינער האָט נישט פאָרויסגעפילט, אַז עס גרייט זיך די פולשטענדיקע פארניכטונג פון יידן. צווישן 10 - 1 בייטאָג האָבן זיך באוויזן עראָפּלאנען אויף דעם הימל. מען האָט אָנגעהויבן צו דיסקוטירן; אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דאָס זיינען אונדזערע (פּויליש), אנדערע האָבן אויפגעוויזן, אַז דייטשישע. זיי האָבן דערווייל שעדלעץ נישט גערירט, אָבער די מהומה איז געוואקסן. מען האָט אָנגעהויבן זאָרגן פאר איינשאפן זיך שפּייז, אָבער אין א סך שפּייזגעוועלבן האָבן שוין אויסגעפעלט פארשידענע ארטיקלען.

אין משך פון שבת און זונטיק האָבן דייטשישע אויסשפּיר־עראָפּלאנען ארומגעקרייזט איבער דער שטאָט. מאָנטיק האָבן זיי אונדז ווידער באזוכט, אראָפּגעלאָזט באָמבעס הינטער דער שטאָט און אוועק. דינסטיק זיינען זיי ווידער געקומען, אראָפּגעוואָרפן עטלעכע באָמבעס, געטראָפן אויף א פּויעריש פורל און אוועק. דעם 7טן סעפּטעמבער האָט דער שונא זיך באוויזן איבער דער שטאָט מיט א גרויסער צאָל עראָפּלאנען. דאָס באָמבארדירן האָט זיך אָנגעהויבן 10.15 פאר מיטאָג און עס האָט געדויערט ביז 3 נאָך מיטאָג. ווען עס איז געוואָרן א ביסל רויקער, איז מען ארויס פון די באהעלטענישן. שרעקלעכע בילדער האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן: צעשטערטע הייזער, טיפע גריבער פון באָמבעס, וואָס זיינען געפאלן נישט ווייט פון א הויז. גאנצע משפחות האָבן געפונען זייער טויט אונטער די חורבות, פון די חרובע הייזער האָבן זיך געטראָגן הילפסרופן.

נאָך דער באָמבארדירונג האָבן טויזנטער מענטשן אָנגעהויבן צו פארלאָזן די שטאָט. מ׳איז געגאנגען נישט ווייסנדיק וואוהין און צו וועמען. מיט קליינע קינדער אויף די הענט, מיט פעקלעך אויף די פלייצעס האָט מען זיך געלאָזט אין וועג אריין. דאָס געפערלעכע באָמבארדירן האָט געדויערט 4 טעג. אין די אנדערע באָמבארדירונגס-טעג האָבן די דייטשן אָנגעהויבן זייער מאָרד־מלאכה גאנץ פרי און געענדיקט פארנאכט. ביינאכט איז געפאלן אויף יעדן א שרעק. פון דער ווייטנס האָט שעדלעץ אויסגעזען ווי זי וואָלט געברענט פון אלע פיר זייטן. שווארצע עלעמענטן האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, אויפגעריסן געוועלבער און רױבירט. די באָמבעס זיינען צום מיינסטן געפאלן אויף יידישע הייזער. עס זיינען געווען בערך 1500 טויטע. 60 % פראָצענט פון די הייזער זיינען געוואָרן צעקלאפּט.

דאָס לעבן ביזן איינפירן א געטאָ

דעם 12טן סעפּטעמבער האָבן די דייטשן אריינמארשירט קיין שעדלעץ. א ציטערניש, א שרעק האָט אלעמען ארומגענומען. עס זיינען געווען קלאנגען, אז מען וועט אויסשיסן אלע מענער. דעם צווייטן טאָג ראש-השנה האָט מען געכאפּט מענער אויף אַפּצושיקן קיין מזרח-פּרייסן אויף ארבעט. דריי טעג שפּעטער האָט זיך דאָס ווידער איבערגעחזרט. דריי א זייגער נאָך מיטאָג האָט מען פּלוצלינג דערהערט א שיסעריי. מיר ווילן א קוק געבן וואָס עס איז געשען, איז אָבער פארבאָטן צו גיין אין גאס, מען טרייבט צוריק אריין אין די טויערן. מען האָט גלייך פארשטאנען, וואָס דאָס באדייט. א טייל מענער האָבן זיך אויסבאהאלטן, אנדערע האָבן ווידער מורא געהאט דאָס צו טאָן, ווייל ביי דעם ערשטן מאָל כאפּן אויף ארבעט האָבן די דייטשן דערשאָסן אויפן אָרט די, וואָס האָבן זיך אויסבאהאלטן.

ביי יעדן טויער איז געשטאנען א דייטשישער זעלנער, וועלכער האָט נישט געלאָזט ארויסגיין קיין מענער. אין דער זעלבער צייט זיינען גרופּעס אָפיצירן מיט רעוואָלווערן אין די הענט געגאנגען פון שטוב צו שטוב און באפוילן די מענער זיי זאָלן ארויסגיין. ווען מען האָט זיך געפּרעגט, וואָס ס׳איז געשען, האָבן זיי געענטפערט, אז מען האָט געשאָסן פון די יידישע שטיבער. אין דרויסן האָט מען געקענט זען ווי מען פירט מענער. ביי יעדן האָט מען אדורכגעפירט א פּערזענלעכע רעוויזיע. מען האָט גענישטערט אין די קעשענעס, ווערטפולע זאכן צוגענומען, אָדער אוועקגעוואָרפן. דער וועג אין דער שעדלעצער תפיסה איז געווען א שרעקלעכער. מ׳האָט געמוזט לויפן מיט אויפגעהויבענע הענט. ווער עס האָט נישט געקענט דאָס מיטמאכן איז צעשלאָגן געוואָרן.

ביי דעם תפיסה־טויער האָט מען אונדז מקבל פּנים געווען מיט ביקסן, שטעקנס און פּאַסקעס. א טייל זיינען געוואָרן שווער פאַרוואונ־דעט. די נאַכט האָט זיך צוגערוקט. אין א צימער פאַר 2-3 פּערזאָן האָבן זיי אריינגעשטופּט 15-20 מענטשן. ס'איז נישט געווען קיין פּלאַץ וואו זיך א ריר צו געבן, ווער רעדט שוין פון שלאָפן. די, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אָרט אין די צעלן, זיינען געבליבן אויף דעם הויף פון דער תפיסה. האַלטנדיק אונדז איבער א טאָג, האָבן זיי זיך דערמאָנט וועגן עסן און ס'איז פאַרטיילט געוואָרן שטיקלעך אַלטע ברויט.

מיטוואָך אין דער פרי, דעם 21סטן סעפּטעמבער, האָבן זיי באַפוילן אַראָפּצוגיין אויף דעם הויף. פאַר דער תפיסה האָבן געוואַרט פורען מיט פעקלעך אין די הענט. מען האָט געגלויבט, אז מען קומט מער נישט צוריק, זיינען זיי געקומען זיך געזעגענען. מיט ביטערע טרערן און מיט שווערע הערצער האָבן מיר געריכט פון דעם פּלאַץ אין דער ריכטונג צו מאָנקעביד. דורכגייענדיק פּוילישע דערפער, האָבן די פּויערים גע־וואָלט דערלאַנגען אונדז וואַסער, אָבער די דייטשן האָבן נישט צוגע־לאָזט. איינצלנע איז געלונגען צו אַנטלויפן, אַנדערע זיינען דערשאָסן געוואָרן ביים דעם אַנטלויפן.

מיר זיינען געווען א צאָל פון איבער 8000 מענער, יידן און קריסטן. געהיט האָבן אונדז פערציק זעלנער. א טייל אויף פערד און די אַנדערע אויף ראָווערן. פאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען קיין ווענגראָוו. דאָרט האָבן א סך געוואָלט אַנטלויפן, אָבער עס איז געווען כמעט אוממעגלעך. מ'האָט אונדז אַרויסגעפירט אויף א פּלאַץ אין דער שטאָט און געהייסן זיך אַוועקלייגן. אויסגעמאַטערט און דערשלאָגן פון דעם לאַנגן וועג איז יעדער איינער אַוועקגעפאַלן ווי א טויטער און איינגעשלאָפן, אפילו נישט פילנדיק ביינאַכט דעם רעגן. פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן א זו־כעניש נאָך פלעצער וואָס זיינען נישט שטאַרק באַוואַכט. אַזעלכע ער־טער האָבן זיך טאַקע געפונען און מ'האָט גענומען לויפן. מען האָט גע־דאַרפט אריבערשפּרינגען א פּאַרקאַן פון איבער צוויי מעטער. ביז די דייטשן האָבן זיך געכאַפּט, זיינען שוין געווען איבער דער אַנדערער זייט עטלעכע צענדליק מענטשן. אויך מיין פאָטער און איך זיינען גע־לאָפן. איך גלויב, אז איך בין געווען פון די לעצטע, ווייל נאָך מיר האָט מען געהערט שיסן. אין ווענגראָוו און אומגעגנט האָט מען נישט גע־כאַפּט קיין מענער. ביים ברענגען וואַסער האָבן זיך אויך צענדליקער אַרויסבאַקומען פון דעם פּלאַץ. מען האָט די מענטשן ווייטער געפירט אויף דעם וועג נאָך אַסטראָלענקע. אין דער זעלבער צייט איז געקומען א באַפעל אַלע מענער צו באַפרייען.

***

די דייטשן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דער שטאָט. ס׳זיינען אָנגעקומען געשטאַפּאָ, זשאנדארמעריע, פאָלקסדייטשן און מיט זיי — נייע פאַראָרדענונגען קעגן יידן. און ענין מיט געשעפטן: יעדער גוי, וועלכער האָט זיך געווענדעט צו די דייטשן און אָנגעוויזן, אז ער וויל דאָס יידישע געשעפט, האָט לאנג נישט געדויערט און ער האָט עס באקומען. א סך מאָל האָט דער ייד קיין צייט נישט געהאט די סחורה ארויסצונעמען און געמוזט איבערגעבן מיט אלעמען.

די ביינאכטיקע רעוויזיעס זיינען געווען פיינלעך. פלוצלינג, מען קלאפּט, א באפעל אויפצומאכן. דייטשישע זשאנדארמעריע. זיי האָבן איבערגעדרייט, איבערגענישטערט די גאנצע שטוב. זאכן, וועלכע זיינען זיי געפעלן געוואָרן, האָבן זיי צוגענומען. די נאכטגעסט האָבן מיר געהאט זייער אָפט.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען יידן פון די געגנטן, וואָס זיינען געוואָרן איינגעשלאָסן אין דריטן רייך. מען האָט די פּליטים אויפגענומען און ווי וויט מעגלעך זיי איינגעאָרדנט. עס איז געשאפן געוואָרן א „יודענראט" מיט ד"ר לעבעל בראש. צום „יודענראט" האָבן געהערט: נחום וויינטרויב, א מענטש וועלכער איז צענדליקער יאָרן געווען א שעדלעצער עסקן, אויך דער סעקרעטאר הערשל טענענבוים און אנדערע. דאָס לעבן אין שטאָט האָט זיך עטוואָס „נאָרמאליזירט". מען האָט געמוזט גריסן יעדן דורכגייענדיקן דייטש. דער, וועלכער האָט צופעליק נישט באמערקט דעם אָנקומענדיקן דייטש און נישט געגריסט, איז שטארק צעשלאָגן געוואָרן. אין דער ווייאנכט האָבן די דייטשן פאַרברענט די שיינע שיל.



זיסקינד דער מוכר־ספרימניק
מיט דעם אָרעמבאנד.


דעם 31סטן דעצעמבער איז ארויס די פאַראָרדענונג, אז יידן דארפן טראָגן אויפן אָרעם א בלוי־ווייסן באנד מיט א מגן־דוד. מיט דער דאטע האָט זיך די לאגע פון די יידן פארערגערט פון טאָג צו טאָג.

ערב שבועות האָט זיך אָנגעהויבן די צוואנגארבעט צו רייניקן דעם טייך ליוויעץ. די ארבעט איז געפירט געוואָרן פון פוילישע אינזשעניערן מיט פוילישע אויפזעערס.

יעדער אויפזעער האָט באַקומען א גרופּע פון 15 מאַן. די אר־בעט איז נישט געווען שווער, שפּייז איז נאָך געווען ביליק, לייכט צו באַקומען, א פּאָר גראָשן איז נאָך געווען אין קעשענע, א שיין וועטער — אלצדינג צוזאַמען האָט אזוי צוגעשפּילט, אז דער עולם האָט אָנגערופן די ארבעט — „זומער דאַטשע". דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אין א געוויסן טאָג האָבן זיך באוויזן פון דער־ווייטנס עטלעכע מענטשן מיט געשטאָפּאָ-לייט. זיי זיינען אראָפּ פון די אויטאָס, פאַראינטערעסירט זיך ווי אזוי די ארבעט גייט און פאַרלאַנגט פון די פּוילישע אויפזעערס, זיי זאָלן אָנווייזן ווער עס ארבעט שלעכט. די געשטאַפּאָ-שלעגערס מיט גומענע נאַגייקעס אין די הענט האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אין די ראָווען, צוגעגאַנגען צו די יידן אויף וועלכע מ'האָט אָנגעוויזן, אז זיי זיינען שלעכטע ארבעטער, געשלאָגן מיט די גומענע נאַגייקעס אויף די נאַקעטע פּלייצעס, געקלאַפּט, גע־וואָרפן. 15 צעבלוטיקטע און פאַרחלשטע זיינען געוואָרן אוועקגעפירט אין שפּיטאָל. די אײַנגעבעטענע געסט האָבן מיר געהאַט יעדע עטלעכע טעג. די ארבעט האָט זיך געצויגן ביז צום ווינטער. אין דער צייט האָט מען אָנגעהויבן אוועקצושיקן אין ארבעטס-לאַגער קיין שעדליטשע־טרזעשנאָוו (לובלינער קרייז). עטלעכע זיינען נישט צוריקגעקומען פון די ארבעטס-לאַגערן.

אין אָנהויב מערץ 1941, האָט מען אונטערגעוואָרפן א פּעטאַרדע אין ס'איז פאַרוואונדעט געוואָרן א דייטשישער זעלנער. דאָס איז געווען א פּראָוואָקאַציע פון די דייטשן. זיי האָבן באַלד באַשולדיקט א יידיש מיידל, אז זי האָט דאָס געטאָן. די דייטשן האָבן געמאַכט א פּאָגראָם אין שטאָט. אין מיטן נאַכט האָבן זיי זיך באַוויזן אין גרופּעס, איינגעבראָכן טירן, ארויסגעריסן פענצטער, געשאָסן, געשלאָגן אָן אונטערשייד פרויען און קינדער. עס זיינען געווען געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. נאָך עט־לעכע טעג איז געלונגען דעם „יודענראַט" איינצושטילן די דייטשן, באַ־צאָלנדיק א גרויסע געלטסומע. די פּרייזן אויף לעבנסמיטלען זיינען גע־שטיגן פון טאָג צו טאָג. צ. ב. א קילאָ ברויט האָט געקאָסט 17 זלאָטעס און א קילאָ קאַרטאָפל 3.25 זל. די יידישע לאַגע איז געוואָרן וואָס אמאָל שווערער.

א גרויסע שמחה איז געווען ווען עס האָט אויסגעבראָכן די דייטשיש-רוסישע מלחמה. מען האָט געגלויבט, אז נישט ווייט איז דער טאָג פון באַפרייאונג. מען האָט זיך זייער שנעל אַנטוישט. סוף אויגוסט איז ארויס א גזרה: אז אלע יידן מ׳זן וואוינען אויף די באַשטימטע פּלע־צער וועלכע זיינען באַשטימט פאַרן יידן-קוואַרטאַל. ס'זיינען געשאַפן געוואָרן צוויי געטאָס: א גרויסער און א קליינער. דער גרויסער, מיט די



די מאפּע פון געטאָ

גאסן: א טייל פון 1טער מיי ביז אָסלאָנאָוויטשע, בראווארנע, דאָס יאטקע־געסל, אקופּאָווע, סטארי רינעק, איין זייט באנליניע, און דריי הייזער פון 11טן נאָוועמבער־גאס. צו דעם זיינען נאָך געווען צוויי טויערן: איין טויער ביי פּילסודסקים דענקמאָל, דער צווייטער — סוף אָסלאָנאָ־וויטשע און 11טער נאָוועמ־בער־גאס.

דאָס צווייטע געטאָ, וואָס מען האָט גערופן דרייעק, האָט זיך גע־פונען אויף די גאסן: א קליינער טייל פון סאָקאָלאָווער־גאס, אָסלאנאָ־וויטשע און 11טער נאָוועמבער מיט א טויער אנטקעגן דעם טויער פון גרויסן געטאָ — אָסלאָנאָוויטשע 11טער נאָוועמבער.



א טויער פון געטאָ



דער אויפשריפט אויפן טויער

דאָס לעבן אין די געטאָס

דעם 15טן סעפּטעמבער 1941 האָט מען שוין געוואוינט אין די גע־טאָס. ווער ס'האָט געהאַט די מעגלעכקייט, האָט זיך באַזאָרגט מיט שפּייז־אַרטיקלען, אוועקגעלייגט אויף אַ שווערער צייט. יעדן איינעם איז קלאָר געווען, אַז דאָס לעבן אין געטאָ וועט זיין אַ סך שווערער. אין דער צייט האָט שוין עקסיסטירט די יידישע אָרדענונגס־פּאָליציי. זייער אויפגאַבע איז געווען צו האַלטן אָרדענונג אין די געטאָס, שטיין ביי די טויערן און נאָך אַ סך אַנדערע אויפגאַבן. ערב יום־כפּור זיינען געשלאָסן געוואָרןביידע געטאָס. מיט שווערע הערצער האָט יעדער איינער גע־זוארט אויף יום־כפּור. ס'האָט זיך געוואָלט וויינען, שרייען, אָבער דאָס איז אויך געווען שווער. אין אַ צימער וואָס אין נאָרמאַלע צייטן האָבן געוואוינט 2 פּערזאָן, האָבן איצט געלעבט 10 - 12. דורך דעם האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשידענע קראַנקייטן.

טאָג־טעגלעך האָט מען געכאַפּט צו פאַרשידענער אַרבעט, טראָץ דעם, וואָס יעדן טאָג האָט דער „יודענראַט" צוגעשטעלט איבער 3000 אַרבע־טער. שעדלעץ איז געוואָרן אַ קוועלע פון יידישע אַרבעטער. אַרויסגיין פון געטאָ האָבן נאָר געקענט די, וועלכע האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש פון דייטשישן אַרבעטסאַמט. די דאָזיקע יידן מיט דערלויבענישן האָבן אַ סך פאַרלייכטערט די לאַגע אין די געטאָס. אַזויערנאָך זיינען געוואָרן



דער געטאָ־טויער באוואכט פון יידישע פּאָליציאַנטן

אריינגעשמוגלט פון דער פוילישער זייט וויכטיקע שפּייז־אַרטיקלען: ברויט, קאַרטאָפל און נאָך אנדערע לעבנס־מיטלען. אויך קליינע קינדער און פרויען האָבן געהאָלפן און פאַרלייכטערט די לאגע, שלעפנדיק אויף די פּלייצעס 25 ק״ג קאַרטאָפלעס. נישט איין קינד אָדער פרוי האָט באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן. ס'איז געווען אַ געוויסער גענוג, ווען איינער האָט זיך געפונען אויף דער פוילישער זייט און ס'האָט ווער אָנגעוויזן, אַז דאָס איז אַ „יודע", איז ער גלייך אוועקגעפירט געוואָרן צו דער געשטאַפּאָ, וואו מ'האָט אים ביז בלוט צעשלאָגן. ביינאכט האָט מען אים צוגעפירט צום געטאָ, געהייסן אריינקריכן דורך די דראָטן. זייענדיק שוין אין געטאָ, האָט ער גלייך באַקומען עטלעכע קוילן פון די רוצחים. יעדער טאָג האָט געגעבן קרבנות. דער שווערער ווינטער האָט אויך צוגעהאָלפן: פראָסט, קעלט, הונגער־קראַנקייטן. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ פלעקטיפוס, וואָס האָט אוועקגענומען הונדערטער קרבנות.

פון דער צוואַנגאַרבעט איז שוין נישט געווען מער אויסצוהאַלטן. נישט קיין טאָג, נישט קיין נאַכט, קיין שבת און קיין זונטיק; שטענדיק צו דער אַרבעט. אַ סך מענטשן האָבן זיך אויף אַזויפיל געענדערט, אַז

ס'איז זיי נישט געווען צו דערקענען. נישט איינער האָט געוויינט, זעענדיק ווי זיין פאָטער זעט אויס.

די קאַרטן־צעטיילונג איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ מער פארקלענערט. מען האָט באַקומען 100 גראַם ברויט א טאָג. דער וואָס האָט נאָך געהאַט וועלכע עס איז ווערטפולע זאכן, האָט פארקויפט און געקויפט דערפאַר ברויט. א סך האָבן נעבעך געהונגערט. עס זיינען געעפנט געוואָרן קיכן פאַר נויטבאַדערפטיקע. דאָס לעבן איז געוואָרן וואָס אמאָל שווערער און שווערער. עס זיינען געווען ציטן, ווען לעבעדיקע האָבן מקנא געווען די טויטע.

פסח צייט איז ארומגעגאַנגען א קלאַנג, אַז מען האָט די לובלינער יידן ארויסגעשיקט. וואוהין האָט מען נישט געוואוסט. אין א געוויסן יולי־טאָג 1942, האָט די געשטאַפּאָ צו וויסן געגעבן דעם „יודענראַט", אַז מען דאַרף האָבן צו דער באַן ארבעטער מיט וועגעלעך. דאָס איז גלייך געוואָרן צוגעשטעלט, נישט וויסנדיק צו וועלכן צוועק. מ'האָט צוגעפירט די ארבעטער צו עטלעכע פארמאַכטע וואַגאָנעס און געהייסן זיי עפענען. פינצטער איז זיי געוואָרן פאַר די אייגן; זיי האָבן געזען פאַר זיך שרעקלעכע בילדער: טויטע, אָנגעטויטע אין נייע אנציגער, נייע שיך. מען האָט געזען אַז די יידן זיינען נישט לאַנג געווען אין וועג. דאָס איז געווען א ראַדאָמער טראַנספּאָרט און דער ערשטער וועלכן די שעדלעצער יידן האָבן געזען.

שפּעטער האָבן דורך שעדליעץ אָנגעהויבן דורכפאָרן טראַנספּאָרטן מיט פארמאַכטע וואַגאָנעס. אין וועלכע מ'האָט געפירט יידן אין דער ריכטונג קיין טרעבלינקע. דער טויטן־לאַגער האָט זיך געפונען 60 קילאָמעטער פון שעדליעץ. אין שעדליעץ גופא האָט מען אָנגעהויבן פּילן די געפאַר, וועלכע רוקט זיך אָן. א טייל האָבן געגלויבט, אַז דאָס וועט אייסמיידן שעדלעצער יידן, ווייל זי האָט געגעבן טויזנטער ארבעטער. מיט דעם גלויבן האָבן מיר געלעבט ביז דעם 22סטן אויגוסט 1942.

די ערשטע אקציע

אין דער נאַכט פון 22סטן אויגוסט, 1942, האָבן זיך אין שעדלעצער געטאָ פארשפּרייט פארשידענע קלאַנגען. איינער פון זיי איז געווען, אַז עס קומט עפּעס פאָר אין מינסק־מאַזאָוויעצק; גאַנץ גענוי וואָס, האָט מען נישט געקענט וויסן. אָבער יעדער איינער האָט באַלד פארשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן ארויספירן די אָרטיקע יידן קיין טרעבלינקע. די פאָרשטייער פון „יודענראַט" האָבן געפּרואווט אָפּלייקענען, אַז עס האָט שוין געטראָפן דעם מינסקער יידנט'ם. איך גלויב, אַז א טייל פון

זיי האָט געניי געוואוסט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען דאָרט. אויך צו אונדז האָט דאָס אומגליק נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען.

2 א זייגער ביינאכט זיינען ביידע געטאָס געוואָרן ארומגערינגלט פון זשאנדארמען און פוילישער פּאָליציי. עס האָט זיך אָנגעהויבן א שי־סערײַ פון אלע זייטן, אָנווארפנדיק דערמיט א שרעק, א מורא. פארטאָג איז מען ארויסגעגאנגען פון די שטיבער געוואויר ווערן וואָס עס האָט געטראָפן. מען האָט זיך גלייך דערוואוסט, אז די געטאָס זיינען באוואכט און מען גייט נישט צו קיין ארבעט. יעדער איינער האָט גלייך געזען די געפאר פאר זיך. עס לאָזט זיך נישט גלויבן, אז די פירערשאפט פון „יודענראט" האָט נישט געוואוסט עטלעכע שעה פאר דעם, וואָס עס גרייט זיך. איך באשולדיק די דאָזיקע מענטשן פאר דער לייכטזיניקייט. מען האָט מער נישט געדארפט ווי ארויסלאָזן א קלאנג וועגן דעם גורל וואָס עס דערווארט, וואָלטן באשטימט הונדערטער יוגנטלעכע ארויס פון די געטאָס און א טייל וואָלט זיך אפשר געראטעוועט. איך קער זיך צוריק צו דעם שווארצן שבתדיקן טאָג.

נאָך דעם ווי ס'איז שוין קלאָר געווען די זאך, האָט מען אָנגעהויבן לויפן איינער צום צווייטן צו בארעטן זיך, וואָס מען קען מאכן. א טייל האָבן גענומען צוגרייטן באהעלטענישן. נישט יעדער איינער האָט דאָס געוואָלט און געקענט מאכן. דערצו האָט מען געדארפט מוט און ווילן צום לעבן. מען קען דאָס אויך פארשטיין; מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין שרעק און ציטער כמעט דריי יאָר אונטערדריקט און אָן וועלכער עס איז האָפענונג, זיינען איצט געווען דערשעפּט און ווילנלאָז. אין די פרימאָרגן־שעהן היבן זיך אָן באווייזן די יידישע פּאָליציאנטן, זיי זיי־נען געגאנגען פון שטוב צו שטוב, געהייסן זיין גרייט צו א באשטימטער שעה. די מענטשן וועלכע האָבן נישט פארלאָזט זייערע וואוינונגען זיי־נען געצוואונגען געוואָרן פון די יידישע פּאָליציאנטן צו גיין מיט די פּעקלעך ארויס אויף דער גאס. ווער אין ארבעטס־קליידער, אנדערע ווי־דער אויסגעפּוצטע ווי צום טאנצן.

אין דרויסן זיינען מיר געיאָגט געוואָרן פון דער געשטאפּאָ. די וואָס זיינען געבליבן הינטערשטעליק האָבן דורכגעמאכט א קירצערן וועג — זיי האָט מען דערשאָסן. אזוי האָט מען אונדז געיאָגט ביז דעם אמאָליקן בית־עולם אין דעם שול־געסל. דאָרט האָבן זיי צוזאמענגענומען די יידן פון ביידע געטאָס. פון מיין משפחה איז געווען מיין מוטער און צוויי שוועסטער, דער פאָטער איז אין דער צייט געלעגן אין שפּיטאָל. נעבן בית־הקברות האָבן מיר זיך געמוזט אוועקזעצן. טויזנטער זיינען געזעסן איינער צום צווייטן צוגעדריקט, באוואכט פון פאָלקסדייטשן און פוילישע פּאָליציאנטן. דעם קאָפּ אויפהויבן האָט מען נישט געקענט, ווער רעדט

שוין פון אויפשטיין. די געשטאַפּאָ און אנדערע אויסוואורפן האָבן זיך דערוויל געמאכט פריילעך. געטרעטן איבער די קעפּ, געשאָסן, געשלאָגן. אין די קריטישע מאָמענטן האָט זיך דערוועקט דער ווילן פון נקמה. עס האָט זיך געוואָלט עפּעס טאָן, א ביסל בלוט פארגיסן ביי אונדזערע שונאים, אָבער די הענט האָבן זיך נישט באוועגט צו טאָן.

עלף א זייגער פאר מיטאָג איז אָנגעקומען די פארניכטונגס-„טרופּע" מיט דעם געשטאַפּאָ-שעף פּאיביש בראש. זיי זיינען גלייך געוואָרן די הערשער איבער אונדז. עס האָט זיך אָנגעהויבן א דינגעריי איבער אונדז צווישן דייטשישן ארבעטסאמט מיט דעם פארטרעטער פון דעם פאר-ניכטונגס-לאגער טרעבלינקע. דער ערשטער האָט פארלאנגט מען זאָל איבערלאָזן יידן פאכמענער, דער צווייטער האָט פארלאנגט וואָס מער קרבנות פאר דעם פארניכטונגס-לאגער. מענטשן האָבן אין הויף געחלשט פאר א טרונק וואסער. די מערדער האָבן נישט צוגעלאָזט קיין וואסער און מיט דעם סאדיסטישן געלעכטער אויף דעם פּנים געוואָרפן א מורא אויף אונדז.

צוויי א זייגער נאָך מיטאָג איז געגעבן געוואָרן א באפעל: מענער פון 16 יאָר ביז פערציק זאָלן ארויסטרעטן. מען האָט נישט געוואוסט וואָס זאָל דאָס באדייטן. נאָר א קליינע צאָל מענער האָבן זיך נישט גע-רירט פון פּלאַץ. עס איז שווער צו פארשטיין ווי אזוי האָבן קינדער פארלאָזט עלטערן, מענער — פרויען, געזעגנט זיך מיט די נאָענטסטע און מ'איז אוועק צו דעם באשטימטן פּלאץ אין דעם שולגעסל. מיט טרערן האָב איך זיך צעקושט מיט די ליבע מוטער און שוועסטער און מיט א גוואלדיקער קראַפט בין איך געוואָרן אָפּגעריסן פון זיי. די מוטער האָט צו מיר א גאנצן טאָג גערעדט און פארזיכערט, אז איך וועל בלייבן לעבן. איר נבואה איז מקוים געוואָרן.

אין דעם שולגעסל האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז די מערדער, אויסגעשטעלטע פון ביידע זייטן מיט שטעקנס, ביקסן, רעוואָלווערן אין די הענט. ס'האָט זיך אָנגעהייבן דאָס קלויבן. ווער צו ארבעט און ווער עס ווערט צוריקגעשיקט אויף דעם פּלאץ, אָבער יעדער איינער האָט געמוזט דורכגיין דאָס באקאנטע געסעלע. רעכטס האָט געהייסן, אז ער איז געוואָרן אויסגעקליבן צו דער ארבעט. לינקס האָט באדייט צוריק אויפן בית-עולם. צעבראָכענע און צעשלאָגענע האָבן זיי זיך אומגעקערט אויפן בית-הקברות. אלע אויסגעקליבענע צו דער ארבעט האָט מען אָפּ-געזונדערט און אוועקגעזעצט אונטער דעם פּארקן פון שפּיטאָל, דער אמאָליקער פּוילישער „רויטער קרייץ". אויך איז געוואָרן אָנגעזאָגט, אז דער שעף פון געשטאַפּאָ דארף צו אונדז רעדן. פינף א זייגער פארנאכט איז ער געקומען און געהאלטן פאר אונדז א רעדע, זאָגנדיק, אז מיר האָבן גליק וואָס מיר זיינען ביים לעבן געבליבן, און ס'וועט אונדז גוט

זיין. איר וועט ארבעטן. מיר גיבן אייך דריי הייזער אין קליינעם געטאָ.
אין דער זעלבער צייט האָט זיך פארשטארקט די שיסעריי אויף דעם בית-עולם... מ'האָט אונדז צוגעפירט צו די דריי צוגעטיילטע הייזער אין וועלכע מיר האָבן געדארפט בלייבן. די ווענט פון די צימערן זיינען געווען צעוואָרפן, צעהאקט, צעבראָכן, נישט צו דערקענען.
די נאכט פון שבת אויף זונטיק איז געווען א געפערלעכע פאר אונדז איבערגעבליבענע. א גאנצע נאכט האָט נישט אויפגעהערט דאָס שיסעריי אויף די יידן, וואָס זיינען געבליבן אויפן בית-עולם. זונטיק אין דער פרי האָט מען געזען דורכפאָרן וועגעלעך מיט דערשאָסענע. האלב דערשאָסענע. די פוילישע בעלי-עגלות האָבן פון די טויטע קערפערס אראָפגענומען די קליידער, די שיך און נאָך א סך אנדערע זאכן. די איבריקע וואָס זיינען געבליבן אויף דעם בית-עולם זיינען דערשאָסן געוואָרן אויף דער נאכט פון שבת אויף זונטיק.
שבת פארנאכט זיינען א טייל יידן געטריבן געוואָרן צו דער באַן.



שעדלעצער יידן אין זייער לעצטן וועג צו די גאז-קאמערן קיין טרעבלינקע.



א טראנספּאָרט יידן אויפן וועג צום באַן, צווישן זיי (1) פּנחס קאָנאָפּנע און (2) מלך ראדושינסקי.

דער וועג פון בית-עולם צו דער באנסטאציע איז געווען א שרעקלעכער. די פוילישע באפעלקערונג איז געווען שטארק צופרידן פון דעם. גאנץ

וויייניק פון זיי האָבן באַדויערט. צעבראָכענע און דורשטיקע זיינען די געיאָגטע אָנגעקומען צו דער באַן. דאָרטן האָבן זיי געמוזט וואַרטן אויף די וואַגאָנען, וועלכע האָבן געדאַרפט זיי אַוועקנעמען. נאָך עטלעכע שעה האָט זיך באַוויזן אַ טראַנספּאָרט וואַגאָנען מיט קליינע פאַרדראַטעוועטע פענצטערלעך. אין יעדן וואַגאָן האָט מען אָנגעשטופּט 40-50 פּערזאָן.

איך וועל דאָ שילדערן דעם וועג פון דער באַנסטאַציע ביז דריי קילאָמעטער פון טרעבלינקע.

וועגן דעם פיינלעכן וועג האָט מיר דערציילט מיין קוזין שלמה קאַווע, וועלכער איז טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע און ביים טויער פון טויט אַנטלאָפן פון צוג.

אויף די פּאָדלאָגעס איז געווען אויסגעשיט אַ סך כלאָר. דער טראַנספּאָרטצוג האָט גערירט צו דעם באַשטימטן פּלאַץ, וואָס איז יעדן איינעם גוט באַקאַנט. משפּחות האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. נישט גע־וואָלט זיך שיידן. זיי האָבן געוואָלט אומקומען צוזאַמען. די געשרייען, דאָס וויינען, איז אוממעגלעך צו באַשרייבן. די היץ אין די וואַגאָנען האָט זיך פאַרשטאַרקט. פון דעם כלאָר, פון דער שטיקנדער לופט, האָבן אַ סך געחלשט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער, ווייל ס׳איז געווען אַ היץ נישט אויסצוהאַלטן. איין געבעט איז געווען — אַ טרונק וואַסער פאַר דעם טויט. ס׳זיינען אויך געווען פאַלן, ווען מען האָט געטרונקען אורין. דער צוג איז שטיין געבליבן אויף אַ זייטיקער ליניע, דריי קילאָ־מעטער פון טרעבלינקע. יעדער אָנגעקומענער טראַנספּאָרט איז נישט גלייך אַריינגעפאָרן אין דעם לאַגער אַריין. זיי האָבן דאָס ספּעציעל גע־מאַכט, מען זאָל נישט קענען הערן די געוואַלדן פון דאָרט. אויך ביי דעם טראַנספּאָרט פון די שעדלעצער יידן האָט דאָס זעלבע געטראָפן. אַ גאַנצן זונטיקדיקן טאָג איז דער טראַנספּאָרט געשטאַנען אויף אַ זייטיקער ליניע.

12 אַ זייגער ביינאַכט האָט דער צוג גערירט און אַרויף אויף דער ליניע קיין טרעבלינקע. אַ קליינער טייל איז אָנגעקומען אין דעם טויטן לאַגער. אויך צווישן זיי איז געווען מיין ליבע מוטער און ביידע שוועס־טער. ווען דער טראַנספּאָרט איז געווען אויף דעם וועג קיין טרעבלינקע זיינען פיל אַרויסגעשפּרונגען, אויך מיין קוזין. אַ סך זיינען ביים שפּרינ־גען דערשאָסן געוואָרן אָדער דערהרגעט געוואָרן פון שפּרינגען. מיין קוזין איז אַרויס גאַנץ. זיי האָבן אים געכאַפּט אַרויפגעבערענגט אויף אַ צווייטן פּאַסאַזשיר־צוג, וועלכער איז אויך געגאַנגען אין דעם טויטן לאַגער. אויך פון דעם צוג איז ער אַרויסגעשפּרונגען.

נאָך דער ערשטער אקציע

מיר, די איבערגעבליבענע אין געטאָ האָבן געוואַרט אויף אונדזער שרעקלעכן גורל. אין דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן ארויסצושארן פון פארשידענע באהעלטענישן א גרויסע צאָל מענטשן, אויך פרויען. מיר האָבן געציילט איבער 1500 פּערזאָן.

מאָנטיק 12 א זייגער בייטאָג האָט מען ווידער געהערט שיסן. אויך דאָס שפּיטאָל האָבן זיי נישט געשאָנעוועט. מיט קאַלטבלוטיקייט זיינען דערשאָסן געוואָרן צו ערשט די קראַנקע און נאָכדעם דאָס פּערסאָנאַל. צווישן די דערשאָסענע איז אויך געווען מיין טייערער פאָטער. דעם 25סטן אויגוסט, דינסטיק אין דערפרי, זיינען געקומען פאַרשטייער פון פארשידענע ארבעטספלעצער נעמען ארבעטער. ס'איז געווען א לויפעריי פון פלאַץ צו פלאַץ. מען האָט געמיינט, אז דאָרט וועט זיין בעסער. איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו די באַן־ארבעטער. אין קליינעם געטאָ זיינען איבערגעבליבן עלטערע און פרויען. דאָס גרויסע געטאָ איז פארברענט געוואָרן און מען האָט נישט געקענט מער אריינגיין.

מ'האָט אונדז אוועקגעפירט אויף דעם באשטימטן פלאַץ איבער צוויי קילאָמעטער פון דעם וואָקזאַל. מיר האָבן באקומען א באראַק וואו מען האָט געדאַרפט אוועקלייגן דאָס בינטל צעבראָכענע ביינער. אָן בעטן, אויף ברעטער מיט א פּאָר איינצלנע שטרויען. עס איז געעפנט געוואָרן א קיך פאר אונדז באַן־ארבעטער. דאָס קיך־פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון אזעלכע, וועלכע האָבן זיך אויסבאהאַלטן פון ארבעט. דאָס עסן פון דער קיך איז נישט געווען צום לעבן. א ¼ קילאָ ברויט מיט א ביסל שווארצער קאַווע אין דער פרי, און פארנאַכט א וואַסערדיקע זופּ. א סך האָבן דאָס נישט געוואָלט נעמען. ווער עס האָט געהאַט געלט האָט זיך געקענט אָן עצה געבן. עס איז פאַר אונדז געווען נאָך שפּייז־ארטיקלען, אָבער דערפאַר האָבן שוין געזאָרגט די מענטשן פון דער קיך, אז מען זאָל דאָס נישט באַקומען. זיי האָבן פארקויפט א סך שפּייז־ארטיקלען, נישט אריינגעבנדיק דאָס צום קאָכן. די באַן־ארבעטער זיינען פארטיילט געוואָרן צו פארשידענע ארבעטן, ווער קוילן אָפּצולאָדעווען, ווער זאַמד אויפצולאָדעווען. איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו א פּוילישער אונטערנעמונגס־געזעלשאַפט.

די געזעלשאַפט האָט אויסגעפירט פארשידענע ארבעטן פאר די דייטשן. מיר זיינען געווען א גרופּע פון 20 מאַן. צווישן זיי איז אויך געווען נעלקענבאַום און ליוועראַנט. גיין אליין צווישן די באַן־ליניעס האָט געדראָט מיט דערשיסן. צו דער ארבעט און פון דער ארבעט איז מען געוואָרן געפירט מיט א פּוילישן אויפזעער. עס איז געווען א פאַל, מען האָט איינמאָל געכאַפּט דריי ארבעטער גיין אליין צווישן די באַן־

ליניעס. די דייטשישע באן־פּאָליציי האָט זיי ארויפגעבערענגט צו אונדז פּארנאכט און זיי דערשאָסן אין קעגנווארט פון אלע. די אומגעוואונטשע־נע געסט פלעגן אונדז באזוכן זייער אָפט אינמיטן דער נאכט, ארויסגע־יאָגט אלע אין דרויסן, אָפּגעהאלטן א סך צייט, געשלאָגן, געשריגן און אוועק. ביי דער געזעלשאפט האָב איך נאָך געארבעט פאר די געשעע־נישן. מיט קיין דייטשן האָבן מיר נישט געהאט צו טאָן. דער אינזשע־ניער פון דער געזעלשאפט איז געווען א מענטש איבער די 50. א שטי־לער, פיינער, גוטער מענטש. מיט גוטע רייד האָט ער גערעדט צום געוויסן צו אייניקע פון אונדז. ער האָט פאר אונדז דערקלערט, אז די אר־בעט איז א צייטווייליקע און אז מען שמועסט, אז אין קורצן וועט מען אלע ארבעטער אויסשיסן. ער האָט אונדז געהייסן אָנגרייטן ווארעמע קליידער, שטיוול און לאָזן זיך אין וועג אריין. זיינע ווערטער האָבן גע־געבן דעם געדאנק צו טראכטן וועגן וועלכן עס איז אויסוועג.

אין שעדלעץ האָבן דעמאָלט סטאציאָנירט איטאליענער, זייער פלאץ איז געווען אויף דער באן־ליניע אין וואגאָנען. זייער ארבעט איז געווען צו דערליידיקן אלע ענינים, וואָס האָבן א שייכות מיט איטאליענער, ווייל אין יענער צייט האָבן געקעמפט איטאליענישע זעלנער אויף דעם רוסישן פראָנט און א סך פון זיי פלעגן דורכפאָרן דורך שעדלעץ. ליווע־ראנטן איז אייננעפאלן א געדאנק — אפשר קען מען עפּעס מאכן מיט די איטאליענער. דעם פּלאן האָט געדארפט אויספירן יאבלאָנאָווסקי, וועלכער האָט געארבעט ביי זיי. ער האָט געגלויבט, אז ס׳וועט מעגלעך זיין דורכצופירן די זאך. אנגאזשירט זיך אין דער אקציע האָבן ליווע־ראנט, נעלקענבוים און יאבלאָנאָווסקי, וועלכער האָט זיך געוואָלט צו שטאַרק באוואָרענען און ער איז דורכגעפאלן.

געציילטע האָבן געוואוסט וועגן דעם פּלאן. אין א געוויסן טאָג בין איך צוגעגאנגען צו ליווערראנטן און נעלקענבוימען און פאָרגעשלאָגן, אז זיי זאָלן מיך אריינגעמען אין דער חברה. די זאך איז אָנגענומען געוואָרן און גלייך האָבן מיר אָנגעהויבן צו טראכטן ווי אזוי דאָס אויסצופירן. קיין סך צייט האָבן מיר ניט געקענט פארלירן. מיר האָבן געזוכן דורכ־פּאָרן איטאליענישע צוגן קיין ווארשע, נישט וויסנדיק און נישט האָבנ־דיק קיין אנונג וואוהין די צוגן קומען אָן. דאָס זיינען געווען איטאליע־נישע טראנספּאָרטצוגן מיט איטאליענישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון רוסישן פראָנט. זיי פלעגן זיך אויפהאלטן אין שעדלעץ אמאָל א שעה, צוויי און טיילמאָל א גאנצן טאָג. דעמאָלט האָבן מיר באַ־שלאָסן דעם פּלאן צו רעאליזירן, זיין גרייט צו יעדן מאָמענט. עטלעכע וואָכן לאנג האָט יעדער איינער פון אונדז געשלעפּט מיט זיך צו דער ארבעט 2 קילאָ ברויט און א פלאש קאווע. דאָס האָט געדויערט ביז דעם 23סטן אָקטאָבער 1942. א נאכט פאר דעם האָב איך דערציילט פאר

מיין קוזין פון דעם פּלאַן און כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל צושטיין צו אונדז. ער האָט זיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט, צוגעבענדיק, אז ס׳איז אים שוין געגוג און מיר אַנגעוואונטשן, אז איך זאָל מצליח זיין. דאָס איז געווען דער זעלבער קוזין, וועלכער איז געשפּרונגען פון צוג אויף דעם וועג קיין טרעבלינקע.

פרייטיק דעם 23סטן אָקטאָבער 1942, גייענדיק צו דער ארבעט ווי יעדן טאָג, האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, אז עפּעס „גוטעס" דערוואַרט אונדז. כדי צוצוקומען צו דער ארבעט האָבן מיר געמוזט דורכגיין דריי קילאָמעטער באַן־ליניעס. גייענדיק אזוי צו דער ארבעט, האָבן מיר באַמערקט אז אן איטאַליענישער טראַנספּאָרטצוג שטייט אויף א זייטיקער באַן־ליניע, ווייטער נאָך איינער. מיר האָבן זיך שטארק דערפרייט און ווייטער געגאַנגען ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשען. עס איז שנעל באַשלאָסן געוואָרן צווישן אונדז פאָלגנדעס: איידער דער צוג וועט פאַרלאָזן די באַן־סטאַציע פאר מיטאָג, דאן גייען מיר אוועק פון דער ארבעט מיטאָגצייט צו דעם צווייטן צוג. און ווען ביידע בלייבן ביז מיטאָג, דאן האָבן מיר נאָך צייט נאָך דער ארבעט. צו אונדזער גליק האָט קיין איין צוג נישט פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל דעם גאַנצן טאָג.

מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויף דעם מאָמענט. נאָך האַלב זיבן אין אָוונט האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דער חברה און רואיק זיך אוועקגעשאַרט פון דעם ארבעטספּלאַץ. מיט מוט און מיט אויפגעהויבענע קעפּ האָבן מיר מאַרשירט צו אונדזער ציל. צען מינוט נאָך זיבן אין אָוונט זיינען מיר פאַרבייגעגאַנגען דעם שעדלעצער וואָקזאַל. די דייטשישע באַן־פּאָליציי וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט אונדז אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און נישט פאַרהאַלטן. דער פאַל האָט אונדז צוגעגעבן נאָך מער מוט און מיט פעסטע שריט און גלויבן האָבן מיר ווייטער פאָרגעזעצט דעם וועג. דערנענטערט זיך צום צוג, האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן, ווי אזוי זיך אריינצובאַקומען אינעווייניק. פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען צוויי דייטשישע צוגן און דער איטאַליענישער איז געווען אין דער מיט. מיר זיינען געגאַנגען פון וואַגאָן צו וואַגאָן. פון איין זייט און פון דער אנדערער זייט, געקוקט, געזוכט א פענצטערל, א שפּאַרע ווי אזוי אריינצובאַקומען זיך אינעווייניק. יעדע מינוט האָט זיך געצויגן ווי שעהן לאַנג. ביי איינעם פון די לעצטע וואַגאָנען האָבן מיר געפונען א פּלאַץ, וואו מ׳האָט געקענט זיך אריינאַבקומען. איינער נאָך דעם אנדערן זיינען מיר אריינגעקראָכן אין דעם וואַגאָן און מיט קורצן אָטעם געוואַרט אויף די ווייטערדיקע געשעענישן. מיר האָבן נישט געוואוסט און נישט געהאַט קיין פאָרשטעלונג וואוהין דער טראַנספּאָרט גייט. דאָס האָבן מיר איבערגעלאָזט פאַרן גורל.

דער וועג פון שעדלעץ קיין איטאַליע

פרייטיק צו נאכטס דעם 23סטן אָקטאָבער 1942 האָט דער צוג גערירט און פאַרלאָזט שעדלעץ. ווען דער צוג האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט, האָבן מיר זיך ארומגעקוקט וואו מיר געפינען זיך. גלייכצייטיק געעפנט א פלעשל שנאַפּס און געטרונקען לחיים. דאָס איז געווען א טראַנספּאָרט־וואַגאָן, אָבער גוט איינגעאָרדנט אינעווייניק, עטלעכע בענק צום זיצן, אין צוויי ווינקלען פון דעם וואַגאָן האָבן זיך געפונען צוויי קליינע אייזערנע אויוונס מיט צוויי קליינע הילצערנע קעסטלעך, וועלכע האָבן געדינט אויף ברען־מאַטעריאַל.

אין דער זעלבער נאכט זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן פּראגע. שבת אין דער פרי, 8 א זייגער, איז דער צוג שטיין געבליבן, אין דער זעלבער צייט זיינען מיר געלעגן אויסגעלייגט אויף א באנק. דער וואַגאָן איז געעפנט געוואָרן פון א פּוילישן באַן־ארבעטער און איז גלייך צוגעמאכט געוואָרן. צו אונדזער מזל האָט ער אונדז נישט באמערקט. מיר האָבן אים יאָ געזען. דאָס איז געווען אין סקערניעוויץ. גלייך נאָך דעם האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן פּלעצער וואו מען קען זיך אויסבאהאלטן. די אויבנדערמאָנטע קעסטלעך זיינען גלייך געוואָרן אויסגענוצט פאר צוויי פון אונדז. דער דריטער האָט געפונען א פּלאַץ אין א צווייטן וואַגאָן אונטער הויפנס פון וואטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם וואַגאָן. מען האָט געקענט דורכגיין פון איין וואַגאָן אין צווייטן. פון צייט צו צייט האָט מען זיך ארויסגעכאַפּט פון די באהעלטענישן און ארויסגעקוקט וואו מען געפינט זיך. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן פּיעטריקאָוו.

זונטיק ביי־טאָג האָט א זעלנער פון דעם צוג געמאכט א קאָנטראָל און דערביי געטראָפן איינעם פון אונדז. ס'איז פאָרגעקומען צווישן זיי א געשפּרעך אויף שטום־לשון. צום סוף האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער זעלנער האָט פארשטאַנען אז דאָס איז א שומר, וואָס היט די זאכן פון דעם וואַגאָן. ביינאכט פלעגן מיר ארויסקריכן פון די פּלעצער, ווייל זיצנדיק איינגעבויגן גאנצע טעג האָט מען נישט געפילט מער די פיס. ברויט האָבן מיר איבערגענוג געהאט. צום טרינקען האָט אונדז אויסגעפעלט. מיר זיינען שוין געווען אויף דער דייטשישער טעריטאָריע, פאַרבייגעפאָרן דייטשישע שטעט: קאַטאָוויץ, גלייוויץ, מינכן און פיל אנדערע שטעט.

מאָנטיק ביינאכט האָט אונדז א זעלנער אלע געטראָפן. ער איז געווען א ביסל שיכור. פון אים איז מען געוואויר געוואָרן עטלעכע זאכן. ער האָט גערעדט א פּאָר ווערטער דייטש. ס'איז שוין געווען א מעגלעכקייט מיט אים צו רעדן. מיר האָבן אים אלצדינג דערציילט און וואָס עס איז אונדזער ציל. מיר האָבן אים שטארק געבעטן ער זאָל דאָס נישט

איבערגעבן דעם קאָמאנדיר. ער האָט אונדז צוגעזאָגט צו שווייגן. אויך זיינען מיר געוואויר געוואָרן פון אים, אז אין אכט שעה ארום דאַרף מען זיך געפינען אויף דעם איטאליענישן באַדן. איך האָב געהאט עטלעכע פינגערלעך פון שטוב און א זילבערנעם 10-זלאָטע-שטיק, דאָס האָב איך אים ארייגעשטופּט אין דער האנט, ער האָט אפילו נישט געוואָלט נעמען. דאָס איז פאָרגעקומען אין עסטרייכישן טיראָל. מיר האָבן זיך ווייטער אוועקגעלייגט אויף די בענק כדי א ביסל זיך אויסצורוען. דורשטיק, צעבראָכן און שמוציק האָבן מיר געווארט מיט אומגעדולד אויף דעם וואָס דער איטאליענישער זעלנער האָט אונדז דערציילט.

דינסטיק 6 אזייגער פארטאָג איז דער צוג מיט איין מאָל שטיין גע־בליבן. דער וואגאָן איז געעפנט און גלייך פארמאכט געוואָרן. אויך דאָס מאָל האָט מען אונדז נישט באמערקט. מיר האָבן פארשטאנען, אז עס איז עפּעס. צו די באהעלטענישן זיינען מיר שוין נישט צוגעקומען, ווייל אונטן האָט מען געהערט אונדזערע טריט. מ'איז ארויפגעקומען, אונדז צוזאמענגענומען און ארויסגעפירט פון די וואגאָנען. אונטן האָבן מיר גלייך געזען, אז מיר געפינען זיך אויף דער גרענעצשטאָט ברענערא. זיי האָבן אונדז אריינגעפירט אין א ביוראָ פון גרענעץ־פּאָליציי. גוט באַ־נומען זיך מיט אונדז, געגעבן וואסער, עפּל, ציגארעטן. גלייכצייטיק האָבן זיי זעגן אונדז צואוויסן געגעבן דעם קאָמאנדיר פון דעם צוג. עס איז געקומען דער קאָמאנדיר אין באגלייטונג פון צוויי זעלנער. ער האָט געהערט, אז מיר פאָרן פון ווארשע, איז ער צוגעגאנגען צו יעדן איינעם פון אונדז, א קלאַפּ געגעבן אין דער פּלייצע, עפּעס געזאָגט און מכבד געווען מיט ציגארעטן. ווען ס'איז ליכטיק געוואָרן, האָט מען אונדז אוועקגעפירט צו דעם קאָמיסאר פון שטאָט, א מאן אין די מיטעלע יאָרן, זייער אן איידעלער. ער האָט אונדז אויסגעפרעגט און אויסגעפאָרשט יעדן איינעם באזונדער און גענומען פינגער־אפּדרוקן. איינע פון די לעצטע פראגן איז געווען איבער מען וויל צוריק קיין פּוילן, צי מען וויל בלייבן אין איטאליע. דער ענטפער איז געווען גאנץ קלאָר פאר יעדן איינעם. דער קאָמיסאר האָט אונדז געזאָגט, אז די פּאפּירן וועלן אָפּגעשיקט קיין רוים צום איטאליענישן מיניסטער און דאָרט וועט ווערן באשלאָסן וועגן אונדזער גורל. מיר האָבן באקומען עסן, וואָס מיר האָבן שוין נישט גע־האט געזען וואכן לאנג. אין אָוונט האָט מען אונדז אוועקגעפירט קיין וויפּיטענא. א שטעטל, וועלכעס געפינט זיך 17 קילאָמעטער פון דער גרענעץ. א שיינע געגנט. זיי האָבן אונדז אריינגעזעצט אין דער דאָזיקער תפיסה. דאָס איז געווען א דורכגאנגס־תפיסה פאר מענטשן, וועלכע האָבן געשמוגלט גרענעצן און אנדערע זאכן. מיר זיינען געוואָרן זייער גוט באַ־האנדלט אין דער תפיסה.

דעם 5טן דעצעמבער 1942 איז אָנגעקומען א טעלעגראמע פון אי־

טאליענישן אינערן־מיניסטעריום, אז מיר ווערן אוועקגעשיקט קיין „פע־ראמאנטי”. וואו דאָס איז און וואָס אונדז דערוואַרט האָט קיינער נישט געוואוסט אונדז צו זאָגן, אָבער עס איז גענוג געווען, אז מיר האָבן גע־וואוסט, אז פעראמאנטי געפינט זיך אין איטאליע.

אין דער דורכגאנגס־תפיסה, אין דער שטאָט וויפּיטענא, זיינען מיר געזעסן 40 טעג. די שטאָט געפינט זיך 27 ק״מ פון דער ברענער־גרענעץ, א הערלעכע בערגיקע געגנט. דאָס פערסאָנאַל פון דער טורמע איז בא־שטאנען פון אן איטאליענישער משפּחה, וועלכע האָט דערליידיקט פאר אונדז אלע ענינים. איך וויל דאָ אויסדריקן מיין דאנק דער דאָזיקער משפּחה, וועלכע האָט אונדז פיל געהאָלפן, וויסנדיק, אז מיר זיינען יידן.

דעם 6טן דעצעמבער, אין 40סטן תפיסה־טאָג, זיינען געקומען נאָך אונדז דריי קאראביניערן (פּאָליציאַנטן), זיי האָבן יעדן איינעם באזונ־דער אָנגעטאָן קייטעלעך און נאָך מיט א לאנגער קייט באהאָפטן אלע דריי צוזאמען. די רייזע האָבן מיר דורכגעמאכט מיט געוויינלעכע צוגן און לוקסוסצוגן, פארבייגעפאָרן פּרעכטיקע שטעט, הערלעכע געגנטן, טאָלן און בערג פון צפון קיין דרום: באָלאָניא, וועראָניא, נעאפּאָלי, ביז קאלאבריע. אונדזערע באגלייטער האָבן זיך זייער גוט באנומען. בעת דער רייזע זיינען געווען פאלן, ווען איטאליענער האָבן געזאמלט פאר אונדז געלט. פון זייערע פּנימער האָט מען געקענט לייענען מיטגעפיל־אויסדרוקן.

די רייזע איז א דורך גאנץ שנעל. זי האָט געדויערט גאנצע צוויי טעג. דעם 8טן זיינען מיר אָנגעקומען קיין טעראסא, א סטאציע פאר פעראמאנטי און פון דאָרט צו פוס. מיטאָגצייט זיינען מיר אריינגעקומען קיין פעראמאנטי. עס זיינען דערליידיקט געוואָרן אלע פאָרמאליטעטן. מ׳האָט אונדז צוגעטיילט וואוינערטער, און מיר זיינען געוואָרן גלייך מיט אלע. א געוויסער בערנשטיין, א ווארשעווער, האָט זיך גלייך פאר־אינטערעסירט מיט אונדז און אונדז געהאָלפן זיך איינאָרדנען. מיר האָבן זיך אָפּגעשוירן, אָפּראזירט, אָנגעטאָן אונדזערע קליידער און געוואָרן ממש ווי נייע געבוירענע. מיר זיינען געוואָרן א סענסאציע אין פעראמאנטי. יעדער איינער האָט געוואוסט, אז עס זיינען אָנגעקומען דריי בחורים פון פוילן.

די ערשטע וואָכן האָבן מיר קיין רו נישט געהאַט — איינלאַדונגען, באזוכן. א געוויסע פרוי נאטאנסאָן האָט זיך שטארק מיט אונדז פאר־אינטערעסירט, געשאפן און געזאָרגט פאר אונדז די גאנצע צייט ווי א מאמע. איך בין איר זייער דאנקבאר פאר דער גרויסער הילף, וועלכע מיר האָבן באקומען.

„פעראמאנטי"

פעראמאַנטי געפינט זיך אין קאַלאַבריע, אין א טאָל צווישן בערג. דאָרט איז געווען אן אינטערנירונגס־לאגער, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען בירגער פון פארשידענע לענדער, אויך קריסטן. ארבעטן האָט מען נישט געדארפט. יעדער איינער האָט באקומען צוגעטיילט זיין פּאַרציע און ער האָט געקאָנט טאָן, וואָס אים האָט זיך געגלוסט. דאָס פּערסאָנאַל פון לאגער איז באשטאנען פון א דירעקטאָר, געהיים־אגענטן און די מיליץ (שווארצע העמדלעך), וועלכע האָט געהיט די אינטער־נירטע. זיי האָבן אונדז נישט שלעכט באהאנדלט.

מיר האָבן זיך שנעל אקלימאטיזירט, געשאפן זיך חברים, פריינד און א סך באקאנטע. אין לאגער איז געווען א גרופּע יונגווארג, וואָס פלעגט ארויסגיין ארבעטן אין וואלד נישט ווייט פון לאגער, בערך זעקס קילאָמעטער. מיר האָבן זיך פאראינטערעסירט מיט דער ארבעט און נעלקענבאום און איך זיינען צוגעטיילט געוואָרן צו דער גרופּע. די אר־בעט איז געווען זייער א געזונטע. ספּעציעל פאר אונדז. אויך פון עקאָ־נאָמישן שטאנדפּונקט האָט זי געהאט א וויכטיקע באדייטונג פאר אונדז. מ'האָט געקאָנט זיך באזאָרגן מיט מער שפּייז. די פּאָרציעס וואָס מיר האָבן באקומען זיינען געווען צו ווייניק.

דאָס לעבן אין לאגער איז געווען חבריש. דער סאניטארער מצב אויך נישט קיין שלעכטער. משפּחות האָבן געוואוינט צוזאמען אין קליי־נע הייזער, יחידים — אין גרעסערע באראקן. עס האָט זיך געפירט א קולטורעל לעבן און מען האָט געווארט עס זאָל זיך ענדיקן דער קריג.

דאָס לעבן איז געוואָרן שפּאנענדיקער, ווען עס זיינען אָנגעקומען ידיעות, אז די באפרייערישע ארמייען האָבן געלאנדעט אין סיציליען און גייען אויף קאַלאַבריע. מיר האָבן אָנגעהויבן פילן, אז נישט ווייט איז דער טאָג פון באפרייאונג. גלייכצייטיק איז באפאלן א פּחד, ווייל נאָענט פונעם לאגער האָט זיך געפינען א וועג און מען האָט גערעכנט, אז דאָס דייטשישע מיליטער וועט זיך צוריקציען מיט דעם וועג. די איטאליענער האָבן אראָפּגענומען די דראָט־פּארצוימונגען, געגעבן די מעגלעכקייט צו פארלאָזן דעם לאגער. די מערהייט איז אוועק אין די בערג און דאָרט געווארט אויף דעם טאָג פון באפרייאונג. דאָס דייטשע מיליטער האָט זיך טאקע צוריקגעצויגן דורך דעם וועג ביים לאגער.

נאָך עטלעכע טעג זיין אין די בערג איז מען געוואויר געוואָרן, אז אין דעם לאגער זיינען געווען אָפּיצירן פון די באפרייאונג־ארמייען. מיר זיינען פון די בערג צוריק אריין אין לאגער. מען האָט שוין געקענט זיך פריי באוועגן. ארויסגיין און אריינגיין.

אין א געוויסן טאָג האָט זיך באוויזן אין דעם לאגער אן אויטאָ מיט

א מגן דוד, אין אויטאָ זיינען געווען זעלנער פון ארץ ישראל. א שמחה, א פרייד האָט אונדז ארומגענומען. מיר האָבן דערזען פרייע יידן און נאָך ארץ־ישראלדיקע יידן. א טייל האָבן געווײנט פאר גרויס שמחה, מען האָט זיי נישט אָפּגעלאָזט, געוואָלט זיין צוזאמען, הערן נייעס פון לאנד. די ארץ־ישראלדיקע חיילים האָבן אָנגעהויבן אָפטער אונדז צו באזוכן.

אין דער צייט האָבן מיר (נעלקענבאום און איך) פארלאָזט דעם לאגער און געלאָזט זיך אין וועג אריין געוואויר צו ווערן ווי אזוי צו קומען קיין ארץ־ישראל. מיר זיינען אָנגעקומען קיין בארי. אין דער אומגעגנט פון בארי האָבן סטאציאָנירט ארץ־ישראלדיקע זעלנער. מיר האָבן זיך געווענדעט צום מאיאָר פון דער אָפּטיילונג, מאיאָר סאכאראָוו, דער היינטיקער אלגעמיינער פאָליציי־קאָנטראָלער (י. סחר). מיר האָבן געהאט מיט אים א לאנגן שמועס, דערציילט די פארגאנגענהייט אונדזערע און צו וואָס מיר שטרעבן. דער מאיאָר סאכאראָוו האָט ארויסגעוויזן גרויס פארשטענדעניש פאר אונדזער שטרעבונג. אינמיטן שמועס איז אריינגעקומען א סערזשאנט, וועלכער איז געווען שפּעטער אונדזער שעף.

ס׳האָט נישט לאנג געדויערט און ער האָט אונדז מיטגענומען אין זיין גרופּע. דער סערזשאנט, וועלכער האָט זיך מיט אונדז זייער שטארק פאראינטערעסירט, איז געווען יחיאל טייבער (איינער פון די ברידער טייבער). מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן צו ארבעטן. אונדזער ערשטע ארבעט איז געווען צו העלפן די קיבער. ס׳האָט אָבער לאנג נישט געדויערט ווי מיר זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיקע קיבער. נאָך עטלעכע וואָכן איז אָנגעקומען ליוועראנט און גלייך צוגעטרעטן צו דער זעלבער ארבעט. דאָס נייע לעבן איז געווען זייער אינטערעסאנט.

עס זיינען פארביי וואָכן, חדשים. מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן, אז עס וועט זיין א טראנספּאָרט קיין ארץ־ישראל. מיר האָבן וועגן דער זאך נישט געדארפט פיל זאָרגן. עס איז געווען ווער עס זאָל דאָס דערליידיקן. דערווייל איז אָנגעקומען פּסח. עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן א סדר אין מיליטער. ביי דעם סדר איז געווען די גאנצע אָפּטיילונג און הונדערטער ציווילע, די שטימונג — א געהויבענע, מען האָט זיך געפילט היימיש. דער סדר איז געווען שיין איינגעאָרדנט און זיך פארצויגן ביז שפּעט אין דער נאכט. מיט געזאנג און טענץ איז דער סדר פארענדיקט געוואָרן.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון אונדזער אוועקפאָרן. די חיילים האָבן געמאכט א געזעגענונגס־אָוונט פאר אונדז. יעדער זעלנער האָט געטרונקען מיט אונדז לחיים און געזאָגט א פּאָר גוטע ווערטער.

דעם 29סטן מאי 1944 זיינען מיר ארויף אויף דער שיף אין טאַראַנטאָ. דאָס איז געווען א פּוילישע לוקסוסשיף „באטארי" און זי האָט אונדז געבערענגט קיין אלכסנדריע. עס זיינען געווען אויף דער שיף אויך הונדערטער ענגלישע חיילים. די רייזע איז געווען זייער אנגענעם. דער

ים איז געווען רואיק, די שטימונג זייער א געהויבענע. יעדער איינער האָט דערוואַרטעט דעם טאָג, ווען ער וועט שוין זיין אין ארץ. דעם ערשטן טאָג, מיטאָגצייט, זיינען מיר אָנגעקומען קיין אלכסנדריע און מיט א צוג האָבן מיר פאַרגעזעצט די רייזע. מיט דעם דערנענטערן זיך צו דער גרענעץ איז געוואקסן אונדזער פרייד און עס האָט זיך גע־שטאַרקט דאָס געזאַנג. צו מאָרגנס אין דער פרי איז דער צוג פאַרביי דעם גרענעצפונקט קאַנטאַר און מיר האָבן זיך שוין געפונען אויף דעם ארץ-ישראלדיקן באָדן. דער צוג האָט פאַרגעזעצט דעם וועג און געבליבן שטיין אין עטלית. אַרונטער פון צוג, אָפּגעטאַנצט א האָרא, דערליידיקט די פאָרמאַליטעטן און פאַרלאָזט עטלית — איינער צו קרובים, אנדערע אין בית עולים און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע לעבן

אידא יום־טוֹב (טענענבוים)

חורבן־שעדלעץ

דער אריינמארש פון די דייטשן און די ערשטע פּיין און רדיפות

דעם 12טן סעפּטעמבער 1939 איז שעדלעץ (שעדלצע) פארנומען געוואָרן דורך די דייטשן, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון מזרח־פּרייסן. אין די ערשטע טעג פון חודש אָקטאָבער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן זייער מערדערישע ארבעט — מע האָט געכאפּט יידן, און אפילו נישט־יידן, און אונטער קלעפּ פון קאָלבעס און שטעקנס, אָן עסן און אָן א טראָפּן וואסער, געיאָגט זיי צו פוס קיין ווענגראָוו. די געפּייניקטע, יונג און אלט, האָבן געמוזט גיין מיט אויפגעהויבענע הענט. אין ווענגראָוו האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט די עלטערע מענטשן און די יונגערע גע־טריבן ווייטער אין די לאגערן פון מזרח־פּרייסן. דאָס יאָר 1940 איז אדורך מיט כאפּן אויף ארבעט, ארויסשיקן אין לאגערן, קאָנטריבוציעס, נעמען ערובניקעס און כלערליי אנדערע נגישות און פּיין.

אין אָנהויב 1941 איז אלס קאָמיסאר פון שטאָט באשטימט געוואָרן דער ס. ס.־מאן פאביש, א באנדיט, מערדער, משוגענער אין איין פּערזאָן. אויב ביז דעם יאָר 1941 האָבן מיר געלעבט אין כסדרדיקער שרעק, איז שוין איצט דאָס לעבן בוכשטעבלעך געהאָנגען אויף א האָר. פאבישעס ערשטע ארבעט איז געווען — אויפשטעלן א געטאָ. מיט אנדערע היטלע־רישע „האָכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן" האָט מען נאָך געקאָנט, צייטנ־וויַיז, רעדן מיט דער שפּראַך פון געלד, צירונג, פוטערס און שיינע מלבושים פאר זייערע ווייבער און געליבטע, מיט פאבישן האָט מען אינגאנצן נישט געקאָנט מאכן קיין שום שמועס. פאר דעם דאָזיקן דייטש האָבן שוין די יידן נישט געלעבט. דאָס יידישע פארמעגן האָט ער גע־האלטן פאר זיין אייגנטום און אונטער דעם אויסרייד פון באדערפענישן פאר דער מאכט, האָט ער געראבעוועט וויפל ער האָט געוואָלט. יידן

האָבן אויך געמוזט פאַר די דייטשן איינאָרדענען אויף זייער חשבון אַ שאַנדהויז, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ יידיש הויז, אויף פּולאַווסקי 11.

אין אָנהויב נאָוועמבער 1941 איז דאָס געטאָ געוואָרן אָפּגעשלאָסן. פאַר פאַרלאָזן דאָס געטאָ האָט געדראָט טויטשטראָף. אין געטאָ האָט געהערשט הונגער, טיפוס, וואָס האָט זיך באַזונדערס שטאַרק פאַרשפּרייט צוליב דער ענגשאַפט אין די וואוינונגען. כסדר האָט מען געכאַפּט אויף אַרבעט און כסדרדיקע טויטשרעק האָט אָנגעפּילט אַלעמענס הערצער. עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען טונקעלע ידיעות וועגן אכזריותדיקע דע־פּאָרטאַציעס און רציחות, אָבער עס האָט זיך נישט געגלויבט. מע האָט זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז די דייטשן וועלן נישט אַליין פאַר־ניכטן אַזאַ רעזערוואואַר פון אַרבעט־כוחות, ווי עס איז דאָס געטאָ.

יעדן טאָג זיינען אַרויס פון שעדלעצער געטאָ 15 הונדערט אַרבעטער אויף אַרבעט, אַ חוץ די שטענדיקע־אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַט פּער־זענלעכע דערלויבענישן צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ — זיי האָבן געאַרבעט אויף באַשטימטע אַרבעטערטער. שעדלעץ איז געווען אַ וויכטיקער פּונקט פאַר דעם טראַנספּאָרט, וואָס איז געגאַנגען אויפן רוסישן פראָנט. די באַ־דערפעניש אין אַרבעטער איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. מע האָט צוגעפירט אַרבעטער פון די אַרומיקע שטעטלעך און דאָס האָט געשטאַרקט אונדזער האָפענונג צו בלייבן לעבן. דערווייל איז דער טעראָר געוואַקסן, די גע־שטאַפּאָ האָט געווילדעוועט. יעדן טאָג זיינען ביי די טויערן פון געטאָ פאָרגעקומען עקזעקוציעס.

טעראָר, מאָרדן און דער טויטן־וואָגאָן

ווער עס איז צוליב וועלכער עס איז סיבה אַריינגעפאַלן אין די הענט פי׳ן געשטאַפּאָ, איז שוין נישט אַ היים געקומען קיין לעבעדיקער. צום ערשטן זיינען פאָרגעקומען פאַרהערן מיט דער הילף פון שטעקנס. נאָכן „פּעסטשטעלן" די שולד איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אורטייל, וועגן וועלכן מע האָט דעם פאַרמשפּטן נישט געמאָלדן. אין אָוונט, מיינסטנס, צווישן די שעהן 11-10, האָט מען די פאַרמשפּטע אַרויסגעפירט צו די טויערן פון געטאָ, אויף דער גאַס פון 11טן ליסטאָפּאַד, אָדער טאַרגאָווע, געהייסן זיי לויפן צו די געטאָ־טויערן און געשאָסן אין זיי פון הינטן. יעדן טאָג אין אָוונט זיינען די איינוואוינער פון די שכנותדיקע הייזער געוואָרן אויפגעציטערט פון שאָסן און יעדן טאָג אין דער פרי האָט די יידישע פּאָליציי צוזאַמענגענומען די מתים.

14 טויזנט יידן זיינען געווען פאַרמאַכט אין שעדלעצער געטאָ און די באַלעבאַטים איבערן לעבן און טויט פון אָט די יידן זיינען געווען:

דער שטאָט-קאָמיסאר — ס. ס.-מאַן פאביש, שעף פון געשטאַפּאָ, דובע און אינספּעקטאָר פון ארבעטסאמט זאָרגע און זאָנטאג.

דעם 20סטן אויגוסט האָט דער יודענראט באקומען אַן אויפפאָדע-רונג פון ארבעטסאמט צוצושטעלן עטלעכע צענדליק ארבעטער אויף אויסצולײדיקן אויף דער באנסטאציע א וואגאָן, וועלכער קאָן נישט ווייטער פאָרן צוליב דעם, וואָס די אקס איז פארברענט געוואָרן. אין געטאָ האָבן זיך פארשפּרייט קלאנגען, אַז אין וואגאָן געפינען זיך יידן פון ראדאָם. מיט די ארבעטער איז מיטגעגאנגען דער איינציקער ראדאָ-מער, וואָס האָט זיך געפונען אין געטאָ — העניעק אדלער. דאָס בילד, וואָס עס האָבן דערזען די ארבעטער, איז געווען אָן אָנזאָג אויף דעם גורל, וואָס עס דערווארט די שעדלעצער יידן אין דער נאָענטסטער צו-קונפט. דער דאָזיקער וואגאָן איז געווען א טייל פון „טויטנצוג“, וואָס האָט געפירט יידן קיין טרעבלינקע און צוליב דער שרפה האָט ער נישט געקאָנט דערפאָרן ביזן באשטימטן אָרט.

ווען די ארבעטער האָבן געעפנט דעם וואגאָן, האָבן זיי דאָרטן אָנ-געטראָפן א הונדערט טויטע קערפּערס, צונויפגעדריקטע, פארפלאָנטער-טע איינע אין די אנדערע. אלע זיינען אומגעקומען צוליב היץ, פעלן פון לופט און פון די ריחות פון נישט געלאָשענער וואַפנע, מיט וועלכער ס'איז געווען אויסגעשיט די פּאָדלאָגע פון וואגאָן.

אונטער די קאָלבעס פון ס. ס.-קאָנוואָי האָבן די ארבעטער געמוזט אויסליידיקן דעם וואגאָן. די מתים זיינען געוואָרן אריבערגעפירט אויפן יידישן בית-עולם און דאָרט געקומען צו קבורה. דער ראדאָמער העניעק אדלער האָט צווישן זיי דערקענט א סך באוואוסטע און אָנגעזעענע יידן פון ראדאָם. די דאָזיקע פעסטשטעלונג איז געווען א בולטע אָפּלייקענונג פון די קלאנגען, וואָס די דייטשן האָבן ארויסגעלאָזט, אַז די פארפייניק-טע אין וואגאָן זיינען געווען ארעסטאנטן, וואָס מ'האָט אריבערגעפירט פון איין תפיסה אין דער צווייטער.

אין געטאָ איז כסדר געוואקסן דער פחד פאר דעם אומפארמיידלעכן סוף. די ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אנדערע שטעט, האָבן גע-וויזן, אַז די דייטשן פירן דורך אַן אכזריותדיקע יידן-אויסראָטונג. פריי-טיק דעם 21סטן אויגוסט, 1942, האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן דער אקציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין מינסק-מאזאָוויעצק, 40 קילאָמעטער פון שעדלעץ. מיר האָבן שוין געוואוסט פון דער ליקווידאציע פון וואר-שעווער געטאָ, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22סטן יולי, אָבער די ידיעה וועגן דער ליקווידאציע פון מינסק-מאזאָוויעצק האָט ביי אונדז ארויסגערופן א שרעקלעכע מהומה.

דער יודענראט, בראש פון וועלכן עס איז געשטאנען ד"ר העניריק לעבעל, האָט כסדר בארואיקט, אַז אין שעדלעץ „וועט עס נישט פּאַרקו-


מען". אין ווארשע האָט מען נישט געקאָנט אויפהאלטן אזא גרויסן ייִדישן צענטער, אָבער שעדלעץ וועט ווערן געשאנעוועט צוליב דער גרויסער ארבעט־פּראָדוקטיוויטעט (3.000 ארבעטער זיינען געווען טעג־לעך באשעפטיקט) — אזוי האָט דער יודענראט איבערגעחזרט די ליג־נערישע רייד פון די דייטשן אין שעדלעץ. אפילו אין דעם שרעקלכען טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאציע פון שעדלעצער געטאָ, דעם 21סטן אויגוסט 1942, האָבן די יודענראט־לייט פארזיכערט, פאר־שטענדלעך אין נאָמען פון די דייטשן, אז עס וועט גאָרנישט געשען. עס איז דאָ א פאראָרדענונג פון הימלערן אָפּצושטעלן די פארניכטונג פון די געטאָס. דאָס דאָזיקע כיטרע מיטל האָט געווירקט אויף צו בארואיקן דאָס געטאָ אויף אייניקע שעה.

די אויסראָטונגס־אקציע הייבט זיך אָן

פארנאכט זיינען אהיימגעקומען די ארבעטער, וואָס זיינען געווען באשעפטיקט מחוצן געטאָ און געבראכט די ידיעה, אז די פוילישע פּאָ־ליציי, די אזוי גערופענע גראנאט־פּאָליציי פון פילס־דסקים צייטן, וועל־כע האָט געדינט די דייטשן, ווערט גערופן אויף א צוזאמענקונפט 3 א זייגער ביינאכט. בליץ שנעל איז זיך די ידיעה פונאנדערגעגאַנגען אי־בערן געטאָ און קיינער האָט זיך שוין נישט געמאכט קיין אילוזיעס. מיר האָבן אלע געוואוסט וואָס עס באטייט. די מהומה און פארצווייפלונג אין געטאָ איז געוואקסן מיט יעדער מינוט. אייניקע האָבן געזוכט בא־העלטענישן, אנדערע האָבן געפּאקט די זאכן און געמאכט זיך די אילו־זיע, אז זיי וועלן קאָנען אנטלויפן, דער גרעסטער טייל אָבער האָט זיך אָפּגעגעבן א דין וחשבון, אז די לאגע איז אָן אן אויסוועג — אלע זיי־נען מיר פארמשפּט צום טויט.

אין דער דאָזיקער נאכט, דאָס איז געווען פרייטיק צו נאכטס פון 21סטן אויפן 22סטן אויגוסט, איז דאָס געטאָ געוואָרן ארומגעשטעלט מיט געדיכטע קאָרדאָנען פון געשטאפּאָ, זשאנדארמען, „זאָנדערדינסט" און פוילישער פּאָליציי. באלד האָבן זיך דערהערט שאָסן און עס זיינען געפאלן די ערשטע קרבנות — מענטשן, וואָס האָבן געפּרואווט זיך ארויסבאקומען דורך די געטאָ־דראָט־פארצוימונגען. פארטאָג שטארקט זיך די שיסעריי. 7 א זייגער, זאמלט זיך, ווי שטענדיק, צונויף די ייִדי־שע פּאָליציי און איר קאָמאנדע, כדי צו דערפילן די „פּאָליציייאישע פליכטן". עס קומען אָן געשטאפּאָ־לייט. זיי זיינען צופרידן פון דער פּינקטלעכקייט פון דער ייִדישער פּאָליציי און גיבן ארויס א באפעל: צונויפזאמלען אויפן פלאץ פון דער פארברענטער סינאגאָגע אלע ייִדן, אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט. ווער עס וועט ביז 9 א זייגער

נישט אויספירן דעם באפעל, ווערט באשטראָפט מיטן טויט. די יידישע פּאָליציאַנטן פירן אוים די אָנווייזונגען פון דער געשטאפּאָ. זיי שפּרייטן זיך פונאנדער איבער די געטאָס און שרייען אוים די פאראָרדענונג פון די דייטשן.



די פארברענטע שול

אויפן פּלאַץ פון דער פארברענטער סינאגאָגע זאמלען זיך די יידן. א סך קומען מיט באגאזש, זיי גלויבן, אז מ'שיקט זיי אוועק ערגעץ אויף אן אנדער אָרט. אין דער אייגענער צייט גראסירן שוין איבער די יידישע וואוינונגען די פארשידענע דייטשע באנדיטן־פאָרמאציעס — ס. ס.־לייט, „זאָנדערדינסט", אויסראָטונגס־קאָמאנדאָ, דייטשן, אוקראַינער און לעטן. זיי ראבירן און מאָרדן יעדן ייד, וועלכן זיי טרעפן אין א וואוינונג. אין זייערע אייגענע וואוינונגען ווערן דערשאָסן פּזשעדזשעצקי און גאָלד־בלאט. די צאָל יידן אויפן פּלאַץ ווערט אלץ גרעסער. יעדעם מאָל קומען נייע גרופּעס מענטשן מיט פארצווייפלטער שרעק אין די אויגן, געטריבן פון די דייטשן, וועלכע יאָגן זייערע קרבנות מיט שאָסן און בייטשן. אויפן טראָטואר בלייבן ליגן דערשאָסענע גופים פון דערוואקסענע און קינדער. אויך לעבעדיקע קינדער ליגן פארלאָזענע אויפן טראָטואר. קעגנאיבער דעם „אומשלאג־פּלאַץ" געפינט זיך דער בנין פון יידישן שפּיטאָל. דאָרט זיינען געבליבן אויף זייערע פּאָסטנס דער דאָקטער און די קראנקן־שוועסטערס. די ס. ס.־לייט הייסן די פארוואונדעטע ארייג־טראָגן אין שפּיטאָל. די טויטע דארפן בלייבן ליגן, ווי א וואָרענונג פאר אנדערע. די פארוואונדעטע זיינען צופרידן פון זייער לאגע. דער קאָמי־סאר פּאביש האָט דאָך געזאָגט, אז דאָס שפּיטאָל מיטן דאָקטער וועט בלייבן און ממילא וועלן אויך די פארוואונדעטע בלייבן.

פאמעלעך וואקסט די צאָל מענטשן אויפן פלאַץ. עס איז שוין דאָ ארום 12 טויזנט, אָבער עס זיינען נאָך נישט אלע. די דייטשן מיט זייערע מיטהעלפער נישטערן אין די שטיבער, זייען טויט און פארניכטונג און טרייבן מיט בייטשן אויף דעם פלאַץ. די יידן פונעם אזוי גערופענעם „דרייעק", פון דעם טייל געטאָ, וואָס שליסט זיך אָפּ מיט די גאסן: עלפטער ליסטאָפּאַד, סאָקאָלאָווער, און אָסלאָנאָוויטשאַ — זיינען צוזאַמענגענומען געוואָרן א־יף א הויף אין איינעם פון די דאָרטיקע הייזער און אויסגעשאָסן געוואָרן דורכן „זאָנדערדינסט".

אויף דעם פלאַץ גופא, וואו אויף דעם באפעל פון דער געשטאפּאָ האָבן זיך פארזאמלט די 12 טויזנט יידן, פירן אוים די דייטשן בעסטיאַלישע מאָרדאקטן. אויפן טראָט־אר זיצן אייניקע געשטאפּאָוצעס און פארווײלן זיך מיט שיסן אין ציל — אין יידישע קעפּ. ווער עס הייבט אויף דעם קאָפּ באקומט א קויל. אנדערע דייטשן זוכן אוים אלטע יידן מיט בערד, שלעפּן זיי ארוים פון דער מאסע און הייסן זיי זינגען, טאנצן, שפּרינגען און קלאפּן דערביי מיט די רעוואָלווער־לויפעם איבער די קעפּ פון די אומגליקלעכע קרבנות, אָדער שיסן צו זיי מיט אלארם־רעוואָלווערן — אזא סאדיסטישע פארווײלונג האָבן זיך די דייטשן געמאכט איבער די יידן, וואָס מ׳פירט זיי צום טויט. אויפן פלאַץ איז אָנגעקומען ד״ר העינריק לעבעל, דער יודענעלטסטער. ער איז גלייכצייטיק אויך געווען דער הויפּטדאָקטער פון יידישן שפּיטאָל. די דייטשן האָבן אים געוואָלט איבערלאָזן, ער זאָל בלייבן אויף זיין פּאָסטן אין שפּיטאָל, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט און אוועק א־יפן פלאַץ, כדי צו גיין צוזאמען מיט די יידן פון זיין קהילה.


דריי שעה געפינען זיך שוין די יידן אויפן פלאַץ. זיי מוזן ליגן אוים־געלייגט. ווער עס הויבט אויף דעם קאָפּ ווערט דערשאָסן. פאראן שוין דאָרט 300 מתים, אחוץ פארוואונדעטע. די דייטשן צווינגען די יידישע פּאָליציאנטן, זיי זאָלן מיטגיין אין די יידישע וואוינונגען און אָנווייזן, וואו עס געפינען זיך יידן. די פּאָליציאנטן פירן אוים די דייטשע באַפעלן. ארום מיטאָגצייט, באקומט דער קאָמענדאנט פון דער יידישער פּאָליציי א באפעל צוצושטעלן א מיטאָג פאר 15 פּערזאָן. פאר יעדן זאָל זיין אן עוף מיט ווײן. דאָס דארפן די יידן־מערדער עסן מיטאָג און די געפייניקטע צום טויט פארמשפּטע האָבן דאָס געדארפט פאר זיי צו־שטעלן עסן. באלד נאָך דער דאָזיקער פאראָרדענונג האָט זיך באוויזן דער „אָבערגרופּענפיהרער" פון ס. ס. און געפאָדערט, אז מ׳זאָל אים צושטעלן 2 פּאָר נייע זיידענע זאָקן. מ׳האָט אים די מתנה באלד געגעבן.

דער „אומשלאג־פלאַץ", וואו עס זיינען געלעגן 12 טויזנט צום טויט פארמשפּטע אין נעבן זיי הונדערטער געהרגעטע און פארוואונדעטע האָט זיך פארוואנדלט אין א מאקאברישן פארוויילונג־אָרט. אויף יענער

זייט פון דער דראָט־פארצוימונג, אויף דער פילסודסקי־גאס, זיינען גע־
שטאנען א סך פּאָליאקן און האָבן זיך צוגעקוקט צו דער יידן־שחיטה.
פון די מערדער האָט זיך אויסגעטיילט א ספּעציעלע גרופּע דייטשן, וועל־



דייטשן פארוויילן זיך, רייסנדיק ביי די שעדלעצער יידן די בערד. אין דער מיט שכנא רובינשטיין (פון סאָקאָלאָוו)



נר. 1 — ישראלקע חזן און מוהל
נר. 2 — יודל צענערקאָפּ
נר. 3 — יהושע־פייוויש, דער שמש פון שניידער־שולעכל.



נחום דער וואסער־טרעגער, שלום בראָנפנמאכערס איידעם.

כע האָט זיך פארנומען מיט פילמירן דעם יודען-ספעקטאקל. אין מיטן גאס האָבן די מאסן-מערדער אוועקגעשטעלט א טיש און צווישן די מתים און האלב-טויטע גענומען פראווען א קאניבאלישע סעודה. די פאָ-טאָגראפיסטן און פילם-אָפעראטאָרן זיינען צוגעגאנגען מיט זייערע אפּאַ-ראטן גאנץ נאָענט צו די אומגליקלעכע קרבנות, כדי די אויפנאמען זאָלן ארויסקומען פינקטלעכער.

די סעלעקציע אויף לעבן און טויט


דער שעף פון דער אויסראָטונג-קאָמאַנדע האָט ארויסגערופן דעם ד"ר לעבעל און אים איבערגעגעבן, אז ער זאָל אלע יידן מיטטיילן דעם באפעל: „אלע ארבעטפעאיקע מענער אין עלטער פון 15—45 יאָר דארפן זיך אויסשטעלן אין א ריי און דורכגיין דעם שפּאלער". ד"ר לעבעל האָט איבערגעגעבן דעם באפעל און אלע מענער האָבן זיך אויסגע-שטעלט און גענומען דורכגיין דעם שפּאלער פון די דייטשן, וועלכע האָבן יעדן איינעם געשלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן, מיט שטעקנס און מיט וואָס זיי האָבן נאָר געהאט אין האנט. באזונדערס שטארק האָט מען געשלאָגן די יידן, וואָס האָבן זיך געפרואווט לעגיטימירן מיט אר-בעטשיינען און דורכלאָזשיינען אויף דייטשע ארבעטערטער. ווער עס האָט געוויזן דאָס מינדסטע פּאפּירל האָט געקריגן געשלאָגן מכות רצח ביז צום אויסגיין. דער איינציקער פּאספּאָרט וואָס האָט בארעכטיקט צו גיין אויף רעכטס, ד. ה. צו דער ארבעט-גרופּע, איז געווען — צעריסע-נע מלבושים און הענט מיט מאזאָליעס.

אָן א סעלעקציע איז דורכגעגאנגען „דער עלטסטער דער יודען", ד"ר הענריק לעבעל און דער לייטער פון ארבעטאמט ביים יודענראט — עזריאל פרידמאן. מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט דער שעף פון געשטא-פּאָ דובע, דערשאָסן דעם ד"ר לעבעל צוזאמען מיטן שפּיטאָל-פּערסאָנאל און פרידמאנען אין א טויער אויפן ראָג ערשטער מיי און טאַרגאָווע. צו די קאנדידאטן אויף טרעבלינקע האָבן די דייטשן אויך באשטימט דעם לאַניאָריקן באאמטן פון דער יידישער קהילה און סעקרעטאר פון יודענראט — הערש טענענבאום. אלס סעקרעטאר האָט טענענבאום נישט איין יידן געראטעוועט פון די נעגל פון דער געשטאפּאָ. ער האָט אויך אין נאָמען פון יודענראט באזאָרגט די דייטשן מיט אלץ, וואָס זיי האָבן געפאָדערט און אין וואָס זיי האָבן זיך גענויטיקט. איצט, ביים אויסטיילן וועמען צום לעבן און וועמען צום טויט, האָבן אלע מקנא גע-ווען דעם ביז איצטיקן יודענראט-סעקרעטאר, ווייל זיין באקאנטשאפט מיט די דייטשן וועט אים „ראטעווען". די געשטאפּאָ-לייט האָבן אים אויסגעקליבן צום ערשטן טראנספּאָרט קיין טרעבלינקע.

בעת דער סעלעקציע איז פאר אלעמען קלאָר געוואָרן, אז עלטערע מענטשן, פרויען און קינדער געפינען זיך מחוץ די גרענעצן פון לעבן. אייניקע האָבן טאקע פארענדיקט זייער לעבן באלד אויפן אָרט. פרוי דאָקטאָר פפאו האָט זיך געסמט מיט ציאנקאלי, אנדערע האָבן זיך אי־בערגעשניטן די אָדערן און געוואַרט ביז זיי וועלן אָפּגיין אין בלוט. צו די פּיין פון די אומגליקלעכע האָט נישט גענומען קיין סוף. יעדע פּאָר שעה האָט פּאביש באפוילן די פייערלעשער צו באגיסן מיט וואסער דעם פלאץ מיט די מענטשן.

5 א זייגער האָט מען די אויסדערוויילטע גרופּע, אין א צאָל פון 15 הונדערט פּערזאָן, אָפּגעפירט אין שוין דערמאָנטן „דרייעק", וועלכער איז שוין געווען באוואכט פון דער „זאָנדערדינסט", פּוילישע פּאָליציי איז געווען צוגעגרייט אויפצונעמען די „אויסדערוויילטע". א מינוט נאָכ־דעם, ווי עס איז אוועק די ארבעט־גרופּע האָט זיך אָנגעהויבן א שיסע־ריי מיט פארטאָפּלטער קראפט. ד"ר לעבעל איז נישט געגאנגען אין „דרייעק", נאָר אוועק צו זיך אין שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען א הונדערט מעטער פון „אומשלאג־פלאץ" און האָט זיך באמיט מיט אלע מיטלען צו העלפן די מענטשן. די שפּיטאָל־סאניטארן, אָנגעטאָן אין די ווייסע כאלאטן האָבן צוזאמענגענומען די פארוואונדעטע און מיטגענו־מען אויך געזונטע. מ'האָט אויף אייניקע ארויפגעוואָרפן ווייסע כאלאטן און זיי אזוי ארום אָפּגעראטעוועט. לסוף האָט מען שוין דערלויבט די יידישע פּאָליציאנטן, זיי זאָלן געבן די אומגליקלעכע וואסער צום טרינ־קען. טראָץ אלע באמיאונגען האָבן גאנץ ווייניק מענטשן זיך ארויסבא־קומען פון פלאץ.

דורך דער גאנצער נאכט פון שבת אויף זונטיק האָבן די דייטשן



אין דעם דאָזיקן בית־הכיסא האָט מען דערשאָסן דעם רבין פון קצבישן בית־מדרש.

נר. 1 — דער קאסטן מיטן רבינס קערפּער.

ס'שטייען יאָנטל גאָלד־מאן און צוויי פּוילישע קינדער.

באַמערקונג: אונ־זער לאנדסמאן יאָנטל גאָלדמאן האָט זיך פארנומען מיט דער קבורה פון די הרוגים אין שעדלעץ. אויף דעם דאָזיקן געביט האָט ער פיל פארדינסטן.

געווילדעוועט אין געטאָ, געזוכט באהעלטענישן, געראַבעוועט און גע־ברענט. אין משך פון דער נאכט זיינען דערשאָסן געוואָרן אין געטאָ 200 פערזאָן, וועלכע די דייטשן האָבן ארויסגעצויגן פון באהעלטענישן. דער דייטש באַקענשטאָס פון „זאָנדערדינסט" האָט דערשאָסן 30 פערזאָן, וועלכע זיינען געווען באהאלטן אין יאנקלם בעקעריי. צווישן די דערשאָ־סענע האָט זיך אויך געפונען די משפחה פון יאנקל בעקער. אויפן שטח פון דער מקווה זיינען דערשאָסן געוואָרן 50 מענטשן. אין ביוראָ פון יודענראט זיינען דערשאָסן געוואָרן 20 פערזאָן, דערונטער די משפחה פון אפרים צעלניק.

זונטיק אין דער פרי האָט מען אָנגעהויבן אויפקלויבן די מתים פון די גאסן. די ארבעט האָט אויסגעפירט די „אויסדערוויילטע" גרופע פון „דרייעק" אונטער דער אָנפירונג פון רובינשטיין, דעם קאָמענדאנט פון דער יידישער פאָליציי. דאָס צוזאמענגעמען די מתים איז פאָרגעקומען אויף דעם פאָלגנדיקן אופן: א פאָר פערזאָן האָבן זיך איינגעשפאנט אין א וואָגן און אים געשלעפט איבער די גאסן, בעת אנדערע האָבן ארויפ־געלייגט די טויטע קערפערס. ווען דער וואָגן איז געווען פול, האָט מען אים צוגעפירט צום טויער פון געטאָ און דאָרט האָבן פוילישע פורמאַ־נעס אריבערגעלייגט די מתים אויף זייערע וועגענער און אריבערגעפירט אויפן יידישן בית-עולם. ביי דער דאָזיקער שרעקלעכער ארבעט האָבן איינזיקע באהאלטענע זיך געראטעוועט. זיי זיינען ארוים פון באהעלטע־ניש, צוגעשפאנט זיך צום מתים-וואָגן און נאָכן פארענדיקן די ארבעט, צוזאמען מיט אלע, אוועק אין „דרייעק", וועלכן מ'האָט שוין גערופן „דאָס קליינע געטאָ".

צוויי טעג און צוויי נעכט זיינען די אומגליקלעכע געלעגן אויפן פלאץ. בייטאָג האָט געפייניקט די היץ און די כסדרדיקע טויטשרעק פון דער אומאויפהערלעכער שיסעריי. ערשט מאָנטיק פרי האָט די געשטאַ־פאָ אויסגעשטעלט די ערשטע גרופע, וועלכע מ'האָט געיאָגט צו דער באגאזש-סטאציע און דאָרט זיי אריינגעפאקט אין די טויט-וואַגאָנען. דער וועג פאר דעם טויטנצוג איז געווען א קורצער: שעדלעץ — טרעב־לינקע — 35 קילאָמעטער. אזוי איז אין משך פון צוויי טעג, מאָנטיק און דינסטיק איז געגאנגען א טראנספאָרט נאָך א טראנספאָרט. דער לעצ־טער איז אָפּגעגאנגען מיטוואָך פרי. אין די וואַגאָנען, אויסגעשיט מיט כּישט-געלאָשענער וואפנע, האָט מען געפאקט 100—120 פערזאָן. דאָס אריינפאקן אין די וואַגאָנען איז פאָרגעקומען מיט דער הילף פון ביקסנ־קאָלבעס, העק און אנדערע שלאָג-מכשירים. א סך זיינען געפאלן ביי די וואַגאָנעס. שמואל לעוויטאנען האָט אן אוקראַינער צעשמעטערט דעם קאָפּ מיט א האק. די פוילישע פאָליציי איז נישט געבליבן הינטערשטע־ליק, האָט געשלאָגן און גערויבט. פון די וואַגאָנען האָט מען א סך אָפּ־

געפירט אויפן בית-עולם און דאָרטן באגראָבן זיי אין איין קבר — די טויטע צוזאמען מיט פארוואונדעטע, וואָס האָבן נאָך געלעבט.

אין ערשטן טראנספּאָרט האָבן זיך נישט געפונען קיין דרייסטע וואָס זאָלן שפּרינגען פון די וואגאָנען. דערפאר איז מען שוין געשפּרונגען



דער לעצטער וועג צו דער באגאזש-סטאנציע.
נר. 1 — בנימין קראמארש.

פון די ווייטערדיקע טראנספּאָרטן. מ'האָט אויסגעבראָכן ברעטער פון די וואגאָנעס און ארויסגעשפּרונגען. די דייטשע וואך, וואָס האָט באגלייט דעם צוג האָט געשאָסן. א סך זיינען געפאלן טויט, געוואָרן פארוואונדעט און שפּעטער דערשלאָגן געוואָרן דורך פּאָליציאנטן, אָדער פּויערים. די באן-ליניע שעדלעץ—טרעבלינקע איז געווען פארוואָרפן מיט טויטע און פארוואונדעטע. בלויז איייניקע פערזאָן האָט זיך איינגעגעבן צוריק צו קומען אין שטאָט און זיך אריינגנבענען אין „קליינעם געטאָ“.

אין „קליינעם געטאָ“. — דאָס דערשיסן פון שפּיטאָל־פּערסאָנאל

אין „קליינעם געטאָ“ האָבן די „אויסדערוויילטע“ ארבעטער גענומען אָרגאניזירן זייער לעבן. א שטארקע וואך פון געשטאפּאָ האָט געהאט די אויפזיכט איבערן געטאָ. מאָנטיק האָט די „אויסראָטונגס-קאָמאנדע“ פארלאָזט שעדלעץ. אין דעם אויסגעליידיקטן גרויסן געטאָ האָט ווייטער געווילדעוועט די אָרטיקע דייטשע מאכט: מע האָט געזוכט באהאלטענע יידן און דערביי אויסגעליידיקט די וואוינונגען. צוליב דער שטארקער פארקלענערונג פון די דייטשע כוחות און איבערגעקויפטקייט פון דער פּוילישער פּאָליציי, האָט זיך איינגעגעבן איייניקע באהאלטענע


יידן ארייננצובאקומען זיך אין „קליינעם געטאָ". קיין פרויען האָבן דאָ נישט געדאַרפט זיין, נאָר בלויז מענער. די אָפּגעראַטעוועטע פרויען האָבן זיך, דעריבער, איבערגעטאָן אין מענער־קליידער. א סך פון זיי זיינען גאַנצע טעג געווען באַהאַלטן אויף די בוידעמער, מורא האָבנדיק, אז זיי וועלן דערקענט ווערן דורך די געשטאַפּאָ־לייט, וועלכע האָבן שטאַרק געהיט דאָס „קליינע געטאָ". זייער גורל און צוקונפט איז געשטאַנען אונטער א טראַגישן פראַגע־צייכן: וואָס וועט זיין, ווען די דייטשע מאַכט וועט זיי כאַפּן: מע וועט זיי „שטעלן צו דער וואַנט", אָדער זיי דערלויבן ווייטער צו פירן דאָס געפייניקטע לעבן?

טראָץ דעם שרעקלעכן בלוטיקן גיהנום, טראָץ די קאָלוזשעם בלוט אויף די גאַסן און דאָס כסדרדיקע ארויספירן אויפן יידישן בית־עולם די אָפּגעפונענע צו דערשיסן; נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס לעבן האָט פאַרלוירן יעדן ווערט — האָבן די איינוואוינער פון „קליינעם געטאָ" דאָך געוואָלט לעבן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אז מ'האָט דערשטיקט אייניקע קלייניקע קינדערלעך, וועלכע מ'האָט פריער געהאַט מיטגעבראַכט אין „דרייעק" און זייער אָנוועזנהייט האָט געקאָנט אויסגעבן די פרויען, וואָס זיינען דאָרט געווען באַהאַלטן אין דערמיט ברענגען צו דער ליקווידאַציע פון דער רעשט „אויסדערוויילטע".

מיטוואָך איז נאָך דאָס גרויסע געטאָ נישט געווען אינגאַנצן ליידיק. דאָרט האָט זיך נאָך געפונען: דאָס יידישע שפּיטאָל מיט 60 קראַנקע, 4 דאָקטוירים, 2 פעלדשערס, קראַנקן־שוועסטער, געהילף־פּערסאָנאַל און אָפּגעראַטעוועטע פון אומשלאַגפּלאַץ, צוזאַמען — 100 פּערזאָן בערך. אחוץ דעם שפּיטאָל מיט די מענטשן, וועמענס עקזיסטענץ איז אָפיציעל דערלויבט געווען פון דער דייטשער מאַכט, האָבן זיך נאָך אין געטאָ געפונען מענטשן אין באַהעלטענישן. אָפּגעשניטן פון דער וועלט, אָן דערנערונגס־מיטלען און אין טויטשרעק האָבן זיי געוואַרט מיט דעם גלויבן — אפשר וועט מען פאַרט זיך קאָנען אָפּראַטעווען.

נאָכן ארויסשיקן דעם לעצטן טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע איז אויפן שפּיטאָל־הויף געקומען א קאָמענדאַ פון אוקראַינער אונטער דער אָנפירונג פון פאַבישן, וועלכער האָט ארויסגעגעבן א באַפעל — תיכף־דיקער אפּעל פון גאַנצן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל אויפן הויף. אַלע זיינען אראָפּגעקומען: ד"ר הענריק לעבעל מיט דער פרוי און זון, ד"ר לעאָן גלאַזאָווסקי, ד"ר שאול שוואַרץ, ד"ר שלמה טענענבוים, צוויי אַלטע און פאַרדינסטפולע פעלדשערס — יוזעף אַלבערג און יאַנקל טענענבאום, די עלטסטע שוועסטער — פעלאַ פרידמאַן און עדזשאַ אַלבערג, די לייטערין פון לאַבאָראַטאָריע — לאָלאַ זאַלצמאַן מיט דער מוטער און שוועסטער, די דינערשאַפט, צווישן וועלכער עס האָט זיך געפונען צעשאַ טעמקין, דאָראַ גאָלדבלאַט, סאַלאַ ראַבינאָוויטש און בראָנקאַ שאָפּערמאַן.

נאָך פאר דעם אפעל פון שפּיטאַל־פּערסאָנאל האָבן די ס. ס.־לייט געשאָסן די קראנקע, וואָס זיינען געלעגן אויף די בעטן, דערונטער אויך אייניקע ניי־געבוירענע. שפּעטער האָבן די ס. ס.־מערדער, מיט איינציקע שאָסן פון האנטגעווער אויסגעשאָסן דאָס שפּיטאַל־פּערסאָנאל. דער ערשטער איז דערשאָסן געוואָרן ד"ר לעבעל מיט זיין פרוי. דעם זון איז געלונגען צו אנטלויפן אין שפּיטאַל־גאָרטן און זיך אויסבאהאלטן. אָנדערהאלבן יאָר איז ער געווען באהאלטן, לסוף אנטדעקט געוואָרן דורך דער זשאנדארמעריע און דערשאָסן געוואָרן. נאָכן ד"ר לעבעל זיינען איינציקווייז דערשאָסן געוואָרן אלע מיטארבעטער פון שפּיטאָל. די ווארעמע קערפּערס, אין ווייסע פארבלוטיקטע קיטלען, האָט מען דורך דער



דער וואָגן מיט די טויטע קערפּערס צום בית־עולם

שטאָט אָפּגעפירט אויפן יידישן בית־עולם. פון די ווענענער האָט געפלאָסן דאָס בלוט און געצייכנט דעם וועג, וואָס זיי זיינען דורכגעפאָרן.


אחוץ דעם דאָקטערס זון האָט זיך פון שפּיטאָל־פּערסאָנאל אויך אָפּגעראטעוועט די לייטערין פון לאבאָראטאָריע לאָלא זאלצמאן. פון די מערדערישע שאָסן איז זי געוואָרן לייכט פארוואונדעט און געוואָרן צוגעדעקט מיט די טויטע קערפּערס פון איר מוטער און שוועסטער. ווען די מערדער זיינען אוועק, האָט זי זיך ארויסבאקומען פון שפּיטאָל־הויף און זיך ארייגעגנבעט אין „קליינעם געטאָ".

אין קליינעם געטאָ האָט זיך איינגעשטעלט א „נאָרמאל" לעבן. די הארטעווירקלעכקייט, די טראגישע איבערלעבונגען און די שווערע

ארבעט האָבן אזוי פארטעמפט די מענטשן, אז מ׳האָט איבערהויפּט אויפגעהערט צו טראכטן און פארטראכטן זיך אויף א ווייטער מעטע.

שווערע ארבעט, פּיין און טויט

די דייטשן האָבן ווייטער אונטערגעהאלטן די אילוזיע, אז מ׳וועט בלייבן לעבן. דער קאָמיסאר פּאביש האָט געגעבן א פארזיכערונג, אז אויף וויפל אלע וועלן רעגולער גיין צו דער ארבעט, וועט דאָס „קליינע געטאָ" אויסהאלטן. כדי נאָך מער צו פארשטארקן די אילוזיע, זיינען אמנעסטירט געוואָרן די פרויען, וואָס האָבן זיך אויסבאהאלטן אין גרויסן געטאָ. עס איז זיי דערלויבט געוואָרן פריי אריבערצוגיין אין „קליינעם געטאָ". די פרויען האָט מען געגעבן א ספּעציעלע ארבעט: יעדן טאָג גיין אין גרויסן געטאָ, דאָרט אויפרוימען די ליידיקע שטיבער און אָרדנען די געפונענע זאַכן. א טאָג שפּעטער האָט מען אונטער דער וואַך פון דער פּוילישער פּאָליציי געפירט 30 פרויען אויף ארבעט. אין אָוונט האָט מען זיי אין אויטאָס אָפּגעפירט אויפן יידישן בית־עולם און דאָרט דערשאָסן אונטער דעם אויסרייד, אז זיי האָבן גע־גנבעט מלבושים אין די פאר־לאָזענע שטיבער און זיך אין זיי אָנגעטאָן. צווישן די דער־שאָסענע האָט זיך אויך גע־פונען די פרוי פון אדוואָקאט לאנדאו. זי האָט איבערגע־לאָזט צוויי קליינע קינדער אָן וועלכער עס איז אויפ־זיכט.


די וואנט, ווו מ׳האָט דערשאָסן די 30 פרויען. יאָנטל גאָלדמאַן ווייזט אָן מיטן פינגער אויף דער וואנט.

נאָך דעם דאָזיקן מאסנ־מאָרד פון די פרויען האָט פּאביש פארזיכערט, אז אויב די פרויען וועלן נישט גנבע־נען, דראָט זיי נישט קיין

שום געפאר. די פארזיכערונג האָט אָבער קיינעם נישט בארויקט. די פרויען האָבן זיך אויסבאהאלטן און נישט געוואָלט גיין אויף קיין אר־בעט. די פאָליציי האָט זיי אויסגעזוכט און געצוואונגען צו גיין ארבעטן. ערשט נאָך א פאָר טעג, ווען די פרויען זיינען פון דער ארבעט צוריק־געקומען לעבעדיק און מ׳האָט נאָך דערלויבט מיטנעמען מיט זיך די איבערגעבליבענע פראָדוקטן פון די לייזיקע הייזער — האָבן די פרויען זיך גענומען צושטעלן צו דער ארבעט.

אייניקע דייטשע אונטערנעמונגען האָבן ארויסגענומען פון „קליי־נעם געטאָ" זייערע ארבעטער, זיי איינגעאָרדנט אין באראקן און אויפ־געשטעלט פאר זיי געמיינזאמע קיכן. אזוי ארום זיינען אויפן שטח פון שעדלעץ און פאָרשטעט אנטשטאנען עטלעכע צענדליק קליינע ארבעט־לאגערן, פון וועלכע דער קלענסטער לאגער האָט געציילט אייניקע פער־זאָן און דער גרעסטער — אייניקע הונדערט. די לעבנס-באדינגונגען אין די לאגערן און לאגערלעך זיינען נישט געווען אומעטום די זעלבע. זיי זיינען געווען אָפהענגיק פון דער שטימונג פון די אָנפירער פון די באַ־זונדערע לאגערן.

דאָס לעבן אין די לאגערן איז אין אלגעמיין געווען א שווערס, אָבער אין פארגלייך מיט דעם לעבן פון די ארבעטער אין „קליינעם גע־טאָ", איז דאָרט געווען אן „אָאזיס" פון רו און „וואוילשטאנד". אין „קליינעם געטאָ" האָט יעדער, נאָכן שווערן טאָג ארבעט, אהיימקומענ־דיק א טויט מידער הינטער די דראָטן — געמוזט זיך פארנעמען מיט „אָרגאניזירן" עפּעס א ביסל עסן. וועגן רעגולער עסן האָט קיינער אפילו נישט געקאָנט טראכטן. קיין אָפיציעלער צופיר פון עסן אין געטאָ, איז נישט געווען. די מאכט און אויך די ארבעטגעבער האָבן וועגן דעם נישט געזאָרגט. די שפּייז, וואָס מ׳האָט אין געהיים צוגעשטעלט אין געטאָ, איז דערגאנגען צו אזעלכע פרייזן, אז נאָר געציילטע האָבן געקאָנט קויפן. מ׳האָט דעריבער כסדר געהונגערט; א הונגעריקער האָט מען זיך געלייגט „שלאָפן", דאָס הייסט, — ארייגעפאקט זיך ערגעץ אין א ווינקל, אריבערגעצויגן דעם קאָלנער איבער די אויערן און באמיט זיך נישט צו הערן וואָס ארום קומט פאָר.

וועגן א געהעריקן שלאָף האָט מען שוין לאנג פארגעסן. עס האָט נישט געלאָזט שלאָפן די שרעקלעכע ענגשאפט און די כסדרדיקע שיסע־ריי ביי די געטאָדראָטן. די קרבנות פון דעם דאָזיקן „ספּאָרט" זיינען יעדן אינדערפרי צונויפגעקליבן געוואָרן דורך דער פאָליציי. די ענג־שאפט אין די וואוינונגען איז געווען אזוי גרויס, אז דורכשניטלעך האָבן געוואוינט 20—30 פערזאָן אין א צימער פון מיטלמעסיקער גרויס. דאָס צימער איז געווען באלייגט בלויז מיט מענטשן — קיין בעטן, נארעס אָדער בעטגעוואנט זיינען נישט געווען. די ביידעמער, טרעפּנגאנג און

קעלערס האָבן אויך געדינט פאר וואוינונגען. דאָס גאנצע קליינע געטאָ איז באשטאנען פון א פּאָר הילצערנע הייזלעך, פון וועלכע נאָר צוויי זיינען געווען איינשטאָקיקע. אין „קליינעם געטאָ" זיינען אויך געווען ציגיינער. די דייטשן האָבן זיי איינגעאָרדנט אין צוויי בנינים: אן איינ־שטאָקיקן און צווייסשטאָקיקן. די ציגיינער האָבן ביי די יידן געגנבעט דאָס לעצטע ביסל אָרעמקייט, וואָס עס איז געלונגען אהערצושלעפּן פון גרויסן געטאָ און האָבן אויף די יידן כסדר געמסרט ביי פאבישן און אין דער געשטאַפּאָ.

דער קאָמיסאר פאביש און דער שעף פון דער געשטאַפּאָ דובע, זיינען געווען אָפטע געסט אין געטאָ זיי זיינען געקומען יעדן טאָג. זייע־רע וויזיטן האָבן זיך פארענדיקט, אָדער מיט ראפינירטע סאדיסטישע שטיק איבער די „אויסדערוויילטע" ארבעטער, אָדער מיט כאפּן א פּאָר פערזאָן, וועלכע זיינען אין אייניקע שעה שפּעטער באגראָבן געוואָרן דורך דער יידישער פּאָליציי. ווען פאביש האָט גערופן צו זיך יידישע פּאָליציאנטן, האָבן זיי באלד מיטגענומען מיט זיך לאָפּעטעס און שופ־לעס, ווייל זיי האָבן שוין פון פאָרויס געוואוסט צו וואָס ער רופט זיי.

דער הונגער און נויט האָבן די מענטשן אזוי אָפּגעשוואכט, אז מען האָט פשוט שוין נישט געהאט קיין כוח ארויסצוגיין צו דער ארבעט. די דייטשן האָבן דעריבער איינגעאָרדנט כאפּונגען. יעדן פרימאָרגן, ארום האלב זעקס, זיינען ארייגעפאלן אין געטאָ א באנדע פּאָליציאנטן, זעל־נער, „זאָנדערדינסט" און עס האָט זיך אָנגעהויבן א געיעג. מ'האָט ארויסגעצויגן אויפן הויף אלטע, יונגע, געזונטע און קראנקע. מ'האָט זיי געשלאָגן, געפּייניקט און נישט געשאנעוועט אפילו קיין פרויען.

דער יודענראט אין „קליינעם געטאָ" און זיין טעטיקייט

אין „קליינעם געטאָ" האָט זיך אָרגאניזירט א יודענראט, בראש פון וועלכן עס איז געשטאנען דער געוועזענער וויצע־פּרעזעס פון יודענראט אין גרויסן געטאָ — הערש אייזענבערג. זיינע מיטהעלפער זיינען גע־ווען: דער פירער פון ארבעטסאמט אין יודענראט, משה ראָטביין און דער אפּראָוויזאציע־לייטער, אנאטאָל גאָלדבערג. די ערשטע ארבעט פון ניי־געשאפענעם יודענראט איז באשטאנען אין צוזאמענגעמען איי־ניקע טויזנט זל. פארן קאָמיסאר פאביש. דאָס האָט דער קאָמיסאר גע־פאָדערט א באלוינונג פאר די פּיערלעשער פאר זייער ארבעט ביים באַ־גיסן מיט וואסער די יידן, וואָס זיינען געלעגן אויפן „אומשלאגפּלאץ" און געווארט אויף דעם טראנספּאָרט קיין טרעבלינקע. ווייטער האָט זיך דער יודענראט פארנומען מיט אָרגאניזירן א שטענדיקן צופיר פון ברויט צו נאָרמאלע פרייזן און פארזאָרגן דאָס געטאָ מיט די נויטיקע

מעדיקאמענטן און באנדאזש-מיטלען. אין א קורצער צייט זיינען די דאָזיקע ענינים דערליידיקט געוואָרן.

דאָס שנעלע דערליידיקן די פאַרזאָרגונג פון געטאָ איז געווען איינע פון די מיטלען פון דער דייטשער אויסראָטונג-פּאָליטיק. מ׳האָט געדאַרפט פאַרשמירן די אויגן און אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גרופּע יידן, וועמענס סוף האָט געדאַרפט זיין דער טויט אין די גאַזקאַמערן. אויף דער אינטערווענץ פון די פאָרשטייער פון יודענראַט ביי פּאַבישן, האָט ער באַפוילן דער שטאָט-פאַרוואַלטונג פון שעדלעץ ארויסצוגעבן דערנערונגס-קאַרטן די איינוואוינער פון געטאָ. דער שעף פון דער געשטאַפּאָ האָט אַלע דריי מיטגלידער פון יודענראַט ארויסגעגעבן דורכלאָזשיינען צו קאָנען זיך פריי באַוועגן אין דער שטאָט. א דאַנק דעם איז מעגלעך געוואָרן אָנצוקניפּן א קאָנטאַקט מיט די בעקערס, וועלכע האָבן יעדן טאָג צוגעשטעלט ברויט. עס איז געשלאָסן געוואָרן אן אָפּמאַך מיט די אַפּטייקער, וועלכע האָבן באַזאָרגט מעדיצינען. עס האָט זיך איינגעגעבן איינצוקויפן די נויטיקסטע זאַכן פאַרן געטאָ, ווי: ליכט (נישט געווען קיין עלעקטרישע באַלייכטונג), שוועבעלעך, וואַשפּראָשקעס אדג״ל.

צוליב דעם הונגער, שמוץ און שווערער ארבעט, האָבן אין „קליינעם געטאָ“ געבושעוועט פאַרשידענע קראַנקייטן, וועלכע האָבן פאַרשלונגען א סך קרבנות. אחוץ דערשאָסענע זיינען יעדן טאָג געווען געשטאָרבענע פון די קראַנקייטן. דאָס מתים-שטיבל האָט זיך געפונען אין א שטאַל אויף א בלאָטיקן הויף אין צענטער פון „קליינעם געטאָ“. דאָרט האָט מען די מתים געלייגט אויף דער גאָלער ערד. ס׳רוב זיינען זיי געלעגן אינגאַנצן נאַקעט, באַדעקט מיט פליגן. איינמאָל אין דער וואָך איז געקומען אן אָפענער ליטער-וואָגן, אויף וועלכן מ׳האָט אין גאַאייל ארויפגעוואָרפן די קערפּערס און ארויסגעפירט אויפן יידישן בית-עולם, וואו מ׳האָט זיי מקבר געווען אין א געמיינזאַמען קבר.

נישט ווייניק האָט צו דער גרויסער שטערבלעכקייט אין געטאָ מיטגעהאָלפן די דייטשע פירמע „רעקמאַן“. די צענטראַלע פון דער פירמע איז געווען אין בערלין. זי האָט זיך פאַרנומען, באַזונדערס, מיט בויען באַנוועגן און משא-באַנסטאַציעס. דאָרט זיינען געווען באַשעפטיקט איייניקע הונדערט יידן, וועלכע האָבן געמוזט ארבעטן ביז צום אוועקפאַלן. פאַר דער מינדסטער קלייניקייט האָט מען אומברחמנותדיק געשלאָגן. די באַשפּייזונג, וואָס די פירמע האָט געגעבן די יידן, איז באַשטאַנען פון א שיסל וואַסערזופּ, אין וועלכער עס זיינען געשוואומען איייניקע שטיקלעך פאַרדעכטיק גרינס און קאַרטאָפל. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים אויסלאָדן

די וואַגאָנעס און לייגן נייע באַנפּלאַנטן פאַר דער גרויסער צאָל מיליטער־טראַנספּאָרטן, וואָס זיינען געגאַנגען אויף מזרח. זעלטן ווער עס האָט ביי דער אַרבעט אויסגעהאַלטן מער ווי א פּאָר וואָכן. דאָס שיקן א מענטשן דאָרט צו דער אַרבעט, איז געווען גלייך צו א פייניקונג־טויט. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס קיינער האָט נישט געוואָלט גיין אַרבעטן צו דער פירמע „רעקמאַן". די וואַכלייט פון דער פירמע צוזאַמען מיט די פאָראַרבעטער, האָבן דעריבער יעדן טאָג איינגעאָרדנט געיעגן אין געטאָ און שפּעטער אויך געכאַפּט פרויען צו דער שווערער אַרבעט.

יעדן טאָג האָט מען פון דער אַרבעט געברענגט צופירן מענטשן, וואָס זיינען געפאַלן פון שוואַכקייט. עס איז געגאַנגען א שוידערלעכער צוג: עטלעכע צענדליק אָפּגעריסענע און אויסגעדאַרטע יידן האָבן געשטופּט די לאַרעס (באַן־וועגעלעך), אויף וועלכע עס זיינען געלעגן מענטשן מיט געל־וואַקסענע פּנימער, געשוואָלענע, און פון הינטן זיינען נאָכגעגאַנגען די וואַכלייט. אַזוי האָט די פירמע „רעקמאַן" אָפּגעשיקט אַהיים יידן, וואָס זיינען פון דערשעפּונג געפאַלן ביי דער אַרבעט. ביים אַריינפאָר אין געטאָ האָט מען די אַרבעט־אומפּעאיקע אויסגעשיט פון די לאַרעס. זיי זיינען געבליבן ליגן אויף דער ערד. צייטנווייז האָט עמעצער זיי אונטערגערוקט א שטיקל ברויט, אָדער א ביסל וואַסער און אַזוי זיינען זיי געלעגן ביז זיי זיינען אויסגעגאַנגען. צווישן די אומגליקלעכע קרבנות זיינען געווען א סך פון אַנדערע שטעט, וואו די ליקווידאַציע פון די געטאָס איז פאָרגעקומען פריער און זיי האָבן זיך „געראַטעוועט" קיין שעדלעץ. די פירמע „רעקמאַן" האָט מיט איר אַרבעט־סיסטעם מיטגעהאָלפן דורכפירן די דייטשע יידן־אויסראָטונג אין דערביי געשאַרט גרויסע פּראָפיטן פון די אומזיסטע, צום טויט פאַראורטיילטע שקלאַפן. טראָץ דעם גאַנצן שרעקלעכן און פאַרצווייפלטן מצב, האָט מען זיך פּאַמעלעך צוגעוואוינט צו דער טרויעריקער ווירקלעכקייט און לויט דער מעגלעכקייט זיך באַמיט אפילו איינצואָרדענען וואָס באַקוועמער.

מיט דער צייט איז אין „קליינעם געטאָ" אַריינגעטרעטן א וויכטיקע ענדערונג צום „בעסערן": מ'האָט אַרויסגעפירט די ציגיינער און די בנינים, וואָס זיי האָבן פאַרנומען, האָט מען צוגעטיילט די יידן. דער דאָזיקער פאַקט האָט פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון זיכערקייט. מ'האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס וואַרשיינלעך וועט שוין אין משך פון ווינטער גאָרנישט געשען. מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן אָנגרייטן עסנוואַרג און באַהייצונג. אַזוי איז אַדורך סעפּטעמבער, אָקטאָבער און עס איז אָנגעקומען דער חודש נאָוועמבער.

דייטשן זאמלען די יידן צו דער ענדגילטיקער אויסראָטונג

דעם 1טן נאָוועמבער האָבן די דייטשן ארויסגעגעבן א פאראָרדע־נונג, אויפן סמך פון וועלכער עס וועלן געשאפן 5 גרויסע געטאָס. דאָרט דארפן זיך באזעצן אלע יידן פון גאנצן גענעראל־גואווערנעמענט. שעדלעץ האָט אויך געהערט צו די אויסדערוויילטע שטעט מיט א „יידן־געטאָ". ביז צום 1טן דעצעמבער האָבן אלע יידן פון די ארומיקע שטעט־לעך, אויף אן ארומנעם פון א 40 קילאָמעטער, זיך געדארפט צונויפזאמ־לען אין „קליינעם געטאָ" אין שעדלעץ.

די איינוואוינער פון דעם „קליינעם געטאָ" האָבן פארשידנארטיק קאָמענטירט די דאָזיקע פאראָרדענונג. אייניקע האָבן דאָס אָנגענומען פאר א גוטן סימן; אנדערע האָבן געהאלטן, אז די געפאר איז נישט באזייטיקט געוואָרן און ארויסגעזאָגט א מיינונג, אז די דייטשן גייט פשוט אין דעם, צוזאמענצונעמען אין די געטאָס אלע יידן, וואָס זיינען געבליבן לעבן און די וואָס זיינען אויסבאהאלטן, כדי צו קאָנען זיי שפּע־טער ליכטן, אָן שום שטערונגען ארויסשיקן קיין טרעבלינקע. א פּאָר טעג שפּעטער האָט די דייטשע מאכט ארויסגעגעבן א פאראָרדענונג, אז דאָס געטאָ וועט איבערגעטראָגן אויף דער אזוי־גערופענער „אר־בעטער־קאָלאָניע גענשע בארקי". די דאָזיקע קאָלאָניע האָט זיך געפונען 3 קילאָמעטער הינטער דער שטאָט און איז באשטאנען פון דריי וואוינ־בלאָקן, אין מיטן פעלד, וועלכע זיינען געווען באוואוינט פון ארבעטס־לאָזע, וואָס האָבן נישט געהאט קיין גוטן שם. אלס מאָטיוו פון איבער־טראָגן דאָס געטאָ איז אָנגעגעבן געוואָרן — די געפאר, אז די טיפוס־עפּידעמיע, וואָס הערשט אין געטאָ, קאָן זיך אריבערטראָגן אויף דער ארישער זייט.

דאָס אריבערציען זיך האָט זיך געדארפט אָנהויבן דעם 27סטן דע־צעמבער פרי. מ'האָט געמעגט מיטנעמען נאָר אזוי פיל, וויפל מ'קאָן נע־מען אין האנט. עס האָט אויסגעבראָכן אן אויסערגעוויינלעכע פאניק. מ'האָט מורא געהאט פארן גורל פון די עטלעכע צענדליק קינדער, וועל־כע עס איז געלונגען אריינצושמוגלען אין געטאָ און מ'איז געווען אומ־רואיק וועגן גורל פון די זקנים און קראנקע, וואָס וועלן נישט קאָנען אליין גיין די פּאָר קילאָמעטער. די פּערזאָנען, וואָס האָבן שוין דורך דער צייט זיך איינגעשאפט א ביסל וועש, מלבושים, שפּייז, א זאק קארטאָפל, — איז שווער געווען זיך צו צעשיידן מיטן ביסל גוטס. נאָך אייניקע טעג פארן איבערציען זיך, האָט מען זיך באמיט פון געטאָ ארויסצושמוגלען צו באקאנטע פּאָליאקן אלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. נישט ווייט פון „גענשע בארקי" איז געווען א גלאָזהוטע, אין

וועלכער עס האָבן געארבעט עטלעכע צענדליק יידן. די יידן האָבן דאָרט געוואוינט און צו זיי האָט מען אין געהיים אריבערגעטראָגן ארויסגע־שמוגלטע זאכן פון געטאָ. די לעצטע צוויי טעג האָט זיך אפילו איינגע־געבן אריבערצופירן אייניקע פורן מיט זאכן. געשטאַפּאָ און זשאנדאר־מעריע האָבן צוגעמאכט די אויגן, גלייך זיי זעען נישט וואָס די יידן טוען. נאַאיווע מענטשן האָבן זיך געפרייט, אז עס גיט זיי זיך איין אָפּ־צונארן די דייטשן. דעם לעצטן אָוונט פארן איבערציען זיך אין נייעם געטאָ, האָט מען אין געהיים אריבערגעפירט אין דער גלאָזהוטע עטלע־כע צענדליק פערזאָן, צווישן זיי — אלטע און קראנקע. מ'האָט זיי אויס־באהאלטן אין א שכנותדיקן שייער. אויף צו מאָרגנס האָט מען זיי גע־דארפט אריבערפירן אין די בלאָקן. די לעצטע נאכט אין דעם „קליינעם געטאָ" איז אדורך שלאָפלאָז און אין שרעק. מ'האָט געטראכט: צי איז נישט „גענשע בארקי" בלויז א דייטשיש אָפּנארעריש שפּיצל און פאק־טיש וועט מען פאָרן אויף דער סטאציע און פון דאָרט קיין טרעבלינקע?

עס ווערט „גוט" — א „פריי, נישט פארצוימט געטאָ"

אויף צו מאָרגנס האָבן זיך אלע געשטעלט צום אָפּמארש. 9 פרי איז געקומען צו פאָרן פאביש און דער שעף פון געשטאפּאָ. זיי האָבן איבערגעקוקט די רייען, ארויסגעגעבן די לעצטע באפעלן און מיטגע־טיילט דעם יודענראט, אז צ'ים איבערפירן קראנקע און שוואכע זיינען פאראן וועגענער. און באמת זיינען באלד אָנגעקומען אייניקע פורן, וואָס עס האָט צוגעשיקט דער מאגיסטראט. אויף די פורן האָט מען ארויפגעלייגט א ביסל פעקלעך און קראנקע. ארום מיטאָגצייט האָט מען מיט זיפצן און געוויין פארלאָזט דאָס „קליינע געטאָ". פאמעלעך האָט זיך דער לאנגער צוג געריקט פאָרויס אין דער ריכטונג פון „גענשע בארקי". מ'האָט קיינעם נישט געיאָגט, נישט געשאָסן און נישט גע־שלאָגן. דער וועג האָט געדויערט ארום 2 שעה און פארענדיקט זיך אָן וועלכע עס איז צופאלן. ווידער האָט זיך די תליינים איינגעגעבן איינ־צושלעפערן די וואכזאמקייט, אָבער נאָר גאנץ נאַאיווע האָבן געגלויבט, אז די דייטשן זיינען בעסער געוואָרן און האָבן באקומען גוטע כוונות. מענטשן מיט א טיפערן בליק האָבן מיט פארדאכט געקוקט אויף דעם אלעם, וואָס עס קומט פאָר און געפרעגט זיך — וואָס באהאלט זיך אין דער דאָזיקער האנדלונג פון די דייטשן?

„גענשע בארקי" איז געווען א מין אָפענע געטאָ, נישט ארומגענור־מען מיט קיין דראָטצוים. יידן האָבן זיך דערפילט פריי און באלד נאָכן קומען אין נייעם וואוינאָרט האָבן זיי אָנגעהויבן גיין איינקויפן שפּייז

צו די שכנותדיקע פויערים און אפילו באזאָרגט זיך מיט שטרוי אויף געלעגערס. עס האָט אויסגעזען זייער גוט, אָבער, צי אויף לאַנג?

די געשעעענישן האָבן נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. באלד אויף צו מאָרגנס, נאָכן אָנקומען אין נייעם געטאָ, האָט דער ארבעטס-אמט פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן, וואָס וואוינען אויף זייערע ארבעטס-ערטער מוזן זיך איבערציען אין געטאָ. מחוץ דעם געטאָ וועלן קאָנען וואוינען נאָר די, וואָס האָבן ספּעציעל דורכלאָזשיינען, אויסגעשטעלט פון דער געשטאַפּאָ. באלד האָט מען אויך קיין גענשע בארקי אָנגעהויבן צו ברענגען טראַנספּאָרטן יידן פון דער אומגעגנט און איין בלאָק איז



די יידן פון לאָשיץ, 30 קילאָמעטער פון שעדלעץ, ווערן גע־טריבן אין שעדלעצער געטאָ.

אויסגעטיילט געוואָרן פאַר ציגיינער. עס האָט אָנגעהויבן ווערן היים. דער שטורעם איז געהאַנגען אין דער לופט.

קיין ברויט האָט מען פון דער שטאָט נישט צוגעפירט. דער איינ-ציקער ברונעם האָט נישט געקאָנט צושטעלן אַלעמען קיין וואַסער. דערצו האָט זיך נאָך דער ברונעם געפונען אויפן הויף פון די ציגיינער, וועלכע האָבן נישט געקאַרגט יידן קיין עוולות. די ענגשאַפט אין די וואוינונגען איז ווידער געוואָרן שרעקלעך און צו דעם האָבן נאָך גע-דאַרפט אַריינקומען אין געטאָ נאָך 1000 פּערזאָן. דאָס פאַרלאָזן דאָס נישט-פאַרצוימטע געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות. אין דעם נאָענטסטן דאָרף האָט מען דערשאָסן איניקע יידן, וועלכע זיינען נעגאַנגען איינקויפן שפּייז.

די ענטגילטיקע ליקווידאַציע פון די שעדלעצער יידן

דער דאָזיקער מצב האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק, פון 30טן נאָוועמבער, אויפן ערשטן דעצעמבער איז „גענשע בארקי" געוואָרן ארומגערינגלט מיט א געדיכטן קאָרדאָן פון זשאַנדאַרמען, פּוילישער פּאָליציי און ספּעציעל געבראַכטער אוק-ראַינישער פּאָליציי. מ'האָט געהייסן אַלעמען ארויסגיין פון די הייזער,

דערביי מערדערלעך געשלאָגן און געהייסן זיך אויסזעצן אויף דער ערד, נעבן די הייזער. נאָך א פּאָר שעה זיצן האָט מען גענומען אלע אויסשטעלן אין מארשרייען, באלד איז אָבער אָנגעקומען א מעלדונג, אז אויף דער סטאציע זיינען נישטאָ קיין וואגאָנען. מ׳האָט באפוילן אלע אריינגיין אין איין בלאָק און נישט זיך רירן פון אָרט. אפילו איבערגיין פון איין צימער אין צווייטן איז נישט דערלויבט געווען. אפילו אָן דער פאראָרדנונג איז אויך נישט מעגלעך געווען איבערצוגיין פון איין אָרט אויפן צווייטן צוליב דער גרויסער ענגשאפט. אין דעם ענגן רוים פון איינשטאָקיגן געמויערטן בנין האָבן זיך געפונען 3000 מענטשן בערך.

אזוי זיינען מיר געזעסן צונויפגעקוועטשט אין משך פון גאנצן זונטיקדיקן טאָג. אין משך פון טאָג האָבן די פארשידענע דייטשע ארבעט-אונטערנעמונגען צוגעשטעלט זייערע יידישע ארבעטער און זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון דער אוקראינישער פּאָליציי. פאָלגנדיקע אונטערנעמונגען האָבן איינגעהאלטן זייערע יידישע ארבעטער:

1) שטיין-זאמד-גרובן „קיסגרובע" — 200 פּערזאָן; 2) בויצוג — 100 פּערזאָן; 3) לאגער פאר ארמיי-פאראָרגונג — 150 פּערזאָן; 4) לאנדווירטשאפטלעכער סינדיקאט — 30 פּערזאָן; 5) גלאָזהיטע — 60 פּערזאָן בערך. געווען נאָך א צוויי אונטערנעמונגען, וואָס זייערע פירמעס געדענק איך נישט, וואָס האָבן איינגעהאלטן זייערע יידישע ארבעטער.

א גאנצן טאָג זיינען די פאראורטיילטע געזעסן אָן א טראָפּן וואסער. אומאויפהערלעך האָט אָנגעהאלטן א שיסעריי. דאָס האָט מען געשאָסן צו די, וואָס האָבן ארויסגעקוקט פון פענצטער. אויפן פלאץ צווישן די הייזער האָט מען דערשאָסן: דעם פרעזעס פון יודענראט הערש אייזענבערג מיט זיין פרוי און טעכטערל פון אייניקע יאָר און דעם קאָמענדאנט פון דער יידישער פּאָליציי — אברהם ברעסלער. אים האָט דערמאָרדעט אָן עלטערער פוילישער פּאָליציאנט, וואָס האָט געהאט מיטן יידישן קאָמענדאנט פערזענלעכע חשבונות.

אָוונטצייט האָט זיך אָנגעטראָגן א שרעקלעכער ווינט מיט א שניישטורעם. עס איז געוואָרן אינגאנצן פינצטער, נישט צו זען א טריט פאר זיך. די פינצטערניש האָבן איסגענוצט אייניקע דרייסטע און גענומען ארויסשפרינגען דורכן פענצטער. די וואך האָט גענומען, אָן איבעררייס, שיסן אויף בלינד. איבער א צענדליק האָט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן און 2 הונדערט זיינען דערשאָסן געוואָרן.

מאָנטיק פרי האָט מען ווידער אלע ארויסגעטריבן, אויסגעשטעלט אין רייען און גענומען טרייבן צו דער באן-לאָדונג-סטאציע „פּאלמין". קיין וואגאָנעס זיינען נאָך אלץ נישט געווען. אלע האָבן זיך געמוזט אוועקזעצן אויפן שניי און ווארטן. די געשטאפּאָ-לייט האָבן דערווייל

אויסגענוצט די געלעגנהייט, דורכגעגאנגען צווישן די רייען און צוגע־נומען ביי די אומגליקלעכע דאָס לעצטע ביסל געלט, רינגעלעך, זייגער־לעך אדג״ל. אין א פּאָר שעה ארום זיינען אָנגעקומען די וואגאָנעס און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איפּלאָדעווען די יידן. די יידישע פּאָליציי



די לעצטע יידן פון שעדלעצער געטאָ, געטריבן צו דער באנלאדונג - סטאנציע, אויפן וועג קיין טרעבלינקע.

האָט אראָפּגעריסן די צייכנס אין געוואַלט אריינגיין צוזאמען מיט אלע אין וואגאָנעס, אָבער די מערדער האָבן נישט דערלויבט. פאר זייער געטריישאפט און איבערגעגעבענער דינסט אין משך פון דער גאנצער צייט, וואָס עס האָט עקזיסטירט דאָס געטאָ — האָט די יידישע פּאָליציי באקומען א באלוינונג: — א באזונדערן וואגאָן.

ארום 4 א זייגער נאָך מיטאָג האָט דער צוג געריכט אין דער ריכ־טונג פון טרעבלינקע. די „פּאסאזשירן" איז נישט געווען פרעמד דער גורל, וואָס האָט געטראָפן הונדערטער טויזנטער, וועלכע זיינען געפאָרן מיט דעם זעלבן וועג. עס זיינען שוין דעמאָלט געווען באקאנט אלע פּרטים פון דער דאָזיקער, ריזיקער און שרעקלעכער „טויטמיל", וואס האָט זיך גערופן טרעבלינקע. זייט דער ערשטער אקציע זיינען אוועק 3 חדשים. אין משך פון דער צייט איז דאָס „קליינע געטאָ" נישט איינ־מאָל געווען א שוצאָרט פאר מענטשן, וואָס האָבן ווי דורך א נס זיך אָפּגעראטעוועט פון די קרעמאטאָריום־פלאמען און ארויסגעקומען אויף דער וועלט. זייער ערשטער אָפּרואָרט איז כמעט שטענדיק געווען שעדלעץ און דאָ האָבן זיי דערציילט דעם אמת וועגן טרעבלינקע. קיינער האָט שוין נישט געגלייבט אין דער דייטשער פאַרזיכערונג, אז מ׳פאָרט אויף ארבעט אין די מזרח־געביטן און דעריבער געזוכט א מעגלעכקייט ווי אזוי זיך ארויסצובאקומען פון די טויטוואגאָנעס.

באלד, ווי עס האָט געריכט דער צוג האָט מען אין א סך וואגאָנעס זיך גענומען ענערגיש צום דורכהאקן עפענונגען. דער באקאנטער שעד־לעצער שלאָסער־מייסטער, שמחה ווילק, האָט מיטגענומען מיט זיך מכשירים, מיט וועלכע מ׳קאָן עפענען פארמאכטע וואגאָנעס. ווען דער צוג איז געווען אין פולן גאנג, האָט ווילק געעפנט זיין וואגאָן און א

גרויסע צאָל צום טויט פארמשפּטע איז ארויסגעשפּרונגען. אויך פון וואגאָן, וואו עס איז געווען די יידישע פּאָליציי זיינען א סך אנטלאָפן. א גרויסער טייל פון די אנטלאָפענע זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט אָדער געכאפּט געוואָרן. די, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן אויסצו־מיידן די קוילן זיינען געלאָפן צוריק אין שעדלעצער געגנט און אריינ־באקומען זיך אויף די ארבעטערטער, וואו עס האָבן נאָך געארבעט יידן. הגם די דאָרטיקע יידן האָבן געלעבט מיט טויטשרעק און נישט זיכער געווען מיט דער שעה, האָבן זיי דאָך אויפגענומען אין זייערע באראקן די אנטלאָפענע און זיי איסבאהאלטן פון די וואַכלייט. אויך די דאָזיקע ארבעטער האָבן שוין לאנג נישט אָנגעהאלטן. פאָרויספילנדיק די געפאר זיינען א טייל אנטלאָפן פון די ארבעט־לאגערן אין וואלד. אנ־דערע האָבן זיך פארשאפט ארישע פּאַפּירן און געלעבט אין פארשידענע שטעט. די וואָס האָבן נישט באוויזן, אָדער מורא געהאט צו אנטלויפן פון ארבעט־לאגער, זיינען ארויסגעפירט געוואָרן אויפן יידישן בית עולם, וואו מ׳האָט זיי דערשאָסן. גרופּנווייז האָט מען זיי געפירט — יעדן טאָג אן אנדער גרופּע. די לעצטע זיינען געווען די יידישע ארבעטער פון „בויצוג" און פון „שטיין־זאמד־גרובן".

דאָס יידישע פארמעגן איז ליקווידירט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן: די בעסערע און טייערע זאכן האָבן גענומען די דייטשן. דאָס אי־בעריקע איז פאר גראָשנס פארקויפט געוואָרן די פּאָליאקן. פוילע ווענע־נער האָבן זיי אוועקגעפירט. באזונדערס גערן האָבן יידישע זאכן גע־קויפט פויערים, זיי זיינען אָפּגעשטאנען עטלעכע שעה אין דער ריי, כדי צו באקומען עפּעס פון רויב. אלץ, וואָס עס איז געבליבן אין „קליינעם געטאָ" אויף „גענשע בארקי" איז בהנם אָפּגעגעבן געוואָרן די ציגיינער.

דאָס יאָר 1943 האָט שוין שעדלעץ געטראָפן „יודענריין". פון צייט צו צייט האָט מען נאָך אין דער אומגעגנט געכאפּט א יידן, וועלכן מ׳האָט דערשאָסן אויפן אָרט.

אזוי ארום האָבן די היטלער־מערדער פארניכטעט א צענטער פון יידישן לעבן, וואָס האָט געציילט 17 טויזנט נפשות, א צענטער וואָס האָט געשפּרודלט מיט א רייך קולטורעל און געזעלשאפטלעך לעבן.

פון דער ליקווידאציע פון שעדלעצער געטאָ האָבן זיך א טייל געראַ־טעוועט אויף „ארישע" פּאַפּירן. די געראטעוועטע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונטערערדישע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבן געקעמפט קעגן שונא. א סך פון זיי זיינען אומגעקומען כמעט נאָמענלאָז. וועגן 4 שעדלעצער ווייס איך געוויע פּרטים: ד״ר דענטיסט סטאניסלאוו גילגון איז אומגע־קומען בעת דעם ווארשעווער אויפשטאנד; ברידער אנאטאָל און סטא־ניסלאוו גאָלדבערג, האָבן געלעבט אונטער די נעמען — סטאניסלאוו און אנטאָני גורקי, גענומען געוואָרן אין ווארשע אלס ערובניקעס און פאר־



יאָנטל גאָלדמאן לייגט אריין אין א קאסטן די קערפערס פון פרידמאנס טאָכטער (פון שניטגעוועלב), מיט איר קליין קינד און איר פעטער חנינא ראפאל׳ וואָס די דייטשן האָבן דער־הרגעט אין האָפּעליע (לעבן שעדלעץ).



יאָנטל גאָלדמאן גלייכט אויס די ביינער פונעם שניי־דער סאָסנאָוויץ, וועמען די פוילישע שכנים האָבן אָפּגעהאקט דעם קאָפּ׳ אין ראָסקאָש. די טאָכטער שטייט דערנעבן. נר. 2 יאָנטלס ברודער. דאָס מיידעלע איז אנטלאָפן פון באן, פאָרנדיק קיין טרעבלינקע.




יאָנטל גאָלדמאן לייגט אריין אין א קאסטן די קערפערס פון דער פאמיליע ראפאל: א פרוי׳ צוויי קינדער אירע און איר שוויגער, דערשאָסן אין האָ־פּעליע (לעבן שעדלעץ).



א עקזעקוציע איבער 18 יידן׳ צווישן זיי זעבראָוויטש. זיי זיינען דערמאָרדעט געוואָרן קורץ פאר דער באַ־פרייאונג׳ דעם 10טן נאָוועמבער 1943.

פייניקט געוואָרן אין געשטאַפּאָ; קובא לעווין איז געפאַלן אין לובלין אלס אומאָפּהענגיקייט-קעמפער.

א טייל שעדלעצער יידן זיינען אויף ארישע פּאפּירן ארויסגעשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס-ארבעט קיין דייטשלאנד, צוזאמען מיט אנדערע פּאָליאקן. דאָרט האָבן זיי געליטן הונגער, נויט, געארבעט שווער אין דער מלחמה-אינדוסטריע און אין פרילינג 1945 באפרייט געוואָרן. אויך איך האָב זיך געפונען צווישן זיי.



צום פערטן יאָרצייט נאָכן ארויסשיקן די לעצטע יידן פון שעדלעץ קיין טרעבלינקע, איז דאָס קליינע דענקמאָל פון שטיקלעך מצבות, געוואָרן אויפגעשטעלט אויפן שעדלעצער בית-עולם. אונטערן דענקמאָל א ברידער־קבר וואו עס ליגט אויך דער רבי פון קצבישן בית המדרש.

ס׳שטייען ביים דענקמאָל: 1. וועלוול גאָלדפינגער. 2. שמואל אלבערשטאט. 3. משה אלבערשטאט. 4. שמחה לעווין, 5. מאָניש רידעל, 6. יאָנטל גאָלד־מאן, 7. עלי קישילינסקי, 8. חיים רייזא, 9. גוויאזדע, 10. רפאל קישי־לינסקי פון האָפּעליע, 11. יידל ראָזאָוויקוויטש (יידל קעסעלע).

רחל שמוקליאַזש־ווײַנשטיין

מײַנע איבערלעבונגען בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע

בעתן מלחמה־אויסברוך האָב איך געוואוינט אין קאָצק מיט מײַן מאַן מענדל ווישניע. וועלנדיק זען מײַנע עלטערן, אהרן שמוקליאַזש און ראצע, און מײַנע שוועסטער און ברודער, האָב איך ריזיקירט און, נישט געקוקט דערויף, וואָס קיין ייִד האָט זיך נישט געטאָרט באַווײַזן אין גאס און נישט געטאָרט פאָרן מיט דער באַן, בין איך דאָך געפאָרן קיין שעדלעץ, כדי צו טרעפן זיך מיט מײַנע נאָענטסטע. אין שעדלעץ האָב איך, דעם 15טן מערץ, 1941, געבוירן אין ייִדישן שפּיטאָל, ביי ד"ר לע־בעל, מײַן טאָכטער בתיה.

אין שפּיטאָל האָט דאַן מיטגעאַרבעט די גאַנצע שעדלעצער ייִדישע אינטעליגענץ, מיינענדיק אַזוי אַרום זיך אָפּצוראַטעווען פון אומקום. צווישן זיי איז געווען מײַן אַמאָליקע לערערין עדזשיע אַלבערג, מײַן אַמאָליקער רעזשיסער פון דראַמאַטישן קרייז „הזמיר", יעקב טענענבוים. אַכט טעג נאָכן געבורט פון מײַן טאָכטער, ד. ה., דעם 23סטן מערץ, 1941, איז אויסגעבראָכן אין שעדלעץ אַ גרויזאַמער פּאָגראָם, אָנגעפירט פון די דײַטשן. די געוואַלדן און די געשרייען זײַנען דערגאַנגען ביזן זיבעטן הימל. מען האָט געוואָרפן פון די באַלקאָנען פרויען און קינדער. בערל װענגראָװסקי און אַנדערע, װעמענס נעמען איך געדענק נישט, האָט מען געשאָסן אין מויל. די קינדער האָט מען געשטאָכן מיט די באַגנעטן. דאָס יאָמערן און די געשרייען פון די קרבנות האָבן די דײַטשן געפּרוּווט פאַרטויבן מיטן רויש פון מאָטאָרן פון טאַקסיס, מאָטאָציק־לען און אַנדערע מאַשינען.

אַ דאַנק דער אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענגונג פון מײַן מאַן, איז געלונגען מיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם גהינום. מיט מײַן קינד בין איך בשלום אָנגעקומען קיין קאָצק. טראָץ די גרויסע שוועריקייטן איז מיר דאָך געלונגען אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט שעדלעץ. איך בין געוואָר

געוואָרן, אז מיין פאָטער, גייענדיק אויף ארבעט, האָט באקומען א קלאפּ פון אן ס. ס.־מאן, פון וואָס עס האָט זיך געמאכט א פארגיפטונג. מען האָט אים געמוזט אראָפּנעמען א פוס. אין יידישן שפּיטאָל האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

שעדלעץ איז געוואָרן ריין פון יידן. מיין מוטער און שוועסטער איז געלונגען צו אנטלויפן פון שעדלעץ און אויסבאהאלטן זיך ביי א קריסט, בארקאָווסקי, אין דאָרף שמיארי. נישט וועלנדיק זיין אָן מיר, זיינען זיי דורך הינטערוועגן געקומען קיין קאָצק, וואו מיר זיינען געווען צוזאמען 3 וואָכן.

אין קאָצק האָט מען שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן אן אקציע, וואָס האָט באדייט די ליקווידאציע פון געטאָ. מיינע נאָענטע האָבן מיך צו־גערעדט, אז איך זאָל אויף ארישע פּאפּירן אוועקפאָרן מיטן קינד קיין ווארשע. אונטער זייער דרוק האָב איך באשלאָסן צו פארלאָזן קאָצק. דאָס שיידן זיך מיט מיינע נאָענטע איז געווען זייער טראגיש. איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט אוועק פון זיי, וועלנדיק בעסער אומקומען צוזאמען מיט זיי. נאָר מיין ליבע מאמע האָט מיך געטרייסט און צוגע־געבן מוט און האָפענונג, אז מיר וועלן זיך איינגיכן זען, ווייל ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וועלן זיי צו מיר קומען. איך בין לסוף אוועק־געפאָרן.

פאָרנדיק אין צוג מיט מיין 14־חדשימדיק קינד קיין ווארשע, האָבן מיך די קריסטן דערקענט אלס „יודין". מיט גיפטיקע רייד האָבן זיי מיך געשטאָכן, און נישט וועלנדיק ארייגפאלן צו זיי, האָב איך באשלאָסן צוזאמען מיט מיין קינד זיך צו ווארפן אונטערן צוג. נאָר פלוצלינג האָט מיך איינער א קריסט אָנגעכאפּט און נישט געלאָזט ארויסשפּרינגען פון צוג.

זיינע ווערטער קלינגען מיר נאָך היינט אין די אויערן: „יידן האָב איך פיינט, נאָר אויף א מאמע מיט א קליין קינד האָב איך רחמנות" — און ער האָט מיך אָפּגעהאלטן פון א זיכערן טויט.

די האנדלונג פון דעם פּאָליאק האָט געווירקט אויך אויף אלע אַנ־וועזנדיקע אין וואגאָן. זיי האָבן מיך געלאָזט צו רו. און אזוי בין איך אריינגעקומען קיין ווארשע. מיט מיינע ארישע פּאפּירן זיך איינגע־אָרדנט צווישן פּאָליאקן און זיך געפּייניקט צוזאמען מיטן פּיצל קינד, געלעבט אין שטענדיקער טויטשרעק און אזוי איבערגעלעבט די מלחמה.

דוב־בער בלעכשטיין (ירושלים).

מיט די לעצטע 2000 שעדלעצער יידן

איך גיב דאָ איבער א בינטל זכרונות פון מיינע איבערלעבענישן אין שעדלעץ אין יענע שווארצע הארבסט טעג פון יאָר 1942.

אין יענער צייט זיינען שוין א סך שטעט און שטעטלעך, אין גענעראל־גוּבערנעמענט פון פוילן, געווען יידנריין. דער גרעסטער רוב איז שוין געווען אומגעבראכט. אין ווארשע, שעדלעץ און אין אייניקע אנדערע שטעט, אויך אין ארבעטס־לאגערן איז נאָך געבליבן א קליינע צאָל יידן. די היטלעריסטישע רוצחים האָבן געארבעט פּלאנמעסיק, מיט דייטשישער פּינקטלעכקייט און פלייס; די יידן האָבן געדארפט אויסגעראָטן ווערן ביז דעם לעצטן — „פארשווינדען", דערפאר זיינען די „אקציעס" דורכגעפירט געוואָרן שטופנווייז. דער פּלאן האָט אויך פאַרגעזען דאָס אויסנוצן די פיזישע ארבעטסקראפט פון די יידן. האָט מען קאָנצענטרירט די יידן אין די פארקלענערטע געטאָס און אין ארבעטס־לאגערן.

אזוי ארום האָב איך דורכגעלעבט די „אקציעס" אין ווארשע און אין אָטוואָצק. אין אָטוואָצק זיינען נאָך דער בלוטיקער „אקציע" געבליבן א ביסל באהאלטענע יידן. צו מאָרגנס נאָך דער ליקווידאציע האָט מען דורכגעזוכט די הייזער, די געפונענע האָט מען אויסגעשאָסן אויפן אָרט איך בין געווען אין א פארטיע צום אויסשיסן, נאָר פּלוצלינג איז געקומען א ידיעה: „מען וועט שוין מער נישט טאָן מיט די יידן, דאָס וואָס מען האָט געמאכט, אמעריקע וויל עס נישט". — אזוי האָט געזאָגט די פּוילישע פּאָליציי, וואָס האָט אונדז באוואכט. האָט מען אונדז, אומגעפער א 60 מאן, אריבערגעפירט אין א לאסטאויטאָ קיין קאָליביעל, וואו עס זאָל זיין דאָס „עוויגע געטאָ". פון דאָרט בין איך פארשלעפּט געוואָרן קיין קאלושין, אין קאלושין בין איך געכאפּט געוואָרן פון די ס. ס. און אָפּגעפירט געוואָרן אין שעדלעצער ארבעט־לאגער פון „ריכארד רעקמאן האר־ און טיפבאו־געזעלשאפט".

דער נאָמען „רעקמאן" איז שוין פון פריער געווען א שרעק אין

יידישן קאלושין. אין דעם גהינום האָט מען מיך און נאָך אנדערע אריינ־געפירט. ווען מיר זיינען שוין געווען אָפּגעפּאָרן א פּאָר קילאָמעטער פון קאלושין, האָט זיך דער אויטאָ אָפּגעשטעלט. באלד איז ארויסגעשטיגן אן ס. ס.־אָפיציר, וועלכער האָט אונדז באגלייט אין זיין קליינעם אויטאָ און אזוי געזאָגט: „ארבעטס פלייסיק, נאָך צוויי וואָכן פאָרט איר אין אייער היימאט אויף אורלויב". מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער רייזע. אויף די וועגן האָב איך אָפּט געזען יידן מיט לאָפּעטעס אין די הענט, וואָס ווערן געטריבן צו דער ארבעט. ענדלעך זיינען מיר פארפאָרן אויפן שטח פון דער שעדלעצער באנסטאציע.

אין „רעקמאנס" גהינום

ווען מיר זיינען אראָפּ פון אויטאָ איז שוין געווען גוט טונקל. אויפ־גענומען האָבן אונדז דייטשן. דורך א יידישן יונגנמאַן האָבן זיי געגעבן צו וויסן אויף יידיש און פויליש, אז ווער עס איז א בעל־מלאכה, זאָל זיך מעלדן. איך האָב מיך אָנגעגעבן אלס טישלער. באלד האָט מען אונדז אוועקגעפירט אין א באראק, הונגעריק און מיד זיינען מיר געפאלן אין אונדזערע קליידער אויף דער ערד און אוועקגעלייגט זיך אויף דעם בלאָטיקן, שמוציקן שטרוי. די נאכט איז גיך אדורך און שוין האָט מען אונדז געוועקט. מ'האָט תיכף געדארפט שטיין אויף די פיס און זיך שטעלן אין דער 1.000־קעפּיקער ריי, כדי צו באקומען א בלעכל רומיא־נעק־טיי און א קליין שטיקל ברויט מיט מארמעלאד. עס איז נאָך געווען פינצטער, דער נעפּל האָט נאָך געהאנגען אין דער לופט, עס האָבן גע־שימערט הונדערטער עלעקטרישע לאָמפּן, וועלכע האָבן באלויכטן א רי־זיקן שטח מיט באנרעלסן, געביידעס און בוי־מאטעריאלן. א גוטע שעה האָט געדויערט דאָס טיילן עסן. שטייענדיק האָב איך אראָפּגעשלונגען די פּאָר ביסנס און אָנגעהויבן פילן דעם טעם פון הונגער.

שפּעטער איז געווען דער „אפּעל". די דייטשע פאָר־ארבעטער האָבן ארויסגערופן זייערע שטענדיקע און ניי־צוגעטיילטע ארבעטער און זיי געפירט צו דער ארבעט. דער פּחד איז געווען אויסערגעוויינלעך. מענטשן זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין ארבעטס־בהמות, וואָס ווערן געטריבן מיט דער בייטש. א טייל פון זיי זיינען געווען אָפּגעריסן, באָרוועס, בא־וואקסן און צעבלוטיקט. איך האָב זיך דערוואוסט, אז מען שלאָגט דאָ ביז בלוט. איך האָב „באקענט" דעם דייטש מיט דער „רויטער בינדע", ער איז געווען די שרעק פון די ארעסטירטע, יעדן טאָג האָט ער געמוזט האָבן א בלוטיקן קרבן. די גרופּן זיינען אוועק צו זייער טאָג־טעגלעכער עבודת־פּרך, צו דער „קיזגרובן" (גראָבן שטיינזאמד), צו בעטאָן־ארבעט, בכלל צו גראָבן, שלעפּן, אא"וו. די האנטווערקער האָבן געארבעט אין

זייער פאַך. מיר איז דערוויַיל געגאַנגען מיט חסד אין דער טישלעריי און ביי דער קרייצזעג.

צו מיטאָג איז געווען א סיגנאַל און אַלע האָבן זיך ווידער גע־שטעלט אין דער ריי, וועלכע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן לענגער. ביים ארויסגעבן עסן האָט געהיטן א פאַליאַק מיט א דיקן שטעקן אין דער האַנט. פאַר גאָרנישט און ווידערנישט האָט ער געטיילט קלעפּ אויף לינקס און רעכטס. מען האָט דערציילט, אז דער שטעקנהעלד איז דער אַמאָליקער פאָלקסלערער זאַיאָנץ. ווער עס האָט געהאַט א בלעכל מיט א לעפל האָט געקאָנט עסן א האַלבן ליטער קאַשטאַנען־זופּ, אין וועל־כער מ'האָט געקענט אַמאָל געפינען א קאַרטאָפל. איין מאָל האָב איך באַמערקט, אז אין דער קיך אַרבעטן יידישע, שעדלעצער מיידלעך און א פּאָר מענער. זיי האָבן פאַר דער מכלומרשט לייכטער אַרבעט גוט גע־מוזט באַצאָלן מיט געלט, נאָר זייער לאַגע איז גאָרנישט געווען מקנא צו זיין. איין מאַנספּערשוין האָט מען דאָרט דערשלאָגן צום טויט. דאָס שטיין אין דער ריי האָט אַזוי לאַנג געדויערט, אז אָפט מאָל איז שוין נישט געבליבן קיין צייט פאַר די לעצטע דאָס ביסל זופּ אויפצועסן.

די פּוילישע באַן־באַאַמטע און אַרבעטער האָבן געהאַט זייער איי־גענע קיך. ביי זיי האָט מען געקאָנט קויפן א זופּ פאַר 1 זלאָטע. דאָס איז געווען א רעשט נאָכן ארויסנעמען דאָס פלייש און דאָס איבעריקע וויכטיקע. מיט אַזאַ ביסל געקויפט עסן האָט מען זיך געמוזט גוט אויס־באַהאַלטן. די דייטשע ציוויל־באַאַמטע פון דער באַנסטאַנציע האָבן זיך אַראָפּגעבראַכט פון דייטשלאַנד זייערע משפחות — פרויען מיט קינדער. דייטשע יינגלעך פלעגן שפּאַצירן איבער דעם אַרבעט־שטח און זיך לוס־טיק מאַכן איבער די יידן, שלאָגנדיק זיי מיט שטעקנס. ווי איז געווען צו דעם, וועלכן זיי האָבן געטראָפן מיט א בלעכל עסן נעבן דער פּוילי־שער קיך. איך אַליין האָב באַקומען גוט געשלאָגן פון א צעניאָריקן „היטלער־יונגע". עס איז מיר קוים געלונגען צו אַנטלויפן, פאַרטיידיקן זיך האָט באַדייט א זיכערער טויט און די גרויזאַמסטע עינויים.

שרעקלעך זיינען געווען די טעג און פיינלעך די נעכט. צום שלאָפן האָט מען אונדז געטריבן, ווי פי אין א שטאַל אריין — אַלע מאָל אויף אַן אַנדערן פּונקט. א קורצע צייט האָט מען מיין גרופּע געפירט שלאָפן א 2 ק"מ פון אַרבעטספּלאַץ. מיר זיינען געווען באַוואַכט דורך די דייטשע ווערקשוץ און יידישע „דינסטאָרדנער" — די באַקאַנטע יידישע געסטאַ־פּאָליציי. אין דעם שטאַל איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, אז ווען מ'האָט גע־דאַרפט ביינאַכט ארויסגיין, האָט מען שוין מער נישט געקאָנט צוריק־קומען אויף דעם אָרט, וואו מ'איז פריער געלעגן. דערפאַר האָט אָפט מאָל געטראָפן, אז מען איז געלעגן אין דער „נעץ", נישט דורכוים אין איינגענער, און געווען איז שוין געוווּנג פּראַסטיק....

יעדן מאָרגן האָבן זיך איבערגעחזרט די „אפעלן". מענטשן זיינען געגאַנגען צו דער אומדערטרעגלעכער צוואַנגסאַרבעט; ווידער לאַנגע רייען פון די אויסגעמאַטערטע, צעבלוטיקטע יידן און ווידער האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס וועט זיין ווייטער?

איין ייד, אינגאַנצן א באַוואַקסענער, א צעבלוטיקטער, וועמענס קליידער ס'זיינען באַשטאַנען פון א זאַק אויף די לענדן, האָט זיך געוואָרפן אין א גרוב מיט וואַסער, ער האָט געוואָלט אַן עק מאַכן צו זיין לעבן. יידן, בני־רחמנים, האָבן אים אַרויסגעצויגן פונעם וואַסער און ער איז ווידער נעבעך בעל־כרחו געשטאַנען ביים „אפעל". עס האָט ווער באַמערקט, אז דאָס איז דער נישט־דערגאַנגענער זעלבסטמערדער און זיך איינגעשטעלט פאַר אים, ער זאָל באַקומען לייכטערע אַרבעט. דערויף האָט די „רויטע בינדע" געענטפערט: „א שאָד, וואָס איר האָט אים געראַטעוועט, ער וועט דאָך זאָ ווי זאָ קראַפּירען". אינצווישן האָבן זיך באַוויזן אין דעם לאַגער ס. ס.־לייט און האָבן דערשאָסן שוואַכע, וועלכע האָבן שוין נישט געקאָנט שנעל אַרבעטן. צו מאָרגנס, ביים אפעל, האָט דער אַרבעטס־קאָמענדאַנט געזאָגט: „טוט אייערע פליכט, כדי איר זאָלט נישט גורם זיין צו דעם, וואָס ס'האָט נעכטן געטראָפן". מען האָט ווידער געזוכט א שטראַל פון האָפענונג און נישט איינער האָט געטראַכט: „טאָמער זיינען מיר טאַקע די שולדיקע"...


די נעכט פון גרויל און שרעק

אַזוי איז ווידער אַוועקגעגאַנגען א קורצע צייט. א וואָך צייט בין איך געשלאָפן הינטער דער שטאָט. מיין ביישלעפער איז געווען א קעלצער דראָשקער, א טייערע נשמה, ער האָט פאַר מיר געזאָרגט און מיך געטרייסט. איין מאָל איז מיר ווידער געלונגען צו שלאָפן נאָענטער פון אַרבעטספּלאַץ, אויפן שטח פון דער באַנסטאַנציע נעבן דער בריק. געווען איז דאָס א נאַכט פון גרויל און שרעק.

אין מיטן נאַכט ציט מיך ווער ביים אַרבל. דאָס מאָל וועקן מיך חברים. מען האָט אָפּגעמאַכט מיט דער „ווערקשוץ", מיר זאָלן ביינאַכט מקבר זיין די מתים. און האַלב טויטע, צום טויט פאַראורטיילטע, זיינען געגאַנגען מקבר זיין די שוין טויטע. עס האָבן זיך אויך געפונען טליתים, איך ווייס נישט פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען. די קדושים האָבן מיר באַגראָבן מיט טיפער שטילקייט און יראת־הכבוד, נעבן די פונדאַמענטן פון דער רעמיזע, וועלכע מיר האָבן דעם טאָג געבויט. די שעדלעצער מתעסקים האָבן געמאַכט א צייכן ביי דעם ברידער־קבר, כדי ווער עס וועט איבערלעבן, זאָל וויסן וואו עס איז דאָס רואָרט פון די פאַרפייניק־

טע. אין דער דאָזיקער נאכט האָב איך שוין מער נישט געקאָנט שלאָפן. עס זיינען מיר געווען באשערט נאָך שרעקלעכערע איבערלעבענישן.

פון באן־שטח האָבן זיך געטראָגן ביטערע יאָמערן און געוואלדן. איך האָב שוין איין מאָל אין אָטוואָצק געהערט אזעלכע פארצווייפלטע



יאַנטל גאָלדמאן קלייבט אויף הרוגים ביי דער באן־סטאנציע פון שעד־לעץ. ער האלט אין האנט 500 זלאָטעס, וואָס ער האָט געפונען ביי איינעם פון די הרוגים.

קולות. ענג, ענג איז מיר דעמאָלט געווען. אלע שעה האָט דער „ווערק־שוץ" א לייכט געטאָן מיט זיין עלעקטרישן טאשן־לעמפל. איך האָב דאן געזען ארום זיך די פארמאטערטע שלאָפנדיקע. נאָר איין יונגערמאן איז נישט געלעגן: ער איז געשטאנען און געדאוונט. נאָך צוויי מאָל ביים שימערן פון וועכטערס ליכט האָב איך געזען זיין שאָקלען זיך און ווען עס האָט אָנגעהויבן צו גראָען אויף טאָג, האָב איך אים ווידער געזען אין דער זעלבער פאָזיציע. מען האָט שוין גערופן צום אויפשטיין — ער האָט נאָך אלץ געדאוונט. איך בין געוואויר געוואָרן, אז דאָס איז געווען די נאכט פון יום־כיפור...

די פוילישע באן־ארבעטער האָבן דערציילט, אז ביינאכט האָט מען טראנספּאָרטירט די קאלושי־נער יידן, און די ידיעה האָט זיך גלייך פונאנדערגעטראָגן אין לאגער. די נאצישע תלינים האָבן אלע מאָל אויסגעקליבן די יידישע ימים־טובים אויף אויסצופירן זייערע בעסטיאלישע



יאָנטל גאָלדמאן לייגט אריין אן הרוג, געפונען ביים באן אָן דאָקומענטן.

מאַרדן. ווי איז מיר איצט געווען — אין קאַלושין האָב איך דאָך אי־בערגעלאָזט מיין משפחה. איך האָב מיר דאָך גענומען איינריידן, אַז אפשר איז דאָס נישט אמת. איך פלעג שרייבן קאַרטלעך צו די מייניקע אין קאַלושין, וועלכע א פוילישער ארבעטער אין דער טישלעריי האָט זיי מיר אריינגעוואָרפן אין שטאָט אין פּאָסטקעסטל. עס זיינען אדורך א פּאָר טעג און איך האָב דאָס לעצטנס ארויסגעשיקטע קאַרטל צוריק־באקומען מיט דער צושריפט: „אדרעסאַט איבערזידלט". איך האָב שוין צו יענער צייט גוט געקענט די דייטשע ראַפינירטע, ציניש פּערפידיע.
איך האָב שוין געוואוסט פון גאַזקאַמערן אין טרעבלינקע. נאָך אין קאַ־ליביעל האָב איך באַגעגנט א יידישן וואַרשעווער טרעגער, וועלכער האָט געלאָדן אין טרעבלינקע די קליידער פון די פאַרגאַזטע. ער האָט זיך אײַנגעגראָבן אין די קליידער און איז מיט די וואַגאָנעס ארויסגע־פאָרן. עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן. ער האָט מיר אַלץ דערציילט. די צושריפט „אדרעסאַט איבערזידעלט" האָט מיר נישט געגעבן קיין רו ביי טאָג און ביי נאַכט.

דאָס צוקומען פון פרישע יידן אין לאַגער, האָט ליידער באַשטע־טיקט, אַז די „אַקציעס" האָבן זיך פאַרשטאַרקט. ביים אַפּעל האָבן די דייטשן אונדז געזאָגט: „עס זיינען דאָ פאַלן, ווען מענטשן אַנטלויפן פון לאַגער. ארבעט פלייסיק, וואוהין וועט איר גיין? אייערע משפחות זיי־נען איבערזידלט; עס זיינען נישטאָ מער קיין יידן אין די שטעט; דאָ זענט איר זיכער, טוט אייער פליכט — ווער עס ארבעט, דער לעבט!" דעם פּזמון האָב איך נאָך א סך מאָל געהערט אין פאַרשידענע ערטער.

עס איז מיר געגאַנגען וואָס אַמאָל ערגער און ערגער. איך האָב איצט פיל געטראַכט וועגן דעם גורל פון מיינע נאָענטסטע און נישט איין מאָל צו זיך געזאָגט, אַז עס איז שוין בעסער די טויטע, ווי די לע־בעדיקע. איך בין געוואָרן אַפּאַטיש. איצט אָבער האָבן מיר די חברים אָנגעהויבן צו געבן מוט, געהאָלפן מיט עסן, בעיקר דער שעדלעצער שמיד, וועלכער האָט מיר אַלע מאָל געגעבן א שטיק ברויט. אַזוי זיינען ווידער פאַרלאָפן א פּאָר טעג.

איין מאָל אין דער פרי, ווען איך בין געגאַנגען נעמען די ארבעטס־כלים, נישט ווייט פון דער בריק, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט א נייער „אַנשטאַלט" אין דעם לאַגער: א „ווערקשוץ" האָט געעפנט א קאַמער און איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן אַן אַרעסטאַנט. דער „ווערקשוץ" האָט ארויסגערופן פון דאָרטן די פאַרשפאַרטע, נאָר קיינער האָט זיך נישט געוואָלט רירן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין מיסטיקן שטרוי. דער וועכטער האָט אויסגעשאָסן און ערשט דעמאָלט האָב איך געזען ווילדע פּנימער מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. אין דער קאַמער האָט מען פאַר־שלאָסן קראַנקע מענטשן מיט היץ אָדער פאַרוואונדעטע ביי דער אַר־בעט. דאָ איז געווען די „אַרעסטאַנטן־קראַנקען־שטובע".

ברידערלעכע הילף פון די געפייניקטע

זונטיק האָט מען בדרך־כלל נישט געאַרבעט. די אַרבעט־פירער — דייטשן און פּאָליאַקן — האָבן דאָך געדאַרפט רוען. געאַרבעט האָט מען נאָר, ווען עס זיינען געווען דרינגענדיקע אויסלאָדונגען. אין אַזאַ פרייען טאָג זיינען די שעדלעצער, אונטער אַ וואַך, געגאַנגען אין געטאָ. די ווערקשוצלייט האָבן באַקומען פאַר דער באַגלייטונג פּעקלעך פּאַפּיראָסן. צו דעם האָט מען געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש. איך האָב געחלומט וועגן אַזאַ וויזיט אין געטאָ, און זיך פאַרגעשטעלט דאָס שעדלעצער געטאָ ווי אַ גן־עדן.

קודם־כל האָב איך מיר דאָרט געוואָלט שאַפן אַ העמד. מיין העמד איז שוין געווען אינגאַנצן צעריסן און פאַרלויזט. איך האָב דערווייל קיין דערלויבעניש נישט באַקומען. דאָך האָב איך שוין געוואוסט וואו דאָס געטאָ געפינט זיך. מיט די טישלער בין איך געפאָרן אין שטאָט אַריין ברענגען ברעטער און אויף דעם וועג האָבן מיר די חברים געוויזן דעם יידישן קוואַרטאַל. דאָס איז געווען נאָענט ביי אַ גאָטישער קירך מיט צוויי טורעמלעך הויך אין הימל אַריין. איך האָב מיר דאָס גוט געמערקט.

איך האָב מיך וואָס אַמאָל מער איינגעלעבט אין דער סביבה, באַקענט זיך וואָס אַמאָל מער מיט פּנימער. די שעדלעצער חברים האָבן, ווייזט אויס, באַשלאָסן צו העלפן דעם פרעמדן יידן, נאָך דעם ווי זיי האָבן געהערט, וואָס איך האָב שוין דורכגעמאַכט.

די פּריווילעגירטע, פאַכמענישע האַנטווערקער, צו וועלכע איך האָב נישט געהערט, האָבן דערווייל באַקומען אַ ניי אָרט צו שלאָפן אין אַ שטיינהויז. זיי האָבן דאָרטן אוועקגעשטעלט צווייסטאָקיקע הילצערנע נאַרעס מיט שטרויזעק. מען האָט זיך אַ ביסל צוזאַמענגעדריקט, איינצע זיינען געלעגן אויף דער ערד און מען האָט פאַר מיר אויך געמאַכט אַן אָרט. אַזוי האָב איך אַ פּאָר נעכט גענאָסן פון דער נייער „שלאָף־געלעגנהייט". ביי נאַכט האָבן די חברים געקאָכט און געבראָטן קאַרטאָפל, זיי האָבן מיר מיט אַ ליבער האַנט אויך געגעבן צו עסן. זונטיק איז אַלע מאָל געווען אַ געלעגנהייט עפּעס מער צו עסן, ווייל די שעדלעצער האָבן אין דעם טאָג מיטגעבראַכט אַ ביסל עסן פון געטאָ און זיך שפּעטער געטיילט מיט אַנדערע. ווען איך האָב זיך זונטיק באַקענט מיט אַ נייעם מענטש, האָט ער מיר שוין געהאָלפן אין די אַרבעטסטעג אַ שלעפּ־געבן, אָפּט מאָל אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט פון זיין אייגענעם.

ווען איך דערמאָן זיך וועגן דער ברודערלעכקייט, אין דעם דאָזיקן עמק הבכא, שווימט אויך אויף אין מיין זכרון די גוטהאַרציקייט פון די איטאַליענישע זעלנער. אַ סך פון זיי האָבן זיך געדרייט אָדער דורכגע־

פאָרן אין די וואגאָנעס דורך דעם שטח פון די ארבעטן. זיי האָבן אונדז צוגעוואָרפן זייערע ווייסע זעמל און פאפיראָסן. איינער האָט פון זיך אראָפּגענומען דעם האלדזטוך און מיר געגעבן. די דייטשן האָבן אויף אים געקוקט מיט שפּאָט. איינער פון די דייטשן האָט זיך אָפּגערופן צום איטאַליענער: „דו פארשטייסט דאָך גאָרנישט".

די „חסד"־טעג אין דער טישלעריי האָבן זיך שנעל געענדיקט. מיט אמאָל בין איך דאָרטן געוואָרן איבעריק און ביים אפּעל האָט מען מיך צוגעטיילט צום אריבערפירן שינעס. די ארבעט אין דער טישלעריי איז געווען פאר מיר א תענוג, הגם קיין צרות האָבן דאָרטן אויך נישט גע־פעלט. איך האָב געארבעט זייער שווער ביז די כוחות האָבן זיך מיר אויסגעלאָזט. מען האָט מיך אָפט מאָל געשלאָגן אָן שום סיבה.

איין מאָל האָט דער מייסטער אויף מיר געוואָרפן א ריזיק גרויסן קלאָץ. איך האָב מיך אוועקגעדרייט און אויסגעמיטן דעם טויט. אן אנדערסמאָל האָט מיך דער מייסטער איבערגעלאָזט אויף א קורצער צייט אליין, ביי דער קרייציזעג, וואָס איז געווען ביי דער גרענעץ פון די ארבעטן, עס איז דאָרטן אדורכגעגאנגען א ציווילער דייטש, ער האָט מיך חושד געווען, אז איך וויל אנטלויפן און מיך געפירט דערשיסן. אויפן וועג האָט ער מיך געשלאָגן מיט מיין אייגענעם האמער. אין דעם איז מיין מייסטער אָנגעקומען און מיך פון דעם שלעגער באפרייט. אמאָל האָט מיך אָפּגעשטעלט א דייטשער, היבער באן-באאמטער. ער האָט באפוילן אָפּצורוקן זיך פון אים דריי שריט און מיך געפרעגט, וואָס פאר א בארוף איך האָב געהאט. איך האָב געענטפערט, אז איך בין א טישלער. יאָ — האָט ער געזאָגט — דו ביסט געווען א טישלער; דו האָסט געהאט א גרויסן מאגאזין מיט מעבל און באשווינדלט גויים. דערביי האָט ער מיך געשלאָגן מיט א ברעט, וועלכע ער האָט זיך געהייסן דער־לאנגען — דאָס איז ביז אהער שוין געווען דאָס גוטע.

איצט בין איך אריינגעפאלן אין א גרופּע, וואָס האָט איבערגע־טראָגן באנשינעס. א האלבן טאָג האָב איך קיים אדורכגעהאלטן. מיר האָבן געטראָגן שינעס, וועלכע זיינען געווען צוגעשלאָגן צו די שוועלן. אין יעדן פענצטערל צווישן די שוועלן האָט זיך געשטעלט א מענטש, אָנגעכאפּט די רעלסן מיט די הענט, זיך אויפגעשטעלט און מיטן גלייכן רוקן געגאנגען. נאָך מיטאָג איז מיר אויסגעקומען צו שטיין ביים עק פון די רעלסן. איך האָב עס שוין מער נישט אויסגעהאלטן. צוערשט בין איך געגאנגען געבוקט און שפּעטער האָב איך אינגאנצן שוין נישט גע־קענט טראָגן. דער ארבעטס-פירער האָט מיך ארויסגענומען פון דער ריי און אָנגעהויבן צו שלאָגן, איך בין געפאלן און מער זיך נישט געקענט אויפשטעלן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שלאָגן, עס איז פארבייגע־גאנגען א צווייטער דייטש און מיך געקאָפּעט; שפּעטער האָט ער צוגע־

לייגט דעם רעוואָלווער צו מיין שלייף, איך בין געלעגן אויף דער ערד און שוין געזען די לעצטע רגעס פון מיין לעבן. איך בין געווען אינגאנצן גלייכגילטיק. אָט קומט דער טויט — דער אויסלייזער. ארום מיר איז געווען א טומל און א גערעדעריי. דער דראָשקער האָט מיך אויפגעהויבן און אוועקגעשטעלט אין מיטן פון דער ריי צווישן די שינעס. ער אליין האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף מיין פריערדיקן אָרט ביים עק, וואו עס איז געווען דער שווערסטער פונקט און געשלעפּט נאָך א גוטע שעה ביז די נאכט איז צוגעפאלן און די ארבעט האָט זיך געענדיקט.

אין דעם אָוונט בין איך מער נישט געגאנגען נאָך דעם שטיקל ברויט און רומיאנעק-טיי... איך האָב מיך קוים דערשלעפּט צו דעם שלאָפהויז פון די האנטווערקער. דאָרט בין איך געפאלן אין אָנמאכט, צעהרגעט און באטייבט. איך האָב כמעט נישט געוואוסט וואָס ארום מיר טוט זיך. די חברים האָבן מיך דערמונטערט און שפּעטער געגעבן א פּאָר לעפל געקאָכטע קארטאָפל. סוף-כל-סוף בין איך געקומען א ביסל צום באוואוסטזיין. זיי האָבן מיך אוועקגעלייגט אויף מיין בעט. יעדער איז צו מיר צוגעגאנגען און געראָטן איך זאָל צו מאָרגנס גאנץ פרי אנט-לויפן אין געטאָ, דען אנדערש וועט מיך דער ארבעטס-פירער דערשלאָגן צום טויט. דער גאנצער גוף האָט מיר ווי געטאָן און איך בין געווען באריישט. דאָך האָב איך נאָך געקענט דענקען. איך האָב געטראכט, אז סיי-ווי-סיי איז שוין מיין סוף. אין בעסטן פאל וועט מען מיך אריינ-ווארפן אין „קראנקנשטובע" אין דעם שטריימיססט און איך וועל מיך פּייניקן נאָך א פּאָר טעג. דאָס שעדלעצער געטאָ האָט פאר מיר אויס-געזען ווי א דערלייזונג. אָבער כדי דאָרט אהינצוקומען מוז איך אנט-לויפן פון לאגער און זיך אדורכגנבענען דורך די ארישע גאסן, וואָס עס איז פארבונדן מיט טויטגעפאר. איך האָב דאָס אלין באטראכט און אויס-געקליבן דאָס אנטלויפן אין געטאָ ווי דער איינציקער אויסוועג. צע-שלאָגן און אויסגעמאטערט בין איך טיף איינגעשלאָפן. אין מיטן נאכט האָט מיך אויפגעוועקט א טומל אין שטוב, עס איז געשען עפּעס שרעק-לעכעס.

אין א נאכטשיכט האָבן געארבעט יידן ביים פארטיק מאכן קאנאל-פארבינדונג. א הויך אָנגעהויפטער בארג זאמד האָט זיך אראָפּגעלאָזט און פארשאָטן א סך פון די ארבעטער. אונדזערע מידע חברים זיינען איצט געלאָפן ראטעווען די אומגליקלעכע. איך האָב געפּרואווט זיך רירן פון אָרט און נישט געקאָנט, איך האָב זיך געפילט זייער אומגליקלעך און געמיינט, אז איך וועל שוין מער נישט קאָנען גיין אין געטאָ. איך בין ווידער איינגעשלאָפן. אויפגעוועקט האָט מיך דער גערויש פון די צוריקגעקומענע חברים. אלע פארשאָטענע זיינען לעבעדיק אויסגע-גראָבן געוואָרן. די חברים האָבן מיך שוין נישט געלאָזט איינשלאָפן,

איינער האָט מיר געברענגט וואסער, איך זאָל מיך אָפּוואשן, אַן אנדע־רער האָט מיך ראזירט. דאָס אלץ האָבן זיי געטאָן, כדי איך זאָל נישט אויסזען אויף דער ארישער זייט ווי א לאגער־מענטש. די „יודענבינדע" האָב איך סיי־ווי־סיי נישט געטראָגן, גלייך ווי אנדערע. לעצטנס איז אפילו שוין געווען א באפעל, אז מען זאָל טראָגן די שאַנדבאַנד, א טייל האָבן זיך געמאכט אזא באנד פון פאפיר, אָבער קיין גרוים אכט האָט מען דערויף נישט געלייגט.

איך האָב זיך ארומגעוואשן. דאָס איז געווען איינס פון די לעצטע געציילטע מאָל, וואָס איך האָב זיך געוואשן אין לאגער. דאָס וואשן האָט אויף מיר זייער גוט געווירקט. עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. מען האָט גאָרנישט כמעט גערעדט, נאָר איך האָב געפילט די גוטע וואונטשן פון מיינע ליידנס־חברים.

איך בין ארויס פון דעם בניך, וועלכער איז געשטאנען נעבן דער גאס און זיך געלאָזט גיין ביז הינטער דער באנבריק. דאָן האָב איך זיך אויסגעדרייט לינקס און ווייטער געגאנגען א שפּאַר שטיקל וועגס. מיט אמאָל האָב איך מיך געפינען ביי באנשינעס. איך האָב מיך איבער־צייגט, אז איך בין שוין צו ווייט אוועק. איצט בין איך שוין שנעל גע־לאָפן צוריק צו דער בריק און פון דאָרט געגאנגען רעכטס. נישט לאנג האָט געדויערט, האָב איך שוין געזען די באקאנטע קירכטורעמלעך. איך בין רואיק געגאנגען אין דער ריכטונג. אין די גאסן האָט מען נאָך קיין מענטשן נישט געזען אחוץ איין וועכטער, וואָס האָט געקערט. באלד האָב איך באמערקט דעם שטעכלדראָט־צוים פון געטאָ. איך בין געגאנ־גען לענג אים די דראָטן און האָב אָנגעטראָפן א ברייטע לאָך. ביז צום טויער איז נאָך געווען ווייט. איך האָב מיך ארומגעקוקט און שפּעטער דורכגעקראָכן צווישן די דראָטן.

אין שעדלעצער „קליינעם געטאָ"

איך האָב מיין לאנג געגארטן ציל דערגרייכט. ביי די דראָטן איז גע־שטאנען אן אלטע, איינגעפאלענע הילצערנע געביידע. איך האָב זיך גע־איילט דאָרט אריינצוגיין, ווייל איך האָב מורא געהאט, טאָמער האָט מיך דאָך ווער באמערקט. איך בין אריין אין שטוב א דערשראָקענער. געווען זיינען אין שטוב א פּאָר פרויען. די מענער זיינען געגאנגען צו דער ארבעט. איך האָב קורץ דערציילט וועגן זיך און די ווייבער האָבן מיר גלייך געגעבן צו טרינקען און צו עסן. עס איז אָפּגעלאָפן א ביסל צייט און פלוצלינג איז געוואָרן א בהלה: מען כאפּט אויף ארבעט. א מאנספערשוין איז אריינגעפאלן פון דרויסן און האָט זיך באהאלטן אין א קאמאָדע אין א פינצטערן עק, איך האָב געטאָן דאָס זעלבע. אין א

שרעקלעך איינגעהויקערטער פּאָזיציע בין איך אָפּגעלעגן א גוטע שעה. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַרירונג מיט דעם געטאָ.

ווי נאָר איך בין ארויס פון מיין באהעלטעניש, האָב איך זיך באַגעגנט מיט א קליין ציגיינערל. ציגיינער-קינדער זיינען אין שעדלעצער געטאָ געשיקט געוואָרן דורך די דייטשן אויסצוגעפינען באהאלטענע אין די שטיבער. דער קליינער האָט אויף מיר אָנגעוויזן און איך בין געכאַפּט געוואָרן צו דער ארבעט. מען האָט מיך איינגעגלידערט אין אן ארבעט-קאָלאָנע און געשיקט צו דער באַן אויסצולאָדן קוילן. איך האָב מיך ווידער געפונענען ביי די באַנשינעס. דאָס מאָל פון דער צווייטער זייט פונעם וויאַדוקט, קעגנאיבער „רעקמאַנען". איך האָב אָנגעהויבן צו שיטן קוילן, נאָר עס איז נישט געגאַנגען. מיט מיר איז געווען א וועגנגראַווער ייד, מיט וועלכן איך האָב זיך באקענט אין קאַלושין. ער האָט זיך פאַר מיר איינגעשטעלט און געזאָגט דעם דייטש, אז איך בין נאָך א טיפוס און בין ערשט-וואָס ארויס פון שפּיטאָל. דער דייטש האָט מיר געהייסן אראָפּגיין פון וואַגאָן און קלויבן קוילן פון דער ערד. ווי אזוי דאָס האָט געקאָנט געשען, קאָן איך מיר ביז איצט דאָס נישט דערקלערן, ווייל דער אייגענער דייטש האָט אלעמען געשלאָגן מיט א בייטש מכות-רצח. נאָך מיטאָג איז געקומען אונדז באַוואַכן אן אנדערער דייטש און ער האָט דערשאָסן א באַקאַנטן שעדלעצער דענטיסט, געלבפיש. די קוילן האָט מען איבערגעלאָדן אין לאַסטאויטאָס. ווען די ארבעט איז שוין געווען געענדיקט, זיינען מיר מיט די זעלבע אויטאָס געפאָרן אויסלאָדן די קוילן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיר זיינען אויפן הויף פון שעדלעצער לאַנדראַט, פאַר וועלכן די קוילן זיינען געווען באַשטימט. עס איז געוואָרן פינצטער און קאַלט. די חברים האָבן מיך באהאלטן אונטער טרעפּ און אליין האָבן זיי די קוילן געשיט און געשיט אַן אויפהער דורך א פענצטערל אין קעלער אריין. עס איז שוין געווען שטאָק פינצטער, ווען מען האָט אונדז אָפּגעשטעלט צום טויער פונעם געטאָ. דער וועגנגראַווער האָט מיך מיטגענומען עסן אין א מין רעסטאָראַציע. איך האָב עפּעס געגעסן און זיך נישט געקאָנט אויפשטעלן. איך האָב געמוזט האָבן היץ, דען אַלץ האָט זיך מיט מיר געדרייט. צו מיר איז צוגעגאַנגען א באַקאַנטער אָטוואָצקער בחור, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר געוואַנדערט ביז קאַלושין, ער האָט זיך איבער מיר דערבאַרעמט, גענומען מיך ביים אָרעם און געפירט דורך הייפן און טרעפּ, ביז מיר זיינען אין דער פינצטערניש אריין אין א בוידעמשטוב. דאָרט אָנגעשטויסן זיך אויף ליגנדיקע קערפּערס אויף דער ערד. דער בחור האָט אָנגעטאַפּט א ליידיקן פּלאַץ און מיר האָבן זיך ביידע אוועקגעלייגט שלאָפן.

אויפגעוועקט האָט מיך דאָס רופן: „הערונטערגעהען צור ארבייט". איך האָב איצט געזען די ליגנדיקע מענטשן, זיי זיינען געשלאָפן אין די

קליידער, זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און ארונטערגעגאנגען. געבליבן זיינען נאָר חולאים. איך האָב מיך נישט געקאָנט רירן און געטראכט, זאָל זיין וואָס עס וויל. דער בחור איז אוועקגעגאנגען. ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט, אז ביי נאכט קומט ער ווידער, ער וועט זיך זען מיט ראדזינער חסידים און מען וועט קלערן ווי אזוי מיר צו העלפן. דערווייל בין איך געוואויר געוואָרן, אז איך געפין מיך אין א מין הקדש און אז אונטן, אויף דעם ערשטן שטאָק, איז א שפיטאָל און אן אמבולא־טאָריום, וואו עס נעמט אויף דער דאָקטער בעלפאָר.

דער שפיטאָל אין „קליינעם געטאָ"

דעם דאָקטער האָב איך געקענט נאָך פון „רעקמאנען". ער איז דאָרטן אָפט געקומען — צו וואָס? ווייס איך נישט. ער האָט ווייזט אוים געזאָלט שפעטער בלייבן ביי „רעקמאנען". מען האָט פאר אים בא־שטימט א ווינקל צו שלאָפן אין א באראק. כ'האָב מיך געשטעלט אין דער ריי צו דעם שפיטאָל־דאָקטער. נאָך לאנגע שעהן ווארטן בין איך אויפגענומען געוואָרן. איך האָב אים דערציילט וואָס מיר איז געשען אייערנעכטן. ער האָט מיר געהייסן זיך אויסטאָן, מיך באטראכט און געזאָגט, אז ער האָט נאָך אזא צעשלאָגענעם אין זיין לעבן נישט געזען. מיין גוף איז געווען אינגאנצן באדעקט מיט רויטע און בלויע פאסן. וואָס האָט דער דאָקטער געקאָנט מער פאר מיר טאָן ווי דערלויבן מיר אוועקצולייגן זיך אין שפיטאָל?

איך האָב מיך אוועקגעלייגט מיט נאָך א צווייטן אויף א שטרויזאק און זיך צוגעדעקט מיט מיין זומער־פאלטן, אין וועלכן איך בין מיט א צייט צוריק ארוים פון שטוב צום טויט. נאָך א גאנץ לאנגער צייט האָב איך צום ערשטן מאָל אראָפגעצויגן פון זיך די קליידער.

דער „שפיטאָל" איז באשטאנען פון א קאָרידאָר, קיך און א גרעס־סערער שטוב. וואו איך בין געלעגן, זיינען דאָרט געשטאנען דריי בעטן ביי א וואנט. קעגנאיבער — א פאָר שטרויזעק אויף דער גאָלער ערד. עס זיינען דאָרט געלעגן פארשידענע קראנקע — אויף טיפוס, דיזענטע־ריע, שווינדזוכטיקע און אנדערע. דער, וועלכער איז געלעגן מיט מיר אויף איין געלעגער, איז געווען דורכגעשאָסן בעתן שפרינגען פון טויטנ־צוג. עס איז אים געלונגען צוריקצוקומען אין געטאָ. אין א צווייטן בעט איז געלעגן אן עלטערער ייד, וועלכער איז ביי „רעקמאנען" פארשאָטן געוואָרן יענע נאכט, א שטיין האָט אים צעבראָכן א פוס. אין דריטן בעט איז געלעגן א צעשלאָגענער. קעגנאיבער אונדז — די איבעריקע חולאים: א פרוי און אייניקע מאנספערשוינען. נעבן דער טיר איז גע־שטאנען אן עמער, וואו מיר אלע, מענער און פרויען, האָבן דערליידיקט

אלע אונדזערע באדערפענישן. דאָס געשטאנק איז געווען גרויס, נאָר נאָך א גרעסערע פּלאָג זיינען געווען די וואנצן, לייז און פליי.

דער יודענראט האָט באזאָרגט דעם שפּיטאָל מיט שווארץ ברויט און שווארצער קאווע. אין דער קיך איז געווען א משרת, וועלכער האָט גערייניקט דעם עמער. פאר א קליינעם אָפּצאָל האָט ער געבראכט א ביסל זופּ פון וואנען עס האָט זיך געלאָזט.

צום שפּיטאָל־פּערסאָנאל האָט אויך געהערט א יונגע פרוי, א גע־וועזענע לערערין, וועלכע האָט געווישט יעדן מאָרגן די פּאָדלאָגעס. אלע נאָענטע אירע זיינען אוועקגעפירט געוואָרן און זי איז געווען זייער קראנק און אומגליקלעך. דער יודענראט האָט זי דאָ באשעפטיקט, כדי זי צו באפרייען פון ארבעט ביי די דייטשן. אין דעם „שפּיטאָל" איז גע־ווען נאָך א שטוב, וואו דער דאָקטער האָט אויפגענומען. ווי עס איז מיר שפּעטער קלאָר געוואָרן, איז אין דעם קראנקנהויז געווען הינטער דעם אויפנאם־צימער נאָך א פארמאסקירטער רוים, וואו עס האָבן זיך בא־האלטן מענטשן בעת מ'האָט געכאפּט אויף ארבעט.

אין פארלויף פון גאנצן טאָג איז אין שפּיטאָל געווען א גרויסע באוועגונג: קראנקע זיינען געקומען צום דאָקטער, אנדערע האָבן זיך געשטופּט צום באהעלטעניש. אויך ביי נאכט האָבן זיך געדרייט מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט א שטיקל אָרט צום שלאָפן. עס זיינען אויך געקומען באזוכער צו די קראנקע.

איך האָב אויך געהאט מיינע געסט. דער אָטוואָצקער בחור האָט מיך אויפגעזוכט און איז צו מיר געקומען. ער איז געווען צופרידן, אז ציטווייליק האָב איך מיך וואו אהינצוטאָן. צווישן די דורכגייער צום לעצטן צימער האָב איך דערקענט מיינעם א קוטנער חבר פון די יונגע יאָרן, מיטן נאָמען ראטאָפּעל. ער האָט זיך מיט מיר זייער געפרייט און איז געווען זייער גערירט. ער האָט גלייך מיר געגעבן 100 זלאָטעס מיט די ווערטער, אז געלט וועט מיר שוין נישט פעלן. איינציקווייז האָב איך זיך באקענט כמעט מיט אלע קראנקע און געזונטע אין שפּיטאָל. דאָס איז געווען אן איבערבלייבעכץ פון דער שעדלעצער אינטעליגענץ. צווישן אנדערע איז אויך געווען א יונגער סטודענט פון מעדיצין, ער האָט געארבעט אלס סאניטאר. די אלע האָבן זיך ביי נאכט אָפּגעשטעלט ביי מיין בעט און געשמועסט. איינער פון זיי האָט אלע מאָל ארויסגע־צויגן עפּעס צו עסן. ער האָט אָנגעהויבן צו עסן און אויך מיך מכבד געווען.

איך האָב שוין מער נישט געקאָנט בלייבן אין שפּיטאָל, דערצו איז עס אויך געווען געפערלעך. עס האָט זיך באוויזן א ס. ס.־מאן און גע־זוכט מענטשן אויף ארבעט. מיין קוטנער חבר איז נעלם געוואָרן. מען האָט געזאָגט, אז ער איז אוועק קיין ווארשע. דער אָטוואָצקער בחור

האָט מיך באקאנט געמאכט מיט די ראדזינער חסידים, וועלכע זיינען געווען גרייט מיר צו העלפן.

מיט דעם פארלאָזן דעם שפּיטאָל, האָט זיך פאר מיר ווידער אָנגעהויבן א צייט פון ארומוואלגערן זיך. איך האָב שוין גוט געקענט דאָס געטאָ, אלע זיינע ווינקעלעך און לעכער... דאָס איז געווען א פירעקיקער שטח, וואָס איז באשטאנען פון א פּאָר הילצערנע איינגעפאלענע, העלעכע הייזלעך און א פּאָר נישט בעסערע שטיינהייזער. פון די אַמאָליקע וועגנט צווישן די הייזער איז נישט געווען קיין זכר. אלע האָבן געבילדעט איין פלאַץ. מען האָט געקאָנט גיין פון הויז צו הויז. וואו עס איז אמאָל געווען א צוגאנג נאָר פון דער גאס, האָט מען איצט אדורכגעהאקט די מויערן. דער גאנצער שטח פון געטאָ איז געווען איין גרויסער הויפן מיסט. וואו מען האָט זיך געקערט, האָט מען געזען די שטעכלדראָטצוים, וואָס האָט ארומגעגארטלט דעם יידישן קווארטאל. מענטשן האָבן געוואוינט וואו עס איז נאָר געווען א לאָך: אין קאמערן, הויזטרעפּ און וועשביידעמער; כמעט אויף דער גאס, אין קעלט און פראָסט. האָב איך געזען קראנקע ליגן אין די בעטן. אין דער שרעקלעכער ענגשאפט זיינען אויך געווען רעזערווירט א פּאָר צימערן אלס קאזארמעס פאר „ויסן־ארבעט" און „העערעס אונטערקראפט־שטעלע". אחוץ דעם דערמאָנטן שפּיטאָל זיינען נאָך געווען דריי צימערן פארן יודענראט און געטאָ־פּאָליציי, וועלכע האָבן זיך געפונען אין א הילצערן איינשטאָקיק הייזל נעבן דעם טויער פון געטאָ. פון דעם טויער, דורכן שטעכלדראָט, האָט מען געזען א שיין באבויטע גאס — דאָרט איז געווען דאָס פריערדיקע געטאָ, איצט איז דאָרט געווען לײדיק און טויט, און ווען מ'האָט אהינגעקוקט, האָט דורכגענומען דער שוידער פון שחיטה פון די טויזנטער יידן, וואָס איז ערשט מיט א פּאָר חדשים צוריק פאָרגעקומען. אין דעם איינגעשרומפּענעם געטאָ האָבן געלעבט אומגעפער צוויי טויזנט יידן, מענער און פרויען, קיין קינדער קען איך מיר נישט דערמאָנען.

דאָס שענסטע פירשטאָקיקע ציגלהויז, האָט געהערט צו די ציגיינער, וועלכע זיינען געווען אין געטאָ אין א צאָל פון א פּאָר הונדערט. זיי זיינען געווען אין יעדער הינזיכט פּריווילעגירט. א ציגיינער איז פאר פארלאָזן דאָס געטאָ באשטראָפט געוואָרן מיט געלט, בעת יידן האָט געדראָט דערפאר טויטשטראָף. די ציגיינער האָבן געטראָגן אייפן אָרעם א צייכן (Zigeuner). צו אלע צרות זיינען די ציגיינער געווען א צוגאָבפּלאָג פאר יידן אין שעדלעצער געטאָ.

געלעבט האָט מען אין געטאָ אין אומאויפהערלעכן פחד. יעדן טאָג זיינען געווען נייע קרבנות און דאָס האָט אויפגעציטערט די איינוואוינער. עס זיינען אין געטאָ געווען א סך פרעמדע. צו ערשט האָב איך מיך געוואונדערט, פון וואנען נעמען זיך דאָ אהער יידן פון ווייטע, הערמע־

מיש געשלאָסענע געטאָס, נאָר שפּעטער איז מיר יענער פּאַל קלאָר געוואָרן. דאָס זיינען געווען שפּליטערן פון די דריי מיליאָן יידן: אין די שווערסטע צייטן פון דייטשער אויסראָטונג, האָבן מענטשן איינגעשטעלט דאָס לעבן און געוואַנדערט צו באַקאַנטע און קרובים; פון די געטאָס זיינען אריבערגעפירט געוואָרן יידן אין פאַרשידענע לאַגערן. א סך זיינען געשפּרונגען פון די טויטנצוגן און געוואַנדערט אין א יידישן „ישוב" — אזעלכע זיינען געווען אויך אין שעדלעצער געטאָ.

עס האָט מיר עמעץ איבערגעגעבן, אז א באַקאַנטער אָטוואָצקער פּענסיאָנאַט-אייגנטימער איז געשטאָרבן. איך בין געגאַנגען אָפּגעבן אים דעם לעצטן כבוד. מען האָט מיך צוגעפירט צו דעם מתים-שטיבל. דאָס איז געווען א גרויסע האַלב חרובע קאַמער. עס זיינען דאָרט געלעגן א סך מתים, צוגעדעקטע מיט זייערע קליידער, א טייל האַלב נאַקעטע. אין דער קאַמער זיינען געזעסן און געשטאַנען אייניקע אבלים און געוויינט. איך ווייס נישט אויף וועמענס גורל. די קדושים האָט מען ארויסגעטראָגן צום טויער, וואו עס האָט געוואַרט א גוי מיט א וואָגן. צו דעם גוי האָט מען מפקיר געווען די מתים. ער האָט זיי ארויסגעפירט אויפן בית-עולם. יידן האָבן נישט געטאָרט מיטגיין.

איך האָב ווי עס איז געלעבט. געגעסן זופּן אין די „רעסטאָראַנען". א יידישע אשת חייל פון דער גרעסטער אָרעמקייט האָט געזוכט פּרנסה; געקאָכט א זופּ צו פּאַרקויפן, אָדער געשטאַנען אין א ווינקל מיט עסנוואַרג. איך האָב דאָ צום ערשטן מאָל געזען גמרא-בלעטער אלס פּאַקפּאַפּיר. איך ווייס נישט פאַרוואָס, איך האָב מיך דאָך זייער פאַרוואונדערט. אין וואַרשע האָב איך פּאַרקויפט ביכער דעם בייטל-מאַכער, יידישע ביכער האָט ער צוגענומען, אָבער העברעאישע האָט ער נישט געוואָלט קויפן. דאָ, אין שעדלעצער קליינגעטאָ, איז שוין אזוי ווייט געקומען!... די גלייכגילטיקייט צום לעבן האָט געמאַכט גלייכגילטיק אויך צו די הייליקייטן.

איין מאָל בין איך דורכגעגאַנגען נעבן פענצטער פון יודענראַט. עס האָט מיך צוגערופן אן עלטערער גוטמוטיקער ייד מיט א רויט בערדל. איך האָב זיך שפּעטער מיט אים באַקענט, דאָס איז געווען אפרים צעלניק. ער האָט מיר געגעבן אין דער האַנט אריין 30 זלאָטעס. טראָץ מיין שווערן מצב האָב איך זיך דאָך געשעמט צו נעמען געלט פון א פרעמדן. נאָר ער האָט מיך צוגערעדט איך זאָל עס נעמען און מיר קויפן א העמד. ער האָט מיר אויך געגעבן זייף און זייפּפּולווער פון דעם יודענראַט-מאַגאַזין. אזעלכער איז געווען אפרים צעלניק. איך דערמאָן אים שטענדיק צום גוטן.

דער יודענראַט האָט נאָך אויפגענומען פּאָסט צו באַזאָרגן. איך האָב צופעליק געהאַט ביי זיך א בלאַנק פון „רויטן קרייץ", פון די דייטשן, פון

דער צייט. ווען איך אליין בין געווען א באאמטער אין דער יידישער געטאָפּאָסט. צעלניק האָט ביי מיר צוגענומען דעם קורצן בריוו, וועלכער איז געווען אדרעסירט צו מיינעם א קרוב אין ארץ־ישראל. די איינצלנע מאָמענטן פון האָפענונג זיינען שטענדיק געווען געבונדן מיט בענק־שאפט צו ארץ־ישראל. אין יאָרן ארום האָב איך דערפארן, אז דער בריוו דורכן „רויטן־קרייץ" איז אָנגעקומען. די נאַצישע אויסראָטונגס־מאַשין האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, כדי די אויסנוועלט צו האלטן אין דער מיינונג, אז יידן לעבן נאָך.

געשלאָפן בין איך ווייטער אויף די ביידעמער, אויף דער גאָלער ערד. נישט געהאט מיט וואָס זיך צוצודעקן. עס איז שוין געווען ווינטער. איך בין געווען ממש באָרוועס. איך בין ארוים צום טויט פון מיין אמאָ־ליקער געטאָהיים, אין אויגוסט, אין א פּאָר זומער־פּאנטאָפל מיט לעכ־לעך. עס איז מיר געווען זייער ביטער. דערצו איז געוואקסן ביי מיר דער פּחד, אז איך וועל געכאפּט ווערן אויף ארבעט. איך האָב נישט געוואוסט וואָס עס וועט ווייטער זיין נאָר ווידער איז ארויסגעשוואומען מיין באקאנטער בהור, דער ראדזינער חסיד פון אָטוואָצק. ער האָט איצט געארבעט אין ארבעטס־לאגער „פעלדבאַואמט דער לופטוואַפע" אין נאָוואָ־שעדלצע. זונטיק איז ער מיט נאָך א גרויסער צאָל אנדערע ארבעטער געקומען אונטער א וואך פון דאָרטיקע לאגער־שומרים — אוקראַינער, וועלכע די יידן האָבן א נאָמען געגעבן „יאַגדעס", צוליב זייערע שווארצע מונדירן. דער אָטוואָצקער האָט מיר געראָטן איך זאָל גיין אין לאגער, וואו עס איז נאָך צום אויסהאלטן. מ'שלאָפט אין א באראק אויף שטרויזעק, עס איז אויך דאָ גענוג שטרויזעק זיך צוצודעקן, מען קען זיך וואשן. די ארבעט באשטייט אין לאָדעווען בוי־מאטעריאלן. איך האָב שוין פריער באוואונדערט זיין חכמה און דערפינדערישקייט און געהאט צו אים צו־טרוי. צום מייסטן איז מיר געפעלן די „שלאָף־געלעגנהייט". געווען נאָך א סיבה, וואָס האָט מיך באוואוינגן צו גיין אין לאגער: איך האָב גע־דארפט פארטרעטן א צווייטן ייד און דערפאר באקומען א פּאָר שיך און 200 זלאָטעס.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָב איך אין מיינע נייע שיך צוזאמען מיט אלע מארשירט אין „פעלדבאַואמט דער לופטוואַפע". די שיך זיינען געווען גרויס און שווער. איך האָב זיי אָנגעפּאַקט מיט שטרוי און פּאפּיר. עס איז מיר געווען שווער די פיס צו הייבן. נאָר קאלט איז מיר, דער־ווייל, אין זיי נישט געווען. עס איז שוין געווען אָוונט ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו א גרויסער האלע .ביי איין וואנט זיינען געווען געמאכט צווייִשטאָקיקע נארעס פון ברעטער, אויף וועלכע עס זיינען געלעגן די שטרויזעק. עס איז אויך געווען א טיש, וואששיסלען און וואסערקראנען. די האלע איז געווען שוואך באלויכטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן. איך

האָב געשטוינט, ווען איך האָב באַלד געזען אַ מנין יידן דאַווענען מנחה־מעריב. ביי מיין דעמאָלטיקן מצב האָט אַלץ אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ דערלייזונג און אַרויסגערופן אַנטציקונג. שפּעטער האָט מען גע־טיילט שטיקלעך ברויט, מאַרמעלאַד. מען האָט געגעסן ביי דעם טיש. דאָס דאַווענען איז געווען זייער יאָמערלעך און טראַגיש. נאָך אַ פּאָר שעה דאָרט זיין, האָב איך אויסגעפונען, אַז איך האָב צו טאָן מיט צעבראָכע־נע מענטשן: אַלמנס, יתומים, אָפּגעריסענע טיילן פון פאַרניכטעטע משפּחות. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז פאַר איינִיקע טעג איז געווען אַ פּאָגראָם אין באַראַק. די געשטאַפּאָ האָט גענישטערט אין אַלע לעכער, זוכנדיק געלט און ווערטזאַכן, וועלכע עס איז אפשר געלונגען אַ טייל שעדלעצער צו באַהאַלטן. דאָס דורכזוכעניש האָט זיך געענדיקט מיט רויב און מענטשלעכע קרבנות.

אין דער דאָזיקער נאַכט בין איך שוין געשלאָפן אויף אַ שטרויזאַק און אונטער אַ שטרויזאַק. נעבן מיין געלעגער האָב איך געפונען אַ סי־דורל. איך האָב עס גענומען צו זיך מיט אַזאַ פרייד און איבערראשונג, גלייך ווי איך וואָלט געפונען עפּעס אַן אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונג פון אַ וועלט וואָס איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. איך בין שוין געווען אַ מהלך וועג פון די צייטן, ווען עס איז נאָך געווען אַ נאָרמאַל יידיש לעבן.

אויפגעשטאַנען בין איך צווישן די לעצטע. אויפגעגעסן דאָס ברעקל ברויט, וואָס איז מיר געבליבן פון נעכטן אָוונט און האָט געדאַרפט זיין אויף צוויי „מאָלצייטן". איך האָב נעכטן נישט געקאָנט גובר זיין מיין הונגער און האָב אויפגעגעסן פיל, פיל מער ווי די העלפט ברויט. באַלד איז געקומען אַ פּוילישער פאָר־אַרבעטער און מיר זיינען געגאַנגען אין באַגלייטונג פון אַ „יאַגדע", אַ קנאַפּע 6 קילאָמעטער ביז צום אַרבעטס־פּלאַץ. דאָרט האָט מען, יעדן טאָג, יעדן אויסגערופן לויט דער רשימה. מיין נאָמען איז שוין געווען פאַרצייכנט אויפן אָרט פון דעם פריערדיקן אַרבעטער. נישט ווייניק געלט האָט געקאָסט די טראַנזאַקציע. דער בחור, וועלכן איך האָב פאַרוועקסלט, האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין ברודער לעבט אין אַ צווייטן לאַגער און ער האָט געטאָן אַלץ כדי צו קומען צו זיין ברודער.

איך האָב זיך ווידער געמאָלדן אַלס טישלער. צוזאַמען מיט נאָך איינִיקע טישלער, פון וועלכע קיין איינציקער איז נישט געווען קיין אמתער פאַכמאַן, האָבן מיר געמאַכט קאַסטנס. די הענט זיינען מיד גע־וואָרן פון זעגן און שלאָגן נעגל. בעת דער מיטאָג־הפסקה האָט מען גע־געסן זופּ, וועלכע איך האָב אַראָפּגעשלונגען ווי אַ ווילדע חיה.

נישט שטענדיק איז מען געווען באַשעפטיקט ביי דער זעלבער אַר־בעט. אַלע פּאָר טעג האָט מען מיך איינגעשפּאַנט צו אַן אַנדער אַרבעט. איך האָב געפּאַקט עלעקטרישע אַרטיקלען אין קאַסטנס, גלייכצייטיק

און געשלעפּט שווערע ברעטער און קלעצער און בכלל אויסגעפירט כל מיני שווערע ארבעטן.

עס זיינען אָנגעקומען שטאַרקע פרעסט. דער שניי איז שוין געלעגן היך אויף דער ערד. מיר זיינען געווען גאַנצע טעג אונטער דעם פרייען הימל. עס איז שוין ווידער נישט געווען מעגלעך אויסצוהאַלטן און אלץ איז שוין ווידער געווען ענלעך צו „רעקמאַנס" טויטן־לאַגער. ביי דער גאַנצער נויט און עלנט האָט דאָך עקזיסטירט א חבריש צוזאַמענלעבן — צוזאַמען געשלעפּט, צוזאַמען גערעדט, צוזאַמען געלאַדן. ביי דער אַר־בעט האָט איין חבר געהאָלפן דעם צווייטן, געגעבן א שטיקל ברויט, אָדער געטיילט זיך מיט א געפינענעם מייער.

עס איז געווען א פּריווילעגירטע גרופּע האַנטווערקער, וועלכע האָבן געוואוינט אויפן שטח פון באַומאַטעריאַלן־פּלאַץ. צווישן אַנדערע זיינען דאָרט געווען שוסטער און שניידער. וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַר־שטאַט. בעת די שרעקלעכע קעלטן האָט מען מיטאַגצייט זיך געקאָנט ביי זיי אָנוואַרעמען. פון די אַרטיקע ארבעטער האָב איך זיך באַקענט מיט דעם יונגן בחור קירשבאַום. ער האָט געאַרבעט אין א מאַגאַזין פון אייזן־באַשלאַג. עס איז אויך צווישן אונדז געווען א יונגערמאַן, א מרה־שחורהדיקער, ער האָט נאָר געהערט די פרוי און קינד. קירשבאַום האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט און אים יעדן טאָג אַרויסגעפּאָדערט צו הילף אין מאַגאַזין. קירשבאַום האָט געטראַכט וועגן ארץ־ישראל ווי וועגן דער איינציקער אויסלייזונג פון אונדזער גלות־פּיין.

איך בין געוואָרן וואָס אמאָל שוואַכער און זיך שוין קוים געשלעפּט. עס איז מיר געגאַנגען ערגער און ערגער. איך האָב ווידער אָנגעהויבן צו באַקומען קלעפּ, מיט שטעקנס און ברעטער. צום מיינסטן האָט מיך געשלאָגן דער פּוילישער פאָר־ארבעטער דערקאַטש. ער האָט אויך אַנ־דערע געשלאָגן. איין מאָל האָבן מיר אָנגעפּילט זעק מיט קאַרטאָפל פאַר די אַרישע ארבעטער. דערקאַטש האָט געגעבן א צווייטן פּאָליאַק א שטעקן צו שלאָגן די יידן, נאָר דער פּאָליאַק האָט זיך נישט צופיל באַ־נוצט מיט דעם שטעקן. דערקאַטש איז אים באַפאַלן מיט די ווערטער: „שעם זיך, צי ביסטו א פּאָליאַק?!".

די שווערע זעק מיט קאַרטאָפל האָבן מיר אריבערגעפירט מיט טאַטשקעס ביז צום טויער. איך האָב זיך שוין איבערגעקערט מיט דער משא צוויי מאָל. הינטער מיר האָט געשטופּט א טאַטשקע א יינגל. ער האָט געקריגן א קלענערן זאַק צו אריבערפירן. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט און געזאָגט: „לאָמיר זיך טוישן, א רחמנות אויף אייך, זיי וועלן אייך אויף טויט דערשלאָגן"... ביים אויסשיטן די קאַרטאָפל, האָב איך מיר א פּאָר קאַרטאָפל אַריינגעלייגט אין מיין עסבלעכל. ביים ארויסגיין פון ארבעטספּלאַץ האָט דאָס באַמערקט דער טויער־וועכטער, און אלטע

„יאגדע", א רוצח און מיר דערלאנגט א זעץ מיט דער קאָלבע פון דער ביקס. כ'האָב לאנג נישט געקאָנט כאפּן דעם אָטעם. מיט שווערע מי האָב איך מיך דערשלעפּט צום באראק. צו מאָרגנס האָב איך בשום אופן נישט געקענט גיין צו דער ארבעט. נאָך א טאָג רו בין איך ווידער געגאנגען ארבעטן.

אין דער צייט איז געקומען אין לאגער א זעלנער פון לאנדווירטשאפטלעכן אמט און האָט אויסגעבאָרגט אייניקע ארבעטער אויף א פּאָר טעג צו ארבעטן אין א הויף. איך בין אויך געווען אין דער צאָל. מיר זיינען אהינגעפאָרן, און איך האָב מיך ממש דערקוויקט מיט דער קורצער רו. יעדע רגע איז געווען א געווינס. ווי שנעל איך בין געקומען צו זיך, אזוי שנעל בין איך טויט מיד געוואָרן פון דער ארבעט. אין דעם הויף האָבן מיר אויפגעלאָדן געפּרעסטע היי אויף אויטאָס. מיט אונדז איז מיטגעווען דער שעדלעצער פריזירער ידידיה שווארץ. פון דעם הויף איז געווען אפשר א קילאָמעטער צו דער קיך, פון וועלכער מען האָט פארן „פעלדבאַואַמט דער לופטוואַפע" געפירט מיט א וועגעלע אין קאנען דאָס עסן. מיר פלעגן אהין צוגיין און עסן די זופּ אויפן אָרט.

דערווייל זיינען ווידער אָפּגעלאָפן א פּאָר טעג פון פּלאָג און מאַטערניש. אין דער האלע איז שוין אוממעגלעך געווען צו שלאָפן פאר קעלט. מען האָט אונדז אריבערגעפירט אין א שכנותדיקן שטיינהויז. איין טאָג אין דער פרי זיינען אייניקע פון אונדז איבערגעבליבן אין דער האלע, כדי אריבערצוטראָגן די שטרויזעק און אנדערע חפצים אין דער נייער קוואַרטיר. ווען מיר זיינען אָוונט צוריקגעקומען אויף אונדזער ביזאהעריקן אָרט, האָבן די „יאַגדעס" באפוילן, מיר זאָלן זיך איבערציען אין דעם שטיינהויז. כ'האָב נישט געהאט קיין גרויסע ארבעט. דאָס עסבלעכל אין דעם לעפל האָב איך דאָך געהאט מיט זיך. געבליבן איז נאָר נאָך א זעקל, דערין זיינען געווען מיינע אלטע פאנטאָפל, אן אנדענק פון די טייערע הענט, וואָס האָבן זיי אמאָל געקויפט; א קיכהאנטוך, זייף און סאָדע, וואָס איך האָב באקומען פון צעלניקן און דאָס געפונענע סידורל. דער בנין, וואוהין מיר האָבן זיך אריבערגעצויגן, האָט געהאט אייניקע צימערן אין פּארטער און אייניקע צימערן אויפן ערשטן שטאָק. אין דעם צימער, וואו איך בין אריין, זיינען געשטאַנען הילצערנע צווייִשטאָקיקע נארעס, אויף וועלכע עס זיינען געלעגן קאָצן. מיר זיינען אין דעם צימער געווען 13 פּערזאָן, צווישן זיי יאָנטל גאָלדמאַן אין זיין ברודערס א זון. דאָס איז געווען דער איינציקער פאל, וואָס איך האָב אין די לאגערן באגעגנט צוויי מענטשן פון איין משפּחה. יאָנטל האָט זייער געזאָרגט פאר זיין ברודער־זון, זיי זיינען געשלאָפן איינער נעבן צווייטן. ביי דער ארבעט האָט ער אים אלע מאָל געזוכט.

די אָוונטן זיינען געוואָרן לייכטער צום פארטראָגן. „בריות" האָבן

געבראכט קוילן און געהייצט דעם אויוון. מיר זיינען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאכט. חברים האָבן עפּעס געקאָכט און זיך געטיילט מיט די פרעמדע. עס איז מיט אונדז אין צימער געווען א סאָקאָלאָווער יונגער־מאן, וועלכן מען האָט אויך גערופן „דער סאָקאָלאָווער". ער איז געווען כמעט נאקעט. די חברים האָבן זיך צוזאמענגעלייגט און ביי נאכט האָט א שניידער אויפגענייט פאר אים א ווארעמען מאנטל. דאָס חברישע צוזאמענלעבן אין דעם נייעם אָרט איז געווען נאָך פיל שטארקער און טראָץ דער מידקייט נאָך א טאָג שווערער ארבעט, האָבן זיך געקניפּט פעסטע פעדים צווישן איינוואוינער פון דעם הויז. איך בין באקאנט גע־וואָרן מיט א סך מענטשן און בין געוואָר געוואָרן, אז מיט אונדז וואוי־נען יידן פון א צווייטן לאגער מיטן נאָמען „פליגער־האָרסט". צווישן דער גרופּע האָב איך דערקאָנט מיין אוניווערסיטעט־קאָלעגע — אדוואָ־קאט טשאַרנאָבראָדאָ.

די צייט איז געגאנגען פאָרויס. איך האָב שוין נישט געהאט קיין כוח צו די צרות, און איך האָב קיין סוף נישט געזען. דאָס רוב ארבעטער זיינען געגאנגען אין געטאָ. איך האָב שוין אפילו נישט געקאָנט טראכטן פון מאכן אזא מארש. עס איז געקומען א שווערער זונטיק, ווען אלע האָבן זיך געמוזט שטעלן צו דער ארבעט. דאָס מאָל איז געקומען נאָך אונדז א פּאָליאק, אן אנטיסעמיט, מיט א שפּיצרוט אין דער האנט. אויף אלעמען איז געפאלן אן אימה. ער האָט אונדז אוועקגעפירט אין אזוי גערופענעם „טאַבאַק־מאָנאָפּאָל". דאָס איז געווען א פּאָר קילאָמעטער פון אונדזער קווארטיר. דאָרט האָבן מיר געלאָדן אין די וואגאָנען: קלע־צער, ברעטער, קאסטנס, פעסער. דער פראָסט האָט געקנאקט. מיר האָבן געארבעט אונטער דער אויפזיכט פון ס. ס.־לייט און דעם פּאָליאק. אונד־זערע אויפזעער האָבן אונדז געטריבן און געשלאָגן. איך בין שוין גע־פאלן פון די פיס. דאָס שרעקלעכסטע איז געווען מיט קאָלערן די פעסער. די פינגער זיינען מיר אָפּגעשפרונגען פון קעלט. אזוי האָב איך אדורכ־געשווארצט ביז נאכט. ס'איז פּלוצים אראָפּגעפאלן א רעגן. איך בין שוין אינגאנצן געווען אָן כוחות און נישט געהאט וואָס צו פארלירן. איך האָב זיך אויסגעדרייט פון דער ארבעט און מיך באהאלטן נעבן א גע־ביידע, וואו עס האָט מיך צוגעדעקט א שטיקל דאך. פּלוצלינג איז צו מיינע אויערן דערגאנגען א וויי־געשריי פון אן ארבעטער, אויף וועמען עס איז ארויפגעפאלן א שווערע קלאָץ. עס איז שוין געווען עלף א זיי־גער, ווען מען האָט אלע צוזאמענגערופן צו גיין אין באראק. די חברים האָבן געפונען עפּעס אזעלכעס, וואָס האָט געדינט אלס א פּראָוויזאָרי־שע טראָגע, אויף וועלכער זיי האָבן אוועקגעלייגט דעם פארוואונדעטן און אים געטראָגן, אלע פּאָר מינוט האָבן אנדערע אים געטראָגן. כדי נישט צו שאָקלען דעם פארוואונדעטן, זיינען אלע געגאנגען מיט א לענ־

גערן שאָסייוועג, נאָר א קליינער טייל, גאנץ שוואכע און קראנקע, זיינען געגאנגען מיט דעם זעלבן וועג וואָס אין דער פרי — קווער דורך די פעלדער. עס איז געווען שטארק פינצטער און איינער האָט קוים געזען דעם צווייטן.

די נאכט האָב איך שוין גאָרנישט געגעסן. איך בין געלעגן אויף מיין בעט אין אוממאכט און געדרימלט. צו מאָרגנס בין איך שוין ווידער צו דער ארבעט נישט געגאנגען. איך בין נישט געווען דער איינציקער. אין די צימערן זיינען געלעגן א היפש ביסל קרבנות פון נעכטיקן טאָג, צווישן זיי אויך דער פארוואונדעטער.

איך האָב מיך אינגאנצן נישט געקאָנט רירן פון מיין געלעגער. מיינע הענט זיינען געווען פארוואונדעט.

אויך אין די ווייטערדיקע טעג בין איך נישט געגאנגען צו דער ארבעט. עפּעס האָט מען אָנגעהויבן צוריידן, אז דאָס שעדלעצער געטאָ גייט אריבער אין „גענשע בארקי". איך האָב נישט געוואוסט וועגן וואָס עס האנדלט זיך. וואָס אמאָל מער האָט געווירקט אויף מיר די געדריקטע שטימונג פון מיינע חברים. זיי האָבן נאָך וועמען געהאט אין געטאָ. טראָצדעם איז דאָס געטאָ געווען א שטיצפּונקט פאר די לאגער־ארבעטער.

איך בין ווייטער געלעגן און געוואָרן וואָס ווייטער אלץ מער געשוואָלן. איך האָב באמערקט, אז די חברים זיינען באזאָרגט איבער מיין מצב. יאָנטל גאָלדמאן האָט אַמאָל געבראכט פּיעטרושקע, זי געקאָכט אין וואסער און מיר געגעבן דאָס וואסער צו טרינקען. מען האָט געזאָגט, אז דאָס איז א היילמיטל קעגן נירן־קראנקייט, פון וועלכער איך בין מכלומרשט געשוואָלן געוואָרן. דער שניידער אין אונדזער צימער האָט אלעמאָל אין די נעכט עפּעס גענייט. ער האָט גראָד געענדיקט א ראָלקע פּאָדעם און געזען, אז דער פּאָדעם איז געווען אויפגעוויקלט אויף א 20-זלאָטיקן באנקנאָט. די אָנוועזנדיקע האָבן באשלאָסן, אז דאָס געלט געהערט מיר, מען מוז מיך ראטעווען. זיי האָבן מיר גלייך געקויפט צו עסן.

פון טאָג צו טאָג זיינען מער קראנקע געווען אין די צימערן. איין מאָל ביי נאכט איז צו אונדז געקומען א יונגער, א צוואנציק יעריקער ס. ס.־מאן, און האָט זיך אומעטום ארומגעקוקט. אין זיין קעגנוואַרט האָט א חבר געַרויכערט. דאָס איז געווען א גרויסע העזה פון זיין זייט. דער ס. ס.־מאן האָט ארויסגעצויגן דעם רעוואָלווער. דער ייד האָט אויםגעשריגן „שמע ישראל", עס איז אדורך בלויז מיט שרעק, דער מיטן „טויטנקאָפּ" האָט נישט אויסגעשאָסן. מיך האָט ער געפרעגט, פארוואָס איך ליג. איך האָב אים געענטפערט, אז איך בין זייער מיד, איך האָב מורא געהאט צו זאָגן, אז איך בין קראנק. דער יונגער דייטש האָט זיך

אויסגעלאכט און געזאָגט: „איר ווערדעט שוין אירגענדוואו אונטערגע־בראָכט ווערדען" און האָט אונדז פארלאָזן.

דער ענין „גענשע-בארקי" איז ווידער ארויפגעשוואומען; „גענשע־בארקי" האָט באדייט עפּעס גרויזאמעס.

צו מאָרגנס האָט מען מודיע געווען, אז די קראנקע און א סך פון די ארבעטנדיקע וועלן צוריקגעשיקט ווערן אין דעם געטאָ. עס איז געוואָרן א גרויס געיאָמער און געוויין. מען האָט געזוכט פּראָטעקציע כדי צו בלייבן אין דעם לאגער.

איך בין שוין געווען צו אלעם גלייכגילטיק. איך בין אזוי אָפּגעלעגן נאָך א פּאָר טעג. דאָס ליגן פון די קראנקע האָט שוין געהאט א לעגאלן שטעמפּל. מען האָט אויף א רגע אָפּגעאָטעמט.

אינצווישן האָבן מיר באקומען געסט. עס זיינען צוריקגעקומען אומ־געפער א צוואנציק חברים פון א צווייטן ארבעטס-לאגער, וועלכע זיינען אהין אויסגעבאָרגט געוואָרן פון „פעלדבאו-אמט דער לופטוואפע". דאָס רוב פון זיי זיינען געווען קאנדידאטן אין געטאָ. אויף צו מאָרגנס האָט מען אלע געהייסן ארויסגיין אויף דער גאס. מען האָט אָפּגעטיילט א געוויסע צאָל צו גיין אין געטאָ. די „גליקלעכע", וועלכע זיינען פארבליבן, זיינען, ווי געוויינלעך, געגאנגען צו דער ארבעט.

מיר האָבן פארלאָזט דאָס אָרט, און אונטער דער וואך פון די „יאג־דעס" געגאנגען אין דער באקאנטער ריכטונג פון דעם שעדלעצער קליי־נעם געטאָ.

דאָס קליינע געטאָ ווערט ליקווידירט

די אָנגעקומענע אין געטאָ זיינען זיך צעגאנגען צו באקאנטע, צו נאָענטע, נאָך איך אליין בין געבליבן שטיין. איך האָב נישט קיינעם. צו וועמען קאָן איך גיין? מיינע ערשטע טריט זיינען געווען אין א שטוב וואָס האָט זיך גערופן — דער וואַרטעזאל פון יודענראט און געטאָ-פּאָ־ליציי.

ווען איך בין נאָך געווען ביי „רעקמאנען" האָט מיר א יידישער פּאָליציאנט געגעבן א פּאטש אין פּנים, ווייל איך בין נישט גלייך געגאנ־גען אין דער ריי. די באק איז מיר גלייך אָנגעלאָפן. דער פּאָליציאנט איז געווען אן אמאָליקער פריזירער, אָבער נישט אלע יידישע פּאָלי־ציאנטן זיינען געווען פון איין שניט. געווען צווישן זיי אויך מענטשן, וואָס האָבן געפילט די מיאוסע ראָל, וואָס זיי שפּילן און געוואָלט זיך מיט עפּעס אויסקויפן.

אין אָטוואָצק האָבן מיך א פּוילישער און יידישער פּאָליציאנט גע־פירט צום טויט. דער ייד האָט דעם גאנצן וועג געוויינט, מיך געהאלדזט

און געזאָגט: „אוי, ווי איז מיר, איך פיר דיך צום טויט". א שעדלעצער פּאָליציאַנט האָט מיר אַמאָל אונטערגעוואָרפן א 20-זלאָטע-שטיק, איך זאָל אים געפינען און ווען איך האָב דאָס געלט געוואָלט אָפּגעבן, האָט ער געזאָגט, אז דאָס איז נישט זיינס. איך בין דעריבער אריין אין דער פּאָליציי-שטוב מיט דער האָפענונג, אז אויך דאָ וועל איך געפינען מענטשלעכע הערצער.

אין דער פּאָליציי-שטוב בין איך אָפּגעזעסן א צייט און געקלערט, וואָס וועט זיין. דאָרט בין איך געוואָר געוואָרן, אז סוף נאָוועמבער האָבן די דייטשן באַקאַנט געמאַכט אין „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי", אין פּלאַ-קאַטן איף דער אַרישער זייט און אויך דורך מעלדונגען אין געטאָ, אז עס וועלן געשאַפן נייע געטאָס, וואוהין יידן קענען פריי זיך באַזעצן ביז דעם 1טן דעצעמבער.

אָבער וואוהין גייט מען איצט? אין דעם זעלבן הויז אויפן ערשטן שטאָק האָט געוואוינט די פאַמיליע איצקאָוויץ, וועלכע כ'האָב געקענט פון פריער. איצט זיינען דאָרט נאָך מער די טירן געווען אָפן פאַר אַלע-מען. איך בין אריינגעגאַנגען צו די באַקאַנטע און זיך שטיל אוועקגע-זעצט. איך האָב גאָרנישט געוואָלט, נאָר זיצן. אין שטוב און אין דרויסן איז געווען א גרויסע באַוועגונג.. לענג-אויס די דראָטן זיינען געשטאַנען יידן און געפּרואווט עפּעס צו פאַרקויפן די פּאָליאַקן בחצי-חינם. מיט יעדער רגע איז געוואָרן ווייניקער קונים. פאַרוואָס האָבן זיי געזאָלט צאָלן אפילו די מינדסטע מטבע, ווען מאָרגן וועלן זיי קאָנען פראַנק און פריי נישטערן אין געטאָ.

די דערשלאָגנקייט איז געווען גרויס. אַלע האָבן זיך געפּאַקט. ביי יעדן איז נאָך געבליבן א ברעקל האָפענונג פון לעבן. די היטלעריסטישע בעסטיע האָט געמאָלדן, אז דאָס געטאָ מוז געראַמט ווערן און דערצו צוגעגעבן, אז דאָרט, אין „גענשע באַרקי", וועלן אַלע דעם קריג איבער-לעבן. פאַרוואָס אָבער קענען מיר נישט בלייבן אין שעדלעץ? מען האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם וואָרט „מוז", אַזוי ווי אין דעם וואָרט וואָלט געשטעקט עפּעס א נויטווענדיקייט. וואָס הגם זי איז נישט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך, דאָך אַנטהאַלט זי געווייס א גאַנץ באַגרינדעטע מחשבה.

דעם גאַנצן טאָג זיינען אָפּגעפאָרן פורלעך מיט בעטן, בעטגעוואַנט און זאַכן נאָך „גענשע-באַרקי". ווער עס האָט געהאַט געלט און פּראָ-טעקציע האָט געקאָנט די נויטווענדיקסטע זאַכן אריבערפירן. דער יודענ-ראַט האָט אויך אריבערגעפירט דעם מאַגאַזין פון סאָדע, זייף און די איינפּאַכסטע מעדיקאַמענטן. די דייטשן האָבן דאָס אַלץ דערלויבט און דערמיט באַוויזן, אז זיי האָבן „נישט קיין שלעכטע כוונות", נאָר דאָס געטאָ „מוז געראַמט ווערן".

דער עולם האָט זיך געפּאַקט. מאָרגן אין דער פרי דאַרפן אַלע פאַר-

לאָזן דאָס געטאָ נאָר מיט האַנטגעפּעק. דער רעש און די באַוועגונג איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווידערלעכער און דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט, עס איז שוין געווען זייער שפּעט, ווען די קולות האָבן אויפגעהערט און די מידע באַפעלקערונג האָט זיך איינציקווייז געלייגט איבערשלאָפן די לעצטע נאַכט אין דער געבורטשטאָט, וואו זייערע אָבות האָבן דורות־לאַנג געלעבט און וואו זיי אַליין זיינען דאָ אויפגעוואַקסן, כדי איצט צו ווערן אויסגעראָטן דורך די דייטשן.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָב איך שוין נישט געהאַט קיין זאָרג וואו צו שלאָפן. איך בין געבליבן ביי די איצקאָוויצעס. פון וואָס צו מאַכן זיך א געלעגער האָט נישט געפעלט — מאָרגן וועט דאָך סיי ווי סיי דאָס רעשט יידישע האָב און גוטס זיין הפקר. די איצקאָוויצעס זיינען אַלעמאָל צו מיר גוט געווען. ווען איך האָב מיך אויפגעוועקט, איז דער אַלטער איצקאָוויץ געשטאַנען אין טלית און תפילין און געדאַוונט. ער האָט געוויינט. אין שטוב זיינען צוגעקומען נייע מענטשן — קרובים, וואָס זיינען באַזייטיקט געוואָרן פון פאַרשידענע אַרבעטס־לאַגערן און זיינען געווען באַשטימט צו גיין אין „געַנשע־באַרקי״. ביז דער לעצטער מינוט האָט מען נאָך עפּעס צוגעפּאַקט. עסן האָט מיר אויך דעם טאָג נישט געפעלט. איך האָב צוגעלייגט האָלץ צום פייער און געבראָטן קאַר־טאָפל, וויפל עס האָט זיך מיר געגלוסט — אַלעס מיטנעמען האָט מען דאָך נישט געקאָנט. די קאַרטאָפל האָבן שוין נישט געהאַט קיין בעל־הבית. די „אַריער״ האָבן גאָרנישט געוואָלט געבן פאַר די קאַרטאָפל.

צו לעצט האָב אויך איך מיך געמאַכט פאַרטיק צו דעם אומבאַקאַנטן וועג. אין מיין זעקל האָב איך צוגעלייגט אביסל קאַרטאָפל, ווייל א סך האָב איך נישט געהאַט קיין כוח צו טראָגן. די קעלט איז געווען גרויס: אין שטוב זיינען געבליבן טישטוכער, שטיקער קליידונג. איך האָב נישט געדאַרפט מער קיינעם פרעגן קיין דערלויבעניש. איך האָב זיך אַרומגע־הילט מיט א טישטוך אונטער דעם מאַנטל, געלייגט א שטיק סחורה אויף די פּלייצעס, אויך אַרומגעוויקלט דעם האַלדז — א צוגאָב צום האַלדזטוך, וואָס איך האָב באַקומען פון דעם איטאַליענישן זעלנער. איך האָב אַרומגעבונדן מיין זעקל אויף דעם רוקן און בין געווען פאַרטיק צו היימלאָזיקייט און דאַכלאָזיקייט. אַלע זיינען שוין לאַנג אַרויס פון שטוב. איך בין געבליבן דער לעצטער, גלייך ווי א פאַרגעסענער הונט...

באַלד האָט מען געזאָלט עפענען די טויערן פון געטאָ, דאָס מאָל אַנדערע, פון דער צווייטער זייט פון דעם הויז, וואו עס איז געווען דער יודענראַט און די געטאָ־פּאָליציי, נאָר עס האָט א ביסל געדויערט. ווייזט אויס, עס איז געווען א באַפעל נישט צו איילן. קיין דייטש האָט מען פאַר די אויגן נישט געזען, נאָר פּוילישע פּאָליציי.

ענדלעך האָט די טרויעריקע טונקעלע מאַסע זיך אָנגעהויבן צו באַ־

ווענן איבער די ווייסע, פארשנייטע גאסן. איך בין ווידער געווען פון די לעצטע. געגאנגען איז מען זייער פאמעלעך. עס זיינען געווען א סך קראנקע און אלטע. אין די זייטן פון דער גאס, אויף די טראָטוארן, האָבן אונדז באוואכט עטלעכע פוילישע פּאָליציאנטן. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער גאס פון דער קירכע. נייגעריקע, צופרידענע אריער־פּאָליאקן זיינען ארויסגעגאנגען אויף די גאסן צו באקוקן דעם צוג.

שרעקלעך האָט אויסגעזען דער צוג. געגאנגען זיינען מענער און פרויען (קינדער — קען איך מיך ווידער נישט דערמאָנען), מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס און אין די הענט. טייל האָבן זיך געמאכט שליטנס פון א פּאָר ברעטער און געצויגן זייערע בעבעכעס אויף דעם שניי. הינטער די יידן, זיינען געגאנגען די ציגיינער. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט א געשריי, דאָס האָבן די ציגיינער ארויסגעריסן פון די יידישע הענט א פּעקל; נאָך א ווײַלע איז געוואָרן ווידער שטיל — יואָס פאר א באדייטונג האָט דאָס געהאט אין ים פון יידישע צרות?

ווען מיר זיינען שוין געווען הינטער דער שטאָט, האָב איך באמערקט אויף א מרחק פון אן 18 מעטער פון שאָסיי, א זשאַנדאַרם אין זיין פּרעכטיקן געלן מונדיר און געלע שטיוול. ער האָט וואָרשיינלעך אָנגעפירט די „איבערזידלונג". ער איז געגאנגען מיט שטאָלץ און רו.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין „געגשע־בארקי" אייניקע דריישטאָקיקע הייזער פון רויטע ציגל זיינען געשטאנען אין פּאָרעם פון א „ה" נעבן דעם שאָסיי. אין מיטן איז געווען א גרויסער הויף מיט צוויי פּלומפּן. דער שטח איז געווען ארומגעצוימט מיט שטעכלדראָט. נאָר דערוויל זיינען נאָך געווען אָפענע ערטער. ראָלן מיט שטעכלדראָט זיינען געלעגן צום אויספארטיקן דעם צוים.

איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צו דעם נייעם יידישן וואוינאָרט, און כ'האָב נאָר איינס געוואָלט — וואו עס זאָל נישט זיין, זיך אוועקלייגן אונטער א דאך. א גרויסער טייל מענטשן זיינען שוין לאנג געווען אין זייערע שטיבער. וועלכע דער יודענראט האָט זיי צוגעטיילט; אנדערע האָבן ערשט איצט דעראָבערט וואוינונגען. די ענגשאפט אין די שטיבער איז געווען אויסערגעוויינלעך; דאָס זיינען געווען קליינע, אייניקע צימערן, אויסגעבויט א מאָל פאר ארבעטסלאָזע. שטרוי איז געלעגן אויף דער ערד, נישט קיין בעטן און נישט קיין נארעס. איך האָב געזען געטיילטע צימערן אין צוויי שטאָקן. די ציגיינער זיינען ווידער געווען באפאָרצוגט — זיי האָבן באקומען א גאנץ הויז. באלד האָבן זיך מענטשן פעסט פארמאכט. מ'ווא האָבנדיק פאר אן „אינוואזיע" פון פרעמדע.

דער פראָסט איז געווען נישט אויסצוהאלטן. ווידער האָבן זיך אָנגעפולט די ביידעמער און טרעפּנגענג. צוויי פון מיינע באקאנטע

פון לאגער האָבן זיך איינגעאָרדנט אונטער טרעפּ... דאָ האָט מען מיך אויפגענומען, נאָר איך האָב אליין רעזיגנירט, ווייל עס איז נישט געווען אפילו וואו צו זיצן און די קעלט איז געווען ווי אויף דער גאס. איך בין געקראָכן ווייטער זוכן אַן אָרט אין אַ שטוב און בין שוין געווען אינגאנצן פארצווייפלט און האָפענונגסלאָז. מיט אַ מאָל זע איך ווי מענטשן שטופּן זיך אין אַ ליידיק צימער. דאָס אָרט איז געווען רעזערווירט פארן יודענראַט, פאר אַ ביוראָ און מאגאזין. דערווייל האָבן זיך דאָרט אָנגעפּאַקט אַ פּאָר צענדליק מענטשן. צו ערשט זיינען אַלע געשטאַנען, נאָר שפּעטער, ווייס איך נישט ווי אזוי, האָט די מאסע אָנגעהויבן זינקען און אַלע האָבן זיך אוועקגעלייגט, פּרעסנדיק איינער דעם צווייטן. די נאכט איז שוין צוגעפאלן. אין אַ פּאָזיציע פון האלב שטיין, האלב זיצן, בין איך איינגעשלאָפן. אזוי האָב איך אדורכגעדרימלט די גאנצע נאכט אין דעם מענטשנקנויל, געוועקט אַלע מאָל דורך די שכנים, וואָס זיינען אין שלאָף געפאלן איינער אויף דעם צווייטן. עס איז שוין געוואָרן טאָג. אַ גרויסע טייל האָט פארלאָזט דאָס צימער. איצט ערשט האָב איך געקאָנט אויסציען מיינע ביינער, אָבער לאנג האָב איך נישט געקאָנט פארבלייבן אין דעם אזיל. מען איז געקומען פאַרבארייטן די שטוב פארן יודענראַט און מיר האָבן געמוזט פארלאָזן דאָס אָרט. איך האָב געקלערט, אַז אפשר וועט איצט שוין קומען דער פארהאַפטער טויט, וועלכן איך האָב מיר נישט געקאָנט אַליין נעמען — דער לייכטער טויט פון דערפרירן...

נאָך דעם נעכטיקן שווארצן טאָג האָט זיך דאָס לעבן אַ ביסל איינגעשטעלט. איך האָב זיך דערפרייט, ווען איך האָב ווידער געטראָפן דעם סטודענט-מעדיצין. ער האָט מיר דערציילט, אַז די יידענע, וואָס האָט אמאָל פארקויפט עסנווארג און געקאָכט זופּן, פירט ווייטער איר „געשעפט" און ער האָט מיך צוגעפירט צו דעם אָרט. עס איז געווען צו באוואונדערן ווי אין דעם איינעם שטיבל איז געווען די קיך, דאָס מסחר און די וואוינונג. דער געדראנג איז געווען דאָרט אויסערגעוויינלעך. איך האָב געגעסן אַ זופּ און געבליבן דאָרט אזוי לאנג ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ווען איך בין ארויס אויף דער גאס, בין איך ווידער צוגעגאנגען צו דער שטוב פון יודענראַט. איך האָב דאָרט געטראָפן צעלניקן און זיין איידעם, דעם אדוואָקאט אייזענבערג. ער האָט מיך באגריסט. ווייזט אויס, ער האָט שוין וועגן מיר געוואוסט. איך האָב אים איבערגעגעבן, אַז איך קלער זיך לאָזן צוריק אין ווארשעווער געטאָ. צעלניק האָט מיך פארבעטן צו זיך אין שטוב. זיין פרוי האָט מיר דערלאנגט אַ טעלער זופּ און נאָך אַ טעלער זופּ. איך בין דאָרט לאנג געזעסן, געשלונגען די זופּן און זיך שוין נישט גערעכנט מיט העפלעכקייט. אין דער וואוינונג זיינען געווען אַ פּאָר קרובים. די ענגשאפט איז געווען גרויס.

אין דער צייט ווען איך בין דאָרט געזעסן, האָבן הונגעריקע אָן

אויפהער געקלאפט אין דער טיר; מען האָט זיי אלעמען ארויסגעגעבן שטיקלעך ברויט. אין שטוב זיינען ווידער צוגעקומען מענטשן און איך האָב גוט פארשטאנען, אז איך מוז שוין דעם פלאַץ פארלאָזן, און זיך אויפגעשטעלט. צעלניק האָט ביי מיין אוועקגיין מיר געזאָגט, אז ביי נאכט וועל איך קאָנען שלאָפן אין יודענראט־צימער, וואו ער וועט מיך פארשליסן. איך האָב מיך ווידער געפלאָגט א פאָר שעה ביז עס איז גע־וואָרן גוט נאכט. איך האָב אָפּגעווארט צעלניקן, ער איז לסוף געקומען און מיך ארייַנגעלאָזט אין צימער. ער האָט מיר איבערגעלאָזט א ליכט און שוועבעלעך. איך האָב געפונען א ביסל האָלץ און געמאכט פייער. זיצנדיק ביי דעם טיש, בין איך איבערגעשלאָפן די נאכט. אין דער פרי האָט צעלניק מיך ארויסגעלאָזט. איך האָב ווידער געגעסן א זופּ און באַ־צאָלט מיט די קארטאָפל, וואָס איך האָב געהאט אין זעקל און ווידער זיך ארומגעשלעפּט אויף דעם פראָסט.

אויף דעם הויף איז געווען א גרויסע באוועגונג. מ'האָט זיך גע־שטופּט צו דער פּלומפּ, כדי צו באקומען א ביסל וואסער. א ביסל ווייַ־טער האָט מען געבראכט צו קבורה, די, וואָס זיינען איבער נאכט פאר־פרוירן געוואָרן, נישט האָבנדיק וואו זיך צוצוטוליען. א פּאָליציאנט האָט געפירט א פאָר צענדליק מענטשן צו דער ארבעט אין שטאָט — ארבעט איז איצט געווען א פּריווילעגיע.

מיין רעטער צעלניק איז אָנגעקומען אין יודענראט. א צענדליק מענטשן האָבן זיך געשטופּט צו אים. דאָס זיינען געווען פּליטים פון אנ־דערע שטעט, וועלכע האָבן לויטן באשלוס פון יודענראט געדארפט בא־קומען צו 10 זלאָטעס און אן איסווייז. וועגן דעם האָט צעלניק נאָך פרי־ער מיר געזאָגט און מיר פארזיכערט, אז איך וועל באקומען א גרעסערע סומע. ער האָט געהאלטן וואָרט און מיר ארייַנגעשטופּט אין האנט איי־ניקע פּאַפּירלעך. איך האָב שפּעטער אָפּגעציילט: עס איז געווען 40 זלאָ־טעס. „איסווייזן“ האָט מען געגעבן, נאָר אָן דעם דייטשן סטעמפּל און נאָר קיין קאלושין און רעמבערטאָוו, קיין ווארשע האָט מען נישט גע־געבן. צעלניק האָט מיר געדריקט די האנט צום געזעגענען.

די טויערן פון דעם נייעם געטאָ זיינען נאָך נישט געווען באוואכט און די צוים איז נאָך נישט געווען אויסגעפּארטיקט.

מיינע פיס זיינען געווען זייער געשוואָלן; בעתן גיין האָט זיך גע־ריבן איין קני אָן דער אנדערער. ביי מיר איז אָבער שוין געווען בא־שלאָסן, נאָך מיט א צייט צוריק, צו גיין אין ווארשעווער געטאָ. איך בין ארויס אויפן קאלושינער שליאך און זיך אָנגעשלאָסן צו א גרופּע יידן. די פיס מיינע זיינען געוואָרן דיקער, איך בין געבליבן הינטערשטעליק אין גאנג.


ווי אזוי איך האָב מיך דערשלעפּט קיין קאלושין, מינסק און שפּעטער

קיין ווארשע, דאָס איז שוין א באזונדער קאפּיטל, וואָס געהערט נישט צו דער באשרייבונג פון אומקום פון שעדלעצער יידן.

איך בין געקומען אין ווארשעווער געטאָ קורץ פאר דעם יידישן אויפשטאנד. איך האָב זיך אינטערעסירט מיטן גורל פון די לעצטע שעדלעצער יידן, וועלכע מע האָט דעמאָלט צוזאמען מיט מיר פארטריבן קיין „גענשע בארקי". איך האָב זיך דערוואוסט, אז מ'האָט די לעצטע שעדלעצער יידן ארויסגעפירט קיין טרעבלינקע.



דער קאָמיטעט פון דער גרויסער שטאָטישער שול.
ס׳שטייען: י. קליינוועקסלער, עקיבא גאָלדפאַרב, א. קירשענבוים. ס׳זיצן: דוד רובינשטיין, אליעזר שליפקע, חזן פאסאָווסקי און נחום האלבערשטאַט.



ANORDNUNG

ZARZĄDZENIE

א פאַראָרדענונג פון פאַ־ווישן, ווי אזוי די יידן זאָלן זיך אויפפירן.



צונויפגעקליבענע שטיקלעך מצבות



בהמות פאשען זיך אויפן יידישן בית־עולם צווישן די מצבות.

צוליב א טעכנישן פּאַרזען, דרוקן מיר די בילדער אַלע צוזאַמען, צוליב זייער וויכטיקייט פאַר דעם בוך.

צאָל יידן אין שעדלעץ בעתן מלחמה־אויסברוך און אין פאַרשידענע פעריאָדן פון דער דייטשער אָקופּאַציע

אין דער פּערטליאָר־שריפט פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פּוילן „בלעטער פאַר געשיכטע", באַנד 4, ח' 2, ווערט אין דער טאַבעלע 10 געבראַכט פאָלגנדיקע סטאַטיסטישע אויפשטעלונג וועגן דער צאָל יידן אין שעדלעץ פון אָנהויב מלחמה ביז דער ליקווידאַציע.

יאָר און דאַטע	צאָל פון אָרטיקע יידן	צוגעקומענע פּליטים
1טן סעפּט. 1939	15,253	—
דעצעמבער 1940	קרוב 13,000	15 מערץ — 1201
מערץ 1941	12,000	—
יולי 1941	11,674	—
יוני 1942	11,700	—

ווי מיר זעען פון דער דאָזיקער טאַבעלע האָט, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, די צאָל יידן אין שעדלעץ זיך כסדר פאַרקלענערט, וואָס עס איז צו פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דער דייטשער מאָרד־טעטיקייט, עפּידעמישע קראַנקייטן און פאַרגרעסערטער שטערבלעכקייט צוליב הונגער און נויט.

דאַטעס פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין שעדלעץ

7 טער סעפּטעמבער, 1939 (כ"ג אלול תרצ"ט), דאָנערשטיק פרי — די דייטשן האָבן אָנגעהויבן זייער לופטאָנגריף אויף שעדלעץ, ספּעציעל איבער די יידישע גאַסן; די באָמבאַרדירונג האָט, מיט קליינע הפסקות, געדויערט ביז מאָנטיק (11.9.39) ביי־נאַכט. אין די טעג זיינען אומגעקומען ביז 2.000 פּערזאָן, מערסטנס יידן.

9טער סעפטעמבער, 1939 — וועלנדיק ראטעווען דאָס נאקעטע לעבן פון בארבארישן לופטאָנגריף, איז די גאנצע ציווילע באפעלקערונג אוועק פון שטאָט, איבערלאָזנדיק אויף הפקר זייערע וואוינונגען מיט האָב און גוטס. די שטאָט איז געשטאנען אין פלא־מען. אין צווישנצייט פון תהו ובהו, זיינען פון די ארומיקע דערפער אָנגעקומען מחנות פויערים און ראבירט די יידישע וואוינונגען און געשעפטן.

11טער סעפטעמבער, 1939, (כ"ז אלול תרצ"ט), מאָנ־טיק ביינאכט — דאָס דייטשע מיליטער איז אריין אין שעדלעץ.

15טער סעפטעמבער, 1טער טאָג ראש־השנה — געכאפט מענטשן פון די שטיבער און זיי געפירט אין די קאזארמעס פון מי־ליטער. אויף צו מאָרגנס, שבת, געטריבן זיי קיין מזרח־פריסן אויף דעם וועג סאָקאָלאָוו—וועגגראָוו.

שמחת תורה. בעתן דאוונען — א באנדע דייטשע זעלנער זיי־נען אריין אין שול און געשלאָגן די יידן מכות רצח. אראָפּרייסנדיק פון זיי די טליתים, געשאָסן צו די, וואָס זיינען געשפרונגען דורך די פענצטער; דערשאָסן געוואָרן יוסף רובין. א גאנצע נאכט האָבן באנדעס באוואָפנטע דייטשן ראבירט אין יידישע הייזער און געשעפטן. ארויסגעשלעפּט מענטשן פון די הייזער און זיי אוועקגע־פירט קיין וועגגראָוו.

סוף אָקטאָבער, 1939 — א באנדע דייטשע זעלנער האָט זיך אריינגעריסן אין שול אריין און אין בית־המדרש. אַרויסגעוואָרפן פון אָרון־קודש די ספרי־תורות, געריסן שטיקערווייז און געטרעטן מיט די פיס.

סוף נאָוועמבער, 1939 — אָנגעקומען די געשטאפּאָ און ארויסגעגעבן א באפעל צו שאפן א יודענראט פון 25 מענטשן. דער געשטאפּענער יודענראט האָט באקומען א באפעל פון די דייטשן צו באצאָלן קאָנטריבוציע צען טויזנט זלאָטעס.

דעצעמבער, 1939 — דער יודענראט האָט ווידער באקומען א באפעל צו באצאָלן 20.000 זלאָטעס קאָנטריבוציע.

24סטער דעצעמבער, 1939 — אין מיטן דער נאכט האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די שול מיטן בית־המדרש. א סך יידן אָפּגעברים, פארוואונדעט געוואָרן און אומגעקומען אין די פלאמען.

אפריל, 1940 — רעגיסטראציע פון אלע יידישע מענער אין על־טער פון 16 ביז 60 יאָר.

12טער יוני, 1940 (ערשטער טאָג שבועות) — א באנדע צעיושעטע באוואָפנטע דייטשן מאכט אָנפאלן אויף יידן, דערשאָסן דעם אייזן-סוחר אָשר הערץ.

נאָוועמבער, 1940 — דער יודענראט האָט ווידער באקומען א באפעל צו באצאָלן קאָנטריבוציע, דאָס מאָל שוין 100.000 זלאָטעס.

31סטער דעצעמבער, 1940 — דייטשע פאראָרדענונג, אז יעדער ייד אין עלטער פון 12 יאָר און ווייטער, דארף טראָגן א באנד אויף דעם אָרעם מיט א צייכן „יודע" און א „מגן דוד". אויך די יידישע געשעפטן האָבן געמוזט באצייכנט ווערן מיט א „מגן דוד". אין משך פון יאָר 1940 זיינען יידן געוואָרן ארויסגעוואָרפן פון זייערע דירות און געשעפטן, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דער קריסטלעכער באפעלקערונג.

מערץ 1941 — דייטשע מיליטער אין שעדלעץ דורכגעפירט א פאָגראָם אויף יידן, וואָס האָט געדויערט דריי טעג. די דייטשן האָבן ראבירט און געמאָרדעט. זעקס יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן און א סך פארוואונדעט. דער פאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן פון א פראָוואָקאציע, אז אויף די גאסן — „זשידאָווסקי" און „יאָסעלעוויטשאַ" — האָבן יידן געשאָסן. נאָכן פאָגראָם האָט דער יודענראט באקומען א באפעל איינצוצאָלן 100.000 זלאָטעס קאָנטריבוציע.

פרילינג, 1941 — יידישע הייזער ווערן איבערגענומען דורך דער דייטשער קאָמיסארישער פארוואלטונג.

1טער אויגוסט, 1941, (ערב תשעה באָב תש"א) — עס ווערט פארעפנטלעכט א פאראָרדענונג פון דער דייטשער מאכט איינצושליסן די שעדלעצער יידן אין געטאָ.

1טער אָקטאָבער, 1941, (יום-כיפור תש"ב) — אָפגעשלאָסן געוואָרן דאָס געטאָ וואָס האָט אַרומגענומען די גאסן — פון דער רעכטער זייט: קאָבאָנאָווסקע (שפיטאָלנע), סטאָרי רינעק, בערעק יאָסעלעוויטש, מאלא, ערשטער מיי ביז סאָנדאָווע; לינקע זייט: פוסטע, אָסלאָנאָוויטשע (פראָספעקטאָווע), טאַרגאָווע (יאַטקאָווע), בראָווארנע, אָקאָפאָווע, בלאָניע. נאָכן אָפשליסן דאָס געטאָ פארשטארקן זיך די עפידעמיעס, קראנקייטן, עס פארגרעסערט זיך די שטערבלעכקייט.

דעצעמבער, 1941 — די דייטשן אויפגעפאָדערט דעם יודענראט צוצושטעלן זיי אלע פוטערס און פעלץ-אויסארבעטונגען, וואָס געפינען זיך ביי יידן.

יאנואר, 1942 — די דייטשן ארויפגעלייגט אויף די יידן א קאָנטריבוציע פון 100.000 זלאָטעס א חודש.

3 טער מערץ, 1942 (פורים, תש"ב) — די דייטשן כאַפּן 10 יידן, פאַרשלעפּן זיי קיין סטאָק־לאַצקי, אַ דאָרף נעבן שעדלעץ, אויף אַ באַפעל פון שעף פון רעגירונגס־ראַט ביים ארבעטסאַמט ווערן זיי דערשאָסן מיטן אויסרייד, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן. דער יודענראַט ווערט געצוואונגען צו פאַרעפנטלעכן אַ באַקאַנט־מאַכונג, אַז די דייטשן זיינען גערעכט און זייער פּסק־דין פון אומ־ברענגען די 10 יידן איז אַ גערעכטער.

יוני, 1942 — די דייטשן פאָדערן פון יודענראַט צוצושטעלן פאַר־שידענע פאַבליית מיט זייערע מאַשינען און אַרבעטס־מכשירים. די צוגעשטעלטע יידן זיינען ערגעץ וואו אַוועקגעשיקט געוואָרן. שפּע־טער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מען האָט זיי אָפּטראַנספּאָרטירט קיין מאַידאַנעק צום פאַרניכטן.

יולי, 1942 — אַרעסטירט דרייצן יידן, מיטן אויסרייד, אַז זיי האָבן זיך „אַרויסגעדרייט" פון גיין צו דער אַרבעט. עטלעכע טעג זיינען די יידן געפּייניקט געוואָרן אין אַרעסט, דערנאָך האָט מען זיי צוריקגעפירט אין געטאָ און ביים אַריינגאַנג, דורכן געטאָ־טירל, דערשאָסן.

22 סטער אויגוסט, 1942 (שבת ט' אלול, תש"ב) — ליק־ווידאַציע פון געטאָ, אין מיטן דער נאַכט איז דאָס געטאָ אַרומגע־שטעלט געוואָרן מיט דייטשן, אוקראַינער און פּוילישע פּאָליציאַנטן. אין דער פרי זיינען אַלע יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפן אַלטן בית־עולם נעבן דער שול. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ סעלעק־ציע פון אַרבעטס־פעאיקע. געשאַפן געוואָרן דאָס אַזוי גערופענע „קליינע געטאָ" אין דרייעק פון די גאַסן: סאָקאָלאָווער, אָסלאַנאָ־וויטשאַ, טאַרגאָווע. דאָרט אַהין זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן 500 יידן. בערך נאָך 1.500 יידן האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין דעם „קליינעם געטאָ". אויף דעם בית־עולם זיינען דערשאָסן געוואָרן עטלעכע טויזנט יידן.

23 סטער אויגוסט — אָפּגעפירט בערך 10.000 יידן צו דער באַנסטאַציע.

24 סטער אויגוסט — ליקווידאַציע פון געטאָ־שפּיטאָל. אַ באַנ־דע דייטשן מיט אוקראַינער, אונטער דער אָנפירונג פון שטאָט־קאָ־מענדאַנט פאַביאַש, האָבן באַלאַגערט דעם געטאָ־שפּיטאָל אויף דלו־גע־גאַס, אויסגעשאָסן אַלע קראַנקע אין די בעטן, די צען נאָר וואָס געבוירענע קינדערלעך, די דאָקטוירים, פעלדשער, קראַנקן־שוועס־טער און דאָס גאַנצע שפּיטאָל־פּערסאָנאַל איז געוואָרן אַרויסגעפירט אויפן הויף און דערשאָסן.

26 סטער אויגוסט, 1942 — דרייסיק יונגע יידישע פרויען זיינען גענומען געוואָרן אויף ארבעט אין אויסגעליידיקטן געטאָ, צו סאָרטירן און פארפאקן דאָס אַנגערויבטע יידישע האָב און גוטס. פארנאכט, נאָך דער ארבעט, זיינען די פרויען אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית-עולם, דאָרט האָט מען זיי אויסגעשטעלט ביי א וואנט און דערשאָסן.

25 סטער נאָוועמבער, 1942 (ט"ז כסלו, תש"ג) — ליק־ווידאציע פון „קליינעם געטאָ". בערך 2.000 יידן אריבערגעפירט קיין גענשע-בארקי.

28 סטער נאָוועמבער, 1942 — אין מיטן דער נאכט איז גענשע-בארקי געוואָרן ארומגערינגלט מיט א קייט פון דייטשן, אוקראַינער און פוילישע פּאָליציי.

30 סטער נאָוועמבער, 1942 — די לעצטע 2.000 יידן פון שעדלעץ און אומגעגנט זיינען אָפּגעפירט געוואָרן פון גענשע-בארקי צו דער באַן און אָפּגעטראנספּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע. אזוי האָט זיך פארענדיקט די 400-יעריקע געשיכטע פון יידן אין שעדלעץ.

שערלעצער אין דער גאָרער וועלט

דוד בן יוסף (פּאסאָווסקי)

שעדלעצער אין ישראל

די באטייליקונג אין די קאמפן און אין דער אויפבוי־ארבעט

די עליה פון שעדלעצער קיין ארץ ישראל האָט זיך אָנגעהויבן צו־זאמען מיט דער אלגעמיינער עליה און ציוניסטישער אויפלעבונג מיט העכער 50 יאָר צוריק בערך. פון שעדלעצער יחידים, וועלכע זיינען גע־קומען אהער אין אָנהויב פון 20סטן יאָרהונדערט. איז אין יאָר 1924 געוואָרן א קליינע משפחה פון עטלעכע צענדליק בני־עיר. מיטן פאר־גרעסערטן שטראָם פון דער דריטער, פערטער און פינפטער עליה און מיט דער לעצטער עליה נאָכן חורבן, זיינען היינט פאראן אין ישראל ארום 2.000 שעדלעצער.

דאָס יידישע שעדלעץ האָט מיטגעמאכט אלע עטאפּן פון עליות קיין ארץ ישראל. שעדלעצער פּיאָנערן, בויער פון לאנד, זיינען דורכגע־גאנגען אלע ליידן און פּיין פון אקלימאטיזירונג, איינוואָרצלונג און פון פארפעסטיקן די פארשידענע פּאָזיציעס ביים אויפבוי פון אונדזער היים־לאנד.

די ערשטע אוואנגארד־חלוצים, וואָס האָבן עולה געווען פון שעד־לעץ קיין ארץ ישראל, זיינען געווען: קדיש גאָלדשטיין, ל. ראָזענבערג, מייסטער, ג. גוטגעלט מנחם בן הילל, ד"ר משה טעמקין, דער שרייבער מרדכי טעמקין. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען געקומען אין לאנד די יונגע חלוצים־אידעאליסטן: מלך הײנסדאָרף, שמחה אסמאן, יעקב מאָרגנשטערן־שחר, מרדכי און יחיאל קאַראָנע; שפּעטער זיינען געקומען בועז הובער, יהודה טענענבוים, עדה בארג, משפחה ריינמאן, משפחה נאָסאָווסקי, משפחה ווײמאן, חיים ראָזען, משה גליקמאן, אבר־הם אלטענבערג, ראָטבערג, י. ח. ראָטשטיין, יצחק אָרזשעל, מרדכי גרינבערג, ז"ל, און אנדערע.

א קליין הייפעלע, א באגרענעצטע גרופּע שעדלעצער זיינען דאן געווען אין לאנד, אָבער זיי האָבן געלעבט ווי איין משפחה; זיי האָבן אויסגעפּלאסטערט א וועג פאר די פיל אנדערע שעדלעצער, וואָס האָבן געדארפט קומען ביי די שפּעטערדיקע עליות. אין דער גרופּע שעדלע־צער האָט זיך איינגעשטעלט א גוטמוטיק צוזאמענלעבן און געמיינזאמע



די שעדלעצער אין ישראל אין יאָר 1924

הילף מיט ראט און טאט, הן ביי שאפן ארבעט, און הן ביים העלפן איינאָרדענען זיך אין לאנד. עס זיינען פאָרגעקומען פריינדלעכע, חברישע צוזאמענטרעפן אויף פארוויילונגס־אָוונטן, אויף שבתדיקע שלש־סעודותן, אָדער סתם ביי פארשידענע משפחה־פייערונגען.


דער הויפט „אמבאסאדאָר" פון שעדלעץ איז דעמאָלט געווען ה' מלך היינסדאָרף. אז מען האָט געדארפט איינאָרדענען שעדלעצער ביי ארבעט, אין יאָר 1921, האָט מען זיך געווענדעט צו מלכן, איבעראל, אומעטום — מלך.

אין יאָר 1921 האָבן די שעדלעצער געגרינדעט א ציגל־פאבריק, וועלכע איז מיט דער צייט געוואָרן א גאנצע בוי־אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך באשעפטיקט מיט אויספירן פארשידענע בויארבעטן, גראָבונגען פון גרונטן, אד"גל. ס'איז געווען אין די ערשטע צייטן פון „פראָספעריטי" אין לאנד, ארבעט האָט נישט געפעלט, ווער ס'איז געקומען פון די שעדלעצער, איז גלייך אריין ארבעטן אין דער „ציגעלניע" און פארדינט זיין פרנסה. די אָנפירונג פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג האָט דעמאָלט געשלאָסן אָן אָפּמאַך מיטן ה' שווערגאָלד, אָן אייגנטימער פון א קאפע אויף אלענבי־גאס, אז יעדער שעדלעצער, וואָס וועט קומען מיט אַ צעטל פון פאבריק, דארף באקומען עסן אויפן חשבון פון דער „ציגעלניע". דאָס איז געווען א וויכטיקער אויפטו. שפעטער איז די דאָזיקע

פאבריק פארברייטערט געוואָרן און איז געוואָרן א קאָאָפּעראטיוו אונ־טערן נאָמען „הדדיות“. דאָס איז אויך געווען דער ערשטער קאָאָפּעראַ־טיוו פון דער „הסתדרות“ אין לאנד און געוואָרן א יסוד פאר דער גרוי־סער קאָאָפּעראציע־באוועגונג אין ישראל. בראש פון דאָזיקן קאָאָפּעראַ־טיוו און אויך פון אנדערע קאָאָפּעראטיוון איז געשטאנען בועז הובער, וועלכער איז א לאנגע צייט געווען א מיטגליד אין צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג פון „הסתדרות העובדים“. שעדלע־צער, וואָס זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, האָבן אזוי ארום נישט גע־האט קיין זאָרג פון פרנסה, ארבעט האָט מען באקומען, אויך עסן און א נאכטלעגער, יעדנס הויז פון א שעדלעצער איז געווען אן אָפענע אכסניה פארן ניי־אָנגעקומענעם חלוץ. די שעדלעצער אין ארץ ישראל זיינען דאן געווען א מוסטער פון זאָרג און ברידערלעכער קעגנזייטיקער הילף.

בעת א קריזיס אין לאנד, בעת ארבעטסלאָזיקייט, האָט מען שוין געוואוסט, אז דער „אמבאסאדאָר“ זאָרגט פאר ארבעט. מ׳האָט געשיקט צו דער באן, אין א קאָאָפּעראטיוו — דער ראטגעבער אין ארבעט־ענינים איז געווען בועז הובער.

אזא אידיליע און פריינדלעכע געמיטלעכקייט צווישן די שעדלע־צער אין לאנד האָט אָנגעהאלטן ביזן יאָר 1933. מיט דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פון לאנד און מיטן אָנקומען פון גרעסערע גרופּעס שעדלע־צער חלוצים און עולים קיין ארץ ישראל, וועלכע האָבן זיך באזעצט אין פארשידענע פּונקטן, שטעט און דערפער, איז געוואָרן אָפּגעשוואכט די



די ציגעלניע פון די שעדלעצער אין ישראל אין יאָר 1924

טראדיציאָנעלע שעדלעצער ברודערשאפט. ס׳זיינען אין צווישנצייט אויפגעשטאנען אין לאנד אלגעמיינע געזעלשאפטלעכע קערפערשאפטן און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געזאָרגט פארן נייעם עולה. די דאָזיקע לאגע האָט אָנגעהאלטן ביז נאָכן חורבן פון דער אלטער היים. דער חורבן און די פארניכטונג פון אונדזערע טייערסטע און ליבסטע האָט ווידער פאראייניקט און פארקניפּט א נאָענטע פאמיליען־פריינטשאפט צווישן די „שארית־הפליטה" פון די שעדלעצער דאָ אין ישראל.

שעדלעצער אין ישראל האָבן אויך פארנומען אן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אלגעמיינער, דינאמישער אנטוויקלונג און אויפבוי פון לאנד. זיי זיינען געווען טעטיק ביי פארשידענע ארבעטן און אויף כלערליי קאמפּס־פּאָזיציעס, ביים איינגעמען יידישע ארבעט אין די מושבות, ביים פארכאפּן יידישע ארבעט אין ים, ביים גראָבן „זיפזיף" (זאמד־שטיינד־לעך) און שפּעטער ביים פישפאנג. ס׳איז געווען אויסצושטיין א שטארקן ווידערשטאנד פון די אראבער, וועלכע האָבן נישט דערלאָזט דערצו. בעת די פארשידענע אָרגאניזירטע אראבישע אומרועו, ווען דער גאנ־צער יידישער ישוב איז געשטאנען פעסט אויף די נויטיקע קאמפּס־פּאָ־זיציעס, זיינען די שעדלעצער געווען באטייליקט אין דער ספּעציעלער פרייוויליקער הילפס־פּאָליציי, אין די פארשידענע הגנה־גרופּעס, בא־וואָפנט און שוצגרייט. כ׳וויל דאָ דערמאָנען דעם חבר צבי ברענער פון קיבוץ „אפיקים" — א יונגער שעדלעצער חלוץ, וועלכער איז געקומען אהער דורך אמעריקע, וואוהין ער איז געפאָרן מיט זיין מוטער. דאָ איז ער געוואָרן א חבר אין קיבוץ און אין די אומרועו אין די יאָרן 1938—1936, איז ער געווען איינער פון די נאָענטע מיטהעלפער פון לאָרד וויינגייט. אין קאמף פאר אונדזער באפרייאונג איז ער, ליידער, געוואָרן שטארק פארוואונדעט און געבליבן א קריגס־אינוואליד.

אונדזערע שעדלעצער זיינען היינט צו טאָג צעוואָרפן איבערן גאנצן לאנד, פון דן ביז אילת און פון סדום ביז מתולה; מ׳טרעפט שעדלעצער ביי פארשידענע וויכטיקע שעפערישע ארבעטן אין לאנד, אויף באדיי־טנדיקע פּאָזיציעס אין אלגעמיינעם לעבן, אין שטאָט און אין דאָרף.


מיר האָבן שוין דערמאָנט די ערשטע ציגל־פאבריק און ערשטן קאָאָפּעראטיוו, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן דורך שעדלעצער; אויך דער מאָדערנער תל־אָביבער „האָטעל־גראנד" אויף אַלענבי, איז געגרינ־דעט געוואָרן דורך שעדלעצער לאנדסלייט; ווייטער זיינען פאראן שעד־לעצער אייגנטימער פון אָנגעזעענע פאבריקן, בוי־אונטערנעמער, חברים אין קיבוצים, מדינה־באאמטע און אָנגעזעענע טוער אין געזעלשאפטלע־כע אינסטיטוציעס, פּאָליציי־באאמטע, אָפיצירן אין דער ארמיי או״וו.

אין די יאָרן פון אומרועו און אראבישן טעראָר, זיינען געפאלן א

סך שעדלעצער און ליידער נישט דערלעבט צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן דאָס פאַרווירקלעכן פון זייער חלום — דאָס אנטשטיין פון דער יידישער מדינה. עס זיינען געפאַלן: יעקב מאָרגענשטערן־שחר, א ברודער פון שעדלעצער העברעאישן לערער מאָרגענשטערן, וואָס איז אומגעקומען אויף א ברוטאַלן אופן אלס ארבעטס־לייטער ביי דער באַן־ליניע, אין יאָר 1938, ווען ער איז ארויסגעפאָרן מיט אראבישע ארבעטער פאַרריכטן א בריק ביי דער באַן־ליניע חיפה—תל־אָביב, נאָענט פון קלקליה. ער האָט פאַריתומט א פרוי און טאָכטער. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען געפאַלן: יאווערבוים און גרינפארב, אפרים ווייסמאַן, א זון פון ה׳ דב ווייסמאַן, איז ארויסגעפאָרן אין א שיפל מיט עטלעכע און צוואַנציק מאַן. זיי האָבן געדאַרפט אויספירן א וויכטיקע געהיימע שליחות פון דער הגנה און זיי זיינען מער נישט צוריקגעקומען און ביז היינט איז דער גאַנצער ענין געבליבן א סוד און פאַר די עלטערן א וויטיק אין האַרצן. דער פרייהייטס־קעמפער פון דער נאַציאָנאַלער אונטערערדישער באַוועגונג, א. כנעני, איז געפאַלן אין קאַמף מיט די ענגלענדער. ער איז געווען א זון פון מרדכי כנעני־קראַמאַזש.



שמחה יאווערבוים



אברהם קראַמאַזש־כנעני

דער בן־יחיד פון ד״ר בערגמאַן, דער שעדלעצער ציוניסטישער עסקן יעקב בערגמאַן, איז געפאַלן אין קאַמף פאַר אונדזער באַפרייאונג אין נגב, אלס אָפיציר אין דער יידישער ארמיי. צבי טשארני־שחור, געקו־



צבי שחורי (צ׳רני)

מען אומלעגאַל אין לאַנד אין 1939, געווען א חבר אין קיבוץ פון „השומר הצעיר", „יד מרדכי". געאַרבעט ביים פישפאַנג, געפאַלן אויף דער וואַך פון זיין קיבוץ, אין קאַמף פאַר אונדזער זעלבסטשטענדיקייט; ש. פּוזען — געפאַלן אין „כפר עציון", ירושלים.

א גאַנצע ריי פון שעדלעצער האָבן זיך אויסגעצייכנט אין אַקטיוון קאַמף פאַר אונדזער באַפרייאונג, ווי: צבי ברענער פון קיבוץ „אפיקים", די זין פון ווייסמאַן, די זין פון פּ. דרומי, ד. לעדערמאַן, ישראל ברענער, ברידער בן־יוסף — זיי זיינען געווען טעטיק אין שוץ פון ירושלים, און אַנדערע שעדלעצער האָבן געקעמפּט אין די פאַרשידענע פּונקטן פון לאַנד.

שעדלעצער זיינען געווען זעלנער אין דער יידישער בריגאַדע בעת דער וועלט־מלחמה.

אין די איינציקע צענדליק יאָרן פון אויפבוי און אַנטוויקלונג פון ארץ ישראל זיינען געווען פאַרשידענע קאָניונקטורן — עליות און ירידות. ס'זיינען געווען שעדלעצער, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט צופּאַסן און אַקלימאַטיזירן אין לאַנד און ליידער פאַרלאָזט ארץ ישראל, צוריקגע־פאָרן קיין שעדלעץ, אָדער אַרויסגעוואַנדערט אין אַנדערע וועלטטיילן: קיין אַמעריקע, אַרגענטינע, בראַזיל אא"וו.

די הונדערטער שעדלעצער, וואָס זיינען געבליבן אין לאַנד, האָבן



דאָס פּרעזידיום פון די אספת אזכרה אין יאָר 1952
צום 10טן יאָרצייט פון חורבן שעדלעץ.
פון רעכטס: חזן זיפּוביץ, קליינוועקסלער, רחל שמוקליאַרזש, פּ. דרומי, ד"ר העלער, בן־יוסף, הערש באַרבאַנעל פון בוענאָס איירעס, ער איז צו יענער צייט געווען אין ישראל, און א. פרידמאַן.





דער עולם אין זאַל — צום 10טן יאָרצייט פון חורבן שעדלעץ

זיך פארפונדעוועט, געשלאָגן טיפע וואָרצלען און זיינען צופרידן ,און גליקלעך, וואָס זיי געפינען זיך אין דער יידישער מדינה. די שעדלעצער לאנדסלייט פארגעסן אָבער נישט אין גרויסן חורבן פון זייער אלטער היים.

די יערלעכע אזכרות און לאנדעס־צוזאמעפאָרן פון די שעדלעצער לאנדסלייט אין ישראל, זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין טראדיציאָנעלע טרויערטעג און אין ברידערלעכע צוזאמענטרעפן פון דער „שארית־הפליטה". ביי אזעלכע באגעגענישן ווערט א סך צייט געווידמעט פאר פריוואטע היימישע שמועסן. יעדער דערמאָנט זיך א בינטל זכרונות פון דער אלטער אמאָליקער היים, און ס'איז דאָ וואָס צו דערמאָנען...

די שעדלעצער לאנדסלייט זיינען אָרגאניזירט אין א פארבאנד, בראש פון וועלכן עס שטייט א קאָמיטעט פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: פישל דרומי־פאָפּאָווסקי, ד. בן־יוסף־פאסאָווסקי, יצחק כספי, ד. ווײמאַן, משה שטיינבערג, מרדכי כנעני, מלך הײנסדאָרף, יצחק אָרזשעל, יעקב שקליארזש, טשאטשקעס, י. מענדעלסאָן, שרה טשארנאָבראָדע. אין חיפה איז טעטיק דער עסקן פון הסתדרות א. בר־חיים, אדוו. קליינוועקסלער, ד"ר מ. שלייכער א"אנד. אין ירושלים — י. מ. קליינלערער, וועלכער איז א מיטגליד אין ירושלימער שטאָטראט.

די שעדלעצער לאנדסלייט זיינען אויך שטאָלץ אויף דער שעדלעצער שרייבער־גרופּע, קולטור־טרעגער, ווי: דער באוואוסטער פראָזאאיקער יואל מאסטבוים, דער העברעאישער שרייבער מרדכי טעמקין, זיין ברודער ד"ר משה טעמקין, דער יונגער העברעאישער שרייבער מרדכי עובדיהו, א מאָל גאָטעסדינער, וועלכער האָט זיך פּאָפּולער געמאכט נאָך פון דער צייט, ווען ער איז געווען ביאליקס סעקרעטאר, ה. מ. פיינזילבער, וועלכער האָט ארויסגעגעבן א דאָקומענטארן בוך וועגן חורבן שעדלעץ, י. אקון — לערער און דערציער, הרב קלמן פרענקעל פון די מזרחי־פירער און נאָך א ריי שעדלעצער לאנדסלייט, וועלכע פארנעמען א בכבודיקן אָרט אין קולטורעלן לעבן און שאפן פון ישראל.

י. כספי

אָרגאַניזאַציע פון שעדלעצער לאַנדסלייט אין ישראל

ביז דער פינפטער עליה, אין יאָר 1931, איז אין ארץ ישראל נישט געמאכט געוואָרן קיין פּרואוו צו אָרגאַניזירן א לאַנדסלייט־פאַראיין, ווייל יעדער עולה האָט געהאַלטן, אז ער איז געקומען אין לאַנד דערפילן א היסטאָרישע מיסיע, דעריבער דאַרף ער איבעררייסן מיטן עבר, מיטן גלות. אָרגאַניזירן זיך אין א לאַנדסמאַנשאַפט האָט באַדייט ווייטער זיין פאַרבונדן מיטן גלות. בעת דער פינפטער עליה, ווען די איינוואַנדערונג פון שעדלעץ איז געוואַקסן און דאָס איינאָרדענען זיך איז געווען פאַר־בונדן מיט גרויסע הוצאות, איז ארויפגעשוואומען א געדאַנק צו גרינדן א לאַנדסלייט־פאַראיין מיט קעגנזייטיקער הילף.

דעם 2טן מערץ 1933 איז פאָרגעקומען א באַראַטונג, אויף וועלכער ס'איז געשאַפן געוואָרן דער „ארגון עולי שדליץ בא"י", וועלכער האָט אויסגעטיילט פון זיך א קאָמיטעט.

לויטן פּראָטאָקאָל האָט דער „ארגון" זיך געשטעלט פאָלגנדיקע אויפגאַבן: אָרגאַניזירן און קאָנצענטרירן אַלע שעדלעצער פון ארץ־ישראל אין איין פאַראיין; זאַמלען און באַאַרבעטן סטאַטיסטישע מאַטע־ריאַלן, וואָס זאָלן באַלייכטן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די שעדלעצער אין ישראל; שאַפן א לאָקאַל אויף א קלוב פאַר די שעדלעצער און פאַרן סעקרעטאַריאַט פון אויסגעוויילטן קאָמיטעט; שטיין אין קאָנטאַקט מיט די וויכטיקע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין שעדלעץ, כדי קעגנזייטיק זיך צו העלפן, ספּעציעל מיט אינסטרוקציעס און עצות פאַר נייע עולים, וואָס וועלן קומען אין לאַנד אריין, און אויך פאַר די וואָס גרייטן זיך צו קומען.

כדי צו רעאַליזירן דעם פּלאַן, האָט דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעט באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אן אַנקעטע צו יעדן פון די שעדלעצער.

וואָס געפינט זיך אין לאַנד. נאָכן דערהאַלטן די תשובות איז דאָס סטאַ־טיסטישע מאַטעריאַל באַארבעט געוואָרן און ס׳זיינען געבראַכט גע־וואָרן קאָנקרעטע פאָרשלאָגן פאַר אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

אַזאַ אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז טאַקע פאָרגעקומען. דער ניי־אויסגעוויילטער קאָמיטעט האָט איינגעאָרדנט אַ פּורים־באַל, ס׳איז גע־זאַמלט געוואָרן אַ קליינע סומע געלט, וואָס מ׳האָט איבערגעשיקט דער „תרבות״־שול אין שעדלעץ. דער פאַראיין האָט אויפגעהערט צו עקזיס־טירן. מער קיין טעטיקייט איז נישט געפירט געוואָרן.

ערשט אין מיטן דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען פון פּוילן, און ממילא אויך פון שעדלעץ, האָבן אָנגעהויבן קומען איוב־בשורות, האָט י. כספּי צוזאַמען מיט פּ. דרומי גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו פון באַנייען די עקזיסטענץ פון דעם שעדלעצער לאַנדסלייט־פאַראיין. מיר האָבן דאָך געגלויבט, אַז אין שעדלעץ זיינען געבליבן ייִדן און נאָך דעם ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט זיין נויטיק צו ברענגען די ייִדן קיין ארץ־ישראל, אָדער זיי צו שטיצן.

נאָך אַ מיינונגס־אויסטויש איז דעם 18טן אַפּריל 1944 פאָרגעקו־מען אַ באַראַטונג, ביי וועלכער מע האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אויף ס׳ניי דעם ארגון עולי שדליץ, אונטערן נאָמען, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו דער צייט: „ארגון יוצאי שדליץ״. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו־צוטרעטן צו אַ געלטזאַמלונג.

די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און די אזכרה נאָך די קדושי־שעדלעץ איז פאָרגעקומען אין ט׳ אלול תש״ד. זי איז מאַסנהאַפט באַ־זוכט געוואָרן. עס זיינען זיך צונויפגעקומען שעדלעצער פון אַלע עקן לאַנד. פון דעמאָלט אָן קומען פאָר יעדעס יאָר אַזעלכע פאַרזאַמלונגען און אזכרות.

די ממשותדיקע הילף וואָס דער „ארגון יוצאי שדליץ״ האָט אָרגאַ־ניזירט, האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָלגענדעס:

ווען די מלחמה איז נאָך געווען אין גאַנג, זיינען געשיקט געוואָרן 50 פּעקלעך פאַר שעדלעצער פּליטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין ראַטנ־פאַרבאַנד. עס איז געווען אַ וויכטיקער אויפטו לגבי די אומגליקלעכע פּליטים, וועלכע האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די פאַרוואָרפענע ווינק־לען פון גרויסן רוסלאַנד, ווען זיי האָבן באַקומען אַ בגד אָדער אַ פּאָר שיך.

די נייע עולים, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין לאַנד בעירום ובחוסר

כל, זיינען געגעבן געוואָרן סומעס געלט, זיי זאָלן זיך קאָנען דינגען א דירה אָדער זיך איינאָרדענען א פרנסה. געוויסע סומעס זיינען געגעבן געוואָרן בתורת הלוואה, וואָס זיינען צוריקגעצאָלט געוואָרן. עס איז אויך געגעבן געוואָרן געלטשטיצע. די הלוואות האָט דער קאָמיטעט ביי קיינעם נישט געמאָנט מיט צוואנג.

שעדלעץ האָט זיך באפרייט פון די נאצישע רוצחים דעם 22סטן יוני 1944. זינט דאן האָט דער קאָמיטעט געמאכט פארשידענע אָנשטרענגונגען כדי זיך צו פארבינדן מיט דער שטאָט. ס'זיינען געשיקט געוואָרן בריוו, טעלעגראמעס צו דער שטאָט-פארוואלטונג, צו דער אָנפירונג פון דער פּאָסט, צום יידישן קאָמיטעט אין לובלין און צו ענלעכע אינסטיטוציעס.

אין חודש פעברואר 1944 האָט דער קאָמיטעט פון „ארגון יוצאי שדליץ" גענומען אויף זיך די איניציאטיוו צו אָרגאניזירן די שעדלעצער לאנדסלייט אין דער גאָרער וועלט, אז זיי זאָלן שאפן מיטלען צו העלפן די יידן, וואָס זיינען געבליבן אין שעדלעץ גופא און די פּליטים אין ראטנפארבאנד. קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט אז דאָס אומגליק איז אזוי גרויס.

וועגן דער נויטיקייט פון אזא הילפס-אקציע זיינען געשיקט געוואָרן בריוו קיין קאנאדע, ארגענטינע, קובאַ, מעקסיקע, אויסטראַליע און דרום-אפריקע.

אין ישראל גופא (דעמאָלט נאָך ארץ-ישראל) האָבן 175 פּערזאָן זיך פארפליכטעט איינצוצאָלן זייערע אונטערשטיצונגען אויף אן אלגעמיינער סומע פון 932.200 פונט. ביז מערץ 1945 איז אריינגעפלאָסן 303.453 פונט. די אויסגאבן אויף די פּעקלעך וואָס זיינען ביז דעמאָלט געשיקט געוואָרן, האָבן באטראָפן 87.167 פונט. צו זיין הילפסארבעט האָט דער היגער קאָמיטעט נישט באקומען קיין שום שטיצע, מיטן אויסנאם פון 100 פונט, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן דורך די ארגענטינער לאנדסלייט.


א וויכטיקע פונקציע האָט דער קאָמיטעט דערפילט ביים פארבינדן משפחות. עס זיינען געזאמלט געוואָרן אדרעסן פון שעדלעצער לאנדסלייט אין ארץ ישראל, וואָס זיינען געזוכט געוואָרן פון שעדלעצער פּליטים דורך דער פארמיטלונג פון דער יידישער אגענץ אין ירושלים, „דזשאָינט" און „האיאס".

ווען עס האָט זיך איינגעשטעלט א קאָנטאקט מיט דער „שארית-הפליטה" אין שעדלעץ, האָט דער תל-אביבער קאָמיטעט אהין געשיקט

א טראנספּאָרט מצות אויף פסח, א געוויסע סומע געלט, פעקלעך קליי־
דער און א באזונדערע סומע צו פארריכטן דעם פארקן ארום בית־
הקברות און אויפשטעלן א מאָנומענט לזכר די קדושים. פון לעצטן פלאן
איז גאָרנישט געוואָרן.

די לעצטע צייט האָט דער „ארגון יוצאי שדליץ" אין ישראל זיך
פארנומען מיטן ארויסגעבן דעם יזכור-בוך, וועלכער האָט געפאָדערט א
סך מי און ארבעט, ביז דער פלאַן איז רעאליזירט געוואָרן.

חברי המערכת של „ס פ ר ־ ה י ז כ ו ר"
רעדאקציאָנס-קאָלעגיום פון „יזכור־בוך"



פון רעכטס: דוד בן־יוסף (פּאָסאָווסקי), וואָלף יאַסני,
מימין: פישל דרומי (פּאָפּאָווסקי) און יצחק כספי.

יצחק כספי

שעדלעצער יידן אין די תפוצות

פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע

די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון שעדלעץ, וואָס האָט געגעבן שוואכע מעגלעכקייטן אפילו פאר א דורכשניטלעך מאטעריעל לעבן; דער כסדרדיקער וואוקס פון אנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט געברענגט מיט זיך פּאָגראָמען, ווירטשאפטלעכן באָיקאָט און כוליגאנישע איבערפאלן— דאָס דאָזיקע שווערע יידישע לעבן האָט געבוירן ביי יעדן דעם באוואוסט־זיין, אז פאר יידן איז נישטאָ קיין אָרט אין דער דאָזיקער שטאָט. צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָבן ביי יידן אויף דער גאנצער צארישער טעריטאָריע זיך אויסגעבילדעט צוויי מעכטיקע עמיגראציע־באוועגונגען: „עם עולם", וואָס האָט געפירט אין די פאראייניקטע שטאטן און קיין דרום־אמעריקע, און „חיבת־ציון", וואָס האָט געצויגן קיין ארץ־ישראל; דאָס פּארוויסטע יידישע לאנד האָט געקאָנט ארייננעמען נאָר אידעאליסטן, וועלכע זיינען גרייט געוועזן זיך מוסר נפש צו זיין פארן אויפבוי פון א יידיש היימלאנד. דאקעגן איז געגאנגען א מעכטיקער יידישער עמיגראציע־שטראָם קיין צפון־אמעריקע, און צווישן אָט די עמיגראנטן האָבן זיך אויך געפונען שעדלעצער יידן.

די ערשטע יידישע עמיגראנטן פון שעדלעץ אין די פאראייניקטע שטאטן טרעפן מיר אָן אין יאָר 1895. די צאָל שעדלעצער עמיגראנטן איז נאָך געוועזן א קליינע, ווייל אין יענער צייט האָט מען ביי יידן אין שעדלעץ באטראכט עמיגראציע פאר א חטא. געוועזן משפחות, וועלכע האָבן זיך געשעמט מיט זייערס א זון אָדער א טאָכטער, וואָס איז אוועק קיין אמעריקע, פונקט ווי מען שעמט זיך מיט א משומד אין דער משפחה. ס'זיינען געוועזן פאלן, ווען יוגנטלעכע, מורא האָבנדיק אז זייערע עלטערן וועלן זיין קעגן זייער פאָרן קיין אמעריקע, זיינען אוועק־געפאָרן אין דער שטיל. ערשט אין א צייט ארום האָבן זיך דערפון די עלטערן דערוואוסט. ווען אזא ארט עמיגראציע האָט מען זיך געוויצלט;

מע האָט געזאָגט, אז פלוני בן פלוני איז אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע בעת ער איז געגאנגען פארמאכן דעם לאָדן. געווען פאלן, ווען עלטערן האָבן געפראוועט אבלות, געזעסן שבעה און געזאָגט קדיש נאָך א זון וואָס האָט זיי פארשאפט אזא חרפה און „עוקר" געווען.

אנדערש איז אָבער געווען די באציאונג צו אן אויסוואנדערער קיין ארץ ישראל. אזא איינער איז באגלייט געוואָרן מיט כבוד.

לויט מאָסגעבנדיקע ידיעות, איז דער ערשטער איינוואנדערער פון שעדלעץ קיין אמעריקע געווען ר' משה פוקס, א זייגער-מאכער. נאָך אים זיינען געקומען אנדערע, אָבער נישט אלע האָבן זיך דעצידירט דאָרטן צו בלייבן. א טייל זיינען טאקע צוריקגעקומען.

ארום 1906, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער שעדלעצער פאָגראָם, האָבן זיך געפונען אין די פאראייניקטע שטאטן קרוב צו 180 שעדלעצער יידן. נאָכן פאָגראָם האָט זיך די אויסוואנדערונג פון שעדלעץ פארשטארקט און איז געגאנגען ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה אין יאָר 1914.

דער ערשטער וואָס האָט זיך פארנומען מיט אָרגאניזירן די שעדלעצער לאנדסלייט אין אמעריקע, נאָך אין יאָר 1903, איז געווען יצחק-מאיר אייזענבערג. ער, צוזאמען מיט נאָך 16 שעדלעצער יידן, האָבן געגרינדעט דעם „ערשטן שעדלעצער אונטערשטיצונגס-פאראיין אין ניו-יאָרק". אין פארלויף פון יאָר 1904 זיינען די צאָל מיטגלידער געוואקסן ביז פערציק בערך. דער שעדלעצער לאנדסלייט-פאראיין, אונטער דער השפעה פון די נייע איינוואנדערער, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „ארבעטער-רינג".

דער שעדלעצער ברענטש 53 האָט געהאלטן אין איין וואקסן, אזוי אז אין יאָר 1906 האָט ער געציילט איבער פופציק מיטגלידער. די צאָל שעדלעצער, וואָס האָבן זיך שוין געפונען צו יענער צייט אין אמעריקע ווערט געשאצט ביי 200.

די פריווילעגיעס פון א מיטגליד אין שעדלעצער ברענטש 53, זיינען געווען פאָלגנדיקע: א מיטגליד האָט געקענט געניסן פון קראנקן-קאסע; טובערקולאָז-קראנקע — פון סאנאטאָריע. יעדער קראנקער מיטגליד איז בארעכטיקט געווען צו באקומען דרייצן דאָלאר א וואָך — 8 דאָלאר א וואָך פון דער קאסע פון „ארבעטער-רינג" און 5 דאָלאר א וואָך פון שעדלעצער ברענטש 53, אין פארלויף פון 15 וואָכן יעדעם יאָר; יעדער מיטגליד האָט געקענט זיין אסעקורירט ביז טויזנט דאָלאר; אין פאל פון א קראנקייט זיינען דער מיטגליד און זיין משפחה בארעכטיקט געווען צו געניסן פון בחינמדיקער מעדיצינישער הילף, וואָס מ'האָט באקומען פון די „ארבעטער-רינג"-דאָקטוירים. די שעדלעצער מיטגלידער האָבן געקענט געניסן פון אלע אָרגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, וואָס דער „אר-

בעטער-רינג" האָט געשאפן און נאָכן טויט איז ער געקומען צו קבורה אויפן „ארבעטער-רינג"-בית-עולם אא"וו.

דער שעדלעצער ברענטש 53, ווי ס'ווערט איבערגעגעבן אין „די געשיכטע פון ארבעטער-רינג", האָט זינט פעברואר 1904 ביזן יאָר 1925 אויסגעצאָלט צו 15 קראנקע און טויט-ליידנדיקע 2.500 דאָלאר, די פאר-שידענע פאָגראָם- און מלחמה-קרבנות — 1.000 דאָלאר, „האיאס" — 10 דאָלאר יערלעך, אויסערדעם — אָן איינמאָליקע שטיצע דעם „הא-יאס" — 500 דאָלאר (אויסגעצאָלט אין פארשידענע ראטעס), אלגע-מיינע שטיצע פאר פארשידענע אינסטיטוציעס אין אמעריקע — 1.455 דאָלאר *).

אין משך פון א לענגערער צייט זיינען פאָרגעקומען רייבונגען צווישן די אמאָליקע גרינדער פון „ערשטן שעדלעצער אונטערשטיצונגס-פאר-איין" און דער פארוואלטונג פון „שעדלעצער ברענטש 53, ארבעטער-רינג". לסוף איז געקומען צו א שפאלטונג: דעם 18טן פעברואר 1912 האָבן משה גארבאָווין, חיים לייב מילשטיין און דוד שפיגעלמאן צוריק אויפגעלעבט דעם ליקווידירטן „ערשטן שעדלעצער אונטערשטיצונגס-פאראיין". די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט זיך שפּעטער אָנגערופן „שעד-לעצער סאָסייעטי". לויט זיין וועזן — א קעגנזייטיקע אונטערשטיצונגס-אָרגאניזאציע, וואָס האָט אויסגעארבעט א סטאטוט, וועלכער איז אָפּ-געדרוקט געוואָרן אין פאָרעם פון א בראָשור. פון דער דאָזיקער בראָ-שור דערוויסן מיר זיך די תקנות פון דער „סאָסייעטי": ס'זיינען אָנגענו-מען געוואָרן מיטגלידער פון 18 ביז 40 יאָר לויט די פאָלגנדיקע תנאים: מיטגלידס-אָפּצאָל — 14 דאָלאר מיט 60 סענט א יאָר; העכער פון 40 יאָר, צאָלט מען איין 15 דאָלאר איינשרייבגעלט; א פערזאָן עלטער פון 50 יאָר, דארף האָבן די איינשטימיקייט פון אן אלגעמיינער פארזאמלונג, כדי צו קאָנען ווערן אָנגענומען אלס מיטגליד.

ביי דער „שעדלעצער סאָסייעטי" האָט זיך געשאפן א קראנקן-קא-סע. די, וועלכע זיינען אלט געווען 50 יאָר בעתן אָנגענומען ווערן אין דער „סאָסייעטי", האָבן נישט געקענט געניסן פון דער קראנקן-קאסע. 9 דאָלאר א וואָך אין פארלויף פון 6 וואָכן איז אויסגעצאָלט געוואָרן יעדעס יאָר דעם קראנקן מיטגליד. אויב דער מיטגליד איז נאָך אלץ קראנק געווען, איז ער בארעכטיקט געווען צו באקומען נאָך 4 וואָכן צו 4 דאָלאר מיט 50 סענט. ווען א מיטגליד איז קראנק געוואָרן, האָט ער, לויט די סטאטוטן, געדארפט מעלדן וועגן דעם שריפטלעך. צוויי מאָל אין וואָך האָט אים באזוכט א ספּעציעלער קאָמיטעט, וועלכער האָט

*) „די געשיכטע פון ארבעטער-רינג" פון א. ש. זאקס, צווייטער טייל, 1925.

געדארפט זאָרגן, אז די צייגעניש פון דאָקטער זאָל זיין אונטערגעשריבן, כדי דער מיטגליד זאָל זיין בארעכטיקט צו געניסן פון דער קראנקן־קאסע.

ביי דער „שעדלעצער סאָסייעטי" איז געווען אָנגעשטעלט א דאָקטער, וואָס האָט געגעבן בחינמדיקע מעדיציניש־ע הילף אויך דעם מיטגלידס משפחה. ווען א מיטגליד איז געזעסן שבעה, איז ער בארעכטיקט געווען צו קריגן 9 דאָלאר. בעת א שווערן מאטעריעלן מצב, ווען א מיטגליד האָט זיך געווענדעט נאָך שטיצע, האָט אים באזוכט א ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט דעם מאטעריעלן מצב פונעם מיטגליד און באשטימט פאר אים שטיצע. ווען א מיטגליד האָט חתונה געמאכט, אָדער אליין חתונה געהאט, האָט די „שעדלעצער סאָסייעטי" צוגעשיקט א דעלעגאציע צו ווינטשן אים „מזל טוב" און געברענגט א געשאנק נישט ווייניקער ווי פינף דאָלאר. ביי א טויטפאל האָבן זיינע יורשים באקומען אסעקוראציע 200 דאָלאר. 100 דאָלאר האָט געצאָלט די פאראיין־קאסע און די צווייטע 100 דאָלאר איז איינגעמאָנט געוואָרן ביי די מיטגלידער פון פאראיין, נישט ווי קיין נדבה, נאָר ווי א פליכט. אויב ווער פון די יורשים פונעם פארשטאָרבענעם האָט נישט דערפילט זיין חוב צו שטעלן א מצבה, האָט די „שעדלעצער סאָסייעטי" געשטעלט א מצבה און די קאָסטן זיינען געוואָרן אראָפּגערעכנט פון די 200 דאָלאר אסעקוראציע.

די סטאטוטן פון דער „שעדלעצער סאָסייעטי" האָבן אויך פאָרגעזען א גאנצע ריי קאָמיסיעס, ווי, למשל: אונטערזוכונגס־קאָמיסיע צו באטראכטן די ווענדונגען פון די קאנדידאטן, פינאנץ־קאָמיסיע, קראנקן־און שבעה־קאָמיסיע, לוויה־קאָמיסיע, ערן־געריכט, אא"וו.

אָט די סטאטוטן זיינען אריין אין קראפט דעם 12טן יאנואר 1921. אָבער נאָך אין 1917 האָט דער „ערשטער שעדלעצער אונטערשטיצונגס־פאראיין" געקויפט אן אייגענעם בית־עולם אויף דעם „בית־דוד" בית־הקברות אין דזשאָמייקא, לאָנג־איילאנד, ניו־יאָרק. דאָס שעדלעצער בית־עולם איז ארומגערינגלט געוואָרן מיט א נידעריקן פארקן, וועלכער האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט א טויער פון מארמאָרשטיין, קינסטלעך שיין געמאכט. די טירן פון אייזן מיט אן אויפשריפט: „ערשטער שעדלעצער אונטערשטיצונגס־פאראיין". דאָס בית־עולם האָט געקאָסט 1.600 דאָלאר, דער גדר מיטן טויער — איבער 1.200 דאָלאר.

צוויי וויכטיקע הכנסה־קוועלן האָבן געהאט דער „שעדלעצער ברענטש 53" און די „שעדלעצער סאָסייעטי": דער יערלעכער באל, וואָס עס פלעגט איינאָרדענען יעדן ווינטער די „שעדלעצער ברענטש 53" און דער יערלעכער „פיקניק" (אויספלוג) וואָס עס האָט אָרגאניזירט יעדן זומער די „שעדלעצער סאָסייעטי".

אין די יאָרן 1913—1914, איז געמאכט געוואָרן א פּרואוו אויפצו־שטעלן די „שעדלעצער יאַנג מענס און ליידים עדיוקיישאָנאל" (א יוגנט־קלוב), וואָס האָט לכתחילה געציילט ביי די דרייסיק מיטגלידער. דער קלוב האָט עקזיסטירט בלויז א האלב יאָר ביז נאָך דעם אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה, אין 1914.

בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה האָבן די שעדלעצער לאנדסלייט געשאפן דעם „שעדלעצער רעליעף-קאָמיטעט", וואָס זיין צוועק איז גע־זוען צו שאפן הילף פאר די מלחמה-געליטענע יידן אין שעדלעץ.

ביי דער גרינדונג פון קאָמיטעט איז באשלאָסן געוואָרן צו שיקן דעלעגאציעס צום „שעדלעצער ברענטש 53" און צו „שעדלעצער סאָסיי־עטי" און זיי פאָרלייגן צו באטייליקן זיך אין דער רעליעף-ארבעט, דורך שיקן פארטרעטער אין „שעדלעצער רעליעף-קאָמיטעט", כדי ער זאָל האָבן אן אויטאָריטעט צו רעדן אין נאָמען פון דער גאנצער שעדלעצער לאנדסמאנשאפט.ביידע שעדלעצער לאנדסמאנשאפטס - אָרגאניזאציעס האָבן תחילת זיך באצויגן גלייכגילטיק צו דעם ענין, נאָר אזוי ווי די אמעריקאנער צייטונגען האָבן אָנגעהויבן ברענגען ידיעות וועגן דער קאטאסטראָפאלער לאגע, וואָס עס הערשט אין שעדלעץ, איז די גלייכ־גילטיקייט פארשוואונדן און עס איז געשאפן געוואָרן א „שעדלעצער רע־ליעף-קאָמיטעט".

ביים „שעדלעצער רעליעף-קאָמיטעט" איז אָרגאניזירט געוואָרן אַן אמאטאָרן-גרופּע צו שפּילן טעאטער, צו וועלכער עס האָט געהערט: אליהו זאָנשיין, לואי אלטפעדער, מאקס רידעל, א. לעוואַרטאָווסקי, וויש־ניע, שרה קינדמאן, אהרן ראָזען און איזידאָר אזעט. זיי האָבן געשפּילט טעאטער, כדי מיט דער הכנסה צו שטיצן מלחמה-געליטענע. בעת א פאָרשטעלונג האָט שרה קינדמאן געזונגען א ליד „שענקט א נדבה" און א כאָר הינטער די קוליסן האָט מיטגעהאָלפן זינגען. נאָך אלע הוצאות, איז געבליבן 500 דאָלאר ריינע הכנסה.

אין מיי 1917, האָט דער „שעדלעצער רעליעף-קאָמיטעט" אָפּגע־קויפט א טעאטער-פאָרשטעלונג „שמע ישראל" פון אָסיפּ דימאָוו. די אונטערנעמונג האָט אריינגעבראכט א גרויסע הכנסה. די טעטיקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דעם 6טן אפּריל 1917, ווען אמעריקע האָט דער־קלערט קריג דייטשלאנד. א ביסל שפּעטער האָט דער „שעדלעצער רע־ליעף-קאָמיטעט" ווידער באנייט זיין טעטיקייט לטובת די מלחמה-געלי־טענע יידן אין שעדלעץ.


דורך דער פארמיטלונג פון „דזשאָינט" האָט דער „שעדלעצער רע־ליעף-קאָמיטעט" איבערגעשיקט באדייטנדיקע סומעס קיין שעדלעץ.

כדי צו פארגרעסערן זיינע הכנסות האָט דער „שעדלעצער רעליעף־קאָמיטעט" אָפּגעקויפט ביי מאָרים שווארצס קונסט-טעאטער א פאָר־

שטעלונג „די גרינע פעלדער“ פון פרץ הירשביין, וואָס עס האָט געגעבן א באדייטנדיקע הכנסה. דער „רעליעף־קאָמיטעט“ האָט ביזן סוף פון דער מלחמה געפירט א פרוכטבארע טעטיקייט, וואָס האָט אריינגעבראכט ביי די פינף טויזנט דאָלאר.

נאָכן שליסן שלום, האָט דער „שעדלעצער רעליעף־קאָמיטעט“ אין 1921 דעלעגירט קיין שעדלעץ אברהם יאבלאָן, וועלכער האָט מיטגעבראכט 2.000 דאָלאר פאר די אינסטיטוציעס און נאָך 5.000 דאָלאר פון אמעריקאנער פאר די קרובים אין שעדלעץ.

אין שעדלעץ האָט זיך געבילדעט א קאָמיטעט אין צוזאמענשטעל פון: יעקב טענענבוים, מנשה טשארנאָבראָדע, יצחק זייץ, יצחק אלטשו־



דער פארבינדונגס־קאָמיטעט שעדלעץ־ניו־יאָרק אין יאָר 1925
ס'זיצן: זייץ, אברהם יאבלאָן, יעקב טענענבוים.
ס'שטייען: מנשה טשארנעבראָדע, אלטשולער, פישל פאָפאָווסקי.

לער און פישל פּאַפּאָווסקי (דרומי, היינט אין ישראל). דער קאָמיטעט האָט צוזאמען מיט א. יאבלאָן צעטיילט דאָס געלט. נאָך דעם ווי דער דעלעגאט איז צוריקגעקומען קיין אמעריקע, איז ליקווידירט געוואָרן דער „שעדלעצער רעליעף-קאָמיטעט". פון צייט צו צייט פלעגן אין אמע־ריקע געמאכט ווערן געלט-זאמלונגען דורך יחידים, כדי צו שטיצן שעד־לעצער אינסטיטוציעס, ספּעציעל „עזרת-יתומים". פון 1921 ביזן יאָר 1932 זיינען פון אזעלכע זאמלונגען איבערגעשיקט געוואָרן קיין שעדלעץ א סומע פון 1.500 דאָלאר.

די שעדלעצער אין די פאראייניקטע שטאטן האָבן אויך געפירט אן אָרטיקע הילפסארבעט. שעדלעצער לאנדסלייט האָבן אין 1920 געגרינ־דעט אין אמעריקע א גמילות-חסדים-קאסע מיט דעם נאָמען „שעדלע־צער פינאנץ-קאָרפּאָריישן", וועלכע האָט געהאט 250 מיטגלידער. יעדער מיטגליד האָט אויסגעקויפט אן אקציע פון 25 דאָלאר, און אין א נויט־פאל געקאָנט באקומען א הלוואה. אין אייניקע יאָרן ארום האָט זיך די „שעדלעצער פינאנץ-קאָרפּאָריישן" אויפגעלייזט.

אין 1925 איז ביי דער „שעדלעצער סאָסייעטי" אין ניו-יאָרק גע־שאפן געוואָרן א לייקאסע, וועלכע האָט דורך אקציעס אָנגעזאמלט א באדייטנדיקן קאפּיטאל. די דאָזיקע לייקאסע האָט געפירט איר טעטי־קייט א לאנגע צייט און פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון קעגנזייטיקער הילף.


דעם 19טן נאָוועמבער 1930 איז געגרינדעט געוואָרן דער „שעדלע־צער ברענטש 53, ארבעטער-רינג, פרויענקלוב", וועלכער איז צוליב פאר־שידענע סיבות, דעם 2טן נאָוומבער 1931 רעאָרגאניזירט געוואָרן אלס „אינדעפּענדענט שעדלעצער פרויענקלוב" אין געציילט איבער 70 מיט־גלידערינס.

אין יאָר 1952 האָט דער „שעדלעצער ברענטש 53" באשלאָסן צו באטייליקן זיך מיט א גרויסער געלט-סומע אין אן אקציע אויפצושטעלן אין ישראל א געזעלשאפטלעכן בנין, וואָס זאָל פאראייביקן דעם אָנדענק פון די קדושי-שעדלעץ. א. קדיש, אן אָנגעזעענער טוער אין „שעדלעצער ברענטש 53", האָט צו דעם צוועק מנדב געווען א גרויסע סומע געלט, און צוזאמען מיט דער אסיגנירטער סומע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון דער „הסתדרות העובדים" אין ישראל א סומע פון 14.000 דאָלאר. די „הסתדרות" האָט אויף זיך גענומען די אויפגאבע אויפצושטעלן אין דער שטאָט עכו א קולטור-בנין, וואָס זאָל אין זיך ארייננעמען א קינאָזאל, א קלענערן טעאטער-זאל און אן אמפי־טעאטער אויף זומער, זאלן אויף לעקציעס פון העברעאיש און צימערן פאר די ביוראָען פון אָרטיקן ארבעטער-ראט. לויט אן אָפּשאצונג, וועט דער בנין מיט דער אויסמעבלירונג קאָסטן קרוב צו 80.000 פונט. חול־

המועד פסח, תשי״ב — 1953, איז אין דער אַנוועזנהייט פון א גרויסן אַרטיקן עולם, פאַרשטייער פון ועד-הפועל פון דער „הסתדרות״ און א קאָמיטעט פון די שעדלעצער לאנדסלייט אין ישראל פאַרגעקומען אין עכו די פייערלעכע גרונטשטיין-לייגונג פון בנין. אלע רעדנער האָבן



פישל דרומי (פּאַפּאָווסקי) באגריסט ביים לייגן דעם גרונטשטיין



אזוי וועט אויסזען דאָס קולטור-הויז ווען עס וועט ווערן פארטיק

אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון בנין אויפן נאָמען פון די קדושי-שעדלעץ, וואָס ווערט אויפגעשטעלט אין עכו, א שטאָט פון נייע עולים, א קיבוץ-גלויות בזעיר אנפין. אין נאָמען פון דער שעדלעצער לאנדס-



די שילד פון דעם קולטור-הויז

מאנשאפט אין ישראל האָט געערדט פישל דרומי. ער האָט אונטערגעשטראָכן די באדייטונג פון דער גרויסער טאט צו שטעלן אין ישראל א דענקמאָל פאר די שעדלעצער קדושים, וועלכע זיינען פארפייניקט געוואָרן אין גלות.

פראנקרייך

די עמיגראציע פון שעדלעצער יידן קיין פראנקרייך האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין יאָר 1906. נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה איז די עמיגראציע געוואָרן גרעסער. עס האָבן עמיגרירט בעיקר לעדער-ארבעטער, וועלכע האָבן אין שעדלעץ געליטן פון קריזים אין דער בראנזשע און אנטלאָפן פון די פארפאָלגונגען פון עקזיסטירנדיקן פוילישן רעזשים, וועלכער האָט געררודפט קאָמוניסטן און סתם יידישע סאָציאליסטן.

ארום 1925 האָבן שעדלעצער לאנדסלייט אין פאריז געשאפן א קאָמיטעט צו געבן יורידישע הילף יידישע קאָמוניסטן, וואָס זיינען געזעסן אין פוילישע תפיסות און כדי צו העלפן די משפחות פון די ארעסטירטע. אזא הילף איז פאקטיש געגעבן געוואָרן, עס איז צו דעם צוועק איבערגעשיקט געוואָרן געלט קיין שעדלעץ. די דאָזיקע אקציע האָט באוואויגן אנדערע עסקנים צו שאפן א לאנדסמאנשאפטס-פאראיין, וואָס זאָל זיך פארנעמען מיט אלגעמיינע ענינים פאר אלע שעדלעצער איינגעוואנדערטע.

נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן די לעבנגעבליבענע שעדלעצער לאנדסלייט אין פראנקרייך זיך אומגעקערט אויף זייערע וואוינערטער. א סך שעדלעצער זיינען אין פראנקרייך אומגעבראכט געוואָרן דורך די נאצים. די אָפּגעראטעוועטע זיינען געוועזן נאקעט און באָרוועס. דער געשאפענער לאנדסלייט-פאראיין האָט אָנגעהויבן פירן א הילף-אקציע פאר דער שעדלעצער שארית-הפליטה. די קינדער פון שעדלעצער לאנדסלייט, וואָס זיינען געבליבן יתומים, זיינען גענומען געוואָרן אונטער דער שוץ פון פאראיין. די ניי-איינגעוואנדערטע פון שעדלעץ קיין פראנקרייך האָבן באקומען שטיצע.

דער שעדלעצער לאנדסלייט-פאראיין, הגם ער שטייט אונטער דער השפעה פון א לינקער גרופירונג, האָט געשטיצט ארץ ישראל בעת די

דענקמאָל אין פראנקרייך



דער אויפשריפט אויף דעם מאָנומענט מיט די נעמען פון:
שעדלעצער, מאָרדער און לאשיצער קדושים, אין פאריז.

שעדלעצער אין פאריז



דער אויפמאַרש צום אנטהילן דעם מאָנומענט אין פאריז



די שעדלעצער לאנדסלייט אין פאריז ברענגען צו קבורה די אורנע אַש
פון די שעדלעצער קדושים.

גרויסע קאמפן, וואָס דער ישוב האָט געפירט פאר זיין באפרייאונג. עס איז געזאמלט געוואָרן א סומע פון 200.000 פראנק פאר דער „הגנה“־אקציע.

די ווייטער געבראכטע ציפערן שפיגלען אָפּ די טעטיקייט פון פאר־איין אין די יאָרן 1945—1948:

שטיצע פאר 434 פערזאָן — — — —	699,650	פראנק
באקליידונג פאר קינדער — — — — — —	360,050	„
זומער־וואוינונג פאר קינדער — — — —	169,650	„
אקציע פאר קינדערהייזער — — — —	480,000	„
„הגנה“־אקציע — — — — — — — —	200,000	„
בסך־הכל — — — — — — — —	1.909.350	פראנק

א חוץ אין די אויבנדערמאנטע לענדער געפינען זיך שעדלעצער, נישט אָרגאניזירט אין קיין לאנדסמאנשאפט, אין אויסטראליע, אין די דרום־אמעריקאנישע לענדער, אין קאנאדע און אין דרום־אפריקע. דאָרט געפינט זיך דער שעדלעצער מאקס קאזשינסקי, איינער פון די גרעסטע בעלי־צדקה פון דרום־אפריקע. ער האָט מנדב געווען גרויסע געלט־סומעס פארן אויפבוי פון ארץ־ישראל. עטלעכע צענדליק טויזנט פונט האָט ער אָפּגעגעבן דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים. אין 1934 איז קאזשינסקי געזעסן צען חדשים אין ארץ־ישראל און זיך געלערנט העברעאיש.

ישראל טאבאקמאן

שעדלעצער יידן אין בעלגיע

די שעדלעצער יידן אין בעלגיע האָבן פאַרנומען א גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. נישט געווען קיין איין געזעלשאַפט, אָדער פּאַרטיי, וואו די שעדלעצער זאָלן נישט זיין פאַרטרעטן און באַטייליקט אין די וויכטיקסטע ארבעטן.

די איינוואַנדערונג פון די שעדלעצער יידן אין בעלגיע הייבט זיך אָן נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין 1921, און פאַרשטאַרקט זיך אין די יאָרן 1927 ביז 1933. די שעדלעצער עמיגראַנטן האָבן אייגנטלעך געוואָלט פאָרן קיין אמעריקע, נאָר צוליב מאַנגל אין געלטמיטלען, אָדער צוליב אַנדערע סיבות, זיינען זיי געבליבן שטעקן צום מיינסטן אין פראַנקרייך, דאָס הייסט, אין פּאַריז, און א קלענערע טייל — אין בעלגיע, און די גרעסטע צאָל אין בריסל. זייער ווייניק אין לעזש, שאַרל-רואַגענט.

די שעדלעצער וואָס האָבן זיך באַזעצט אין בעלגיע, האָבן נישט געטוישט זייערע פאַכאַרבעטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך פאַרנומען אין שעדלעץ. אלע האָבן זיך זייער גוט איינגעאָרדנט ביי זייערע פאַכן: שניידעריי, שוסטעריי קאַמאַשנמאַכעריי, א קליינע צאָל קאַמאַשן-שטעפּער האָבן זיך געוואָרפן צו „מאַראָקינעריע", דאָס הייסט: צו דער דאַמענטאַשן-פּראָדוקציע, וואָס האָט זיך דעמאָלט אַנטוויקלט. עס זיינען אויך געווען אייניקע בעקער-ארבעטער, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף דער פּראָווינץ.

אויף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פון דער שעדלעצער לאַנדסמאַנשאַפט אין בריסל (איך געדענק נישט אין וועלכן יאָר זי איז פאָרגעקומען), זיינען מיר געווען פאַרזאַמלט ביז א 100 לאַנדסלייט; מ'האָט דעמאָלט באַריכטעט, אז שעדלעצער אין בעלגיע געפינען זיך איבער 200 משפחות. אויף דער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אז די גאַנצע ארבעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט זאָל זיין פאַר שעדלעץ און אירע אינסטיטוציעס.

די שעדלעצער אין בעלגיע, ווי שוין דערמאָנט, זיינען געווען פאַר-

טרעטן אין אלע אָרטיקע אינסטיטוציעס און פּאַרטייען, וואָס די עמיג־ראַנטן האָבן געשאַפן. א סך זיינען געווען מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „סאָלידאַריטעט" — אינסטיטוציע פון די יידישע קאָמוניסטן. א גרויסער טייל האָבן געהערט צו דער געזעלשאַפט „קעגנזייטיקע הילף" און אקטיוו מיטגעאַרבעט אין די פּרץ־שולן פון די לינקע „פּועלי־ציון". זייער ווייניק האָבן געהערט צום „בונד". איך וויל דאָ דערמאָנען איינ־קע געזעלשאַפטלעכע טוער אין בעלגיע, מיט וועלכע איך בין געווען נאָענט באַקאַנט.

ווען איך בין געקומען קיין בעלגיע, אין יאָר 1927, האָב איך דאָ געטראָפן מאיר סלושני. ער איז אין די יונגע יאָרן געווען א בונדיסט. דאָ, אין בריסל, האָט ער געהאַט א דרוקעריי, וואו ער אליין האָט גע־אַרבעט. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער קולטור־טוער, וואָס האָט פאַר־נומען זיך אין דער פרייער צייט מיט קולטור־אַרבעט. געווען א לאַנגע צייט סעקרעטאַר אין יידישן צענטראַל - האַנטווערקער - פאַרבאַנד אין בריסל. סלושני איז געוואָרן באַזונדערס באַקאַנט צוליב זיין זון, א פּיאַ־ניסט, וואָס איז באַרימט אין גאַנץ אייראָפּע און שפּילט שטענדיק אין בעלגישן קעניגלעכן הויף. ער איז א סך מאָל שוין איינגעלאַדן געוואָרן אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ. נאָך דער באַפרייאונג איז סלושני גע־וואָרן א מיטגליד פון דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון" און איבערגענומען אלע קולטור־אַרבעטן, ביי וועלכע ער איז טעטיק ביז איצט.

אברהם גוטנאָווסקי האָט איינגעוואַנדערט מיט זיין משפחה קיין בעלגיע אין 1928 און האָט זיך איינגעאָרדנט ביי זיין פאַך — קאַמאַשן־שטעפּעריי. זיין פרוי רבקה — אַן אָנגעזעענע מיטגלידערין אין שעדלע־צער „בונד", האָט אים צוגעהאָלפן צו זיין אַרבעט. זיי האָבן פאַרדינט שווער פּרנסה. אברהם גוטנאָווסקי שרייבט אויך לידער מיט א סאָציאַלן אינהאַלט. זיינע לידער ווערן געדרוקט אין די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן אין פראַנקרייך, ווי: „פרייע פּרעסע" אין פּאַריז און אין „אונד־זער וואָרט" אין בריסל. די משפחה גוטנאָווסקי האָט איבערגעלעבט א שווערן אומגליק: אין דער צייט פון שפּאַנישן בירגערקריג האָט זיך דער עלטסטער זון אָנגעשלאָסן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע און איז געפאַלן אויפן פראָנט אין שפּאַניע. בעת דער היטלער־אָקופּאַ־ציע האָט א צווייטער זון זיך אָנגעשלאָסן אין די בעלגישע פּאַרטיזאַני־שע גרופּעס, וואו די „געסטאַפּאָ" האָט אים געכאַפּט און פאַרפּייניקט. די עלטערן גוטנאָווסקי האָבן דורכגעמאַכט א שווער לעבן אין די היט־לערצייטן און ביי די אלע פּיין און צרות זיך נישט געבראָכן. נאָך דער באַפרייאונג האָט ער ווייטער געשריבן און גענומען אַן אקטיוון אָנטייל אין אויפשטעלן דעם מאָנומענט פון די שעדלעצער אומגעקומענע אין בעלגיע.

מאיר טאבאקמאן, געבוירן אין שעדלעץ אין יאָר 1912, האָט צו 15 יאָר פארלאָזט זיינע עלטערן און נאָכן פארבלייבן א קורצע צייט אין פראנקרייך, געקומען קיין בעלגיע. האָבנדיק א פועלי־ציוניסטישע דער־ציאונג איז ח׳ מאיר געוואָרן איינער פון די אקטיוויסטע חברים פון דער באַראָכאָוו־יוגנט פון בריסל און שפּעטער געווען דער אָנפירער פון דער דאָזיקער יוגנט־באוועגונג. אין דער פועלי־ציון־פּארטיי איז ער באזונ־דערס געווען טעטיק אויפן געביט פון ספּאָרט און געווען איינער פון די גרינדער פון יידישן ספּאָרטקלוב „שטערן" און דערפירט די אָרגאניזא־ציע צו דער מדרגה פון שטארקסטן ספּאָרטקלוב אין בריסל. אין 1935 ווערט ח׳ מאיר געוויילט אין פארטיי־קאָמיטעט און פירט אוים פאראנט־וואָרטלעכע פארטייאישע ארבעט. עס ברעכט אוים די מלחמה, און אין 1940 ווערט ח׳ מאיר איינער פון די גרינדער פון דער פּאָפּולערער אָר־גאניזאציע פון אונדזער ישוב — „די קעגנזייטיקע הילף". דער יונגער געזעלשאפטלעכער טוער ווארפט זיך מיט דער גאנצער ענערגיע צו העלפן די צוריקגעקומענע יידן פון פראנקרייך.

אין 1942, ווען די היטלער־בעסטיע הייבט אָן צו בושעווען אויף דער יידישער גאס אין בעלגיע, ווערט ח׳ מאיר איינער פון די אקטיווס־טע יידישע רעזיסטענץ־קעמפער קעגן די דייטשן. ער קומט אין קאָנ־טאקט מיט די אָנפירנדיקע בעלגישע פערזענלעכקייטן פון דער רעזיס־טענץ־באוועגונג און ווערט באשטימט דורך פועלי־ציון־פארטיי־קאָמיטעט צו פירן אונטערהאנדלונגען וועגן דערלאָזן א גרופּע פועלי־ציון־חברים אין דער פארטיזאנער־באוועגונג. סוף 1942, זייענדיק אין גאס אין א פארטיי־שליחות, טרעפט ער אָן א גרויסע „אָבלאווע". איינער פון די ס. ס.־לייט האָט אים באמערקט. ח׳ מאיר ווערט שרעקלעך צעשלאָגן און אָפּגעשיקט אין מאָלינער לאגער. ווען עס גרייט זיך די דעמאָנסטראציע אין טויטנלאגער, פלאנט ער און אָרגאניזירט דאָס אנטלויפן פון דעפּאָר־טאציע־צוג. ח׳ מאיר באזאָרגט זיך מיט פארשידענע כלים, בכדי צו מאכן לעכער אין דיל פון וואגאָן. דער פלאן האָט זיך איינגעגעבן. ביי א 200 יידן, צוזאמען מיטן ח׳ מאיר, אנטלויפן פון צוג. מחמת די וואונדן ביים שלעכטן פאלן ביים אראָפּשפרינגען, מוז ער בלייבן עטלעכע טעג אין שטוב. קוים זיך א ביסל פארהיילט, שטייט ער שוין ווידער ביי אקטי־ווער רעזיסטענץ־ארבעט. זייענדיק דער פאראנטוואָרטלעכער פאר דער אומלעגאלער פרעסע ביי דער פועלי־ציון־פארטיי, ליגן זייער אָפט ביי אים הונדערטער עקזעמפּליארן פון „לובר־בעלזשין", „פלאמבא", „פראן", „אונדזער וואָרט", „פרייע געדאנקע" (אומלעגאלע אויסגאבן פון די לינ־קע פועלי־ציון אין דער פלעמישער שפראך).

מיט א קורצער צייט שפּעטער ווערט אונדזער ליבער ח׳ מאיר גע־כאפּט. ווידער וויל ער אנטלויפן, אָבער עס געלינגט אים נישט. מיטן

22סטן טראנספּאָרט ווערט ווידער ח' מאיר דעפּאָרטירט, און נאָך א מאָל שפּרינגט ער פון צוג. צוריקקומענדיק קיין בריסל, ראַטן אים די חברים צו בלייבן אין שטוב. אָבער ח' מאיר קאָן זיך נישט דערלויבן אויף אזא לוקסוס; מען מוז ראַטעווען יידישע קינדער, יידישע טאַטע־מאַמעס. און אַט איז ער ווידער אין פּאַרטיי־שליחות. דאָס מאָל ביי קלעפּן לאָזונגען קעגן אָקופּאַנט, אויפרופן צו דער בעלגישער באַפעלקערונג צו העלפן די יידן וואָס שטייען מיט זיי אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן שונא.

אין ניי־יאָר (ערשטער יאַנואַר) 1943 איז ח' מאיר געווען פאַר־נומען ביים פּאַקן פּעקלעך נאַשוואַרג פאַר יידישע אויסבאַהאַלטענע קינ־דערלעך. זיי זיינען דאָך צוזאַמען מיט בעלגישע קינדער, זאָלן זיי זיך אויך פרייען מיט א „סען־ניקאָליי"־געשאַנק. אָבער די געשטאַפּאָ האָט איבערגעריסן זיין לעבן און מסירת־נפשדיקע טעטיקייט. דאָס מאָל האָבן אים די מאָלינער געשטאַפּאָ־לייט דערקענט, אז ער געהערט צו די גע־שפּרונגענע און מיט א רויטן באַנד אויפן אָרעם ווערט אונדזער חבר מאיר דעפּאָרטירט צום אומקום.

אחוץ די שוין דערמאָנטע פּערזאָנען זיינען נאָך געווען געזעלשאַפט־לעך טעטיק אויף פאַרשידענע געביטן אין בעלגיע הערש־לייב און בינע סרעברניק (היינט אין ישראל). הערש־לייב סרעברניק איז געווען אן אַקטיווער מיטגליד אין האַנטווערקער־קלוב און אין פאַרשידענע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטן אין בריסל. אויך זיין פרוי, בינע, איז גע־ווען אן אַקטיווע מיטגלידערין פון „וויצאָ", קרן־קימת, „קעגנזייטיקע הילף" און פון די פּרץ־שולן. זי האָט זיך אויסגעצייכנט ביים שאַפן פיל געלט פאַר די אַלע אָרגאַניזאַציעס.

פייוול גאַרביאַזש (היינט אין אויסטראַליע), איז געווען אן אָנגע־זעענער טוער אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און געהאַט אן אָפענע האַנט פאַר געזעלשאַפטלעכע ענינים, הגם ער אַליין האָט שווער געאַר־בעט. אברהם גוטנאַווסקי (נאָך היינט אין בריסל) האָט זיין גאַנצע ענער־גיע אַוועקגעגעבן דער שעדלעצער לאַנדסמאַנשאַפט און זייער פיל גע־האָלפן פאַר איפשטעלן דעם מאָנומענט פון די שעדלעצער אומגעקומע־נע אין בעלגיע. נאָך איין שעדלעצער וויל איך דערמאָנען פון בריסל, וואָס איז שוין היינט נישטאָ צווישן די לעבעדיקע — דאָס איז יעקל גאָ־טעסדינער. איך האָב נאָך יעקל גאָטעסדינער געקענט אין שעדלעץ אין מיינע יוגנט־יאָרן, נאָר דעמאָלט האָב איך אים געקענט אלס „יענקעלע רחמשעס", וואָס איך פלעג אים אָפט טרעפן ביי יעקב משה מאַרכביין (אָדער גרינבערג) שפּילן אין שאַך. געוואוסט האָב איך דעמאָלט, אז ער איז איינער פון די גאָר גרויסע שאַכשפּילער. אָבער אין בריסל האָב איך דערקענט א גאָר אן אַנדערן יעקב גאָטעסדינער. א ייד מיט א הדרת־פּנים. א שיינער אייראָפּעאישער ייד, מיט א ברייט וועלטלעכן באַגריף

אין אלע פראגן, סיי אלגעמיין פארטייאישע, סיי יידישע פראָבלעמען. פארשידענע יידישע קרייזן אין בעלגיע האָבן אים רעספעקטירט. ער איז געווען א באוואוסטזיניקער פרייער ייד אין געדאנק, אָבער אין זיין פירונג אין שטוב, אין דער משפחה און צווישן מענטשן איז ער געווען שטרענג טראדיציאָנעל יידיש.

נאָך זייער א וויכטיקן ענין וויל איך דאָ דערמאָנען, נעמלעך: די טעטיקייט פון די שעדלעצער אין בעלגיע פאר שעדלעץ גופא. אין די יאָרן 1940 און 1941 איז די שעדלעצער לאנדסמאנשאפט געקומען אין ענגן קאָנטאקט מיט שעדלעץ, דורך שיקן בריוו און פעקלעך אין שעדלעצער געטאָ, און מיר זיינען געוואָרן די צענטראלפאָסט פון אלע שעדלעצער אין די מערב-אייראָפעאישע לענדער; פון ענגלאנד דורך דער שווייץ און פון דער שווייץ קיין פראנקרייך און בעלגיע. אויך פון אמעריקע זיינען געקומען בריוו אויף צוויי אדרעסן, וואָס זיינען געווען באקאנט אין אויסלאנד: דאָס איז געווען מיין אדרעס, און איך גלויב, אז דער צווייטער אדרעס איז געווען הערש-לייב סרעברניקס. בריוו זיינען אָנגעקומען זייער א סך פון אלע שטעט אין אויסלאנד. אין די בריוו איז געווען אָנגעוויזן וואָס מ'זאָל שיקן צו זייערע משפחות: טיי, פעפער, געלט, אָדער אַנפראגן, צי די משפחות לעבן נאָך. אין די בריוו איז געווען בייגעלייגט אינטערנאציאָנאלע מארקעס און טיילווייז געלט. מיר האָבן געארבעט ווי א זייגער, פינקטלעך אויסגעפירט וואָס מ'האָט געבעטן. מ'האָט געמוזט אומבייטן די קאָנווערטן, איבערשרייבן די אדרעסן, פינקטלעך, וועגן דעם פעפער אָדער דער טיי, אָדער עפּעס אנדערש. און אזעלכע בריוו זיינען געווען אין די הונדערטער.

ביי די שעדלעצער איז דאָס געווען פון די הייליקסטע ארבעטן אין זייער טאָג-טעגלעכן לעבן. מ'האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז דאָרט, אין דעם שעדלעצער געטאָ, ראטעווען מען מענטשן פון טויט. אין די בריוו צוריק, אויף צוריק, וואָס זיינען נישט געווען זייער פיל, זיינען באלד איבערגעשיקט געוואָרן צו די, וואָס האָבן געווארט אויף ענטפער, און אזוי האָט מען געארבעט טאָג און נאכט און נישט מיד געוואָרן, ביז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די היטלעריסטישע רעפרעסיעס אויך אין בעלגיע. מיר האָבן זיך געוואונדערט וואָס די געשטאפאָ האָט אונדז צורו געלאָזט, אין מיר האָבן געקענט אָנפירן מיט אָט דער ארבעט. א סך בריוו זיינען געקומען צענזורירט פון דער „געשטאפאָ", אָבער גאָרנישט געריררט.

אָנהויב 1942, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווילדער געיעג אויף די יידן אין בריסל, האָב איך און סלושני באקומען איינלאדונגען זיך צו צושטעלן אין דער געשטאפאָ אויף עווענוי לואיז; געוואוסט האָט מען, אז מען רופט אין דער געשטאפּאָ, דארף מען זיך געזעגענען... און איך האָב זיך נישט געריכט, אז סלושני זאָל קומען, דאָך שוין אן עלטערער

מענטש. אָבער ווי דערשטוינט בין איך געווען, ווען איך האָב שוין דאָרט סלושנין געטראָפן. און ווען מ׳האָט אריינגעלאָזט צום פירער, א מיאוסער באנדיט, האָבן מיר געטראָפן נאָך יידן איינגעלאדענע. גערופן האָט מען אונדז וועגן דער שעדלעצער לאנדסמאנשאפט, סלושנין אלס פאָרזיצער און מיך אלס סעקרעטאר. מיר זאָלן זיי אויפקלערן וואָס פארא אויפגאבן האָט געהאט די שעדלעצער געזעלשאפט. פארשטייט זיך, אז מיר האָבן זיי אויפגעקלערט, אז דאָס איז געווען בלויז פאר שעדלעץ, צו העלפן דאָרט די אינסטיטוציעס. זיי האָבן אונדז פאָרגעלייגט ווייטער צו פירן די ארבעט. מיר האָבן זיי מוחל געווען מיטן תירוץ, אז מיר זיינען נאָר צוויי געבליבן. ווען מיר זיינען אהיימגעקומען, האָבן די משפחות גע־וויינט.

דערווייל בין איך געוואויר געוואָרן, אז די „געשטאפּאָ"־באנדיטן האָבן „איינגעלאדן", דאָס הייסט, אויפגעפאָדערט צו קומען אלע פאָר־שטייער פון די יידישע אָרגאניזאציעס. ווי אזוי זיי זיינען געוואויר גע־וואָרן ווער עס זיינען די פאָרשטייער פון די פארטייען און די אָרגאני־זאציעס פון יידישן ישוב אין בעלגיע? איך האָב זיך וועגן דעם אינפאָר־מירט און זיך דערוואוסט פאָלגענדעס: אין בעלגיע האָט עקזיסטירט א ראַט פון די יידישע אָרגאניזאציעס, און דאָרט זיינען געווען פאררעגיס־טרירט אלע געזעלשאפטן און פארטייען. דעם 10טן מיי 1940, ווי נאָר די דייטשן זיינען באפאלן בעלגיע, אויפן צווייטן טאָג, האָבן אלע מיט־גלידער פון דעם ראַט פארלאָזט בעלגיע און געלאָזט אויף הפקר דעם גאנצן ארכיוו, אפילו דעם לאָקאל נישט פארשלאָסן. דאָס אלץ האָבן די דייטשן קאָנפיסקירט און אזוי זיינען זיי געוואויר געוואָרן פון אלע יידי־שע באוועגונגען אין בעלגיע.

גלייך נאָך דעם באזוך מיט סלושנין ביי דער „געשטאפּאָ, האָבן מיר אויף מאָרגן דערהאלטן אן אויפפאָדערונג זיך צוזושטעלן מיט נאָך א חבר צו דער געשטאפּאָ אלס פאָרשטייער פון די „לינקע פּועלי־ציון" אויך מיין זון, מאיר, האָט דערהאלטן אן אויפפאָדערונג אלס פאָרשטייער פון ספּאָרטקלוב „שטערן"

ביי די פארשטארקטע רעפּרעסיעס, ווען יידן האָבן שוין אין בעלגיע נישט געטאָרט לעבן, און אלץ איז ארונטער אונטער דער ערד, האָט די שעדלעצער לאנדסמאנשאפט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

באלד נאָך דער באפרייאונג אין יאָר 1945, ביי דעם ערשטן צוזא־מענקום פון עטלעכע שעדלעצער: סלושני, טאבאקמאן, סרעברניק, גוט־נאָווסקי, גארביארזש, מענדל פּיעקארזש, זיינען מיר געוואויר געוואָרן, אז מיט די 28.000 טויזנט יידן וואָס זיינען אויסגעראָטן געוואָרן אין בעלגיע, זיינען אויך צווישן זיי געווען אריבער 100 נפשות פון די שעד־לעצער, וואָס זיינען אומגעקומען. מיר האָבן באשלאָסן ווייטער אויפצו־



דריי זין: יצחק, מאיר און חיים, די טאָכטער רחל און די שניר פון דער
פאמיליע טאבאקמאן, באקאנטן פועלי־ציון פירער, אומגעקומען
אין בריסעל דורך די נאצים.

לעבן די שעדלעצער לאנדסמאנשאפט. די גאנצע ארבעט האָט זיך קאָנ־צענטרירט ארום דעם פּלאן פון אויפשטעלן א מאָנומענט פאר די שעד־לעצער אומגעקומענע אין בעלגיע. די ארבעט איז געווען זייער א שווע־רע. אויסגעמאטערט פון דער אונטערערד־ארבעט און האָבנדיק אויפן קאָפּ די איינאָרדענונג און צוריק אויפלעבן דעם גאנצן לעבנגעבליבענעם יידישן ישוב אין בעלגיע, וואָס מ׳האָט פריער איינגעשטעלט פאר אים דאָס לעבן, איז געווען א ביסל צו שווער זיך אָפּצוגעבן מיט א באזונדער אָפּגעטיילטער ארבעט, ווי עס פאָדערט זיך פאר א מאָנומענט. און צוויי־טנס, וועמען איז דאָס געגאנגען אין קאָפּ אריין? נאָך אזא גרויסן פאָלקס־בראָך, ווען דער גאנצער קאָשמאר איז געשטאנען פאר די אויגן, וואו דאָס גאנצע לעבנגעבליבענע ביסל יידן אין בעלגיע איז געווען צונויפגע־קנוילט אויף איין אָרט, אין בריסל, אָן א העמד אויפן לייב, וואו מ׳האָט טאָג און נאכט געמוזט געבן הילף, ווי: שפּייז, מלבושים, דאָקטוירים, מע־דיקאמענטן, א דאך איבערן קאָפּ, האָט מען אייך אָנגעקוקט ווי משוגע, ווען איר האָט גערעדט וועגן א מאָנומענט פאר א פּאָר אומגעקומענע שעדלעצער; מ׳האָט דאָס באטראכט פאר אן אומזין. אָבער די שעדלע־צער האָבן באשלאָסן אזא מאָנומענט אויפצושטעלן און דעם באשלוס אויסגעפירט. און עס האָט טאקע זיך אָנגעהויבן א שווער שטיקל אר־בעט. די פראגע איז געווען, וואו שטעלט מען דעם מאָנומענט? עס איז

באשלאָסן געוואָרן צו שטעלן אים אויפן יידישן בית-עולם. איך בין באַשטימט געוואָרן צו אינטערווענירן ביי דער יידישער געמיינדע וועגן א פלאַץ פארן מאָנומענט. אויפן מאָנומענט האָבן געדאַרפט זיין, אחוץ די נעמען פון די אומגעקומענע, אויך זייערע פאָטאָס. ווען איך בין געקימען אויף דער ערשטער זיצונג פון דער געמיינדע מיטן פלאַן און געבעטן א קרקע פון צוויי מעטער פאר א מצבה פון שווארצן מארמאָר מיט א פיעדעסטאל, מיט נעמען, מיט פאָטאָס פאר די שעדלעצער אומגעקומענע, האָט מען מיך אויסגעהערט און א ווײַלע געשוויגן, און מיט א מאָל ווענדן זיך צו מיר אלע פון דער זיצונג בזה הלשון: „ווי קענט איר פאַרלאַנגען פון אונדז, הער טאבאקמאַן, אז מיר זאָלן אויף א יידישן בית-עולם שטעלן א מאָנומענט מיט פאָטאָס, להבדיל, ווי ביי די גויים?". נאָך א לאַנגער דיסקוסיע איז געבליבן, אז זיי מוזן האָבן א זיצונג מיטן בריסעלער רב, און אז דער רב וועט געבן די הסכמה, וועלן זיי דאָס דערלויבן.

איך האָב זיך נישט געפוילט און אוועק צום רב (איך האָב, לײַדער, פארגעסן זיין נאָמען. ער געפינט זיך היינט אין תל-אָביב) און אים איבערגעגעבן מיין בקשה, אים אויפגעקלערט אז עס ווענדט זיך אָן אים, אויב ער וויל געבן די הסכמה, וועט דאָס מיר די געמיינדע דערלויבן. נאָך א לאַנגן שמועס, האָט דער רב דערקלערט: „אזוי ווי איך ווייס אייער מסירות-נפש פון דער היטלערצייט, אייער אומדערמידלעכע אַרבעט אויך פון היינט, נאָך דער באַפרייאונג, לטובת דעם יידישן ישוב אין בריסל, וועל איך געבן מיין הסכמה מיט א תנאי: אָן פאָטאָס", און מיך געבעטן אויך מסכים צו זיין. איך האָב מסכים געווען און זיך געזעגנט מיטן רב. איך האָב ארויסבאַקומען א קאָנטראַקט פון דער געמיינדע אויף א קרקע פון צוויי מעטער אויפן שענסטן אָרט אויפן יידישן בית-עולם אין בריסל. איך האָב וועגן דעם באריכטעט די שעדלעצער. און דאַ הייבט זיך איצט אָן די רעכטע ארבעט פון שאפן געלט און פראקטיש אדורכפירן דעם פּלאַן. א שווערע ארבעט איז דאָס געווען, אָבער מיר האָבן אלין דאָך גובר געווען. אלע שעדלעצער זיינען מיטגעריסן געוואָרן און געהאָלפן פארווירקלעכן די אידעע פון מאָנומענט.


דורך פיל מי און ארבעט איז אונדז געלונגען צו פאראייביקן אלע שעדלעצער אומגעקומענע, און עס שטייט אויף דעם שענסטן אָרט אויפן יידישן בית-עולם אין בריסל א מאָנומענט, וואָס אונטער אים ליגן אויך באגראָבן ביינער פון לוקעווער יידן, וואָס האָבן זיך געוואלגערט ארום דער שטאָט לוקאָוו און געברענגט געוואָרן דורך די לוקאָווער לאנדסלייט. עס זיינען אויך דאָ נעמען, באזונדערס פון שעדלעצער געפאלענע פארטיזאנער. אין דעם טאָג, ווען עס איז אנטהילט געוואָרן די גראַנדיעזע מצבה, איז דאָס גאַנצע יידישע בריסל מיטגעריסן געוואָרן און אויס-

געפולט דעם גאנצן בית-עולם. דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע טרויער-אקאדעמיעס, וואָס איך האָב געזען אין משך פון נאָך דער באַ־פרייאונג. דאָס איז געווען מיין לעצטע אקציע מיט די שעדלעצער פאר מיין אָפּפאָרן קיין ישראל.

עס איז געוואונטשן, אז די שעדלעצער פון דער גאַרער וועלט זאָלן א טראַכט טאָן אויפצושטעלן א גרויסן מאָנומענט אין „יער הקדושים", אין די הרי ירושלים.



דער מאָנומענט פון די שעדלעצער אין בריסעל



דער קאָמיטעט פון די שעדלעצער אין ארגענטינע וואָס האָבן ארויסגעגעבן דאָס יזכור־בוך.
כ'זיצן פון רעכטס: ישראל ווינאָגראד, דער קאָרעקטאָר משה קאָנסטאנטינאָווסקי, משה יודענגלויבן, משה פעדערמאן, הערש אבארבאנעל.
ס'שטייען פון רעכטס: בינם פינפטער, יצחק ביסטראָוויטש, אברהם קרעדא, פייוויל ענגלענדער.

משה יודענגלויבן (בוענאָס איירעס).

די שעדלעצער לאנדסמאנשאפט אין בוענאָס איירעס

דעם 20סטן אפריל 1930, איז אין דער וואוינונג פון ה׳ בצלאל ראָזענבוים זיך צונויפגעקומען א גרופע שעדלעצער לאנדסלייט, וועלכע איז באשטאנען פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: הערשל לעווין, משה פעדערמאן, שמעון קירשמאן, גדליה סאַלארזש, יוסף ראָזענבוים, וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען אין פּוילן דורך די נאצים.

די גרופּע פון די שעדלעצער לאנדסלייט האָט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו גרינדן א פאראיין פון עמיגראנטן פון שעדלעץ, כדי די ניי־אָנגעקומענע זאָלן געפינען א ווארעם ווינקל און נישט בלייבן פרעמד אין א פרעמדן לאנד, ווי אויך זאָרגן פאר דעם אָנגעקומענעם, ארויסהעלפן אים אין פאל פון קראנקייט אא״וו.

נאָך א דיסקוסיע איז באשלאָסן געוואָרן צו גרינדן א פאראיין פון שעדלעצער לאנדסלייט עס איז אויסגעוויילט געוואָרן א קאָמיטעט פון פאָלגנדיקע חברים: הערשל לעווין, משה פעדערמאן, בצלאל ראָזענבוים, שמעון קירשמאן א״אנד.

נאָך דער ערשטער זיצונג איז ארויסגעלאָזט געוואָרן א רוף צו די אלע שעדלעצער אין בוענאָס איירעס, אז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין פאראיין. עס האָט זיך אָפּגערופן א באדייטנדיקע צאָל שעדלעצער. אָבער די מערהייט איז געבליבן מחוץ דעם פאראיין. דער קאָמיטעט האָט געמאכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, גערופן, געוועקט און אויפגעקלערט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אזא פאראיין. א ביסל איז די ארבעט געלונגען. א שטיקל צייט איז דער פאריין געווען ביי דעם חבר בצלאל ראָזענבוים אין שטוב·

ווען דער פאראיין האָט באקומען א 100 מיטגלידער, האָט ער זיך אריבערגעצויגן אין לאָקאל פון יידיש־פּוילישן פארבאנד און גענומען פירן א טעטיקייט. ער איז צוגעטראָטן רעאליזירן די אָנגעצייכנטע אויפגאבן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. עס זיינען אָרגאניזירט געוואָרן פארשידענע אונטערנעמונגען, כדי ארייננצוציען די אלע שעדלעצער וואָס געפינען זיך אין בוענאָס איירעס, דערנענטערן זיי, מאכן זיי פאמיליער און שאפן א ווארעמע אטמאָספער פאר די לאנדסלייט. די שעדלעצער

האָבן זיך גענומען פילן היימישער, נאָענטער, מ׳איז זיך אָפטער צוזאַ־מענגעקומען.

דערוויל זיינען אָנגעקומען אין בוענאָס איירעס פרישע לאַנדסלייט. דער פאַראיין איז פון אָנהייב אָן געווען פאַר זיי ווי א היים. מ׳האָט גע־האָלפן ווען מיט א גוט וואָרט, ווען מיט שאַפן ארבעט, אָדער מיט אן עצה צו וואָס זיך צו נעמען. מיט דער צייט איז דער פאַראיין אויס־געוואַקסן און גענומען טראַכטן וועגן שאַפן א קרעדיט־קאַסע, וואָס איז צו יענער צייט געווען זייער נייטיק. די פריש־געקומענע יידן פון שעד־לעץ, און אפילו תושבים, האָבן זיך גענויטיקט אין קרעדיט. די אַרטיקע בענק האָבן געפאָדערט גוטע גאַראַנטיעס פון גוט־סיטואירטע פּערזאָנען, און ביי יענער צייט זיינען געווען ווייניק שעדלעצער, וואָס זאָלן קענען געבן אזעלכע גאַראַנטיעס.

אויף א ספּעציעלער גערופענער פאַרזאַמלונג איז דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע פון שאַפן א קרעדיט־קאַסע. די פאַרזאַמלונג האָט ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו דעם ענין. מ׳האָט דיסקוטירט דעם אופן פון איינצאָלן די אקציעס, זייער נאָמינעלן פּרייז און וויפל זאָל מען קאָנען באַקומען אויף זיי.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן דעם פּרייז פון אן אקציע 25 פּעזאָס און ארויסבאָרגן אויף איר 100 פּעזאָס. עס איז געקליבן געוואָרן א צייטווייליקער קאָמיטעט צו ווערבירן אקציאָנערן. א סך מיטגלידער האָבן געצייכנט די אקציעס, ווער צו איינע, ווער צו צוויי אא״וו. אויף דער פאַרזאַמלונג איז געוואָרן געזאַמלט א באַדייטנדיקע סומע, און דער קאָמיטעט איז צוגעטרעטן צו דער ארבעט.

נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען איז לסוף געעפנט געוואָרן די קרעדיט־קאַסע און האָט גענומען ארויסגעבן די ערשטע הלוואות. דאָס האָט גע־האַט א גרויסע ווירקונג אויף די לאַנדסלייט און זיי האָבן גענומען זיך שטאַרקער פאַראינטערעסירן מיט דער טעטיקייט פון דער קרעדיט־קאַסע. מיט דער צייט איז דער קאַסע געלונגען צו באַקומען קרעדיט אין דער יידישער פאָלקסבאַנק, וואָס סע האָט דערמעגלעכט ארויסצוגעבן גרעסע־רע הלוואות. עס האָבן גענומען אריינפליסן די ראַטעס פון די הלוואות און די טעטיקייט האָט זיך אויסגעברייטערט.

עס זיינען געקומען באָרגן געלט אזעלכע לאַנדסלייט, וואָס זיינען שוין בעסער געשטאַנען, נאָר זיי האָבן געפאָדערט מער וויפל די באַנק האָט געקענט געבן, און דאָ הייבט זיך אָן די מיינונגס־פאַרשידנהייט ביי דעם קאָמיטעט. א טייל האָט געהאַלטן, אז די געבעטענע סומעס זיינען נישט דורכפירבאַר, ווייל די באַנק איז נאָך נישט אין שטאַנד ארויסצו־געבן אזעלכע הלוואות, מען מוז נאָך א שטיקל צייט פּראַקטיצירן מיט ארויסגעבן קליינע סומעס, לויט די מעגלעכקייטן פון דער באַנק, ווייל

פאקטיש איז די באנק געשאפן געוואָרן אויף ארויסצוגעבן הלוואות ביז 100 פעזעס. אָבער דער צווייטער טייל פון דעם קאָמיטעט (די מערהייט) האָט נישט געוואָלט נעמען אין אכט דיווירקלעכע לאגע און באשלאָסן ארויסצוגעבן די געבעטענע סומעס. וואָס נאָר גרויסע בענק האָבן עס געקאָנט באווייזן. דער רעזולטאט איז געווען, אז די נעמערס פון די גרויסע הלוואות האָבן נישט געצאָלט — די קאסע איז געבליבן ליידיק; מ'האָט אפילו נישט געקאָנט ארויסגעבן קיין קליינע הלוואות.

א טייל שעדלעצער האָבן גענומען מורמלען, אז עס איז נישטאָ דאָס געלט. די אקציאָנערן, וואָס האָבן געהאט אקציעס און נישט גענומען קיין געלט, האָבן פארלוירן דעם צוטרוי און גענומען פאָדערן צוריק זייער געלט. עס האָבן זיך געשאפן צוויי צדדים, און איין צד האָט באשולדיקט דעם צווייטן. די אפאטיע ביי די שעדלעצער צום פאראיין און צו דער באנק איז געוואקסן, און עס האָט גענומען גיין בארג־אראָפּ. דער קאָמי־טעט, וואָס האָט גענומען געלט אין פאָלקסבאנק אויף דער פערזענלעכער פאראנטוואָרטלעכקייט דורך שרייבן וועקסלען, האָט זיך געמוזט שאפן געלט און דעקן די הלוואות, ווייל קיין געלט איז מער נישט אריינגעקו־מען. די גרויסע נעמערס האָבן נישט געצאָלט און די קלענערע האָבן גע־נומען אָפּרעכענען די אקציעס. די קאסע איז געוואָרן ליידיק. ביי אזא לאגע איז אויסגעקומען, אז די אקציאָנערן, וואָס האָבן געהאט צו צוויי, אָדער דריי אקציעס, האָט געדראָט צו פארלירן דאָס געלט פאר זייערע אקציעס. דערביי דארף אונטערגעשטראָכן ווערן, אז אין יענער צייט האָבן די אקציאָנערן קיין סך אזעלכע סומעס נישט פארמאָגט. דער מצב האָט דערפירט צום פונאנדערפאל פון פאראיין און באנק, איבערלאָזנ־דיק א שלעכטן ביי־טעם ביי אונדזערע אלע שעדלעצער.

מיט דער צייט זיינען צוגעקומען נאָך שעדלעצער פון דער היים. די אָנגעקומענע פלעגן זיך צונויפקומען לויט דער באקאנטשאפט פון דער היים — אין פריוואטע וואוינונגען פון היימישע, וואו מען פלעגט שמו־עסן, דערמאָנען זיך פון דער אלטער היים און וועמען מען דארף פון דאָרט ארויסנעמען. די לאנדסלייט־תושבים זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין לאָקאלן געזעלשאפטלעכן לעבן. יעדער לויט זיין מדרגה: ווער אין דער ארבעטער־באוועגונג, ווער אין די ציוניסטישע קרייזן; יעדער האָט זיך זיין אָרט געפונען. א גרויסער טייל איז פארבליבן אזוי ווי אין דער אלטער היים — אפאטיש צו אלעמען; זיי האָט גאָרנישט אינטערעסירט: נישט די לאנדסלייט, נישט די געזעלשאפט און נישט די אלטע היים. אָבער דער געזעלשאפטלעך אקטיווער טייל פון אונדזערע שעדלעצער האָט ארויסגעגעבן א סך טוער פארן ארגענטינער יידישן ישוב.

נאָך דער היטלערישער יידן־אויסראָטונג

ווען די צווייטע בלוטיקע וועלט-מלחמה האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, און יידן אויף דער גאַנצער וועלט האָבן שוין געוואוסט פון דעם גרויסן אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן דאָס אייראָפּעאישע יידנטום, דעמאָלט האָבן צו אונדז אויך אין ארגענטינע געגומען אָנקומען די שרעקלעכע ידיעות פון אונדזער היימשטאָט שעדלעץ.

באלד האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט און אָנגעהויבן באַהאַנדלען די לאַגע. די פראַגע איז געשטאַנען, ווי אַזוי צו שאַפן הילף פאַר אונדזערע לעבנגעבליבענע שוועסטער און ברידער. דאָס שרעקלעכע אומגליק האָט פאַראייניקט אַלע אונדזערע שעדלעצער. זייער א גרויסע צאָל לאַנדסלייט זיינען געקומען, גרייט צו העלפן אַלע וואָס וועלן זיך נייטיקן אין הילף. עס איז תיכף אויסגעוויילט געוואָרן א קאָמיטעט, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער הילפס-אַקציע. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע חברים: אברהם קרעדא, משה פעדערמאַן, צ. ראָזענבוים, משה יודענגלויבן, יואל לעווין, הערשל לעווין, מענדל סאַפּירשטיין, מאיר מאַלאָוואַנטשיק, יעקב מאַלאָוואַנטשיק, יוסף זאַנשיין, פייוול ענגלענדער, הערש באַרבאַנעל, ש. קירשמאַן, מאָטל אַקערמאַן, איצל ראָזענבוים. אלס פאָרזיצער איז אויסגעוויילט געוואָרן פריינד אברהם קרעדא, סעקרעטאַר — משה פעדערמאַן, קאַסיר — מ. סאַפּירשטיין. צוזאַמען מיט דער קאָמיסיע האָט אויך מיטגעאַרבעט א פרויען-קאָמיסיע.

אויף דער ערשטער גרויסער פאַרזאַמלונג איז דער קאָמיטעט תיכף צוגעטרעטן אויפן אָרט צו זאַמלען געלט פאַרן הילפספאָנד. די קאָמיטעט-מיטגלידער זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן זיך באַשטייערט. דעם ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן אַלע פאַרזאַמלטע. אַזוי אַרום איז באַלד אַריינגעפאַלן א באַדייטנדיקע סומע געלט.

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט דער קאָמיטעט גענומען באַזוכן אַלע שעדלעצער, וועמענס אַדרעסן סע זיינען געווען באַקאַנט. עס איז אַלץ געטאָן געוואָרן, כדי די אַקציע אויסצובררייטערן און די הילף זאָל זיין וואָס גרעסער. אין יענער צייט איז געלונגען צונויפצוזאַמלען א גרעסערע סומע געלט. דערווייל זיינען שוין געקומען בריוו פון א קאָלעקטיוון כאַראַקטער פון די שטעט פון שלעזיען, לאָדזש, שעדלעץ א״אנד.

מיר האָבן צוגעגרייט פאַר פרויען, מענער און קינדער זעקס קאַסטנס נויטיקע מלבושים, פון וועלכע 90 פּראָצענט זיינען געווען נייע און געשאָנקען געוואָרן פון אונדזערע חברים. די זעקס קאַסטנס מלבושים זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן מיט א פוילישער שיף. שפּעטער האָבן מיר



דער דיפלאָם פון פאראייביקן די „שעדלעצער קהילה" אין ספר־הזהב

באקומען אן ענטפער, אז זיי האָבן די אלע זאכן דערהאלטן און זיי פו־נאנדערגעטיילט.

געוועזן יחידים, וואָס האָבן געבעטן הילף צו קאָנען פארלאָזן פוילן, און אז מען זאָל זיי אריבערנעמען קיין ארגענטינע, אָדער מאכן פאר זיי פאפירן. מיר האָבן פאר זיי געטאָן אלץ וואָס עס איז געווען מעגלעך. מיר האָבן געהאָלפן קומען אין ארגענטינע: א פרוי מיט א קינד, א משפחה פון דריי פערזאָן, און געהאָלפן זיי זיך איינאָרדענען. מיר האָבן אויך געהאָלפן מאטעריעל א סך שעדלעצער, וועלכע האָבן אליין נישט געהאט די מעגלעכקייט אראָפצוברענגען זייערע לעבנגעבליבענע משפחות

א ביסל שפעטער האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו פון די „די־פּי“־לא־גערן, מ'האָט געבעטן הילף אין פאָרעם פון שפייז־פעקלעך. מיר האָבן באלד געשיקט פעקלעך וואוהין עס איז נאָר מעגלעך געווען צו שיקן, מיר האָבן אויך געשיקט 500 דאָלאר קיין פאריז פאר די שעדלעצער יתומים־קינדער און מאטעריעלע הילף אויף וועגדונגען פ:ן יחידים, שעד־לעצער אין פאריז. קיין ישראל איז געשיקט געוואָרן 100 פונט דעם שעד־לעצער לאנדסמאנשאפט־פאריין, און באזונדערס פאר יחידים פון ישר־אל, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו אונדז, איז געשיקט געוואָרן שפייז־פעקלעך.

אויך פאר דער „הגנה“ האָבן מיר זיך באשטייערט מיט 1.000 פע־זעס. אזוי האָבן מיר געפירט אונדזער הילפסארבעט לויט די מאקסימא־לע אָנשטרענגונגען און לויט די מיטלען, וואָס מיר האָבן געהאט.

אזוי האָט זיך פארענדיקט דאָס קאפיטל הילפס־אקציע.

נאָך דער אקציע איז געקומען א שטילשטאנד אין דער טעטיקייט פון פאראיין. אָבער דער קאָמיטעט האָט ווייטער געפירט זיין טעטי־קייט. ער האָט איינגעאָרדנט פון צייט צו צייט אונטערנעמונגען, פאר־אייביקט די שעדלעצער קהילה דורך אריינשרייבן זי אין ספר־הזהב און איינגעשריבן מדינת־ישראל אין ספר־הזהב צום ערשטן יאָרטאָג פון איר אנטשטיין.

ביי דעם קאָמיטעט איז אנטשטאנען דער געדאנק ארויסצוגעבן א יזכור־בוך, וואָס זאָל זיין א מצבה פאר אונדזער אומגעקומענער קהילה. מיר האָבן גענומען זאמלען מאטעריאלן פאר אזא יזכור־ספר. דער קאָ־מיטעט האָט זיך געווענדעט צו די שעדלעצער אין א סך לענדער, זיי זאָלן צושיקן בילדער, צייטונגען, וואָס האָבן א שייכות מיט שעדלעץ און אויך אָנשרייבן זכרונות. מיר, פון אונדזער זייט, זיינען גרייט געווען אלץ צו טאָן, אז אזא בוך זאָל דערשיינען, נאָר מיר האָבן נישט געהאט קיין שום מאטעריאלן, לסוף איז געקומען פון ישראל די איבעראשנדיקע



די שעדלעצער וואָס זיינען בייגעווען ביים פּראָקלאַמירן דאָס ארויסגעבן דעם שעדלעצער יזכור־בוך
און האָבן באַלד איינגעצאָלט די ערשטע ביישטייערונג.

ידיעה, אז זיי באזיצן נויטיקע מאטעריאלן, זכרונות, פאָטאָ־קאָפּיעס אא"וו און זיינען גרייט צוזאמען מיט אונדז ארויסצוגעבן דאָס יזכור־בוך.

תיכף האָט זיך אָנגעהויבן אן אינטענסיווע ארבעט צוצוגרייטן די מאטעריעלע מיטלען.

דער באזוך פון אונדזער חבר הערשל בארבאנעל אין ישראל האָט צוגעאיילט דאָס דערשיינען פון דעם בוך. ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט אונדזערע שעדלעצער אין תל־אָביב און עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער פּלאן פון ארויסגעבן דאָס יזכור־בוך.

די גרעסטע אָנערקענונג קומט די שעדלעצער חברים אין ישראל פאר זייער טרייער, איבערגעגעבענער ארבעט אין צונויפשטעלן אזא רייכן מאטעריאל און געבענטשט זאָלן זיין זייערע הענט. דאָס בוך וועט זיין א גרויסער כבוד פאר אלע שעדלעצער אין דער גאנצער וועלט.

יזכור

את נשמות קדושים וטהורים
בני קהלת שדלץ
אשר הושמדו במיתות שונות
ע"י הנאצים הטמאים ואנשי בליעל
על אדמות העיר שדלץ
בסביבתה בנדודיהם ובמחנות
ההשמדה למיניהם
תהיינה נשמות המעונים צרורות
בצרור החיים של האומה
נזכור אותם לעד

לזכרון עולמים

משפחת אורז׳ל

האיש הנכבד, העסקן בצרכי ציבור באמונה, ר׳ אָשר אורז״ל;

משה אורז׳ל, חנה פירשטר — הושמדה בין 29 בנות

פליה אורז׳ל, בשה אורז׳ל

סמיק אורז׳ל, ברוניה פדרובסקי

גוטה פירשטר, סמיק ובתם שינדל-זולה

זאב פירשטר, אסתר שברץ ובעלה שאול ובניהם יגוש ותיאודור

המתאבל:

יצחק אורז׳ל ומשפחתו.

משפחת איזנשטט

אָבי היקר, ר׳ משה-אַבא איזנשטט, בן הרב פלטיאל מברזא,

אמי איטה, בת יוסף-חיים זילברצויג,

גיסי אליעזר בר׳ יעקב לוין,

אחותי פולה (פסיה) לוין ושני בניהם, יעקב וטוביה, ובתם מרים.

המתאבלים:

משפחת פלטיאל איזנשטט

מזכיר אני בזה את אָבי היקר באָדם, החסיד האמיתי והלמדן המופלג, שחינך אותי משחר ילדותי לחיבת ציון וירושלים, ה"ה: ישראל סיני ז"ל, ב"ר שמואל ז"ל, מורשה, שמת בשדלץ בכ"ה אייר, תרס"ג, והוא רק בן 58 שנים.

את אמי היקרה, אשה בעלת מעש ויעש, שבעקב השתדלויותיה ניצלו הרבה אנשים ממאסר וצרות אחרות, ה"ה: מרת רחל, ז"ל, בת ר' דוד גרינפרב, ז"ל, שמתה בכ"ח בחשון, תרפ"ט, בשיבה טובה, בעיר שדלץ.

את אָחי יקירי, **התלמיד־חכם המובהק, נוח לה' ולבריות, איש יקר־המציאות**, ה"ה מר שמואל־דוד, ז"ל, שמת בעיר שדלץ בט"ו בחשון, תרצ"ג, והוא בן 69 שנים.

את אחותי היקרה, **אשה צנועה וחסודה**, מרת נחמה, ז"ל, אשת ר' אברהם־אבא פרנקל, שמתה בורשה בכ"ג באלול, תרע"ה, בדמי ימיה.

ואלו מבני משפחתי, שנהרגו, נחנקו, או נשרפו חיים ע"י הנאצים הטמאים, ימ"ש:

גיסתי מרת חוה, אשת אָחי שמואל־דוד, ז"ל, בת ר' נתן־נטע בורנשטיין, ז"ל, מסרקומלה, עם בתה דבורה, עם בעלה משה־חיים גפן — בריסק דליטא — עם שלש בנותיהם וילדיהם ובנם ואשתו וילדיהם; את שני בניו של אָחי שמואל־דוד, ז"ל: יחיאל־מאיר ואשתו איטקה, בת ר' משה־דוד, ז"ל, וקלמן, עם שני בניהם, ואברהם־מרדכי עם אשתו ובתם.

את אחותי היקרה, עדינת הנפש, מרת רייזל־הדס, עם בעלה, ר' מנחם־מנדל, נכד הרב, האדמו"ר מביאלא, ר' דובריש לאנדאו, זצ"ל, עם שתי בנותיהם, אסתר־פרידה ומלכה ובעליהם וילדיהם, ובנם אברהם, ואשתו וילדיהם.

את אחותי היקרה, הציונית הנאמנה, מרת ליבא־סימא, ז"ל, עם בעלה מרדכי הלפרין ובנם ישראל ואשתו וילדם ובתם לילקה.

את בת אָחי שמואל־דוד, ז"ל, רבקה, עדינת־וטהורת־נפש, מסורה לציונות ולעברית, עם בעלה פינחס וויינגרטן, בן האדמו"ר מלובשוב, זצ"ל, עם שני בניהם.

את אשת בן אחותי, רייזל־הדס, מר בריש לאנדאו, ז"ל, מלושיץ, עם שני בניה ונשותיהם וילדיהם, ובתה ובעלה וילדה.

את בת אחותי הבכירה, סימא, שהיתה לנו כמו אָחות, מרת רויזלה, עם בעלה, אָשר אשכנזי, עם בנם, העו"ד, שמואל ואשתו וילדתו, ובתם סימא עם מרדכי בן־דעת, בן הרב מבילסק, עם בנם ובתם מבריסק דליטא.

את גיסי יקירי, אחיה של אשתי, נ"י, העו"ד, אברהם־סלבה, מורשה, בן ר' משה־אהרן סלבה, ז"ל, מרדום, **חבר הועד המרכזי של ההסתדרות הציונית בפולין, מיסד „החלוץ" בעלי מלאכה בפולין ועוד.**

ת. נ. צ. ב. ה. ה', נקום נקמת דם עבדיך השפוך.

המתאבל:

ישעיהו בן סיני זיידנצייג

את אלה לא נשכח לעולם

אמי היקרה, האשה הצנועה, עסקנית נאמנה, חנה פּאָפּאָווסקי,
אחותי חיה עם בעלה זאב פשעננה ושלש בנותיהם,
אחותי ברכה עם בעלה גרשון זילברברג ועם כל המשפחה הנכבדה.

הנשאר בחיים:

פישל דרומי (פופובסקי)
עם משפחתו בישראל.

נהרגו ע"י הרוצחים של היטלר ימח שמו וזכרו.

לזכרון נצח

1. אשתי האהובה **אסתר** ז"ל, בת רבקה ומרדכי **רובין** מפילב (פ. לובלין).
2. בתי האהובה **רחל (רוזא)** ז"ל, בת יהודה לייב (ליאון) גליקסברג משדליץ ובעלה אברהם הלברשטט ז"ל מלודז.
3. בני האהוב **אהרן (אדאָלף)** ז"ל, בן יהודה לייב.
4. אָחי האהוב דוב-**בעריש** ז"ל ומשפחתו מווארשה, בן נתן דוד ומלכה הדס גליקסברג ז"ל.
5. אָחי האהוב **מאיר** ז"ל מבלגיה, בן נתן דוד ומלכה הדס גליקסברג ז"ל.
6. אָחי האהוב **שלמה** ז"ל ומשפחתו מווילנה, בן נתן דוד ומלכה הדס גליקסברג ז"ל.
7. אחותי האהובה **פאליע (פריל)** ז"ל, בתה מלכה ובעלה אברהם כהנא ז"ל מברדיטשב.
8. חמותי האהובה **רבקה רובין** ז"ל, בת **רחל ומנדל בייער** ז"ל מפילב (פ. לובלין).
9. גיסתי **פאליע (פריל)** קאמיען ובנה **מנדל** ז"ל, בת רבקה ומרדכי רובין ז"ל מאטוואצק.
10. גיסי יעקב ז"ל, בן נתן דוברזינסקי ז"ל מלודז ולאה מבית שיינפלד.
11. גיסתי **ראניא (רחל)** דאברזינסקי ז"ל, בת רבקה ומרדכי רובין ז"ל מפילב.
12. בנם **איגנאש (יצחק)** דאברזינסקי ואשתו שרה מבית שץ מווארשה.
13. דודי האהובים **מאיר ויעקב** כהנא ז"ל עם משפחותיהם, בני מנחם שלמה וחנה רבקה כהנא.
14. דודתי **איטקה מינץ** ז"ל, בתה של אבי זקני מנחם שלמה כהנא וחנה רבקה מבית אורזל.
15. בת דודי שרה ז"ל רוקח עם 2 בנותיה, בת מאיר כהנא ז"ל ופייגע מבית גינצבורג ז"ל.
16. גיסי האהוב אברהם בן יעקב והודל (מבית מרגלית מברדיטשב) כהנא ז"ל.

מבכה מרה עליהם(ן) ועל נשמותיהם(ן) הקדושות.

יהודה לייב (ליאון) גליקסברג משדליץ

עכשיו תל־אביב, רח. אלנבי 95. ת. ד. 1903.

לזכרון נצח משפחת דומב

מנדל דומב — נפטר בגיטו — 22-8-42
רחל דומב־שפירא — נפטרה בגיטו — 22-8-42
חוה דומב אקרמן
יהושע אקרמן } הושמדו 22-8-42
עודד אקרמן (הבן)
יוסף דומב עם אשתו פניה — נפלו בבריסק דליטא.

המתאבלים:

שמואל ושרה אלוני (דומב)
בלה אלוני
שמחה אלוני ומשפחתו
שרה ברגמן־דומב

מצבת עד!

לזכר אבותינו היקרים הבלתי נשכחים:
ר' **נפתלי הרץ** בן מרדכי **הלברשטדט**, ז"ל.
ינטה־גיטל בת ישראל־דב ליברנט־הלברשטדט, ז"ל.
שנרצחו בהשמדה האחרונה של גיטו שדליץ (פולין) בימים כ'־כב' כסלו תש"ג/5703 (29.11—1.12/1942).
אחותנו רויזה וגיסנו יוסף ציטרין ובנם מרדכי ז"ל.
שנהרגו בחיסול הגיטו בורשה בימים יג'־יט' ניסן תש"ג/5703 (18—24.4/1943).

המנציחים:
ישראל הלברשטדט ומשפחתו— בישראל.
הניה (נולקה) הלברשטדט־טייטל — בישראל.
שמואל הלברשטדט ומשפחתו— בארצות הברית.

לזכרון עולמים!

קברותיהם של הורינו היקרים והנכבדים ר' פייבל־שרגא בן אברהם גרינשפן, ז"ל, שנפטר בורשה ביום י"ד כסלו תרצ"ח/5698 (18.11/1937); מרים־שרה בת אברהם זילברצאהן־גרינשפן, ז"ל, שנפטרה בורשה ביום י"ח אדר א' תרצ"ו/5696 (12.3/1936); אחינו אברהם גרינשפן, ז"ל, שנרצח בשדליץ ב־י"א אלול תר"פ; אחינו יעקב (יאנעק) גרינשפן ומשפחתו ז"ל, שנהרגו בגיטו שדליץ ט'־י"א אלול תש"ב; אחינו יצחק (עדעק) גרינשפן, ז"ל, שנפטר בגיטו שדליץ כ"ו טבת, תש"ב, ומשפחתו, ז"ל, שנהרגה בגיטו; אחותנו פריל (פוליה) גרינשפן־צייטלין ובנה ז"ל; אחותנו שיינדל (סטאשא) גרינשפן־הרלצברג ז"ל; אחותנו בלימה (מלבינה) גרינשפן.

המתאבלים: היחידה שנשארה בחיים מכל המשפחה הענפה רחל (לוניה) גרינשפן־הלברשטדט ובעלה ישראל הלברשטדט עם בתם מרים בישראל.

משפחת הלברשטדט

נחום הלברשטדט — הובל לטרבלינקה: 42—11—25

איטקה הלברשטדט לבית רובינשטיין — הובלה לטרבלינקה: 42—11—25

הירש הלברשטדט — נהרג עם משפחתו בורשה

ישראל הלברשטדט — נפטר בגיטו שדלץ: 41—12—9

ד"ר הלנה פפאו — נרצחה: 42—8—22

משפחת גולדפרב

הינך גולדפרב — הובל לטרבלינקה: 42—11—25

רחל גולדפארב, לבית ברנר — הובלה לטרבלינקה: 42—11—25

חיה ויצרשול לבית גולדפרב — נהרגה בורשה

ליב גולדפארב — נפטר בורשה

סימה יעקובוביץ', לבית גולדפרב — נרצחה בורשה עם בעלה

אָשר גולדפרב — נפל בחודש אוגוסט בההתקוממות הכללית הפולנית

המתאבלים מר:

הניה ומשה הלברשטדט ובניהם,
בלומה גולדפרב ודוד שדרוויצקי

תל־אביב, מדינת ישראל

הזכרת נשמות

הננו מבכים מרה את מות יקירינו, את מות אָבינו מורנו ד"ב, ז"ל, היקר והענו באָדם, את מות אחותנו דבורה, ז"ל ובני משפחתה, ואת מות צעיר אחינו יעקב, ז"ל, ובני משפחתו, שניספו ומתו מות קדושים בידי המרצחים הנאצים הטמאים.

זכרם היקר לא יימחה לעולם מליבנו !

מרדכי ושרה טמקין.

הנאהבים והנעימים בחייהם

אָבינו, החסיד והישר באדם, יו"ר ועד בנק הסוחרים, ר' קלמן פרידמן, ז"ל.

אמנו, המשכילה והצנועה, מרת רחל (לבית פולמן), ז"ל, שנרצחו ונשרפו מטרבלינקה.

אחיותינו פייגעלע, תמימת-הדרך, עובדת ה„טאז" ובית החולים בשדליץ, ודינה'טשע, הצעירה ובעלת-החן, שלא חפצה להפרש מההורים, שנרצחה בשדליץ.

זכרם לא ימוש מקרבנו !

הנשאָרים בחיים:

הבנים: **אברהם, מנחם וזכריה ומשפחותיהם** (בישראל).

והבת: **לאה'טשע ומשפחתה** (מבילה, גרינבוים, בפריז).

לזכרון עולמים!

משפחת זלצשטין: ישראל, אסתר־מלכה:

יצחק (אידל), צלובה, לוי גוטגלד, רחל, שרה.

משפחת וימן, בונים — מאשא:

שמואל, וירה, יעקב, אהרן, מרים, פרידה, הינך וגוסקי, מנדל, הניה, יוסף גוטגלד, פליה, זלמן רוטפלד, היהלע, אברהם, חנהקה ממשפחת פרשטר.

הרשל לדרמאן ומאשא

אטקה ואהרן גרשטיין, שמחה, גיטל והילד.

המתאבלים מר:
משפחת וימן דוב,
משפחת זלצשטיין שלום,
משפחת לעדעמאן דוב.

משפחת מורדסקי

אָבי היקר והחביב, ר׳ אהרן בן אבא מורדסקי

אמא רייזל

אחותי חייה

אחותי שינדל

אָחי יעקב

אחותי פיגלה

לא אשכחם לעד

ישראל מורדסקי ומשפחתו.

לזכרון עד

אָבינו והסבא, ר׳ יצחק אסמן, שנפטר בשנת 1931,
אריה-ליב בן יצחק אסמן, שנפטר עם אשתו חנה בת דוב בגיטו שדלץ,
בינה אסמן ומשפחתה
שמאי אסמן ומשפחתו
משה, אברהם וחיים.

יעקב גולדברג, שנפטר בגיטו,
מירל גולדברג, שנרצחה ע״י הנאצים עם ילדיה,
חיים גולדברג ומשפחתו,
פייוול גולדברג ומשה גולדברג.

המתאבלים שנשארו בחיים, וזכרם של יקיריהם לא ימוש מקרבם לעולמים:

שמחה אסמן ומשפחתו (בארצות הברית)

גבריאל אסמן ומשפחתו (בארצות הברית)

לאה פרפל ממשפחת אסמן ומשפחתה (בישראל)

ישראל אסמן ומשפחתו (בישראל)

שרה פרידמאן, ממשפחת גולדברג (בישראל)

מצבת־עד

לזכר אָבינו האָהוב, ר' חנוך־העניך שטיינברג, זצ"ל, הישר והיקר באָדם.
לזכר אחותנו האהובה, רחל שטיינברג (גולדברג), ז"ל,
אשר הובלו לטבח ע"י נוגשים היטלראיים טמאים, בשנת תש"ב
(את אָבינו מעיר שדליץ ואת אחותנו מעיר ורשה).

מבכים מרה:

משה שטינברג — ישראל — תל־אָביב
יהודה שטינברג — קוסטאריקה — סאן־חוזה
שרה שטינברג (אלוני) — ישראל — תל־אָביב
אברהם שטינברג — ישראל — תל־אָביב

מצבת־עד

לזכר הורי האהובים והיקרים:
ר' יעקב סטבקובסקי, ז"ל,
אסתר סטבקובסקי, ז"ל.

לזכר אחיותי האהובות והנאמנות:
חייה סטבקובסקי
איטקה "
טובה "
פרלה "

אשר מצאו את מותם תחת המגף ההיטלראי הטמא, בשנת תש"ב, בעיר שדליץ.

מבכה מרה:

בתם ואחותן היחידה **סימה סטבקובסקי (שטינברג)**,
(ישראל, ת"א), ובעלה **אברהם שטינברג**.

מצבת־זכרון

לזכר יקירינו הבלתי־נשכחים:

שרגא בן יואל־הירש מנדלסון

רוזשה

משה

מיכל

חיה

המנציחים:

משפחת מנדלסון (ישראל)

צום אייביקן אָנדענק!

שלום בן יצחק־אייזיק,

בלומה־מאלע בת יחיאל,

אריה־לייב,

הייהלע מורגנשטרן.

אליעזר בן מרדכי קליינלרר,

גולדה בת שלום,

מנחם מנדל,

שולמית.

משפחת מורגנשטרן

צום אייביקן אָנדענק!

ברוך־מרדכי קליימאַן, געשטאָרבן דעם 26-5-41, אלס קרבן פונעם היטלעריסטישן רעזשים.

העניע קליימאַן — דערשאָסן דורך דער געסטאַפּאָ אין שעדלעץ דעם 6-9-43.

לייב (לוטעק) קליימאַן, ארויסגעפירט קיין טרעבלינקע, אין שרעקלעכן שבת, דעם 22-8-42.

הערש (שוניא) קליימאַן, דערשאָסן דורך דער געסטאַפּאָ דעם 22-8-43.
מלכה־קריינדל (קרישא) גאָלדפינגער, דערמאָרדעט דורך אַ. ק. — די פוילישע אקאָוצעם — 2 וואָכן פאר דער באפרייאונג.

שלמה־זלמן גאָלדפינגער,
פריידע גאָלדפינגער,
רחל גאָלדפינגער (גורפינקל), מיטן מאַן און קינד.

שרה גאָלדפינגער (קיניגסבערג), מיטן מאַן.

מאשעלע גאָלדפינגער
24-8 ארויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע דעם 3טן טאָג פון דער ליקווידאציע פון שעדלעצער געטאָ.

מישל גאָלדפינגער —
געשטאָרבן דעם 9-2-42

מלך (מאקס) רובינשטיין —
ארויסגעפירט קיין טרעבלינקע צוזאמען מיט זיין שוואָגער לייב קליימאַן דעם 22-8-42

חנא־לייזער רובינשטיין —
דערשאָסן דעם 31-8-42

וואָלף גאָלדפינגער און פרוי שרה (קליימאַן) און קינדער.

רחל רובינשטיין (קליימאַן) (ישראל).

מצבת־עד

לזכר הבן והאח **אריה־ליב פסובסקי**, בנו של החזן ר׳ יוסף־דוב, ז״ל.

נפל בחזית הרוסית־גרמנית כקצין בצבא האדום בקרב, בקרבת העיר ביאליסטוק — בח׳ באב, תש״א.

נקבר בבית־הקברות היהודי בעיר וולקוביסק.

משפחתו הושמדה בעיירהברינסק.

זכרם ישאר ברוך!

המנציחים:

האם: **צביה פסובסקי**
האחים: **דוב בן יוסף ומשפ׳**
דניאל „ „ „
נתנאל „ „ „
מיכל „ „ „
מדינת ישראל

צום אייביקן אָנדענק פון מיינע טייערע און געליבטע עלטערן, דוב און הייה־ליבע פינקלשטיין, שוועסטער און שוואָגער ברוך סורביץ און קינד פרידקע (פון זשאמבריוו), ווי אויך אלע מיינע אייגענע, קרובים און פריינד — קרבנות פונעם נאצי־רעזשים.

די איינציק־פארבליבענע

דינה פינקלשטיין (ראנעץ)

ישראל, רמת־גן, רח׳ מעגל, 12

צום אָנדענק פון די נישט־פארגעסענע

צלאל און דבורה מיט די קינדער,
די קינדער פון מענדל און רחל טאבאקמאן, וואָס זיינען אומגע־קומען אין געטאָ.

בערל שיוואק און אסתר מיט די קינדער;
הנא, מיט די קינדער,
העניע מיט די קינדער
אומגעקומען אין געטאָ.

הודעס מיטן מאן און קינדער, אומגעקומען אין מארד.

די קינדער פון זעלדע און מענדל שיוואק.

פאראייביקן:

ישראל טאבאקמאן און זיין שוועסטער ראָזענזומען.

לזכר־עולם!

ר׳ ישראל רוזנבלום (בירציהער),
העסקן הדגול והמסור לעניים,
התפרסם כיו״ר חברת „בית־לחם״,
עסקן ב„מזרחי״.

הרשל רוזנבלום ואשתו הנה,
משה רוזנבלום, רחל רוזנבלום
(קוטלרסקי), רייזל רוזנבלום,
פרימט רוזנבלום — כלם נרצחו ע״י
הנאצים הטמאים.

המתאבלים מר:

דבורה קריז ובעלה
יצחק והילדים
בארץ ישראל

לזכרון נצח למשפחתנו היקרה זלוטובסקי

ההורים:

אבא: ישראל.
אמא: מרים (מאיה).
האחיות: נחמה (ובעלה הינך זינשיין והילדים).
מינה (ובעלה יעקב קמיין והילדים).
פיגלע.
האח: יצחק.

ז״ל

נמסר על ידי האחים:
דוד ואברהם — חיפה, ישראל
מיכל — פרים, צרפת
האחות: **רוזה** — מינסק, רוסיה

צום אייביקן אָנדענק

מיין נישט-פארגעסענע, טייערע און ליבסטע משפחה

די עלטערן: ריצה און אהרן־יצחק שמוקליארזש — אומגעקומען אין שעדלעצער געטאָ;
ברודער: אליעזר שמוקליארזש און זיין פרוי לאה און קינדער — געפאלן אין שעדלעץ;
שוועסטער: העניע יעלען מיט איר מאן דוד און קינדער — אומגעקומען אין ווארשע;
ברודער: דוד — אומגעקומען אין שעדלעץ;
שוועסטער: אסתר — אומגעקומען אין א דאָרף, ביי שעדלעץ;
מיינע פעטערס: ברוך־מרדכי שמוקליארזש און דוד שמעון שמוקליארזש, מיט זייערע פאמיליעס.
מיין מומע: הנה־רחל גרינבוים, מיט איר מאן נתנאל און די משפחה פון מיין ליבער מוטערס צד. מומעס און פעטערס;
פייגע און משה ביאלילעוו מיט זייערע קינדער.
דבורה און אברהם גערשט, מיט די קינדער.
העניע מיט איר מאן און קינדער.
משה בערגמאן, מיט זיין פרוי שרה און קינדער.

די פארבליבענע אין ווייטיק, וואָס פאראייביקט זייער אָנדענק:

רחל שמוקליארזש—וויינשטיין, מיט איר מאן **אברהם און קינדער** (אין ישראל).

נר נשמה

לזכרם הקדוש של בני משפחתי היקרים, שנרצחו ע"י הנאצים הטמאים ועוזריהם.

ההורים: אריה ואלטה־שרה אורלנסקי.

האחים והאחיות: ישראל, פישל, בתיה, חנה, צביה וצאצאיהם.

מוקדש דף־זיכרון זה בהערצה ובאהבה

ע"י **יהושע אורלנסקי.**

ב"ה

לזכרון משפחות קרמרזש בשדלץ

א. ר' צבי מנשה בן ר' טוביה ז"ל קרמרזש (ר' הרשל טוביה'ס) מרחוב דלוגה 16, תלמיד חכם גדול, חסיד ועסקן באמונה.

רעיתו מרת מרים בת ר' ישראל יעקב הכהן ז"ל.

ב. ר' מרדכי בר צבי מנשה, ז"ל, קרמרזש (ר' מאָטל קרמרזש) מרחוב אולעינא 3, תלמיד הכם, חסיד וירא שמים, בעל מידות טובות, עסק בהצלת יהודים בימי השואה בשדלץ. (ראה שיר „המציל" מאת המשורר שאול בספר „למועד", אשר הוצא מטעם „המזרחי" בהוצאת הרב בר־אילן ז"ל בשנת תש"ז, דף 89: „בשדלצה המופצצת כליל, חומה נותרה ומציל, יהודי נפלא וכו' ואת האחרים הציל ולא ניצל המציל").

רעיתו מרת פיגה ז"ל לבית פאפיר.

הי"ד ותנצב"ה

המתאבלים עליהם:

הרב שמואל מנחם קרמש־כנעני וב"ב, משק גבת, ישראל. בנו של ר' הרשל טוביה'ס ואחיו של ר' מאָטל קרמש.

מר יהושע קרמש ורעיתו חנה שרה לבית ריזה, קרית־חיים, רח' ע"ב 45, בנו של ר' הרשל טוביה'ס, ז"ל, ואחיו של ר' מאָטל קרמש, ז"ל.

מר שמחה בונם קרמש ורעיתו אסתר שרה לבית לובלינר ובניהם, חיפה, רחוב סירקין 38, בנו של ר' מאָטל קרמש ונכדו של ר' הרשל טוביה'ס.

מרת מינדל קרמש־שינפלד, גבעת עליה וב"ב, בתו של ר' מאָטל, ז"ל, וכו'.

מר דוד קרמש־כנעני וב"ב, קבוצת מעגן מיכאל, בנו של ר' מאָטל, ז"ל, וכו'.

(הבן יעקב, ז"ל, נפל בשנת תש"ח במלחמת השחרור בקרב על טנטורה, הי"ד).

לזכרון משפחת לובלינר בשדלץ

ר' נחום־זאב לובלינר, ז"ל,

רעיתו מרת סימה, בת ר' איצ"ה טבקמן,

בניהם: יהושע, אברהם, הניה, חיה וחנה.

הי"ד ותנצב"ה

המתאבלים עליהם:

בתם ואחותם אסתר שרה, רעיתו של מר שמחה בונם קרמש, חיפה, רחוב סירקין 38.

לזכרון משפחת ריזה בשדלץ

ר' יצחק אהרן, ז"ל, ריזה,

רעיתו מרת רבקה, ז"ל,

בניהם: ישראל, סערקא (פיענקנאוויעש), טויבא (גינגולד), חיה (שמילינה), ואסתר (גוטהלף).

המתאבלים עליהם:

בתם ואחותם חנה שרה קרמש, רעיתו של מר יהושע קרמש, קרית חיים, רחוב ע"ב מס' 45.

לזכר עולם לאָבינו ולמשפחתו

שהושמדו ע״י הנאצים הטמאים, בחודש אלול, שנת 1942, בשדליץ.

בונים ריבק, בן אברהם־יצחק
מאיר ריבק, בן אברהם־יצחק
אשתו וילדיהם.

ברוך עם אשתו וילדיהם;
אברהם שליפקע בן יצחק
עם אשתו וילדיהם.

מאיר שליפקע, עם אשתו וילדיהם.

זלמן שליפקע, בן יצחק, עם אשתו וילדיהם.

המתאבלים מר:

אשתו מלכה ריבק, ובניהם ונשיהם
ונכדם והאחים — משפחת ריבק.

לזכר עולם להורינו ואחינו, שנרצחו ע״י הנאצים בעיר שדליץ

יעקב־צבי, בן אריה גליצקי,

בילה־אידם, בת משה־זאב,

מאָטל, בן יעקב־צבי,

דוד, בן יעקב־צבי.

המתאבלים מר, שנשארו בחיים:

הבנים עם נשיהם

הבנות עם בעליהן

והנכדים —

משפחת גליצקי בישראל

זכרון עולמים

הורינו

אבא: **חיים ברנהולץ,**
אמא: שרה,
אחינו: משה,
האחיות: הנטשה וגיטל.
אמא: **באשה וישניה,** אח שלמה,
האחות: לאה.

המנציחים:
אליעזר בר חיים (ברנהולין)
חוה לישניה - בר חיים (חיפה)

לזכר אהרן ואיטקה ליברנט וילדיהם,
שרה וצבי רובינשטיין וילדיהם,
דובה ושאול ברנהולץ וילדיהם,
ישראל והיה ליברנט וילדיהם,
בנימין ליברנט.

המנציחה:
גילה בינשטוק (חיפה, ישראל)

אבי מורי, **ר' אברהם־צבי סרברניק,**

אמא: שפרינצה,

אחיות: דשה ובילה.

המנציח:

ישראל סרברניק (ישראל)

לזכר

אמא: **רבקה קירשנבוים,**

האחים: מרדכי, יהושע ושלמה,

האחות: פיגה.

המנציח:

הנינא הוד דבני קירשנבוים

נר תמיד

לזכר אבי: יצחק אורוז"ל,
אמא: שרה־שפרה,
אחותי: דובה,
אחי: מתתיהו.

המנציח:

ראובן אורזשל (בישראל)

לא אשכח

את אחי: **בן־ציון קמינני,**

אחיותי: אסתר ורשקה קמינני.

המנציח:

אברהם קמינני (חיפה)

לזכר **אמא נחמה בינשטוק,**

האחיות: איטקה וינטה,
רחל והרצל טיבלום וילדיהם,
הנה ואליעזר זשירוביץ וילדיהם.

המנציחים:

האחים צבי ואברהם
בינשטוק (חיפה)

זכרון

לאחי: **ברוך שפירא**

ואחותי רשקה.

המנציח:

אלכסנדר שפירא (חיפה)

לא נשכח את יקירינו לעולמים!

לזכר אבי מורי: **מתתיהו אובוגי,**

אמא: חנה,

האחיות: גיטל, רבקה, חינקה, חייה ופרל,

האחים: יעקב, ליבל ויוסף.

המנציח:

יחיאל אובוגי (חיפה)

לזכר אבי: **אהרן דרוזשנסקי,**

אחותי: שינדל,

סבא: ר׳ מנדל,

וסבתי: רחל.

המנציח:

ישראל דרוזשנסקי — (חיפה)

מצבה

אבי: **ר׳ אברהם ריבק,**

אמי: גיטל,

האחים: הרשל ובריש,

אשתי: מנוחה,

ובני יקירי: דוד.

המנציח:

מרדכי ריבק

זכרון עד

לאמא: **זלטה־אסתר מיסטר,**

אחיותי: פרל־חנה, בריינדל,

האחים: יעקב, ישעיהו.

המנציח:

מנחם מיסטר (ישראל)

לזכרון עולמים!

הורי: **אשר יובילר**

ורעיתו **צביה,**

אחי: משה, מאיר־שלום והינך,

אחותי: אסתר (ובעלה בן־ציון).

המנציח היחיד שנשאר מהמשפחה:

אברהם יובילר־צורף

ומשפחתו (בישראל)

תנצב״ה

לזכר הקדושים:

הורי: **משה ברנפלד ואסתר־פיגה,**

אחי: שלמה, זליג, לייבל,

אחיותי: איטקה, מינדל, חינקה, אלטקה וכל המשפחה שלי,

ר׳ נחמן בעראנעק

ורעיתו רבקה־פערל.

המנציחים:

דוד ברנפלד,

פריידה ברנפלד (בעראנעק)

יהודה בעראנעק (מדינת ישראל)

לזכור עולם

אבינו: **אברהם** בן שמואל **צציקים**

אמנו: הינדה ״

אחותנו: שפרה ״

אחינו: שמואל ״

אחותנו: גיטל ״

״ ברינה־רבקה ״

״ חנה ״

המתאבלים:

דוד צציקים ומשפחתו

פישל ומשפחתו

לזכור משפחת יברבוים

אבינו: **מתתיהו־מנשה יברבוים**

אמנו: **רבקה** ״

אחותנו: לאה ״

אחינו: יצחק ״

״ שמעון ״

״ חיים ״

המתאבלים:

מרדכי ומשפחתו,

שרה וולפלינג ומשפחתה

משפחת סוכוזבסקי

אבי: **משה־מאיר סוכוזבסקי**

אמי: **הינדה** ״

אחי: מרדכי (מקס) ״

״ אשר ״

״ ברוך ״

המתאבל:

אברהם סוכוזבסקי

(בישראל)

משפחת נאוצ׳יצ׳ל

אבי: **הרש־לייב**, בן חנה־שפרה,

אמי: **דבורה**

אחי: יעקב

״ שלום־מאיר

״ אברהם־יוסף

אחיותי: שרה, פיגה.

המתאבלים מר:

חנה נאוצ׳יצ׳ל־צפוני,

עם משפחתה (ירושלים)

לזכרון נצח

האב: **אייזיק צ׳רניברודה**

אמא: **רחל**

האח: **בונים** (ואשתו וילדיהם)

" **משה**

" **חיים**

המתאבלים מר:

שרה עם בעלה

ובנה יעקב,

צשקה עם בעלה

גם הם בין הששה מיליונים

החסיד המכובד, **ר׳ ליב ליסטיק** ורעיתו, שנרצחו בורשה;

בנם, שהקדיש את כל השנים להרעיון הציוני, יוסף ורעיתו, שנרצחו בסיטיץ;

בתם היחידה שיינדל עם בעלה ושני ילדים, שנרצחו בורשה.

המתאבל:

בנם היחיד שנשאר בחיים:

דוד ליסטיק עם אשתו

ובנם (בתל־אביב).

לזכר עולם

אמא: **פרידה נוסבוים,**

אחי: שמריל, עם אשתו אסתר והילדים,

אחותי: חנה ובעלה, חיים ברג ובנם דוד,

אחי: שמחה,

אחותי: מינה ספציסקה עם בעלה וילדם משה, שנרצחו בברנוביץ׳

הנשאר בחיים:

שמואל נוסבוים

(בישראל)

לזכר

אבי: **נחמן־נטע שקלרז׳**

אמי: **הניה־בריינה**

אחי: חיים־אהרן (עם אשתו ציצה, ממשפחת סוקניק וילדיהם),

אחותי ובעלה: רבקה ונתן שקלרז׳

בת דודתי: חיה, ממשפחת מוקובוצקי.

המתאבל:

יעקב־צבי שקלרז׳

עם אשתו.

זכרון עולמים

משפחת זליקוביץ׳

אמא שלי: פרידה־רבקה־רחל,

אחים שלי: ישעיהו־בנימין ומשפ׳, משה־זעליג ומשפ׳, יהודה־לייב ומשפ׳, פינחס, דוד.

אחותי: זלאטע־איטקע טייבלום ובעלה ישראל טייבלום ומשפ׳.

משפחת רוטברג

הורי: אליהו־חינך ופסיה;

אחי: יצחק ויעקב ומשפחותיהם;

אחותי: זלאטקע פארבשטיין ובעלה יצחק ומשפחתם;

אחי: אברהם, שנפטר בשנת 1937.

הורי: יעקב וגיטל לובלסקי.

אחי: מנחם, שמאי ושלום.

המנציחה:

עליזה לובלסקי (אלפרט)

צום אייביקן אָנדענק

פון מיין ליבער פרוי און קינדער, וועלכע זיינען אומגעקומען אין שעדלעץ דורך די היטלער־מערדער:

חנה בת יעקב; יעקב בן שמחה, פריידע־דינה, יצחק, ראובן, שרה־לאה.

אין טיפן טרויער פארבליבענער מאן און פאָטער:

שמחה שליפקע (ישראל)

צום אייביקן אָנדענק

אונדזער ליבן חסידישן פאָטער, ר׳ **משה קליינלערער**, זון פון ר׳ **חיים שוחט**, ז״ל — געשטאָרבן אין אָנפאַנג קריג אין שעדלעץ.

די קלוגע מוטער: **איטקע**;

שוועסטער: **חנה** און **רחלע** און ברודער: **יצחק**.

ברודער **בנימין** און פרוי **דאָבע** (פון דער היים: צוקער);

די מומע **אסתר לעווין** (אומגעקומען אין פאריז).

די לעבן־פארבליבענע:

שרה קליינלערער (מאָרדעכאָוויטש) (ישראל);

מומע רבקה מאנדעלמאן (אמעריקע);

בנימינס קינדער: בעטי, משה אין אסתרס טאָכטער, עווא (אין פאריז).

מודעת־אבל

ברגש של כבוד ויראה אָנו, הנשארים בחיים מכל המשפחות בשלמותן ועל כל בני־ביתם, עומדים דום, בזכרנו את יקירינו ואהובינו בחיים ובמותם, את המשפחות:

דואה, טוכקלפר, פריילך,

אשר נרצחו ונשמדו בדם קר ע״י האויב האכזרי של עם ישראל בשדליץ, עיר מולדתנו.

הנשארים בחיים מכולם בישראל (נתניה):

זאב דואה,

חיה טוכקלאפר,

זלמן פריילך.

לזכר משפחת אורלובסקי

אָבי: זאב בן זלמן אורלובסקי;
אמי: צביה, שנפטרה אחרי מחלה קשה;
אחי: זלמן עם משפחתו, מרדכי עם משפחתו, מתתיהו עם משפחתו;
אחיותי: יהודית עם משפחתה, שרה עם משפחתה, ברכה עם משפחתה.

המתאבלים:

שושנה עם בעלה: משה שמוקלר (ישראל).

לזכר אָבינו: אהרן־אליעזר בן מנחם־מנדל הכהן דרוז'נסקי;

אחותנו שיינדל;

אָחינו יעקב, נפל ביערות רוסיה עם אשתו פיגה.

המתאבלים:

שלמה עם אשתו,
ישראל עם אשתו.

לזכר נתנאל בן יצחק גרינבוים,
חנה־רחל אשתו ומשפחתם.

המתאבלים: הגיס והגיסה:
משה ושושנה שמוקלר.

לזכר אָחי: ברוך־מרדכי שמוקלר,
אשתו פיגה עם משפחתם.

הנשאָר בחיים:
משה ואשתו שושנה.

לזכר אָבי: משה בן קלמן וינשטין,
אמי: גיטל בת ליב פרידמאן,
אחותי: חייה־שרה בת משה וינשטין,
„ סימה אקרמאן בת משה וינשטין.

המתאבלות:

סימה־משה וינשטין,
יפה - דרוז'נסקי (וינשטין)

לזכר אהרן־יצחק בן שמואל־יעקב שמוקלר, אשתו רצה,
עם כל משפחתם.

המתאבלים:

ב ת ם :
רחל וויינשטיין,
א ח י :
משה שמוקלר עם אשתו.

לזכר אמנו: רבקה וינברג, בת לייבל סמיאטיצקי (פריוועס);

אָחינו: דן זיסקינד, בן אברהם־משה וינברג; אשתו: גולדה מבית איזנברג,
את הסבא ר' לייבל סמיאטיצקי (פריוועס).

המתאבלות:

חייה וינברג - אברמוביין'
אסתר וינברג - עסטרייך.

דוד־שמעון ואשתו מלכה

עם המשפחה.

המתאבלים:

מ ש ה ו ש ו ש נ ה
ש מ ו ק ל ע ר .

לזכר אבי : שלמה וונדרבוים ;

ירמיהו וונדרבוים
זיסקינד „
הוה „ זאקאליק
הניה „ לוי
מרים „ גורפינקל
פילה „ ראפאל

המתאבלת:
מינה וונדרבוים (בישראל)

לזכר

אמא: רבקה, אשת ר' אהרן עקהויזר;
האָח: שמואל, בן ר' אהרן עקהויזר
ומשפחתו;
האחות: אסתר עם בעלה;
ויתר המשפחה.

המתאבלים:

שלום, חנה ומשפחתם ופיגה.

לזכר

אבא: חיים בן יוסף זאיונץ

אמא: רבקה אשת ר' חיים זאיונץ

האָחות: גילה פישמאן ובתה שנלה

המתאבלת:

חנה, שלום עקהויזר.

לזכר

איטא גיורא, אשת מנדל,
יהודה עם משפחתו,
מוטל עם משפחתו,
בריש עם משפחתו,
מאיר עם משפחתו,
ישראל עם משפחתו.

המתאבלת:

חנה פשישטשילינה.

לזכר

אָבי: יעקב טיבלום
אמי: דינה „
אָחי: גדליהו „
„ מנדל „
אחותי: אטיל „

המתאבל:

יונה בן־זאב ומשפחתו
(בישראל).

לזכר

נתן בן עוזיאל קוה (קאווע),
רבקה עם כל משפחתה,
משה בן עוזיאל קוה, עם המשפחה.

המתאבלת:

חנה בת עוזיאל קוה,
עם בעלה.

לזכר יוסף בן חיים נובצינסקי,
רבקה בת יהושע נובצינסקי לבית ויסוקי
יהושע בן יוסף נובצינסקי,
בריל בן יוסף נובצינסקי עם משפחתו,
עטה בת יוסף נובצינסקי עם משפחתה,
פיגה בת יוסף נובצינסקי עם משפחתה,
הרשיל בן יוסף נובצינסקי עם משפחתו,
וועלוול בן יוסף נובצינסקי עם משפחתו

המתאבלים:
חיים ואשתו (ישראל),
שרה גרבר ובעלה (קאנאדא).

לזכר אָבינו בינוש, בן נחום שטינברג,
אמנו: פרידה בת אברהם אדלשטין,
אָחינו: שמחה, בן בינוש ואשתו
לוצנה וילניה,
אחותנו: חנה גרינברג עם בעלה וילדיה,
אָחינו: צבי־הרש — נהרג בלודז.

המתאבלים:

משה שטינברג ואשתו,
מירצה שטינברג ובעלה.

לזכר

אמנו היקרה: רחל בת שמואל ולאה, ז"ל
שגועה מרעב בערבות אוקראינה,
בי"ט באָב, תש"ד (6-8-44).

יהי זכרה ברוך!

המתאבלים:

בניה: דוד, רפאל ופרידה
(ישראל)

לזכר משפחת גפן

אָבי מורי, ר' שלמה-זלמן גפן, ז"ל,
אמי מורתי, מרת שרה-גיטל, ז"ל,
אָחי: יצחק-אהרן, ז"ל ומשפחתו,
אחותי: ציפה ומשפחתה, ז"ל,
אחותי: מרים-שפרינצה ומשפחתה, ז"ל,
אָחי: ירוחם-פישל, ז"ל, אָחי: אברהם, ז"ל.

השריד לבית גפן בשדליץ

שמעון-מנדל גפן (בישראל)

לזכר משפחתי פרידמאן בשדליץ

אָבי: שמואל בן משה-שמעון פרידמאן, ז"ל,
אמי: יוכבד בת שלמה-זלמן וינברג, ז"ל,
אָחי: יוסף, אחותי: הנה.

הנשאר בחיים:

משה פרידמאן

לזכר משפחת הרץ

אָבי: יוסף בן ניסן הרין, ז"ל,
אמי: פרידה בת אהרן עקאיזער,
אָחי: מנשה, אברהם וחיים.

המתאבל:

משה הרין (ארצות הברית)

לזכר משפחת הולצמאן בשדליץ

אָבי מורי, ר' ניסן הולצמאן, ז"ל; אמי מורתי, מרת פסיה-לאה, ז"ל;
אָחי: פסח-יונה הולצמאן, ז"ל ומשפחתו; אָחי: משה-דוד, ז"ל;
אחותי פיגא, ז"ל ומשפחתה; אחותי רבקה-נחמה, ז"ל; אחותי חייה, ז"ל.

השריד לבית הולצמאן:

ישעיה הולצמאן (חיפה, שכ' נוה-שאנן)

לזכרון עולמים

ההורים : מרדכי בורשטין,
ורעיתו : רבקה,

האחיות : זלטקה, פרידה, רחל.

המנציחים :

מנדל בורשטין

משה „

ההורים : נתן גרינברג,
מאטל גרינברג,

האחיות: לאה, ינטה,

האח: יוסף.

המנציחים :

חנה מולודוניק ומשפ'
גוטה רינצקי „

ההורים : יעקב סוקולובסקי,
רבקה „

האחים : משה ודוד,

האחות : שרה.

המנציח :

אָשר סוקולובסקי

דודי: יעקב לאנגער — נרצח בדאנציג,
פינחס לאנגער — נרצח בפריז,
אשתו חנה,
וילדיהם: משה, בלומה וישראל.

המנציח :

אָשר סוקולובסקי
(תל־אָביב)

שמות הנפטרים

ההורים : משה אוזיק
פסיה „

האחיות: שינדל, זיסל, פיגה,
רבקה ;

האחים : יוסף ויעקב.

הנשארים בחיים בישראל:

אוזיק מרדכי
צבי „

ההורים : פיגה־רוזה אלטמאן,
דוד דאָזאָר,

האח : חיים־לייב עם משפחתו,

האחות : פסיה,

האחים : אליהו ומיכאל,

הדוד : יוסף גולדשטין ומשפחתו,
(יו"ר בית־היתומים)

המנציח :

שמואל אלטמאן

לזכרון עולמים

צבי־דוד קאווע, נרצח בשדליץ.

המנציח:

ישראל־פסח קאווע
(פתח־תקוה)

ההורים: שמואל פישר,
רייזל „
האחות: חנה,
האח: דוד,
האחות: שינדל.

המנציח:

צבי פישר

מצבת־זיכרון

לאבינו, אמנו ואחיותנו היקרים:

ר׳ יעקב, שרה, לאה ואסתר רוזנברג,

אשר נספו עם כל בית ישראל, וליבם לציון.

המנציחים:

איסר וזהבה רוזנברג
(כפר פינס — חדרה)

שעדלעצער לאנדסלייט אין ארגענטינע,
פאראייביקן זייערע אייגענע און נאָענטע

צום אייביקן אָנדענק

פון אונדזערע טייערסטע און ליבסטע, וואָס זיינען אומגעבראכט געוואָרן אויף א בארבארישן אופן דורך די נאצישע מערדער.

פאָטער: יואל זאיאָנץ,

מוטער: חנהטשע און שוועסטערל נוטקע,

מומע: לאה האנדעל,

מומע: זלאטע פיגאָווי, מיטן מאן און קינדער און אייניקלעך.

פעטער: לייבל וורא‌ָנע און מומע חנה, מיט זייערע פינף קינדער.

אייביקער כבוד צו זייער אָנדענק! אייביקע שאנד פאר די נאצי־מערדער!

פ א ר א י י ב י ק ן :

טאָכטער רבקה זאיאָנץ, מיטן מאן משה יודנגלויבן, מיטן זון: חיים־יאָסל.

צום אייביקן אָנדענק

פון אונדזערע טייערסטע און ליבסטע, וואָס זיינען אומגעבראכט געוואָרן אויף א בארבארישן אופן דורך די נאצי־מערדער:

פאָטער: יוסף יודנגלויבן; **מוטער:** חייה־שרה;

שוועסטער: מרים, לאה־רבקה און אסתר;

פעטער: נפתלי יודנגלויבן; **מומע:** ליבע;

קוזינען: אברהם יודנגלויבן, משה און מאיר;

קוזינקעס: חנהטשע, מיטן מאן און קינדער; חווה, מיטן מאן און קינדער; ברכה, מיטן מאן און באבטשע;

פריינט: ישראל־פייוול אָרנשטיין מיט זייערע פאמיליעס.

מיר וועלן די בארבארישע מערדערייען קיינמאָל נישט פארגעסן און קיינמאָל נישט מוחל זיין.

פ א ר א י י ב י ק ן :

משה יודנגלויבן און פרוי רעגינא און זון יאָסל; שוועסטער רחל מיטן מאן משה בארכאָווסקי און קינדער; זון: אלטער מיט די קינדער.

לזכרון עולמים

משפחה אברבנאל

פאָטער: שלמה שמואל אברבנאל

מוטער: שרה מינדל

שוועסטער: מלכה „

ברודער: לוי „ מיט די פרוי און קינדער

ברודער: יידל

ברודער: נחום

פעטערס, מומעס, קוזינעז און קוזינקעס.

די אלע זיינען אומגעקומען דורך די פארשאָלטענע נאצי־מערדער, ימח שמם.

עס באוויינען זייערע ריינע נשמות:

זון: **הערשל אברבנאל** מיט דער פרוי און קינדער (אין ב. איירעס),

טאָכטער: **שיינדל** מיטן מאן און זון (אין תל־אביב),

טאָכטער: **טויבע** מיטן מאן און טעכטער (אין קיבוץ מסילות, ישראל)

לזכרון עולמים

מיינע אייביק נישט פארגעסענע:

פאָטער: דוד טענענבוים

מוטער: חיה־האַדעס

ברודער: שלמה און פרוי פעשע מיט די קינדער

ברודער: ישראל און פרוי אלטע מיטן זון

און די גאנצע משפחה, וועלכע זיינען אומגעקומען דורך די נאצי־בארבארן, ימח שמם.

עס באוויינען זייער ליכטיקע נשמות:

טאָכטער: **אלטע טענענבוים** פון מאן אברבנאל מיט די קינדער און אייניקלעך אין ב. איירעס.

יזכור

פון אונזערע ליבע פאַטער און מוטער:

חיים הערש און אסתר קרעדא;

ברודער:

שלמה קרעדא;

מוטער, שוועסטער און ברודער:

דינה, אסתר, איטע, רבקה

און ישיע גרינשפאן, —

וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם פון די

נאצישע מערדער.

פאַראייביקן:

הינדע און ביריש פאַפּאָווסקי

יחיאל קרעדא און ישראל

אברהם קרעדא

שאָשע גרינשפאן דע דרעזנער

לזכרון עולם

להנאהבים והנעימים של בני משפחתי, שנרצחו ונשרפו ונשמדו
ע"י הנאצים המנואצים יש"ו.

ה' ינקום את דמם.

פאָטער: ר' נח פעדערמאַן, ע"ה;

מוטער: שרה־דאָבע שאָסטאַק (פון מאַן: פעדערמאַן), ע"ה;

1) **שוועסטער: רבקה פעדערמאַן** (פון מאַן: צערענפעלד), מיטן מאַן: **בערל** און טאָכטער: **איטקע**, ע"ה (וואַרשע);

2) **שוועסטער: מינטשע פעדערמאַן** (פון מאַן: סקור־שעצקי), מאַן: **יעקב**, טאָכטער: **צירעלע** און זון: **ישראל**, ע"ה (שעדלעץ).

ת. נ. צ. ב. ה.

המנציחים המתאבלים על מותם:

משה וצירל פעדערמאַן ובנותיו **נעלי ואסתר**
(בוענאָס איירעס)

פאָטער: ר' חיים זשעליאַזני, ע"ה;

מוטער: רעכל סאָקאָלאָוו (פון מאַן זשעליאַזני), ע"ה;

זיידע: ר' אביגדור סאָקאָלאָוו, ע"ה;

באָבע: שרה־פריידע סאָקאָלאָוו, ע"ה;

זיידע: ר' הערשקע עזראַס זשעליאַזני, ע"ה;

באָבע: איידל זשעליאַזני, ע"ה;

1) **שוועסטער: שאָשע זשעליאַזני** (פון מאַן: גאַנשאַרעק), ע"ה, דער מאַן: **מאיר**, ע"ה; קינדער: **הערשל, וועלוול, אבא** און **מלכה**, ע"ה, (אין שטעטל גאַנסאַטשין, קרייז מלאַווע);

2) **שוועסטער: רבקה זשעליאַזני** (שעדלעץ).

ת. נ. צ. ב. ה.

המנציחים המבכים והמתאבלים על מותם:

הבת: צירל פעדערמאַן (לבית ז'ליאזני) עם בעלה: משה ועם בנותיו נעלי ואסתר (בואינוס אירס);

הבן: אביגדור ברזילאי (זשעליאזני), עם רעיתו: אסתר צימט, ועם בניהם: יעקב ורחל (יפו, מדינת ישראל);

הנכד: אביגדור גונשורק, עם רעיתו ועם בנו: מאיר ועם בתו: שאָשע (נהריה, מדינת ישראל).

פארשאָלטן זאָל ווערן די נאַצישע דייטשלאַנד אויף אַלע אייביקייטן !

אויף אייביקן אָנדענק מיין אומגעקומענער פאמיליע :

פאָטער : יוסף ענגלענדער, ז״ל;

מוטער : געשטאָרבן אין י״ט טבת, 1930. די בעסטיעס האָבן געשענדעט איר מצבה;

ברודער (און פאמיליע): אָשר (מיט פרוי און קינדער — אין ברעסט־ליטאָווסק);

שוועסטער : לאה (און מאן);

שוועסטער : מאליע;

פעטער, מומעס, קוזינס און קוזינקעס.

פ א ר א י י ב י ק ט :

מרדכי־פייוול (שרגא) ענגלענדער

און פאמיליע (בוענאָס איירעס).

לזכר עולם

אונדזערע עלטערן, שוויגער־עלטערן, שוועסטער, ברידער, פעטערס, מומעס און קינדער

עלטערן: משה פלאקסבארד — עטל מעלניק (פון מאן: פלאקסבארד).

פעטער: טעוול מאלין.

מיינע שוועסטער און ברידער: העניע מאלין, מיטן מאן און קינדער; מאשע מאלין, מיטן מאן און קינדער; פייגע מאלין, מיטן מאן און קינדער: איטקע, יאָסל, שרהלע, אידעס, אברהמעלע און סימע פלאקסבארד.

***

עלטערן: משולם ביסטראָוויטש — אסתר־גאָלדע קאשעמאכער (פון מאן: ביסטראָוויטש).

מיינע שוועסטער, פלימעניצעס און **פלימעניקעס**: רבקה־פרימעט ביסטראָוויטש (פון מאן: סערבּיי) און מאן: אידל און זייערע קינדער; פייגע־ליבע ביסטראָוויטש און חנה-לאה ביסטראָוויטש.

מיינע פעטערס און **מומעס**: לאה־דינה שטשיקל (פון מאן ביסטראָוויטש); משה ביסטראָוויטש; זייערע קינדער (מיינע קוזינס: טויבע, אפרים און כינקע מיט איר מאן (פון דער שטאָט וואָהין—פאָדליאסקי).

מומע און **פעטער**:ביילע־הינדע קאשעמאכער (פון מאן: ראבינאָוויטש) און זלמן ראבינאָוויטש; זייערע קינדער (מיינע קוזינס): ישראל־הירש ראבינאָוויטש, מיט פרוי און קינדער; יצחק־אָשר ראבינאָוויטש, מיט פרוי (פון דער שטאָט ווישניץ) און קינדער, און אלע אונדזערע פריינד און באקאנטע, וואָס מיר געדענקען ניט זייערע נעמען, און וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם.

פאראייביקן:

יצחק ביסטראָוויטש און **פייגעלע פלאקסבארד**

(פון מאן ביסטראָוויטש) **מיט זייערע קינדער.**

צום אייביקן אָנדענק

אונדזערע עלטערן: אברהם-חיים און רבקה מאלאָוואנטשיק;

טאָכטער: זיסל;

איידעם: נטע פיינהאָלץ;

אייניקל: הינדעלע־מאַי;

פעטער: משה מאלאָוואנטשיק און פרוי רייזל, מיט די קינדער;

מומע: שפרה אוטשען, און קינדער;

פעטער: נתן גאָלדבלאט און פרוי חנהלע מיט זייערע קינדער, איידעמס און שנורן.

פאראייביקן:

קינדער: יעקב-דוד און פרוי: קיילע; אסתר און מאַן: יעקב-שלמה; איידל און מאַן: בנימין; משה און פרוי: לאה; מאיר און פרוי: פייגעלע. (בוענאָס איירעס).

פלימעניקעס: יעקב גאָלדבלאט, יוסף מאלאָ־וואנטשיק (נ. אמעריקע); איצל אוטשען (אין ישראל).

צום אייביקן אָנדענק

אונדזערע עלטערן: חיים־יוסף און פרוי רויזע טייבלום;

ברודער: יצחק טייבלום;

פעטער: שמואל און פרוי אסתר און טאָכטער: חיה־שרהלע ווייסבערג;

פעטער: דוד און פרוי פערל און קינדער (מאנדלבוים);

פעטער: לייבקע און פרוי הדס מיט די קינדער (קאצמאַן);

פעטער: יוסף און פרוי רויזע און קינדער (גרינבערג).

פאראייביקן:

טאָכטער: **פייגעלע טייבלום**, דע מאלאָוואנטשיק
(בוענאָס איירעס)

איידעם: **מאיר מאלאָוואנטשיק**
(בוענאָס איירעס)

הערשל טייבלום און פאמיליע
(אין קענעסעסיט, נאָרד־אמעריקע)

צום אייביקן אָנדענק פון מיינע ליבע עלטערן

פאָטער:

ישראל־יצחק סאפירשטיין;

מוטער:

חייה;

ברודער:

יוסף;

שוועסטער:

חמה, שרה, מלכה און פייגעלע

פעטערס, מומעס, קוזינען און סתם קרובים.

פאראייביקט:

מענדל סאפירשטיין

(בוענאָס איירעס)

צום אָנדענק פון אונדזערע ליבע עלטערן,

ברידער, שוועסטער, שוואָגערס, שוועגערינס, פעטערס, מומעס, פלימעניקעס, פלימעניצעס, קוזינען, קוזינקעס און אלע אייגענע, וואָס זיינען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַצישע בעסטיעס, — זאָל זייער אומשולדיק־פארגאָסן בלוט בלייבן פאר א שאנדפלעק לדור דורות אויף די נאציסטישע מערדער, צוזאמען מיט די אלע, וואָס האָבן זיי מיטגעהאָלפן אין די פארניכטונגען.

מוטער: איטע ראפאל, דע מלינסקי.

ברודער: מרדכי מלינסקי (און **פרוי**: חייה מאַנקעבאַצקי, דע מלינסקי, און **קינד**: רבקה).

מומעס מיט זייערע פאמיליעס:

חיים ראפאל, דע גראָסמאַן, **מאַן**: הערשל גראָסמאַן; **קינדער**: שאול, שרה און אסתר.

דוואָשע ראפאל, דע יאגאָדזינסקי, **מאַן**: שאיע יאגאָדזינסקי; **קינדער**: שאול, שרה, אסתר און שעפסל.

דינה ראפאל, דע ווינאָקור, **מאַן**: הערשל ווינאָקור; **קינדער**: רבקה און שאול.

קוזין: שמעון גראָסמאַן, **פרוי**: רחל; און **טעכטערל**.

שוועסטער: רחל־לאה גערטנער, דע קאָזשעניצקי; **קינדער**: חייה, רבקה, אברהם. דבורה גערטנער, דע שטערענפעלד; **קינדער**: אברהם, רבקה, מלכה, מרדכי און משה. מאַיע גערטנער — מאַן: חיים־יוסף.

פעטער: לייבל גערטנער; **פרוי**: מרים; **זון**: נח.

פלימעניצע: חנה קאָזשעניצקי, דע פארבשטיין; **מאַן**: יעקב פארבשטיין און טעכטערל.

מומע: רבקה גערטנער, דע קאראסעק.

קוזינקעס: צירל קאראסעק, דע וואקערמאַן; **מאַן**: אידל וואקערמאַן און קינדער.

קוזינקעס: פרימעט קאראסעק; מאַן און קינדער.
שרה קאראסעק; **מאַן**: הערשל.

1) **מחותן**: מרדכי גארניק.

2) **מחותן**: משה מאנקעבאַצקי און פרוי רחל.

טעכטער: חנה און מאַן און קינדער; איטע מאנקעבאַצקי.

ערע זייער אָנדענק!

פאראייביקן:

יצחק מלינסקי און פרוי אסתר גערטנער, דע מלינסקי.

צום אייביקן אָנדענק

פאָטער: יהושע גורפינקעל

מוטער: שרה גורפינקעל

ברודער: לייבל

" מאָניש

" מנשה

" חיים

" אהרן

" זלמן

" ישעיה

שוועסטער: רייזיל

" יענטע

פעטער: שאלקע בלושטיין; **מומע:** פעסיע

" לייבל גאָלדשטיין; **מומע:** רייזיל

קוזינקעס: סימע זאָנשיין

" פריידע דעמבאָוויטש

פאראייביקן:

הערש טוביה גורפינקעל

ב. איירעס

לזכרון נצח

פאר מיין פאָטער, מוטער און צוויי ברידערלעך,
און דער גאנצער משפחה, וואָס זיינען אומגעקו־
מען דורך די נאצים, ימח שמם וזכרם.
ה׳ ינקום את דמם.

דער פאָטער:

ישעיה ביאלילעוו, ז״ל

די מוטער:

ברכה עריליך (פון מאן ביאלילעוו)

די ברידערלעך:

חיימל און אברהמעלע

אייביק וועלן זיי בלייבן אין זכרון פון דעם אין
טרויער פארבליבענעם זון און ברודער:

מלך ביאלילעוו

(בוענאָס איירעס)

יזכור

פאָטער:

אפרים־יעקב סאָלארזש

מוטער:

שרה סאָלארזש

ברידער:

פיניע, קלמן, שמיאל, אהרן

שוועסטער:

ברכה, רבקה

און זייערע פאמיליעס, מיט די קינדער

פאראייביקט דורך

גדליה סאָלאַרזש

לזכר נשמות הקדושים והטהורים

צום אָנדענק פון מיין ליבער מוטער **חנה בראָקאזש** דע פיניעצקי, וואָס איז אומגעקומען דעם 7טן טאָג, נאָכן אויסברעכן פון דער 2טער וועלט־מלחמה; און פון מיין ליבער שוועסטער **רויזע וואַקשטיין**, דע פיניעצקי, מיט איר מאַן און זון **משה**, מיין ברודער **לייבל**, מיט פרוי און קינדער; מיין ברודער **בערל פיניעצקי**, מיט פרוי און קינדער; מיין שוועסטער **שרה פיניעצקי**, דע ווייסבראָט, אין בעלגיע, וואָס איז אומגעקומען מיט דער גאַנצער פאַמיליע.

מיין שוועסטער **לאה סטאַראַוויעסקי** מיט איר טאָכטער **טויבע**, און די שוועסטער **רבקה**, מיט איר מאַן און קינדער; און די שוועסטער **דבורה סטאַראָוויעסקי**, מיט איר מאַן און קינדער, וואָס האָבן געוואוינט אין בראשקאָף.

און מיין ברודער: **סענדער סטאַראָוויעסקי**.

די אויבן־אויסגערעכנטע נאָענטע און טייערע, זיינען אומגעקומען על קידוש השם.

והשם ינקום דמם ותחיינה נפשותיהם צרורות בצרור החיים.

דאָס פאַראייביקט:

יוסף און טשיפּע סטאַראָוויעסקי

די אין טרויער געבליבענע פרוי: סאליע וואקשטיין, דע זאַנשיין; זין: הערמאן און חיים; טאָכטער: מאטילדע; שניר: מאריא; איידעם: מארקאָס ראָטה; אייניקלעך: יאָסעלע, ליליאנא-בלאנקא, — דערמאנען מיט טיפן צער זייער אומפארגעסלעכן מאן, פאָטער, שווער, זיידע:

יוסף זאַנשיין ע״ה

וואָס איז נפטר געוואָרן דעם 12טן אויגוסט 1947 — 26 טעג אין חודש אב — אין בוענאָס איירעס.

ערע זיין אָנדענק!

לזכרון עולם

די אין טרויער געבליבענע טאָכטער דערמאנט מיט טיפן ווייטיק אין הארצן איר

מוטער: בלומע וואקשטיין

ברודער: אברהם וואקשטיין און פאמיליע

שוועסטער: רייזע דע פשאטאָווסקי און פאמיליע

ברודער: דוד וואקשטיין און פאמיליע

משפחה און נאָך מיטגלידער, צום טראגישן אומקום אויף קידוש השם דורך דעם גרעסטן שונא-ישראל, די נאצים, ימח שמם.
צום אייביקן אָנדענק זייערע ליכטיקע נשמות.

פאראייביקט:

סאלע וואקשטיין דע זאַנשיין און קינדער
בוענאָס איירעס

צום אייביקן אָנדענק

אונדזער פאָטער: חיים־דוד זאָנשיין

אונדזער מוטער: מאַטל

אונדזער ברודער: יוסף

באוויינען:

מאטעס און יצחק זאָנשיין

בוענאָס איירעס

צום אָנדענק

שמחה פערלא
גאָלדע פערלא
} עלטערן

חוה פערלא—באקערמאן און פאמ.

הערשל פערלא, פרוי און קינדער.

פאראייביקט:

משה פערלא

סאן פאולא, בראזיל

צום אָנדענק

פאָטער: מרדכי וואסערשטיין; מוטער: פייגע; שוועסטער: חיה־רייזל וואקשטיין; שוואָגער: בערל וואקשטיין און קינדער; פאָטער: יאָסל; מוטער: זעלדע; ברודער: ישראלקע־יהושע; שוועסטער: יהודית און פאמ. מאשע און מאן משה פשימוצקי.

איסאַק (יצחק) בראָזשנער

און נאָך א ברודער און שוועסטער

צום אָנדענק

פון

שואל און חוה בראָזשנער

צום אָנדענק

פאָטער: געצל לעווין;
מאמע: שאָשע־רחל;
שוועסטער: שרה;
פעטערס: פייוול און שיע;
מומעס: דבורה און חייה, שיינע־רבקה און פאמיליע.

פאראייביקט:

יעקל לעווין (אין ארגענטינע)

צום אָנדענק

פון מיין פאמיליע, וואָס איז אומגעקומען דורך די נאַצישע באַרבאַרן,
ימח שמם וזכרם!

פאָטער אברהם יצחק בן משה אהרן זילבערשטיין

מוטער חוה יאָספע בת שרה ברכה

פעטער אליהו חיים זילבערשטיין

ברידער אליהו זלמן בן אברהם יצחק
גדליהו פנחס בן אברהם יצחק
חיים קאָפּעל בן אברהם יצחק
מנד'ל בן אברהם יצחק
יהודה יוסף בן אברהם יצחק
שלמה בן אברהם יצחק

שוועסטער בלימה און שוואָגער גדליהו; חיה אסתר זילבערשטיין דע זעלצער (פון בראָשקאָוו).

פעטערס: בייניש און טובה זילבערשטיין און אלעזר עסיקמאַכער פון קאַלושין; הרב מנדל זילבערשטיין פון וואַרקע; מורה הוראה וועלוול זילבערשטיין; יוסף און פסח בני קאָפּעל זילבערשטיין.

די אין טרויער־געבליבענע פון דער אומגעקומענער פארצווייגטער פאמיליע

מרים זילבערשטיין דע צוקער

ב' איירעס, ארגענטינע

EN SOUVENIR ETERNEL

DE NOS PARENTS, AIEUX ET PARENTS,
SUCCOMBES SOUS LA BESTIALITE NAZI.

MARIANNE SILBERSTEIN DE ZUKER
SES ENFANTS ET PETITS-ENFANTS

BUENOS AIRES

צום אייביקן אָנדענק

אונדזערע עלטערן יעקב און גאָלדע לעווין

אונדזער יונגע שוועסטער רבקה, מאן און קינד

וואָס זיינען אומגעקומען פון די היטלער־מערדער

פאראייביקן:

הערש לייב לעווין, ארגענטינע

יואל לעווין, ארגענטינע

בעריל לעווין, ארץ־ישראל

מאליע און מאטיל זאָנשיין, קאנאדע

און פאמיליעס

צום אייביקן אָנדענק

פאָטער: שיע־לייב גאָלדגעוויכט
מוטער: פייגע גאָלדגעוויכט
ברודער: דודטשע (און פרוי מיט די קינדער)
שוועסטער: גיטל גאָלדגעוויכט
שוועסטער: ראשקע גאָלדגעוויכט
שוועסטער: לאה (און מאן מיט זייערע קי-דער)
שוועסטער: שרה (און מאן מיט זייערע קינדער)
שוועסטער: מלכה (און מאן מיט זייערע קינדער)
ברודער: וועלוול גאָלדגעוויכט.

פאַראייביקן:

דבורה און **גאָלדע** (אין ב. איירעס)
און **משה** (אין ישראל)

צום אייביקן אָנדענק

פאָטער: דוד פורמאן
מוטער: חייה פורמאן
ברודער: העניך מיט דער פרוי און קינדער
ברודער: בערל מיט דער פרוי און קינדער
שוועסטער: הינדע מיטן מאן.

פאַראייביקן:

יעקב און **גיטל פורמאן** (ב. איירעס)

צום אָנדענק

פאָטער: ברוך ראַפאַל
מוטער: שרה ראַפאַל
שוועסטער: ריווטשע ראפאל
ברידער: חיים־דוד, שמואלקע, שמחה
שווער: שמואל־יוסף אשמאן
שוויגער: אסתר־ביילע
שוואָגער: נוסקע גרינבערג
שוועגערין: מאַשל
שוואָגער: יעקב־לייזער גרינבערג
שוועגערין: רבקה
פעטער: בערל זאַנשיין
מומע: מרים.

פאַראייביקט:

משה־יוסף ראַפאַל

געשט. אין ב. איירעס.

צום אָנדענק

פאָטער: מנשה גרינבערג
מוטער: שרה גרינבערג
שוועסטער: רחל־לאה
שוואָגער: יעקב צערעשני
קינדער: בנימין און מרים
שוועסטער: רבקה ראַפאַל
שוואָגער: בערל און קינד.

פאַראייביקט:

דוד גרינבערג (ב. איירעס)
משה גרינבערג (נ. אמעריקע)

צום אָנדענק

הערשל־צבי בן ישראל פרידמאַן;
גאָלדע פרידמאַן, דע צעלניקער, מיטן מאַן יחיאל און 2 קינדער;
ביילע פרידמאַן, דע גערשקאָפּ, מיט די קינדער;
שמואל־לייזער־ישראל בן משה־פרץ בוראַק מיט זיין פרוי אסתר און קינדער;
הלל בן משה־פרץ בוראַק, מיט זיין פרוי חוה און קינדער.

פאַראייביקן:

מתתיהו באַביק און זיין פרוי שרה.

לזכר נשמות הקדושים

יעקב־משה בן לוי ווינאָגראַד;
העניע בת צבי אָרשאַנסקי;
נחה ובעלה הנינא ראַפאַל;
אפרים־דוד בן מתתיהו רובינשטיין;
ציפה־דבורה בת שלום, וחנה עם בעלה.

המנציחים:

אדע רובינשטיין,

דע ווינאָגראַד;

ישראל ווינאָגראַד.

צום אייביקן אָנדענק

ישראל שרגא און פרוי;

צירל שרגא;

יעקב פישמאן, פרוי רויזע און קינדער;

בלימע און מנשה הובערמאן מיט קינדער;

אברהם דאַהאַ מיט דער פרוי ריבנע און קינדער.

פאראייביקט:

שיינדל הובערמאן
דע יאַקובאָוויטש.

צום אייביקן אָנדענק

חנא קאָנסטאַנטינער און פרוי מיט דער טאָכטער רבקה;

רחל קאָנסטאַנטינער און טאָכטער רויזע;

אברהם און פרוי און טאָכטער;

אליעזר און מייטשע מיט די קינדער;

גיטל און די קינדער;

אהרן דראָזשאַנסקי און קינדער;

פסח קאָנסטאַנטינער;

אברהם קאָנסטאַנטינער און פרוי מיט די קינדער;

חיים־הירש ווישקאָווסקי און פרוי;

חנה קאָנסטאַנטינער און מאַן יוסף.

פאראייביקט:

לאה קאָנסטאַנטינער
(הובערמאַן).

צום אייביקן אָנדענק

יעקב גאָלדשטיין און פרוי ראשקע מיט די קינדער: אפרים און בלימעלע;

אברהם אייכנבוים און פרוי שיינדל מיט די קינדער;

מענדל גאָלדשטיין, מיט דער פרוי דאָבע און זייערע קינדער;

בערל גאָלדשטיין מיט דער פרוי אסתר.

פאראייביקט:

בראָנטשע גאָלדשטיין,
דע הובערמאַן.

יזכור

פ אָ ט ע ר : יוסף קאַנאָפּנע;

מ ו ט ע ר : רחל קאַנאָפּנע;

ז יי ד ע : יהושיע קאַנאָפּנע;

ב אָ ב ע : בינקע;

זין: אברהם־אהרן און הירש־חיים.

געשט. אין ב. איירעס.

פאראייביקט דורך

דבורה קאַנאָפּנע,
דע גאָטעסדינער.

לזכרון עולם

פאָטער: הײנאך גרזיװאטש

מוטער: געלע

ברידער: משה, יאשע, ראובן, מיט זײערע פרויען און קינדער.

פאראײביקט דורך:

שרה גרזיװאטש (ב. אײרעס)

פאָטער: ישראל־יצחק פינפטער

מוטער: שפרה

ברודער: זוד און פרוי און זון

שװעסטער: אסתר און מאַן: טשיפע און מאַן מתתיהו מיט זײערע צװײ קינדער.

פאראײביקט דורך:

שלמה און **חיה־שרה פינפטער**
(ב. אײרעס)

לזכר עולם

אומגעקומען דורך די נאצי־מערדער אין שעדלעץ

פאָטער: יעקב שטשופאק

מוטער: מאשע שטשופאק

ברודער: אברהם־אידל און פרוי

ברודער: ישראל ירמיהו

זײדעס, באבעס, פעטערס, מומעס און די גאנצע משפחה.

די אין טרויער געבליבענע זון און ברודער:

מאָטעל שטשופאק, פרוי און אײניקלעך
(ב. אײרעס)

דוד און חיה־רחל מארקוספעלד
(אין מ. ישראל)

לזכרון עד

פאַר מיינע אייגענע, וואָס זיינען אומגעקומען אין ברעסט־ליטאָווסק פון די נאַצישע באַרבאַרן.

די טאָכטער: סאָניע בריגעוועצקי דע גערשענזאָן;

איר מאַן (איידעם): ברוך גערשענזאָן;

צוויי קינדער: יאַנקעלע און מייטעלע.

די אין מדינה געבליבענע:

מוטער: רחל בריגעוועצקי
ברידער: אברהם בריגעוועצקי
שוועסטער: בינקע ענגלענדער
רעגינא בריגעוועצקי
לאה בריגעוועצקי

(ב. איירעס)

צום אָנדענק

זיידע: אהרן־לייב (גלייזער) קאָזשעניצקי;

פאָטער: מאיר־יחיאל;

מוטער: ברײנע־גיטל, די טאָכטער פון מאָטל זייגער־מאַכער וויערניק;

ברידער: חיים, יאָסל — און איידעם פון זעליקל בליאַכאַרזש;

ברודער: יעקל קאָזשעניצקי;

שוועסטער: ריווע קאָזשעניצקי דע גאַרבאַרז, מיט די קינדער — אומגעקומען; מאָטעל דע זילבער־פּאַדעס;

ברודער: אברהם קאָזשעניצקי.

פאַראייביקט:

מרדכי קאָזשעניצקי־ראָזענבאַך (זיד־אַפריקע)

פלוצים געשט. אין ענגלאַ.ד.

לזכרון־נצח

נפטרת באַשע מרים ווישניא ע"ה;
" לאה ווישניא און מאַן שמחה שטיינבערג און דריי קינדער ע"ה;
נפטר שלמה ווישניא און פרוי און צוויי קינדער ע"ה.

מיט טיפן צער און גרויסן טרויער, באַוויינען מיר אונדזערע ליבע: מוטער, שוועסטער, ברודער, שוואָגער, שוועגערן און פּלימעניצעס, געפאַלן אויף קדוש־השם פון די היטלער־האָרדעס, ימח שמם.

צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פאָלק, וועלן מיר זייער ליכטיקן אָנדענק קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

הבל, הבל על דאבדין, ולא מישתכחין.

משה און נעכע זעלצער; ישראל און פאַני ווישניא; נחום און מלכה ניצבערג; אליהו און רבקה ראַבער; אליעזר און חוה בר־חיים (אין מ. ישראל) מיט זייערע פאַמיליעס.

צום אָנדענק

פון פּינחס קאָניפּענע און יוכבד און זייער זון: אברהם.

פאַראייביקט:

יעקב קאָניופּנע.

לזכרון

פאָטער: דוד צבי ראָזנבוים;
מוטער: איידעל ראָזנבוים;
ברודער: משה און פרוי מיט קינדער;
שוועסטער: רבקה, הנה, גאָלדע, חיה־שרה און דוואָשע מיט זייערע פאַמיליעס; פרוי אסתר דע ראָזנבוים, געשטאָרבן אין ב. איירעס.

פאַראייביקט דורך

יצחק און אָשר ראָזנבוים.

צום אייביקן אָנדענק

ברודער: הערש־לייב ווייסמאן און פרוי, נעמי פארביארוש;
שוועסטער: שרה (און מאן, ישראל שפאדעל) — מיט קינדער גע־וואוינט אין סאלאָוו.

פאראייביקט:
משה ווייסמאן (ב. איירעס)
זישע ווייסמאן (ישראל)

צום אייביקן אָנדענק

פאָטער: אַלעקסאנדער־זיסקינד ראָזענ־בוים; מוטער: לאה מאדאנעס, דע ראָ־זענבוים; שוועסטער: ביילע (און איר מאן הערשל פרידמאן און קינדער);
ברודער: אליעזר (און פרוי שפרינצע);
ברודער: יוסף (און פרוי שרה מיט די קינדער).

די אין טרויער־געבליבענע:
בצלאל ראָזענבוים,
פרוי און קינדער

צום אייביקן אָנדענק

פאָטער: יואל לעווין
מוטער: פייגעל לעווין (דע פערעץ)
שוועסטער: מלכה לעווין
שוועסטער: רחל, מיטן מאן און קינדער הנהלע טשודנער
ברודער: לייבל לעווין.

פאראייביקט:
הייקל לעווין

צום אייביקן אָנדענק

צביה לייבמאן און יצחק לאפט און קינדער;
אסתר־ביילע לייבמאן (דע שפארבער) און קינדער.

פאראייביקט:
שרה לייבמאן,
דע האבערהאנד
(ב. איירעס)

צום אָנדענק

פאָטער:
אהרן ווישניע

מוטער:
סערצע ברכה ווישניע

ברידער:
הערשל און שמעון מיט פאמ.

פאראייביקט:
ראקעל (רחל) ווישניע,
דע ליסטיג

צום אָנדענק

שאיע וויסאָקי און פאמ. — ברודער
משה וויסאָקי און פאמ. — ברודער
אסתר וויסאָקי און מאן וועלוול הייבקאָרן — שוועסטער
שיינדל וויסאָקי און מקך וויסאָקי — שוואָגער
אברהם הייבקאָרן און פאמ. — שוועער.

פאראייביקן:
בערל וויסאָקי
און פרוי רחל.

לזכר עולם

אונדזערע עלטערן: לייבל און אלטע בערענפעלד.

ברודער: יעקב און פעסל בערנ־פעלד (שעדלעץ).

ברודער: משה (לייבעלעס) און פייגע בערנפעלד, און קינדער (שעדלעץ).

ברודער: שיע בערנפעלד, מיט פרוי און קינדער (מעזריטש).

שוועסטער: טויבע, מיטן מאן חיים סמאלער און קינדער (מארד).

פלימעניצע: רחלטשע און יהודה־אריה (פון קאָסאָווע) פרוי און קינדער.

מומע: רבקה קישעלינסקי (שעדלעץ).

פאראייביקן:

דוד און שיינדל בערנפעלד
בנימין און לאה בערנפעלד
מאָטל און שרה בערנפעלד

לזכר עולם

מיין מוטער:

לאה (פון מאן רינעצקי).

שוועסטער:

פערל, פייגע, פעשע, פראדל, רייזל, צירל, זייערע מענער, קינדער און אייניקלעך.

פאראייביקט:

נעבע רינעצקי

(פון מאן: סאכניעוויצקי).

לזכר עולם

פאָטער: אברהם־שמחה ווײמאן.

מוטער: פריידע.

זיידע: איצל ווײמאן.

באבע: יוכבד.

ברודער: משה ווײמאן.

פעטער: מאיר ווײמאן.

מומעס: מרים, גיטל, הענטשע ווײמאן.

אויסגעמאָרדעט געוואָרן מיט זייערע מענער און קינדער דורך די נאציישע באנדיטן.

כבוד זייער אָנדענק.

פאראייביקט:

לייבל ווײמאן

צום אייביקן אָנדענק:

אונדזער פאָטער: אברהם־שמואל פוגאָווי; **מוטער:** זלאטע; **שוועסטער:** אלטע, מיטן מאן: אברהם־מרדכי, און קינדער: לייב און שמואל; **ברודער:** דוד און פרוי הנהטשע מיטן זונעלע; **פעטער:** לייבל ווראָנע מיט פרוי חנה און קינדער: ביילע־רבקה, רייזל־פעסעלע און רחלע; זונעלע: נטעלע; מומעס, פעטערס און קינדער. פריינד: יעקב־יצחק לייבמאן און פרוי חיה מיט זייער זונעלע.

אלע זיינען זיי אומגעקומען דורך די נאציישע מערדער, וואָס מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן און מוחל זיין.

פאראייביקן:

טאָכטער גאָלדע פוגאָווי (פון מאן יאקובאָוויטש) מיטן מאן און קינדער, זון יוקל און פרוי און קינדער, זון אלטער און פרוי און טאָכטער.

צום אָנדענק פון לייבטשע אייזנבערג און פאַמ.

עלטערן: יעקב אייזנבערג און דינה־רייזל;

ברודער: יוסף און **שוועגערן**: באשע און קינדער; **ברודער**: דוד און שוועגערין סאָניע און קינדער; **שוועסטער**: מינדיל און **שוואָגער**: נחמן מאריכביין און קינדער; **שוועסטער**: פריידיל; זיידע און באבע; משה אייזנבערג און בלימה נפתליס; **ברודער**: מאיר און שוועגערין און קינדער בראטט; **ברודער**: סענדער בראטט און שוועגערין און קינדער; **ברודער**: זילקע און שוועגערין בראטט און קינדער; **פעטער**: יחזקאל בראטט; **מומע**: גיטל אייזנבערג; **פעטער**: זילקע און מומע און קינדער אייזנבערג; **זיידע**: לייבעלע הילל**ס**; שווער און שוויגער: צבי און רבקה זלאטא לאוו; שוועגערין: מינקע און שוואָגער שמחה און קינדער מישלער; שוועגערין: צביה און שוואָגער אייזיק זלאטאלאוו און קינדער; שוועגערין: לאה און שוואָגער: אברהם און קינדער פאקטשאר; שוועגערין: מאליע זלאָטאלאָוו; מחותן: משה־מרדכי און מחותנתטע:ביילע יאַד.

לזכר עולם

פאָטער: יהושע אַקערמאַן;
מוטער: אסתר־פעשע;
שוועסטער: היהטשע, מיטן מאַן נטע זאַלצמאַן;
ברידער: משה־אהרן, און פרוי: רבקה אקערמאַן און קינדער; אברהם־יצחק, און פרוי פערל אקערמאַן און קינדער
פאַראייביקן:
מאַטל און דבורה אקערמאַן
און זון: יהושע־משה.

צום אייביקן זכרון

פון אונדזערע אומגעקומענע קדושים:
מוטער, שוועסטערס, ברודער, שוואָגער, פעטערס און מומעס:
עניע לאה פערעל, יוסיל, פערעל.
משה יוסיל אוןביילע סרעבניק,
גאָטע און אסתר אלבערשטאט, מיט זייערע פאמיליעס און קינדער, ע״ה.
פאַראייביקן:
יודעל, משה און היהלע
פערעל (מאָנטעווידעאָ).

לזכר עולם

פאר מיין מוטער און פאָטער, שוועסטער און ברודער, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך די באַרבארישע נאַצים, ימח שמם וזכרם:
פאָטער: משה ווייסמאַן; **מוטער**: נחמה זשעטעלנע (פון מאן: ווייסמאַן);
טעכטער: מלכה, גיטל, יענטקע;
זון: אברהם ווייסמאַן.

די אין טרויער פארבליבענע טאָכטער:
חנה ווייסמאַן (דע שטיינבערג)

לזכר עולם

פאר מיין פאָטער, מוטער און שוועסטער, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַצים, ימח שמם וזכרם:
פאָטער: יצחק־דוד שטיינבערג, ז״ל;
מוטער: אלטע־נחמה (פון דער היים: פייגענבוים); **שוועסטער**: רבקה מיט איר מאַן אָשר ליפּאָוויטש און קינדער: שמחה, חיימל און שרהלע; צפּורה מיטן מאַן חיים, דאָבע און רחל שטיינבערג.
אייביק געדענקען זיי וועלן:
אהרן שטיינבערג (ב. איירעס)
באשקע שטיינבערג (דע וואָדא)

בילדער

דרוקפעלערן

זייט	שורה	געדרוקט	דארף זיין
4	14	באזאנאָווסקי	בזשאנאָווסקי
4	37	אַ	אָ
5	5	גראנסקי	גראבסקי
10		(אומעטום) גראבאָווסקי	גראנאָווסקי
13	9	דעדמאנט	דערמאָנט
13	10	איין	זין
13		(אומעטום) נאבאר	נאראָל
15	2	Rękę	Ręką
21	15	Bratctwo	Bractwo
21	19	bydż	być
21	32	Rękę Moię	Ręką Moią
26	19	לוּבלינער	רובינער
33	4	ר:	ר'
33	12	רבין	רב
40	19	מאדזשעעווסקי	מאדזשעיעווסקי
43	10	מעלי-בתים	בעלי־בתים
51	13	וואָבערם	וואָבעס
54	7	פלאץ	פאלאץ
54	14	1920	1820
56	26	תשאלו	תשאלי
59	11	קראסונסקי	קראסינבקי
59	31	קראסונסקי	קראסינבקי
62	28	זאגאן	זאקאָן
69	9	נייטערנס	נייטאָרנס
77	23	אסעגוראציע	אַסעקוראציע
80	1	יידל	יודל
80	14	יידל	יודל
80	33	איפן	אויפן
81	16	ווירא	וויבא
84	27	ברענאָוויצקי	ברענאָוויצקי
87	4	וויבאן	וויבא
87	37	סטאָלאָוו	סטאָלאָווי
96	30	און	אין
98	9	דערמאָרדעטן	פארוואונדעטן
99		וואלאזשין (אומעטום)	וואָלזשין
113	3	סטאבאָווייסקי	סטאראָווייסקי
113			ס'זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן די נעמען פון די צוויי קינדער: 27) מאיר סאַלארזש, 17 י. אלט. 28) מרדכי גאָלד־בערג, 19 י. אלט.

זייט	שורה	געדרוקט	דארף זיין
113	28		דער סך־הכל פון די געפאלענע דארף זיין: 33 יי־ן און איין קריסט
117	22	אָט	האָט
131	22	באריטש	באריץ
133	34	דעפ.	אדוו.
135	1	דעפ.	אדוו.
173	35	ליפשיץ	ליפיעץ
179	7	בר־לבב	ברלבב
190	16	א. ז. הארטגלאס	א. מ. הארטגלאס
205	32	מילאווע	מלאווע
207	33	גאווראָלין	גארוואָלין
209	13	דע־נאָך	דערנאָך
211	5	און	אין
219	4	1933	1939
224			דער לעצטער צושריפט אונטערן בילד דארף זיין: בערל מינץ. איבערן בילד איז דורכגעלאָזן געוואָרן דאָס קעפל: „פארוואלטונג פון דער געזעלשאפט יידישע קונסט".
225	6	איך	אויס
225	21	פּאָפּאָווסקי	פאסאווסקי
235	8	קיהלות	קהילות
269	9	לובלין	לוביען
275	12	ליפשיין	ליפיען
281	2	דירה	דרכה
287	30	קידמה מול קידמה	קדמה מול קידמה
292	24	Żydowska Starshyna Tom. IV 1911 C. Goldstein	יעווריי'סקאַיאַ סטאַרינאַ', טאָם 4, 31, ס. גאָלדשטיין.
293	8	War,	War.
293	36	Tydzien	Tydzień
294	4	Grinberg	Grünberg
421	2	פּאָפּאָווסקי	פאסאָווסקי
433	9	איף	אויף

La impresión de este libro se terminó el día 3 de Mayo de 1956, en los Tall. Gráf. CULTURA, Sarmiento 2157 Buenos Aires.